משה

ש. דובנאָוו

# די אידישע געשיכטע

איבערזעצט פון

חיים ליבערמאַן און מייטע ליוושיץ

אלע דריי בענד אין איין איינבאַנד

1. ביבלישע עפּאָכע.
2. מאַקאַבייאישע און תלמודישע עפּאָכע.
3. דער מיטעלאַלטער און די נייע צייט.

מאַקס נ. מייזעל
אידישער פאַרלאַג פאר ליטעראַטור און וויסענשאַפט
424 גרענד סטריט, ניו יאָרק
1924
200

Copyright 1915

MAX N. MAISEL
Publisher
NEW YORK

# אינהאַלטס־פערצייכניס:

## ערשטער קאַפּיטעל

## געשיכטען וועגען די אבות פון אידישען פאָלק

§1, דער אוראַלטער מזרח און די סעמיטען. — §2, די בעשאַפונג פון דער וועלט און די מענשען. — §3, אדמ׳ס קינדער. — §4, דער מבול. — §5, דער דור הפלגה. — §6, דער פאָטער פון אידישען פאָלק — אברהם. — §7, די חעלדישע מעשים פון אברהם און דער אונטערגאנג פון סדום. — §8, ישמעאל און יצחק. — §9, אברהמ׳ס נסיון, די עקדה.— §10, יצחק׳ס הייראַט. — §11, יצחק און זיינע זיהן. — §12, יעקב אין מעסאָפּאָטאַמיען. — §13, יעקב און זיינע קינדער אין כנען. — §14, יוסף און זיינע ברידער. — §15, יוסף אין מצרים. — §16, יוספ׳ס ברידער אין מצרים. — §17, יעקב׳ס איבערוואנדערונג קיין מצרים. — §18, היסטאָרישע אויס־פיהרונגען. 7—41.

## צווייטער קאַפּיטעל

## די אידען אין מצרים

§19, דאָס לעבען אין מצרים. — §20, די קנעכטשאפט אין מצרים. — §21, משה׳ס יוגענד און זיין אנטלויפען אין מדבר. — §22, משה׳ס קאַמפף פאַר בעפרייאונג. — §23, יציאת מצרים, §24, היסטאָרישע אויס־פיהרונגען. 41—54.

## דריטער קאַפּיטעל

## די אידען אין מדבר

§25, פון ים־סוף ביז׳ן באַרג סיני. — §26, מתן תורה. — §27, דער עגל. — §28, דער משכן און דער אידישער לאַגער. — §29, די מרגלים, קרח׳ס אויפשטאַנד. — §30, דער דור המדבר. — §31, די עראָבערונג פונ׳ם עבר הירדן. — §32, די חלוקה פונ׳ם עבר־הירדן, משה׳ס טויט. — §33, היסטאָרישע אויספיהרונגען. 54—72.

פערטער קאפיטעל

## די עראָבערונג פון כנען

§34, דאָס לאַנד און זיינע איינוואוינער. — §35, דער איבערגאנג איבער׳ן ירדן ; דער פאַל פון יריחו. — §36, די עראָבערונג פון דרום און צפון כנען. — §37, די חלוקה פון כנען. — §38, די וויסענשאפט־ליכע ענטדעקונגען. 78—83.

פינפטער קאפיטעל

## די צייט פון די שופטים

§39, היסטאָרישער איבערבליק. — §40, די ערשטע שופטים. — §41, דבורה הנביאה. — §42, גדעון. — §43, אבימלך. — §44, יפתח. — §45, שמשון הגבור. — §46, דער לעבענספיהר און די זיטען פון די אי־דען. — §47, עלי הכהן. — 83—109.

זעקסטער קאפיטעל

## שאול׳ס קעניגען

§51, די מלחמה מיט די פלשתים. — §52, די מלחמה מיט די עמלקים. — §53, דוד ביי שאול׳ן אין הויף. — §54, דער קאמפף צווי־שען שאול און דוד׳ן. — §55, שאול׳ס אונטערגאנג. — 110—123.

זיבעטער קאפיטעל

## דוד׳ס קעניגען

§56, דוד אין ירושלים ; זיינע מלחמות. — §57, דאָס אינוועניגסטע לעבען. — §58, די מרידה פון אבשלום. — §59, דוד׳ס לעצטע יאָהרען. — 123—135.

אכטער קאפיטעל

## שלמה המלך

§60, שלמה׳ס ממשלה. — §61, דאָס בויען פון דעם בית המקדש. — §62, דער אויסוועניגסטער גלאנץ און די אינוועניגסטע אונאָרדנונג. — §63, די צושפאַלטונג פון דער אידישער מלוכה. — 135—146.

נײַנטער קאפיטעל

## מלכות ישראל און יהודה אין ערשטען יאהרהונדערט נאָך שלמה׳ס טויט

§64, ירבעם און רחבעם. — §65, עמרי און אחאב. — §66, אליהו הנביא. — §67, די מלחמות מיט די ארמים. — §68, אחאב׳ס קינדער.

אלישע הנביא. — §69, דער אונטערגאנג פון הויז אחאב. יהוא. — §70, עתליה. — §71, יהוא׳ס דינאַסטיע אין שמרון און די מלכים פון יהודה. 146—167.

צעהנטער קאפיטעל

## דאָס געזעלשאַפטליכע און גייסטיגע לעבען אין דער צייט פון די צוויי מלוכות

§72, דאָס עקאָנאָמישע און הויזליכע לעבען. — §73, די געזעלשאַפט און די מלוכה. — §74, די רעליגיאָן. — §75, ליטעראטור. 167—180.

עלפטער קאפיטעל

## דער לעצטער יאָהרהונדערט פון די צוויי מלוכות

§76, ירבעם דער צווייטער און דער נביא עמוס. — §77, מהומות אין מלכות ישראל; אשור. — §78 די מלכים עוזיהו און אחז אין יהודה. — §79, דער אונטערגאנג פון מלכות ישראל. — §80, דער קעניג אחז און ישעיה הנביא. — 180—196.

צוועלפטער קאפיטעל

## מלכות יהודה אין דער צייט פון דער הערשאַפט פון אשור און בבל

§81, חזקיהו. — §82, סנחריב׳ס אָנפאל. — §83, דאָס פאַלען פון דער אמונה אין מנשה׳ס צייטען. — §84, די בענייאונג פון דער רעליגיאָן אין יאשיהו׳ס צייטען. — §85, דער קאמפף מיט מצרים; יהויקים. — §86, יהויקים און ירמיהו הנביא. — §87, די הערשאַפט פון בבל; די געפאַנגענשאַפט פון יהויכין. — §88, צדקיהו; די הכנות צום אויפ־שטאַנד. — §89, חורבן ירושלים. — §90, דער נשיא גדליהו; די פער־וויסטונג פון יהודה. — 197—219.

דרייצעהנטער קאפיטעל

## גלות בבל

§91, די אידען אין בבל. — §92, דער אונטערגאנג פון בבל און די האָפנונג פון די אידען. — §93, שיבת ציון. — 219—231.

פערצעהנטער קאפיטעל

## יהודה אונטער דער פערסישער הערשאַפט

§94, די אויפלעבונג פון יהודה און דער בית שני. — §95, עזרא הסופר. — §96, נחמיה. — §97, די כנסת הגדולה; פורים. — §98, די צוזאַמענשטעלונג פון דעם תנ״ך.— 231—244.
כראָנאָלאָגיע פון די אידישע מלכים — — — — — — — — — — 245.
אינדעקס — — — — — — — — — — — — — — — — 247—250.

## ליסטע פון בילדער און לאַנדקאַרטען:


I. משה ........................ פאָדערבלאַט.
II. כנען און דער אוראַלטער מזרח .................. 6
III. דער מבול .............................. 14
IV. די אידישע קנעכטשאפט אין מצרים............. 44
V. דער בארג סיני.............................. 58
VI. דער משכן און דער אידישער לאגער ארום איהם..... 63
VII. ווי כנען איז געווען צוטיילט צווישען די שבטים.... 80
VIII. אידישע מטבעות און פארצייטיגע אידישע געוועהר... 111
IX. שאול'ס חרמה............................ 119
X. דער בית־המקדש............................ 139
XI. מזבח .................................. 142
XII. די צוויי אידישע מלוכות.................... 147
XIII. דער טאָל פון ירדן.......................... 152
XIV. פארצייטיגע סעמיטישע אָבגעטער.................. 162
XV. ישעיה'ס טרוים פון אייביגען שלום.............. 195
XVI. ירמיהו קלאָגט אויפ'ן חורבן.................... 216
XVII. פארצייטיגע אידישע הארפען.................... 222
XVIII. יחזקאל הנביא............................. 224
XIX. סעמיטישע אלף־בית'ן......................... 238

# בּיבּלישע עפּאָכע

Copyright 1915 Max N. Maisel Publisher

כנעַן און דער אוראַלטער מזרח

ערשטער קאַפּיטעל.

# געשיכטעו וועגען די אבות פון אידישען פאָלק.

§1*) דער אוראלטער מזרח און די סעמיטען. אמאָל, אין די גאָר אלטע צייטען, ארום פיער טויזענד יאהר צוריק, האָבען אין אזיען, אין יענע לענדער וואס ליגען ביים מיטלענדישען ים, געוועלטיגט פעלקער, וואס לויט זייער אבשטאמונג און שפּראך האָבען זיי געהערט צו דער סעמיטישער ראסע. פון די ברייטע סטעפּעס פון אראביען פלעגען די סעמיטישע שבטים איבערוואנדערען אין דער שכנ'ישער מעסאָפּאָטאמיען (ארם נהרים), וועלכע ליגט צווישען די טייכען פרת (Euphrates) און חדקל (Tigris) אין די לעגענדען פון די פעלקער האָט זיך מעסאָפּאָטאמיען גערעכענט פאר דער „וויגעלע פון דער מענשהייט". ווארום דאָרט זיינען געבאָרען געוואָרען די ערשטע גרויסע קעניגרייכען פון מזרח: בבל און אשור. דאָרטען האָבען זיך די סעמיטען אזוי פערשפּרייט אז מיט דער צייט האָט א גרויסער טייל פון די איינוואוינער פון לאנד זיך מיט זיי אינגאנצען צומישט; די סעמיטישע שפּראך איז געוואָרען די שפּראך פון די באבילאָנער און אסיריער און פיעל מלכים פוןביידע קעניגרייכען האָבען געשטאמט פון סעמיטען.

פון מעסאָפּאָטאמיען פלעגען די סעמיטישע שבטים אריינדרינגען אין די לענדער, וואס ליגען נעהנטער צום ברעג פון מיטלענדישען ים. טייל האָבען זיך בעזעצט אין ארם אָדער סיריען, טייל — אין כנען אדער פאַלעסטינא. מאנכע וואנדערנדע סעמיטישע שבטים פלעגען געהן נאָך ווייטער, אויפ'ן אפריקאנישען ברעג פונ'ם מיטלענדישען ים, און זיינען אריינגעדרונגען אין עגיפּטען אָדער מצרים, — די דריטע גרעסטע מלוכה פון אוראלטען מזרח. אין נידריגען און מיטעלען מצרים האָבען די סעמיטען מיט'ן נאָמען היקסען אפילו געקראָגען די אויבערהערשאפט אי-

---

*) מיט קלענערע קינדער קען מען אָנהויבען פון §2.

בער די איינוואוינער פון לאנד. די דאָזיגע הערשאפט האָט גע־דויערט עטליכע הונדערט יאהר (אַרום 1600־2000 יאהר פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג).

אויסער די איינזעסיגע סעמיטען, וועלכע זיינען געווארען שטענדיגע איינוואוינער אין די פערשיידענע לענדער, זיינען נאָך געווען וואנדערנדע סעמיטען, וועלכע האָבען זיך בעשעפטיגט מיט האָדעווען פיה, האָבען געוואוינט אין געצעלטען אויסער די שטעדט און פלעגען וואנדערען פון ארט צו ארט. די איינזעסיגע סעמיטען פלעגען זיך אויסמישען מיט אנדערע פעלקער, אבער די וואנדערנ־דע סעמיטען פלעגען וואוינען בעזונדער און אזוי האָבען זיי בעסער אויפגעהאלטען דעם ריינעם טיפ (דעם קערפערליכען און גייסטי־גען אויסזעהן) פון זייער ראסע. צו די דאָזיגע ריינע סעמיטען האָט געהערט דער שבט פון די ע ב ר י ם. די אורעלטערען פון דעם עברים־שבט האָבען צוערשט געוואוינט אין בבל, דער־נאָך זיינען זיי אוועק צו צפון — קיין ארם, און פון דאנען האָבען זיי איינגעוואנדערט אין כנען. אין כנען האָט מען די דאָזיגע גרים א נאָמען געגעבען עברים, ד. ה. די וואס זיינען געקומען מ ע ב ר הנהר, פון אויף יענער זייט טייך (פרת). בראש פון די עברים איז געשטאנען דער עלטסטער פון דער משפחה — אברהם. אברהם ווערט גערעכענט פאר'ן פאָטער פון דעם אידישען פאָלק.

ביי אלע סעמיטישע פעלקער זיינען געווען אלטע לעגענדען וועגען דעם, ווי אזוי עס איז בעשאפען געווארען די וועלט, ווי אזוי עס האָבען זיך בעוויזען מענשען אויף דער ערד און ווי אזוי שפע־טער האָבען זיך די מענשען צוטיילט אין בעזונדערע פעלקער. צו־ערשט האָבען די באבילאנער, אסיריער, אראמעער, כנענים און עברים געהאט די זעלבע לעגענדען און מסורות וועגען דער ענט־שטעהונג פון דער וועלט און די מענשען. אבער מיט דער צייט האָט יעדעס פאָלק געענדערט די דאָזיגע לעגענדען אויף זיין שטיי־גער, לויט זיינע בעזונדערע רעליגיעזע בעגריפען און די אומ־שטענדען פון זיין לעבען. איבערהויפט האָבען זיי זיך געענדערט ביי יענע פון אברהמ'ס קינדער, וועלכע זיינען צולעצט דער־גאנגען צו א גלויבען אין איין גאָט און האָבען זיך אָבגעטיילט פון זייערע קרוב'ישע פעלקער, וועלכע זיינען פערבליבען געצענדיע־

נער און האָבען געגלויבט אין אַ סך געטער. אָט די ערצעהלונגען ווענגען די אוראַלטע צייטען האָבען זיך אויפגעהיט אין די אידישע הייליגע ספרים — אין דעם תנ"ך.

§2. די בעשאפונג פון דער וועלט און די מענשען. אין דעם ספר בראשית, דאס ערשטע פון די אלטע, הייליגע ביכער פון אידישען פאָלק, דערצעהלט זיך ווי אזוי עס האָבען זיך בעוויזען מענשען אויף דער וועלט, ווי אזוי פון די מענשען זיינען געווארען פעלקער, און ווי אזוי פון די דאָזיגע פעלקער האָט זיך אויסגעטיילט דאָס אידישע פאָלק.

גאָט האָט בעשאפען דעם הימעל, די ערד און אלץ וואס אויף זיי געפינט זיך אין זעקס טעג. אין אָנהויב איז די ערד געווען וויסט און בעדעקט מיט פינסטערניש. דאן האָט גאָט געזאגט: „יהי אור!" זאָל זיין ליכט, און עס האָט זיך געוויזען ליכט. דאס איז געווען אין ערשטען טאָג פון דער בעשאפונג. דעם אנדערען טאָג האָט גאָט בעשאפען דעם רוים-און דעם הימעל. אויפ'ן דריטען טאָג האָט זיך דאָס וואסער אבגעטיילט פון דער יבשה. דאס וואַסער האָט זיך פערזאמעלט אין ימים, אָזערעס און טייכען, און אויף דער יבשה האָבען זיך בעוויזען גראזען, בוימער און אנדערע פלאנצען. אין דעם פערטען טאָג האָבען זיך בעוויזען די ליכטער אויפ'ן הימעל: דאס גרויסע ליכט, די זון, האָט אָנגעהויבען בעלייכטען די ערד בייטאָג, און די קליינע ליכטער, די לבנה מיט די שטערען, האָבען בעלויכטען די ערד ביינאַכט. אויפ'ן פינפטען טאָג זיינען ערשינען די ערשטע לעבעדיגע בעשעפענישען: די פישען אין וואסער און די פויגעל אין דער לופט. גאָט האָט זיי געבענשט און צו זיי געזאגט: „פרו ורבו", פרוכפערט זיך און מעהרט זיך. אין דעם זעקסטען טאָג האָבען זיך בעוויזען די פערשיידענע מינים חיות אויף דער יבשה. דערמאָלט איז אויך בעשאפען געווארען דאָס העכערע בעשעפעניש — דער מענש. גאָט האָט בעשאפען דעם מענשען פון שטויב פון דער ערד, האָט אריינגעבלאָזען אין איהם אַ לעבעדיגען גייסט און האָט איהם געגעבען כח און פערשטאנד, ער זאָל קענען הערשען איבער אלע בעשעפענישען פון דער ערד. דעם ערשטען מענש האָט ער גערופען אדם, אלס צייכען אז ער איז בעשאפען געוואָרען פון דער ערד, וואס

איז אויף העברעאיש „אדמה“. און אזוי האָט גאָט אין זעקס טעג בעשאפען די גאנצע וועלט, די גאנצע נאטור — די לעבעדיגע און ניט־לעבעדיגע. אויפ'ן זיבעטען טאָג, דערצעהלט דער חומש, האָט גאָט גערוהט פון זיין גאנצער ארבייט וואס ער האָט געטהאָן. דעריבער איז דער זיבעטער טאָג פון דער וואָך, שבת, עד היום ביי אידען א טאָג פון רוה און מנוחה.

אז גאָט האָט בעשאפען דעם מענשען האָט ער איהם בעזעצט אין עדן, א פּראכטפולע געגענד אין מזרח, וואָס ווערט בעוואסערט פון פיער טייכען (מעסאפּאטאמיען). דאָ האָט אדם הראשון געלעבט אין א גאָרטען אין וועלכען עס זיינען געוואקסען פּרעכטיגע פרוכטבוימער. אין מיטען גאָרטען זיינען געוואקסען צוויי בוימער, — איינס האָט געהייסען „עץ החיים“, דאס בוים פון לעבען, דאָס צווייטע — „עץ הדעת“, דאס בוים פון וויסען. און גאָט האָט געזאגט צו אדמ'ען: „פון אלע בוימער פון גארטען מעגסטו עסען, אבער פון דעם בוים פון וויסען גוטס און שלעכטס זאָלסטו נישט עסען.“

גליקליך און זאָרגלאָז האָט אדם געלעבט אין גן־עדן, אבער ער איז געוועזען איינזאם. דאן האָט גאָט געזאגט: „עס איז ניט גוט דעם מענשען צו זיין אליין. איך וועל בעשאפען א הילף קעגען איהם.“ און איינמאָל, ווען אדם איז שטארק געשלאָפען, האָט גאָט ארויסגענומען א ריפּ פון זיין זייט. דעם אפענעם ארט האָט ער פערצויגען מיט פלייש און הויט, און פון דעם ארויסגענומענעם ביין האָט ער בעשאפען די פרוי. און גאָט האָט געבראכט די פרוי צו אדמ'ען. ווען אדם האָט זי דערזעהן האָט ער געזאגט: „דאס איז ביין פון מיינע ביינער, און פלייש פון מיין פלייש.“ די ערשטע פרוי האָט געקראגען דעם נאָמען חוה, דאָס הייסט, די מוטער פון אלעם לעבעדיגען, און אדם און חוה האָבען געלעבט צוזאמען אין גן־עדן. זיי האָבען געלעבט גליקליך ווי קינדער, זיינען געגאנגען נאקעט און האָבען זיך גאָר ניט געשעהמט מיט זייער נאקעטקייט.

נאָר דאָס גליק פון די ערשטע מענשען — דערצעהלט דער חומש ווייטער — האָט ניט לאנג געדויערט. די בייזע שלאנג האָט גענומען איינרעדען חוה'ן צו פערזוכען פון די פרוכט פון עץ־הדעת,

צו וועלכען גאָט האָט פערבאָטען זיך אָנצוריהרען. די שלאַנג האָט פערזיכערט אז ווען די מענשען וועלען פערזוכען די פרוכט פון דעם עץ־הדעת, וועלען זיי וויסען אלץ אין דער וועלט און וועלען פערשטעהן גוטס און שלעכטס גלייך מיט גאָט. חוה האָט ניט געקענט בייקומען איהר נייגעריגקייט און האָט אָבגעריסען עטליכע שעהנע פּירות פון דעם פאַרוועהרטען בוים און האָט זיי אויפגע־געסען. נאָכדעם האָט זי עס געגעבען אדמ׳ען — און ער האָט אויך געגעסען. און פּלוצלונג האָט זיך ביי זיי ביידען ווי די אויגען געעפענט, און זיי האָבען אָנגעהויבען צו פערשטעהן דאס, וואס זיי האָבען פריהער ניט פערשטאַנען. זיי האָבען צום ערשטען מאָל דערזעהן אז זיי זיינען נאַקעט און זיי האָבען זיך באלד אויפגענייהט גאַרטלען פון פייגענבלעטער. מורא האָבענדיג פאר דער זינד וואס זיי זיינען בעגאַנגען האָבען זיי זיך בעהאַלטען צווישען די ביימער פון גאַרטען, נאָר באלד האָט אדם דערהערט גאָט׳ס קול וואס האָט גערופען: „וואו ביסטו?“ און אדם האָט געענטפערט: „איך האָב געהערט דיין שטים אין גאַרטען און האָב מיך געפאַרכט, ווייל איך בין נאַקעט און האָב זיך בעהאַלטען“. און גאָט האָט געפרעגט: „ווער האָט דיר געזאָגט אז דו ביסט נאַקעט? צי האָסטו געגע־סען פון דעם בוים וואס איך האָב פערזאָגט דו זאָלסט פון איהם ניט עסען?“ און אדם האָט מודה געווען אז ער האָט געגעסען פון די פרוכט, וואס די פרוי האָט איהם געגעבען. חוה האָט זיך פער־ענטפערט אז די שלאַנג האָט זי איבערגערעדט. דאן האָט גאָט פער־שאָלטען די שלאַנג, און צו חוה׳ן האָט ער געזאָגט: „איך וועל גרויס מאַכען דיין טרויער; מיט שמערצען וועסטו קינדער געבעהרען און דיין מאַן וועט געוועלטיגען איבער דיר.“ און אדמ׳ען האָט גאָט געזאָגט: „פאַרפלוכט זאָל זיין די ערד פון דיינעטוועגען. מיט צער וועסטו עסען פון איהר אלע טעג פון דיין לעבען. מיט דעם שוויים פון דיין געזיכט וועסטו עסען ברויט, ביז דו וועסט זיך צורקקעה־רען צו דער ערד פון וועלכער דו ביזט גענומען, ווארום דו ביזט שטויב, און צו שטויב וועסטו זיך אומקעהרען“. און אזוי זיינען די מענשען פאר זייער ערשטער זינד פאר׳משפט געווארען אויף איביג צו מיה און ליידען. גאָט האָט מעהר ניט געוואָלט לאָזען אדמ׳ען און חוה׳ן אין עדן, האָט ער זיי פון דאָרט אַרויסגעטריבען.

און זיי האבען איצט געמוזט בעארבייטען די ערד און לעבען דורך דער מיה פון זייערע הענד.

§3. אדמ׳ם קינדער. אדם און חוה האבען געהאט צוויי זיהן. דעם עלטערען האט מען גערופען קין, און דעם אינגערען הבל. קין האט זיך פערנומען מיט ערד ארבייט און הבל איז געווען א פאסטוך. איינמאל האבען ביידע ברידער געבראכט קרבנות צו גאט; קין האט געבראכט פאר א מתנה א הויפען פרוכט פון דער ערד, און הבל האט געבראכט פון די בעסטע שאף פון זיין סטאדע. גאט איז בעסער געפעלען געווען די אויפפיהרונג פון דעם קלענערען ברודער, האט ער זיך געווענדט צו הבל׳ן און צו זיין מתנה, און צו קינ׳ן און צו זיין מתנה האט ער זיך ניט געקעהרט. דאס האט קינ׳ן שטארק געערגערט און ער האט דערפיהלט א קנאה צו זיין ברודער. איינמאל ווען די ברידער זיינען געווען אליין אין פעלד איז קין בעפאלען הבל׳ן און האט איהם דערהרג׳עט. דאן האט דער זינדער קין דערהערט גאט׳ס קול: „וואו איז דיין ברודער הבל?“ „איך וויים ניט“ האט קין געענטפערט, „השומר אחי אנכי, בין איך מיין ברודער׳ס היטער?“ אבער גאט, וויסענדיג אליץ, האט איהם געזאגט: „וואס האסטו געטהאן? די שטימע פון דיין ברודער׳ס בלוט שרייט צו מיר פון דער ערד ארויס. אצינד ביסטו פארפלוכט. די ערד וועט דיר מעהר איהרע פרוכט ניט געבען, נע ונד וועסטו זיין און פון קיין רוה וועסטו ניט וויסען“. קין האט חרטה געקראגען און געזאגט: „צו גרוים איז מיין זינד צו פערצייהען. אבער דו פארטרייבסט מיך פון מיין לאנד, איך וועל זיך מוזען וואגלען אומערום און יעדער וואס וועט מיך בעגעגנען קען מיך הרג׳ענען.“ דאן האט גאט ארויפגעלעגט אויף קינ׳ן א צייכען, אז קיינער וואס וועט איהם בעגעגנען זאל איהם קיין בייז ניט טהאן.

אין דער געשיכטע פון קין מיט הבל׳ן ווערט פארגעשטעלט דער קאמפף צווישען דעם איינגעזעסענעם ערד־ארבייטער און דעם וואנדערנדען פאסטוך. קינ׳ס קינדער האבען זיך אליץ מעהר און מעהר איינגעוועהנט צו אן איינגעזעסענעם לעבען אין דערפער און שטעדט. איינער פון קינ׳ס אבשטאמונג, יובל, דער זוהן פון למך, האט ערפונדען די הארף און די פייפעל, און א צווייטער זוהן

פון למך, תובל קין, האט ערפונדען די קונסט פון שמיעדען כלים פון קופער און אייזען. חוץ קין'ן און הבל'ן האט אדם געהאט א דריטען זוהן מיט'ן נאמען שת. פון איהם איז אויך ארויסגעקו־מען א רייהע דורות. דער מענשליכער מין איז זיך אלץ מעהר און מעהר צעוואקסען, אבער ס'איז נאך ניט געווען קיין גערעכטער צוזאמענלעבען צווישען די מענשען. אין די בעציהונגען צווישען מענש און מענש איז ניט געווען קיין אמת און יושר, און עס האט געהערשט נאר די גראבע קראפט. דער שטארקער האט אונטער־דריקט און בעליידיגט דעם שוואכערען, די מדות פון די מענשען זיי־נען געווען ווילד און פערדארבען.

§4. דער מבול. זעהענדיג די פערדארבענקייט פון די ערש־טע מענשען האט גאט בעשלאסען זיי צו פארטיליגען פון דער ערד כדי צו מאכען פלאץ פאר א נייעם און בעסערען מין מענ־שען. אין יענער צייט האט שוין געלעבט דער צעהנטער דור נאך אדמ'ן. צווישען זיי איז געווען בלויז איין עהרליכער מענש, מיט'ן נאמען נח. און גאט האט אנטפלעקט צו נח'ן, אז ער וויל אומברענגען אלע בעוואוינער פון דער ערד דורך א מבול אדער פערפלייצונג, און ער האט איהם געגעבען אן עצה ווי אזוי זיך צו רעטען. „מאך זיך" — האט גאט געזאגט צו נח'ן — „א גרויסען, הילצערנעם קאסטען. צוטייל איהם אינווענינג אויף קאמערען און געה אריין אהין, דו מיט דיין הויזגעזינד, און נעהם מיט זיך אויך אריין צו פאר פון יעדער לעבעדיגער בעשעפעניש. דער־נאך גרייט אן שפייז פאר דיר, פאר דיין הויזגעזינד און פאר אלע חיות אין דער תבה." און נח האט אזוי געטהאן.

באלד נאכדעם האט זיך אנגעהויבען דער שרעקליכער מבול. גאנצע פערציג טעג און פערציג נעכט האט געגאסען רעגען אהן אויפהער. די ערד איז בעדעקט געווארען מיט א הויכען וואסער און נח'ס תבה האט זיך אויפגעהויבען און איז געשוואומען אויפ'ן אויבערפלאך פון דעם וואסער. יעדע לעבעדיגע זאך אויף דער ערד איז אומגעקומען אין דעם מבול. גערעטעט האבען זיך נאר די איינוואוינער פון דער תבה. דאן האבען די רעגענס אויפגע־הערט. דאס וואסער האט אנגעהויבען אבצופאלען, און די תבה האט זיך אבגעשטעלט אויף די הויכע בערג ארוט. נח האט גע־

דער מבול

עפענט דעם פענסטער פון זיין תבה און האט ארויסגעלאזט צוערשט די ראב און דערנאך די טויב. די פויגלען פלעגען אוועקפליהען און קומען צוריק צופליהען, ווארום זיי האבען ניט געהאט אויף וואס זיך אנידערצושטעלען כל זמן דאס וואסער איז געשטאנען אויף דער ערד. איינמאל, ווען די ארויסגעשיקטע טויב האט זיך מעהר ניט אומגעקעהרט צום קאסטען, האט נח פערשטאנען אז דער מבול איז פאראיבער און עס האט זיך געוויזען יבשה. איז ער ארויס פון דער תבה צוזאמען מיט זיין משפחה און האט אויך ארויסגעפיהרט די לעבענגעבליבענע חיות. ווען נח איז ארויס פון דער תבה האט ער אויפגעבויט א מזבח, און האט געבראכט אויף איהם א קרבן צו גאט עטליכע חיות, אלס צייכען פון דאנקבארקייט וואס זיי זיינען גערעטעט געווארען פון דעם מבול. גאט איז געפעלען געווארען נח'ס פרומקייט. האט ער פערשפראכען נח'ן אז ער וועט שוין מעהר קיין מבול ניט ברענגען אויף דער ערד פאר די זינד פון די מענשען, און האט אנגעצייגט אויף דעם רעגענבויגען, וועלכער ווייזט זיך אפטמאל אין די וואלקענס נאך א רעגען, אלס סמן פון אייביגען פריעדען מיט די מענשען. גאט האט געבענשט נח'ן מיט זיינע קינדער און האט געזאגט צו זיי: „פרוכפערט זיך און מעהרט זיך און פילט אן די ערד. און אייער מורא און אייער שרעק זאל זיין אויף אלע חיות פון דער ערד און אלע פויגעל פון הימעל; יעדע זאך וואס לעבט זאל זיין פאר אייך צום עסען, ווי גרינס און גראז גיב איך אייך דאס אלץ. נאר ניט פערגיסט מענשליך בלוט, ווארום אין דער געשטאלט פון גאט איז דער מענש בעשאפען.“

§5. דער דור הפלגה. נח האט געהאט דריי זיהן: שם, חם און יפת. זיי האבען זיך גערעטעט פון דעם מבול אין דער תבה צוזאמען מיט זייער פאטער. נאכ'ן מבול האט נח מיט זיינע קינדער אנגעהויבען בעארבייטען די ערד און פלאנצען וויינשטאקען. מיט דער צייט האבען נח'ס זיהן געהאט קינדער און קינדסקינדער און דער מענשליכער מין האט זיך ווידער אמאל אנגעהויבען פערמעהרען. ביסלעכווייז זיינען אויסגעוואקסען צאלרייכע פאמיליען; די נאהנטע קרוב'ישע פאמיליען פלעגען זיך פעראייניגען אין משפחות אדער שבטים. פון אנפאנג האבען די שבטים געלעבט

פריינדליך צווישען זיך, ווי איין גרויסע הויזגעזינד, און האָבען אַלע גערעדט איין שפּראַך. געלעבט האָבען זיי גרעסטענטיילס אין טאָל שנער, אין בבל.

איינמאָל — דערצעהלט דער חומש — האָבען די איינוואוי־נער פון טאָל זיך ענטשלאָסען אויף אַ געוואַגטער זאַך. זיי האָבען גענומען בויען אַ שטאָדט, און אין מיטען שטאָדט האָבען זיי געוואָלט אויפשטעלען אַ הויכען טהורם, וואָס זיין שפּיץ זאָל דער־גרייכען צום הימעל. „דערמיט, — האָבען זיי געזאָגט, — וועלען מיר זיך מאכען אַ צייכען, מיר זאָלען ניט צושפּרייט ווערען איבער'ן גאנצען ערד". אָבער גאָט האָט צושטערט זייער מחשבה. ער האָט צומישט די שפּראַך פון די אַלע מענשען און געמאכט זיי זאָלען רעדען פערשיידענע שפּראַכען, אזוי אז איינער האָט אויפגעהערט צו פערשטעהן דעם אנדערענ'ס לשון. דעמאָלט האָבען די מענשען געמוזט אָבשטעלען דאָס בויען און זיינען זיך צו־גאנגען אין פערשיידענע זייטען. די שטאָדט, וועלכע זיי האָבען אָנגעהויבען בויען, האָט מען נאָכדעם גערופען בבל, ד. ה. צו־מישונג. פון בבל האָבען זיך די מענשען בעזעצט אין פערשיי־דענע לענדער און אָנגעהויבען צו לעבען אַלס בעזונדערע פעלקער. יעדעס פאָלק האָט גערעדט זיין אייגענע שפּראַך. לויט דער אידישער אמונה האָבען זיך אַלע פעלקער צוצווייגט פון נח'ס דריי זיהן. פון שם זיינען ארויסגעקומען די פעלקער, וואָס האָבען גע־וואוינט אין מערב־אַזיען און וואָס ווערען אָנגערופען אויפ'ן נאָמען פון זייער פאָטער, סעמיטען; צום ביישפּיעל: די אסיריער, אראמעער, אידען און אראבער; פון חם זיינען ארויסגעקומען די מצריים, די כושים, און אנדערע אזיאטישע און אפריקאנישע פעל־קער, און פון יפת האָבען אָבגעשטאמט די עלטערען פון די איירא־פּעאישע פעלקער.

§6. דער פאָטער פון אידישען פאָלק — אברהם; די איבערוואַנדערונג פון כנען. דאָס אידישע פאָלק האָט זיך אויס־געשיידט פון דער גאַנצער סעמיטישער ראסע אויף פאָלגענדען אופן: איינער פון שמ'ס אָבשטאַמונג מיט'ן נאָמען תרח האָט געלעבט אין אור, אַ שטאָדט אין בבל, ער מיט זיינע זיהן, אייניקלעך און אנדע־רע קרובים. ווען תרח'ן איז שווער געוואָרען צו וואוינען אין בבל,

*

האָט ער גענומען אַלע זיינע קינדער און אייגענע און האָט איבער־געוואַנדערט מיט זיי אין צפון — קיין חרן, דאָס לאַנד פון די ארמים. דאָ איז דער אַלטער תרח אין גיכען געשטאָרבען און זיינע אָבגעשטאַמטע האָבען זיך צוטיילט: די פאַמיליע פון זיין זוהן נחור איז געבליבען אין ארם און האָט זיך צומישט מיט די ארמים, אָבער תרח׳ס אנדערער זוהן, אברהם, האָט גענומען זיין ווייב שרה, זיין פּלימעניק לוט און אנדערע קרובים, און האָט אַרי־בערגעוואַנדערט מיט זיי אין שכנ׳ישען כנען (פּאַלעסטינא). דאָ האָט מען די איינוואַנדערער אַ נאָמען געגעבען עברים, ד. ה. די וואָס זיינען געקומען מעבר הנהר, פון אויף יענער זייט טייך. און דער דאָזיגער נאָמען איז געבליבען פאַר אַלע זייערע שפּעטערדיגע דורות.

אברהם, דער פאָטער פון אידישען פאָלק, איז געווען דער ערש־טער פון זיין דור וואָס האָט געגלויבט אין אַן איינציגען גאָט, דעם בעשעפער פון הימעל און ערד. די תורה דערצעהלט, ווי גאָט האָט געהייסען אברהמ׳ן געהן קיין כנען, זאָגענדיג צו איהם: „געה דיר פון דיין לאַנד און פון דיין געבורטס־אָרט און פון דיין פאָטער׳ס הויז צו דעם לאַנד וואָס איך וועל דיר ווייזען, ווארום דאָרט וועט פון דיר ארויסקומען אַ גרויס פאָלק.“

די אידישע איינוואַנדערער האָבען זיך אין כנען בעשעפטיגט מיט פיהצוכט. זיי פלעגען וואַנדערען איבער׳ן לאַנד און פלעגען אויפשלאָגען זייערע געצעלטען — אמאָל דאָ, אמאָל דאָרט. ווען דעם גאַנצען שבט פלעגט ווערען ענג אויף איין אָרט, פלעגען זיי זיך צוטיילען אין גרופּען און זיך בעזעצען אין פערשיידענע ער־טער. אויף דעם אופן האָט זיך פון אברהמ׳ס פאַמיליע אָבגעטיילט די פאַמיליע פון זיין פּלימעניק לוט.ביידע פאַמיליעס האָבען געהאַט אַ סך געצעלטען און גרויסע הערדען שאָף. אָפט פלעגט צווישען די פאַסטוכער פון אברהם און לוט פאָרקומען קריעג איבער וווייד. דאַן האָט אברהם געזאָגט צו לוט׳ן: „אונז איז ענג צו וואוי־נען צוזאַמען, לאָמיר זיך צוגעהן אין בעזונדערע זייטען.“ און לוט האָט אַזוי געטהאָן: ער איז אַוועק מיט זיינע מענשען און סטאַ־דעס צו די ברעגען פון טויטען ים, וואו עס האָט זיך געפונען די שטאָדט סדום, און אברהם האָט אויפגעשטעלט זיינע געצעלטען גע־

בען דיזער שטאָדט חברון, ביים פליין ממרא. דאָ האָט ער געשלאָסען אַ בונד מיט די דאָרטיגע הערשער פון די אמורים און געלעבט פריעדליך אַלס דער עלטסטער, אדער פאטריארך, פון דעם קליינעם וואַנדערנדען שבט פון די עברים, אָדער העברעער.

§7. די העלדישע מעשים פון אברהם און דער אונטערגאנג פון סדום. דאס פריעדליכע לעבען פון אברהמ׳ן פלעגט אָפט געשטערט ווערען דורך אומגליקען און אונרוהען. איינמאָל איז אין כנען אָנגעשטאַנען אַ הונגער: עס איז ניט געווען קיין ברויט פאר די מענשען און קיין פיטער פאַר די פיה. אברהם איז געצוואונגען געווען זיך אריבערצוקלייבען אויף אַ צייט אין די שכנ׳ישע נעגענדען פון מצרים. דאָ איז אברהמ׳ס פאמיליע פארגעשטאַנען אַ גרויסע סכנה: דעם עגיפטישען קעניג פרעה איז געקומען אַ געדאנק צוצונעהמען ביי אברהמ׳ן זיין שעהנע פרוי שרה. און ער האָט זי שוין טאקע געבראכט צו זיך אין פאלאַץ. נאָר דאָ איז פּלוצלונג דער קעניג און זיינע הויזמענשען קראנק געוואָרען אויף אַ הויט אויסשלאג: אויפ׳ן לייב ביי זיי זיינען געוואָרען געשווירען און וואונדען. דער קעניג האָט געזעהן אין דעם אַ שטראף פון גאָט פאַר רויבען אַ פרעמדע ווייב, האָט ער אָבגעשיקט שרה׳ן צוריק צו איהר מאַן און האָט זיי געהייסען פארלאָזען מצרים. האָט אברהם מיט זיין פאמיליע זיך אומגעקעהרט קיין כנען.

אין גיכען האָט אברהם און זיינע מענשען געדארפט מלחמה האַלטען מיט די באבילאנער, די הערשער פון אזיען. די מלכים פון סדום און פון נאָך פיער כנענ׳ישע שטעדט אויפ׳ן ברעג פון טויטען ים זיינען געווען אונטערטעניג צו די שטארקע מלכים פון עילם און בבל. איינמאָל האָבען די כנענ׳ישע מלכים מורד געווען און בעשלאָסען מעהר ניט צו זיין אונטערוואַרפען צו די פרעמדע. דאַן האָבען די מלכים פון עילם און בבל זיך אריינגעריסען מיט אַ חיל אין כנען, און זיינען בעפאלען די איינוואוינער פון סדום און די שכנ׳ישע שטעדט. די זיעגער האָבען פארנומען אַ סך רויב און האָבען אויך אוועקגעפיהרט געפאנגען אברהמ׳ס פלימעניק, לוט, וועלכער האָט געוואוינט אין סדום. ווען אברהם האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער גענומען אַ מחנה פון עטליכע הונדערט מאַן און האָט זיך געלאָזט לויפען נאָכ׳ן שונא. ער האָט זיי אָנגעיאגט אין

דמשק, ארם, האט בעפרייט לוט'ן און די אַנדערע געפאנגענע און האט אָבגענומען אלץ וואס די באבילאנער האבען אנגערויבט אין סדום. דער קעניג פון סדום האט זיך זעהר דערפרעהט און האט פארגעלעגט אברהמ'ן ער זאל זיך, אלס זיעגער, נעהמען די אומגעקעהרטע רויב. נאָר דער ארענטליכער אברהם האט געזאָגט: „איך שווער ביי גאָט אז איך וועל ניט נעהמען אפילו א פאָדעם אדער א שוך־בענדעל, חוץ דאָס וואָס איז אוועק אויף שפייז פאר מיינע קריעגער". דיעזער נצחון פון אברהמ'ן, זיין עהרליכקייט און גוטסקייט האבען זיין נאָמען בעריהמט געמאכט איבער גאנץ כנען.

נאָר עס איז ניט בעשערט געווען אז סדום און די ארומיגע שטעדט זאָלען לאנג דויערן נאָכדעם ווי זיי האבען זיך מיט אברהמ'ס הילף בעפרייט פון פרעמדען יאָך. אין יענע שטעדט — דערצעהלט דער חומש — זיינען די מענשען געווען זעהר זינדיג און שלעכט, און זיינען געווען אריינגעטהאָן אין רציחות, רויב און אויסגעלאסענקייט. האָט גאָט אנטפלעקט אברהמ'ן אז אויף די זינדיגע איינוואוינער פון סדום און די ארומיגע שטעדט וועט אין גיכען קומען א שרעקליכער חורבן. האָט אברהם אנגעפאנגען צו בעטען גאָט, ער זאָל זיך מרחם זיין אויף די סדום לייט, צווישען וועלכע עס זיינען אפשר פאראן אויך עהרליכע מענשען. און גאָט האָט איהם געזאגט: „אויב איך וועל געפינען אין סדום פופציג עהרליכע לייט וועל איך שוינען די גאנצע שטאָדט פון זייערטוועגען". אברהם האט גע'פועל'ט ביי גאָט ער זאָל שוינען די שטאָדט אפילו ווען עס וועלען זיך אין איהר געפינען בלויז צעהן עהרליכע לייט. נאָר אפילו צעהן ארענטליכע מענשען האָבען זיך אויך ניט געפונען אין דער פערדאָרבענער שטאָדט. לוט איז אָנגעזאָגט געווארען וועגען דעם אומגליק וואס דארף קומען אויף סדום, איז ער מיט זיין פאמיליע שנעל אוועק פון שטאָדט. דאן האָבען זיך א גאָס געטהאָן פון הימעל שטראָמען שוועבעל און פייער אויף סדום, עמורה און די ארומיגע שטעדט. די שטעדט זיינען פערברענט געווארען, די מענשען זיינען אומגעקומען, און די גאנצע געגענד איז פערוואנדעלט געווארען אין א טרויעריגער וויסטעניש. (לויט דער לעגענדע איז עס די וויסטעניש וואָס רינגעלט ארום ביז היינטיגען טאָג די ברעגען פון דעם געזאלצענעם אָדער טויטען ים). לוט

מיט זיין פאמיליע זיינען אוועק אין די בערג. דאָ האָבען זיינע טעכטער געבאָרען צוויי זיהן: מואב און בן־עמי. די זיהן זיינען געוועזען די פאָטערס פון די צוויי פעלקער: מואב און עמון, וועלכע זיינען אין שפּעטערע צייטען אויסגעוואקסען אין בעזונדערע מלוכות, צו מזרח זייט פון ירדן.

§8. ישמעאל און יצחק. אברהם און זיין ווייב שרה זיינען שוין געוועזען זעהר אַלט און קיין קינדער האָבען זיי נאָך ניט געהאט. האָט אברהם גענומען נאָך אַ ווייב, איינע פון זיינע דיענסטען, די עגיפּטין הגר, איהרע קינדער זאָלען זיך ערציהען ביי שרה'ן אין הויז און זאָלען פעררעכענט ווערען ווי אייגענע. הגר האָט דאן געבאָרען אַ זוהן מיט'ן נאָמען ישמעאל, נאָר ניט דעם זוהן איז בעשערט געוועזען צו ווערען דער יורש פון אברהמ'ן, ווארום ווען אברהם איז שוין כמעט הונדערט יאָהר אַלט געוועזען, האָט איהם גאָט אָנגעזאָגט אז אין גיכען וועט ביי איהם געבאָרען ווערען אַ זוהן פון זיין פרוי שרה. אברהם האָט זיך געוואונדערט און געטראַכט: צי קענען ביי אַ הונדערט יעהריגען זקן געבאָרען ווערען קינדער, און צי קען די ניינציג יעהריגע שרה נאָך געבעהרען? געלאַכט האָט אויך שרה, ווען איינמאָל זיינען צו זיי אין געצעלט געקומען דריי געהיימניספולע וואַנדערער און האָבען איהם פאָראויסגעזאָגט אז אין אַ יאָהר ארום וועט זי האַלטען אויף די הענד איהר אייגענעם זוהן. אָבער די נבואה איז מקוים געוואָרען: אין אַ יאָהר ארום האָט שרה געבאָרען אַ זוהן, וועלכען מען האָט אַ נאָמען געגעבען יצחק. אויפ'ן אכטען טאָג האָט מען דאָס קינד מל געוועזען. דאָס זעלבע האָבען נאָך פריהער געטהאָן אברהם און אַלע זכרים פון זיין פאמיליע, אַלס סמן פון אייביגען בונד צווישען גאָט און דעם אידישען פאָלק. פון יענער צייט אָן ווערט דאָס זעלבע געטהאָן ביז היינטיגען טאָג מיט אַלע ניי־געבאָרענע אינגלעך ביי אידען.

אין זיין קינדהייט פלעגט יצחק ליעב האָבען זיך שפּיעלען מיט זיין ברודער ישמעאל'ן. אָבער שרה'ן איז ניט געפעלען געוועזען וואָס איהר זוהן און דער זוהן פון דער דיענסט ווערען אויפגעצויגען ווי צוויי גלייכע יורשים פון אברהמ'ן. האָט זי געפאָדערט פון איהר מאַן, ער זאָל אַרויסטרייבען פון זיין הויז ישמעאל'ן און זיין מוטער הגר. אברהמ'ן האָט זעהר באַנג געטהאָן וואָס ער דאַרף

בעליידיגען ישמעאל'ן, נאר ער האט געמוזט טהאן שרה'ס פער־לאנג. האט ער געהייסען הגר'ן אוועקגעהן מיט ישמעאל'ן פון זיין הויז, און האט איהר געגעבען אויפ'ן וועג ברויט און א לאגעל מיט וואסער. הגר איז מיט איהר זוהן אוועק אין מדבר און האט דארט פערבלאנדזשעט. דאס וואסער פון לאגעל האט זיך אויס־געלאזט און זיי האבען ניט געהאט וואס צו טרינקען. דאן האט הגר איבערגעלאזט איהר קינד אונטער א קוסט און האט געזאגט: „איך וויל ניט זעהן ווי אזוי מיין קינד וועט אויסגעהן פון דורשט". און אליין האט זי זיך געזעצט פון ווייטענס און האט זיך ביטער צעוויינט. פלוצלונג האט זי דערהערט די שטימע פון א מלאך פון גאט: „וואס איז דיר, הגר? ניט האב קיין מורא: גאט האט דערהערט די שטימע פון דיין קינד. הויב אויף דיין זוהן און פיהר איהם פאר דער האנד, ווארום איך וועל איהם מאכען פאר א גרויס פאלק." הגר האט אויפגעהויבען די אויגען און האט באלד דערזעהן א ברונען מיט וואסער. זי איז אוועק, האט אנגעפילט דעם לאגעל מיט וואסער און האט אנגעטרונקען איהר זוהן. ישמעאל איז געבליבען וואוינען אין מדבר. ער איז געווארען א פלינקער רייטער און בויגענשיסער. די קינדער און אבגעשטאמטע פון ישמעאל'ן האבען אומגעוואנדערט אין דעם אראבישען מדבר צו דרום זייט פון פאלעסטינא. ישמעאל ווערט גערעכענט פאר דעם פאטער פון די אראבער.

§9. אברהמ'ס נסיון, די עקדה. אין יענער צייט האט זיך אברהם איבערגעצויגען פון חברון אין דער שטאדט גרר, אין הרום־מערב פון פאלעסטינא. לעבענדיג דא צווישען געצענדיענער איז ער דאך געבליבען טריי דעם גלויבען אין אן איינציגען גאט. איינ־מאל האט גאט געוואלט אויספרובען אברהמ'ן און האט צו איהם געזאגט: „נעהם דיין זוהן, דיין איינציגען, וואס דו האסט ליעב, יצחק'ן, און געה אין דעם לאנד מוריה, און ברענג מיר איהם דארט פאר א קרבן אויף איינעם פון די בערג וואס איך וועל דיר זאגען."

שווער איז געוועזען אברהמ'ן צו דערפילען דעם דאזיגען פער־לאנג פון גאט, אבער ער האט ניט געוואלט עובר זיין אויף גאט'ס ווארט. איז ער אויפגעשטאנען בעגינען צו טאגען, האט אנגעזא־טעלט זיין עזעל, האט מיטגענומען יצחק'ן און זיך געלאזט אין וועג

אַריין צום אָנגעצייגטען אָרט. יצחק האָט געמיינט אַז זיין פאָטער וועט ברענגען פאַר אַ קרבן אַ שעפּס אָדער אַ באַראַן. ווען אברהם האָט שוין צוגעגרייט אַלץ צו ברענגען דעם קרבן, האָט איהם יצחק געפרעגט: „אָט איז דאָס פייער און דאָס האָלץ, און וואו איז דער שעפּס פאַר דער עולה?“ אברהם האָט שווייגענדיג גענומען זיין זוהן און איהם געבונדען, האָט איהם אַוועקגעלעגט אויפ׳ן מזבח אויף דעם האָלץ, און האָט שוין אויסגעשטרעקט זיין האַנט מיט׳ן מעסער, נאָר אין דעם אויגענבליק האָט ער דערהערט אַ קול פון הימעל: „אברהם, אברהם, זאָלסט ניט אויסציהען דיין האַנט צום אינגעל און זאָלסט גאָר ניט טהאָן צו איהם. איצטער ווייס איך אַז דו ביסט גאָטספאָרכטיג, ווען דו האָסט ניט פערמיטען פון מיר אפילו דיין איינציגען זוהן“. ווען אברהם האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען אָט ער דערזעהן ניט ווייט אַ באַראַן, וועלכער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט מיט די הערנער אין די קוסטעס. דער גליקליכער אברהם האָט אַרונטערגענומען זיין זוהן פון דעם מזבח און אַנ־שטאַט איהם האָט ער געבראַכט דעם באַראַן פאַר אַ קרבן צו גאָט. גאָט האָט ניט געוואָלט קיין מענשליכע קרבנות, אַזוי ווי עס פּלעגען אין יענער צייט ברענגען די היידנישע איינוואוינער פון כנען לכבוד זייערע געצען. מיט דער עקדה האָט ער נאָר געוואָלט אויס־פּרובען זיין ליעבלינג, אברהמ׳ן, און ער האָט זיך איבערצייגט, אַז דער אידישער פּאַטריאַרך איז איהם איבערגעגעבען מיט דער גאַנ־צער נשמה און איז גרייט צו אָפּפּערען אַלץ אבי נאָר צו דערפילען דעם רצון פון גאָט.

§10. יצחק׳ס הייראַט. שרה, אברהמ׳ס ווייב, איז גע־געשטאָרבען אין עלטער פון הונדערט און זיבען־און־צוואַנציג יאָהר. אברהם האָט ביטער בעקלאָגט זיין ווייב און האָט זי מקבר געווען נעבען חברון, אין דער מערת המכפלה, אויף אַ חלק ערד, וואָס ער האָט געקויפט ביי די חתים. נאָכדעם האָט דער אַלטער פּאַטריאַרך גענומען טראַכטען וועגען געפינען אַ ווייב פאַר יצחק׳ן. האָט ער צוגערופען זיין געטרייען דיענער און הויז־פיהרער, אליעזר, און האָט איהם געזאָגט: „שווער מיר אַז דו וועסט ניט נעהמען פאַר מיין זוהן אַ ווייב פון די כנענ׳ישע טעכטער, צווישען וועלכע מיר וואוינען, נאָר דו וועסט געהן אין מיין געבורטס־לאַנד און דאָרט

װעסטו אויסקלײבען אַ װײב פאַר מײן זוהן." אליעזר האָט גע־
שװאָרען, האָט גענומען צעהן קעמלען, האָט זײ אָנגעלאָדען מיט
אַלדאָס גוטס און איז אװעק קײן ארם, ד. ה. מעסאָפּאָטאמיען. אין
אַ קורצער צײט ארום איז ער אָנגעקומען אין דער שטאָדט װאו עס
האָבען געװאױנט אברהמ'ס קרובים, פון זײן ברודער נחור'ס צד.
הינטערן שטאָדט, בײם ברונען, האָט זיך אליעזר אָבגעשטעלט
מיט זײנע קעמלען. דער טאָג האָט זיך שוין גענײגט צום אונטער־
געהן און עס האָט זיך דערנעהנטערט די שטונדע װען די מײדלעך
פון שטאָדט פלעגען ארויסגעהן צום ברונען שעפּען װאסער. אליעזר
איז געבליבען װארטען ביז די מײדלעך װעלען ארויסקומען, און
האָט בײ זיך אזוי בעשלאָסען: „איך װעל בעטען אײנע פון זײ מיך
אָנצוטרינקען, און אויב זי װעט אָנטרינקען ניט נאָר מיך, נאָר אויך
מײנע קעמלען, װעל איך װיסען אז די האָט גאָט בעשערט פאר א
װײב צו יצחק'ן." פּלוצלינג איז אָנגעקומען אַ יונגע מײדעל מיט
אַ קרוג אויף איהר אקסעל. זי איז ארונטער צום ברונען, האָט
אָנגעשעפּט דעם קרוג מיט װאסער און האָט גענומען ארויפגעהן.
איז איהר אליעזר אנטקעגען געלאָפען און האָט איהר געזאָגט:
„לאָז מיר זיך אָנטרינקען פון דײן קרוג". דאָס מײדעל האָט שנעל
ארונטערגעלאזען דעם קרוג פון אקסעל, האָט געגעבען אליעזר'ן
זיך אנטרינקען און האָט געזאגט: „איצט װעל איך אויך אָנשעפּען
פאר דײנע קעמלען צו טרינקען". און אראפּלאזענדיג זיך װיעדער
צום ברונען האָט זי אָנגעשעפּט װאסער פאר די קעמלען. מיט
ליעבשאפט האָט אברהמ'ס טרײער דיענער געקוקט אויף דער
גוטער מײדעל. װען זי האָט אָנגעטרונקען אלע קעמלען, האָט
ער ארויסגענומען א גאָלדענעם אויררינגעל און צװײ פינגערלעך,
האָט עס דערלאנגט דער מײדעל, און האָט איהר געפרעגט: „זאָג
מיר װעמעס טאָכטער ביסטו, און צי איז אין דײן פאָטער'ס הויז
פאראן א פּלאץ פאר אונז איבערצונעכטיגען?" דאָס מײדעל האָט
געענטפערט, אז זי איז רבקה, די טאָכטער פון בתואל און אן אײ־
ניקעל פון נחור, און אז עס איז אין זײער הויז פאראן ארט צו נעכ־
טיגען און גענוג שפּײז פאר די פיה.
דאָ איז רבקה אװעקגעלאָפען אהײם און האָט דערצעהלט איהר
מוטער װעגען אלץ װאס איז געשעהן. איז רבקה'ס ברודער, לבן,

ארוים אליעזר׳ן אנטקעגענ און האָט איהם געבראכט אין הויז פון זיינע עלטערן. אליעזר איז געווען געריהרט פון דיזער גאסט־פריינדשאפט און האָט דערצעהלט רבקה׳ס עלטערן און איהר ברודער דעם צוועק פון זיין קומען, און האָט ערקלערט, אז גאָט אליין, זעהט אוים, האָט בעשטימט רבקה׳ן צו זיין די ווייב פון איהר קרוב יצחק׳ן. און בתואל און לבן האָבען געענטפערט: „אָט איז רבקה פאר דיר, נעהם זי און זאָל זי זיין די ווייב פון דעם זוהן פון דיין האר“. אליעזר האָט ארויסגענומען די זילבערנע און גילדערנע חפצים און קליידער און האָט געגעבען דער כלה, איהר מוטער און איהר ברודער. אויף מאָרגען האָבען די עלטערן געבענשט רבקה׳ן און זי געלאָזט געהן מיט אליעזר׳ן קיין כנען. ווען אליעזר און רבקה זיינען צוגעפאהרען צום ארט וואו עס זיינען געשטאנען אברהמ׳ס געצעלטען, האָבען זיי בעגעגענט יצחק׳ן אין פעלד. ווען רבקה האָט זיך דערוואוסט ווער דאס איז האָט זי גענומען א טוך און פארדעקט איהר געזיכט. נאכער האָט יצחק אריינגעפיהרט רבקה׳ן אין געצעלט פון זיינע עלטערן און זי איז געווארען זיין ווייב, און ער האָט זי ליעב געקראָגען. אברהם האָט נאָכדעם געלעבט נאָך א קורצע צייט און איז געשטארבען אין טיעפען אלטער, צו הונדערט און פינף־און־זיעבציג יאהר. מען האָט איהם מקבר געווען נעבען שרה׳ן אין דער מערת המכפלה, ביי חברון.

§11. **יצחק און זיינע זיהן.** נאָך אברהמ׳ס טויט איז יצחק געווארען דער עלטסטער, אדער פאטריארך, פון דעם אידישען שבט. ער האָט אויך געוואוינט אין דרום־כנען, און האָט זיך בעשעפטיגט ניט נאָר מיט פיהצוכט, נאָר אויך מיט ערדארבייט. פון זיין פרוי רבקה האָט יצחק געהאט צוויי זיהן, א צווילינג. דעם ערשטען האָט מען גערופען עשו, און דעם אנדערען — יעקב. ווען די קינדער זיינען אונטערגעוואקסען, האָט מען אָנגעהויבען בעמערקען אז זיי אונטערשיידען זיך איינער פון אנדערען אין זייערע נייגונגען. עשו האָט ליעב געהאט די יאגד און איז געווען א מענש פון פעלד, און יעקב האָט ליעב געהאט דאס רוהיגע לעבען פון דעם פאסטוך און איז געווען א הויז־זיצער, א יושב אהל.

איינמאָל האָט זיך עשו צוריקגעקעהרט פון יאגד א מיעדער און

א הונגעריגער. דערזעהענדיג ביי יעקב'ן א געקעכטס פון לינזען, האָט ער איהם געבעטען ער זאָל דאָס איהם געבען צו עסען. און יעקב האָט איהם געזאָגט: „פארקויף מיר דערפאר די בכורה". (עשו האָט זיך גערעכענט פאר'ן עלטערען ברודער, און דער עלטערער האָט נאָכ'ן פאָטער'ס טויט געדאַרפט ווערען דער עלטסטער פון דער פאמיליע). עשו האָט געענטפערט: „איך בין טויט הונגעריג, אויף וואס דארף איך די בכורה?" און יעקב האָט געגעבען זיין ברודער זאט אָבצועסען און עשו'ן האָט גאָר ניט באנג געטהאָן וואס ער האָט פערקויפט זיין רעכט אויף דער בכורה פאר א טאָפּ לינזען. נאָר יצחק האָט עס אזוי ווי ניט בעמערקט, און האָט זיך אויך ווייטער פערהאלטען צו עשו'ן אזוי ווי צום ערשטען זוהן. עשו פלעגט אפט ברענגען פון יאגד פרישען פאנג, פלעגט צוגרייטען דערפון געשמאקע מאכלים און עס אונטערטראָגען זיין פאטער; ער איז געווען יצחק'ס ליעבלינג, און דער בעשיידענער יעקב איז געווען דער מוטער'ס ליעבלינג.

ווען יצחק איז געוואָרען אלט און איז שוין כמעט בלינד געווען, האָט ער איינמאָל צוגערופען עשו'ן און איהם געזאָגט: „מיין זוהן, אָט בין איך שוין אלט און איך וויים ניט דעם טאָג פון מיין טויט. נעהם דיין בויגען, געה אין פעלד, פאנג פון מיינעטוועגען א חיה און גרייט מיר צו מיין בעליעבטע שפייז, און איך וועל דיך בענשען איידער איך שטארב." רבקה האָט געהערט יצחק'ס ווערטער און איהר האָט באנג געטהאָן וואָס די פאָטערליכע ברכה וועט אָנקומען עשו'ן און ניט איהר ליעבלינג יעקב'ן. האָט זי עס דערצעהלט יעקב'ן און האָט איהם אן עצה געגעבען ער זאָל אויסנארען פון דעם פאטער די ברכה פריהער פון דעם ברודער. אויף דער מוטער'ס ראט האָט יעקב גלייך געבראכט פון דער סטאדע צוויי ציגעלעך און פון זייער פלייש האָט רבקה געמאכט יצחק'ס בעליעבטען מאכל. דערנאָך האָט זי אָנגעטהאָן יעקב'ן עשו'ס יאגד-קליידער, האָט איהם בעדעקט די הענט און די האלז מיט דער פעל פון די ציגעלעך, (ווארום עשו איז געווען א האָריגער) און האָט איהם געהייסען אבטראגען צום פאטער די צוגעגרייטע שפייז. און יעקב איז געקומען צום פאָטער און געזאָגט: „אָט בין איך, דיין עלטערער זוהן עשו. איך האָב געטהאָן וואָס דו האָסט מיר געהייסען. אצינד עס אָב און

בענש מיך.“ דער בלינדער יצחק האָט ארומגעטאפּט זיין זוהן און מיט פערוואונדערונג געזאָגט: „הקול קול יעקב, והידים ידי עשו, דער קול איז יעקב׳ס, און די הענד—עשו׳ס“. דער אלטער האָט פונדעסטוועגען געגלויבט אז פאר איהם שטעהט עשו און האָט איהם געבענשט אזוי: „גאָט זאָל דיר געבען פון דעם טוי פון הימעל און פון די פעטקייט פון דער ערד, און פיעל קאָרן און וויין; עס זאָלען דיר דיענען פעלקער, און עס זאָלען זיך בוקען צו דיר קעניגרייכען, און זיי א האר צו דיינע ברידער.“ ווי נאָר יעקב איז ארויס האָט זיך עשו אומגעקעהרט פון דער יאגד, האָט צוגעגרייט שפּייז פון זיין פאנג און האָט עס געבראכט דעם פאָטער. יצחק האָט זיך דערשראָקען און געפרעגט: „ווער־זשע איז דאָ פריהער געווען און האָט צוגענומען ביי מיר די ברכה?“ עשו האָט פערשטאנען אז זיין ברודער איז איהם פערלאָפען דעם וועג און ער האָט אויסגערופען אין פערצווייפלונג: „פאָטער, צי האָסטו דען נאָר איין ברכה? בענש מיך אויך.“ און יצחק האָט געזאָגט: „איך האָב שוין יעקב׳ן געבענשט אז ער זאָל זיין א האר איבער זיינע ברידער; און דיר וועל איך ווינשען אז דו זאָלסט זיך פערטיידיגען מיט דיין שווערד, און ווען דיין ברודער׳ס הערשאפט וועט דיר ווערען שווער, וועסטו מיט מאכט אראבווארפען זיין יאָך פון דיין האלז.“ פון דעמאָלט אָן האָט עשו געטראָגען א שנאה צו זיין ברודער יעקב׳ן. „ער האָט צוערשט אויסגענארט ביי מיר די בכורה, און נאכהער אויך די ברכה וואס איז געווען בעשטימט פאר מיר“, האָט זיך עשו געקלאָגט. און ער האָט בעשלאָסען צו הרג׳ענען יעקב׳ן אזוי שנעל ווי דער פאטער וועט שטארבען. דערוויסענדיג זיך פון עשו׳ס מחשבה, האָט רבקה גערופען יעקב׳ן און איהם געזאגט: „אנטלויף צו מיין ברודער לבן אין חרן, און פערבלייב דארט ביז עס וועט גע־שטילט ווערען דער צאָרן פון דיין ברודער.“ יצחק האָט אויך גע־ראטען יעקב׳ן ער זאָל געהן צו לבנ׳ן קיין מעסאפּאָטאמיען און דארט זיך געפינען א ווייב פון דער אייגענער משפחה. יעקב האָט אזוי געטהאָן און האָט זיך אוועקגעלאָזט אין וויטען וועג אריין.

§12. יעקב אין מעסאָפּאָטאַמיען. לאַנג איז יעקב גע־גאנגען פון כנען קיין מעסאפּאטאמיען. אין איין ארט אין מעסא־פּאטאמיען, וואו עס האָט איהם פערכאפּט די נאכט, האָט דער וואנ־

דערער זיך געלעגט שלאָפען און צוקאָפּענס האָט ער זיך געלעגט א שטיין, און ער האָט געזעהן א וואונדערליכען חלום: עס שטעהט א לייטער, וואס זיין שפּיץ דערגרייכט ביז'ן הימעל, און מלאכים געהען אויף איהם אראב און ארויף. און ער האָט דערהערט א שטימע פון גאָט: „איך בין מיט דיר און וועל דיך היטען איבעראל, און נאָכדעם וועל איך דיר אומקעהרען צו דיין פאטערלאנד.“ יעקב האָט זיך אויפגעכאפּט און זיך געפרעהט איבער דעם פיעל פער־שפּרעכענדען חלום. דעם שטיין אויף וועלכען ער איז געשלאָפען האָט ער אוועקגעשטעלט פאר א דענקמאל, כדי, ווען ער וועט זיך אומקעהרען אהיים, זאָל ער אויף דעם הייליגען ארט אויסבויען א הויז צו גאָט. אין שפּעטערע צייטען איז אויף דעם דאָזיגען ארט געגרינדעט געווארען די אידישע שטאָדט בית־אל (גאָט'ס הויז).

נאָך לאנגע וואנדערונגען איז יעקב אָנגעקומען צו א פעלד. אין מיטען פעלד איז געשטאַנען א ברונען און ארום ברונען זיינען געווען אויסגעלעגט פאסטוכער מיט זייערע סטאדעס שאָף. דאס איז געווען א פעלד נעבען חרן. די פאסטוכער האָבען יעקב'ן דער־צעהלט אז זיי קענען זיין פעטער לבנ'ן. דערווייל איז אין פעלד אָנגעקומען רחל, לבנ'ס איינגערע טאָכטער, אָנצוטרינקען איהרע שאָף. דער ברונען איז געווען צוגעדעקט מיט א גרויסען שטיין, און פאר דער יונגער מיידעל איז שווער געווען דעם שטיין אראב־צונעהמען. ווען יעקב האָט פון די פאסטוכער דערהערט ווער די מיידעל איז, איז ער צוגעלאָפען צום ברונען, האָט אראבגעווארפען דעם שטיין און האָט אָנגעטרונקען רחל'ס שאָף. דאן האָט ער איהר געזאגט אז ער איז איהר שוועסטערקינד, און ער האָט זי געקושט און איז געווען אזוי גערירט פון דער בעגעגעניש, אז ער האָט זיך צע־וויינט. רחל איז געלאָפען אהיים, און באלד איז געקומען איהר פא־טער. לבן האָט מיט פרייד בעגעגענט זיין פלימעניק און איהם געבראכט אין זיין הויז. און יעקב איז פערבליבען צו וואוינען אין לבנ'ס הויז.

אויסער רחל'ן האָט לבן געהאט נאָך אן עלטערע טאָכטער, לאה. לאה האָט געהאט שוואכע אויגען, אבער רחל איז געווען זעהר א שעהנע. יעקב האָט ליעב געקראָגען רחל'ן און האָט געזאגט צו לבנ'ן: „איך וועל דיר דיענען זיבען יאהר, אויב דו וועסט מיר גע־

בען פאָר א ווייב דיין אינגערע טאָכטער רחל.“ לבן האָט איינגע־שטימט און יעקב האָט אבגעדיענט ביי זיין פעטער זיבען יאהר. ער האָט געפיטערט זיינע סטאדעס ביי טאָג און זיי געהיט ביי נאכט; ער האָט פלייסיג געארבייט פאר זיין געליעבטער רחל, און די זיבען יאהר דיענסט זיינען פאר איהם פערלאָפען ווי עטליכע טעג. נאָר לבן האָט אבגענארט זיין פלימעניק. ווען די זיבען יאהר זיינען אוועק האָט ער אנשטאט רחל'ן איהם געגעבען פאר א ווייב איהר עלטערע שוועסטער לאה. ווען יעקב האָט זיך בע־קלאָגט אויף דער דאָזיגער רמאות, האָט איהם לבן געזאָגט: „עס איז ביי אונז ניט אָנגענומען אויסצוגעבען די אינגערע שוועסטער פאר דער עלטערער; דיען ביי מיר נאָך זיבען יאהר און איך וועל דיר געבען רחל'ן אויך.“ יעקב איז פערבליבען דיענען, און אויף אזא אופן האָט ער געקראָגען צוויי ווייבער. די ניט געליעבטע ווייב לאה האָט געהאט א סך קינדער; זי האָט געבאָרען זעקס זיהן: (ראובן, שמעון, לוי, יהודה, יששכר און זבולן) און א טאָכ־טער (דינה). רחל אבער האָט קיין קינדער ניט געהאט און דאס האָט איהר פערשאפט פיעל צער. ערשט אין א לאנגער צייט ארום האָט זי געהאט א זוהן, יוסף. לויט דעם מנהג פון די מזרח־לענ־דער האָט יעקב געהאט נאָך קינדער פון זיינע צוויי דיענסטען, בלהה און זלפה. די ערשטע האָט געהאט צוויי זיהן: דן און נפתלי און די אנדערע — אויך צוויי: גד און אשר.

ווען ביי יעקב'ן איז שוין געווארען א גרויסע געזינד האָט ער ערקלערט לבנ'ן אז ער וויל זיך צוריקקעהרען אהיים, אין כנען. אבער לבן האָט איהם ניט געוואלט אוועקלאָזען, ווייל יעקב האָט גוט געוואוסט ווי צו האָדעווען פיה און האָט שטארק פערמעהרט די סטאדעס פון זיין האר. לבן האָט דעריבער איינגערעדט יעקב'ן צו בלייבען, און האָט איהם צוגעזאגט פערשיידענע הבטחות. לבן האָט געשענקט יעקב'ן א טייל פון זיינע סטאדעס, און אין עטליכע יאהר ארום איז יעקב געווען זעהר רייך אין שאָף, ציגען, קעמלען און אויך קנעכט און דיענסטען. אבער לבן האָט אלץ ניט געלאָזט יעקב'ן אוועקגעהן. האָט איינמאָל יעקב גענומען זיינע ווייבער, זיינע קינדער, זיינע קנעכט און סטאדעס און איז בשתיקה מיט זיי אוועק. די אנטלאָפענע זיינען שוין געווען אריבער דעם טייך,

ווען לבן מיט זיינע מענשען האָבען זיי פּלוצלונג אָנגעיאָגט. לבן האָט געשטראָפט יעקב'ן פאר וואס ער האָט זיך ארויסגע'גנב'עט, נאָר יעקב האָט איהם געענטפערט, אז ער האָט איהם געטריי געדיענט צוואנציג לאנגע יאהר, און אז איצט וויל ער זיך שוין אומקעהרען אהיים מיט זיין פאמיליע און מיט זיין עהרליך אָנגעלעבטען פערמעגען. נאָך לאנגע וכוחים זיינען זיך יעקב און לבן צוגאנגען. זיי האָבען אויפגעשטעלט נעבען ירדן א בערגעל פון שטיינער, כדי אבצוצייכענען די גרעניצען פון זייער ערד, און האָבען זיך געגעבען א שבועה קיינמאָל איינער דעם אנדערען ניט טשעפּען. דאן האָט זיך לבן אומגעקעהרט קיין מעסאָפּאָטאמיען, און יעקב האָט זיך געלאָזט קיין כנען.

§13. יעקב און זיינע קינדער אין כנען. צוריקקעהרענדיג צו זיין געבאָרנלאנד, האָט יעקב בערעכענט אז איהם וועט אויסקומען זיך צו בעגעגנען מיט זיין ברודער עשו'ן, פון וועלכען ער איז אמאָל אנטלאָפען, און ער האָט געוואָלט שלום מאכען מיט איהם. האָט ער געשיקט פאָראויס שלוחים צו עשו'ן, וועלכער האָט געוואוינט אויפ'ן בארג שעיר, איהם צו בעטען צו שליסען פריעדען מיט איהם. נאָר די שלוחים זיינען באלד געקומען צוריק און געמאָלדען, אז עשו געהט שוין אנטקעגען זיין ברודער און מיט איהם געהען פיער הונדערט מאן. יעקב האָט זיך שטארק דערשראָקען און האָט מתפלל געווען צו גאָט ער זאָל איהם בעשיצען. דאן האָט ער צוטיילט זיינע מענשען און סטאַדעס אויף צוויי מחנות. פון פאָרנט האָט ער געשטעלט די קנעכט און דיענסטען און אייניגע סטאַדעס, וועלכע ער האָט בעשטימט פאר א מתנה עשו'ן, און הינטען זיינען געגאנגען יעקב'ס ווייבער און קינדער מיט'ן איבעריגען צוג. ווען עשו איז שוין געווען גאָר נאָהנט איז יעקב ארויסגעטראָטען פאָראויס און האָט זיך זיבען מאָל פארנייגט פאר איהם צו דער ערד. עשו איז שטארק געריהרט געווארען פון זיין ברודער'ס אונטערטעניגקייט, און ער האָט איהם ארומגענומען און געקושט און זיי האָבען זיךביידע צעוויינט. די אלטע שנאה איז פערגעסען געווארען. עשו האָט זיך פון אנפאנג ענטזאָגט אָנצונעהמען די מתנות פון דעם ברודער, נאָר יעקב האָט איהם שטארק געבעטען און ער האָט זיי גענומען. דאן האָבען זיך

די ברידער צושיידט. עשו איז אוועק צוריק אין שעיר און פון איהם איז שפּעטער אַרויסגעקומען דאָס קריגערישע פאָלק אדום, וואָס האָט געלעבט אין דרום־כנען. און יעקב האָט אויף דערווייל אויפגעשלאָגען זיינע געצעלטען נעבען דער שטאָדט שכם, אין מי־טעל־כנען.

נאָר דאָ איז געשעהן א טרויעריגע פּאסירונג. דער זוהן פון דעם קעניג פון שכם, וועלכער האָט אויך געהייסען שכם, האָט דערזעהן יעקב׳ס טאָכטער דינה איינמאָל ווען זי איז געגאנגען אליין שפּאצירען, און האָט זי געפאנגען. שכם האָט דינה׳ן געוואלט נעהמען פאר א ווייב, נאָר יעקב האָט ניט געקענט געבען זיין טאָכ־טער פאר א ווייב צו איינעם פון א פרעמדען פאָלק. אבער דער יונגער קעניג האָט מיט געוואלד געהאלטען דינה׳ן אין זיין הויז. דאן האָבען יעקב׳ס מוטיגע זיהן שמעון און לוי בעוואפענט זייי־ערע מענשען און זיינען פּלוצלונג בעפאלען די איינוואוינער פון שטאָדט. זיי האָבען גע׳הרג׳עט דעם קעניג מיט זיין זוהן און האָבען בעפרייט זייער שוועסטער און זיינען מיט איהר אוועק.

נאָך דער דאָזיגער געשעהענים האָבען די ארומיגע פעלקער פון כנען זיך אָנגעהויבען פערהאלטען פיינדליך צו יעקב׳ן און זיין שטאַם, און יעקב און זיין פאמיליע האָבען געמוזט אוועקוואנדערען צו הרום, צו דעם ארט וואו שפּעטער איז געשטאַנען די שטאָדט בית־אל. אין דיזען אָרט האָט יעקב אַמאָל גענעכטיגט ווען ער איז געלאָפען פון עשו׳ן, און ער האָט איצט אויף דעם פלאץ אויס־געבויט א מזבח צו גאָט. ער האָט אויך געהייסען זיין הויזגע־זינד פערניכטען אלע געצענבילדער, וואס זיי האָבען געבראכט מיט זיך פון מעסאפּאטאַמיען, פון דעם הויז פון לבן, דעם געצענ־דיענער. דאָ — דערצעהלט דער חומש, — האָט זיך גאָט ווידער בעוויזען צו יעקב׳ן און איהם געהייסען פון היינט און ווייטער זיך רופען מיט׳ן נאָמען ישראל (אל מיינט גאָט). ציהענדיג ווייטער צו חברון, וואו עס האָט נאָך געלעבט דער אלטער יצחק, האָט זיך יעקב אָבגעשטעלט אין וועג, ניט ווייט פון דער שטאָדט בית־לחם. דאָ האָט רחל געבאָרען א צווייטען זוהן, וועלכען זי האָט א נאָמען געגעבען בנימין, און איז אין קימפּעט געשטאָרבען. יעקב האָט מקבר געווען זיין געליעבטע פרוי אין מיטען וועג און האָט גע־

שטעלט א מצבה אויף איהר קבר. דאן איז ער אָנגעקומען צו זיין פאָטער יצחק'ן אין חברון און איז דאָ פערבליבען וואוינען. אין גיכען איז יצחק געשטאָרבען, הונדערט און אכציג יאהר אלט. מען האָט איהם מקבר געווען, אזוי ווי פריהער רבקה'ן אין דער מערת המכפלה, נעבען חברון, אין אברהמ'ס פאמיליען-קבר. דער עלטסטער און פיהרער פון דעם אידישען שבט איז איצט געווארען יעקב.

§ 14. יוסף און זיינע ברידער. פון אלע צוועלף זיהן האָט יעקב אם שטארקסטען ליעב געהאט יוספ'ן, רחל'ס זוהן. יוסף איז געווען זעהר א שעהנער. דער פאָטער האָט איהם אויסדערוועהלט פון אלע זיינע ברידער און האָט איהם געשענקט א העמד אין רייכע קאָלירען. די ברידער האָבען יוספ'ן מקנא געווען און האָבען איהם ניט ליעב געהאט, און מיט זיינע אונפאָרזיכטיגע רייד און האנדלונגען האָט ער נאָך די קנאה פארשטארקט. איינמאָל האָט יוסף געזעהן א חלום און ער האָט איהם דערצעהלט זיינע ברידער: „איך האָב געזעהן" — האָט ער געזאָגט — „אין חלום ווי מיר אלע זיינען אין פעלד און מיר בינדען גארבען; פלוצלינג האָט זיך מיין גארב אויפגעהויבען און איז געבליבען שטעהן, און אייערע גארבען האָבען זיך געשטעלט ארום איהם, און האָבען זיך געבוקט צו איהם." זיינע ברידער זיינען אין כעס געווארען און האָבען געזאָגט: „צי דענקסטו אז דו וועסט אמאָל זיין הערשער איבער אונז?" און זיי האָבען איהם נאָך שטארקער פערהאסט. א צווייטען מאָל האָט יוסף דערצעהלט דעם פאָטער און די ברידער, אז איהם האָט זיך גע'חלומ'ט ווי די זון, די לבנה און עלף שטערען בוקען זיך צו איהם. יעקב האָט אָנגעשריען אויף יוספ'ן און געזאָגט: „שוין זשע דענקסטו, אז איך און דיין מוטער און דיינע עלף ברידער וועלען קומען זיך בוקען צו דיר צו דער ערד?"

איינמאָל האָבען די ברידער געפיטערט זייערע הערדען אין שכם און יעקב האָט געשיקט יוספ'ן אהין צו זעהן אויב זיי זיינען געזונד און אויב די פיה איז גאנץ. דערזעהענדיג יוספ'ן פון וויטען האָבען די ברידער געזאָגט: „אָט געהט דער בעל-החלומות; לאָמיר איהם הרג'נען און אריינווארפען אין א גרוב און דעם פאטער וועלען מיר זאָגען, אז א ווילדע חיה האָט איהם פארצוקט. און דע-

מאָלט וועלען מיר זעהן וואס עס וועט ארויסקומען פון זיינע חלומות".
ווען ראובן, יעקב'ס עלטסטער זוהן, האָט דאס דערהערט, האָט ער אָנגעהויבען איינרעדען די ברידער, אז עס איז ניט רעכט צו הרג'-ענען יוסף'ן, און אז בעסער וואָלט געווען ארייננוואַרפען איהם לע-בעדיגערהייד אין א גרוב. ראובן האָט עס געזאָגט מיט דער כונה צו ראטעווען שפעטער יוסף'ן און איהם אבפיהרען צום פא-טער. ווי נאר יוסף איז צוגעקומען, האָבען די ברידער איהם אויס-געטהאָן די פיעל־פארבינע העמד און האָבען איהם אריינגעוואָרפען אין א גרוב, וואס האָט זיך געפונען דאָ אין פעלד, און אליין האָ-בען זיי זיך געזעצט עסען. גראד דעמאָלט איז פארבייגעצויגען א האנדעלס־קאראוואן פון ישמעאלים, אָדער אראבישע סוחרים, מיט קעמלען אָנגעלאָדען מיט סחורה. און יהודה האָט אן עצה געגע-בען אז די ברידער זאָלען פארקויפען יוסף'ן צו די ישמעאלים פאר א קנעכט. זיי האָבען אזוי געטהאָן און האָבען איהם פארקויפט פאר צוואנציג זילבער־שטיקער, און די ישמעאלים האָבען יוסף'ן אוועקגעפיהרט מיט זיך. ראובן איז דערביי ניט געווען. ווען ער איז צוריקגעקומען און האָט דערזעהן, אז יוסף איז אין גרוב ניטאָ, האָט ער אויסגעשריען אין פערצווייפלונג: „דאס קינד איז נישטאָ, און איך — וואוהין קען איך איצט געהן?" און די ברידער האָבען גענומען יוסף'ס העמדעל, האָבען זי איינגעטונקט אין די בלוט פון א ציגעלע און האָבען זי געבראכט צו יעקב'ן און גע-זאגט: „אָט דאָס האָבען מיר געפונען; דערקען, איז עס יוסף'ס העמד אָדער ניט?" יעקב האָט דערקענט יוסף'ס העמד און האָט אויסגעשריען: „עס איז מיין זוהנ'ס העמד, א ווילדע חיה האָט איהם אויפגעגעסען, פארצוקט איז יוסף!" דער אומגליקליכער פא-טער האָט פון פערצווייפלונג צוריסען זיינע קליידער און פיעל טעג האָט ער געוויינט נאָך זיין אומגעקומענעם זוהן. מען האָט איהם געפרובט טרייסטען, נאָר ער האָט געזאָגט: „איך וועל זיך ניט טרייסטען, נאָר אין טרויער וועל איך נידערען צו מיין זוהן אין קבר."

§15. יוסף אין מצרים. און די ישמעאלים האָבען יוסף'ן אוועקגעפיהרט קיין מצרים און האָבען איהם דאָרט פארקויפט פאר א קנעכט. געקויפט האָט איהם פוטיפר, דער עלטסטער פון די

לייבוועכטער פון פרעה, דעם קעניג פון מצרים. און דער ארענט־ליכער און פעהיגער יוסף האט געפונען חן אין די אויגען פון זיין האר. ניט לאנג האט ער געדיענט אלס פשוט'ער קנעכט. אין גיכען איז ער געווארען דער אויפזעהער פון פוטיפר'ס הויז און האט אנגעהויבען פיהרען זיין גאנצע ווירטשאפט. יוסף'ן וואלט זיך גוט געלעבט אין הויז פון דעם עגיפטישען האר, נאר דא האט געטראפען אן אונגליק. יוסף, מיט זיין שעהנער גע־שטאלט, איז שטארק געפעלען געווארען פוטיפר'ס ווייב און זי האט איהם גענומען איינרעדען ער זאל ווערען איהר מאן. נאר דער איידעלער יוסף האט זיך ענטזאגט צו בעגעהן א פארברעכען געגען זיין גוטען בעל־הבית. איינמאל, ווען פוטיפר'ס ווייב איז שטארק צוגעשטאנען צו יוסף'ן און ער האט מעהר נישט געוואלט הערען איהרע רייד, האט ער גענומען לויפען פון הויז. אבער זי האט איהם אנגעכאפט פאר'ן מאנטעל און איהם געוואלט צוהאלטען. נאר יוסף האט זיך ארויסגעריסען און איז ארויסגעלאפען, איבערלא־זענדיג זיין מאנטעל אין איהרע הענד. דאן האט די דערצארנטע בעל־הבית'טע אויפגעהויבען א געשריי, עס זיינען זיך צונויפגעלא־פען די הויז־מענשען און זי האט פאלש ערקלערט אז דער אידישער קנעכט האט זי געוואלט בעליידיגען. ווען פוטיפר האט דאס דער־הערט, האט ער געגלויבט די פאלשע רייד פון זיין פרוי און האט געהייסען אריינווארפען יוסף'ן אין תפיסה.

לאנג איז יוסף געזעסען אין געפענגנים, אבער אויך דא האט ער אלעמען ערשטוינט מיט זיין חכמה און איידעלקייט. דער אויפ־זעהער פון דער תפיסה האט איהם געמאכט פאר'ן אויבערהאר אי־בער אלע געפאנגענע. צווישען די געפאנגענע זיינען געווען צוויי דיענער פון פרעה'ס הויף, וועלכע האבען זיך געהאט אין עפעס פערזינדיגט: דער שר המשקים — דער עלטסטער קעניגליכער וויינ־גיסער, און דער שר האופים — דער הויפט בעקער. איינמאל האט זיך זיי ביידען גע'חלומ'ט אונרוהיגע חלומות און זיי האבען זיך געווענדט צו יוסף'ן ער זאל זיי זייערע חלומות בעשיידען. יוסף האט אויסגעהערט די חלומות און האט פאראויסגעזאגט דעם וויינ־שענקער, אז ער וועט שנעל בעפרייט ווערען פון דער תפיסה, און דעם

בעקער, אז ער וועט אין גיכען פער'משפט ווערען צום טויט. און ווי יוסף האָט פותר געווען, אזוי איז געשעהן.

אין צוויי יאהר ארום נאָך דער דאָזיגער געשיכטע האָט פרעה אליין געהאט א מאָדנעם חלום. עס האָט זיך איהם גע'חלומ'ט, אז פון טייך זיינען ארויס זיבען שעהנע און פעטע קיה און האָבען זיך געפּאשעט אין גראז, און נאָך זיי זיינען ארויס זיבען קיה, מיאוסע און מאָגערע, און די מאָגערע קיה האָבען אויפגעגעסען די פעטע. און ווייטער האָט זיך פרעה'ן גע'חלומ'ט, אז זיבען פולע זאנגען אין פעלד זיינען אויפגעגעסען געווארען פון זיבען דארע זאנגען. דער קעניג האָט זיך אויפגעכאפּט שטארק דערשראָקען, און האָט גע־לאָזט רופען זיינע חרטומים און מכשפים. אבער אפילו זיי האָ־בען ניט געקענט בעשיידען פרעה'ן זיינע צוויי חלומות. דעמאָלט האָט דער וויינשעפּער, וועלכער איז אמאָל געזעסען אין תפיסה, דערצעהלט פרעה'ן, אז אין געפענגנים זיצט א איד, יוסף, וועלכער פערשטעהט ריכטיג פותר צו זיין א חלום. דער קעניג האָט בע־פעהלען תיכף ומיד צו ברענגען יוספ'ן צו איהם. אז יוסף האָט אויסגעהערט פרעה'ס חלומות האָט ער געזאָגט: „די זיבען פעטע קיה און די זיבען פולע זאנגען בעדייטען זיבען געראָטענע יאהר; און די זיבען מאָגערע קיה און די זיבען לעדיגע זאנגען בעדייטען זיבע יאהר פון הונגער. פריהער וועלען אין דעם לאנד מצרים אָנ־שטעהן יאהרען פון געראָטעניש און עס וועט זיין א גרויסע שפע אין ברויט, אבער נאָכדעם וועלען קומען זיבען יאהר פון אומגעראָ־טעניש און עס וועט זיין א גרויסער הונגער אין לאנד. גאָט האָט עס אנטפּלעקט פרעה'ן אין חלום כדי ער זאָל בעצייטענס וואָרנען דאָס לאנד געגען דעם אומגליק. זאָל פרעה בעשטימען מענשען, וועלכע זאָלען אין די געראָטענע יאהרען אויפקלייבען די איבעריגע תבואה אין שפּייכלער און דאָס פאָלק וועט אין די ניט־געראָטענע יאהרען זיך שפּייזען מיט דעם אבגעשפּארטען ברויט און וועט ניט דארפען הונגערען.“ דער דאָזיגער קלוגער בעשייד איז פרעה'ן זעהר געפעלען געוואָרען. „איצט ווייס איך, האָט ער געזאָגט צו יוספ'ן, אז עס איז ניטאָ קיין קליגערער פון דיר. פון איצט אָן און ווײ־טער וועסטו זיין דער ממונה איבער מיין הויז און דיין וואָרט וועט געהאָרכען דאָס גאנצע פאָלק מיינס.“ פרעה האָט געגעבען

יוסף'ן זיין פינגערל, האָט איהם אָנגעטהאָן א גאָלדענע קייט און האָט בעפעהלען איהם צו פיהרען איבער די גאסען פון שטאָדט אין דעם קעניגליכען רייטוואָגען. ווען דער נייער שני־למלך איז גע־פאָהרען איבער די גאסען, האָבען זיך אלע טיעף געבוקט פאר איהם.

אויף אזא אופן איז יוסף פון אן אומגליקליכען שקלאף גע־וואָרען א הערשער, וועלכער האָט פערנומען אין מצרים דעם צוויי־טען פלאץ נאָכ'ן קעניג. נאָכדעם האָט ער גענומען פאר א ווייב די טאָכטער פון א גרויסען עגיפטישען האר, מיט'ן נאָמען אסנת. זי האָט איהם געבאָרען צוויי זיהן, מנשה און אפרים. אין א קורצער צייט ארום האָבען זיך אָנגעהויבען יאהרען פון גערעטעניש, אזוי ווי יוסף האָט פאָראויסגעזאָגט. און יוסף האָט אויפגעקליבען ריעזיגע אוצרות מיט תבואה. און שפּעטער, ווען עס זיינען געקו־מען די ניט־געראָטענע יאהרען האָט ער די דאָזיגע תבואות געטיילט דעם הונגעריגען פאָלק. אין מצרים איז געווען אזוי פיעל ברויט אין די קעניגליכע שפּייכלער, אז אפילו פון אנדערע לענדער איז מען געקומען אהער קויפען ברויט.

§16. יוסף'ס ברידער אין מצרים. אין יענער צייט איז אין כנען אויך געווען א שווערער הונגער. יעקב האָט זיך דער־וואוסט אז אין מצרים זיינען דאָ אוצרות מיט תבואה, האָט ער געשיקט אהין זיינע זיהן איינצוקויפען דאָרט ברויט. געגאַנגען זיינען צעהן פון יעקב'ס זיהן. בלויז דער אינגסטער, בנימין, איז געבליבען מיט'ן פאטער. יעקב'ס זיהן זיינען אָנגעקומען קיין מצרים און זיינען אויפגעטראטען פאר יוסף'ן, וועלכער האָט גע־האט די השגחה איבער דעם פערקויף פון דער תבואה. יוסף האָט דערקענט זיינע ברידער, אבער זיי איהם האָבען ניט דערקענט; זיי איז אפילו אויף די געדאנקען ניט ארויף אז דער דאָזיגער שטאָל־צער הערשער פון מצרים איז זייער פערפאלענער ברודער. יוסף האָט זיך געמאכט אזוי ווי ער וואָלט זיינע ברידער ניט דערקענט, און ער האָט זיי אָנגעפאנגען שטרענג אויסצופרעגען פון וואנען זיי זיינען און נאָך וואס זיי זיינען געקומען. די ברידער האָבען איהם דערצעהלט, אז איין ברודער איז ביי זיי פערפאלען געוואָרען און איינער איז געבליבען מיט'ן פאטער, און אז זיי זיינען געקומען

פון כנען קויפען ברויט. יוסף האָט זיך געמאכט אזוי ווי ער וואָלט ניט געגלויבט זייערע רייד, און האָט געזאָגט: „ניין, איהר זייט שפּיאָנען און איהר זייט געקומען אויסקוקען די שוואכע ערטער פון אונזער לאנד.“ אומזיסט האָבען די ברידער גע'טענה'ט אז זיי האָבען ניט קיין שלעכטע כונות. יוסף האָט זיי געזאָגט: „אויב איהר זייט באמת עהרליכע לייט, דאן ברענגט מיר אויך אייער אינגערען ברודער אהער, און ביז יענער צייט וועט איינער פון אייך בלייבען ביי מיר פאר א משכון.“ די ברידער האָבען זיך איבערגעקוקט צווישען זיך און געזאָגט איינער צום אנדערען: „דאס ווערען מיר געשטראָפט פאר דאס, וואס מיר האָבען אמאָל געטהאָן צו אונזער ברודער יוסף'ן; מיר האָבען דעמאָלט געזעהן זיינע ליידען, געהערט ווי ער האָט זיך געבעטען ביי אונז, אבער מיר האָבען אויף איהם קיין רחמנות ניט געהאט און איהם פארקויפט פאר א קנעכט.“ אזוי האָבען זיי גערעדט צווישען זיך און האָבען גאָר ניט חושד געווען, אז יוסף, וועלכען זיי האָבען גערעכענט פאר א מצרי, פערשטעהט זייער שפּראך. נאָר יוסף, הערענדיג זייערע ווערטער, איז אָבגעגאנגען אָן א זייט און האָט זיך שטיל אויסגעוויינט. נאָכדעם האָט ער געהייסען אָנפילען זייערע זעק מיט תבואה און אריינלעגען דאָס געלט וואס זיי האָבען מיטגעבראכט צו בעצאָהלען פאר דער תבואה. איינעם פון די ברידער, שמעון'ן, האָט ער פערהאלטען פאר א משכון, און די איבעריגע האָט ער געלאָזט געהן אהיים.

און די ברידער זיינען געקומען אהיים און האָבען דערצעהלט יעקב'ן אלץ וואס איז געשעהן. יעקב האָט מיט ביטערקייט געזאָגט: „איהר וועט מיך אינגאנצען אומברענגען; יוסף איז ניטאָ, שמעון'ן האָט איהר געלאָזט אין מצרים, און איצט ווילט איהר נאָך נעהמען אהין בנימינ'ען אויך. ניין, איך וועל איהם ניט אוועקלאָזען פון זיך.“ נאָר ווען דאס געקויפטע ברויט איז אויסגעגאנגען און עס איז נויטיג געווען ווידער צו פאהרען קיין מצרים, האָט יעקב געמוזט לאָזען בנימינ'ען אהין צוזאמען מיט זיינע איבעריגע ברידער. דער אלטער פאָטער האָט געבענשט זיינע אבררייזענדע קינדער, און געבעטען צו גאט עס זאָל מיט זיי קיין אומגליק ניט געשעהן אין פרעמדען לאנד.

§17. יעקב׳ס איבערוואנדערונג קיין מצרים. ווען יעקב׳ס זיהן זיינען צום צווייטען מאָל אָנגעקומען קיין מצרים, האָט שוין יוסף מעהר ניט געקענט פארלייקענען זיין אָבשטאַמונג; ער האָט זיך געלאָזט דערקענען צו זיי און געזאָגט: „איך בין אייער ברודער יוסף, וועלכען איהר האָט פארקויפט קיין מצרים.“ די ברידער האָבען זיך אזוי דערשראָקען אז זיי האָבען גאָר ניט גע־קאָנט ענטפערען; נאָר יוסף האָט זיי בערוהיגט און געזאָגט: „זאָלט אייך ניט פארדריסען וואס איהר האָט מיך פארקויפט, ווייל גאָט אליין האָט מיך געשיקט אהער צו פארהיטען אייער לעבען. ער האָט מיך געמאכט פאר א ראטגעבער צו פרעה׳ן און פאר א מושל איבער׳ן גאנצען לאנד מצרים. איצט געהט שנעל צוריק צו מיין פאטער און ברענגט איהם אהער צופיהרען, איהם מיט זיינע מענשען און הערדען. איהר וועט דאָ אלע וואוינען נעבען מיר.“ ביי די רייד האָט יוסף ארומגענומען זיינע ברידער און זיי געקושט, און זיי האָבען אלע געוויינט אויפ׳ן קול פאר פרייד. אז פרעה האָט דערהערט, אז עס זיינען געקומען יוסף׳ס ברידער, האָט ער גע־הייסען זיי געבען פערד און גרויסע רייטוועגען, זיי זאלען ברענגען צופיהרען קיין מצרים יעקב׳ן מיט זיינע מענשען או זיין גאנצען אייגענטום.

ווען די ברידער זיינען צוריקגעקומען צום פאטער קיין כנען און האָבען איהם דערצעהלט אז יוסף לעבט נאָך, האָט ער זיי צוערשט ניט געגלויבט. נאָר זעהענדיג די רייטוועגען, וואס יוסף האָט גע־שיקט, האָט ער אויסגערופען: „גענוג פאר מיר! מיין זוהן יוסף לעבט, איך וועל געהן איהם זעהן איידער איך שטאַרב.“ באלד האָט יעקב און אלע זיינע קינדער מיט זייערע ווייבער, און זיי־נע אייניקלעך, דיענער און הערדען, און זיין גאנץ פערמעגען, פער־לאָזען כנען און זיינען אוועק קיי מצרים. ריהרענד איז געווען די בעגעגניש צווישען יוסף׳ן און זיין פאטער. לויט יוסף׳ס עצה און מיט דער הסכמה פון פרעה׳ן האָט זיך יעקב מיט זיין גאנצער משפחה בעזעצט אין דעם בעסטען טייל פון מצרים, אין גשן. דאָ איז געווען גוטער ווייד פאר די פיה און די אידישע איינוואנדערער האָבען געקענט, אזוי ווי פריהער, זיך פערנעהמען מיט פיהצוכט. זיי האָבען געלעבט אָבגעשיידט פון די מצריים, צו וועלכע זיי זיי־

נען געוועזן פרעמד מיט זייער שפּראַך און מיט זייער אַרט לעבען.

ווען יעקב איז געקומען קיין מצרים איז ער אַלט געוועזן הונ־דערט און דרייסיג יאָהר. ער האָט נאָך געלעבט זיבצעהן יאָהר. פאַר'ן טויט האָט ער געבענשט אַלע זיינע זיהן, און אויך די זיהן פון יוסף'ן, אפרים און מנשה. ווען יעקב איז געשטאָרבען האָט יוסף מיט זיינע ברידער אַריבערגעפיהרט זיין קערפּער קיין כנען און איהם בעהאַלטען אין דער מערת המכפלה און זיינען אַוועק צוריק קיין מצרים. דאָ האָט יוסף געלעבט ביז הונדערט און צעהן יאָהר, און פאַר זיין טויט האָט ער אָנגעזאָגט זיינע אייגענע, אַז זיי זאָלען אַמאָל אַריבערפיהרען זיין טויטען קערפּער אין זיין געבורטס־לאַנד כנען. לויט דעם מנהג פון מצרים האָט מען יוסף'ס קערפּער באַלזאַמירט, כדי עס זאָל זיך לאַנג קענען האַלטען און זיי האָבען איהם אַריינגעלעגט אין אַן ארון, וועלכען מען האָט אַריינגעשטעלט אין איינעם פון די עגיפּטישע קברים.

§18. היסטאָרישע אויפפיהרונגען.*) וועגען דעם גייס־טיגען שייכות, וואָס איז געוועזן צווישען אידען און די אַנדערע סעמיטישע פעלקער, וועלכע האָבען אין טיעפען אַלטערטום גע־לעבט אין בבל, זאָגט עדות די עהנליכקייט פון די אַלטע באַבי־לאָנישע לעגענדען צו די ערצעהלונגען פון אונזער הייליגער תורה. די געלעהרטע פון אונזער צייט האָבען געמאַכט אויסגראָבונגען אויף יענע ערטער, וואו עס זיינען אַמאָל געשטאַנען די מלוכות פון אשור און בבל. און דאָ האָבען זיי ענטדעקט טאַפלען און מאָ־נומענטען, אויף וועלכע עס זיינען אויסגעקריצט אַסיריש־באַבילאָ־נישע לעגענדען אין אַ שפּראַך, וואָס איז עהנליך צו העברעאיש. אין די דאָזיגע אויפשריפטען, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרען מיט דריי־פיער טויזענד יאָהר צוריק, דערצעהלט זיך וועגען דער בעשאַפונג פון דער וועלט, וועגען די ערשטע מענשען, וועגען דעם מבול, און דער געבורט פון פעלקער, כמעט אַזוי ווי אין תנ"ך. אויך לויט דער באַבילאָנישער מיטאָלאָגיע זיינען דער הימעל און די ערד לכתחילה געוועזן צוזאַמענגעגאָסען אין

*) אַלץ וואָס קומט אין איינגענומענע שריפט קען אויסגעלאָזט ווערען מיט קלענערע קינדער.

איין ענדלאָזען תהו ובהו (כאָאָס), און דערנאָך האָבען זיי די געטער אָבגעטיילט און האָבען בעשאַפען די וועלט אין פערלויף פון זיבען טעג. די אַסיריש־באַבילאָנישע לעגענדע פון מבול דערצעהלט דאָס זעלבע וואָס דער תנ"ך; נאָר אנשטאט נח'ן רעטעט זיך דאָרט אין אַ שיף דער קעניג, קסיסוטרא, וואָס זיין גאָט בעל האָט איהם געווארנט וועגען דעם קומענדען אומגליק. עהנליך צו דער ערצעהלונג וועגען דעם „דור הפלגה" און דעם טהורם פון בבל איז פאַראַן אַ באַבילאָנישע לעגענדע ווי אזוי מענשען־ריעזען האָבען מורד געווען קעגען די געטער און זיי האָבען אויפגעשטעלט אַ ריעזיגען טהורם מיט'ן צוועק ארויפצוקלעטערן אויפ'ן הימעל, און ווי אַזוי די געטער האָבען דעם דאָזיגען בנין אומגעוואָרפען אויף די קעפּ פון זיינע בויער. חורבות פון דעם דאָזיגען ריעזיגען טהום האָבען נאָך עקזיסטירט אין אַלטערטום, אין באָרסיפּ, אין דער געגענד פון דער שטאָדט בבל.

די שייכות פון אידישען פאָלק מיט בבל ווערט אָנגעוויזען אין תנ"ך גופא, אין דער ערצעהלונג וועגען תרח'ס קינדער, וועלכע האָבען איבערגעוואַנדערט פון אור כשדים קיין ארם. אין ארם איז געבליבען אַ טייל פון דעם שטאָם (די גרופּע פון נחור און לבן), וועלכער האָט זיך אויסגעמישט מיט די ארמים, אָבער דער אַנדערער טייל, אונטער דער פיהרערשאַפט פון אברהמ'ן, איז אַוועק קיין כנען און האָט זיך דאָ בעזעצט אויף אַ צייט, אונטער דעם נאָמען—„עברים", אַלס די קינדער פון עבר בן שלח.

אָט דער שבט „עברים" האָט זיך דערנאָך פאַנאַנדערגעצווייגט אויף עטליכע בעזונדערע שטאַמען. צוערשט האָבען זיך פון איהם אויסגעטיילט צוויי קליינע פעלקערשאַפטען: מואב און עמון, וועלכע האָבען געוואוינט אין מזרח זייט פון ירדן. (דאָס איז די ערצעהלונג וועגען לוט'ן, וועלכער האָט זיך אָבגעטיילט פון אברהמ'ס פאַמיליע און וועגען זיינע צוויי זיהן, מואב און בן־עמי). אויסער די האָבען זיך אין דעם מדבר, וואָס רינגעלט אַרום דרום כנען, בעוויזען צוויי וואַנדערנדע אראַ־

*

בישע שבטים, וועלכע זיינען פערוואַנדט מיט די עברים: די ישמעאלים און די מדינים (לויט דער מסורה זיינען דאָס די אָבגעשטאַממטע פון אברהמ׳ס זייטיגע זיהן, ישמעאל און מדין). דעם דרום־מזרח ברעג פון כנען האָט פאַרנומען דער שבט אדום. (לויט דער ביבעל—די קינדער פון עשו, אברהמ׳ס איניקעל). די דאָזיגע אַלע פעלקערשאַפטען, וועלכע זיינען געווען פערוואַנדט מיט די אידען, האָבען זיך ביסלעכווייז צונויפגעמישט מיט די איינוואוינער פון כנען, און האָבען פערלאָרען די ריינקייט פון זייער ראַסע. בלויז יענער שבט וואָס איז אַרויסגעקומען גלייך פון אברהמ׳ן, דורך זיין זוהן יצחק׳ן, און אייניקעל יעקב׳ן, האָט אויפגעהיט די ריינקייט פון זיין ראַסען־טיפּ און זיינע אייגענע זיטען. דער דאָזיגער שבט האָט געלעבט פּאַטריאַרכאַליש, ווי איין גרויסע פאַמיליע, אונטער דער פיהרערשאַפט פון דעם עלטסטען אין דער משפחה (פּאַטריאַרך). זיי האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין דרום כּנען, נעבען חברון, און האָבען געפיהרט אַ פריעדליכען לעבען פון פאַסטוכער און ערד־אַרבייטער. אָפטמאָל פלעגט דיזער שבט, צוליעב אונגעדעטעניש אָדער אַנדערע סבות, אריבערוואַנדערען אין די שכני־שע פּלשתי׳שע לענדער אָדער אין מצרים, נאָר אויך צווישען די פרעמדע שבטים האָט ער אָבגעהיט די מנהגים פון זיינע עלטערען און זיין אייגענעם איינפאַכען לעבענספיהר. מיט די אַרומיגע כנעני׳שע פעלקער פלעגען זיי שליסען בונדען, און אָפטמאָל העלפען אין מלחמות געגען די פרעמדע. זעלטען ווען האָבען זיי זיך אָבער משדך געווען מיט די כנענים.

נעגלויבט האָבען כמעט אַלע „עברים" אין אַן איינציגען גאָט, דעם בעשעפער פון הימעל און ערד. זיי האָבען געבויט אין פערשיידענע ערטער מזבחות צו גאָט, אויף וועלכע זיי פלעגען ביי פייערליכע געלעגענהייטען ברענגען קרבנות פון די קלענערע פיה. זעלטען נאָר בעגעגענט מען ביי זיי הויזליכע געצענבילדער, וועלכע זיי האָבען איבערגענומען ביי די קרובי־שע שבטים. די הויכע רעליגיעזע בעגריפען ווי זיי האָבען זיך שפּעטער ענטוויקעלט ביי אידען, האָבען אין יענער צייט ערשט אָנגעהויבען געבאָרען ווערען. נאָר ביי די בעסערע מענשען האָט

*

שוין אָנגעהויבען צייטיג ווערען דער געדאַנק פון איין גאָט; עס איז געוועזען קענטיג, אז די רעליגיאָן פון די אידען וועט ניט זיין עהנליך צו די אַנדערע רעליגיאָנען פון דעם מזרח, עס איז געווען צו זעהען, אז די אידישע אמונה וועט זיין א העכערע און עס וועלען זי ניט קענען בעגרייפען אפילו די אידען'ס נאָהנטסטע קרובים פון שבט עברים.

נאָכדעם ווי די אידען פון יעקב'ס אָדער ישראל'ס שטאַם האָבען א לענגערע צייט געלעבט אין דרום כנען, האָבען זיי אָנגעהויבען זיך אריבערציהען אין די נאָהנטע געגענדען פון מצרים, וואָס איז געווען אָבגעטיילט פון כנען מיט א וויסטעניש. יוסף בן יעקב איז אהינגעקומען דער ערשטער און נאָך איהם זיינען געקומען זיינע ברידער מיט זייערע פאַמילען. פון דער צייט הויבט זיך אָן א נייע פעריאָדע אין דער געשיכטע פון אידישען פאָלק.

## צווייטער קאַפּיטעל.

# די אידען אין מצרים.

§19. דאָס לעבען אין מצרים. א סך יאָהרען זיינען פאַריבער פון יענער צייט ווען דער שטאַם פון יעקב, אָדער ישראל, האָט איבערגעוואַנדערט פון כנען אין דעם שכני'שען מצרים. דער אידישער שטאַם, וועלכער איז פון אָנפאַנג בעשטאַנען פון זיבציג נפשות, האָט זיך מיט דער צייט פערמעהרט און זיך צעוואַקסען אין א צאָלרייכען פאָלק. דאָס דאָזיגע פאָלק האָט זיך א נאָמען געגעבען „בני־ישראל", ישראל'ס קינדער, צו אונטערשיידען זיך פון די איבעריגע פעלקער, וועלכע האָבען גערעכענט זייער אָבשטאַמונג פון אברהמ'ן און יצחק'ן, אָבער ניט פון יעקב'ן.

די אידען האָבען געוואוינט אין גושן, א געגענד אין מזרח מצרים, וואָס ווערט בעוואַסערט פון אַן אויסגוס פון דעם טייך

ניל. דאָ האָבען זיי געהאט ברייטע ווייִדען פאר זייערע סטאדעס און זיי האָבען געקענט פריי אומוואנדערען איבער'ן לאנד. דאָך האָבען פיעל פון זיי ביסלעכווייז זיך צוגעוועהנט צו אן איינגעזע־סענעם לעבען, האָבען אנגעהויבען וואוינען אין הייזער אנשטאט געצעלטען, און האָבען זיך אלץ שטארקער און שטארקער פער־מעהרט. ביים איינוואנדערען קיין מצרים, דערצעהלט די מסורה, האָבען די פאמיליען פון יעקב'ס צוועלף זיהן פערמאָגט אין גאנצען ארום זיבעציג נפשות. די דאָזיגע פאמיליען האָבען מיט דער צייט זיך צעוואקסען אין שבטים, וועלכע האָבען געצעהלט זייערע מיט־גליעדער אין די טויזענדער. יעדער שבט האָט זיך אָנגערופען מיט'ן נאָמען פון יענעם פון יעקב'ס זיהן, פון וועלכען ער האָט אָבגעשטאמט. דער עלטסטער איז געווען דער שבט ראובן, וועל־כער האָט זיך אויך אין מצרים פערנומען מיט פיהצוכט. דער צאָלרייכסטער איז געווען דער שבט יוסף, וועלכער איז צופאַ־לען אויף צוויי שטאמען (נאָך די נעמען פון יוסף'ס צוויי זיהן). נאָכדעם זיינען געגאנגען די שבטים שמעון, לוי, יהודה, יששכר, זבולן, דן, אשר, גד, נפתלי און בנימין. יעדער שבט האָט געהאט זיינע עלטסטע און פיהרער, אבער קיין הויפט עלטסטער איבער אלע שבטים איז ניט געווען. פונדעסטוועגען איז דער באנד צווישען די שבטים ניט איבערגעריסען געוואָרען. עס האָבען זיי צוזאמענגע־בונדען דיזעלבע רעליגיעזע בעגריפען און די עראינערונג אז זיי שטאמען פון דיזעלבע אבות — אברהם, יצחק און יעקב, אדער ישראל.

די אידען האָבען זיך ניט געמישט מיט די מצריים, פונדעסט־וועגען האָט דער לעבענספיהר און די זיטען פון די מצריים געהאט אויף זיי א גרויסע ווירקונג. די מצריים זיינען אין די אלטע צייי־טען געווען דאס געבילדעטסטע פאָלק אין דער וועלט. זיי האָ־בען געהאט גרוים בעפעלקערטע און רייכע שטעדט, פרעכטיגע טעמפלען פאר זייערע געטער, פריסטער, וואס זיינען געווען בע־קאנט מיט א סך וויסענשאפטען, און קריעגער, וואס פלעגען אונ־טערנעהמען ווייטע קריעגסצוגען. די עגיפטישע מלכים, אדער פרעה'ס, פלעגען אויפשטעלען, מיט די הענד פון טויזענדער שקלאַ־פען, אונגעהויער גרויסע פאלאצען, פיראמידען און קברים. די

מצריים האָבען שוין דעמאָלט געקענט אַ סך קונסטען, ווי צום ביי־
שפיעל די קונסט פון בויען, בעוואסערען פעלדער, די קונסט פון
שרייבען. די אידען האָבען איבערגענומען פון זיי אייניגע נוצלי־
כע קונסטען און מלאכות; אנדערע האָבען אפילו נאָכגעטהאָן די
עגיפטישע מנהגים און פיהרונגען. אבער קיין פאָלשטענדיגע דער־
נעהנטערונג צווישען די דאָזיגע צוויי פעלקער איז ניט געווען און
האָט ניט געקאָנט זיין; פארקעהרט, צווישען זיי האָט געהערשט
אַ שטענדיגע שנאה. די עגיפטישע רעליגיאָן מיט איהר גראָבער
פארגעטערונג פון חיות, האָט ארויסגערופען אַן עקעל ביי יענע
אידען, וועלכע האָבען אבגעהיט דעם גלויבען אין אַן איינציגען
גאָט. די מצריים, ווידער, האָבען מיט פעראכטונג געקוקט אויף
דעם אידישען פאָלק, וואס איז זיי געווען פרעמד און האָט זיך אונ־
טערשיידט פון זיי מיט זייער אַרט לעבען און רעליגיאָן. וואס
שטאַרקער די אידען האָבען זיך פערמעהרט, אַלץ פיינדליכער האָ־
בען די מצריים זיך צו זיי פערטראָגען. די פרעה'ס און זייערע בע־
אמטע האָבען גענומען אונטערדריקען די אידען אַלס פרעמדע, און
שפעטער האָבען זיי אנגעהויבען זיי בעהאַנדלען ווי אַ בעזיעגטען
פאָלק, ווי הערשער זייערע שקלאַפען.

§20. די קנעכטשאַפט אין מצרים. משה'ס געבורט.
אין אַ לאַנגער צייט ארום נאָך יוסף'ס טויט איז אין מצרים אויפ־
געשטאַנען אַ נייער קעניג, וועלכער האָט ניט ליעב געהאַט די אידען.
ער האָט געזאָגט צו זיין פאָלק: „דאָס אידישע פאָלק פארמעהרט
זיך און קען ווערען שטאַרקער פון אונז. און ווען עס וועט טרע־
פען ביי אונז אַ מלחמה מיט אַן אנדער מלוכה קענען זיי זיך נאָך
פעראייניגען מיט אונזערע פיינד." און כדי דאָס אידישע פאָלק
זאָל ניט ווערען שטאַרק איז בעשלאָסען געוואָרען צו מאַכען זיי
פאַר קנעכט. די פרעה'ס האָבען גענומען צווינגען די אידען צו
שווערע ארבייט פאַר די נוצען פון דער מלוכה. מען האָט זיי גע־
נויט צו גראָבען ערד, בויען שטעדט, פאַלאַצען און דענקמעלער
פאַר די מלכים, קנעטען ליים און מאַכען ציגעל פאַר די דאָזיגע
בנינים. עס זיינען בעשטימט געוואָרען בעזונדערע אויפזעהער,
וועלכע האָבען שטרענג אכטונג געגעבען אז די דאָזיגע געצוואונגענע
ארבייט זאָל אויסגעפיהרט ווערען. אויף דעם אופן זיינען אויס־



די אידישע קנעכטשאפט אין מצרים

געבויט געווארען פאר פרעה'ן צוויי שטעדט: פיתם און רעמסס. אבער ווי מען האט די אידען ניט געפייניגט האבען זיי זיך פונ־דעסטוועגען אלץ ווייטער געמעהרט, צום גרויסען פערדרוס פון די מצריים. דעמאלט האט פרעה ארויסגעלאזען א בעפעהל, אז מען זאל אלע נייגעבארענע אידישע אינגלעך דערטרינקען אין טייך, און נאר די מיידלעך זאל מען לאזען לעבען. דער דאזיגער בע־פעהל איז אויסגעפיהרט געווארען מיט אונערבארמליכער שטרענג־קייט. דאס אידישע פאלק איז געווען אין סכנה אינגאנצען פער־ניכטעט צו ווערען.

אין יענער טרויעריגער צייט איז ביי איינעם פון שבט לוי, וועלכער האט געהייסען עמרם, געבארען געווארען א זוהן. דריי מאנאטען צייט האט די מוטער אויסגעבעהאלטען דאס קינד, אז די מצריים זאלען עס ניט קענען געפינען און דערטרינקען, אבער ענדליך האט זי שוין עס ניט געקענט לענגער פערבארגען. דאן האט די מוטער גענומען א קעסטעלע, אריינגעלעגט אהין דאס קינד און האט עס בעהאלטען צווישען דעם געדיכטען ראהר אויפ'ן ברעג פון טייך ניל. דעם קינד'ס שוועסטער, מרים, האט זיך געשטעלט פון ווייטען צו זעהן וואס מיט איהם וועט געשעהן. צו יענער צייט איז פרעה'ס טאכטער געגאנגען צום טייך זיך באדען, בעגלייט פון איהרע דיענסטען. דערזעהענדיג צווישען די ראהר דאס קעס־טעלע, האט זי געהייסען עס עפענען. אין קעסטעלע איז געלעגען א קליין אינגעלע און געוויינט. פרעה'ס טאכטער האט רחמנות געהאט אויף דעם עופ'עלע און געזאגט: „דאס מוז זיין א אידיש קינד." דא איז צו דעם קעניג'ס טאכטער צוגעגאנגען מרים, וועל־כע איז געשטאנען פון ווייטען, און האט געפרעגט: „זאל איך געהן רופען אן אם פון די אידישע פרויען?" קריגענדיג די ער־לויבניש, איז זי אוועק און האט באלד געבראכט איהר מוטער. פרעה'ס טאכטער האט געזאגט צו דער פרוי: „נעהם דאס קינד און האדעווע עס אויס פאר מיר און איך וועל דיר בעצאלען." די מוטער האט מיט פרייד גענומען דאס קינד און עס אנגעהויבען אויפצוציהען. ווען דאס אינגעל איז אויסגעוואקסען האט מען איהם געבראכט צו פרעה'ס טאכטער און זי האט איהם ערצויגען

ביי זיך ווי איהר אייגענעם זוהן. זי האָט איהם א נאָמען נעגע־בען משה, ד. ה. „ארויסגעצויגענער“ פון וואסער.

**§21. משה'ס יוגענד און זיין אנטלויפען אין מדבר.** הגם משה איז געוואקסען פריי אונטער דעם שוץ פון דער קע־ניגליכער פאמיליע, האָט ער דאָך ניט פערגעסען די קנעכטשאפט און ליידען פון זיינע פאָלקס־ברידער. מיט א געפיהל פון ביטער־קייט און פערדרוס האָט ער צוגעזעהן ווי מען פארקנעכט זיי־נע ברידער, מען נויט זיי צו טהאָן שווערע ארבייט און מען בע־ליידיגט זיי אויף טריט און שריט. איינמאָל איז דער יונגער משה ארויסגעגאנגען אָנצוקוקען די ארבייט פון די אידען, און ער האָט דערזעהן אז א מצרי שלאָגט איינעם פון די ארבייטער. דאס האָט משה'ן זעהר אויפגעבראכט. זעהענדיג אז ארום איז קיינער ניטאָ, האָט ער גע'הרג'עט דעם שלעכטען מצרי, און זיין קערפער האָט ער פערשארט אין זאמד. אבער אין גיכען האָט זיך פרעה דערפון דערוואוסט און האָט געוואָלט בעשטראפען משה'ן. דאן איז משה אנטלאָפען פון מצרים אין דעם מדבר, וואס ליגט ביים רויטען ים (ים־סוף) צווישען מצרים און כנען. אין מדבר איז משה אָנגעקומען צו אן ארט, וואו עס האָט אומגעוואנדערט דער פאסטוכער שבט מדינים, וועלכער איז געווען פערוואנדט צו די אי־דען. דאָ האָט ער זיך אָבגעשטעלט נעבען א ברונען, און האָט דערזעהן ווי עס זיינען אָנגעקומען זיבען פאסטוכער־מיידלעך און האָבען גענומען אָנשעפען וואסער צו געבען טרינקען זייערע שאָף. דאָס זיינען געווען די זיבען טעכטער פון דעם מדינ'ישען פריסטער יתרו. די מיידלעך האָבען נאָך קיין צייט ניט געהאט אָבצוטהאָן זייער ארבייט, ווי עס זיינען אָנגעלאָפען פאסטוכער און זיי אוועקגעטריבען פון ברונען. משה איז גלייך געקומען די בעליידיגטע מיידלעך צו הילף און האָט אָנגעטרונקען זייערע שאָף. די מיידלעך זיינען געקומען אהיים און האָבען דער־צעהלט זייער פאָטער, אז עפעס א וואנדערער פון מצרים האָט זיי היינט בעשיצט פון די גראבע פאסטוכער. דער מדינ'ישער כהן האָט פארבעטען משה'ן אין זיין הויז און האָט זיך צו איהם שנעל צוגעבונדען. משה'ן איז געפעלען געווארען צו לעבען מיט דיזע פשוט'ע מענשען, ער האָט גענומען פאר א ווייב יתרו'ס טאָכטער

ציפורה, און איז געוואָרען איינער פון דיזער פריעדליכער פאסטו־כער־פאמיליע.

אָבער אויך דאָ האָט ער ניט אויפגעהערט צו טראכטען וועגען דער קנעכטשאפט פון זיינע ברידער און ווי אזוי זיי צו בעפרייען. איינמאָל האָט משה געפיטערט די סטאַדע פון זיין שוועהר, און איז פארגאנגען ווייט אין מדבר, צום בארג חורב (סיני). דאָ, דערצעהלט דער חומש, האָט זיך איהם בעוויזען א וואונדערליכע זעהונג. ער האָט דערזעהן א געדיכטען דאָרנבוים איינגעוויקעלט אין פלאמען, וואָס האָט געברענט און געברענט און איז דאָך ניט פערברענט געוואָרען. און פלוצלינג האָט ער דערהערט א שטימע פון דעם פייער: „טרעט ניט צו אהער; נעהם ארונטער די שיך פון דיינע פיס, ווייל דער אָרט אויף וועלכען דו שטעהסט איז הייליג. איך בין דער גאָט פון דיין פאָטער, דער גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב. איך האָב דערזעהן דעם פיין פון מיין פאָלק אין מצרים און האָב דערהערט זיין געשריי. איך וויל איהם בעפרייען פון דעם יאָך פון מצרים און ברענגען איהם אין א לאנד, א רייכען און א ברייטען, אין א לאנד וואָס רינט מילך און האָניג, אין כנען. און איצט געה, און איך וועל דיך שיקען צו פרעה'ן און פיהר ארויס מיין פאָלק פון מצרים.” מיט ציטערניש און פאָרכט האָט משה אויסגעהערט די דאָזיגע ווערטער און דאן האָט ער ציטערנדיג גע־זאָגט: „ווער בין איך דען אז איך זאָל געהן צו פרעה'ן און בע־פרייען די אידען? און ווען איך וועל קומען צו די אידען און וועל זיי זאָגען, אז דער גאָט פון אונזערע עלטערען האָט מיך געשיקט, און זיי וועלען מיך פרעגען: „ווי הייסט ער?”, וואָס וועל איך זיי זאָגען?” און גאָט האָט געזאָגט: „איך בין דער וואָס איז געווען און וואָס וועט זיין. געה אלזאָ און קלייב צוזאמען די עלטסטע פון די אידען, און זאָג זיי אז איך וועל בעפרייען מיין פאָלק פון דער קנעכטשאפט פון מצרים; און צו פרעה'ן, דעם קעניג פון מצרים, זאָלסטו זאָגען, אז דער אידישער גאָט פאָדערט, ער זאָל לאָזען די אידען געהן אין מדבר צו דיענען צו זייער גאָט.” משה האָט ווידער ציטערנדיג בעמערקט אז ער איז א שטאמלער, און אז איהם וועט זיין שווער זיך אויסצודריקען

פאַר פּרעה'ן. אבער גאָט האָט צוגעזאָגט משה'ן אז ער וועט איהם בײשטעהן און האָט איהם געהייסען זיך נעהמען צו הילף זיין על־טערען ברודער אהרנ'ען. צוזוהערט פון אלץ וואס ער האָט געהערט, האָט משה זיך אומגעקעהרט אין הויז פון זיין שוועהר, האָט גענומען זיין ווייב און קינדער און איז אוועק מיט זיי פון מדין צוריק קיין מצרים.

§22. משה'ס קאַמפּף פאַר בעפרייאונג. משה האָט זיך בעגעגענט מיט זיין ברודער אהרן אין וועג און זיי האָבען ביידע גענומען ארבייטען פאַר דער בעפרייאונג פון זייער פאָלק. קומענ־דיג קיין מצרים האָבען זיי אָנגעזאָגט די אידען די בשורה, אז זיי וועלען אין גיכען בעפרייט ווערען פון קנעכטשאפט. די שקלאַ־פען, אויסגעמאַטערטע פון שווערער ארבייט, האָבען זיך שטארק דערפרעהט. נאָכדעם איז משה מיט אהרנ'ען ערשינען פאַר פּרעה'ן און זיי האָבען איהם ערקלערט דעם פערלאנג פון אידישען גאָט, אז ער זאָל אָבלאָזען די אידען אין מדבר צו דיענען צו איהם. נאָר פּרעה האָט מיט צאָרן געענטפערט: „ווער איז דאס אייער גאָט אז איך זאָל איהם פאָלגען? איך קען ניט אייער גאָט, און די אי־דען וועל איך ניט אָבלאָזען. ווארום קומט איהר, משה און אהרן, און שטערט דאָס פאָלק פון דער ארבייט?“ נאָכדעם האָט פּרעה בעפעהלען די עגיפּטישע אויפזעהער זיי זאָלען פארגעבען די אידען נאָך שווערערע ארבייטען. פריהער פלעגט מען די שקלאַפען געבען גרייטען שטרוי צו מישען מיט די ליים אויף מאכען ציגעל. אבער איצטער האָט מען זיי געצוואונגען צו קלייבען שטרוי אויף די פעל־דער און געפאָדערט האָט מען, אז זיי זאָלען יעדען טאָג ארויסגע־בען דיזעלבע צאָל ציגעל וואָס פריהער. אויף צו אכטונג געבען אויף דער ארבייט האָבען די עגיפּטישע אויפזעהער גענומען ארויס־העלפער פון צווישען די אידען אליין. און ווען די ארבייטער פלע־גען ניט בעוויזען צו מאכען דעם געפאָדערטען סכום ציגעל, פלעגען די מצריים שלאָגען די אידישע אויפזעהער. דאן האָבען די אידישע אויפזעהער גענומען בעשולדיגען משה'ן מיט אהרנ'ען אז מיט זייער אריינמישען זיך האָבען זיי אויפגעוועקט פּרעה'ס צאָרן און נאָך פערערגערט די לאגע פון די אידען.

דעמאָלט, דערצעהלט דער חומש, האָט משה, אויף גאָט'ס בע־

פעהל, בעשלאָסען איינצושרעקען דעם גרויזאַמען קעניג פון מצרים. עס איז נויטיג געווען צו ווייזען דעם געצענדיענערישען פרעה, אז דער אידישער גאָט איז אלמעכטיג, אז ער קען בעפרייען זיין פאָלק אויף א וואונדערליכען אופן און שטרענג בעשטראָפען די אונטער־דריקער. און משה האָט געלאָזט וויסען פרעה׳ן אז אויב ער וועט נישט אָבלאָזען די אידען מיט גוטען וועט גאָט אָנשיקען אויף מצרים פערשיידענע פלאָגען. דער קעניג איז געבליבען פער׳עקשנ׳ט און די וואָרנונגען פון גאָט׳ס שליח זיינען מקוים געוואָרען. צוערשט איז דאָס גאַנצע וואַסער פון דעם טייך ניל געוואָרען רויט ווי בלוט און די מצריים האָבען עס ניט געקענט טרינקען; די פיש פון טייך איז אויסגעשטאָרבען און די לופט איז דערפון שטאַרק פערפעסטעט געוואָרען (דם). אין א קורצער צייט ארום איז דאָס גאַנצע לאַנד, ערד און וואַסער, פאַרפלייצט געוואָרען מיט פרעש (צפרדע). זיי האָבען זיך פאַרפיהרט אויך אין די הייזער און האָבען נישט געלאָזט די מענשען לעבען. פרעה האָט זיך דערשראָקען און האָט געשיקט רופען משה׳ן מיט אהרנ׳ען און זיי געזאָגט: „בעט צו גאָט ער זאָל אָבטהאָן די פרעש פון מיר און מיין פאָלק, און דאַן וועל איך אָבלאָזען די אידען.“ אָבער ווי נאָר זיין בקשה איז ערפילט געוואָרען און די פרעש זיינען פערשוואונדען האָט פרעה חרטה געהאַט און ווידער ניט געוואָלט פריילאָזען די אידען. דאַן האָט גאָט אָנגעשיקט אויף מצרים א נייע שטראָף: דאָס גאַנצע לאַנד איז בעדעקט געוואָרען מיט אומפלויט (כנים), וועלכע האָבען געביסען די מענשען און די פיה. נאָר דער קעניג איז אלץ געבליבען איינגע׳עקשנ׳ט. באלד נאָכדעם האָט זיך אין לאַנד בעוויזען א שרעקליכער היישעריק (ארבה), וואָס האָט פערניכטעט אלע תבואות אויף די פעלדער; עס האָט אויסגעבראָכען א מגפה (דבר) און האָט אוועקגעלעגט א סך פיה; עס איז אראָבגעקומען א האָגעל (ברד) און האָט צובראָכען די ביימער און גע־הרג׳עט א סך מענשען און בהמות; אויף די מצריים איז אָנגעפאַלען א קרעץ (שחין) פון וועלכער די הויט האָט זיך בעדעקט מיט וואונ־דען און געשווירען; צולעצט איז אין לאַנד מצרים אָנגעשטאַנען אזא געדיכטע פינסטערניש (חשך) אז דריי טעג האָבען די מענשען

ניט געקענט זעהן איינער דעם אנדערען און זיינען ניט אויפגעשטאַ־
נען פון זייערע פּלעצער.

דער חומש דערצעהלט, אַז די אַלע אומגליקען האָבען על פּי
נס געטראָפען נאָר די מצריים און ניט די אידען. נאָך יעדער מכה
פלעגט דער אָנגעשראָקענער פּרעה רופען משה'ן און איהם בעטען
ער זאָל מתפּלל זיין צו גאָט ער זאָל אָבטהאָן די צרה, צוזאָגענדיג
דערפאַר אָבצולאָזען די אידישע שקלאַפען; אָבער יעדען מאָל
האָט ער חרטה געהאַט. נאָך דער ניינטער מכה—די דריי טעג
פינסטערניש—האָט שוין פּרעה מסכים געווען אָבצולאָזען די אידען
אין מדבר, אָבער מיט דעם תנאי אַז זייערע הערדען זאָלען בלייבען
אין מצרים. אַזוי ווי משה האָט ניט געוואָלט בעשטעהען אויף
דעם, איז פּרעה געוואָרען אין כעס און האָט ערקלערט, אַז ווען משה
וועט זיך נאָך איינמאָל בעווייזען פאַר איהם, וועט ער איהם לאָזען
הרג'ענען. אָבער משה האָט מיט שטאָלץ געזאָגט: „באַלד וועסטו
אונז אַלעמען אָבלאָזען און וועסט נאָך אפילו אַליין אונז געבען
פיה אויף צו ברענגען קרבנות צו אונזער גאָט.” און ווירקליך,
ווען גאָט האָט אָנגעשיקט אויף מצרים די צעהנטע און לעצטע
מכה, מכת בכורות, פון וועלכער עס זיינען אויסגעשטאָרבען אַלע
בכורים פון די מצריים, צווישען זיי אויך פּרעה'ס עלטסטער זוהן,
—דעמאָלט איז דעם קעניג'ס גרויזאַמע הארץ ווייך געוואָרען. אין
מיטען נאכט האָט ער גערופען משה'ן מיט אהרונ'ען און האָט זיך
ביי זיי געבעטען זיי זאָלען וואָס שנעלער אַוועקפיהרען די אידען
פון מצרים. די מצריים האָבען אונטערגעאיילט די אידען, זאָ־
גענדיג: „געהט אייך אַוועק, אַז ניט וועלען מיר אַלע אויסשטאַר־
בען.” אויף אַזאַ אופן האָבען די אידען נאָך אַ לאַנגער קנעכטשאַפט
מיט אַמאָל געקראָגען פרייהייט.

§23. יציאת מצרים. די אידען האָבען זיך שנעל צוגע־
גרייט אין וועג אריין. אין איין פריהלינג־מאָרגען, דעם פופ־
צעהנטען טאָג אין חדש ניסן, זיינען פון מצרים ארויסגעגאַנגען
אַלע אידען, זעקס הונדערט טויזענד מאַנסבילען, חוץ ווייבער און קינדער.
צו זיי זיינען אויך צוגעשטאַנען אַ סך מענשען פון אנדערע פעלקער
(„ערב רב”). משה איז געגאַנגען בראש פון די בעפרייטע. די
אידען זיינען אַזוי איילענדיג ארויס פון מצרים, אַז זיי האָבען
אפילו קיין צייט ניט געהאַט אָבצובאַקען זיך ברויט אויפ'ן וועג.

זיי האָבען מיטגענומען זייער טייג, וואָס איז נאָך ניט געוועזען זויער, און האָבען אויף גיך אָבגעבאַקען מצות, וועלכע זיי האָבען דאַן געגעסען אנשטאט דעם געוועהנליכען געזויערטען ברויט.

אַז די אידען זיינען אַרויס פון מצרים, האָבען זיי זיך געלאָזט געהן צום מדבר, וואָס ליגט אויפ'ן וועג קיין כנען. עטליכע טעג און נעכט זיינען זיי געגאַנגען אין דער וויסטעניש. ביי טאָג פלעגט פאָראויס פון די וואַנדערער געהן אַ וואָלקען־זייל, צו ווייזען זיי דעם וועג, און ביינאַכט פלעגט זיי בעלייכטען דעם וועג אַ פייער־דיגער זייל. ווען זיי וואָלטען געוועזען געהן מיט דיזען גראדען וועג, וואָלטען זיי גאָר גיך דערגרייכט די גרעניצען פון זייער אייגען לאַנד; אָבער דער אויבערשטער האָט זיי ניט געוואָלט פיהרען מיט'ן גלייכען וועג, טאָמער וועלען די איינוואוינער פון דרום כנען אַרויסגעהן פלוצלינג מיט געוועהר געגען די אידען, וועלכע זיינען נאָך ניט געוועזען צוגעגרייט פאַר מלחמה. דעריבער האָט דער אויבערשטער געהייסען דעם פיהרער פון די אידען ער זאָל זיך פערנעהמען אויף צוריק און ער האָט זיך אָבגעשטעלט מיט'ן פאָלק ביים צונג פון רויטען ים (ים סוף), אויפ'ן גרעניץ פון מצרים, וואו עס איז געשטאַנען אַ טעמפעל פון דעם עגיפטישען גאָט בעל צפון.

דערווייל האָבען די מצריים חרטה געהאַט, וואָס זיי האָבען אַרויסגעלאָזט זייערע קנעכט, די אידען. פרעה האָט זיך דערוואוסט, אַז די אידען האָבען זיך פארקעהרט צום ים האָט ער גערעכענט, אַז דאָס בלאָנדזען זיי, און אַז דער גאָט צפון האָט זיי פאַרשטעלט דעם וועג צום מדבר. האָט דער עגיפטישער קעניג גענומען אַ גרויסען חיל מיט פערד און אייזערנע רייטוועגען און האָט זיך אַוועק־געלאָזען נאָך די אידען צו צווינגען זיי זיך אומצוקעהרען קיין מצרים. די מצריים האָבען אָנגעיאָגט די אידען ביים ים־סוף. ווען די אידען האָבען דערזעהן דעם שונא'ס חיל האָבען זיי זיך שטאַרק דערשראָ־קען און אַ סך פון זיי האָבען אָנגעהויבען קריעגען אויף משה'ן און געזאָגט: „צו־וואָס האָסטו אונז אַרויסגעפיהרט פון מצרים? צי זיינען אין מצרים קיין קברים ניטאָ, וואָס דו האָסט אונז געבראַכט אַהער צו אומקומען אין דער וויסטעניש?" אָבער משה האָט די שוועכלינגע ערמוטיגט. „האָט נישט קיין מורא" — האָט ער גע־זאָגט — „איהר וועט נאָך היינט זעהן דעם נס, וואָס גאָט וועט מיט אייך טהאָן. היינט זעהט איהר נאָך די מצריים, אָבער איהר וועט

זיי שוין קיינמאָל מעהר ניט זעהן." אוןווירקליך, אין דער נאַטור איז געשעהן עטוואָס אונגעוועהנליכעס, אַ וואונדער וואָס האָט גע־מאַכט אויפשווידערען אַלע פעלקער, וועלכע האָבען דערפון געהערט. אַ שטאַרקער מזרח־ווינד האָט אָבגעטריבען אָן אַ זייט די וואַסער אין דעם שמאָלען וואַסער־צונג פון רויטען ים, אַזוי אַז אין איין אָרט האָט זיך כמעט געוויזען דער גרונד פון ים. די אידען זיינען שנעל אריבער אויף דעם דאָזיגען אָרט אַזוי ווי אויף דער טריקעניש. אָבער ווען די מצריים האָבען זיך אַ וואָרף געטהאָן נאָך זיי האָט זיך דאָס וואַסער צוריק אַ גאָס געטהאָן אין זיין פריהערדיגען פּלאַץ און אין איין אויגענבליק איז דאָס גאַנצע עגיפּטישע חיל מיט זיינע רייטוועגען און פערד דערטרונקען געוואָרען.

גרויס איז געווען די פרייד פון די אידען ווען זיי זיינען איינ־גאַנצען פּטור געוואָרען פון זייערע שונאים. אויפ'ן ברעג פון רוי־טען ים האָט דאָס באַפרייטע פאָלק געזונגען שירה, לויבענדיג גאָט און זיין שליח משה'ן. משה'ס שוועסטער, מרים, האָט גענומען אַ פּויק אין די הענד און האָט אויך געזונגען אַ זיעג־ליעד און נאָך איהר זיינען אַרויס פרויען מיט פּויקען אין די הענד און האָבען געזונגען און געטאַנצט. די שירה האָט זיך אָנגעהויבען מיט די ווערטער: „זינגט צו גאָט ווייל ער האָט זיך דערהויבט, דעם פערד מיט זיין רייטער האָט ער געוואָרפען אין ים!" דאָס פאָלק האָט זיך געפרעהט ביי דעם געדאַנק אַז עס איז בעפרייט געוואָרען פון פיעל־יעהריגער קנעכטשאַפט און געהט אין דעם לאַנד פון זיינע עלטערן, קיין כנען.

§24. היסטאָרישע אויספיהרונגען. פון די ווייסענ־שאַפטליכע פאָרשונגען אין דער געשיכטע פון דעם מזרח איז נאָך ניט מעגליך פעסטצושטעלען גענוי ווען די אידען האָבען זיך בעזעצט אין מצרים און ווען זיי זיינען פון דאָרט אַרויס. פונדעסטוועגען איז מעגליך דורך די דאָזיגע פאָרשונגען צו בע־שטימען פיעל־ווייניג די פערבינדונג צווישען דער אידישער גע־שיכטע און דער געשיכטע פון מצרים אין יענער ווייטער עפּאָכע.

אויפ'ן עגיפּטישען טראָהן פלעגען זיך די קעניגליכע דינאַס־טיעס אָפט בייטען. די קעניגליכע ממשלה פלעגט פערכאַפּען דאָס איינער, דאָס אַ צווייטער פון די עגיפּטישע קריעגספיהרער

אדער פרעמדע בעזיעגער, און האלטען זיי א געוויסע צייט אין זיין איינענער דינאסטיע. אין דער צייט ווען עס האט גע־הערשט די 17טע דינאסטיע, אין ערך 2000 יאהר פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג, איז א בעדייטענדער טייל פון מצרים געווען בעזיעגט פון וואנדערנדע סעמיטען פון מדבר, וועלכע די עגיפטישע אויפשריפטען רופען „שאסו“ (וואנדערער, בעדואי־נען) און די שפעטעריגע גריכישע שרייבער רופען אן „היקסען“. די היקסען האבען אין פערלויף פון דריי אדער פיער הונדערט יאהר געוועלטיגט אין מצרים און האבען דארט בעפעסטיגט זיי־ער „פאסטוכער־דינאסטיע“. פאר איינעם פון די פרעה'ס פון אט יענער סעמיטישער דינאסטיע, זעהט אויס, האבען די אידען איינגעוואנדערט קיין מצרים. דעמאלט האט עס געלעבט יע־נער פרעה, וועלכער האט, לויט דער ביבלישער ערצעהלונג, גע־מאכט דעם אידען יוסף פאר זיין שני־למלך און האט ערלויבט זיינע קרובים איבערוואנדערען פון כנען און זיך בעזעצען אין דער עגיפטישער פראווינץ גושן. אין גושן האבען די אידען געלעבט אלס פריעדליכע פאסטוכער, און טיילווייז ערדארביי־טער, ביז עס האט זיך געענדיגט די הערשאפט פון די היקסען אין מצרים. ארום 1600 יאהר פאר דער איצטיגער צייטרעכ־נונג איז די פרעמדע פאסטוכער־דינאסטיע ארונטערגעווארפען געווארען אין מצרים האט זיך צוריק בעפעסטיגט די מעכטיגע נאציאנאלע דינאסטיע פון די פרעה'ס, די טעבאנישע אדער די 18טע. די שנאה פון די תושבים צו זייערע געוועזענע אונטער־דריקער, די היקסען, האט זיך איצט פארשפרייט אויף אלע סע־מיטען־פאסטוכער, און איבערהויפט אויף די אידען, וועלכע הא־בען געוואוינט אין גושן. און מען האט זיי געמאכט פאר קנעכט. די מלכים פון דער נייער דינאסטיע, פאר וועלכע מיליאנען שקלאפען האבען געבויט שטעדט, פראכטפולע טעמפלען, דענק־מעלער און פיראמידען, האבען איינגעשפאנט אויך די אידען אין דער דאזיגער צוואנג־ארבייט. איינער פון די דאזיגע מלכים איז עס געווען דער „מלך חדש“, דער נייער קעניג, פון וועלכען עס זאגט זיך אין חומש, אז ער האט פיינט געהאט די אידען און האט זיי געהייסען פערשקלאפען.

פון די צוויי שטעדט וואָס די אידען האָבען אויסגעבויט אין מצרים, פּיתם און רעמסס, איז דער אנדערער נאָמען נאָך צוויי פּרעה'ם פון דער 19טער דינאַסטיע, רעמסס דעם ערשטען, און רעמסס דעם צווייטען. פאַר רעמסס דעם צווייטען (אין יאָהר 1300), וועלכער איז בעריהמט פאַר זיינע גרויסע עראָ־בערונגען און ריעזיגע געביידען, האָבען די אידען איבערגעלעבט די גאַנצע ביטערקייט פון דער קנעכטשאַפט אין מצרים. ערשט אין דער צייט פון זיין נאָכפאָלגער מענעפּטא דעם ערשטען, ווען די מאַכט פון מצרים האָט אָנגעהויבען צו זינקען צוליעב די מרידות פון די קנעכט אין לאַנד אינוועניג און די אָנפאַלען פון וואַנדערענדע שבטים פון דרויסען, האָבען די פערשקלאַפטע אידען געקענט זיך בעפרייען פון זייערע אונטערדריקער. זיי האָבען איינגאַנצען פערלאָזען מצרים און זיינען אַוועק אין די שכנ'ישע מדבריות, וואו עס האָבען אומגעוואַנדערט זייערע קרוב'ישע סעמיטישע שבטים. אויף אַזאַ אופן איז יציאת מצרים פאָרגעקומען, לויט די חשבונות פון די עגיפּטאָלאָגען, ארום 1250 יאָהר פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג, דאָס הייסט, ארום 3150 יאָהר פאַר אונזער צייט.

דער העלד פון דער בעפרייאונג פון דעם אידישען פאָלק איז געווען דער גרעסטער פון זיינע זיהן — משה. ער קומט ארויס פון דעם פּריסטער־שבט לוי, וועלכער איז, לויט דער מסורה, נישט געווען פערשקלאַפט ביי די מצריים. די שקלאַפעריי פון די אידען וועקט אויף אין משה'ן אַ געפיהל פון רעליגיעזען און נאַציאָנאַלען פּראָטעסט. ער פערלאָזט דאָס לאַנד פון קנעכטשאַפט און וואוינט לאַנג אין דעם דערביי־איגען מדבר, נעבען באַרג סיני אָדער חורב. דאָ האָבען גע־לעבט די קינים, וועלכע זיינען געווען אַ צווייג פון די מדינים און זיינען דעריבער געווען פערוואַנדט מיט די אידען. משה נעהמט זיך פאַר אַ ווייב די טאָכטער פון אַ כהן פון דעם דאָזיגען שבט. עס איז פאַראַן אַ השערה, אַז די מענשען פונ'ם שבט הקיני זיינען מיט זייער גלויבען געשטאַ־נען נאָהנט צו דעם גלויבען אין אַן איינציגען גאָט,

אויף אזא אופן האָט זיך משה אין דער וויסטעניש נעבען מצרים געקראָגען פריינד צווישען די קעניטען. ערמונטערט דערפון, קעהרט ער זיך אום קיין מצרים, הויבט אויף דעם גייסט פון זיין פערשקלאַפטען פאָלק און פיהרט זיי ארויס מיט דער הילף פון איבערנאַטירליכע וואונדער פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט.

## דריטער קאַפּיטעל.

# די אידען אין מדבר.

§25. פון ים־סוף ביז'ן באַרג סיני. פון ים־סוף האָט משה אוועקגעפיהרט די אידען אין מדבר שור. דאָ אין דעם זאַמדיגען מדבר האָבען די וואנדערער שטאַרק געליטען פון א דוחק אין וואסער. אין איין אָרט האָבען זיי געפונען וואסער, אָבער מען האָט עס ניט געקענט טרינקען, ווייל עס איז געווען ביטער. דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבען קריעגען אויף משה'ן. דאַן האָט משה אריינגעוואָרפען אין דעם וואסער א געוויסען האָלץ, און דאָס וואסער איז געוואָרען זיס. נאָכדעם האָבען זיי אָנגעטראָפען אין מדבר אַן אָאַזיס (אַן אָרט אין א וויסטעניש וואָס איז בעדעקט מיט פלאַנצען), מיט'ן נאָמען אלים, וואו עס האָבען געשלאָגען קוואַלען און עס זיינען געוואַקסען פאַלמען.

פון דאַנען זיינען זיי אוועק אין מדבר סין, און דאָ האָט זיי אויסגעפעהלט שפּייז. דאָס פאָלק האָט ווידער אָנגעפאַנגען צו קלאָגען אויף משה'ן און אהרנ'ען, און געזאָגט: „אין מצרים זיינען מיר געזעסען איבער'ן קעסעל פלייש און געגעסען ברויט צו דער זעט, און איצט האָט איהר אונז ארויסגעפיהרט אין דער וויסטעניש, צו טויטען אונז אַלעמען דורך הונגער." אויף מאָרגען אין דער פריה, ... די אידען זיינען אויפגעשטאַנען, האָבען זיי דער־

זעהן אויף דער ערד ארום זייער לאגער עפּעס ווייסעס, אזוי ווי קלעפּיגע גרייפּעלעך. *)

„אָט האָט אייך גאָט געשיקט ברויט" — האָט משה געזאָגט — „איהר וועט עס קלייבען יעדען פריהמארגען צו איין מאָס אויף א מענשען. און דעם זעקסטען טאָג פון וואָך זאָלט איהר אָנקלייבען צוויי מאָל אזוי פיעל, כדי אָנצוגרייטען אויף שבת". די אידען האָבען גענומען קלייבען די ווייסע גרייפּעלעך, און האָבען עס א נאָמען געגעבען מן. פון דעם מן האָבען זיי זיך געבאַקט זיסע קוכען און געקאָכט זופּ. דער מן פלעגט פאלען יעדען פריהמאָרגען, און בייטאג פלעגט ער צוגעהן פון די שטראהלען פון דער זון און פערשווינדען. ער האָט געשפּייזט די אידען די גאנצע צייט פון זייער וואנדערונג אין דער וויסטעניש.

אין קורצען נאָכדעם זיינען די אידען אנגעקומען אין א באר־גיגען געגענד, רפידים. דאָ איז אויף זיי אנגעפאלען דער ווילדער שבט עמלקים, וואס האָט זיך אומגעטריבען אין דעם מדבר. משה האָט ארויסגעשיקט אנטקעגען די עמלקים א מחנה קריעגער אונטער דער פיהרערשאפט פון זיין תלמיד און העלפער יהושע בן־נון. דער יונגער העלד האָט אבגעשלאָגען דעם אנפאל פון די מדבר־רויבער, און די בערוהיגטע אידען האָבען זיך געריהרט וויטער אין וועג אריין.

אין א קורצער צייט ארום זיינען זיי אָנגעקומען אין מדבר סיני (דער האלב־אינזעל סיני). זיי האָבען זיך אויסגעלעגט מיט זייער לאגער נעבען דעם הייליגען בארג חורב, וועלכער ווערט אויך אָנגערופען מיט'ן נאָמען פון דעם מדבר סיני, דארט וואו אמאָל האָט זיך גאָט בעוויזען צו משה'ן אין א ברענענדיגען דארנבוים. ארום דעם בארג האָבען געלעבט די מדינים, צווישען וועלכע דער אידי־שער פיהרער האָט פערבראַכט זיין יוגענד. ווען יתרו האָט זיך דערוואוסט, אז זיין אידים משה איז אָנגעקומען, איז ער געגאנגען צו איהם. יתרו האָט זיך דערפרעהט ווען מען האָט איהם דער־צעהלט ווי אזוי די אידען האָבען זיך בעפרייט פון דעם יאָך פון

*) אין אייניגע ערטער אין אראבישען מדבר טריפט אָפּטמאָל פון די קוסטעס א מין גערדיכטע זאַפט, וואָס איז זיס ווי האָניג. די אראבער קלייבען עס אויף און עסען עס.

מצרים. לעבענדיג אין דעם אידישען לאגער, האָט יתרו בעמערקט, אז משה איז פון בעגינען ביז שפעט ביינאכט פארנומען מיט פער־וואלטען דאס פאָלק און ריכטען זיינע משפטים. און ער האָט איהם געזאגט: „דו טהוסט נישט גוט וואס דו פערוואלטעסט דאס פאָלק אליין; דו וועסט דאָך אזוי פערמאטערען זיך און דאס פאָלק. מיין עצה איז, אז דו זאלסט אויסקלייבען פון צווישען פאָלק עהר־ליכע און קלוגע לייט, און זאלסט זיי בעשטימען פאר עלטסטע, וועמען איבער טויזענד מענשען, וועמען איבער הונדערט, און וועמען איבער צעהן. זיי וועלען פערוואלטען דאס פאלק, און פסק'נען אלע זיינע משפטים, און צו דיר וועלען זיי זיך ווענדען נאָר אין בעזונדערס וויכטיגע ענינים“. משה'ן איז דער פלאן געפעלען גע־וואָרען און ער האָט געטהאָן ווי זיין שוועהר האָט איהם געראטען.

§26. מתן תורה. צוויי חדשים זיינען אריבער זינט די אידען זיינען ארוים פון מצרים. די אידען זיינען געווען פריי און זיינען געגאנגען קיין כנען, דארט צו אָנהויבען לעבען אלס א זעלבסטשטענדיג פאלק. אָבער איידער זיי זיינען אריינגעטראטען אין דעם אייגענעם לאנד, האָבען די בעזונדערע אידישע שבטים גע־דארפט פעראייניגט ווערען דורך איינהייטליכע געזעצע און כללים פון לעבען. ביז איצט האָבען די אידען אויפגעהאלטען זייער אל־טען גלויבען אין אן איינציגען גאָט און אבגעהיט איינינע מנהגים, וואס זיי האָבען גע'ירש'עט פון זייערע אבות. אבער קיין קלארען בעגריף וועגען גאָט און וועגען דעם אמת'ן גלויבען האָבען זיי נישט געהאט; זיי האָבען אויך נישט געהאט קיין פעסטגעשטעלטע גע־זעצען פון געזעלשאפטליכען און מאָראלישען לעבען. זייענדיג לאנג אין מצרים, האָבען איינינע דארט איבערגענומען היידנישע מנהגים. עס איז דעריבער נויטיג געווען צו ווייזען די אידען אין וואס עס בעשטעהט זייער אמת'ע אמונה און נאָך וועלכע געזעצען זיי דארפען זיך פיהרען. די דאָזיגע גרויסע געשעהעניש איז פאָר־געקומען ביים בארג סיני.

נאָכדעם ווי די אידען האָבען אויפגעשלאָגען זייערע געצעלטען נעבען דעם דאָזיגען בארג, האָט זיי משה צוזאמענגערופען און זיי געזאגט אין נאָמען פון גאָט: „איהר האָט געזעהן וואס גאָט האָט געטהאָן צו די מצריים. ער האָט אייך געטראגען אויף אדלער־



דער בארג סיני

פליגעל און איך געבראכט צו איהם. אויב איהר וועט פאָלגען גאָט און וועט אָבהיטען זיינע געבאט וועט איהר זיין פאר איהם דאָס טייערסטע פון אלע פעלקער אויף דער ערד. איהר וועט זיין א קעניגרייך פון כהנים און א הייליגעס פאלק". אויסהערענדיג די דאָזיגע ווערטער, האָט דאס פאָלק אויסגעשריען: „אלץ וואס גאָט האָט געזאגט וועלען מיר פאָלגען!“ נאָכדעם האָט משה אנגעזאגט די אידען זיי זאָלען זיך וואשען און רייניגען אין פערלויף פון צוויי טעג, כדי צו מאכען זיך גרייט פאר דער גרויסער געשעהעניש. אויפ'ן דריטען טאָג אין דערפריה האָט משה ארויסגעפיהרט די אידען פון לאגער און האָט זיי אויסגעשטעלט אין א לאנגער קייט ביי די פיס פון דעם בארג סיני, און האָט זיי אנגעזאגט, אז העכער אויפ'ן בארג זאָל קיינער ניט ארויף.

פון פריהען מאָרגען איז דער בארג געשטאַנען איינגעהילט אין געדיכטע וואלקענס; דונערען האָבען געקנאלט און בליצען האָבען געבליצט. דער שפיץ פון בארג האָט אלע ווייל אויפגעפלאַ־קערט. דער גאנצער סיני איז געשטאַנען אין פלאַמען און אין רויך. משה איז ארויף אין דער הויך און צווישען קראכענדע דו־נערען און פייערדיגע בליצען האָט זיך פון דעם שפיץ פון בארג צולאזט א מעכטיגע שטים. און דאס פאָלק האָט דערהערט פאל־גענדע ווערטער, אין וועלכע עס זיינען ענטהאלטען די גרויסע גע־באָטען פון דער אידישער רעליגיאָן:

א) איך בין גאָט, דיין גאָט, וואס האָט דיך ארויסגעפיהרט פון לאנד מצרים, פון דעם הויז פון קנעכטשאפט.

ב) זאָלסט ניט האָבען קיין אנדערע געטער חוץ מיר; דו זאָלסט זיך ניט מאכען קיין אבגעטער און קיין געשטאלט, וואס איז אין הימעל אויבען, און אויף דער ערד אונטען, און אין וואסער אונטער דער ערד. און זאלסט זיך צו זיי ניט בוקען, און זאָלסט זיי ניט דיענען.

ג) דו זאלסט ניט ארויסרעדען גאָט'ס נאָמען צו פאלשקייט.

ד) געדענק צו האלטען הייליג דעם טאג שבת: זעקס טעג זאָלסטו ארבייטען און טהאָן דיין מלאכה, און דער זיבעטער טאָג זאָל זיין א רוה־טאָג צו דיין גאָט; זאָלסט ניט טהאָן קיין ארבייט, דו, און דיין זוהן און דיין טאָכטער, דיין קנעכט און דיין דיענסט,

און דיין פּיה, און דער פּרעמדער וואס וואוינט אין דיינע טויערען.

ה) זאָלסט אבגעבען כבוד דיין פאטער און מוטער, כדי עס זאָלען לאנג זיין דיינע טעג אויף דער ערד וואס גאָט גיט צו דיר.

ו) זאלסט ניט מאָרדען.

ז) זאלסט ניט זיין אויסגעלאסען.

ח) זאלסט ניט גנב׳ענען.

ט) זאלסט ניט פאלש עדות זאגען געגען דיין חבר.

י) זאָלסט ניט גלוסטען דאס הויז פון דיין פריינד; זאלסט ניט גלוסטען די ווייב פון דיין פריינד און זיין קנעכט און זיין דיענסט, זיין אָקס און זיין עזעל און אלץ וואס געהערט צו דיין פריינד.

דאָס פאָלק, וואס איז געשטאנען צופוסענס דעם בארג סיני האָט מיט ציטערניש אויסגעהערט די דאָזיגע הויכע געבאטען פון גלויבען, גוטסקייט און עהרליכקייט, און איז זיך צוגאנגען איבער די געצעלטען. אָבער משה איז נאָך געבליבען אויפ׳ן בארג סיני פערציג טעג און פערציג נעכט. דא, דערצעהלט דער חומש, האָט איהם גאָט איבערגעגעבען נאָך פיעל געזעצען, וועלכע לערנען ווי אזוי יעדער איד דארף לעבען און זיך אויפפיהרען אין זיין פאמי־ליע און אין דער געזעלשאפט. כדי צו פעראייביגען די תורה וואס איז געגעבען געווארען אויפ׳ן בארג סיני האָט משה אויסגעקריצט די וויכטיגסטע צעהן געבאָט אויף צוויי שטיינערנע טאָוולען, אדער לוחות, וועלכע האָבען געדארפט געהיט ווערען צווישען פאלק ווי א הייליגקייט. אלע איבעריגע געזעצען זיינען שפעטער פערשריבען געווארען אין א בוך, מיט׳ן נאָמען „ספר הברית“, דאָס בוך פון בונד.

§27. דער עגל. נאָר ניט דאס גאנצע אידישע פאלק האָט פערשטאנען די גרויסע אמת׳ען וואס זיינען ארויסגעזאגט געוואָרען אויף דער הויך פון בארג סיני. צווישען די אידען זיינען געווען א סך פינסטערע מענשען וואס האָבען אוועקגעטראגען פון מצרים פאלשע בעגריפען און א נייגונג צו געצענדיענסט. די דאָזיגע מענ־שען האָבען געוואלט, אז דער אידישער גאָט זאָל, אזוי ווי די הייד־נישע אבגעטער, פארגעשטעלט ווערען אין דער געשטאלט פון א געצענבילד, וועלכען מען קען זעהן מיט די אויגען און אָנטאפען מיט

די הענד. זעהענדיג אז משה זאמט זיך לאנג אויפ'ן בארג סיני, האָבען זיי גענומען פאדערען פון אהרנ'ען, אז ער זאָל זיי מאכען א בילד פון גאָט אין דער געשטאַלט פון א קאלב, עהנליך צום עגיפּ־טישען געץ, דעם אקס אפּיס. אהרן איז געצוואונגען געווען צו טהאָן דעם ווילען פון דעם פּראסטען המון. די אידען האָבען געבראכט צו אהרנ'ען זייער גאָלדענע צירונג. ער האָט דאָס גאָלד צושמאָל־צען און אויסגעגאסען דערפון א געץ אין דער פאָרמע פון א קאלב. דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבען טאנצען ארום דעם גאָלדענעם קאלב און האָט געשריען: „אָט איז אונזער גאָט, וואס האָט אונז ארויס־געפיהרט פון מצרים". פאר'ן עגל האָט מען אויסגעבויט א מזבח און מען האָט געבראכט קרבנות פון הויזליכע פיה. און דאָס פאָלק האָט געהוליעט און זיך פרעהליך געמאכט.

דערווייל האָט משה, נאָך פערציג טעג זאמען אויפ'ן הייליגען בארג, זיך אומגעקעהרט אין אידישען לאגער און אין די הענד האָט ער געהאַלטען צוויי לוחות מיט די עשרת הדברות אויסגעקריצט אויף זיי. נאָך פון דערווייטענס האָט ער דערהערט דעם טומעל פון א סך שטימען. אריינטרעטענדיג אין לאגער און דערזעהענ־דיג ווי דאס פאָלק טאנצט ארום א גאָלדענעם קאלב, איז ער אריינ־געפאלען אין א שרעקליכען צארן. ער האָט געטראגען פון סיני צום פאָלק די לעהרע פון דעם אמת'ן גאָט און פּלוצלינג זעהט ער ווי דאָס דאָזיגע פאָלק טאנצט ארום א געץ! פאר כעס האָט משה א שליידער געטהאָן די שטיינערנע לוחות אויף דער ערד און האָט זיי צושמעטערט אויף שטיקלעך. דאן האָט ער געחאפּט דעם גאָלדע־נעם געץ און איהם אריינגעווארפען אין פייער. דערנאָך האָט משה אויסגערופען: „ווער צו גאָט — צו מיר!" און געקומען זיינען אלע פון משה'ס אייגענעם שבט לוי, וועלכע האָבען זיך ניט פעראומ־ווערדיגט דורך בוקען זיך צום געץ. בעוואפענטע לויים האָבען זיך ארויפגעווארפען אויף דעם המון, וואס האָט זיך געבוקט צום גאָל־דענעם קאלב און א סך פון זיי גע'הרג'עט.

א לאנגע צייט איז משה געווען אין כעס אויף די אידען פאר דער בעגאנגענער זינד, נאָר ענדליך, זעהענדיג אז דאס פאָלק האָט חרטה, איז זיין כעס געשטילט געווארען. משה האָט אויסגעהאקט נייע לוחות, און האָט אויף דאָס ניי אויסגעקריצט אויף זיי די

עשרת הדברות. צופוסענס פון בארג סיני האָט מען אויפגעשטעלט א נייעם מזבח פון צוועלף גרויסע, ניט ארומגעהאקטע שטיינער, נאָך דער צאָל פון די צוועלף אידישע שבטים. ווען משה איז צום צווייטען מאָל ארונטער פון בארג סיני מיט די נייע לוחות איז זיין געזיכט געווען ארומגערינגעלט מיט א שטראהלענדען שיין. די אידען האָבען דערפיהלט א יראת־הכבוד צו זייער גרויסען פיה־רער און האָבען אָנגעהויבען גלויבען אז גאָט רעדט צו זיי דורך איהם.

§23. דער משכן און דער אידישער לאַגער. ווען די אידען האָבען געלעבט אין מדבר סיני האָט זיי משה געהייסען אויסבויען א בעוועגליכען געצעלט, וועלכער זאָל דיענען אלס גאָט'ס הויז פאר'ן וואנדערנדען פאלק. מיט פרייד האָבען זיך די אידען גענומען פאר דער ארבייט. יעדערער, ווער וויפיעל ס'האָט געקענט, האָט געבראכט עפּעס פון בוי־מאטעריאל: האָלץ, מעטאלען, פער־שיידענע געוועבען, און פעל פון חיות. פאר אויפזעהער איבער דער ארבייט האָט משה בעשטימט צוויי מענשען, בצלאל און אהליאב, וועלכע האָבען זיך אין מצרים אויסגעלערנט די קונסט פון בויען. אין גיכען איז דער געצעלט פארטיג געווען. אין מיטען געצעלט איז געשטאַנען אַן ארון, בעפּוצט פון אויבען מיט געפליגעלטע פי־גורען, אדער כרובים; אין דעם דאָזיגען ארון האָט מען געהיט דאס גרעסטע היילינטום פון פאָלק — די שטיינערנע לוחות מיט די עשרת הדברות. דער געצעלט איז געווען ארומגערינגעלט מיט א הויף, און אין מיט'ן הויף איז געשטאַנען א מזבח פאר קרבנות. דער דאָזיגער גאנצער געביי האָט געהייסען אהל־מועד, אדער משכן. אהרן און זיינע זיהן זיינען בעשטימט געווארען פאר די כהנים פוי דעם משכן און א סך לויים האָבען דאָרט געדיענט אלס ארויס־העלפער. פאר די היילינע דיענער איז בעשטימט געווארען א בע־זונדער קליידונג.

דער אהל־מועד איז געשטאַנען אין מיטען פון דעם אידישען לאגער. דער דאָזיגער לאגער איז געווען אויסגעשטעלט אזוי ווי א קריעגס־לאגער, ווארום די אידען האָבען זיך געגרייט איינצונעהמען כנען. משה האָט געמאכט פאר א חוב אויף אלע געזונטע מאנס־לייט, אָנפאנגענדיג פון דעם עלטער פון צוואנציג יאהר, צו דיענען




דער משכן און דער אידישער לאַגער אַרום איהם

אין מיליטער. בלויז די לויים, וועלכע זיינען געווען בעשטימט פאר'ן משכן, זיינען געווען פריי פון מיליטערדיענסט. איינגאנצען, אויסער די לויים, זיינען געווען צוועלף שבטים (ווארום יוסף'ס שטאם האט זיך געטיילט אויף צוויי שבטים, אפרים און מנשה). זיי זיינען געווען אויסגעשטעלט ארום דעם משכן אין קריעגס־גע־צעלטען. אם נאָהנטסטען צום משכן זיינען געשטאנען די געצעל־טען פון דעם שבט לוי, צו וועלכען עס האבען געהערט משה, אהרן און אלע בעדיענער פון דעם משכן. ארום דעם שבט לוי האבען געלאגערט די איבעריגע צוועלף שבטים, צו דריי אויף יעדער זייט; יעדע דריי שבטים האבען געבילדעט א בעזונדער מחנה, און האָ־בען געהאט אן אייגענע פאָהן. יעדער שבט האט געהאט זיין עלט־סטען. ווען מען האט זיך געדארפט לאָזען אין וועג אריין פלעגען די כהנים בלאָזען אין שופרות, און אלע מחנות פלעגען זיך אָנ־הויבען ריהרען אין דער זעלבער ארדנונג ווי זיי זיינען געשטאנען; די לויים זיינען געגאנגען אין מיטען, טראגענדיג אויף די הענד דעם אהל מועד און דעם ארון קודש, און ארום זיי — די פיער מחנות מיט זייערע פאהנען. צו די אידען איז צוגעשטאנען א מחנה פון מדינים, אונטער דער פיהרערשאפט פון חובב, א ברודער פון משה'ס ווייב. חובב האט גוט געקענט אלע וועגען פון דעם מדבר און איז געווען ניצליך פאר די אידען אלס א געניטער וועגווייזער.

§29. די מרגלים; קרח'ס אויפשטאנד. אין ערך א יאָהר האבען די אידען אבגעלעבט אין מדבר סיני. נאָכדעם ווי זיי האבען געפייערט דעם צווייטען פסח נאָך זייער בעפרייאונג פון מצרים, האבען זיי זיך אין פריהלינג געלאזט געהן ווייטער צו כנען. נאָך א צייט וואנדערען זיינען זיי אנגעקומען קיין קדש. דאָס איז געווען אן אָאזיס, ניט ווייט פון דעם גרעניץ פון דרום כנען. עס איז געקומען די צייט ארייננצוטרעטען אין דעם אייגע־נעם לאנד. די אידען האבען אויפגעשלאָגען זייער לאגער אין קדש און האבען אויסגעקליבען פון צווישען זיך צוועלף מענשען, צו איינעם פון איטליכען שבט, און זיי געשיקט פאראויס קיין כנען אויסצוקוקען דאס לאנד, צו זעהן וואס פאר אן ערד דאָרט איז, וואס זיינען איהרע פלאנצען און די מענשען וואס וואוינען דארט. צווי־שען די דאָזיגע אויספארשער, אדער מרגלים, זיינען געווען די

קריעגספיהרער יהושע בן־נון פון שבט אפרים און כלב בן יפונה פון שבט יהודה. די מרגלים זיינען דורכגעגאנגען דאס גאנצע לאנד כנען, פון דרום ביז צפון, און האָבען עס אויסגעקוקט. נעבען חברון האָבען זיי אבגעשניטען עטליכע פירות פון בוימער און עטליכע הענגלען וויינטרויבען, וועלכע זיינען געוועזן זעלטען מיט זייער גרויס, און האָבען עס מיטגענומען צו ווייזען די אידען.

אין פערציג טעג ארום זיינען די מרגלים געקומען צוריק אין אידישען לאגער אין קדש און האָבען דערצעהלט פאלגענדעס: „מיר זיינען דורכגעגאנגען דאס גאנצע לאנד כנען. די ערד דאָרט איז ווירקליך רייך און פרוכטבאר, און אָט זיינען איהרע פירות. נאָר דאָס פאלק וואס וואוינט דארט איז זעהר שטארק, און זיינע שטעדט זיינען גרויסע און בעפעסטיגטע. מיר האָבען דארט גע־זעהן מענשען־ריעזען, אנטקעגען וועלכע מיר האָבען אויסגעזעהן ווי פליגען“. און די שליחים, אויסער כלב'ן און יהושע'ן, האָבען ער־קלערט, אז עס איז קיין האָפנונג ניטאָ איינצונעהמען כנען. די רייד פון די מרגלים האָבען ארויסגערופען גרויס טרויער אין פאלק. א סך האָבען געוויינט, און די וואס האָבען זיך נאָך ניט אבגע־וועהנט פון קנעכטשאפט, האָבען געשריען, אז מען דארף זיך אומ־קעהרען צוריק קיין מצרים. כלב און יהושע האָבען געפרובט בע־רוהיגען דאס פאלק: „אויב גאט וועט זיין בארמהערציג מיט אונז וועט ער אונז אריינפיהרען אין דיזען לאנד, און וועט עס אונז אב־געבען, אבוואהל דארט וואוינען שטארקע מענשען. שרעקט אייך ניט פאר זיי!“ אבער דער אויפגערעגטער המון האָט ניט גע־הערט די צוויי מוטיגע שליחים און האָט אפילו געוואָלט זיי פער־שטיינען.

דאָס אלץ האָט משה'ן טיעף געקרענקט. ער האָט ענדליך פערשטאנען, אז מיט אזעלכע מענשען, וואס די לאנגע קנעכטשאפט אין מצרים האָט דערשלאגען זייער מוט, וועט זיין אונמעגליך איינ־צונעהמען כנען, און אז מען דארף ווארטען ביז עס וועט אויפקומען א נייער דור, וואס וועט זיין אויפגעוואקסען אין פרייהייט. האָט ער ערקלערט די אידען, אז זיי וועלען אומוואנדערען אין דעם מדבר נאָך פערציג יאָהר, אזוי לאנג ביז עס וועט אינגאנצען אויסשטארבען דער אלטער דור וואס איז ארויס פון מצרים, און

עס וועט אויסוואקסען דער יונגער דור, וואָס וועט זיין מעהר מוטיג און פעהיג אויף געוואַגטע מלחמות, און זיי, די נייע מענשען, וועלען אריינטרעטען אין כנען. און משה האָט בעפעהלען צו לאָזען זיך ווייטער וואנדערען איבער דער ברייטער וויסטעניש, פאַזע דעם רויטען ים. ווען דאָס פאָלק האָט עס דערהערט איז עס אריינגעפאַלען אין טיעפען טרויער. אייניגע ענטשלאָסענע מענשען האָבען ניט געוואָלט פאָלגען משה'ן. זיי האָבען זיך אָבגעטיילט פון לאַגער און זיינען אוועק גלייך אין די בערג, אין דער זייט פון כנען. נאָר דאָ זיינען פון די בערג ארונטערגעלאָפען די ווילדע עמלקים און האָבען זיי צוטריבען.

נאָך דער דאָזיגער געשיכטע האָט זיך דער גרעסטער טייל אידען אונטערגעגעבען דעם ווילען פון משה'ן. אָבער אין א געוויסען טייל פון פאָלק האָט נאָך געגליהט אן אונצופריעדענקייט מיט דער אונבעגרענצטער מאכט פון דעם גרויסען פיהרער. די דאָזיגע אונצופריעדענקייט האָט ארויסגעפלאצט אין דעם אויפשטאַנד פון קרח'ן. צוויי הונדערט און פופציג חשוב'ע לייט, וועלכע זיינען געוועזן אָנגעפיהרט פון קרח'ן פון שבט לוי, און דתן און אבירם פון שבט ראובן, האָבען מורד געוועזן געגען משה'ן און אהרנ'ען. „גענוג אייך צו הערשען!“ — האָבען געשריען די מורדים — אונזער גאַנצע עדה איז הייליג; וואָרום זשע שטעלט איהר זיך העכער פון דעם גאַנצען פאָלק פון גאָט?“ זיי האָבען פאָרגעוואָרפען משה'ן, למאי ער האָט די אידען ארויסגעפיהרט פון מצרים און קיין כנען האָט ער זיי ניט געבראַכט, און ער צווינגט זיי אלעמען אומקומען אין דער וויסטעניש. דאָס פאָלק האָט זיך גענומען קלייבען ארום די געצעלטען פון די מורדים, און עס איז געוועזן א סכנה, אז דער אויפשטאַנד וועט זיך צעוואַקסען. דעמאָלט, דערצעהלט דער חומש, האָט משה בעפעהלען דאָס פאָלק אָבצוטרעטען פון די געצעלטען פון די דאָזיגע שווערפערזינדיגטע מענשען. און ווי נאָר דאָס פאָלק איז אָבגעטראָטען איז געשעהן א וואונדער: אויף יענעם אָרט, וואו עס איז געשטאַנען קרח מיט זיינע לייט, האָט זיך געשפאָלטען די ערד, און אלע מורדים מיט זייערע געצעלטען און מיט זייער גאַנצען פאַרמעגען זיינען איינגעזונקען אין דעם געעפענטען אָבגרונד. פיעל אידען וואָס האָבען געהאַלטען מיט די מורדים זיינען אומגעקומען פון א מגפה.

§30. דער דור המדבר. נאָך דער געשיכטע מיט די

מרגלים האָבען די אידען געלעבט אין מדבר אַן ערך פון פערציג יאָהר. צום טייל האָבען זיי געפיהרט אַן איינגעזעסענעם לעבען, אין דעם אָאזיס קדש, און צום טייל האָבען זיי אומגעוואַנדערט אין די דערבייאיגע סטעפּעס, נעבען דרום כנען. געלעבט האָבען זיי אין געצעלטען און האָבען זיך בעשעפטיגט מיט האָדעווען פיה און אביסעל ערד־אַרבייט. פאַר אַ זכר פון יענער צייט האָט דער אויבערשטער אָנגעזאָגט צו בויען געצעלטען, אָדער „סכות„, און פייערען דעם הערליכסטען יום־טוב סכות זיבען טעג.

אין משך פון יענער צייט זיינען ביסלעכווייז אויסגעשטאָרבען די עלטערע מענשען, וואָס זיינען ארויס פון מצרים, און עס איז אונטערגעוואַקסען אַ יונגער דור, וועלכען משה האָט אויפגעצויגען אין פרייהייט און ריינעם גלויבען. משה האָט ניט געאַרבייט אליין. ער האָט געהאַט אַרום זיך אַ ראַט פון זיבעציג זקנים אָדער עלטסטע, וועלכע האָבען איהם געהאָלפען צו רעגירען דאָס פאָלק. אהרן איז געווען דער כהן גדול און די לויים האָבען געדיענט ביים אהל מועד און געהאָלפען משה'ן צו לערנען און ערציהען דאָס פאָלק.

ווען די צייט וואָס משה האָט בעשטימט צו בלייבען אין מדבר האָט זיך שוין געדאַרפט ענדיגען, האָבען זיך די אידען אָנגעהויבען צורוקען צו די גרעניצען פון כנען. ביי די דאָזיגע גרעניצען, אין דרום און אין מזרח, האָבען געלעבט די קריעגערישע פעלקער אדום, מואב און אמורי. משה האָט צוערשט געפּרובט פּועל'ן מיט גוטען ביי די מלכים פון די דאָזיגע פעלקער זיי זאָלען דורכלאָזען די אידען קיין כנען. ער האָט געשיקט שלוחים צום קעניג פון אדום און איהם געלאָזט אזוי זאָגען: „אזוי זאָגט דיין ברודער ישראל: ערלויב אונז דורכצוגעהן דורך דיין לאַנד; מיר וועלען ניט געהן, ניט איבער דיינע פעלדער און ניט איבער דיינע וויינגערטנער, און מיר וועלען ניט טרינקען דאָס וואַסער פון דיינע ברונימער, נאָר מיר וועלען געהן מיט'ן גרויסען וועג, ביז מיר וועלען אַרויס פון דיין גבול.” אָבער דער קעניג פון אדום האָט אָבגעזאָגט די דאָזיגע פריינדליכע בקשה. דעמאָלט האָבען די אידען געמוזט געהן ארום אדום. אויפ'ן וועג איז געשטאָרבען אהרן, אויפ'ן באַרג הר, און אויף זיין אָרט איז געוואָרען כהן גדול זיין זוהן אליעזר. אביסעל פריהער איז אויך געשטאָרבען משה'ס שוועסטער, מרים.

*

**§31. די עראָבערונג פונ'ם עבר־הירדן.** [illegible] ...ויידענדיג
דאָס לאַנד פון אדום האָבען זיך די אידען אָבגעי... [illegible] צו דרום־
מזרח פון כנען, נעבען מואב. א גרויסען טייל פון דעם דאָזיגען
לאַנד האָט נאָך פריהער איינגענומען סיחון, דער מעכטיגער קעניג
פון אמורי. די לענדער פון די אמורים האָבען זיך געצויגען אין דער
לענג פון דעם גאַנצען מזרח ברעג פון ירדן. האָט משה געשיקט
שלוחים צו סיחונ'ען מיט דער בקשה ער זאָל דורכלאָזען די אידען
דורך דעם דאָזיגען לאַנד. אָבער סיחון האָט ניט נאָכגעגעבען משה'ס
פערלאַנג און איז ארויס נעגען איהם מיט א גרויסען חיל. די אידען
האָבען געקעמפפט העלדיש און האָבען געבראַכט אויף די אמורים א
גרויסע מפלה. זיי זיינען אריינגעדרונגען אין לאַנד און האָבען פאַר־
נומען די הויפט שטאָדט חשבון. זייענדיג ערמוטיגט דורך דיזען
נצחון האָבען זיך די אידען געלאָזט געהן ווייטער צו צפון, קיין בשן,
— א לאַנד, וואָס איז געווען רייך אין ויידען. דאָ איז געגען זיי
ארויסגעטראָטען עוג, דער קעניג פון בשן, וועלכער האָט געשטאַמט
פון די אַלטע ריעזען. נאָר די אידען האָבען צושלאָגען עוג'ן און זיין
גאַנץ פאָלק און האָבען איינגענומען דאָס פרוכטבארע בשן. אויף
אזא אופן איז דאָס אידישע פאָלק שוין געשטאַנען מיט א פעסטער
פוס אין דעם מזרח געגענד פון כנען, אין דעם „עבר־הירדן“.

אזוי ווי די אידען האָבען איצט געלאַגערט ביי די גרענעצען פון
דעם לאַנד מואב, האָט בלק, דער קעניג פון מואב, מורא געקראָגען
אז זיי זאָלען ניט פערכאַפּען אויך זיינע לענדערייען. האָט בלק גע־
שיקט די עלטסטע לייט פון מואב קיין מעסאָפּאָטאַמיען און גע־
בראַכט פון דאָרט דעם כשוף־מאַכער בלעם. און בלק האָט געזאָגט צו
בלעמ'ן אזוי: „א פאָלק איז ארויס פון מצרים און האָט בעדעקט דאָס
גאַנצע לאַנד וואָס ליגט נעבען מיר. מלחמה האַלטען מיט איהם קענען
מיר ניט, וואָרום ער איז שטאַרקער פון אונז. דעריבער קום און שעלט
מיר דיזען פאָלק, און דעמאָלט וועלען מיר איהם אפשר קענען מנצח
זיין און פארטרייבען פון דאַנען. איך וויים וואויל, אז וועמען דו
בענשסט דער איז געבענשט, און וועמען דו שעלטסט דער איז גע־
שאָלטען“. בלעם האָט מסכים געווען. נאָר דאָ, דערצעהלט דער תנ"ך,
האָט זיך גאָט בעוויזען צו בלעמ'ן אין א חלום און האָט איהם גע־
הייסען האַנדלען גאַנץ אַנדערש. ווען דער קעניג פון מואב האָט

ארויפגעפיהרט דעם מכשף אויפ'ן שפיץ פון א בארג, פון וואנען מען האט געקענט זעהן דעם אידישען לאגער, האט בלעם אויסגערופען: קען איך דען שעלטען דעם, וועמען גאט האט ניט געשאלטען, און צארנען אויף דעם, אויף וועמען גאט האט ניט געצארנט? דעם צוויי־טען מאל איז בלעם אזוי ענטציקט געווארען פון דעם אויסזעהן פון דעם אידישען לאגער, אז ער האט זיך ניט געקענט איינהאלטען פון בעגייסטערונג און האט אויסגערופען: „ווי שעהן זיינען דיינע געצעלטען, יעקב, און די וואוינונגען דיינע, ישראל!“ אומזיסט האט בלק געווארט צו הערען פון דעם צויבערער קללות אויף די אידען: בלעם האט זיי נאר געבענשט און האט זיי פאראויסגעזאגט א גרויסע צוקונפט. דער קעניג פון מואב איז אין כעס געווארען אויפ'ן מכשף און האט איהם אוועקגעשיקט אהיים.

§32. די חלוקה פונ'ם עבר־הירדן; משה'ס טויט. ווען דאס לאנד פון עבר־הירדן איז שוין געווען איינגענומען האבען זיך די אידען גענומען גרייטען אריבערצוגעהן דעם טייך ירדן און איינ־נעהמען מערב כנען. דעמאלט זיינען געקומען פאר משה'ן די זקנים פון די פאסטוכער־שבטים ראובן און גד און האבען צו איהם אזוי געזאגט: „דאס לאנד, וואס מיר האבען איינגענומען איז רייך אין ווייד, און מיר האבען א סך פיה. גיב אונז דאס דאזיגע לאנד פאר אונזער ירושה און פיהר אונז ניט אריבער דעם ירדן“. משה האט זיי פארגעווארפען, פארוואס זיי ווילען ניט העלפען די איבעריגע שבטים צו איינגעהמען כנען, נאר זיי ווילען זיך אבטיילען פון פאלק און לעבען רוהיג אויף דעם בעזיעגטען טייל פון דעם לאנד. אבער די עלטסטע פון ראובן און גד האבען געענטפערט, אז זיי האבען גאר ניט בדעה זיך אבצוטיילען פון דעם גאנצען פאלק. „מיר וועלען — האבען זיי געזאגט — נאר אויסבויען דא שטאלען פאר אונזערע שאף און וואוינונגען פאר אונזערע ווייבער און קינדער, און אליין וועלען מיר אנטהאן געוועהר און געהן אין מלחמה פאראויס פון אלע שבטים, און מיר וועלען זיך ניט אומקעהרען צו אונזערע היימען ביז דאס גאנצע לאנד אויף יענער זייט ירדן וועט ניט זיין איינגע־נומען“. נאך אזא הבטחה האט משה אבגעגעבען צו דעם שבט ראובן און גד די לענדער פון אמורי און בשן פאר זייער נחלה. צו די דאזיגע צוויי שבטים איז דערנאך צוגעשטאנען א האלבער שבט מנשה, וועל־

כער האָט זיך גענומען דעם טייל פון די אמורי־לענדער, וואָס איז בעוואוסט אונטער'ן נאָמען גלעד. אויף אזא אופן האָבען צוויי און א האלב שבטים בעזעצט דעם מזרח טייל פון כנען, דעם עבר־הירדן.

איצט איז נאָך געבליבען אריבערצוגעהן דעם ירדן און איינגעה־מען דעם אינוועניגסטען טייל פון כנען און צוטיילען דאָס לאַנד צווישען די איבעריגע שבטים. נאָר דאָס איז שוין ניט באשערט גע־ווען משה'ן דורכצופיהרען. דער גרויסער בעפרייער און פיהרער פון די אידען האָט דערפיהלט אז דער טויט רוקט זיך אָן און ער האָט געוואוסט אז ניט אויף זיין גורל איז אויסגעפאלען אריינצופיהרען דאָס פאָלק אין כנען. פאר'ן טויט פלעגט משה אָפט פערזאמלען די אידען ארום זיך און זיי לערנען ווי צו לעבען אין דעם נייעם לאַנד לויט די געזעצען פון פרייהייט און גערעכטיגקייט. פאר א מנהיג נאָך זיך האָט ער בעשטימט זיין העלפער יהושע בן־נון. ענדליך איז די טרויעריגע שטונדע פון צושיידונג געקומען. משה האָט זיך געזע־גענט מיט די אידען, האָט פאָראויסגעזאָגט דעם פאָלק זיין צוקונפט און האָט געבענשט יעדען שבט בעזונדער. דערנאָך איז ער ארויף אויפ'ן בארג נבו, דער העכסטער שפּיץ פון דער מואב'ישער בארג־קייט פסגה, און פון דעם דאָזיגען בארג־שפּיץ האָט משה געקענט זעהן א גרויסען טייל פון כנען. לאַנג איז ער דאָ געשטאַנען און געקוקט אויפ'ן לאַנד און געטרויערט, וואָס ניט איהם איז געגעבען געוואָרען אריינצוטרעטען אין דעם צוקונפטיגען לאַנד פון די אידען.

און משה איז געשטאָרבען אין עלטער פון הונדערט און צוואַנ־ציג יאָהר, און האָט געפונען זיין קבר אין דעם טאָל פון מואב. דאָס אָרט פון משה'ס קבר איז קיינעם ניט בעוואוסט, עס איז געבליבען פארבאָרגען צו די צוקונפטיגע דורות. דרייסיג טעג האָבען די אידען געוויינט אויפ'ן טויט פון זייער גרויסען פיהרער. „און ניט אויפגע־שטאַנען איז מעהר ביי אידען א נביא ווי משה" — זאָגט דער תנ"ך. משה איז געווען דער בעפרייער און דער גייסטיגער וועגווייזער פון זיין פאָלק. א מאסע פון שקלאַפען האָט ער פערוואַנדעלט אין א פאָלק און מיט זיין בעגייסטערטער לעהרע האָט ער דיזען פאָלק גע־מאַכט פאר אן „אויסדערוועהלט" און גרויס פאָלק.

§33. היסטאָרישע אויספיהרונגען. פון דער צייט וואָס די אידען זיינען ארויס פון מצרים, „דאָס הויז פון קנעכטשאפט" ביז זיי זיינען אריין אין דעם „פערשפּראָכענעם לאַנד" כנען, איז,

לויט דער מסורה, דורכגעגאנגען א משך פון פערציג יאהר. און אין פערלויף פון דער צייט האבען די אידען אומגעוואנדערט אין דער וויסטעניש. דא אין דעם מדבר, האבען זיי זיך א קירצערע צייט אויפגעהאלטען אין די געגענדען פון דעם בארג סיני, און א לענגערע צייט אין דעם אאזיס קדש, נעבען אדום און די דרום גרעניצען פון כנען.

די בעפרייאונג פון קנעכטשאפט האט אזוי שטארק אויפ־געהויבען דעם נאציאנאלען גייסט פון די אידען, אז זיי זיינען פון מצרים גלייך אוועק צום סיני. דאס בעפרייטע פאלק האט געפיהלט א בעדערפניש צו פעראייניגען אלע זיינע בעזונדערע טיילען אין איין געזעלשאפט, וועלכע זאל זיך פיהרען לויט בע־שטימטע געזעצען. פול מיט האפנונגען און ליכטיגע שטרעבונגען איז דאס פאלק נאכגעגאנגען זיין גרויסען פיהרער. די נייע אומ־געבונג, אין וועלכער זיי זיינען פלוצלינג אריינגעטראטען, האט געמוזט האבען א ווירקונג אויף די ארויסגעגאנגענע פון מצרים. נאך די פרוכטבארע ברעגען פון דעם ניל האבען זיי זיך מיט אמאל געפונען אין א פינסטערער, טרוקענער וויסטעניש, וואו נאקעטע פעלזען, ווי גרויזאמע ריעזען, האבען זיך געצויגען צו די הימלען און זייערע שפיצען האבען זיך פערלארען אין די וואלקענס—דא איז אזוי ווי פערשוואונדען דער גרענעץ צווישען הימעל און ערד, צווישען לעבען און טויט; דא האט געשוועבט דער גייסט פון דעם בעשעפער פון דער וועלט. אויב ערשט ניט לאנג, אין מצרים, האט דאס פאלק געפיהלט דעם שווערען דרוק פון מענשען, האט עס איצט, אין מיטען פון דעם ברייטען, איינזאמען מדבר, גע־שפירט אן אנדערע, א העכערע מאכט—די מאכט פון אן איינ־ציגען און אייביגען גאט. צופוסענס פו דעם געטליכען בארג סיני האט דאס פאלק דערהערט יענע אונשטערבליכע געבאטען, וועלכע זיינען געווארען די ווינקעלשטיינער פון יודענטום.

דא האט זיך אנגעפאנגען דער איבערגאנג צו דער קלארער געזעלשאפטליכער אידישער רעליגיאן. אין משה׳ס לעהרע איז גאט דער הערשער ניט נאר פון דער נאטור נאר אויך פון דעם מענשליכען לעבען. ער איז ניט נאר דער גאט פון ישראל,

נאָר אויך בעזונדערס דער איינציג אמת'ר גאָט פון דער גאַנצער וועלט. „איך בין דיין גאָט, וועלכער האָט דיך ארויסגעפיהרט פון דעם לאַנד מצרים, פון דעם הויז פון קנעכטשאַפט" (דער ערשטער געבאָט). אין די דאָזיגע ווערטער איז אויסגעדריקט דער נאַציאָנאַלער תמצית פון תורת משה. נאָכדעם ווערען פאָרגעשטעלט די אייגענשאַפטען פון גאָט: ער איז איינציג און איז אונקערפּערליך, עס טאָר ניט זיין קיין פיעלגעטעריי און קיין געצענדיענסט (צווייטער געבאָט). די רוה פון שבת ווערט געגעבען אַלס מיטעל אויפצוהאַלטען אין דעם פאָלק דאָס בעוואוסטזיין פון דער מענשליכער גלייכהייט געגענאיבער גאָט, ווען דער קנעכט דאַרף האָבען דעמזעלבען רוהע־טאָג ווי זיין האַר (פערטער געבאָט). כבוד אב ואם ווערט אָוועקגעלעגט אַלס דער הויפּט פונדאַמענט פון דער פאַמיליע און דער געזעלשאַפט, וואָרום דער כח פון אַ פאָלק בעשטעהט אין דעם שטאַרקען באַנד צווישען דעם אַלטען און דעם יונגען דור (פינפטער געבאָט). דער פערבאָט צו זאָגען ליגען, צו מאָרדען, גנב'ענען, זיין אויסגעלאַסען און גלוסטען יענעמס איז דער יסוד פון דער מאָראַל און פון דעם מענשליכען צוזאַמענלעבען (דריטער, זעקסטער און צעהנטער געבאָט). דאָס זיינען געווען אייביגע אמת'ן, וועלכע דאָס אידישע פאָלק האָט אויפגעדעקט פאַר דער גאַנצער מענשהייט.

אין דער צייט וואָס די אידען זיינען געווען אין קדש האָט זיך דאָס פאָלק אָנגעהויבען צוגעוועהנען צו אַ ריכטיגען געזעלשאַפטליכען לעבען. לויט דער מסורה האָט משה פערוואַלטעט די אידען מיט דער הילף פון אַ ראַט פון עלטסטע און זקנים. ער האָט געשטעלט אויבערהאַרען איבער בעזונדערע גרופּען און האָט זיי איבערגעגעבען צו האָבען השגחה איבער דער אָרדנונג און צו משפּט'ן אין קלענערע סכסוכים. דאָ אייגענטליך האָבען זיך געקענט אויסאַרבייטען און בענוצט ווערען אין דער פּראַקטיק איינע פון יענע געזעלשאַפטליכע געזעצען, וועלכע זיינען געווען פערשריבען אין דעם „ספר הברית" (שמות כא־כג). מענשענליעבע, מיטלייד מיט'ן שוואַכען און אָרימען, און אַ שטרענגקייט צו די וואָס ריהרען אָן די רעכט פון אַנדערע—אָט

דאָס זיינען די הויפּט שטריכען פון די דאָזינע געזעצען. אַלע מענשען זיינען גלייך פאַר גאָט: מאַן און פרוי, רייך און אָרעם, האר און דיענער. אָט זיינען איינינגע ביישפּיעלען: „אויב דו וועסט קויפען אַ אידישען קנעכט זאָל ער זעקס יאָהר ביי דיר דיענען און אויפ'ן זיבעטען יאָהר זאָלסטו איהם ארויס־לאָזען פריי אומזיסט." „די אלמנה און דעם יתום זאָלט איהר ניט דריקען"; אויב דו לייהסט געלד צו אַן אָרימאַן און ער גיט דיר זיין אויבערשטען בגד פאַר אַ משכון, זאָלסטו יעדען טאָג ווען די זון פאַרגעהט איהם אומקעהרען זיין בגד, וואָרום ער דאַרף זיך מיט איהם צודעקען ביינאַכט"; „משפּט ניט אומגערעכט דעם אָרימאַן"; „נעהמט ניט קיין שוחד"; „איהר זאָלט ניט דריקען דעם גר, ווייל גרים זענט איהר געווען אין דעם לאַנד מצרים."

אין קדש זיינען אויך אוועקגעלעגט געוואָרען די יסודות פון דעם אַלטען אידישען גאָטעסדיענסט. דאָס הייליגטום פון פאָלק איז געווען דער „ארון־הברית", ד. ה. דער ארון, וואו עס האָבען זיך געהיט די שטיינערנע לוחות מיט די עשרת הדברות פון סיני. אין דער צייט ווען די אידען פלעגען זיך אָבשטעלען אין זייער וואַנדערען אין מדבר האָט זיך דער אָרון געפונען אין דעם משכן. אין דער צייט פון די מלחמות אין מזרח כנען פלעגען די לויים מיט'ן אָרון געהן פאָראויס פון דער מחנה, אַלס צייכען אַז גאָט אַליין פיהרט דאָס פאָלק. דערביי פלעגט זיך הערען אויסרופען: „קומה ד', ויפוצו אויביך!" דאָס הייסט: שטעה אויף, גאָט, און זאָלען צושפּרייט ווערען די פיינד דיינע! פיהלענדיג אַז דאָס הייליגטום געהט מיט זיי, פלעגען די אידישע קריעגער קעמפּפען העלדיש און האָבען אָבּ־געהאַלטען יענע גלענצענדע נצחונות, וועלכע האָבען פאַר זיי געעפענט אַ צוטריט אין דעם לאַנד כנען.

## פיערטער קאַפּיטעל

# די עראָבערונג פון כנען.

(אַרום דרייצעהנטען יאָהרהונדערט פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג).

§34. דאָס לאַנד און זיינע איינוואוינער. דאָס לאַנד, וואָס די אידען האָבען געדאַרפט איינגעהמען נאָך משה'ס טויט האָט געטראָגען פערשיידענע נעמען. ביי די אידען האָט עס צו־ערשט געהייסען כנען, און נאָכער — ארץ ישראל. די שפּעטערע גריכען און רוימער האָבען עס גערופען פּאַלעסטינאַ, און די קריסטליכע פעלקער — דאָס היילּיגע לאַנד. דאָס דאָזיגע לאַנד איז געלעגען אויפ'ן עקסטען מערב ברעג פון אזיען, אויפ'ן וועג צווי־שען די גרויסע מלוכות אשור און בבל אין אזיען, און מצרים אין צפון אפריקאַ. אין פאָרמע זעהט דאָס לאַנד אויס ווי א לענגלי־כער ערד־פּאַס, וואָס גרעניצט זיך אין מערב זייט מיט'ן מיט־לענדישען ים, אין מזרח און דרום — מיט'ן אראַבישען מדבר, און אין צפון — מיט סיריען אָדער ארם. אויפ'ן צפון גרעניץ פון כנען הויבען זיך אויף איינע געגען די אַנדערע צוויי גרויסע בערג־קייטען, דער לבנון און דער חרמון, וואָס זייערע שפּיצען זיינען בעדעקט מיט אייביגען שניי. די וואַסערען, וואָס פליסען אַרונ־טער פון דיזע הויכע ערטער זאַמלען זיך צונויף אין שטראָמען און בילדען דעם הויפּט טייך פון כנען — דעם ירדן. דער ירדן ציהט זיך ווי אַ גלייכע לענטע פון צפון צו דרום, געהט דורך צוויי אָזערעס, מי מרום און כנרת, און פאַלט אריין אין דרום, אין טויטען אָדער געזאַלצענעם ים (ים המלח). דער ירדן צוטיילט דאָס גאַנצע לאַנד אין צוויי טייל: דער מזרח טייל (עבר־הירדן, גלעד), און דער מערב טייל (כנען גופא). דער ערשטער טייל איז אַמאָל געווען בעריהמט מיט זיינע פעטע ווייךען, און דער צווייטער — מיט זיין פרוכטבאַרען באָדען, אויף וועלכען עס זיינען געוואַקסען תבואה, וויינטרויבען, אויבס און איילבירטען. פון ביידע זייטען ירדן ציהען זיך, פון צפון צו דרום, אָבצווייגונגען פון די צוויי בארג־קייטען לבנון און חרמון. די דאָזיגע אָבצווייגונגען זיינען אין מזרח די גלעד בערג (הרי גלעד), און אין מערב — א סך בערג־

קייטען, בעוואוסט אין תנ"ך אונטער די נעמען: הרי נפתלי, הרי אפרים, און הרי יהודה. צו די הרי נפתלי שליסען זיך צו די בע־ריהמטע בערג תבור און כרמל. צווישען זיי ליגט דער פראכטפולער טהאָל יזרעאל. צו איהם שליסען זיך צו, פון דרום זייט, די הרי אפרים, פון וועלכע עס איז בעזונדערס בעוואוסט דער באַרג גרזים נעבען דער שטאָדט שכם. צום ברעג־צו פון ים נידערט די דאָזיגע באַרג־קייט אַלץ מעהר און מעהר אַרונטער ביז זי געהט אריבער אין דעם טאָל שרון. נאָך ווייטער צו דרום, פון ירושלים ביז חברון, ציהען זיך די הרי יהודה מיט זייערע העכסטע שפּיצען ציון און הר־הזיתים.

די נאַטור און דער קלימאַט פון כנען זיינען זעהר פערשיידענ־אַרטיג. פון די הויכע בערג־שפּיצען בלאָזען פרישע ווינטען. די לופט איז דעם גרעסטען טייל פון יאָהר ריין און דורכזיכטיג, נאָר אין דער נידער הערשט אין די זומער מאָנאַטען אַ טראָפּישע היץ. מחמת דעם איז אויך דאָס פלאַנצענרייך פערשיידענאַרטיג: דאָ געפינט מען די פּאַלמע וואָס וואַקסט נאָר אין הייסען קלימאַט, און דעם דעמב וואָס קען קיין היץ ניט פערטראָגען. דאָס וואַסער פון ים כנרת איז זיס און איז רייך מיט פיש; אויף די ברעגען פון דיזען ים וואַקסען וויינטרויבען, פייגען און אַנדערע פרוכטבוימער. אָבער אין דעם טויטען ים איז דאָס וואַסער אָנגעזאַפּט מיט זאַלץ און אַנדערע מינעראַלען און פיש קענען דאָ ניט לעבען. די ברעגען פון דיזען ים זיינען אַ וויסטער מדבר, וואָס ווערט בלויז זעלטען אונ־טערבראָכען פון פרוכטבאַרע אָאַזיסען (עין גדי). די פלאַכע טייכען און אָזערעס טריקענען אויס אין די הייסע צייטען פון יאָהר, אָבער אין דער רעגענדיגער צייט פילען זיי זיך אָן מיט וואַסער, געהען אַריבער די ברעגען און בעפרוכפּערען דעם באָדען. עס זיינען ניטאָ קיין סך לענדער אויף'ן ערד־קוגעל, וועלכע האָבען פעראייניגט אין זיך אַזעלכע שעהנקייטען פון דער נאַטור, אַזא פערשיידענאַרטיג־קייט פון קלימאַט און פלאַנצען, ווי כנען אָדער ארץ־ישראל. די אַלע אייגענשאַפטען האָבען געמוזט האָבען אַ ווירקונג אויף'ן כאַראַק־טער און אויף'ן גייסטיגען לעבען פון די אידען. דער קלימאַט, וואָס איז מיטעל צווישען מעסיג און הייס, האָט אַרויסגערופען אין די איינוואוינער אַ נייגונג צו פיזישער אַרבייט, און די נאַטור מיט

איהרע שעהנקייטען האָט געגעבען רייכע שפּייז פאַר דעם רעלי־גיעזען און פּאָעטישען געפיהל. זי האָט ניט געמאַכט די איינוואוי־נער שוואך און אָבגעלאָזען, אזוי ווי אין אנדערע לענדער פון מזרח, אָבער זי האָט זיי אויך ניט פארגרעבט דורך צופיעל פיזישער אַר־ביים.

אין יענע אַלטע צייטען, ווען די אידען זיינען צוגעטראָטען צו איינגעהמען כנען, האָבען אויף איהרע גרעניצען געלעבט א צאָל קליינע, אָבער שטארקע פעלקער. די קריעגערישע חתים האָבען גע־וואוינט אויפ'ן צפון־מערב גרעניץ, צווישען די לבנון בערג און דעם מיטלענדישען ים; שפּעטער איז זייער לאַנד איבערגעגאַנגען צו דעם האנדעלס פאָלק די פעניציער. אין צפון־מזרח זייט האָבען גע־לעבט די ארמים, וואָס זיינען געווען פערוואַנדט צו די אידען לויט זייער ראַסע און שפּראך. אזעלכע קרוב'ישע שבטים האָבען אויך געלעבט אין מזרח און אין דרום: עמון, מואב און אדום. אויפ'ן דרום־מערב ברעג פון כנען האָבען איינגעוואַנדערט די ווילדע עמלקים, און העכער,ביים ברעג פון ים, האָבען זיך בעזעצט די קריעגערישע פּלשתים. וועלכע זיינען שפּעטער געווען דער ערגסטער פיינד פון די אידען.

דער אינווענינגסטער טייל פון כנען, אויפ'ן מערב זייט פון ירדן, איז בעשטאַנען פון א סך קליינע מלוכות, אין וועלכע עס האָ־בען געלעבט פערשיידענע שבטים, בעוואוסט אונטער'ן אַלגעמיינעם נאָמען די כנענים. יעדע מלוכה איז בעשטאַנען דאָס רוב פון איין שטאָדט מיט די דערבייאיגע פעלדער און וויידען. צווישען די דאָ־זיגע מלוכות איז ניט געווען קיין שטענדיגער בונד אויף צו בעשי־צען דאָס לאַנד אין צייט פון א פיינדליכען אָנפאַל; פּערקעהרט, די קליינע מלכים האָבען זיך דאָס רוב געקריעגט צווישען זיך. דערי־בער ווען עס האָט זיך פערשפּרייט די נאַכריכט, אז דורכ'ן מדבר געהט פון מצרים דאָס צאָלרייכע אידישע פאָלק, וואָס האָט שוין בעזיעגט אויף יענער זייט ירדן די שטאַרקע מלוכות פון סיחון און עוג, האָבען זיך די איינוואוינער פון כנען שטאַרק דערשראָקען. זיי זיינען נישט געווען צוגעגרייט געגען אזא מעכטיגען שונא און זיי האָבען געמוזט, נאָך לאַנגע און בלוטיגע מלחמות, אָבטרעטען א גרויסען טייל פון זייער לאַנד צו די פעראייניגטע קרעפטען פון די

אידען, וועלכע האָבען געהאַלטען דאָס לאַנד פאַר א ירושה פון זייערע אבות.

§35. דער איבערגאַנג איבער'ן ירדן; דער פאַל פון יריחו. נאָך משה'ס טויט האָט יהושע בן־נון, דער נייער פיהרער פון אידישען פאָלק, זיך געלאָזט געהן צום ירדן בראש פון אַלע אי־דישע שבטים. פאַר'ן אריבערגעהן דעם ירדן האָט ער געשיקט מרגלים אויף דער אַנדערער זייט טייך אויסצוקוקען די שטאָדט יריחו און איהר סביבה. קומענדיג צוריק האָבען די מרגלים דער־צעהלט, אז די איינוואוינער פון יריחו און ארום האָבען שוין גע־הערט וועגען די נצחונות פון די אידען אויף דער זייט ירדן און געפינען זיך אין גרויס שרעק. דאַן איז יהושע און דאָס פאָלק אַרי־בער דעם ירדן אויף אַן אָרט, וואו דער טייך איז געווען ניט טיעף. פון פאָרנט זיינען געגאַנגען די כהנים מיט דעם הייליגען ארון און נאָך זיי זיינען געגאַנגען אַלע אידען און דאָס פאָלק האָט אויפ־געשלאָגען זיין לאַגער אויף דעם מערב ברעג פון ירדן, אין דער שטאָדט גלגל, נעבען יריחו. דאָס איז געווען אין פריהלינג, אין זעל־בען מאָנאַט ניסן, אין וועלכען די אידען זיינען אמאָל ארויס פון מצרים. דאָס פאָלק האָט פסח געהאַלטען אין גלגל.

פון דאַנען האָט זיך דער אידישער חיל א רוק געטהאָן אויף יריחו. די שטאָדט איז געווען שטאַרק בעפעסטיגט און עס איז שווער געווען זי צו נעהמען מיט שטורם. יעדען טאָג אין פערלויף פון זעקס טעג האָבען די אידישע קריעגער ארומגעקרייזט די מויערען פון שטאָדט, און דערביי האָט מען געפיהרט פאָראויס דעם היי־ליגען ארון און די כהנים האָבען געבלאָזען אין שופרות. אויפ'ן זיבעטען טאָג, ווען די אידען זיינען ארומגעגאַנגען די שטאָדט, די שופרות האָבען הילכיג געשאַלט און די זיעג־געשרייען פון די קריע־גער האָבען פערקלונגען די לופט, איז א טייל פון דער פעסטונג פון יריחו איינגעפאַלען און דער אידישער חיל האָט זיך אריינגעריסען אין שטאָדט אריין. די זיעגער האָבען אויסגע'הרג'עט אַלע איינ־וואוינער פון יריחו, האָבען פערברענט זייערע הייזער און פערניכ־טעט זייער פערמעגען. בלויז גאָלד, זילבער און מעטאַלענע כלים האָט מען איבערגעלאָזט פאַר'ן משכן.

אז די איינוואוינער פון גבעון און די אַרומיגע שטעדט האָבען

זיך דערוואוסט, אז די אידען גרייטען זיך צו פערטיליגען אַלע איינ־וואוינער פון כנען, האָבען זיי בעשלאָסען זיך צו בענוצען מיט א שווינדעל. זיי זיינען געקומען אין אידישען לאַגער אין אַלטע אָבגע־ריסענע קליידער און האָבען געזאָגט: „דאָס קומען מיר פון ווייטע לענדער, וואָרום מיר האָבען געהערט וועגען אייערע נצחונות און מיר ווילען שליסען מיט אייך א בונד." יהושע און די עלטסטע האָבען געגלויבט די געקומענע, אז זיי זיינען ניט פון כנען, און האָבען געשוואָרען צו לאָזען זיי לעבען. נאָר אין גיכען האָט זיך ארויסגעשטעלט, אז די לייט וואוינען גאָר אין נאָהנטע שטעדט און זיינען פון דעם שבט חוים. די אידען האָבען איינגענומען די שטעדט, אָבער די איינוואוינער האָבען זיי ניט אָנגעריהרט, כדי ניט צו ברעכען זייער שבועה. אָבער אַלס שטראָף פאר זייער רמאות האָט יהושע געמאַכט די גבעונים פאר קנעכט און זיי געצוואונגען צו זיין האָלצהעקער און וואסערטרעגער ביי די אידען.

§36. די ערָאבערונג פון דרום און צפון כנען. ווען פינף מלכים פון דרום כנען (די מלכים פון ירושלים, חברון, ירמות, לכיש און עגלון) האָבען דערהערט, אז גבעון האָט זיך מיט גוטען אונ־טערגעגעבען די אידען, האָבען זיי געשלאָסען צווישען זיך א בונד און זיינען ארויס מלחמה האַלטען געגען די גבעונים. די גבעונים האָבען זיך געווענדעט נאָך הילף צו יהושע'ן, וועלכער האָט זיך דער־מאָלט געפונען אין זיין לאַגער אין גלגל. דער אידישער קריעגס־פיהרער האָט שנעל ארויסגעפיהרט זיין חיל געגען די פעראייניגטע מלכים און נעבען גבעון איז ער זיי פלוצלינג בעפאַלען און זיי שטארק צושלאָגען. די אידען האָבען לאַנג נאָכגעיאָגט דעם אנטלויפענדען שונא. יהושע האָט דאַן געוואָלט ענדיגען די שלאַכט, איידער ס'פאַלט־צו די נאַכט, האָט ער אויסגערופען: „אָה זון, בלייב שטעהן איבער גבעון, און דו, לבנה איבער'ן טאָל אילון!" און די זון האָט זיך אָבגעשטעלט און ניט געאיילט צו אונטערגעהן, ביז דאָס אידישע פאָלק האָט זיך נוקם געווען אין זיינע פיינד." און ווען די כנענים האָבען גענומען לויפען אראָב די בערג איז אראָבגעקומען א גרויסער האָגעל און האָט געהרג'עט יענע, וואָס זיינען אנטרונען פון דער שווערד. די מלכים אליין האָט מען גענומען געפאַנגען, אויף יהושע'ס

ווי כנען איז געווען צוטיילט צווישען די שבטים

בעפעהל האָט מען זיי אויפגעהאנגען. זייערע לענדער, וועלכע זייַ־
נען געלעגען אין דעם באַרגיגען טייל פון דרום כנען, האָבען די
אידען צוגענומען.

די ידיעה וועגען די דאָזיגע נצחונות איז שנעל דערגאַנגען צו
די מלכים פון צפון כנען, פון וועלכע דער שטאַרקסטער איז געווען
יבין מלך חצור. כדי צו בעשיצען זיין לאַנד געגען דעם מוראדיגען
פיינד האָט זיך יבין פעראייניגט מיט די שכנ'ישע מלכים. די פער־
אייניגטע מלכים האָבען צונויפגעזאַמעלט א ריעזיגע אַרמעע, מיט
א סך פערד און מלחמה־וועגען און האָבען צולעגט זייער לאַגער
ביים טייך מי־רום. נאָר די גרויסע מחנות האָבען ניט אָבגעשראָקען
דעם בראַווען אידישען קריעגספיהרער. יהושע איז ארויסגעטראָטען
מיט אַן אָבגעקליבענעם חיל געגען דעם שונא, האָט אויף זיי גע־
בראַכט א שווערע מפלה און האָט נאָכגעיאָגט דעם אַנטלויפענדען
פיינד ביז'ן ברעג פון ים; די אידען האָבען דעם שונא'ס פערד
איבערגעשניטען די אָדערען און די קריעגס־וועגען האָבען זיי פאַר־
ברענט. די זיעגער האָבען חרוב געמאַכט און פאַרברענט יבינ'ס
הויפטשטאָדט חצור, און אין די אַנדערע שטעדט האָבען זיי אויס־
גע'הרג'עט די איינוואוינער און גענומען א סך רויב. אויף אַזאַ
אופן האָבען די אידען, נאָך פיעל־יעהריגע מלחמות, בעזיעגט דעם
גרעסטען טייל פון כנען, פון דעם באַרג לבנון אין צפון ביז'ן ים
המלח אין דרום. דאָך זיינען א סך בעפעסטיגטע שטעדט איני־
וועניג אין לאַנד, איבערהויפט אין דרום, געבליבען ניט איינגע־
נומען דורך די אידען.

§37. די חלוקה פון כנען. ווען א גרויסער טייל פון
דעם לאַנד איז שוין געווען איינגענומען איז געקומען די צייט
צו צוטיילען עס צווישען די אידישע שבטים. דער שבט ראובן,
דער שבט גד און האַלב מנשה האָבען שוין געקראָגען זייערע
חלקים נאָך פאַר משה'ן אויפ'ן מזרח זייט פון ירדן, אין בשן
און גלעד, וועלכע זיינען געווען רייך אין ווייַדען. עס איז דע־
ריבער געבליבען גאַנץ מערב כנען אויף צו צוטיילען צווישען
די איבעריגע ניין און א האַלב שבטים. די גרעסטע חלקים
זיינען דאָ אָנגעקומען די צוויי שטאַרקסטע שבטים, אפרים און
יהודה. דער שבט אפרים, פון וועלכען עס האָט געשטאַמט

דער אידישער פיהרער יהושע, האָט פאַרנומען דעם גאַנצען מיטעלען ערד־פּאַס פון כנען, צווישען ירדן און מיטלענדישען ים, מיט דער הויפּטשטאָדט שכם אין צענטער. אין צפון־מערב זייט פון שבט אפרים, ביז'ן צופוסענס פון כרמל, האָט זיך בעזעצט דער אנדערער האַלבער שבט מנשה. די נחלה פון שבט יהודה האָט פערנומען דעם דרום־טייל פון לאַנד, אָנ־פאַנגענדיג פון ירושלים. (ירושלים גופא מיט'ן באַרג ציון איז געבליבען אין די הענד פון דעם כנעני'שען שבט יבוסים ביז דער צייט פון דוד המלך). אין דער נחלה פון שבט יהודה איז אָבגעטיילט געוואָרען אַ בעזונדער חלק פאר'ן קליינעם שבט שמעון, אַ שטייניגע שטרעקע ערד אויפ'ן דרום־מערב ברעג פון כנען, אויפ'ן גרענעץ פון מדבר, וואו די עמלקים האָבען זיך אומגעטריבען.

צווישען די נחלות פון יהודה און אפרים האָבען זיך איינ־געאָרדענט די צוויי שבטים בנימין און דן. דער שבט בנימין האָט פערנומען די געגענד, וואָס די אידען האָבען דאָס ערשטע איינגענומען גלייך ווי זיי זיינען אַריבער דעם ירדן, מיט די שטעדט גליל און יריחו. און דער שבט דן האָט זיך בעזעצט צו מערב זייט פון זיי, נעהנטער צום פלשתי'שען ברעג פון מיט־לענדישען ים, וואו עס געפינט זיך די האַפענשטאָדט יפו. דעם צפון־טייל פון כנען האָבען בעזעצט פיער שבטים. דער שבט יששכר, וועלכער האָט זיך בעשעפטיגט מיט ערד־אַרבייט, האָט געקראָגען דעם פּרוכטבאַרען טאָל יזרעאל מיט די בערג גלבוע און תבור. דער שבט זבלון האָט געוואוינט נעהנטער צו די ים־ברעגען פון פעניציען און האָט איבערגענומען פון די פע־ניציער די ליעבשאַפט צו מסחר. ווייטער צו צפון פון זיי, אין דער לענג פון דעם פעניצישען ים־ברעג, האָבען זיך געצויגען די לענדערייען פון שבט אשר. דער שבט נפתלי האָט פערנומען דעם צפון־מזרח ווינקעל פון כנען, די געגענד פון די אָזערעס מירום און כנרת. בלויז דער שבט לוי, וואָס איז בעשטאַנען פון די כהנים און געלעהרטע, האָט ניט געקראָגען קיין בעזונדער לאַנד־איינענטום. די לויים האָט מען אָבגעגעבען צום וואוינען אַכט־און־פערציג שטעדט, וועלכע זיינען געוועזען צעוואָרפען אי־

בער די נחלות פון די פערשיידענע שבטים. זייענדיג די דיע־
נער פון גאָט און די גייסטיגע לעהרער האָבען די לויים געדאַרפט
וואוינען איבער'ן גאַנצען לאַנד, צושפּרייט צווישען גאַנצען
פאָלק.

ווען די ערד פון כנען איז שוין געווען צוטיילט צווישען אַלע
אידישע שבטים האָט זיך דער פיהרער פון פאָלק, יהושע, בעזעצט
אין דער נחלה פון זיין אייגענעם שבט אפרים. דער דאָזיגער שבט,
זייענדיג דער רייכסטער אין צאָל, האָט געקראָגען די אויבערשאפט
איבער אַלע איבעריגע שבטים. אין דעם לאַנד פון דעם שבט
אפרים האָט זיך אויך אויפגעהאַלטען דאָס גרעסטע פאָלקס־היי־
ליגטום — דער משכן מיט'ן ארון הקדש, וועלכער האָט בעגלייט
די אידען אין אַלע מלחמות. נאָך דער עראָבערונג און צוטיילונג
פון כנען איז דער משכן אריבערגעטראָגען געוואָרען אין דער
שטאָדט שלה, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם לאַנד פון אפרים.
דאָ איז אַ לאַנגע צייט געשטאַנען דער משכן מיט'ן ארון און אַ
מזבח פאַר קרבנות; דאָ האָבען די כהנים און לויים געפּראַוועט
גאָטעסדיענסט, און קיין שלה פלעגען זיך ציהען מתפללים פון
אַלע עקען כנען. שלה איז געווען דער שטענדיגער פּלאַץ, וואו עס
האָט געוואוינט דער כהן גדול. פאַר יהושע'ן זיינען די כהנים
גדולים געווען אהרנ'ס זוהן און אייניקעל, אליעזר און פנחס.

ווען יהושע איז געוואָרען אַלט, האָט ער צונויפגערופען קיין
שכם אַלע כהנים און די זקנים פון אַלע שבטים. דער אַלטער
פיהרער האָט דערמאָנט די פערזאַמעלטע וועגען די גרויסע געשע־
ענישען פון דער פערגאַנגענהייט, וועגען די אבות, וועגען דער
קנעכטשאַפט אין מצרים, וועגען יציאת מצרים און די וואַנדערונ־
גען אין דעם מדבר. „איצט — האָט ער געזאָגט — האָט אייך
גאָט געגעבען אַ לאַנד, אויף וועלכען איהר האָט ניט געהאָרעוועט,
און שטעדט, וועלכע איהר האָט ניט געבויט, און איהר וואוינט אין
זיי; ער האָט אייך געגעבען אייַלגערטנער און וויינגערטנער,
וועלכע איהר האָט ניט געפּלאַנצט, און איהר עסט זייער פּרוכט.
דעריבער פאָרכט אייך פאַר גאָט און דיענט איהם מיט אַ ריינעם
הארצען; פערלאָזט די אָבגעטער צו וועלכע עס האָבען אַמאָל גע־
דיענט אייערע עלטערען אויף יענער זייט טייך (פרת) און אין

מצרים, און דיענט צו גאָט.״ אויף דער דאָזיגער צואה האָט דאָס פאָלק אויסגערופען: „מיר וועלען דיענען אונזער גאָט און היטען זיינע געבאָטען!״ יהושע האָט גענומען א גרויסען שטיין און איהם אוועקגעשטעלט אונטער א דעמב אין שכם פאר א זכר, אז אויף דעם דאָזיגען אָרט האָט דאָס פאָלק געגעבען א שבועה צו היטען די געבאָטען פון גאָט. אין גיכען איז יהושע געשטאָרבען, הונדערט און צעהן יאָהר אלט.

§38. די וויסענשאַפטליכע ענטדעקונגען פון דער נייעסטער צייט ווארפען א ליכט אויף דער לאַגע פון די פעלקער אין כנען אין דער עפּאָכע ווען דאָס לאנד איז בעזיעגט געוואָרען פון די אידען. ניט לאַנג צוריק (אין יאָהר 1887) האָט מען אין די אויסגראָבונגען אין טעלל־על־אמארן, אין מצרים, געפונען א סך ליימענע טאַפּלען מיט אויפשריפטען, וועלכע האָבען זיך ארויסגעשטעלט צו זיין בריעף פון די קליינע פאלעסטינישע מלכים צו די עגיפּטישע פרעה׳ס. פון די דאָזיגע בריעף, וועלכע געהערען צו דעם 15טען און 14טען יאָהרהונדערט פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג, איז צו זעהן, אז אין יענער צייט זיינען די כנען׳ישע מלכים געשטאַנען אונטער דער הערשאַפט פון די פרעה׳ס פון מצרים. די מלכים דריקען אויס אין די בריעף זייער טרייהייט צו די פרעה׳ס און בעטען אָפט הילף אנטקעגען די פיינדליכע שכנים אָדער די איינדרינגענדע וואַנדערער. איינער פון די מלכים אבדי־כיבא, פון ירושלים, איז מודיע פרעה׳ן אז א וואַנדער־שבט מיט׳ן נאָמען „האבירי״ איז אריינגעדרונגען אין כנען און סטראַשעט צו בעזיעגען דאָס לאַנד, און דער מלך בעקלאָגט זיך וואָס מצרים שיקט ניט קיין הילף (ארום 1400 פ. ק.). אונטער „האבירי״, ווי עס צייגט אויס פון אלע בעווייזען, ווערען דאָ געמיינט די אידען.

אין די דאָזיגע דענקמעלער הערען זיך אָבקלאַנגען פון יענער גרויסער פעלקער־וואַנדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין כנען צווישען דעם 15טען און 13טען יאָהרהונדערט פאַר דער

קריסטליכער צייטרעכנונג. אין משך פון די דאָזיגע צוויי הונדערט יאָהר, איז די הערשאַפט פון מצרים אין פּאַלעסטינא דאָס פערשטאַרקט געוואָרען, דאָס אָבגעשוואַכט געוואָרען, און ענדליך איז זי אינגאַנצען געפאַלען. אין כנען זיינען פאָרגעקו־מען אָהן אויפהער מלחמות צווישען די דאָרטיגע פעלקער; די גרעסערע פעלקער, ווי למשל די חתים און אמורים, וועלכע ווע־רען דערמאָנט אין די עגיפּטישע אויפשריפטען, האָבען גע־שטרעבט צו בעפעסטיגען דאָרט זייער ממשלה איבער די קלע־רע פעלקער. און אין יענער צייט האָבען זיך אין לאַנד אריינ־געריסען די וואַנדערענדע „האבירי“ פון דער זייט פון מדבר. אין דער גרופּע פון די „האבירי“ זיינען אריין נישט נאָר די אידען, נאָר אויך זייערע קרוב׳ישע שבטים פון דער העברעאי־שער צווייג פון דער סעמיטישער ראַסע (מואב, אדום). נאָר ביסלעכווייז טיילען זיך אויס די אידען פון דער דאָזיגער אלגע־מיינער גרופּע, און מאַכען זייערע עראָבערונגען זעלבסטשטענ־דיג. די אינווענינסטע מחלוקות וואָס האָבען געהערשט צווי־שען די מלכים פון כנען, האָבען גרינגער געמאַכט פאַר די אי־דען צו בעזיעגען דאָס לאַנד. די עראָבערונג פון כנען איז פאָר־געקומען לאַנגזאַם. פון אָנפאַנג האָבען די אידען פערנומען בלויז איינגע טיילען פון לאַנד, אין אַ סך ערטער האָבען זיי געוואוינט צוזאַמען מיט די אַלטע איינוואוינער. אזוי ווי זייערע שכנים האָבען זיך אויך די אידען געטיילט אויף בעזונדערע קליינע שבטים, וועלכע האָבען זיך פעראייניגט אין אַ פאָלק ערשט אין אַ שפּעטערער צייט.

## פינפטער קאַפּיטעל.

# די צייט פון די שופטים.

(פון 12טען ביז׳ן 11טען יאָהרהונדערט פאַר ק. צ.)

§39. היסטאָרישער איבערבליק. ווען די אידען זיינען אריינגעטרעטען אין כנען האָט זיי פעראייניגט איין אַלגעמיינער ציעל — צו איינגעהמען דאָס לאַנד. אַלע שבטים האָבען צוזאַמען

געקעמפפט אונטער דער פיהרערשאפט פון יהושע און האָבען איינגענומען איין שטיק לאנד נאָכ'ן אנדערען. נאָר אָט איז שוין א גרויסער טייל פון לאנד בעזיעגט און צוטיילט צווישען די שבטים, די פאסטוכער־שבטים האָבען זיך צוריקגעצויגען אין זייערע נחלות און די איבעריגע האָבען זיך אויף פערנומען יעדער איינער מיט אויפבויען זיין נחלה. דער פיהרער יהושע איז געשטאָרבען און האָט ניט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין שטעלפערטרעטער, וועלכער זאָל פעראייניגען אלע אידען אונטער זיין הערשאפט. און דאָס פאָלק איז זיך צופאלען אין בעזונדערע טיילען. די נחלה פון יעדען שבט איז געווארען אזוי ווי א בעזונדערע, קליינע מלוכה פאר זיך. מיט דער דאָזיגער צוריסענקייט פון דעם אידישען פאָלק האָבען זיך בענוצט סיי די פעלקער וואָס האָבען געוואוינט ביי די גרעניצען, סיי יענע, וואָס זיינען ניט בעזיעגט געוואָרען אין יהושע'ס צייטען און זיינען געבליבען אין זייערע שטעדט צווישען די אידען. ארם, מואב און עמון האָבען איינס נאָכ'ן אנדערען אונטערדריקט די אידען; זיי פלעגען אָנפאלען דאָס אויף איין שבט, דאָס אויף אן אנדערען, פלעגען זיי אונטעריאָכען און נעהמען פון זיי צינז. אָבער פון צייט צו צייט פלעגט ביי איין שבט אָדער אן אנדערען אויפשטעהן אן עלטסטער, וועלכער פלעגט אויפקלייבען אונטער זיין פיהרערשאפט מחנות פון עטליכע שכנ'ישע שבטים, פלעגט ארויסגעהן מלחמה האלטען מיט די פרעמדע אונטערדריקער און בעפרייען זיין פאָלק פון פרעמדען יאָך. אזעלכע העלדען־פיהרער פלעגען זיך רופען שופטים. דער שופט פלעגט אמאָל רעגירען איבער עטליכע פעראייניגטע שבטים, אָבער קיין איינציגער שופט האָט ניט בעוויזען צו פעראייניגען דאָס גאנצע פאָלק אונטער זיין הערשאַפט. נאָכ'ן טויט פון אזא שופט פלעגט זיך ווידער צושיטען דער בונד פון די שבטים וואָס ער האָט פערוואלטעט, און די אָבגעזונדערטע טיילען פון פאָלק פלעגען ווידער אונטערפאלען אונטער'ן יאָך פון פרעמדע, ביז עס פלעגט אויפשטעהן א נייער שופט און בעפרייער.

אזוי האָט זיך געצויגען צוויי הונדערט יאָהר. וועגען דער דאָזיגער צייט ווערט געזאָגט אין דער געשיכטע: „אין יענע טעג איז ניט געווען קיין מלך אין ישראל, און יעדער האָט געטהאָן וואָס

ער האָט געוואָלט.״ עס איז ניט געווען ביים אידישען פאָלק קיין אחדות, ניט אין מלוכה און ניט אין אמונה. דער גלויבען אין אן איינציגען גאָט און די מאָראל פון תורת משה זיינען נאָך ניט אריין טיעף אין הארצען פון פאָלק; אונטער אזעלכע אומשטענדען האָבען די געצענדיענערישע שבטים, וואָס האָבען געלעבט אין נאָהנטער שכנות מיט די אידען, געמוזט האָבען א שלעכטע ווירקונג אויפ׳ן גלויבען און די מדות פון די אידען. נישט קוקענדיג אויף דעם אלטען פערבאָט פלעגען די אידען זיך אָפט מתחתן זיין מיט די אנדערע איינוואוינער פון כנען. דאָס דאָזיגע צוזאמענלעבען מיט די פרעמדע פעלקער האָט געבראכט דערצו, אז די אידען פלעגען איבערנעהמען די היידנישע פיהרונגען און מנהגים. זיי האָבען געדיענט צו די כנענ׳ישע געטער, זיי פלעגען אויפשטעלען מזבחות אויף די שפיצען פון די בערג און דאָרט ברענגען קרבנות צו די געצען. ביי זיי זיינען אויך געווען הויזליכע געצען (תרפים), וועלכע האָבען זיך גערעכענט פאר די בעשיצער פון דער פאמיליע. אין דעם משכן אין שלה פלעגט מען וועניג קומען און עס פלעגען זיך צוזאמענקלייבען אהער בלויז געצעהלטע דיענער פון דעם איינציגען גאָט.

דאָס איז געווען די צייט פון דער פריהער יוגענד פון דעם אידישען פאָלק. דאָס יונגע פאָלק איז פערבלענדט געוואָרען פון יענע קינדערשע גלויבענס, וואָס זיינען געוועהנליך ביי אלע פעלקער ווען זיי זיינען נאָך יונג. נאָר נישט קוקענדיג אויף דער דאָזיגער פערבלענדעניש פון זייער גייסט האָבען די אידען ניט געקענט זיך אינגאנצען צומישען מיט די ארומיגע פעלקער. אין דעם זכרון פון פאָלק האָבען נאָך געלעבט עראינערונגען וועגען זייער גלענצענדער פערגאנגענהייט, וועגען די פרומע און עהרליכע אבות, וועגען דער בעפרייאונג פון דער קנעכטשאפט פון מצרים און וועגען מעמד הר סיני. די געשיכטען פון די דאָזיגע געשעהענישען פלעגען איבער־געהן פון עלטערען צו קינדער און האָבען אונטערגעהאלטען דעם גייסט פון פאָלק אין שווערע צייטען. די לויים און כהנים, וואָס האָבען געדיענט אין דעם משכן פון שלה, זיינען געווען די היטער

פון די אַלטע רעליגיעזע טראַדיציעס. די אמונה וואָס זיי האָבען גע׳ירש׳עט איז ניט פערשוואונדען, נאָר זי איז געלעגען בעהאַל־טען אונטער א צודעק פון געצענדיענסט. די דאָזיגע אמונה האָט זיך נאָך געדאַרפט ענטוויקלען אין שפּעטערע צייטען.

§40. די ערשטע שופטים. נאָך יהושע׳ס טויט, האָט דאָס אידישע פאָלק, מיעד פון די פיעל־יעהריגע מלחמות, געגאַרט נאָך רוהה און פריעדען. אָבער די קריעגערישע פעלקער, וואָס האָבען געלעבט אויף די גרעניצען פון כנען, האָבען ניט געלאָזט די אידען געניסען קיין רוהה, ווארום זיי פלעגען מאַכען אָפטע אָנפאַלען אויף זייערע לענדערייען. צוערשט האָבען זיך קיין כנען אריינגעריסען די ארמים (סיריער) פון צפון און האָבען אונטערדריקט די אידען אַכט יאָהר. דעמאָלט איז אויפגעשטאַנען עתניאל, דער עלטסטער פון שבט יהודה, און מיט דער הילף פון א קליינער מחנה האָט ער פערטריבען די אַראַמעאישע גאַרניזאָנען, וואָס זיינען געשטעלט גע־וואָרען אין די אידישע שטעדט. די אידען זיינען דורכדעם שטאַרק ערמוטיגט געוואָרען און האָבען אָנגעהויבען זיך קלייבען אין גרויסע מאַסען אונטער דער פאָהן פון דעם העלד פון יהודה. דעמאָלט איז עתניאל אריינגעדרונגען מיט א גרויסען חיל אין סיריען, האָט צושלאָגען די אַראַמעער, האָט געטויט זייער קעניג און בעפרייט דאָס אידישע פאָלק פון דעם פרעמדען יאָך. נאָכדעם האָט א טייל פון די אידען אנערקענט עתניאל׳ן פאַר א שופט, אָדער פיה־רער.

נאָך עתניאל׳ס טויט זיינען די אידען ווידער געבליבען אָהן א פיהרער. דער צאָלרייכער שבט יהודה האָט זיך איינגעשלאָ־סען אין זיין בעשיצטער, בערגיגער נחלה, אין דרום כנען, און האָט זיך אָבגעטיילט פון די איבעריגע שבטים. ווען די ארומיגע פעל־קער האָבען געזעהן אַז צווישען די אידען איז ניטאָ קיין אחדות האָבען זיי ווידער אָנגעהויבען בעאונרוהיגען דאָס אידישע לאַנד. די מואבים זיינען אריבער דעם ירדן, האָבען פערכאַפּט די שטאָדט יריחו און אנדערע טיילען פון שבט בנימין. א לאַנגע צייט האָבען די בני בנימין געטראָגען דעם יאָך פון די מואבים, און האָבען געצאָלט צינז זייער גרויזאַמען קעניג עגלון. אָבער ענדליך איז אין בנימין ערשינען א מוטיגער העלד, דער שופט אהוד, וועלכער האָט

בעוויזען פאַלגענדע העלדישקייט. ער איז געקומען צו ענלון, דעם קעניג פון מואב, מיט'ן אויסרייד אַז ער האָט איהם איבערצוגעבען מתנות פון די אידען; און ווען אהוד איז געבליבען אליין מיט'ן קעניג, האָט ער איהם דערשטאָכען מיט'ן שווערד. דערנאָך האָט ער אויפגעקליבען אַ גרויסען חיל און האָט אויסגע'הרג'עט אלע מואבים פון יריחו און האָט זיי אויך פערטריבען פון די איבעריגע טיילען פון אידישען לאנד.

§41. דבורה הנביאה. אין דער צייט ווען די קריגערישע שבטים פון דרום (יהודה און בנימין), האָבען זיך פערזיכערט גע־גען די אַנפאַלען פון פרעמדע, האָבען די שבטים פון צפון (נפתלי, זבלון, ישכר, אשר) געמוזט פיהרען אַ קאַמפף מיט די איינוואוינער פון לאנד. דער צפון־טייל פון כנען איז ניט בעזיעגט געוואָרען אינגאַנצען פאַר יהושע'ן, און אַ סך כנענים זיינען געבליבען אין זייערע בעפעסטיגטע שטעדט צווישען די אידען. די דאָזיגע קליי־נע פעלקער האָבען געהאַסט די אידען, וועלכע האָבען צוגענומען אַ גרויסען טייל פון זייער לאנד, און זיי האָבען אויסגענוצט יעדע געלעגענהייט צו נעהמען נקמה פון זייערע בעזיעגער. דער קעניג יבין האָט זיך געשטעלט בראש פון יענע פעלקער און אין אַ משך פון פיעל יאָהרען האָט ער גרויזאַם געדריקט דעם שבט נפתלי און זבולן. זיין קריעגספיהרער סיסרא, וועלכער האָט געהאַט אַ גרוי־סען חיל און אַ סך אייזערנע רייטוועגען, האָט געהאַלטען אין דער מורא די גאַנצע אידישע בעפעלקערונג. אַ סך אידען פון די צפונ־דיגע שבטים זיינען געלאָפען פון דעם שונא'ס דרוק אין דעם לאנד פון שבט אפרים.

אין יענער צייט האָט אויפ'ן בארג אפרים געלעבט אַ קלוגע פרוי מיט'ן נאָמען דבורה. זי איז געווען אַ נביאה, דאָס הייסט אַ בעגייסטערטער מענש וואָס רעדט אין דעם נאָמען פון גאָט. צו איהר פלעגט מען קומען נאָך עצות און נאָך משפט. זי פלעגט זיצען אונטער אַ פאַלמע און לערנען און ריכטען דאָס פאָלק. ווען דבורה האָט זיך דערוואוסט דורך די אַנטלאָפענע פון צפון וועגען די ליידען, וואָס זייערע ברידער שטעהען־אויס פון סיסרא'ן, האָט זי אָנגעהויבען וועקען דאָס פאָלק צו אַ פעראייניגטען קאַמפף מיט די אונטערדריקער. דאַן האָט זי גערופען דעם קריעגער ב ר ק

פון שבט נפתלי און האָט איהם געהייסען ער זאָל זיך שטעלען בראש פון דער אידישער מחנה און געהן מלחמה האַלטען מיט סיסרא'ן. אָבער ברק האָט איהר געזאָגט: אויב דו וועסט געהן מיט מיר וועל איך געהן." דבורה האָט געענטפערט: „גוט, איך וועל געהן מיט דיר, אָבער דאָס וועט דיין כבוד ניט גרעסער מאַכען, ווארום מען וועט זאָגען, אז א פרוי האָט געוואונען דעם זיעג אין דער מלחמה".

האָט ברק צוזאַמענגענומען א חיל פון צעהן טויזענד מאַן פון דעם שבט נפתלי, זבולון און אנדערע, און איז אַוועק צום באַרג תבור. ווען סיסרא האָט דערהערט אַז די אידען האָבען זיך בעוואפענט האָט ער צוזאַמענגענומען זיין גאַנצען פערד־חיל און האָט זיך געלאָזט צום טייך קישון, נעבען באַרג כרמל. דאָ איז פאָרגעקומען אַן ענטשיידענדע שלאַכט. סיסרא'ס חיל מיט זיינע שווערע קריעגסוועגען האָט זיך ניט געקענט פריי בעוועגען אין דער בערגיגער געגענד, בשעת ווען דער גרינגער אידישער פוס־חיל האָט איהם דערלאַנגט איין קלאַפּ נאָכ'ן אנדערען. דער סוף איז געווען, אַז דער שונא איז אינגאַנצען צושלאָגען געוואָרען. סיסרא איז אַנטלאָפען צופוס און האָט זיך בעהאַלטען אין געצעלט פון י ע ל, די ווייב פון אַן עלטסטען פון שבט הקיני, וועלכע זיינען געווען פריינדליך צו אידען. יעל האָט אויפגענומען סיסרא'ן מיט געמאַכטער פריינדליכקייט, האָט איהם אָנגעטרונקען מיט מילך און איהם געראַטען זיך לעגען אָברוהען. און ווען ער איז איינגעשלאָפען האָט זי גענומען א שאַרפען פלאָקען פון געצעלט און האָט עס מיט א האַמער ארייגעשלאָגען אין קאָפּ דעם שלאָפענדען קריעגער. סיסרא איז געבליבען טויט אויפ'ן אָרט. אויף אַזאַ אופן זיינען די אידישע שבטים פון צפון בעפרייט געוואָרען פון דעם שווערען יאָך. אין תנ"ך איז געבליבען „דאָס ליעד פון דבורה", אין וועלכעס עס ווערט געשילדערט אין העלע בילדער די שטימונג פון פאָלק איי יענעם בעפרייאונגס־קריעג:

הערט אויס, איהר מלכים! פאַרנעהמט, איהר שרים!
איך זינג צום גרויסען גאָט פון ישראל. עס איז קיין פיהרער ניט געווען אין ישראל, ביז וואַנען איך דבורה בין געקומען, ביז וואַנען איך בין אויפגעשטאַנען אַ מוטער אין ישראל. שטעה

אויף, ברק, און פאנג דיין פאנג, זוהן פון אבינועם. אַט קומען די קריעגער פון אפרים, נאָך זיי פון בנימין, פון זבולן זיינען געקומען פיהרער, פון יששכר — פירשטען אינאיינעם מיט דבורה'ן. נאָר ראובן צעגערט. וואָס זשע הויערסטו, ראובן, צווישען די געמארקען, צו הערען די געשרייען פון די סטאדעס? ראובן איז זיך צו לאנג מישב. גלעד ליעגט אין עבר־הירדן, נאָר וואָס זיצט דן אין זיינע שיפען? זבולן איז א פאָלק, וואָס איז מקריב זיין לעבען אין שטרייט, נפתלי — אויפ'ן שלאכטפעלד. פון הימעל האָט מען מלחמה געהאלטען, די שטערען פון זייערע שטעגען האָבען מיט סיסרא'ן געשטריטען. געבענשט זאָל זיין צווישען פרויען יעל! וואסער האָט ער געבעטען, מילך האָט זי געגעבען. איהר לינקע האנד האָט זי געשטרעקט צום צוואָק, איהר רעכטע — צום האמער. דורכ'ן פענסטערל קוקט און שמאכט די מוטער פון סיסרא: פארוואָס זאמען זיך די רייטער, וואָרום קומען ניט די רייטוועגען? און איהרע הארינטעס ענטפע־רען איהר: זיי האָבען דאָך פיעל רויב גענומען, צווישען זיך די רויב צוטיילען, די רויב פון פארבענרייכע צייגען, געוואנטען פאר די פרויען.

§42. גדעון. נאָך עטליכע צעהנדליג יאָהר פון רוה איז פאר די אידען וויעדער אָנגעשטאנען א שווערע צייט. די וואנדערנדע שבטים, וועלכע האָבען געלעבט נעבען די גרעניצען פון כנען, האָ־בען אָנגעהויבען זיך אריינרייסען אין לאנד און רויבען די איינ־וואוינער. די מדינים פון מזרח און די האלב־ווילדע עמלקים פון דרום פלעגען „אָנפליהען ווי די היישעריקען" אויף די אידישע נחלאות. זיי פלעגען אריינדרינגען אהין אין צייט פון שניט, פלעגען וואנדערען איבער'ן לאנד אויף זייערע קעמלען און אויפ־שלאָגען זייערע געצעלטען אין די ערטער וואו עס האָבען געוואוינט די ערד־ארבייטער. וואו זיי פלעגען קומען פלעגען זיי פערוויסטען די תבואות אויף די פעלדער, פערכאפען די פיה און אוועקפיהרען און מאכען א תל פון די פריעדליכע איינוואוינער. די אידען פלעגען מוזען בעהאלטען זייער פערמעגען אין הייהלען און אין שפאלטען פון די בערג. זיי האָבען אויך צוליעב דעם אינגאנצען זייער מוט פערלאָרען.

אין יענער צייט האָט אין עפרה, א שטאָדט אין מערב פון מנשה׳ס נחלה, געלעבט א מאן מיט׳ן נאָמען גדעון, א שטילער ערד־ארבייטער, וועלכער האָט אָבער בעזעסען דעם מוט פון א קריעגסמאַן. ווען די מדינים האָבען גע׳הרג׳עט זיינע עלטערע ברידער האָט זיך אין גדעונ׳ן אָנגעצונדען א פערלאַנג צו נעהמען נקמה פון די רויבער און בעפרייען זיין פאָלק. איינמאָל ביי־נאַכט — דערצעהלט דער תנ״ך — ווען גדעון האָט געדראָשען ווייץ אין דער שטיל כדי צו פערבאָרגען עס פון די מדינים, האָט זיך א מלאך פון גאָט בעוויזען צו איהם און איהם געזאָגט: „געה און ליין אוים די אידען פון די מדינ׳ישע הענד; דיך שיקט גאָט״. גדעון האָט דערפיהלט א בעגייסטערונג אין זיך און די ערשטע זאַך האָט ער צושטערט דעם מזבח פון בעל, וואָס האָט געהערט צו זיין פאָטער יואש, און אויף זיין אָרט האָט ער אויפגעבויט א מזבח צום אידישען גאָט. די איינוואוינער פון עפרה, וועלכע האָבען געדיענט צום בעל, האָבען געזאָגט צו גדעונ׳ס פאָטער: „הרג׳ע דיין זוהן דערפאַר וואָס ער האָט צושטערט דעם מזבח פון אונזער גאָט.״ נאָר יואש האָט זיי געענטפערט: „דאַרפט איהר זיך איינשטעלען פאַר בעל? וועט איהר איהם דען העלפען? אויב ער איז א גאָט, דאַן זאָל ער זיך אָננעהמען פאַר זיך אַליין און בעשטראָפען יענעם, וואָס האָט צושטערט זיין מזבח״.

אין גיכען נאָכדעם האָט גדעון גענומען רופען דאָס פאָלק צו פערטיידיגען דאָס פאטערלאַנד. אויף זיין רוף האָבען אָבגע־ענטפערט טויזענדער קריעגער פון די שבטים מנשה, זבולן, אשר און נפתלי. די מדינ׳ישע מחנות זיינען געשטאַנען מיט זייער לאַגער אין טאָל יזרעאל און האָבען פערוויסט דאָס לאַנד. גדעון האָט בעשלאָסען אָנצופאַלען אויף זיי פלוצלונג. ער האָט געלאָזט אויס־רופען איבער זיין חיל: „ווער עס שרעקט זיך און האָט מורא, יע־נער זאָל געהן אהיים!״ ארום גדעונ׳ן איז דאַן געבליבען א מחנה פון נישט מעהר ווי הונדערט גבורים. ביינאַכט האָבען די אידי־שע גבורים גענומען טראָמפייטען, און ברענענדיגע פאַקעלען, וועל־כע זיי האָבען בעהאַלטען אין קרוגען. דאַן האָבען זיי זיך פלוצ־לונג א וואָרף געטהאָן אויפ׳ן שלאָפענדען לאַגער פון שונא, האָ־בען ארויסגעוואָרפען די פאַקעלען און גענומען שאַלען אין די

טראָמפּייטען און שרייען: „אַ שווערד פאַר גאָט און פאַר גדעון!“ די איבערראַשטע מדינים האָבען זיך דערשראָקען פון די קולות פון די טראָמפּייטען און פון די פלאַמען פון די פאַקעלען, און האָבען זיך געלאָזט לויפען. די אידען האָבען זיי נאָכגעיאָגט און זיי צו־קלאַפּט. גדעון האָט צושיקט שלוחים צו אַלע שבטים מיט אַ בע־פעהל צו פאַנגען די אַנטלויפענדע. דער שטאַרקער שבט אפרים האָט זיך אויך אָנגעשלאָסען אין דער מלחמה און האָט גענומען גע־פאַנגען די פיהרער פון די מדינים. גדעון האָט זיך ניט בענוגענט מיט פערטרייבען דעם שונא פון דעם אידישען לאַנד, נאָר איז אויך מיט זיין חיל אריבער דעם ירדן און איז אריינגעדרונגען אין מדינ׳ישע לענדער. דאָ האָט ער געפאַנגען צוויי מדינ׳ישע הערשער (זבח און צלמנע) און האָט זיי געהייסען טויטען דערפאַר וואָס זיי האָבען אמאָל גע׳הרג׳עט זיינע ברידער.

דער דאָזיגער גלענצענדער נצחון האָט בעריהמט געמאַכט גדעון׳ס נאָמען ביים גאַנצען פאָלק. די אידען האָבען פערשטאַנען, אַז זיי וואָלטען געווען שטאַרק, ווען זיי וואָלטען שטענדיג געהאַט אַזעלכע פיהרער און רעגיערער ווי גדעון, און די עלטסטע פון די וויכטיגסטע שבטים האָבען אַנערקענט גדעון׳ען פאַר זייער שופט. זיי האָבען איהם פאָרגעלעגט ער זאָל זיך קרוינען פאַר׳ן אידישען קעניג. נאָר דער עניוות׳דיגער פיהרער האָט געענטפערט: „ניט איך און ניט מיינע קינדער וועלען הערשען איבער אייך; גאָט איז אייער הערשער“.

§43. אבימלך. גדעון איז געשטאָרבען אין טיעפען עלטער, און האָט געלאָזען נאָך זיך אַ סך זיהן פון זיינע פיעל ווייבער. צווישען זיי איז געווען איין זוהן, געבאָרען פון זיינער אַ דיענסט, וועלכע האָט געשטאַמט פון שכם. דער דאָזיגער זוהן, מיט׳ן נאָ־מען אבימלך, איז געווען אַ גרויסער רודף אחר כבוד און ער האָט געוואָלט קריגען יענע קעניגליכע הערשאַפט, פון וועלכער זיין פאָ־טער האָט זיך אָבגעזאָגט. האָט ער מיט דער הילף פון זיינע אָנ־הענגער גע׳הרג׳עט אַלע זיינע ברידער, אויסער איינעם, דעם איינג־סטען, יותם, וועלכער איז אַנטלאָפען. די איינוואוינער פון שכם האָבען אַנערקענט אבימלכ׳ן פאַר אַ קעניג. ווען יותם האָט זיך דערפון דערוואוסט איז ער אַרויף אויפ׳ן שפּיץ פון באַרג גריזים

און פון דאָרטען האָט ער געזאָגט דעם פאָלק א פראַכטפולען משל, וואו ער האָט פערגליכען די איידעלקייט פון גדעונ׳ען, וועלכער האָט זיך אָבגעזאָגט פון דעם קעניגליכען נאָמען, מיט דער זשעד־נעקייט פון אבימלכ׳ן, וועלכער האָט דערגרייכט צו דיזען נאָמען דורך רציחות און פאַרברעכען. יותם האָט אזוי געזאָגט:

געגאַנגען זיינען אמאָל די בוימער פון וואלד צו זאַלבען א קעניג איבער זיך און זיי האָבען געזאָגט צום איילבוים: קום קעניג איבער אונז! און דער איילבוים האָט זיי געענטפערט: צי דען וועל איך אויפהערען געבען מיין בוימאייל און וועל געהן זיך פאַר־נעהמען מיט די בוימער? האָבען די בוימער געזאָגט צום פייגענ־בוים: געה דו קעניג איבער אונז. און געענטפערט האָט דער פייגענבוים: צי דען וועל איך אויפהערען געבען מיין זיסקייט און מיין געשמאַקע זאַפט, און וועל געהן זיך פאַרנעהמען מיט די בוי־מער? האָבען די בוימער געזאגט צום וויינשטאָק: געה דו קעניג איבער אונז! און דער וויינשטאָק האָט זיי געענטפערט: צי וועל איך אויפהערען געבען מיין זאַפט, וואָס דערפרעהט גאָט און לייט און געהן זיך פאַרנעהמען מיט די בוימער? האָבען זיך די בוימער געווענדט צום דאָרן: קעניג דו איבער אונז! און דער דאָרן האָט געזאָגט צו די בוימער: אויב איהר מיינט באמת מיך צו זאַלבען פאַר א קעניג איבער אייך, דאַן קומט און שיצט זיך אין מיין שאָטען; און אויב ניט, וועט ארויס א פייער פון דעם דאָרן און וועט פערצעהרען די צעדער פון לבנון".

נאָר ניט לאַנג האָט דער גרויזאַמער אבימלך געקעניגט. אין דריי יאָהר ארום זיינען די איינוואוינער פון שכם געוואָרען אונ־צופרידען פון זיין שלעכטער ממשלה און האָבען מורד געווען און איהם פערטריבען פון שטאָדט. און עס האָט זיך אָנגעהויבען א בלוטיגער ברודער־קריעג. אבימלך האָט געהאַט א שלאַכט מיט די מורדים נעבען שכם און האָט זיי מנצח געווען. ער איז אריין אין זיין אייגענער שטאָדט שכם אזוי ווי אין אן איינגענומענער שטאָדט, האָט זי חרב געמאַכט און אויסגע׳הרג׳עט די איינוואוי־נער. ארום טויזענד מענער און פרויען האָבען זיך בעפעסטיגט אין דעם שטאָדטישען טהורם. האָט אבימלך אונטערגעצונדען דעם טהורם, און אלע מענשען וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען זיינען

אומגעקומען אין פייער. דערנאָך האָבען אבימלכ'ס מחנות בעלאַ־
גערט די שטאָט תבץ, וואו די איינוואוינער האָבען אויך געמאַכט
אַן אויפשטאַנד און זיך אויך בעפעסטיגט אין אַ טהורם. דאָ האָט
אַ פרוי אַרונטערגעוואָרפען פון שפּיץ אַ שטיק מיהלשטיין אבימלכ'ן
אין קאָפּ און האָט איהם צושפּאָלטען דעם שאַרבען. אבימלך האָט
צוגערופען זיין וואַפען־טרעגער און האָט איהם געזאָגט: ענטבלויז
דיין שווערד און טויט מיך, כדי מען זאָל ניט זאָגען, אַז אַ פרוי האָט
מיך געטויט. דער וואַפענטרעגער האָט ערפילט זיין בעפעהל און
אבימלך איז געשטאָרבען. אַזוי האָט זיך געענדיגט דער ערשטער
ניט געלונגענער פּרוב איינצופיהרען אַ קעניגליכע הערשאַפט צווי־
שען די פרייע אידישע שבטים, וואָס זיינען ניט געוואוינט געווען
צו אַ זעלבסטהערשאַפט.

§44. יפתח. די פאַסטוכער־שבטים, וועלכע האָבען געלעבט
אויפ'ן מזרח זייט פון ירדן האָבען געהאַט שטענדיגע צוזאַמענ־
שטויסען מיט דעם שכנ'ישען פאָלק עמון. דאָס דאָזיגע פאָלק,
וואָס אַמאָל האָט עס בעהערשט גאַנץ גלעד, האָט געקוקט אויף
די אידען ווי אויף פרעמדע זיעגער, און האָט געזוכט אָבצונעהמען
צוריק די לענדערייען, וואָס די אידען האָבען פערנומען נאָך אין
דער צייט פון דעם אמורי'שען קעניג סיחון. עס איז געקומען אַ
צייט ווען די עמונים זיינען געוואָרען אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבען
ניט נאָר אונטערדריקט די אידען פון גלעד, נאָר זיי האָבען אפילו
געוואַגט אַריבערגעהן דעם ירדן און בעפאַלען די שבטים פון אינע־
ווענינסטען כנען. דעמאָלט האָבען זיך די עלטסטע פון גלעד פער־
זאַמעלט און בעשלאָסען צו האַלטען מלחמה מיט די אונטערדריקער.
פאַר זייער הויפטמאַן האָבען זיי אויסגעקליבען דעם העלדישען יפתח.

יפתח איז געווען דער זוהן פון אַ מאַן מיט'ן נאָמען גלעד,
וועלכער האָט געוואוינט אין דער געגענד פונ'ם לאַנד גלעד און
האָט געהאַט נאָך זיהן פון אַנדערע פרויען, האָבען די דאָזיגע
זיהן פערטריבען יפתח'ן פון זיין פאָטער'ס הויז און האָבען
איהם בערויבט פון זיין ירושה. דער בעליידיגטער יפתח איז
געוואָרען אויפגעבראַכט און איז אַנטלאָפען אין די דערביי־

*

איגע סטעפּעס און איז געוואָרען דער פיהרער פון חברה ליידינגעהער. ווען די עמונים האָבען אָנגעהויבען שטאַרק דריקען די אידען זיינען די עלטסטע פון גלעד אוועק צו יפתח'ן און איהם געזאָגט: „קום און זיי ביי אונז אַ פיהרער אין דער מלחמה מיט די עמונים". און יפתח האָט זיי געענטפערט: „האָט איהר דען ניט דערלאָזט, אַז מען זאָל מיך אַרויסטרייבען פון מיין פאָטער'ס הויז? וואָרום זשע זייט איהר געקומען צו מיר איצט ווען איהר זייט אין אַ צרה?" פונדעסטוועגען ווען די עלטסטע זיינען צו איהם שטאַרק צוגעשטאַנען האָט ער נאָכגעגעבען און האָט אָנגענומען די פיהרערשאַפט איבער דעם אידישען חיל. קודם־כל האָט ער געשיקט שלוחים צום קעניג פון עמון און געפאָדערט אַז ער זאָל צוריקציהען זיינע מחנות פון גלעד. אָבער דער קעניג פון עמון האָט זיך ענטזאָגט צו ערפילען יפתח'ס פאָדערונג און האָט געזאָגט, אַז די דאָזיגע לענדער האָבען געהערט צו די עמונים נאָך איידער זיי זיינען פערנומען געוואָרען פון די אידען, וואָס זיינען אַרויס פון מצרים. דעמאָלט איז יפתח אַרויס מלחמה האַלטען. מיט זיינע העלדישע מחנות איז ער בע־פאַלען די עמונים און האָט אָבגעהאַלטען אַ גרויסען נצחון איבער זיי. די עמונים זיינען פערטריבען געוואָרען פון גלעד און זיי האָבען מעהר ניט געהאַט דעם מוט צו בעאונרוהיגען די אידען. דער זיעג־רייכער יפתח איז מיט טריאומף אריינגעטראָטען אין זיין געבורטס־שטאָדט מצפה־גלעד און איז אַנערקענט געוואָרען אַלס פיהרער אָדער שופט פון זיינע לאַנדסלייט.

מיט דעם דאָזיגען נצחון איז אין זכרון פון פאָלק פערבונדען געווען אַ שרעקליכע און אין דער זעלבער צייט טראַגישע פּאַסירונג. דער תנ"ך דערצעהלט, אַז איידער יפתח איז בעפאַלען דעם שונא, האָט ער אַ נדר געטהאָן צו גאָט, אַז אויב גאָט וועט איבערענטפערען דעם שונא אין זיינע הענד וועט ער, צוריקגעהענדיג אַהיים, ברענ־גען צו איהם פאַר אַ קרבן די ערשטע זאַך וואָס וועט איהם אַרויס־געהן אַנטקעגען פון זיין הויז. אָבער ווען יפתח האָט זיך נאָך דער געוואונענער מלחמה אומגעקעהרט אַהיים, איז די ערשטע צו קומען איהם אַנטקעגען געווען זיין איינציגע טאָכטער, אַ שעהנע יונגע מיידעל, וועלכע איז פרעהליך אַרויס מיט אַ פּויק אין די הענד מקבל פּנים זיין איהר זיעגרייכען פאָטער. ווען יפתח האָט זי דערזעהן

האָט ער אין פערצווייפלונג אויסגעשריען : „אָה, טאָכטער מיינע, דו האָסט מיך דערשלאָגען ! איך האָב א נדר געטהאָן צו גאָט אז איך וועל איהם ברענגען פאר א קרבן די ערשטע זאך וואָס וועט ארויס־געהן פון מיין הויז מיר אנטקעגען, און איך קען ניט עובר זיין אויף מיין וואָרט !” און די מיידעל האָט געענטפערט : „פאָטער, אויב דו האָסט געגעבען א נדר צו גאָט, דאן טהו מיט מיר ווי דו האָסט צו־געזאָגט, נאָכדעם ווי גאָט האָט דורך דיר נקמה גענומען פון זיינע פיינד, די עמונים. נאָר איין בקשה האָב איך צו דיר : לאָז מיך אָב אויף צוויי חדשים, איך וועל ארויפגעהן אויף די בערג און דאָרט וועל איך צוזאמען מיט מיינע חבר'טעס בעקלאָגען מיין יונגעס לעבען.” יפתח האָט געטהאָן איהר פערלאנג און זיין טאָכטער האָט אין פערלויף פון צוויי מאָנאטען געלעבט אין די בערג און דאָרט זיך געזעגענט מיט איהר יונג לעבען. דערנאָך האָט זי זיך אומגעקעהרט צו איהר פאָטער און ער האָט מקיים געווען דעם נדר וואָס ער האָט געגעבען. פון דעמאָלט אָן איז געוואָרען א מנהג, אז די יונגע אי־דישע מיידלעך פלעגען יעדען יאָהר געהן אין די בערג אויף פיער טעג צו בעקלאָגען יפתח'ס טאָכטער.

§45. שמשון הגבור. נאָכדעם האָט א נייער שרעקליכער פיינד אָנגעהויבען דריקען די אידען. דאָס זיינען געווען די פלשתים, וועלכע האָבען זיך בעזעצט אויפ'ן דרום־מערב גרעניץ פון כנען אין די שטעדט עזה, אשקלון און אנדערע, וואָס זיינען געלעגען נאָהנט צום ים. דער שבט דן, וואָס האָט געלעבט אין שכנות מיט די פלשתים, האָט א סך געליטען פון די אָנפאלען פון דעם דאָזיגען קריעגערישען פאָלק, ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין כח מיט איהם מלחמה צו האלטען. איין גרויסער גבור, וועלכער האָט זיך איינער אליין נוקם געווען אָן די שונאים פאר זיין אונטערדריקטען פאָלק, איז געווען שמשון פון שבט דן . זיינע פרומע עלטערען האָבען איהם אין דער קינדהייט געהייליגט פאר א נזיר צו גאָט, און אלס צייכען דערפון האָט ער זיך ניט געשאָרען די האָר. נאָך אין זיינע קינדערשע יאָהרען האָט ער ארויסגעוויזען אָן אויס־ערגעוועהנליכע קראפט. שמשון האָט זיך אויסגעקליבען א כלה פון צווישען די פלשתים, און איז איינמאָל געגאנגען אין דער שטאָדט וואו זי האָט געוואוינט. אויפ'ן וועג האָט איהם

בעגעגענט א יונגער לייב, וועלכער האָט זיך געוואָלט אַרויפוואַרפען אויף איהם, נאָר שמשון האָט א כאַפּ געטהאָן דעם לייב און איהם צוריסען מיט די הענט ווי א ציגעלע. אין גיכען האָט ער זיין גרויסען כח געלאָזט דערפיהלען די שונאים פון זיין פאָלק. אין אשקלון האָט שמשון איינמאָל געכאַפּט דריי הונדערט פוקסען, האָט צוגעבונדען ברענענדיגע פאַקעלען צו זייערע וויידלען, און האָט אָבגעלאָזען די פוקסען אויף די פלשתי׳שע פעלדער אין דער צייט פון שניט. די גאַנצע תבואה אויף די פעלדער איז פערברענט געוואָרען. שמשון האָט זיך בעהאַלטען אין די בערג. די צורייצטע פלשתים זיינען בע־פאַלען דעם שכני׳שען שבט יהודה און געפאָדערט מען זאָל זיי ארוים־געבען שמשונ׳ען. די בני יהודה האָבען זיך דערשראָקען און געזאָגט צו שמשונ׳ען: „וואָס האָסטו אונז געטהאָן? ווייסטו דען ניט, אז די פלשתים הערשען איבער אונז? מיר וועלען דיך בינדען און אי־בערגעבען אין זייערע הענד“. און מען האָט שמשונ׳ען געבונדען די הענד מיט שטאַרקע שטריק און ארויסגעפיהרט פון דעם פעלזען־שפּאַלט, וואו ער האָט זיך אויפגעהאַלטען. נאָר ווען די פלשתים זיי־נען צוגעגאַנגען איהם נעהמען האָט ער אָנגעשטרענגט זיינע כחות, האָט צוריסען די שטריק און איז אַנטלאָפען. ניט האָבענדיג ביי זיך קיין געוועהר, האָט ער אויפ׳ן וועג אויפגעהויבען א קינבאַק פון א טויטען עזעל און דערמיט דערשלאָגען יעדען פלשתי וואָס ער האָט בעגעגענט. אין קורצען נאָך דעם האָט שמשון גענעכטיגט אין דער פלשתי׳שער שטאָדט עזה. ווען די איינוואוינער פון שטאָדט זיינען דערפון געוואָהר געוואָרען, האָבען זיי פערשפּאַרט די טויערען פון שטאָדט, און בעשלאָסען אויף מאָרגען אין דערפריה פאַנגען דעם גבור. נאָר שמשון האָט זיך אויפגעכאַפּט אין מיטען נאַכט, און דער־זעהענדיג אז אַלע וועגען זיינען פערשפּאַרט, האָט ער אויסגעריסען די טויערען צוזאַמען מיט די זיילען און שלעסער און האָט זיי אויף די פּלייצעס אַוועקגעטראָגען אויפ׳ן שפּיץ בארג.

שמשונ׳ס גבורות האָבען איהם בעריהמט געמאַכט צווישען אַלע אידען. איניגע שבטים האָבען איהם אויסגעקליבען פאַר זייער שופט. אָבער די פלשתים האָבען געזוכט א געלעגענהייט איהם אומ־צוברענגען. זיי האָבען זיך דערוואוסט, אז שמשון האָט ליעב א פלשתי׳שע פרוי מיט׳ן נאָמען דלילה. זיינען די פלשתי׳שע הארען

געקומען צו דער דאָזיגער פרוי און איהר געזאָגט: „דערגעה ביי שמשון'ען אין וואָס בעשטעהט דער גרויסער כח זיינער און מיט וואָס מען קען איהם בייקומען, און מיר וועלען דיר דערפאַר געבען צו טויזענד און הונדערט זילבערנע שקלים. דלילה איז צוגעשטאַנען צו שמשון'ען ער זאָל איהר ענטדעקען דעם סוד פון זיין קראַפט. נאָך פיעל בקשות האָט איהר שמשון דערצעהלט, אז פון קליינווייז אויף האָט ער ניט געשאָרען זיינע האָר, און ווען מען זאָל אָבשערען זיינע לאַנגע האָר וועט ער פאַרלירען זיין קראַפט. דלילה האָט דאָס איבערגעגעבען צו די פּלשתי'שע פירשטען און אליין האָט זי פאַר־שלעפערט שמשון'ען און איהם אָבגעשאָרען זיינע לאַנגע האָר. דאַן האָט שמשון'ס העלדישע קראַפט איהם פאַרלאָזען. די פּלשתים האָ־בען געכאַפּט שמשון'ען, האָבען איהם אויסגעשטאָכען די אויגען און א געשמיעדטען אין קייטען האָבען זיי איהם אריינגעזעצט אין תפיסה אין דער שטאָדט עזה, וואו זיי האָבען איהם געצוואונגען צו מאָהלען תבואה אויף מיהלשטיינער.

לאַנג איז דער אידישער העלד געזעסען אין געפענגניס, נאָר מיט דער צייט זיינען איהם די האָר אָבגעוואַקסען און זיין קראַפט האָט זיך אָנגעפאַנגען אומצוקעהרען צו איהם. איינמאָל האָבען די פּלשתי'שע הארען געמאַכט א גרויסען יום־טוב אין דעם טעמפּעל פון זייער שטאַם־גאָט דגון. זיי האָבען געהייסען ברענגען דעם בלינ־דען שמשון'ען ער זאָל משמח זיין זיי און דעם פערזאַמעלטען פאָלק. מען האָט שמשון'ען געבראַכט אין דגונ'ס טעמפּעל, וועלכער איז געוועזען אָנגעפילט מיט מענשען. פיהלענדיג ווי דער המון מאַכט זיך לוסטיג איבער איהם האָט דער בלינדער שטיל געבעטען צו גאָט: „דערמאָן זיך, גאָט, אָן מיר און גיב מיר קראַפט כאָטש דעם לעצ־טען מאָל, איך זאָל זיך קענען נוקם זיין אין מיינע שונאים!" און די גאַנצע פריהערדיגע קראַפט האָט זיך אומגעקעהרט צום אידישען גבור. ער האָט זיך איינגעשפאַרט מיט זיינע מעכטיגע הענד אין די צוויי מיטעלסטע זיילען וואָס האָבען אונטערגעהאַלטען דעם דאַך פון טעמפּעל און האָט אויסגעשריען: „תמות נפשי עם פּלשתים! לאָמיר שטאַרבען צוזאַמען מיט די פּלשתים!" די זיילען האָבען זיך א וויעג געטהאָן און דער גאַנצער בנין איז איינגעפאַלען, דערדריי־קענדיג אויף טויט טויזענדער פּלשתים און אויך שמשון'ען אליין.

זיין קערפּער האָט צוגענומען זיינע פריינד און איהם בעגראָבען אין די קברים פון זיין פאַמיליע אין דעם לאַנד פון שבט דן.

§46. דער לעבענספיהר און די זיטען פון די אידען אין דער צייט פון די שופטים האָט זיך ווינציג אונטערשיידט פון די זיטען און מנהגים פון די איבעריגע כנען׳ישע פעלקער. א טייל פון אידישען פאָלק האָט זיך פאַרנומען מיט ערד־ארבייט, און א טייל מיט פיהצוכט. מלאכות און האַנדעל זיינען נאָך ניט געווען פאַר־שפּרייט. איבעראַל זיינען די אידען געקומען אין בעריהרונג מיט אַנדערע פעלקער, וועלכע האָבען געוואוינט סיי אין כנען גופא, סיי אויף די גרעניצען, און זיי האָבען איבערגענומען זייערע געוועהנ־הייטען און אפילו זייערע פאָרמען פון גאָטעסדיענסט. דער פּראָס־טער המון פון אידישען פאָלק האָט זיך ניט געקענט צוגעוועהנען צו דיענען צו א גאָט וואָס מען זעהט ניט און האָט זיך אָפט גע־בוקט צו בילדער. אפילו דער שופט גדעון, וועלכער האָט צושטערט דעם מזבח פון בעל, האָט אויפגעזאַמעלט דאָס גאַנצע גאָלד פון דער מלחמה מיט מדין און האָט אויסגעגאָסען דערפון אן „אפוד", האָט איהם אנידערגעשטעלט ביי זיך אין הויז, און דאָס פאָלק פלעגט געהן זיך בוקען צו דעם דאָזיגען אפוד ווי צו א געץ.

עס פלעגט פּאַסירען, אז אפילו די לויים, די דיענער פון דעם אידישען גאָט, פלעגען דיענען פאַר די געצען. איינער פון דעם שבט אפרים, מיכה, האָט אויסגעבויט פאַר זיך א טעמפּעל, וואו ער האָט אוועקגעשטעלט א גרויסען זילבערנעם געץ און קליינע הויזליכע געצקעס (תרפים) און ער האָט אוועקגעשטעלט א יונגען לוי צו דיענען אַרום די אָבגעטער. די לייכטגלויביגע מענשען פלעגען געהן אהין, און דער פאַלשער כהן פלעגט זיי פּאָראויסזאָגען זייער מזל אין דעם נאָמען פון דעם געץ (אָראַקעל). אין יענער צייט איז א טייל פון דעם שבט דן, וואָס איז געווען אונטערדריקט פון די פלשתים, געגאַנגען זוכען א ניי לאַנד זיך צו בעזעצען. די בני דן האָ־בען געשיקט פּאָראויס מרגלים אויסצוקוקען א געוויסע געגענד אין צפון. אויפ׳ן וועג זיינען די מרגלים פאַרגאַנגען אין מיכה׳ס טעמפּעל, צו פרעגען אויב זייער שליחות וועט מצליח זיין. דער אָראַקעל האָט זיי פאָראויסגעזאָגט, אז זיי וועלען מצליח זיין. און אזוי איז גראָד געשעהן: די בני דן האָבען איינגענומען די שטאָדט ליש, נעבען דעם

**צפון גרעניץ פון פעניציען.** דעמאָלט זיינען די בני דן געקומען און האָבען אוועקגערויבט מיכה'ס געץ און איהם אוועקגעפיהרט אלס היילינגטום, צוזאמען מיט דעם כהן, אין זייער נייער נחלה, וואו זיי האָבען אויסגעבויט פאַר איהם א בעזונדער טעמפעל. אזעלכע געצען־טעמפלען האָבען זיך געפונען אויך ביי עטליכע אנדערע אידישע שבטים. דעם משכן אין שלה פלעגען בעזוכען בלויז ווייניגע געטרייע דיענער פון אידישען גאָט. מחמת דעם איז קיין אחדות ניט געווען אין פאָלק. דער צוזאמענבונד צווישען די שבטים איז אָבגעשוואכט געוואָרען און ניט זעלטען פלעגען אפילו פאָרקומען צווישען זיי אומגליקליכע מחלוקות.

איינמאָל איז צווישען זיי פאָרגעקומען אזא שרעקליכער ברודער־קריעג דורך וועלכען עס איז שיער ניט אומגעקומען א גאַנצער אידישער שבט, דער שבט בנימין. אין דער שטאָדט גבעה האָט זיך אָבגעשטעלט אויף נאכטלעגער א דורכרייזענדער לוי מיט זיין פרוי. איינינגע פון די דאָרטיגע איינוואוינער, אויסגעלאַסענע מענשען, האָבען ארומגערינגעלט דאָס הויז, וואו דער לוי האָט זיך אָבגעשטעלט, האָבען מיט גוואלד אוועקגעפיהרט זיין פרוי און זי שענדליך בעהאנדעלט. אויף מאָרגען האָט דער לוי געפונען זיין פרוי א טויטע נעבען דער טיהר פון זיין הויז. האָט ער גענומען א מעסער און צושניטען דעם קערפּער אויף צוועלף שטיק, און צושיקט איבער די שטעדט פון די צוועלף אידישע שבטים, כדי אלע זאָלען וויסען וואָס פאַר א רציחה די איינוואוינער פון גבעה האָבען אָבגעטהאָן. די אידען זיינען אריין אין גרוים צאָרן און האָבען בעשלאָסען צו בעשטראָפען די שולדיגע. מחנות פון אלע שבטים, בעזונדערס פון אפרים, זיינען אריינגעטראָטען אין דער נחלה פון שבט בנימין און האָבען געפאָדערט מען זאָל זיי ארויסגעבען די רוצחים פון גבעה, כדי זיי צו בעשטראָפען. אָבער די בני בנימין האָבען דערויף ניט מסכים געווען. דעמאָלט האָבען די אידען זיך געגעבען א שבועה ניט צו געבען זייערע טעכטער פאַר ווייבער צו די זיהן פון שבט בנימין און אויף אזא אופן נעהמען נקמה פאַר דעם פערגאָסענעם בלוט. און עס האָט אויסגעבראָכען א שוידערליכער ברודער־קריעג. זייענדיג געשיקטע שיסער האָבען פון אָנפאַנג די בני בנימין מנצח געווען, נאָר סוף כל סוף האָבען זיי ניט געקענט ביישטעהן דעם צאָלרייכען

פעראייניגטען חיל פון די אידען. טויזענדער מענשען פון שבט בנימין זיינען גע'הרג'עט געוואָרען און זייערע שטעדט זיינען פערניכטעט געוואָרען דורך פייער.

נאָך דער מלחמה האָבען זיך די אידען פערזאַמעלט אין בית־אל. און עס האָט זיי אָנגעהויבען באַנג טהאָן וואָס אַזוי פיעל פון זייערע ברידער פון שבט בנימין זיינען אומגעבראַכט געוואָרען. „צי דען — האָבען זיי געזאָגט — זאָל געמינערט ווערען אַ גאַנצער שבט פון ישראל?“ און זיי האָבען גענומען טראַכטען מיטלען ווי אַזוי צוריק אויפריכטען די לעבענגעבליבענע פון שבט בנימין. אַ סך יונגע לייט פון בנימין האָבען ניט געקענט חתונה האָבען, מחמת אַ גרויסע צאָל מיידלעך פון דעם אומגליקליכען שבט זיינען אומגעקומען אין דער מלחמה, און די איבעריגע אידען האָבען ניט געקענט ברעכען זייער שבועה וואָס זיי האָבען געשוואָרען ניט אויסצוגעבען זייערע טעכטער פאַר די זיהן פון דעם פערזינדיגטען שבט. דעמאָלט האָבען די עלטסטע פון פאָלק געזאָגט צו די בחורים פון שבט בנימין: „יעדען יאָהר קומט פאַר אַ יום־טוב אין שלה; געהט אהין, באַהאַלט זיך אין די וויינגערטנער, און ווען איהר וועט דערזעהן ווי די שטאָדטישע מיידלעך געהען ארויס טאַנצען אין קאַראַהאָד זאָלט איהר ארויסלויפען פון אייערע בעהעלטענישען און יעדער איינער פון אייך זאָל זיך כאַפּען איינע פון זיי, און געהן אין זיין לאַנד“. די בני בנימין האָבען אַזוי געטהאָן. זיי האָבען געפאַנגען מיידלעך אין שלה און האָבען מיט זיי חתונה געהאַט און האָבען זיך ווידער בעזעצט אין פאַמיליעס אין זייער נחלה. עס איז אויסגעקומען אַזוי, אַז אי דער שבט בנימין איז גאַנץ געבליבען, אי די אידען האָבען געהאַלטען זייער שבועה, וואָרום דאָס פאָלק האָט ניט געגעבען זיינע טעכטער, נאָר די בני בנימין האָבען זיי אליין גענומען.

§47. עלי הכהן. די בעסערע מענשען פון אידישען פאָלק האָבען געשטרעבט צו פערשטאַרקען אין איהם דעם ריינעם גלויבען און גוטע מדות און איהם פאַרהיטען פון אויסמישען זיך מיט די געצענדיענער. איינער פון די איז געווען עלי, פון דער משפחה פון די כהנים, וועלכער איז געווען כהן גדול אין דעם משכן אין שלה. אין פערלויף פון פערציג יאָהר האָט ער פערוואַלטעט די אידען פון

מיטעלען כנען, צווישען וועלכע דער שבט אפרים האָט פערנומען דעם ערשטען אָרט. זייענדיג דער עלטסטער פון דעם משכן אין שלה האָט עלי געהאט די מעגליכקייט צו ווירקען אויף די מתפללים, וואָס פלעגען קומען אהין פון פערשיידענע ערטער. ער האָט אין זיי גע־וועקט דעם גלויבען אין אן איינציגען גאָט און א פעראכטונג צום געצענדיענסט, און אָפטמאָל פלעגט ער זיי אויפמונטערען און בענ־שען צום קאמפף מיט די פרעמדע אונטערדריקער, איבערהויפט די פלשתים. א לאנגע צייט האָט זיך דער דאָזיגער קאמפף געפיהרט מיט ערפאָלג פאר די אידען און די פלשתים האָבען ניט געקענט אָב־נעהמען קיין נייע לענדער ביי זיי. נאָר ווען עלי איז געוואָרען אלט און שוואך און האָט געדארפט איבערגעבען די פיהרערשאפט אין די הענד פון זיינע זיהן האָט די לאגע אָנגעהויבען ווערען ערגער. די זיהן פון דעם אלטען כהן, חפני און פנחס, האָבען ניט געהאט די מעלות פון זייער פאָטער. זיי האָבען ניט געטהאָן זייער פליכט אלס כהנים צום פאָלק, זיי האָבען נאָר געזוכט צו נעהמען וואָס מעהר מתנות פון די מתפללים, האָבען זיך אריינגעלאָזט אין פערגעניגענס און מיט זייער לעבען האָבען זיי געגעבען א שלעכטען ביישפיעל צום פראָסטען פאָלק.

אין יענער צייט האָט זיך אויף די אידען אָנגערוקט א גרויס אומגליק. די פלשתים האָבען אלץ מעהר און מעהר גענומען אָנפאַ־לען אויף די לענדער פון אפרים. די פעראייניגטע חילות פון עט־ליכע אידישע שבטים זיינען ארויסגעטראָטען געגען דעם שונא, וואָס זיין הויפט־לאגער האָט זיך געפונען אין אפקה. די עלטסטע פון פאָלק האָבען געראטען צו נעהמען דעם ארון־קדש פון דעם משכן אין שלה און טראָגען איהם פאָראויס פון די אידישע קריגער, כדי צו אונטערגעבען זיי מוט. ווען מען האָט געבראכט דעם ארון אין דעם אידישען לאגער האָבען זיך די פלשתים דערשראָקען: זיי האָבען מורא געהאט, אז דאָס הייליגטום פון אידישען גאָט וועט ברענגען אויף זיי א מפלה. זיי האָבען דעריבער צונויפגענומען אלע זייערע כחות און געקעמפפט מיט גרויס פערצווייפלונג. און דאָס אידישע חיל איז געשלאָגען געוואָרען פאר'ן שונא און האָט פערלאָרען אויפ'ן שלאכטפעלד דרייסיג טויזענד מאַן. צווישען די געה'רג'עטע זיינען אויך געווען עלי'ס צוויי זיהן, חפני און פנחס. איבערהויפט האָט

געמאכט זעהר א שווערען איינדרוק אויפ'ן פאלק דאס וואס די פלשתים האבען גענומען געפאנגען דעם היילינען ארון. איין אידי־שער קריעגער איז געקומען צולויפען פון שלאכטפעלד קיין שלה; זיינע קליידער זיינען געווען אויף איהם צוריסען און ער איז געווען איינגאנצען בערעקט מיט שטויב. עלי הכהן איז געזעסען ביי די טויערען פון שטאדט און האט מיט אונגעדולד געווארט אויף ידיעות פון דעם שלאכטפעלד. דער קריעגער איז שנעל צוגעלאפען צו איהם און געזאגט: „די אידען זיינען אנטלאפען, און א גרויסע אויסשלאכ־טונג איז געווען אין פאלק, און דיינע צוויי זיהן זיינען געשטארבען, און דער היילינער ארון פון גאט איז גענומען געווארען געפאנגען". געטראפען פון דער שרעקליכער נאכריכט איז דער זקן ארונטערגע־פאלען פון שטוהל און האט זיך צובראכען דעם גניק און איז אויפ'ן ארט געשטארבען.

דערווייל האבען די פלשתים, זייענדיג ערמוטיגט פון זייער נצחון, זיך גענומען רוקען טיעפער אין לאנד אריין און האבען זיך אריינגעריסען אין דער היילינער שטאדט שלה. זיי האבען צושטער־ די שטאדט און איהר היילינען משכן, וואס האט עקזיסטירט נאך פון יהושע'ס צייטען. פון דעמאלט אן האט די אפרים'שע שטאדט שלה אויפגעהערט צו זיין דער רעליגיעזער צענטער פון אידישען פאלק און דער שבט אפרים האט פערלארען זיין פריהעריגע אויבער־שאפט צווישען די אידישע שבטים. די לאגע פון די אידען איז גע־ווען זעהר א שווערע. די פלשתים האבען זיי געדריקט, האבען אוועק־געשטעלט גארניזאנען אין זייערע שטעדט און ניט ערלויבט די איינ־וואוינער צו האבען ביי זיך כלי־זין. אין דער דאזיגער טרויעריגער צייט, ווען דאס אידישע פאלק האט אויסגעזעהן איינגאנצען הילפ־לאז, איז אויפגעשטאנען א בעגייסטערטער מענש, וועלכער האט אויפגעמונטערט זיינע דערשלאגענע ברידער און זיי געוועקט צום העלדישען קאמפף צו בעפרייען דאס פאטערלאנד.

§48. שמואל. נאך אין יענע טעג ווען עלי האט זיך גע־פונען ביים משכן אין שלה, איז איינמאל אהין געקומען א יונגע פרוי און האט זיך געשטעלט אין א ווינקעלע און האט שטיל און היים מתפלל געווען צו גאט. די דאזיגע פרוי האט געהייסען חנה און געווען איז זי די ווייב פון א לוי מיט'ן נאמען אלקנה פון

דער שטאָדט רמה. חנה איז געווען אַן עקרה און איהר געבעט איז געווען אַז גאָט זאָל איהר שענקען אַ זוהן; און זי האָט אַ נדר געטהאָן צו אָבגעבען איהר צוקונפטיגען זוהן אין משכן ער זאָל דאָרט זיין גאַנץ לעבען דיענען פאַר גאָט. אין גיכען האָט חנה געבאָרען אַ זוהן און זי האָט איהם אַ נאָמען געגעבען שמואל. ווען דאָס קינד איז אַנטוועהנט געוואָרען האָט איהם די מוטער אַוועקגעפיהרט אין דעם משכן אין שלה און האָט איהם אָבגעגעבען אונטער דער השגחה פון עלי הכהן. זיינע יונגע יאָהרען האָט שמואל פערבראַכט אין שלה און האָט געדיענט אין דעם משכן און געטהאָן אַלע ארבייטען וואָס די לויים, נאָר מיט זיינע גייסטיגע מעלות איז ער געשטאַנען פיעל העכער פון זיינע חברים. ער האָט גוט געקענט אַלע הייליגע זאַגען פון פאָלק און משה'ס תורה, און האָט געטרוימט וועגען דעם, אַז דאָס גאַנצע פאָלק זאָל דורכגענומען ווערען מיט דער דאָזיגער הויכער לעהרע. און שמואל'ן האָט זיך געדוכט אַז ער איז עס טאַקע בערופען געוואָרען ארויפצופיהרען זיינע בלאָנדזשענדיגע פאָלקסברידער אויפ'ן וועג פון אמת'ן גלויבען. ער האָט געפיהלט אין זיך דעם גייסט פון אַ נביא. ניט איינמאָל האָט זיך איהם אין דער שטילקייט פון דער נאַכט געדוכט, אַז ער זעהט וואונדערליכע זעהונגען; פון די אינווענינגסטע חדרים פון דעם משכן האָט זיך צו איהם דערטראָגען די שטימע פון גאָט, וואָס האָט איהם אָנגעזאָגט אַז עס דאַרפען קומען שווערע ליידען אויפ'ן פאָלק. און שמואל האָט נאָך מיט זיינע אויגען געזעהן די דאָזיגע ליידען פון זיין פאָלק. ער האָט געזעהן די מפלה פון די אידען אין דער מלחמה מיט די פלשתים ביי אפקה, ער האָט געזעהן ווי דער ארון איז געפאַנגען געוואָרען, ער האָט געזעהן דעם טויט פון עלי הכהן און די צושטערונג פון שלה. ווען דער משכן פון שלה איז צושטערט געוואָרען האָט זיך געענדיגט די לויי'שע דיענסט פון שמואל'ן, נאָר דעמאָלט האָט זיך ערשט אָנגעפאַנגען זיין פיעל ברייטערע ארבייט אַלס לעהרער און נביא. ער איז געגאַנגען איבער'ן לאַנד און מיט זיינע דרשות האָט ער גערופען דאָס פאָלק צו פעראייניגונג. „קעהרט זיך אום מיט'ן גאַנצען הארצען צו גאָט — האָט ער געזאָגט — דערווייטערט פון זיך די פרעמדע געצען, דיענט נאָר צו אונזער גאָט און דעמאָלט וועט ער

אייך רעטען פון די הענר פון די פלשתים". דאס פאלק האט זיך שטארק צוגעהערט צו די רייד פון שמואל'ן.

נאך עלי'ס טויט איז שמואל געווארען דער שופט איבער די וויכטיגסטע אידישע שבטים. אזוי ווי דער משכן פון שלה איז געווען חרב פלעגט שמואל צונויפקלייבען דאס פאלק צו דיענען גאט אין דער שטאדט מצפה פון שבט בנימין. ווען די פלשתי'שע מלכים האבען דערהערט, אז די אידען פערזאמלען זיך אין מצפה זיינען זיי אוועק אהין מיט א גרויס חיל. די אידען האבען זיך דערשראקען, אבער שמואל האט זיי מיט זיינע רייד געוועקט צום קאמפף מיט די שונאים און האט זיי אריינגעגעבען בטחון אין גאט. בעגייסטערט פון שמואל'ס ווערטער זיינען די אידען ארויסגעטראטען פון מצפה און זיינען מוטיג בעפאלען דעם פיינדליכען חיל און האבען איהם צושלאגען. דערמאלט האבען די פלשתים געמאכט שלום מיט די אידען און האבען זיי אומגעקעהרט די פערכאפטע שטעדט. דעם געפאנגענעם ארון האבען זיי נאך פריהער צוריקגעקעהרט, ווארום ווי דער תנ"ך דערצעהלט זיינען זיי אויסגעשטאנען פון איהם א סך צרות: אזוי שנעל ווי דער ארון איז געבראכט געווארען אין לאנד פון די פלשתים האבען זיך דארט פערשפרייט קראנקהייטען, און די איינוואוינער האבען געפאדערט מען זאל וואס שנעלער צונעהמען דאס היילינגטום פון דעם אידישען גאט און דערמיט שטילען זיין צארן. אויף אזא אופן האבען די אונרוהען און די מלחמות אויפגעהער'ט אויף א צייט און דאס פאלק האט, אונטער דער פיהרערשאפט פון שמואל'ן, אנגעהויבען לעבען רוהיגער.

שמואל האט געלעבט אין זיין געבורטסשטאדט רמה, נאר ער פלעגט אויך ארומרייזען איבער אנדערע שטעדט, וואוהין דאס פאלק פלעגט זיך פערזאמלען צו דיענען גאט. נאך דער צושטערונג פון שלה האבען די אידען ניט געהאט קיין אלגעמיינעם טעמפעל. די כהנים און די לויים האבען זיך צושפרייט איבער'ן גאנצען לאנד. עלי'ס אייניקעל, אחיטוב, האט געראטעוועט א טייל כלים פון דעם משכן פון שלה און איז דערמיט אנטלאפען אין דער שטאדט נב און האט דארט אויסגעבויט א קליינעם צייטווייליגען טעמפעל. דער היילינגער ארון, וואס די פלשתים האבען אומגעקעהרט, איז געשטאנען אין א טעמפעל אין קרית־יערים. עס זיינען נאך געווען מזבחות

אין בית־אל, מצפּה און גלגל. די דאָזיגע אַלע ערטער, וועלכע האָ־
בען זיך געפונען אין דער נחלה פון דעם שבט בנימין אָדער ארום
זיינע גרעניצען, פלעגט שמואל בעזוכען יעדען יאָהר; ער פלעגט
לערנען דעם פערזאמעלטען פאָלק, פלעגט משפט'ן צווישען זיי,
פלעגט פראווען גאָטעסדיענסט און ברענגען קרבנות אויף די מזבחות
צוזאמען מיט די לויים. אויסער דעם פלעגט שמואל צוגרייטען יונגע
לייט פאר לעהרער צו ערציהען דאָס פאָלק אין דעם ריינעם גלויבען.
די דאָזיגע לעהרער האָבען זיך גערופען בני־נביאים. אין זייערע
דרשות פלעגען זיי מיט בעגייסטערונג רופען דאָס פאָלק צו אינווע־
ניגסטער אויפלעבונג. דורך דער דאָזיגער ברייטער ארבייט פון די
געטרייע לעהרער פון פאָלק האָבען זיך די אָבגעזונדערטע אידישע
שבטים ביסלעכווייז אָנגעהויבען צונויפגיסען אינאיינעם; זיי האָ־
בען זיך דערפיהלט אַלס טיילען פון איין פאָלק.

§49. די ערוועהלונג פון אַ מלך. ווען שמואל איז אַלט
געוואָרען האָבען די דרויסענדיגע שונאים אויף דאָס ניי אָנגעהויבען
שרעקען די אידען. די פלשתים האָבען בעגייט זייערע אָנפאַלען אויף
די מערב געגענדען; די עמונים האָבען גענומען בעאונרוהיגען די
אידען אויפ'ן מזרח־זייט פון ירדן. דעמאָלט איז ביי די אידען צייַ־
טיג געוואָרען דער געדאַנק, אַז עס איז ניט גוט צו זיין אָהן אַ פיה־
רער און אַז עס איז נויטיג אויסצוקלייבען אַ מלך, וועלכער זאָל פיה־
רען דאָס פאָלק אין די מלחמות מיט זיינע פיינד.

און די עלטסטע פון די אידען זיינען געקומען צו שמואל'ן אין
רמה און האָבען צו איהם געזאגט: „אַט ביזטו שוין אַלט געוואָ־
רען און דיינע זיהן זיינען ניט פעהיג צו פערוואַלטען איבער'ן פאָלק;
דעריבער מאך איבער אונז אַ קעניג, וועלכער זאָל הערשען איבער
אונז, אַזוי ווי עס פיהרט זיך ביי אַנדערע פעלקער". דער גרייז־
גרויער נביא האָט זיך לכתחלה פערוואונדערט פון אזא בקשה. ער
איז געוועהנט געוואָרען מיט דעם געדאַנק, אַז אידען זיינען אַ פאָלק
וואָס איז אויסדערוועהלט פון גאָט, אַז גאָט איז זייער קעניג און
אַז זיי דארפען זיך אין אַלץ אונטערשיידען פון אַנדערע פעלקער;
און דאָ קומען זיי פלוצלינג און פערלאַנגען אַ קעניג און ווילען דוקא
זיין מיט אַנדערע פעלקער גלייך. „ווייסט איהר — האָט שמואל גע־
זאָגט צו די עלטסטע — וואָס עס וועט זיין ווען איהר וועט מאַכען

א קעניג איבער זיך? ער וועט נעהמען אייערע זיהן פאר קריעגער, און וועט זיי מאכען פאר זיינע רייטער, און וועט זיי צווינגען צו מאכען פאר איהם געוועהר און קריעגסוועגען. דער מלך וועט צו־נעהמען אייערע טעכטער, זיי זאלען פאר איהם קאכען, בראטען און באקען זיינע שפייזען. ער וועט פערנעהמען אייערע בעסטע פעל־דער, וויינגערטנער און סעדער און וועט זיי צוטיילען צווישען זיינע דיענער. ער וועט נעהמען מעשר פון אייערע שאף און איהר אליין וועט זיין קנעכט צו איהם. דעמאלט וועט איהר וויינען אויף אייער קעניג, וועלכען איהר האט אליין אויסגעקליבען; אבער גאט וועט ניט ענטפערען אויף אייער געוויין!" אבער אלע שמואל'ס טענות האבען ניט געהאלפען; די עלטסטע זיינען בעשטאנען אויף זייערס, אז אצינד איז נויטיג א קעניג, וועלכער זאל פיהרען די אידען אין די מלחמות און בערוהיגען דאס לאנד. און דער נביא האט זיך אונ־טערגעגעבען דעם ווילען פון פאלק. ער האט גענומען זוכען א מענ־שען, וועלכער זאל קענען ווערען דער פיהרער פון פאלק אין יענער שווערער צייט. און אין גיכען האט זיך אזא מענש געפונען.

אין יענער צייט האט אין דער שטאדט גבעה, אין שבט בנימין, געלעבט אן ערד־ארבייטער מיט זיין פאמיליע, מיט'ן נאמען קיש. קיש האט געהאט א זוהן, וועלכער האט געהייסען שאול און וועל־כער איז געווען א שטארקער און העלדישער מאן, און איז געווען דורכגעדרונגען מיט א פלאמענדיגער ליעבע צו זיין פאלק. צוגלייך מיט די אנדערע מיטגליעדער פון דער פאמיליע, האט שאול געא־קערט די ערד און געפאשעט פיה. איינמאל זיינען ביי קיש'ן פער־פאלען געווארען זיינע עזלען, און שאול האט זיך אוועקגעלאזט זיי זוכען. אונטערוועגס איז ער פערגאנגען צו שמואל הנביא צו פרע־גען ביי איהם אויב זיין וועג וועט בעגליקען. אין דער צייט פון זיין שמועס מיט שמואל'ן, האט דעם נביא אויפגעשיינט א געדאנק אז אט דער ערד־ארבייטער, וועלכער איז שטארק אין קערפער און אין גייסט, איז פאסיג צו זיין דער קעניג פון די אידען. „טראכט ניט מעהר וועגען די פערפאלענע עזלען, — האט שמואל צו איהם גע־זאגט, — דיך ערווארט אן אנדער מערכה צווישען דעם אידישען פאלק". און דער נביא האט געזאלבט שאול'ן פאר א קעניג איבער די אידען און האט איהם אבגעלאזט אהיים. ווען שאול האט זיך

אומגעקעהרט אין גבעה, האָט ער אָנגעטראָפען א גרופע בעגייסטער־טע יונגע נביאים, און צווישען זיי „איז ער געוואָרען אַן אַנדער מענש און האָט אַליין אָנגעהויבען נביאות זאָגען“, אַז עס איז גע־קומען די צייט צו בעפרייען דאָס פאָלק פון דעם פרעמדען יאָך.

אין גיכען האָט שמואל פעררופען א פאָלקס־פערזאַמלונג אין מצפה צו אויסקלייבען א מלך. די וואהל איז געפאַלען על־פּי גורל אויף שאול'ן, דעם זוהן פון קיש. מען האָט גענומען זוכען דעם ניי־ערוועהלטען מלך און מען האָט איהם געפונען זיך בעהאַלטענדיג ערגעץ צווישען די כלים. מען האָט שאול'ן ארויסגעפיהרט פון זיין בעהעלטעניש, און מען האָט דערזעהן אַז ער איז מיט א קאָפּ הע־כער פון גאַנצען פאָלק. ווען ער האָט זיך בעוויזען, האָבען אויס־געבראָכען הילכיגע געשרייען: יחי המלך! (לעבען זאָל דער קעניג!) נאָר א טייל איז ניט געווען צופריעדען מיט שאול'ן און האָט גע־זאָגט: „צי וועט אזא מענש אונז רעטען?“ כדי ער זאָל געווינען דעם צוטרוי פון גאַנצען פאָלק איז נויטיג געווען אַז שאול זאָל פריהער בעווייזען עפּיס א העלדישע טהאַט לטובת דעם פאָטער־לאַנד. און שאול איז אוועק מיט א מחנה חיל אין זיין אייגענער שטאָדט גבעה, און האָט זיך גענומען גרייטען צו א מלחמה מיט די פרעמדע פיינד, וועלכע האָבען געדריקט די אידען פון אַלע זייטען.

§50. דער ערשטער נצחון. אין יענער צייט האָבען די עמונים שטאַרק געדריקט די אידען אין מזרח־זייט פון ירדן. נחש, דער קעניג פון עמון, האָט בעלאַגערט די שטאָדט יבש און גלעד. די אידען וואָס האָבען דאָרט געוואוינט זיינען שוין געווען גרייט זיך אונטערצוגעבען צו נחש'ן און האָבען געבעטען ער זאָל שליסען מיט זיי א בונד און זיי ניט טשעפּען, נאָר דער עמונ'ישער קעניג האָט זיי מיט פעראַכטונג געענטפערט: „איך וועל מיט אייך שליסען אזא מין בונד: איך וועל אויסשטעכען ביי יעדען איינעם פון אייך דאָס רעכטע אויג, און איך וועל דערמיט מאַכען צו שאַנד דאָס אי־דישע פאָלק“. די דערשראָקענע איינוואוינער פון גלעד האָבען גע־שיקט שלוחים צו זייערע ברידער אויף יענער זייט ירדן און געבעטען הילף. דאָס פאָלק האָט געהערט די רייד פון די שלוחים און האָט געוויינט אויפ'ן קול. ווען שאול איז געקומען אהיים פון פעלד און האָט דערהערט דעם געוויין האָט ער געפרעגט וואָס דאָס בעטייט.

ווען מען האָט איהם דערצעהלט וועגען דער לאַגע פון די אומגליק־ליכע איינוואוינער פון גלעד האָט ער בעשלאָסען גלייך צו געהן זיי צו הילף. ער האָט גענומען א פּאָר קעלבער, האָט זיי צושניטען אויף שטיקער און די שטיקער האָט ער צושיקט איבער'ן גאַנצען לאַנד און האָט געלאָזט אויסרופען: „אזוי וועט געטהאָן ווערען מיט די פיה פון יעדען איינעם, וואָס וועט ניט געהן אין מלחמה נאָך שאול'ן און שמואל'ן". דאָס פּאָלק איז אויפגעגרודערט געוואָרען און אין א קורצער צייט האָט זיך ארום שאול'ן צונויפגעקליבען א גרויסער חיל. מיט דעם דאָזיגען חיל איז שאול פּלוצלינג בעפאַלען די עמונים, האָט זיי צושלאָגען און בעפרייט די בעלאַגערטע איינוואוינער פון יבש.

נאָך דעם דאָזיגען נצחון האָבען אלע אידען מיט שמחה אנ־ערקענט שאול'ן פאר'ן מלך און האָבען געמאכט א גרויסען יום טוב אין גלגל לכבוד זיין ארויפטרעטען אויפ'ן טראָהן. דאָ האָט זיך שמואל הארציג געזעגענט מיט'ן פּאָלק, וועלכען ער האָט אזוי לאַנג פערוואלטעט. „זאָגט עדות פאר גאָט און פאר זיין געזאלבטען קעניג — האָט דער אלטער נביא גערעדט צום פּאָלק — וועמעס אָקס האָב איך גענומען, און וועמעס עזעל האָב איך גענומען און וועמען האָב איך בערויבט און וועמען האָב איך אונטערדריקט, און ביי וועמען האָב איך גענומען שחד?" און דאס פּאָלק האָט אין איין קול אויס־גערופען: „ניין, דו האָסט אונז קיינמאָל ניט בערויבט און קיינ־מאָל ניט אונטערדריקט!" דערנאָך האָט שאול געהאלטען א רעדע אין וועלכער ער האָט אָנגעזאָגט דעם מלך און דאָס פּאָלק זיי זאָלען אָבהיטען די געזעצען פון גאָט. דער אלטער נביא האָט מבטיח גע־ווען אז ער וועט אויך אין דער צוקונפט גאָט בעטען פאר'ן פּאָלק און וועט אויך ווייטער בלייבען זיין גייסטיגער פיהרער.

## זעקסטער קאַפּיטעל.

# שאול'ס קעניגען.

(1055—1067 פאַר קריסטל. צייטר.)

§51. די מלחמה מיט די פּלשתים. די ערשטע צוויי יאָהר פון שאול'ס קעניגען זיינען אוועק אויף צונויפשטעלען א גוטען און בעשטענדיגען חיל. ער האָט געגרינדעט א שטענדיגע מחנה פון דריי טויזענד געקליבענע קריגער און אין צייט פון מלחמה האָבען זיך צו דיזער מחנה אַנגעשלאָסען דאָס גאנצע חיל פון פאָלק. דער פיהרער פון'ם גאנצען חיל איז געוועזען דער קעניג אליין, און מיט דער אָבגעקליבענער מחנה האָט קאָמאַנדירט דעם קעניג'ס עלטסטער זוהן יונתן, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אונגעוועהנליכער מוטיגקייט. יונתן האָט דער ערשטער געבראכט צו אן ענטשיידענ־דער מלחמה מיט די פּלשתים, וועלכע האָבען נאָך אלץ אונטער־יאָכט די אידען. די פּלשתים האָבען געהאלטען זייערע גאַרניזאָנען אין די בנימין'שע שטעדט, האָבען געדריקט די איינוואוינער און גענומען פון זיי צינז. אין דעם יונגען יונתן האָט געברענט דער פערלאנג צו בעפרייען זיין פאָלק פון דעם שווערען יאָך. איינמאָל האָט ער זיך מיט זיינע קריגער אריינגעריסען אין גבעה און דאָר־טען גע'הרג'עט דעם עלטסטען פון דעם פּלשתי'שען גאַרניזאָן. ווען די פּלשתי'שע מלכים האָבען דערהערט דאָס האָבען זיי צוזאַ־מענגענומען א גרויסען חיל, פיעל רייטער און קריגסוועגען און זיינען אוועק מלחמה האלטען מיט די אידען.

די פּלשתים האָבען זיך אָבגעשטעלט מיט זייער לאַגער אין מכמש און די אידען האָבען זייער לאַגער געמאכט אנטקעגען זיי אין גלגל. שאול האָט געהאט זעהר א קליינעם חיל. א סך אידען, דערהערענדיג אז עס קומען די פּלשתי'טע חילות, זיינען זיך צולאָפען און האָבען זיך בעהאלטען אין הייהלען און אין שפּאלטען פון פעלזען. די אידען האָבען ניט געהאט ניט קיין שטארקען פערד־חיל, ניט קיין קריגס־וועגען, און אפילו ניט גענוג כלי־זין, ווארום די פּלשתים האָבען פארטריבען פון די אידישע שטעדט אלע שמיעדען און ס'איז ניט געווען וואו אויסצושמיעדען אָדער אָנשארפען א שווערד און א שפּיז.

שאול האָט זיך ניט געקענט ענטשליסען אָנצופאַלען אויף דעם פיעל שטאַרקערען שונא, אָבער יונתן מיט זיין העלדישקייט האָט שנעל געבראַכט צו דער ענטשיידענדער שלאַכט. דער לאַגער פון די פלשתים האָט זיך געפונען אויף א הויכען באַרג, ארומגערינגעלט מיט טיעפע גראָבענס. איינמאָל איז יונתן און זיין וואַפּענטרעגער שטילערהייט ארויפגעקלעטערט אויף דעם דאָזיגען הויכען פעלז, און האָבען פלוצלינג גענומען שיסען פון זייערע בויגענס. דאָס האָט אָנ־געמאַכט א מהומה אין דעם פלשתי'שען לאַגער. די פלשתים האָבען

(מחצית השקל)

(שקל הקדש)

אידישע מטבעות.

(כלי נשק של העברים הקדמונים)

פאַרצייטיגע אידישע געווער.

געמיינט אז הינטער די דאָזיגע מוטיגע שיסער געהט א גרויסער חיל, און זיי האָבען גענומען אנטלויפען. דעמאָלט האָט זיך שאול מיט זיינע קריעגער אויך א וואַרף געטהאָן נאָך די אנטלויפענדע פלשתים און זיי געיאָגט ווייטער. די אידען וועלכע זיינען געלעגען פערבאָר־גען אין די בערג זיינען ארויס פון זייערע בעהעלטעענישען, און בע־וואַפענענדיג זיך מיט שטעקענס און פלעקער פלעגען זיי בעפאַלען קליינע גרופען פון די פלשתים איינציגווייז און זיי פערניכטען. אויף אזא אופן האָבען זיך די אידען אויף א צייט בעפרייט פון

זייער ביטערסטען שונא און אונטערדריקער. דאָס לאַנד איז געווען פריי און דאָס פאָלק האָט שטארק געליובט דעם נאָמען פון זיין זיעגרייכען קעניג.

דער ערפאָלג וואָס שאול האָט געהאַט קעמפפענדיג מיט די שונאים פון אידישען פאָלק האָט פערשטאַרקט זיין קעניגליכע מאכט. ווען שאול האָט זיך בעפעסטיגט אויפ'ן טראָהן האָט ער געמאכט זיין געבורט־שטאָדט גבעה, אין בנימין, פאַר זיין הויפטשטאָדט וועלכע האָט דעריבער בעקומען דעם נאָמען גבעת־שאול. דער קע־ניגליכער הויף אין גבעה איז געווען איינגעאָרדענט זעהר פשוט. יום־טוב און ראש חדש פלעגט מען ביים הויף ברענגען קרבנות און די קרובים למלכות, מעהסטענס שאול'ס אייגענע פון שבט בנימין, פלעגען עסען ביים קעניגליכען טיש. בעזונדערס נאָהנט צום קעניג איז געווען זיין שוועסטערקינד אבנר, וועלכער איז געווען זעהר א פעהיגער קריעגסמאַן, און שאול האָט איהם בעשטימט פאַר'ן הויפט־פיהרער פון דעם גאַנצען אידישען חיל. שאול האָט זיך אָבגעגעבען צו איינפיהרען די געזעצען פון דער אידישער רעליגיאָן און אכטונג געבען אַז זיי זאָלען שטרענג אָבגעהיט ווערען. וועלענדיג אויסוואָרצ־לען דעם געצענדיענסט פון אידישען פאָלק האָט ער פערטריבען פון לאַנד אלע צויבערער און מכשפות, אָבער אין גיכען האָט א נייע מלחמה אָבגעצויגען דעם קעניג פון די אינווענינגסטע ענינים פון דער מלוכה.

§52. די מלחמה מיט די עמלקים. שמואל הנביא איז גע־קומען צו שאול'ן און האָט איהם געהייסען אין גאָט'ס נאָמען צו געהן מלחמה האַלטען געגען דעם ווילדען שבט פון די עמלקים, וועלכער האָט אומגעוואַנדערט אין דער וויסטעניש, נעבען די דרום־גרעני־צען פון כנען, און האָט זיך פערנומען מיט רויבערייען. נאָך פון משה'ס צייטען אָן האָבען די אידען געטראָגען א האַס אויף דיזען פאָלק, וועלכער האָט זיי בעפאַלען אין דער מדבר בשעת זיי זיינען ארויס פון מצרים. „געה און שלאָג די עמלקים — האָט שמואל גע־זאָגט צום קעניג — און פערטיליג אלץ וואָס זיי האָבען; זאָלסט ניט שוינען קיין מאַן, קיין פרוי, קיין אָקס, קיין שאָף, קיין קעמעל און קיין עזעל.“ האָט שאול צונויפגענומען א חיל און זיך געלאָזט געהן צום דרום־גרעניץ. די אידישע מחנות האָבען זיך ארייגעריסען אין לאַנד פון די עמלקים, האָבען אויסגע'הרג'עט אלע איינוואוינער.

און פערניכטעט זייערע סטאדעס און זייער גאנצען אייגענטום. בלויז דעם קעניג פון די עמלקים, אגג, האָט שאול גענומען געפאנגען א לעבעדיגען, און אויך א טייל פון דעם שונא'ס בעסערע פיה איז גאנץ געבליבען. שאול האָט רחמנות געהאט אויף אגג'ן און האָט איהם ניט געוואָלט טויטען; עס איז איהם אויך א שאָד געווען די פערבליבענע פיה און ער האָט בעשלאָסען עס צו לאָזען אלס רויב, ניט קוקענדיג אויפ'ן פארזאָג פון דעם נביא.

ווען שמואל איז געקומען אין לאגער האָט איהם שאול געזאָגט אז גאָט'ס בעפעהל איז דערפילט געוואָרען און אז דער שונא איז פערניכטעט. און דער נביא האָט שטרענג א פרעג געטהאָן: „פון וואנען זשע דערטראָגט זיך עס צו מיר דאָס בלעקען פון די שאָף און דאָס ברילען פון די אָקסען?“ און דער קעניג האָט געענטפערט, אז ער האָט געלאָזט לעבען בלויז אגג'ן און אז דאָס פאָלק האָט געשוינט א טייל פון די פיה, וואס זיי האָבען צוגענומען ביי די עמלקים, נאָר זיי זיינען אלע גרייט צו ברענגען די פיה פאר א קרבן צו גאָט. נאָר שמואל האָט אויסגערופען: „ליעבער איז פאר גאָט ווען מען פאָלגט זיין בעפעהל איידער מען ברענגט איהם קרבנות. דו האָסט פערשטויסען גאָט'ס וואָרט און גאָט האָט דיך פערשטויסען און דו ועסט מעהר ניט זיין קיין קעניג.“ ביי די ווערטער האָט זיך דער נביא אָבגעקעהרט פון דעם קעניג. שאול'ן איז שווער געווען צו הערען ווי דער נביא מוסר'ט און סטראשעט איהם פאר די אויגען פון פאָלק, און ער האָט געזאָגט צו שמואל'ן: „איך האָב געזינדיגט. נאָר טהו מיר אָן דעם כבוד פאר די אויגען פון פאָלק און קעהר זיך אום מיט מיר און איך וועל זיך בוקען פאר גאָט.“ שמואל האָט זיך אומגעקעהרט און האָט געהייסען ברענגען דעם ווילדען עמלק'שען קעניג אגג און האָט צו איהם געזאָגט: „אזוי ווי דיין שווערד האָט אוועקגערויבט ביי מוטערס זייערע קינדער, אזוי זאָל אויך דיין מוטער בעראויבט ווערען פון איהר זוהן.“ און מען האָט אגג'ן אָבגעהאקט דעם קאָפּ. נאָכדעם איז שמואל אוועק אין זיין שטאָדט רמה, און שאול האָט זיך אומגעקעהרט קיין גבעה. צווישען דעם מלך און דעם נביא איז פאָרגעקומען א ריס, און זיי האָבען זיך פון דעמאלט אָן מעהר ניט געזעהן. שמואל האָט בעשלאָסען אז שאול איז ניט פעהיג צו רעגיערען איבער'ן פאָלק, און האָט אָנגעהויבען צו זוכען א מענשען

וועלכער זאָל זיין מעהר ראוי צו פערנעהמען דעם קעניגליכען טראָהן.

§53. דוד ביי שאול'ן אין הויף. אין דער נחלה פון דעם שבט יהודה, אין דער שטאָדט בית־לחם, האָט געלעבט אן אנגעזע־הענער אלטער מאן מיט'ן נאָמען ישי, וועלכער האָט געהאט אכט זיהן. דער קלענסטער פון זיי, דוד, איז געווען א שעהנער, קלוגער און מוטיגער יונג. זיינע קינדערשע יאָהרען האָט דוד פערבראכט אויף די ווייִדען וואָס האָבען ארומגערינגעלט בית־לחם, וואו ער האָט געפיטערט זיין פאָטער'ס הערדען; דאָ האָט ער ליעב געהאט צו זינגען פאסטוכער־ליעדער און שפּיעלען אויף דער הארף. דער תנ"ך דערצעהלט, אז ווען שמואל האָט איהם דערזעהן, האָט ער מיט זיין נביא'ישען גייסט פאָראויסגעזעהן אז דער דאָזיגער אינגעל וועט נאָך אמאָל זיין דער קעניג פון די אידען. איז דער נביא איינמאָל געקומען קיין בית־לחם און האָט אנטפּלעקט פאר דוד'ן דעם סוד און דערביי האָט ער איהם געזאלבט מיט דעם הייליגען בוימאייל, ווי עס פלעגט זיך פיהרען ווען מען פלעגט בעשטימען א נייעם קעניג. דאָס איז פאָרגעקומען בסוד, און אויסער ישי'ס פאמיליע האָט קיינער ניט געוואוסט וועגען שמואל'ס נביאות.

דערווייל איז דער קעניג שאול, נאָך דער מלחמה מיט די עמלקים, אריינגעפאלען אין א מרה־שחורה. ער האָט געדענקט דאָס צאָרניגע וואָרט, וואָס דער נביא האָט איהם געזאָגט נאָך דעם זיעג איבער די עמלקים, און ער האָט זיך געשראָקען, אז באלד וועט קומען א סוף צו זיין קעניגען. ווען די קרובים למלכות האָבען דערזעהן, אז דער קעניג ליידט פון א שווערער מרה־שחורה האָבען זיי געזאָגט צום איהם: „נעהם דיר א מענשען, וואָס קען שפּיעלען אויף דער הארף, און ווען דיר וועט ווערען אומעטיג, וועט ער דיך צושטרייען מיט זיין שפּיעלען". דער קעניג האָט גענומען זוכען א גוטען שפּיעלער און ער האָט זיך דערוואוסט, אז דוד פון בית־לחם איז א מייסטער אויף דער הארף. און מען האָט דוד'ן באלד געבראכט קיין גבעה, אין קעניגליכען הויז. דער יונגלינג איז שאול'ן שטארק געפעלען געוואָרען, און ער האָט איהם געמאכט פאר זיין וואָפּענטרעגער. יעדען מאָל וואָס שאול'ן פלעגט בע־פאלען אן אומעט, פלעגט דוד נעהמען זיין הארף און שפּיעלען אזוי לאנג ביז דער קעניג פלעגט ווערען וויעדער פרעהליך.

אין א קורצער צייט ארום איז דוד בעריהמט געוואָרען איבער'ן גאַנצען לאַנד דורך איין גרויסער העלדענטהאַט. די פלשתים האָבען צונויפגעקליבען זייער חיל און האָבען זיך ווידער געגומען גרייטען צו א מלחמה מיט די אידען. פערציג טעג זיינען ביידע מחנות, די פלשתי'שע און די אידישע, געשטאַנען נעבען בית־לחם איינע געגען דער אנדערער און האָבען ניט אָנגעפאַנגען קיין שלאַכט. דאַן איז פון דעם פלשתי'שען לאַגער ארויסגעטראָטען א קריעגער, א מאַן פון ריעזיגען וואוקס, מיט'ן נאָמען גלית, און ווענדענדיג זיך צו דער אידישער מחנה, האָט ער אויסגערופען: „קלייבט אויס פון צווישען אייך א קריעגער, וועלכער זאָל זיך פערמעסטען מיט מיר; אויב איך וועל איהם גובר זיין, וועט איהר זיין אונזערע קנעכט, און אויב ער וועט מיך גובר זיין, וועלען מיר זיין אייערע קנעכט". ווען דער קעניג האָט עס דערהערט האָט ער געלאָזט אויסרופען איבער'ן לאַנד: „ווער פון די אידען עס וועט בייקומען דעם פלשתי'שען גבור וועט קריגען דעם קעניג'ס טאָכטער פאַר א ווייב און נאָך א סך רייכטום דערצו". נאָר דאַס אויסזעהן פון דעם פלשתי'שען העלד, וועלכער איז געווען בעוואָפענט פון קאָפּ ביז די פיס, האָט ארויפגעיאָגט אויף אַלעמען אזא שרעק, אז קיינער האָט זיך ניט דערוועגט אריינצוטרעטען מיט איהם אין קאַמפּף. אין יענער צייט איז דוד געגאַנגען פון די פעלדער פון בית־לחם אין דעם אידישען לאַגער צו געוואָהר ווערען זיינע ברידער. דערהערענדיג די חוצפּה'דיגע ווערטער פון גלית'ן, האָט דוד בעשלאָסען אליין ארויסצוטרעטען אין קאַמפּף מיט דעם האָזיגען ריעז. אלע האָבען געלאַכט פון דוד'ס געוואַגטען בעשלוס. און שאול האָט איהם געזאָגט: „ווי אזוי וועסטו, א אינגעל, געהן געגען א העלד, וואס איז פון קינדרווייז־אויף געוועהנט צו מלחמה"? אָבער דוד האָט געענטפערט, אז ער וויל פערטיידיגען דעם כבוד פון זיין פאָלק, און אז ער פערלאָזט זיך אויף גאָט'ס הילף. דעמאָלט האָט איהם שאול געגעבען זיין קעניגליכע געוועהר. ער האָט איהם אָנגעטהאָן זיין שילד אויפ'ן ברוסט, א קופּערנעם קיווער אויפ'ן קאָפּ, און האָט איהם אויפגעהאנגען אויפ'ן גארטעל זיין שווערד. אָבער דוד איז דערצו ניט געוועהנט געווען און האָט זיך ניט גע־קענט ריהרען אין די דאָזיגע שווערע כלי־זיין. האָט ער ארונטער־

גענומען פון זיך די קעניגליכע וואפען, האָט גענומען אין האנד א פראַסטען שטעקען און א שטיינשליידער, האָט ארייגעלעגט פינף שארפע שטיינדלעך אין זיין פאסטוכער־טאָרבע און איז אוועק געגען דעם פלשתי'שען גבור.

אז גלית האָט דערזעהן דעם אידישען קעמפפער איז ער אין כעס געוואָרען און האָט געזאָגט: „וואָס בין איך, א הונט, וואָס דו געהסט אויף מיר מיט א שטעקען?“ נאָר דוד האָט זיך ניט דער־שראָקען און איז שנעל געגאנגען פאָראויס. אויף א געוויסער שטרעקע פון גלית'ן איז ער געבליבען שטעהן, האָט ארויסגענומען פון טאָרבע א קליינעם שטיינדעל, און האָט איהם אזוי געשיקט א וואָרף געטהאָן, אז ער האָט געטראָפען דעם ריעז גלייך אין שטערן אריין. גלית איז אין זיין שווערען כלי־זין געפאלען צו דער ערד און האָט זיך ניט געקענט אויפהויבען. דאן איז דוד צוגע־לאָפען צו דעם געפאלענעם, האָט אראָבגעריסען פון איהם זיין שווערד און האָט איהם מיט זיין אייגענעם שווערד אָפגעהאקט דעם קאָפּ. ווען די פלשתים האָבען דערזעהן, אז זייער העלד איז טויט, זיינען זיי זיך אין שרעק צולאָפען. די אידען האָבען זיי נאָכגעיאָגט און זיי צושלאָגען. שאול האָט געהאלטען זיין וואָרט און האָט גע־געבען זיין אינגערע טאָכטער מיכל צו דוד'ן פאר א ווייב.

§54. דער קאמפף צווישען שאול און דוד'ן. דער זיעג איבער גלית'ן האָט דוד'ן שטארק בעריהמט געמאכט. ווען שאול און דוד האָבען זיך מיט'ן חיל אומגעקעהרט פון דער מלחמה, זיינען די אידישע פרויען זיי ארויס אנטקעגען מיט געזאַנג און טענץ און האָבען אויסגערופען: „שאול האָט געשלאָגען טויזענדער פלשתים, אָבער דוד צעהנדליגע טויזענד!“ שאול'ן האָט גע־קרענקט וואָס דעם יונגען וואפענטרעגער פון דעם קעניג שטעלט מען העכער ווי דעם קעניג אליין. האָט ער מורא געקראָגען, אז דוד וועט ווערען דער ליעבלינג פון פאָלק און וועט נאָך ביי איהם צונעהמען דעם טראָהן. פון דעמאָלט אָן האָט שאול פערהאסט דוד'ן. איינמאָל איז דער מלך געווען זעהר אומעטיג און דוד האָט פאר איהם געשפיעלט אויף דער הארף, כדי צו פערטרייבען זיין טרויער. פלוצלינג האָט דער קעניג, אין אַן אַנפאל פון צאָרן, א וואָרף געטהאָן זיין שפיז אויף דוד'ן און האָט איהם שיער ניט דער'הרג'עט.

אָבער דוד איז פלינק אבגעשפרונגען אָן אַ זייט און האָט זיך גע־ראטעוועט פון טויט. נאָכדעם האָט דוד פערלאָזען דעם קעניגליכען הויף. שאול האָט געשטעלט דוד'ן איבער אַ מחנה פון טויזענד מאַן און איהם געשיקט אין די געפעהרליכסטע שלאכטען.

בשעת דער מלך האָט דוד'ן געהאסט, האָט זיך זיין איידלער זוהן יונתן שטארק צוגעבונדען צום יונגען העלד און איהם ליעב געקראָגען ווי אַן אייגענעם ברודער. יונתן האָט געפּרובט מאכען שלום צווישען זיין פאָטער און דוד'ן, נאָר שאול האָט צאָרניג גע־שריען צום זוהן: „זיי וויסען, אז כל זמן דוד לעבט איז דיין קעניגליכע הערשאפט ניט זיכער". איינמאָל האָט דער קעניג געהיי־סען זיינע דיענער צו טויטען דוד'ן פארטאָג ביי איהם אין הויז. ווען מיכל, דוד'ס ווייב, האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט זי ביי־נאכט ארויסגעלאָזט איהר מאַן דורכ'ן פענסטער. און ווען די מערדער זיינען געקומען פארטאָג האָבען זיי שוין דוד'ן ניט געפונען. ער איז אנטלאָפען קיין רמה, וואו עס האָט געלעבט דער גרייז־גרויער נביא שמואל. אהער איז צו דוד'ן בשתיקה געקומען זיין חבר יונתן און האָט איהם געראָטען צו לויפען ווייטער, כדי ער זאָל ניט ארייגפאלען אין די הענד פון דעם צורייצטען שאול. ביים געזעגנען האָבען זיך די חברים ארומגענומען, האָבען זיך געקושט און האָבען לאַנג געוויינט.

דוד איז אנטלאָפען קיין נב, די „שטאָדט פון כהנים", וואו עס האָט זיך געפונען דער אהל מועד. דער כהן גדול אחימלך (עלי'ס אייניקעל) האָט דוד'ן שעהן אויפגענומען און האָט איהם געגעבען די שווערד, וועלכע דוד האָט אמאָל אָבגענומען ביי גלית'ן און וועלכע איז געלעגען באהאלטען אין אהל מועד. פון האָרט איז דוד געלאָפען ווייטער, צום פלשתי'שען גרעניץ, און האָט זיך בעזעצט אין אַ הייהל נעבען עדולם. דאָ האָבען זיך אָנגעהויבען קלייבען צו איהם אלערליי אונצופריעדענע מענשען, מיט פארביטערטע געמיטער, הפקר־יונגען און אוואנטוריסטען און האָבען איהם גע־מאכט פאַר זייער פיהרער. דערווייל האָט זיך שאול דערוואוסט, אז דוד איז געווען אין נב און אז די כהנים האָבען איהם געגעבען אַ פריינדליכען קבלת־פנים. האָט ער געהייסען ברענגען צו זיך קיין גבעה אחימלכ'ן און די אנדערע כהנים פון נב און האָט זיי מיט

צאָרן גערפרעגט: „וואָרום האָט איהר געגעבען מיין שונא, דוד׳ן, שפייז און א שווערד? וואָרום האָט איהר געבענשט א מענשען, וואָס האָט מורד געווען געגען מיר?“ אחימלך האָט געענטפערט, אז די כהנים האָבען אויפגענומען דוד׳ן מיט פריינדליכקייט, ווייל ער איז דעם קעניג׳ס איידים און זיי האָבען גאָרניט געוואוסט וועגען דער סבה פון זיין אנטלויפען. אָבער שאול האָט ניט געוואָלט הערען פון קיינע תרוצים. ער האָט בעפעהלען זיינע לייבוועכטער זיי זאָלען הרג׳ענען אחימלכ׳ן און זיין פאמיליע, און נאָך אכט־און־פופציג כהנים. געראַטעוועט האָט זיך נאָר אביתר, אחימלכ׳ס זוהן, וועלכער איז אנטלאָפען צו דוד׳ן.

און דוד האָט מיט א בעוואפענטער באנדע אומגעוואנדערט פון אָרט צו אָרט. צו דער דאָזיגער חברה זיינען צוגעשטאנען דוד׳ס קרובים פון בית לחם. צווישען זיי איז געווען זיין שוועסטער׳ס זוהן יואב, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט בעזונדערער העלדישקייט און איז שפעטער געוואָרען א קריעגספיהרער. צווי־שען די קריעגסלייט, וואָס האָבען זיך ארומגעקליבען ארום דוד׳ן, זיינען אויך געווען פלשתים און חתים. דוד מיט זיינע מענשען האָבען לאנג ניט געקענט בלייבען אויף איין אָרט, ווארום א מחנה פון שאול׳ן האָט איהם נאָכגעיאָגט פוס־טריט. איינמאָל איז שאול מיט זיין מחנה צוגעקומען נאָהנט צום אָרט, וואו דוד האָט זיך געפונען און זיי האָבען עס ניט געוואוסט און שאול איז אליין אריין אין דער פינסטערער הייהל, וואו דוד און זיינע מענשען זיינען געלעגען בעהאלטען. אין דער פינסטער האָט זיי דער קעניג ניט בעמערקט. און דוד׳ס מענשען האָבען שטיל געזאָגט צו דוד׳ן: „גאָט האָט גאָט איבערגעגעבען דיין שונא אין דיינע הענד; טהו מיט איהם וואָס דו ווילסט“. אָבער דוד האָט געזאָגט: „איך קען ניט אויפהויבען מיין האנד אויפ׳ן מלך, וואָס איז פון גאָט גע־זאלבט“. ער האָט זיך נאָר הינטען־ארום צוגע׳גנב׳עט צו שאול׳ן און האָט אָבגעשניטען א פאָלע פון זיין מאנטעל, און שאול האָט עס גאָרניט געשפירט. ווען דער קעניג איז ארוים פון דער הייהל איז איהם דוד נאָכגעגאנגען, און צייגענדיג איהם פון וויטען די אָבגעשניטענע פאָלע פון זיין בגד, האָט ער אויסגערופען: „אדוני קעניג! דו האלטסט מיך פאר דיין שונא, נאָר אָט ביסטו ערשט

שאול'ס חרטה

געוועזן אין מיינע הענד און פונדעסטוועגן האָב איך דיר קיין שלעכטס ניט געטהאָן. גאָט זעהט מיין גערעכטיגקייט, זאָל ער משפּט'ן צווישען אונז". שאול איז גערוהרט געוואָרען פון דוד'ס גרויסמוטיגקייט און האָט זיך צעוויינט און געזאָגט: „איז עס דיין קול, דוד, מיין קינד? דו ביסט גערעכטער פון מיר, ווייל דו האָסט מיר געטהאָן גוטס און איך בעצאָל דיר מיט שלעכטס. איך ווייס, אז דו וועסט קעניגען איבער די אידען; נאָר שווער מיר, אז דו וועסט ניט פארשניידען מיין דור נאָך מיין טויט". דוד האָט איהם געשוואָרען און זיי זיינען זיך צוגאנגען. אין גיכען אָבער האָט שאול פארגעסען וועגען דער דאָזיגער בעגעגעניש און האָט ווידער אָנגעהויבען רודפ'ן דוד'ן.

§ 55. שאול'ס אונטערגאַנג. ארום יענער צייט איז דער אַלטער נביא שמואל, דוד'ס בעשיצער, געשטאָרבען. דוד האָט מורא געהאט בלייבען אין זיין אייגען לאַנד יהודה, וואו עס האָבען איהם נאָכגעיאָגט שאול'ס מענשען און ער איז אריבערגעגאנגען מיט זיין מחנה פון זעקס הונדערט מאַן אין דעם לאַנד פון די פלשתים. דער פלשתי'שער קעניג אָכיש האָט דוד'ן פריינדליך אויפגענומען, ווייל ער האָט געדענקט, אז אלס שונא פון שאול'ן וועט ער העלפען די פלשתים מלחמה האלטען געגען די אידען. אויף דוד'ס בקשה האָט אָכיש אָבגעלאזט פאר איהם מיט זיינע לייט א בעזונדער שטאָדט צום וואוינען, מיט'ן נאָמען צקלג. פון דאנען האָט דוד מיט זיין מחנה געמאכט אָנפאלען אויף די עמלקים און אַנדערע ווילדע שבטים אין דרום זייט פון כנען און האָט ביי זיי פארנומען א סך רויב. אָבער אָכיש'ן פלעגט ער זאָגען, אז דאָס מאַכט ער אָנפאַלען אויף די אידישע לענדער. אזוי האָט זיך געצויגען איבער א יאָהר. דעמאָלט האָט דער פלשתי'שער קעניג צונויפגענומען זיין חיל און איז ארויס מלחמה האלטען מיט די אידען. אין די הינטערשטע רייהען פון זיין חיל האָט אָכיש אוועקגעשטעלט דוד'ן מיט זיין מחנה. נאָר ווען די פלשתי'שע מלכים און הארען האָבען דאָס דערזעהן, האָבען זיי געזאָגט צו אָכיש'ן: „וואָס טהוען דאָ די אידען? דאָס איז דאָך דערזעלבער דוד וועגען וועלכען מען זינגט אין קאָראַהאָדען, אז ער האָט צושלאָגען

צעהנדליגע טויזענד פלשתים. מיט וואס וועט ער זיך פארגי־טיגען ביי זיין האר שאול'ן אויב ניט מיט אונזערע קעפּ?" אכיש האט געמוזט אבשיקען דוד'ן מיט זיין מחנה צוריק קיין צקלג, און דוד איז דערפון זעהר צופריעדען געוועזן.

ווען שאול האט דערהערט, אז די פלשתים זיינען ארויס מלחמה האלטען, האט ער צונויפגענומען זיין חיל אין טאל יזרעאל, נעבען דער שטאדט גלבע. מיט שרעק האט ער געווארט אויפ'ן אנקומען פון דעם שונא. א פינסטערער פארגעפיהל האט דעם קע־ניג ניט געלאזט רוהען. אונטער דער ווירקונג פון זיין מרה־שחורה איז שאול געווארען אבערגלויביש. ער האט געוואלט טרעפען זיין צוקונפט און ער האט זיך געווענדט צו א מכשפה, וועלכע האט געלעבט אין עין־דור. איינמאל ביינאכט האט זיך דער קעניג איבערגעטהאן, כדי מען זאל איהם ניט דערקענען, און איז אוועק אין דעם הויז פון דער כשוף־מאכערין און זי געבעטען, זי זאל ארויסרופען פון קבר דעם שאטען פון דעם פערשטארבענעם נביא שמואל. באלד האט זיך אין דער געהיימניספולער פינסטערניש פון דער נאכט בעוויזען דאס געשטאלט פון אן אלטען מאן, אין וועלכען דער קעניג האט דערקענט שמואל'ן. „ווארום האטסו מיך בעאונרוהיגט?" האט זיך דערהערט די שטרענגע שטימע פון דעם נביא. שאול איז געפאלען פאר'ן נביא אויף די קניה און האט אויסגעשריען: „מיר איז שלעכט! די פלשתים בעפאלען מיך און גאט האט זיך פון מיר אבגעטהאן; זאג, וואס זאל איך טהאן?" און שמואל האט געענטפערט: „גאט האט דיך טאקע פערלאזען דער־פאר, וואס דו האסט אמאל ניט געפאלגט זיין בעפעהל, און ער האט אבגעגעבען דיין קרוין צו דוד'ן. גאט וועט איבערגעבען דיך און דיין פאלק אין די הענד פון דעם פיינד: מארגען וועסטו און דיינע זיהן זיין מיט מיר". דערהערענדיג די דאזיגע ווערטער איז שאול פארציטערט געווארען און איז געפאלען צו דער ערד. די צויבערין האט איהם קוים איינגערעדט ער זאל עפּיס עסען און זיך אביסעל קרעפטיגען.

אויפ'ן אנדערען טאג האט צווישען די אידען און די פלשתים אויסגעבראכען א שרעקליכע שלאכט אין די בערג און די פלשתים האבען מנצח געווען. טויזענדער קערפּער פון געפאלענע אידישע

קריעגסלייט האבען בעדעקט די בערג פון גלבע. יונתן און שאול'ס צוויי אנדערע זיהן זיינען אויך געפאלען אין דעם ברענענדיגען קאמפף. שאול אליין איז פערוואונדעט געוואָרען פון דעם שונא'ס פיילען. דערפיהלענדיג אז זיין סוף איז נאָהנט, האָט ער געזאָגט צו זיין וואפען־טרעגער: „ענטבלויז דיין שווערד און דערשטעך מיך, כדי עס זאָלען ניט קומען די פרעמדע און זיך לוסטיג מאכען איבער מיר". אָבער דער וואפענטרעגער האָט ניט געהאט דעם מוט צו טויטען זיין קעניג. האָט זיך שאול אליין א וואָרף געטהאָן אויף זיין שווערד און איז געשטאָרבען. אויף מאָרגען האָבען די פלשתים געפונען דעם טויטען קערפער פון דעם אידישען קעניג און האָבען איהם אויפגעהאנגען אויף דער פעסטונג פון דער שטאדט בית־שן, אלס צייכען פון זייער זיעג. ווען די איינוואוינער פון דער שטאדט יבש, אין גלעד (וועלכע שאול האָט אמאָל גערעטעט פון די עמלקים) האָבען זיך דערפון דערוואוסט, האָבען זיי געשיקט זייערע מענשען קיין בית־שן, אראָבצונעהמען פון דער פעסטונג דעם קערפער פון דעם אומגעקומענעם מלך. ביינאכט האָבען די שלוחים אראָבגע'גנב'עט שאול'ס קערפער און האָבען איהם געבראכט קיין יבש, וואו מען האָט איהם מקבר געווען.

דוד האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם טויט פון שאול'ן און זיינע זיהן דורך אן עמלקי, וועלכער איז געקומען צולויפען פון שלאכטפעלד קיין צקלג. דער עמלקי האָט געמיינט, אז ער וועט דערפרעהען דוד'ן מיט אזא בשורה, און האָט זיך אפילו בעריהמט, אז ער אליין האָט געטויטעט דעם אידישען קעניג. נאָר דוד האָט אויסגעשריען: „ווי אזוי האָסטו זיך דערוועגט אויפצוהויבען א האנד אויפ'ן געזאלבטען פון גאָט!" — און האָט געהייסען טויטען דעם עמלקי. לויט דער מסורה האָט דוד בעוויינט דעם טויט פון שאול'ן און זיין חבר יונתן אין דעם פאָלגענדען ריהרענדען ליעד:

דיין צירונג, ישראל, ליגט דערשלאָגען אויף די בערג. ווי זענען די העלדען געפאלען! דערצעהלט ניט אין גת, ניט זאָגט אָן די בשורה אין אשקלונ'ס גאסען, די טעכטער פון פלשתים־לאנד זאָלען זיך ניט פרעהען, די טעכטער פון פרעמדע זאָלען זיך ניט לוסטיג מאכען. אָ, בערג פון גלבוע! ניט זיין זאָל אויף

איך קיין טוי און קיין רעגען, קיין פעלדער קיין פרוכטבארע, ווארום דארט איז פארפלעקט געווארען די שילד פון די העלדען, שאול׳ס שילד, מיט אייל ניט געשמירט. יונתנ׳ס בויגען האט זיך ניט אבגעשטעלט פאר׳ן בלוט פון גבורים, און שאול׳ס שווערד האט קיינמאל זיך לעדיג ניט געקעהרט. שאול און יונתן, געליעבטע און טייערע, ניט צושיידט אין לעבען און טויט! גרינ־גער פון אדלערס זיינען זיי געווען, און שטארקער פאר לייבען. א, טעכטער פון ישראל! וויינט אויף שאול׳ן, וואס האט אייך אין פורפור בעקליידט, און אייערע קליידער מיט גינגאלד בעפוצט. א, ווי זענען געפאלען די העלדען אין מיטען דער שלאכט, יונתן אויף דיינע הויכע בערג א דערשלאגענער! וועה מיר פאר דיר, מיין ברודער יונתן! ביסט מיר געווען אזוי טייער! דיין ליעבע איז מיר טייערער געווען ווי די ליעבע פון פרויען. א, ווי זיינען די העלדען געפאלען, די וואפען פערלארען!

## זיבעטער קאפיטעל.

# דוד׳ס קעניגען.

(1015—1055 פאר דער קריסטל. צייטר.)

56 §. דוד און ירושלים; זיינע מלחמות. נאך שאול׳ס טויט האט דאס פאלק ניט מיט אמאל אנערקענט דוד׳ן פאר א מלך. ווען דוד האט זיך אומגעקעהרט פון דעם לאנד פון די פלשתים אין זיין היים, אין שטאדט חברון, האבען בלויז זיין אייגענע מחנה און זיינע שטאם־ברידער פון שבט יהודה איהם ערקלערט פאר א קעניג, אבער די איבעריגע אידישע שבטים, איבערהויפט שאול׳ס אייגענער שבט בנימין, האבען אנערקענט פאר זייער מלך שאול׳ס געזעצליכען יורש, זיין אינגסטען זוהן איש־בעל אדער איש־בשת. אויף אזא אופן האט דאס אידישע פאלק געקראגען אין דערזעלבער צייט צוויי מלכים: דוד׳ן אין חברון און איש־בעל׳ן אין דער שטאדט מחנים, אויף דער אנדע־רער זייט ירדן. עטליכע יאהר האט זיך געצויגען דער קאמפף צווישען די חילות פון די צוויי געגנערישע מלכים און זייערע

קריעגספיהרער: יואב פון דוד׳ס צד און אבנר פון איש־בעל׳ס צד. נאָך ענדליך איז אבנר בעזיעגט געוואָרען, און איש־בעל, וועלכער איז געווען א שוואכער און אונבעריימענדער מענש, איז פערלאָזען געוואָרען פון זיינע אָנהענגער און נאכהער איז ער ערמאָרדעט געווארען פון צוויי פעררעטער. דעמאָלט איז דאָס גאנצע פאָלק אריבער אויף דוד׳ס זייט.

דוד איז אלט געווען דרייסיג יאָהר, ווען ער איז געוואָרען דער קעניג איבער אלע שבטים פון אידישען פאָלק. די עלטסטע פון די שבטים זיינען געקומען צו איהם אין חברון און איהם גע־קרוינט פאר׳ן מלך. דאָס פאָלק האָט געדענקט דוד׳ס אמאָליגע גבורות אין די מלחמות מיט די פלשתים און האָט געהאָפט, אז דער נייער קעניג וועט ברענגען דעם לאנד רוהם און זעלבסטשטענדיג־קייט. און דיעזע האָפנונגען זיינען גיך מקוים געוואָרען.

דוד האָט פריהער פון אלץ געווענדט זיין געוועהר געגען די פרעמדע פעלקער וואָס האָבען געלעבט צווישען די אידען. אויפ׳ן גרעניץ צווישען די שבטים יהודה און בנימין האָט פון לאנג אָן געלעבט א קליינער אָבער שטארקער שבט, די יבוסים. דער דאָ־זיגער שבט איז ניט בעזיעגט געוואָרען פון די אידען אין דער צייט פון יהושע און איז געבליבען וואוינען זעלבסטשטענדיג אין זיין בעפעסטיגטער שטאָדט ירושלים און איהר אומגעגענד. ירושלים האָט זיך געפונען אויף א בארג; אין דעם דרום־טייל פון שטאדט האָט זיך דערהויבען א הויגעל מיט׳ן נאָמען ציון, אויף וועלכען עס איז געשטאנען א שטארקע פעסטונג. דוד איז אוועק מיט זיין מחנה געגען די יבוסים און האָט בעלאגערט די פעסטונג פון ציון. די יבוסים האָבען מיט שפאָט געזאגט צו דוד׳ן, אז אזא שטארקע פעסטונג וועלען געגען די אידען קענען פער־טיידיגען אפילו בלינדע און קרומע. אָבער דוד׳ס חיל האָט זיך מוטיג געוואָרפען פאָראויס און האָט די פעסטונג באלד איינגענומען. און די יבוסים זיינען פערטריבען געוואָרען פון ירושלים.

דוד האָט זיך ארויסגעצויגען פון חברון און האָט געמאכט ירושלים פאר זיין שטענדיגען וואוינאָרט. ער האָט זיך בעזעצט אין דער פעסטונג פון ציון, וואָס האָט געקראָגען דעם נאָמען „עיר־דוד“ (דוד׳ס שטאָדט), און ארום איהר האָט ער בעזעצט

זיינע קריעגסלייט. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען פון דער פעניצישער שטאָדט צר אַראָבגעבראכט בויער און מויערער, וועל־כע האָבען אויסגעבויט פאַר דוד'ן אַ קעניגליכען פּאַלאַץ. ירושלים האָט אָנגעהויבען וואקסען אין איינוואוינער און שעהנע געביידען, און פון דעמאָלט אָן איז זי געוואָרען די הויפּטשטאדט פון דער אידישער מלוכה.

דוד האָט געוואָלט מאכען זיין הויפּטשטאדט אויך פאַר דער היילינער שטאָדט פון פאָלק. איז ער אוועק מיט אַ גרויסען המון אין קרית־יערים און האָט צוגענומען פון דאָרט דעם הייליגען ארון, וועלכער איז דאָרט געשטאנען נאָך פון דער צייט פון שמואל הנביא (§ 48). מיט גרויס פּאראד, בעגלייט מיט פרעהליכע אויס־געשרייען פון פאָלק האָט מען דעם הייליגען ארון אריבערגעפיהרט אין „דוד'ס שטאָדט" און איהם אוועקגעשטעלט אין אַ בעזונדערען געצעלט, וואָס איז געווען בעצויגען מיט טהייערע געוועבען. נע־בען דעם ארון האָט מען אויסגעבויט אַ מזבח צו ברענגען קרבנות. פאַר כהן גדול אין דעם נייעם משכן איז בעשטימט געוואָרען אביתר, דער זוהן פון דעם גע'הרג'עטען אחימלך פון נב, וועלכער פלעגט בעגלייטען דוד'ן אין אלע זיינע וואנדערונגען און מלחמות.

די נאכריכט, אַז דוד האָט זיך בעפעסטיגט אין דער נייער הויפּטשטאדט האָט אויפגערייצט די פלשתים. זיי האָבען פריהער געמיינט, אַז דוד וועט זיין אַ פערבינדעטער פון די פלשתי'שע מלכים און וועט זיי צאָלען צינז, און איצט האָבען זיי דערזעהן, אַז ער פעראייניגט דאָס גאנצע אידישע פאָלק און וויל אינגאנצען ארויסשטויסען די פרעמדע פון אידישען לאנד. האָבען די פלשתים זיך אריינגעריסען אין דער נחלה פון שבט יהודה און האָבען פערנומען בית־לחם, דוד'ס געבורטס־שטאָדט. נים וויים פון דיע־זער שטאדט איז דוד'ס העלדישע מחנה ארויסגעטראָטען געגען זיי. די אידען האָבען זיך געשלאָגען ווי די לייבען און האָבען געבראכט אויף'ן פיינד אַ שרעקליכע מפלה. די העלדישקייט פון די אידישע קריעגער אין דיעזער מלחמה קען מען זעהן פון פאָל־גענדען ביישפּיעל: דוד'ן האָט זיך איינמאָל פערוואָלט אַ טרונק, און וואסער האָט מען געקאנט קריעגען נאָר אין דעם ברונען נעבען די טויערען פון בית־לחם, וואו עס איז געשטאנען אַ שטארקע

פּלשתי׳שע וואַך. האָבען דריי גבורים פון דוד׳ס קריעגסלייט, איינשטעלענדיג זייער לעבען, זיך דורכגעריסען דורך דער פּלשתי׳שער וואַך, האָבען אָנגעשעפּט וואַסער און עס געבראַכט צו דוד׳ן. נאָר דער קעניג האָט געזאָגט: „גאָט בעהיט, אז איך זאָל טרינקען דאס וואַסער, וואָס מיינע מענשען האָבען געקראָגען שטעלענדיג זייער לעבען אין סכנה; דאָס איז דאָך אַלץ איינס ווי איך זאָל טרינקען זייער בלוט!“ נאָך עטליכע ענטשיידענדע שלאַכ־טען האָט דוד פערטריבען די פּלשתים פון זיין מלוכה. אָבער ער האָט זיך דערמיט ניט בענוגענט: ער האָט געוואָלט איינגאַנצען אונשעדליך מאַכען דעם אַלטען פיינד פון אידישען פאָלק. איז ער אוועק מיט זיין חיל אין לאַנד פון די פּלשתים און האָט פערכאַפּט זייער הויפּטשטאָדט גת מיט איהר סביבה. דער דאָזיגער זיעג האָט שטאַרק בעריהמט געמאַכט די העלדישקייט פון די אידישע קעמפּפער. פון דעמאָלט אָן איז די מאַכט פון די פּלשתי׳שע מלכים אויף אייביג געבראָכען געוואָרען. גרויסע שטרעקען פּלשתי׳שע לאַנד זיינען געבליבען אונטערטעניג צו דוד׳ן און די איינוואוינער האָבען איהם געצאָלט צינז.

אז דוד האָט שוין געהאַט פארזיכערט די דרום־מערב גרעני־צען פון זיין מלוכה געגען פיינדליכע אָנפאַלען, האָט ער זיך גע־ווענדט געגען די שונאים אין מזרח־זייט. ער האָט בעזיעגט אויף דער אַנדער זייט ירדן די מואבים און עמונים. צו הילף די עמונים זיינען געקומען די ארמים פון סיריען, נאָר דוד האָט אויף זיי גע־בראַכט א שרעקליכע נידערלאַגע, איז אריינגעדרונגען מיט זיין חיל אין סיריען און איינגענומען די שטאָדט דמשק. דוד׳ס וויכ־טיגסטער העלפער אין די אַלע מלחמות איז געווען זיין פּלימעניק יואב, דער מוטיגער פיהרער פון זיין חיל. דיעזער העלדישער קריעגספיהרער האָט געפיהרט מלחמה אויך אין דרום, נעבען טויטען ים, מיט די אדומים. אדום איז איינגאַנצען בעזיעגט גע־וואָרען און דוד האָט דאָרט געשטעלט א אידישען פערוואַלטער איבער׳ן לאַנד.

57 §. דאָס אינווענייגסטע לעבען. דוד האָט אויפגע־הויבען די אידישע מלוכה צו דער העכסטער מדרגה פון מאַכט. אַלע שכנ׳ישע פעלקער, וועלכע האָבען פריהער געדריקט די אידען,

האָבען איצט געציטערט פאר זיי. דער נאמען פון דעם גרויסען אידישען קעניג איז בעריהמט געוואָרען איבער'ן גאנצען מזרח. כדי אויפצוהאלטען ריעזע שטארקייט פון דער מלוכה געגען די גרויסענדיגע פעלקער, האָט דוד געדארפט אויסהאלטען א ריעזיגען חיל. אין מלחמה־צייט איז יעדער שבט געווען פערפליכטעט צו־צושטעלען א בעשטימטע צאָל מענשען, פון צוואנציג יאָהר אָן, וועלכע זיינען פעהיג צו טראָגען געוועהר. דער הויפּט פיהרער פון דעם חיל איז געווען יואב. אין דער אינוועניגסטער פיהרונג פון לאנד האָבען דוד'ן געהאָלפען מענשען, ערפאהרענע אין מלוכה־ענינים, וועלכע האָבען זיך גערופען „יועצים" (ראטגעבער), „סופרים" (שרייבער) און „מזכירים" (כראָניקער). ביי דוד'ס הויף האָבען זיך אויך געפונען צוויי נביאים: גד און נתן.

אין זיין הויזליכען לעבען האָט זיך דוד ערלויבט עטוואָס גלאנץ, הגם ניט אין אזא מאָס ווי די אנדערע מלכים פון מזרח. ער האָט געלעבט אין ירושלים אין א שעהנעם פּאלאץ, געבויט דורך פעניצישע מייסטער, האָט זיך ארומגערינגעלט מיט לייב־וועכטער, געדונגען פון פרעמדע פעלקער, און האָט געהאט א סך גיטער, וויינגערטנער און סטאדעס. לויט דעם מנהג פון מזרח האָט דוד געהאט עטליכע ווייבער. זיין ערשטע ווייב מיכל האָט חתונה געהאט מיט אַן אנדערען אין יענער צייט ווען איהר פאָטער, דער קעניג שאול, האָט פערפאָלגט דוד'ן. נאָר ווען דוד איז ארויף אויפ'ן טראָהן, האָט זי זיך צו איהם אומגעקעהרט. מיט דער צייט זיינען צום קעניג'ס הויזגעזינד צוגעקומען נאָך עטליכע פרויען. פון די אלע פרויען, חוץ מיכל, וועלכע איז געווען אַן עקרה, האָט דוד גע־האט זיהן און טעכטער. דער עלטסטער פון זיינע זיהן איז געווען אמנון; פון די איבעריגע דוד'ס זיהן זיינען בעזונדערס בעוואוסט געווען אבשלום און אדניהו. נאָר קיין איינעם פון די דאָזיגע זיהן איז ניט בעשערט געווען צו ירש'ענען דעם טראָהן נאָך דוד'ן; יורש איז געווען דער זוהן פון א פרוי, וועלכע איז געקומען אין קעניג'ס הויז דורך פאָלגענדען צופאל.

איינמאָל אין א פארנאכט האָט דוד שפּאצירט איבער'ן פלאכען דאך פון זיין פאלאץ און האָט פון וויטען דערזעהן אַן אויסערגע־וועהנליך שעהנע פרוי זיך באָדען. דער קעני: האָט געפרעגט ווער זי

איז און האָט זיך דערוואוסט, אז דאָס איז בת־שבע, דאָס ווייב פון אוריה דעם חתי, וועלכער איז געווען דער פיהרער פון אַן אבטיילונג חיל. בת־שבע האָט דעם קעניג אַזוי בעצויבערט מיט איהר שעהנקייט, אז ער האָט זי געוואָלט נעהמען פאר א ווייב, אָבער איהם האָט געשטערט דאָס, וואָס זי איז געווען דאָס ווייב פון אַן אנדערען. האָט זיך דוד ענטשלאָסען אויף א שרעקליכער טהאט. אין יענער צייט איז פאָרגעקומען א בלוטיגע מלחמה מיט די עמונים; בראש פון אידישען חיל איז געשטאנען דער קריעגספיהרער יואב, און אונטער זיין אויבערהערשאַפט האָט געדיענט אוריה. האָט דוד געשיקט א געהיימען בעפעהל צו יואב'ן ער זאָל שטעלען אוריה'ן אין רעכטען פייער פון דער שלאכט און איהם ניט שיקען קיין הילף אין פאל דער שונא וועט זיך שטארקען איבער איהם. יואב האָט אזוי געטהאָן און אורית איז אומגעקומען אין א הייסער שלאכט מיט די עמונים. בת־שבע האָט בעוויינט איהר פערשטאָרבענעם מאַן, אָבער ווען עס האָט זיך געענדיגט די צייט פון איהר טרויער האָט מען זי געבראַכט אין קעניג'ס פאַלאַץ און זי איז געוואָרען דוד'ס ווייב.

די דאָזיגע האנדלונג דוד'ס האָט שטארק געערגערט זיין לעהרער נתן הנביא. און דער קלוגער נביא איז געקומען פאר'ן קעניג און האָט איהם דערצעהלט אזא געשיכטע: „אמאָל האָבען אין איין שטאָדט געלעבט צוויי מענשען. איינער איז געווען א רייכער און דער אנדערער אַן ארימער. דער רייכער האָט געהאט זעהר א סך שאָף און רינדער, און דער אָרימער האָט געהאַט נאָר איין קליין שעפעלע, וואָס איז איהם געווען זעהר טהייער. דאָס שעפעלע איז געוואקסען אין זיין הויז, פון זיין ברויט פלעגט זי עסען, פון זיין כוס פלעגט זי טרינקען און אין זיין שויס פלעגט זי ליגען, און זי איז איהם געווען ווי א טאָכטער. איינמאָל איז צום רייכען מאַן געקומען א גאסט, אָבער דער גביר האָט געזשאלעוועט צו שעכטען איינע פון זיינע שאָף צו מאכען א מאָלצייט פאר זיין גאסט. האָט ער געשיקט צו זיין אָרימען שכן און האָט צוגענומען ביי איהם זיין איינציגע שעפעלע און מיט איהר פלייש האָט ער אָנגעזעטיגט דעם גאסט". ווען נתן האָט געענדיגט זיין געשיכטע האָט דוד אויסגערופען מיט צאָרן: „יענער אכזריות'דיגער מענש, וואָס האָט

קיין רחמנות ניט געהאט אויף זיין ארימען שכן, פערדיענט דעם טויט, און פאר דער צוגענומענער שעפעלע דארף ער בעצאלען פיער מאל אזוי פיעל!" דעמאלט האט דער נביא אויסגעשריען: „דו ביסט עס דער יענער! גאט האט דיר געגעבען א מלוכה, עשירות און א סך ווייבער, און דו האסט ארונטערגעפיהרט אוריה'ן אונטער'ן שווערד פון די עמונים אן האסט זיך צוגענומען זיין איינציגעם ווייב. דערפאר וועט אויפשטעהן אויף דיר אן אומגליק פון דיין אייגענער הויזגעזינד". דוד האט דערפיהלט א טיפע חרטה און האט געזאגט: „יא, איך האב געזינדיגט געגען גאט!" איך גיכען האט בת־שבע געבארען דוד'ן א זוהן. דעם קינד האט מען א נאמען געגעבען שלמה, און נתן הנביא האט איהם גערופען ידידיה, דאס הייסט, גאט'ס בעליעבטער. און דעם דאזיגען אינגסטען זוהן פון דוד'ן איז עס בעשערט געווען צו ארבען דעם אידישען טראהן.

§58. די מרידה פון אבשלום. נתנ'ס נבואה, אז אן אומגליק וועט אויפשטעהן אויף דוד'ן פון זיין אייגענער פאמיליע, איז מקוים געווארען. דער קעניג האט געהאט א סך זיהן און טעכטער פון פערשיידענע ווייבער. דער עלטסטער בן־מלך, אמנון, וועלכער האט גערעכענט, אז ער וועט זיין דער יורש פון דער קרוין, איז געוועזען א מענש מיט א לײדענשאפטליכען און ניט איינגעהאלטענעם כאראקטער. איינמאל האט ער גראב בעליידיגט זיין שטיף־שוועסטער, די שעהנע תמר. די בעליידיגטע תמר האט זיך בעקלאגט פאר איהר לייבליכען ברודער, דעם שטאלצען קע־ניגליכען זוהן אבשלום, און יענער האט בעשלאסען צו נעהמען נקמה פון אמנונ'ען. ווען עס איז געקומען די צייט פון שעהרען די שאף, האט אבשלום, כלומר'שט צו דער געלעגענהייט געמאכט א מאלצייט און האט פעררופען אין זיין הויז אלע זיינע ברידער. אין דער צייט פון דער סעודה האט אבשלום בעפעהלען זיינע דיענער און זיי האבען זיך א ווארף געטהאן אויף אמנונ'ען און איהם געהרג'עט. די נאכריכט וועגען אמנונ'ס טויט האט דוד'ן שטארק דערשלאגען. דער קעניג האט טיעף געטרויערט נאך זיין ערמארדעטען זוהן, און איז שטארק אויפגעבראכט געווען געגען דעם שולדיגען אין זיין טויט. אבשלום האט מורא געהאט פאר זיין פאטער'ס כעס, איז

ער אנטלאָפען פון ירושלים און האָט אבגעלעבט דריי יאָהר צייט אין פרעמדע לענדער. פאר דער צייט איז דוד׳ס שמערץ געשטילט געוואָרען, און אויף דער בקשה פון זיינע מקורבים האָט ער אבשלום׳ען מוחל געווען און איהם ערלויבט זיך אומצוקעהרען קיין ירושלים.

אָבער ניט אויף נחת דעם פאָטער האָט זיך דער אבגעריסענער זוהן אומגעקעהרט אהיים. אבשלום איז געווען א גרויסער רודף אחר כבוד און האָט געטרוימט וועגען דער קעניגליכער הערשאפט. זייענדיג העלדיש, געשיקט און שעהן, מיט לאנגע געדיכטע לאָקען, איז ער דעם פאָלק געפעלען געווען. און מיט דער דאָזיגער ליעבע פון פאָלק האָט זיך אבשלום בענוצט פאר זיינע צוועקען. ער האָט בע־שלאָסען צו מאכען א מרידה געגען זיין פאָטער, און נאָך ביי זיין לעבען ארייננכאפען אין זיינע הענד די קעניגליכע מאכט. דעריבער האָט ער געזוכט ארויסצורופען אין פאָלק אונצופריעדענהייט מיט דוד׳ן. דער ראַלטער קעניג האָט שוין ניט געקענט בעזאָרגען אלע עסקים פון דער מלוכה און האָט אָפט קיין צייט ניט געהאַט אויס־צוהערען די אלע, וועלכע פלעגען קומען צו איהם מיט קלאגען אָדער בקשות. א סך בעזוכער פלעגען אוועקגעהן פון איהם אונבעפריעדיג־טע. ווען אבשלום פלעגט בעגעגענען אזעלכע אונצופריעדענע, פלעגט ער זיי זאָגען: „אייער זאך איז א גערעכטע; אָבער דער קעניג האָט אייך ניט אויסגעהערט; ווען איך וואָלט געווען דער ריכטער פון לאנד וואלט איך אלעמען גע׳משפט מיט אמת, און אלע וואָלטען אוועק פון מיר צופריעדען“. אזוי האָט זיך אבשלום׳ען איינגעגעבען ביסלעכווייז צוצוציהען א סך מענשען אויף זיין זייט. ער האָט גע־קראָגען אנהענגער אפילו צווישען די קעניגליכע הויפלייט. אויף דער זייט פון דעם בן־מלך איז אויך אריבער דוד׳ס קליגסטער ראטגעבער, אחיתפל. דערפיהלענדיג זיך איצט בכח, האָט אבשלום צונויפגענומען צוויי הונדערט מענשען און איז מיט זיי אוועק קיין חברון. פון דאנען האָט ער צושיקט מרגלים און זיי בעפעהלען: „ווען איהר וועט דערהערען דעם קול שופר, זאָלט איהר אויסרופען אומעטום, אז אבשלום איז געוואָרען מלך אין חברון“. צו אבשלום׳ען זיינען צוגעשטאנען גרויסע מאסען פון פאָלק און די מרידה איז זיך אלץ מעהר צעוואקסען.

דוד איז געווען ערשטוינט, ווען ער האָט דערהערט וועגען דעם אויפשטאַנד פון זיין זוהן. דער קעניג איז ניט געווען צוגע־גרייט צו דער דאַזיגער אינוועניגסטער מלחמה און ער האָט מורא געהאַט, די מורדים זאָלען פּלוצלינג ניט אָנפאַלען אויף דער הויפּט־שטאָדט. האָט ער דעריבער בעשלאָסען צו פערלאָזען ירושלים און זיך מכין זיין צו דער מלחמה ווייט פון דעם פּלאַץ פון אויפשטאַנד. און דוד איז ארויס פון ירושלים מיט זיין הויזגעזינד, בעגלייט פון א געקליבענער מחנה פון זעקס הונדערט קריעגסלייט. ווען דאָס פאָלק האָט געזעהן ווי דער גרייז־גרויער קעניג ציהט זיך ארויס פון זיין הויפּטשטאָדט, האָבען אַלע שטאַרק געוויינט. דער כהן גדול אביתר און צדוק האָבען גענומען דעם הייליגען ארון און גע־וואָלט מיטגעהן מיט'ן קעניג, אָבער דוד האָט זיי געהייסען בליי־בען מיט דער הייליגקייט אין ירושלים. „אויב גאָט וועט וועלען — האָט דער קעניג געזאגט — וועט ער מיך אומקעהרען צוריק אהער, און איך וועל ווידער זעהן זיין וואוינונג; און אויב ניט, טאָ זאָל ער טהאָן מיט מיר ווי זיין רצון וועט זיין". דעם קעניג'ס אַלטער פריינד און יועץ, דער קלוגער חושי, האָט אויך געוואָלט געהן מיט דוד'ן, נאָר דוד האָט איהם געזאגט: „אויב דו וועסט געהן מיט מיר וועסטו מיר נאָר זיין צו לאַסט. בעסער בלייב אין ירושלים, מאַך זיך ווי דו וואָלסט געווען א געטרייער דיענער צו אבשלום'ען און צושטער אחיתפל'ס פּלענער. אַלץ וואָס דו וועסט זיך דערוויסען זאָלסטו איבערגעבען די כהנים צדוק און אביתר, און זיי וועלען מיר דורך שליחים מודיע זיין וועגען אַלץ".

באלד נאָך דוד'ס אוועקגעהן איז אבשלום אריינגעטראָטען קיין ירושלים און האָט זיך ערקלערט פאר קעניג. דער קלוגער אחיתפל האָט איהם געגעבען אן עצה ער זאָל באלד נאָכיאָגען דוד'ן מיט א מחנה, איידער יענער האָט צייט געהאַט זיך צוצוגרייטען צו מלחמה. ווען חושי האָט זיך דערוואוסט פון דעם דאָזיגען געפעהרליכען פּלאַן, איז ער געקומען צו אבשלום'ען און פארשטעלענדיג זיך פאר זיין פריינד, האָט ער איהם איינגערעדט ניט צו פאָלגען אחיתפל'ס עצה „דו ווייסט — האָט ער געזאָגט, — אז דיין פאטער און זיינע מוטיגע קריעגסלייט זיינען איצט צורייצט ווי ווילדע חיות, און ביים ערשטען צוזאַמענשטויס קאָן דיין חיל ליידען א נידערלאַגע.

בעסער ווארט, ביז דאָס גאנצע פאָלק פון איין עק לאנד ביז'ן צווייטען וועט זיך ארומקלייבען ארום דיר, און דעמאָלט וועלען מיר אונטער דיין פיהערערשאפט אָנפאלען אויפ'ן קעניג'ס מחנה און זיי מיט איין מאָל פערניכטען". אבשלום האָט געפאָלגט חושי'ס עצה און האָט גאָר ניט חושד געווען אז אין הארצען האָט חושי גאָר געוואלט געבען דוד'ן צייט זיך צוצוגרייטען צו דערשטיקען דעם אויפשטאנד. אבער דער קלוגער אחיתפל האָט עס פערשטאנען און און ער האָט פאראויסגעזעהן אז אבשלום מוז האָבען א מפלה. האָט ער איהם פערלאזען און איז אוועק צו זיך אהיים און האָט זיך דערווארגען.

אין דער צייט וואס אבשלום איז געזעסען אין ירושלים און האָט גאָרניט געטהאָן, האָט דוד צייט געהאט אריבערצוגעהן דעם ירדן קיין מחנים, און דאָרט האָט ער אויפגעקליבען זיינע כחות פאר אן ענטשיידענדער שלאכט מיט די מורדים. ענדליך האָט אויך אבשלום צוזאמענגענומען א גרויסען חיל און איז אוועק אריבער'ן ירדן געגען זיין פאטער. דער חיל פון די מורדים איז געווען גרוים, נאָר ער האָט געהאנדעלט ניט אויסגערעכענט, אין דער צייט ווען דוד'ס ערפאהרענע קריעגספיהרער האָבען געפיהרט דעם קאמפף פארזיכטיג און קלוג. די ענטשיידענדע שלאכט איז פארגעקומען אין וואלד אפרים. דעם קעניג'ס חיל, אונטער דער פיהרערשאפט פון יואב'ן, האָט בעזיעגט אבשלומ'ס מחנות און זיי געצוואונגען צו אנטלויפען. אבשלום אליין איז רייטענדיג אויף אן עזעל אנטלאָפען אין געדיכטען וואלד אריין. אבער דאָ איז ער אונטערגעפאהרען אונטער א געדיכטען דעמב און האָט זיך פערטשעפעט מיט זיינע האָר אן די צווייגען, און ווען דער עזעל איז פון אונטער איהם אוועקגעלאָפען ווייטער, איז ער געבליבען הענגען אין דער לופטען. דאָ איז אונטערגעקומען יואב און האָט אריינגעשאָסען דריי פיילען אין דעם הענגענדיגען אבשלום. דעם קערפער פון דעם גע'הרג'עטען האָט מען ארונטערגענומען פון בוים און אריינגעווארפען אין א גרוב, אויף וועלכער מען האָט אנגעווארפען א הויפען שטיינער. דוד איז געווען אזוי דערשלאָגען פון אבשלומ'ס שרעקליכען טויט, אז ער האָט אפילו פערגעסען די פרייד פון דעם נצחון. דאָס פאטערליכע געפיהל האָט גובר געווען דעם קעניג'ס

פערשטאנד. דער גרייז־גרויער קעניג איז א לאנגע צייט געזעסען איינער אליין אין זיין צימער און האט מיט טרעהרען געמורמעלט: „א, מיין זוהן, אבשלום, פארוואס בין איך פאר דיר ניט געשטאר־בען?"

§59. דוד'ס לעצטע יאהרען. דער ברודער־קריעג וואס אבשלום האט אויפגעהויבען, האט אנגעהאלטען אויך נאך זיין טויט. ווען דער גרעסטער טייל פון די מורדים האט זיך אויפגעקליבען אין גלגל, כדי אויסצודריקען זייער הכנעה צו דוד'ן, איז ארויסגעטראטען איינער פון שבט בנימין מיט'ן נאמען שבע, האט אנגעהויבען בלא־זען אין א שופר און האט אויסגערופען: „מיר האבען גאר נישט צו טהאן מיט דוד'ן! צוגעהט זיך איבער אייערע געצעלטען, אידען!" און א גרויסער טייל פון פאלק האט זיך ווידער אבגעטיילט פון דוד'ן און איז אוועק נאך שבע'ן; בלויז דער שבט יהודה איז געבלי־בען געטריי דעם קעניג, און האט איהם בעגלייט קיין ירושלים. אנקומענדיג קיין ירושלים, האט דוד געהייסען זיינע קריעגספיה־רער צוזאמענעמען א חיל און נאכיאגען שבע'ן און צוטרייבען זיינע מחנות איידער ער וועט האבען צייט צו פערכאפען בעפעס־טיגטע שטעדט. דעם קעניג'ס חילות, אנגעפיהרט פון יואב'ן, הא־בען זיך ווי א שטורם דורכגעטראגען איבער'ן גאנצען לאנד. וואו זיי זיינען אנגעקומען, האט דאס ווידערשפעניגסטע פאלק פערלאזען שבע'ן און זיך אונטערגעגעבען צו דוד'ן. בלויז די בעפעסטיגטע שטאדט אבלה, אין דער נחלה פון שבט דן, אין צפון־זייט, איז פער־נומען געווארען פון שבע'ן און האט זיך ניט געוואלט אונטערגעבען. יואב האט ארומגערינגעלט די שטאדט מיט בעלאגערונגס־געוועהר און האט זיך געקליבען צו צושמעטערען איהרע מויערען. דא איז איינע פון די איינוואוינער, א קלוגע פרוי, ארויפגעגאנגען אויף דער וואנט פון פעסטונג און האט הויך צוגעשריען יואב'ן: „צי דען ווילסטו פערטיליגען א גאנצע אידישע שטאדט?" יואב האט גע־ענטפערט, אז ער וועט ניט טשעפען די שטאדט, אויב זיי וועלען מיט גוטען ארויסגעבען שבע'ן. די איינוואוינער האבען מסכים געווען. זיי האבען אבגעהאקט שבע'ן דעם קאפ, און פון דער וואנד עס אראבגעווארפען צו יואב'ן. דעמאלט איז יואב אבגעטראטען

פון שטאָדט; די מרידה איז ענדליך איינגעשטילט געוואָרען, און דאָס לאַנד האָט זיך בערוהיגט.

ווען אין לאַנד איז שטיל געוואָרען האָט דוד גערופען צו זיך נתן הנביא און איהם געזאָגט, אז ער וויל אויסבויען אין ירושלים א נייעם גרויסען טעמפעל צו דיענען גאָט, אנשטאט דעם פריה־עריגען קליינעם משכן. נאָר דער נביא האָט איהם ערקלערט: „ניט דו וועסט בויען גאָט׳ס הויז, ווארום דו האָסט אין דיין לעבען א סך בלוט פערגאסען (אין מלחמות). אבער דיין זוהן שלמה, וועל־כער וועט ירש׳ענען דעם טראָהן נאָך דיר, וועט זיין א פריעדליכער קעניג, און ער וועט אויפשטעלען א הויז פאַר גאָט.“ האָט דוד געהייסען אויפקלייבען בוי־מאטעריאל און גאָלד און זילבער א סך, כדי אלץ זאָל זיין גרייט צום בויען ווען זיין זוהן וועט איבער־נעהמען די ממשלה נאָך איהם. אבער איהם איז ניט באשערט גע־ווען אפילו די דאזיגע הכנות צו ענדיגען.

אפילו אין די לעצטע טעג פון זיין לעבען האָט דוד קיין רוה ניט געהאט. עס האָבען זיך אָנגעהויבען מחלוקות ווער עס זאָל ירש׳ענען דעם טראָהן. די מלכה בת־שבע האָט פערלאנגט, אז איהר זוהן שלמה זאָל זיין דוד׳ס יורש. איהר האָבען געשטיצט נתן הנביא און אייניגע הארען. אבער אדניהו, דוד׳ס עלטסטער זוהן נאָך אבשלום׳ן, האָט געהאלטען זיך פאַר׳ן געזעצליכען יורש־עצר. ער האָט זיך געפיהרט מיט קעניגליכען גלאנץ און פלעגט אומפאָהרען איבער די גאסען אין א פרעכטיגען רייטוואגען, פאראויס פון וועל־כען עס זיינען געלאָפען פופציג רייטער. איהם איז געלונגען צו געווינען אויף זיין זייט די איינפלוסרייכסטע לייט. דעם קריעגס־פיהרער יואב און דעם כהן אביתר. איינמאָל, ווען מען האָט זיך שוין גערעכנט אז דוד דאַרף באלד שטארבען, האָט אדניהו געמאכט א פייערליכען מאָלצייט און מקריב געווען קרבנות צו גאט. דאָ האָבען זיינע אָנהענגער געשריען: „לעבען זאָל דער קעניג אדניהו!“ דאָס האָט שטאַרק צוערגערט שלמה׳ס מוטער און זי האָט זיך בע־קלאָגט פאַר דוד׳ן. דעמאָלט האָט מען, אויף דוד׳ס בעפעהל, דורכ־געפיהרט דעם יונגען שלמה רייטענדיג אויף אן עזעל איבער׳ן גאנ־צען שטאָדט, בעגלייט פון די כהנים און דעם חיל, און איהם גע־בראכט צום טייך גיחון. דאָ האָט דער כהן גדול צדוק בעשפריצט

זיין קאָפּ מיט היילינגען בוימאייל און ביים שאַלען פון שופרות האָט ער איהם ערקלערט פאר'ן מלך. מיט א פייערליכער פראָצעסיע, צווישען פרעהליכע אויסגעשרייען פון פאָלק האָט זיך שלמה אומ־געקעהרט אין פאלאץ און האָט זיך געזעצט אויפ'ן קעניגליכען שטוהל.

אין גיכען איז דער אלטער דוד געשטאָרבען, נאָך פערציג יאהר קעניגען. ווען שלמה איז געווארען מלך האָט ער באלד איינ־געשטילט די מהומה, וואס אדניהו'ס אויפשטאנד האָט ארויסגע־רופען. ארניהו'ן און זיינע וויכטיגסטע נאָכפאָלגער, צווישען זיי אויך יואב, האָט מען אויפ'ן קעניג'ס בעפעהל געטויט, און די קעניגליכע מאכט האָט זיך איינגאנצען בעפעסטיגט אין שלמה'ס הענד.

## אכטער קאַפּיטעל.

# שלמה המלך.

(1015—977 פאַר דער קריסט. צייטר.)

§60. שלמה'ס ממשלה. ווען שלמה איז ארויף אויפ'ן טראָהן איז ער נאָך געווען גאָר יונג, איינגאנצען ארום פינף־און־צוואנ־ציג יאָהר אלט. זיין פאטער האָט איהם איבערגעלאזען א ברייטע מלוכה, וועלכע איז נאָך א סך מלחמות געווען פערזיכערט פון אנ־פאלען פון די שכנ'ישע פעלקער. עס איז נאָר נויטיג געווען אויפ־צוהאלטען דאס, וואס איז ערוואָרבען געווארען דורך דוד'ס גלענצענ־דע נצחונות און געבען דעם פאלק די מעגליכקייט זיך צו פערנעהמען מיט פריעדליכע בעשעפטיגונגען: ערדארבייט, מלאכות און מסחר. דאס איז דערגרייכט געווארען אין דער צייט פון שלמה. שלמה איז ניט געווען קיין קריעגערישער, נאָר א פריעדליכער מלך (זיין נאָמען אליין, שלמה, דערמאנט אָן „שלום", פריעדען). ער האָט פערמאגט אלע מעלות, וואס זיינען נויטיג פאר א הערשער און א ריכטער. דער יונגער מלך האָט געקראגען א שם ביים פאלק פאר זיין חכמה און מענשען־קענטשאפט. אין די שווערסטע משפטים האָט ער פערשטאנען צו דערגעהן ווער עס איז גערעכט און ווער עס איז אומגערעכט.

מיט דעם פאָלגענדען משפּט, דערצעהלט דער תנ"ך, האָט שלמה געוואונען דעם נאָמען פאַר'ן קליגסטען מענשען אין דער וועלט. איינמאָל זיינען צו שלמה המלך געקומען צוויי פרויען זיך לאַדען, און איינע פון זיי האָט דערצעהלט אזא געשיכטע: איך וואוין — האָט זי געזאגט — מיט דער דאזיגער פרוי אין איין הויז. ניט לאנג צוריק האָב איך געבארען א אינגעלע, און מיט דריי טעג שפּע־טער האָט מיין שכנה אויך געהאט א זוהן. איינמאָל ביי נאכט האָט זי אין שלאָף זיך ארויפגעלעגט אויף איהר קינד און האָט עס דערשטיקט. אז זי האָט דאס דערזעהן, איז זי שטילערהייד אויפ־געשטאנען און ווען איך בין געשלאָפען האָט זי צוגענומען פון מיין געלעגער מיין קינד, און צו מיר האָט זי אוועקגעלעגט איהר טויט קינד. אין דערפריה ווען איך בין אויפגעשטאנען אָנצוזויגען מיין קינד האָב איך דערזעהן, אז ער ליגט טויט, און ווען איך האָב זיך איינגעקוקט אין זיין פּנים האָב איך בעמערקט, אז דאס איז גארניט מיין זוהן". די אנדערע פרוי האָט גע'טענה'ט: „ניין, דאס איז ניט אמת: מיין זוהן איז געבליבען לעבען, און איהרער איז טויט". די צוויי פרויען האָבען זיך שטארק געקריעגט פאר'ן קעניג: יעדע האָט גע'טענה'ט, אז דער לעבעדיגער אינגעלע איז איהר זוהן, און אז דער טויטער געהערט צו איהר שכנה. עס איז שווער געוועזן צו דערגעהן דעם אמת. דעמאָלט איז שלמה געפאלען אויף א קלוגער המצאה: ער האָט געהייסען ברענגען א שווערד און פאר די צוויי פרויען אין די אויגען האָט ער געזאגט צו די דיענער: „צושניידט דעם לעבעדיגען אינגעלע אויף דער העלפט, און גיט איין האלבע צו איין פרוי און די צווייטע — דער אנדערער פרוי." דערהערענדיג דאס, האָט איינע פון די פרויען אויסגעשריען: „אדוני מלך, צו־שנייד ניט דאס קינד, נאָר גיב שוין עס בעסער אב א לעבעדיגען צו מיין געגנערין". אָבער די אנדערע האָט געשריען: „זאָל זיין ניט מיר און ניט איהר, צושניידט עס!" דעמאלט איז קלאר געווא־רען, אז די אמת'ע מוטער פון דעם לעבעדיגען קינד איז יענע, וועל־כע האָט אויף איהם רחמנות געהאט און ניט דערלאזט מען זאָל איהם צושניידען. און דער קעניג האָט געזאגט: „גיט איהר אב דאס לעבעדיגע קינד, ווארום זי איז זיין מוטער!" דאס גאנצע פאָלק האָט בעוואונדערט שלמה'ס חכמה. דער תנ"ך דערצעהלט,

אז שלמה האָט מיט זיין חכמה אריבערגעשטייגט אַלע קלוגע לייט פון מזרח־לאַנד און אפילו די געלעהרנטסטע חרטומים פון מצרים. ער האָט פערפאַסט משלים און ליעדער, „האָט גערעדט וועגען די בוימער, חיות, פישען, פויגלען און שרצים", ד. ה. ער האָט זיך שטאַרק אָבגעגעבען מיט שטודירען די נאַטור. פון דעם תנ"ך איז שלמה בעוואוסט אַלס דער מחבר פון ספר משלי און פון מגילת קהלת, פונקט ווי דוד איז בעוואוסט אַלס דער זינגער פון תהלים.

דער תנ"ך דערצעהלט, אַז אין שלמה'ס צייטען האָבען די אידען געלעבט רוהיג, „יעדער אונטער זיין ווייַנשטאָק און אונטער זיין פייגענבוים". שלמה האָט ניט געפיהרט קיין מלחמות אַזוי ווי דוד. די אַרומיגע פעלקער, ווי למשל די אדומים און עמונים, זיינען געווען אונטערטעניג דעם אידישען מלך און האָבען איהם געצאָלט צינז. אָבער מיט די זעלבסטשטענדיגע שכנ'ישע מלוכות פלעגט ער שליסען פריעדליכע בונדען און האַנדעלס־אָבמאַכען. די נאָהנטסטע שכנה פון דער אידישער מלוכה איז געווען די רייכע און סוחר'ישע פעניציען; אין דרום־זייט איז געלעגען דאָס געבילדעטע און שטאַרקע מצרים, און פון צפון—די מלוכות פון מעסאָפּאָטאַמיען (אדם און דמשק). מיט די דאָזיגע מלוכות האָט שלמה איינגעפיהרט האַנדעל. די אידען, אַלס אַ פאָלק פון ערד־אַרבייט, פלעגען אַרויספיהרען אהין פּראָדוקטען פון דער ערד: תבואה, פירות און וויינטרויבען, און אין אויסטויש פלעגען זיי בעקומען פון פעניציען געהילץ פון די צעדער־יועל־דער פון לבנון, און פון מצרים—פערד און רייטוועגען. אויסער דעם איז דאָס אידישע לאַנד געווען אַ וויכטיגער האַנדעלס־וועג, איבער וועלכען עס זיינען געגאַנגען קאַראַוואַנען מיט סחורה פון מעסאָפּאָטאַמיען קיין מצרים. אויף שלמה'ס בעפעהל האָט מען אויסגעבויט אין פערשיידענע פלעצער בעקוועמע סטאַנציעס פאַר די קאַראַוואַנען און שפּייכלער פאַר די סחורות. זייענדיג פער־בונדען מיט די פעניציער האָבען אידען אויך געפיהרט האַנדעל אויפ'ן ים. די אידישע און פעניצישע ים־רייזענדע פלעגען זיך אַוועקלאָזען אויף שיפען אין דעם וואונדערלאַנד אופיר (אינ־דיען אָדער דרום־אַראַביען) און פלעגען ברענגען פון דאָרט טהייערע מעטאַלען, העלפאַנדבייז, שמעקעדיגע בשמים און

*

אלערליי ציערונג. אויף אזא אופן האָבען די אידען אָנגעהויבען זיך צוזאַמענקומען מיט די געבילדעטע פעלקער פון אזיען און אפריקא. שלמה פלעגט זיך אפילו מתחתן זיין מיט די פרעמדע מלכים. צווישען זיינע ווייבער איז געווען די טאָכטער פון א מעכטיגען עגיפטישען פרעה. נאָכטהוענדיג דעם ביישפיעל פון די אנדערע מלכים פון מזרח האָט שלמה געזארגט וועגען דער רייכקייט און גלאנץ פון זיין הויפטשטאָדט. אין זיין צייט איז די שטאָדט ירושלים בעשעהנט געווארען מיט פרעכטיגע געביידען, צווישען וועלכע עס האָבען זיך בעזונדערס אויסגעצייכענט דער בית־המקדש און דער קעניגליכער פאַלאַץ.

§61. דאָס בויען פון דעם בית המקדש. אין גיכען נאָכ־דעם ווי שלמה איז ארויף אויפ'ן קעניגליכען שטוהל האָט ער גע־נומען ערפילען די צואה פון זיין פאטער — צו בויען דעם גרויסען בית־המקדש אין ירושלים. פאר א פלאַץ פאר'ן הייליגען הויז איז אויסגעקליבען געווארען דער בארג מוריה, אין צפון־מזרח־זייט פון ירושלים. פאר דעם דאָזיגען בנין האָט זיך געפאָדערט אונגע־הויער פיעל שטיין און געהילץ. שטיין איז געווען אין כנען גופא. צעהנדליגע טויזענדער ארבייטער, וואס שלמה האָט צוזאמענגענומען צווישען די בעזיעגטע כנענ'ישע פעלקער, האָבען אין די בערג אויס־געהאקט שטיינער און זיי ארומגעטעסעט אין גלייכע בלאָקען; אנ־דערע ארבייטער האָבען די דאָזיגע שטיינער געפיהרט צום פלאַץ פון בנין. כדי צו קריגען די נויטיגע געהילץ האָט זיך שלמה גע־ווענדעט צום פעניצישען קעניג חירום, וואס זיין הויפטשטאָדט צר האָט געהאט א שם פאר איהרע שעהנע געביידען. חירום האָט בע־וויליגט צו געבען שלמה'ן צעדערען־ און ציפרעסען־בוימער פון די לבנון־וועלדער און זיי ברענגען צופיהרען מיט'ן ים ביז יפה, דער נעהנטסטער האפען צו ירושלים. דרייסיג טויזענד אידען זיינען גענומען געווארען פיר קעניגליכער ארבייט, צו האקען וואלד אויפ'ן בארג לבנון. זיי זיינען געווען צוטיילט אין דריי אבטיילונגען, צו צעהן טויזענד מאן אין יעדער. די אבטיילונגען האָבען געארבייט נאָך דער רייה: איין מאָנאט געארבייט און צוויי גערוהט. חירם האָט צוגעשטעלט דאס געהילץ אין יפו און האָט אויך געשיקט שלמה'ן בוימייסטער און קינסטלערישע מויערער פון צר. פאר די

אלע טובות האָט שלמה געגעבען חירום׳ן יעדען יאָהר, אז לאנג ווי די ארבייט האָט געדויערט, א בעשטימטען סכום ווייץ, בוימאייל און וויין. ווען דער בוי־מאטעריאל איז שוין געווען אינגאנצען פאר־טיג, איז מען צוגעטראטען צום בויען. דער בית־המקדש איז גע־בויט געווארען פון די שטיינערנע בלאָקען, און פון אינוויינינג זיינען די ווענד בעדעקט געווען מיט ברעטער פון צעדער־האָלץ, אויף וועל־כע עס זיינען געווען אויסגעשניצט בלומען, פאלמען־בוימער און כרובים. די גאנצע שניצעריי אויף די ווענד איז געווען בעדעקט מיט גאָלד.



דער בית־המקדש.

דער בית המקדש האָט געהאט צוויי אבטיילונגען: אן אינ־ווענינגסטע און אן אויסווענינגסטע. די אינווענינגסטע אבטיילונג איז געווען אין דעם סאמע אבגעלעגטען, הינטערשטען חדר פון דער גע־ביידע און האָט זיך גערופען „דביר“ אדער „קדשי קדשים“. דאָ זיינען געשטאנען צוויי כרובים פון בעגילטען איילבירט־האָלץ, און אונטער די צושפרייטע פליגעל פון די כרובים איז געשטאנען דער ארון־קדש. דאָ האָט אייביג געהערשט א געהיימניספולער האלב־דונקעל. אין דער אויסווענינגסטער אבטיילונג, וואס האָט געהייסען „מקדש“ אָדער „היכל“, האָבען זיך געפונען פאהנען צו רויכערען קטרת, די מנורה, א טיש פאר׳ן הייליגען ברויט (לחם

הפּנים), אַלץ פון ריינעם גאָלד געמאַכט. אין דער לענג פון דעם היכל האָט זיך געצויגען אַ שעהנע גאַלעריע מיט צוויי דיקע קופּערנע זיילען. פון דער דאָזיגער גאַלעריע איז געגאַנגען אַ ברייטער הויף, וועלכער איז געווען אַרומגעצאַמט מיט אַ וואַנד. אין הויף האָבען זיך געפונען: אַ גרויסער קופּערנער מזבח, אַ קופּערנער האַנד־פאַס (כיור) פאַר די כהנים צו וואַשען די הענד, וועלכער האָט צוליעב זיין אומגעהויערער גרויס געהייסען: „דער קופּערנער ים", און אַנדערע כלים צו די קרבנות.

דער דאָזיגער גרויסאַרטיגער בנין האָט זיך געבויט עטליכע יאָהר און איז געענדיגט געוואָרען אַרום טויזענד יאָהר פאַר דער איצטיגער ערא. דאַן האָבען זיך אָנגעהויבען די שמחות פון חנוכת הבית. אין דעם חודש תשרי, דער חודש פון ימים טובים, זיינען אין ירושלים אָנגעקומען אַ סך אידען פון אַלע עקען לאַנד. פאַר די אויגען פון פאָלק האָבען די כהנים אַריינגעטראָגען דעם הייליגען אָרון מיט די לוחות אין די קדשי־קדשים און עס אַוועקגעשטעלט אונטער די פאַנאַנדערגעלאָזענע פליגלען פון די גאָלדענע כרובים. די זיילען רויך פון דעם געצונדענעם קטרת האָבען איינגעהילט דעם דאָזיגען חדר פון בית־המקדש אַזוי ווי אין אַ וואָלקען, און דער געדאַנק האָט זיך אַריבערגעטראָגען צום ערשטען „וואוינאָרט פון גאָט", צום טונקעלען און גראַנדיעזען באַרג סיני. דער קעניג האָט זיך געווענדט מיט'ן פּנים צום הייליגטום און האָט געזאָגט: „גאָט האָט בעשטימט צו וואוינען אין אַ געדיכטען וואָלקען. אָט האָב איך אויסגעבויט אַ הויז פאַר דיר, אַ פּלאַץ פאַר דיין אייביגער וואוינונג". נאָכדעם איז דער קעניג מיט'ן פאָלק אַריבערגעגאַנגען אין די דרויסענדיגע חדרים פון דעם בית־המקדש און אויפ'ן הויף, וואו עס איז געשטאַנען דער מזבח. דאָ איז אַלץ געווען פאַרגאָסען מיט אַ וואונדערליכען שיין פון די בעגילדעטע ווענד און זיילען און פון די פינקעלדיגע טהייערע כלים. די כהנים האָבען געפּראַוועט גאָטעסדיענסט און געבראַכט קרבנות, און די לויים האָבען געזונגען הייליגע ליעדער און געשפּיעלט אויף האַרפען. דאָס פאָלק איז געווען בעצויבערט פון אַלץ וואָס ער האָט געזעהן און האָט געקוקט מיט יראת־הכבוד אויף זיין נייעם גרויסאַרטיגען בית המקדש. עטליכע טעג האָבען געדויערט די פייערליכע

שמחות פון דעם חנוכת הבית, און נאכער איז זיך דאס פאלק צו־
גאנגען און צופאהרען אהיים.

§62. דער אויסוועניגסטער גלאנץ און די אינוועניגסטע אונאָרדנונג. ווען דער בית־המקדש איז געווען פארטיג האָט מען אנגעהויבען בויען דעם קעניגליכען פאלאץ. די פעניצישע מייסטער האָבען אויסגעבויט פאר שלמה'ן א פרעכטיגען פאלאץ, ניט ווייט פון בית־המקדש. דער קעניגליכער פאלאץ איז בעשטאנען פון עט־ליכע בנינים וואס זיינען געווען פעראייניגט איינער מיט דעם אנדערען. צום פאלאץ האָט געפיהרט אן אלייע, וועלכע האָט זיך גערופען דער „לבנון וואלד", דען זי איז בעשטאנען פון צוויי לאנגע שורות צעדער־זיילען. דאָ איז געשטאנען די קעניגליכע וואך מיט שווערדען און מיט גאלדענע שילדען. אין דעם געריכטס־זאל („אולם־המשפט") פון דעם פאלאץ איז געשטאנען דער קעניגליכער טראהן פון העלפאנדביין, מיט גאָלדענע בעפוצונגען. דאָ פלעגט דער מלך משפט'ן און אויפנעהמען פרעמדע שלוחים. ביי די זייטען פון דעם הויפט־פאלאץ זיינען געשטאנען צוויי בנינים, אין איינעם האָט געוואוינט דער קעניג אליין, און אין דעם אנדערען — די הויפט־קעניגין, א טאָכטער פון דעם עגיפטישען פרעה, מיט איהר סוויטע. אויסער דעם בית־המקדש און דעם פאלאץ, איז אין ירושלים אויסגעוואקסען א גאנצע צאָל שעהנע געביידען, וואס זיינען אויסגעבויט געווארען פון די רייכע לייט פון ירושלים. די הויפטשטאָדט פון דער אידישער מלוכה איז געווארען א בעלעבטע שטאָדט מיט א סך גלאנץ. אין דער צייט פון די יעהרליכע ימים־טובים פסח און סוכות פלעגען זיך קיין ירושלים צוזאמענקומען מאַסען אידען פון אלע שטעדט, וועלכע פלעגען עולה רגל זיין אהער צו מתפלל זיין אין בית־המקדש און ברענגען קרבנות. רייכע סוחרים פלעגען פאהרען קיין ירושלים וועגען מסחר, און בעוואוסטע אויס־לענדער פלעגען קומען אנקוקען דעם בית־המקדש און די אנ־דערע מערקווירדיגע זאכען פון דער אידישער הויפטשטאָדט.

איינמאָל איז קיין ירושלים געקומען די מלכה פון שבא, א מלוכה אין דרום אראביען. זי האָט זיך אָנגעהערט וועגען שלמה'ס גרויסער חכמה, און זי האָט זיך געוואלט אליין איבערציינגען ווי ווייט די דאָזיגע קלאנגען זיינען אמת. דער קעניג האָט זי אויפגענו־

מען זעהר פריינדליך און האָט געענטפערט אויף אַלע איהרע פראגען און רעטענישען. נאָך א לאנגען שמועס מיט שלמה׳ן איז די מלכה שבא אזוי ענטציקט געווארען פון זיין חכמה, אז זי האָט אויסגערופען: „דו ביזט א סך קליגער און רייכער, ווי מען האָט מיר דערצעהלט! גליקליך זיינען דיינע אונטערטאנען, וועלכע קענען זיך שטענדיג זעהן און הערען דיין חכמה". זי האָט געשענקט דעם קעניג א סך גאלד, טייערע שטיינער און דופטיגע געווירצען, און בעקומענדיג פון איהם אויך טייערע מתנות איז זי אוועק צוריק אין איהר לאנד.



מזבח.

אָבער צום סוף פון שלמה׳ס קעניגען האָט זיך ארויסגעוויזען, אז ניט קוקענדיג אויף׳ן אויסוועניגסטען גלאנץ פון דער אידישער מלוכה איז דאָך ניט דאָס גאנצע פאָלק געווען צופריעדען און גליקליך: צו טייער האָט געקאָסט דעם פאָלק דער דאָזיגער אויסוועניגסטער פראכט. א קליינע צאָל סוחרים און האנדעלסלייט זיינען רייך געווארען פון דעם מסחר, וואס האָט זיך ענטוויקעלט אין לאנד, אבער די גאנצע מאסע ערד־ארבייטער האָט געלעבט אין ארעמקייט. דאס ארבייטענדע פאלק, וואס איז שוין גענוג פערארעמט געווען פון די געצוואונגענע ארבייטען פאר׳ן בית־המקדש און די פאלאצען,

האָט נאָך געקרעכצט אונטער דער לאַסט פון די שטענדיגע טאַקסען, וואָס זיינען אויף איהם ארויפגעלעגט געוואָרען כדי אויסצוהאלטען דעם קעניגליכען פּאַלאַץ. שלמה האָט צוטיילט דאָס לאַנד אויף צוועלף טייל און יעדער טייל האָט געמוזט א מאָנאַט אין יאָהר אויסהאלטען מיט עסענוואַרג די גרויסע קעניגליכע פאַמיליע און די בעאַמטע. דאָס פאָלק, געדריקט פון די שווערע צינזען, איז געוואָרען אונצופריעדען, און די פערשווענדעריי אין דעם קעניג׳ס הויז איז אלץ געוואַקסען. דער קלוגער שלמה האָט געדאַרפט מיט מעהר פערשטאַנד רעגירען דאָס לאַנד, אָבער אנשטאַט דעם האָט ער געלעבט מיט דעם געוועהנליכען לוקסוס פון א מזרח־הערשער. ער האָט געהאַט א סך ווייבער פון פרעמדע פעלקער: מצרי׳שע, מואבי׳שע און פעניצישע פרויען, און אויף אויסצוהאלטען זיי אלע האָט זיך געפאָדערט זעהר א סך געלד. דורך דעם איינפלוס פון שלמה׳ס ווייבער האָבען די פעניציער און אנדערע פרעמדע איינוואוינער פון ירושלים געקענט דאָרט פריי אויפשטעלען מזבחות צו זייערע היידנישע געצען. דער קעניג אליין פלעגט אפטמאָל ביי־וואוינען דעם געצענדיענסט פון זיינע פרעמדע פרויען. דאָס האָט געהאַט א שעדליכע ווירקונג אויף די מדות פון פאָלק און עס איז געוועזען א סכנה אז אין לאַנד זאָל זיך ווייטער פערשפּרייטען דער פריהעריגער געצענדיענסט.

די נביאים האָבען געהאַט דעם מוט צו שטראָפען דעם קעניג פאַר זיין שלעכטער אויפפיהרונג און האָבען איהם פאָראויסגעזאָגט, אז זיין מלוכה וועט גיך צופאַלען ווערען. סמנים פון צופאַלונג האָבען זיך שוין אָנגעפאַנגען צו מערקען. איינער פון דעם קעניג׳ס בעאַמטע ירבעם פון שבט אפרים, האָט זיך בענוצט מיט דער אונ־צופריעדענקייט וואָס האָט געהערשט צווישען די בני אפרים געגען שלמה׳ן און האָט אויפגעהויבען א פאָלקס־אויפשטאַנד. איינמאָל האָט דער נביא אחיה השילני בעגעגענט ירבעמ׳ן אין פעלד און האָט אָנגענומען זיין מאַנטעל און איהם צוריסען אויף צוועלף שטיק. צעהן שטיק האָט דער נביא געגעבען צוריק צו ירבעמ׳ן און האָט געזאָגט: „נעהם די דאָזיגע צעהן שטיק: זיי בעדייטען צעהן שבטים פון אידישען פאָלק, וועלכע וועלען זיך אבּרייסען פון דוד׳ס שטאַם און וועלען אויסקלייבען דיך פאַר א מלך“. ערמוטיגט פון

דער דאָזיגער נבואה האָט ירבעם זיך גענומען גרייטען אַרויסצוטרע־טען אָפען בראָש פון די בני אפרים געגען שלמה המלך. ווען שלמה האָט זיך דערוואוסט וואס ירבעם האָט בדעה צו טהאָן האָט ער גע־שיקט זיין וואך מיט'ן בעפעהל צו טויטען איהם. דעמאָלט איז ירבעם אנטלאָפען קיין מצרים און האָט זיך דאָרט בעהאַלטען ביז שלמה'ס טויט.

§63. די צושפּאַלטונג פון דער אידישער מלוכה. נאָך אַן ערך פון פערציג יאָהר קעניגען איז שלמה געשטאָרבען. אויפ'ן טראָהן האָט געדאַרפט אַרויפגעהן זיין עלטסטער זוהן רחבעם. רחבעם האָט זיך ניט אויסגעצייכענט מיט קיין בעזונדערע מעלות: ער האָט ניט געהאַט ניט דעם העלדענמוט פון דוד'ן, ניט די חכמה פון שלמה'ן. דער שבט יהודה און א טייל פון שבט בנימין, וועלכע זיינען געוועזען געטריי צו דוד'ס דינאַסטיע, זיינען געוועזען גרייט גלייך צו ערקלערען רחבעמ'ען פאַר א מלך, אבער די איבעריגע שבטים, און איבערהויפּט דער שבט אפרים, האָבען זיך געקוויינקעלט. ווען ירבעם, וועלכער האָט זיך בעהאַלטען אין מצרים, האָט דערהערט פון שלמה'ס טויט האָט ער זיך גלייך אומגעקעהרט אין זיין פאַטערלאַנד און האָט אונטערגעהאַלטען אין דעם פאָלק די אונצופריעדענקייט מיט דוד'ס דינאַסטיע.

דעמאָלט האָבען זיך אין דער שטאָדט שכם, פון שבט אפרים, פערזאַמעלט די עלטסטע פון אידישען פאָלק, כדי צו בעראַטען זיך וועגען דער ערוועהלונג פון דעם נייעם מלך. אהין איז אויך געקו־מען רחבעם. דאָס פאָלק, וואס איז געוועזען אונצופריעדען מיט די שווערע צינזען, וועלכע מען האָט אויף איהם אַרויפגעלעגט פאַר שלמה'ס צייטען, האָט בעשלאָסען צו פאָדערען פון דעם נייעם קע־ניג א פערלייכטערונג. די פאָרשטעהער פון פאָלק, מיט ירבעמ'ן בראָש, זיינען געקומען פאַר רחבעמ'ן און האָבען איהם געזאָגט: „דיין פאַטער האָט אַרויפגעלעגט אויף אונז א שווערע לאַסט; פערלייכטער אונז די דאָזיגע לאַסט און דעמאָלט וועלען מיר דיר דיענען“. דער שטאָלצער רחבעם האָט זיך געפיהלט בעליידיגט פון דער דאָזיגער פאָדערונג, נאָר ער האָט זיי צוגעזאָגט אין דריי טעג אַרום צו געבען אן ענטפער. ער האָט פעררופען זיינע יועצים צו הערען זייער מיינונג. די עלטערע ראַטגעבער, וועלכע האָבען נאָך

גֶעדריענט פאר שלמה'ן, האָבען פארגעלייגט רחבעמ'ן ער זאָל נאָכ־געבען און זאָל בעוויליגען דעם פאלק די פערלייכטערונג, וואס ער פאָדערט; אבער די אינגערע הויפלייט, וועלענדיג נושא חן זיין ביי דעם שטאָלצען און הערשערישען קעניג, האָבען איהם אן עצה געגעבען ער זאָל אבזאגען דעם פאלק אין אלץ. רחבעם האָט אָנ־גענומען די עצה פון די יונגע. ווען אויפ'ן דריטען טאָג זיינען צו איהם געקומען די פארשטעהער פון פאלק האָט זיי רחבעם געזאגט די פאלגענדע גרויזאמע ווערטער: „מיין פאטער האָט ארויפגע־לעגט אויף אייך א שווערע לאסט, און איך וועל נאָך פערגרעסערען די דאָזיגע לאסט; מיין פאטער פלעגט אייך שטראפען מיט ביי־טשען און איך וועל אייך שטראפען מיט עקדישען" (בייטשען מיט העקלעך אויפ'ן עק). דער דאָזיגער ענטפער פון דעם טיראנישען קעניג האָט שטארק אויפגעבראכט די בני אפרים און זיי האָבען אויסגערופען: „וואס איז צווישען אונז און דעם הויז פון דוד'ן? צוגעהט זיך איבער אייערע געצעלטען, אידען!" ירבעם האָט זיך געשטעלט בראש די מורדים. רחבעם האָט ארויסגעשיקט צום פאלק זיין הויפטאויפזעהער איבער די צינזען ער זאָל בערוהיגען די אונצופריעדענע, אָבער דאס פאלק האָט פערשטיינערט דעם פער־האסטען שטייער־זאמלער. רחבעם אליין האָט זיך קוים געראטעט: ער איז ארייגעשפרונגען אין זיין רייטוואגען און איז אנטלאפען קיין ירושלים.

נאָכדעם האָבען צעהן אידישע שבטים: דער שבט אפרים און אלע שבטים פון צפון און עבר־הירדן, ערקלערט ירבעמ'ען פאר א קעניג. בלויז דער שבט יהודה און א טייל פון שבט בנימין זיינען געבליבען געטריי דעם הויז דוד און האָבען אנערקענט רחבעמ'ן פאר זייער מלך. ווען רחבעם איז געקומען קיין ירושלים האָט ער צוזאמענגענומען א גרויסען חיל פון די בני יהודה און בני בנימין און האָט בעשלאָסען צו געהן האלטען מלחמה מיט די אבגעפאלענע שבטים. נאָר דער נביא שמעיה, א „געטליכער מאן", האָט זיך געווענדט צום קעניג און צום פאלק מיט די ווערטער: „געהט ניט מלחמה האלטען מיט אייערע ברידער, די בני ישראל, נאָר קעהרט זיך אום יעדער צו זיין הײם ווארום דורך גאָט'ס ווילען איז דאָס אלץ געשעהן." די פערזאמעלטע קריעגסלייט זיינען זיך

צונאָנגען. אויף אזא אופן איז דאס גרויסע קעניגרייך פון דוד און שלמה זיך צופאַלען אויף צוויי בעזונדערע מלוכות: איינע, די קלענערע, האָט זיך אנגערופען „מלכות יהודה“, און האָט געהאט א קעניג פון דוד׳ס דינאַסטיע; און די אנדערע, די גרעסערע, האָט זיך גערופען „אפרים“ אדער „מלכות ישראל“, און אויך די „עשרת השבטים“, און האָט אנערקענט פאַר איהר ערשטען קעניג ירבעמ׳ן פון שבט אפרים.

## ניינטער קאַפּיטעל.

# מלכות ישראל און יהודה אין דעם ערשטען יאָהר־הונדערט נאָך שלמה׳ס טויט.

(830—977 פאַר דער קריסטל. צייטר.)

§64. ירבעם און רחבעם. אז שלמה׳ס מלוכה איז צוטיילט געוואָרען אין צוויי חלקים איז פערשוואונדען די איינינקייט פון אידישען פאלק. די צוויי מלוכות האָבען געלעבט אזוי ווי צוויי בעזונדערע פעלקער: ישראל און יהודה. די צעהן שבטים פון צפון, וועלכע האָבען געבילדעט די גרויסע מלוכה פון ישראל, האָבען זיך אליץ מעהר דערווייטערט פון די שבטים אין דרום, וועלכע האָבען געבילדעט די קלענערע מלכות יהודה. די צפונ׳דיגע שבטים האָבען זיך פון לאנג אן אונטערשיידט פון די דרומ׳דיגע מיט זייערע זיטען און מנהגים, און נאָך דער צושפּאַלטונג האָבען די דאָזיגע אונטערשיידען נאָך אָנגעהויבען שטאַרקער ווערען. פריהער זיינען די בעזונדערע טיילען פון פאלק געווען פעראייניגט דורך צוויי בענדער: דוד׳ס דינאַסטיע און דעם אלגעמיינעם בית־המקדש. דער ערשטער באנד איז צוריסען געוואָרען ווען די צעהן שבטים האָבען זיך אבגעזאגט פון דוד׳ס אייניקעל און האָבען אנערקענט ירבעמ׳ן פאר א קעניג. אין גיכען האָבען די אבגעטיילטע שבטים צוריסען אויך דעם לעצטען באנד: זיי האָבען זיך אבגעזאגט פון דעם בית־המקדש אין ירושלים און האָבען אויפגעשטעלט צוויי גאָלדענע קעלבער, איינעם אין בית אל און דעם אנדערען אין דן.

בשעת רחבעם, דער מלך פון יהודה, האָט געלעבט אין ירושלים, האָט ירבעם, דער קעניג פון די צעהן אָבגעפאַלענע שבטים, געמאַ[illegible]




די צוויי אידישע מלוכות

זיין הויפּטשטאָדט אין דער אפרים'שער שטאָדט שכם. אָבער ירבעם איז ניט געווען רוהיג אויף זיין נייעם טראָהן. ער האָט מורא גע־האַט, אַז ווען זיינע אונטערטאַנען וועלען געהן דיענען גאָט קיין ירושלים, די הויפּטשטאָדט פון יהודה, קענען זיי נאָך צוריק אריבער אויף דער זייט פון רחבעמ'ן, דעם געזעצליכען יורש פון דער מלוכה. דעריבער האָט ירבעם בעשלאָסען אינגאַנצען אָבצוציהען דאָס פאָלק פון דעם הייליגטום אין ירושלים. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס אונ־געבילדעטע פאָלק האָט ליעב צו דיענען אַ געצקע, וואָס מען קען זעהן מיט די אויגען, און וויל האָבען זיינע הייליגע ערטער ניט ווייט פון זיך, אויף דעם נאָהנטסטען בערגעל אָדער אין נאָהנטסטען וועלדעל. האָט ירבעם געלאָזט אויסגיסען פון גאָלד צוויי געצקעס און האָט זיי אַוועקגעשטעלט אין צוויי שטערט, וועלכע האָבען זיך נאָך פון אַלטע צייטען גערעכענט פאַר הייליגע: איינעם אין בית־אל, אין דרום פון מלכות ישראל, און דעם אַנדערען אין דן, אין צפון. די דאָזיגע גאָלדענע געצקעס זיינען געווען געשטאַלטען פון קעל־בער, מסתמא דערפאַר וואָס ירבעם האָט געזעהן ביי די מצריים דעם מנהג פאַרצושטעלען זייער אָבּגאָט אין דער פאָרמע פון אַן אָקס (אפּיס). ירבעם האָט ערקלערט דעם פאָלק: „גענוג אייך צו געהן קיין ירושלים; אָט איז די געשטאַלט פון יענעם גאָט, וואָס האָט ארויסגעפיהרט די אידען פון מצרים.״ אַ גרויסער טייל פון פאָלק האָט זיך מיט פרייד געלאָזט אין די נייע טעמפּלען. אַזוי ווי די לויים, וואָס זיינען געווען דער גייסטליכער שטאַנד, האָבען ניט געוואָלט דיענען אין די נייע טעמפּלען, האָט ירבעם דאָ געשטעלט כהנים פון פּשוט'ן פאָלק. אָפטמאָל, אין די גרויסע ימים טובים, פלעגט ער אַליין טהאָן די אַרבייט פון דעם כהן אין דעם טעמפּעל פון בית־אל. אויסער דעם האָט ער ערלויבט צו בויען מזבחות אויף די בערג, אַזוי ווי עס האָט זיך געפיהרט אמאָל, אין דער צייט פון די שופטים. אויף אַזאַ אופן האָט זיך אין דער מלוכה פון די עשרת השבטים פערשפּרייט דער געצענדיענסט. די לויים און יענע פון פאָלק, וואָס זיינען געבליבען געטריי דעם אידישען גאָט, פלעגען אַוועקגעהן פון מלכות ישראל קיין ירושלים און ווערען אונטער־טאַנען צו רחבעמ'ן.

רחבעם האָט גע'ירש'עט די חסרונות פון זיין פאָטער, אָבער ער האָט ניט געהאַט זיינע מעלות. די צייט פון זיין קעניגען איז אַרוי־

בער אין אונרוהען. צווישען איהם און ירבעמ'ן זיינען פארגעקומען שטענדיגע מלחמות. אויפ'ן פינפטען יאָהר פון רחבעמ'ס קעניגען איז דער עגיפּטישער מלך שישק אריינגעטראָטען מיט א גרויסען חיל אין יהודה, האָט איינגענומען עטליכע בעפעסטיגטע שטעדט און איז אריינגעדרונגען אין ירושלים. שישק, וועלכער האָט נאָר געדורשט נאָך רויב, האָט פערנומען די אוצרות, וואס האָבען זיך געפונען אין בית המקדש און אין דעם קעניגליכען פאלאץ, און איז אוועק צוריק אין זיין לאנד. נאָך דעם דאָזיגען אנפאל האָט רחבעם געקעניגט נאָך צוועלף יאָהר און איז געשטארבען (960). אין גיכען איז אויך געשטאָרבען ירבעם, וועלכער האָט געקעניגט צוויי־און־צוואנציג יאָהר (955).

נאָך ירבעמ'ס טויט האָט זיך אין מלכות ישראל אָנגעהויבען א צייט פון מהומות און מחלוקות. די מלכים האָבען זיך שנעל געביטען, און איינער פלעגט ערמאָרדען זיין פארגענגער און מיט גוואלד פערכאפּען די ממשלה. אין פערלויף פון פינף־און־צוואנציג יאָהר האָבען זיך אין מלכות ישראל געביטען פיער מלכים פון פערשיידענער אבשטאמונג (נדב, בעשא, אלה און עמרי). פון די שטענדיגע מחלוקות אינוועניג איז דאס לאנד אבגעשוואכט געווארען. דערמיט האָט זיך בענוצט אסא, דער מלך פון יהודה, רחבעמ'ס אייניקעל, און האָט איינגענומען א סך שטעדט אין מלכות ישראל. נאָך לאנגע מהומות איז די ממשלה אריינגעפאלען אין די הענד פון עמרי, וועלכער האָט געמאכט א סוף צו די אונרוהען און האָט געגרינדעט זיין דינאסטיע (928).

§65. עמרי און אחאב. עמרי, דער פינפטער קעניג פון ישראל נאָך ירבעמ'ן, האָט זיך אויסגעבויט א נייע הויפּטשטאָדט, שומרון, ניט ווייט פון דער פריהערדיגער הויפּטשטאָדט שכם (927). פון דעמאָלט אָן איז שומרון אין פערלויף פון צוויי הונדערט יאָהר געבליבען די הויפּטשטאָדט פון מלכות־ישראל, וועלכע האָט זיך דעריבער אויך גערופען מלכות שומרון. דער ערשטער קעניג פון שומרון, עמרי, האָט זיך קודם־כל בעמיהט איינצושטעלען רוהע און אָרדנונג אין לאנד, וואס איז געוועזען צוטרייסעלט פון די מהומות. ער האָט ניט געפיהרט קיין מלחמות מיט יהודה, אזוי ווי זיינע פאָר־

גענגער, נאָר פערקעהרט, האָט געשטרעבט צו שליסען מיט איהר א פריינדליכען בונד, כדי מיט פעראייניגטע כחות אבצושלאָגען די אָנפאַלען פון די דרויסענדיגע פיינד. דער דאָזיגער פריעדען צווישען די צוויי ברודער־פעלקער איז געוואַרען שטארק אין דער צייט פון די נאָהנטסטע מלכים נאָך עמרי. אין דער זעלבער צייט האָט דער קעניג פון שומרון געשלאָסען א צווייטען בונד, וואס האָט געהאט א גרויסע בעדייטונג פאר'ן אידישען פאלק. עמרי האָט זיך בעפריינדעט מיט די הערשער פון דער שכנ'ישער פעניציישער מלוכה, און האָט אפילו חתונה געמאכט זיין זוהן אחאב'ן מיט איזבל, די טאָכטער פון דעם קעניג און כהן פון צר. די פעניציער האָבען זיך אָנגעהויבען פריי בעזעצען אין די לענדער פון ישראל, און האָבען דארט ענטוויקעלט מסחר און האנדעל; נאָר אינאיינעם דערמיט האָבען זיי אהין געבראכט זייערע היידנישע מנהגים און מדות, וועלכע האָבען געהאט א שעדליכע ווירקונג אויף די אידען.

אז עמרי האָט זיך פערזיכערט מיט דער פריינדשאפט פון פעניציען און יהודה האָט ער זיך געווענדט געגען די דרויסענדיגע שונאים. ער איז ארוים מלחמה האלטען מיט די מואבים, זיינע שכנים אין מזרח־זייט, און האָט אָבגענומען ביי זיי א סך שטעדט. (וועגען דעם זאגט עדות א ניט לאנג געפונענע אויפשריפט פון דעם מואב'שען קעניג מישע אויף א שטיינערנעם דענקמאל פון דעם נײנטען יאָהרהונדערט פאר דער קריסטליכער צ. ר.) די מואבים האָבען זיך אונטערגעגעבען און האָבען געצאלט דעם קעניג פון ישראל א יעהרליכען צינז. נאָר דערמאָלט איז געגען ישראל ארויסגעטראטען בן־הדד, דער קעניג פון ארם אָדער דמשק. עמרי האָט ניט געקענט ביישטעהן געגען די שטארקע ארמים, און איז געצוואונגען געווען צו שליסען מיט זיי פריעדען אויף שווערע תנאים. די האנדעלס־קאראוואנען פון די ארמים האָבען געקראָגען דאָס רעכט זיך אָבצושטעלען אין שומרון און אין אנדערע שטעדט פון מלכות ישראל.

עמרי איז געשטארבען אין עטליכע יאָהר ארום נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעבויט שומרון. אויפ'ן טראהן איז ארויף זיין זוהן אחאב (922—901). אין אחאב'ס צייט האָט מלכות שומרון דערגרייכט אזא אויסערליכען גלאנץ, וואס זי האָט נאָך קיין מאָל ניט געהאט.

אחאב האָט אויפגעהאַלטען די נאָהנטע פריינדשאַפט פון די פעני־ציער און האָט זיי נאָכגעטהאָן אין א סך זאכען. ער האָט זיך אויס־געבויט אין טאָל יזרעאל א נייעם פרעכטיגען פאַלאַץ, וועלכער איז געווען בעוואוסט צווישען פאָלק מיט'ן נאָמען „דאָס הויז פון העלפאַנדביין". די מנהגים און זיטען פון דער רייכער פעניציען האָבען זיך אַלץ מעהר פערשפרייט אין מלכות ישראל, צוזאמען מיט זיי האָט אויך אריינגעדרונגען די עבודה זרה, וואָס איז געווען פרעמד דעם גייסט פון דער אידישער רעליגיאָן. דערצו האָט דער עיקר מיטגעהאָלפען אחאב'ס ווייב, די פעניציערין איזבל, א פרוי, וואָס האָט ליעב געהאַט צו הערשען און וואָס האָט בעזעסען א שטאַרקען ווילען. זייענדיג די טאָכטער פון דעם היידנישען כהן פון צר, האָט די קעניגין איזבל געשטרעבט מיט אַלע איהרע כחות אריבער־צופלאַנצען אויפ'ן אידישען באָדען דעם געצענדיענסט און די לייכטע זיטען פון איהר פאָטערלאַנד. זי האָט זיך ארומגערינגעלט מיט א סך פעניצישע פריסטער און פריסטערינס. אויף איהר פערלאַנג האָט אחאב אויסגעבויט א גרויסען טעמפעל צום אָבגאָט בעל, דעם פעניצישען זונען־גאָט. דאָ האָט זיך אויך געפונען א הייליגער בוים (אשרה) מיט א מזבח, לכבוד דער געטין אסטארטע (עשתרת). ביי דעם דאָזיגען טעמפעל האָבען זיך געפונען עטליכע הונדערט פריסטער. אין שומרון און אין אנדערע שטעדט האָט מען געבויט מזבחות פאר געצענדיענסט און דאָס אונוויסענדע פאָלק האָט זיך געבוקט צום בעל. בלויז א קלייגער טייל פון פאָלק איז געבליבען געטריי דעם ריינעם אידישען גלויבען.

די גאָטספאָרכטיגע מענשען, וואָס זיינען געבליבען געטריי משה'ס לעהרע, פלעגען אָפט ארויסטרעטען מיט דונערנדע שטראָף־רייד נעגען דעם פאַלשען און פארדאָרבענעם געצענדיענסט. די דאָזיגע פרעדיגער און לעהרער האָט דאָס פאָלק אָנגערופען „נביאי־ה'," צו אונטערשיידען זיי פון די היידנישע כהנים, וואָס האָבען זיך גערופען „נביאי־הבעל". די מלכה איזבל האָט שרעק־ליך גע'רודפ'ט די נביאי־ה'. זי האָט ארויסגעגעבען א בעפעהל צו טויטען די אַלע פערטיידיגער פון דער אַלטער אידישער אמונה. א



דער טאָל פון ירדן

סך נביאים זיינען אומגעקומען, אנדערע זיינען אנטלאפען און זיך בעהאלטען אין הייהלען און פעלזען־שפאלטען, וואוהין זייערע אנ־הענגער פלעגען בשתיקה זיי ברענגען שפייז. דער פערוואלטער פון קעניגליכען פאלאץ, עובדיה, האט בעהאלטען אין א הייהל הונדערט נביאים און פלעגט זיי צושטעלען אהין שפייז און וואסער און קיינער אין הויף האט דערפון ניט געוואוסט.

§66. אליהו הנביא. צווישען די נביאי ה׳, וועלכע האבען זיך געדעטעט פון איזבל׳ס צארן, איז געווען א בעגייסטערטער מאן מיט׳ן נאמען אליהו („מיין גאט איז ה׳״), א געבירטיגער פון דער שטאדט תשבי אין גלעד. דאס ריינע הארץ פון אליהו איז שטארק אויפגעבראכט געווארען פון די שלעכטע מעשים וואס זיינען פאר־געקומען ארום איהם. פלעגט ער זיך פלוצלונג בעווייזען אין שומרון און מיט פלאמענדע ווערטער פערדאמען די זינד פון דעם קעניג און פאלק, און פלוצלונג פלעגט ער פערשווינדען אין דער וויסטעניש, אנטלויפענדיג פון די פערפאלגונגען. מיט זיין אויסזעהן און מיט זיין ארט לעבען האט אליהו געצויגען אויף זיך אלעמענס אויפ־מערקזאמקייט: ער פלעגט טראגען א גראבען הארענעם מאנטעל, האט זיך פערלאזט לאנגע האר, פלעגט מעהרסטענטייל ניט עסען קיין פלייש און ניט טרינקען קיין וויין, און האט בכלל געהאסט פערגעניגענס און בעקוועמליכקייטען. מען פלעגט דערצעהלען, אז ווען אליהו האט זיך אויפגעהאלטען אין א וויסטען ארט נעבען ירדן, פלעגען ראבען איהם ברענגען שפייז יעדען טאג, אין דער־פריה און פארנאכט. עס ווערט אויך דערצעהלט, אז אליהו האט געוואוינט ביי אן ארעמער אלמנה און האט צוריק צום לעבען געבראכט איהר קליינעם זוהן, וואס איז שוין געווען געשטארבען פון א שווערער קראנקהייט.

האבענדיג א שם פאר א הייליגען מאן האט אליהו אפט גע־וואגט צו זאגען דעם ביטערען אמת אין די אויגען אפילו דעם קעניג אליין. דער ערשטער צוזאמענשטויס צווישען דעם קעניג און דעם נביא איז פארגעקומען דורך פאלגענדער סבה. גלייך מיט אחאב׳ס פא־לאץ אין טאל יזרעאל איז געשטאנען א פרעכטיגער וויינגארטען, וואס האט געהערט צו א דארטיגען איינוואוינער מיט׳ן נאמען נבות. דער מלך האט געוואלט פארפלאנצען א סאד ארום זיין פא־

לאַץ, האָט ער געבעטען נבות׳ן ער זאָל איהם אָבלאָזען זיין וויינ־גאָרטען. אָבער נבות האָט זיך ניט געוואָלט שיידען מיט דער ירושה פון זיינע עלטערען, וואָס איז איהם זעהר טהייער געווען. דאָס האָט אחאב׳ן אזוי פיעל צער פערשאַפט, אז ער האָט זיך אריינ־געלעגט א קראַנקער אין בעט און האָט אויפגעהערט עסען. דער־מאָלט האָט די בייזע איזבל געדונגען צוויי פאַלשע עדות, וועלכע האָבען געמאַכט א בלבול אויף נבות׳ן, אז ער האָט געלעסטערט גאָט און דעם קעניג. דאָס געריכט האָט פער׳משפט נבות׳ן צום טויט פאַר זיין כלומר׳שטען פארברעכען, און זיין שעהנער וויינגאָרטען איז אָנגעקומען דעם קעניג. ווען אליהו האָט דערהערט וועגען דער דאָזיגער רציחה, איז ער געקומען צו אחאב׳ן און האָט מיט צאָרן אויסגעשריען: „דו האָסט גע׳הרג׳עט א מענשען און דו ירש׳עסט נאָך זיין פערמעגען! דעריבער הער וואָס גאָט האָט געזאָגט: אויף יענעם פלאַץ, וואו די הינד האָבען געלעקט דאָס בלוט פון נבות׳ן, וועלען זיי לעקען דאָס בלוט פון דיר און פון דיין הויז־געזינד.״ גלייך דערויף איז דער נביא פערשוואונדען. אין אָנהויב האָט דער מלך חרטה געהאַט, נאָר דערנאָך האָט ער אינגאַנצען פאַרגעסען אליהו׳ס ווערטער.

אין גיכען איז אויפ׳ן לאַנד שמרון געקומען א גרויס אומ־גליק: דריי יאָהר איז ניט געגאַנגען קיין רעגען, די תבואה אויף די פעלדער איז ניט צייטיג געוואָרען און דאָס פאָלק האָט געהונגערט. אין יענער צייט האָט זיך אליהו בעגעגענט מיט אחאב׳ן אין וועג. ווען דער קעניג האָט איהם דערזעהן האָט ער אויסגערופען: „ביסטו עס דער שולדיגער אין ישראל׳ס אומגליק?״ און אליהו האָט גע־ענטפערט: „ניט איך בין שולדיג אין ישראלס אומגליק, נאָר דו און דיין פאַמיליע, ווארום איהר האָט עובר געווען אויף גאָט׳ס גע־באָטען און זענט אַוועק דיענען די בעלים.״ און ער האָט ערקלערט דעם קעניג, אז אַנדערש וועט ניט נעהמען א סוף צו די ליידען סיידען מען וועט פריהער שטילען דעם צאָרן פון גאָט. „לאָז מיר — האָט אליהו געזאָגט — צוזאַמענרופען אלע כהנים פון בעל אויפ׳ן בארג כרמל, און איך וועל דאָרט ווייזען דעם פאָלק ווער איז דער אמת׳ר גאָט: אונזער אלטער גאָט אין הימעל אָדער דיין בעל.״ דער מלך האָט געטהאָן ווי אליהו האָט פערלאַנגט.

און עס האָבען זיך פערזאמעלט אויפ'ן כרמל אלע כהנים פון בעל, אין צאָל פון 450 מענשען, און א גרויסע מאסע פון פאָלק; אליהו און אחאב זיינען דאָ אויך געווען. מען האָט אויפגעשטעלט צוויי מזבחות: איינעם פאר בעל און דעם אנדערען פאר גאָט. און אליהו האָט געזאָגט צו די כהנים פון בעל: „זאָל מען אונז געבען צוויי קעלבער: איינע שעכט איהר, און לעגט ארויף אויף אייער מזבח, אויף די האָלץ, נאָר קיין פייער לעגט ניט אונטער; און די אנדערע וועל איך אוועקלעגען אויף מיין מזבח, אויף די האָלץ, און וועל אויך קיין פייער ניט אונטערלעגען. איהר רופט צו אייער גאָט און איך וועל רופען צו מיינעם. און יענער גאָט, וואָס וועט ארונטערשיקען א פייער אויף זיין קרבן וועט אנערקענט ווערען פאר'ן אמת'ן גאָט." די כהנים האָבען געטהאָן אזוי ווי אליהו האָט געזאָגט. זיי האָבען אנידערגעלעגט זייער קרבן אויפ'ן מזבח און פון פריהמאָרגען ביז בייטאָג האָבען זיי געשריען: „בעל, בעל, דער־הער אונז!" אָבער קיין פייער האָט זיך ניט געוויזען. און אליהו האָט זיך געריי‌צט מיט זיי און געזאָגט: „רופט העכער אייער גאָט; אפשר איז ער פערנומען, אפשר געפינט ער זיך אין וועג אָדער ער שלאָפט; שרייט העכער וועט ער זיך אויפכאפּען." די כהנים האָבען גענומען נאָך שטארקער שרייען, זיי האָבען ווילד געטאנצט ארום דעם מזבח און האָבען זיך אזוי צוהיצט, אז זיי האָבען אָנגע־הויבען שניידען און דראפּען זיך דאָס לייב ביז בלוט, אָבער דער בעל איז געבליבען טויב און שטום. דעמאָלט האָט אליהו ארויפ־געלעגט זיין קרבן אויפ'ן מזבח פון גאָט און האָט אָנגעהויבען מתפּלל זיין: „גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב! זאָלען אלע איינזעהן, אז דו ביסט גאָט און איך בין דיין דיענער, און אז אין דיין נאָמען רייד איך און טהו אלץ. ענטפער מיר, גאָט, ענטפער!" ווי נאָר אליהו האָט ארויסגערעדט די דאָזיגע ווערטער האָט זיך אויפ'ן הימעל בעוויזען א שווארצער וואָלקען, עס האָט א בליץ געטהאָן א בליץ און האָט פארברענט דעם קרבן מיט די האָלץ אויפ'ן מזבח פון גאָט. דערזעהענדיג דאָס, איז דאָס פערזאמעלטע פאָלק שטארק אויפגעבראכט געוואָרען אויף די כהנים פון בעל און האָט זיך אויף זיי ארויפגעוואָרפען און זיי אלע געטויט.

דערווייל האָט זיך דער שטורם געשטארקט און עס האָט א

נאָס געטהאָן אַ גרויסער רעגען; די פעלדער זיינען אבגעפרישט גע־וואָרען און די תבואה איז גוט געראָטען. נאָך דער געשיכטע אויפ'ן כרמל איז אחאב גרייט געווען צו מאכען שלום מיט אליהו'ן, נאָר ווען די בלוט־דורשטיגע איזבל האָט זיך דערוואוסט פון דאָס וואָס איז געשעהן, האָט זי זיך פערשוואָרען צו טויטען אליהו'ן דער־פאר, וואס ער האָט אומגעבראכט איהרע כהנים. אליהו איז אנט־לאָפען אין יהודה און פון דאָרט — אין מדבר; דאָ האָט ער זיך דערשלאָגען צום הייליגען בארג חורב (סיני).

דער תנ"ך דערצעהלט, אז ווען אליהו האָט גענעכטיגט אין אַ הייהל אין באַרג סיני, האָט ער דערהערט גאָט'ס קול: „וואָס טהוסטו דאָ, אליהו?" און אליהו האָט געענטפערט: „איך האָב זיך אָנגענומען פאר דיר, גאָט, ווארום די קינדער פון ישראל האָ־בען פערלאזט דיינע געבאָטען, האָבען צושטערט דיינע מזבחות און געטויט דיינע נביאים". דאן האָט גאָט צו איהם געזאָגט: „געה ארויס און שטעל זיך אויפ'ן בארג!" און אליהו האָט אזוי געטהאָן. און עס האָט זיך אויפגעהויבען אַ שרעקליכער שטורם, וואס האָט געמאכט צו ציטערען דעם גאנצען בארג, אבער גאָט האָט זיך ניט בעוויזען צום נביא אין דעם דאָזיגען שטורם. דער־נאָך האָט זיך דערהערט אַ דונער, עס האָט זיך בעוויזען פייער, נאָר ניט אין דונער און ניט אין בליץ איז געווען גאָט. ענד־ליך איז אלץ רוהיג געוואָרען און אין דער לופט האָט זיך דורכ־געטראָגען אַ שטילער וועהען. און אין דעם דאָזיגען שטילען וועהען האָט אליהו דערפיהלט די אנוועזענהייט פון גאָט. דע־מאָלט האָט ער פערשטאַנען, אז גאָט איז ניט אין בלוטיגען קאמפף, נאָר אין פריעדליכער, רוהיגער ארבייט.

§67. די מלחמות מיט די ארמים. די לעצטע יאהרען פון אחאב'ס קעניגען זיינען אריבער אין מלחמות מיט די ארמים. דער ארמי'שער קעניג בן־הדד דער צווייטער, וואס זיין הויפטשטאָדט איז געווען דמשק, איז געוואָרען זעהר מעכטיג: ער האָט געהאט אַ גרויס חיל, אַ סך פערד און קריעגס־וועגען. און די קליינע ארומיגע מלכים האָבען איהם געצאָלט צינז. און בן־הדד'ן האָט זיך פערוואלט אונטערטעניג מאכען אויך דאָס לאנד ישראל. איז ער געקומען אהין מיט אַ גרויסען חיל, האָט בעלאגערט די

הויפּטשטאָדט שמרון און געפּאדערט, אז אחאב זאָל מיט גוטען אנערקענען זיין אויבערהערשאפט. אחאב האָט צונויפגערופען זיי־נע יועצים און אויף זייער עצה האָט ער צוריקגעוויזען בן־הדד׳ס פאָדערונג. דער ארמי׳שער קעניג האָט צאָרניג אויסגערופען: „איך שווער, אז די גאנצע ערד פון שמרון וועט נים קלעקען ווען מיינע קריעגסלייט וועלען זי צונעהמען הויפענווייז.“ דערויף האָט אחאב איהם געלאָזט ענטפערען: „זאָל זיך ניט באריהמען דער וואס טהוט אן דעם גארטעל (פאר דער שלאכט) ווי יענער וואס טהוט איהם אויס (נאָך דער שלאכט)“. און אחאב איז מיט א קליינער אבער העלדישער מחנה אָנגעפאלען אויף דעם לאגער פון די ארמים גראדע דעמאָלט ווען זייער קעניג האָט געהוליעט מיט זיינע פער־בינדעטע פירשטען. די ארמים זיינען איבערראשט געוואָרען פון דעם אומגעריכטען איבערפאל און זיינען אנטלאָפען, און בן־הדד האָט זיך קוים געראטעוועט אויף זיין פלינקען פערד.

אין א יאהר ארום זיינען די ארמים וויעדער געקומען אין לאנד פון ישראל. אבער האָס מאָל האָבען זיי געקראָגען נאָך א גרעסע־רע מפּלה. פערלירענדיג זיין חיל האָט בן־הדד זיך אונטערגעגעבען צו אחאב׳ן און איהם געבעטען, ער זאל איהם שענקען דאָס לעבען. אחאב האָט זיין שונא פריינעלאָזען, אבער ער האָט פון איהם גענו־מען א פערשפּרעכען, אז ער וועט אומקעהרען צו די אידען די שטעדט, וואס די ארמים האָבען אמאָל ביי זיי צוגענומען. אבער דער ארמי׳שער קעניג האָט זיין הבטחה ניט געהאלטען. דעמאָלט האָט אחאב גערופען צו הילף זיין פערבינדעטען, דעם קעניג פון יהודה, און זיי האָבען בעשלאָסען ביידע צו געהן מלחמה האלטען מיט די ארמים אין דער שטאָדט רמות אין גלעד.

קעניג אין יהודה איז דעמאָלט געווען רחבעמ׳ס אור־אייניקעל, יהושפט דער זוהן פון אסה (895—918). אין זיין צייט איז יהודה געוואָרען א שטארקע און רייכע מלוכה. יהושפט האָט אויסגעבויט א סך פעסטונגען אין זיין לאנד און האָט פארגרעסערט זיין חיל. די ארומיגע פעלקער, די אדומים און אראבער, האָבען איהם גע־צאָלט צינז. יהושפט האָט אויך געשטרעבט צו פערשטארקען אין פאָלק דעם אמת׳ן גלויבען און גוטע מדות. ער האָט בעשטימט די לויים צו לערנען די אידען די חוקים פון דער אמונה, וועלכע

האָבען זיך אויפגעהיט אין הייליגע ספרים אָדער בעל־פּה. פונ־
דעסטוועגען איז דער ריינער גלויבען נאָך געווען שוואַך אין פאָלק.
א סך זיינען ניט געגאַנגען אין בית המקדש אין ירושלים און האָבען
געדיענט צו גאָט אויף מזבחות, וואס זיי האָבען געבויט אויף די
שפּיצען בערג, אַזוי ווי די געצענדיענער. יהושפט אַליין, ניט קוּ־
קענדיג אויף זיין פרומקייט, איז געווען בעפריינדעט מיט דעם זינ־
דיגען אחאב. די מלכים פון יהודה און ישראל האָבען זיך אפילו
מתחתן געווען: עתליה, די טאָכטער פון אחאב און איזבל, איז גע־
וואָרען די פרוי פון יהושפט׳ס זוהן יהורם. ווען אחאב האָט פאַר־
בעלעגט יהושפט׳ן, אַז זיי זאָלען געהן צוזאַמען מלחמה האַלטען מיט
די ארמים האָט דער קעניג פון יהודה געענטפערט: „מיין פאָלק
איז דיין פאָלק, און מיינע פערד זיינען דיינע פערד.״ יהושפט
אַליין איז געפאָהרען קיין שמרון. ביידע מלכים האָבען זיך גענו־
מען גרייטען אין קריעג. די חנפ׳עדיגע נביאים פון הויף האָבען
זיי פאָראויסגעזאָגט א נצחון. נאָר מכיהו, א שטרענגער נביא פון
ה׳, וועלכען יהושפט האָט געהייסען פרעגען, האָט געזאָגט: „איך
זעה אַלע בני ישראל צושפּרייט איבער די בערג אַזוי ווי שאָף אָהן
א פאסטוך.״ די דאָזיגע שלעכטע נבואה האָט אחאב׳ן אריינגע־
בראַכט אין כעס און ער האָט געהייסען מכיהו׳ן איינשפּאַרען אין
תפיסה.

באַלד נאָכדעם זיינען די פעראייניגטע אַרמעען מיט זייערע
מלכים אוועק אין קריעג קיין רמות. דאָ איז פאָרגעקומען א בלוּ־
טיגע שלאַכט. בן־הדד האָט בעפעהלען זיינע שיסער זיי זאָלען
ציעלען דער עיקר אין דעם מלך פון ישראל. אחאב האָט זיך
איבערגעטהאָן, כדי די שונאים זאָלען איהם ניט דערקענען; נאָר
איינער פון די ארמי׳שע שיסער האָט געטראָפען מיט זיין פייל
אין אחאב׳ן, וועלכער איז געשטאַנען אין זיין רייטוואָגען. דעם
פערוואונדעטען קעניג האָט מען אוועקגעפיהרט פון שלאַכטפעלד,
אַבער אויפ׳ן וועג איז ער אבגעגאַנגען מיט בלוט און אין אבענד איז
ער געשטאָרבען. דאַן האָט זיך אין חיל דערהערט דער רוף: „זאָל
יעדערער זיך אומקעהרען אין זיין לאַנד און אין זיין שטאָדט.״
יהושפט האָט זיך צוריקגעקעהרט קיין ירושלים און אחאב׳ס קער־
פער האָט מען געבראַכט קיין שמרון אין א פאַרבלוטיגטען רייט־

וואָגען. ווען מען האָט דעם רייטוואָגען אַרומגעוואַשען אין דעם טייכעל נעבען פּאַלאַץ, האָבען די הינד געלעקט דאָס בלוט פון דעם אומגעקומענעם מלך. דאָס איז געווען אויפ'ן זעלבען אָרט, וואו דעם קעניג'ס דיענער האָבען אַמאָל געטויט דעם וויינגערטנער נבות, און דאָס פאָלק האָט אין דעם געזעהן די פערווירקליכונג פון אליהו'ס נבואה.

§68. אחאב'ס קינדער. אלישע הנביא. אין עטליכע יאָהר אַרום נאָך אחאב'ס טויט איז אליהו הנביא פערשוואונדען. ער איז לעבעדיגערהייט אַוועק אין הימעל אַריין. נאָך פריהער האָט אליהו אויסגעקליבען פאַר זיין נאָכפאָלגער דעם יונגען דאָרפסמאַן אלישע. איינמאָל איז אלישע געווען אויף זיין פאָטער'ס פעלד און געאַקערט מיט אָקסען. איז געקומען צו איהם אליהו און האָט אויף איהם אַרויפגעוואָרפען זיין מאַנטעל. דאָס איז געווען אַ סימן, אַז מען ווערט געהייליגט פאַר אַ נביא און אלישע איז אַוועק נאָך אליהו'ן און איז געוואָרען זיין תלמיד און האָט איהם בעדיענט. נאָכ'ן טויט פון זיין גרויסען רבי'ן האָט אלישע צוערשט געלעבט איינזאַם אויפ'ן באַרג כרמל, נאָר אין גיכען האָבען די געשעהענישען אין מלכות ישראל איהם געצוואונגען אַרויסצוקומען פון זיין איינזאַמקייט און אַנטייל נעהמען אין געזעלשאַפטליכען לעבען. אלישע האָט געווירקט אין דער צייט פון יורם, דער זוהן פון אחאב. יורם האָט ניט אָבגע־שאַפט דעם געצענדיענסט און אויך ניט בעזייטיגט די אַנדערע אונ־אָרדנונגען אין דעם אינוועניגסטען לעבען פון דער מלוכה, וואָס האָ־בען זיך איינגעוואָרצעלט אין דער צייט פון אחאב. זיין מוטער איזבל האָט נאָך געלעבט און האָט נאָך אַלץ געהאַט אַן איינפלוס אויף די ענינים פון דער מלוכה. די גאַנצע צוועלף יאָהר וואָס יורם האָט געקעניגט זיינען פאַריבער אין מלחמות מיט די מואבים און ארמים.

אין יענער צייט איז מלכות יהודה אויך אַוועק אין די טריט פון מלכות ישראל. דער זוהן און יורש פון יהושפט, יהורם, האָט זיך געלאָזט פיהרען פון זיין פרוי עתליה, די טאָכטער פון איזבל און אחאב. די קעניגין עתליה האָט איינגעפיהרט פעניציש אָרד־נונגען אין ירושלים מיט דער זעלבער איבערגעבענקייט וואָס פריהער איהר מוטער איזבל אין שמרון. ווען יהורם איז געשטאָרבען און זיין יונגער זוהן אחזיהו איז געוואָרען קעניג האָט ער אין אַלץ גע־

*

פאָלגט זיין מוטער עתליה און זי האָט געטהאָן אין יהודה וואס זי האָט געוואלט. מיט טיעפען צער האָט דער נביא אלישע צוגע־זעהן ווי עס ווערען פערדארבען די מדות איןביידע מלוכות. ער האָט פערשטאַנען אז כל־זמן עס וועט הערשען דאס הויז אחאב וועט אונמעגליך זיין אבצוגעוועהנען די אידען פון די היידנישע זי־טען. אלישע האָט דעריבער בעשלאָסען צו מאכען אן איבערקע־רעניש אין מלכות ישראל, מיט׳ן צוועק אוועקצונעהמען די הער־שאפט פון אחאב׳ס דינאַסטיע.

אין יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבען א נייע מלחמה צווי־שען די אידען און די ארמים. נעבען רמות גלעד האָבען זיך די פיינדליכע ארמעען צולעגט מיט זייער לאגער איינע אנטקעגען דער אנדערער. דאָ האָט אויסגעבראכען א הייסער קאמפף. אין איין שלאַכט איז יהורם פערוואונדעט געוואָרען פון א פייל. איז ער אוועקגעפאהרען אין יזרעאל זיך צו היילען און בראש פון דער אר־מעע האָט ער איבערגעלאָזט דעם קריעגספיהרער יהוא, וועלכער איז געוועזן אן ענטשלאָסענער מענש און האָט ליעב געהאַט כבוד. דם דאָזיגען קריעגספיהרער האָט אלישע אויסגעקליבען אלס גע־צייג אין זיינע הענד צו פערניכטען אחאב׳ס דינאַסטיע.

§69. דער אונטערגאַנג פון הויז אחאב. יהוא. ווען יהוא, דער קריעגספיהרער פון אידישען חיל, האָט זיך געפונען אין לאגער נעבען רמה האָט אלישע הנביא געשיקט צו איהם איינעם פון זיינע תלמידים מיט א געהיימער שליחות. דעם נביא׳ס שליח איז אָנגעקומען אין לאגער, האָט ארויסגערופען יהוא׳ן פון צווישען אלע קריעגספיהרער, און איז מיט איהם אוועק אין אן אָבגעלעגטען געצעלט. דאָ האָט דער שליח גענומען א כלי מיט בוימאייל, האָט געזאַלבט יהוא׳ס קאָפּ און געזאָגט: „אין דעם נאָמען פון גאָט ער־קלער איך דיך פאר׳ן מלך פון ישראל. פערטיליג אחאב׳ס זינ־דיגע פאמיליע און זיי זיך נוקם פאר דעם בלוט פון די נביאים וואס זי האָט פארגאָסען.“ ווען יהוא איז ארויס צו זיינע קריעגסלייט און האָט זיי דערצעהלט וואס עס איז געשעהן האָבען זיי גענומען שאלען אין שופרות און שרייען: „לעבען זאָל דער קעניג יהוא!“ האָט חיל האָט זיך אָנגעשלאָסען אן זיינע פיהרער און האָט אנערקענט דעם נייעם קעניג. יהוא האָט באלד גענומען אן אבטיילונג קריעגס־

לייט און איז שנעל אוועק אין יזרעאל, ארונטערצואווארפען יורמ'ן פון טראָהן.

אין יענער צייט איז ביי יורמ'ן געוועזן צו גאסט זיין פלימעניק אחזיה, דער קעניג פון יהודה. יורם איז צוזאמען מיט אחזיה'ן ארויסגעפאהרען בעגעגנען זיין קריעגספיהרער און ווען ער האָט איהם דערזעהן פון וויטענס האָט ער איהם געפרעגט: איז אלץ בשלום, יהוא? נאָר יהוא האָט געענטפערט גראָב: „ווי קען זיין שלום ביי דער אויסגעלאַסענקייט און דעם כשוף־טרייבען פון דיין מוטער איזבל?" יורם האָט פערשטאַנען אז יהוא טראָגט שלעכטס איז זיין האַרצען און ער האָט אויסגערופען: א פערראָט, אחזיהו! און ער האָט געהייסען פארקירעווען זיין רייטוואגען צוריק און ביידע מלכים זיינען אנטלאָפען. נאָר יהוא האָט זיי נאָכגעשאָסען א פייל און יורם איז געפאלען טויט אין זיין רייטוואגען. אחזיה, דער מלך פון יהודה, איז אויך שטארק פערוואונדעט געוואָרען; ער איז דערפאָהרען ביז דער שטאָדט מגידו און איז דאָרט געשטאָרבען. ווען יהוא האָט גע'הרג'עט יורמ'ן איז ער אוועק אין דעם פאלאץ אין יזרעאל, וואו עס האָט געוואוינט דעם קעניג'ס מוטער איזבל. דערזעהענדיג איהם דורכ'ן פענסטער, האָט זי צו איהם אויסגעשרי־ען: וואס מאכסטו, קעניג־מערדער? דער צורייצטער יהוא האָט בעפעהלען די הויפדיענער ארויסצושלעפען איזבל'ן אויפ'ן גאס און צוטרעטען זי אונטער די קאָפּיטעס פון די פערד. נאָכהער האָט ער געשיקט א בעפעהל קיין שמרון צו הרג'ענען אלע איבעריגע מיטגליעדער פון אחאב'ס פאמיליע, אין צאָל פון זיבעציג פערזאָן. די דערשראָקענע בעאמטע פון שמרון האָבען באלד דערפילט דעם דאָזיגען בעפעהל און האָבען אָבגעשיקט צו יהוא'ן אין קערב די אָבגעהאקטע קעפּ פון דער קעניגליכער פאמיליע. נאָך דער דאָזיגער שרעקליכער נקמה איז יהוא אריינגעטראָטען אין שמרון און האָט פארנומען דעם קעניגליכען טראָהן.

דאן האָט זיך יהוא גענומען צו אויסראָטען דעם בעל־דיענסט פון מלכות־ישראל. פאר דיזען צוועק האָט ער זיך פון אנפאנג פארשטעלט פאר א געצענדיענער און האָט ערקלערט: „אחאב האָט געדיענט צו בעל ווינציג, אבער יהוא וועט איהם דיענען א סך." דאן האָט ער צוזאמענגערופען אין דעם טעמפעל פון בעל

אסטרטא

דגון

בעל

אפּיס

פאַרצייטיגע סעמיטישע אָבגעטער

אלע זיינע כהנים און אנהענגער. זיי זיינען אלע געקומען, ניט האבענדיג קיין שום חשד. אבער ווי נאר דער טעמפעל האט זיך אנגעפילט מיט די דיענער פון בעל האט יהוא ארומגערינגעלט די געביידע מיט א וואך, און האט בעפעהלען זיינע לייבוועכטער אויס־צו׳הרג׳נען מיט׳ן שווערד אלע וואס האבען זיך דארט געפונען. נאכדעם האבען דעם קעניג׳ס דיענער ארויסגעשלעפט פון טעמפעל דעם געץ בעל און האבען איהם פארברענט. זיי האבען חרב גע־מאכט דעם טעמפעל און דעם מזבח פון בעל און אלע געצענביל־דער, וואס האבען זיך דארט געפונען, און האבען פון אלץ א תל געמאכט (886). דער פעניצישער געצענדיענסט איז פערבאטען געווארען אין לאנד. דאך האט האס דיענען צו די קעלבער אין בית־אל און דן ניט אויפגעהערט, פונקט ווי אין די צייטען פון ירבעם, ווארום דאס פראסטע פאלק האט אין זיי געזעהען די גע־שטאלט פון דעם אידישען גאט.

§70. עתליה. אין דער צייט וואס יהוא האט מיט אזא גרויזאמקייט פערטיליגט אחאב׳ס שטאם אין מלכות ישראל, האט אחאב׳ס טאכטער, עתליה, געהערשט אין מלכות יהודה. נאך דעם טויט פון איהר זוהן אחזיה, וואס איז גע׳הרג׳עט געווארען אין יזרעאל, האט עתליה בעגאנגען אין ירושלים א שרעקליכע טהאט. זי האט געלאזט אויס׳הרג׳ענען א סך מיטגליעדער פון דוד׳ס די־נאסטיע און האט דעספאטיש געהערשט אין לאנד. זעקס יאהר האט עתליה געקעניגט אין ירושלים. זי האט אנגעפילט יהודה׳ס הויפטשטאדט מיט בילדער פון בעל און עשרת, האט אויסגעבויט א בעזונדערען מזבח צו בעל, און האט דארט אוועקגעשטעלט פאר א כהן א געוויסען מתי, פון די לויים. א סך בעריהמטע פאמיליען פון יהודה זיינען געשטאנען אויף דער זייט פון דער קעניגין און האבען אנטייל גענומען אין דעם געצענדיענסט. אבער די בעסערע מענשען אין לאנד זיינען געווען אויפגעבראכט פון עתליה׳ס אונ־געזעצליכע מעשים.

בראש פון די אונצופריעדענע האט זיך געשטעלט דער כהן גדול יהוידע, וועלכער האט געהאט פאר א ווייב יהושבע, די שוועס־טער פון דעם גע׳הרג׳עטען קעניג אחזיה. ווען עתליה׳ס דיענער האבען געמארדעט די מיטגליעדער פון קעניג׳ס הויז האט יהושבע

נעראָטעוועט פון טויט דעם עופ'על יואש, דעם זוהן פון אחזיה, און האָט איהם בעהאַלטען צוזאַמען מיט זיין אַם אין איינער פון די זייטיגע געביידען פון בית־המקדש. דאָ איז דער אינגעל גע־וואַקסען אונטער דער השגחה פון זיין פעטער, דעם כהן גדול יהוידע. ווען יואש איז אַלט געוואָרען זיבען יאהר האָט יהוידע בעשלאָסען איהם אַרויפצוזעצען אויפ'ן טראָהן פון יהודה אַלס דעם געזעצליכען יורש. האָט ער געמאַכט אַ בונד מיט די מיליטערישע עלטסטע פון ירושלים און זיי האָבען צוזאַמען בעשלאָסען אַרונטער־צוזעצען די קעניגין עתליה. איינמאָל אין אַ שבת האָט יהוידע גע־געבען אַ געהיימען בעפעהל אַרומצורינגלען דעם בית־המקדש מיט אַ מיליטערישער וואַך און ניט אַריינלאָזען קיינעם פון דער קעני־גינ'ס אָנהענגער. נאָכדעם האָט ער אַרויסגעפיהרט דעם זיבען־יעהריגען יואש פון די אינוועניגסטע חדרים פון בית־המקדש, האָט איהם אָנגעטהאָן אַ קרוין און איהם ערקלערט פאַר'ן קעניג פון יהודה. די קריעגסלייט וואָס זיינען דערביי געשטאַנען האָבען געבלאָזען אין שופרות און געשריען: לעבען זאָל דער קעניג! אַז עתליה האָט דערהערט דעם רעש אַרום בית־המקדש איז זי אַוועקגע־לאָפען אַהין פון איהר פּאַלאַץ און האָט דערזעהן דעם אינגעל מיט אַ קרוין אויפ'ן קאָפּ. זי האָט פערשטאַנען אַז מען האָט געמאַכט אַ פערשווערונג געגען איהר און זי האָט אויסגעשריען: „פעררעט! פעררעט!" יהוידע האָט בעפעהלען די וועכטער זיי זאָלען אַרויס־פיהרען די קעניגין פון בית המקדש, און מען האָט זי געבראַכט צום פּאַלאַץ און דאָרט גע'הרג'עט (880). דאָס פּאָלק האָט צובראָ־כען אַלע מזבחות און בילדער פון בעל, און דעם כהן מתי האָט מען גע'הרג'עט. יואש איז אַרויף אויפ'ן טראָהן פון יהודה, אָבער ביז דער קעניג איז געוואָרען פוליעהריג האָט דער כהן גדול יהוידע רע־גיערט אין זיין נאָמען. אויף אַזאַ אופן איז אי אין מלכות ישראל אי אין מלכות יהודה כמעט אין דערזעלבער צייט געקומען אַ סוף צו דער הערשאַפט פון דעם הויז אחאב און דעם פעניצישען גענצ־דיענסט.

§71. **יהוא'ס דינאַסטיע אין שמרון און די מלכים פון יהודה.** די בלוטיגע איבערקעהרענישען דורך וועלכע יהוא איז געוואָרען קעניג אין שמרון און יואש אין ירושלים, האָבען

ניט געבראכט קיין רוה צו ביידע מלוכות. דאָס 28־יעהריגע קעניגען פון יהוא (860-887) איז געווען אן אומגליקליכע צייט פאר מלכות ישראל. די ארמים פון המשק האָבען מיט זייערע אָנפאַלען פערוויסט די געגענדען פון עבר־הירדן און האָבען אונטעריאכט די איינוואוינער פון שבט ראובן און שבט גד. נאָך ערגער איז געווארען דער מצב פון דער מלוכה אין דער צייט פון יהוא׳ס זוהן יהואחז (845-860). די ארמים פלעגען זיך אריינרייסען אפילו אין יענע געגענדען, וואס זיינען גע־לעגען אויפ׳ן מערב זייט פון ירדן. די מיליטערישע כחות פון לאַנד זיינען אזוי פעראָרימט געווארען אז ביי יהואחז׳ן איז גע־בליבען נאָר א קליינער חיל פון צעהן טויזענד פוסגעהער, פופציג רייטער און צעהן קריעגסוועגען. ערשט אין דער צייט פון יהואחז׳ס זוהן, דעם קעניג יהואש (830-845), איז מלכות ישראל אביסעל געקומען צו זיך. יהואש האָט צושלאָגען די ארמים ביי אפקה און האָט ביי זיי צוריק אָבגענומען פיעל שטעדט, וואס זיי האָבען געהאט פערכאפּט. פאר דער דאָזיגער שלאַכט האָט אלישע הנביא פאראויסגעזאגט דעם קעניג, אז ער וועט מנצח זיין דעם פיינד. אלישע איז שוין דעמאָלט גע־ווען אלט און קראנק און נאָך דער שלאַכט ביי אפקה איז ער געשטאָרבען. אזוי ווי אליהו הנביא, אזוי האָט אויך אלישע אי־בערגעלאָזט נאָך זיך אין פאָלק אן אנדענק פון א הייליגען מאַן און א בעל־נס. נאָר זיין הויפּט פערדיענסט איז בעשטאַנען אין דעם קאמפף געגען דעם פעניצישען געצענדיענסט. אליהו הנביא האָט אָנגעהויבען דעם דאָזיגען קאמפף, און זיין גע־טרייער תלמיד אלישע האָט איהם ערפאָלגרייך געענדיגט.

אין יהודה האָט דער כהן גדול יהוידע, דער ערציהער און אפּיטרופּוס פון מלך יואש, געזאָרגט צו בעפעסטיגען דעם אמת׳ן גלויבען. כל־זמן יהוידע האָט געלעבט איז דער יונגער מלך גע־ווען פרום און גאָטספאָרכטיג. צוזאמען מיט די כהנים האָט ער פאררריכט די טיילען פון בית המקדש, וועלכע זיינען שוין אלט געוואָרען. פאר דיזען צוועק האָט מען געקליבען נדבות איבער׳ן גאנצען לאַנד. אבער נאָך יהוידע׳ס טויט האָט יואש אויפגעהערט צו לעבען בשלום מיט די כהנים, וועלכע האָבען

געוואַלט בעקומען אַ צו גרויסע דעה אין די ענינים פון דער מלוכה. דעמאָלט האָט צווישען איהם און יהוידע'ס זוהן זכריה אויסגעבראָכען אַ מחלקת. זכריה האָט געסטראַשעט דעם קעניג מיט גאָט'ס צאָרן. דער אויפגעבראַכטער קעניג האָט געהייסען הרג'ענען זכריה'ן אין הויף פון בית־המקדש. פאַר'ן טויט האָט זכריה געזאָגט: „גאָט וועט זעהן און וועט זיך רעכענען!" דעם קעניג'ס אכזריות'דיגע האַנדלונג האָט אַרויסגערופען אַן אונצופריעדענקייט ביי די האַרען פון ירושלים. זיי האָבען גע־מאַכט אַ פערשווערונג געגען איהם און צוויי הויפדיענער האָ־בען דעם קעניג גע'הרג'עט אויף זיין געלעגער (843).

אמציה, יואש'ס זוהן און יורש, האָט געהייסען טויטען די מערדער פון זיין פאָטער. דער נייער קעניג, וועלכער האָט געהאַט אַ קריעגערישען גייסט, האָט געפיהרט אַ רייהע מלחמות. צוערשט איז ער אַרויס געגען די אדומים, וועלכע האָבען מורד געווען געגען יהודה. די אדומים האָבען זיך בעפעסטיגט אין זייערע אונדורכדרינגליכע בערג; אָבער אמציה האָט זיך אַריינ־געריסען אין דער בערגיגער געגענד, און אין אַ שלאַכט אין דעם „געזאַלצענעם טאָל" האָט ער איינגאַנצען צושלאָגען די אדומים. נאָכדעם האָט אמציה ערקלעהרט מלחמה געגען יהואש'ן דעם מלך פון ישראל. יהואש האָט איהם געלאָזט זאָגען: „דו האָסט בעזיעגט די אדומים איז דיין האַרץ שטאָלץ געוואָרען. זיץ בע־סער בכבוד אין דער היים און ניט ברענג קיין אומגליק אויף זיך און דיין לאַנד." אָבער אמציה האָט ניט געפאָלגט און איז אַוועק מיט אַ חיל געגען דעם מלך פון ישראל. נעבען בית־שמש איז פאָרגעקומען די שלאַכט צווישען יהודה און ישראל. אמציה'ס חיל האָט געקראָגען אַ מפלה און ער אַליין איז גענו־מען געוואָרען געפאַנגען. דער חיל פון ישראל איז צוגעטראָ־טען צו ירושלים און האָט צושטערט אַ טייל פון איהר פעסטונג. יהואש האָט אַרויסגעלאָזט אמציה'ן פריי פאַר אַ גרויסער סומע אויסלייז געלד. אין יהודה איז מען געווען שטאַרק אונצו־פריעדען מיט אמציה'ן פאַר זיין אונזיניגער מלחמה, און אין ירושלים האָט אויפגעפלאַקערט אַן אויפשטאַנד. דער קעניג איז אַנטלאָפען קיין לכיש, אָבער די מורדים האָבען איהם דאָ

געכאַפּט און איהם גע'הרג'עט. דער יורש פון טראָהן עזיה, אמציה'ס זוהן, איז נאָך געווען א קליין אינגעל, און אין פערלויף פון עטליכע יאָהר האָבען איבער'ן לאַנד רעגירט די האַרען פון קענגליכען הויף.

## צעהנטער קאַפּיטעל.

# דאָס געזעלשאַפטליכע און גייסטיגע לעבען אין דער צייט פון די צוויי מלוכות. *)

§72. דאָס עקאָנאָמישע און הויזליכע לעבען. פון דער צייט וואס די אידען האָבען איינגענומען כנען און זיינען געוואָרען א בעזעצטעס פאָלק איז ערד־ארבייט געווען זייער הויפּט בעשעפ־טיגונג. בלויז אין דעם עבר־הירדן און אין איינציגע ערטער אין יהודה האָבען זיך די איינוואוינער פערנומען מעהרסטענס מיט פיה־צוכט. ביי די אידען איז געווען פאַררעכענט, אז דער מענש איז געבאָרען צו בעארבייטען דאָס פעלד, דעם סאַד און דעם וויינגאָר־טען. דאָס איז זיין נאַטירליכער בערוף. דער שעהנסטער טרוים פון א אידען איז געווען: „צו זיצען אונטער זיין וויינשטאָק און אונטער זיין פייגענבוים.“ דורך דער שווערער מיה פון דעם ערד־ארבייטער איז דער באָדען פון פאַלעסטינא פערוואַנדעלט געוואָרען אין א בליהענדען גאָרטען. די פעלדער און טאָלען זיינען געווען בע־דעקט מיט פולע זאַנגען פון ווייץ און גערשטען; אויף די נידע־רונגען פון די בערג האָבען געגרינט וויינגערטנער, סעדער און אייל־בירט־וועלדלעך. ערדארבייט, וויינגערטנעריי און גערטנעריי זיינען געווען פערשפּרייט ניט נאָר אין די דערפער, נאָר אויך אין די שטעדט. די דאָזיגע בעשעפטיגונגען האָבען געמאַכט גלייך דעם פּראָסטען פאָלקס־מענשען מיט'ן חשוב'ען האַר, דעם בעשיידענעם דאָרפסמאַן מיט'ן איינפלוסרייכען כלל־טהוער. שאול המלך, איי־דער ער איז ארויף אויפ'ן טראָהן, איז געגאַנגען נאָכ'ן אקעראייזען,

*) מיט קלענערע קינדער קען מען דיזען קאַפּיטעל, אָדער טיילען פון איהם, אויסלאָזען.

הגם ער האָט געהערט צו אַ חשוב'ער פאַמיליע אין בנימין. דוד איז געווען אַ פאַסטוך, און אלישע האָט זיך בעשעפטיגט מיט ערד־ארבייט.

אין פאַלעסטינא פלעגט די תבואה צייטיג ווערען אין אָנהויב פריהלינג, און שניטצייט איז געווען אין סוף פריהלינג. אין סוף זומער אָדער אָנהויב הערבסט פלעגט מען ארונטערנעהמען די וויינ־טרויבען און איינזאמלען אין די שייערען די לעצטע געדראָשענע תבואה. צו די דאָזיגע וויכטיגע מאָמענטען פון דער ערדארביי־טערשען לעבען זיינען געווען צוגעפּאַסט די גרויסע יעהרליכע ימים־טובים: פסח—דער יום־טוב ווען די תבואות ווערען צייטיג (חג האביב), שבועות—דער יום־טוב פון שניט (חג הקציר), און סוכות —דער יום־טוב פון „איינזאמלען פון שייער און פון קעלטער" (חג האסיף). אויסערדעם האָט נאָך יעדער יום־טוב געהאַט אַ רעליגיעז־היסטאָרישע בעדייטונג: פסח זיינען די אידען אויסגעלייזט גע־וואָרען פון גלות, שבועות האָבען אידען בעקומען די „עשרת הדברות" — און סכות ווערט געפייערט צום אנדענקען וואָס אידען זיינען געזעסען אין ביידלעך אין דער מדבר, ווען זיי זיינען ארויסגעגאַנגען פון מצרים.

איינער פון די עלטסטע געזעצען פון דער אידישער רעליגיאָן, וואָס האָבען געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויפ'ן לעבען פון לאַנד, איז געווען דער געבאָט צו רוהען דעם זיבעטען טאָג פון יעדער וואָך (שבת). די תורה זאָגט וועגען דעם: „זעקס טעג טהו דיין ארבייט און אויפ'ן זיבעטען זאָלסטו רוהען, כדי עס זאָל אויך רוהען דיין אָקס און דיין עזעל, דער זוהן פון דיין דיענסט און דער גר." „זאָלסט רוהען אין דעם זיבעטען טאָג. זאָלסט רוהען אין צייט פון אַקערען און אין צייט פון שניידען." דאָס געזעץ פון שבת־רוה איז אריבערגעטראָגען געוואָרען אפילו אויף דער ערד אויך: די ערד האָט זיך געדאַרפט אָברוהען איין יאָהר אין יעדע זיבען. „זעקס יאָהר — זאָגט דאָס אַלטע געזעץ — זאָלסטו פערזייהען דיין ערד און קלייבען די תבואה פון איהר; אָבער דעם זיבעטען יאָהר זאָלסטו זיי פערלאָזען, כדי די אָרימע פון

*

דיין פאָלק זאָל עסען (דאָס וואָס וואַקסט אַליין) און דאָס איבע־ריגע זאָלען עסען די חיות פון פעלד. אזוי זאָלסטו אויך טהאָן מיט דיין וויינגאָרטען און מיט דיין אייל־בירט־גאָרטען." דאָס דאָזיגע געזעץ איז בעגרינדעט אין בעזונדערע אייגענשאַפטען פון דער פּאַלעסטינער ערד און פון דער פּאָלקס־מנהגים, וואָס זיינען דאָרט בעשאַפען געוואָרען.

דאָרט וואו עס האָט געהערשט די ערד־אַרבייט, איז דאָס לעבען פון די איינוואוינער געווען איינפאַך און בעשיידען. די הייזער זיינען געווען געבויט פון האָלץ און ליים, מיט פלאַכע דעכער, וועלכע האָבען געדיענט צום שלאָפען אין די הייסע צייטען פון יאָהר. די איינריכטונג פון די צימערען איז אויך געווען פשוט. אזוי צום בייש־פּיעל איז אין צימער פון אלישע הנביא, וועלכער איז געווען צו גאַסט אין א פערמעגליכען הויז, דאָס גאַנצע מעבעל בעשטאַנען פון א בעט, א טיש, א שטוהל און א לאָמפּ. די שפּייז איז בעשטאַנען פון ווייצענעם און גערשטענעם ברויט, פלעצלעך אויף בוימאייל, גאָרטענוואַרג און פרוכט. פלייש פלעגט דער דאָרפסמאַן עסען נאָר אין די ימים טובים, ווען ער פלעגט ברענגען פון זיין פּיה קרבנות אין בית־המקדש. א טייל פון די דאָזיגע קרבנות פלעגט מען פאַרברענען אויפ׳ן מזבח, א טייל פלעגט געהן פאַר די כהנים, און דאָס איבעריגע פלעגט בלייבען פאַר׳ן בעל־הבית און זיינע הויזמענשען צום עסען. די איינוואוינער פון די שטעדט, וועלכע זיינען געלעגען נאָהנט צום בית המקדש און דעם מזבח, האָבען געקענט עסען פלייש אָפטער.

אָבער מיט דער צייט האָט זיך דער דאָזיגער איינפאַכער אָרט לעבען א סך געענדערט. מיט דער ערדאַרבייט האָט אָנגעהויבען קאָנקורירען דער מסחר. אמאָל האָבען די אידען בעטראַכט דעם מסחר פאַר אַן אונווירדיגער זאַך און האָבען עס געלאָזט צו די כנענים און פעניציער, וועלכע „האַלטען אין די הענד די פאַלשע וואָגשאָלען און האָבען ליעב רויב." נאָר יענע גוטע אַלטע צייטען זיינען פאַראיבער, און א גרויסער טייל פון פאָלק איז דורך די אומשטענדען אריינגעצויגען געוואָרען אין מסחר און האַנדעל. די מלכים אליין, פון שלמה׳ן אָן, האָבען געשטיצט דעם האַנדעל און פלעגען אויספריכטען קאַראַוואַנען און האַנדעלס־שיפען אין ווייטע

לענדער, אמאָל אליין, און אמאָל מיט דער הילף פון די פעניציער. אין די צייטען פון אחאב און יהושפט האָט שוין דער מסחר גע־בליהט איןביידע מלוכות. דאָס האָט געפיהרט דערצו, אז עס זאָ־לען זיך שנעל ענטוויקלען שטעדט. צוזאמען מיט ארבייט איז אויך געווארען קאפּיטאל: עס האָט זיך אנגעהויבען א מסחר מיט געלט, הלואות און וואָכער געשעפט. און ווען א בעל־חוב האָט ניט געהאט צו בעצאָלען זיין הלואה צו דער בעשטימטער צייט האָט דער מלוה געהאט דאָס רעכט צו מאכען איהם פאר א קנעכט, אזוי ווי עס איז געווען דער מנהג ביי אלע אלטע פעלקער. דער אונ־טערשייד צווישען די קלאסען פון פאָלק איז געווארען אלץ גרעסער, און דער תהום צווישען די רייכע און די ארימע — אלץ ברייטער. גרויסע גיטער און ברייטע שטרעקען לאנד פלעגען זיך צוזאמענצי־הען אין די הענד פון געצעהלטע רייכע גוטבעזיצער. די רייכע פלעגען זיך בויען הייזער פון געהאקטע שטיינער און האָבען זיך ארייננעלאָזט אין ווילדען וואוילטאָג. גרויסע לעהרער פון פאָלק, די נביאים, האָבען געקעמפפט געגען אזא מין ארדנונג אין דעם נא־מען פון די העכערע געזעצען פון מענשענליעבע און מאראל; גע־קעמפפט האָט געגען איהר אויך דאָס אלטע געזעץ, וואס האָט גע־זאגט: „אויב דו וועסט לייהען געלד צו אן ארימאן פון דיין פאָלק בעגעה זיך ניט מיט איהם שטרענג; לעג אויף איהם ניט ארויף קיין פּראצענט. אויב דו וועסט נעהמען פאר א משכון דעם אויבערשטען בגד פון דיין ארימען פריינד — קעהר דאָס איהם אום איידער עס פארגעהט די זון, ווארום דאָס איז זיין צודעק, דאָס קלייד פון זיין לייב — אין וואָס וועט ער שלאָפען?“ אָבער דאָס לעבען האָט ניט געשטימט מיט די דאָזיגע הויכע פאָדערונגען פון געזעץ. די פלאַ־מענדיגע רייד פון די נביאים האָבען ניט געקענט אבהאלטען דאָס אידישע פאָלק פון נעהמען אנטייל אין דעם פעלקער־האנדעל פון די מזרח־לענדער.

דאָס פאמיליען־לעבען פון די אמאָליגע אידען איז אין א סך פּרטים געשטאנען העכער ווי די ארומיגע פעלקער. פיעלוויי־בעריי (פּאָליגאמיע) איז געווען א זעלטענהייט, בשעת איינווייבע־ריי (מאָנאָגאמיע) איז געווען די געוועהנליכע פארמע פון דעם פאמיליען־לעבען. בלויז די מלכים האָבען געמעגט האָבען א סך

ווייבער, מסתמא כדי צו פערמעהרען און פערשטארקען די דינאסטיע; נאר אפילו די מלכים, נאך שלמה'ן, האבען ניט שטענדיג זיך בענוצט מיט דעם דאזיגען רעכט. די פארמעגליכע לייט האבען געוועהנליך געהאט ניט מעהר ווי צוויי ווייבער, און אויך רעדמאלט פלעגען אין דער פאמיליע פארקומען רייסעריזען: די ניטגעליעבטע ווייב האט מקנא געווען דער געליעבטער, און די עקרה — דער, וואס האט געהאט קינדער. פאר דער חתונה מיט א מיידעל פלעגט דער חתן געבען איהרע עלטערען א געוויסען אויסקויף, אדער מהר, אזוי ווי עס פיהרט זיך נאך עד היום ביי א סך מזרח־פעלקער (דער טאטערשער „קאלים“, דער קאווקאזישער „מאהארי“, וואס קלינגט ווי דער אידישער מהר). אין די גאר אלטע צייטען איז ניט געווען קיין זעלטענהייט, אז גאנץ נאהנטע קרובים זאלען חתונה האבען צווישען זיך; עס איז ניט געווען פארוועהרט, צום ביישפיעל, צו חתונה האבען מיט א שטיפשוועסטער אדער שוועסטער־קינד, אדער נעהמען צוויי שוועסטער מיט אמאל. אבער שפעטער זיינען אייניגע אזעלכע שידוכים פארבאטען געווארען. די עלטערען האבען געהאט אן אונבעגרענצטע מאכט איבער זייערע קינדער; פאר בעליידיגען טאטע־מאמע מיט א ווארט אדער א האנדלונג האט געקומט טויט־שטראף. די מוטער האט געהאט דעם זעלבען אנזעהן אין דער פאמיליע וואס דער פאטער.

די שקלאפעריי ביי אידען האט ניט אנגענומען אזעלכע גראבע פארמען ווי ביי אנדערע פעלקער. דער שקלאף און די שקלאפין האבען זיך גערעכענט פאר מיטגליעדער פון דער פאמיליע, און זייערע רעכט זיינען געווען געשיצט פון בעשטימטע געזעצען. א אידישער קנעכט האט געדארפט דיענען זיין בעל־הבית נאר זעקס יאהר, און אויפ'ן זיבעטען יאהר איז זיין בעל־הבית געווען מחויב איהם ארויסלאזען פריי. אויב אבער דער קנעכט האט נאך די זעקס יאהר ניט געוואלט פערלאזען זיינע בעלי־בתים האט דאס געזעץ געהייסען זיך בעגעהן מיט איהם אזוי: צופיהרען דעם געטרייען קנעכט צום טהיר פון הויז וואו ער האט געדיענט, און דורכשטעכען איהם דעם אויער אויפ'ן ביישטידעל פון טהיר, אלס סימן אז ער איז אויף אימער צוגעבונדען צו דעם דאזיגען הויז. נאך דער דאזיגער צערעמאניע איז דער קנעכט געווארען דאס אייביגע אייגענטום פון

זיין בעל־הבית. בכלל איז שקלאַפעריי ביי אידען ניט געווען קיין מלוכה־איינפיהרונג, ווי ביי די גריכען און רוימער.

§73. די געזעלשאַפט און די מלוכה. בירגער־רעכט האָבען געהאַט אַלע פרייע מענשען פון דער געזעלשאַפט, וועלכע האָבען דערגרייכט פוליעהריגקייט. אפילו די פרעמדע, אָדער גרים, האָבען זיך ווייניג־וואָס אונטערשיידט אין זייערע בירגערליכע רעכט פון די תושבים. זיי זיינען געווען פּאָלשטענדיג בעשיצט פון געזעץ. אין די הייליגע ספרים ווערט ניט איינמאָל געזאָגט: „דעם גר זאָלט איהר ניט דריקען, ווארום איהר ווייסט די נשמה פון דעם גר, ווען גרים זיינט איהר אליין געווען אין דעם לאַנד מצרים.“ דאָס געזעץ בעפעהלט צו בעגעהן זיך מיט די פרעמדע מיט רחמנות, אזוי ווי מיט די שוצלאָזע פון דער אידישער געזעלשאַפט גופא: די אָרימעלייט, אלמנות און יתומים; גלייך מיט זיי האָבען די פרעמדע געהאַט דאָס רעכט צו קלייבען די רעשטען פון שניט (לקט, שכחה און פאה) אויף די פעלדער פון פערמעגליכע לייט און נעהמען די נדבות, וועלכע זיינען געווען איינגעפיהרט.

די ריכטער אין די שטעדט זיינען געווען חשוב'ע לייט אָדער עלטסטע (זקנים). משפט'ן פלעגען זיי אויף אן אפענעם פּלאַץ, ביי די טויערען פון שטאָדט, ד. ה. ביים אַריינפאָהר (אָדער שער, פאָר־שטאָדט), נאָר אז מען פלעגט דאַרפען געבען אַ שבועה פלעגט מען עס טהאָן ביים מזבח אָדער אין טעמפעל פון דעם אָרט. אויסער די זקנים זיינען שופטים אויך געווען די כהנים אָדער לויים. די דאָזיגע ריכטער פלעגען משפט'ן סיי אין ציווילע סיי אין קרימינעלע פּראָצעסען. אויסער אין העכסט וויכטיגע פעלען פלעגט מען זיך ווענדען צום קעניג.

דער קעניג איז געווען דער הויפּט פון דער ארמעע, און דער העכסטער רעגירער און ריכטער פון פאָלק. אזוי ווי די קעניגליכע הערשאַפט איז ארויסגעוואקסען דערפון וואָס דאָס פאָלק האָט זיך געמוזט פעראייניגען געגען די דרויסענדיגע פיינד, האָט זי אין די ערשטע צייטען געטראָגען אַ מיליטערישען כאראקטער (שאול און דוד). דער קעניג איז געווען דער פיהרער פון דעם פאָלק'ס חיל, נאָר אויסער דעם האָט ער אויך געהאַט זיין איינענע שטענדיגע מחנה אָדער לייבוואַך. די דאָזיגע קעניגליכע מחנה איז געווען דער

קערן פון דער גאַנצער אַרמעע, וועלכע איז בעשטאַנען פון פוס־חיל און פערד־חיל (אין ז'ער צייט פון שלמה און די שפּעטערע מלכים). דעם צווייטען פּלאַץ נאָכ'ן קעניג האָט פערנומען דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דעם חיל (שר־צבא). מיליטער־דיענסט איז געוועזן א חוב אויף יעדען בירגער, וואָס האָט געהאַט פולע רעכט און האָט פאַרמאָגט אונבעוועגליכען אייגענטום. וואָס מעהר עס איז געוואַקסען די מיליטערישע מאַכט פון דער מלוכה אַלץ גרע־סער איז געוואָרען די צאָל שטעדט וואָס האָבען געהאַט פעסטונ־גען מיט בעשטענדיגע גאַרניזאָנען אין זיי. אין די צייטען פון די שופטים און שמואל הנביא, ווען די ווילדע שונאים פלעגען בעפאַ־לען דאָס אידישע לאַנד, פלעגען זיך די אידען מוזען בעהאַלטען אין הייהלען און בערג־שפּאַלטען; אָבער אין דער עפּאָכע פון די מלכים פלעגט זיך די פּריעדליכע בעפעלקערונג שיצען הינטער די מויערען פון די פעסטונגען. די אידישע מלכים פלעגען זעלטען פאַרפיהרען מלחמות כדי צו פערכאַפּען פרעמד לאַנד, אָבער פער־טיידיגונגס־מלחמות האָבען זיי געהאַט זעהר אָפט, צוליעב די אָנפאַלען און רויבערייען פון די שכנ'ישע פעלקער.

אויף אויסצוהאַלטען דעם קעניגליכען הויף זיינען איינגע־פיהרט געוואָרען צינזען פון נאַטור־פּראָדוקטען און געלט. עס זיינען אויך געוועזן קעניגליכע גיטער, וועלכע האָבען אריינגעטראָגען א געוויסע הכנסה. אין צייטען פון מלחמות, ווען די בעדערפנישען פון דער מלוכה פלעגען זיין אויסערגעוועהנליך גרויס, פלעגען די מלכים אמאָל נעהמען פון די אוצרות פון דעם בית־המקדש, וואו עס זיינען געלעגען די פאָלקס־געלדער, אזוי ווי אין די היינטיגע קעניג־ליכע שפּאַר־קאַסען (רחבעם ,אסא, יואש, אמציה).

דער קעניג איז געוועזן דער העכסטער ריכטער פון לאַנד און צו איהם פלעגט מען זיך ווענדען, ווען די קליינע געריכטען פלעגען ארויסגעבען אַן אונגערעכטען פסק. דער שוואַכער פלעגט רופען צו איהם געגען דעם שטאַרקען, דער בעליידיגטער — קעגען זיין בעליי־דיגער; א סך געזעצען פון יענער צייט האָבען געשטאַמט פון אַלטע פאָלקס־מנהגים. עס האָט נאָך צום ביישפּיעל געלעבט אין פאָלק דער מנהג, אז א קרוב פון אַן ערמאָרדעטען האָט געהאַט דאָס רעכט אַליין, אָהן א משפט זיך אָבצורעכענען מיט דעם מערדער

און איהם טויטען („גואל הדם"). אָבער דאָס געזעץ האָט אַ סך וויכער געמאַכט די אכזריות פון דעם דאָזיגען מנהג. אויב דער מאָרד איז בעגאַנגען געוואָרען בשוגג, ד. ה. ניט ווילענדיג, האָט דער מערדער זיך געקענט רעטען אין אַ טעמפּעל, הינטער דעם מזבח, אָדער אין די „ערי מקלט", ד. ה. בעשטימטע שטעדט, וואוהין ער האָט געקענט אַנטלויפען און וואו דער גואל־הדם האָט ניט געטאָרט קומען איהם משפען. אָבער אַ מערדער במזיד, ד. ה. וואָס האָט געפּלאַנעוועט דעם מאָרד, האָט דער גואל־הדם געמעגט אפילו „פון מזבח אוועקפיהרען צום טויט". אָבער מיט דער צייט איז דאָס רעכט פון דעם גואל־הדם אַריבער צום געריכט. בלויז אין זעלטענע פעלען פלעגט דאָס געריכט פּסק'ענען לויט דעם אַלטען מנהג פון נקמה: „אויג פאַר אויג, אַ צאָהן פאַר אַ צאָהן, אַ לעבען פאַר אַ לעבען". דאָס רוב פלעגט מען אויפ'ן שולדיגען אַרויפלעגען אַ געלט־שטראָף. פאַר עובר זיין אויף די הויפּט־געבאָטען פון דער אמונה, און אויך פאַר לעסטערן גאָט און בעליי־דיגען דעם קעניג, פלעגט מען בעשטראָפען מיט'ן טויט. די עלטסטע פאָרמע פון טויט־שטראָף איז געווען סקילה, פערשטיינערען, וועלכע פלעגט פאָרקומען הינטער'ן שטאָדט, פאַר די אויגען פון פאָלק.

אין אַלע מלוכות פון אַלטערטום האָט זיך דער קעניג גערע־כענט אויך פאַר'ן הויפּט־פּריסטער: די רעליגיאָן איז געווען צוזאַמענגעבונדען מיט דער רעגירונג. אויך די אידישע מלכים האָבען אָפטמאָל זיך געמאַכט פאַר כהנים. שאול און דוד, למשל, האָבען ביי פייערליכע געלעגענהייטען געבראַכט קרבנות אַלס „געזאַלבטע פון גאָט", אָנשטאָט די כהנים. אָבער שפּעטער האָבען בלויז די מלכים פון מלכות ישראל איינגעהאַלטען דעם חשוב'ען טיטעל „כהן גדול". ירבעם דער ערשטער האָט די כהונה געמאַכט פאַר אַ רעגירונגס־זאַך: דער טעמפּעל אין בית־אל האָט זיך גערע־כענט פאַר אַ קעניגליכען, און די כהנים, וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען — פאַר קעניגליכע בעאַמטע. אָבער אין יהודה האָבען די כהנים ניט אָנערקענט דעם קעניג'ס רעכט אויף דער כהונה און ווען דער קעניג עזיהו האָט איינמאָל זיך דערוועגט צו טהאָן די

ארבייט פון דעם כהן אין בית־המקדש, האט ער ארויסגערופען געגען זיך דעם צארן פון פאלק.

§74. די רעליגיאן. אין דער רעליגיאן פון די אמאליגע אידען האט דעם ערשטען פלאץ פערנומען דער גאטעסדיענסט מיט אלע זיינע אויסערליכע צערעמאניעס. אין יהודה איז דער הויפט רעליגיעזער צענטער געווען די הויפטשטאדט ירושלים, און אין מלכות ישראל — די פראווינץ־שטאדט בית־אל, אויפ'ן דרום־גרענעץ. נאר אין ביידע מלוכות זיינען חוץ די דאזיגע הויפט צענטרען געווען אויך וועניגער וויכטיגע פלעצער פון גאטעס־דיענסט. אין די פראווינץ־שטעדט פון יהודה זיינען געווען נאר פאלקס־מזבחות אויף בערג (במות), אבער קיין בעזונדערע טעמפ־לען, וועלכע זאלען אבציהען מענשען פון דעם בית־המקדש, זיינען ניט געווען, און אין די גרויסע יעהרליכע ימים־טובים פלעגט א גרויסער טייל פון פאלק עולה־רגל זיין קיין ירושלים צו דיענען גאט. אבער אין מלכות ישראל זיינען אויסער דעם אלטען קעניג־ליכען טעמפעל אין בית־אל געווען נאך טעמפלען פון ה' אין דער הויפטשטאדט שמרון, אין גלגל, דן און אנדערע ערטער. דער גאטעסדיענסט אויף די בערג און אין די וועלדלעך איז דא געווען א סך מעהר פערשפרייט ווי אין יהודה און איז געווען מעהר עהנ־ליך צום געצענדיענסט. די מזבחות אין די דערפער פלעגען געבויט ווערען אויף הויכע ערטער, אזוי ווי הורבעס שטיינער; זיי פלעג־גען אויך געבויט ווערען אין וועלדלעך, אונטער'ן שאטען פון א דעמב, א פאלמע אדער א טייטעלבוים. דארט וואו עס זיינען ניט געווען קיין גרויסע בוימער פלעגט מען אנשטאט א בוים אוועק־שטעלען א זייל אין דער פארמע פון א בוים, וואס איז געגאנגען אלץ גרעבער אין דער הויך („אשרה"). אין די טעמפלען פון מלכות ישראל זיינען געשטאנען גאלדענע קעלבער אלס די געשטאלט פון ה'. אפילו אין ירושלים איז ביז דער צייט פון קעניג חזקיהו געווען א קופערנע שלאנג און דאס פאלק האט עס געהאלטען פאר א גאט, וואס היילט קראנקהייטען.

דער גאטעסדיענסט איז בעשטאנען פון תפלות און קרבנות. דער אמאליגער מענש פלעגט וועלען געווינען גאט'ס גנאד דורך געבעט און מתנות צו איהם. די קרבנות האבען ביי די אידען

(אַזוי ווי ביי די אַלטע גריכען) געהאַט אויך אַ סימבאָלישע בעדײַ־טונג: ווען אַ טייל פון דער בהמה׳ס פלייש איז פערברענט געוואָ־רען אויפ׳ן מזבח לכבוד גאָט, איז דאָס גאַנצע פלייש דורך דעם געוואָרען ריין און כשר צום עסען. דאָס בלוט פון דעם קרבן האָט מען אינגאַנצען אויסגעגאָסען אויפ׳ן מזבח, וואָרים פלייש מיט׳ן בלוט איז די אידען פערבאָטען צו עסען. אויפ׳ן מזבח פלעגט מען אויך גיסען בוימאייל און ווײַן. בכלל איז דער מזבח געווען אַזוי ווי גאָט׳ס טיש: אַלע פאַמיליען־מאָלצייטען אַרום דעם דאָזיגען טיש פלעגען בעקומען אַ הייליגע בעדײַטונג. איבערהויפּט פלעגען די דאָזיגע הייליגע מאָלצייטען צוגעהן פייערליך אין די גרויסע ימים־טובים. פסח פלעגט מען מקריב זײַן די בכורים פון די שאָף און רינדער און דאָס פלייש פון די קרבנות פלעגט מען עסען צוזאַ־מען מיט די מצות. שבועות פלעגט מען דאָס קרבן־פלייש עסען שוין ניט מיט מצות, נאָר מיט געזײַערטען ברויט. סוכות, דער יום־טוב פון הערבסט, פלעגט מען ברענגען אין בית־המקדש פירות פון די בוימער און פאַלמען־צווייגען. אין דער צייט פון די דאָזיגע ימים־טובים פלעגט דאָס פאָלק מאַכען פרעהליכע סעודות אַרום די טעמפּלען און מזבחות. יעדע פאַרמעגליכע פאַמיליע פלעגט פאַרײַ־בעטען צו איהר סעודה אָרימעלייט, אַלמנות, יתומים און גרים. אַלע האָבען געגעסען, געטרונקען און זיך משמח געווען „פאַר גאָט“. די ימים־טובים פון דער ערדאַרבייט זײַנען פערוואַנדעלט געוואָרען אין רעליגיעזע שמחות.

אין טעמפּעל און ביים מזבח האָט זיך געמוזט געפינען אַ כהן. די כהנים פלעגען מקריב זײַן די קרבנות און פלעגען בעקומען פון יעדען קרבן אַ בעשטימטען חלק. חוץ דעם פלעגען זיי קריגען פון די בעזונדער מתנות פון די ערד־פּראָדוקטען; שפּעטער האָט דאָס געזעץ געגעבען בעשטימט די מאָס פון די דאָזיגע מתנות (מעשר). די כהונה איז אַריבערגעגאַנגען בירושה פון פאָטער צום זוהן. לויט דער אַלטער מסורה האָבען אַלע כהנים גערעכענט זייער יחוס פון אהרן הכהן, משה׳ס ברודער, פון שבט לוי. נאָר אין מלכות ישראל, נאָך דער רעליגיעזער איבערקערעניש פון ירבעמ׳ען, זײַנען געוואָרען כהנים וואָס האָבען ניט אָבגעשטאַמט פון אהרנ׳ען אָדער פון די לויים. אין די צייטען פון די שופטים און די ערשטע מלכים האָבען

די כהנים געשפּיעלט די ראָלע פון טרעפער אָדער „זעהער“ און זיינען אויך געווען די לעהרער פון פאָלק; אָבער מיט דער צייט זיינען די דאָזיגע בײדע פליכטען אריבער צו די נביאים, וועלכע זיינען געוואָרען די אמת'ע לעהרער פון פאָלק.

וועגען א יענער וועלט האָבען די אידען נאָך דעמאָלט געהאט זעהר א טונקעלען בעגריף. זיי האָבען געגלויבט, אז ווען א מענש שטארבט פעראייניגט ער זיך אין קבר צוריק מיט זיינע עלטערען. די טויטע וואוינען אלע אין איין אָרט, „שאול“, וועלכער איז א מין קעניגרייך אונטער דער ערד, א קעניגרייך פון שאָטענס.

די אידישע אמונה אין דער צייט פון די צוויי מלוכות איז געווען א מין געמיש פון אלערליי בעגריפען, נידעריגע און העכערע, וואָס זיי האָבען איבערגענומען פון פערשיידענע פעלקער. דער פּראָסטער פאָלקסמענש האָט ניט פערשטאַנען די רעליגיאָן אזוי ווי דער נאָכפאָלגער פון דעם נביא. ערשטענס האָט ער גערעכענט ה' בלויז פאר'ן גאָט פון זיין פאָלק, אזוי ווי, צום ביישפּיעל, בעל ביי די פעניציער; צווייטענס האָט דאָס פּראָסטע פאָלק נאָך ניט געקענט זיך בעגעהן אָהן בילדער פון גאָט, בילדער וואָס מען זאָל קענען זעהן און אָנטאַפּען מיט די הענד. נאָר די בעסערע מענשען — די נביאים און זייערע תלמידים — האָבען געפּרעדיגט, אז גאָט קען ניט פאָרגעשטעלט ווערען אין קיין שום ממשות'דיגע בילדער און, אז זייענדיג דער נאציאָנאלער גאָט פון די אידען, איז ער אין דערזעלבער צייט אויך דער איינציגער גאָט פון דער גאנצער וועלט, דער בעשעפער פון דער נאַטור און די מענשען. מיט דעם דאָזיגען בעגריף פון גאָט האָבען זיי נאָך פערבונדען די פאָלגענדע מאָראל: גאָט פאָדערט פון זיינע מאמינים ניט אזוי צו אָבהיטען די אויסער־ליכע צערעמאָניעס, ווי די ריינקייט פון דעם הארצען און צו אָבהי־טען די העכערע מאָראלישע געזעצען. ניט די צערעמאָניעס נאָר די מאָראל איז דער יסוד פון דער רעליגיאָן. די דאָזיגע לעהרע, וועלכע האָט זיך אָנגעפאנגען מיט די נביאים פון מלכות ישראל ערב איהר אונטערגאנג, איז ווייטער געשפּונען געוואָרען אין מלכות יהודה און ענדליך האָט זי אינגאנצען געענדערט די רעליגיעזע בעגריפען פון די אידען.

§75. ליטעראַטור. אין פערלויף פון א סך יאָהרהונדער־

טער איז די גאַנצע גייסטיגע שאַפונג פון אידישען פאָלק בעשטאַנען פון טראַדיציעס, וואָס זיינען ניט געווען פערשריבען, נאָר זיי האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין מויל פון פאָלק. די געשיכטען וועגען דעם אָנהויב פון דער וועלט, ווי אַזוי עס זיינען געוואָרען לענדער און פעלקער, די מסורות וועגען דעם אַמאָליגען לעבען פון אידישען פאָלק, זיינע וואַנדערונגען, גבורות, מלחמות, די געשיכטען וועגען זיינע העלדען, לעהרער און מלכים, גאָט'ס געבאָטען און געזעצען, די גלויבענס און מנהגים — דאָס אַלץ האָט זיך אויפגעהאַלטען אין זכרון פון פאָלק און פלעגט איבערגעהן בעל־פה, אויסווענינ, פון דור צו דור. א סך לעגענדען פלעגען געזונגען ווערען אַלס פאָלקס־ליעדער. די וויכטיגסטע געבאָטען פון דער אמונה פלעגט מען אויסלערנען אויף אויסווענינ און נאָך אין די גאָר אַלטע צייטען פלעגט מען זיי אויסקריצען און פערצייכענען אויף שטיינערנע טאָוולען. דאָס ערשטע, וואָס עס איז אויפגעשריבען געוואָרען, איז געווען „תורת משה" — און וואָס־מעהר עס האָט זיך ענטוויקעלט דאָס אידישע פאָלק, אַלץ מעהר האָט זיך צווישען איהם פער־שפּרייט די גרויסע קונסט פון שרייבען. דעמאָלט האָט מען אָנ־געהויבען די מינדליכע טראַדיציעס צו פערשרייבען, כדי זיי צו פערהייבינען און בעהאַלטען פאַר די קומענדיגע דורות.

כתבים זיינען געברויכט געוואָרען ביי אידען נאָך אין די צייטען פון דוד און שלמה. דיביידע מלכים האָבען געהאַט מזכירים (סעקרעטאַרען), וועלכע פלעגען געוויס אויך פאַרשרייבען די גע־שעהענישען פון זייער צייט. אַזעלכע כראָניקען זיינען געפיהרט געוואָרען אויך אין די צייטען פון די שפּעטערדיגע מלכים אין ביידע טיילען פון דער מלוכה. דאָס קען מען זעהן דערפון, וואָס דער מחבר פון ספר „מלכים" (א' און ב') דערמאָנט אַלע מאָל די „דברי הימים למלכי ישראל" און „דברי הימים למלכי יהודה" אַלס קוועלען, וואָס ענטהאַלטען מעהר ידיעות. ווען עס האָט זיך ענטוויקעלט די שרייב־קונסט, האָט מען אָנגעהויי־

בען פערשרייבען אויך די אלטע פאָלקס־לעגענדען, ליעדער און זאגען. זיי זיינען פערצייכענט געוואָרען אין ציווי ספרים, וואָס זיינען ניט דערגאנגגען צו אונז: „ספר מלחמות ה׳" („דאָס בוך פון די מלחמות פון גאָט") און „ספר הישר" („דאָס בוך פון דעם עהרליכען", אָדער לויט דעם ריכטיגערען פירוש „דאָס בוך פון ליעדער"). פון דער דאָזיגער אלטער פּאָעזיע זיינען אין תנ"ך פערשריבען איינינע שטיקלעך: דאָס קלאָגליעד, אין וועלכען דוד בעווייגט דעם טויט פון שאול, און נאָך עטליכע ליעדער, וועלכע בעזינגגען די וואנדערונגען פון די אידען אין מדבר פאר משה׳ן און די עראָבערונג פון כנען פאר יושע׳ן.

די עלטססטע טיילען פון די היסטאָרישע און געזעצגעבערישע ספרים פון תנ"ך זיינען דער „חומש" אָדער די „תורה", „יהושע", „שופטים", „שמואל" און „מלכים". אין די דאָזיגע וואונדער־ליכע ספרים זיינען די פשוט׳ע זאגען פון פאָלק פערוואנדעלט געוואָרען אין בעלעהרענדע געשיכטען, פול מיט א טיעפען מאָ־ראלישען געדאנק. די צעוואָרפענע זכרונות פון פאָלק וועגען זיין עבר זיינען איבערגעארבייט געוואָרען אין צוזאמענגעבונדענע היסטאָרישע ערצעהלונגען, מיט א שארפער רעליגיעזער בעפאר־בונג. די געשעהענישען ביי דער בעשאפונג פון דער וועלט, דאָס לעבען פון די ערשטע מענשען, דעם מבול און דעם דור־הפלגה, וועלכע זיינען געווען פערשפּרייט ניט נאָר צווישען די אידען נאָר אויך צווישען אלע סעמיטען פון פאָדער־אזיען, האָבען גע־קראָגען א טיעפען רעליגיעזען געדאנק און א שעהנע פּאָעטישע פאָרמע. אין די געשיכטען פון דעם לעבען פון די אבות ווערט דורכגעפיהרט דער געדאנק וועגען דעם בונד צווישען גאָט און די אבות פון אידישען פאָלק, און די געזעצליכע רעכט פון די אידען, אויף כנען. נאָך שארפער ווערט דורכגעפיהרט דער דאָ־זיגער נאציאָנאל־רעליגיעזער געדאנק אין דער געשיכטע פון דער קנעכטשאפט פון די אידען אין מצרים און זייער וואנדערונג אין

מדבר. מיט העלע פארבען ווערט דא געמאלט די ערהאבענע פערזענליכקייט פון משה'ן, דעם גרויסען לעהרער פון פאלק; מתן־תורה איז דער יסוד פון דער אידישער אמונה און געזעצ־געבונג.

שפעטער האבען אויך די נביאים אנגעהויבען פערשרייבען זייערע דרשות, כדי זיי זאלען בלייבען פאר די קומענדע דורות. אליהו און אלישע זיינען געווען די לעצטע נביאים, וועלכע האבען נאך זיך ניט איבערגעלאזט קיין געשריבענעם מאנומענט. די גרויסע נביאים פון דער עפאכע, וועגען וועלכער עס וועט דער־צעהלט ווערען ווייטער (עמוס, ישעיה, ירמיהו און א סך אנדערע), האבען איבערגעלאזט דער וועלט גלענצענדע רעדעס, פול מיט טיעפע געדאנקען, וועלכע זיינען דער בעסטער טייל פון דער ביבלישער ליטעראטור.

## עלפטער קאפיטעל.

# דער לעצטער יאהרהונדערט פון די צוויי מלוכות.

(720—830 פאר קריסטל. צייטר.)

**§76. ירבעם דער צווייטער און דער נביא עמוס.** נאך א סך יאהרען פון אומגליקען און מלחמות אהן אויפהער, האט מלכות ישראל זיך ענדליך בערוהיגט און אויפגעבליהט אין דער צייט פון ירבעם דעם צווייטען (דער זוהן פון יהואש, דער פערטער קעניג פון יהואש'ס שטאם).

ירבעם דער צווייטער, וועלכער האט געקעניגט אן ערך פון זעכציג יאהר (769—830), האט געפיהרט ערפאלגרייכע מלחמות מיט די אונטערדריקער פון זיין פאלק, האט זיי אונטערטעניג געמאכט און האט אויסגעברייט די גרעניצען פון זיין מלוכה. ער האט בעזיעגט אין צפון די ארמים און איז אפילו אריינגעדרונגען איז זייער הויפטשטאדט דמשק. אין מזרח־זייט האט ער מנצח געווען די מואבים. אלע גרעניץ־שטעדט, וואס מען האט ביי די

אידען געהאט צוגענומען, האט ער צוריק צוגעשלאסען צו זיין מלוכה, וועלכע האט זיך איצט געצויגען, אזוי ווי אין די אמאליגע צייטען, פון די לבנון־בערג ביז׳ן ים־המלח.

אז מלכות ישראל האט זיך פערזיכערט געגען אנפאלען פון דרויסען האבען די איינוואוינער געקענט זיך רוהיג אבגעבען מיט פריעדליכע בעשעפטיגונגען. דער מסחר מיט די פעניצישע שטערט האט רייך געמאכט דאס לאנד. די הויפטשטאדט שמרון איז פערשעהנערט געווארען מיט רייכע פאלאצען. דער קעניג אליין האט געהאט צוויי פאלאצען: א זומערדיגען און א ווינטערדיגען. די גבירים און גרויסע לייט האבען געבויט זייערע הייזער פון געהאקטע שטיינער און זיי בעפוצט מיט העלפאנדביין. זיי פלעגען זיך קליידען אין רייכע געוואנדען, פלעגען עסען טייערע מאכלים, טרינקען טייערע וויינען און פלעגען זיך שמירען דאס לייב מיט דופטיגע איילען. אין די פאלאצען פון די שמרונ׳ישע גבירים פלעגט מען אימער הוליען און פראווען מאלצייטען; איבערהויפט האבען זיך די פרויען אריינגעלאזען אין וואוילטאג און תענוגים. אבער מיט די פערגעניגענס און צולאזענקייט איז געקומען א דורשט נאך מעהר רייכטום. פיעלע פלעגען אנלעבען זייערע פערמעגענס דורך פאלשקייט און געוואלט, דורך אונטערדריקען די ארבייטענדע און די ארימע. די רייכע לייט פלעגען לייהען די ארימע געלט אויף פראצענט, און ווען דער בעל־חוב האט ניט געקענט אבצאלען דאס געלט צום טערמין פלעגט מען ביי איהם צונעהמען זיין לעצטען איינענטום אדער מאכען איהם פאר א קנעכט. אין יאהרען פון אונגערעטעניש פלעגען די רייכע פערקויפען צו די ארימע ברויט פון זייערע שפייכלערס פאר הויכע פרייזען. די סוחרים פלעגען נארען די קונים, בענוצענדיג א פאלשע וואג און א פאלשע מאס. די ריכטער און בעאמטע זיינען געשטאנען אויף דער זייט פון די רייכע און מעכטיגע, און ניט פון די ארימע און שוואכע. זיי פלעגען נעהמען שוחד פון די בעליידיגער און זיך ניט קימערען וועגען די קלאגען פון די געקריוודעטע. די כהנים האבען זיך אויך געיאגט נאך רייכקייט און פערגעניגענס און האבען דערמיט געגעבען א שלעכטען ביישפיעל דעם פאלק. די מדות זיינען פערדארבען געווארען און מיט זיי אויך די רעליגיעזע אידעען.

אין יענער צייט זיינען ארויסגעטראָטען מיט פייערדיגע רייד נייע נביאים, וועלכע האָבען געהאַט דעם מוט צו שטראָפען די הערשער און מעכטיגע לייט פאר זייערע שלעכטע מעשים. דער שעהנסטער רעדנער צווישען די דאָזיגע נביאים איז געווען עמוס. אין דער יוגענד איז ער געווזען א פאסטוך אין דעם שטעדטעל תקוע, אין יהודה, נאָר שפּעטער האָט ער זיך אריבערגעצויגען אין בית־אל, וואו עס איז געשטאַנען דער וויכטיגסטער טעמפּעל פון מלכות ישראל און וואוהין דער קעניג ירבעם פלעגט אָפט קומען צופאָהרען. זייענדיג געוועהנט צום איינפאכען לעבען פון דאָרף, איז עמוס אויפגעבראכט געוואָרען פון דער צולאָזענקייט פון דער גרויסער שטאָדט. בעגאבט מיט א פייערדיגער שפּראך האָט עמוס גענומען פּערדאמען די זינד פון זיינע פאָלקס־ברידער. אין זיינע דרשות צום פאָלק האָט ער ביטער אטאקירט די זשעדנעקייט און פערשווענדעריי פון די רייכע, די אכזריות פון די שטארקע און מאכטהאָבער, און די פערדאָרבענע מדות. ער האָט געזאָגט, אז אויב דאָס פאָלק וועט ניט בעסער ווערען וועלען אויפ׳ן לאנד קומען גרויסע אומגליקען. די רייד פון דעם נייעם נביא זיינען ניט געפעלען געוואָרען די כהנים פון דעם טעמפּעל אין בית־אל. איינער פון זיי, אמציה, האָט פער׳מסר׳ט פאר׳ן קעניג ירבעם, אז דער נביא עמוס מאכט דאָס פאָלק אונרוהיג, דערמיט וואָס ער זאָגט נביאות, אז דאָס לאנד וועט אונטערגעהן, און אמציה האָט בעפעהלען עמוס׳ען ער זאָל פערלאָזען בית־אל, די היילינגע שטאָדט פון ישראל, און זאָל געהן קיין יהודה און דאָרט זאָגען זיינע נביאות. דערויף האָט עמוס געענטפערט: „איך בין ניט קיין נביא און ניט דער זוהן פון א נביא; איך בין געווען א שטילער פאסטוך און האָב געקליבען פייגען, נאָר גאָט האָט מיך גענומען פון דער סטאַטע שאָף און האָט מיר געזאָגט: גע זאָג נביאות צו מיין פאָלק ישראל!“ און טאקע באלד האָט עמוס אין די שטארקסטע אויסדרוקען איבערגע׳חזר׳ט זיינע שרעקליכע נביאות וועגען דעם גורל פון מלכות ישראל.

עמוס איז דער ערשטער אידישער נביא, וועמעס רעדעס עס זיינען דערגאַנגען צו אונז אין די היילינגע שריפטען. אין זיינע נביאות קלינגט א מעכטיגער רוף צו איבערבויען דאָס

נעזעלשאפטליכע לעבען אויף די יסודות פון רעכט און יושר, פרייהייט און גלייכהייט. „וועה צו די — שרייט אוים דער נביא — וועלכע ליגען אויף בעטען פון העלפאנדביין און ציהען זיך אוים אויף זייערע געלעגערס, עסען אבגעפיטערטע באראנען, טרינקען וויין פון גרויסע בעכער, צימבלען אויף די הארפען — און קימערען זיך ניט אויפ'ן בראך פון יוספ'ס הויז!" דערפאר וואס איהר טרעט אויפ'ן ארימאן — זאגט עמוס צו די רייכע — „וועט איהר בויען הייזער פון געהאקטען שטיין אבער וואוינען אין זיי וועט איהר ניט; איהר וועט פערפלאנצען שעהנע וויינגערטנער, אבער דעם וויין פון זיי וועט איהר ניט טרינקען". און צו די פרויען פון העכערען קלאס, וועלכע האבען זיך געיאגט נאך תענוגים, זאגט דער נביא מיט צארן: „הערט אוים, איהר קיה פון בשן, איהר וואס בערויבט די ארימע, צושטויסט די אביונים און זאגט צו אייערע הארען: ברענגט אונז — און מיר וועלען טרינקען! עס וועלען קומען טעג און מען וועט אייך פיהרען אויף שיפען (אין גלות) און אייער רעשט — אין פישער־שיפלעך". דער נביא לאכט־אב פון דער פאלשער פרומקייט, וועלכע האט דאמאלס געהערשט ביי אידען — און ער ערקלערט, אז גאט שעצט ניט די רעלי־גיעזע צערעמאניעס, נאר גוטסקייט און עהרליכקייט צו מענשען: „צו־וואס ברענגט איהר מיר קרבנות? — זאגט גאט. איך וויל ניט אייערע קרבן עולות און מתנות! אייערע ימים־טובים האס איך, דער ריח פון אייערע קטורת אויף אייערע פערזאמלונגען איז מיר מיאוס. נעהם אוועק פון מיר דאס ברומען פון דיינע ליעדער, און לאמיך ניט הערען די קלאנגען פון דיינע גיטארען. זאל בעסער די גערעכטיגקייט זיך צופליסען ווי א וואסער (אומעטום), זאל יושר זיך צוגיסען ווי א מעכטי־גער שטראם! עס וועלען אנקומען טעג און איך וועל שיקען א הונגער אויף דער ערד, אבער ניט א הונגער פון ברויט און ניט קיין דורשט פון וואסער, נאר א דורשט צו הערען גאט'ס ווארט. און עס וועלען וואנדערען די מענשען פון ים צו ים, פון צפון צו מזרח וועלען זיי וואגלען, זוכענדיג גאט'ס ווארט, אבער זיי וועלען עס ניט געפינען". דער נביא שטעלט גאנץ אפען יהודה העכער ווי מלכות ישראל. אין יהודה און אין דער

געזעצליכער דינאַסטיע פון דוד זעהט ער יענעם קערן פון פּאָלק, וואס וועט זיך אויפהאַלטען נאָך אַלע פּאָליטישע איבערקערע־נישען. „איך וועל צושפּרייטען די קינדער פון ישראל צווישען די פעלקער — זאָגט גאָט — נאָר דעם גאַנצען שטאַם פון יעקב וועל איך ניט פערטיליגען. איך וועל אויפשטעלען צוריק דעם צומרייסעלטען געצעלט פון דוד'ן“.

§ 77. מהומות אין מלכות ישראל.; אשור. דאָס לאַנגע קעניגען פון ירבעם דעם צווייטען איז געוועזן די לעצטע רוהיגע צייט אין דעם לעבען פון מלכות־ישראל. נאָכ'ן טויט פון דעם דאָזיגען קעניג האָבען זיך אָנגעהויבען מהומות. די מלכים האָבען זיך שנעל געביטען איינער נאָכ'ן אַנדערען אויפ'ן טראָהן, און די קעניגליכע מאַכט פלעגט פערכאַפּט ווערען דורך פערראַט און מאָרד. זכריה, דער זוהן פון ירבעם דעם צווייטען, האָט געקעניגט בלויז אַ האַלבען יאָהר. מען האָט געמאַכט געגען איהם אַ פערשווערונג און איהם געהרג'עט. מיט זיין טויט האָט זיך געענדיגט די דינאַסטיע יהוא. אויפ'ן טראָהן אין שמרון איז אַרויף דער מערדער פון זכריה, שלום. אָבער אין גיכען איז ער אויך געפאַלען פון די הענד פון מורדים, וועלכע זיינען אָנגעפיהרט געוואָרען פון מנחם בן גדי, פון תרצה. מנחם איז אַריינגעטראָטען אין שמרון און האָט זיך ערקלערט פאַר מלך (768). די יעניגע וואָס האָבען ניט געוואָלט אָנערקענען זיין הערשאַפט האָט ער גרויזאַם פערפאָלגט. די איינוואוינער פון דער שטאָדט תפסח האָבען זיך ענטזאָגט אַריינצו־לאָזען צו זיך דעם זעלבסט־געקרוינטען קעניג. מנחם האָט בעלאַ־גערט די שטאָדט, און ווען זי האָט זיך אונטערגעגעבען האָט ער דאָרט אויסגעהרג'עט אַלע איינוואוינער, אפילו קינדער און מעוברת'ע פרויען. עס האָט זיך שיער ניט צופלאַקערט אַ בירגער־קריעג, נאָר אין יענער צייט האָט זיך אויף מלכות ישראל אָנגע־רוקט אַ שרעקליכער שונא פון מעסאָפּאָטאַמיען. דאָס זיינען געווען די אַסיריער, וועלכע האָבען בעשאַפען די גרויסע מלוכה אשור, צווישען די טייכען פרת און חדקל.

אין יענער צייט איז אשור דורך איהרע קריעגערישע מלכים געוואָרען די מעכטיגסטע מלוכה אין מערב־אזיען. נאָכדעם ווי די אַסיריער האָבען איינגענומען אַ סך לענדער אין אַרמעניען,

מדי (מידיען) פּרס (פּערסיען) און בבל, האָבען זיי זיך גענומען
ציהען צו די ברעגען פון דעם מיטלענדישען ים. זיי האָבען
געוואָלט איינגעהמען סיריען און פעניציען, וואָס זיינען געלעגען
ביים ים, די קעניגרייכען ישראל און יהודה, און ענדליך זיך
דערלאַנגען צו דער גרויסער עגיפּטען. די אסירישע הערשער
האָבען זיך גערופען „גרויסע מלכים", און האָבען געשטרעבט
איינצונעהמען די גאַנצע וועלט; זייער הויפּטשטאָדט איז געווען
נינוה, א גרויסע שטאָדט אויפ'ן ברעג פון טיגרים. נינוה איז
געווען בעוואוסט מיט איהר גרויסער בעפעלקערונג, מיט איהרע
רייכטימער, פּרעכטיגע פּאַלאַצען און הייליגע טעמפּלען. די
אסיריער האָבען געדיענט צו די שטערען און זייערע הויפּט־געטער
זיינען געווען: בל, דער גאָט פון דער זון, און אישתר, די קעני־
גין פון הימעל און די געטין פון פרוכטבארקייט. בל האָט זיך
גערעכענט אויך פאַר'ן גאָט פון מלחמה, און זיין גנאָד האָט מען
געקענט געווינען מיט בלוטיגע קרבנות צו איהם. די אסירישע
קריעגסלייט האָט מען אומעטום געהאַלטען פאַר גרויזאַמע און
אונבעזיעגבארע. ישעיה הנביא שילדערט דעם אסירישען קריעגער
אזוי: „ער געהט פלינק און גרינג, ער ווערט ניט מיעד און
ווערט ניט שוואך, ער דרימעלט ניט און שלאָפט ניט. דער
גאַרטעל פון זיינע לענדען ווערט קיינמאָל ניט ארונטערגענומען,
און דער רימען פון זיין שוך בינדט זיך קיינמאָל ניט פונאנדער.
זיינע פיילען זיינען אָנגעשאַרפּט און זיין בויגען איז אָנגעצויגען.
די קאָפּיטעס פון זיינע פערד זיינען ווי קיזעלשטיין, און זיינע
רייטוועגען — ווי דער שטורם־ווינד. זיין געשריי איז גליך
צום ברומען פון לייב: ער גיט א ברום און כאַפּט זיין רויב און
פליהט מיט איהר אוועק — און קיינער קען פון איהם ניט
רעטען". און די דאָזיגע שרעקליכע קריעגער האָבען איצט
געוואָרפען אַן אויג אויף מלכות־ישראל.

דער אסירישער מלך פּול האָט זיך א רוק געטהאָן מיט א
גרויסען חיל איבער דמשק, איז בעפאַלען די נחלות פון די צפונ'־
דיגע שבטים, וואו ער האָט פערנומען א סך רויב און געפאַנגענע,
און האָט זיך געלאָזט געהן אויף דער הויפּטשטאָדט שמרון. דער
קעניג מנחם האָט זיך געפונען צווישען צוויי פייערען: צווישען

דעם פיינדליכען טייל פון זיין אייגענעם פאָלק און דעם שונא פון דרויסען. האָט ער בעשלאָסען צו זוכען שטיצע ביי דעם דרויסענ־דיגען פיינד געגען דעם אינוועניגסטען. און ער האָט געגעבען פול'ן א גרויסע סומע אויסלייז־געלט מיט דעם תנאי, אז ער זאָל לאָזען דאָס לאַנד צורוה און זאָל בעפעסטיגען זיין, מנחמ'ס, הער־שאַפט איבער מלכות־ישראל. דער שונא איז אוועק אָבער פון דעמאָלט אָן איז מלכות־ישראל געוואָרען אונטערטעניג צו אשור.

נאָך צעהן יאָהר קעניגען איז מנחם געשטאָרבען און אין צוויי יאָהר ארום האָט די קעניגליכע הערשאַפט אריינגעכאַפט דער ענערגישער קריעגספיהרער פקח (755).

פקח איז געווען א מענש מיט א סך מוט און א גרויסען אונטערנעהמונגס־גייסט, און ער האָט בעשלאָסען צו בעפרייען זיין לאַנד פון אשור'ס יאָך. פאַר דיעזען צוועק איז ער אריינגעטראָטען אין א בונד מיט די אַנדערע פעלקער, וואָס זיינען געווען אונטער־דריקט פון אשור. דער ארמ'ישער קעניג רצין און דער קעניג פקח האָבען זיך פעראייניגט כדי מיט בשותפות'ע כחות צו פערטיידיגען זיך געגען דעם מעכטיגען פיינד. די פערבינדעטע האָבען בעשלאָ־סען צוצוציהען אויף זייער זייט אויך דעם קעניג פון יהודה.

אין יענער צייט פון צרות און מהומות, ווען די מלכים פלעגען דורך מאָרד אריינכאַפען די מאכט אין זייערע הענד, די רייכע לייט האָבען זיך אריינגעלאָזט אין וואוילטאָג און געצענדיענסט און דאָס ארבייטער־פאָלק האָט געשמאכט אין דחקות און אונוויסענהייט, האָבען זיך בעוויזען נייע בעגייס־טערטע נביאים, וועלכע האָבען אָנגעוויזען דעם פאָלק אויף זיינע שלעכטע מעשים. דער וויכטיגסטער נביא פון יענער צייט איז געווען הושע. אין פייערדיגע רייד אטאקירט ער די רעליגיעזע און פאָליטישע טעות'ן פון פאָלק. הושע פערגלייכט מלכות שמרון מיט א פאלשער פרוי, וועלכע האָט פערלאָזען איהר געזעצליכען מאן, גאָט, און איז אוועק נאָך איהר געליעבטען בעל. מיט ביטערקייט רעדט ער וועגען די מלכים פון שמרון, וועלכע בעוויזען זיך ווי „שוים אויפ'ן וואסער", וועגען דעם לאַסט פון דעם מלך און די הארען. „איך גיב דיר א מלך אין מיין צאָרן און נעהם איהם צו אין מיין [illegible]" — זאָגט דער

נביא אין דעם נאָמען פון גאָט. ער דערמאָנט דעם פּאָלק זיין היסטאָרישע יוגענד, די צייט ווען ער איז ארויס פון מצרים און געוואנדערט איבער'ן מדבר. „ווען ישראל איז יונג געווען, האָב איך איהם ליעב געהאַט — זאָגט גאָט מיט די ליפּען פון דעם נביא; — פון מצרים האָב איך גערופען דעם זוהן מיינעם... ווי וויינטרויבען אין מדבר האָב איך געפונען ישראל'ן; ווי יונגע פרוכט אויפ'ן פייגענבוים האָב איך דערזעהן די אורעלטערען אייערע". דער נביא דריקט אויס די האָפנונג, אז נאָך א סך ליידען וועט די זינדיגע שמרון חרטה האָבען און וועט זאָגען: „איך וועל געהן און וועל זיך אומקעהרען צו מיין ערשטען מאַן, ווארום מיר איז בעסער געווען דעמאָלט ווי יעצט".

§ 78. די מלכים עוזיהו און אחז אין יהודה. אין מלכות יהודה זיינען ניט געווען אזעלכע בלוטיגע איבערקערענישען, ווי די וואָס האָבען אויסגעזויגען די כחות פון מלכות ישראל. דאָ איז דוד'ס דינאסטיע געווען שטארק און דער טראָהן פלעגט אריבער־געהן בירושה פון פאָטער צו זוהן. אין דער צייט פון עוזיהו, דעם אייניקעל פון יואש (755—805), האָט מלכות יהודה וויעדער דער־גרייכט צו מאכט און רייכקייט. עוזיהו האָט פעראייניגט אין זיך די פעהיגקייטען פון א העלדישען קריעגספיהרער און א גוטען מושל. כדי צו בעשיצען דאָס לאנד פון פיינדליכע אָנפאַלען האָט ער פערגרעסערט זיין חיל און האָט אויסגעבויט א סך פעסטונגען אין פערשיידענע ערטער; איבערהויפּט האָט ער בעפעסטיגט די מויערען פון ירושלים, האָט אויפגעבויט טהורמס, און האָט אוועק־געשטעלט אויף זיי גרויסע מאשינען, וואָס ווארפען שטיינער און פיילען. עוזיהו האָט זיך אויך אָבגעגעבען צו ענטוויקלען ערד־ארבייט און מסחר. יהודה האָט געפיהרט האנדעל מיט פעניציען און מצרים און איז געוואָרען אַלץ רייכער און רייכער. „דאָס לאנד איז געוואָרען פול מיט זילבער און גאָלד, מיט פערד און רייטוועגען" — זאָגט א נביא פון יענער צייט. אָבער ווען דאָס רייכטום און דער אויסוועניגסטער גלאנץ פון יהודה זיינען געשטי־גען, האָט מען דאָ אויך אָנגעהויבען ציהען צו וואוילטאָג און פער־דאָרבענע מדות, הגם ניט אין אזא מאָס ווי אין מלכות ישראל. דער קעניג עוזיהו איז בכלל געווען א פרומער, נאָר אין די לעצטע

יאָהרען פון זיין לעבען איז צווישען איהם און די כהנים פאָרגע־קומען אַ צוזאַמענשטויס. איינמאָל איז ער אריין אין בית־המקדש און האָט געוואָלט אָנצינדען די קטרת אויפ'ן מזבח, וואָס נאָכ'ן דין האָבען עס געמעגט נאָר די כהנים. דער תנ"ך דערצעהלט, אַז ווי נאָר דער קעניג איז צוגעגאַנגען צום מזבח האָט זיך ביי איהם אויפ'ן שטערען בעוויזען אַן אויסשלאַג. נאָכ'ן געזעץ האָט אַ קרע־ציגער געמוזט לעבען אָבגעזונדערט און האָט זיך ניט געטאָרט ווייזען צווישען מענשען. זייענדיג געשטראָפט מיט דער שרעק־ליכער חולאת האָט עוזיהו נאָך ביים לעבען איבערגעגעבען די קעניגליכע מאַכט צו זיין זוהן יותם, וועלכער האָט געוועלטיגט פופצעהן יאָהר.

אַן אונרוהיגע צייט איז אָנגעשטאַנען אין יהודה אין די יאָה־רען פון יותם'ס זוהן אחז (724—739). אחז איז אַרויף אויפ'ן טראָהן אין יענער צייט ווען פקח, דער מלך פון ישראל, און רצין, דער מלך פון ארם, האָבען געשלאָסען אַ בונד געגען אשור. זיי האָבען פאָרגעלעגט דעם מלך פון יהודה ער זאָל זיך אויך אָנשליסען אָן דעם דאָזיגען בונד געגען דעם אַלגעמיינעם שונא. נאָר אחז, מורא האָבענדיג פאַר דער מעכטיגער אשור, האָט ניט געוואָלט צושטעהן צום בונד. דעמאָלט האָט פקח און רצין ערקלערט קריעג אחז'ן. די אַרמייען פון די פעראייניגטע מלכים האָבען זיך אריינ־געריסען אין יהודה און דאָרט געמאַכט אַ גרויסען חורבן; זיי האָבען זיך שוין אפילו גענומען דערנעהנטערען צו ירושלים. אחז איז געווען אין אַ פערצווייפעלטער לאַגע. האָט ער געשיקט צום אסירישען קעניג, תגלת פלאסר, און איהם אַזוי געזאָגט: „איך בין דיין קנעכט און דיין זוהן. קום און רעטע מיך פון די הענד פון די מלכים פון ארם און ישראל, וועלכע געהען מיט געוועהר געגען מיר!" דער אסירישער קעניג איז געווען זעהר צופריעדען פון דער אונטערטעניגקייט פון אחז, וועלכער, אָנשטאָט זיך צו פעראייניגען מיט אשור'ס פיינד, האָט גאָר הכנעה'דיג געבעטען איהר שוץ, און ער האָט באַלד אַרויסגעשיקט אַ חיל אין די לענדער פון פקח און רצין, וועלכע האָבען געגען איהם מורד געווען.

§ 79. דער אונטערגאַנג פון מלכות ישראל. אַזוי שנעל ווי פקח און רצין האָבען זיך דערוואוסט אַז אשור'ס חיל איז אָנגע־

פאלען אויף זייערע לענדער, האבען זיי אבגעלאזט יהודה און זיך שנעל אומגעקעהרט יעדערער אין זיין מלוכה. אבער עס איז שוין געווען צו שפעט. תגלת־פלאסר האט איינגענומען דמשק, די הויפטשטאדט פון ארם, און האט פערטריבען די איינוואוינער אין א ווייטען לאנד; דעם קעניג רצין האט ער גענומען געפאנגען און איהם געטויט. די ארמ׳ישע מלוכה איז צוגעשלאסען געווארען צו אסיריען — און האט שפעטער געקראגען דעם נאמען סיריען (פערקירצט פון אסיריען). נאכדעם איז תגלת־פלאסר אריינגעטראטען אין מלכות־ישראל און האט איינגענומען אין מזרח דעם גאנצען גלעד, און אין צפון — די נחלות פון די שבטים נפתלי, זבולן און אשר. די דאזיגע לענדער האט ער אריינגענומען אין זיינע גרעניצען און זייערע איינוואוינער האט ער אוועקגעפיהרט געפאנגען און זיי צושפרייט אין אלע ווינקלען פון דעם גרויסען אסירישען קעניגרייך.

אויף אזא אופן איז פון מלכות־ישראל אבגעריסען געווארען א העלפט פון איהר לאנד (735). פקח איז געבליבען קעניג בלויז איבער׳ן לאנד פון אפרים און די גאנץ־געבליבענע שכנ׳ישע שבטים, אין וועלכע עס האט זיך געפונען די הויפטשטאדט שמרון. דאס געבליבענע לאנד האט אויך געמוזט אנערקענען די אויבערהערשאפט פון אסירישען קעניג און צאלען איהם צינז. א טייל פון פאלק איז געווארען אונצופריעדען מיט פקח׳ן, וועלכער האט געבראכט אזא אונגליק אויפ׳ן לאנד און מען האט געמאכט געגען איהם א פערשווערונג. דער אנפיהרער פון דער פערשוועהרונג, הושע בן־אלה, האט גע׳הרג׳עט פקח׳ן און, מיט דער הילף פון די אסיריער, איז ער געווארען קעניג (734).

צעהן יאהר לאנג איז הושע געבליבען אונטערוואדפען צו אשור. דאס האט איהם שווער געדריקט און ער האט געזוכט א געלעגענהייט זיך צו בעפרייען פון דעם פרעמדען יאך. ווען תגלת־פלאסר איז געשטארבען האבען זיך אין פאלעסטינא ווידער אנגעפאנגען אונרוהען. די פעניציער פון צור און עטליכע אנדערע פעלקער זיינען אויפגעשטאנען געגען דער אויבערהערשאפט פון אשור. די אויפגעשטאנענע קליינע פעלקער האבען א סך געהאפט אויף דער הילף פון אשור׳ס גרויסען געגנער — מצרים. די אלגע־

מיינע בעוועגונג האָט אריינגעצויגען אויף דעם מלך פון ישראל, און הושע האָט זיך אין דער שטיל פערבונדען מיט דעם עגיפּטישען קעניג סאָ. פערלאָזענדיג זיך אויף דער הילף פון מצרים האָט הושע אויפגעהערט שיקען דעם יעהרליכען צינז צו תגלת־פלאסר׳ס יורש, דעם „גרויסען מלך“ שלמנאסר. אָבער ער האָט זיך אָבגענארט אין חשבון. ווען דער דערצאָרנטער שלמנאסר האָט זיך אריינגע־ריסען מיט א גרויסען חיל אין מלכות ישראל, האָבען די מצריים אפילו ניט געפּרובט קומען די אידען צו הילף. די אסיריער האָבען גענומען די אידישע שטעדט איינע נאָך דער אנדערער און זיינען באלד צוגעקומען צו שמרון און האָבען זי בעלאגערט. נאָך פאר דער בעלאגערונג פון דער הויפּטשטאָדט איז הושע געפאנגען געוואָרען פון די אסיריער, וועלכע האָבען איהם פערשפּארט אין תפיסה (724). די בעלאגערטע איינוואוינער פון שמרון האָבען מיט גרויס מוט זיך געשטעלט נעגען דעם שונא. דריי יאָהר האָבען די אסיריער בעלאגערט די גוט־בעפעסטיגטע אידישע הויפּט־שטאָדט, וועלכע איז געפאלען שוין נאָכ׳ן טויט פון שלמנאסר, אין דער צייט פון זיין נאָכפאָלגער סרגון (721).

אז שמרון איז געפאלען האָט דער אסירישער הערשער בע־שלאָסען אויף אייביג צו פערניכטען מלכות ישראל. פאר דיעזען צוועק האָט ער זיך בענוצט מיט דעמזעלבען מיטעל, וואָס די אסי־ריער פלעגען שטענדיג געברויכען ווען זיי פלעגען איינצנעהמען א פיינדליכע מדינה. ער האָט צעהנדליגער טויזענדער אידען אוועק־געפיהרט אין געפאנגענשאפט און האָט זיי צושפּרייט איבער אלע ווינקלען פון זיין מלוכה: „אין חלח, חבור, ביים טייך גוזן און אין די שטעדט פון מדי“. פון שמרון אליין האָט מען אוועקגעפיהרט 27,280 אידען. אָבער א סך האָבען בעוויזען זיך צו רעטען, אנט־לויפענדיג אין דער שכנ׳ישער מלכות יהודה. אין א יאָהר ארום נאָך דער מפּלה פון שמרון (720) האָבען די האָרטיגע פערבליבענע איינוואוינער ווידער געפּרובט מאכען אן אויפשטאנד. דאָס האָט ווידער געפיהרט דערצו, אז א סך אידען זיינען מיט געוואלד אוועקגעשיקט געוואָרען אין ווייטע לענדער. און אזוי האָבען שמרון און אנדערע אידישע שטעדט פערלאָרען דעם גרעסטען טייל פון זייערע איינוואוינער. זייענדיג פערטריבען אין ווייטע לענדער

האָבען זיך די אידען אויסגעמישט מיט די דאָרטיגע היידנישע פעלקער, און ענדליך זיינען זיי כמעט אינגאַנצען פערשוואונדען צווישען זיי. אין די פערוויסטע אידישע שטעדט האָט דער אסירישער קעניג אריבערגעבראַכט און בעזעצט אסיריער, בבלים און כותים פון זיין אייגענער מלוכה. די דאָזיגע נייע איינוואוינער זיינען געווען געצענדיענער, נאָר מיט דער צייט האָבען זיי איבער־גענומען אַ סך אידישע מנהגים און גלויבענס. זיי האָבען זיך אויסגעמישט מיט דעם רעשט פון די דאָרטיגע אידען און צולעצט זיינען זיי געוואָרען אַ בעזונדערע האַלב־געצענדיענערישע, האַלב־אידישע פעלקערשאַפט, בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „שמרונים“.

אזוי איז אונטערגעגאַנגען מלכות ישראל, די מלוכה פון די צעהן שבטים, וועלכע האָט עקזיסטירט צוויי הונדערט און פופציג יאָהר נאָכדעם ווי זי האָט זיך אָבגעטיילט פון מלכות יהודה. אונטערגעגאַנגען איז ניט נאָר די מלוכה, נאָר אויך אַ גרויסער טייל פון אידישען פאָלק, וועלכער איז פערשוואונדען צווישען די אזיאַטישע פעלקער. דאָס דאָזיגע אומגליק איז צוגעגרייט געוואָרען לאַנגזאַם. די צושפּאַלטונג פון דער מלוכה נאָך שלמה'ן איז געווען דער ערשטער קלאַפּ פאַר דער גאַנצקייט פון אידישען פאָלק. די צוריסענע מלוכה האָט ניט געקענטביישטעהן געגען די דרויסענ־דיגע שונאים. די גרעסערע העלפט איז חרוב געוואָרען; געבלי־בען איז נאָר די קלענערע — יהודה. פון דעם אידישען פאָלק זיינען געבליבען נאָר דער שבט יהודה און בנימין, אַ טייל פון דעם שבט לוי, און די רעשטען פון די צפונ'דיגע שבטים, וועלכע זיינען אַנטלאָפען קיין יהודה נאָכ'ן חורבן פון שמרון.

§ 80. דער קעניג אחז און ישעיה הנביא. דאָס מעכטיגע אשור האָט חרוב געמאַכט די האַרטנעקיגע מלכות־ישראל, אָבער זי האָט געשוינט די הכנעה'דיגע יהודה. אחז, דער מלך פון יהודה, האָט אַנערקענט דעם מלך פון אשור פאַר זיין אויבערהערשער. ווען תגלת־פלאסר האָט שוין געהאַט איינגענומען אַ העלפט פון מלכות ישראל איז אחז אוועק קיין דמשק צו בעגריסען דאָרט דעם זיעגער און געווינען זיין פריינדשאַפט. אין דמשק האָט זיך אחז בעקענט מיט די אסירישע פיהרונגען און זיי זיינען איהם זעהר געפעלען געוואָרען. איבערהויפּט האָט ביי איהם אויסגענומען דער

געצענדיענערישער מזבח, אויף וועלכען דער זיענער פלעגט ברענגען קרבנות צום אסירישען גאָט. אחז האָט פון דמשק אוועקגעשיקט צום כהן גדול אוריה אין ירושלים א צייכנונג פון דעם דאָזיגען מזבח און איהם בעפעהלען אויסצובויען פונקט אזא מזבח. אוריה האָט ערפילט דעם בעפעהל פון קעניג.

ווען אחז איז צוריקגעקומען פון דמשק האָט ער אָנגעהויבען איינפיהרען אין ירושלים דעם אסירישען דיענסט צו דער זון און די שטערען. ביים אריינגאנג פון בית־המקדש האָט ער אוועקגעשטעלט א רייטוואָגען מיט פערד לכבוד דעם גאָט פון דער זון. אחז איז אזוי ווייט אוועק אין זיין געצענדיענסט, אז איינמאָל ווען ער איז געווען אין א סכנה, האָט ער פערברענט איינעם פון זיינע זיהן אויפ'ן מזבח פון דעם אָבגאָט מלך. ער האָט זיין קינד געבראכט פאר א קרבן צו שטילען דעם צאָרן פון דעם אָבגאָט. און א סך חשוב'ע לייט פון יהודה האָבען נאָכגעטהאָן דעם קעניג'ס מיאוס'ע מעשים. די פערדאָרבענקייט פון די מדות אין יהודה איז אלץ שטארקער געוואָרען און עס איז געווען א סכנה, אז זי זאָל זיך ניט צעוואַקסען אזוי ווי אין מלכות ישראל. צום גליק איז געשעהן, אז ווען אחז איז געשטאָרבען, איז אויפ'ן טראָהן פון יהודה ארויף געטראָטען זיין זוהן, דער קלוגער און גאָטספאָרכטיגער חזקיהו (724), וועלכער האָט אָנגעהויבען פיהרען דאָס לאנד אין אידישען גייסט. ווען די אסיריער האָבען איינגענומען שמרון אין די ערשטע יאָהרען פון חזקיהו'ס קעניגען, האָבען די איינוואוינער פון יהודה געזעהן אין דעם די גערעכטע שטראָף פון גאָט פאר די זינד פון ישראל; זיי האָבען זיך אראָבגענומען א מוסר און זיינען געוואָרען צוגעשטאנען צו זייער יונגען קעניג חזקיהו, וועלכער האָט זיך גענומען אויסוואָרצלען דעם געצענדיענסט און איינפיהרען א נייע אָרדנונג אין לאנד.

אין די צייטען פון די מלכים אחז און חזקיהו האָט אין יהודה געלעבט דער גרעסטער אידישער נביא, ישעיה, דער זוהן פון אמוץ. זיין נביאות האָט זיך אָנגעהויבען נאָך אין דער צייט פון אחז. יהודה איז דעמאָלט געווען שטארק רייך און האָט געלעבט בשלוה, נאָר איהרע גרויסע און רייכע לייט האָבען נאָכגעטהאָן די פערדאָרבענע מדות פון די שמרונים. ישעיה האָט זיך תמיד געדרעהט

אין דער העבערער געזעלשאפט פון ירושלים און ביטער געשטראפט די דאזיגע געזעלשאפט פאר איהרע זינד. ער האט ארויסגעשטעלט פאר'ן פאלק יענע הויכע געזעלשאפטליכע און גייסטיגע אידעאלען, צו וועלכע עס האבען שפעטער אין משך פון א סך יאהרהונדערטען געשטרעבט די גרעסטע לעהרער פון דער מענשהייט.

„ווי איז די געטרייע שטאדט אן אויסגעלאסענע געווארען! — רופט אויס דער נביא. — זי וועלכע איז פול מיט גערעכטיגקייט געוועזען! אין איהר פלעגט עהרליכקייט רוהען, און איצט — מערדערס (בלויז). דיינע פירשטען זיינען ווידער־שפעניגער, קאמעראדען פון גנבים, איטליכער האט ליעב געשאנקען און יאגט זיך נאך בעצאלונג. דעם יתום גיבען זיי ניט זיין רעכט און די קלאגע פון דער אלמנה קומט צו זיי ניט אן"... „וועה צו די וועלכע רוקען א הויז צו א הויז און נעהנטערען א פעלד צו א פעלד אז ס'איז מעהר קיין פלאץ ניטא, און איהר אליין בלייבט זיצען אינ'ם לאנד"... „צו וואס מיר אייערע פיעל אפפער? — זאגט גאט. ווען איהר קומט זיך ווייזען פאר מיין געזיכט, ווער בעט עס פון אייך איהר זאלט מיינע הויפען טראמפ־לען? ברענגט ניט אייערע ליגען־געשאנקען; אייער ווייהרויך איז אן עקעל פאר מיר. אייערע מאנאט־פעסטען און אייערע פייערטעג האסט מיין זעלע. וויפיעל איהר זאלט ניט בעטען הער איך זיך ניט איין; אייערע הענד זיינען מיט בלוט געפילט. וואשט זיך אב, רייניגט זיך, טהוט־אב אייערע בייזע טהאטען פון מיינע אויגען, הערט־אויף שלעכטס צו טהאן. לערנט זיך גוטס טהאן, זוכט גערעכטיגקייט, אונטערשטיצט דעם אונטערדריקטען, גיט זיין רעכט דעם יתום, נעהמט זיך אן די קריוודע פון דער אלמנה!" (יהואש'ס איבערזעצונג).

ישעיה'ס נביאות ווערט בעזונדערס שארף אין דער צייט פון אחז, ווען מען האט אין ירושלים אנגעהויבען נאכמאכען די אסי־רישע ארדנונגען און איינפיהרען דעם געצענדיענסט. דער נביא האט געזעהן דעם אנפאל פון תגלת־פלאסר, וועלכער האט איינגע־נומען ארם און א העלפט פון מלכות ישראל, און ער האט פאראויס־געזאגט יהודה דעמזעלבען סוף, אויב זי וועט זיך ניט פארבעסערען. ער האט אבגעלאכט פון אחז'ן, וואס ער שרעקט זיך אזוי און בויגט

זיך שקלאַפיש פאַר׳ן אַסירישען מלך. „אשור — דאָס איז נאָר אַ שטעקען אין די הענד פון דעם צאָרנדיגען גאָט. קען די האַק זיך שטעלען העכער פון דעם העקער? קען די זעג שטאָלצירען איבער דעם, וואָס זעגט מיט איהר?" דער פערבלענדטער אחז האָט מורא געהאַט פאַר׳ן שטעקען אָבער ניט פאַר גאָט, אין וועמעס הענד דער שטעקען, אשור, איז נאָר אַ בלינדער געצייג. דער נביא האָט פאָראויסגעזאָגט, אַז די שטאָלצע אשור, פאַר וועלכער עס האָבען געציטערט אַלע פעלקער, וועט אונטערגעהן. ער האָט אויך נביאות געזאָגט וועגען דעם שיקזאַל פון דמשק, שמרון, צור, מואב, מצרים און אַנדערע מלוכות.

ישעיה׳ס רעדעס האָבען איבעראַשט מיט זייער קראַפט און שעהנקייט. אין אַ צייט פון שווערער פערדאָרבענקייט האָט דאָס מעכטיגע וואָרט פון דעם נביא געוועקט דאָס געוויסען פון פאָלק. ישעיה האָט געהאַט אַ סך תלמידים און נאָכפאָלגער צווישען די בעסערע מענשען פון יהודה, און די האָבען גערעטעוועט האָס פאָלק פון פאַלען. ישעיה האָט נאָך אויך דערלעבט בעסערע צייטען, ווען אויפ׳ן טראָהן פון יהודה איז אַרויפגעטראָטען דער גאָטספאָרכטיגער חזקיהו, וועלכער האָט אויסגעראָט אַלע שלעכטע אָרדנונגען, וואָס זיינען איינגעפיהרט געוואָרען פאַר זיין פאָטער אחז. די נבואות פון ישעיה ווערען דעמאָלט ליכטיגער און מונטערער. דער אידעאַל פון אַ גוטען הערשער און אַ גליקליכען לאַנד שטעלט זיך פאַר דעם נביא אין פאָלגענדען בילד:

„עס וועט אַרויסגעהן אַ צווייג פון ישי׳ס שטאַם (דוד׳ס דינאַסטיע), און אַ ריטעל וועט פון זיינע וואָרצלען אַרויסוואַקסען, און עס וועט רוהען אויף איהם (דעם קעניג) דער גייסט פון גאָט, דער גייסט פון קלוגהייט און פערשטאַנד, דער גייסט פון ענטשלאָסענהייט און העלדישקייט, דער גייסט פון וויסען און גאָטספאָרכטיגקייט... ער וועט משפט׳ען מיט גערעכטיגקייט די נויטבעדערפטיגע, און ער וועט אורטיילען מיט ריכטיגקייט די געדריקטע פון לאַנד. גערעכטיגקייט וועט זיין דער גאַרטעל אַרום זיינע לענדען (ד. ה. ער וועט זיך ניט צושיידען דערמיט). און אַ וואָלף וועט וואוינען מיט אַ שעפּס, און אַ טיגער וועט ליגען מיט אַ ציקעלע, און אַ קאַלב און אַ יונגער לייב און אַ

פעטער רינד אינאיינעם, און א קליין קינד וועט זיי פיהרען. און א קוה און א בער וועלען זיך צוזאמען פיטערען, צוזאמען וועלען זייערע יונגע ליגען, און דער לייב וועט אזוי ווי דער רינד — שטרוי עסען. און א זויגלינג וועט זיך שפיעלען ביי דעם לאך פון א פיפערנאטער, און אויף דער נארע פון א גיפטיגער שלאנג וועט אן ענטוועהנט קינד זיין האנד אויסשטרעקען. זיי וועלען

ישעיה׳ס טרוים פון אייביגען שלום.

ניט טהאן קיין בייז און זיי וועלען ניט שאדען טהאן אויפ׳ן גאנצען הייליגען בארג מיינעם, דען די גאנצע ערד וועט זיין פול מיט ערקענונג פון גאט, אזוי ווי דאס וואסער פערדעקט דעם ים" (יהושע׳ס איבערזעצונג).

פאר׳ן בליק פון דעם נביא טראגט זיך ניט א בילד פון א וויל-דער, קריעגערישער מלוכה, וואס בעזיעגט די גאנצע וועלט מיט׳ן

שווערד, נאָר דער אידעאַל פון אַ פריעדליכען פאָלק, וואָס ווערט רעגירט מיט גערעכטיגקייט, וואָס שטרעבט צו מאַכען גלייך די שוואַכע מיט די שטאַרקע, און צו אָבשאַפען די אונטערשיידען צווי־שען די קלאַסען. יהודה דאַרף זיך ניט וועלען גלייכען צו אשור, „די שטילע וואַסערען פון שלח (אַ קליינער טייך אין ירושלים) — מיט די מעכטיגע שטירמישע וואַסערען פון פרת", וואָס פערטרינקען די ערד ווייט און ברייט. די אידישע מלוכה דאַרף זיין אַן אינערליך שטאַרקע און גערעכטע מלוכה, און ניט קיין קריעגערישע וועלט־מאַכט, וואָס איהר כח בעשטעהט אין געוואַלט, און איהר רעכט — אין פויסט. נאָך מעהר, דאָס אידישע פאָלק דאַרף דערגרייכען אַזאַ הויכע מדרגה, אַז עס זאָל דיענען פאַר אַ ביישפּיעל צו אַנדערע פעלקער און זאָל זיך פערבינדען מיט זיי אין אַן ענגער, גייסטיגער איינהייט.

„אין דעם ענד פון די טעג — זאָגט ישעיה — און בעסט אויפגעשטעלט וועט זיין דער בארג פון גאָט'ס הויז, אויף דעם שפּיץ פון די בערג, אויפגעהויבען איבער אַלע הויכע ערטער וועט ער זיין. און עס וועלען שטראָמען צו איהם אַלע נאַציאָ־נען. און פיעל פעלקער וועלען געהן און וועלען זאָגען: קומט, לאָזען מיר ארויפשטייגען צו דעם בארג פון דעם אייביגען, צו דעם הויז פון יעקב'ס גאָט, און ער וועט אונז לערנען פון זיינע וועגען, און מיר וועלען אין זיינע שטעגען געהן, דען פון ציון קומט ארויס די לעהרע, און גאָט'ס וואָרט — פון ירושלים. און ער וועט אורטיילען צווישען די נאַציאָנען און רעדען וועט ער צו די פעלקער. און זיי וועלען איבערשמידען זייערע שווערדען אין אַקעראייזענס און זייערע שפּיזען אויף גאָרטען־מעסערס. אַ פאָלק קעגען אַ פאָלק וועט מעהר קיין שווערד ניט אויפהויבען און זיי וועלען מעהר ניט לערנען קיין קריעג" (יהואש'ס איבערזעצונג).

צוועלפטער קאַפּיטעל.

# מלכות יהודה אין דער צייט פון דער הערשאַפט פון אשור און בבל.

(586—720 פאַר קריסטל. צייטר.)

§81. חזקיהו. זינט דער צייט פון דוד המלך איז אויפ'ן טראָהן פון יהודה ניט געזעסען נאָך א קעניג, וואָס זאָל זיין אזוי גאָטספאָרכטיג און איבערגעבען צו די אינטערעסען פון פאָלק ווי חזקיהו (696—274). אין די ערשטע יאָהרען פון זיין קעניגען האָט חזקיהו געזעהן די מפלה פון שמרון און דעם אונטערגאַנג פון מלכות־ישראל, און ער האָט געוואָלט פערהיטען יהודה פון דעם ביטערען גורל פון איהר זינדיגער שוועסטער שמרון. דעריבער האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט פאַר א ציעל צו בעפעסטיגען אין לאַנד דעם אמת'ן גלויבען, געזעצליכקייט און אָרדנונג. מיט גרויס פלייס האָט זיך דער יונגער מלך גענומען אויסוואָרצלען דעם אסירישען געצענ־דיענסט, וואָס זיין פאָטער אחז האָט פערפלאַנצט. אויף זיין בעפעהל האָט מען פערניכטעט אלע געצענבילדער; מען האָט אויך צובראָכען די קופּערנע שלאַנג, צו וועלכער דער פּראָסטער המון האָט זיך געבוקט ווי צו א גאָט, וואָס היילט פון קראַנקהייטען. חזקיהו האָט פאַרבאָטען צו בויען מזבחות צו גאָט אויף הויכע ערטער (במות) אין פערשיידענע שטעדט און דערפער; ער האָט געפאָדערט, אז אין די גרויסע ימים־טובים זאָלען אלע עולה־רגל זיין קיין ירושלים. ער האָט געהייסען ארויסוואַרפען פון בית־המקדש די געצענבילדער, וואָס זיינען דאָרט געשטאַנען, האָט ארויסגע־טריבען די אומווירדיגע כהנים און לויים. עס איז אויך דאָס ניי איינגעפיהרט געוואָרען דער גאָטעסדיענסט לויט די אלטע מנהגים פון פאָלק. די כהנים פלעגען ברענגען קרבנות פון הויזליכע פיה אויפ'ן מזבח פון ה', און די לויים פלעגען זינגען אין כאָר לויב־געזאַנגען צו גאָט און פלעגען בעגלייטען זייער געזאַנג מיט מוזי־קאַלישע אינסטרומענטען. בעזונדערס פרעהליך פלעגט מען פייערען

פסח, ווען קיין ירושלים פלעגט זיך צונויפקומען דאָס פֿאָלק פון אַלע עקען לאַנד. אין דער צייט פון אַזעלכע יום־טוב׳דיגע פערזאַמלונגען פלעגט זיך דער קעניג מתקרב זיין צום פֿאָלק, פלעגט מתפלל זיין און זיך פרעהען מיט איהם צוזאַמען. חזקיהו האָט מקרב געווען די נביאים און איבערהויפּט האָט ער געשעצט דעם גרויסען נביא ישעיהו.

ווען חזקיהו האָט איינגעאָרדענט די אינווענינגסטע ענינים פון דער מלוכה, האָט ער זיך גענומען צו פערשטארקען איהר מעמד צווישען די פעלקער. פון אחז׳ס צייטען אָן איז יהודה געשטאַנען אונטער דער אויבערהערשאַפט פון אשור און האָט איהר געצאָלט צינז; אָבער חזקיהו האָט געוואָלט בעפרייען זיין לאַנד פון דער דאָזיגער אונטערוואָרפענקייט. אין יענער צייט האָט אין אשור געקעניגט דער שטאָלצער סנחריב, וועלכער האָט געשטרעבט איינצונעהמען נייע לענדער און אפילו דאָס גרויסע מצרים. דער עגיפּטישער מלך תרהקה האָט זיך געגרייט צו מאַכען אַ ווידערשטאַנד געגען די אסיריער. האָט חזקיהו געשלאָסען אַ בונד מיט דעם עגיפּטישען מלך, כדי צוזאַמען צו קעמפּפען געגען דעם אַלגעמיינעם פיינד. תרהקה האָט צוגעזאָגט חזקיה׳ן, אַז ווי נאָר די אסיריער וועלען אָנפאַלען אויף יהודה וועט אַן עגיפּטישער פערד־חיל קומען די אידען צו הילף. ישעיה׳ן איז דער בונד ניט געפעלען און ער האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף ניט טרויען די הבטחות פון די פאַלשע מצריים. „גאָט — האָט ער געזאָגט — וועט אויסשטרעקען זיין האַנד, און עס וועט זיך אויסגליטשען דער העלפער, און עס וועט אומפאַלען דער געהאָלפענער, אוןביידע צוזאַמען וועלען אומקומען“. אָבער חזקיהו, געשטיצט פון זיינע הויפליים, האָט דאָס מאָל ניט געפאָלגט דעם נביא. דער קעניג האָט אָנגענומען אַלע מיטעל צו בעפעסטיגען ירושלים אין פאַל דער שונא זאָל קומען. ארום דעם מויער פון דער אַלטער פעסטונג האָט ער אויפגעשטעלט נאָך איינעם, האָט ביידע מויערען בעפעסטיגט מיט טהורמס, האָט זיי ארומגעגראָבען מיט גראָבענס, האָט צוגעגרייט אַ סך געוועהר, האָט דורכגעצויגען וואַסער אין שטאָדט אריין און די קוואַלען און שטראָמען הינטערן שטאָדט האָט ער געהייסען פערשיטען, כדי דער שונא זאָל ניט האָבען קיין וואַסער צו טרינקען אין דער צייט פון

דער בעלאַגערונג. נאָכדעם האָט חזקיהו זיך ערקלערט אונאָב־העננינ פון דער אויבערהערשאַפט פון אשור (703).

§ 82. סנחריב'ס אָנפאַל. אין דער צייט ווען חזקיהו האָט מורד געווען געגען אשור, איז סנחריב געגאַנגען מיט א גרויסען חיל געגען מצרים. ווען סנחריב האָט זיך דערוואוסט פון דעם בונד צווישען יהודה און מצרים, האָט ער בעשלאָסען פריהער צו אונטערטעניג מאַכען יהודה, וועלכע איז געלעגען אויף זיין וועג. די אסיריער האָבען זיך אריינגעריסען אין יהודה און האָבען אָנגעהויבען פערוויסטען שטעדט און בערויבען די איינוואוינער. זייער לאַגער האָט זיך געפונען נעבען לכיש, ניט ווייט פון ירושלים. פון דאַנען האָט סנחריב געשיקט דריי הויפטלייט מיט א מחנה חיל קיין ירושלים, מיט דער פאָדערונג די שטאָדט זאָל זיך אונטער־געבען. די שלוחים האָבען פערלאַנגט צו זעהן דעם קעניג אליין, אָבער חזקיהו האָט ארויסגעשיקט צו זיי זיין הויף־פערוואלטער אליקום און צוויי הארען. די שלוחים זיינען זיך צוזאַמענגעקומען ביי דעם פעסטונג־מויער פון ירושלים; אויף דעם דאָזיגען מויער זיינען ארויפגעגאַנגען די צושראָקענע איינוואוינער פון שטאָדט צו זעהן וואָס דאָ וועט פאָרקומען. איינער פון די אסירישע שלוחים, רבשקה, האָט זיך געווענדט צו די אידישע פאָרשטעהער מיט פאָלגענדע ווערטער: „זאָגט צו חזקיהו אין דעם נאָמען פון דעם גרויסען קעניג פון אשור: אויף וועמען פערלאָזטו זיך, וואָס דו האָסט מורד געווען נעגען מיר? אומזיסט שטיצסטו זיך אויף מצרים, דעם צובראָכענעם שטעקען, וואָס קען זיך אריינשטעקען אין דער האנד פון יענעם, וואָס שפּארט זיך אויף איהם אָן און זי דורכ־שטעכען. צי קענסטו זיך פארמעסטען אין כח אפילו מיט דעם קלענסטען פירשט, וואָס דיענט מיין הערשער?“ נאָכדעם האָט רבשקה זיך געווענדט צו די דערשראָקענע איינוואוינער, וואָס זיינען געשטאַנען אויפ'ן מויער, און האָט הויך געזאָגט: „לאָזט זיך ניט פערפיהרען פון דעם קעניג חזקיהו, וואָרום ער וועט אייך ניט רעטען פון די הענד פון דעם אסירישען קעניג. זאָל ער אייך ניט טרייסטען מיט דער האָפנונג, אז גאָט וועט אייך העלפען און די שטאָדט וועט ניט אריינפאלען אין אונזערע הענד. צי האָבען דען די געטער פון אנדערע פעלקער געראַטעוועט זייערע לענדער פון אונ־

זערע הענד?" די אידען וואָס זיינען געשטאַנען אויפ'ן מויער האָבען גאָרנישט געענטפערט. ווען די אידישע שלוחים האָבען זיך צוריקגעקעהרט און האָבען איבערגעגעבען חזקיה'ן די ווערטער פון רבשקה, איז דער קעניג שטארק אונרוהיג געוואָרען. ער האָט געבעטען ישעיה'ן מתפלל צו זיין צו גאָט, אז ער זאָל רעטען ירושלים. ישעיה איז געווען גערירט פון דעם קעניג'ס הכנעה און האָט איהם באַלד בערוהיגט און געזאָגט, אז גאָט וועט ניט געבען דעם זיעג צו סנחריב'ן, וועלכער האָט אזוי גראָב געשפּאָט פון דעם אידישען פאָלק און זיין גאָט.

בשעת עס זיינען אָנגעגאַנגען די פערהאנדלונגען צווישען דעם אסירישען און דעם אידישען מלך, איז תרהקה, דער קעניג פון מצרים, ארויס מיט אַ גרויסען חיל געגען די אסיריער. דעמאָלט האָט סנחריב אָבגעלאָזט יהודה און איז אוועק צו דער גרעניץ פון מצרים, צו בעגעגענען תרהקה. פון וועג האָט סנחריב ווידער געשיקט צו חזקיהו אַ בריעף מיט סטראַשונקעס און מיט דער פאָדערונג — זיך באַלד אונטערצוגעבען צו דער אַסירישער הער־שאַפט. אָבער חזקיהו איז געווען ערמוטיגט מיט דער הילף פון מצרים און האָט זיך ענטזאַגט צו ערפילען די דאָזיגע פאָדערונג. צוזאַמען מיט'ן גאַנצען פאָלק האָט ער אין בית־המקדש היים מתפלל געווען פאר דער בעפרייאונג פון דעם פאָטערלאַנד. ישעיה האָט אונטערגעהאַלטען דעם מוט פון פאָלק מיט זיינע וואונדער־ליכע נבואות, אין וועלכע ער האָט פאָראויסגעזאָגט אַ גיכע מפלה אויף דעם אסירישען חיל. און ווירקליך, אין גיכען האָט זיך פער־שפּרייט די נאַכריכט, אז סנחריב'ס גרויסער חיל, וואָס איז געגאַנ־גען אויף מצרים, געהט אין איילעניש צוריק (701). צווישען פאָלק האָט מען גערעדט, אז גאָט האָט אָנגעשיקט אַ מגפה אויף די אסי־ריער און אז אַ „מלאך פון גאָט" האָט פערטיליגט אין זייער לאַגער 185,000 מאַן אין איין נאַכט. אין מצרים האָט מען דערצעהלט, אז איינמאָל ביינאַכט האָט אַ ריעזיגע מחנה פעלד־מייז צוגריזעט די קליידער, שיך און געוועהר פון די אסיריער, וועלכע האָבען דעריבער געמוזט אָבטרעטען. סנחריב אליין איז אַנטלאָפען קיין נינוה.

ישעיה'ס נבואה אויף'ן שטאָלצען שונא איז מקוים געוואָרען

און ירושלים איז געראַטעט געוואָרען פון חורבן. אין די לעצטע יאָהרען פון חזקיהו'ס לעבען האָט יהודה ווידער גענאָסען רוה און פריעדען. נאָך א קעניגען פון אכט־און־צוואנציג יאָהר, איז דער פרומער חזקיהו געשטאָרבען און איז בעגראָבען געוואָרען אין קעניגליכען קבר פון דוד.

§83. דאָס פאַלען פון דער אמונה אין מנשה'ס צייטען.

נאָך חזקיהו'ס טויט זיינען אין דעם אינוועניגסטען לעבען פון יהודה פאָרגעקומען ענדערונגען צום ערגערען. חזקיהו'ס זוהן מנשה האָט ניט נאָכגעטהאָן זיין גאָטספאָרכטיגען פאָטער, נאָר זיין געצענדיענערישען זיידען (695—640). מנשה איז אַלט געווען צוועלף יאָהר ווען זיין פאָטער איז געשטאָרבען. דערמיט האָבען זיך בענוצט אחז'ס אַלטע ראטגעבער און הויפּלייט, וועלכע זיינען געווען איבערגעגעבען צום געצענדיענסט און זיינען אין חזקיהו'ס צייטען דערווייטערט געוואָרען פון הויף. זיי האָבען גענומען דעם יונגען קעניג אין זייערע הענד און האָבען צוערשט רעגיערט אין זיין נאָמען, און נאכהער האָבען זיי איהם אַליין אויסגעלערענט צו פיהרען זיך ווי זיי האָט זיך געוואָלט. מנשה האָט אָבגעשאַפט אַלע פערבעסערונגען וואָס חזקיהו האָט איינגעפיהרט. ער האָט ניט געפאָדערט פון די איינוואוינער פון דער פּראָווינץ, אז זיי זאָלען אין די גרויסע ימים־טובים קומען קיין ירושלים צו דיענען גאָט אין בית־המקדש, נאָר ער האָט ערלויבט צו בויען אומעטום מזבחות אויף הויכע ערטער און דאָרט מקריב זיין קרבנות. די אַלט־כנען'ישע היידנישע פאָרמען פון גאָטעס־דיענסט האָבען גע־קראָגען דיזעלבע רעכט וואָס די אידישע. אין ירושלים האָט געהערשט א גרויסע צומישעניש פון רעליגיעזע צערעמאָניעס. דאָ זיינען געבויט געוואָרען אי מזבחות לכבוד בעל, אי געצענבילדער פון אשרה, אי אַלטאַרען צו די שטערען. היידנישע אָבגעטער און מזבחות האָבען זיך געפונען אפילו אויף די פלעצער און הויפען, וואָס זיינען געלעגען אַרום בית־המקדש. אין טאָל פון בן הנום, הינטער'ן שטאָדט, איז געשטאַנען א מזבח, אויף וועלכען מען פלעגט מקריב זיין קליינע קינדער צום אָבגאָט מלך, וועלכער האָט דאָן געוואוינען ממשלה אין יהודה. דער געצענדיענסט איז געווען פערבונדען מיט אויסגעלאַסענקייט און גראָבע אָבערגלויבענס. אין לאַנד האָבען זיך

*

פערפיהרט אויסגעלאַסענע פריסטערינס, מכשפים, צויבערער און טויטען־בעשווערער (בעלי־אב). די נביאים און כהנים וועלכע האָבען אויפגעהויבען זייער שטימע געגען די דאָזיגע היידנישע מעשים זיינען אויסגעשטאַנען שוידערליכע רדיפות. דער גרויסער נביא ישעיה האָט שוין דעמאָלט ניט געלעבט. עס איז פאַראַן אַן אַלטע תלמוד׳ישע לעגענדע, וואָס דערצעהלט, אַז ישעיה האָט זיך בעהאַלטען פון די פערפאָלגונגען אין אַן אויסגעהוילטען צעדער־בוים, נאָר דער מלך מנשה האָט איהם דאָרט געפונען און געהייסען צוזעגען דעם נביא צוזאַמען מיט׳ן בוים. אָבער ישעיהו׳ס תלמידים האָבען מיט זעלבסטאויפאָפּפערונג געטהאָן ווייטער זיין ארבייט, האָבען געשטראָפט דעם קעניג און דאָס פאָלק פאַר זייערע פערברעכענס און געשראָקען מיט גאָט׳ס צאָרן. אין יענער צייט האָט אשור ווידער אונטערטעניג געמאַכט יהודה, און מנשה האָט געמוזט טראָגען דעם שווערען יאָך.

מנשה האָט געקעניגט קרוב צו פופציג יאָהר. זיין זוהן אמון (640) איז אויפ׳ן צווייטען יאָהר פון זיין קעניגען געפאַלען א קרבן פון א פערשווערונג פון זיינע הויפליים. פאַר׳ן קעניג פון יהודה איז ערקלערט געוואָרען אמונ׳ס אכט־יעהריגער זוהן יאשיהו (638—608).

§ 84. די בענייאונג פון דער רעליגיאָן אין יאשיהו׳ס צייטען. כל זמן יאשיהו איז געווען קליין האָבען אין זיין נאָמען רעגירט דיזעלבע הארען, וועלכע האָבען אין די פריהערדיגע צייטען געמאַכט פון יהודה כמעט א היידנישע לאַנד, אונטערוואָרפען צו די אסירישע מלכים. נאָר ווען דער קעניג איז עלטער געוואָרען און איז צוגעטראָטען צו די ענינים פון דער מלוכה, האָט ער פערשטאַנען די גאַנצע פאַלשקייט פון די פריהער־דיגע פיהרונגען; ער האָט זיך אַלץ מעהר מתקרב געווען צו דער פּאַרטיי פון די נביאים, וועלכע האָבען געשטרעבט צו איבערבויען דאָס אינוועניגסטע לעבען.

זיך שטיצענדיג אויף דער דאָזיגער פּאַרטיי האָט דער מלך יאשיהו בעשלאָסען נאָכצוטהאָן דעם ביישפּיעל פון זיין עלטער־זיידען חזקיהו און האָט זיך גענומען איבערבויען דאָס אינוועניגסטע לעבען פון דער מלוכה. קודם־כל האָט ער געהייסען די כהנים

קלייבען געלט און רופען מייסטערס צו פעררעכטען דעם בית־המקדש, וועלכער איז שוין פערעלטערט געוואָרען. אין דער צייט פון דער ארבייט האָט מען אין איינעם פון די חדרים פון בית־המקדש געפונען א כתב־יד, אין וועלכען עס זיינען געווען פאַרשריבען די אַלטע געזעצען און לעהרען פון משה (דאָס איז געווען דער לעצטער ספר פון חומש, דער ספר „דברים" אָדער „משנה תורה"). דער כהן גדול חלקיהו, וועלכער האָט דעם כתב־יד געפונען, האָט איהם איבערגעגעבען דעם קעניגליכען מזכיר, און יענער האָט עס געבראַכט פאַר'ן קעניג. דער געפונענער ספר האָט אַלעמען פערוואונדערט מיט זיין אינהאַלט, בפרט ווייל ער האָט פאָראויסגעזאָגט וואָס עס וועט פאָרקומען מיט די אידען. אין ווייכע, ריהרענדע ווערטער בעט דאָרט משה רבנו די אידען, זיי זאָלען אָבהיטען די געבאָטען פון דעם ריינעם גלויבען און פון דער ריינער מאָראַל און ניט נאָכטהאָן די געצענדיענער. דער גרונד־געדאַנק פון דעם ספר דברים בעשטעהט דערין, אַז דער איינציגער אידישער גאָט איז אַל־פאָלקאָם און אַל־גוט, וועלכער האָט אויסדערוועהלט דאָס אידישע פאָלק פון אַלע פעלקער און האָט איהם איבערגעגעבען די גרויסע אמת'ן פון גלויבען, גוטסקייט און מענשענליעבע. ווי א גוטער פאָטער זאָרגט פאַר זיינע קינדער, אזוי זאָרגט דער אידישער גאָט פאַר זיין פאָלק און פאָדערט פון איהם נאָר ער זאָל געטריי אָבהיטען די געבאָטען, וואָס זיינען איהם געגעבען געוואָרען. די געבאָטען — דאָס זיינען א רייהע געזעצען, וועלכע פעריכערען רוהע און גליק סיי פאַר דעם יחיד, סיי פאַר דעם כלל. איינפאַכע מדות, א ריינער גלויבען, אמת און גערעכטיגקייט, און דער עיקר — זאָרגען פאַר די שוואַכע און שוצלאָזע פון דער געזעלשאַפט — דאָס זיינען די יסודות פון תורת משה. דאָס איז א גאַנצע סיסטעם פון מאָראַל און צוזאַמענלעבען, וואָס מיט איהר הויכען גייסט האָט זי ניט קיין גלייכען צווישען אַלע רעליגיאָנען פון דער וועלט. אָבער צו דערזעלבער צייט איז דאָ ניטאָ קיין שטרעבען צו אונמעגליכעס: אַלע דינים און געזעצען האָבען צו טהאָן מיט'ן לעבען און קענען פערווירקליכט ווערען. „דאָס געזעץ וועלכען איך גיב דיר — זאָגט משה צום פאָלק — איז ניט אונדערגרייכבאַר פאַר דיר און ניט

*

וויַיט פון דיר. עס איז ניט אויף׳ן הימעל און ניט אויף יענער זיַיט ים, נאָר אויף דיַינע ליפּען און אין דיַין הארצען, און אָן דיר הענגט אָב דו זאָלסט עס ערפילען״. צוזאמען מיט די וויַיכע רייד זיַינען אויך דאָ הארטע ווערטער, געווענדט צו יענע דורות, וועלכע וועלען אָבטרעטען פון גאָט׳ס געבאָטען. פאַר עובר זיַין אויף די דאָזיגע געבאָטען, האָט משה געוואָרענט, וועט קומען גאָט׳ס שטראָף, וועלכע וועט בעשטעהן אין פאָלקס־אונגליקען, אין מפּלות פאַר דער מלוכה, און אפילו אין דעם פאָלשטענדיגען אונטערגאנג פון דער מלוכה.

ווען דער קעניגליכער שריַיבער האָט פאָרגעלייענט אין פּאלאַץ דעם הייליגען כתב־יד, איז דער קעניג נשתומם געוואָרען פון זיַין אינהאלט. ער האָט איצט פערשטאַנען ווי וויַיט דאָס אידישע פאָלק איז אָבגעטראָטען פון די הייליגע געזעצען, וואָס משה האָט געגעבען די אידען, און ער האָט מורא געהאַט, אז די שרעקליכע אומגליקען, וואָס דער גרויסער געזעצגעבער האָט פאָראויסגעזאָגט, וועלען באלד טרעפען דאָס לאנד יהודה. אין גרויס שרעק האָט יאשיהו געשיקט זיַינע מקורבים קיין ירושלים צו דער נביאה חולדה צו פרעגען ביי איהר צי דארף דאָס פאָלק זיך ריכטען אויף גאָט׳ס שטראָף פאַר די זינד פון די לעצטע דורות. די נביאה האָט געענט־פערט, אז גאָט האָט שוין לאנג בעשלאָסען צו שטראָפען דאָס אידישע פאָלק פאַר זיַינע זינד, נאָר אזוי ווי דער קעניג יאשיהו האָט שלום געמאַכט מיט זיַין גאָט, וועט אין זיַין צייט ניט קומען דאָס אומגליק, וואָס וואַרט אויף יהודה.

בערוהיגט פון דער דאָזיגער נבואה האָט יאשיהו צוזאמענ־גערופען דאָס פאָלק אין בית־המקדש. דאָ, שטעהענדיג אויף א בימה, האָט ער פאָרגעלייענט אויף׳ן קול דעם נייעם הייליגען ספר און האָט געצוואונגען די צוהערער צו געבען א צוזאָג, אז זיי וועלען אָבהיטען די הייליגע געזעצען, וואָס זיַינען דאָרט פערשריבען. דאָס פאָלק האָט צוגעזאָגט. נאָכדעם האָט דער קעניג זיך פליַיסיג גענו־מען אויסצוראָטען דעם געצענדיענסט. די מזבחות, בילדער און סטאטוען פון די געטער זיַינען צושטערט געוואָרען. אלע געצענ־בילדער וואָס זיַינען געווען אין בית־המקדש האָט מען ארויסגע־וואָרפען און פערברענט, און דער רייטוואָגען מיט די פערד לכבוד

דעם גאָט פון דער זון, וואָס איז געשטאַנען פאַר'ן טהיר פון בית־המקדש, האָט מען פערניכטעט. די פריסטער און פריסטערינס פון די אָבגעטער זיינען ארויסגעטריבען געוואָרען פון לאַנד. און ווען פון דעם געצענדיענסט איז שוין קיין זכר ניט געבליבען אין גאַנצען לאַנד, האָט אין פריהלינג דער קעניג צונויפגערופען דאָס פאָלק פון אַלע שטעדט קיין ירושלים דאָרט צו פייערען דעם יום־טוב פסח אזוי ווי עס פאָדערט דאָס געזעץ. אויף אַזאַ אופן איז אין יהודה אויף דאָס ניי איינגעשטעלט געוואָרען אַ ריין אידיש לעבען. דעם גאָטספאָרכטיגען יאשיהו האָט מען שטאַרק געריהמט און מען פלעגט איהם פערגלייכען מיט דעם פרומען חזקיהו און אפילו מיט דוד'ן. אין זיין צייט האָבען די נביאים געקראָגען אַ שטאַרקען איינפלוס אויף די ענינים פון דער מלוכה.

דער גרעסטער נביא אין יאשיהו'ס צייטען איז געווען ירמיהו, וועלכער האָט געשטאַמט פון די כהנים. נאָך אין זיין פריהער יוגענד האָט ירמיהו דערשפירט אין זיך אַ נביאי'שען גייסט. אין זיין נביאי'שער בעגייסטערונג פלעגט ירמיהו זאָגען דעם ביטערען אמת אלעמען: דעם מלך, די כהנים, די הארען און דעם פּראָסטען פאָלק. ער האָט געשטרעבט צו פיהרען די אויסוועניגסטע פּאָליטיק פון לאַנד און דאָס גייסטיגע לעבען פון פאָלק לויט די גרויסע געבאָטען פון „משנה תורה“. אין גיכען האָט ירמיהו פערנומען אין יהודה יענעם גרויסען אָרט, וואָס עס האָט אַמאָל פערנומען דער נביא ישעיהו.

§ 85. דער קאַמפף מיט מצרים; יהויקים. אין די לעצטע יאָהרען פון יאשיהו'ס קעניגען האָבען זיך אויפ'ן מזרח אָנגעהויבען גרויסע פעלקער־בעוועגונגען, וועלכע האָבען געענדערט דעם שיקזאַל פון אַ סך מלוכות. די הערשערין פון אַזיען, די שטאַלצע אשור, האָט שוין געהאַלטען נאָהנט ביים פאַלען. עס האָבען זיך פון איהר אָבגעריסען איהרע גרעסטע פּראָווינצען: מדי און בבל. די אָבגע־ריסענע פּראָווינצען האָבען אָנגעהויבען שרעקען זייער געוועזענע אויבערהערשערין און איהר הויפּטשטאָדט נינוה. אין יהודה האָט זיך געשטאַרקט די האָפנונג צו בעפרייען זיך פון דער אַסירישער אויבערהערשאַפט. גענען אשור האָט אויך געאַרבייט איהר אַלטער שונא מצרים. דער עגיפּטישער פּרעה נכו האָט געוואָלט קריגען אַ

חלק פון דער צופאַלענער אַסירישער מלוכה, האָט ער זיך געלאָזט געהן מיט אַ גרויסען חיל צום טייך פּרת. אָבער כּדי צו דערגריי־כען דעם בעשטימטען פּלאַץ, האָט דאָס עגיפּטישע חיל געמוזט דורכגעהן דורכ'ן לאַנד יהודה. יאשיהו האָט בעשלאָסען ניט צו לאָזען די מצריים דורכגעהן זיין לאַנד, וואָרום ער האָט מורא געהאַט, אַז ווען זיי וועלען איינגעהמען די דערבייאיגע אַסירישע פּראָווינצען, וועלען זיי פאָדערען אונטערטעניגקייט אויך פון יהודה, וועלכע האָט געצאָלט צינז צו אשור. און ער איז אַרויס מיט אַ גרויסען חיל געגען נכו און האָט איהם פאַרשטעלט דעם וועג. בייםטהאָל מגידו, נעבען די כּרמל בערג, האָבען זיך די פיינדליכעאַרמעען בעגעגענט און עס איז פאָרגעקומען אַ שלאַכט, וואָס האָט זיך געענדיגט אומגליקליך פאַר די אידען: דער אידישער חיל איז צושלאָגען געוואָרען און יאשיהו אַליין איז טויטליך פערוואונדעט געוואָרען (608). די דיענער האָבען באַלד אַוועקגעפיהרט דעם גוססען מלך קיין ירושלים. די איינוואוינער פון ירושלים האָבען בעגעגענט דעם טויטען קערפּער פון זייער קעניג מיט יאָמער און געוויין.

די מפּלה ביי מגידו האָט געמאַכט יהודה אונטערטעניג צו מצרים. ווען נכו האָט צוגענומען ביי אשור גאַנץ ארם, אָדער סיריען, האָט ער זיך ערקלערט פאַר אויבערהערשער אויך איבער דער שכנ'ישער יהודה. יאשיהו האָט נאָך זיך געלאָזט דריי זיהן. פון זיי האָט נכו בעשטימט פאַר'ן מלך דעם עלטערען זוהן יהויקים (597—607). יהויקים איז געווען אַ שלעכטער און דעספּאָטישער מענש און די אידען האָבען איהם ניט ליעב געהאַט. אָבער ער איז געפעלען געווען דעם עגיפּטישען מלך און איז געוואָרען אַ געהאָרכ־זאַמע געצייג אין זיינע הענד. נכו האָט אַרויפגעלעגט אויף יהודה אַ גרויסען געלט־אָבצאָל, דערפאַר וואָס יאשיהו האָט זיך געשטעלט געגען איהם. יהויקים פלעגט מיט דער גרעסטער שטרענגקייט אויפמאָהנען פון פאָלק דעם דאָזיגען אָבצאָל.

אַזוי זיינען צורונען יהודה'ס האָפנונגען צו ווערען זעלבסט־שטענדיג דורך דער צופאַלונג פון אשור: אויף דעם אָרט פון דער אַסירישער אויבערהערשאַפט איז געקומען די עגיפּטישע. ביי יהויקים און זיינע הארען איז דאָס אַלץ רעכט געווען; נאָכמעהר,

כדי געפעלען צו ווערען די מצריים און נושא־חן צו זיין ביי דעם עגיפּטישען קעניג, האָבען זיי איינגעפיהרט אין ירושלים דעם עגיפּטישען געצענדיענסט און א סך עגיפּטישע מנהגים. יהויקים האָט, אזוי ווי די פּרעה׳ס, זיך אריינגעלאָזט אין א לעבען פון וואוילטאָג. ער האָט אויסגעבויט פאר זיך א נייעם פּאַלאַץ אין ירושלים און די ארבייט האָבען פאר איהם געמוזט טהאָן אידישע בירגער. און ווידער האָט זיך אין יהודה בעפעסטיגט די הערשאפט פון א קליינער צאָל אריסטאָקראַטען (אָליגארכיע) און דאָס אידישע פאָלק האָט געקרעכצט אונטער דעם יאָך פון פרעמדע און אייגענע הערשער.

§ 86. יהויקים און ירמיהו הנביא. געגען דער האָזיגער פערדאָרבענקייט פון די הערשער און די העכערע קלאסען האָבען ביטער געקעמפפט די אמת׳ע פריינד פון פאָלק, די נביאים, וועלכע זיינען אָנגעפיהרט געוואָרען פון ירמיהו. ירמיהו האָט גאָר אָהן מורא געזאָגט דעם קעניג און די הארען דעם ביטערען אמת און האָט פאָראויסגעזאָגט, אז גאָט וועט אין זיין צאָרן טהאָן מיט יהודה דאָס זעלבע וואָס אמאָל מיט שמרון. איבערהויפּט האָט ער אין זיינע רעדעס געדונערט געגען יענע צבוע׳קעס, וועלכע פלעגען פאַרשטעלען זייערע אונעהרליכע מעשים מיט א מאסקע פון פרומקייט, און האָבען געוואָלט איינרעדען דאָס פאָלק, אז גאָט וועט ניט לאָזען פאלען ירושלים צוליעב זיין בית־המקדש. די דאָזיגע צבוע׳קעס האָבען בעלאנגט מעהרסטענטייל צו די כהנים, און ירמיהו האָט זיי גערופען „נביאי השקר“, פאלשע נביאים. „פערלאָזט זיך ניט — פלעגט ירמיהו וואָרנען — אויף די פאלשע רייד: דאָ איז גאָט׳ס היילינע הויז! איהר גנב׳עט, איהר מאָרדעט און זייט אויסגעלאסען, איהר זאָגט ליגען, איהר דיענט דעם בעל און דער קעניגין פון הימעל (דער נאָמען פון אן עגיפּטישען אָבגאָט) און דערנאָך קומט איהר און שטעלט זיך פאר גאָט אין דעם דאָזיגען הויז און איהר זאָגט: מיר זיינען געשיצט. און דערנאָך טהוט איהר ווידער דיזעלבע פערברעכענס. געהט קיין שלה (אין אפרים), וואו עס איז אמאָל געשטאַנען גאָט׳ס טעמפּעל און זעהט וואָס פון איהם איז געוואָרען פאר די זינד פון די בני ישראל! איהר טהוט דיזעלבע זינד און גאָט וועט זיך בעגעהן מיט׳ן טעמפּעל פון ירושלים

אזוי ווי ער איז זיך בעגאַנגען מיט'ן טעמפּעל פון שלה; ער וועט אייך פערשטויסען אזוי ווי ער האָט פערשטויסען די קינדער פון אפרים!" איינמאָל ווען ירמיהו האָט געהאַלטען אין בית־המקדש אזא רעדע, האָבען איהם אַרומגערינגעלט אַ מאַסע כהנים און פאַלשע נביאים און האָבען געשריען: „דו מוזט שטאַרבען, דער־פאַר וואָס דו האָסט געזאָגט, אַז דער בית־המקדש פון ירושלים וועט חרוב ווערען אזוי ווי דער טעמפּעל פון שלה!" אַ גרויסער המון האָט זיך צונויפגעקליבען אויפ'ן פּלאַץ וואָס פאַר'ן בית־המקדש. אויפ'ן טומעל זיינען געקומען צו לויפען די שרים פון קעניגליכען הויף און גלייך אויפ'ן אָרט, ביי די טויערען פון בית־המקדש, האָט מען זיך געזעצט משפּט'ען דעם נביא. די כהנים און די פאַלשע נביאים האָבען געפאָדערט, אַז מען זאָל ירמיהו'ן פער'משפּט'ן צום טויט פאַר זיינע שרעקליכע נביאות. ירמיהו האָט זיך געווענדעט צו די הארען און צום פאָלק און האָט געענטפערט: „גאָט האָט מיר געהייסען רעדען דאָס אַלץ, וואָס איהר האָט געהערט. פאַרבעסערט אייערע וועגען, פאָלגט גאָט, און ער וועט אָבווענדען דאָס אונגליק, וואָס ער האָט פאַר אייך בעשטימט. און איך בין אין אייערע הענד; טהוט מיט מיר וואָס איהר ווילט". די ריכטער האָבען אנערקענט, אַז פון די אַלטע צייטען אָן האָבען די נביאים געהאַט פולע פרייהייט צו רעדען אין גאָט'ס נאָמען און זיי האָבען ירמיהו'ן בעפרייט. דורך דער מיה פון זיינע פריינד איז ירמיהו דאָס מאָל געראַטעוועט געוואָרען פון סכנה.

אין די ערשטע יאָהרען פון יהויקים'ס קעניגען איז פאָרגע־קומען אַ וויכטיגע געשעהעניש: אין דער צייט פון דעם אסירישען קעניג סאַראַק איז אשור איינגאַנצען צופאַלען געוואָרען און איהר הויפּטשטאָדט נינוה איז צושטערט געוואָרען פון די מעדיער און באַבילאָנער. די הערשאַפט איבער אזיען איז אַריבער צו בבל. דער קעניג פון בבל איז דעמאָלט געווען דער קריעגערישער נבוכדנצר. איינגעהמענדיג אַלע פריהערדיגע אסירישע לענדער האָט נבוכדנצר אויך געוואָלט בעזיעגען סיריען; נאָר די דאָזיגע פּראָווינץ איז שוין געווען אין די הענד פון דעם עגיפּטישען פרעה נכו. דעריבער איז נבוכדנצר אַריינגעטראָטען אין אַ קאַמפּף מיט מצרים. ביי דער שטאָדט כרכמוש איז פאָרגעקומען אַ בלוטיגע שלאַכט צווישען די

עגיפּטער און באַבילאָנער, און די לעצטע האָבען געזיעגט. נכו האָט געמוזט אָבטרעטען נבוכדנצר'ן די סירישע לענדער און צוזאַמען דערמיט אויך די אויבערהערשאַפט איבער יהודה (604).
ירמיהו הנביא האָט געראַטען דעם אידישען מלך ער זאָל מיט'ן גוטען ווילען זיך אונטערגעבען דעם אונבעזיעגבארען נבוכדנצר, נאָר יהויקים האָט נאָך אַלץ געהאָפּט אויף דער הילף פון מצרים און האָט געצעגערט. דעמאָלט האָט ירמיהו אין זיינע רעדעס צום פאָלק אָנגעהויבען נביאות זאָגען, אז אין גיכען וועט דער מלך פון בבל קומען און חרב מאַכען יהודה.

§ 87. די הערשאַפט פון בבל; די געפאַנגענשאַפט פון יהויכין. די טרויעריגע נביאות פון ירמיהו האָט אָנגעהויבען מקוים ווערען. דער זיעגרייכער קעניג פון בבל, נבוכדנצר, איז אַרוים מיט א גרוים חיל אויף יהודה. אין די שטעדט, וואָס זיינען געלעגען ביי די גרעניצען האָבען שוין די באַבילאָנער אָנגעהויבען בושעווען און בערויבען די איינוואוינער. דעמאָלט האָט זיך יהויקים ערקלערט אונטערטעניג צו נבוכדנצר'ן (600). און יהודה האָט איצט אָנערקענט די אויבערהערשאַפט פון בבל, אַזוי ווי פריהער — פון אשור און מצרים.

די אונטערוואָרפענקייט צו בבל האָט יהויקים'ען זעהר שווער געדריקט און ער האָט געזוכט א געלעגענהייט זיך צו בעפרייען פון איהר. אין דריי יאָהר אַרום האָט יהויקים, ערמוטיגט פון דעם עגיפּטישען קעניג, אויפגעהערט צו צאָלען צינז נבוכדנצר'ן. דער דאָזיגער שריט האָט געבראַכט אויף יהודה א גרוים אומגליק. נבוכדנצר, וועלכער איז געווען פערנומען מיט א מלחמה געגען די פעניציער און עגיפּטען, האָט דערווייל געשיקט קיין יהודה קליינע מחנות צו פערוויסטען די גרעניץ-שטעדט, און אַליין האָט ער זיך געקליבען צו געהן אהין מיט א גרויסען חיל ווען ער וועט ענדיגען די אָנגעהויבענע מלחמות.

אין דער דאָזיגער אומעטיגער צייט איז דער קעניג יהויקים געשטאָרבען. די איינוואוינער פון ירושלים האָבען אַרויפגעזעצט אויפ'ן טראָהן זיין אַכצעהן-יאָהריגען זוהן יהויכין (597). נחשתא, די מוטער פון דעם יונגען קעניג, האָט גענומען די רעגירונג אין איהרע הענד און אַלץ איז געגאַנגען אַזוי ווי בּאַר יהויקים'ען.

אָבער די נייע רעגיערונג האָט געדויערט אינגאַנצען דריי מאָנאַטען. נבוכדנאצר, וועלכער האָט שוין דערווייל איינגענומען אַ טייל פון פעניציען און פּאַלעסטינאַ, איז אַריינגעדרונגען אין יהודה, האָט פערכאַפּט אַ סך שטעדט און איז צוגעטראָטען צו ירושלים זי צו בעלאַגערן. ווען די בעלאַגערונג האָט זיך אָנגעהויבען, האָט די קעניגין און יהויכין איינגעזעהן, אַז די הויפּטשטאָדט וועט ניט קענען ביישטעהן קעגען דער מעכטיגער קראַפט פון די באַבילאָנער. איז יהויכין און זיין מוטער מיט זייערע הויפלייט אַרויס פון ירושלים און זיינען אַוועק צום באַבילאָנישען לאַגער, כדי אַליין אויסצודריקען אונטערטעניגקייט צו נבוכדנאצר'ן און שטילען זיין כעס. נאָר דער שטאָלצער זיעגער איז ניט ווייכער געוואָרען. ער האָט געהייסען פערהאַלטען יהויכינ'ען און זיין מוטער און זיי אָבשיקען געפאַנגענע אין דער שטאָדט בבל, די הויפּטשטאָדט פון זיין מלוכה. צוזאַמען מיט זיי האָט נבוכדנאצר פערשיקט אַהין צעהן טויזענד פון די חשוב'ע לייט פון ירושלים, כהנים און אַרבייטער פון געוועהר, וועלכע האָבען געהערט צו די געגנער פון דער באַבילאָנישער הערשאַפט. חוץ דעם האָט נבוכדנאצר צוגענומען אַ סך גאָלד און זילבער פון דעם קעניגליכען פּאַלאַץ און פון בית־המקדש. אויף אַזאַ אופן האָט ירושלים פערלאָרען איהרע וויכטיגסטע מענשען און דעם גרעסטען טייל פון איהרע רייכטימער. איבער דער געבליבענער בעפעלקערונג פון יהודה האָט נבוכדנאצר געמאַכט פאַר אַ מלך יאשיהו'ס אינגסטען זוהן צדקיהו (586—597). דער נייער קעניג האָט געגעבען אַ שבועה, אַז ער וועט זיין געטריי דעם באַבילאָנישען הערשער.

§ 88. צדקיהו; די הכנות צום אויפשטאַנד. די צעהן יאָהר פון צדקיהו'ס קעניגען זיינען געוועזען אַ צייט פון שווערע מהומות און אונרוהען אין מלכות יהודה. צדקיהו איז געוועזען אַ שוואַכער און אונענטשלאָסענער מענש, און איז ניט געוועזען פעהיג צו רעגירען דאָס לאַנד אין אַזאַ שטירמישער צייט. ער האָט הויך געשעצט דעם נביא ירמיהו, וועלכער האָט גע'טענה'ט, אַז מען דאַרף געדולדיג אַריבערטראָגען די הערשאַפט פון בבל, כדי ניט אַריינצופאַלען אין אַן ערגערער צרה; נאָר אין דערזעלבער צייט האָט ער זיך גענייגט צו דער זייט פון די האַרען, וועלכע האָבען

געוואָלט מורד זיין געגען נבוכדנאצר'ן און בעפרייען דאָס לאַנד פון שווערען יאָך.

דער פערלאַנג צו בעפרייען דאָס פאָטערלאַנד איז בעזונדערס שטארק געווען ביי די פערטריבענע, וועלכע האָבען געלעבט צוזאַמען מיט יהויכין'ען אין בבל. זיי האָבען געטרוימט צו אומקעהרען זיך אין גיכען אהיים און אין דער שטיל האָבען זיי געפיהרט פערהאַנד־לונגען מיט זייערע קרובים און פריינד אין ירושלים וועגען אַן אויפשטאַנד געגען נבוכדנאצר'ן. אומזיסט האָט זיי געוואָרנט דער יונגער נביא יחזקאל, וואָס האָט געלעבט צווישען זיי, און וועל־כער האָט געשטאַמט פון די כהנים. יחזקאל האָט גע'טענה'ט צו די גולים, אַז זיי זאָלען געדולדיג אַריבערטראָגען דעם גלות בבל, ווייל דאָס איז געווען אַ שטראָף פון גאָט פאַר זייערע אַמאָליגע זינד און טעות'ן. ער האָט פאָראויסגעזאָגט, אַז אויך די איינוואוינער וואָס זיינען נאָך געבליבען אין יהודה וועלען אין גיכען פערטריבען ווערען אין גלות און אַז גאָט וועט זיך דערבאַרעמען איבער זיין פאָלק נאָר דעמאָלט, ווען די נשמה פון פאָלק וועט זיך אויסלייטערען דורך ליידען. אָבער די אידען אין בבל האָבען זיך אַזוי וועניג צו־געהערט צו די רייד פון יחזקאל, אַזוי ווי די אידען אין ירושלים — צו די רייד פון ירמיהו. ווען ירמיהו האָט זיך דערוואוסט וועגען די פלענער פון די גולי בבל, האָט ער זיי געשיקט אַ בריעף און זיי געבעטען צו פערבלייבען רוהיג אין יענעם אָרט, וואוהין דער שיק־זאַל האָט זיי פאַרטריבען. „בויט אייך דאָרט הייזער — האָט ער זיי געשריבען — און וואוינט אין זיי; פלאַנצט אייך גערטנער און עסט זייערע פירות. זאָרגט אייך וועגען דעם וואוילשטאַנד פון דער שטאָדט, וואוהין גאָט האָט אייך געבראַכט, וואָרום ווען דער שטאָדט וועט גוט זיין וועט אייך אויך גוט זיין. און עס וועט קומען די צייט און גאָט וועט אייך אומקעהרען פון געפאַנגענשאַפט“. דער דאָזיגער בריעף איז די פערטריבענע ניט געפעלען. אין ירושלים זיינען אויך אַ סך אויפגעבראַכט געוואָרען געגען ירמיהו, מען האָט איהם אָנגערופען פעררעטער און פריינד פון נבוכדנאצר. ירמיהו האָט טיעף געליטען זעהענדיג ווי דאָס פאָלק פערשטעהט איהם ניט. ער האָט היים געליעבט זיין פאָטע־לאַנד און ער האָט

נעוואוסט, אז אן אויפשטאנד געגען נבוכדנאצר׳ן וועט זי אײנגאנ־
צען חרוב מאכען.

§ 89. חורבן ירושלים. אן ערך פון זיבען אָדער אכט יאָהר האָט צדקיהו אָבגעהיט די שבועה פון טרייהייט, וואָס ער האָט געגעבען צו נבוכדנאצר׳ן; נאָר ענדליך האָט ער בעשלאָסען ארונטערצעווארפען פון זיך דעם באבילאָנישען יאָך, אזוי ווי עס האָבען געפאָדערט די מעהרהייט איינוואוינער פון ירושלים. צדקיהו האָט אויפגעהערט צו צאָלען צינז דעם באבילאָנישען קעניג און אויף אזא אופן האָט ער ערקלערט זיין לאנד פאר אונ־אָבהענגיג. אין ירושלים האָט מען זיך גענומען גרייטען צו א מלחמה מיט בבל. ווען נבוכדנאצר האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם אויפשטאנד פון די אידען, איז ער אריין אין גרויס רציחה און איז ארויסגעטראָטען מיט א גרויסען חיל צו בעשטראָפען די מורדים. די באבילאָנישע מחנות זיינען אריין אין יהודה, האָבען איינגענומען א סך בעפעסטיגטע שטעדט, האָבען גערויבט די איינ־וואוינער און זיי אוועקגעפיהרט געפאנגען. וואוהין דער שונא איז אונטערגעקומען זיינען א סך איינוואוינער אנטלאָפען קיין ירושלים און האָבען דערמיט פערגרעסערט די אזוי אויך געדיכטע בעפעל־קערונג פון דער הויפטשטאָדט. ירושלים איז געווען שטארק בעפעסטיגט און די איינוואוינער האָבען בעשלאָסען זיך צו פער־טיידיגען ביז דער לעצטער מעגליכקייט.

ווינטער, אין אָנהויב פון יאָהר 587, האָט נבוכדנאצר׳ס חיל בעלאגערט ירושלים און האָט אויפגעשאָטען ארום דער שטאָדט א הויכען וואל. די איינוואוינער פון ירושלים האָבען זיך גענומען צו די געוועהר. כדי צו פערגרעסערן די צאָהל זעלנער האָט צדקיהו בעפעהלען פרייצולאָזען אלע קנעכט פון אידישער אָב־שטאמונג. די אידען האָבען זיך העלדיש פערטיידיגט. א גאנץ יאָהר האָבען די באבילאָנער בעלאגערט די הויפטשטאָדט, אָבער אָהן ערפאָלג. פלוצלינג האָט נבוכדנאצר געקראָגען א ידיעה, אז דער עגיפטישער קעניג חפרה געהט אויף איהם מיט א גרויסען חיל. די באבילאָנער זיינען שנעל אָבגעטראָטען פון ירושלים און זיינען אוועק געגען די מצריים. די אידען האָבען זיך שטארק געפרעהט, זעהענדיג דערין דעם אָנפאנג פון דעם שונא׳ס מפלה;

נאָר זייער פרייד איז געווען צו־פריה. נבוכדנאצר האָט שנעל בעוויזען צו צושלאָגען די מצריים און זיין חיל האָט אויף ס'ניי בעלאגערט ירושלים. די אָנפאַלען פון דעם שונא זיינען געוואָרען אַלע מאָל שרעקליכער. ירמיהו האָט ניט אויפגעהערט צו טענה'ן, אז די שטאָדט וועט חרב ווערען אויב זי וועט זיך ניט פרייוויליג אונטערגעבען דעם פיינד. דעמאָלט האָבען די אויפגערעגטע הארען געזאָגט צום קעניג צדקיהו: „ירמיהו פארדיענט דעם טויט, ווייל ער שלאָגט אָב דעם מוט פון די קריעגער מיט זיינע נביאות". דער קעניג האָט געענטפערט: „ער איז אין אייערע הענד, און איך קען גאָרניט טהאָן". האָבען די הארען בעפעהלען און מען האָט ירמיהו'ן אריינגעוואָרפען אין א גרוב פון ליים. דער נביא וואָלט אומגעקומען אין דער גרוב ווען עס זאָל זיך אויף איהם ניט געווען דערבארמען איינער פון די הויפדיענער. דער דאָזיגער דיענער האָט געמאָלדען דעם קעניג וועגען דער סכנה, אין וועלכער ירמיהו האָט זיך געפונען, און אויפ'ן קעניג'ס בעפעהל האָט מען ירמיהו'ן אויף שטריק ארויסגעצויגען פון גרוב און איהם אריבער־געפיהרט אין הויז פון דער הויפוואך.

די מהומה אין ירושלים איז געוואָרען אַלץ גרעסער. די אָנגע־גרייטע שפייז איז אויסגעגאַנגען און עס איז אָנגעשטאַנען א הונגער. די קריעגסלייט אויף די מויערען זיינען אומגעקומען פון דעם שונא'ס פיילען, און אין די הייזער און אין די גאַסען פון ירושלים זיינען די מענשען געשטאָרבען פון הונגער און מגפות. מענער און פרויען פלעגען ווי די שאָטענס אומוואנדערען איבער די גאַסען און פלעגען אָפט פאַלען פערשמאכטע; קינדער פלעגען מיט געוויין שרייען: ברויט, ברויט! עס זיינען געווען פעלען ווען איידעלע מוטערס האָבען אָבגעקאָכט דאָס פלייש פון זייערע טויטע קינדער און דערמיט געשטילט זייער הונגער. די אויסגע־מאטערטע אידישע קריעגסלייט האָבען שוין מעהר קיין כח ניט געהאַט צו פערטיידיגען די פעסטונגען. ענדליך, אין חדש תמוז (יוני) פון יאָהר 586, האָבען די באבילאָנישע קריעגער דורכגע־בראָכען אין איין אָרט די וואנד פון ירושלים און האָבען זיך אריינ־געריסען אין שטאָדט אריין. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען א שרעקליכע שחיטה. די גרויזאמע באבילאָנער האָבען גע'הרג'עט

יעדען איינעם, וואָס איז זיי געקומען צו דער האַנד, און האָבען ניט געשוינט ניט קיין פרויען און ניט קיין קינדער. צוזאַמען מיט די באַבילאָנער האָבען זיך אין ירושלים אויך אַריינגעריסען ווילדע באַנדעס פון אדומים, וועלכע זיינען צוגעשטאַנען צו זיי, און האָבען גערויבט און געפּלינדערט דאָס פערמעגען פון די איינוואוינער. דער מלך צדקיהו און אייניגע הארען און קריעגסלייט זיינען ביינאַכט אַנטלאָפען פון ירושלים. נאָר נעבען יריחו האָבען באַבילאָנישע רייטער זיי אָנגעיאָגט. צדקיהו'ן און זיינע זיהן האָט מען אוועקגעפיהרט אין דער סירישער שטאָדט רבלה, וואו עס האָט זיך דעמאָלט געפונען נבוכדנאצר. דער קעניג פון בבל האָט זיך מיט זיי אָבגערעכענט אויף א גרויזאַמען אופן: ער האָט בעפעהלען צו טויטען צדקיהו'ס זיהן פאַר זייער פאָטער אין די אויגען, און צדקיהו'ן אַליין האָט ער געהייסען נאכהער אויסשטעכען די אויגען, שמיעדען איהם אין קייטען און אוועקפיהרען קיין בבל.

נאָך דערמיט האָט זיך נאָך דער צאָרן פון דעם זיעגער ניט געשטילט. נבוכדנאצר האָט געשיקט נבוזראדן, דעם אויבערהאַר פון זיין לייבוואַך, קיין ירושלים מיט א בעפעהל אינגאַנצען חרב צו מאַכען די שטאָדט. דער אכזריות'דיגער קריעגספיהרער איז אָנגעקומען אין דער הויפּטשטאָדט פון יהודה, האָט אוועקגערויבט אַלע אוצרות פון בית־המקדש און אַלע טהייערע כלים און ציערונג, און עס אָבגעשיקט קיין בבל. אין דעם ניינטען טאָג אין חדש אב (יולי) האָט ער פאַרברענט דעם פּראַכטפולען בית־המקדש, וועלכער האָט עקזיסטירט פון שלמה המלכ'ס צייטען אָן, אויך דעם קעניג־ליכען פּאַלאַץ און אַנדערע גרויסע געביידען, האָט צעוואָרפען די ווענד פון ירושלים און האָט אוועקגעפיהרט געפאַנגען א סך איינ־וואוינער. דעם כהן גדול שריהו, זיינע העלפער און אייניגע גרויסע הארען, ארום זעכציג מאַן, האָט ער אָבגעשיקט קיין רבלה, וואו נבוכדנאצר האָט זיי געלאָזט טויטען. די איבעריגע אידישע געפאַנגענע, וועלכע האָבען געהערט צום בעסטען טייל פון דער ירושלים'ער געזעלשאַפט, זיינען פערטריבען געוואָרען אין בבל. געבליבען זיינען אין ירושלים און אין אַנדערע ערטער פון יהודה בלויז די אָרימע איינוואוינער. ירמיהו הנביא איז פון אָנפאַנג אויך אַריינגעפאַלען אין געפאַנגענשאַפט, אָבער שפּעטער האָט

נבוכדנאצר געהייסען איהם בעפרייען, וואָרים ער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען פאר דער אונטערטעניגקייט צו בבל. דער נביא איז געוועזען שטארק דערשלאָגען פון דעם שרעקליכען אומגליק, וואָס האָט געטראָפען זיין פאָטערלאנד. ער האָט ביטער בעוויינט דעם חורבן פון ירושלים, וועלכען ער האָט לאַנג צוריק פאָראויסגעזעהן.

אין תנ"ך זיינען פערבליבען קלאָג־ליעדער אויפ'ן חורבן פון ירושלים, וועלכע זיינען לויט דער מסורה געשריבען געוואָרען פון ירמיהו (מגלת „איכה"). פאָלגענדע זיינען אייניגע שטעלען פון די דאָזיגע ליעדער, וועלכע ווערען עד היום געלייענט אין די שוהלען אום תשעה באב:

„ווי איינזאַם איז געבליבען זיצען די שטאָדט, די גרויס־בעפעלקערטע! ווי אַן אלמנה איז זי געוואָרען. די גרויסע צווי־שען פעלקער, די הערשערין איבער מדינות — מוז צאָלען צינז. וויינען טהוט זי ביינאַכט און די טרערען רינען איבער איהרע באַקען; זי האָט קיין טרייסט ניט צווישען איהרע פריינד, אַלע איהרע נאָהנטע האָבען אין איהר געפעלשט, זיינען געוואָרען איהרע פיינד. ציונ'ס וועגען טרויערען ווייל קיינער געהט איבער זיי ניט צו די ימים־טובים; אַלע איהרע טויערען זיינען וויסט, איהרע כהנים זיפצען, איהרע בתולות זיינען טרויעריג. אָ, ווי האָט גאָט פערפינסטערט דעם גלאַנץ פון דער טאָכטער ציון (די אידישע נאַציאָן) איהר קעניג און איהרע הארען זיינען ביי פרעמדע פעלקער, ס'איז קיין תורה ניטאָ, אויך איהרע נביאים האָבען ניט בעקומען קיין נבואה. עס זיצען אויף דער ערד און שווייגען די זקנים פון ציון, האָבען בעדעקט דעם קאָפּ מיט אש, האָבען זיך אָנגעגורט אין זעק; ס'האָבען אַראָבגעלאָזט זייערע קעפּ די בתולות פון ירושלים. עס זיינען אויסגעגאַנגען פון טרערען מיינע אויגען, מיינע געדערים זיינען איינגעשרומפּען איבער דעם בראָך פון מיין פאָלק. מיט וואָס זאָל איך דיר פערגלייכען דו טאָכטער פון ירושלים, צו וואָס זאָל איך דיר צוגלייכען אום דיך צו טרייס־טען? וואָרום גרויס ווי דער ים איז דיין בראָך: ווער קען דיך היילען? אַלע פאַרבייגעהער פּאַטשען מיט די הענד און שאָק־לען מיט'ן קאָפּ: איז דאָס די שטאָדט, וואָס אויף איהר האָט



ירמיהו קלאגט אויפ'ן חורבן

מען געזאָגט — פאָלקאָם אין שעהנקייט, די פרייד פון דער וועלט?"

§ 90. דער נשיא גדליהו; די פערוויסטונג פון יהודה. אז ירושלים איז חרב געוואָרען און די חשוב'ע לייט זיינען אוועקגעפיהרט געוואָרען געפאַנגען, איז אין יהודה געבליבען מעהרסטענס דאָס פּראָסטע פאָלק — די ערדאַרבייטער און וויינגערטנער. נבוכדנאצר האָט ניט געוואָלט פערוואַנדלען דאָס בעזיגטע לאַנד אין א וויסטעניש, און ער האָט ערלויבט די איינוואוינער צו זיין די בעלי־בתים איבער דער ערד, בתנאי אז זיי זאָלען זי בעאַרבייטען. פאַר'ן פערוואַלטער איבער'ן לאַנד איז בעשטימט געוואָרען דער אידישער נשיא גדליהו בן אחיקם. גדליהו איז געווען א פריינד פון ירמיהו און האָט געהערט צו דער פּאַרטיי, וואָס האָט זיך אונטערגעגעבען צו דער באַבילאָנישער אויבערהערשאַפט, און דעריבער האָט איהם נבוכדנאצר אויסגעקליבען פאַר זיין שטעלפערטרעטער אין יהודה. נבוכדנאצר האָט פאָרגעלעגט ירמיהו'ן ער זאָל ענטוועדער געהן קיין בבל און לעבען דאָרט אונטערן קעניגליכען שוץ, אָדער בלייבען אין יהודה און זיין גדליהו'ס ראַטגעבער אין דער פערוואַלטונג פון לאַנד. ירמיהו האָט בעשלאָסען צו בלייבען אין זיין פאָטערלאַנד, ביי דער זייט פון גדליהו'ן.

אזוי ווי ירושלים איז געווען חרב, האָט זיך גדליהו בעזעצט אין דער שטאָדט מצפה, ניט ווייט פון ירושלים. אונטער דער פערוואַלטונג פון גדליהו'ן איז די צושטערטע יהודה אביסעל צו זיך געקומען פון די שווערע קלעפּ וואָס זי האָט געקראָגען. די איינוואוינער, וועלכע זיינען אין דער צייט פון מלחמה זיך צולאָפען, האָבען זיך אומגעקעהרט צו זייערע וואוינערטער און האָבען אויף ס'ניי גענומען בעאַרבייטען די ערד. די געבליבענע אידישע קריעגער, וועלכע האָבען זיך אויסבעהאַלטען אין בערג און מדבריות, זיינען געקומען צו גדליהו'ן, האָבען איהם אויסגעדריקט זייער אונטערטעניגקייט און האָבען געקראָגען אין אייגענטום די גיטער פון יענע, וועלכע זיינען פערטריבען געוואָרען קיין בבל. צווישען זיי איז געווען א גרויסע אָבטיילונג, וועלכע איז אָנגעפיהרט געוואָרען פון דעם הויפּטמאַן יוחנן בן־קרח. אָבער ניט

אַלע אידישע קריעגסלייט, וואָס זיינען געקומען קיין מצפה, האָבען מיט'ן גאַנצען הארצען שלום געמאַכט מיט דעם שטעלפערטרעטער פון דעם באַבילאָנישען קעניג. צווישען די צוריקגעקעהרטע קריעגס־פיהרער איז געווען איינער פון קעניגליכער אָבשטאַמונג, ישמעאל בן נתניה, וועלכער האָט — ענטוועדער פון קנאה צו גדליהו'ן אָדער וועלענדיג ארויסרופען א נייעם אויפשטאַנד געגען בבל — בעשלאָסען צו טויטען גדליהו'ן. גדליהו'ס פריינד יוחנן האָט איהם געוואָרנט געגען דער פערשווערונג פון ישמעאל'ן, אָבער גדליהו האָט זיך גאָר ניט וויסענדיג געמאַכט דערפון. איין מאָל אין א גרויסען יום־טוב האָט גדליהו געמאַכט אין מצפה א גרויסען מאָלצייט. צווישען די פארבעטענע געסט איז אויך געווען ישמעאל און זיינע חברים. אין דער צייט פון דער סעודה האָט ישמעאל און זיינע מיטהעלפער פלוצלינג ענטבלויזט זייערע שווערדען און האָבען גע'הרג'עט גדליהו'ן און אלע אידען און באַבי־לאָנער, וואָס זיינען דאָרט געווען. נאָכדם איז ישמעאל מיט אכט פון זיינע חברים אנטלאָפען אין לאַנד פון די עמונים (581).

בראש פון די פערזאַמעלטע אידען אין מצפה האָט זיך איצט געשטעלט דער פריינד פון דעם ערמאָרדעטען גדליהו, יוחנן בן קרח. די לאַגע פון די דאָזיגע מענשען איז געווען א פערצווייפעל־טע. זיי האָבען מורא געהאַט, אז ווען נבוכדנאַצר וועט זיך דערוווי־סען וועגען דעם טויט פון זיין שטעלפערטרעטער וועט ער נעהמען נקמה פון אַלע פערבליבענע אידען אין מצפה און וועט אויף ס'ניי פערוויסטען דאָס לאַנד. דעריבער האָבען זיי בעשלאָסען אריבער־וואַנדערען קיין מצרים. צוזאַמען מיט דער דאָזיגער גרופע וואַנ־דערער איז אויך אוועק ירמיהו הנביא. אויף אזא אופן האָט זיך א הייפעל אידען אומגעקעהרט צוריק אין דעם לאַנד, פון וואַנען זייערע עלטערען זיינען ארוים מיט 800 יאָהר צוריק. דער עגיפ־טישער קעניג חפרה האָט ערלויבט די וואַנדערער זיך צו בעזעצען אין דער שטאָדט תפנים און אין אייניגע אנדערע שטעדט. די אידען האָבען געהאָפט, אז די מצריים וועלען פערניכטען די הערשאַפט פון נבוכדנאַצר'ן און וועלען זיי אומקעהרען צו זייער פאַטערלאַנד. אָבער מאַנכע פון זיי האָבען איבערגענומען די עגיפּטישע מנהגים און גלויבענס און האָבען אפילו געדיענט צו די עגיפּטישע געטער.

ירמיהו האָט ביטער געשטראָפט די דאָזיגע מענשען, וואס אפילו די צרות האָבען זיי ניט בעסער געמאכט. ביז זיינע לעצטע טעג האָט דער פיעל־ליידענדער נביא ניט אויפגעהערט לערנען זיינע ברידער און פיהרען זיי אויפ'ן ריכטיגען וועג. ער האָט געזאגט, אז די ליידען וואס זיינען געקומען אויפ'ן אידישען פאלק דארפען איהם ריין מאכען און אויסלייטערען, און דעמאָלט וועט זיך גאָט איבער איהם דערבארמען און וועט איהם אומקעהרען צו זיין לאנד. ירמיהו האָט זיך ניט דערוואַרט אויף יענער בעסערער צייט: ער איז געשטארבען אין מצרים.

די לאגע פון יהודה איז אלץ ערגער געוואָרען. נאָך גדליה'ס טויט האָט נבוכדנאצר געשיקט אהין א שטראָף־אבטיילונג אונטער דער פיהרערשאַפט פון נבוזראדן. דער גרויזאמער קריעגספיהרער האָט גענומען געפאנגען און אוועקגעפיהרט קיין בבל נאָך עטליכע הונדערט אידישע פאמיליען. יהודה האָט פערלאָרען דעם גרעסטען און בעסטען טייל פון איהר בעפעלקערונג. א סך געגענדען איהרע זיינען איינגאנצען פארוויסט געוואָרען; איבער די אונבעוואוינטע ערטער פלעגען אומלויפען ווילדע חיות. צווישען די חורבות פון ירושלים פלעגט זיך ביינאכט הערען דאס וואָיען פון שאקאלען, די חיות פון מדבר. די אידישע מלוכה איז אונטערגעגאנגען, אָבער דאָס צושפרייטע אידישע פאלק איז לעבען געבליבען. עס איז איהם נאָך בעשערט געווען בעפרייט צו ווערען פון גלות און זיך אומקעהרען אין זיין אייגענעם לאנד.

## דרייצעהנטער קאַפּיטעל.

# גלות בבל.

(586—587 פאַר קריסטל. צייטר.)

§91. די אידען אין בבל. נאָכ'ן חורבן ירושלים איז דאס אידישע פאָלק געווען אין סכנה אונטערצוגעהן. די גרעסערע העלפט פון דיזען פאלק, וואס האָט געלעבט אין מלכות־ישראל, אָדער די עשרת השבטים, איז נאָך לאנג צוריק, אין דער צייט פון אשור'ס

ממשלה, אוועקגעריסען געוואָרען פון איהר פאטערלאנד און איז צושפרייט געוואָרען איבער ווייטע לענדער. און בבל, וועלכע איז נאָך אשור געוואָרען די הערשערין פון דער וועלט, האָט געמאכט אַ סוף צו מלכות יהודה און האָט פארטריבען די איינוואוינער פון ירושלים. אין בבל, מדי, פרס, סיריען און מצרים האָבען זיך געוואָגעלט די פארטריבענע פון יהודה; אַ סך זיינען פערקויפט געוואָרען פאר קנעכט צו די פרעמדע. עס האָט אויסגעזעהן, אז די קינדער פון מלכות יהודה וועלען אויך פערלאָרען ווערען צווישען די פעלקער אזוי ווי עס זיינען פערלאָרען געוואָרען די קינדער פון מלכות־ישראל. געשעהן איז אבער ניט אזוי. די גולי־בבל האָבען זיך גארניט צוזאמענגעמישט מיט דער ארומיגער היידנישער בעפעלקערונג, נאָר זיי האָבען געוואוינט בעזונדער און זיינען געבליבען געטריי צו זייער אמונה, זייערע דינים און מנהגים. אין דער פרעמד האָט זיך ערשט שטארק דערוועקט אין זיי די צוגעבונדקייט צו זייער אייגען פאטערלאנד און גלויבען. זיי האָבען געטרויערט נאָך דעם פערלאָרענעם פאטערלאנד און האָבען חרטה געהאט אויף זייערע טעות'ן, וואָס האָבען געבראַכט צום דאָזיגען אומגליק. צו די אָנגעקומענע גולים פון יהודה זיינען צוגעשטאַנען פיעלע, וואס האָבען אבגעשטאמט פון די אלטע גולי־ישראל, וועלכע האָבען געלעבט אין די שכנ'ישע לענדער (פון אַמאָליגען אשור) און וואס האָבען נאָך קיין צייט ניט געהאט זיך צו פערשמעלצען מיט די ארומיגע פעלקער.

נבוכדנאצר, דער בעזיעגער פון יהודה, האָט ניט גערדיקט די אידען, וועלכע ער האָט פארטריבען אין בבל. פון די פארטריבענע האָט ער נאָר געפאָדערט זיי זאלען אנערקענען די הערשאַפט פון באבילאנישען מלך און זאלען ניט שטרעבען צו אויפשטעלען צוריק זייער מלוכה, אבער אין זייער אינוועניגסטען לעבען און אין זייער גלויבען האָט ער זיי געגעבען פולע פרייהייט. אַ סך האָבען פערמאגט פרוכטבארע ערד, וועלכע זיי האָבען אליין בעארבייט; אנדערע האָבען זיך בעשעפטיגט מיט מלאכות און מסחר. סיי אין דער הויפטשטאָדט בבל, סיי אין די אנדערע שטעדט האָבען די אידען געוואוינט אין בעזונדערע קהלות, האָבען געהאט זייערע עלטסטע, זייערע גייסטיגע פיהרער און בתי־תפלה. ביי די רעליגיעזע פערזאַמ־

לונגען פלעגט מען זינגען קאפיטלעך פון תהלים און מען פלעגט לייענען די הייליגע ספרים. די מתפללים פלעגען זיך שטעלען מיט'ן פנים צו ירושלים, אזוי ווי זיי וואלטען זיך אריבערגעטראגען אין געדאנק צו דעם פערוויסטען בית־המקדש. פיער טעג אין יאהר, וועלכע זיינען געווען פארבונדען מיט דעם אונטערגאנג פון דעם פאטערלאנד, זיינען בעשטימט געווארען פאר תעניתים, פאר טעג פון פאסטען און טרויערען. דאס זיינען געווען די טעג ווען ירושלים איז בעלאגערט געווארען (עשרה בטבת), ווען זי איז געפאלען (שבעה עשר בתמוז), דער טאג ווען דער בית המקדש איז פארברענט געווארען (תשעה באב) און דער טאג פון גדליה'ס טויט (צום גדליהו). די רעליגיעזע אסיפות האבען געבראכט צו א גייס־טיגער פעראייניגונג צווישען די אידען. דא האבען די פארטריי־בענע גערעדט און געלייענט אויף זייער אייגענער שפראך, האבען געהערט די בעגייסטערטע רעדעס פון זייערע לעהרער און נביאים, וועלכע האבען אויפגעהאלטען אין זיי די האפנונג אויף א בעסערער צוקונפט.

פעריאגט פון זייער פאטערלאנד האבען די פארטריבענע גע־לעבט מיט די זכרונות וועגען איהם. זייער ברענענדיגע בענקשאפט נאך זייער היים איז בעזונגען געווארען אין ריהרענדע שירים, פון וועלכע איינער איז אויף אייביג געווארען די נאציאנאלע טרויער־הימנע פון אידישען פאלק:

ביי די טייכען פון בבל זיינען מיר געזעסען און געוויינט, דערמאנענדיג ציון. אויף די ווערבעס דארטען האבען מיר אויפ־געהאנגען אונזערע הארפען; דארט האבען געפאדערט פון אונז אונזערע פאנגער ליעדער, און די שפאטער — פרייד: „זינגט אונז פון ציונ'ס ליעדער!“ נאר ווי זאלען מיר זינגען גאט'ס ליעד אין א פרעמדען לאנד? אויב איך וועל דיך פארגעסען, א, ירושלים, זאל אבטרוקענען מיין רעכטע האנד! זאל זיך צוקלע־פען מיין צונג צו מיין גומען אויב איך וועל דיך ניט געדענקען, אויב איך וועל ניט שטעלען ירושלים העכער פון אלע מיינע פריידען“.

עס איז פאראן א פאלקס־מסורה, אין וועלפער עס שפיגעלט זיך אב, ווי געטריי די אידישע פארטריבענע האבען אבגעהיט זייערע



פאַרציייטיגע אידישע האַרפען

דינים און מנהגים. די מסורה דערצעהלט, אז אין נבוכדנאצר׳ס הויף אין בבל האט זיך געפונען א פארטריבענער מיט׳ן נאמען דניאל, וועלכער האט געשטאמט פון די מלכים פון יהודה, און מיט איהם זיינען געווען נאך דריי פון יהודה׳ס אדעל: חנניה, מישאל און עזריה. דניאל און זיינע חברים האבען זיך אויפגעצויגען אין קעניגליכען הויף און האבען זיך אויסגעלערנט די כאלדעאישע שפראך און אלע וויסענשאפטען, מיט וועלכע די דעמאלטיגע כאל־דעאישע חכמים האבען שטאלצירט. נאר פונדעסטוועגען זיינען זיי נים אבגעטראטען פון זייער אמונה. זיי האבען געקראגען זייער שפייז פון קעניגליכען טיש, אבער זיי האבען זיך אבגעזאגט צו עסען די קעניגליכע פלייש און טרינקען די קעניגליכע וויין, וואס איז געווען פערבאטען נאכ׳ן אידישען דין, און זיי האבען זיך דער־נעהרט מיט גרינס און געטרונקען וואסער. איינמאל האט נבוכדנאצר געוואלט צווינגען דניאל׳ס דריי חברים צו בוקען זיך צום באבילאנישען אבגאט, נאר זיי האבען ניט געוואלט פאלגען און דער קעניג האט געהייסען זיי אריינוואדפען אין א ברענענדיגען קאלך־אויווען. אבער די יונגען זיינען ארויס אונבעשעדיגט פון פייער און אפילו זייערע האר האבען זיך ניט אבגעברענט. דע־מאלט — דערצעהלט דער תנ״ך — האט דער קעניג זיך איבער־ציינגט אז דער אידישער גאט איז אלמעכטיג און האט שוין מעהר ניט געצוואונגען די אידען זיך צו בוקען צו אנדערע אבגעטער.

צווישען די אידישע פארטריבענע אין בבל האט געלעבט דער גרויסער נביא יחזקאל, וועלכער איז אהין אוועקגעפיהרט געווארען נאך מיט׳ן קעניג יהויכין, פאר׳ן חורבן ירושלים (§88). יחזקאל איז געווען דער גייסטיגער פיהרער פון די גולי־בבל. מיט זיינע ווארעמע רייד האט ער אויפגעהויבען דעם דערשלאגענעם מוט פון דעם וואנדער־פאלק. ער האט נביאות געזאגט, אז די צושפרייטע נאציאן וועט נאך אויף דאס ניי אויפלעבען. איינע פון יחזקאל׳ס גלענצענדסטע נבואות איז זיין בעריהמטע זעהונג וועגען די טויטע ביינער:

עס איז געווען אויף מיר גאט׳ס האנד און גאט האט מיך ארויסגעפיהרט אין א ווינד און האט מיך געלאזען שטעהן אין א טאל, וואס איז פול געווען מיט ביינער. און ער האט מיך

EZEKIEL PROPHESYING

יחזקאל הנביא

געפיהרט ארום און ארום זיי און זעה: זעהר פיעל זיינען זיי אויפ'ן פלאך פון טאָל, און טרוקען זיינען זיי זעהר. און ער האָט געזאגט צו מיר: מענשען־זוהן, צי וועלען די דאָזיגע ביינער אויפלעבען? און איך האָב געענטפערט: מיין האר און גאָט, נאָר דו אליין ווייסט עס. און ער האָט צו מיר געזאגט: זאג נביאות איבער די טרוקענע ביינער און זאג זיי: איהר טרוקענע ביינער, הערט גאָט'ס וואָרט! אָט וועל איך אריינזעצען אין אייך א גייסט און איהר וועט אויפלעבען, און איך וועל אייך געבען אָדערען און ארויפלעגען אויף אייך פלייש און בעציהען אייך מיט א הויט. און איך האָב נביאות געזאגט, ווי מיר איז בעפעהלען געווארען. און ווי נאָר איך האָב אויסגעזאגט מיין נבואה האָט זיך דערהערט א רעש און די ביינער האָבען אָנגעהויבען צו דערנעהנטערען זיך צו איינאנד. און איך האָב דערזעהן: אָט איז אויף זיי פאראן אָדערען און פלייש איז אויסגעוואקסען, און פון אויבען האָט א הויט זיי בעדעקט, נאָר קיין גייסט איז אין זיי ניט געווען. און גאָט האָט צו מיר געזאגט: „זאָג נביאות וועגען גייסט און זאָג: פון פיער זייטען קום, אָ, גייסט און בלאז אויף די דאָזיגע טויטע און זאָלען זיי לעבעדיג ווערען!" און איך האָב נביאות געזאגט ווי מיר איז בעפעהלען געווארען. און עס איז אריין אין זיי א גייסט און זיי האָבען אויפגעלעבט און געשטעלט זיך אויף די פיס, זעהר א גרויסער חיל. און ער האָט צו מיר געזאגט: מענשען־זוהן! די דאָזיגע ביינער זיינען דאָס הויז ישראל. זיי זאָגען: אויסגעטריקענט זיינען אונזערע ביינער, פערלארען איז אונזער האָפנונג, אָבגעשניטען זיינען מיר (פון פאָטערלאנד). דעריבער זאָג צו זיי אזוי: אזוי האָט געזאגט גאָט: איך עפען אייערע קברים און וועל אייך ארויספיהרען פון אייערע בעגרעבנישען, מיין פאלק, און וועל אייך ברענגען אין לאנד פון ישראל, און וועל אריינזעצען אין אייך מיין גייסט, און איהר וועט אָבלעבען, און איך וועל אייך געבען מנוחה אין אייער לאנד, און איהר וועט וויסען, אז איך, גאָט, ווי איך האָב געזאָגט אזוי האָב איך געטהאָן (יחזקאל ל"ז).

§92. דער אונטערגאנג פון בבל און די האָפנונגען פון די אידען. נאָך נבוכדנאצר'ס טויט (562) האָט די מאכט פון בבל

אין מזרח אַנגעהויבען צו זינקען. נבוכדנאצר'ס זוהן, אויל־מרודך, האָט געקעניגט בלויז צוויי יאָהר. ער האָט בעפרייט פון תפיסה דעם געוועזענעם אידישען מלך יהוכין, וועלכען זיין פאָטער האָט אמאָל אוועקגעפיהרט געפאַנגען און איהם אבגעהאלטען אין גע־פענגניס 36 יאָהר; מרודך האָט יהויכינ'ען מקרב געווען און איהם געגעבען א חשוב'ען פלאַץ אין קעניגליכען הויף. נאָך נבוכדנאצר'ס טויט האָבען פערשיידענע הארען און קריעגספיהרער אַנגעהויבען קעמפפען צווישען זיך פאר דער קעניגליכער מאכט. אויל־מרודך איז ארונטערגעזעצט געווארען און אין פערלויף פון פינף יאָהר האָ־בען זיך אין לאנד געביטען דריי מלכים. דער לעצטער מלך פון בבל איז געווען נבונידס (555). פאר זיין צייט איז צופאַלען גע־ווארען די גרויסע מזרח־אימפעריע.

אין די צייטען פון נבונידס איז ביי דער זייט פון מלכות בבל אויסגעוואקסען א נייע מלוכה, וועלכע איז אין קורצען געווארען די הערשערין פון גאַנץ פאָדער־אזיען. דאס ברייטע לאנד אין מזרח זייט פון מעסאפאטאַמיען, מיט'ן נאָמען איראַן, איז געווען בע־זעצט פון צוויי פעלקער: די מעדיער (מדי) און פערסיער (פרס). די מעדיער צוזאמען מיט די באבילאנער זיינען עס געווען די יע־ניגע וואָס האָבען אמאָל צושטערט די אסירישע מלוכה. פון דע־מאָלט אן זיינען די מעדיער געווען די הערשער פון איראַן און די פערסיער זיינען געווען אונטערטעניג צו זיי. נאָר צולעצט האָבען אין איראַן געקראָגען די אויבערהאַנד די פערסיער. אונטער דער פיהרערשאַפט פון זייער העלדישען קריעגספיהרער כורש האָבען זיי בעזיעגט מעדיען און איינגענומען איהר הויפטשטאָדט עקבאַטאַן. כורש איז געווארען דער קעניג פון דער פעראייניגטער מלוכה פון פרס ומדי (ארום 550) און האָט זיך אוועקגעלאָזט איינצונעהמען נייע לענדער. ער האָט איינגענומען קליין־אזיען און סיריען, און דערנאָך האָט ער בעשלאָסען צו בעזיעגען די גרויסע מלוכה פון בבל. אין א קורצער צייט האָט ער איינגענומען אייניגע פראווינצען פון בבל און האָט זיך גענומען גרייטען צוצוטרעטען צו איהר הויפטשטאָדט. די ידיעה וועגען כורש'ס גרויסע נצחונות האָט אָנ־געפילט מיט פרייד די הערצער פון די אידישע פארטריבענע אין בבל. וועגען דעם נייעם זיעגער פלעגט מען דערצעהלען, אז ער

בענעהט זיך פריינדליך מיט אונטערדריקטע פעלקער. די אידען האבען דעריבער געהאפט, אז ווען כורש וועט איינגעהמען בבל, וועט ער זיי בעפרייען און לאזען זיך אומקעהרען אהיים. א נביא, וועלכער האט געלעבט צווישען די פארטריבענע, האט אין פלא־מענדיגע רעדעס געלויבט די גוטהערציגקייט פון כורש'ן און האט ערקלערט, אז גאט האט איהם געשיקט צו זיין דער אויסלייזער פון די אידען.

דער דאזיגער גרויסער נביא, וואס זיין נאמען איז ניט בע־וואוסט, קען אנגערופען ווערען „דער נביא פון דער אויפלעבונג". (עס איז אנגענומען איהם צו רופען ישעיהו דער צווייטער, ווארום זיינע רעדעס זיינען פערבליבען אין דעם צווייטען טייל פון דעם ספר ישעיהו דער ערשטער, דער בעריהמטער נביא פון חזקיהו'ס צייטען). אויב אין די נביאות פון יחזקאל שפיגעלט זיך אב די פינסטערע נאכט פון גלות איז אין די נביאות פון דעם נייעם נביא שיינט דער אבגלאנץ פון דעם אויפגעהענדיגען מארגענ־שטערן און עס הערט זיך דער מונטערער רוף צו בעפרייאונג און נייעם לעבען. דער נביא הערט די שטימע פון גאט, וועלכע זאגט צו די פיהרער פון אידישען פאלק: „נחמו נחמו עמי, טרייסטעט, טרייסטעט מיין פאלק. רעדט צו דעם הארצען פון ירושלים און רופט צו איהר. אז פול געווארען איז איהר צייט, אז פארגעבען געווארען איז איהר פארברעך, אז זי האט געקראגען פון דער האנד פון גאט דאפעל פאר אלע איהרע זינד. א שטים רופט אין דער וויסטע: רייניגט אב דעם וועג (צווישען בבל און יהודה) פון גאט, גלייכט אויס אין דער סטעפע א שטעג פאר אונזער האר.... געהט ארויס פון בבל, איילט אוועק פון כשדים, זאגט: בעפרייט האט גאט זיין קנעכט יעקב!" די געצייג אין גאט'ס הענד אין דער דאזיגער איבערקערעניש איז כורש, דער מלך פון פרס. „אזוי האט געזאגט גאט צו זיין געזאלבטען, צו כורש'ן: איך שטיץ זיין רעכטע האנד אום אונטערטעניג צו מאכען נאציאנען פאר איהם, און מאך די לענדען פון די קעניגען לויז, אום צו עפענען טירען פאר איהם און טוירען זאלען ניט פערשלאסען בלייבען... צוליעב מיין דיענער יעקב און ישראל מיין אויסערוועהלטען. איך האב איהם (כורש'ן) פאר גערעכטיג־

קייט אויפגעוועקט און אלע זיינע וועגן וועל איך גלייך מאַכען. ער וועט אויפבויען מיין שטאדט און מיינע פארטריבענע וועט ער צוריקשיקען". (יהואש'ס איבערזעצונג).

דער נביא ענטוויקעלט דעם געדאנק, אז ה' איז ניט נאר דער גאָט פון אידישען פאלק, נאָר אויך דער גאָט פון דער גאנ־צער וועלט און ער בעשטימט דעם גורל פון אלע פעלקער. דאס אידישע פאלק איז גאָט'ס אויסדערוועהלטער, און איז גערופען געווארען צו אויפדעקען פאר אנדערע פעלקער דעם אמת'ן גלויבען און פערווירקליכען די אידעאלען פון גערעכטיגקייט אויף דער וועלט. און דער דאָזיגער „אויסדערוועהלטער" האָט געדארפט ליידען פיין און רדיפות, אָבער סוף־כל־סוף וועט ער נאָך גליקליך זיין: ער וועט זיין דאָס „ליכט פאר די פעלקער", דער פאהנען־טרעגער פון אמת פאר דער גאנצער מענשהייט. דאָס דאָזיגע ליכט וועט ווידער אויפשיינען אויפ'ן בארג ציון, אין א בעפרייטער יהודה. אן אויסגעלייטערטע דורך די צרות וועט די אידישע נאַציאָן זיך אומקעהרען אין איהר לאנד און דארטען ווייזען דער וועלט א ביישפיעל פון גייסטיגער שטארקייט. דער נביא זאָגט־צו דעם בעפרייטען פאָלק נישט קיין קריעגערישע מאַכט, ניט קיין הערשאפט איבער אנדערע פעלקער דורכ'ן שווערד און גוואַלט, נאָר א זיג איבער די מוחות און הערצער דורך די געדאנקען פון אמת און יושר.

§93. שיבת ציון. דער קעניג פון פרס. אין דער צייט ווען כורש'ס גרויזאמע חילות האָבען זיך דערנעהנטערט צו בבל האָט דער באַבילאנישער קעניג גארניט געטהאָן צו בעשיצען זיין הויפטשטאָדט. ער האָט געהאפט, אז בבל, וועלכע איז געווען ארומ־גערינגעלט מיט צוויי שורות דיקע ווענד וועט מען קיינמאָל ניט קענען איינגעהמען. דער קעניג און זיינע מקורבים זיינען געווען זיכער, אז עס איז קיין סכנה ניטאָ און דעריבער האָבען זיי זיך אריינגעלאזט אין פערגעניגענס, אין עסען און אין זויפען. וועגען איינעם פון די דאזיגע מאָלצייטען דערצעהלט דער תנ"ך פאלגענ־דעס: דער באבילאנישער קעניג בלשצר (נבונידס אליין אדער זיין זוהן) האָט געמאכט א גרויסע סעודה פאר זיינע שרים און האָט געהייסען ברענגען אין פאלאץ די כלים, וועלכע נבוכדנאצר האָט

אמאָל צוגענומען פון בית־המקדש אין ירושלים. בשעת דער קעניג און זיינע געסט זיינען געזעסען ביים טיש און האָבען געטרונקען וויין פון די הייליגע כלים האָט זיך אויפ׳ן וואנד אנטקעגען טיש בעוויזען א מענשליכע האנד און האָט אָנגעשריבען עפּים אונפּער־שטענדליכע ווערטער. דער קעניג האָט זיך דערשראקען און האָט גערופען זיינע חכמים זיי זאלען איבערלייענען די אויפשריפט, אבער די חכמים האָבען עס ניט געקענט איבערלייענען. דעמאלט האָט מען גערופען דעם אידישען חכם דניאל, און ער האָט באלד איבערגעלייענט די אויפשריפט און געזאגט צום מלך: „דאָ זיינען אויסגעקריצט פאָלגענדע ווערטער „מנה מנה תקל ופרסין, דאָס הייסט, געצעהלט אבגעוועגען און צוטיילט. די בעדייטונג פון דער מאָדנער אויפשריפט איז, אז געצעהלט זיינען די טעג פון דיין קעניגען, אבגעוועגען אויפ׳ן וואגשאל זיינען דיינע שלעכטע מעשים, און צוטיילט איז דיין מלוכה צווישען מדי און פרס.“ די דאָזיגע נבואה איז באלד מקוים געווארען.

כורש׳ס מעכטיגער חיל איז צוגעטראָטען צו בבל און זי בעלאָ־גערט. כורש האָט איינגעזעהן, אז צו נעהמען די דאָזיגע גרויסע בעפעסטיגטע שטאָדט מיט שטורם איז אונמעגליך. האָט ער גע־הייסען אויסגראבען הינטערן שטאָדט א קאנאל און איהם פעראיי־ניגען מיט׳ן טייך פרת, וועלכער איז דורכגעלאָפען דורכ׳ן שטאָדט. דאס וואסער פון טייך איז אבגעצויגען געווארען אין קאנאל אריין און פון דאנען — אין א טיפען אזערע וואס איז געלעגען דערביי. אין טייך איז געבליבען אזוי ווייניג וואסער, אז מען האָט איהם גע־קענט אריבערגעהן צופוס. איינמאָל ביי נאכט ווען די באבילאָנער האָבען זיך זארגלאז משמח געווען אויף א יום־טוב לכבוד זייער גאָט האָבען די פערסישע זעלנער זיך אריינגעריסען אין שטאָדט אריין איבער׳ן אויסגעטריקענטען גרונד פון דעם טייך פרת. בבל איז גענומען געווארען. כורש האָט זיך ערקלערט פאר׳ן הערשער פון מלכות־בבל און האָט די אמאָליגע גרויסע אימפּעריע צוגעשלאָ־סען צו פערסיען (538).

די גרויסע אידישע בעפעלקערונג פון בבל האָט מיט פרייד בע־גענגט דעם פערסישען זיעגער. די דאָזיגע איבערגעבענקייט פון די אידען איז כורש׳ן געפעלען געווארען. ער האָט בעשלאָסען צו בע־

פרייען די אידען פון זייער לאנגען גלות און לאזען זיי זיך אומקעה־רען אין יהודה, וועלכע איז צוזאמען מיט דער גאנצער מלוכה פון בבל געווארען א טייל פון דער פערסישער מלוכה. אין גיכען זיינען איבער גאנץ בבל צושיקט געווארען קעניגליכע שטאפעטען, וועלכע האבען מודיע געווען כורש'ס בעפעהל, אז אלע אידען וואס געפינען זיך אין די שטעדט פון בבל און פרס מעגען זיך אומקעהרען אין יהודה און אויפבויען די חרב'ע ירושלים און דעם בית־המקדש. געלד אויף בויען דעם בית־המקדש האט כורש געהייסען געבען פון זיין אייגענער קעניגליכער קאסע, און דעם אויפזעהער פון די קע־ניגליכע אוצרות האט ער בעפעהלען ארויסצוגעבען צו די צוריקגע־קעהרטע אידען אלע גאלדענע און זילבערנע כלים, וועלכע נבוכדנאצר האט צוגענומען פון בית־המקדש.

צעהנדליגע טויזענדער אידען האבען זיך ערקלערט גרייט צו פערלאזען בבל און זיך אומקעהרען צו זייער פאטערלאנד. בראש פון די אויסוואנדערער איז געשטעלט געווארען דער פירשט זרבבל, אן אייניקעל פון קעניג יהויכין, און יהושע, אן אייניקעל פון שריהו, דעם לעצטען כהן־גדול פון ירושלים. א טייל אידען זיינען נאך געבליבען אין בבל, אבער אויך זיי האבען ניט פארגעסען זייער פאטערלאנד און האבען געהאפט שפעטער זיך צוריקצוקעהרען אהין. די איבערגעבליבענע האבען אויסגעריכט זייערע ברידער אין וועג אריין מיט געלד, שפייז און פיה. כורש האט געגעבען די אויסוואנדערער א וואך פון טויזענד רייטער צו בעשיצען זיי אויפ'ן וועג פון ווילדע שבטים. און אין יאהר 537 האט א גרויסע צאל אידען זיך אוועקגעלאזט פון בבל אין זייער אייגען לאנד, נאך וועלכען עס האבען אזוי שטארק געבענקט גאנצע צוויי דורות פון פארטריבענע. די אומגעריכטע בעפרייאונג פון גלות האט זיך זיי אויסגעוויזען ווי א נס פון גאט אדער א וואונדערליכער חלום. א שפעטערדיגער שיר גיט איבער די גליקליכע שטימונג פון די צוריקגעקעהרטע:

> אז גאט האט אומגעקעהרט ציון'ס געפאנגשאפט
> זיינען מיר ווי אין חלום געווען;
> דאן איז מיט פרייד־געלעכטער פול געווען אונזער מויל
> און אונזער הארץ מיט געזאנג.

דעמאָלט פלעגט מען רעדען צווישען די פעלקער:
„גאָט האָט גרויסעס געטהאָן מיט די דאָזיגע!"
גאָט האָט מיט אונז גרויסעס געטהאָן,
פריידען פול זיינען מיר געווען.

פערצעהנטער קאַפּיטעל.

## יהודה אונטער דער פּערסישער הערשאַפט.

(537—332 פאַר דער קריסטל. צייטר.)

§94. די אויפלעבונג פון יהודה און דער בית שני. נאָך ניין־און־פערציג יאָהר גלות אין בבל האָבען זיך צעהנדליגער טויזענדער אידען אומגעקעהרט קיין יהודה אונטער דער פיהרערשאַפט פון דעם פירשט זרבבל און דעם כהן גדול יהושע (537). באלד נאָך זיי האָבען זיך אויך אנגעהויבען ציהען צוריק אין זייער פאטערלאנד א סך אידען וואס זיינען געווען צושפּרייט אין אנדערע לענדער: אין מצרים, קליין־אזיען און אויף די אינזלען פון מיטלענדישען ים. פון אומעטום זיינען די פארטריבענע געלאָפען קיין יהודה מיט דער האָפנונג צו אָנהויבען דאָרט א רוהיג לעבען אונטער'ן שוץ פון דעם גערעכטיגען מלך כורש. די צוריקגעקעהרטע האָבען געפונען זייער לאנד אין א טרויעריגען צושטאנד: די הייליגע שטאָדט ירושלים איז געווען א הורבע פון חורבות, א סך שטעדט און דערפער זיינען געשטאנען לעדיג, אָהן איינוואוינער; די פעלדער וועלכע זיינען לאנג ניט בעארבייט געווארען, זיינען פארוואנדעלט געווארען אין א וויסטעניש. אייניגע געגענדען פון יהודה זיינען אונטער דער צייט פערכאפּט געוואָרען פון די פיינדליכע שכנ'ישע פעלקער. און די פיהרער פון פאלק, זרבבל און יהושע, האָבען זיך גענומען איינצופיהרען ארדנונג אין דעם פערוויסטען לאנד.

פריהער פון אלץ האָבען זיי צוריק איינגעשטעלט דעם גאָטעסדיענסט אין ירושלים. ווען עס איז געקומען דער יום־טוב סכות האָבען זיי געלאָזט אויסבויען א מזבח צו ברענגען קרבנות.

דערנאָך זיינען זיי צוגעטראָטען צו בויען אַ קליינעם בית־המקדש, אויפ'ן זעלבען אָרט וואו עס איז געשטאַנען דער ערשטער בית־המקדש. ווען עס איז געקומען דער טאָג פון לעגען דעם ווינקעל־שטיין פאַר'ן נייעם בית־המקדש איז מען זיך צוזאַמענגעפאָהרען פון אַלע שטעדט פון יהודה צום גרויסען יום־טוב. די כהנים זיינען ערשינען אין זייערע כהונה־קליידער, די לויים האָבען געזונגען געזאַנגען (וועלכע זיינען פערבליבען עד היום אין תהלים); די נביאים האָבען אין זייערע רעדעס פאָראויסגעזאָגט אַ גליקליכע צוקונפט און ווייט אַרום האָבען געהילכט די פרייד־געשרייען פון פאָלק. אבער אין מיטען פון דער דאָזיגער גליקליכער פערזאַמלונג זיינען געשטאַנען זקנים און ביטער געוויינט: די דאָזיגע אַלטע לייט האָבען נאָך געזעהן דעם ערשטען בית־המקדש (שלמה'ס) אין זיין גאַנצען פראַכט, און ווען זיי האָבען פערגליכען מיט איהם דעם נאָר־וואָס אָנגעפאַנגענעם בעשיידענעם „הויז פון גאָט“, האָבען זיי זיך ניט געקענט איינהאַלטען פון טרעהרען. „און דאָס פאָלק — שרייבט אַ היסטאָריקער פון יענער צייט — האָט ניט געקענט אונטערשיידען די פרייד־געשרייען צוליעב דעם גרויסען געוויין“.

נאָר אַפילו דעם דאָזיגען קליינעם בית־המקדש איז דעם פאָלק ניט גרינג אָנגעקומען צו בויען. אויפ'ן גרעניץ פון יהודה האָבען געלעבט די שמרונים (§79). הגם מיט דער צייט האָבען די שמרונים איבערגענומען דעם אידישען גלויבען, דאָך זיינען ביי זיי געבליבען אַ סך היידנישע מנהגים. ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט, אַז די אידען בויען אין ירושלים אַ נייעם בית־המקדש האָבען זיי אויך געוואָלט האָבען אַ חלק אין דעם בויען, כדי דער טעמפעל זאָל זיין אַן אַלגעמיינער פאַר די אידען און די שמרונים. נאָר זרבבל און יהושע האָבען זיך ענטזאָגט אריינצונעהמען די שמרונים אין זייער עדה, ווייל זיי האָבען זיי געהאַלטען נאָר פאַר האַלבע אידען. דעמאָלט האָבען די בעליידיגטע שמרונים בעשלאָסען צו נעהמען נקמה פון די אידען. זיי האָבען גע'מסר'ט אויף זיי פאַר די פערסישע הערשער און מיט אַלע כחות האָבען זיי געשטערט דאָס בויען פון דעם בית־המקדש.

דערווייל האָט זיך אויך די אַלגעמיינע לאַגע פון יהודה פערערגערט. איהר בעשיצער כורש איז געשטאָרבען און דעם טראָהן

האָט גע׳ירש׳עט זיין זוהן קאמביז (529). דער נייער קעניג איז גע־גאַנגען מלחמה האַלטען מיט מצרים און עטהיאָפּיען (כוש). די פּערסישע חילות זיינען דורכגעגאַנגען דורך יהודה און די איינוואוי־נער האָבען דורכדעם שטארק געליטען. מחמת דעם האָט זיך דאָס בויען פון דעם בית־המקדש אבגעשטעלט, און האָט זיך אָנגעהויבען צוריק ערשט דעמאָלט, ווען אויפ׳ן פּערסישען טראָהן איז ארויף דריוש דער 1טער (521). דער דאָזיגער מלך האָט בעשיצט די אידען אזוי ווי כורש. אויף דער בקשה פון זרבבל און יהושע האָט ער ערלויבט אנצוהויבען ווייטער דאס בויען פון בית־המקדש און האָט אפילו געהייסען געבען שטיצע פון דער קעניגליכער קאַסע. די נביאים חגי און זכריה האָבען מיט זייערע רייד געמונטערט דאָס פאָלק און איהם געוועקט צו ארבייטען פאר „גאָט׳ס הויז“. דאָס פאָלק האָט זיך פלייסיג גענומען פאר דער ארבייט און אין פיער יאָהר צייט איז דער בנין פארטיג געוואָרען. דער נייער בית־המקדש איז פארטיג געווארען אין יאָהר 516, דאָס הייסט אין זיבע־ציג יאָהר ארום נאָכ׳ן חורבן בית ראשון.

§95. עזרא הסופר. נאָכ׳ן טויט פון זרבבל און יהושע האָט דאָס פאָלק ניט געהאט קיין פעהיגע און אונטערנעהמערישע פיהרער יהודה איז ווי פריהער געבליבען אונטערטעניג צו פּערסיען, און די אינוועניגסטע ענינים האָבען געפיהרט די כהנים גדולים, וועלכע האָבען אבגעשטאמט פון יהושע. די דאָזיגע גייסטיגע פיהרער האָ־בען נאָר געזאָרגט, אז די צערעמאָניעס פון בית־המקדש, דער גאָ־טעסדיענסט און די קרבנות, זאָלען שטרענג אָבגעהיט ווערען, אָבער זיי האָבען גאָרניט געטהאָן צו פערשטאַרקען און פערבעסע־רען די לאַגע פון דעם צובראָכענעם פאָלק. זייענדיג ארומגערינגעלט מיט פרעמדע פעלקער אינוועניג אין לאַנד האָבען זיך די אידען אָנ־געהויבען מקרב זיין צו זיי און אפילו זיך מתחתן זיין מיט זיי. נישט קוקענדיג אויפ׳ן פערבאָט פון תורת משה, האָבען א סך אידען גענומען זיך פאר ווייבער די טעכטער פון די מואבים, עמונים און שומרונים. די קינדער וואָס זיינען ארויסגעקומען פון אזעלכע שדוכים האָבען גערעדט די שפּראַך פון זייערע מוטערס און האָבען ניט געקענט רעדען די שפּראַך פון די אידען. דער דעמאָלטיגער נביא מלאכי (דער לעצטער פון די אידישע נביאים) האָט געוויזען

דעם פאלק זיין געפעהרליכען טעות און האט אויך געשטראפט די שלעכטע נביאים, וואס האבען ניט געטהאן זייער וויכטיגסטע פליכט — צו זיין די לעהרער און פיהרער פון פאלק. ער האט נביאות געזאגט, אז עס מוז קומען א גרויסער רעפארמאטאר, א שליח פון גאט, וועלכער וועט איבעראנדערשען און בנייען דאס גאנצע לעבען פון פאלק.

דער דאזיגער רעפארמאטאר איז געקומען פון „לאנד פון גלות". דאס איז געוועזען עזרא, וועלכער האט געשטאמט פון די כהנים, און האט געלעבט אין בבל. ער איז געוועזען בעריהמט מיט זיין געלערנטקייט און ער פלעגט זיך מיט ליעבשאפט אבגעבען מיט איבערשרייבען ספרים, דעריבער האט ער געקראגען דעם צונאמען סופר (שרייבער). ווען ער האט זיך דערוואוסט אז די אידישע עדה אין ירושלים איז שטארק געפאלען, האט ער בעשלאסען זיך דארט צו בעזעצען און וועקען די אידען צו אויפלעבונג. דער פערסישער קעניג ארטאקסערקסעס I האט איהם געגעבען די מאכט צו אנשטעלען אין יהודה עלטסטע און ריכטער, וועלכע זאלען רעגירען דאס פאלק לויט די געזעצען פון משה. צוזאמען מיט עזרא'ן זיינען אין יהודה געקומען ארום אנדערהאלבען טויזענד אידען פון בבל (458). ווען עזרא איז אנגעקומען קיין ירושלים האט ער צונויפגערופען א גרויסע פאלקס־פערזאמלונג אויפ'ן פלאץ וואס פאר'ן בית־המקדש. דא האט ער געהאלטען א פייערדיגע רעדע און האט אויפגעפאדערט דאס פאלק זיי זאלען זיך אנהויבען פיהרען לויט דער תורה, און זאלען זיך ניט אויסמישען מיט די פרעמדע פעלקער. עזרא האט געפאדערט, אז די אידען וואס האבען געהאט פרויען פון פרעמדע פעלקער, זאלען זיך מיט זיי באלד צושיידען. פיעלע האבען באלד אזוי געטהאן: די פרעמדע פרויען זיינען אוועקגעשיקט געווארען און זיי האבען זיך אומגעקעהרט צו זייערע אייגענע. דאס האט ארויסגערופען א האס ביי די שכנ'ישע פעלקער צו די אידען. די מואבים, עמונים און שומרונים האבען אנגעהויבען מאכען אנפאלען אויף ירושלים און האבען געמאכט א חורבן אין שטאדט. ירושלים איז ניט געוועזען בעפעסטיגט און איהרע איינוואוינער האבען ניט געקענט זיך בעשיצען געגען די אנפאלען פון די שונאים. אבער כדי דאס גייסטיגע לעבען פון אידישען

פאלק זאָל איבערגעבויט ווערען, אזוי ווי עס האָט געוואָלט עזרא, איז נויטיג געווען פריהער צו בעפעסטיגען די מלוכה און איהר הויפּטשטאָדט. די דאָזיגע ארבייט האָט אויף זיך גענומען א צווייטער גרויסער פיהרער, נחמיה.

§96. נחמיה. נחמיה האָט געלעבט אין שושן, די הויפּט־שטאָדט פון פערסיען, און איז געווען דער שר־המשקים אין דעם הויף פון דעם קעניג ארטאקסערקסעס. דערוויסענדיג זיך וועגען דער טרויעריגער לאגע פון זיינע ברידער אין יהודה, האָט ער זיך שטארק מצער געווען. איינמאָל ווען נחמיה האָט דערלאנגט וויין צו ארטאקסערקסעס האָט איהם דער מלך געפרעגט, ווארום ער איז אזוי טרויעריג. נחמיה האָט געענטפערט: „ווי אזוי זאָל איך ניט טרויערען, ווען די שטאָדט וואו עס ליגען די קברים פון מיינע אבות איז חרב?“ דער קעניג האָט מיטגעפיהלט נחמיה'ס שמערץ און האָט איהם ערלויבט צו פאהרען אויף א צייט קיין ירושלים דארט צו בעפעסטיגען די שטאָדט און איינפיהרען אין יהודה נייע ארדנונגען. דעריבער האָט נחמיה געקראגען דעם נאָמען פחה (פאשא אדער פערוואלטער) פון יהודה.

אין יאָהר 445 איז נחמיה אָנגעקומען קיין ירושלים, און האָט באלד גענומען וועקען די איינוואוינער צו ארבייטען פלייסיג צו בעפעסטיגען די שטאָדט. אין פערלויף פון כמעט צוויי חדשים האָט דאס פאלק געארבייט טאג און נאכט אויפצושטעלען די פעס־טונגס־וואנד ארום דער שטאָדט. די אידישע שונאים און בע־זונדערס די שומרונים, מיט זייער פיהרער סנבלט אן דער שפיץ, האָבען געזוכט מיט אלע מעגליכקייטען צו שטערען די ארבייט און פלעגען אפילו בעפאלען די מויערער; אבער נחמיה האָט בעוואָ־פענט אלע ארבייטער און האָט געהייסען איין טייל היטען די וואנד אויף פערשיידענע פונקטען, אין דער צייט ווען דער אנדע־רער טייל האָט געארבייט אויפ'ן בויען. צווישען די ארבייטער זיינען אפילו געווען אזעלכע, וואס מיט איין האנד האָבען זיי גע־לעגט די שטיינער און אין דער אנדערער האָבען זיי געהאלטען א שווערד זיך צו בעשיצען. נאָך צוויי חדשים אנגעשטרענגטער אר־בייט איז די פעסטונגס־וואנד ארום דער שטאָדט פארטיג געוואָ־רען, און אין גיבען זייגען אויפגעשטעלט געווארען צוריק די

חרב׳ע שטאָדט־טויערען. ביי די טויערען איז געשטעלט געוואָרען א וואך. אויף ביינאכט פלעגט מען די טויערען פערשפארען, און עפענען פלעגט מען זיי ערשט אין דער פריה ווען „די זון האט שוין געוואָרעמט". די אידישע הויפט שטאָדט, וואָס איז פריהער געווען שוצלאָז, איז איצט געוואָרען א בעפעסטיגטע און פערשלאָסענע שטאָדט און האט אביסעל אבגעשראָקען די ארומיגע פעלקער.

ווען די פעסטונג ארום דער הויפט שטאָדט איז אויפגעשטעלט געוואָרען האט מען זיך גענומען צו בויען די חרב׳ע הייזער אינ־וועניג אין שטאָדט. אזוי ווי אין ירושלים זיינען געווען זעהר וויג־ציג איינוואוינער, האט נחמיה אריבערגעפיהרט אהין א טייל פון דער בעפעלקערונג פון די דערפער. אין יענער צייט איז אין יהודה געווען א לאנגע ניט־גערעטעניש אויף די פעלדער און דאס פאָלק האט שרעקליך געליטען. די רייכע וועלכע האָבען געהאט א סך אבגעשפאָרטע תבואה פלעגען זי פערקויפען צו די אָרימע אויף באָרג, נאָר ווען די אָרימע בעלי־חוב האָבען ניט געקענט בעצאָלען זייערע חובות צום טערמין, פלעגען די רייכע צונעהמען ביי זיי זייערע הייזער און ביסעל פערמעגען, און אָפטמאָל פלעגען זיי אפילו מאכען זיי פאר קנעכט. נחמיה איז געווען זעהר אויפגעבראכט דערפון און האט געצוואונגען די רייכע צו בעפרייען די אָרימע בעלי־חוב און אומקעהרען וואָס זיי האָבען ביי זיי צוגענומען.

אויף אזא אופן האט נחמיה איינגעפיהרט אביסעל אן אָרד־נונג אין לאנד. דעמאָלט האט ער זיך פעראייניגט מיט עזרא׳ן צו ארבייטען מיט איהם צוזאמען פאר דער גייסטיגער אויפלעבונג פון די אידען. אין חדש תשרי האָבען זיי פעררופען אין ירושלים א גרויסע פאָלקס־פערזאמלונג, וואס איז בעשטאנען פון מענער און פרויען. עזרא האט זיך געשטעלט פאר׳ן פערזאמעלטען עולם און האט פארגעלייענט אויפ׳ן קול עטליכע קאפיטלען פון דער תורה, און האט איבערגעגעבען די לויים זיי זאָלען דייטליך ערקלערען צום פאָלק וואס עס איז געלייענט געוואָרען. דאס פאלק איז געווען מיעף גערירהרט. אלע האָבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע פלע־צער לכבוד דער הייליגער תורה. טרעהרען האָבען זיך געגאסען פון די אויגען פון די צוהערער, וועלכע האָבען יעצט פערשטאנען, ווי שטארק זיי האָבען זיך דערוויטערט פון די הויכע מאָראלישע גע־

באָטען פון דער תורה. דער פיער־און־צוואנציגסטער טאָג פון תשרי איז בעשטימט געווארען פאר א טאג פון תשובה פאר'ן גאנ־צען פאלק. אלע האָבען געפאסט אין דעם ראָזיגען טאג און האָבען זיך אָנגעטהאָן אין טרויער־קליידער. די לויים האָבען זיך געווענדעט צום פאלק און האָבען פאָרגעשטעלט אין העלע פארבען זיין גאנצע פערגאנגענהייט, זיינע גרויסע גבורות און אומגליקליכע טעות'ן. נאָכדעם האָט מען פאר די פערטרעטערע צוהערער פאָרגעלייענט א געשריבענעם כתב אין וועלכען זיי האָבען אלע געשוואָרען אָבצוהי־טען די דינים און מצוות פון דער תורה. אויף דעם דאָזיגען כתב האָבען זיך גע'חתמ'עט די פאָרשטעהער פון פאָלק, די כהנים און די לויים.

דערנאָך האָט נחמיה געזאָרגט, אַז די אידען וועלכע האָבען נאָך געהאט גוי'שע ווייבער זאָלען זיי גט'ען, אז דאָס פאָלק זאָל שטרענג אָבהיטען דעם שבת און אז די אומווירדיגע כהנים זאָלען זיך ניט געפינען אין בית־המקדש. איינעם פון די הויפּט כהנים, מנשה, וועלכער האָט חתונה געהאט מיט דער טאָכטער פון דעם שומרונ'ישען בעאמטען סנבלט, האָט מען ארויסגעטריבען פון ירושלים (ארום 430 יאָהר). דעמאָלט האָט דער שומרונ'ישער בעאמטער אויסגעבויט פאר זיין פאָלק א בעזונדער בית־המקדש אויפ'ן בארג גריזים, נעבען דער שטאָדט שכם, און האָט געמאכט מנשה'ן פאר'ן כהן גדול אין יענעם בית־המקדש. פון דעמאָלט אָן האָבען זיך די שומרונים אלץ מעהר דערווייטערט פון די אידען אין זייער גלויבען און אין זייער אָרט לעבען. פון אלע הייליגע שריפטען (כתבי־הקדש) האָבען זיי אנערקענט בלויז דעם חומש אדער תורת־משה און דעם ספר יהושע. נאָר אפילו אין די דאָזיגע ספרים האָבען זיי שפּעטער אויך א סך געענדערט. די שומרונים האָבען זיך נאָך א לאנגע צייט פערטראָגען פיינדליך צו די אידען און האָבען געזוכט זיי צו שעדיגען ביי יעדער גינסטיגער געלעגענהייט.

§97. די כנסת הגדולה; פורים. נאָכ'ן גלות בבל האָט די טהעטיגקייט פון די נביאים, די פריהערדיגע פיהרער פון פאָלק, בים־לעכווייז אויפגעהערט. מלאכי איז געווען דער לעצטער אידישער נביא. אנשטאָט די נביאים האָבען אָנגעהויבען ווירקען געלעהרטע לייט, וועלכע זיינען געווען געלערנט אין תורת משה און אין די




סעמיטישע אלף־בית׳ן

אַלטע הייליגע ספרים. די דאָזיגע מענשען, וועלכע האָבען זיך גע־רופען סופרים, האָבען געטהאָן ווי עזרא האָט געלערענט: זיי האָ־בען בעקענט דאָס פאָלק מיט די רעליגיעזע, מאָראַלישע און געזעל־שאַפטליכע געזעצען, וועלכע האָבען זיך אויפגעהיט אין די הייליגע ספרים און אין מסורות בעל־פה. הגם יהודה האָט זיך געפונען אונטער דער ממשלה פון פערסיען דאָך האָט זי אין איהר אינווע־ניגסטען לעבען זיך געפיהרט לויט די געזעצען פון דער תורה. די עלטסטע פון פאָלק זיינען געווען די כהנים גדולים. זיי האָבען רעגירט מיט דער הילף פון אַ ראַט, אָדער „פערזאַמלונג פון די עלטסטע“. דער דאָזיגער ראַט האָט זיך גערופען „כנסת הגדולה“ און איז בעשטאַנען פון געלעהרטע לייט און די בעסטע פאָרשטע־הער פון פאָלק. די מסורה דערצעהלט אַז די אנשי כנסת־הגדולה האָבען זיך פירגענומען דריי זאַכען: צו איינפיהרען אמת און יושר אין משפט, צו לערנען דאָס פאָלק, און „מאַכען אַ צאַם (סיג) צו דער תורה“, דאָס הייסט: ארומצאַמען די אַלטע געזעצען מיט נייע שטרענגע דינים. די כנסת־הגדולה האָט געשטעלט ריכטער, וועלכע האָבען גע׳משפט דאָס פאָלק לויט די געזעצען פון תנ״ך. די כנסת־הגדולה האָט זיך אויך געזאָרגט צו ערציהען און בילדען די יוגענד און צו לערנען דעם בריטען המון לעזען און שרייבען. כדי צו מאַכען גרינגער דאָס לעזען האָט מען געענדערט דעם אַלטען אידישען שריפט. אנשטאָט די אַלטע, זעהר שווערע אותיות האָט מען אָנגע־הויבען צו בענוצען שעהנע פיערעקיגע אותיות וועלכע זיינען זעהר גרינג צום לעזען (דער דאָזיגער נייער אלף־בית, וועלכער ווערט עד היום געברויכט ביי אידען, רופט זיך אן דער „פיערעקיגער“ אָדער אסירישער.) דורך די אַלע מיטלען פון דער כנסת־הגדולה און די סופרים האָט זיך דאָס וויסען פון תנ״ך אַליץ מעהר פער־שפרייט צווישען פאָלק.

אין פערלויף פון אַ גאַנצען יאָהרהונדערט נאָך עזרא׳ס און נחמיה׳ס טויט האָבען די אידען געלעבט רוהיג אין זייער לאַנד אונ־טער דער אויבערהערשאַפט פון פערסיען. די פערסישע מלכים האָ־בען זיך ניט געמישט אין די אינוועניגסטע ענינים פון יהודה, און האָבען זיך בענוגענט דערמיט, וואָס זיי פלעגען קריגען פון די איינוואוינער דעם בעשטימטען יעהרליכען צינז. אין פערסיען גופא

און אין איהר אונטערטעניגער בבל האָבען זיך אויך אין יענער צייט געפונען גרויסע אידישע עדות וועלכע זיינען געשטיצט געוואָרען פון די פערסישע הערשער. די מסורה דערצעהלט נאָר וועגען איין פאַל ווען די אידען זיינען געווען פערפאָלגט אין פערסיען. אין דעם הויף פון פערסישען מלך אחשורוש (קסערקסעס) אין שושן, האָט זיך געפונען איינער א בעאַמטער מיט'ן נאָמען המן, וועלכער האָט די אידען שטארק געהאסט. איינמאָל האָט ער געזאָגט צום מלך: עס איז דאָ איין פאָלק, וועלכעס איז צושפרייט און צעוואָרפען איבער אלע טיילען פון דיין מלוכה; זיינע מנהגים אונטערשיידען זיך פון די מנהגים פון די איבריגע פעלקער, און די קעניגליכע געזעצען היט ער נים. אויב דער מלך וויל, זאָל ארויסגעלאָזען ווערען א בעפעהל צו טויטען אלע אידען.“ אחשורש האָט באלד ארויסגעגעבען אזא בעפעהל, ערלויבענדיג די פערסיער צו רויבען און הרג'נען די אידען וואָס האָבען געוואוינט אין די שטעדט פון דער פערסישער מלוכה. די אידען אין פערסיען זיינען געווען אין סכנה אין גאנצען פערניכטעט צו ווערען. דעמאָלט איז דעם גע'רודפ'טען פאָלק געקומען צו הילף מרדכי, איינער פון די חשוב'ע אידען פון שושן, וועלכער איז געשטאנען נאָהנט צום קעניגליכען הויף און האָט אמאָל געטהאָן דעם מלך א גרויסע טובה. מרדכי האָט געהאט א קרובה, א יתומה וואס ער האָט ערצויגען, מיט'ן נאָמען אסתר, וועלכע איז דורך איהר שעהנקייט אנגעקומען אין קעניגליכען הויף און איז געוואָרען די בעליעבטסטע ווייב פון אחשורש'ן. ווען אסתר האָט זיך דערוואוסט פון מרדכי'ן וועגען דעם שרעקליכען גורל וואס ערווארטעט איהרע פאָלקס־ברידער האָט זי בענוצט איהר גאנצען איינפלוס אויפ'ן קעניג צו פערמיידען דאס אומגליק. אזוי ווי זי איז פריהער געווען דערוויימערט פון די אידען אזוי האָט זי איצט דערפיהלט איהר בלוט־פערוואנדשאפט מיט איהר פאָלק. אסתר האָט געבעטען דעם קעניג ער זאָל צוריקרופען די שרעקליכע גזרה אויף די אידען און האָט דערביי אויפגעדעקט פאר איהם המנ'ס בייזע מחשבות. אחשורש האָט זיך איבערצייגט אין דער ריכטיגקייט פון איהרע רייד, און ער האָט זיך אויך דערמאָנט אן דער טובה, וואס מרדכי האָט איהם אמאָל געטהאָן, און ער האָט דערפילט די בקשה פון אסתר המלכה. ער האָט

בעפעהלען אויפצוהענגען המן הרשע און די אידען האָט ער ערלויבט זיך צו פערטיידיגען געגען די שונאים, וואס האָבען זיך געקליבען זיי אומצוברענגען. דער סוף איז געווען, אז אין דעם טאָג וואָס המן האָט בעשטימט צו פערטיליגען די אידען (דעם דרייצעהנטען אדר) זיינען זיי מיט געוועהר אין די הענד בעפאלען זייערע שונאים און האָבען זיי געהרג'עט אין דער פּראָווינץ אזוי גוט ווי אין דער הויפּטשטאָדט שושן. פאר א זכר דערפון, וואס די פּערסישע אידען זיינען געראַטעוועט געוואָרען פון דער גזרה, איז איינגעפיהרט געוואָרען דער יום־טוב פּורים, וועלכער ווערט נאָך עד היום אָבגעהיט ביי די אידען דעם פערצעהנטען טאָג אין אדר (א חדש פאר פּסח). אין דיזען יום־טוב לייענט מען אין די שוהלען די מגלה „אסתר" וואו די גאנצע געשיכטע איז בעשריבען.

§98. די צוזאמענשטעלונג פון דעם תנ"ך. עזרא הסופר און זיינע נאָכפאָלגער, די סופרים, האָבען אָנגעהויבען צונויפזאמלען די גייסטיגע אוצרות פון אידישען פאָלק, וואָס זיינען געשאַפען געוואָרען אין פריהערע צייטען. א סך גרויסע לעהרער זיינען אויפגעשטאַנען אין אידישען פאָלק, אָנהויבענדיג מיט משה'ן און ענדיגענדיג מיט די לעצטע נביאים. זייערע לעהרען און נבואות האָבען זיך טיילווייז אויפגעהיט אין ספרים און טיילווייז זיינען זיי איבערגעגאַנגען בעל־פּה פון דור צו דור; פיעלעס איז מיט דער צייט פערלאָרען און פארגעסען געוואָרען און איז ניט דערגאַנגען צו די שפּעטערע דורות. כדי אויפצוהיטען די פערבליבענע ווערק האָט עזרא און די סופרים זיך גענומען זיי פלייסיג צונויפזאמלען, און ברענגען אין אָרדנונג און פארשרייבען דאס, וואס איז נאָך ניט געווען פערשריבען. אזוי איז צוזאמענגעשטעלט געוואָרען דאָס גרעסטע בוך פון דער וועלט — דער ת נ " ך, דיזער ערשטער קוואַל פון דער אידישער אמונה, פון דער אידישער געזעצגעבונג און פון דער עלטסטער געשיכטע פון אידישען פאָלק. די דאָזיגע כתבי־הקדש זיינען אויסגעשטעלט געוואָרען לויט די פאָלגענדע דריי אָבטיילונגען:

די ערשטע אָבטיילונג: ת ו ר ה, אָדער תורת משה. זי בעשטעהט פון פינף ספרים, אדער חומשים. אין דעם ערשטען ספר, ב ר א ש י ת, ווערט דערצעהלט וועגען דעם לעבען פון די

מענשען פון בריאת־העולם ביז אברהמ׳ן, און וועגען דעם לעבען פון אידישען פאָלק פון אברהמ׳ן ביז דעם טויט פון יעקב׳ן און יוסף׳ן אין מצרים. אין דעם אנדערען ספר, ש מ ו ת , ווערט דער־צעהלט וועגען דער קנעכטשאפט פון די אידען אין מצרים, וועגען משה׳ן, וועגען יציאת מצרים, וועגען מתן־תורה, וועגען דעם משכן אין מדבר און אויך די וויכטיגסטע געזעצען פון תורת־משה. אין דעם דריטען ספר, ו י ק ר א , ווערט גערעדט דער עיקר וועגען די דינים פון קרבנות אין דעם בית המקדש, וועגען די ימים טובים און וועגען דעם ווי אזוי עס דארף זיך אויפפיהרען דער מענש אין דער פאמיליע און אין דער געזעלשאפט. אין דעם פערטען ספר, ב מ ד ב ר , ווערט בעשריבען די וואנדערונג פון די אידען אין מדבר צווישען מצרים און כנען. אין פינפטען ספר, ד ב ר י ם אָדער משנה תורה, ווערען איבערגע׳חזר׳ט די וויכטיגסטע געזעצען, וואָס זיינען ענטהאלטען אין די פריהעריגע ספרים, און צו זיי ווע־רען צוגעגעבען נייע געזעצען און דינים, — היבע מאָראלישע לעהרען, וועלכע משה האָט אָנגעזאָגט ניט לאנג פאר זיין טויט.

די צווייטע אָבטיילונג: נ ב י א י ם. דיזע אָבטיילונג בע־שטעהט פון צוויי חלקים. דער ערשטער חלק ענטהאלט די ספרים י ה ו ש ע , ש ו פ ט י ם , ש מ ו א ל און מ ל כ י ם , און ווערט אָנגערופען נ ב י א י ם ר א ש ו נ י ם . דאָ ווערט דערצעהלט די געשיכטע פון אידישען פאָלק פאר א משך פון זיבען הונדערט יאהר, פון דער צייט ווען זיי זיינען אריין אין כנען אונ־טער יהושע׳ן ביז׳ן חורבן ירושלים און גלות בבל. דער צווייטער טייל, וועלכער רופט זיך נ ב י א י ם א ח ר ו נ י ם , ענט־האלט די ספרים פון דריי „גרויסע" נביאים — י ש ע י ה ו , י ר מ י ה ו און י ח ז ק א ל און צוועלף „קלענערע" נביאים: ה ו ש ע , י ו א ל , ע מ ו ס , ע ו ב ד י ה , י ו נ ה , מ י כ ה , נ ח ו ם , ח ב ק ו ק , צ פ נ י ה , ח ג י , ז כ ר י ה ו , און מ ל א כ י . די ערהאבענע רעדעס פון די נביאים, וועלכע זיינען צונויפגעקליבען אין די דאָזיגע ספרים, זיינען א וויטערע ענט־וויקלונג פון תורת־משה. די תורה און די נביאים צוזאמען נעה־מען ארום דאס גאנצע ביבלישע יודענטום.

די דריטע אבטיילונג: כ ת ו ב י ם . דאָ זיינען צונויפגע־

שמעלט פיי די אלטע, פיי די שפעטערע רעליגיעז־מאראלישע, פאַ־טעטישע און פילאָזאָפישע ווערק פון די אידען. צוערשט קומט דער גרויסער ספר תהלים, אדער רעליגיעזע שירים, א סך פון וועלכע זיינען געזונגען געווארען אין ביתהמקדש פון די כאָרען פון די לויים. א גרויסער טייל פון די דאָזיגע שירים טראגען דעם נאָמען פון דוד המלך און זיינען פערבונדען מיט פאסירונגען פון זיין לעבען. דערנאָך קומט דער ספר משלי שלמה, וועלכער ענטהאלט א סך קלוגע משלים און כללים ווי אזוי צו לע־בען און זיך אויפפיהרען. נאָך „משלי" געהט דער ספר „איוב", וואו עס ווערט דערצעהלט דער שיקזאל פון דעם ליידענדען איוב, וועלכער האָט פערלאָרען אלע ערדישע גליקען און ער טענה'ט וועגען דער נישטיגקייט פון מענשליכען לעבען. אין דער פאָרמע פון וכוחים צווישען איוב'ן און זיינע חברים ווערט דאָ פאנאנדערגע־וויקעלט א טיעפע מאראלישע און רעליגיעזע פילאָזאָפיע. די ווייטערע פינף קליינע ספרים ווערען אנגערופען מגלות. אין שיר השירים ווערט אונטער דעם נאָמען פון שלמה המלך בעזונ־גען די שעהנקייט פון דער נאטור, פון ליעבע און דאָס גליק פון יו־גענד. אין „קהלת" לאָזט זיך דער זעלבער מלך אריין אין טרויעריגע מחשבות וועגען דער צוועקלאָזיגקייט פון לעבען. אין דעם קליינעם ספר רות ווערט געשילדערט דאָס פריעדליכע דאָר־פישע לעבען אין דער צייט פון די שופטים, און אין איכה ווערען בעזונגען די ליידען פון די אידען אין דער צייט פון חורבן בית־המקדש. אין מגלת אסתר ווערט דערצעהלט ווי אזוי די פערסישע אידען זיינען געראטעוועט געווארען פון המנ'ס גזרה. דער לעצטער טייל פון כתובים בעשטעהט פון די שפעטערע כראָניקען, דניאל, עזרא און נחמיה. דאָ ווערט דערצעהלט וועגען דעם לעבען פון די אידען אין דער צייט פון דער באבילא־נישער און פערסישער הערשאפט. צום שלוס קומט דער ספר דברי־הימים, וואו עס ווערט אין קורצען איבערגע'חזר'ט די אידישע געשיכטע פון די עלטסטע צייטען ביז דער ענדע פון גלות בבל.

אזוי איז צוזאמענגעשטעלט דער תנ"ך, וועלכער איז די פרוכט פון דעם גייסטיגען שאפען פון אידישען פאָלק אין דעם

משך פון אַ גאַנצען יאָהרטויזענד. די דאָזיגע אַלטע ספרים ענט־
האַלטען די העכסטע און טיעפסטע אמת'ן פון רעליגיאָן, מאָראַל און
מענשליכען צוזאַמענלעבען. דערפאַר איז דער תנ"ך געוואָרען דאָס
היילינגע בוך ניט נאָר פון די אידען, וועלכע האָבען איהם געשאַ־
פען, נאָר אויך פון אַלע פעלקער פון דער וועלט, וואָס גלויבען אין
אָן איינציגען גאָט. אפילו די אַלטע אידישע שפּראַך, אין וועלכער
דער תנ"ך איז געשריבען — אַ שעהנע, בילדליכע און קרעפטיגע
שפּראַך, — ווערט אָנגערופען די היילינגע שפּראַך, אָדער לשון־קדש.

# כראָנאָלאָגיע פון די אידישע מלכים.

## די מלכים פון גאַנצען אידישען פאָלק

שאול (ארום יאָהר 1067—1055)
דוד (ארום יאָהר 1055—1015)
שלמה (אָרום יאָהר 1015—977)

די מלכים פון מלכות יהודה (דוד'ס דינאַסטיע):
רחבעם (977—960).
אבים (960—957).
אסא (957—918).
יהושפט (918—894).
יהורם (894—887).
אחזיהו (887).
עתליה (קעניגין, 880—886).
יואש (881—843).
אמציה (843—815).
א צייט אָהן אַ קעניג (815—805)
עוזיה (805—754).
יותם (754—739).
אחז (739—724).
חזקיהו (724—695).
מנשה (695—640).
אמון (640—638).
יאשיהו (638—608).
יהויקים (608—597).
יהויכין (597).
צדקיהו (596—586).

די מלכים פון ישראל:
ירבעם 1 (977—955).
נדב (955—954).
בעשא (954—933).
אלה (933—932).
א צייט אָהן אַ קעניג (932—928)
עמרי (928—922).
אחאב (922—901).
אחזיהו (901—899).
יורם (899—887).
יהוא (886—860).
יהואחז (860—845).
יהואש (845—830).
ירבעם 11 (830—769).
זכריה (769).
מנחם (768—757).
פקחיה (757—755).
פקח (755—735).
הושע (734—724).

# אינדעקס


**א**

אבימלך, 91—93.
אברהם, 16—23.
אבשלום, 129—133.
אדום, 40, 66—67, 75.
אדם 9—12.
אהוד, 86—87.
אהל מועד, זעה משכן.
אהרן, 60, 61.
אחאב, קעניג 150 ; געצענדיענסט 155 ; קאמפף מיט אליהו 153 — 156 ; מלחמות, 156—159 ; טויט 158—159.
אחז, 188, 191—192.
אחזיהו, 159—160.
אחימלך, 117—118.
אחשורוש, 240.
אידען, אבשטאמונג, 38.
איזבל, 151, קאמפף מיט נביאים 151—153, 156 ; טויט 161.
אליהו הנביא, 153—156.
אליעזר, 22, 24.
אלישע, 159—160, 165.
אמורי, 66—67.
אמנון, 129.
אמציה, 166—167.
אסא, 157.
אסתר, 240.
אפרים, 28 ; שבט 42, 78—80.
זעה מלכות ישראל.
אפים 148.
ארם, 73, 75.
ארם נהרים, זעה מעסאפאטאמיען.
ארץ־ישראל, זעה כנען.
אשור, 7, 73, 184—186.
אשר, 28, שבט 42, 68.

**ב**

בבל, 7, 73, 208—209.
בית־אל, 148.
בית־המקדש, גרינדונג 138—141;
חורבן, 214 זעה אויך בית־שני.
בית־שני, 232—233.
בכורה 25—26.
בלעם, 67—68.
בלק, 67—68.
בנימין, 29 ; שבט, 42, 68.
בעל, 85.
בצלאל, 61.

**ג**

גבעון, גבעונים, 76—77.
גד, 28 ; שבט, 42, 68.
גדליהו, 217—218.
גדעון, 89—91.
גושן, 37, 41, 52.
גלעד, זעה עבר־הירדן.

**ד**

דבורה הנביאה, 87—89.
דוד, אבשטאמונג 114; ביי שאול'ן 114 ; זיעג איבער גלית, 115—116 ; קאמפף מיט שאול 116—117 ; וואנדערונג 117—120 ; קעניג 123—124 ; מלחמות 124—126 ; אבשלומ'ס מרידה 129—133 ; טויט, 135.
דור המדבר, 65—66.
דור הפלגה, 15—16; 38—39.
דינה, 28, 30.
דן, 28 ; שבט 42, 78—80.
דן, שטאדט, 148.
דניאל, 223.
דריוש, 233.

**ה**

הבל, 12—13.
הגר, 20—21.
הושע, נביא, 186—187.
הושע, קעניג, 189—190.
המן, 240—241.
העברעער, זעה עברים.

**ו**

וועלט־בעשאפונג, 9—10 ; 38—39.

ז

זבולן, 28 ; שבט 42, 78—80.
זכריה, נביא, 242.
זכריה, קעניג, 184.
זרבבל, 231—233.

ח

חבקוק, 242.
חגי, 242.
חוה, 10—12.
חורב, זעה סיני.
חזקיהו, 192, 197—201.
חם, 15—16.
חתים, 75.

י

יאשיהו, 201—206.
יבוסים, 124.
יהוא, 160—163, 164, 165.
יהואחז, 165.
יהואש, 165—166.
יהודה, 28 ; שבט, 42. 78—80.
יהויכין, 209—210.
יהויקים, 206—209.
יהורם, 159.
יהושע, בעזיעגט עמלקים, 55 ; מיט די מרגלים 64 ; ווערט פיהרער, 69 ; עראָבערט כנען, 76—81 ; טויט 81—82.
יהושע, כהן גדול, 231, 233.
יהושפט, 157—159.
יואל, 242.
יואש, 164—166.
יונה, 242.
יונתן, 110, 117, 122.
יוסף, געבורט, 28 ; שנאה פון ברי־דער, 31—32 ; פערקויפט 32 ; אין מצרים 32 ; לעבען אין תפיסה, 33—34 ; ביי פרעה'ן, 34—35, 52. בעגעגעניש מיט ברידער, 35—37 ; בעגעגעניש מיט יעקב, 37—38 ; טויט, 38.
יורם, 159—161.
יותם, 188.
יחזקאל, 211, 223—225.
ים־המלח, 73.
ים־סוף, 50 ; קריעת ים־סוף 51.
יעקב, 24—38.
יפת, 15—16.
יפתח, 93—95.
יצחק, 20—24.
יציאת מצרים, 49—50.
ירבעם, 143, 144, 145—149.
ירבעם 11, 180—181, 184.
ירדן, 73 ; איבערגאנג איבער'ן 76.
ירושלים, 124 ; חורבן 212—214.
ירמיהו, 207—208, 210—212 ; 214—217, 218.
ישמעאל, 20—21 ; שבט, 39—40.
ישעיהו, 192—196, 200—202.
ישעיהו 11, 227—228.
יששכר, 28 ; שבט 42, 78—80.
יתרו, 45, 55—56.

כ

כהן, 61.
כורש, 226—230.
כנסת הגדולה, 239.
כנען, לאנד און איינוואוינער 73—76 ; עראָבערונג 76—77, חלוקה, 78—81.
כנענים, 75.
כנרת (ים), 73.
כרמל, 74.
כתובים, זעה תנ"ך.

ל

לאה, 27—28.
לבן, 23—24.
לבנון, 73.
לוחות, 59, 61.
לוט, 17, 20, 39.
לוי, 28, שבט 42.
לויים, 61, 80—81.
ליטעראטור, 177—180. זעה אויך תנ"ך.

מ

מבול, 13—14, 38—39.
מדי, 226.
מדין, 39—40.
מואב, 20 ; פאלק, 32, 66—67, 75.
מיכה, 242.
מלאכי, 233—234.

מלכות יהודה, גרינדונג, 146 ; אונטערגאנג, 214—219.
מלכות ישראל, גרינדונג 146 ; אונטעגראנג, 188—191.
מן, 55.
מנחם, 184, 186.
מנשה, 28 ; שבט 42, 68.
מנשה, קעניג, 201—202.
מעסאפאטאמען, 7.
מצות, 49—50.
מצרים, 7.
מרגלים, 63—64.
מרדכי, 240.
מרים, 44, 51.
משה, געבורט, 44 ; יוגענד, 45 ; אין מדבר, 45—46 ; קאמפף פאר בעפרייאונג, 47—49; יציאת מצרים, 49—51; מתן תורה, 56—59; מיט די אידען אין מדבר, 54—69; טויט, 69.
משכן, בויען פון, 61—63 ; פלאץ, 81 ; צושטערונג, 102.
מתן תורה, 56—59.

נ

נבוזראדן, 214.
נבוכדנצר, 208—225.
נביאים, זעה תנ"ך.
נח, 13—15.
נחום, 242.
נחמיה, 235—236, 237.
ניל, 42.
נפתלי, 28 ; שבט 42, 80—81.
נתן, 128—129.

ס

סדום, 17—19.
סוכות, 168.
סיריען, זעה ארם.
סיני, 46; זעה מתן תורה.
סנחריב, 198—200.
סעמיטען,7—8.

ע

עבר־הירדן, 73; עראבערונג 67—68 ; חלוקה, 68—69.
עברים, 8, 40—41 ; זעה אויך אידען.
עגל, 59.
עובדיה, 242.
עוג, 67.
עוזיהו, 187—188.
עזרא, 234—235, 236.
עלי, 100—102.
עמון, 39, 75, 126.
עמוס, 182—184.
עמלקים, 55, 75, 112—113.
עמרי, 149—150.
עקדה, 21—22.
עשו, 24, 25—26, 29—30.
עשרה בטבת, 221.
עשרת הדברות, זעה מתן תורה.
עשרת השבטים, זעה מלכות ישראל.
עתליה, 163—164.
עתניאל, 86.

פ

פאלעסטינא, זעה כנען.
פורים, 241.
פלשתים, 75, 95—98, 101—102, 104, 110—111, 115—116, 120 122—126, 125—126.
פסח, 50.
פקח, 186, 189.
פרם, 226.

פ

פעניציער, 75, 137—138.

צ

צדקיהו, 210—214.
צום גדליה, 221.
ציון, 74.
צפניה, 242.
צפרה, 45—46.

ק

קין, 12—13.
קינים, 53, 59.
קרח, 65.

ר

ראובן, 28, שבט 42, 68.
רבקה, 23, 26, 31.
רחבעם, 144, 149.
רחל, 27—28, 30.

רעליגיאָן, אין צײַט פֿון אבות 17; צײַט פֿון משה, 56—59, 70—72; צײַט פֿון די צווײ מלוכות 175—177.

## ש

שאול, אבשטאמונג, 106; מלך 106—107; מלחמות 107—116; קאמפּף מיט דוד, 116—120; טויט 122.
שבט, אנפאנג פֿון 42.
שבעה עשר בתמוז, 221.
שבועות, 168.
שומרון, גרינדונג 149; חורבן 190.
שומרונים, 191, 232, 237.
שופט, 84.
שיבת ציון, 228—231.
שילה, 61, 81, 102.
שלום, 184.
שלמה, געבורט, 129, קעניג 134; זײַן חכמה, 135—137; ענטוויקלונג האנדעל, 137—138; בוים בית־המקדש, 138—141, צושטאנד פֿון לאנד, 141—144; טויט, 144.
שמואל, געבורט 102—103; שופט און נביא 104—107. זעה אויך שאול.
שמעון, 28; שבט 42, 80.
שמשון, 95—98.
שם, 15—16.
שרה, 18, 20, 22.

## ת

תורה, זעה תנ"ך.
תנ"ך, 241.
תשעה באב, 221.

מתתיהו החשמונאי.

ש. דובנאָוו

# די אידישע געשיכטע

## פאַר שולֶע און פאָלק

איבערזעצט פון

חיים ליעבערמאַן

און

מייטע ליוושיץ

## מאַקאַבייאישע און תלמוד־ישע עפּאָכע


מאַקס נ. מייזעל
424 גרענד סטריט,
ניו יאָרק.

אידישער פערלאג
פיר ליטעראַטור
און וויסענשאַפט.

MAX N. MAISEL
PUBLISHER

424 GRAND ST.
NEW YORK

# אינהאַלטס־פערצייכנים :

## די אַלטע צייט און די עפּאָכע פון תלמוד.


§1. פאָרוואָרט. 9—10.


### ערשטער קאַפּיטעל.

## יהודה אונטער דער גריכישער הערשאַפט.


§2, אַלכסנדר מוקדון ; §3, תלמי לאַגוס ; §4, תלמי דער צווייטער פילאַדעלפוס ; §5, תלמי דער דריטער און פיערטער ; §6, שמעון הצדיק און יהושע בן־סירא ; §7 דער אָנפאַנג פון דער סירישער הערשאַפט ; §8, יאַזאָן און מענעלוים ; §9, אַנטיוכוס׳עס גזרות. 10—28.


### צווייטער קאַפּיטעל

## די בעפרייאונגס־מלחמות פון די חשמונאים


§10, מתתיהו חשמונאי ; §11, די נצחונות פון יהודה המכבי ; §12, חנוכה ; §13, אַנטיוכוס׳עס טויט, שלום ; §14, אלקימוס, יהודה׳ס טויט ; §15, יונתן חשמונאי ; §16, שמעון חשמונאי ; §17, די אידען אין מצרים. 28—44.


### דריטער קאַפּיטעל

## יהודה אין דער צייט פון דער חשמונאים־דינאַסטיע


§18, שמעון אַלס נשיא ; §19, יו.נן הורקנוס ; §20, די פּרושים, צדוקים און אסיים ; §21, דער סנהדרין און דער קאַמפּף פון די פּאַרטייען ; §22, יהודה אַריסתובול ; §23, אלכסנדר ינאי ; §24, שלומית אלכסנדרה ; §25, דער קאַמפּף צווישען הורקנוס דעם 2טען און אַריסתובול דעם 2טען ; §26, דאָס אַנקומען פון פּאָמפּעאוס ; §27, הורדוס און אַנטיגנוס דער 2טער. 44—67.

פיערטער קאַפּיטעל

## קעניג הורדוס דער 1טער און זיינע נאָכפאָלגער

§28, הורדוס'עס גרויזאַמע מעשים ; §29, מרים'ס טויט ; §30, הור־דוס'עס נייע איינפיהרונגען ; §31, הורדוס'עס לעצטע יאָהרען ; §32, אַרכילוס, אינוועניגסטע מהומות ; §33, דאָס גייסטיגע לעבען, הלל און שמאי. 67—81.

פינפטער קאַפּיטעל

## די הערשאַפט פון די רוימער אין יהודה

§34, די ערשטע רוימישע פערוואַלטער ; §35, אימפּעראַטאָר קאַלי־גולא ; §36, קעניג אַגריפּאַס דער ערשטער ; §37, אַגריפּאַס דער צוויי־טער און די רוימישע פּראָקוראַטאָרען ; §38, דער אָנהויב פון אויפ־שטאַנד. 81—94.

זעקסטער קאַפּיטעל

## די מלחמה מיט די רוימער און דער אונטערגאַנג פון דער אידישער מלוכה

§39, די פּאָרבערייטונגען צו דער מלחמה ; §40, די מלחמה אין גליל ; §41, די בעלאַגערונג פון ירושלים ; §42, חורבן ירושלים ; §43, דער אונטערגאַנג פון יהודה. 94—110.

זיבעטער קאַפּיטעל

## פון חורבן ירושלים ביז דעם אויפשטאַנד פון בר־כוכבא

§44, יוחנן בן־זכאי ; §45, רבן גמליאל דער צווייטער ; §46, מהומות אין דער צייט פון טראַיאַנוס און האַדריאַן ; §47, רבי עקיבא ; §48, דער אויפשטאַנד פון בר־כוכבא ; §49, האדריאנ'ס רדיפות. 110—125.

אכטער קאַפּיטעל

## די נשיאים און ישיבות אין ארץ ישראל ביז דער שליסונג פון דער משנה

§50, רבי מאיר ; §51, דער נשיא רבי שמעון דער דריטער און רבי יהודה הנשיא ; §52, די שליסונג פון דער משנה. 125—135.

ניינטער קאַפּיטעל

## די אידען אין ארץ־ישראל ביז'ן סוף פון דער הערשאַפט פון די נשיאים

§53, די נשיאים און די ערשטע אמוראים; §54, די קריסטליכע קיסרים פון רוים; §55, דער קיסר יוליאַן און רבי יהודה הנשיא דער צווייטער; §56, די לעצטע נשיאים, דער תלמוד ירושלמי. 126—142.

צעהנטער קאַפּיטעל.

## די אידען אין בבל ביז דער שליסונג פון תלמוד בבלי

§57, די אידען אין בבל אונטער דער הערשאַפט פון נײַ־פּערסיען; §58, רב און שמואל; §60, די אמוראים פון בבל; §61, רב אַשי און דער תלמוד בבלי; §62, די שליסונג פון תלמוד; §63, דער אינהאַלט פון תלמוד. 142—155.

עלפטער קאַפּיטעל

## די אידען אין מזרח ביז'ן סוף פון די גאונים

§64, מהומות אין פּערסיען, די סבוראים; §65, די אידען אין סיריען און פּאַלעסטינא אונטער דער הערשאַפט פון ביזאַנטיען; §66, די אידען אין אַראַביען און מאַחמעד; §67, די ערשטע קאַליפען, די נייע נשיאים; §68, די עקזילאַרכען און די גאונים; §69, דער קאַליפאַט פון באגדאד, די סעקטע פון קאראימען; §70, דאָס גייסטיגע לעבען אין דער צייט פון די גאונים; §71, סעדיה גאון; §72, די לעצטע עקזי־לאַרכען און גאונים. 155—177.

אינדעקס ........................ 179־181

# ליסטע פון בילדער:

I. מתתיהו חשמונאי ..................... פאָרערבילד
II. אנטיוכוס עפּיפאַנעס.......................... 26
III. דער גריכישער גאָט צעאוס....................... 33
IV. די פּאַרצייטיגע אידישע שוהל אין אלעקסאנדריען, מצרים ............................... 43
V. יאָזעפוס פלאַוויוס ........................ 97
VI. טיטוס׳עס טויער אין רוים ..................... 106
VII. די רוימישע מטבע אין אָנדענק פון יהודה׳ס אונטער־גאנג ............................ 109
VIII. פּראָצעסיע פון אידישע געפאנגענע............... 116
IX. א חרב׳ע שוהל אין מירום....................... 133
X. קברים פון אידישע מלכים....................... 152
XI. אויפשריפטען אויף אלטע אידישע מצבות אין רוים 164-165

# מאַקאַבייאישע און תלמוד׳ישע עפּאָכע

# די אַלטע צייט און די עפּאָכע פון תלמוד.

§1 *) פאָרוואָרט. די ערשטע (ביבלישע) עפּאָכע פון זיין געשיכטע האָט דאָס אידישע פאָלק איבערגעלעבט צווישען די פעלקער פון מזרח, אין שכנות מיט מצרים, סיריען, אשור, בבל און פערסיען **) אין די לעצטע פיער הונדערט יאָהר פון דער דאָזיגער עפּאָכע האָבען אשור, בבל און פערסיען איינע נאָך דער אַנדערער פערשפּרייט זייער הערשאַפט איבער דער אידישער מלוכה. אשור האָט חרוב געמאַכט איין העלפט איהרע — מלכות־ישראל, בבל האָט אויף אַ האַלבען יאָהרהונדערט צושטערט די אַנדערע העלפט — מלכות־יהודה (גלות בבל), און צולעצט האָט פערסיען צוויי הונדערט יאָהר געהאַלטען יהודה אונטער איהר אויבער־הערשאַפט. נאָר ענדליך איז געקומען אַ סוף אויך צו דער פערסישער ממשלה. דער גרויסער גריכישער קריעגספיהרער אַלכסנדר מוקדון האָט חרוב געמאַכט די פערסישע מלוכה און האָט איינגעשטעלט די גריכישע הערשאַפט אין פאָדער־אַזיען (332 יאָהר פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג).

פון דיזער צייט הויבט זיך אָן די צווייטע (נאָך־ביבלישע) פעריאָדע פון דער אידישער געשיכטע, וועלכע פאַלט אוים אין איין צייט מיט דער אַלטער גריכיש־רוימישער פעריאָדע אין דער וועלט־געשיכטע. בלייבענדיג נאָך אַלץ אין מזרח האָט דאָס אידישע פאָלק זיך שוין איצט געפונען דער עיקר צווישען די געבילדעטע פעלקער פון מערב — די גריכען און רוימער. דאָס אידישע פאָלק פאַלט צום טייל אַרונטער אונטער דעם איינפלוס פון זייער קולטור און ווירקט צוריק אויף די געצענדיענער מיט זיין רעליגיאָן פון ריינעם מאָנאָטעאיזם (אחדות הבורא); ער קעמפּפט מיט דער פּאָליטישער מאַכט פון רוים און אין דעם אונגלייכען קאַמפּף פערלירט ער סוף־כל־סוף די זעלבסטשטענדיגקייט פון זיין מלוכה (70 יאָהר פאַר קריסט. צייטר.)

---

*) מיט קלענערע קיגדער קען מען אויסלאָזען דיזען פּאַראַגראַף, ווי אויך אַלץ וואָס קומט אין איינגענומענע שריפט אין דיזען בוך.

**) זעה: דובנאָוו, אידישע געשיכטע, ביבלישע עפּאָכע; פערלאַג מויזעל.

פון יענער צייט הויבט אָן דאָס אידישע פאָלק צו לעבען פּאָ־
ליטיש אונטער דער ממשלה פון רוים, אָבער אינוועניג בלייבט עס
פריי און רעגירט זיך אליין (אויטאָנאָמיע). רעגירט דאָס פאָלק
אין זיינע צוויי וויכטיגסטע צענטרען — ארץ ישראל און בבל —
האָבען די נשיאים און עקזילארכען. אין דער דאָזיגער עפּאָכע,
וועלכע נעהמט ארום די לעצטע יאָהרען פון אלטערטום און דעם
אָנהויב פון מיטעלאלטער (70—1040), ווערט בעשאפען און איינ־
געפיהרט אין לעבען דער תלמוד — דער צווייטער גייסטיגער יסוד
פון יודענטום נאָכ'ן תנ"ך. דערפון האָט די גאנצע עפּאָכע גע־
קראָגען דעם נאָמען „תלמוד'ישע". אין די לעצטע יאָהרהונדערטען
פון דער דאָזיגער עפּאָכע לעבען שוין די אידען פון פּאלעסטינא
און בבל אונטער דער הערשאפט פון די אראבער, וואָס גלויבען
אין דעם מאחמעדאניזם.

---

## ערשטער קאַפּיטעל.

# יהודה אונטער דער גריכישער הערשאַפט.

(167-332 יאָהר פאר קריסטל. צייטר.)

§2. אלכסנדר מוקדון. צוויי הונדערט יאָהר האָט גע־
דויערט די הערשאפט פון פערסיען אין יהודה און אין גאנץ פּאָ־
דער־אזיען. נאָר ענדליך איז די מעכטיגע פערסישע מלוכה, וואָס
איז געגרינדעט געוואָרען פון כורש'ן, צופאלען געוואָרען, און די
הערשאפט אין אזיען איז אריבער צו די גריכען. דער גרויסער גרי־
כישער קריעגספיהרער אלכסנדר מוקדון, האָט בעזיעגט די פּער־
סיער און האָט אונטערטעניג געמאכט אלע לענדער, וואָס זיינען
געווען אונטערוואָרפען צו זיי. צווישען די דאָזיגע לענדער זיינען
אויך געווען סיריען און יהודה (332). צוערשט האָבען די אידען
זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען צום גריכישען זיעגער, ניט וועלענ־
דיג ברעכען די שבועה פון טרייהייט וואָס זיי האָבען געגעבען צום
פּערסישען קעניג. נאָר ווען אלכסנדר איז אונטערגעקומען מיט
א מחנה חיל צו ירושלים כדי צו בעשטראָפען איהרע פער'עקשנ'טע
איינוואוינער, האָבען די אידען איינגעזעהן אז צו שטעלען זיך גע־

גען דעם מעכטיגען זיעגער וועט זיין אומזיסט, האָבען זיי ארויס־געשיקט שלוחים אנטקעגען אלכסנדר'ן אויסצודריקען איהם זייער אונטערטעניגקייט. די לעגענדע דערצעהלט, אז דער כהן גדול ידוע און פיעל אנדערע כהנים, אלע אָנגעטהאָן אין זייערע פּרעכטיגע כהונה־קליידער, זיינען ארויס פון ירושלים מקבל פּנים צו זיין אלכסנדר'ן. הינטער זיי זיינען געגאַנגען די חשוב'סטע לייט פון שטאָדט. אז אלכסנדר האָט דערזעהן די אידישע שלוחים איז ער ארונטער־געגאַנגען פון זיין פערד און האָט זיך טיעף פערניינט פאר'ן כהן־גדול, וועלכער איז געגאַנגען פאָראויס. ווען איינער פון זיינע הארען האָט איהם געפרעגט וואָרום ער האָט זיך פריהער גע־בוקט צום אידישען כהן־גדול, האָט דער קעניג געענטפערט: „ווען איך בין נאָך געווען אין מאצעדאָניען און האָב געטרוימט וועגען איינגעהמען אזיען, האָט זיך מיר איינמאָל אין חלום בעוויזען א געשטאַלט, וואָס איז זעהר ענהליך געווען אויף דעם דאָזיגען כהן־גדול. די געשטאַלט האָט מיר פאָראויסגעזאָגט, אז מיין אונטער־נעהמונג וועט זיך ענדיגען מיט רוהם און נצחון. איצט, דערזעהע־נדיג דעם אידישען כהן־גדול, האָב איך זיך דערמאָנט אין מיין חלום, און איך האָב זיך געבוקט ניט צו איהם, נאָר צום גאָט, וואָס האָט איהם געמאַכט פאר זיין כהן". די לעגענדע דערצעהלט ווייטער, אז אלכסנדר איז ארייגעפאָהרען אין ירושלים, בעגלייט פון דעם כהן־גדול, און האָט דאָרט בעזוכט דעם בית־המקדש, און האָט געבראַכט א קרבן צום אידישען גאָט.

ווען אלכסנדר מוקדון האָט צוגעשלאָסען יהודה צו זיין מלוכה האָט ער ניט געשטערט די אינוועניגסטע פרייהייט פון די איינ־וואוינער. ער האָט זיי ערלויבט אָבצוהיטען זייער אמונה און זיך פיהרען לויט זייערע אייגענע געזעצען, אזוי ווי עס איז געווען אין דער צייט פון דער פערסישער הערשאַפט. עס האָט זיך דעמאָלט נעפיהרט, אז אלע פעלקער וואָס זיינען געווען אונטערטעניג צו אלכסנדר'ן, פלעגען ארייננשטעלען זיינע סטאַטועו אין זייערע טעמפּ־לען. אָבער די אידען האָבען ניט געקענט ארייננשטעלען אלכסנדר'ס בילד אין בית־המקדש, ווייל די רעליגיאָן האָט זיי פערבאָטען צו שטעלען בילדער און געשטאַלטען אין בית־המקדש, האָבען זיי אָנשטאַט דעם אויסגעדריקט זייער אכטונג צום דעם מאצעדאָנישען

קעניג דערמיט, וואָס זיי האָבען אַלע איינגלעך, וואָס זיינען ביי זיי געבאָרען געוואָרען אין פערלויף פון אַ יאָהר צייט, אַ נאָמען גע־געבען אַלכּסנדר. דער קעניג איז דערפון שטאַרק צופריעדען גע־ווען און האָט געגעבען די אידען נייע הנחות. ער האָט בעפרייט די איינוואוינער פון צאָלען ערד־שטייער אין די יאָהרען פון שמטה, ווען די פעלדער פלעגען ניט בעאַרבייט ווערען, און די אידישע יונגע לייט וואָס האָבען געדיענט אין זיין אַרמיי, פלעגט ער בע־פרייען פון אַרבייט אום שבת.

אַלכּסנדר האָט פעראייניגט יהודה מיט דער פּראָווינץ קעַ־לעסיריען (נידער־סיריען). פאַר'ן פערוואַלטער איבער דער דאָ־זיגער פּראָווינץ האָט אַלכּסנדר בעשטימט זיין שטעל־פערטרעטער אנדראָמאַכאָס, וועלכער האָט געוואוינט אין שמרון. די שמרונים, די שונאים פון די אידען, זיינען געווען אונצופריעדען מיט דער פערוואַלטונג פון אנדראָמאַכאָס'ן, און זיי האָבען געמאַכט אַ מרידה געגען איהם און האָבען איהם גע'הרג'עט. ווען אַלכּסנדר האָט זיך דערפון דערוואוסט האָט ער שטרענג בעשטראָפט די מורדים, האָט זיי פערטריבען פון שמרון, און האָט די שטאָדט בעזעצט מיט מאַ־צעדאָניער. איינינע שמרונישע לענדערייען האָט ער געשענקט צו די איינוואוינער פון יהודה, וועלכע איז איהם געבליבען טריי.

ווען אַלכּסנדר מוקדון האָט איינגענומען מצרים, האָט ער אויפ'ן ברעג פון מיטלענדישען ים געגרינדעט די בעריהמטע האַנ־דעלס־שטאָדט אַלעקסאַנדריען און האָט זי בעזעצט מיט גריכען און אידען. אַ סך איינוואוינער פון יהודה האָבען זיך פרייוויליג בע־זעצט אין אַלעקסאַנדריען און האָבען דאָרט גענאָסען אַלע ביר־גערליכע רעכט צוגלייך מיט די גריכען.

§3. תלמי לאַגוס. ניט לאַנג האָט געדויערט די גרויסע מלוכה פון אַלכּסנדר מוקדון, וועלכע איז געווען פאַנאַנדערגע־וואָרפען איבער דריי וועלט־טיילען — אייראָפּאַ, אַזיען און אַפרי־קע. ווען אַלכּסנדר איז געשטאָרבען האָבען זיינע קריעגספיהרער אָנגעהויבען קעמפּפען איינער מיט'ן אַנדערען פאַר דער הערשאַפט איבער די בעזיעגטע לענדער. איינער פון אַלכּסנדר'ס הויפּט קריעגספיהרער, דער גריכישער תלמי לאַגוס, האָט זיך צוגענומען מצרים; נאָך ניט בענוגענדיג זיך דערמיט האָט ער זיך אַריינ־

געריסען מיט א גרויסען חיל קיין סיריען און יהודה, איז אריין אין ירושלים און האט אוועקגעפיהרט פון דארט קיין מצרים א סך איינוואוינער. די געשיכטע דערצעהלט אז תלמי האט אזוי גרינג גענומען ירושלים דערפאר, וואס ער איז אנגעפאלען אויף איהר אום שבת, ווען די אידען האבען צוליעב דער היילינקייט פון דעם רוה־טאג ניט געוואלט זיך פערטיידיגען מיט געוועהר אין די הענד.

נאך לאנג־יעהריגע מהומות זיינען די לענדער פון פאדער־אזיען און דרום־אפריקע צוטיילט געווארען צווישען צוויי גריכי־שע קריעגספיהרער: מצרים און יהודה זיינען געבליבען פאר תלמי, און סיריען, קליין־אזיען און בבל זיינען אנגעקומען דעם הויפטמאן סעלייקוס. תלמי האט געגרינדעט אין מצרים די קעניג־ליכע דינאסטיע פון די „לאגיער" און האט געמאכט אלעקסאנדריען פאר זיין הויפט־שטאדט; און סעלייקוס איז געווארען דער פא־טער פון די גריכיש־סירישע מלכים, וואס זייער הויפט־שטאדט איז געווען אנטיוכיה אין קליין־אזיען. די אידען פון סיריען און בבל וועלכע זיינען אונטערגעפאלען אונטער זיין הערשאפט האבען איינ־געפיהרט א בעזונדער צייט־רעכנונג, אנהויבענדיג מיט'ן יאהר ווען סעלייקוס דער ערשטער איז געווארען קעניג (312 פאר קריסטל. צייטר.) אין פערלויף פון עטליכע הונדערט יאהר האבען זיי בע־נוצט די דאזיגע צייטרעכנונג, דער עיקר אין קאנטראקטען און כתבים (דעריבער רופט זיך עס אין די אידישע ספרים „מנין שטרות") די סירישע הערשער פון סעלייקוס'עס אבשטאמונג הא־בען ניט געקענט רעכט מאכען ביי זיך, אז די שכנ'ישע יהודה, וואס האט אין אמת'ן געהערט צו זיי, זאל נאר אנקומען צו די עגיפטער, און זיי האבען שטענדיג געזוכט א געלעגענהייט אבצו־נעהמען דאס דאזיגע לאנד. נאר די עגיפטישע מלכים האבען נאך לאנג געהאלטען יהודה אונטער זייער ממשלה.

תלמי לאגוס דער ערשטער (383—304) איז זיך בעגאנגען עהר־ליך מיט די פעלקער, וואס ער האט בעזיעגט, און אויך מיט די אי־דען. די געפאנגענע, וואס ער האט אוועקגעפיהרט פון יהודה, האט ער בעזעצט אין זיין הויפטשטאדט אלעקסאנדריען און האט זיי גע־געבען אלע בירגער־רעכט, צוגלייך מיט די גריכען. די פעהיגסטע אידישע קריעגער פלעגט ער מאכען פאר הויפטלייט פון זיין ארמיי

און פֿלעגט זיי פֿערטרויען די שמירה פֿון די פֿעסטונגען. אַ סך אי־דען זיינען פֿרייוויליג געקומען פֿון יהודה קיין מצרים און זיך דאָרט בעזעצט. נאָר די אמת׳ע עגיפּטער האָבען זיך פֿערהאַלטען צו די אידען מיט פֿיינדשאַפֿט, ווייל זיי האָבען געקוקט אויף זיי ווי אויף פֿרעמדע, וועלכע זיינען אריינגעדרונגען אין לאַנד צוזאַמען מיט די בעזיעגער פֿון עגיפּטען. אין יהודה גופא האָט תלמי ערלויבט די איינוואוינער די זעלבע פֿרייהייט פֿון רעגיערונג ווי זיי האָבען גע־האַט אונטער דער הערשאַפֿט פֿון פֿערסיען. די אינוועניגסטע ענינים האָט פֿערוואַלטעט דער כהן־גדול פֿון ירושלים, מיט דער הילף פֿון אַ ראַט פֿון זקנים, אין גריכיש „גערוזיא". דער כהן־גדול איז געווען דער פֿאָרשטעהער פֿון די אידען פֿאַר דער עגיפּטישער רעגיערונג. ער איז געווען מחויב אריינצוטראָגען אין דער קעניגליכער קאַסע יעדען יאָהר אַ שטייער פֿון די אידען, וועלכער האָט בעטראָפֿען צוואַנציג טאַלאַנטען זילבער (ארום 20,000 דאָלאַר).

§4. **תלמי דער צווייטער פֿילאַדעלפֿוס.** נאָכ׳ן טויט פֿון תלמי דעם ערשטען האָט אין מצרים געקעניגט זיין זוהן, תלמי דער צווייטער פֿילאַדעלפֿוס (247—283). אין די צייטען פֿון דעם דאָזי־גען קעניג איז די לאַגע פֿון די אידען נאָך בעסער געוואָרען. תלמי פֿילאַדעלפֿוס האָט זיך ארומגערינגעלט מיט גריכישע געלעהרטע און דיכטער און האָט זיך בעמיהט צו פֿערפֿלאַנצען אין זיין לאַנד ווי־סענשאַפֿט און קונסט. ביי זיין הויף האָט זיך געפֿונען דער גרעס־טער מוזעאום אין דער וועלט, וואו עס זיינען געווען אויפֿגעזאַמעלט ליטערארישע און קינסטלערישע ווערק פֿון אַלע פֿעלקער. די לע־גענדע דערצעהלט, אַז ווען תלמי האָט זיך דערוואוסט וועגען די אידישע הייליגע ספֿרים און זייער הויכען ווערטה, האָט ער געוואָלט זיך בעקענען מיט זיי און קריגען אַ געטרייע גריכישע איבערזעצונג פֿאַר זיין רייכער ביבליאָטעק. האָט ער געשריבען אַ בריעף צום כהן־גדול אליעזר אין ירושלים און געבעטען ער זאָל איהם שיקען קיין אלעקסאַנדריען געלערנטע לייט, וועלכע זאָלען קענען אי־בערזעצען די אידישע ספֿרים אין דער גריכישער שפּראַך. צוזאַמען מיט׳ן בריעף האָט דער קעניג געשיקט רייכע מתנות פֿאַר׳ן בית־המקדש. אליעזר האָט גערן געטהאָן תלמי׳ס פֿערלאַנג און האָט אַוועקגעשיקט צו איהם צוויי־און־זיבעציג געלערנטע לייט, וואָס האָ־

בען געקענט גריכיש אזוי גוט ווי העברעאיש, און וועלכע האָבען מיט זיך גענומען א קאפּיע פון דער תורה. די איבערזעצער זיינען אויפגענומען געוואָרען אין אלעקסאנדריען מיט גרויס כבוד. דער קעניג האָט מיט זיי א סך פערבראכט און האָט בעוואונדערט זייער חכמה. מען האָט פאר זיי אָבגעלאָזט א בעזונדער פּאלאץ אויף'ן אינזעל פאראָס, נעבען אלעקסאנדריען, און דאָרט, אין פּאָלשטענ־דיגער רוה און שטילקייט, האָבען זיי געארבייט אויף דער גריכישער איבערזעצונג פון תורת משה. די לעגענדע דערצעהלט, אז מען האָט די איבערזעצער צוטיילט אין צוויי־און־זיבעציג בעזונדערע חדרים, כדי זיי זאָלען זיך ניט קענען צוזאמענרעדען; יעדער איינער פון זיי האָט איבערזעצט פאר זיך, און פונדעסטוועגען, ווען מען האָט צום סוף פערגליכען אלע איבערזעצונגען, האָט זיך ארויסגעוויזען, אז זיי שטימען וואָרט אין וואָרט. דאן האָט מען די איבערזעצונג געבראכט פאר תלמי, און דערביי זיינען געוועזען פערזאמעלט די זקנים פון די עגיפּטישע אידען. די זקנים האָבען געבעטען ערלויב־ניש ארונטערצונעהמען א קאָפּיע פון דער איבערזעצונג, כדי זי צו פערשפּרייטען אין זייערע קהלות, וואו די אידען האָבען גערעדט גריכיש.

אין א שפּעטערער צייט זיינען איבערזעצט געוואָרען אויף גרי־כיש אויך די איבעריגע ספרים פון תנ"ך. פון דער דאָזיגער איבער־זעצונג האָבען זיך די געבילדעטע גריכען און רוימער בעקענט מיט דער רעליגיעזער ליטעראטור פון די אידען. די גריכישע איבער־זעצונג פון תנ"ך האָט געקראָגען דעם נאָמען „סעפּטואגינט“, אָדער העתקת השבעים, ד. ה. די איבערזעצונג פון די זיבעציג.

§5. **תלמי דער דריטער און פיערטער.** דער נאָכפאָלגער פון תלמי פילאדעלפוס איז געוועזען תלמי דער דריטער אייערגעטעס (247—221). אין זיין צייט האָט געשראָקען יהודה א גרויסע גע־פאהר. די סירישע מלכים פון דער דינאסטיע סעלייקידען האָבען רעמאָלט מלחמה געהאלטען מיט מצרים און געוואָלט אָבנעהמען ביי איהר יהודה. די סיריער האָבען געוואונען אויף זייער זייט די ירושלים'ער אריסטאָקראטיע און דעם כהן־גדול חוניו דעם צווייטען, און האָבען זיי איינגערעדט צו אויפהערען צאָהלען צינז דעם עגיפּ־טישען קעניג. האָט תלמי אייערגעטעס געשיקט א שליח קיין

ירושלים מיט דער שטרענגער פאָדערונג, אז זיי זאָלען באַלד איינ־
צאָהלען דעם יעהרליכען צינז פון צוואנציג טאלאנטען, און אויב ניט
וועט ער די אידען שווער בעשטראָפען און זייער ערד וועט ער צו־
טיילען צו גריכען. די איינוואוינער פון ירושלים האָבען זיך צו־
שפּאָלטען אין פּארטייען; דער צד וואָס האָט געהאַלטען מיט דער
עגיפּטישער הערשאפט איז געווען אונצופריעדען מיט דער אויפ־
פיהרונג פון דער אריסטאָקראַטיע און פון דעם כהן גדול. דער פיה־
רער פון דער דאָזיגער פּארטיי, דער יונגער פּלימעניק פון דעם כהן
גדול, יוסף בן־טוביה, איז אוועק קיין אלעקסאנדריען, כדי ווייטער
צו מאכען תלמי'ס צאָרן. מיט הניפה'דיגע רייד און רייכע מתנות
איז יוסף'ן געלונגען צו געווינען דעם גוטען ווילען פון דעם קעניג
און איהם איבערצייגען אין דער טרייהייט פון אידישען פאָלק.

תלמי האָט געמאַכט יוסף'ן פאַר'ן הויפּט זאמלער פון די
שטייערען אין פּאַלעסטינא. אַן אבטיילונג פון צוויי טויזענד
סאָלדאטען איז געשטעלט געוואָרען אונטער זיין פיהרערשאפט,
צו העלפען איהם ביים זאמלען די צינזען. צוויי־און־צוואנציג יאָהר
האָט יוסף געהאַט די אויפזיכט איבער די שטייערען אין פּאַלעס־
טינא און אין די גרעניץ־לענדער; ער האָט געטריי דערפילט זיין
פליכט און האָט בערייכערט די עגיפּטישע קעניגליכע קאסע, נאָר
אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך אליין אויך רייך געמאַכט. אלס
דעם קעניג'ס פערטרעטער האָט ער געהאַט א גרויסען איינפלוס
אויף דער רעגירונג אין יהודה. אין זיין צייט זיינען אין לאַנד
איינגעפיהרט געוואָרען גריכישע מנהגים. די אידען פון די רייכע
קלאַסען האָבען אָנגעהויבען נאָכמאכען דעם אַרט לעבען פון די
גריכען, זיי האָבען זיך ארייגעלאָזט אין וואויל־טאָג און לעדיג־גהען,
און האָבען וואָס ווייטער אַלץ מעהר פערלאָרען די איינפאַכע אי־
דישע מדות.

אַ פיינדליכע שטעלונג צו די אידען האָט זיך צום ערשטען
מאָל בעוויזען אין דער צייט פון דעם קעניג תלמי דעם פיערטען פילאָ־
פּאַטאָר (205—221). פאַר איהם האָבען די סיריער ווידער גע־
פּרובט איינצונעהמען יהודה. דער סירישער קעניג אנטיוכוס דער דרי־
טער דער גרויסער, האָט שוין פערכאפּט דעם גליל און די לענדערייען
אין מזרח זייט פון ירדן; נאָר באַלד איז געקומען תלמי פילאָפּאַ־

טאָר, האָט צושלאָגען די סיריער ביי ראַפּיאַ און האָט אָבגענומען ביי זיי צוריק די בעזיעגטע לענדערייען (217). שליחים פון אידישען פאָלק זיינען געקומען בעגריסען דעם קעניג צו זיין גרויסען נצחון. דער קעניג האָט אויסגעדריקט אַ פערלאַנג צו בעזוכען ירושלים און ברענגען אַ קרבן אין בית־המקדש. אריינגעהענדיג אין פאָדערשטען צימער פון בית־המקדש האָט ער געוואָלט געהן ווייטער, אין קדשי קדשים, וואוהין עס האָט געמעגט אריינגעהן בלויז דער כהן גדול. ניט דאָס בעטען פון די כהנים, און ניט די אונצופריעדענהייט פון פאָלק האָבען געקענט בויגען דעם קעניג פון זיין בעשלוס. אָבער ווי נאָר דער קעניג איז ארויפגעטראָטען אויפ'ן שוועל פון דעם הייליגען צימער, דערצעהלט די לעגענדע, אזוי האָבען זיך איהם אונטערגעזעצט די פיס און ער איז געפאַלען אין אָהנמאַכט אויף דער ערד. מען האָט איהם געמוזט פון בית־המקדש ארויסטראָגען אויף די הענד. פון דעמאָלט אָן האָט ער פערהאַסט די אידען און זייער אמונה.

ווען פילאָפּאַטאָר האָט זיך אומגעקערט קיין מצרים האָט ער ארויסגעגעבען אַ גזרה, אז יעדער איינער וואָס וועט ניט אָננעהמען דעם גריכישען געצענדיענסט וועט ניט קענען געניסען קיין בירגערליכע רעכט. דורך דער דאָזיגער גזרה האָבען די אידען אין מצרים פערלאָרען די גלייכבערעכטיגונג, וואָס איז זיי געגעבען געוואָרען פריהער, און זיינען אוועקגעשטעלט געוואָרען אויף אַ נידריגער מדרגה. אָבער דאָס איז נאָך פאר'ן קעניג ווייניג געווען, האָט ער אויף אַלערליי אופנים גענומען רודפ'ן יענע אידען, וואָס האָבען ניט געוואָלט אָבהיטען די געצענדינערישע מנהגים. איינמאָל האָט ער געהייסען אויפטרייבען אַ מאסע אידען אויף אָן אָפּענעם פּלאַץ און ארויפלאָזען אויף זיי ווילדע העלפאַנדען. נאָר ווען מען האָט די צורייצטע העלפאַנדען ארויסגעיאָגט אויף די צונויפגעטריבענע אידען האָבען זיי אויסגעהויבען אזאַ שרעקליכען געשריי, אז די חיות האָבען זיך דערשראָקען און האָבען זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף צוריק און האָבען צוטראָטען זייערע וועכטער און אַ סך עגיפּטער, וואָס זיינען זיך צונויפגעלאָפען אָנצוקוקען די סצענע. די לעגענדע דערצעהלט ווייטער, אז די דאָזיגע געשעהעניש האָט אזוי געווירקט

אויפ׳ן קעניג, אז פון דעמאָלט אָן האָט ער אויפגעהערט צו רודפ׳ן די אידען.

§6. שמעון הצדיק און יהושע בן־סירא. אין יענער צייט האָט אין ירושלים געלעבט דער כהן גדול שמעון הצדיק, דער נאָכ־פאָלגער פון דעם אויבענדערמאָנטען חוניו דעם צווייטען. אין דער מסורה איז ער בעריהמט אַלס דער בעסטער פון אַלע כהנים גדולים. די מסורה דערצעהלט, אַז שמעון איז נאָך געווען איינער פון דער כנסת הגדולה אין די לעצטע יאָהרען פון איהר עקזיסטענץ. ניט פיעל פון די כהנים־גדולים האָבען זיך אַזוי געזאָרגט וועגען דעם וואוילזיין פון זייער פאָלק, ווי שמעון הצדיק. ער איז געווען ניט נאָר אַ גייסטיגער פיהרער פון די אידען נאָר אויך אַ קלוגער, וועלט־ליכער מנהיג. דורך זיין שווערער מיה זיינען אַרום ירושלים אויס־געבויט געוואָרען בעפעסטיגונגען צו בעשיצען די שטאָדט פון פיינד, און די צושטערטע טיילען פון בית־המקדש זיינען פעררינכט געוואָרען; פון די קוואַלען הינטער דער הויפט־שטאָדט האָט מען דורך אונטער־ערדישע קאַנאַלען דורכגעפיהרט וואסער אין שטאָדט אריין. זייענדיג דער העכסטער גייסטיגער פיהרער האָט שמעון פערפלאַנצט אין פאָלק רעליגיאָן און גוטע מדות. אין די אַלטע הייליגע ספרים איז פערבליבען איינע פון זיינע מימרא׳ס: „אויף דריי זאַכען שטעהט די וועלט: אויף תורה, עבודה (גאָטעס־דיענסט) און גמילות חסדים" (וואָלטהעטיגקייט), דאָס הייסט, ווי־סען, רעליגיאָן און גוטע מדות.

דער אידישער חכם יהושע בן־סירא, וועלכער האָט געלעבט אין איין צייט מיט שמעון הצדיק דערמאָנט מיט ענטציקונג די נאָ־בעלע טהעטיגקייט פון דעם דאָזיגען כהן גדול. דער פרומער יהושע בן־סירא האָט מיט צער צוגעזעהן ווי אַזוי אין דעם אידישען לע־בען דרינגען אריין די גריכישע זיטען, ווי אַזוי די ריינע אמונה און די מאָראַלישע מעלות פון די אידען ווערען אָבגעשוואַכט אונטער דער איינפלוס פון דעם גריכישען געצענדיענסט, און כדי צו לער־נען זיינע ברידער דעם ריכטיגען וועג, האָט ער אָנגעשריבען זיינע גלענצענדע משלים, „משלי בן־סירא", וועלכע זיינען אריין צווישען די נאָך־ביבלישע ספרים, די אַפּאָקריפען. אין דעם דאָזיגען ספר, וואָס איז אָנגעשטעלט לויט׳ן מוסטער פון „משלי שלמה". גיט

יהושע קלוגע כללים פאר אלע פאלען פון לעבען. ער ווייזט אויף, אז וואוילטאָג און גאוה ברענגען אום דעם מענשען, און אז נאָר אַן איינפאַכעס לעבען, ריינע מדות און פלייסיגקייט פערשאַ־פען דעם מענשען גליק און רוה; ער שטעלט אוועק דאָס וויסען אַלס דעם קוואַל פון העכסטען גליק. ער שילדערט די געשטאַלטען פון די מלכים, העלדען און חכמים, וואָס זיינען ארויסגעקומען פון אידישען פאָלק אין די אמאָליגע צייטען, און ער ווייזט אָן אז די שפּעטערע דורות דארפען נעהמען פון זיי א ביישפּיעל.

אין די לעהרען פון בן־סירא בעמערקט זיך א שטרעבונג צו ווירקען געגען דער „העלעניסטישער חכמה" („חכמת יון") וועלכע שטימט ניט מיט די יסודות פון יודענטום. אזוי צום ביישפּיעל, איז געגען דער לעהרע פון די גריכישע פילאָזאָפען, אז עס איז דאָ א שיקזאַל וואָס בעשטימט די אויפפיהרונג פון די מענשען, שטעלט ארויס בן־סירא די לעהרע, אז דער מענש האָט א פרייען ווילען, און איז אליין פעראנטוואָרטליך פאר זיינע מעשים. אַט זיינען זיינע ווערטער: „זאָג ניט: דורך גאָט האָב איך גע־זינדיגט. גאָט האָט צוערשט בעשאפען דעם מענשען, און דאן האָט ער איהם איבערגעלאָזט צו זיין איינענעם ווילען. פאר דיר איז פייער און וואסער: קענסט אויסשטרעקען די האנד וואוהין דו ווילסט. פאר'ן מענשען איז לעבען און טויט, און וואָס איהם געפעהלט דאָס וועט איהם געגעבען ווערען". דער מחבר פון די „משלים" לערנט מען זאָל ערציהען קינדער שטרענג, געוואוינען זיי צו ארבייט און פליכט, און ניט צו שטיפעריי און פרייליכקייט, אזוי ווי ביי די גריכען. ער גיט אַן עצה יעדען איינעם צו זיין איינגעהאַלטען אין זיינע פערגעניגענס און צו זאָרגען פאר זיין געזונד און צו ענטוויקלען זיין פערשטאנד. בן־סירא'ס ספר איז לכתחילה געשריבען געוואָרען אויף העברע־איש און איז שפּעטער איבערזעצט געוואָרען אין גריכיש. די דאָזיגע גריכישע איבערזעצונג איז געבליבען, אָבער דער אידי־שער אָריגינאַל איז מיט דער צייט פערלאָרען געגאנגען. *)

---

*) ערשט ניט לאַנג צוריק האָט מען צווישען אַלטע כתבים אין קאַירא געפונען שטיקער פון דעם העברעאישען טעקסט פון „משלי בן־סירא".

§7. **דער אָנפאַנג פון דער סירישער הערשאַפט.** ווען תלמי פילאָפּאַטאָר איז געשטאָרבען, האָט דער סירישער קעניג אַנ־טיוכוס דער דריטער דער גרויסער, פון דער סעלייקידען דינאַסטיע, ווידער פאַרקלערט אָבצונעהמען יהודה ביי מצרים. און דאָס מאָל איז איהם געלונגען צו דערגרייכען זיין ציעל. די אידען, וועלכע זיינען געווען אויפגעבראַכט פון פילאָפּאַטאָר'ס גרויזאַמער הער־שאַפט, האָבען געשטיצט דעם סירישען קעניג: זיי האָבען צוגע־שטעלט שפּייז דעם סירישען חיל, וואָס איז געגאַנגען געגען מצרים, האָבען פערטריבען פון ירושלים דעם עגיפּטישען גאַרניזאָן, און האָבען לייכטער געמאַכט אַנטיוכוס'ן איינצונעהמען דאָס לאַנד. נאָך אַ לאַנגער מלחמה איז יהודה געוואָרען אַ פּראָווינץ פון דער סירישער מלוכה און איז אַרונטער אונטער דער הערשאַפט פון די סעלייקידען (201). אַנטיוכוס דער גרויסער האָט זיך בענומען זעהר פריינדליך צו די אידען. ער האָט זיי ערלויבט זיך צו פיה־רען לויט זייערע אייגענע געזעצען אונטער דער אויבערשאַפט פון דעם כהן־גדול און אַ ראַט פון זקנים, ער האָט פערקלענערט די שטייערען וואָס די איינוואוינער האָבען געצאָלט, האָט ערלויבט אָבצובויען די פעסטונגען פון ירושלים וואָס זיינען צושטערט גע־וואָרען אין דער צייט פון דער לעצטער מלחמה, און האָט בעפעה־לען צו געבען יעדען יאָהר פון דער קעניגליכער קאַסע אַ סומע געלט פאַר די בעדערפנישען פון דעם בית־המקדש. אָבער צום אומגליק האָט אַנטיוכוס אין אַ קורצער צייט אַרום פאַרפיהרט אַ מלחמה מיט דער מעכטיגער רוימישער רעפּובליק און האָט געקראָגען אַ מפּלה. ביים מאַכען שלום האָט ער זיך פערפליכטעט צו בעצאָלען די רוימער אַ גרויסע סומע שטראָף. כדי צו שאַפען דאָס געלד, האָט אַנטיוכוס בעשלאָסען צוצונעהמען די אוצרות, וואָס זיינען געלע־גען אין דעם געצענדיענערישען טעמפּעל פון דער שטאָדט עלי־מאיר, אין מעסאָפּאָטאַמיען; אָבער די איינוואוינער פון שטאָדט זיינען דערפון שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרען און האָבען גע'הרג'עט דעם קעניג און זיינע בעגלייטער (187).

אויפ'ן סירישען טראָהן איז דעמאָלט אַרויפגעטראָטען אַנטיו־כוס'עס עלטסטער זוהן סעלייקוס דער פיערטער (175—187). אין יענער צייט איז אין ירושלים געווען כהן־גדול חוניו דער דריטער,

א פרומער מאַן, וועלכער האָט שטאַרק גערואָרגט, אַז די אידען זאָלען אָבהיטען זייער אמונה און נישט נאָכטהאָן די היידנישע זיטען פון די גריכען. ער האָט פארטריבען פון ירושלים איינעם פון די אויפזעהער פון בית־המקדש, מיט'ן נאָמען שמעון, וועלכער איז געוועזן אַן אנהענגער פון די גריכישע פיהרונגען, צוזאַמען מיט זיינע חברים, וואָס האָבען געגלויבט ווי ער. האָבען די ארויסגעטריבענע בעשלאָסען צו נעהמען נקמה פון דעם כהן גדול. און זיי האָבען מודיע געוועזן דעם סירישען קעניג, אַז אין דעם בית־המקדש אין ירושלים געפינען זיך אונגעהויערע אוצרות. סעלייקוס דער פיערטער, וועלכער האָט זיך דעמאָלט גענויטיגט אין געלד, האָט גלייך אוועקגעשיקט קיין ירושלים זיין קאַסירער העליאָדאָרוס מיט א בעפעהל צו פארנעהמען די רייכטימער, וואָס זיינען געלעגען אין בית־המקדש. אומזיסט האָט דער כהן־גדול חוניו גע'טענה'ט אַז די קאַסע אין בית המקדש איז ניט זעהר גרויס, און אַז זי בעשטעהט דאָס רוב פון געלדער, וואָס אלמנות און יתומים האָבען דאָרט אריינגעלעגט צו בעהאַלטען; העליאָדאָרוס האָט געענטפערט, אַז ער מוז טהאָן דעם קעניג'ס בעפעהל. אָבער ווען ער איז צוגעטראָטען אויסצופיהרען זיין בעשלוס, איז פּלוצלינג געשעהן עטוואָס, וואָס האָט איהם געשטערט. א פאָלקס לעגענדע דערצעהלט, אַז ווען העליאָדאָרוס איז אריבערגעטראָטען די שוועל פון דעם הייליגען הויז, האָט ער פּלוצלונג דערזעהן א הויכען רייטער אויף א פערד, בעגלייט אויף יעדע זייטען פון צוויי וואונדער־שעהנע יונגען. דער פערד איז ארויפגעפאָהרען אויף העליאָדאָרוס'ן און האָט איהם א קלאַפּ געטהאָן מיט די קאָפּיטעס, און די יונגען האָבען איהם געשמיסען מיט בייטשען. קוים א לעבעדיגער פון שרעק איז העליאָדאָרוס ארויס פון טעמפעל און איז אוועק צוריק קיין סיריען. דערווייל האָט דער מוסר שמעון דערטראָגען צו סעלייקוס'ן, אַז דער כהן־גדול איז שולדיג אין העליאָדאָרוס'עם דורכפאַל. חוניו האָט מורא געהאַט פאר'ן צאָרן פון קעניג און ער איז אוועק קיין אנטיוכיא, די הויפּטשטאָדט פון סיריען, כדי צו פארענטפערען זיך פאר'ן קעניג, נאָר אויפ'ן וועג האָט ער זיך דערוואוסט, אַ סעלייקוס איז פּלוצלינג געשטאָרבען. אויפ'ן סירישען טראָהן איז ארויפגעטראָטען סעלייקוס'עם אינגערער ברודער אנטיוכוס דער פיערטער עפּיפאַנעס.

§8. יאַזאָן און מענעלוים. אין יענער צײַט זיינען די מחלוקות צווישען די פערשיידענע פּאַרטייען אין יהודה פערשטארקט געוואָרען. די דערנעהנטערונג פון אידען מיט די סירישע גריכען, וואָס האָבען אין אַ גרויסער צאָל געוואוינט אין פּאַלעסטינא, האָט געבראַכט גרויסע ענדערונגען אין דעם אַלטען אידישען לעבען. אַ סך אידען, איבערהויפּט פון די העכערע קלאַסען, זיינען פּאַרבלענדט געוואָרען פון דעם פרעהליכען אַרט לעבען און די פרייע זיטען פון די גריכען, מיט זייערע טהעאַטערס און עפענטליכע שפּיעלען, און צוליעב דעם האָבען זיי זיך אָפּט אָבגעזאָגט פון זייערע אייגענע פאָלקס־מנהגים. אין דעם לעבען פון די אַלטע העלענער זיינען צו־זאַמען מיט די חסרונות געווען אויך מעלות, ווי צום ביישפּיעל, די ליעבע צו פרייהייט, צו וויסענשאַפט און צו קונסט; אָבער צווישען די שפּעטערע גריכען, וועלכע האָבען אין דער צייט פון די סעליי־קידען געוואוינט אין סיריען און קליין־אַזיען, זיינען די דאָזיגע בעסערע זייטען געווען גאַנץ שוואַך, און אַרויסגעטראָטען זיינען די ערגערע זייטען: אַ גראָבער געצענדיענערישער גלויבען, צולאָזענע זיטען, אַ גיעריג נאָך תענוגים און אַ תאוה צו וואוילטאָג. אַזעלכע מדות זיינען געווען דערווידער דעם גייסט פון יודענטום. משה׳ס געזעצען האָבען געלערנט די אידען צו פיהרען אַן איינפאַכעס לעבען, אָבהיטען די ריינע זיטען, זיך אָבהאַלטען פון לוקסוס, זיך ניט יאָגען נאָך פערגעניגענס און דיענען צו דעם אונזיכטבאַרען איינציגען גאָט, דעם בעשעפער פון דער נאַטור, און ניט צו אָבגעטער, וואָס שטעלען פאָר פערשיידענע קרעפטען פון דער נאַטור. אויף אַזאַ אופן זיינען יענע אידען, וואָס האָבען נאָכגעמאַכט די גריכישע מנהגים, אָבגעריסען געוואָרען פון זייער אמונה און פאָלק. די דאָ־זיגע אידען האָבען זיך אײַנגערופען „העלעניסטען", ד. ה. ליעבהאָבער פון גריכישען אַרט לעבען.

געגען זיי האָט געאַרבייט די פּאַרטיי פון די פרומע, מיט׳ן נאָ־מען „חסידים". די חסידים זיינען געווען פייערדיגע קנאים פון דער אידישער אמונה און האָבען שטרענג אָבגעהיט איהרע דינים. זיי האָבען זיך ניט ערלויבט קיין שום נאָהנטקייט מיט די געצענדיענער און האָבען אפילו פערבאָטען וועלטליכע בילדונג, וועלכע זיי האָבען אָנגערופען „חכמת יון". די חסידים, פון זייער צייט, זיינען גע־

גאַנגען צו ווייט, און האָבען פערשטויסען אפילו די בעסערע זייטען פון דעם העלעניזם און האָבען זיך צוריקגעהאַלטען פון יעדען מגע ומשא מיט פרעמדע פעלקער.

בראש פון די חסידים איז געשטאַנען דער כהן גדול חוניו דער דריטער, און זיין לייבליכער ברודער יהושע איז געווען דער פיהרער פון די העלעניסטען. יהושע האָט אפילו געענדערט זיין נאָמען אויף גריכיש און האָט זיך אָנגערופען יאַזאָן. ער האָט בעשלאָסען צו צונעהמען ביי זיין ברודער חוניו די כהונה גדולה, און איינפיהרען אין יהודה נייע גריכישע אָרדנונגען. אין יענער צייט איז אויפ'ן סירישען טראָהן ארויף אנטיוכוס עפיפאַנעס, א גרויזאַמער הערשער, וואָס האָט געשטרעבט אז אַלע פעלקער פון זיין מלוכה זאָלען אי־בערנעהמען די גריכישע מנהגים. צו דיזען פערביסענעם געצענ־דיענער און שונא פון די אידען איז יאַזאָן אוועק און האָט איהם אָנגעבאָטען אַ גרויסע סומע געלד, כדי דער קעניג זאָל איהם, דעם העלעניסט, בעשטימען פאר'ן כהן גדול אין ירושלים, אויף חוניו'ס פּלאַץ. אנטיוכוס האָט גערן געטהאָן זיין פערלאַנג. ביי חוניו'ן האָט מען צוגענומען די כהונה, און יאַזאָן האָט פערנומען זיין פּלאַץ אַלס כהן גדול (174). דעמאָלט האָט ער זיך גענומען איינפיהרען אין יהודה נייע אָרדנונגען. ער האָט געענדערט די ערציהונג פון דער אידישער יוגענד אויפ'ן גריכישען שטייגער און האָט געגרינדעט אין ירושלים א „גימנאַזיע", וואו די יונגע לייט האָבען זיך פער־נומען ניט מיט לערנען, נאָר מיט גימנאַסטישע שפּיעלען. אפּילו כהנים פלעגען פערלאָזען זייער דיענסט אין בית־המקדש און פלעגען אַנטייל נעהמען אין די דאָזיגע שפּיעלען. איינמאָל, ווען אין צור זיינען פאַרגעקומען די געוועהנליכע אָלימפּישע שפּיעלען פון די גריכען אין דער אָנוועזענהייט פון דעם קעניג, האָט יאַזאָן אוועק־געשיקט אהין שליחים מיט א גרויסער סומע געלט צו ברענגען קרבנות צום גריכישען האלב־גאָט הערקולעס.

די ממשלה פון דעם נייעם כהן גדול האָט געדויערט ניט לאַנג. אין ירושלים האָט געלעבט אַ כיטרער און כבוד ליעבענדער מענש, פון דער פּאַרטיי העלעניסטען, מיט'ן נאָמען מענעלויס. איינמאָל האָט איהם יאַזאָן איבערגעגעבען צו אָבפיהרען די יעהרליכע שטייע־רען צום קעניג אנטיוכוס. בענוצענדיג זיך מיט דער געלעגענהייט,

האָט מענעלויס דורך חניפה און כיטרעקייט נושא חן געווען ביים קעניג און האָט אויסגעבעטען ביי איהם פאר זיך דעם אמט פון כהן־גדול, און האָט איהם צוגעזאָגט דערפאַר צו צאָלען מעהר שטייערען ווי יאזאָן. אנטיוכוס האָט מסכים געווען, האָט צוגענומען ביי יאזאָנ׳ען די כהונה גדולה און האָט געשטעלט אויף זיין אָרט מענעלויס׳ען. כדי צו שאפען פאר׳ן קעניג די פערשפּראָכענע סו־מען האָט דער פעררעטערישער מענעלויס פערנומען פון בית־המקדש טייערע כלים און האָט זיי אוועקגעפיהרט קיין אנטיוכיא. דאָ האָט איהם בעגעגענט דער געוועזענער כהן־גדול, דער אלטער חוניו, און האָט איהם געכאפּט גנב׳ענדיג די אוצרות פון בית־המקדש. דעמאָלט האָט מענעלויס בעגאנגען א צווייטע רציחה: ער האָט אונטערגעשיקט צו חוניו׳ן איינעם פון זיינע פריינד, א גריך, וועל־כער האָט דעם אלטען מאן פארנארט און איהם גע׳הרג׳עט. מענע־לויס׳עס מעשים האָבען שטארק אויפגעבראכט די איינוואוינער פון ירושלים. דער אויפגעבראכטער המון האָט גע׳הרג׳עט מענעלויס׳עס ברודער, ליזימאכוס, וועלכער האָט צורויבט די אוצרות פון דעם טעמפעל. די ירושלים׳ער איינוואוינער האָבען געשיקט שלוחים צו אנטיוכוס׳ן צו פערקלאָגען מענעלויס׳ן; נאָר דער גרויזאמער קעניג האָט געהייסען טויטען די שלוחים.

אין גיכען איז אנטיוכוס אוועק מלחמה האלטען געגען מצרים. אין ירושלים האָט זיך פארשפּרייט א פאלשער קלאנג, אז דער קעניג איז גע׳הרג׳עט געוואָרען אין דער מלחמה. די ירושלים׳ער איינ־וואוינער האָבען זיך דערפרעהט, און אונטער דער פיהרערשאפט פון יאזאָנ׳ען האָבען זיי געמאכט אן אויפשטאנד געגען מענעלויס׳ן און האָבען געטויט א סך פון זיינע אָנהענגער. דער דערשראָקענער מע־נעלויס האָט זיך בעהאלטען אין דער פעסטונג פון ירושלים, בעוואכט פון סירישע זעלנער. אז אנטיוכוס האָט דערהערט פון דעם אויפ־שטאנד, האָט ער זיך באלד געלאָזט מיט א גרויסען חיל פון מצרים קיין יהודה צו בעשטראָפען די אידען פאר דער מרידה. דער צו־רייצטער קעניג האָט זיך אריינגעריסען אין ירושלים, האָט צורויבט דעם בית המקדש, האָט גע׳הרג׳עט אין שטאָדט עטליכע טויזענד איינוואוינער און פיעלע האָט ער פערטריבען אין אנדערע לענדער צו פערקויפען זיי פאר קנעכט (169). יאזאָן איז אנטלאָפען אין

לאנד פון די עמונים, און מענעלויס איז ווידער בעשטימט געוואָרען אלס כהן־גדול.

§9. אנטיוכוס'עס גזרות. ווען אנטיוכוס עפיפאנעס האָט איינגעשטילט די מרידה אין ירושלים, האָט ער נאָך מיט מעהר גרויזאמקייט אָנגעהויבען פערפאָלגען די אידען. אנטיוכוס האָט ניט נאָר געהאסט דאָס אידישע פאָלק, נאָר אויך די אידישע אמונה און מאָראל. ער האָט פערשטאנען אז אזוי לאנג ווי די אידען וועלען זיך האלטען ביי זייערע דינים און מנהגים וועלען זיי בלייבען אַ בעזונדער פאָלק, וואָס אונטערשיידט זיך פון די גריכען. דעריבער האָט ער בעשלאָסען מיט גוואלד צו מאכען די אידען פאר געצענ־דיענער און אויף אזא אופן צונויפשמעלצען זיי מיט די גריכען. האָט ער ארויסגעגעבען אַ גזרה אַז אַלע אידען מוזען דיענען צו די גרי־כישע אָבגעטער און אז זיי זאָלען זיך ניט דערוועגען אָבצוהיטען די צערעמאָניעס פון זייער אייגענער רעליגיאָן. איבער גאנץ יהודה האָט מען אויפגעשטעלט סטאטוען פון די גריכישע געצען און מזבחות, אויף וועלכע מען האָט מקריב געווען חיות, וואָס זיינען לויט'ן אידישען דין ניט ריין, בעזונדערס חזירים. פאר האלטען שבת און יום־טוב, פאר היטען כשרות און זיך פערזאמלען אין די ישוהלען מתפלל צו זיין, האָט מען בעשטראָפט מיט'ן טויט. די ספרי תורה פלעגט מען שענדען און בעדעקען מיט בילדער פון די אָבגעטער, אָדער מען פלעגט זיי אינגאנצען פערניכטען. אויפ'ן הייליגען מזבח פון בית־המקדש האָט מען אויפגעשטעלט אַ גרויסע סטאטוע פון דעם גריכישען הויפט־גאָט צעאוס, און דעם 25טען טאָג אין חדש כסלו, אין יאָהר 168, האָט מען אָנגעהויבען דיענען צום דאָזיגען אָבגאָט. גריכישע בעאמטע האָבען נאָכגעשפירט איבער'ן גאנצען לאנד און אכטונג געגעבען, אַז דעם קעניג'ס גזרות זאָלען שטרענג אָבגעהיט ווערען. פיעלע פון די העלעניסטען פלעגען גערן אָננעה־מען די גזרות, און די דאָזיגע פעררעטער פלעגען בעקומען הויכע שטעלען און רייכע מתנות פון דעם קעניג. אָבער דער רוב פון פאָלק האָט זיך ענטזאגט צו פערראטען זיין רעליגיאָן. די חסידים פלעגען זוכען רעטונג ביי די שכני'שע פעלקער, אָדער פלעגען זיך בעהאלטען אין די בערג און אין הייהלען. די מוטיגערע צווישען די חסידים פלעגען ארויסקומען פון די דאָזיגע בעהעלטענישען און דורך



אַנטיוכוס עפּיפאַנעס.

הינטערוועגען פלעגען זיי זיך דערשלאָגען צו די שטעדט און דערפער און פלעגען אויפמונטערען דאָס פאָלק, איהם קרעפטיגען אין זיין גלויבען און שטארקען די וואָס האָבען זיך געוואקעלט.

ניט ווייניג העלדענטהאטען און זעלבסטאויפאָפּפערונג פאר'ן גלויבען אין פאטערלאנד איז בעוויזען געוואָרען דעמאָלט אין יהודה. פיעלע האָבען בעסער אויסגעקליבען דעם טויט, איידער זיך אונטער־געבען צו די מורא'דיגע גזרות פון דעם סירישען מלך. איין פרומען זקן, מיט'ן נאָמען אליעזר, האָבען די סיריער אָנגערעדט ער זאָל אויפעסען א שטיקעל פלייש פון א חיה, וואָס איז געבראכט געוואָרען פאר א קרבן צום היידנישען אָבגאָט; אָבער דער אלטער מאן האָט זיך עקשנות'דיג ענטזאגט צו עובר זיין אויף זיין רעליגיאָן, און די גרויזאמע סיריער האָבען איהם פערפייניגט צום טויט. די לעגענדע דערצעהלט, אז איין מוטער מיט'ן נאָמען חנה און איהרע זיבען זיהן, זיינען געזעסען פערשפּארט אין תפיסה דערפאר וואָס זיי האָבען ניט געוואָלט אָבטרעטען פון דעם אידישען גלויבען. אויפ'ן קעניג'ס בעפעהל האָט מען זיי געשלאָגען מיט שטעקענס און בייטשען און זיי געצוואונגען זיך צו בוקען צו די געצען; אָבער ניט די מוטער און ניט די קינדער האָבען געוואָלט פעלשען אין זייער אמונה. ווען דער קעניג האָט געפאָדערט, אז זיי זאָלען פערזוכען דאָס פלייש פון א חזיר, האָט דער עלטסטער פון די זיבען זיהן אויסגערופען: „מיר וועלען זיך גיכער דערווערגען, איידער ברעכען דאָס געזעץ פון אונ־זערע אבות!" דער קעניג איז שטארק אין כעס געוואָרען דערפאר און האָט געהייסען אָבהאקען דעם מוטיגען יונג די צונג, די הענד און די פיס, און נאכהער איהם אריינוווארפען אין א קאָכיגען קעסעל פאר די אויגען פון זיין מוטער און איבעריגע ברידער. נאָר די ברידער האָבען זיך ניט אָבגעשראָקען: איינער נאָכ'ן אנדערען האָ־בען זיי זיך אָבגעזאָגט פון ערפילען אנטיוכוס'עס פערלאנג און זיי־נען אלע אומגעקומען אויף א שרעקליכען אופן. ווען זעקס ברידער זיינען שוין געווען געטויט און די רייה איז געקומען צום זיבעטען, גאָר דעם קלענסטען, האָט דער קעניג געזאָגט צו זיין מוטער: „רעד איין כאָטש דיעזען זוהן דיינעם ער זאָל מיך פאָלגען און דערמיט רע־טען זיין לעבען!" אָבער די העלדישע מוטער האָט זיך געווענדט צו איהר לעצטען זוהן מיט די ווערטער: „האָב ניט קיין מורא

פאַר דעם דאָזיגען מערדער, און שטאַרב מוטיג, אזוי ווי עס זיינען געשטאָרבען דיינע ברידער פאַר אונזער גאָט און גלויבען!" דער איגגעל איז אויך געטויט געוואָרען, און באַלד נאָכדעם האָט מען אויך גע'הרג'עט די העלדישע מוטער.

מעהר ווי א האַלב יאָהר האָבען געדויערט די דאָזיגע רציחות פון די סיריער אין יהודה. עס האָט אויסגעזעהען אזוי ווי די גרויזאַמע שונאים האָבען בדעה געהאַט אינגאַנצען אומצוברענגען דאָס אידישע פאָלק. נאָר ווען די ליידען פון פאָלק האָבען דערגרייכט די העכסטע שטופע, האָבען זיך צווישען פאָלק בעוויזען העלדישע מענער, וועלכע האָבען בעשלאָסען ארויסצוטרעטען אין אָפענעם קאַמפף מיט'ן שרעקליכען פיינד און בעפרייען זייער פאַטערלאַנד פון קנעכטשאַפט.

---

## צווייטער קאַפּיטעל.

# די בעפרייאונגס-מלחמות פון די חשמונאים.

(167—140 פאַר דער קריסטל. צייטר.)

§10. **מתתיהו חשמונאי.** אין א קליין שטעדטעל מיט'ן נאָמען מודיעין, וואָס איז געשטאַנען אויף א בארג ניט ווייט פון ירושלים, האָט געלעבט א גרייז-גרויער כהן, מיט'ן נאָמען מתתיהו, פון דער פאַמיליע חשמונאים. ער האָט געהאַט פינף זיהן: יוחנן, יוחנן, שמעון, יהודה, אליעזר און יונתן. די דאָזיגע גאַנצע פאַמיליע האָט זיך אויסגעצייכענט מיט טיעפער פרומקייט און א הייסער ליעבשאַפט צו זייער פאָטערלאַנד. איינמאָל זיינען אין מודיעין אָנגעקומען די סירישע בעאַמטע, האָבען דאָרט אויפגעשטעלט א מזבח מיט אן אָבגאָט און האָבען, לויט אנטיוכוס'עס גזרה, גענומען נויטען די איינוואוינער צו דיענען צום געץ. איינינגע אידען, וואָס זיינען געוועזען שוואַך אין זייער אמונה, אָדער האָבען ניט געהאַט גענוג מוט, האָבען זיך אונטערגעגעבען צו די סירישע בעאַמטע, אָבער אַלע איבעריגע האָבען זיך מיט ענטשלאָסענקייט אָבגעזאָגט. דאַן האָבען זיך די בעאַמטע געווענדעט צו מתתיהו'ן, אלס דעם חשוב'סטען

מאן אין שטאדט, און האבען איהם געפרובט איינרעדען ער זאל אנטייל נעהמען אין דעם געצענדיענסט, ווארום די גריכישע רעלי־גיאן, האבען זיי געזאגט, מוז אבגעהיט ווערען פון אלע בירגער פון דער סירישער אימפעריע, און אלע אנדערע רעליגיען מוזען זיך בייגען פאר איהר. נאר מתתיהו האט מיט שטאלץ געענטפערט: „זאלען אלע פעלקער, וואס זיינען אונטערטעניג צו אייער מלך, איהם פאלגען, און פעלשען אין דער אמונה פון זייערע עלטערען; אבער איך און מיינע זיהן און מיינע ברידער וועלען ניט עובר זיין אויף דעם געבאט פון אונזערע אבות. מיר וועלען ניט אבטרעטען פון אונזער גלויבען רעכטס אדער לינקס". אבער באלד נאך דעם איז אויפ'ן שטאדטישען פלאץ ארויסגעטראטען א איד, א פעררעטער, און איז צוגעגאנגען צום היידנישען מזבח מיט דער כונה צו ברענ־גען אויף איהם א קרבן. ווען מתתיהו האט דאס דערזעהן, האט ער ניט געקענט איינהאלטען זיין צארן: ער האט זיך אווארף געטהאן אויפ'ן געמיינעם פעררעטער און האט איהם געטויט אויפ'ן ארט. דערנאך איז ער צוזאמען מיט זיינע זיהן און מיט א הייפעל העל־דישע אידען בעפאלען דעם קאמאנדיר פון דער סירישער מחנה, אפעלעס, און האט איהם גע'הרג'עט, און דעם היידנישען מזבח אין מודיעין האט ער צושטערט (167).

באלד נאכדעם האט דער זקן מתתיהו אויסגערופען: „מי לד' אלי! — ווער עס שטעהט פאר גאט און זיין הייליגער תורה, זאל געהן נאך מיר!" אויף דעם דאזיגען רוף האבען געענטפערט די קנאים פאר דער אידישער אמונה — די חסידים. ניט זייענדיג אימשטאנד צו פיהרען אן אפענעם קאמפף געגען דעם פיינד, פלעגען זיך די דאזיגע מענשען בעהאלטען אין שפאלטען פון בערג, און אין גינסטיגע מאמענטען פלעגען זיי פון דארטען מאכען אומגעריכטע אנפאלען אויף די סיריער, פלעגען זיך אריינרייסען אין שטעדט און דערפער, טויטען דארט די פעררעטערישע אידען און צושטערען די געצענדיענערישע טעמפלען און מזבחות. די חסידים פלעגען זייערע אנהענגער פערזאמלען אין די שוהלען און פלעגען זיי בעגייסטערען מיט קאפיטלעך פון דער תורה און די נביאים, וואס זיי פלעגען פאר זיי לייענען. ווען זיי פלעגען בעגעגנען אויף די וועגען קליינע גרי־כישע מחנות, פלעגען די מורדים זיי פערניכטען; אבער ווען זיי

פלעגען זיך אָנשטויסען אָן גרעסערע מחנות, פלעגען זיי זיך ווידער בעהאַלטען אין זייערע אונצוטריטליכע הייהלען אין די בערג.

דער אַלטער מתתיהו איז געשטאָרבען אין גיכען נאָך זיין גלענ־צענדער טהאַט. פאר'ן טויט האָט ער אָנגעזאָגט זיינע זיהן, אז זיי זאָלען פיהרען ווייטער דעם הייליגען קאמפף פאר זייער גלויבען און פאָטערלאַנד. דעמאָלט האָט זיך פון צווישען מתתיהו'ס זיהן אויסגעצייכענט דער העלדישער יהודה, וועלכער האָט געקראָגען דעם צונאָמען מכבי (האמער). יהודה האָט פערמאָגט דעם גייסט פון א קריעגער, און עס האָט געברענט אין איהם דער פערלאַנג צו בע־פרייען זיין פאָלק פון פרעמדען יאָך. ער האָט זיך געשטעלט בראש פון די אידישע העלדען און איז ארויסגעטראָטען אין אָפענעם קאמפף מיט די סיריער. ווען אפּאָלאָניוס, דער סירישער פערוואַלטער אין פאַלעסטינא, האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם אויפשטאַנד פון די אידען, האָט ער זיך א לאָז געטהאָן פון שמרון מיט א גרויסען חיל געגען די מורדים. יהודה מיט זיין מחנה זיינען ארויס געגען דעם פיינד און האָבען געבראכט אויף איהם א גרויסע מפלה; אפּאָלאָניוס אליין איז געפאַלען אין שלאַכט. יהודה האָט ארונטערגענומען פון איהם זיין שווערד און האָט זי צוגעבונדען צו זיין גארטעל; פון דעמאָלט אָן האָט ער אין אלע שלאַכטען זיך בענוצט מיט דער דאָ־זיגער שווערד, זיין ערשטער מלחמה־פאַנג. די אידישע האנד האָט געשלאָגען מיט'ן גריכישען געוועהר. דעם אנדערען זיעג איבער די סיריער האָט יהודה געוואונען נעבען בית־חרן, וואו די אידישע קריעגער האָבען זיך געשלאָגען ווי די צורייצטע לייבען. די דאָזיגע ערשטע צוויי נצחונות האָבען צוגעגעבען מוט דעם פאָלק און די מרידה געגען אנטיוכוס'ן האָט זיך צושפרייט איבער גאַנץ יהודה.

§11. די נצחונות פון יהודה המכבי. אז קעניג אנטיוכוס האָט דערהערט וועגען דעם אויפשטאַנד אין יהודה איז ער אריינ־געפאַלען אין גרויס צאָרן. ער האָט אוועקגעשיקט אהין א גרויס חיל מיט'ן בעפעהל — חרב צו מאַכען ירושלים, אומברענגען און פערניכטען די איינוואוינער און בעזעצען דאָס לאַנד מיט פרישע מענשען פון פרעמדע פעלקער. די סירישע ארמיי איז אריינגעטראָ־טען אין יהודה אונטער דער קאָמאַנדע פון די צוויי גרעסטע גריכישע קריעגספיהרער, ניקנור און גאָרגיאַס. די סיריער זיינען געווען אזוי

זיכער אין זייער זיעג, אז זיי האָבען שוין געבראַכט צו זיך אין לאַגער רייכע סוחרים, צו פערקויפען זיי די אידען, וואָס זיי וועלען נעהמען געפאַנגען. א שרעק האָט ארומגעכאַפּט די אידישע בעפעלקערונג, ווען זיי האָבען דערהערט וועגען דעם אָנקומען פון דעם מורא'דיגען פיינד. דאָס פאָלק האָט זיך פערזאַמעלט אין מצפה, וואו עס איז געשטאַנען יהודה מיט זיין חיל. דאָ האָט מען אָבגעהאַלטען א פייערליכען גאָטעסדיענסט; דאָס פאָלק האָט היים מתפלל געווען צו גאָט נאָך הילף. דאָ האָט אויך יהודה געוועקט זיינע קריעגסלייט צום גרויסען קאַמפף פאַר'ן גלויבען און פאָטערלאַנד. ער האָט אַוועקגעשיקט פון זיין מחנה אַלע שרעקעדיגע און שוואַכע, און עס זיינען ביי איהם געבליבען בלויז זעקס טויזענד אָבגעקליבענע קריעגס־לייט, וועלכע האָבען געדאַרפט ארויסטרעטען געגען א פיעל גרע־סערער פיינדליכער ארמיי. נאָר די אידישע קריעגער זיינען געווען שטאַרק מיט זייער טיעפען גלויבען און מיט זייער פיהלען, אז זיי קעמפּפען פאַר א גערעכטער זאַך. די סירישע קאָמאַנדירען האָבען צוטיילט זייער ארמיי אויף צוויי טייל, כדי ארומצורינגלען די אי־דישע מחנה פון צוויי זייטען, און מיט אמאָל זי פערניכטען. נאָר ווען יהודה המכבי האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער זיך שנעל א לאָז געטהאָן מיט זיינע קריעגער אנטקעגען דער פאָדערשטער אר־מיי פון דעם פיינד. מיט דעם אויסרוף: „מיט אונז איז גאָט!“ האָבען זיך די אידען א וואָרף געטהאָן אויף די סיריער און האָבען געבראַכט אויף זיי א שווערע ניעדערלאַגע ביי דער שטאָדט חמת. דערווייל איז אונטערגעקומען דער אַנדער טייל פון דער סירישער ארמיי, אונטער דער פיהרערשאַפט פון גאָרגיאַס. אָבער דערזעהענ־דיג די מפּלה פון דער ערשטער מחנה איז גאָרגיאַס מיט זיין חיל שנעל אָבגעטראָטען (166), און דעם שונא'ס גאַנצער לאַגער מיט א סך געוועהר און מיט דעם געלט וואָס די שקלאַפען־הענדלער האָ־בען אָנגעגרייט צו קויפען די אידישע געפאַנגענע, איז ארייגעפאַ־לען אין די הענד פון די אידען. דאָס אידישע פאָלק איז געווען אין גרויס פרייד.

נאָכדעם זיינען צו יהודה'ס חיל צוגעשטאַנען א סך נייע פריי־וויליגע קעמפּפער. ווען אין א יאָהר ארום איז געגען די אידען ארויסגעטראָטען פון אַנטיוכיא, דער הויפּט קריעגספיהרער פון סי־

ריען, ליזיאַס, מיט אַן אַרמיי פון זעכציג טויזענד מאַן, האָט שוין יהודה געקענט אַרויספיהרען אויפ'ן שלאַכט־פעלד צעהן טויזענד גוט בעוואַפענטע קריעגער, וועלכע האָבען געדורשט נאָך קאַמפף. מיט די דאָזיגע גבורים איז יהודה מוטיג אַנגעפאַלען אויפ'ן שונא נעבען בית־צור, אין דרום־זייט פון ירושלים, און האָט איהם צו־שלאָגען (165). ליזיאַס איז געצוואונגען געווען זיך אומצוקעהרען קיין אַנטיוכיא, אָבער ער האָט זיך געטרייסט מיט דער האָפנונג, אַז ער וועט אין גיכען צוזאַמעננעהמען אַ נייעם חיל און וועט אינ־גאַנצען דערשטיקען דעם אויפשטאַנד אין יהודה.

§12. חנוכה. די ערשטע נצחונות האָבען אָבגערייניגט דעם וועג פאַר'ן מכבי'אישען חיל קיין ירושלים. אַהין האָט זיך יהודה אַ לאָז געטהאָן מיט זיין העלדישער מחנה. זיי האָבען אָהן שוועריגקייטען פערכאַפּט די שטאָדט מיט'ן הר־הבית; בלויז די פעס־טונג אקרא, אין וועלכער עס האָט זיך אויפגעהאַלטען דער סירישער גאַרניזאָן, איז געבליבען אין שונא'ס הענד. יהודה האָט געשטעלט אַרום דער דאָזיגער פעסטונג אַ בעוואַפענטע אַבטיילונג חיל און האָט דאָרט נעהאַלטען די סיריער בעלאַגערט, און אַליין האָט ער דערווייל געקענט אונגעשטערט זיך נעהמען אָבצובויען צוריק דעם בית־המקדש אין ירושלים. אַ טרויעריג בילד האָט זיך געעפענט פאַר די אויגען פון די אידישע קריעגסלייט, ווען זיי זיינען אַרויפגעגאַנ־גען אויפ'ן הר־הבית: זיי האָבען דערזעהען דעם בית־המקדש האַלב חרב און צוריבט, דעם הויפּט מזבח פאַרשוועכט פון געצענ־דיענסט, די טויערען פערברענט, די אינוועניגסטע חדרים פון בית־המקדש וויסט און די הויפען מיט גראָז פערוואַקסען. דערזעהענדיג דאָס אַלעם האָט יהודה און זיינע חברים זיך ניט געקענט איינהאַל־טען פון ביטערען געוויין; אָבער עס איז קיין צייט ניט געווען זיך אַריינצולאָזען אין טרויער וועגען דער פערגאַנגענהייט: מען האָט געדאַרפט אַרבייטען פאַר דער צוקונפט. מען האָט זיך באַלד גע־נומען אָבצורייניגען און אויפשטעלען דעם בית־המקדש. דעם מזבח צו צעאוס'ן, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרען אויפ'ן אַלטען מזבח פון יהוה האָט מען אינגאַנצען צושטערט, און די שטיינער האָט מען אַרויסגעוואָרפען אויף אַן „אומריינעם אָרט". דעם אַלטען הייליגען מזבח האָט מען פונאַנדערגענומען און די שטיינער האָט מען צו־



דער גריכישער גאָט צעאוס.

זאַמענגעלעגט אויף א בעזונדער פּלאַץ, „ביז עס וועט זיך בעוויזען א נביא און בעשליסען וואָס צו טהאָן מיט זיי". אויף זיין אָרט איז אויסגעבויט געוואָרען א נייער מזבח פון שטיינער, „אָן וועלכע עס האָט זיך ניט אָנגעריהרט קיין אייזען". אנשטאט די אוועקגערויבטע כלים פון בית־המקדש זיינען געמאַכט געוואָרען נייע כלים פון דעם גאָלד און זילבער, וואָס די אידישע קריעגסלייט האָבען געקראָגען אין זייערע אנומעלטיגע מלחמות.

ווען די אינוועניגסטע און אויסוועניגסטע חדרים פון בית־המקדש זיינען שוין געווען צוגעקליבען ווי געהעריג איז, האָט זיך אָנגעהויבען די צערעמאָניע פון „בענייאונג", אָדער חנוכה. פינף־און־צוואַנציג טאָג אין חדש כסלו (165), אין יענעם זעלבען טאָג, ווען מיט דריי יאָהר פריהער איז איינגעפיהרט געוואָרען אין בית־המקדש דאָס דיענסט צו צעאוס'ן, איז פאָרגעקומען א פייערליכער גאָטעס־דיענסט מיט קרבנות צום גאָט פון ישראל. אכט טאָג האָט געדויערט דער יום־טוב פון דער בענייאונג פון דעם הייליגען הויז. יעדען אָבענד זיינען די טויערען פון בית־המקדש געווען אילומינירט מיט א סך העלע פייערען. די לעגענדע דערצעהלט, אז יהודה און זיינע חברים האָבען געפונען אין א חדר פון בית־המקדש א קליין קריגעלע בוימעל, וואָס איז געווען גענוג נאָר אויף איין אָבענד צו ברענען די מנורה, אָבער על פּי נס האָט דאָס קריגעלע בוימעל געקלעקט אויף גאַנצע אכט נעכט. אין אנדערע שטעדט אין יהודה האָבען די אידען אויך געמאַכט אילומינאַציעס אין זייערע הייזער. פון דעמאָלט אָן איז געבליבען דער מנהג צו פייערען יעדען יאָהר די דאָזיגע אכט טעג אלס אן אָנדענקען, אז דאָס אידישע פאָלק איז בעפרייט געוואָרען פון דעם יאָך פון געצענדיענער. דער דאָזיגער יום־טוב, וועלכער ווערט עד היום אָבגעהיט ביי די אידען אין אלע לענדער, ווערט אָנגערופען חנוכה, ד. ה. דער „יום־טוב פון בענייאונג". אין די אכט אָבענדען פון דער חנוכה־וואָך ווערען אין אלע אידישע הייזער געצונדען חנוכה־ליכטלעך.

§13. אַנטיוכוס'עס טויט; שלום. אין גיכען נאָכ'ן חנוכת הבית איז געשטאָרבען דער גרויזאַמער פערפאָלגער פון אידישען פאָלק, דער קעניג אנטיוכוס עפּיפאַנעס (164). די לעגענדע דערצעהלט, אז ער איז געשטאָרבען אין שרעקליכע ליידען, אין אן אָנפאַל

פון משוגעת. די אידען, וואָס האָבען אנטיוכוס׳ן שטארק געהאסט, האָבען איבערגעמאכט זיין צונאָמען עפּיפאנעס (ערהאבענער) אויף עפּימאנעס (משוגענער). אויפ׳ן סירישען טהראָן איז ארויף זיין מינדיעהריגער זוהן אנטיוכוס דער פינפטער, אופּאטאָר, נאָר די מלוכה האָבען געפיהרט אין זיין נאָמען די העכערע בעאמטע. איינער פון זיי איז געוועזען דער הויפּט קריעגספיהרער ליזיאס. ליזיאס האָט זיך געגרייט צו א נייער מלחמה מיט יהודה. ער איז אָנגעקומען אהין צוזאמען מיט׳ן יונגען קעניג אופּטאָר, בראש פון אן ארמיי פון הונדערט טויזענד מאן. אין סירישען לאגער האָבען זיך געפונען צוויי־און־דרייסיג גרויסע העלפאנדען, וואָס זיינען געווען געלערענט פיר מלחמה. נעבען דער בעפעסטיגטער שטאָדט בית־צור האָבען זיך וויעדער בעגעגענט די אידישע און סירישע חילות. די אידישע העלדען האָבען געקעמפּפט מוטיג, אָבער זיי האָבען ניט געקענט ביישטעהן אנטקעגען דעם פיעל גרעסערען פיינד. דעמאָלט האָט איינער פון יהודה׳ס ברידער, אליעזר, זיך ענטשלאָסען אויף א פערצווייפעלטער טהאַט. דערזעהענדיג פון וויטען אין דעם שונא׳ס רייהען א ריעזיגען און רייך אויסגעפּוצטען העלפאנד, אויף וועלכען עס האָט געריטען עפּיס א יונגער קריעגספיהרער, האָט אליעזר געמיינט, אַז דער יונגער רייטער איז דער קעניג אנטיוכוס דער פינפטער. האָט אליעזר זיך דורכגעריסען דורך די סירישע רייהען און האָט גע׳הרג׳עט מיט זיין שווערד דעם העלפאנד, אָבער ער האָט ניט בעוויזען צו טויטען דעם רייטער. די ריעזיגע חיה האָט א פאל געטהאָן צו דער ערד און מיט איהר משא האָט זי דערשטיקט צום טויט דעם געוואגטען קריעגער. אָבער אזעלכע העלדישע גבורות פון איינצעלנע מענשען האָבען פונדעסטוועגען ניט געקענט ברענגען די אידען קיין נצחון. בית־צור האָט געמוזט איבערגעלאָזט ווערען צום שונא, און דער אידישער חיל איז געצוואונגען געווען אָבצוטרעטען קיין ירושלים. די סיריער האָבען זיך אין גיכען בעוויזען ביי די וואנד פון ציון און האָבען בעלאגערט די פעסטונג אויפ׳ן הר־הבית. די בעלאגערטע זיינען געווען אין א גרויסער סכנה. עס האָט זיי אָנגעהויבען אויספעהלען שפּייז, ווארום גראד אין יענעם יאָהר איז אויסגעפאלען שמטה, זיינען די פעלדער אין יהודה ניט

בעארבייט געוואָרען און די אָנגעגרייטע תבואה אין לאַנד האָט אָנ־
געהויבען אויסצוגעהן.

עס האָט אויסגעזעהן, אז ציון וועט חרב ווערען און אז צו־
זאמען מיט איהר וועלען פערלאָרען געהן אַלע גלענצענדע זאכען,
וואָס די מרידה האָט געוואונען, און יהודה וועט אויף דאָס נייע אונ־
טערפאַלען אונטער דער טיראַניי פון די סיריער. נאָר עס איז גע־
שעהן אנדערש. ליזיאס, וועלכער איז שוין געווען נאָהנט צו א
זיעג, האָט פלוצלינג דערהערט, אז אין אנטיוכיא קומען פאָר מהומות
און אז אַן אנדער סירישער קריעגספיהרער האָט ארייגעכאַפּט די
אויבערהערשאַפט אין זיינע הענד. האָט ער גיך געמאַכט שלום מיט
די אידען אויף גוטע בעדינגונגען פאַר זיי און איז אוועק צוריק קיין
סיריען (163). לויט דעם אָבמאַך האָבען די אידען געקראָגען אינער־
ליכע זעלבסט־פערוואַלטונג, פולע רעליגיעזע פרייהייט, דאָס רעכט
אָבצוהיטען אונגעשטערט זייערע דינים און מנהגים, מיט׳ן תנאי
בלויז, אז זיי זאָלען אנערקענען איבער זיך די אויבערהערשאַפט פון
סיריען. אַלס צייכען פון אונטערטעניגקייט און פריעדען האָבען די
איינוואוינער פון ירושלים געדאַרפט אָבגראָבען די פעסטונגען פונ׳ם
הר־הבית. דער כהן־גדול — דער פעררעטערישער מענעלוים, וועל־
כער איז אָנגעשטעלט געוואָרען פון אנטיוכוס עפּיפאַנעס, און האָט
זיך געפונען אין דעם סירישען לאַגער, איז ארונטערגעזעצט געוואָ־
רען פון דער כהונה. לויט א היסטאָריקער פון יענער צייט, האָט מע־
נעלוים פערלאָרען זיין חשיבות אין קעניגליכען הויף און איז אויפ׳ן
בעפעהל פון אנטיוכוס דעם פינפטען, אָדער ליזיאס, געטויט גע־
וואָרען. מיט זיין טויט איז די פּאַרטיי פון די העלעניסטען אָבגע־
שוואַכט געוואָרען.

אויף אַזא אופן זיינען די רעזולטאַטען פון דעם פינפיעהריגען
העלדישען קאַמפּף פון די חשמונאים געווען פאָלגענדע: אַלע גזרות
פון אנטיוכוס עפּיפאַנעס זיינען אָבגעשאַפט געוואָרען, און עס איז
צוריק איינגעשטעלט געוואָרען דיזעלבע אָרדנונג, וואָס האָט עקזיס־
טירט פאַר דער צייט פון די רדיפות.

§14. אַלקימוס; יהודה׳ס טויט. דערווייל איז אין אַנ־
טיוכיא פאָרגעקומען אַן איבערקערעניש אין דער מלוכה. דמיטריוס
פאַטער, א ברודער פון אנטיוכוס עפּיפאַנעס, האָט געוואונען אויף

זיין זייט א טייל פון די סיריער, און נאָך דעם ווי ער האָט גע־הרג'עט ליזיאס'ן און זיין פּלימעניק אנטיוכוס אופּאטאָר, האָט ער זיך ערקלערט פאַר'ן קעניג פון סיריען (161). דער נייער קעניג האָט ניט אנערקענט די אינערליכע פּרייהייט, וואָס די אידען האָבען געקראָגען נאָכ'ן פריעדענס־אָבמאַך מיט ליזיאס'ן און האָט זיך גענומען גרייטען צו א קאַמפף מיט זיי. די פּארטיי פון די העלע־ניסטען אין יהודה, וואָס איז אויף א צייט געווען אָבגעשוואַכט, האָט ווייעדער אויפגעהויבען דעם קאָפּ. דער פיהרער פון די מעסיגע העלעניסטען, דער כהן אלקימוס (אויף העברעאיש יהויקים), האָט גע־קראָגען פון קעניג דמיטריוס דעם טיטול כהן־גדול. אָבער די חסידים און די פרייהייטס־קעמפּפער פון יהודה המכבי'ס פּארטיי האָבען ניט געוואָלט אָנערקענען אלקימוס'עס הערשאפט און האָבען איהם ניט אריינגעלאָזט קיין ירושלים. דעמאָלט האָט דמיטריוס געשיקט אלקימוס'ן צו הילף אַן אבטיילונג פון סירישע סאָלדאטען אונטער דער פיהרערשאפט פון באַקכידעס. ווען אלקימוס איז אונ־טערגעקומען צו ירושלים האָט ער גענומען פערזיכערען די איינ־וואוינער, אז ער וועט ארבייטען אין דעם גייסט פון די פּאטריאָ־טישע חסידים. נאָר ווען דאָס פאָלק האָט איהם געגלויבט און האָט איהם אריינגעלאָזען אין שטאָדט אריין, האָט זיך אלקימוס ארויסגע־וויזען אין זיין אמת'ער געשטאַלט: ער האָט גענומען רודפ'ן די חסידים און האָט בעפעהלען צו טויטען זעכציג מאַן פון זיי.

ווען דער פערטרעטערישער אלקימוס איז מיט דער הילף פון די סיריער געוואָרען כהן־גדול, האָט ער איינגערעדט דעם קעניג דמיט־ריוס, אז עס איז נויטיג איינצושטילען די הארטנעקיגע חסידים און זייער פיהרער יהודה. דער קעניג האָט ארויסגעשיקט געגען יהודה זיין קריעגספיהרער נקנור. נקנור האָט זיך בעריהמט, אז ער וועט פערברענען דעם בית־המקדש. ביים דאָרף ארסה איז דעם 13טען אדר (161) פאָרגעקומען א שלאַכט, אין וועלכער די אידען האָבען ווייעדער אָבגעהאַלטען א גלענצענדען זיעג. נקנור איז געפאַלען אין דער דאָזיגער שלאַכט און זיין חיל איז זיך צולאָפען. די זיעגער האָבען אָבגעהאַקט נקנור'ן דעם קאָפּ און האָבען עס אויפגעהאַנגען ביי די טויערען פון ירושלים. דער טאָג פון דעם דאָזיגען זיעג, ערב

פוריב, איז נאכער א לאנגע צייט געפייערט געוואָרען אין יהודה און האָט זיך אָנגערופען „יום נקנור".

נאָר אין גיכען האָבען די אידען פערלאָרען זייער העלדישען פיהרער. דערוויסענדיג זיך וועגען נקנור'ס מפלה אין יהודה, האָט דמיטריוס אוועקגעשיקט אהין אן ארמיי פון צוואנציג טויזענד מאן, אונטער דער פיהרערשאפט פון באקכידעס. באקכידעס האָט זיך שנעל דערנעהנטערט צו ירושלים. יהודה האָט נאָך קיין צייט ניט געהאט זיך צוצוגרייטען, ווייל ער האָט זיך ניט געריכט, אז דער שונא וועט אזוי שנעל אָנקומען און דעריבער האָט ער געקענט ארויס־שטעלען נאָר 3,000 מאן. דער גרעסטער טייל פון די קריעגער האָ־בען זיך ניט געקענט ענטשליסען אריינצוטרעטען אין אן אָפענער שלאכט מיט די סיריער און האָבען געפאָדערט מען זאָל אָבטרעטען פאר'ן פיינד, כדי צו צוזאמענגעהמען א שטארקערע ארמיי. אָבער דער אונערשראָקענער יהודה האָט אפילו ניט געוואָלט הערען פון א שענדליכען צוריקטריט. „אויב — האָט ער געזאָגט — עס איז געקומען די צייט איך זאָל שטארבען, לאָמיר שטארבען מוטיג פאר אונזערע ברידער, און ניט בעפלעקען אונזער עהרע!" פון דער גאנ־צער מחנה האָבען בלויז 800 קריעגער איינגעשטימט צו געהן נאָך איהם. מיט דיעזען הייפעל גבורים איז יהודה בעפאלען דעם פיינד ביי אדסה. יהודה'ס קליינע אָבער מוטיגע מחנה האָט זיך געשלאָגען פערצווייפעלט, אָבער איהרע רייהען זיינען אלץ שיטערער געוואָרען. ענדליך איז אין שלאכט געפאלען, מיט'ן שווערד אין האנד, אויך איהר גרויסער פיהרער (אין פריהלינג 160). יהודה'ס ברידער איז געלונגען אָבצוזוכען זיין טויטען קערפער, וועלכען זיי האָבען אריי־בערגעפיהרט אין מודיעין און דאָרט מקבר געווען אין דעם פאמיליען־קבר פון די חשמונאים. גאנץ יהודה האָט ביטער בעוויינט דעם טויט פון איהר גלענצענדען העלד, דעם רעטער פון דער נאציאָנאלער פרייהייט.

§15. יונתן חשמונאי. נאָכ'ן טויט פון יהודה המכבי האָט דאָס אידישע חיל אויסגעקליבען אלס פיהרער זיין ברודער יונתן (159). יונתן איז ניט געווען אזא גרויסער העלד ווי יהודה, נאָר ער האָט פערמאָגט די פעהיגקייטען פון א רעגירער און האָט געקענט אויסנוצען יעדע גינסטיגע געלעגענהייט צו דערגרייכען זיין ציעל

— די בעפרייאונג פון זיין פאטערלאנד. כל־זמן אין ירושלים האבען געהערשט דער סירישער פערוואלטער באקכידעס און דער כהן־גדול אלקימוס האט יונתן גארניט געקענט טהאן און האט אומגעוואנדערט מיט זיין מחנה אין מדבר, נעבען טויטען ים. נאר אין גיכען איז אלקימוס געשטארבען. זיין טויט איז געשעהן פלוצלינג, אין דער צייט ווען ער האט זיך גענומען איבערצובויען די אינוועניגסטע וואנד פון בית־המקדש. דאס פאלק האט געזעהן אין דעם גאט׳ס שטראף אויפ׳ן זינדיגען כהן־גדול. די העלעניסטען האבען פערלארען זייער פיהרער, און יונתן האט זיך דערמיט בענוצט און האט פערשטארקט זיין פארטיי. צונויפקלייבענדיג א בעדייטענדען חיל האט יונתן און זיין ברודער שמעון אנגעהויבען בעאונרוהיגען די סיריער דורך אפטע אנפאלען. דער סירישער קריעגספיהרער באקכידעס איז גע־ווארען מיעד פון די דאזיגע אטאקען און האט אויפגעהערט זיך צו מישען אין דעם אינוועניגסטען קאמפף פון די אידישע פארטייען; ער האט געמאכט שלום מיט יונתנ׳ן און האט זיך אומגעקערט קיין סיריען (157). פון דעמאלט אן איז יהודה עטליכע יאהר געבליבען רוהיג, אונטער דער ממשלה פון יונתנ׳ן.

צו דער פערשטארקונג פון יהודה האט מעהר פון אלץ גע־האלפען דער קאמפף פאר דער קעניגליכער הערשאפט, וואס האט זיך דעמאלט צופלאקערט אין סיריען. געגען דעם קעניג דמיטריוס סאטער איז אויפגעשטאנען אלכסנדר באלאס, א געבארענער פון רהאדוס, וועלכער האט זיך ארויסגעגעבען פאר א זוהן פון אנטיוכוס עפיפאנעס און פאר׳ן געזעצליכען יורש פון טראהן. אלכסנדר האט זיך ערקלערט פאר קעניג און איז ארוים מיט א גרויסען חיל געגען דמיטריוס׳ן. דער דערשראקענער דמיטריוס האט געבעטען יונתנ׳ן ער זאל איהם העלפען אין דער מלחמה מיט זיין געגנער, צוזאגענ־דיג איהם דערפאר פערשיידענע הנחות פאר זיין לאנד. נאר אלכסנדר האט נאך מעהר געארבייט צוצוציהען דעם אידישען פיה־רער אויף זיין זייט: ער האט געמאכט יונתן פאר כהן גדול, ד. ה. פאר׳ן עלטסטען פון אידישען פאלק און האט איהם געשיקט א מתנה א פורפור מאנטיע און א גאלדענע קרוין. די אידען, וואס האבען נאך געדענקט דמיטריוס׳עס רציחות, זיינען אריבער אויף דער זייט פון אלכסנדר׳ן, וועלכער האט נאך א לאנגען קאמפף גע־

קראַנגען דעם סירישען טראָהן. יונתן איז אָנגעקומען קיין ירושלים אום סוכות און אלס כהן־גדול האָט ער געפּראַוועט אַ פייערליכען גאָטעסדיענסט אין דעם בית־המקדש (152). אויף אַזאַ אופן האָט די חשמונאים־פאַמיליע, וועלכע האָט אויפגעהויבען די מרידה גע־גען סיריען, זיך ענדליך דערשלאָגען דערצו, אַז איינער פון זיי איז געוואָרען דער עלטסטער פון אידישען פאָלק מיט דער הסכמה פון דער סירישער רעגירונג. די ווייטערדיגע סירישע מלכים האָ־בען ניט ווילענדיג געמוזט אנערקענען די חשמונאים־פאמיליע אלס די געזעצליכע הערשער פון יהודה.

די שטענדיגע מהומות און דער קאַמפּף פאַר׳ן טראָהן אין סיריען האָבען אינגאַנצען אָבגעשוואַכט די דאָזיגע מלוכה, און יונתן האָט בעשלאָסען אַז עס איז געקומען די צייט צו מאַכען אַ סוף צו דער סירישער הערשאַפט אין יהודה. יונתן האָט בשתיקה פערגרעסערט זיין ארמיי, האָט בעפעסטיגט ירושלים און עטליכע אנדערע שטעדט און האָט זיך געגרייט אויסצוקעמפּפען פאַר יהודה פאָלשטענדיגע פרייהייט. נאָך דער סירישער קריעגספיהרער טרי־פאָן האָט זיך דערוואוסט פון דער דאָזיגער פערשווערונג. ער האָט פערנארט יונתן מיט אַ קליינער מחנה אין דער שטאָדט עכו און האָט בעפעהלען די דאָזיגע מחנה אומצוברענגען, און יונתנ׳ען האָט ער איבערגעלאָזען ביי זיך געפאַנגען.

§16. שמעון חשמונאי. אַז יונתן איז געוואָרען געפאַנגען, האָט זיך זיין ברודער שמעון געשטעלט בראש פון דעם אידישען חיל (143). שמעון האָט אָנגעווענדט אַלע כחות צו רעטען דאָס לעבען פון זיין ברודער, וועלכער האָט זיך געפונען אין תפיסה ביי טריפאָנ׳ען, נאָר דאָס איז איהם ניט געלונגען. טריפאָן האָט צוערשט צוגעזאָגט, אַז ער וועט אָבלאָזען דעם געפאַנגענעם, אויב די אידען וועלען איהם געבען אַ גרויסען פדיון און מענשליכע משכנות; אָבער ווען ער האָט שוין דאָס אַלץ געקראָגען פון שמעונ׳ען, האָט דער מערדערישער סיריער דאָך בעפעהלען צו טויטען יונתנ׳ען. די אידען האָט מען נאָך אומגעקערט דעם טויטען קער־פּער פון דעם העלד.

שמעון, דער לעצטער פון די חשמונאים־ברידער, האָט פאַר־ענדיגט די בעפרייאונג פון דעם פאַטערלאַנד פון דעם סירישען יאָך.

האָבענדיג אַ שטאַרקען און גוט־בעוואָפענטען חיל האָט ער ביס־לעכוויז אַרויסגעשטויסען די סירישע גאַרניזאָנען, וואָס זיינען נאָך פערבליבען אין די בעזעסטיגטע שטעדט פון יהודה. ענדליך איז געפאַלען דער לעצטער אָנשפּאַר פון דער פרעמדער הערשאַפט אין יהודה: דער סירישער גאַרניזאָן, וואָס האָט זיך געפונען אין דער ירושלים׳ער פעסטונג אקרא איז בעלאַגערט געוואָרען; שמעון׳ס חיל האָט אַרומגערינגעלט די פעסטונג און האָט נים דערלאָזט צו־צופיהרען אהין שפּייז. דער הונגער האָט געצוואונגען די סיריער זיך אונטערצוגעבען. די שטאָלצע פעסטונג, וואָס איז לאַנג געווען דער שרעק פון דער אידישער פרייהייט, איז אָבגערייניגט געוואָרען פון די פרעמדע. דעם 23טען אייר (מאַי 142) זיינען די ירושלים׳ער איינוואוינער פייערליך אַריינעגטראָטען אין אקרא און דער דאָ־זיגער טאָג איז בעשטימט געוואָרען פאַר אַ יעהרליכען נאַציאָנאַלען יום־טוב. די סירישע מלכים, זעהענדיג אַז צו קעמפּפען ווייטער וועט זיין נוצלאָז, האָבען זיי בעפרייט יהודה פון שטייערען, און אַזוי איז יהודה געוואָרען אַ פריי לאַנד. ביי אַ גרויסער פאָלקס־פערזאַמלונג, וואָס איז פעררופען געוואָרען אין ירושלים דעם 18־טען אלול (אויגוסט) פון יאָהר 140, איז שמעון ערוועהלט געוואָ־רען פאַר׳ן כהן־גדול און נשיא (פירשט, עטנאַרך) פון דעם בע־פרייטען פאָלק. ער האָט געלאָזט אויסגיסען מטבעות פאַר יהודה, אַלס אַ זעלבסטשטענדיגע מלוכה. אויף די זילבערנע און קופּערנע מטבעות, וואָס מען האָט דעמאָלט געגאָסען, איז פון איין זייט געווען אויסגעקריצט די ווערטער: „ירושלים הקדושה (ירושלים די היילינע) אָדער „שמעון נשיא ישראל“ (שמעון דער אידישער פירשט) און אויף דער אַנדער זייט „שנת (דער און דער) של חרותנו“ (דאָס יאָהר פון אונזער בעפרייאונג).

אַזוי האָט זיך געענדיגט דער 27־יעהריגער קאַמפּף פון יהודה פאַר איהר זעלבסטשטענדיגקייט. די דאָזיגע בעפרייאונגס־מלחמות ווערען אָנגערופען די „מלחמות פון די חשמונאים“ נאָך מתתיהו און זיינע זיהן, אָדער די „מלחמות פון די מאַקאַבייער“, נאָכ׳ן צו־נאָמען פון דעם הויפּט־העלד יהודה המכבי.

§17. די אידען אין מצרים. בשעת אין יהודה איז פאָרגעקומען דער קאַמפּף פון די חשמונאים מיט די סיריער, האָ־

בען די אידען, וועלכע האָבען געלעבט אין מצרים, גענאָסען פּאָל־שטענדיגע רוהיגקייט. זייער צאָהל איז פיעל פערגרעסערט גע־וואָרען דורך די אויסוואנדערער פון יהודה, וועלכע זיינען אנט־לאָפען פון די אכזריות׳ן פון אנטיוכוס עפּיפאנעס. דער קעניג תלמי דער זעקסטער (פילאָמאטאָר) האָט מיט צופרידענהייט אויפגענומען די דאָזיגע אנטלאָפענע און האָט זיי געגעבען שוץ. די אידישע קהלה פון אלעקסאנדריען, די הויפּטשטאָדט פון מצרים, האָט דעמאָלט געקראָגען א גרויסע בעדייטונג. די אי־דען האָבען מעהרסטענטיילס געלעבט אין דעם קווארטאל דעלטא, וואָס איז געלעגען נעבען האפען פון ים. אין דער דאָזיגער „אי־דישער שטאָדט“ האָט געקאָכט מיט האנדעל, וואָס איז בעשטאַ־נען פון אריינפיהרען און ארויספיהרען סחורה. האָבענדיג גלייכע בירגער־רעכט, האָבען די אידען פון אלעקסאנדריען אויך גע־האט זעלבסטפערוואלטונג אין זייער קהלה־לעבען. בראש פון זיי איז געשטאנען א בעזונדערער ע ט נ א ר ך, וועלכער האָט פערוואלטעט דאָס פאָלק, גע׳משפּט, און האָט אכטונג געגעבען אז די מצוות און דינים זאָלען אָבגעהיט ווערען, אזוי ווי דער עלטסטער פון א זעלבסטשטענדיגער שטאָדט. אין אלעקסאנ־דריען איז געווען א פּראכטפולע שוהל. די שוהל איז געווען אזוי גרויס, אז אין דער צייט פון דאווגען האָט מען אין די ווייטערע ווינקלען ניט געקענט הערען די שטימע פון חזן; כדי די מתפּללים זאָלען וויסען ווען צו ענטפערען „אמן“ אויפ׳ן חזנ׳ס ברכות פלעגט מען אין מיטען שוהל יעדען מאָל אויפהוי־בען פאר א צייכען א גרויסע פאָהן.

אָבער די אידען פון מצרים האָבען זיך ניט בעגנוגענט מיט זייער פּראכטפולער שוהל. זיי האָבען געוואָלט האָבען א גרוי־סען בית־המקדש, אזוי ווי דער ירושלים׳ער, וואו מען וואָלט געקענט ניט נאָר מתפּלל זיין, נאָר אויך ברענגען קרבנות לויט די דינים פון דער תורה. ניט האָבענדיג אזא בית־המקדש, האָבען א סך פרומע אידען פון ירושלים געמוזט פאָהרען אויף די גרויסע ימים־טובים אין דעם ווייטען ירושלים, וואָס עס איז געווען זעהר שווער אין די אורוהיגע צייטען פון די מאקאביי־אישע מלחמות. אין יענער צייט איז אָנגעקומען פון יהודה



די פארצייטיגע אידישע שוהל אין אלעקסאנדריען, מצרים.

קיין מצרים חוניו דעם 4טער, א זוהן פון דעם כהן־גדול חוניו דער 3טער, וועלכער איז ארונטערגעזעצט געוואָרען פון אנטיוכוס עפּיפאַנעס'ן. האַלטענדיג זיך פאר'ן געזעצליכען יורש פון דער כהונה גדולה האָט חוניו דער אינגסטער (אָדער אָניאַס, ווי ער האָט געהייסען אויף גריכיש) בעשלאָסען אויפצושטעלען פאַר די עגיפּטישע אידען א בעזונדערען בית־המקדש. דער קעניג תלמי דער 6טער האָט געגעבען דערויף זיין הסכמה. אין דער געגענד פון נאליפּאָלי איז אויסגעבויט געוואָרען א שעהנער טעמ־פּעל, וועלכער איז געווען אויסגעריכט אויף'ן מוסטער פון דעם ירושלים'ער בית־המקדש (160). דעם גאָטעסדיענסט האָבען דאָ געפיהרט אָניאַס און אנדערע כהנים און לויים, וועלכע האָבען זיך אריבערגעקליבען אהער פון יהודה אין דער צייט פון די מהומות. פאַר די דאָזיגע הייליגע דיענער איז נעבען בית־המקדש אויסגעבויט געווארען א בעזונדער שטעדטעל, וועלכעס האָט זיך גערופען אָניאָן, אויף'ן נאָמען פון אָניאַס'ן. דער אי־דישער בית־המקדש אין מצרים איז געשטאַנען מעהר ווי צוויי הונדערט יאָהר.

אין יענער צייט האָט זיך צווישען די גריכען און די אידען פון אלעקסאנדריען שטארק פערשפּרייט דער תנ"ך אין דער גריכישער איבערזעצונג. די איבערזעצונג פון דעם תנ"ך אויף גריכיש, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען נאָך פאַר תלמי דעם 2טען (פילאדעלפוס), איז אָנגעגאַנגען ווייטער פאַר תלמי פילאָמא־טאָר. פון דיזער צייט אָן האָבען עס די געבילדעטע געצענ־דיענער אָנגעהויבען זיך נעהנטער צו בעקענען מיט די אידישע רעליגיעזע ספרים. און די אידען פון אלעקסאנדריען, וויעדער, האָבען איבערגענומען די גריכישע וועלטליכע בילדונג. זיי האָ־בען ארויסגעגעבען פון צווישען זיך א גאנצע רייהע פילאָזאָפען און דיכטער וועלכע האָבען געשריבען זייערע ווערק אין גריכיש.

## דריטער קאַפּיטעל.

# יהודה אין דער צייט פון דער חשמונאים־דינאַסטיע.

(140—37 פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג)

§18. **שמעון אַלס נשיא.** נאָך פיעל יעהריגע מלחמות און מהומות איז אין יהודה ענדליך געקומען אַ צייט פון פרייער און פריעדליכער ענטוויקלונג אונטער דער ממשלה פון די אידישע נשיאים. דער ערשטער נשיא פון דער דינאַסטיע חשמונאים, שמעון (140—135), האָט זיך דער עיקר אָבגעגעבען מיט פערבעסערען דאָס אינוועניגסטע לעבען פון די אידען. ער האָט איינגעפיהרט אָרדנונג און זיכערקייט אין דעם לאַנד וואָס איז געווען פערוויסט פון מלחמות, האָט אויפגעהויבען די ערד־ארבייט און דעם האַנ־דעל, און אין יפו, די נאָהנטסטע שטאָדט צו ירושלים ביים ים, וועל־כע די אידען האָבען אָבגענומען ביי די סיריער, האָט ער אויסגע־בויט אַ גרויסען האַנדעלס־פּאָרט.

דער סירישער קעניג אַנטיוכוס סידעטעס, דער זוהן פון דמיטריוס, האָט מיט פערדרוס צוגעזעהן ווי יהודה ווערט אַלץ שטאַרקער. האָט ער געשיקט צו שמעון'ען שלוחים מיט דער פאָ־דערונג, אַז ער זאָל ענטוועדער אומקערען צו סיריען יפו און די ירושלים'ער פעסטונג, אָדער אַנשטאַט זיי זאָל ער בעצאָהלען אַ גרויסע סומע געלד. אַזוי ווי דער אידישער נשיא האָט ניט גע־וואָלט דערפילען די דאָזיגע פאָדערונגען, האָט אַנטיוכוס געשיקט זיין קריגספיהרער קענדעבאיוס פון הירקאניא, מיט אַ שטאַרקען חיל, צו פערניכטען יהודה. שמעון האָט אַרויסגעשיקט אַנטקעגען איהם אַ גרויסע אַרמיי אונטער דער פיהרערשאַפט פון זיינע זיהן יוחנן און יהודה. ניט ווייט פון יפו איז פאָרגעקומען אַ שלאַכט אין וועלכער שמעונ'ס זיהן האָבען אָבגעהאַלטען אַ פאָלשטענדיגען זיעג (137). אין אָנדענק פון דעם דאָזיגען זיעג איבער קענדרע־באיוס פון הירקאניא, האָט שמעונ'ס עלטעסטער זוהן, יוחנן, גע־קראָגען דעם צונאָמען הורקנוס. כדי צו פערזיכערען זיך געגען ווייּ־טערע אָנפאַלען פון אַנטיוכוס'ן האָט שמעון געשלאָסען אַ בונד

מיט רוים, די מעכטיגסטע מלוכה פון יענער צייט, וועלכע איז גע־
ווען א פיינד פון סיריען.

זעהענדיג, אז אין אָפענעם קאַמפף קען מען ניט בעזיעגען
דעם נשיא שמעון, האָט אנטיוכוס בעשלאָסען צו אומברייגען איהם
דורך בעטרוג. ער האָט איינגערעדט שמעון׳ס איידים, תלמי,
וועלכער איז געווען דער פערוואַלטער פון דער פראָווינץ יריחו, צו
טויטען זיין שווער און פאַרנעהמען דעם טראָהן פון יהודה. דער
מערדערישער תלמי האָט איינגעלאַדען צו זיך אין געסט אין זיין
פעסטונג דאָק, נעבען יריחו, דעם נשיא מיט זיין פאַמיליע און
וואך, און האָט פאר זיי געמאַכט א פרעהליכען מאָלצייט. אין צייט
פון דעם מאָלצייט האָבען תלמי׳ס קנעכט, לויט זיין בעפעהל, גע־
הרג׳עט שמעון׳ען, זיינע צוויי זיהן מתתיהו און יהודה, און איי־
ניגע מענשען פון דער פירשטליכער וואך (135). דאָס ווייב פון
דעם ערמאָרדעטען נשיא, זיין שוויגער, האָט דער מערדער געהאַל־
טען געפאַנגען ביי זיך אין פעסטונג, און אין דער זעלבער צייט
האָט ער געשיקט רייטער אין שטאָדט גזר, וואו עס האָט זיך גע־
פונען דער עלטסטער זוהן פון נשיא, דער יורש פון טראָהן, יוחנן־
הורקנוס, כדי צו טויטען איהם אויך. נאָר יוחנן האָט זיך דערפון
דערוואוסט, און איז אנטלאָפען פון גזר קיין ירושלים. דאָ האָט
דאָס פאָלק און דאָס חיל איהם ערקלערט פאר נשיא. דאָס פאָלק
האָט ביטער בעוויינט דעם פריהצייטיגען טויט פון זייער בע־
פרייער, שמעון חשמונאי. דעם קערפער פון דעם דער׳הרג׳עטען
נשיא האָט מען בעהאַלטען אין מודיעין, אין דעם פאַמיליען־קבר פון
די חשמונאים, און אויף דעם דאָזיגען קבר האָט מען אויפגעשטעלט
א פראַכטפולע מצבה, וועלכע איז געשטאַנען אויף א הויכען פעלז,
און מען האָט זי געקענט זעהן ווייט פון ים.

§19. יוחנן הורקנוס. ווען יוחנן הורקנוס איז אַרויף אויפ׳ן
טראָהן פון יהודה (135—109), האָט ער פריהער פון אַלץ בע־
שלאָסען צו בעשטראָפען די מערדער פון זיין פאָטער. ער איז
עטליכע מאָל צוגעטראָטען צו דער פעסטונג דאָק, וואו תלמי האָט
זיך בעפעסטיגט, אָבער דער לעצטער האָט יעדען מאָל אַרויסגע־
פיהרט אויף דער פעסטונגס־וואַנד זיין געפאַנגענע שוויגער, הורק־
נוס׳עס מוטער, און האָט געסטראַשעט צו טויטען זי, אויב הורקנוס

וועט מאַכען אַן אַטאַקע. די דאָזיגע איינשרעקונג און די ידיעה אַז דער סירישער קעניג קומט אָן, האָבען געצוואונגען הורקנוס׳ן אָבצוטרעטען פון ירושלים.

אַנטיוכוס סידעטעס אַליין האָט זיך געלאָזט קיין יהודה מיט א גרויסען חיל און האָט בעלאַגערט די הויפּטשטאָדט. ירושלים איז געווען אַזוי בעפעסטיגט, אַז די סיריער האָבען זי ניט געקענט נעהמען מיט שטורם. דעריבער האָבען זיי בעשלאָסען צו האַלטען די שטאָדט אין בעלאַגערונג ביז עס וועט ניט אויסגעהן אין איהר די גאַנצע שפּייז. די איינוואוינער פון ירושלים זיינען געווען אין געפאהר פון א הונגער און הורקנוס איז געצוואונגען געווען צו שלי־סען פריעדען. ער האָט זיך פערפּליכטעט צו צאָהלען דעם סירישען קעניג שטייערען פאר יפו און איניגע אנדערע שטעדט, און אויך ארונטערצוגראָבען די בעפעסטיגונגען פון ירושלים. אַנטיוכוס איז אוועק. דער פעררעטערישער תלמי, וועלכער איז פארלאָזען געוואָרען פון זיינע פארבינדעטע, די סיריער, איז אַנטלאָפען פון יהודה, נאָר פאר זיין אַנטלויפען האָט דיזער בלוט־דורשטיגער מענש געהייסען טויטען הורקנוס׳עס מוטער.

נאָכ׳ן טויט פון אנטיוכוס סידעטעס האָבען זיך אין סיריען ווידער אָנגעפאַנגען אונרוהען און מהומות. יוחנן הורקנוס האָט זיך בענוצט מיט דער צופאַלונג פון סיריען און האָט זיך איינגאַנ־צען ענטזאגט צו אנערקענען איהר אויבערהערשאַפט. ער האָט אָנגעווענדט אַלע זיינע כחות צו פערזיכערען די גרעניצען פון זיין מלוכה געגען אַן אָנפאַל פון דעם שונא. דעריבער האָט ער בע־שלאָסען צו אונטערטעניג מאַכען די קליינע פעלקער, וואָס האָבען געלעבט ארום די גרעניצען און וואָס פלעגען געוועהנליך זיך פער־איניגען מיט די פיינד פון יהודה און איהר שעדיגען. דער נשיא הורקנוס איז ארויס מיט א גרויסען חיל, אין וועלכען עס זיינען געווען א סך געדונגענע סאָלדאַטען פון היידנישע פעלקער. צו־ערשט האָט ער איינגענומען עטליכע שטעדט אין מזרח־זייט פון ירדן ; דערנאָך איז ער אוועק געגען די שומרונים, די אַלטע שונאים פון יהודה. ער האָט צושטערט זייער הייליגע שטאָדט שכם און זייער טעמפּעל אויפ׳ן בארג גריזים. צולעצט האָט ער פאָלשטענדיג אונטערטעניג געמאַכט די אדומים און דערמיט האָט זיך זיין

קריעגס־צוג געענדיגט. ווען הורקנוס האָט צושטערט זייערע פעס־טונגען האָט ער געגעבען די אדומים די ברירה אויסצוקלייבען איינס פון די ביידע: ענטוועדער אָננעהמען די אידישע אמונה אָדער פערלאָזען דאָס לאַנד. די אדומים האָבען זיך אונטערגעגע־בען און האָבען אָנגענומען די אידישע רעליגיאָן. מיט דער צייט האָבען זיי זיך צוזאַמענגעמישט מיט די אידען: נאָר די דאָזיגע צוזאמענגיסונג האָט שפּעטער געהאט טרויעריגע פאָלגען פאר דער חשמונאים־דינאַסטיע. בלויז די שומרונים האָבען זיך ניט גע־קענט אונטערגעבען צו דער הערשאַפט פון די אידען. ווען זיי זיי־נען צו זיך געקומען פון זייער אַנומעלטיגער מפּלה, האָבען זיי זיך פעראייניגט מיט די סיריער און מצריים און זייגען ארויסגעטראָ־טען געגען די אידען. הורקנוס איז בעפאָלען די פערבינדעטע און האָט זיי צושלאָגען, און נאָך א בעלאַגערונג פון צוועלף מאָנאטען האָט ער איינגענומען די בעפעסטיגטע שומרון און האָט צושטערט די שטאָדט ביז'ן גרונד. אין דער דאָזיגער מלחמה האָבען זיך בע־זונדערס אויסגעצייכענט הורקנוס'עס זיהן אריסתובל און אנטיגנוס.

אויף אזא אופן האָט יהודה אויסגעשפּרייט איהרע גרעניצען און האָט זיך אויסגעשפּרייט אזוי ווי אין די בעריהמטע צייטען פון דוד און שלמה; זי האָט געהאט איהר אייגענעם האפען (יפו), וואָס האָט געבראכט דעם לאַנד גרויסע הכנסות, א גוט בעוואפענ־טען חיל און שטארקע פעסטונגען, אזוי אז קיין איינציגעס פון די שכנ'ישע פעלקער האָט ניט געוואגט צו געהן מלחמה האלטען מיט איהר. וואָס מעהר עס האָט זיך אויסגעברייט די אידישע מלוכה אלץ מעהר איז געוואקסען דער גלאַנץ פון דער הויפּטשטאָדט. ירושלים איז פארשעהנערט געוואָרען מיט גרויסארטיגע געביידען. אויף א הויכען אָרט, צו מזרח פונ'ם הר־הבית, איז אויפגעשטעלט געוואָרען א פּרעכטיגער קעניגליכער פּאלאַץ, וועלכער איז געווען פעראייניגט מיט'ן בית־המקדש דורך בריקען. האָבענדיג בעפעס־טיגט זיין הערשאַפט האָט יוחנן הורקנוס בעגייט זיין בונד מיט רוים, וועלכע האָט אנערקענט פאר דער אידישער מלוכה איהרע נייע עראָבערונגען.

§20. די פּרושים, צדוקים און אסיים. ווען נאָך פיעל דורות פון אונטערטעניגקייט איז יהודה צוריק געוואָרען א פרייע

מלוכה, אזוי ווי אין די אלטע צייטען, איז צווישען די פארשטעהער פון פאלק אויפגעשטאנען די פראגע : אין וואס פאר א גייסט דארף געפיהרט ווערען די דאזיגע בענייטע מלוכה און וואס דארף זיין איהר בעציהונג צו דער רעליגיאן, די בעציהונג פון דער וועלט־ליכער מאכט צו דער גייסטיגער? איינע האבען געזאגט, אז דאס אידישע פאלק דארף לעבען אזוי ווי אלע אנדערע פעלקער, פיהרען מלחמות, איינגעהמען נייע לענדער און זיך פערשטארקען פאלי־טיש. אנדערע האבען גע'טענה'ט, אז די אידען זיינען א בעזונ־דערע גייסטיגע נאציאן, וואס דארף זיך פיהרען לויט איהרע רע־ליגיעזע געזעצען, זיך אבשיידען פון אנדערע פעלקער און שטרעבען בלויז צו פארבעסערען איהר אינערליכען לעבען לויט די געבאטען פון יודענטום. אויך איז אין פערשיידענע קרייזען פון דער גע־זעלשאפט געוועזען אנדערש דער בליק אויפ'ן יודענטום, ד. ה. אויף די לעהרען, דינים און טראדיציעס, וואס האבען זיך אנגע־קליבען פון די אוראלטע צייטען ביז דער עפאכע פון די חשמונאים. אויף אזא אופן זיינען אין דיזער עפאכע אויפגעקומען אין יהודה דריי פארטייען : די פרושים, די צדוקים און די אסיים.

די פרושים זיינען געווען די נאכפאלגער פון די חסידים, אדער די פרומע. זיי האבען געהאלטען אז יעדער איד בעזונדער און דאס גאנצע פאלק אין איינעם דארפען זיך פיהרען לויט די געזע־צען פון דער אמונה. די פרושים האבען שטרענג אבגעהיט ניט נאר אלע געשריבענע דינים פון תנ"ך נאר אויך אלע מנהגים און פיהרונגען וואס זיינען אויפגעהיט געווארען בעל־פה. אויסער דעם פלעגען זייערע לעהרער שאפען נייע דינים, וועלכע פלעגען ממלא זיין אדער פערבעסערען די אלטע געזעצען כדי צוצופאסען זיי צו די נייע פאדערונגען פון לעבען. זיי האבען פערפעסטיגט אין פאלק איניגע יסודות פון רעליגיאן (דאגמען), וועלכע זיינען גע־וועזן ניט גענוג דייטליך ערקלערט אין תנ"ך. די פרושים האבען בעזונדערס פערשטארקט אין פאלק דעם גלויבען, אז גאט בעצאהלט יעדען מענשען נאכ'ן טויט פאר זיינע מעשים ; ווייל די מענש־ליכע נשמה שטארבט ניט צוזאמען מיט'ן גוף, נאר לעבט ווייטער אויף יענער וועלט. די נשמות פון די גוטע מענשען געניסען דארט גליק, און די נשמות פון די שלעכטע קומען אב פאר די זינד, וואס

זיי זיינען בעגאַנגען אויף דער ערד. גאָט האָט אויסדערוועהלט דאָס אידישע פאָלק און האָט איהם געגעבען די געבאָטען פון אמת און גוטסקייט. אָן די דאָזיגע געבאָטען דאַרף דאָס אויסדערוועהלטע פאָלק זיך האַלטען און ניט נאָכמאַכען די מנהגים פון אַנדערע פעלקער. די אידען דאַרפען אין זייער לעבען זיך אונטערשיידען, זיך אָבטיילען פון אַנדערע פעלקער, און זיך דערווייטערען פון אַלעם שלעכטען, פון אַלעם וואָס איז היידניש.*) די פרושים האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט אַ טיעפען גלויבען און מאָראַלישער אויפפיהרונג; זיי האָבען געפּרעדיגט בעשיידענקייט און איינגעהאַלטענקייט אין לעבען און פלעגען העלפען שוואַכע און אָרימע. פון צווישען זיי זיינען ארויסגעקומען לעהרער פון פאָלק, וועלכע פלעגען ערקלערען די געזעצען. אָפטמאָל, פונדעסטוועגען, פלעגען זיך טרעפען צווישען זיי אונעהרליכע מענשען, וועלכע פלעגען זיין אויסערליך פרום, אָבער אין הארצען פלעגען זיי בעהאַלטען שלעכטע כונות. אַזעלכע צוויי־פּנים׳דיגע פלעגט מען אין פאָלק רופען צבועים (צבוע׳קעס, „געפּאַרבטע“).

די צדוקים זיינען געווען די נאָכפאָלגער פון די העלעניסטען. זיי האָבען געקוקט אויף די אויפגאַבען פון דער רעגירונג ווי וועלטליכע מענשען און פּאָליטיקער; זיי האָבען געפאָדערט, אַז די רעליגיאָן זאָל זיין אָבגעטיילט פון דער מלוכה. צו דער דאָזיגער פּאַרטיי האָבען געהערט מענשען פון די העכערע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט: מיליטערישע לייט, בעאַמטע, כהנים, און אָבגעשטאַמטע פון גרויסען יחוס.*) די צדוקים האָבען געהאַלטען, אַז אַ איד איז מחויב אָבצוהיטען נאָר יענע געבאָטען, וואָס געפינען זיך אין די הייליגע שריפטען, אָבער די דינים בעל־פּה און די שפּעטערע מנהגים פון פאָלק זיינען ניט קיין מוז פיר איהם. זיי האָבען ניט געגלויבט אין אַ יענער וועלט, וואָרום עס ווערט דערפון ניט גערעדט דייטליך אין תורת משה. אין אַלץ האָבען זיי זיך געהאַלטען ניט אָן דעם געדאַנק, נאָר אָן דעם בוכשטאַב פון דעם געשריבענעם געזעץ; זייער כלל איז געווען: גאָרניט צו־

*) מען רעכענט אַז דער נאָמען „צדוקים“ שטאַמט פון דעם נאָמען פון צדוק הכהן, וועלכער איז געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון דער פּאַרטיי.

פֿולגען צו די געזעצען פֿון דער תורה און גאָרניט אראָבנעהמען פֿון זיי, אַפּילו ווען דאָס לעבען פֿאָדערט עס. פֿאַר די צדוקים איז די אידישע רעליגיאָן געווען ניט קיין לעבעדיגע, נאָר אַ טויטע לעהרע, וועלכע מען דאַרף נאָר אויפהיטען אָבער ניט ענטוויקלען. די צדוקים, וועלכע האָבען געהערט צו די פֿאַרמעגליכע און איינפֿלוסרייכע קלאַסען, האָבען ליעב געהאַט אַ פֿריי לעבען און האָבען געמ'הנה'ט, אז עס איז גאָרניט קיין עברה זיך מתקרב צו זיין מיט די געצענדיענער. די צדוקים, וועלכע זיינען געווען די כהנים, פֿלעגען אָפֿט האָבען מחלוקות מיט די פֿיהרער פֿון די פּרושים. צווישעןביידע פּאַרטייען פֿלעגט פֿאָרקומען אַ שטענדיגער קאַמפּף פֿאַר דער מאַכט אין דער מלוכה.

די דריטע פּאַרטיי איז בעשטאַנען פֿון די אסיים. זיי זיינען געשטאַנען אינגאַנצען אָן אַ זייט פֿון די געזעלשאַפֿטליכע און מלוכה ענינים, און האָבען זיך נאָר געזאָרגט צו פֿערפֿאָלקאָמען דאָס פּערזענליכע לעבען. זיי האָבען געקוקט אויף זיך ווי אויף אַ קלאַס פֿון „הייליגע", און האָבען בעזונדערס שטרענג אָבגעהיט די געזעצען פֿון קערפּערליכער ריינקייט, וועלכע זיינען געווען אַ חוב בלויז אויף די כהנים. מעהרסטענטיילס פֿלעגען די אסיים אַוועקגעהן אין די מדבריות און דאָרט האָבען זיי געלעבט אין קליינע געמיינדען אָדער ברודערשאַפֿטען, ווי נזירים (מאָנאַכען). אין די דאָזיגע ברודערשאַפֿטען פֿלעגען אריינגענומען ווערען בלויז מענער. די מיטגליעדער פֿון די דאָזיגע אסי'שע חברות פֿלעגען טיילען צווישען זיך אויף גלייך זייער פֿאַרמעגען און האָבען געלעבט ווי ברידער. זיי פֿלעגען זיך בעשעפֿטיגען מיט ערד־ארבייט, האָבען געגעסען בלויז ברויט און גרינסען און ניט געטרונקען קיין וויין; יעדען טאָג פֿלעגען זיי זיך באָדען אין טייך כדי צו האַלטען ריין זייער קערפּער און האָבען געטראָגען ווייסע קליידער. דאָס פּראָסטע פֿאָלק האָט געהאַלטען די אסיים פֿאַר הייליגע און בעלי מופת. צו זיי פֿלעגט מען קומען זיך היילען פֿון פֿערשיעדענע קראַנקהייטען און צו טרעפֿען די צוקונפֿט.*

---

*) דער נאָמען אסיים מיינט „די וואָס וואַשען זיך" אָדער די „היילענדע".

§21. דער סנהדרין און דער קאַמפּף פון די פּאַרטייען.
אזוי ווי זיין פאָטער שמעון, אזוי איז אויך יוחנן הורקנוס געווען אין דער זעלבער צייט נשיא און כהן גדול, דאָס הייסט אי דער וועלטליכער אי דער גייסטיגער פאָרשטעהער פון יהודה. נאָר א גרויסער טייל פון דער הערשאפט האָט געהערט צו א מלוכה־ראט, אָדער סענאט, וועלכער האָט זיך גערופען סנהדרין (אויף גריכיש — פערזאמלונג). דער סנהדרין, וועלכער האָט זיך געפונען אין ירושלים איז בעשטאַנען פון 70 מיטגליעדער און איין פּאָרזיצענדען, אָדער אב־בית־דין. דער סנהדרין פלעגט זיך פערזאמלען אין איינעם פון די גרויסע חדרים פון בית־המקדש וואו זיי פלעגען פערהאנדלען די פראגען פון דער מלוכה, פלעגען ארויסגעבען געזעצען און פלעגען בעטראכטען די וויכטיגסטע משפטים. דער נשיא פלעגט ניט אָנגעהמען קיינע וויכטיגע בעשלוסען אין די ענינים פון דער מלוכה אָהן דער צושטימונג פון דעם סנהדרין.

די משפטים פון דעם סנהדרין פלעגען פאָרקומען עפענטליך. די ריכטער זיינען געזעסען אין א האלבען קרייז כדי זיי זאָלען זעהען איינער דעם אנדערען. צוויי שרייבער זיינען געשטאַנען רעכטס און לינקס און האָבען פערשריבען די מיינונגען פון די ריכטער. צו בעטראַכטען א פּראָצעס, האָבען געמוזט זיין אנוועזענד ניט ווייניגער פון 23 מיטגליעדער („דער קלייגער סנהדרין"). אין קרימינעלע פּראָצעסען איז צו בעפרייען דעם אָנגעקלאָגטען געווען גענוג א מעהרהייט פון איין שטימע, און צו פערורטיילען דעם אָנגעקלאָגטען האָט זיך געפאָדערט א מעהרהייט פון צוויי שטימען. מעהר פון אלץ האָט דער סנהדרין געזוכט צו פערזיכערען גערעכטיגקייט און רחמנות אין געריכט. די מיינונגען צי דער אָנגעקלאָגטער איז שולדיג אָדער ניט, פלעגט מען אָנהויבען אויספרעגען פון דעם אינגסטען פון סנהדרין און געהן ארויף ביז'ן אב־בית־דין. דאָס פלעגט געטהאָן ווערען כדי די מיינונגען פון די עלטערע און חשוב'ע זאָלען ניט בעאיינפלוסען די אינגערע. אויסער דעם האָבען צוערשט געמוזט ארויסזאָגען זייערע מיינונגען יענע וואָס האָבען געהאלטען דעם אָנגעקלאָגטען פאר אונשולדיג, און ערשט נאָכדעם יענע, וואָס האָבען איהם גערעכענט פאר שולדיג. ווער עס האָט זיך נאָר

איינמאָל אויסגערעדט פאַר בעפרייען דעם אַנגעקלאָגטען, האָט מעהר ניט געקענט נעהמען זיין וואָרט צוריק. ביי אַזעלכע אומ־שטענדען זיינען טויט־שטראָפען געווען אַ זעלטענע זאַך אין דעם סנהדרין.

אין דער ערשטער צייט ווען הורקנוס איז געווען נשיא זיינען אין דעם סנהדרין געווען אַ סך פרושים, וועלכע האָבען געקראָגען אַ גרויסען איינפלוס אויפ׳ן גאַנג פון דער מלוכה. דאָס האָט שטאַרק בעאונרוהיגט זייערע געגנער, די צדוקים. האָבען די צדוקים אָנגעהויבען איינשמועסען הורקנוס׳ן, אַז די פרושים זיינען ניט צופריעדען מיט זיין רעגירונג. הורקנוס האָט געוואָלט דער־געהן אויב דאָס איז אמת, האָט ער געמאַכט אַ סעודה און האָט פאַררופען אַ סך חשוב׳ע געסט. אויפ׳ן מאָלצייט האָט זיך הורק־נוס אויפגעשטעלט און געזאָגט: „אויב איינער פון די אַנוועזענ־דע קען בעווייזען אַז איך האָב, אַלס נשיא אָדער כהן גדול, געהאַנ־דעלט געגען געזעץ, דאַן זאָל ער האָבען דעם מוט אויפצושטעהן און מיר ערקלערען". דעמאָלט איז איין פרוש אויפגעשטאַנען און געזאָגט: „אויב דו נשיא, ווילסט זיין עהרליך, דאַן בענוגען זיך מיט דער קרוין פון נשיא, און זאָג זיך אָב פון דער כהונה גדולה, ווארום דיין מוטער איז אמאָל געווען געפאַנגען ביי געצענדיענער.*) הורקנוס האָט זיך בעליידיגט פון די דאָזיגע ווערטער, נאָר פונ־דעסטוועגען האָט ער בעפעהלט צו מאַכען אַן אויספאָרשונג, אויב דער פרוש זאָגט אמת. אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז דאָס איז ניט אמת, האָט הורקנוס געפאָדערט אַז דער סנהדרין זאָל בע־שטראָפען דעם בעליידיגער. אָבער די פרושים פון סנהדרין האָ־בען אַרויפגעלעגט אויף זייער בעשולדיגטען חבר זעהר אַ לייכטע שטראָף. דאָס האָט נאָך שטאַרקער געמאַכט הורקנוס׳עס חשד אויף דער פאַרטיי פון די פרושים און דער נשיא איז אינגאַנצען אַריבער אויף דער זייט פון די צדוקים. ער האָט בעזייטיגט די פרושים פון די וויכטיגסטע שטעלען און האָט איבערגעגעבען די דאָזיגע שטעלען צו די צדוקים, און דאָס האָט אַרויסגערופען אַן

*) די זוהז פון קריעגסגעפאַנגענע פרויען האָבען ניט געטאָרט זיין קיין כהנים.

אונצופריעדענקייט ביים פאָלק. נאָך אַ הערשאַפט פון דרייסיג יאָהר איז יוחנן הורקנוס געשטאָרבען (104). ער האָט איבערגע־לאָזען פינף זיהן; פון זיי האָבען זיך אויסגעצייכענט: יהודה־אריסתובול, אנטיגנוס און אלכסנדר־ינאי.

§22. יהודה־אריסתובול. יוחנן הורקנוס האָט פאר'ן טויט בעשטימט זיין ווייב פאר דער הערשערין פון דער מלוכה, און די כהונה גדולה האָט ער איבערגעגעבען צו זיין עלטסטען זוהן יהודה, וועלכער האָט אויך געהאַט אַ גריכישען נאָמען, אריסטובול. אָבער אריסתובול האָט זיך ניט בענוגענט מיט דעם גייסטליכען אמט וואָס ער האָט געקראָגען. באלד נאָך זיין פאָטער'ס טויט האָט ער איינגעשפארט זיין מוטער אין געפענגניס (וואו זי איז, לויט אַ לעגענדע, אויסגעגאַנגען פון הונגער) און האָט פערכאַפּט די אויבערהערשאַפט. דער כבוד־זוכענדער אריסתובול האָט זיך אויך ניט צופריעדען געשטעלט מיט'ן טיטול פירשט „נשיא", וועל־כען עס האָבען געטראָגען זיינע פאָרגענגער: ער האָט דער ערש־טער פון די חשמונאים אָנגענומען דעם טיטול קעניג, „מלך", און האָט אָנגעטהאָן אויף זיין קאָפּ אַ קעניגליכע קרוין. אריסתובול איז געווען אַ קרענקליכער און אויפגערעגטער מענש. דריי פון זיינע ברידער האָט ער געהאַלטען אין געפענגניס; ליעב געהאַט האָט ער נאָר איין ברודער, אנטיגנוס, און האָט איהם געמאַכט פאר'ן קאָמאַנדיר פון דעם אידישען חיל. אנטיגנוס האָט איינגע־נומען דעם צפון־טייל פון גליל און האָט געצוואונגען דעם אראַ־בישען שבט יתורים, וואָס האָט דאָרט געלעבט, אָנצונעהמען די אידישע אמונה. מיט זיינע נצחונות איז אנטיגנוס געוואָרען בע־ריהמט ביים פאָלק, אָבער ער האָט אַרויסגערופען קנאה צווישען די הויפט־לייט. די קרובים למלכות האָבען געזוכט אויפצואוועקען אין אריסתובול'ן אַן אונצוטרוי צו זיין ברודער, און עס איז זיי געלונגען.

פון זיין גלענצענדען קריעגס־צוג האָט זיך אנטיגנוס צוריק־געקערט קיין ירושלים צום יום־טוב סוכות. אין דער שפּיץ פון דעם חיל איז ער אַוועק אין בית־המקדש צו עפענען דעם יום־טוב. דאָס פאָלק האָט מיט פרייד בעגריסט דעם העלד. דער רעש האָט זיך דערהערט אין פּאַלאַץ. די הויפּטלייט, וואָס האָבען אנטיג־

נוס׳ען געהאסט, האָבען געזאָגט צו אריסתובול׳ן: „אַט הער, ווי דאָס פאָלק בעגריסט דיין ברודער. באַלד וועט ער פערכאַפּען די הערשאַפט אין זיינע הענד און וועט מעהר ניט זיין אונטערוואָר־פען צו דיר.“ איניגע האָבען נאָך צוגעגעבען אז אַנטיגנוס וועט באַלד קומען אין פּאַלאַץ פול בעוואַפּענט, צו פערכאַפּען דעם קעניג־ליכען טראָהן. דאַן האָט אריסתובול געגעבען אַ בעפעהל צו זיין לייב־וואַך צו טויטען יעדען איינעם וואָס וועט פּרובען זיך אריינ־צורייסען אין הויף מיט וואַפען אין די הענד. דאַן האָט ער גע־שיקט רופען אַנטיגנוס׳ען, און געבעטען ער זאָל קומען צו איהם אָהן געוועהר. אָבער די הויפּטליים האָבען אָנגעזאָגט דעם שליח ער זאָל איבערגעבען אַנטיגנוס׳ען פונקט דעם היפּך, נעמליך, אז דער קעניג וויל איהם זעהן דוקא פול בעוואַפענט. אַנטיגנוס האָט עס געגלויבט און איז אַוועק אין פּאַלאַץ אין זיינע מיליטערישע קליי־דער און מיט וואַפען אין די הענט. נאָר קוים איז ער צוגעקומען נאָהנט צום פּאַלאַץ, האָט זיך די וואַך אויף איהם אַ וואָרף גע־טהאָן און איהם געטויט, לויט דעם קעניג׳ס בעפעהל. די נאַכריכט וועגען דעם טויט פון זיין געליעבטען ברודער האָט אריסתובול׳ן צוטרייסעלט: זיין קראַנקהייט האָט זיך פערשטאַרקט — און אין גיכען איז ער געשטאָרבען, נאָך איין יאָהר קעניגען (103), ניט איבערלאָזענדיג קיין קינדער. אין אריסתובול׳ס צייט האָט זיך פערשטאַרקט דער איינפלוס פון די צדוקים אין דער מלוכה, און מען האָט איהם אָנגערופען פּ י ל ה ע ל ע נ ו ס, דאָס הייסט אַ פריינד פון די גריכען.

§23. אלכסנדר ינאי. נאָך אריסתובול׳ס טויט האָט זיין אלמנה שלומית־אלכסנדריה בעפרייט זיינע ברידער פון געפענג־ניס. דער עלטסטער פון זיי, אלכסנדר ינאי, איז געוואָרען קעניג, און נאָך דעם אידישען דין האָט ער חתונה געהאַט מיט זיין ברודער׳ס אלמנה, וועלכע האָט ניט געהאַט קיין קינדער. ווען ינאי איז נאָך געווען אַ קינד, האָט ער ניט נושא חן געווען ביי זיין פאָטער יוחנן הורקנוס, וועלכער האָט דעריבער איהם ניט געוואָלט האַלטען אין זיין הויף און האָט איהם אַוועקגעשיקט זיך צו ערציהען אין גליל. דאָרטען האָט דער יונג געקראָגען אַ גוטע מיליטערישע בילדונג, אָבער ניט יענע בירגערליכע און גייסטיגע ערציהונג וועלכע איז

געווען נויטיג פאַר אַ צוקונפטיגען רעגירער און כהן גדול. דער פריחצייטיגער טויט פון זיינע צוויי ברידער האָט איהם פּלוצלינג אַוועקגעשטעלט בראש פון דער מלוכה, און דאָ האָבען זיך אַרויס־געוויזען אַלע חסרונות פון זיין ערציהונג. דער נייער מלך, וואָס איז לויט זיינע נייגונגען געווען מעהר העלענער ווי איד, האָט גע־וואוסט נאָר איין צוועק אין לעבען: אויסצוברייטען די הער־שאַפט פון יהודה איבער גאַנץ פּאַלעסטינא. באַלד ווי ער איז אַרויף אויפ'ן טראָהן, האָט ער געפּרובט איינגעהמען די שטאָדט פּטאָלאָמאַידע (עכו) ביים ים, נאָר דערמיט האָט ער אַרויסגערופען אַן אָנפאַל פון די מצרים, וועלכע האָבען זיך שוין לאַנג געגרייט צו קריגען ווידער די הערשאַפט איבער יהודה. ינאי'ן האָט זיך איינגעגעבען בלויז צו פערכאַפּען עטליכע שטעדט אויפ'ן ברעג פון ים פון איין זייט, און פון ירדן אויף דער אַנדערער זייט (96).

דעם פאָלק, וואָס איז געווען מיעד פון די פערניכטענדע מלחמות, זיינען ניט געפעלען געווען די דאָזיגע קריעגסצוגען. די איינפלוסרייכע פּאַרטיי פון זיין לאַנד, די פּרושים, האָבען ניט גע־שעצט יאַנאַי'ן, ניט אַלס קעניג און ניט אַלס כהן־גדול, ווארום ער איז געווען דער פריינד פון די אַריסטאָקראַטישע צדוקים. איין פּאָ־סירונג האָט פערשאַרפט די בעציהונגען צווישען יאַנאַי און די פּרושים. אין דעם יום־טוב סכות האָט ינאי געפּראַוועט דעם גאָטעס־דיענסט אין בית־המקדש; מען האָט איהם דערלאַנגט וואַסער אין אַ זילבערנער כלי אַרויפצוגיסען אויפ'ן מזבח, ווי עס איז גע־ווען דער מנהג, וואָס די פּרושים האָבען געהאַלטען. נאָר כדי צו־פריעדענצושטעלען די צדוקים, וועלכע האָבען ניט אַנערקענט דעם דאָזיגען מנהג, האָט דער קעניג אויסגעגאָסען דאָס וואַסער אויף דער ערד. דער עולם, וואָס איז געווען פערזאַמעלט אין בית־המקדש, איז אַזוי אויפגעבראַכט געוואָרען פון דער דאָזיגער האַנד־לונג, אַז זיי האָבען אָנגעהויבען פערוואַרפען דעם קעניג מיט אתרוגים. דער קעניג האָט בעפעהלען זיינע געדונגענע ניט־אידי־שע סאָלדאַטען זיי זאָלען איינשטילען דאָס פאָלק, און זעקס טויזענד אידען זיינען דעמאָלט גע'הרג'עט געוואָרען אין הויף פון בית־המקדש.

נאָך דער דאָזיגער געשיכטע האָט דאָס פאָלק נאָך מעהר פער־

האסט ינאי'ן. און ווען אין גיכען האט זיך דער קעניג צוריקגע־
קערט פון א נייער ניט־געלונגענער מלחמה געגען די אראבער,
האט אין ירושלים אויפגעפלאקערט אן אויפשטאנד. זעקס יאהר
(88—94) האט זיך געצויגען דער קאמפף פונ'ם פאלק מיט זיין
קעניג. אלכסנדר האט געקעמפפט געגען די מורדים מיט דער
הילף פון געדונגענעם חיל, ניט אבשטעלענדיג זיך פאר קיינע גרוי־
זאמקייטען. אין דעם דאזיגען זעקס־יעהריגען בירגער־קריעג זיינען
אומגעקומען ארום פופציג טויזענד אידען. ווען דער קעניג איז
ענדליך מיעד געווארען זיך צו ראנגלען מיט זיין אייגענעם פאלק
האט ער פארגעלעגט די פרושים א שלום ; נאר זיי האבען איהם
שארף געענטפערט : „בלויז דיין טויט קען מאכען שלום צווי־
שען אונז". אין זייער פארביטערטקייט זיינען די שונאים פון דעם
קעניג אזוי אוועק אזוי ווייט, אז זיי האבען גערופען געגען איהם אין
יהודה די סיריער, און מיט זייער הילף האבען זיי אבגעהאלטען א
נצחון. ינאי האט געמוזט אנטלויפען און זיך וואגלען אין די
בערג. אבער אין גיכען איז דעם קעניג געלונגען איינצונעהמען
איין פעסטונג, וואו א סך פרושים האבען זיך געהאט איינגעשלא־
סען, און ער האט זיך אן זיי נוקם געווען אויף א שרעקליכען אופן.
800 פרושים זיינען אויף זיין בעפעהל געקרייציגט געווארען. די
איבריגע זיינען אנטלאפען קיין סיריען און מצרים. דאס פאלק האט
ינאי'ן א נאמען געגעבען טראקיער, ד. ה. ווילדער תליון.

דערפיהלענדיג אז דער טויט איז נאהנט האט ינאי חרטה גע־
האט אויף זיינע רציחות. די פיהרונג פון דער מלוכה האט ער
איבערגעגעבען דער קעניגין שלומית־אלכסנדרה און האט איהר
געראטען שלום צו מאכען מיט די פרושים. „האב ניט קיין מורא
— האט ער איהר געזאגט — ניט פאר די פרושים, ניט פאר די
צדוקים ; האב נאר מורא פאר די צבוע'קעס, וועלכע טהוען אל־דאס
בייז און שטעלען זיך ארויס פאר עהרליכע". אלכסנדר־ינאי איז
געשטארבען אויפ'ן 27טען יאהר פון זיין קעניגען, לאזענדיג נאך
זיך אן אלמנה און צוויי זיהן.

§24. שלומית־אלכסנדרה. די פיהרונג פון דער מלוכה
האט איבערגענומען די קעניגין שלומית־אלכסנדרה אין איהרע הענד.
איהר עלטערען זוהן, דעם שוואכען און אבגעלאזענעם הורקנוס, האט

זי געמאַכט פאַר כהן־גדול; אָבער דעם קלענערען זוהן, דעם כבוד־ליעבענדען און היציגען אריסתובול, האָט זי געהאַלטען דערווייטערט פון די מלוכה־ענינים. שלומית־אלכסנדרה האָט רעגירט דאָס פאָלק מיט קלוגשאַפט און האָט געשטרעבט צו פאַרריכטען דאָס בייז, וואָס דאָס לאַנד האָט געליטען דורך דער שטירמישער הערשאַפט פאַר איהר. פאַר די צעהן יאָהר וואָס זי האָט געקעניגט האָט יהודה כמעט ניט געליטען פון אַן אָנפאַל פון דרויסען.

די קעניגין האָט צוגערופען צוריק די פרושים צו דער רעגירונג; די יעניגע פון זיי, וועלכע זיינען אין דער צייט פון אַלכסנדר ינאי אנטלאָפען אין פרעמדע לענדער, האָבען זיך אומגעקערט אין זייער פאטערלאַנד. צווישען די צוריקגעקערטע זיינען געוועזען די פיהרער פון די פרושים: דער קעניגינ'ס ברודער שמעון בן־שטח און דער געלעהרטער יהודה בן־טבאי.ביידע האָבען זיי געלעבט אין גלות אין דער צייט פון ינאי'ס גרויזאמקייטען. שמעון איז געוועזען נע־ונד אין פערשיידענע לענדער און יהודה האָט זיך בעהאַלטען אין מצרים. נאָכ'ן טויט פון איהר מאַן האָט די קעניגין צוריקגערופען קיין ירושלים איהר ברודער שמעון, און דיזער האָט אַרויסגערופען פון מצרים זיין חבר יהודה. שמעון און יהודה זיינען געוואָרען די פאָרזיצענדע (עלטסטע) פון דעם סנהדרין, און פאַר זייער צייט האָבען די פרושים ווידער געקראָגען אַן איינפלוס אויף דער רעגירונג. מעהר פון אַלץ האָבען זיי געזאָרגט איינצושטעלען געזעץ און אָרדנונג אין לאַנד. וועגען שמעון בן־שטח פלעגט מען זאָגען, אז „ער האָט אומגעקערט די תורה צו איהר אַמאָליגען גלאַנץ". ער האָט געמאַכט פאַר א חוב אויף די עלטערען צו לערנען זייערע קינדער. זאָרגענדיג וועגען די רעכט פון די פרויען, האָט שמעון אַרויסגעגעבען א געזעץ, אז דער מאַן זאָל פאַר דער חתונה געבען זיין ווייב א כתובה, אין וועלכער ער זאָל פאַר איהר בעשטימען א טייל פון זיין פאַרמעגען, אין פאַל ער שטאַרבט אָדער ער גט זיך מיט איהר. די שטרענגע קרימינעלע געזעצען, וואָס די צדוקים האָבען איינגעפיהרט אין דער פריהעריגער הערשאַפט, זיינען פאַרביטען געוואָרען אויף מילדערע געזעצען. בכלל זיינען די צדוקים בעזייטיגט געוואָרען פון דער

געזעצגעבונג און פון געריכט, און זיי זיינען געבליבען בלויז ביי די העברעע שטעלען אין דער ארמיי.

נאָך דער קעניגינ'ס צווייטער זוהן אריסתובול האָט בעשיצט די פּארטיי צדוקים. אז די קעניגין איז קראַנק געוואָרען, איז אריסתובול אין דער שטיל אוועק פון ירושלים, כדי מיט דער הילף פון צדוקי'שע ארמיי־בעאַמטע צו פערחאַפּען די מאַכט אין זיינע הענד. עס זיינען אריבער אויף זיין זייט פיעל מחנות חיל און בעפעסטיגטע שטעדט, וואו די עלטסטע זיינען געווען צדוקים. און ווען די קעניגין שלומית־אלכסנדרה איז געשטאָרבען, האָט זיך אין יהודה פאַנאַנדערגעברענט א בלוטיגער קאַמפף פאַר'ן טראָהן.

§25. דער קאַמפף צווישען הורקנוס דער 2טער און אַריסתובול דער 2טער. נאָכ'ן טויט פון שלומית האָט געראַפט ווערען קעניג איהר עלטערער זוהן, דער כהן־גדול הורקנוס דער 2טער. נאָר הורקנוס האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט אריינצוטרעטען אין דער ממשלה, ווען זיין ברודער אריסתובול האָט זיך געלאָזט מיט א חיל קיין ירושלים אָבצונעהמען ביי איהם דעם טראָהן. הורקנוס האָט ארויסגעשיקט אַן ארמיי געגען זיין ברודער. נעבען יריחו האָבען זיך די ארמייען פון ביידע ברידער בעגעגנט און עס איז פאָרגעקומען א שלאַכט. הורקנוס'עס ארמיי איז געשלאָגען געוואָרען, ווייל א גרויסער טייל פון איהר איז בעגייסטערט געוואָרען פון אריסתובול'ס העלדישקייט און איז אריבער אויף זיין זייט (67). דער דערשראָקענער הורקנוס האָט זיך פערשפּאַרט אין דער פעסטונג נעבען בית־המקדש. ווען אריסתובול איז אריינגעטראָטען אין דער הויפּט־שטאָדט האָט זיך הורקנוס אנערקענט פאַר בעזיעגט. די ברידער האָבען געשלאָסען צווישען זיך א פריעדענס־אָבמאַך, לויט וועלכען הורקנוס האָט זיך אָבגעזאָגט פון זיין קעניגליכען טיטול און האָט איבערגעלאָזען פאַר זיך (לפנים) בלויז דעם אמט פון כהן־גדול; אָבער אריסתובול איז ערקלערט געוואָרען פאַר'ן קעניג פון יהודה אונטערן נאָמען אריסתובול דער 2טער. ביידע ברידער האָבען פאַר די אויגען פון פאָלק זיך דערלאַנגט די הענד און זיך ארומגענומען. הורקנוס'ן איז אייגענטליך ניט שווער געווען זיך אָבצוזאָגען פון טראָהן, ווייל ער

האָט בטבע ליעב געהאַט א שטילעם לעבען, און איז ווענינ פעהיג געווען צו פיהרען א מלוכה.

ניט לאַנג אָבער האָט אַריסתּובול דער 2טער געקענט רוהיג קעניגען אין יהודה. אין גיכען איז די מהומה אויסגעבראָכען אויף דאָס ניי, דורך די אינטריגען פון א געוויסען מענשען. דאָס איז געווען אַנטיפּטר, וועלכער האָט געשטאַמט פון יענע אדומים, וואָס יוחנן־הורקנוס האָט אמאָל בעזיעגט און מגיר געווען פאַר אידען. אנטיפּטר איז געווען דער קאָמאַנדיר פון דעם חיל פון אדום, וואָס איז געווען אונטערטעניג צו יהודה.

ווען הורקנוס איז נאָך געווען דער קרוין־פּרינץ, האָט זיך אנטיפּטר מיט איהם בעפריינדעט און האָט געהאָפּט, אַז ווען הורקנוס, וועלכער האָט געהאַט א שוואַכען כאַראַקטער, וועט ווע־רען קעניג, וועט ער איהם מאַכען פאַר זיין נאָהנטסטען ראַטגעבער. ווען אָבער די הערשאַפט איז אַריבער צו אַריסתּובול'ן, איז די האָ־זיגע האָפנונג צורונען געוואָרען.

אנטיפּטר האָט ניט געקענט רוהען דערפון. האָט ער אָנגע־ווענדט אַלע זיינע קרעפטען ארויסצורופען אויף דאָס ניי אין הורקנוס'עם הארצען א שנאה צו זיין ברודער, וועלכער האָט צוגע־נומען ביי איהם דעם טראָהן. ער האָט איינגערעדט הורקנוס'ן אַז אריסתּובול פּלאַנעוועט איהם צו הרג'ענען און ענדליך האָט ער איהם איינגערעדט צו אַנטלויפען קיין אַראַביען, צום קעניג אַרעטעס, און מיט דער הילף פון די אַראַבער אָבצונעהמען צוריק די קעניגליכע הערשאַפט. אַרעטעס'ען האָט אַנטיפּטר פאַר דיעזער הילף צוגע־זאָגט אָבצוגעבען צוועלף שטעדט אין יהודה, און דער אַראַבישער קעניג האָט זיך געלאָזט צוזאַמען מיט הורקנוס'ן קיין ירושלים, בראש פון א חיל פון פופציג טויזענד מאַן (65).

אריסתּובול'ס חיל האָט ניט געקענט אָבשלאָגען דעם שטאַר־קען פיינד און אריסתּובול און זיינע נאָכפאָלגער האָבען זיך בעפעס־טיגט אויפ'ן הר־הבית אין ירושלים. אַרעטעס האָט זיך אריינגע־ריסען אין דער הויפּט־שטאָדט און האָט בעלאַגערט דעם הר־הבית. צו איהם זיינען צוגעשטאַנען א סך אידען, וועלכע זיינען געווען אָנ־הענגער פון הורקנוס'ן. אַזוי איז געשעהן אַז אידען האָבען געהאָל־פען בעלאַגערען זייערע אייגענע ברידער. אין דער מחנה פון די

בעלאגערער האט זיך געפונען א הייליגער מאן, מיט'ן נאמען חוניה. הורקנוס'עס נאכפאלגער האבען געפאדערט פון חוניה'ן אז ער זאל בעטען ביי גאט א מפלה אויף אריסתובול'ן און זיינע מיטהעלפער. נאר דער הייליגער מאן, וועלכער האט היים געליעבט זיין פאלק, האט זיך געשטעלט מתפלל צו זיין און האט אויסגערופען: „א, גאט, אי די בעלאגערטע, אי די בעלאגערער זיינען דיינע קינדער. טהו ניט דעריבער, דאס וואס זיי ביידע ווינשען איינע די אנדערע!". די קריעגסלייט זיינען אין כעס געווארען אויף חוניה'ן און האבען איהם פערווארפען מיט שטיינער. דערווייל איז אנגעקומען פסח, און די בעלאגערטע האבען ניט געהאט גענוג פיה אויף צו ברענגען קרבנות אין בית־המקדש, זיינען זיי געצוואונגען געווען צו קויפען פיה פאר א סך געלט ביי זייערע פיינד. יעדען טאג פלעגט זיך פון דער בית־המקדש פעסטונג אראבלאזען אויף אייזערנע קייטען א קארב מיט געלד, און דערפאר פלעגען די בעלאגערער אויף די זעלבע קייטען ארויפשיקען באראנען. נאר איינמאל האבען זיך די אראבער ערלויבט א בעליידיגענדען שפאס, און אנשטאט א באראן האבען זיי ארויפגעשיקט א חזיר; דאס האט אריסתובול'ס מענשען שטארק אויפגערעגט, און די מלחמה האט זיך צופלאקערט נאך מעהר.

**§26. דאס אנקומען פון פאמפעאוס.** אין דער צייט פון דעם דאזיגען קאמפף צווישען די חשמונאים־ברידער, האבען זיך אויף יהודה אנגערוקט די גרויזאמע חילות פון דער רוימישער רעפובליק אונטער דעם גרויסען קריעגספיהרער פאמפעאוס. די רוימישע מלוכה, וואס איהר צענטער איז געווען איטאליען, האט שוין לאנג געהאט דערגרייכט די העכסטע שטופע פון מאכט. זי האט איינגעשלונגען די געוועזענע בעזיצונגען פון גריכענלאנד און אייראפא, האט פערהאפט צפון־אפריקע און האט זיך געלאזט צו בעזיגען אויף פאדער־אזיען. די געוועזענע לענדער פון אשור, בבל און פערסיען זיינען איינס נאכ'ן אנדערען געפאלען פאר דער אלמעכטיגער רוים. ענדליך איז אונטער דער ממשלה פון די רוימער ארונטערגעפאלען אויך סיריען, וואו איבער צוויי הונדערט יאהר האט געהערשט די דינאסטיע פון די סעלייקידען. ווען פאמפעאוס האט פערענדיגט די ערא‏בערונג פון סיריען האט ער פון דמשק אוועקגעשיקט אן ארמיי אויף יהודה אונטער דער פיהרער-

שאַפט פון סקוירוס. דאַן זיינען צו סקוירוס'ען געקומען שלוחים פוןביידע קעמפּפענדע ברידער, הורקנוס און אַריסתובול, יעדער בעטענדיג שטיצע פאַר זיך. אַריסתובול האָט אָנגעבאָטען סקוירוס־ען פאַר זיין הילף די ריעזיגע סומע פון פיער טויזענד טאַלאַנטען, און הורקנוס האָט אויך געמוזט צוזאָגען אַזוי פיעל. נאָר דער רוימישער פערטרעטער האָט גערנער אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון אַריסתובול'ן, ווייל ער האָט איהם, אַלס פערטיגען קעניג, מעהר געטרויט. ער האָט בעפעהלען ארעטעס'ן תיכף ומיד אָבצוטרעטען פון ירושלים, און אויב ניט, וועט ער איהם ערקלערען פאַר אַ פיינד פון די רוימער. ארעטעס האָט ניט געוואגט זיך צו שטעלען אנט־קעגען, און האָט באַלד אָרָאָבגענומען די בעלאַגערונג. דער בעפריי־טער אַריסתובול האָט געשיקט צו פּאָמפּעאוס'ן קיין דמשק אַ פּרעכ־טיגע מתנה — אַ וויינשטאָק, קינסטלעריש אויסגעאַרבייט פון הוילע גאָלד.

אין גיכען זיינען פאַר פּאָמפּעאוס'ן אין דמשק ערשינען אַרים־תובול און הורקנוס אַליין, בעטענדיג ער זאָל ענטשיידען זייער סכסוך. יעדער פון די ברידער האָט בעוויזען זיין רעכט אויפ'ן קעניגליכען טיטעל. פּאָמפּעאוס האָט אָבגעלעגט זיין בעשלוס ביז ער וועט אָנקומען קיין יהודה. דער „קעניג פון די קעניגען“ (אַזוי האָט מען פּאָמפּעאוס'ן גערופען אין אַזיען) האָט אין אמת'ן ניט געוואָלט העלפען ניט דעם און ניט יענעם פון די אידישע הערשער, ווייל ער האָט גאָר געוואָלט אונטערטעניג מאַכען דאָס לאַנד צו רוים. דער קלוגער אַריסתובול האָט זיך אָנגעשטויסען וועגען דער דאָזיגער געפעהרליכער כונה און האָט זיך אָנגעהויבען גרייטען צו פערטיי־דיגען דאָס לאַנד, נאָר פּאָמפּעאוס האָט איהם אַרעסטירט און פער־האַלטען ביי זיין חיל.

דערווייל איז פּאָמפּעאוס'עס אַרמיי אַריינגעטראָטען אין יהודה, האָט איינגענומען עטליכע שטעדט און איז צוגעטראָטען צו ירושלים. הורקנוס'עס מענשען האָבען אַריינגעלאָזען די רוימער אין ירושלים, אָבער די בראַווע נאָכפאָלגער פון אַריסתובול'ן האָבען זיך בעפעס־טיגט אויפ'ן הר־הבית און פערטיידיגט דאָס נאַציאָנאַלע הייליגטום. דריי חדשים האָבען די רוימער זיי בעלאַגערט אָהן ערפאָלג. ענד־ליך האָט פּאָמפּעאוס געמאַכט אַ לעצטע אַטאַקע אין דעם טאָג פון שבת (אָדער יום־כפור), ווען די אידען האָבען זיך שוואַך פערטיי־

דיגט. די פעסטונג אויפ׳ן הר־הבית איז געפאלען; די רוימער האבען זיך אריינגעריסען אינוועניג און זיינען אריין אין בית־המקדש. גראד דעמאלט איז אין בית־המקדש פארגעקומען דאס יום־טוב׳דיגע גאטעס־דיענסט, אבער די כהנים האבען ניט איבערגעריסען די תפלה און האבען רוהיג ערווארטעט דעם טויט. פאמפעאוס איז, ציטערענדיג, אריין אין די אינוועניגסטע חדרים פון בית־המקדש און האט זיך פערוואונדערט, ניט געפינענדיג דארט קיין איינציג בילד פון גאט. ער האט אבער גארנישט אנגעריהרט אין דעם הייליגען הויז.

פאמפעאוס האט ערקלערט יהודה פאר א רוימישער פראווינץ (אין יאהר 63). הורקנוס׳ן האט ער געגעבען דעם נאמען עטנארך (פארשטעהער פון פאלק) און כהן־גדול, אבער ער האט איהם ניט ערלויבט זיך אנצורופען קעניג. דער אדומישער אנטיפטר איז בעשטימט געווארען פאר׳ן עלטסטען איבער הורקנוס׳ן. אבער ארים־תובול׳ן מיט זיינע קינדער האט ער גענומען געפאנגען און האט זיי אוועקגעפיהרט מיט זיך קיין רוים. אויף אזא אופן איז יהודה, נאך קארגע הונדערט יאהר פון זעלבסטשטענדיגקייט, ווידער אונטערגעפאלען אונטער דער הערשאפט פון פרעמדע, צוליעב די אינוועניגסטע סכסוכים צווישען די מיטגליעדער פון דעם קעניגליכען הויז. די ערשטע חשמונאים האבען מיט זייער העלדישקייט גערעטעט די פרייהייט פון יהודה, און די לעצטע חשמונאים האבען מיט זייערע מחלוקת׳ן פערניכטעט די דאזיגע פרייהייט.

§27. הורדוס און אנטיגנוס דער 2טער. פאמפעאוס, וועלכער האט בעזיעגט יהודה, איז געוועזען פון די דריי קריעגספיהרער וועלכע האבען אין יענער צייט צוטיילט צווישען זיך די הערשאפט פון דער רוימישער רעפובליק. אויסער פאמפעאוס׳ן זיינען די איבעריגע צוויי פון דעם בונד (טריומוויראט) געוועזען דער גרויסער קריעגספיהרער יוליוס צעזאר און קראסוס. ווען זיי האבען צוטיילט צווישען זיך די רוימישע פראווינצען איז סיריען און יהודה אנגעקומען אויפ׳ן חלק פון קראסוס. זייענדיג דורשטיג נאך געלד, איז קראסוס אריינגעטראטען אין ירושלים און האט ארויסגעפיהרט פון בית־המקדש א סך אוצרות; נאר אין גיכען, אין דער צייט פון זיין מארש אויף פארטיען, איז קראסוס אומגעקומען, און די אידען

האָבען דערין געזעהן גאָט'ס שטראָף פאַר דער בערויבונג פון זייער הייליגטום. צווישען די איבעריגע צוויי פון דעם טריומוויראַט, פּאָמפּעאוס און צעזאַר, האָט זיך צופלאַקערט אַ בלוטיגער קאַמפּף פאַר דער הערשאַפט, און דער זיעגער איז ענדליך אַרויסגעקומען צעזאַר, וועלכער איז געוואָרען דער זעלבסטהערשער פון דער רוימי־שער רעפּובליק. אין דער צייט פון דער דאָזיגער מלחמה איז אין רוים אָנגעקומען דער אַרונטערגעזעצטער קעניג אַריסתובול דער 2־טער. צעזאַר האָט איהם געהאַט בעפרייט פון געפאַנגענשאַפט און האָט איהם געגעבען אַ לעגיאָן סאָלדאַטען ער זאָל זיך שלאָגען געגען פּאָמפּעאוס'ן. אָבער די פריינד פון פּאָמפּעאוס'ן האָבען זיך דערוואוסט דערפון און האָבען אָבגע'סמ'ט אַריסתובול'ן איידער ער איז אַוועק מיט זיין חיל.

אין יענער צייט האָט אין דעם נאָמען פון דעם שוואַכען הורקנוס'ן רעגירט אין יהודה זיין פּראָטעקטאָר אַנטיפּטער, וועלכער איז בעשטימט געוואָרען צו דיזען אמט פון פּאָמפּעאוס'ן. נאָכ'ן אונטערגאַנג פון פּאָמפּעאוס'ן און דעם זיעג פון צעזאַר'ן, האָט דער כיטרער אַנטיפּטער אויסגעדריקט צעזאַר'ן פולע אונטערטעניגקייט און האָט איהם געהאָלפען אין זיינע אַזיאַטישע מלחמות. דערפאַר האָט יוליוס צעזאַר געמאַכט אַנטיפּטר'ן פאַר זיין פערטרעטער אין יהודה און הורקנוס'ן האָט ער איבערגעלאָזט די פריהערדיגע טי־טלען עטנאַרך און כהן־גדול (47). די וויכטיגסטע שטעלען אין דער מלוכה האָט אַנטיפּטר צוטיילט צווישען זיינע זיהן און קרובים. זיין עלטערן זוהן פּזאל'ן האָט ער געמאַכט פאַר'ן הויפּט איבער ירושלים, און זיין אינגערען זוהן הורדוס'ן האָט ער איבערגעגעבען צו פערוואַלטען די צפון־פּראָווינץ גליל. דעם דאָזיגען הורדוס'ן איז שפּעטער בעשערט געווען צו ווערען קעניג פון יהודה.

הורדוס איז געווען אַ מענש מיט אַן אונטערנעהמערישען גייסט, אַ כיטרער און האָט ליעב געהאַט צו הערשען. פון זיין יוגענד־אָן האָט ער געשטרעבט צו מאַכט, און כדי צו דערגרייכען דיזען ציעל פלעגט ער זיך ניט אָבשטעלען פאַר די ערגסטע מיט־לען. די ליעבע צום אידישען פאָלק איז געווען פרעמד דיזען זוהן פון אַן אדומי; ער האָט אין אַלץ געזוכט נאָר זיינע אייגענע נוצען. כדי געפעהלען צו ווערען די רוימער. האָט הורדוס אַליין געלאָזט

טויטען אין גליל א אידישען פאטריאָט מיט'ן נאָמען חזקיהו און זיינע חברים, וועלכע האָבען אויפגעהויבען צווישען די דאָרטיגע אדען אַן אויפשטאנד געגען די רוימער און האָבען געקעמפפט פאר דער פרייהייט פון זייער פאטערלאנד. די אידען האָט שטארק פערדראָסען וואָס הורדוס האָט אליין מיט זיין אייגענעם ווילען בעשטראָפט די דאָזיגע פאטריאָטען, ווי פשוט'ע רויבער, און האָט זיי ניט פערקלאָגט פאר'ן סנהדרין, ווי דאָס האָט געפאָדערט דאָס געזעץ. דער סנהדרין האָט דעריבער הורדוס'ן אויפגעפאָדערט צום משפט. הורדוס איז געקומען, אָבער ניט ווי אַן אָנגעקלאָגטער, נאָר ווי א זיעגער, בעגלייט פון א מיליטערישער וואך. די מיטגליעדער פון סנהדרין האָבען מורא געהאט איהם צו פער'משפט'ן. דעמאָלט האָט זיך אויפגעהויבען שמעיה הזקן, דער אב־בית־דין, און האָט אויסגערופען: „זייט וויסען, אז עס וועט קומען א טאָג, ווען דער יעניגער וועמען איהר האָט יעצט מורא צו פערארורטיילען, וועט אייך אליין פער'משפט'ן צום טויט". אין דער צייט וואָס הורקנוס און דער סנהדרין האָבען זיך געקווייקעלט, איז הורדוס דערווייל אנטלאָפען קיין סיריען אונטער דעם שוץ פון די רוימער. מיט זייער הילף האָט הורדוס נאָך זיין פאָטער'ס טויט אריינגעכאפט די אויבערהערשאפט אין זיינע הענד, און האָט אינגאנצען אונטער־טעניג געמאכט צו זיך דעם שוואכען הורקנוס'ן. ער האָט חתונה געהאט מיט הורקנוס'עס אן אייניקעל, האָפענדיג אז דורך דעם שדוך מיט דער חשמונאים־פאמיליע וועט ער דערגרייכען צו דער קעניגליכער הערשאפט. צו דעם דאָזיגען געווינשטען ציעל זיינעם איז הורדוס געגאנגען מיט פעסטע טריט און דאָס גליק האָט איהם צוגעשפיעלט. ווען יוליוס צעזאר איז גע'הרג'עט געוואָרען אין רוים, און הערשער איבער'ן מזרח איז געוואָרען דער רוימישער קריעגספיהרער אַנטאָניוס, האָט הורדוס מיט חניפה און כיטרעקייט אריבערגעצויגען אַנטאָניוס'ן אויף זיין זייט. אנטאָניוס האָט בע־שטימט הורדוס'ן און זיין ברודער פּזאל'ן פאר פערוואלטער איבער יהודה מיט די רעכט פון רוימישע שטעל־פערטרעטער (41).

א בעדייטענדער טייל פון אידישען פאָלק איז געווען שטארק אויפגעבראכט דערפון, וואָס די זיהן פון דעם אדומי אַנטיפּטר זיי־נען בעשטימט געוואָרען צו זיין די הערשער פון יהודה, לויט דעם

ווילען פון די רוימער. די אונצופרידענע האָבען געוואָלט ארויפ־זעצען אויפ'ן טראָהן דעם יונגען אנטיגנוס'ן, דעם זוהן פון אריס־תובול'ן דעם 2טען, וועלכער איז געשטאָרבען אין רוים. פאר דעם צוועק זיינען זיי אריינגעטראָטען אין א בונד מיט די פיהרער פון די פארטיער, א שטארקער שבט פון פערסיען, וועלכער האָט אין יענער צייט געמאכט אן אויפשטאנד געגען דער רוימישער הער־שאפט. די פארטיער צוזאמען מיט אנטיגנוס'עס נאָכפאָלגער האָ־בען פערכאפט ירושלים, האָבען גענומען געפאנגען דעם געוועזענעם קעניג הורקנוס דער 2טער, און פזאל'ן, און הורדוס'ן האָבען זיי געצוואונגען צו אנטלויפען. פזאל, פאראויסזעהענדיג זיין סוף, האָט זיך אליין גענומען דאָס לעבען; הורקנוס'ן האָט מען אוועק־געפיהרט געפאנגען קיין פארטיען, און דערביי האָט מען איהם, אויפ'ן בעפעהל פון זיין פלימעניק אנטיגנוס, אָבגעשניטען די אויערען, כדי ער זאָל מעהר ניט טאָרען זיין קיין כהן־גדול. (נאָכ'ן דין האָט א בעל־מום ניט געטאָרט זיין קיין כהן־גדול.) אריסטו־בול'ס זוהן איז געוואָרען קעניג פון יהודה אונטערן נאָמען אנטיג־נוס דער 2טער (40).

פיער יאָהר האָט געדויערט דאָס דאָזיגע קעניגען. אנטיגנוס דער 2טער האָט ניט געקענט פערפעסטיגען זיין הערשאפט אויף א לענגערע צייט. בשעת ער האָט רוהיג געקעניגט אין יהודה, האָט הורדוס, וועלכער איז אנטלאָפען פון דאָרטען קיין רוים, צוגעגרייט פאר איהם א מפלה. אין רוים האָט מען בעטראכט אנטיגנוס'ן פאר א מורד במלכות, וועלכער האָט אָבגענומען די מאכט ביי יענע הערשער, וואָס אנטאניוס האָט בעשטימט. דעריבער האָט דער רוימישער סענאט בעשלאָסען אָבצונעהמען ביי אנטיגנוס'ן די מאכט און ערקלערען הורדוס'ן פאר'ן מלך פון יהודה. דעמאָלט האָט הור־דוס, מיט דער הילף פון רוימישען מילטער זיך אריינגעריסען אין יהודה און ארומגערינגעלט ירושלים. נאָך א בעלאגערונג פון דריי חדשים איז ירושלים גענומען געוואָרען מיט שטורם און די רוימער האָבען דאָרט געמאכט א שרעקליכע שחיטה. אנטיגנוס'ן אליין האָט מען געחאפט. ווען מען האָט איהם געבראכט פאר'ן רוימי־שען קאָמאנדיר האָט זיך דער געפאנגענער קעניג צואוויינט. דער־פאר האָבען די רוימער איהם פערעכטליך אנגערופען מיט'ן נאָמען

„אנטיגאנא“ אנשטאט אנטיגנוס. לויט דער פאָדערונג פון הור־רוס׳ן האָט מען אנטיגנוס׳ן הינגעריכטעט (37).

אין מיטען פון אָט אזא שרעקליכער בלוט־פערגיסונג איז ארויף אויפ׳ן אידישען טראָהן הורדוס, אן אָבגעשטאמטער פון די אדומים, דער ליעבלינג פון די רוימער, אָבער א פערהאסטער פון אידישען פאָלק.

---

## פיערטער קאפיטעל.

# קעניג הורדוס דער 1טער און זיינע נאָכפאָלגער.

(37 פאר קריסט. צייטר. און 6 נאָך קריסטל. צייטר.)

§28. **הורדוס׳עס גרויזאמע מעשים.** נאָכדעם ווי הור־דוס האָט מיט דער הילף פון די רוימער פערכאפט דעם אידישען טראָהן, האָט ער אָנגעהויבען ביטער זיך נוקם צו זיין אָן די נאָכ־פאָלגער פון אנטיגנוס׳ן און פון דער חשמונאים־דינאסטיע. א סך האָט ער פארטריבען פון יהודה און צוגענומען זייער אייגענטום. צווישען די פארטריבענע זיינען געוועזן מיטגליעדער פון סנהדרין און זעהר חשוב׳ע לייט. פיהלענדיג אז די אידען האָבען איהם ניט ליעב, האָט זיך הורדוס ארומגערינגעלט מיט גריכען און רוימער, און האָט זיי איבערגעגעבען די וויכטיגסטע שטעלען אין דער מלוכה.

מעהר פון אלץ האָט זיך הורדוס געשראָקען פאר די פערבלי־בענע מיטגליעדער פון דער חשמונאים־דינאסטיע, אז זיי זאָלען ביי איהם ניט ארויסרייסען צוריק די קעניגליכע מאכט. פון דער חשמונאים־דינאסטיע האָבען דעמאָלט געלעבט : דער געוועזענער קעניג און כהן גדול הורקנוס דער 2טער, זיין טאָכטער אלכסנדרה און איהרע קינדער מרים און אריסתובול דער 3טער. מיט מרים׳ען האָט הורדוס חתונה געהאט נאָך איידער ער איז ארויף אויפ׳ן טראָהן, ווייל ער האָט געוואָלט ווערען אן אייגענער פון דער קע־ניגליכער פאמיליע דורך דעם שידוך. מרים׳ס זיידע הורקנוס דער 2טער, האָט זיך אומגעקערט פון געפאנגענשאפט אין פארטיען.

הורדוס האָט איהם כלומרשט אויפגענומען פריינדליך, נאָר אין דער שטיל האָט ער געהייסען האַלטען אויף איהם אַן אויג. הורקנוס האָט ניט געקענט ווייעדער ווערען כהן־גדול, ווארום זיינע אויערען זיינען איהם געווען מיט אַ מום, האָט הורדוס געמוזט בעשטימען פאַר כהן גדול זיין איינִיקעל, דעם 17 יאָהריגען אריסטובול דעם 3טען. דאָס פאָלק האָט שטאַרק ליעב געהאַט דיזען שעהנעם און איידעלען יונג. סכות ווען אריסתובול האָט צום ערשטען מאָל געפּראַוועט גאָטעסדיענסט אין בית־המקדש, אָנגעטהאָן אין די פּרעכטיגע קליידער פון כהן גדול, האָבען די פערזאַמעלטע איהם בעגריסט מיט פרייד.

דיזע ליעבע פון פאָלק צו אריסתובול'ן האָט הורדוס'ן געקרענקט און געשראָקען; אין דעם יונגען כהן־גדול פון דער חשמונאים־פאַמיליע האָט דער קעניג געזעהן אַ געפעהרליכען געגנער פאַר זיך, וועלכער קען מיט דער צייט אָבנעהמען ביי איהם די קרוין. האָט הורדוס בעשלאָסען ביי זיך אומצוברענגען אריסתובול'ן. פאַר דיזען צוועק האָט ער איהם איינגעלאַדען קיין יריחו צו די פעסטליכקייטען און מאָלצייטען, וואָס ער האָט דאָרט געמאכט (35). דאָ האָט אריסתובול, באָדענדיג זיך איינמאָל אין קעניגליכען טייכעל צוזאַמען מיט אַנדערע יונגען פון הויף, זיך דערטרונקען אַזוי ווי דורך אַ סבה. אין אמת'ן אָבער האָבען איהם דערטרונקען הורדוס'עס דיענער אויף אַ געהיימען בעפעהל פון דעם קעניג. דאָס פאָלק האָט זיך אָנגעשטויסען ווער עס איז שולדיג אין דעם דאָזיגען פּלוצלינגען טויט, אָבער קיינער האָט ניט געוואָגט איהם אָנצורופען מיט'ן נאָמען. די קעניגין מרים איז שטאַרק צוטרייסעלט געוואָרען פון דעם טויט פון איהר געליעבטען ברודער, און האָט פון דעמאָלט אָן דערפיהלט אַ טיעפע פעראַכטונג צו איהר מאַן.

§29. מרים'ס טויט. אלכסנדרה, די מוטער פון אריסתובול דעם 3טען, האָט מודיע געווען דעם רוימישען הערשער אַנטאָניוס וועגען דער ערמאָרדונג פון איהר זוהן און האָט געבעטען ער זאָל אויספאָרשען די זאַך. אנטאָניוס, וועלכער האָט זיך דעמאָלט געפונען אין סיריען, האָט אַרויסגערופען הורדוס'ן צו זיך אויף אַן ערקלערונג. הורדוס האָט פאַר מורא געפאָלגט און איז גע־

גאנגען. פאַר זיין אוועקפאָהר האָט ער איבערגעגעבען די השגחה איבער'ן הויף צו יוספ'ן, זיין שוועסטער שלומית'עס מאַן, און האָט איהם בשתיקה אָנגעזאָגט, אז אויב ער, הורדוס, וועט זיך ניט צו־ריקקערען קיין יהודה, זאָל ער טויטען די קעניגין מרים. דעם דאָזיגען שרעקליכען בעפעהל ערקלערט מען דערמיט, וואָס דער קע־ניג, וועלכער האָט שטארק ליעב געהאט זיין שעהנע פרוי, האָט ניט געוואָלט אז נאָך זיין טויט זאָל זי חתונה האָבען מיט אַן אַנ־דערען. אין דער צייט ווען הורדוס איז געווען אוועק האָט זיך אין ירושלים פארשפרייט אַ פאַלשער קלאַנג, אז אַנטאָניוס האָט איהם געלאָזט טויטען. אין הויף איז געוואָרען אַ טומעל. די קעניגין מרים און איהר מוטער האָבען זיך געגרייט צו אַנטלויפען פון דער הויפּטשטאָדט. יוסף האָט אויף זיי רחמנות געהאט און האָט אפילו אויסגעזאָגט דער קעניגין וואָס הורדוס האָט איהם אין געהיים בע־פעהלען וועגען איהר. דערווייל איז הורדוס'ן געלונגען צו דערוועק־קען ביי אַנטאָניוס'ן רחמנות צו זיך און ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין ירושלים גאַנץ. די קעניגין האָט איהם ניט בעגעגענט מיט פרייד, נאָר מיט שנאה, און הורדוס האָט פערשטאַנען אז יוסף האָט איהר אויסגעזאָגט דעם שרעקליכען סוד. הורדוס'עס בייזע שוועס־טער שלומית האָט פאַר'מסר'ט מרים'ן פאַר איהר ברודער, בעשול־דיגענדיג זי אַז זי איז צו שטארק בעפריינדעט מיט יוספ'ן. דער אויפגערייצטער הורדוס האָט געהייסען אָבהאַקען יוספ'ן דעם קאָפּ.

נאָכדעם האָט הורדוס'ן אָנגעהויבען צו שרעקען אַ נייע גע־פאַהר. די הערשער פון רוים, אַנטאָניוס און אָקטאַוויאַנוס אויגוס־טוס האָבען געפיהרט מלחמה צווישען זיך פאַר דער אויבערהער־שאַפט. אין דער בעריהמטער שלאַכט ביי אקציום (31), האָט אוי־גוסטוס צושלאָגען אַנטאָניוס'ן און איז געוואָרען דער איינציגער זעלבסט־הערשער פון דער רוימישער אימפּעריע, און האָט אָנגע־נומען דעם טיטעל אימפּעראַטאָר. הורדוס, וועלכער האָט אומגע־ריכט פערלאָרען זיין בעשיצער אַנטאָניוס'ן, האָט געמוזט באַלד זיך ווענדען צו אויגוסטוס'ן אויסצובעטען ביי איהם אַ בעשטעטיגונג אויף זיין קעניגליכען אמט. פאַר'ן אוועקפאָהר האָט דער גרויזאַ־מער הורדוס געהייסען הרג'ענען דעם אַלטען הורקנוס דעם 2טען, כדי עס זאָל ניט איינפאַלען די רוימער אַרויפצוזעצען אויפ'ן טראָהן

דיעזען לעצטען מענליכען פאָרשטעהער פון דער חשמונאים־פאַ־מיליע. די קעניגין מרים און איהר מוטער האָט ער געהייסען פער־שפאַרען אין א פעסטונג און האָט וויעדער אין דער שטיל בע־פעהלען דעם אויפזעהער פון דער פעסטונג צו טויטען ביידע פרויען אויב עס וועט מיט איהם טרעפען אַן אומגליק און ער וועט זיך ניט אומקערען צוריק קיין ירושלים. דערנאָך איז הורדוס ערשינען אין רהאדוס פאַר׳ן אימפעראטאָר אויגוסטוס ווי אַן אונטערטע־ניגער בעטלער, און האָט אנידערגעלעגט פאַר איהם זיין קעניגליכע קרוין. דיזע אונטערטעניגקייט איז געפעלען געוואָרען אויגוסטוס׳ן, ער האָט בעשטעטיגט הורדוס׳ען אין זיין קעניגליכען אמט, און האָט איהם אפילו געשענקט עטליכע גרעניץ שטעדט וואָס פּאמפּעאוס האָט אמאָל אָבגעריסען פון יהודה.

ווען הורדוס האָט זיך מיט טריאומף אומגעקערט קיין יהודה האָט ער ניט בעגעגענט קיין פרעהליכען קבלת־פּנים, ניט פון פאָלק און ניט פון זיין אייגענער פאמילע. מרים, דערוויסענדיג זיך פון זיין נייעם מערדערישען בעפעהל, האָט זיך אינגאַנצען אָבגעקערט פון איהר מאַן. דאָ האָט די גיפטיגע שלומית זיך וויעדער אריינגע־מישט, און, ווערלענדיג אומברענגען די קעניגין, האָט זי זיך ענט־שלאָסען אויף א שרעקליכער מסירה: זי האָט געזאָגט הורדוס׳ן אַז מרים האָט געוואָלט אריינטהאָן סם אין זיין וויין. דער צורוייצ־טער הורדוס האָט געהייסען איבערגעבען מרים׳ן צום בית־דין אויף דער בעשולדיגונג, אַז זי איז ניט געווען געטריי צו איהר מאַן און האָט איהם געוואָלט טויטען. דאָס געריכט וואָס איז בעשטאַ־נען פון קעניג׳ס פריינד, האָט פער׳משפט די אונשולדיגע מרים צום טויט. די נאָבעלע קעניגין האָט אויפגענומען איהר טויט רוהיג, ניט אַרויסווייזענדיג קיין שרעק און קיין ווייבליכע שוואכקייט (29).

§30. הורדוס׳עס נייע איינפיהרונגען. נאָך מרים׳ס טויט האָט הורדוס׳ן אָנגעהויבען צו פּלאָגען זיין געוויסען. ער האָט ביטער חרטה געהאט וואָס ער האָט געלאָזט אומברענגען זיין וואונ־דער־שעהנע פרוי, וועלכע ער האָט אַזוי שטארק געליעבט. דער קעניג איז אריינגעפאַלען אין אַ שווערער מרה־שחורה, וועלכע פלעגט צייטענווייז אריבערגעהן אין משוגעת. איינמאָל, אין אַזאַ אָנפאַל פון משוגעת, האָט ער בעפעהלען צו טויטען אלע ריכטער, וועלכע

האָבען פאַר'משפט מרים'ן צום טויט. פון די דאָזיגע שרעקליכע גייסטיגע ליידען איז דער קעניג געפעהרליך קראַנק געוואָרען; אָבער ווען ער האָט זיך אביסעל ערהאָלט האָט ער ווידער גענומען זוכען קרבנות צו שטילען זיין ווילדקייט. אזוי זיינען אומגעבראַכט געוואָרען הורדוס'עס שוויגער אלכסנדרה, די ווייטערע קרובים פון די חשמונאים, און אייניגע מיטגליעדער פון בעוואוסטע אידישע משפחות.

זיינע גייסטיגע ליידען און חרטה־געפיהלען האָט הורדוס געזוכט צו פארטויבען דורך פיעל ארבייט. ער האָט געלאָזט בויען גרויסארטיגע געביידען אין דער הויפטשטאָדט און אין דער פראָווינץ, האָט איינגעפיהרט רוימישע עפענטליכע שפּיעלען און פאַרשטעלונגען, און האָט בכלל געוואָלט צוגעוועהנען די אידען צום רוימישען אַרט לעבען. אין ירושלים האָט ער אויסגעבויט אָ פּרעכטיגען טהעאַטער און הינטערן שטאָדט — אַ צירק, וואו עס פלעגען פאָרקומען עפענטליכע שפּיעלען. די הייליגע שטאָדט איז געוואָרען פול מיט גלאַדיאַטאָרען און רייטער, אקטיאָרען און מוזיקאַנטען; אויף די אָפענע פּלעצער פלעגען פאָרקומען פערשיידענע ראַנגלערייען, און איבערהויפּט געשלעגען פון גלאַדיאַטאָרען מיט ווילדע חיות. מיט די דאָזיגע נייע איינפיהרונגען האָט הורדוס שטאַרק אויסגענומען ביי די רוימער, אָבער ער האָט ארויסגערופען צו זיך אַ האַס ביי די פרומע אידען, וועלכע האָבען מיט פעראַכטונג געקוקט אויף די דאָזיגע היידנישע גאַנגען. צווישען דיזע קנאים האָבען זיך געפונען צעהן מוטיגע לייט, וועלכע האָבען געמאַכט אַ פאַרשווערונג געגען הורדוס'ען, און האָבען בעשלאָסען צו טויטען איהם אין טהעאַטער; אָבער די פאַרשווערונג איז דורך אַ מסירה ענטדעקט געוואָרען, און די פאַרשווערער האָבען בעצאָהלט מיט זייערע לעבענס. פון דעמאָלט אָן האָט זיך דער קעניג אָנגעהויבען צו ווייזען אין די גאַסען ניט אַנדערש ווי בעגלייט פון אַ לייבוואַך פון גאַלען, טהראַציער און גערמאַנען.

נאָכמאַכענדיג דעם רוימישען אימפּעראַטאָר אויגוסטוס, האָט הורדוס מעהר פון אַלץ געזאָרגט וועגען דעם אויסערליכען גלאַנץ פון דער מלוכה.

ער האָט אויסגעבויט עטליכע שעהנע שטעדט אויף די גרע־

ניצען פון יהודה אויפ׳ן ברעג פון מיטלענדישען ים, ניט ווייט פון יפו האָט זיך בעוויזען די שטאָדט קסריה (צעזארעיא), וועלכע איז געווען בעזעצט מעהרסטענס מיט גריכען און רוימער. דאָס אַלטע שמרון האָט הורדוס א נאָמען געגעבען סעבאסטע און האָט זי פער־שעהנערט מיט טעמפּלען און דענקמעלער. א ריעזיגע סומע געלד האָט ער אויסגעבראכט אויף אויסבויען א נייעם קעניגליכען פּאַלאַץ אין ירושלים. וועלענדיג וויפיעל ניט איז צופריערען שטעלען דאָס אידישע פאָלק האָט דער קעניג גענומען איבערבויען דעם בית־המקדש, וועלכער איז שוין געווען זעהר אַלט און צו ענג. דער קעניג האָט בעפעהלען אַז דער בית־המקדש זאָל איבערגעבויט ווערען לויט דעם פּלאַן וואָס עס וועלען אָנווייזען די כהנים און די פּרושים. די ארבייט פון איבערבויען דעם בית־המקדש האָט געדויערט אי־בער צעהן יאָהר. דער בענייטער בית־המקדש האָט אַלעמען אי־בערראשט מיט זיין פּראַכט. א סך חדרים זיינען געווען געבויט פון מירמעלשטיין, און די ווענט בעדעקט מיט גאָלד. אין שעהנ־קייט און אויסשטאַטונג איז דער נייער בית־המקדש ניט אָבגעג־שטאַנען אַפילו פון שלמה׳ס בית־המקדש. פאַר דאָס זיינען די אידען גרייט געווען פיעלעס מוחל צו זיין הורדוס׳ן; אָבער מיט די אַנדערע מעשים זיינע האָט דער קעניג אַלץ שטאַרקער אויפ־גערייצט דאָס פאָלק געגען זיך. ער האָט, צום ביישפּיעל, אוועק־געשטעלט ביים אריינגאַנג פון בית־המקדש דעם רוימישען הערב — א גאָלדענעם אדלער, און האָט דערמיט בעליידיגט דאָס נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע געפיהל פון די אידען. גרויס אונצופריעדענהייט האָט אויך ארויסגערופען דעם קעניג׳ס אויפפיהרונג ביים בע־שטימען א כהן־גדול. הורדוס פלעג בעשטימען פאַר כהנים־גדולים זיינע פריינד, וועלכע זיינען דאָס רוב ניט ראוי געווען פאַר דיזען הייליגען אמט. ער פלעגט זיי אַזוי אָפט בייטען לויט זיין קאפּריז, אַז דאָס פאָלק האָט אינגאַנצען פערלאָרען די אכטונג צום הויכען אמט פון כהן־גדול.

§31. הורדוס׳עס לעצטע יאָהרען. די לעצטע יאָהרען פון הורדוס׳עס קעניגען האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט נייע רציחות. הורדוס האָט געהאַט א סך קינדער פון פערשיידענע ווייבער. פון מרים׳ן האָט ער געהאַט צוויי זיהן, אַלכסנדר און אריסתובול, וועל־

כע זיינען געווען גערְאטען אין זייער מוטער אין שעהנקייט און איי־דעלקייט. די יונגע פרינצען האָבען געקראָגען א גלענצענדע וועלט־ליכע ערציהונג אין הויף פון דעם רוימישען אימפּעראטאָר אויגוס־טוס. ווען זיי האָבען זיך אומגעקערט קיין ירושלים האָט זיי דאָס פאָלק בעגעגענט מיט פרייד, אלס אמת'ע יורשים פון דער קרוין. אָבער זיי האָבען געהאט א געפעהרליכען געגנער. הורדוס'עס ערש־טער זוהן פון זיין ערשטער אדומי'שער פרוי, אַנטיפּטר, האָט גע־האלטען זיך פאר'ן געזעצליכען טראָהנפאָלגער און האָט שטארק געהאסט זיינע ברידער אריסתובול און אלכסנדר, וועלכע זיינע גע־ווען די ליעבלינגען פון פאָלק. אנטיפּטר האָט זיך צונויפגערעדט מיט דעם קעניג'ס שוועסטער, די גרויזאמע שלומית, און זיי האָ־בען צוזאמען אָנגעהויבען זוכען דעם טויט פון מרים'ס זיהן. שלומית און אנטיפּטר האָבען איינגערעדט דעם קעניג אז די צוויי פרינצען טראכטען איהם צו טויטען, כדי צו נעהמען נקמה פאר'ן טויט פון זייער מוטער. דער פערדעכטיגער הורדוס האָט געגלויבט דיזען געמיינעם ליגען און האָט בעשטימט א גריכט צו משפּט'ן זיינע צוויי זיהן. אין געריכט איז ער אליין ארויסגעטראָטען אלס בעשולדיגער פון זיינע צוויי קינדער. די ריכטער האָבען ארויסגע־טראָגען א טויט־אורטייל אויף די אָנגעקלאָגטע. אלכסנדר'ן און אריסתובול'ן האָט געטראָפען דער זעלבער שיקזאל וואָס זייער מו־טער: זיי זיינען געטויט געוואָרען אין סעבאסטע (7 יאָהר פאר קריסטל. צייטר.)

צו זיין גרויס פרייד איז דער שרעקליכער אנטיפּטר בעשטימט געוואָרען אלס דער יורש פון טראָהן; אָבער ניט לאנג האָט גע־דויערט זיין פרייד. אין ירושלים איז ענטדעקט געוואָרען א פער־שווערונג אין הויף צו פאר'סמ'ען הורדוס'ן. די פערשווערונג איז געמאַכט געוואָרען כדי אנטיפּטר זאָל שנעלער ווערען הערשער; עס האָט זיך ארויסגעוויזען אז אנטיפּטר אליין האָט געהאט א האנד אין דער דאָזיגער פארשווערונג געגען זיין פאָטער. אנטיפּטר איז פאר'משפּט געוואָרען צום טויט; אָבער הורדוס האָט זיך ניט געהיילט אויסצופיהרען דעם טויט־אורטייל, און האָט נאָר געהאל־טען דעם פערברעכערישען זוהן אין געפענגניס.

די אלע צרות האָבען איינגאנצען אונטערגעגראָבען הורדוס'עס

געזונד. א שווערע קראַנקהייט האָט צוגעשמידט דעם קעניג צום בעט. איינמאָל האָט זיך אין ירושלים פערשפרייט א פאַלשער קלאַנג, אז דער קעניג איז געשטאָרבען. האָבען צוויי מוטיגע פּרושים, יהודה און מתתיהו, זיך א לאָז געטהאָן מיט א מחנה פון זייערע תּלמידים צום בית־המקדש און האָבען פערניכטעט דעם גאָלדענעם רוימישען אָדלער, וואָס הורדוס האָט דאָרט אװעקגע־שטעלט, און וואָס דאָס פאָלק האָט שטאַרק געהאַסט. ניט קוקענ־דיג אויף זיין שווערער קראַנקהייט, האָט הורדוס בעפעהלען צו כאַפּען די מורדים און זיי ברענגען צו׳ איהם, און מען האָט זיי פערברענט לעבעדיגערהייט.

פינף טעג פאַר זיין טויט האָט הורדוס בעפעהלען צו היג־ריכטען זיין זוהן אנטיפּטר, ווייל ער האָט זיך דערוואוסט, אז יענער האָט געפּרובט אונטערקויפען די וואך און אנטלויפען פון געפענג־ניס. מען דערצעהלט אז ווען אויגוסטוס האָט זיך דערוואוסט װע־גען דעם טויט פון הורדוס׳עס דריטען זוהן, האָט ער אויסגערופען: „עס איז שוין בעסער צו זיין דעם אידישען קעניג׳ס א חזיר איידער א זוהן!“ (אָן אָנצוהערעניש דערויף וואָס אידען עסען ניט קיין חזיר־פלייש).

די מסורה דערצעהלט, אז פאַר׳ן טויט האָט הורדוס פערזאַגט מען זאָל פערנאַרען די חשוב׳סטע אידישע בירגער אין דעם צירק פון יריחו און זיי אַלעמען דאָרט הרג׳ענען אין דעם טאָג פון זיין טויט, כדי דאָס פאָלק זאָל זיי בעוויינען און דערווייל וועט עס זיך ניט קענען פרעהען וואָס ער איז פּטור געוואָרען פון דעם טי־ראַן.

הורדוס איז געשטאָרבען נאָך א שטירמישען קעניגען פון 33 יאָהר (4 יאָהר פאַר דער ק. צ.) דאָס אידישע פאָלק האָט איהם מיט פעראַכטונג גערופען „אדומי“ און „האַלבער איד“, אָבער די רוימער האָבען איהם אָנגערופען „הורדוס דער גרויסער“.

§32. אַרכילוס; אינוועניגסטע מהומות. פאַר׳ן טויט האָט הורדוס צוטיילט דאָס אידישע לאַנד צווישען זיינע דריי זיהן: ארכילוס, הורדוס־אנטיפּאַס און פיליפּוס. איידער זיי האָבען אי־בערגענומען די הערשאַפט, האָבען די יורשים געדאַרפט קריגען די צושטימונג פון דעם רוימישען אימפּעראַטאָר. נאָך זיבען טעג

טרויער איז דער הויפט־יורש ארכילוס געקומען אין בית־המקדש און האט זיך געווענדט צום פערזאמעלטען פאלק מיט א בעגריסונגס־רעדע. אלס ענטפער אויף זיין בעגריסונג האבען זיך אין דער פערזאמלונג דערהערט הויכע פאדערונגען פאר רעפארמען. דאס פאלק האט געפאדערט אז דער נייער קעניג זאל אבשאפען די טאקסען אויף די סאמע נויטיגסטע בעדערפנישען און בעפרייען אלע פאליטישע געפאנגענע וואס האבען זיך געמאטערט אין די תפיסות נאך פון פאר הורדוס'ן. ארכילוס האט צוגעזאגט צו ערפילען די דאזיגע פאדערונגען נאכדעם ווי דער אימפעראטאר וועט איהם בעשטעטיגען אין זיין קעניגליכען אמט. אבער דאס פאלק האט ניט געוואלט ווארטען און עס האבען זיך אנגעפאנגען מהומות. מיט'ן אנקומען פון פסח, ווען טויזענטער אידען זיינען זיך צוזאמענגעפאהרען אין ירושלים, זיינען די מהומות נאך גרעסער געווארען. ארכילוס האט בעשלאסען צו דערשטיקען דעם אויפשטאנד ביים סאמע אנפאנג. אויף זיין בעפעהל האבען זיך די סאלדאטען א ווארף געטהאן אויפ'ן פערזאמעלטען עולם נעבען בית־המקדש און האבען גע'הרג'עט דריי טויזענד מענשען. די אנגעפאהרענע אידען זיינען זיך צולאפען פון ירושלים נאך ערב פסח. נאכדעם איז ארכילוס, וועלכער איז שטארק פערהאסט געווארען ביים פאלק, אוועקגעפאהרען קיין רוים צו פועל'ן ביים אימפעראטאר א בעשטעטיגונג אויף זיין קעניגליכען טיטעל. זיינע צוויי ברידער זיינען אויך באלד אוועק אהין, צו ארבייטען יעדער פאר זיך.

צו היטען די ארדנונג אין ירושלים אין דער צייט פון ארכילוס'עס אבפאהרען, האט דער רוימישער קריעגספיהרער סאבינוס גענומען אויף זיך. אבער סאבינוס'עס גראבקייט און רשעות האבען נאך מעהר צורייצט די איינוואוינער. אין דער הויפטשטאדט און איבער'ן גאנצען לאנד זיינען אויסגעבראכען גרויסע מרידות מיט'ן צוועק אראבצוווארפען פון זיך דעם יאך פון די רוימער און פון די פערהאסטע „הורדוסיטען". דער דערשראקענער סאבינוס האט זיך געמוזט פערשפארען אין קעניגליכען פאלאץ צוזאמען מיט זיינע קריעגסלייט. דעמאלט איז דער רוימישער פערטרעטער ווארום מיט א גרויסען חיל געקומען איהם בעפרייען. ווארום האט גרויזאם בעשטראפט די אידישע מורדים: צוויי טויזענד פון זיי האט ער געקרייציגט.

דער אימפּעראַטאָר אויגוסטוס האָט בעשטעטיגט הורדוס'עס יורשים אין זייערע רעכט. ארכילוס איז בעשטימט געוואָרען אַלס רעגירער פון דרום־יהודה מיט ירושלים אַלס זיין הויפּט־שטאָדט. דערביי האָט ער געקראָגען נאָר דעם טיטעל „עטנארך" (דער עלט־סטער פון פאָלק), אָבער ניט קעניג. הורדוס־אנטיפּאס איז אנער־קענט געוואָרען פאר'ן רעגירער איבער דער צפון־פּראָווינץ גליל, און פיליפּוס האָט געקראָגען אויף זיין חלק די צפון־מזרח פּראָווינצען אויף דער אנדער זייט ירדן. אָבער ארכילוס'עס הערשאפט האָט ניט לאַנג געדויערט. פערלאָזענדיג זיך אויפ'ן שוץ פון רוים האָט ער גרויזאם געדריקט דאָס פאָלק. אזוי ווי זיין פאָטער, אזוי פלעגט ער אויך בעשטימען און איבערבייטען די כהנים גדולים נאָך זיין אייגענעם ווילען, און אָפטמאָל פלעגט ער עפענטליך עובר זיין אויף די דינים פון דער אידישער רעליגיאָן. האָבען די אידען אוועקגעשיקט שלוחים קיין רוים, וועלכע האָבען זיך בעקלאָגט פאר'ן אמפּעראטאָר אויף ארכילוס'עס אונגעזעצליכע מעשים. דע־מאָלט האָט דער אימפּעראטאָר ארויסגערופען ארכילוס'ן קיין רוים, האָט איהם ארונטערגעזעצט פון טראָהן און האָט איהם פערשיקט אין דער ווייטער גאַליען. דרום־יהודה מיט ירושלים איז געשטעלט געוואָרען אונטער דער דירעקטער הערשאפט פון רוים. עס האָבען זי אָנגעהויבען פערוואלטען „פּראָקוראטאָרען" אָדער „שטאטהאל־טער", וועלכע פלעגען בעשטימט ווערען פון רוימישען אימפּערא־טאָר (6 נאָך קריסט. צייטר.)

§33. דאָס גייסטיגע לעבען; הלל און שמאַי. די הער־שאפט פון הורדוס און זיינע יורשים האָט אזוי שווער געדריקט אויפ'ן אידישען פּאָלק מעהר פון אלץ דערפאר, וואָס די דאָזיגע הערשער האָבען געוואָלט פערפלאַנצען אין יהודה גריכיש־רוימישע זיטען און מנהגים וועלכע זיינען געוועזען געגען דעם גייסט פון יו־דענטום. די בעסערע מענשען אין יהודה האָבען געזעהן, אז פון די ליעבהאָבער פון די רוימישע מנהגים שרעקט פונקט אזא גע־פאהר דעם יודענטום ווי אמאָל פון די העלעניסטען, די ליעבהאָ־בער פון דער גריכישער קולטור. די דאָזיגע בעסערע מענשען, וועלכע האָבען געהערט צו דער פּארטיי פון די פּרושים, האָבען געשטרעבט ארומצוצאמען דאָס אינוועניגסטע לעבען פון פאָלק אנט־

קעגען די שלעכטע איינפלוסען פון דרויסען. זיי האָבען געפיהרט די ארבייט פון דעם וויכטיגסטען געזעץ־אנשטאלט — דעם סנהדרין. ווען הורדוס דער ערשטער איז ארויף אויפ'ן טראָהן זיינען בראש פון דעם סנהדרין געשטאַנען די גרויסע געלערנטע שמעיה און אבטליון. די דאָזיגע גייסטיגע פיהרער האָבען געאַרבייט צו לער־נען דאָס פאָלק לייענען, כדי צו פערשפרייטען בילדונג צווישען פאָלק. אונטער זייער אויפזיכט האָבען פעהיגע מענשען גע־לערנט די תורה שבכתב און תורה שבעל פה. ווען שמעיה און אבטליון זיינען געשטאָרבען, זיינען אלס פיהרער פון דעם סנהדרין געוואָרען די תנאים פון דער פאמיליע בני־בתירה; אָבער זיי האָ־בען ניט פערנומען לאנג זייערע חשוב'ע פלעצער. איינמאָל, ערב פסח, איז אין דעם סנהדרין פערהאַנדעלט געוואָרען עפּיס א שווערע שאלה, וואָס קיינער פון די געלערנטע האָט ניט געקענט פערענט־פערען. האָט מען צו דער פערזאַמלונג איינגעלאַדען א יונגען גע־לערנטען פון בבל, וועלכער האָט מיט גרויס שאַרפזין פערענטפערט די געשטעלטע פראַגע, שטיצענדיג זיך אויף דעם וואָס ער האָט געהערט פון שמעיה און אבטליון. די בני־בתירה האָבען געמוזט אָבטרעטען זייער אָנגעזעהענעם אָרט צו דעם יונגען געלערנטען, וועלכער איז אין גיכען בעריהמט געוואָרען צווישען פאָלק אונטער'ן נאָמען הלל.

הלל איז געבאָרען געוואָרען אין בבל, אין א מיוחס'דיגער משפחה, וואָס האָט לויט דער טראַדיציע אָבגעשטאַמט פון דוד המלך. אין זיין פריהער יוגענד איז ער אָנגעקומען קיין ירושלים צו לערנען אין דעם בית־מדרש פון שמעיה און אבטליון. זייענדיג א פרעמדער אין דער הויפּטשטאָדט, האָט ער דאָרט געליטען גרויס נויט, נאָר זיין חשק צום לערנען האָט בייגעקומען אלע שוועריג־קייטען. א לעגענדע דערצעהלט אז איינמאָל, אין א ווינטער־אָווענד, האָט מען הלל'ן ניט אריינגעלאָזען צו דער דרשה פון שמעיה און אבטליון, ווייל ער האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו בעצאָהלען דעם שמש פאַר אריינגעהן אין בית־מדרש. ניט טראַכטענדיג לאנג איז הלל ארויפגעקלעטערט אין דרויסען אויפ'ן וואַנד פון בית־מדרש, האָט זיך צוגעלעגט צום פענסטער, און אין אזא לאַגע האָט ער אויסגעהערט דעם שיעור פון זיינע לעהרער. פערטיעפענדיג זיך

אין די רייד פון די לעהרער האָט ער ניט געפיהלט ווי די קעלט האָט דורכגענומען זיין לייב און ווי דער שניי האָט איהם איני נאנצען פערשאָטען. ערשט פארטאָג האָט מען דעם אָרימען הלל געפונען ביים פענסטער שיער דערפראָרען צום טויט, און מען האָט איהם קוים אָבגעמינטערט. הלל האָט זיך ערוואָרבען אַ אונגעהייערען וויסען אין דער תורה שבכתב און שבעל־פה, און ער איז אין ניבען אויפגענומען געוואָרען פאר א מיטגליעד פון דעם סנהדרין, און שפעטער איז ער אויך געוואָרען דער פּאָרזיצענדער, אָדער נשיא. ער איז געוואָרען דער גרעסטער תנא פון זיין צייט. פונקט אזוי ווי עזרא פון בבל האָט אמאָל פערשפרייט אין פאָלק דעם תנ"ך, אזוי האָט הלל ,פון זעלבען לאנד, פערשפרייט די תורה שבעל־פה, וועלכע האָט זיך אין שפעטערע צייטען אויסגעברייט און איז פערשריבען געוואָרען אונטער'ן נאָמען „משנה“.

הלל'ס פערדיענסט איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט די מינדליכע טראדיציעס, וועלכע האָבען זיך אָנגעזאמעלט אין יודענטום (תורה שבעל־פה), צונויפגעבונדען מיט די פערשריבענע געזעצען פון תנ"ך (תורה שבכתב). ער האָט אויך איינגעפיהרט נייע געזעצען, וועלכע ער האָט ארויסגעדרונגען פון די געדאַנקען און פון די אויסדריקען פון תנ"ך. נאָר איבערהויפט האָט זיך הלל בעריהמט געמאכט מיט זיין מאָראַלישער לעהרע, וועלכע ער האָט בעגרינדעט אויף די העכסטע אמת'ן פון ביבלישען יודענטום. הלל האָט בעטראַכט רעליגיאָן אַלס מיטעל פאר דער מאָראַלישער פאָל־קאָמענקייט פון דעם מענשען. די פליכטען צווישען מענש און מענש (בין אדם לחברו) האָט ער געשטעלט זאָגאר העכער פון די פליכטען פון דעם מענשען צו גאָט (בין אדם למקום). איינער א געצענדיענער האָט געוואָלט אָננעהמען דאָס יודענטום, נאָר ער האָט זיך געשראָקען פאר די סך אידישע דינים און צערעמאָניעס. האָט ער זיך געווענדט צו הלל'ן מיט דער בקשה עס זאָל איהם ערקלערען אויף איין פוס (על רגל אחת) דעם תמצית פון דעם אידישען גלויבען. האָט הלל איהם געזאָגט: „כל דסני עלך לחברך לא תעביד, — וואָס דיר איז ניט ליעב, טהו ניט דעם צווייטען, — דאָס איז דער עיקר פון דער תורה, און דאָס איבעריגע איז נאָר א פירוש דערצו. געה, לערען!“. וועגען הלל'ס מענשענליעבע

דערצעהלט מען פאָלגענדעס: איינער האָט זיך אמאָל פערוועט, אז איהם וועט געלינגען ארויסצופיהרען הלל'ן פון געדולד און אריינ־ברענגען איהם אין כעס. קומט יענער צו הלל'ן, פונקט ווען הלל האָט זיך געהאַלטען אין באָדען, און רופט איהם ארויס וועגען א זעהר נויטיגער זאַך. הלל האָט איבערגעריסען דאָס באָדען זיך און איז ארויס צום גאַסט. האָט דיזער איהם געשטעלט עפּיס א נארישע פראַגע, אויף וועלכער דער בעשיידענער לעהרער האָט פון דעסטוועגען געענטפערט זעהר פריינדליך. אין עטליכע מינוט ארום קומט ווידער דערזעלבער גאַסט מיט א צווייטער נארישער פראַגע, נאָכער מיט א דריטער, נאָר יעדען מאָל גיט איהם הלל א העכסט ליעבליכען ענטפער. ענדליך האָט דער גאַסט פערלאָ־רען די געדולד און האָט אויסגעשריען מיט הארץ: „אזעלכע ווי דו, הלל, זאָלען זיין וואָס ווייניגער ביי אידען!" — „פארוואָס, מיין קינד?" האָט הלל מילד געפרעגט. „ווייל איך האָב דורך דיר מיין וועט פערלאָרען" — האָט יענער געענטפערט. „בעסער, אז דו זאָלסט פערלירען דיין וועט — האָט הלל געזאָגט — איידער איך זאָל פערלירען מיין געדולד".

הלל'ס בעליעבטע שפּריכווערטער זיינען געוועזען: האָב ליעב שלום און ברענג עס אריין אומעטום; האָב ליעב מענשען און דערנעהנטער זיי צו גאָט'ס תורה. אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו" — משפּט ניט דיין חבר ביז דו קומסט ניט צו זיין שטאַנד. „אם אין אני לי מי לי, ואם אני לעצמי מה אני?" — אויב איך בין ניט פאר מיר איז ווער פאר מיר? און אויב איך נאָר פאר מיר אליין, איז וואָס בין איך? „ווער עס וויל בעריהמט מאכען זיין נאָמען, דער פערלירט זיין נאָמען; ווער עס לערנט ניט קיין נייעס, דער פערלירט דאָס אַלטע".

אין איין צייט מיט הלל'ן איז נשיא פון סנהדרין געוועזען א צווייטער גרויסער תנא, שמאי. ער האָט זיך אונטערשיידט פון הלל'ן סיי אין דעם גייסט פון זיין לעהרע, סיי אין זיין כאראַקטער. שמאי האָט ניט דערלאָזען קיינע פערלייכטערונגען אין די דינים, און האָט פארבאָטען א סך אזעלכעס, וואָס הלל האָט מתיר געמאַכט. אין רעליגיאָן האָט ער געשטעלט העכער פון אַלץ דאָס שטרענגע אבהיטען פון די דינים און צערעמאָניעס. דערצו איז ער געוו...

זעהר שטרענג און גאוה׳דיג אין זיין אומגאנג מיט מענשען. ווען א געצענדיענער, וואָס האָט געוואָלט זיך מגייר זיין, האָט געבעטען שמאי׳ן ער זאָל איהם זאָגען אין עטליכע ווערטער וואָס איז דער עיקר פון דער אידישער תורה, האָט דער שטרענגער לעהרער איהם אוועקגעטריבען. הלל אָבער האָט אויפגענומען דעם זוכער פון אמת מיט פריינדשאַפט, און האָט איהם צוגעצויגען צום יודענטום מיט דעם אויבען־דערמאָנטען אויסדרוק, וועלכער פיהרט־צו די גאנצע רעליגיאָן צום עיקר פון ליעבע צום מיטמענשען. אן אנדער גע־צענדיענער — דערצעהלט די לעגענדע — איז געקומען צו שמאי און האָט ערקלערט, אז ער וויל אָננעהמען דאָס יודענטום, אָבער מיט דעם תנאי ער זאָל אָבהיטען נאָר די תורה שבכתב און ניט די תורה שבעל־פה. שמאי האָט בייז צוריקגעוויזען זיין פאָר־שלאָג. אָבער הלל האָט מסכים געווען אריינצונעהמען דעם גע־צענדיענער אין דער אידישער עדה און האָט איהם גענומען לערנען. דעם ערשטען טאָג האָט ער איהם געוויזען דעם אידישען אלף־בית אין גלייכער אָרדנונג, און דעם צווייטען טאָג — דיזעלבע אותיות פארקערט. ווען דער תלמיד האָט געפרעגט וואָרום לערנט מען איהם היינט פארקערט ווי נעכטען, האָט הלל געענטפערט: „ניין, עס איז דיזעלבע זאַך נאָר אויף אַן אנדער אופן. דאָס זעלבע איז די שייכות צווישען דער תורה שבכתב און תורה שבעל־פה“. ווען דיזע צוויי גרים האָבען זיך אין א צייט ארום בעגעגענט האָבען זיי געזאָגט איינער צום אנדערען: „שמאי׳ם שטרענגקייט האָט אונז שיער ניט פארשטויסען פון דער הייליגקייט, אָבער הלל׳ס עניוות האָט אונז אהין אריינגעפיהרט“.

נאָכ׳ן טויט פון הלל און שמאי (5 יאָהר נאָך דער קריסטל. צייטר.) האָבען זיך זייערע תלמידים צוטיילט אויף צוויי רעליגיעזע פארטייען אָדער שולען. די דאָזיגע שולען פלעגען זיך פאנאנדער־געהן אין א סך פראגען פון געזעץ און אמונה און אין אויסטייטשען די דינים פון דער תורה. „בית הלל“ און „בית שמאי“ פלעגען האָ־בען אָפטע מחלוקות צווישען זיך. צווישען די עלטסטע תנאים אין סנהדרין איז דעריבער מעהר ניט געווען קיין שלום. די דאָ־זיגע מחלוקות האָבען אָבגעשוואכט די אחדות פון די פרושים, אָבער דערפאַר האָבען זיי געגעבען א שטויס פאָרווערטס די גייסטיגע

כהעטיגקייט, וועלכע איז אַלץ שטאַרקער געוואָרען צווישען די אי־דען, און האָט ענדליך געפיהרט צו דער בעשאַפונג פון דעם תלמוד.

---

פינפטער קאַפּיטעל.

# די הערשאַפט פון די רוימער אין יהודה.

(66—6 פון קריסטל. צייטר.)

§34. די ערשטע רוימישע פערוואַלטער. נאָכדעם ווי ארכילוס איז ארונטערגעזעצט און פארשיקט געוואָרען, זיינען זיינע ברידער הורדוס־אנטיפּאַס און פיליפּוס געבליבען הערשען יעדער אין זיין ממשלה — אין גליל און אין עבר־הירדן. הורדוס־אנטי־פּאַס האָט געמאַכט פאַר זיין הויפּטשטאָדט די שטאָדט צפורי. נע־בען דעם ים כנרת האָט ער אויסגעבויט אַ נייע שטאָדט, וועלכע ער האָט אַ נאָמען געגעבען טבריה, לכבוד טיבעריוס'ן, דעם יורש פון דעם קיסר אויגוסטוס. טבריה איז שפּעטער בעריהמט געוואָרען מיט איהרע היילענדע וואַסער־קוואַלען. דער הערשער פון דעם עבר־הירדן, פיליפּוס, האָט זיך אויסגעבויט אַ פּרעכטיגע הויפּט־שטאָדט ביים אורקוואַל פון ירדן, און האָט זי אַ נאָמען געגעבען קיסריה־פיליפּוס (צו אונטערשיידען פון קיסריה ביים ים).ביידע ברידער האָבען געהערשט אין זייערע ממשלות ארום דרייסיג יאָהר (ביז 34—39 פון קריסטל. צייטר.), אַלס וואַסאַלען (אונטערטעניגע) צום רוימישען אימפּעראַטאָר.

אָבער די אינערליכע יהודה, וואָס איהר צענטער איז געוועזען ירושלים, איז פערוואַלטעט געוואָרען פון רוימישע בע־אַמטע, וועלכע האָבען געטראָגען דעם נאָמען „שטאַטהאַלטער" אָדער „פּראָקוראַטאָרען". אַזוי ווי יהודה האָט זיך גערעכענט פאַר אַ טייל פון דער סירישער פּראָווינץ, זיינען די שטאַטהאַלטער פון יהודה געשטאַנען אונטער דער אויבערהערשאַפט פון די רוימישע פערוואַלטער פון סיריען. די שטאַטהאַלטער פון יהודה האָבען גע־וואוינט אין דער שטאָדט קיסריה ביים ים, וואָס הורדוס דער ערש־טער האָט אויסגעבויט. זיי האָבען געהאַט אַ ברייטע מאַכט:

זיי האָבען אויפגעמאָנט די שטייערען ביי די אידען, האָבען בע־שטימט און אַרונטערגעזעצט די כּהנים־גדולים און האָבען רעווי־דירט די פּסק־דינים פון דעם סנהדרין. דער ערשטער שטאַטהאַל־טער, נאָך אַרכילוס׳עס אַרונטערזעצונג, (6טען יאָהר), איז געווען דער קאָמאַנדיר פון דעם פערד־חיל, קאָפּאָניוס, אַ רוימער. אין זיין צייט איז אין יהודה דורכגעפיהרט געוואָרען אַ פאָלקס־צעה־לונג, כּדי צו בעשטימען די שטייערען וואָס די איינוואוינער האָ־בען געדאַרפט צאָהלען דעם אימפּעראַטאָר. דער דאָזיגער צענזוס און די שטרענגע אויפמאָנונג פון די שטייערען וואָס איז געקומען נאָכ־דעם, האָבען געגעבען דעם פאָלק צו פיהלען די גאַנצע שווערקייט פון דער רוימשער הערשאַפט. די שטאַטהאַלטער, וועלכע האָבען זיך אָפט געביטען, האָבען געדריקט די בעפעלקערונג מיט די שווערע כאַבאַרען, וואָס זיי פלעגען פון איהר אַרויספּרעסען. דער קיסר טי־בעריוס (14—37) האָט בעשטימט פאַר שטאַטהאַלטער אין יהודה וואַלעריוס גראַטוס און האָט איהם בעפעהלען ניט צו דריקען די איינוואוינער. „אַ גוטער פּאַסטוך — פלעגט זאָגען דער אימפּעראַ־טאָר — שעהרט זיינע שאָף, אָבער ער שינדט ניט אַראָב פון זיי די הויט“.

נאָך גראַטוס׳ן איז פאַר פּראָקוראַטאָר אין יהודה בעשטימט געוואָרען פּאָנטיוס פּילאַטוס, אַ בייזער און גרויזאַמער מענש. ער האָט בעפעהלען אַריינצוטראָגען אין ירושלים רוימישע פאָהנען מיט׳ן בילד פון דעם קיסר, צו וועלכען די געצענדיענער האָבען אָבגעגעבען כּבוד אַזוי ווי צו אַ גאָט. אָבער די אידען זייענדיג געטריי צום געבאָט פון באַרג סיני זיך ניט צו בוקען צו קיין בילדער, זיינען דערפון שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרען, און פּילאַטוס האָט געמוזט צונעהמען די פאָהנען פון דער הייליגער שטאָדט. איינמאָל האָט פּילאַטוס גענומען געלד פון דער קאַסע פון בית־המקדש צו מאַכען אַ וואַסערלייטונג. ווען די ירושלים׳ער איינוואוינער האָבען זיך אַרומ־געקליבען אַרום בית־המקדש און האָבען גענומען הויך פּראָטעסטירען, האָט ער אוועקגעשיקט אַהין זיינע סאָלדאַטען אין איבערגעטהאָנענע קליידער, און זיי האָבען געשלאָגען די אידען מיט גראָבע שטעקענס, וואָס זיי האָבען געטראָגען בעהאַלטען אונטער די מלבושים, און זיי האָבען פיעלע געטויט אויפ׳ן אָרט.

דער נאָמען פון פּאָנטיום פּילאַטוס איז פערבונדען מיט נאָך א גרויזאַמער טהאַט. אין יענער צייט איז אין יהודה ערשינען יעזוס קריסטוס און האָט אָנגעהויבען פּרעדיגען זיין לעהרע. דערהערענדיג אז מען רופט יעזוס'ן „דער אידישער מלך", האָט דער רוימישער שטאַטהאַלטער צוזאַמען מיט דעם אונטערטעניגען כהן־גדול פון ירושלים, קאַיאַפו, און מיט'ן סנהדרין, איהם פער־משפט צום טויט (33טען יאָהר). אָבער אין עטליכע יאָהר ארום איז פּילאַטוס פאר זיינע אונגעזעצליכע מעשים ארונטערגעזעצט געוואָרען פון אמט און איז פערשיקט געוואָרען קיין גליל.

§35. אימפּעראַטאָר קאַליגולאַ. אין רוים, ביים הויף פון אימפּעראַטאָר טיבעריוס, האָט געלעבט דער זוהן פון דעם הינגעריכ־טעטען אריסתובול, אגריפּאַס, דער אייניקעל פון הורדוס דעם ערש־טען און דער קעניגין מרים. לעבענדיג צווישען דער הויכער געזעל־שאַפט פון רוים, האָט זיך דער יונגער אגריפּאַס צוגעוועהנט צו א פרעהליכען און פערשווענדערישען לעבען. ער האָט גע'פּטר'ט זיין גאַנצעס געלט און האָט נאָך געמאַכט א סך חובות. מורא האָבענדיג, אז ער וועט פערפאַלגט ווערען פון זיינע קרעדיטאָרען, איז ער אנטלאָ־פען פון רוים און האָט לאַנג אומגעוואַנדערט אין פערשיידענע לענ־דער. ער האָט זיך אומגעקערט קיין רוים ערשט צום סוף פון טיבע־ריוס'עס קעניגען. אין דיעזער צייט האָט זיך אגריפּא בעפריינדעט מיט קאַיוס קאַליגולאַ, וועלכער איז געווען דער יורש פון טראָהן. איינמאָל האָט זיך אגריפּאַס אויסגעדריקט, אז ער וואָלט שוין גע־וואָלט וואָס שנעלער זעהן קאַליגולאַ'ן אלס אימפּעראַטאָר. ווען טיבעריוס האָט זיך דערפון דערוואוסט, איז ער אין כעס געוואָרען און האָט געהייסען שמיעדען אגריפּאַס'ן אין קייטען און אריינוואר־פען אין תפיסה. נאָר אין א האַלב יאָהר ארום איז טיבעריוס גע־שטאָרבען (37). זיין נאָכפאָלגער קאַליגולאַ האָט בעפרייט זיין פריינד פון געפענגניס און האָט איהם געשענקט א גילדענע קייט אלס אָנדענק פון דער אייזערנע־ קייט, וואָס אגריפּאַס האָט גע־טראָגען אין תפיסה. דער נייער קיסר האָט בעשטימט אגריפּאַס'ן פאר'ן פערוואַלטער איבער'ן עבר־הירדן, וועלכער איז געווען אונטער דער הערשאַפט פון פיליפּוס'ן. אין דערזעלבער צייט האָט קאַליגולאַ צוגענומען דעם גליל ביי הורדוס־אנטיפּאַס און עס אויך אָבגעגעבען

אַגריפּאַס׳ן. אויף אַזאַ אופן איז אַגריפּאַס געוואָרען דער הערשער איבער דעם גרעסטען טייל יהודה און האָט אַפילו געקראָגען דעם טיטעל קעניג. ער איז אַוועקגעפאָהרען פון רוים דורך אַלעקסאַנד־ריען, די הויפּטשטאָדט פון מצרים, צו איבערנעהמען די הערשאַפט. נאָר אויפ׳ן וועג איז איהם אויסגעקומען בייצואוואָהנען טרויעריגע געשעהענישען.

פון יענער צייט ווען מצרים איז אריבער פון דער הערשאַפט פון די תלמים צו דער הערשאַפט פון רוים (אין דער צייט פון אימ־פּעראַטאָר אויגוסטוס), זיינען צווישען דער אידישער און דער גרי־כישער בעפעלקערונג פאָרגעקומען שטענדיגע קריעגערייען. אין מצרים האָבען געלעבט ארום אַ מיליאָן אידען, וועלכע האָבען דורך זייער פלייסיגקייט און ניכטערקייט דערגרייכט צו אַ הויכען מצב. זיי האָבען אָהן אויפהער אויסגעברייט זייער האַנדעל און זיינען אַלץ רייכער און רייכער געוואָרען. אין דער צייט ווען אַ טייל פון דער גריכישער בעפעלקערונג איז דורך איהר פוילקייט און צולאָזענעם לעבען אַלץ אָרימער געוואָרען. די אידען האָבען אויך מיט ערפאָלג קאָנקורירט מיט די גריכען אין די וויסענשאַפטען און קונסטען.

די אידישע געלעהרטע פלעגען שרייבען זייערע ווערק אין גריכיש. דער גרעסטער פילאָזאָף פון יענער צייט איז געווען פילון פון אַלעקסאַנדריען. פילון איז געווען אַ נאָכפאָלגער פון דעם אטהענישען פילאָזאָף פלאַטאָן און האָט געזוכט צו פעראיי־ניגען זיינע מעטאַפיזישע אידעען מיט די רעליגיעזע אנשויאונגען פון משה און די אידישע נביאים. אין זיינע ווערק „משה׳ס לעבען“, „בריאת העולם“ און אַנדערע האָט ער אויסגעפיהרט טיעפע מאָראַלישע אמת׳ן פון די ביבלישע ערצעהלונגען און דינים. דעריבער פלעגט פילון אָפּט טייטשען די אויסדריקען פון תנ״ך אַלעגאָריש און פלעגט אויפדעקען אין זיי, אויסער זייער גלייכען געדאַנק, אויך בעהאַלטענע פילאָזאָפישע אידעען. דעם תמצית פון זיין לעהרע האָט פילון אויסגעדריקט אַזוי: ווער עס האָט בעפעסטיגט אין זיין נשמה די פאָלגענדע וואַרהייטען: אַז גאָט איז פאַרהאַן, אַז ער איז איינציג, אַז ער האָט בעשאַפען די וועלט, אַז די וועלט איז אויך איינציג און אַז גאָט זאָרגט

מער וועגען זיין בעשאפונג — יענער וועט פיהרען א גליקליך לעבען.

דער ערפאָלג פון די אידען אין אלע צווייגען פון ארבייט האָט אויפגעוועקט ביי די גריכען קנאה און פערדרוס, וועלכע פלעגען זיך ארויסווייזען ביי יעדער בעסטער געלעגענהייט. ווען אגריפאס איז אויפ'ן וועג קיין יהודה דורכגעפאָהרען אלעקסאנדריען און די דאָרטיגע אידען האָבען איהם אויפגענומען מיט קעניגליכען פאראד, האָט א גריכישער המון, פון קנאָה, איהם בעגלייט איבער די גאסען מיט זידלעריי און שפּאָט (38טען יאָהר). ניט בענוגענדיג זיך דערמיט, האָט דער גריכישער המון זיך ארייגעריסען אין די שוהלען און אוועקגעשטעלט דאָרט סטאטוען פון דעם רוימישען אימפעראטאָר, וויסענדיג, אז דער אידישער דין פארבאָט ארייגצושטעלען בילדער אין די טעמפלען. דער רוימישער שטאטהאלטער אין עגיפטען, פלאקוס, אנשטאָט צו בעשיצען די אידען, איז צוגעשטאנען צו זייערע פיינד. ווען די אידען האָבען זיך געפּרובט שטעלען אנטקעגען דער ווילדער מאסע, האָט פלאקוס געהייסען צונעהמען ביי זיי די וואפען און האָט דערמיט ערמוטיגט די גריכען צו געוואלדטהאטען. די סאָלדאטען האָבען אויף זיין בעפעהל געכאפּט אכט־און־דרייסיג חשוב'ע לייט פון דער אידישער קהלה, האָבען זיי אוועקגעשלעפּט אין טהעאטער און דאָרט אויף א גרויזאמען אופן דערשלאָגען מיט שטעקענס. דעמאָלט האָבען די אידען פון אלעקסאנדריען אוועקגעשיקט שלוחים קיין רוים צו בעטען שוץ ביים קיסר. בראש פון די דאָזיגע שלוחים איז געשטאנען דער אידישער פילאָזאָף פילון. די גריכען פון זייער זייט האָבען געשיקט שלוחים קיין רוים מיט קלאגען אויף די אידען; דער וויכטיגסטער פון דיזע שלוחים איז געוועזען דער פארביסענער שונא פון יודענטום, דער שרייבער אפּיאָן. דער קיסר האָט אויפגענומען די אידישע שלוחים ניט פריינדליך, ווייל ער איז דעמאָלט אין כעס געוועזען אויף די אידען. די אורזאכע פון דיזען כעס איז בעשטאנען אין פאָלגענדעם:

דער אימפעראטאָר קאליגולא האָט פון די ערשטע יאָהרען פון זיין קעניגען אנגעהויבען ארויסווייזען סמנים פון משוגעת. ער האָט זיך אליין געהאלטען פאר א גאָט און האָט ארויסגעגעבען א געפעהל, אז אלע פעלקער פון דער רוימישער אימפעריע זאָלען

אריינשטעלען אין זייערע טעמפּלען זיינע סטאַטועז און זיך בוקען צו זיי. אויף די אידען האָט דער דאָזיגער בעפעהל אַרויסגערופען א שרעק, ווייל זייער רעליגיאָן האָט זיי פערבאָטען צו בוקען זיך צו אָבגעטער. דערוויל האָט קאַליגולא געהייסען דעם סירישען שטאַטהאַלטער פּעטראָניוס׳ן, ער זאָל אריינשטעלען אין בית־המקדש דעם קעניג׳ס סטאַטוע און מיט גוואַלד צווינגען די אידען זיך בוקען צו איהם. פּעטראָניוס האָט זיך געלאָזט מיט א גרויסען חיל אין יהודה און האָט שטרענג געפאָדערט פון די איינוואוינער, זיי זאָלען ערפילען דעם קעניגליכען בעפעהל. דאן זיינען די אידען אויפגעשטאַנען צו פערטיידיגען זייער גלויבען. א גרויסע מאַסע אי־דען האָט ארומגערינגעלט פּעטראָניוס׳עם וואוינונג אין טבריה, און אין פערלויף פון גאַנצע פערציג טעג האָבען זיי איהם געבעטען ניט צו פערשוועכען זייער הייליגטום מיט דעם קעניג׳ס סטאַטוע. פּעט־ראָניוס האָט זיך איבערצייגט, אז ס׳איז אונמעגליך צו ערפילען דעם קעניג׳ס וואונש אָהן א שרעקליכער בלוטפערגיסונג און ער האָט עס מודיע געוועזן אין רוים. אגריפּאַס, וועלכער האָט זיך אומ־געקערט קיין רוים, האָט זיך אויך בעמיהט צו בויגען קאַליגולא׳ן ער זאָל אומבייטען די גזרה. ווער ווייס מיט וואָס די זאַך וואָלט זיך געווען ענדיגען, ווען קאַליגולא זאָל ניט געווען פּלוצלינג שטאַרבען דורך די הענט פון פערשווערער (41). זיין אָרט האָט פערנומען דער קיסר קלאַדיוס.

§36. קעניג אַגריפּאַס דער ערשטער. ווען קאַליגולא איז געשטאָרבען האָט אגריפּאַס מיטגעהאָלפען, אַז קלאַדיום זאָל אויס־געקליבען ווערען אימפּעראַטאָר פון רוים. אלס בעלוינונג פאַר דיזער פריינדשאַפט האָט דער נייער אימפּעראַטאָר אָבגעגעבען אגרי־פּאַס׳ן אויך דרום־יהודה, חוץ יענע לענדערייען, וואָס ער האָט גע־קראָגען פריהער. אויף אזא אופן איז אגריפּאַס געוואָרען קעניג פון גאַנץ יהודה ווי זי איז געוועזן אין די צייטען פון די חשמונאַי׳שע מלכים. זיין קורצעס קעניגען (41—44) האָט דערמאָהנט די אידען אָן די אמאָליגע גליקליכע צייטען. בעזעצענדיג זיך אין ירושלים האָט אַגריפּאַס פערלאָזען אַלע זיינע לייכטזיניגע פערגעניגענס פון דער יוגענד און האָט זיך אינגאַנצען איבערגעגעבען צו די ענינים פון דער מלוכה. דאָס פאָלק, וואָס האָט ערשט ניט לאַנג צוריק גע־

ליטען פון די רוימישע פראָקוראטאָרען, האָט מיט פרייד בענעגענט דעם נייעם קעניג און האָט איהם גיך ליעב געקראָגען. אגריפּאַס האָט שטענדיג ארויסגעוויזען טיעפע אכטונג צו דער רעליגיאָן פון אידישען פאָלק, נאָר אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך בעמיהט אויפצוהאַלטען גוטע בעציהונגען מיט די ארומיגע גריכען און רוי־מער. אין זיין רעגירונג האָט זיך אגריפּאַס געשטיצט אויף די פּרושים, צו וועלכע דאָס פאָלק האָט געהאַט מעהר צוטרויען ווי צו די רייכע צרוקים. אגריפּאַס האָט אומגעקערט צום סנהדרין זיינע פריהערדיגע רעכט און פלעגט בעשטימען פאַר כהנים־גדולים עהר־ליכע און אָרענטליכע מענשען. מיט מענשען פלעגט ער זיך בעגעהן זעהר בעשיידען. אום שבועות פלעגט ער, דער קעניג, אליין טראָגען אין בית־המקדש זיין קארב גרינס, לויט דעם מנהג, גלייך מיט די פּראָסטע דאָרפסלייט. איינמאָל האָט אגריפּאַס געלייענט אין בית־המקדש אויפ׳ן קול די פּרשות פון ספר דברים. ווען ער איז דער־גאַנגען צום פּלאַץ וואו עס זאָגט זיך: „פון צווישען דיינע ברידער זאָלסטו אויפשטעלען אַ קעניג איבער דיר; דו קענסט ניט אויפ־שטעלען איבער זיך אַ פרעמדען" (י"ז ט"ו) — האָט ער זיך פּלוצ־לינג פונאַנדערגעוויינט, ווייל ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז ער אליין איז פון אדומי׳שער אָבשטאַמונג פון דעם צד פון זיין זיידען הורדוס דעם 1טען. די אָנוועזענדע, צווישען זיי אויך פּרושים, זיינען זעהר געריהרט געוואָרען דערפון און האָבען אויסגערופען: ניט האָב קיין צער, אגריפּאַס! דו ביסט אונזער ברודער! אין אגריפּאַס׳ן, וועלכער איז געווען דער זוהן פון דעם הינגעריכטעטען אריסתובול און פון דער חשמונאי׳שער מרים, האָט דאָס פאָלק ווירקליך געזעהן ניכער אַ חשמונאי איידער אַ הורדוס.

אגריפּאַס האָט גענומען בויען ארום ירושלים אַ הויכע פעסטונג, כדי צו פערזיכערען די שטאָדט געגען פיינדליכע אָנפאַלען. נאָר דער רוימישער שטאַטהאַלטער אין סיריען האָט דערטראָגען וועגען דעם צו קלאַודיוס׳ן און האָט נאָך צוגעלעגט, אַז דער אידישער קעניג וויל וואַהרשיינליך זיך אָברייסען פון רוים. דאַן האָט אגריפּאַס גע־מוזט אָבשטעלען די ארבייט. אין גיכען איז אגריפּאַס געשטאָרבען פּלוצלינג, בשעת ער איז געווען אויף די עפענטליכע שפּיעלען אין קיסריה. די אידען האָבען היים בעוויינט זייער קעניג; אָבער די

גריכען און רוימער פון קיסריה האָבען זיך געפרעהט מיט זיין טויט און האָבען געמאַכט אַ פרעהליכען מאָלצייט דעריבער.

אין דער צייט פון אגריפּאַס דעם ערשטען איז בראש פון דעם סנהדרין געשטאַנען גמליאל דער ערשטער, אן אייניקעל פון דעם גרויסען תנא הלל. גמליאל האָט מיט גרויס חכמה גע־פיהרט די אַרבייט פון דעם סנהדרין. ער פלעגט זוכען צוצו־פּאסען די דינים צו די בעדערפנישען פון לעבען. איינער פון גמליאל'ס תלמידים איז געוועזן שאול פון תרשיש, וועלכער האָט זיך שפּעטער אָבגעזאָגט פון יודענטום און איז געוואָרען דער הויפּט אַפּאָסטאָל פון קריסטענטום, אונטער'ן נאָמען פּוילוס. אין יענער צייט האָבען אַ סך געצענדיענער אָנגעהויבען גלויבען אין אן איינציגען גאָט. אייניגע האָבען אָנגענומען דעם דאָזיגען גלויבען, לויט דער קריסטליכער לעהרע, אנדערע לויט דער אידי־שער. אין סיריען און קליין־אזיען האָבען אַ סך געצענדיענער, מעהרסטענס פרויען, זיך בעקערט צום יודענטום. אין דער קליינער מלוכה אדיאבען, אין מעסאָפּאָטאמיען, האָבען זיך מגיר געוועזן די קעניגין העלענאַ און איהרע זיהן איזאַטוס און מאָנאבאַז; זייער ביישפּיעל האָבען נאָכגעפאָלגט די איבעריגע מיטגליעדער פון דער דאָזיגער קעניגליכער פאַמיליע. העלענאַ איז אוועק קיין ירושלים מתפלל צו זיין צום גאָט פון ישראל. אין דער הויפּטשטאָדט האָט דעמאָלט געבושעוועט אַ הונגער און העלענאַ האָט געשענקט אַ סך געלט צו קויפען ברויט פאַר דער הונגעריגער בעפעלקערונג. ווען העלענאַ און איזאַטוס זיינען געשטאָרבען, האָט מען זייערע קערפּער אריבערגעפיהרט קיין ירושלים און בעהאַלטען אין אַ בעזונדער מערה. זייערע קינדער און קינדס־קינדער האָבען זיך בעזעצט אין יהודה און האָבען דאָרט געלעבט ביז דעם אונטערגאַנג פון דער אידישער מלוכה.

§37. אַגריפּאַס דער צווייטער און די רוימישע פּראָ־קוראַטאָרען. אגריפּאַס דער ערשטער האָט געלאָזט נאָך זיך אַ זיבעצעהן־יעהריגען זוהן, אגריפּאַס דעם צווייטען, און דריי טעכ־טער, פון וועלכע בערעניקאַ איז בעזונדערס בעריהמט געוועזן פאַר איהר שעהנקייט. קלאַודיוס האָט געוואָלט בעשטימען פאַרן' קעניג פון יהודה דעם יונגען אגריפּאַס דעם צווייטען, וועלכער האָט זיך

אויפגעצויגען אין רוים; אָבער די איינפלוסרייכע הויפלייט האָבען אָבגערעדט דעם קיסר דערפון, אונטער'ן אויסרייד, אז אגריפּאַס איז נאָך צו יונג. אויף אַזאַ אופן האָט יהודה ווידער אָנגעהויבען רעגירט צו ווערען דורך פּראָקוראַטאָרען.

דאָס פאָלק, וואָס האָט אין פערלויף פון עטליכע יאָהר זיך אָבגעוועהנט פון פרעמדער הערשאַפט, האָט זיך ווידער דערפיהלט אומגליקליך. די נייע רוימישע פּראָקוראַטאָרען האָבען מיט זייער שטרענגקייט נאָך מעהר פערשטאַרקט די אונצופריעדענהייט פון פאָלק. דער שטאַטהאַלטער פאַדוס האָט גרויזאַם געשטיקט יעדע שטרעבונג צו פרייהייט צווישען די אידען. ער האָט געהייסען קעפּען דעם אגיטאַטאָר תאודה, וועלכער האָט זיך ארויסגעגעבען פאַר א נביא און בעפרייער פון יהודה. דער היידנישער פאַדוס פלעגט זיך אריינמישען אפילו אין די גייסטיגע ענינים פון די אידען: ער פלעגט בעשטימען א כהן־גדול און פלעגט האַלטען ביי זיך די יום־טוב'דיגע קליידער פון די כהנים. אָבער צולעצט האָט דער אימפּעראַטאָר געגעבען אגריפּאַס'ן דעם צווייטען דאָס רעכט צו בעשטימען א כהן־גדול און פערוואַלטען דעם בית־המקדש. אגריפּאַס האָט געקראָגען אונטער זיין ממשלה די פּראָווינץ כאַלדייע, אין סיריען. אויף אַזאַ אופן איז דער אָבגעשטאַמטער פון די אידישע מלכים געוואָרען בלויז דער העלפער פון די רוימישע פּראָקוראַטאָרען, וועלכע האָבען רעגירט אין יהודה. אליין צו רעגירען האָט אגריפּאַס ניט געהאַט ניט די פעהיגקייטען און ניט דעם ווילען. ער האָט בעסער אויסגעקליבען א פרעהליך לעבען אין רוים, מיט דער יוגענד פון הויף פון זיין גלייכען, איידער צו דיענען זיין פאָלק.

און אין אידישען פאָלק איז די אונצופריעדענהייט מיט די רוימער אַלץ שטאַרקער געוואָרען. דער נייער פּראָקוראַטאָר קומאַנוס (48—52) האָט צושטעלט רוימישע סאָלדאַטען ארום דעם בית־המקדש צו היטען די אָרדנונג אין די גרויסע ימים־טובים. די אָנוועזענהייט פון די געצענדיענער אין דעם הייליגען הויז האָט בעליידיגט דאָס רעליגיעזע געפיהל פון די אידען. איינמאָל האָט א סאָלדאַט בעגאַנגען א מיאוס'ע טהאַט נעבען הייליגטום, פאַר די אויגען פון א גרויסער מאַסע אידען, וואָס האָבען זיך פערזאַמעלט אין דעם טאָג פון פסח. די אויפגעבראַכטע אידען האָבען גענומען

וואַרפען שטיינער אויף די רוימישע סאָלדאַטען און זידלען דעם שטאַטהאַלטער. דעמאָלט האָט קומאַנוס אַרויסגערופען נאָך אַן אַבטיילונג חיל. די סאָלדאַטען האָבען זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף דער אונבעוואפענטער מאַסע, וועלכע האָט זיך געלאָזט לויפען איבער די דערבייאיגע שמאָלע און קרומע גאַסען. די מענשען האָבען גע־שטויסען און געשטיקט איינע די אַנדערע און טויזענדער אידען זיי־נען שפּעטער געפונען געוואָרען אין די גאַסען דערשטיקטע. אַ סך פאַמיליען האָבען בעוויינט זייערע אומגעקומענע קרובים, און דער יום־טוב איז פאַרקערט געוואָרען אין אַ גרויסען טרויער־טאָג. אַזעל־כע צוזאַמענשטויסען פלעגען פאַרקומען אָפט, און דער שטאַטהאַל־טער פלעגט געוועהנליך נעהמען די געצענדיענער אונטער זיין שוץ. פונקט אַזוי פיינדליך האָבען זיך בענומען מיט די אידען די פּראָקו־ראַטאָרען, וואָס זיינען געקומען נאָך קומאַנוס'ן.

דער נייער רוימישער אימפּעראַטאָר נירון, דער נאָכפאָלגער פון קלאַודיוס (54—68), האָט אויך ניט בעשיצט די אידען פון די נגישות. איינמאָל האָט זיך אין קיסריה צופאַלאַקערט אַ קריעג צווי־שען די אידען און די גריכען וועגען זייער טרייהייט צו רוים. ביידע צדדים האָבען זיך געווענדט מיט קלאַגען צו נירונ'ען. אָבער דער קעניג האָט נאָכגעגעבען די גריכען, אָבוואָהל זיי זיינען געווען אומ־גערעכט. דעמאָלט האָט זיך אַ טייל פון דעם אידישען פאָלק גע־נומען גרייטען צו אַן אויפשטאַנד. אין פערשיידענע ערטער האָבען זיך צונויפגעזאַמעלט אידישע פרייוויליגע מחנות צו קעמפפען מיט די רוימער. בראש פון די דאָזיגע מחנות זיינען געשטאַנען מענ־שען, וועלכע האָבען היים געליעבט זייער פאָטערלאַנד און זיינען געווען גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר איהר בעפרייאונג. די דאָזיגע מענשען האָבען זיך גערופען קנאים אָדער זעלאָטען. צוזאַמען מיט די זעלאָטען, וועלכע האָבען געאַרבייט אָפען, האָבען זיך בעוויזען געהיימע מורדים, וועלכע האָבען זיך גערופען סיקאַריער אָדער „מע־סערניקעס". די סיקאַריער פלעגען טראָגען אונטער זייערע מאַנט־לען קינזשאַלען און ביי יעדער גינסטיגער געלעגענהייט פלעגען זיי טויטען די רוימער, און אפילו זייערע ברידער־אידען, וועלכע האָבען זיך גע'חבר'ט מיט די רוימער.

§38. דער אָנהויב פון אויפשטאַנד. די געדולד פון אי־

דישען פאָלק האָט איינגאַנצען געפּלאַצט, ווען אַלס פּראָקוראַטאָר פון יהודה איז בעשטימט געוואָרען דער רוימער גהעסיוס פלאָריוס, וועלכער איז ערשינען „אַזוי ווי אַ תליון" (64—66). פלאָרוס האָט אָהן אַ ברעקעל געוויסען געראויבט די איינוואוינער פון יהודה, אויס־צאַפּענדיג געלט ביי אָרים און רייך, און איז בעגאַנגען אַלערליי אונגעזעצליכע מעשים. די געצענדיענער, וואָס האָבען געלעבט אין לאַנד, צוזעהענדיג דאָס, האָבען געמיינט, אַז דאָס געזעץ בעשיצט שוין ניט מעהר די אידען, און אַז מען קען זיי פערפאָלגען אונבע־שטראָפט. אין קיסריה־ביים־ים, וואו עס האָט געוועהנליך גע־וואוינט דער רוימישער פּראָקוראַטאָר, האָבען זיך געשטאַרקט די אמאָליגע מחלקות צווישען די גריכען און די אידען. האָפענדיג אויף דער שטיצע פון פלאָרוס'ן האָבען די גריכען פון קיסריה אָנ־געהויבען צו פערפאָלגען די אידען אויף טריט און שריט. די פרעכע געצענדיענער פלעגען זיך פערזאַמלען נעבען דער שוהל און מיט זייערע קולות און שפּאָט שטערען די אידען אין זייער תפלה. די דאָזיגע בעליידיגונגען האָבען אויפגערעגט די אידישע בעפעלקערונג. עס איז געקומען צו אַ האַנד־געשלעג אין די גאַסען, און די אידען זיינען געשלאָגען געוואָרען. דאַן האָבען זיי פערלאָזען קיסריה אום שבת, צונעהמענדיג מיט זיך די הייליגע ספרים און זיינען אַוועק אין אַ שכנ'ישען שטעדטעל. פון דאַנען האָבען די פערטרע־טענע געשיקט שלוחים צו פלאָרוס'ן, בעטענדיג איהם ער זאָל זיך איינשטעלען פאַר זיי; אָבער פלאָרוס האָט די שלוחים אויסגעהערט און האָט געהייסען אריינוואַרפען זיי אין געפענגנים.

די נאַכריכט וועגען דיזער גוואַלדטהאַט האָט אין ירושלים אַרויסגערופען גרויס צאָרן, וועלכער האָט זיך נאָך מעהר צואוואַקסען ווען פלאָרוס האָט געשיקט צום פערוואַלטער פון בית־המקדש אַ בעפעהל — אַרויסצוגעבען איהם פון דער קאַסע פון בית־המקדש 17 טאַלאַנטען גאָלד. די חוצפה'דיגע פאָדערונג פון דעם שטאַט־האַלטער איז ענטזאַגט געוואָרען; דאָס פאָלק האָט אָפען געזידעלט און געשאָלטען פלאָרוס'ן: אייניגע אידען זיינען אַרומגעגאַנגען אין די גאַסען מיט פושקעס אין די הענד און האָבען אויף חוזק געבעטען ביי די פאַרביינגעהער אַ נדבה פאַר'ן „אָרימען, אומגליק־ליכען פלאָרוס". ווען פלאָרוס האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט

ער זיך מיט גרויס רציחה אריינגעריסען אין ירושלים מיט א בעוואַ־פענטען חיל, און האָט געפאָדערט מען זאָל איהם ארויסגעבען דאָס געלט און די מענשען וואָס האָבען איהם בעליידיגט. די אידען האָ־בען איהם ענטזאגט. דאן האָט ער געהייסען זיינע סאָלדאטען צו רויבען דעם אזוי גערופענעם „אויבערשטען מארק", וואו עס האָבען זיך געפונען די הייזער פון די רייכע. עס האָט זיך אָנגעהויבען א שרעקליכע שחיטה. אומזיסט האָט אגריפּאַס'עס שוועסטער, בער־ניקא, זיך געבעטען ביי פלאָרוס'ן ער זאָל אָבשטעלען דעם פּאָג־ראָם; דער פּראָקוראַטאָר איז געבליבען אונגעריהרט. נאָר דאָ האָט זיך דאָס פאָלק אליין געשטעלט פאר זיך. ווען פלאָרוס האָט אריינ־געפיהרט אין דער הויפּטשטאָדט פרישען חיל, כדי צו פערכאַפּען דעם בית המקדש, האָט זיך די בעפעלקערונג גענומען פאר די וואָ־פען. די צורייצטע אידען האָבען זיך ווי א כוואַליע א גאַס געטהאָן אויף די גאסען, וועלכע האָבען געפיהרט צום הר־הבית, האָבען ארויס־געשטופּט פון דאָרט די רוימישע סאָלדאטען, שיסענדיג אויף זיי פון די דעכער, און ענדליך געצוואונגען פלאָרוס'ן אוועקצוגעהן מיט א טייל פון זיין חיל פון ירושלים צוריק קיין קסריה.

פונדעסטוועגען זיינען אין אָנפאנג ניט אלע אידען צוגע־שטאנען צו דער מרידה. דעם קאמפּף מיט די רוימער האָבען געפיהרט דער עיקר די אָרימסטע קלאסען פון פאָלק און די הייסע פאטריאָטען, וועלכע האָבען זיך גערופען „זעלאָטען". בראש פון די זעלאָטען איז געשטאנען אליעזר בן־חנניה, פון דער משפּחה פון די כהנים־גדולים. אָבער די רייכע, וואָס האָבען מורא געהאט פאר זייער פערמעגען, זיינען געשטאנען פאר פריעדען מיט די רוימער; דער פיהרער פון דער פריעדליכער פּארטיי איז געווען אגריפּאַס דער צווייטער. ווען עס איז פאָרגעקומען דער אויבען־בעשריבענער צוזאמענשטויס צווישען די אידען און פלאָרוס'ן, האָט דער הויפּט־פּראָקוראטאָר פון סיריען, צעסטיוס גאַלוס, אוועקגעשיקט קיין ירושלים א שליח אויסצופאָרשען די אורזאַ־כען פון דעם אויפשטאנד. אין דער אָנוועזענהייט פון דעם דאָ־זיגען שליח האָט אגריפּאַס פאר א פאָלקס־פערזאמלונג געהאלטען א לאנגע רעדע און האָט שטארק איינגערעדט די אידען, אז זיי זאָלען ניט אָנפאנגען קיין געפעהרליכע מלחמה מיט דער מעכ־

טיגער רוים. די רעדע האָט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק אויף די צוהערער; זיי האָבען זיך ערקלערט גרייט אונטערצוגעבען צום רוימישען אימפּעראַטאָר און ווידער צאָהלען שטייערען. אָבער ווען אַגריפּאַס האָט ווייטער פאָרגעלעגט, אַז דאָס פאָלק זאָל אַנער־קענען אויף די הערשאַפט פון דעם פערהאַסטען פלאָרוס׳ן, זיי־נען די צוהערער שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרען. די אויפגעבראַכטע מאַסע האָט אַנגערופען אַגריפּאַס׳ן פעררעטער און האָט איהם געצוואונגען צו אַנטלויפען. די קריעגערישע פּאַרטיי האָט געקראָגען די אויבערהאַנד, און דער אויפשטאַנד האָט זיך ווידער צופלאַקערט. די כהנים האָבען אויפגעהערט ברענגען דעם טעג־ליכען קרבן פאַר׳ן רוימישען קיסר — וואָס האָט בעדייט אַ ריס מיט רוים. די פריעדליכע פּאַרטיי האָט קריטיקירט די אויפ־פיהרונג פון די זעלאָטען און האָט אפילו אָנגעהויבען מיט זיי אַ קאַמפּף. זיבען טעג האָט געדויערט דער פערצווייפעלטער קאַמפּף צווישען אַגריפּאַס׳עס מחנות און די זעלאָטען, ביז די לעצטע האָ־בען ענדליך געזיעגט. די צעווילדעטע זעלאָטען (סיקאַריער) האָבען פערברענט די פּאַלאַצען פון אַגריפּאַס און בערעניקאַ און האָבען גע׳הרג׳עט אַ סך אידען, וואָס זיי האָבען חושד געווען אין פריינדשאַפט צו די רוימער.

ווען דער הויפּט פּראָקוראַטאָר פון סיריען, צעסטיוס גאַלוס, האָט זיך דערוואוסט וואָס עס טהוט זיך אין ירושלים, איז ער אַליין אַוועק אַהין מיט אַ גרויסען חיל איינצושטילען די מרידה. פערוויס־טענדיג אַלץ אויף זייער וועג, איז דאָס חיל אונטערגעקומען צו ירושלים אין די טעג פון סוכות (66). צוליעב דער נאָהנטער גע־פאַהר האָט זיך די אַרמיי פון די זעלאָטען שטאַרק פערגרעסערט. איהר הויפּט פיהרער איז געווען דער גביר שמעון בר־גיורא. צו־ציהענדיג צו זיך אַ גרויסען טייל פון פאָלק, זיינען די זעלאָטען אַרויס פון ירושלים געגען צעסטיוס׳עס לעגיאָנען און מיט אַ פער־איניגטער אַטאַקע האָבען זיי געבראַכט אַ שרעקליכע צומישונג אין די פיינדליכע רייהען. די רוימער זיינען אָבגעטראָטען פון ירושלים, נאָר אין עטליכע טעג אַרום זיינען זיי ווידער אונטערגע־קומען און האָבען אָנגעהויבען אַ בעלאַגערונג. זיי האָבען פערנומען די אויסערליכע ניט בעפעסטיגטע טיילען פון שטאָדט, אָבער זיי

האָבען ניט געקענט בייקומען די אידען, וועלכע האָבען מוטיג פער־טיידיגט די אינערליכע שטאָדט. דאן האָט צעסטיוס בעפעהלען ארונטערצונעהמען די בעלאַגערונג און אָבטרעטען פון שטאָדט. דער־הערענדיג, אז דער שונא געהט אוועק, האָבען די אידישע קריעגער איהם גענומען נאָכיאָגען און געבראכט אויף איהם א שרעקליכע מפּלה. צעסטיוס איז מיט חרפּה אנטלאָפען מיט דעם רעשט פון זיין חיל. דער דאָזיגער זיעג איבער דעם רוימישען הויפּט־קאָמאנ־דיר האָט צוגעגעבען מוט די אידען. צו דער פּארטיי פון די זעלאָטען זיינען אריבער אפילו א סך געלאסענע מענשען, וועלכע האָבען מורא געהאט פאר א מלחמה מיט רוים. אויף אזא אופן איז דאָס רוב פון פאָלק צוגעשטאנען צו דער מרידה — און אן ענטשיידענדע מלחמה מיט די רוימער איז געוואָרען אונפערמיידליך.

---

זעקסטער קאַפּיטעל.

# די מלחמה מיט די רוימער און דער אונטערגאַנג פון דער אידישער מלוכה.

(66—70)

§39. די פאַרבערייטונגען צו דער מלחמה. די מורדים האָבען פאָראויסגעזעהן, אז דער רוימישער אימפּעראטאָר וועט אין גיכען שיקען א גרויסען חיל איינצושטילען דאָס הארטנעקיגע פאָלק, האָבען זיי זיך דעריבער גענומען שטארק גרייטען צו פערטיידיגען זייער פאטערלאנד. עס איז געגרינדעט געוואָרען א צייטוויילינע רעגירונג פון אריסטאָקראטען און פּרושים. דער סנהדרין, בראש פון וועלכען עס איז דעמאָלט געשטאנען שמעון בן־גמליאל (הלל׳ס אור־אייניקעל), האָט אויסגעארבייט א קלאָרען פּלאן ווי אזוי צו פערטיידיגען יהודה אין פאל דער שונא וועט קומען. אלס הויפּט־בעאמטע פון ירושלים האָט דער סנהדרין בעשטימט יוסף בן־גוריון און דעם כהן־גדול חנניה. זיי האָבען טיכטיג בעפעסטיגט די הויפּט־שטאָדט, האָבען געזאמעלט זעלנער, און האָבען אָנגעגרייט גענוג געוועהר און עסענוואַרג. מען האָט גערעכענט, אז די רוימער ווע־

לען אונטערקומען ניט דורך דער נעהנטסטער האפען־שטאָדט, נאָר זיי וועלען זיך לאָזען פון סיריען מיט א טרוקענעם וועג דורך גליל. דעריבער האָט מען זיך דאָ מעהר ווי איבעראל געגרייט פאר דער פערטיידיגונג. אלס קאָמאנדיר פון דעם חיל אין גליל איז געשטעלט געוואָרען יוסף בן־מתתיהו, וועלכער איז שפּעטער בעריהמט געוואָרען אלס היסטאָריקער אונטער'ן נאָמען יוסיפוס פלאוויוס. אונטער זיין פיהרערשאפט זיינען די וויכטיגסטע שטעדט פון גליל שטארק בעפעסטיגט געוואָרען און זיינען בעזאָרגט געוואָרען מיט גענוג חיל און וואפען.

כדי די אלע הכנות זאָלען ברענגען צום געווינשטען ציעל, איז נויטיג געווען, אז צווישען אלע טיילען פון פאָלק זאָל הערשען פאָלשטענדיגע אחדות. נאָר צום אומגליק האָט זיך ביים פאָלק און ביי די פיהרער ארויסגעוויזען א געפעהרליכע צוריסענקייט. אין סנהדרין אליין איז איין צד געשטאנען פאר אן ענטשיידענער מלחמה מיט די רוימער, ביז דאָס פאָטערלאנד וועט אינגאנצען בעפרייט ווערען, און דער אנדערער צד, פאָראויסזעהענדיג אז אזא מלחמה וועט זיין נפלאָז, איז גרייט געווען צו מאכען שלום מיט דער הערשאפט פון די רוימער, אבי נאָר די אידען זאָלען האָבען די פרייהייט פון אינערליכען, גייסטיגען לעבען. אין פאָלק האָבען געקעמפפט צוויי פאַרטייען: די רעוואָלוציאָנערע זעלאָטען און די אָנהענגער פון פריעדען. דער קאָמאנדיר פון גליל, יוסף בן־מתתיהו, איז אין הארצען אויך געווען א נעגנער פון מלחמה, אבוואָהל צוליעב אנדערע געפיהלען. ער האָט אבגעשטאמט פון די כהנים און אין דער יוגענד האָט ער געקראָגען זיין ערציהונג אין דער שולע פון די פרושים. נאָר ווען ער איז אלט געווען זעקס־און־צוואנציג יאָהר איז ער אוועק קיין רוים, און דאָרט, אין דער געזעלשאפט פון די געבילדעטע רוימער, האָט ער אין פיעלעס געביטען זיינע איבערצייגונגען. ער האָט איינגעזעהן, אז נאָר אין רעליגיאָן און מאָראל שטעהען די אידען העכער פון די רוימער, אָבער אין רעגירונג און אין וועלטליכער בילדונג שטייגען די רוימער איבער די אידען. יוסף האָט גערעכענט, אז יהודה, אזוי ווי די אנדערע קליינע מלוכות פון מזרח, קען נאָך געווינען דערפון, וואָס זי וועט זיך געפינען אונטער דער הערשאפט פון אזא שטארקער מאכט ווי רוים. צו האַלטען מלחמה מיט רוים

האָט זיך איהם אויסגעוויזען אלס געפעהרליך, ווייל אין דעם דאָזיגען אונגלייכען קאמפף וועט די קליינע יהודה מוזען פאַלען און איהר פאָלק וועט צושפרייט ווערען איבער אַלע לענדער. מיט אזעלכע איבערצייגונגען האָט יוסף ניט געקענט שטרענג דערפילען זיין פליכט אלס קאָמאנדיר פון דער גליל׳ער ארמיי. דאָס האָט פערשטאַנען איינער פון די הויפטפיהרער פון די זעלאָטען אין גליל, יוחנן, פון דעם שטעדטעל גוש־חלב, וועלכער איז געווען א העלדישער מענש און איז געווען דורכגעדרונגען מיט א גרויסער ליעבע צום פאטער־לאַנד און מיט האס צו איהרע אונטערדריקער. יוחנן האָט בע־מערקט אין דער אויפיהרונג פון יוסף׳ן א נייגונג ניט צו קאמפף, נאָר צו שלום מיט די רוימער. ער האָט באַלד געלאָזט וויסען דעם סנהדרין, אז עס איז געפעהרליך צו פערטרויען די פערטיידיגונג פון גליל צו אזא מענשען ווי יוסף. נאָר יוסף האָט זיך ריינגעוואשען פאר׳ן סנהדרין און האָט בעוויזען, אז יוחנן׳ס מורא האָט נישט קיין שום גרונד. ער איז געבליבען דער הויפט־קאָמאנדיר פון דער גליל׳ער ארמיי — און דאָס האָט אין גיכען געפיהרט צו זעהר א טרויעריגען סוף.

§40. די מלחמה אין גליל. דער אימפעראַטאָר נירון האָט געקראָגען די נאכריכט וועגען דעם אויפשטאַנד פון די אידען, אין דער צייט ווען ער האָט פערבראַכט אין גריכענלאנד ביי די אָלימפּישע שפּיעלען און האָט דאָרט אָבגעהאַלטען פרעהליכע פעסטען. ער האָט באַלד אוועקגעשיקט דעם בעסטען פון זיינע קריעגספיהרער, וועס־פּאַסיאַנוס׳ען, איינצושטילען די מרידה. אין אָנהויב פון יאָהר 67 האָט וועספּאַסיאַנוס צוזאַמענגעצויגען צו די גרעניצען פון יהודה אַלע רוימישע חילות, וואָס האָבען זיך געפונען אויפ׳ן מזרח. זיין ארמיי האָט בעטראָפען ביז זעכציג טויזענד מאַן. אין דער דאָזיגער ארמיי האָט זיך געפונען, אלס רוימישער וואסאַל, אגריפּאַס דער צווייטער מיט זיין חיל, און אזוי איז אויסגעקומען, אז אַן אָבגע־שטאַמטער פון די אידישע מלכים האָט געדאַרפט ארויסטרעטען גע־גען זיין אייגענעם פאָלק. מיט אגריפּאַס׳ן אין לאַגער איז געווען זיין שוועסטער, די שעהנע בערעניקאַ. דאָ האָט זי זיך בעקענט מיט וועספּאַסיאַנוס׳עס זוהן, טיטוס, וועלכער האָט קאָמאַנדירט עטליכע פאָלקען, און זי האָט איהם בעצויבערט מיט איהר שעהנקייט.

יאזעפוס פלאוויוס.

עס איז געוואָרען אַ נאָהנטע פריינדשאַפט צווישען דער אידישער פרינצעסין און דעם יעניגען, וואָס איז געשיקט געוואָרען צו דער־לאַנגען דעם לעצטען קלאַפּ דער אידישער מלוכה.

וועספּאַסיאַנוס האָט אָנגעהויבען דערמיט, וואָס ער איז מיט אַן אָבגעקליבענער אַרמיי אַריין אין גליל, וועלכע ער האָט געמוזט איינגעהמען, איידער ער האָט געקענט געהן אויף ירושלים. אַ שרעק האָט אַרומגעכאַפּט די איינוואוינער פון גליל, וועלכע האָבען קיינמאָל ניט געזעהן אַזאַ גרויסע פיינדליכע אַרמיי. יוסף בן־מתתיהו איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך דערשראָקען פאַר דער מאַכט פון די רוימער. ער איז אָבגעטראָטען צו טבריה, אין דער צייט ווען דער שונא איז געגאַנגען פאָרווערטס און האָט איינגענומען איין שטאָדט נאָך דער אַנדערער. די איינוואוינער פון דיזע שטעדט האָ־בען אַרויסגעשטעלט אַ פערצווייפעלטען ווידערשטאַנד, אָבער זיי האָבען דאָך ניט געקענט ביישטעהן געגען וועספּאַסיאַנוס׳עס ריע־זיגע מחנות. בלויז די שטאָדט יודפת, וואָס איז געווען בעפעסטיגט פון דער נאַטור אליין און וואָס יוסף האָט פערוואַנדעלט אין אַן אונ־צוטריטליכער פעסטונג, האָט אָבגעשטעלט אויף אַ צייט דעם גאַנג פון די רוימער. יודפת איז געשטאַנען אויף אַ הויכען פעלז, וואָס איז געווען אַרומגערינגעלט מיט טיעפע טאָלען, און די איינציגע זייט, פון וועלכער עס איז מעגליך געווען צוצוגעהן, איז געווען פער־צאַמט מיט גראָבענס און טהורמס. דאָ האָט זיך עס יוסף פאַר־שפּאַרט מיט אַ גרויסען טייל פון זיין חיל. וועספּיאַסאַנוס האָט צונויפגעזאַמעלט זיין אַרמיי אַרום דער דאָזיגער פעסטונג און האָט אַליין געפיהרט די בעלאַגערונג.

די רוימער האָבען אָהן אויפהער געוואָרפען אין שטאָדט אַריין פיילען, שטיינער און שטיקער ברענענדיגע האָלץ; נאָר די בעלאַ־גערטע פלעגען זיך געשיקט אַרויס׳גנב׳ענען פון שטאָדט און פלעגען אָבטרייבען דעם שונא׳ס מחנות און פערניכטען זייערע בעלאַגערונגס־מאַשינען. ווען די רוימער האָבען צוגערוקט צו דער פעסטונג די „טאַראַנען“ (מאַשינען צו ברעכען ווענט), האָבען די בעלאַגערטע אַרונטערגעלאָזט אַרום די פעסטונגס־ווענד זעק מיט שטרוי, כדי אָבצושוואַכען די קלעפּ פון די דאָזיגע געוועהר, און דערווייל האָבען זיי געוואָרפען אויף די סאָלדאַטען ברענענדיגע שייטער האָלץ און

געגאַסען אויף זיי שוועבעל און זודיגע סמאָלע. אָבער אַלע אָנ־שטרענגונגען פון די פערטיידיגער זיינען געווען אומזיסט. די שטאָדט האָט זיך זעהר געניוטיגט אין וואסער. די אידישע קריגער, אויסגעמאטערטע פון דורשט, וועלכע האָבען בעוואכט די פעסטונג, זיינען איינמאָל פארטאָג איינגעשלאָפען. אַן אריבערגעלאָפענער אידישער קריעגער האָט עס מודיע געווען דעם שונא. זיינען די רוימער באלד צוגעקומען שטיל צו דער פעסטונג און האָבען אריינ־געקלעטערט אויפ׳ן וואנד — און איידער די וואך האָט צייט גע־האט צו קומען צו זיך, איז יודפת געווען גענומען (יוני, יאָהר 67). די צובייזערטע רוימישע סאָלדאטען האָבען געמאכט אַ שרעקליכע שחיטה אין שטאָדט. טויזענדער אידען זיינען אומגעקומען אין יודפת, פיעל פרויען און קינדער זיינען גענומען געוואָרען געפאנגען און זיינען פערקויפט געוואָרען אין קנעכטשאפט. דער קאָמאנדיר יוסף אַליין האָט זיך עטליכע טעג בעהאַלטען אין אַ הייהל מיט פער־ציג חברים. ווען זייער בעהעלטעניש איז ענטדעקט געוואָרען, האָ־בען יוסף׳ס חברים בעשלאָסען בעסער צו דערשטעכען איינער דעם אנדערען, איידער זיך אונטערצוגעבען צו די רוימער. אָבער יוסף איז ארויס פון דער הייהל און איז ערשינען פאר ועספאסיאנוס׳ן און איהם אויסגעדריקט אונטערטעניגקייט. וועספאסיאנוס האָט לכתחילה געהייסען האַלטען יוסף׳ן אונטער וואך, אָבער נאָכדעם האָט ער איהם אָנגעהויבען בעהאנדלען גוט און האָט איהם געלאָזט אין זיין סוויטע. די נאכריכט אַז יודפת איז געפאַלען, האָט ארויס־גערופען גרויס טרויער אין ירושלים. דערוויסענדיג זיך אַז יוסף האָט זיך אונטערגעגעבען צו די רוימער, האָט איהם דאָס פאָלק פערשאָלטען אַלס פעררעטער צום פאָטערלאנד.

נאָכדעם ווי יודפת איז געפאַלען, האָט וועספאסיאנוס בעזיעגט דעם גאנצען גליל. איידער ער האָט זיך געלאָזט געהן אויף ירושלים, האָט ער געלאָזט זיינע אויסגעמאַטערטע סאָלדאטען זיך אויסרוהען און האָט זיי פונאנדערגעשטעלט אויף ווינטערדיגע קווארטירען, נעבען קיסריה־ביים־ים.

§41. די בעלאַגערונג פון ירושלים. די אידען וואָס האָ־בען זיך געראטעוועט פון דער שחיטה אין גליל, און די זעלאָטען פון אנדערע טיילען פון לאנד, האָבען זיך צונויפגעקליבען אין

ירושלים. די הויפּטשטאָדט איז פּערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ קריעגס־לאַגער. אהער האָבען זיך פּערזאַמעלט די מוטינגסטע פּערטיידיגער פון פּאַטערלאַנד. ירושלים איז אין יענער צייט געוועזן אַ גרויסע, שעהנע און גוט בעפעסטיגטע שטאָדט. פון דריי זייטען איז זי געוועזן בעשיצט מיט הויכע פעלזען, וואָס זייערע זייטען זיינען געוועזן כמעט גלייך ווי אַ וואַנד, און דערצו מיט אַ קינסטליכען וואַל. איהר איינציגע אָפענע זייט איז געוועזן בעפעסטיגט מיט אַ דרייענדיגער שטיינערנער וואַנד, מיט אַ סך טהורמס. דער באַרג מוריה, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען דער בית־המקדש, איז געוועזן אַן אונצוטרעטליכע פעסטונג. ביי אַזעלכע אומשטענדען וואָלט די שטאָדט זיך געקענט לאַנג וועהרען געגען דעם שונא, ווען עס וואָלטען אין איהר ניט פּאָרגעקומען קיין מחלוקות צווישען די פערשיידענע פּאַרטייען. די קריעגערישע זעלאָטען האָבען געדענקט, אַז כדי צו געווינען די מלחמה איז נויטיג צו בעזייטיגען פון דער פּיה־רערשאַפט אַלע ליעבהאָבער פון שלום, וועלכע האַלטען דעם קאַמפּף מיט רוים פאַר געפעהרליך. אַזעלכע פריעדענס־ליעבהאָבער זיינען געוועזן אַ סך, סיי אין דעם סנהדרין, סיי צווישען די ירושלים׳ער בירגער. צווישען זיי און די זעלאָטען האָט זיך צופלאַקערט אַ קריעג.

כדי צו אריינצונעהמען די שטאָדט אין זייערע הענד, האָבען די זעלאָטען פערכאַפּט דעם בעפעסטיגטען בית־המקדש און האָבען זיך דאָרט פּאַרזעצט. די פריעדענס־ליעבהאָבער פון דער פּאַרטיי פון דעם כהן־גדול חנניה האָבען ארומגערינגעלט דעם הויף פון בית־המקדש און האָבען בעלאַגערט די זעלאָטען. דעמאָלט האָבען די אָנהענגער פון די זעלאָטען אריינגעלאָזט ביינאַכט אין שטאָדט אריין אַ מחנה אדומים און מיט זייער הילף זיינען זיי בעפאַלען דעם סנהדרין. די בעסטע מיטגליעדער פון סנהדרין זיינען גע׳הרג׳עט געוואָרען, צווישען זיי אויך דער שטאָדט־בעאַמטער יוסף בן־גוריון און דער כהן־גדול חנניה, אויך אַ סך פון דער פריעדענס־פּאַרטיי זיינען היגגעריכטעט געוואָרען. די זעלאָטען האָבען פערבאָטען די איינוואוינער, אונטער טויט שטראָף, צו פערלאָזען די שטאָדט. נאָר אַז די זעלאָטען האָבען בעזיעגט די פריעדענס־פּאַרטיי זיינען זיי אליין צופאַלען געוואָרען אויף פּאַרטייען, וועלכע זיינען בעשטאַנען פון מעסיגע און עקסטע. די מעסיגע זעלאָטען האָבען אויסגעקליבען

פאַר זייער פיהרער אליעזר בן־שמעון; די וועניגער שאַרפע צווישען די גליל'שע זעלאָטען האָבען זיך געפונען אונטער דער פיהרערשאַפט פון יוחנן פון גוש־חלב; אָבער די סאַמע עקסטע פּאַטריאָטען זיי־נען געשטאַנען אונטער דער פיהרערשאַפט פון דעם אונערשראָקענעם העלד שמעון בן גיורא. אַנשטאַט וואָס דיזע אַלע פּאַרטייען זאָלען זיך פעראייניגען צו אַ קאַמפף מיט דעם אַלגעמיינעם שונא, האָבען זיי געפיהרט אַ פערביטערטען קאַמפף איינע מיט די אַנדערע. אין דער צייט פון דיזע צוזאַמענשטויסען זיינען פערניכטעט געוואָרען די ריעזיגע אוצרות תבואה, וואָס די ירושלים'ער גבירים האָבען אָנ־געגרייט און וואָס וואָלט געקלעקט צו שפּייזען די איינוואוינער אַ לאַנגע צייט. אויף אַזאַ אופן האָבען די פערטיידיגער פון פּאַטער־לאַנד, מיט זייערע מחלוקות, בלויז פאַרשנעלערט זיין אונטערגאַנג.

דערווייל זיינען אין רוים פאָרגעקומען וויכטיגע ענדערונגען. דער בלוטדורשטיגער אימפּעראַטאָר נירון איז געשטאָרבען און אין רוים האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ קאַמפף פאַר'ן טראָהן צווישען די פיהרער פון דער אַרמיי. נאָך צוויי יאָהר פון מהומות איז אַלס אימפּעראַטאָר פון רוים אויסגעקליבען געוואָרען דער קריעגספיהרער וועספּאַסיאַנוס, וועלכער האָט זיך דעמאָלט געגרייט צו בעלאַגערען ירושלים. וועספּאַסיאַנוס איז אַוועק קיין רוים און פאַר'ן קאָמאַנדיר איבער דעם חיל, וואָס איז געווען אין יהודה, האָט ער געמאַכט זיין זוהן טיטוס. אין פּסח פון יאָהר 70 האָט טיטוס אַ רוק געטהאָן זיין חיל אויף ירושלים. אין דעם שרעק פאַר דער מעכטיגער אַרמיי און פאַר די מורא'דיגע בעלאַגערונגס־מאַשינען, איז די שנאה צווישען די פּאַרטייען אין דער הויפּטשטאָדט איינגעשטילט געוואָרען, אָב־וואָהל עס איז שוין געווען צו שפּעט. אַלע פּאַרטייען האָבען זיך פעראייניגט צו פערטיידיגען די הייליגע שטאָדט און דעם בית־המקדש. ווען טיטוס האָט פאָרגעלעגט, אַז די שטאָדט זאָל זיך אונטערגעבען מיט גוטען, האָבען די איינוואוינער שאַרף ענטזאַגט און די בעלאַגערונג האָט זיך אָנגעפאַנגען.

די אידישע סאָלדאַטען פלעגען מאַכען אָפטע אויספאַלען פון שטאָדט אויף דעם שונא'ס לאַגער און פלעגען דאָרט אָנמאַכען אַ חורבן. איינמאָל האָבען זיי שיער ניט געפאַנגען טיטוס'ן אליין, וועלכער האָט זיך קוים געראַטעוועט. די דאָזיגע אָפטע אָנפאַלען

פון די אידישע העלדען האָבען געשטערט די רוימער צו־צופיהרען צום שטאָדט זייערע גרויסע בעלאַגערונגס־מאַשינען. נאָר ענדליך, נאָך שווערע פערלוסטען, איז די רוימער געלונגען ארומצורינגלען די שטאָדט מיט הויכע וואַלען און אוועקשטעלען אויף זיי מאַשינען צו וואַרפען פיילען. פון די דאָזיגע וואַלען פלעגען זיי שיסען אין שטאָדט אריין און פערשפרייטען טויט און פערוויסטונג צווישען דער בעפעלקערונג. אין דערזעלבער צייט זיינען צוגערוקט געוואָרען צו ירושלים גרויסע אייזערנע טאַראַנען, וועלכע האָבען אָנגעהויבען צו שמעטערען די שטאַרקע וואַנד ארום שטאָדט. די בעלאַגערטע, אונטער דער פיהרערשאַפט פון יוחנן פון גוש־חלב, פלעגען זיך ווידער אלע מאָל ארויסכאַפּען פון שטאָדט, פלעגען צוברעכען די בעלאַגערונגס־מאַשינען, פערניכטען דעם שונא׳ס קליינע מחנות און בכלל זיך שלאָגען מיט אונגעוועהנליכער העלדישקייט. אָבער זיי האָבען דאָך ניט געקענט ביישטעהן די מיליטערישע טאַקטיק און די שטאַרקערע מאַכט פון די רוימער. אין מאַי האָט דער שונא גענומען די אויסערליכע וואַנד פון שטאָדט, און שפּעטער, נאָך אַ בלוטיגער שלאַכט פון פינף טעג, איז געפאַלען אויך די צווייטע אינווענייגסטע וואַנד.

אָבער דאָס שווערסטע איז נאָך געקומען שפּעטער. דער שונא האָט נאָך געדאַרפט נעהמען די שטאַרק בעפעסטיגטע העכערע שטאָדט און דעם הר־הבית. אנטקעגען די דאָזיגע צוויי פונקטען האָט טיטוס געהייסען אויפשיטען פיער וואַלען און ארויפשטעלען אויף זיי שטורם־בעק. פיער לעגיאָנען האָבען געאַרבייט אָהן אויפהער אויף די דאָזיגע פּאָזיציעס. נאָר די בעלאַגערטע זיינען אויך ניט געזעסען מיט צונויפגעלעגטע הענד. די פערטיידיגונג פון דער אויבערשטער שטאָדט האָט געפיהרט שמעון בר־גיורא, און דעם הר־הבית האָט פערטיידיגט יוחנן פון גוש־חלב. זיי האָבען ביידע געשאָסען אויף די רוימער פון זייערע שליידער־מאַשינען און געשטערט די ארבייט פון אָנשיטען די וואַלען. טיטוס האָט נאָכאמאָל געפּרובט צו איבעררייידען די אידישע העלדען זיי זאָלען זיך אונטערגעבען און האָט געשיקט צו זיי יוסיפוס פלאַוויוס׳ן, דעם געוועזענעם גליל׳ישען קאָמאַנדיר. יוסף האָט זיך געשטעלט אויף אַ הויכען וואַל נעגען דער פעסטונג און האָט פון דאָרט געהאַלטען אַ

דערע צו די בעלאגערטע און האָט זיי איינגערעדט זיך אונטערצו־
געבען צו טיטוס'ן און דערמיט כאָטש רעטען דעם בית־המקדש פון
חרב ווערען. אָבער די אידען האָבען ניט געפאָלגט יוספ'ן, וועלכען
זיי האָבען געהאַלטען פאַר אַ פעררעטער; זיי האָבען זיך ווייטער
געשלאָגען מיט'ן פעסטען בעשלוס צו זיעגען אָדער שטארבען.

§42. חורבן ירושלים (אין יאָהר 70). דערווייל איז דער
הונגער אין ירושלים געוואָרען אַלץ שרעקליכער. די אָנגעגרייטע
תבואה איז שוין לאַנג אויסגעגאַנגען. די רייכע פלעגען אָבגעבען
זייערע אוצרות, די אָרימע — זייער לעצטען פאַרמעגען פאַר אַ שטי־
קעל ברויט. אין זכרון פון פאָלק זיינען געבליבען שוידערליכע
מעשות פון דיזער צייט. מרתא, די רייכע אלמנה פון דעם כהן־
גדול יהושע בן־גמליאל, וואָס אַמאָל ווען זי פלעגט געהן אין בית־
המקדש פלעגט מען איהר וועג אויסשפּרייטען מיט פּרעכטיגע טע־
פּיכען, האָט געמוזט שטילען איהר הונגער מיט ארויסגעוואָרפענע
שטיקלעך, וואָס זי פלעגט אויפקלייבען אין גאַס; אַן אַנדער רייכע
פרוי איז דורך דעם הונגער געבראַכט געוואָרען דערצו, אַז זי האָט
געקוילעט און אויפגעגעסען איהר אייגען קינד. די גאַסען זיינען
געווען בעדעקט מיט טויטע קערפּערס, אָדער מיט פער'חלש'טע
מענשען. עס איז קיין צייט ניט געווען צו בעגראָבען די טויטע. די
טויטע קערפּער, וואָס האָבען זיך געוואַלגערט אומעטום, האָבען פאַר־
פּעסטעט די לופט. הונגער, מגפה און דעם שונא'ס פיילען האָבען
אַלע צוזאַמען געמאַכט אַ חורבן אין די רייהען פון די פערטיידיגער,
אָבער די איבערגעבליבענע האָבען נאָך אַלץ ניט פערלאָרען זייער
מוט. די דאָזיגע העלדישקייט און עקשנות פון די אידען האָבען
איבערראַשט אפילו די העלדישע רוימער.

ענדליך האָט דער שונא געווענדט זיינע בעלאַגערונגס־מאַשינען
געגען די פעסטונגען פון בית־המקדש. ווען די רוימער האָבען איינ־
גענומען דעם הויפּט טהורם אַנטאָניאַ, האָבען זיי פּלוצלינג דער־
זעהן פאַר זיך גראָבע ווענד, וואָס האָבען ארומגערינגעלט דעם הויף
פון בית־המקדש. אַזוי ווי דורכצוברעכען דיזע ווענד איז געווען
אוממעגליך, האָט טיטוס אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל אונטערצוצינדען
די אויסערליכע טויערען, פון וועלכע עס האָט זיך געצויגען אַ רייהע
זיילען ביז'ן סאַמע בית־המקדש. די שלאַכט האָט זיך צוּבּרענגט

אין דעם ברייטען הויף פון בית־המקדש; די אידישע קריגער האָ־ בען זיך געשלאָגען ווי די לייבען, און יעדער טריט אויפ'ן וועג צום בית־המקדש האָט געקאָסט דעם שונא טייכען בלוט. פּלוצלינג האָט א רוימישער סאָלדאט געכאפּט א ברענענדיגען שייט האָלץ און האָט אָם אריינגעוואָרפען אינוועניג אין בית־המקדש, דורכ'ן פענסטער. די הילצערנע טיילען אין די חדרים פון בית־המקדש האָבען זיך באלד אָנגעצונדען און אין גיכען איז דער גאַנצער בית־המקדש איינגעווי־ קעלט געוואָרען אין פלאַמען. טיטוס, וועלכער האָט זיך באלד א יאָג געטהאָן אהין, האָט הויך געשריען צו די סאָלדאטען זיי זאָלען איינלעשען די שרפה און ראטעווען דעם פּראכטפולען בנין; נאָר צוליעב דעם בעטויבענדען קראכען פון די פאלענדע געביידעס, די פערצווייפעלטע געשרייען פון די בעלאגערטע און צוליעב דעם קלאַנג פון די געוועהר איז אונמעגליך געווען צו הערען דעם קול פון דעם הויפּט־קאָמאנדיר. די צעווילדעטע רוימער האָבען זיך א וואָרף געטהאָן אין די חדרים וואָס האָבען נאָך ניט געברענט, כדי צו רויבען די אוצרות וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען, אָבער זיי האָבען גע־ קענט אריינדרינגען אהין בלויז איבער די קערפּער פון די אידישע קריעגער, וואָס האָבען געפיהרט מיט זיי א פערצווייפעלטען קאמפף אינמיטען דער שרפה. דאָ האָבען די געפיהלען זיך שוין פאנאנ־ דערגעשפּיעלט און די זיעגער האָבען פרייגעלאָזט זייער צאָרן. אלטע לייט, פרויען און קינדער האָט מען אָהן רחמנות גע'הרג'עט; א סך אידען האָבען געפונען זייער טויט אין פייער, אין וועלכען זיי האָ־ בען זיך אליין אריינגעוואָרפען. דער בית־המקדש, דער שטאָלץ פון יהודה, איז פערוואנדעלט געוואָרען אין א הורבע אש; ער איז חרב געוואָרען אין דיזעלבע טעג (ניינטען און צעהנטען אָב), אין וועלכע עס איז אמאָל חרב געוואָרען דער ערשטער בית־המקדש דורך נבוכדנאצר'ן. פון די כלים פון בית־המקדש זיינען גאַנץ גע־ בליבען בלויז די מנורה, דער הייליגער טיש (שולחן הפנים) און א ספר־תורה. טיטוס האָט זיי געהייסען צונעהמען און היטען אלס אנדענק פון דעם זיעג.

דערמיט האָט זיך נאָך ניט געענדיגט די עראָבערונג פון ירושלים. אין איין קווארטאל פון שטאָדט, וועלכע האָט זיך אָנגערופען די „אויבערשטע שטאָדט", האָבען זיך פארשפּארט

די העלדען יוחנן פון גוש־חלב און שמעון בן־גיורא מיט דעם רעשט פון זייערע מחנות. זיי האבען ערקלערט, אז זיי וועלען נאר דעמאלט אונטערגעבען דיזען טייל פון שטאדט צו טיטוס'ן ווען מען וועט זיי ערלויבען ארויסצוגעהן פון דארטען פריי מיט די געוועהר אין די הענד. טיטוס האט דערויף ניט מסכים געווען און די מלחמה האט זיך בעגייט. די אויבערשטע שטאדט איז גענומען געווארען פון די רוימער און איז חרב געווארען. די פיהרער יוחנן און שמעון, וועלכע האבען זיך בעהאלטען אונטער דער ערד זיינען פון דארט ארויס אויסגעמאטערטע פון הונגער, און זיינען אריינגעפאלען אין די הענד פון די רוימער. מען האט זיי אוועקגעפיהרט קיין רוים געשמיעדט אין קייטען.

§43. דער אונטערגאנג פון יהודה. מיט'ן חורבן פון ירושלים איז אינגאנצען געפאלען די אידישע מלוכה. דער דאזיגער זעלטענער קאמפף אין דער געשיכטע, דער קאמפף פון א קליינער מלוכה מיט דער גרעסטער אימפעריע פון דער וועלט — האט פערשלונגען אונגעהייער פיעל קרבנות: ארום א מיליאן אידען זיינען אומגעקומען אין דער מלחמה מיט די רוימער (66—70) און ארום הונדערט טויזענד זיינען אוועקגעפיהרט געווארען געפאנגען. פון די דאזיגע געפאנגענע זיינען אייניגע געטויט געווארען, אנדערע זיינען פערשיקט געווארען אויף שווערע ארבייט אדער זיינען פערקויפט געווארען אין קנעכטשאפט אויף די מערק פון אזיען און אפריקא. די געזינטערע און שעהנערע פון זיי האט מען איבערגעלאזט צו ראנגלען זיך מיט די ווילדע חיות אין די רוימישע צירקען און אויך צו בעגלייטען טיטוס'ן ביי זיין פייערליכען אריינפאהר אין רוים. ווען טיטוס האט געפייערט די געבורטסטעג פון זיין פאטער און פון זיין ברודער, האט ער געמאכט מיליטערישע שפיעלען און גלאדיאטארישע געשלעגען, ביי וועלכע מען האט א סך געפאנגענע אידען געווארפען צו די ווילדע חיות, צוריסען צו ווערען, כדי צו אונטערהאלטען דעם עולם. נאכדעם האט טיטוס זיך אומגעקערט קיין רוים מיט פיעל רויב און א מאסע אידישע געפאנגענע. דא האט דער אימפעראטאר וועספאסיאנוס געמאכט א פייערליכע פראצעסיע איבער'ן שטאדט לכבוד דעם זיעג איבער יהודה. פאראויס פון דעם אימפעראטאר און זיי־

טיטוס'עס טויער אין רוים אין אָנדענק פון זיין זיעג איבער ירושלים.

נע צוויי זיהן, טיטוס און דאמיציאנוס, זיינען געגאנגען אין קיי־
טען די געפאנגענע אידען; דא האט מען אויך געפיהרט די היי־
ליגע כלים, וועלכע זיינען צוגענומען געווארען פון בית־המקדש.
ווען די פראצעסיע איז צוגעקומען צום טעמפעל פון יופיטער, האט
מען פון צווישען די אידישע געפאנגענע ארויסגעפיהרט דעם קא־
מאנדיר שמעון בן־גיורא, מען האט ארויפגעווארפען אויף איהם
א שטריק און איהם אריינגעשלעפט אין געפענגנים, נעבען דעם
פארום, און דארטען האט מען הינגעריכט דעם אידישען העלד.
דער עולם אין דרויסען האט מיט פרייד־געשרייען אויפגענומען די
נאכריכט פון זיין טויט. דער אנדערער פיהרער יוחנן פון גוש־
חלב איז פעראורטיילט געווארען אויף לעבענסלענגליכע געפענג־
נים. אין אנדענק פון דעם זיעג, האבען די רוימער אויסגעגאסען
בעזונדערע מטבעות מיט דעם בילד פון א פרוי, געשמיעדט אין
קייטען און אונטערגעשריבען: „יודעא קאפטא, יודעא דעוויקטא“,
די געפאנגענע יהודה, די בעזיעגטע יהודה.

נאכ'ן חורבן פון ירושלים זיינען אין יהודה געבליבען דריי
פעסטונגען. די שטארקסטע פון זיי, מסדה, (נעבען טויטען ים)
האבען די רוימער גענומען אין דריי יאהר ארום נאך טיטוס'עס
אוועקגאנג (73). די העלדישע פערטיידיגער פון מסדה האבען
זיך געשלאגען ביז'ן לעצטען טראפען בלוט פאר דיזער לעצטער
שטיצע פון פאטערלאנד. אלע אידישע קריעגער וואס האבען
זיך געפונען אין פעסטונג (ארום טויזענד), האבען, בעגייסטערט
פון א רעדע פון זייער פיהרער אליעזר בן־יאיר, דערשטאכען
מיט שווערדען זייערע ווייבער און קינדער, און דערנאך זיך
אליין, כדי ניט אריינצופאלען אויף שפאט אין די הענד פון דעם
שונא. ווען די רוימער זיינען אריין אין מערה, האבען זיי
געפונען לעבעדיג נאר צוויי פרויען מיט פינף קינדער.

דאס גאנצע לאנד יהודה איז ערקלערט געווארען פאר'ן איי־
גענטום פון די רוימישע קיסרים. שטיקער לאנד זיינען טיילווייז
צוטיילט געווארען צו רוימישע סאלדאטען וואס האבען זיך דארט
בעזעצט, און טיילווייז זיינען זיי פערקויפט געווארען צו אנדערע
נעצענדיענער, בלויז א קליינע פראווינץ איז אבגעטיילט געווארען
פאר די געבליבענע אידען צום וואוינען. דעם שטייער פון א האל־

בען שקל, וואָס פריהער האָט יעדער איד געצאָהלט פאַר'ן בית־המקדש, האָט מען איצט בעפעהלען אויפצומאָנען פאַר'ן טעמפעל פון יופיטער אין רוים.

די איבערגעבליבענע פון דער זעלאָטישער פּאַרטיי, וועלכע זיינען אנטלאָפען פון יהודה, האָבען געפונען רוה אין מצרים, זייענדיג דורכגעדרונגען מיט א האס צו רוים האָבען דיזע „לעצטע קנאים" אויפגעמונטערט די עגיפּטישע אידען צו אַן אויפשטאַנד געגען די רוימער אָבער די דאָזיגע אונטערנעהמונג האָט זיך ניט איינגעגעבען. וועספּאַסיאַנוס האָט דעם אויפשטאַנד שנעל דערשטיקט. בכדי צוצונעהמען ביי די אידען זייער לעצטעם הייליגטום, האָט ער בעפעהלען צו פערניכטען דעם בית המקדש, וואָס זיי האָבען געהאט אין מצרים (73).

אגריפּאַס דער צווייטער, דער זוהן פון דעם לעצטען קעניג פון יהודה, האָט אויפגעהיט זיין קליינע סירישע קעניגרייך, און האָט געלעבט אמאָל אין רוים און אמאָל אין זיין מלוכה. וועספּאַסיאנוס האָט איהם רייך בעלוינט פאַר זיין געטריישאַפט צו רוים און פאַר זיין הילף צו בעזיעגען גליל. אגריפּאַס'עס שוועסטער בערעניקא האָט געלעבט ביי טיטוס'ן אין פּאַלאַץ אין רוים. טיטוס האָט מיט איהר ניט חתונה געהאט, ווייל ער האָט מורא געהאט, אז די רוימער וועלען זיין אונצופריעדען אויב ער וועט זיך משדך זיין מיט א אידישער פרוי; בערעניקא האָט זיך אַן ענטוישטע אומגעקערט קיין פּאַלעסטינא.

יוסיפוס פלאוויוס האָט געלעבט ביים רוימישען הויף ביז זיינע לעצטע טעג. ער איז געווען אַן אונפעהיגער קריעגספיהרער, אָבער ער איז בעריהמט געוואָרען אלס היסטאָריקער פון זיין פאָלק. דעם נאָמען פלאוויוס האָט ער געקראָגען פון וועספּאַסיאַנוס'עס פאַמיליען־נאָמען — פלאוויוס, אלס אויסדרוק פון קעניגליכען דאַנק. וועספּאַסיאַנוס האָט געשענקט יוספ'ן גרויסע שטרעקען לאַנד אין יהודה, און האָט איהם אָבגעטראָטען צום וואוינען איינע פון זיינע הייזער אין רוים. דאָ האָט יוסף אָבגעלעבט ארום צוואַנציג יאָהר, און האָט געשריבען זיינע בעריהמטע ווערק — די געשיכטע פון אידישען פאָלק. ער האָט דערצעהלט אויספיהרליך וועגען יענע מלחמות, אין וועלכער

ער אליין האט אנטייל גענומען און האט זיי אליין צוגעזעהן. זיין געשיכטע „די אידישע מלחמות“, איז לכתחילה געשריבען געוואָרען אין העברעאיש, אָבער צו אונז איז זי דערגאנגען בלויז אין איהר גריכישער איבערזעצונג. דערנאָך האט יוסיפוס פלאוויוס אָנגעשריבען אויף גריכיש א ווערק פון צוואנציג ביכער אונטערן נאָמען „אידישע אלטערטימער“, וועלכע ענטהאלט די געשיכטע פון אידישען פאָלק פון די אוראלטע צייטען ביז די לעצטע רוימיש־אידישע מלחמות. די היסטאָרישע ווערק פון

די רוימישע מטבע אין אָנדענק פון אונטערגאנג פון יהודה.

יוסיפוס פלאוויוס צייכנען זיך אויס מיט אן אויסערגעוועהנליכער שעהנקייט פון סטיל און מיט אַן אנציהענדער ערצעהלונגס־פאָרמע. אָבער דער פערפאסער איז אָפטמאל פארטייאיש ווען ער ערקלערט די פאסירונגען פון זיין צייט. ער שטעלט פאָר, צום ביישפיעל, אלע זעלאָטען פאר שלעכטע מענשען, און גיט אָפט די רוימער גערעכט פאר זייער אויפפיהרונג. צו אונז זיינען אויך דערגאנגען א רייהע ווערק אין גרי־

כיש, וועלכע זיינען געשריבען געוואָרען פון אידען אין יהודה אָדער מצרים, אין די לעצטע צוויי הונדערט יאָהר פון דער אי־דישער מלוכה, און וועלכע זיינען ענג פערבונדען מיט דער ביב־לישער ליטעראטור. די דאָזיגע ווערק זיינען בעוואוסט אונטערן נאָמען אפּאָקריפען, אָדער „בעהאלטענע שריפטען“.

די אפּאָקריפען בעשטעהען פון: 1) ספר השמונאים, וואו עס ווערט דערצעהלט וועגען די מלחמות פאר יהודה'ס בעפרייאונג פון סירישען יאָך; 2) משלי יהושע בן־סירא; 3) יהודית, וואו עס ווערט בעשריבען די העלדענטהאט פון א אידישער פרוי יהודית, וועלכע האָט גע'הרג'עט דעם באבילאנישען קריעגספיה־רער האלאפערנעס און האָט דערמיט געראַטעוועט יהודה; 4-5) מאָראלישע ערצעהלונגען טוביה און שושנה; 6) חכמת שלמה און אייניגע אנדערע ספרים. א טייל פון די דאָזיגע ווערק איז געשריבען געוואָרען לכתחילה אין העברעאיש, נאָר שפּעטער זיינען די העברעאישע אָריגינאלען פערלאָרען געגאנגען און עס זיינען געבליבען נאָר די גריכישע איבערזעצונגען פון זיי. איי־ניגע אפּאָקריפען זיינען מיט זייער גייסט זעהר נאָהנט צום תנ"ך (צום ביישפּיעל, די ערשטע טיילען פון „חשמונאים“ און „משלי בן־סירא“), נאָר די חכמים האָבען זיי ניט אריינגענומען צווישען די הייליגע שריפטען, ווייל זיי זיינען געשאַפען געוואָ־רען אין א שפּעטערער צייט.

---

## זיבעטער קאַפּיטעל.

# פון חורבן ירושלים ביז דעם אויפשטאַנד פון בר־כוכבא.

(70—138 יאָהר)

§44. יוחנן בן־זכאי. ווען די אידישע מלוכה האָט נאָך עקזיסטירט און האָט נאָך געקעמפּפט מיט רוים פאר איהר זעלבסט־שטענדיגקייט, האָבען די וויטזיכטיגע גייסטיגע פיהרער פון פאָלק פאָראויסגעזעהן אז דאָס פאָטערלאנד וועט שנעל אונטערגעהן. פונדעסטוועגען האָבען זיי ניט פערלאָרען דעם מוט און האָבען גע־

גלויבט, אז דאָס אידישע פאָלק וועט ניט אונטערגעהן אפילו ווען עס וועט פערלירען זיין מלוכה. די דאָזיגע מענשען האָבען פערשטאַנען, אז די אמת'ע קראַפט פון א פאָלק בעשטעהט ניט אין רעגירונג אָדער אין מיליטערישער מאכט, נאָר אין דעם גייסט, אין דער אינוועניגסטער אחדות, וועלכע קומט ווען דאָס פאָלק איז פעראייניגט אין זיינע געפיהלען, אין זיין גלויבען און אין זיינע זיטען און מנהגים. דעריבער האָבען זיי געאַרבייט צו פערשטאַרקען אין די אידען דעם רעליגיעזען און נאַציאָנאַלען גייסט. דער וויכטיגסטער צווישען זיי איז געווען דער תנא ר' יוחנן בן זכאי, איינער פון די חשוב'סטע מיטגליעדער פון סנהדרין, דער פיהרער פון בית־הלל. ר' יוחנן איז געווען דער פיהרער פון דער פריעדליכער פארטיי און האָט פאָראויסגעזעהען דעם אונטערגאַנג פון יהודה. ער האָט דעריבער בעשלאָסען צוצוגרייטען א פלאַץ וואוהין צו רעטען די גייסטיגע פיהרער פון פאָלק ווען ירושלים וועט חרב ווערען. נישט לאַנג פאַר דער בעלאַגערונג פון ירושלים, ווען די סאָלדאַטען האָבען פערשפּאַרט די טויערען פון דער הויפּטשטאָדט און קיינעם ניט ארויסגעלאָזט, האָט זיך ר' יוחנן מיט זיינע תלמידים ארויסגע'גנב'עט פון שטאָדט אויף א כיטרען אופן: די תלמידים האָבען אָנגעטהאָן דעם גרייז־גרויען יוחנן אין תכריכים, האָבען איהם אריינגעלעגט אין אַן ארון און איהם ארויסגעפיהרט פון שטאָדט אַזוי ווי א מת. ווען זיי זיינען שוין געווען הינטער'ן שטאָדט איז יוחנן אויפגעשטאַנען און איז געקומען צום רוימישען קריעגספיהרער וועספּאַסיאַנוס און האָט איהם געזאָגט: „ערלויב מיר זיך בעזעצען מיט מיינע תלמידים אין דער שטאָדט יבנה און גרינדען דאָרט א ישיבה" (יבנה איז ניט ווייט פון יפו). וועספּאַסיאַנוס האָט פריינדליך אויפגענומען דעם אידישען תנא, וועלכער איז געשטאַנען פאַר שלום מיט די רוימער, און האָט דערפילט זיין בקשה.

אין גיכען נאָכדעם ווי יוחנן האָט זיך בעזעצט אין יבנה, איז אָנגעקומען אהין די שרעקליכע ידיעה אז ירושלים און דער בית־המקדש זיינען חרוב געוואָרען. לאַנג האָבען דער לעהרער און די תלמידים געוויינט אויף'ן גרויסען אומגליק, וואָס האָט געטראָפען זייער פאטערלאַנד. די תלמידים האָבען גערענקט, אז נאָכדעם ווי דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרען און עס האָבען אויפגעהערט

די קרבנות, וועט די אידישע אמונה מוזען אונטערגעהן. אָבער יוחנן האָט זיי געטרייסט, דערמאָנענדיג זיי די ווערטער פון די נביאים, אַז דאָס אמת'ע דיענען צו גאָט בעשטעהט ניט אין ברענגען קרבנות, נאָר אין עהרליכקייט און גוטע מעשים. „פאַר גאָט — האָט ער געזאָגט אין די ווערטער פון תנ"ך — זיינען ליעב גוטע מעשים, און נישט קיין קרבנות. אַזוי ווי פריהער האָט פעראייניגט אַלע אידען דער בית־המקדש, אַזוי דאַרף זיי איצט פעראייניגען די אמונה און איהרע מצוות". צו לערנען תורה האָט יוחנן געגרינדעט די ישיבה אין יבנה, און אויף אַכטונג צו געבען אַז אַלע דינים זאָלען אָבגעהיט ווערען האָט ער אין דערזעלבער שטאָדט געגרינדעט א בית־דין, וואָס איז געווען א נייער סנהדרין, אויף דעם אָרט פון דעם אונטערגעגאַנגענעם סנהדרין אין ירושלים. אונטער דער פיהרערשאַפט פון ר' יוחנן, האָט דער יבנה'ר סנהדרין גענומען ברענגען אין אָרדנונג די גייסטיגע ענינים פון די אידען. עס איז איינגעפיהרט געוואָרען א נייער מין גאָטעסדיענסט, אָהן קרבנות, נאָר אייניגע צערעמאָניעס פון בית־המקדש זיינען אויפגעהיט געוואָרען אַלס אָנדענק פון דער פערגאַנגענהייט (צום ביישפיעל דאָס דוכענען, ד. ה. די צערעמאָניע ביים ענדע פון דאַוונען ווען די כהנים בענשען דאָס פאָלק, דאָס שופר בלאָזען, און א לולב און אתרוג אום סכות א. אַ. וו.)

ניט לאַנג אָבער האָט ר' יוחנן בן־זכאי געפיהרט די גייסטיגע ענינים פון די אידען. ער איז שוין געווען זעהר אַלט און איז געשטאָרבען אין עטליכע יאָהר אַרום נאָכ'ן חורבן ירושלים (80). פאַר'ן טויט האָט ער געבענשט זיינע תלמידים און האָט זיי געזאָגט: זאָל די מורא פאַר גאָט (גייסטיגע דיסציפּלין) זיין אויף אייך אַזוי שטאַרק ווי די מורא פאַר מענשען (מלוכה־דיסציפּלין).

§45. רבי גמליאל דער צווייטער. נאָך ר' יוחנן בן־זכאי'ס טויט איז דער עלטסטער פון דעם סנהדרין אין יבנה געוואָרען גמליאל דער צווייטער, דער זוהן פון שמעון דעם צווייטען, דער לעצטער נשיא פון דעם סנהדרין אין ירושלים. שמעון איז אומגעקומען אין דער צייט פון דער בעלאַגערונג פון ירושלים און יוחנן בן זכאי האָט גענומען זיין יונגען זוהן צו זיך צו ערציהען. יוחנן האָט געהאָדעוועט און געלעהרנט דעם אינגעל אין יבנה און האָט איהם געגרייט צו זיין זיין נאָכפאָלגער. נאָכ'ן טויט

פון זיין ערציהער און לעהרער, איז גמליאל געוואָרען דער ראש פון סנהדרין. ביז דעמאָלט איז דיזער אמט איבערגעגאַנגען בירושה אין הלל׳ס פאַמיליע. די רוימישע הערשער האָבען בעשטעטיגט גמליאל׳ן אין זיין אמט און האָבען איהם געגעבען דעם טיטעל נשיא, אָדער פאַטריאַרך, ד. ה. דער עלטסטער פון די אידען אין פּאַלעסטינא. דער יונגער גמליאל האָט זיך אויסגעצייכענט ניט נאָר אַלס גוטער לעהרער נאָר אויך אַלס פעהיגער פיהרער. אויסער זיין טיעפען וויסען אין דער תורה האָט ער גוט געקענט די רוימישע און גריכישע שפּראַכען, וועלכע זיינען געווען נויטיג אין זיינע בעציהונגען מיט די קעניגליכע פּראָקוראַטאָרען און אַנדערע בע־אמטע.

אין יענער צייט איז אימפּעראַטאָר אין רוים, נאָך טיטוס׳ן, געווען זיין ברודער דאָמיציאַן (81—96). דאָמיציאַן, וועלכער איז געווען א גרויזאַמער מענש און די רוימער אַליין האָבען איהם גע־האַסט, האָט זיך געהאַלטען צו די אידען זעהר פיינדליך. אין זיין צייט האָבען די רוימישע בעאַמטע אין יהודה שטאַרק געדריקט די איינוואוינער און אַרויפגעלעגט אויף זיי א שווערע לאַסט פון שטייערען. די אידישע אמונה איז דעמאָלט אויך געווען אין סכנה, ווארום צווישען די אידען האָבען זיך בעוויזען סעקטען, וועלכע האָבען אָנגענומען די נייע קריסטליכע לעהרע. כדי צו פערפעס־טיגען די אינוועניגסטע איינינקייט פון פאָלק, האָט רבי גמליאל בע־שלאָסען צו פערגרעסערען די מאַכט פון סנהדרין צו מאַכען דינים. דאָס איז געווען זעהר שווער. פון יוחנן בן זכאי׳ס ישיבה זיינען אַרויסגעקומען גרויסע תנאים, ווי צום ביישפּיעל יהושע בן־חנניה און אליעזר בן־הורקנוס, וועלכע האָבען געגרינדעט אין פערשיי־דענע ערטער זייערע אייגענע ישיבות. יעדע ישיבה האָט אויסגע־טייטשט די דינים און די טראַדיציעס פון יודענטום אויף איהר אייגענעם שטייגער; עס האָבען זיך אָנגעהויבען אויף ס׳ניי די אַל־טע מחלוקות צווישען בית־הלל און בית־שמאי. כדי צו מאַכען א סוף צו די מחלוקות פון די געזעץ־לעהרער, האָט גמליאל הנשיא ערקלערט, אַז דער סנהדרין דאַרף יעדען מאָל בעשליסען מיט א מעהרהייט פון שטימען, וועלכע אויסטייטשונג פון א דין איז די ריכטיגע. יענע תנאים, וועלכע האָבען זיך ניט געוואָלט אונטער־

וואַרפֿען צו די בעשלוסען פון דער מעהרהייט אין סנהדרין פלעגט רבי גמליאל אינגאַנצען ניט אַריינלאָזען אין דער ישיבה. אַזאַ מין שטראָף האָט געקראָגען אפילו אליעזר בן־הורקנוס, וועלכער איז געווען זעהר געשעצט ביים פאָלק.

דיזע שטרענגקייט האָט אַרויסגערופען אונצופרידענקייט געגען רבי גמליאל. צווישען די תנאים האָט זיך געגרינדעט אַ פיינדליכע פּאַרטיי געגען דעם נשיא, וועלכע האָט זיך ענטזאָגט איהם צו פאָלגען, און האָט אויסגעקליבען אויף זיין אָרט אַן אַנדער נשיא פון סנהדרין, דעם יונגען תנא אליעזר בן־עזריה. רבי גמליאל האָט זיך אָהן טענות אונטערגעגעבען און איז פערבליבען זיצען אין סנהדרין אַלס געוועהנליכער מיטגליעד. דעמאָלט האָבען אַלע פערשטאַנען, אַז רבי גמליאל איז זיך בעגאַנגען אַזוי שטרענג ניט פון גאוה, נאָר וויל ער האָט באמת געוואָלט מאַכען אַ סוף צו די געפעהרליכע רעליגיעזע מחלוקות. איז גמליאל צוריק ערוועהלט געוואָרען פאָרזיצענדער פון סנהדרין, און אליעזר בן־עזריה איז געבליבען אַלס זיין העלפער. רבי גמליאל האָט מסדר געווען די אָרדנונג און דעם אינהאַלט פון די טעגליכע תפלות: שחרית (מאָרגען־תפלה), מנחה (פאַרנאַכטיגע תפלה) און מעריב (ביינאַכטיגע תפלה). ער האָט אויך איינגעפיהרט די וויכטיגסטע תפלה פון טאָג, שמונה עשרה, וועלכע בעשטעהט פון אַכטצעהן ברכות. אין דיזער תפלה איז יעדער איד מתפלל ניט נאָר פאַר זיין אייגענעם וואוילזיין, נאָר אויך פאַר דער ווידער־אויפלעבונג פון ירושלים און פון דער אידישער מלוכה. כדי די איבעראַל־צושפּרייטע אידען זאָלען וויסען די ריכטיגע צייט פון די ימים־טובים, פלעגט דער יבנה׳ר סנהדרין יעדען מאָל מודיע זיין וועגען דעם די פערוואָרפענע קהלות דורך בעזונדערע שלוחים. כדי אויסצומיידען טעות׳ן, פלעגען די אידישע קהלות אין חוץ לארץ פייערען פסח, שבועות, סוכות און ראש־השנה מיט אַ טאָג מעהר ווי אין ארץ־ישראל. דערפון האָבען זיך גענומען די „אַנדערע טעג“ פון די ימים־טובים.

אין יענע צייטען, ווען דאָס קריסטענטום האָט זיך געהאַלטען שטאַרק אין פערשפּרייטען, זיינען אויך געווען פעלען, וואָס געצענדריענער פלעגען אָננעהמען די אידישע אמונה. אַזעלכע זיינען געווען איינינע נאָהנטע קרובים פון דעם קיסר דאָמיציאַן,

וועלכע האָבען אָבגעהיט די מהגים פון דער אידישער רעליגיאָן. דער גרויזאמער קעניג האָט דערפאר נאָך מעהר פערהאַסט די אי־דען. איין געלעהרטער גריך פון קליין־אזיען, מיט'ן נאָמען עקילס, האָט זיך מגייר געווען און האָט זיך בעפריינדעט מיט רבי גמליאל הנשיא און מיט די אידישע תנאים. אונטער זייער השגחה האָט עקילס געמאכט א ווערטערליכע גריכישע איבערזעצונג פון תנ"ך, אַנשטאט דעם אלטען, צוקאליעטשעטען „תרגום השבעים" (אי־בערזעצונג פון די זיבעציג). אָבער עקילס'עס איבערזעצונג איז צו אינז ניט דערגאנגען, עס איז נאָר געבליבען אן אראמעאישע איבערזעצונג פון דער תורה וואָס איז געמאכט געוואָרען לויט זיין איבערזעצונג, מיט'ן נאָמען „תרגום אונקלוס" (די איבערזעצונג פון אונקלוס, ד. ה. עקילס).

§46. **מהומות אין דער צייט פון טראיאַנוס און האַ־דריאַן.** אין דריי יאָהר ארום נאָך דעם טויט פון דאמיציאן, איז קיסר פון רוים געוואָרען טראיאנוס (98). ער האָט געפיהרט לאנגע מלחמות מיט די פארטיער, וועלכע האָבען געלעבט אין די אמאָליגע לענדער פון בבל און פערסיען. אין דיזע לענדער האָבען אויך גע־לעבט א סך אידען. אין די גרויסע שטעדט, ווי נהרדעא און ניזיב האָבען זיך געפונען רייכע אידישע קהילות. דערהערענדיג אז טראיאנוס'עס חיל קומט אָן האָבען די אידען אין בבל זיך אָנגע־הויבען שרעקען, אז די גרויזאמע רוימער וועלען ביי זיי צונעהמען זייער פרייהייט, אזוי ווי זיי האָבען זי צוגענומען ביי די אידען פון פאלעסטינא. דעריבער זיינען זיי ארויסגעטראָטען געגען דעם רוימישען חיל מיט געוועהר אין די הענד (115). טראיאנוס האָט דערשטיקט דעם אויפשטאנד, אָבער די מרידה איז אויסגעבראָכען אין אַנדערע ערטער. די אויפרעגונג געגען רוים האָט זיך פער־שפרייט צווישען די אידען, וועלכע זיינען געווען צוזייהט אין אלע רוימישע פראָווינצען אין אזיען און אפריקע. די אידען האָבען איבעראל פערהאַסט די רוימער, אלס די צושטערער פון ירושלים און דעם בית־המקדש. זיי האָבען געהאָפט אַז אין גיכען וועט קומען משיח, דאָס הייסט, דער אויסלייזער, וועלכער וועט צונויפ־זאמלען דאָס צוזייהטע פאָלק קיין ארץ־ישראל און וועט אויפשטע־לען דאָרט א נייע, פרייע און שטארקע אידישע מלוכה. אין קליין־

די פּראָצעסיע פון די אידישע געפאַנגענע טראָגענדיג די כלים פון בית־המקדש, אויף „טיטוס'עס טויער" אין רוים.

אזיען, אויפ'ן אינזעל ציפערן און אין מצרים, האָבען זיך די אידען גענומען פאַר די וואָפּען און פלעגען הרג'ענען זייערע היידנישע אונטערדריקער (116). האָט טראַיאַנוס אַרויסגעשיקט געגען די מורדים דעם קריעגספיהרער טורבאָ, וועלכער האָט אונטערדריקט דעם אויפשטאַנד מיט דער גרעסטער אכזריות. די אידען פון אַלעקסאַנדריען האָבען אויך געליטען; זייער פּראַכטפולע, גרויסע שוהל, וועלכע איז געווען בעריהמט נאָך פון די צייטען פון די תלמי'ס, איז צושטערט געוואָרען ביז'ן גרונד. אין ארץ־ישראל האָבען זיך אויך בעוויזען סמנים פון פאָלקס־אונרוהען, און טראַיאַנוס האָט געשיקט אהין אַלס פּראָקוראַטאָר דעם גרויזאַמען קריעגספיהרער קוויעטוס, און האָט איהם איבערגעגעבען צו האַלטען די אידען אין צאַם. אין גיכען נאָכדעם איז טראַיאַנוס געשטאָרבען און אויפ'ן רוימישען טראָהן איז אַרויף דער קיסר האַדריאַן (117).

האַדריאַן האָט מורא געהאַט פאַר'ן אידישען אויפשטאַנד אין דעם מאָמענט ווען אין גאַנצען מזרח זיינען געווען מהומות און ער האָט פון אנפאַנג זיך אַרויסגעוויזען דוקא פריעדליך. ער האָט צוריקגערופען פון ארץ־ישראל דעם גרויזאַמען קוויעטוס און ער האָט אַפילו צוגעזאָגט אויפצושטעלען צוריק דאָס חרב'ע ירושלים און דעם בית־המקדש. די אידען האָבען געגלויבט די הבטחות און האָבען זיך בערוהיגט. זיי האָבען ניט פערשטאַנען האַדריאַנ'ס אמת'ע כונה. האַדריאַן האָט געוואָלט אָבבויען ירושלים ניט פון זייערטוועגען, נאָר פאַר די געצענדיענער. זיי האָבען באַלד פערשטאַנען זייער טעות. דער קיסר האָט זיך ניט געאיילט צו דערפילען זיין צוזאָג. די לעגענדע דערצעהלט, אז ער האָט פּאַ... שלאָגען די אידען אויפצובויען זייער בית־המקדש ניט אין ירושלים, נאָר אין אַן אַנדער אָרט. אָבגענאַרט אין זיינע ערוואַרטונגען, האָט דאָס פאָלק ווידער אָנגעהויבען ווערען אונרוהיג. א גרויסע מאַסע בעוואַפענטע אידען האָבען זיך צונויפגעקליבען אין בית־רמון און האָבען זיך גענומען גרייטען צו אַן אָנפאַל אויף די רוימער.

דער אויפשטאַנד וואָלט זיך געווען גיך צופלאַקערט, ווען עס זאָל זיך ניט געווען אַריינמישען דער גרויסער תנא רבי יהושע בן־חנניה, וועלכער איז נאָכ'ן טויט פון רבי גמליאל דעם צווייטען געווען דער נשיא פון סנהדרין. יהושע האָט פאַראויסגעזעהן, אז דער

אויפשטאַנד פון די אידען וועט זיך ענדיגען מיט א נייעם אומ־גליק, און ער האָט אוועקגעאיילט קיין בית־רמון. דאָ האָט ער זיך געווענדעט צו די מורדים מיט א רעדע און האָט זיי דערצעהלט דעם פאָלגענדען משל: דער לייב, דער קעניג פון די חיות, האָט איינמאָל געגעסען זיין רויב און האָט זיך פלוצלינג גענומען וואר־גען מיט א ביין. האָט ער אָנגעהויבען רופען צו הילף, צוזאָגענדיג א גרויסע בעלוינונג יענעם, וואָס וועט איהם ארויסציהען די ביין פון האַלז. איז געקומען צופליהען א שטאָרך, וועלכער האָט אריינ־געשטעקט זיין לאַנגען שנאָבעל דעם לייב אין מויל, און האָט ארויס־גענומען די ביין. דאַן האָט דער שטאָרך גענומען פאָדערען ביים לייב די צוגעזאָגטע בעלוינונג. נאָר דער לייב האָט מיט א גע־לעכטער געזאָגט: „געה דיר, און זיי צופריעדען וואָס דו האָסט ארויסגענומען דיין קאָפּ גאַנץ פון מיין מויל". אזוי איז מיט אונז — האָט רבי יהושע געענדיגט; מיר דארפען זיין צופריעדען, וואָס אריינפאַלענדיג אין די הענד פון די רוימער, זיינען מיר ניט איינגאַנצען פערניכטעט געוואָרען דורך זיי. דאָס פאָלק האָט גע־פאָלגט און איז זיך צוגאַנגען אהיים.

§47. רבי עקיבא. נאָכ'ן טויט פון דעם פריעדליכען יהושע האָט אויף די אידען א שטאַרקען איינפלוס געקראָגען דער גרויסער תנא רבי עקיבא בן־יוסף, וועלכער האָט דוקא געוואָלט ברענגען דאָס פאָלק צו אַן אָפענעם אויפשטאַנד געגען די רוימער. דאָס לעבען פון דיזען מערקווירדיגען מענשען איז געווען פול מיט אויסערגעוועהנליכע פאַסירונגען. אין זיין יוגענד איז רבי עקיבא געווען זעהר אָרים און האָט געדיענט אַלס פאַסטוך ביים ירושלים'ער גביר כלבא־שבוע. די טאָכטער פון זיין בעל־הבית, רחל, האָט ליעב געקראָגען דעם פאַסטוך און האָט איינגעשטימט צו ווערען זיין ווייב בתנאי ער זאָל זיך ווידמען צום לערנען. רחל'ס פאָטער, וועלכער האָט ניט געוואָלט דעם שדוך, האָט ארויסגעטריבען זיין טאָכטער פון הויז. רחל האָט געלעבט מיט איהר מאַן אין גרוים נויט. עקיבא האָט זיך גענומען צום לערנען מיט גרויס פלייסיג־קייט. ער האָט זיך געשיידט מיט זיין געליעבטע פרוי און איז אומגעגאַנגען פון שטאָדט צו שטאָדט און האָט אין פערשיידענע ישיבות געלערנט תורה. אין דער צייט ווען רבי עקיבא איז געווען

נע־ונד האָט רחל אזוי געליטען נויט, אז זי האָט איינמאָל געמוזט אָבשניידען איהרע פּראַכטפולע האָר און עס פאַרקויפען, כדי צו האָבען אויף א שטיקעל ברויט. נאָר פונדעסטוועגען האָט זי געדולדיג געוואַרט אויף איהר מאַן, זייענדיג זיכער אין זיין ערפאָלג. און ווירקליך אין פיעל יאָהר ארום האָט זיך רבי עקיבא אומגעקערט א היים, אלס בעריהמטער תנא, בעגלייט פון א גרויסער צאָל תלמידים. די געטרייע פרוי האָט איהם בעגעגענט מיט פרייד, און אפילו זיין שוועהר האָט זיך מיט איהם איבערגעבעטען.

ר׳ עקיבא האָט זיך גערעכענט פאַר׳ן גרעסטען תנא ביי אידען נאָך הלל׳ן. וועגען איהם פלעגט מען זאָגען, אז „אויף יעדען פינטעל פון דער תורה האָט ער אָנגעהאנגען בערג מיט דינים“, דאָס הייסט, פון די דינים פון דער תורה, האָט ער אויסגעפיהרט א סך אנדערע געזעצען און דינים. אזוי ווי אין יענער צייט האָט זיך שוין אָנגעקליבען א סך דינים און טראַדיציעס בעל־פּה, האָט זיי רבי עקיבא צונויפגעזאַמעלט און געבראַכט אין אָרדנונג. די דאָזיגע זאַמלונג פלעגט מען לערנען אין די ישיבות און זי האָט געהייסען „משניות דרבי עקיבא“.

אָבער רבי עקיבא איז ניט געווען בלויז א גייסטיגער פיהרער. ער האָט אויך געוואָלט זיין א טהוער אין די מלוכה ענינים, און א קעמפּפער פאַר דער פרייהייט פון זיין פאָלק. ער האָט געהאַסט די רוימער אלס די שונאים פון דער אידישער אומה, און האָט זיין גאַנץ לעבען געטרוימט, אז די אידען זאָלען בעפרייט ווערען פון רוימישען יאָך און אז דער בית־המקדש זאָל צוריק אויפגעבויט ווערען. נאָך אין דער צייט פון דאָמיציאַנ׳ס קעניגען איז ער מיט נאָך דריי תנאים געגאַנגען קיין רוים צו בעטען דעם קיסר ער זאָל אָבשאַפען אייניגע שווערע גזירות, וואָס זיינען אַרויסגעגעבען געוואָרען געגען די אידען. ווען די תנאים זיינען אונטערגעקומען צו רוים און האָבען פון ווייטענס דערהערט דעם טומעל פון דיזער בעלעבטער און פרעהליכער שטאָדט, האָבען עקיבא׳ס חברים זיך צעוויינט: עס האָט זיך זיי דערמאָנט ווי אזוי זייער אייגענע הויפּטשטאָדט ירושלים איז פערוויסט, פערלאָזען, אין דער צייט ווען די הויפּטשטאָדט פון זייער שונא בליהט. נאָר עקיבא האָט געזאָגט צו זיינע חברים: צו־וואָס דאָס וויינען?

אויב גאָט גיט אזוי פיעל גוטס צו די יעניגע וואָס טהוען ניט זיין ווילען, וויפיעל זשע וועט ער שוין בעצאָלען שפּעטער די יעניגע וואָס דערפילען יאָ זיין רצון!“ און אנדער מאָל איז רבי עקיבא און זיינע חברים געגאַנגען אין דער אומגעגענד פון דער פערוויס־טער ירושלים. צוקומענדיג צום הר־הבית האָבען זיי דערזעהן ווי פון די חורבות פון בית־המקדש איז ארויסגעלאָפען א שאקאַל, די חיה פון מדבר. רבי עקיבא׳ס חברים האָבען זיך ביטער פאַנאַנ־דערגעוויינט, דערזעהענדיג דעם גרויסען חורבן; ער אָבער, פאַר־קערט, האָט געשמייכעלט. „וואָס שמייכעלסטו?“ האָבען זיי איהם פערוואונדערט געפרעגט. און רבי עקיבא האָט זיי געענט־פערט: „אויב עס זיינען מקוים געוואָרען די רייד פון אונזערע נביאים, אז ציון וועט פערוואַנדעלט ווערען אין א מדבר, וועט אויך אמאָל מקוים ווערען זייער נבואה, אז ציון וועט צוריק אויפגע־שטעלט ווערען“. די האָפנונג פון דער אידישער בעפרייאונג האָט עקיבא׳ן קיינמאָל ניט פערלאָזען. די אונרוהען פון פאָלק אין די צייטען פון טראיאנוס און האדריאן האָבען פערשטארקט אין איהם די דאָזיגע האָפנונג. ער איז אומגעפאָהרען איבער פערשיידענע שטעדט אין ארץ ישראל און קליין־אזיען, און האָט געוועקט די אידען צו אן אויפשטאנד געגען די רוימער.

§48. דער אויפשטאַנד פון בר־כוכבא. אין דער צייט ווען אין ארץ־ישראל האָט מען זיך געגרייט צום אויפשטאנד, האָט זיך בעוויזען א מאן, וואָס האָט זיך געשטעלט בראש פון פאָלק. דאָס איז געווען שמעון בר־כוזיבא (פון דער שטאָדט כוזיב), וועל־כער האָט געקראָגען דעם צונאָמען „בר־כוכבא“ (דער זוהן פון די שטערען). בר־כוכבא איז געווען א מוטיגער קריעגער און האָט פארמאָגט א שטארקע גבורה. דער גייסטיגער פיהרער פון די אידען, רבי עקיבא, האָט אנערקענט בר־כוכבא׳ן אלס דעם קריעגס־פיהרער און האָט זיך פעראייניגט מיט איהם צו ארבייטען צוזאַ־מען. רבי עקיבא האָט געגלויבט, אז בר־כוכבא איז יענער בע־פרייער פון אידישען פאָלק, וועגען וועלכען עס ווערט פאָראויסגע־זאָגט אין דעם נביא׳ס רייד: „עס וועט אויפגעהן א שטערען פון יעקב׳ס שטאַם“. פיעל אידען האָבען נאָכגעטהאָן זייער גרויסען רבי׳ן און האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן בר־כוכבא׳ן.

פון אַלע רוימישע פּראָווינצען אין אַזיען האָבען צעהנדליגע טויזענדע אידישע קעמפּפער געגומען שטראָמען צו דער פאָהן פון דעם נייעם פיהרער. בר־כוכבא האָט שטאָלצירט מיט דער דאָזי־גער אַרמיי און האָט געזאָגט: „גאָט, אויב דו ווילסט ניט העלפען אונז, דאַן העלף חאָטש אויך ניט אונזערע שונאים, ווייל דעמאָלט וועלען מיר אויך געווים זיעגען". די ערשטע צייטען האָבען די אידען ווירקליך אָבגעהאַלטען גלענצענדע נצחונות. דער רוימי־שער פּראָקוראטאָר רופוס און זיין קליינער חיל, וואָס איז גע־שטעלט געוואָרען צו בעוואכען די שטעדט אין פּאַלעסטינא, האָבען ניט געקענט ביישטעהן געגען דער גרויסער אַרמיי פון די מורדים. אונטער דער פיהרערשאַפט פון בר־כוכבא האָבען די אידישע קריע־גער גענומען איין פעסטונג נאָך דער אַנדערער, און האָבען פאַר־טריבען די רוימער פון כמעט אַלע שטעדט אין ארץ־ישראל. אין די אידישע הענד האָבען זיך אין גיכען געפונען פופציג פעסטונגען און אַרום טויזענד שטעדט און דערפער (132—133). איידער נאָך די נייעס פון דעם אויפשטאַנד איז אָנגעקומען צו האדריאַנ'ען, זיינען שוין די רוימער אין יהודה געווען איבעראַל צוקלאַפּט. דאָס צווייטע חיל וואָס דער קיסר האָט געשיקט רופוס'ן צו הילף האָט גענהאַט דעם זעלבען סוף. בר־כוכבא איז געוואָרען הערשער אין יהודה און האָט שוין אפילו געהייסען גיסען מטבעות מיט זיין נאָ־מען. דער צענטער פון זיין אַרמיי איז געווען אין דער בערגיגער פעסטונג ביתר, נאָהנט צו ירושלים.

דער אימפּעראַטאָר, דערשרעקענדיג זיך שטאַרק פאַר די אי־דישע נצחונות, האָט גלייך אַוועקגעשיקט קיין ארץ־ישראל דעם גרעסטען רוימישען קריעגספיהרער פון יענער צייט, יוליוס סע־ווערוס. אַזוי ווי די אידישע אַרמיי האָט פאַרנומען אַ זעהר גוטע פּאָזיציע, האָט סעווערוס פון אָנהויב זיך אָבגעהאַלטען פון אַן ענטשיידענדער שלאַכט, און פלעגט נאָר אָנפאַלען אויף בעזונדערע אַבטיילונגען אין פערשיידענע ערטער און זיי צושלאָגען. ענדליך האָט סעווערוס געבראַכט די מורדים דערצו, אַז זיי האָבען געמוזט אָבטרעטען צו ביתר, וואו בר־כוכבא און זיין חיל האָבען זיך בע־פעסטיגט. אַ גאַנץ יאָהר האָבען די רוימער בעלאַגערט ביתר. די גרויסע מאַסע אידען, וואָס איז געווען פערשפּאַרט אין דער קליינער

שטאָדט, האָט זיך מוטיג פערטיידיגט; אָבער אויך די בעלאַגערער האָבען געארבייט מיט אויסערגעוועהנליכער פלייסיגקייט. אין דער צייט פון דיזער בעלאַגערונג האָבען זיך די אידען ענטווישט אין זייער בלומר'שטען משיח בר־כוכבא. ער איז ניט געווען געגוג פרום, און צייטענווייז פלעגט ער זיין צו גרויזאם און זעלבסט־הערשעריש. ער האָט בעפעהלען צו טויטען יעדען איינעם, וואָס איז געווען פערדעכטיגט אין פריינדשאפט צו די רוימער. איינ־מאָל האָט בר־כוכבא מיט זיינע אייגענע הענד געה'הרג'עט א גע־וויסען בעריהמטען צדיק מיט'ן נאָמען ר' אליעזר פון מודיעין, אן אלטער מאַן, וועלכען עמיץ האָט פער'מסר'ט פאר איהם. דער דאָזיגער זקן האָט אין דער גאַנצער צייט פון דער בעלאַגערונג ניט אויפגעהערט מתפלל צו זיין פאר דעם אידישען חיל; דאָס פאָלק, וואָס האָט געגלויבט אין דעם כח פון זיינע תפלות, האָט שטארק בעדויערט זיין טויט. — ענדליך האָבען זיך אויסגעלאָזט די כחות פון די בעלאַגערטע, און סעווערוס האָט איינגענומען די שטאָדט אין יאָהר 135. די רוימער האָבען געמאַכט אין ביתר א שרעק־ליכע שחיטה. צעהנדליגע טויזענדע אידען זיינען אומגעקומען אין דיזער מלחמה. אומגעקומען איז אויך דער פיהרער פון דעם אויפ־שטאנד, בר־כוכבא. א סך אידען, וואָס זיינען גענומען געוואָרען געפאנגען, זיינען פארקויפט געוואָרען פאר קנעכט. דאָס איז געווען דער טרויעריגער סוף פון דעם לעצטען קאמפף פון אידישען פאָלק פאר זיין פרייהייט.

§49. האדריאנ'ס רדיפות. אז דער גרויסער אויפשטאנד אין ארץ־ישראל איז איינגעשטילט געוואָרען, האָט האדריאן אָנ־געהויבען גרויזאם צו פערפאָלגען די אידען, וואָס זיינען געבליבען פון דער מלחמה. אזוי ווי אנטיוכוס עפיפאנעס אזוי האָט האד־ריאן אויך געגלויבט, אז כל־זמן עס וועט עקזיסטירען די אידישע אמונה וועלען די אידען ניט שלום מאכען מיט דער אויבערהער־שאפט פון די געצענדיענער. דעריבער האָט האדריאן בעשלאָסען אויסצוראָטען דעם אידישען גלויבען. ער האָט ארויסגעגעבען א גזרה, אז די אידען זאָלען ניט אָבהיטען דעם שבת און אנדערע וויכטיגע דינים פון יודענטום; זיי האָבען אויך ניט געטאָרט געבען זייערע קינדער לערנען אָדער זיך אליין פערזאמלען צו לער־

נען תורה. דער פראָקוראטאָר רופוס האָט שטרענג אכטונג געגע־
בען, אז די דאָזיגע גזרות זאָלען אָבגעהיט ווערען, און די אידען
האָבען איהם א נאָמען געגעבען „רשע“. ער האָט אָנגעשטעלט
רוימישע שפּיאָנען צו נאָכשפּירען די יעניגע אידען, וואָס האָבען
בשתיקה אָבגעהיט זייער גלויבען און געלערענט תורה, און זיי
איבערגעגעבען אין די הענד פון דער רעגירונג צו בעשטראָפען. א
סך זיינען דעמאָלט געפאַלען אלס מארטירער פאר זייער גלויבען.
א בעזונדערע שטארקייט האָבען ארויסגעוויזען די תנאים.

אז רבי עקיבא האָט פערלאָרען די האָפנונג אויף דער גיבער
אויפלעבונג פון דער אידישער מלוכה, האָט ער זיך מיט גרויס
איבערגעבענקייט גענומען ווייטער צו טהאָן זיין גייסטיגע ארבייט.
ער פלעגט אָפען צוזאַמענגעהמען זיינע תלמידים און פלעגט זיי
לערנען תורה, צו להכעיס דעם קעניגליכען בעפעהל. איינער פון
זיינע חברים האָט איהם געפרעגט: האָסטו ניט קיין מורא פאר
די רוימישע בעאמטע צו „לערנען תורה“? דערויף האָט רבי
עקיבא געענטפערט מיט דעם פאָלגענדען משל: איינמאָל איז א
פוקס געשטאַנען ביים ברעג פון טייך און האָט דערזעהן ווי פישע־
לעך לויפען אום אין וואסער צושראָקענע הין און הער. „פון ווע־
מען אנטלויפט איהר?“ האָט געפרעגט דער פוקס. „מיר אנט־
לויפען פון די נעצען, וואָס די מענשען האָבען פארשפּרייט אונז
צו פאנגען“, האָבען די פישעלעך געענטפערט. האָט דער פוקס
געזאָגט: „אויב אזוי, טאָ קומט ארויס אויף דער טרוקעניש און
מיר וועלען לעבען צוזאמען, אזוי ווי עס האָבען געלעבט אונזערע
עלטערען“. נאָר די פישעלעך האָבען אָבגעענטפערט: „מען זאָגט
וועגען דיר, פוקס, אז דו ביסט א קלוגע חיה, נאָר עס זעהט אוים אז
ס'איז ניט אמת. אויב מיר האָבען מורא פאר א געפאהר אין וואַ־
סער, אין דעם איינציגען אָרט וואו מיר קענען לעבען, — טאָ ווי
זאָלען מיר ניט מורא האָבען אויף דער ערד, וואו מיר וועלען באלד
שטארבען?“ „אזוי איז אויך מיט די אידען — האָט רבי עקיבא
ווייטער געזאָגט, — אזוי ווי די פיש אָהן וואסער, אזוי קענען מיר
ניט לעבען אָהן אונזער היילינער תורה. און אויב ווען מיר לערנען
יאָ זיינען מיר אין סכנה, וואָס זשע וועט שוין זיין ווען מיר וועלען
ניט לערנען און די תורה פערלאָזען?

אין ניכען האָבען די רוימער רבי עקיבא׳ן געכאַפּט און איהם אריינגעוואָרפען אין תפיסה. רופוס האָט בעשלאָסען צו בעשטראָפען דעם גייסטיגען פיהרער פון די אידען, אלס א ביישפּיעל פאר אנדערע. אויפ׳ן עשאַפאָט האָט ער בעפעהלען דעם תליון צו רייסען שטיקער פון רבי עקיבא׳ס לייב, מיט אייזערנע צוואַנגען. אָבער רבי עקיבא האָט מיט א וואונדערליכער קראַפט אריבערגעטראָגען די שרעקליכע ליידען. אונטער די הענד פון דעם תליון האָט ער ניט אויפגעהערט צו ווידערהאָלען די ווערטער: שמע ישראל ד׳ אלהינו ד׳ אחד. דערזעהענדיג ווי זיינע תלמידים וויינען, האָט רבי עקיבא צו זיי געזאָגט: „איך האָב זיך שטענדיג מצער געווען, לייענענדיג אין דער תורה דעם געבאָט: ואהבת את ד׳ אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך, (זאָלסט ליעב האָבען דיין גאָט מיט׳ן גאַנצען הארצען, מיט דער גאַנצער נשמה און מיט דיין גאַנצען פערמעגען). צוויי פּונקטען פון דיזען געבאָט האָב איך געקענט מקיים זיין: איך האָב ליעב געהאַט גאָט מיט׳ן גאַנצען הארצען און האָב געאָפּפערט פאר איהם מיט מיין פערמעגען; נאָר מיט איין זאַך האָב איך איהם ניט געדיענט: איך האָב ניט אוועקגעלעגט מיין זעלע פאר גאָט. איצט אז איך בין אימשטאַנד צו דערפילען דיזען לעצטען חוב, זאָל איך זיך ניט פרעהען?" און דער גרויסער לעהרער האָט ארויסגעלאָזט זיין לעצטען אָטהעם מיט׳ן אויסגעשריי: „ד׳ אחד!" רבי עקיבא איז געווען איינער פון צעהן תנאים־מארטירער אין דער צייט פון האדריאַן (די עשרה הרוגי מלכות). זיין חבר חנינא בן־תרדיון איז געכאַפּט געוואָרען ווען ער האָט געהאַלטען פונאַנדערגעוויקעלט א תורה אין די הענט און געלערענט דעם פאָלק ווי צו לעבען עהרליך. די רוימישע סאָלדאַטען האָבען איינגעוויקעלט חנינא׳ן אין דער ספר תורה און האָבען איהם אריינגעוואָרפען אין פייער. אויף זיין ברוסט האָבען זיי אוועקגעלעגט נאַסע שוואָמען כדי ער זאָל אויסברענען לאַנגזאַם. זיין טאָכטער, וועלכע איז געשטאַנען ביים פייער און געוויינט, האָט עס געטרייסט מיט די ווערטער: „דער וואָס וועט זיך אָבּרעכענען פאר דער הייליגער תורה, וועט זיך אָברעכענען פאר מיר אויך".

נאָך דעם ווי האדריאַן האָט אונטערדריקט דעם אידישען

אויפשטאנד, האט ער געקענט פערווירקליכען זיין אלטען וואונש: צו פערוואנדלען ירושלים אין א היידנישער שטאדט. ער האט געהייסען אבבויען א נייע שטאדט אויפ'ן פלאץ פון דער אלטער צושטערטער הויפט־שטאדט און גרינדען דארט א רוימישע „קאלא־ניע". די דאזיגע קאלאניע האט געדארפט בעשטעהן פון אויס־געדינטע סאלדאטען און פרייע איינוואנדערער — רוימער, גריכען און סיריער, און בכלל מענשען פון אלע פעלקער, אויסער אידען. די נייע שטאדט האט געקראגען דעם נאמען „עליא־קאפיטאלינא", לכבוד דעם קיסר עליא־האדריאן און יופיטער קאפיטאליוס. דער הר־הבית איז אבגערייניגט געווארען פון די חורבות וואס האבען איהם פערשאטען נאך פון טיטוס'עס צייטען; פון אויבען האט איהם רופוס געהייסען אויפגראבען מיט אן אקער אייזען, כדי אבצעווישען יעדען שפור פון דעם אמאליגען הייליגטום פון יהודה. אויפ'ן ארט וואו עס איז אמאל געשטאנען דער אידישער בית־המקדש, איז אויפגעשטעלט געווארען א טעמפעל צו יופיטער'ן. דא איז אויך געשטאנען א סטאטוע פון האדריאנ'ען. ירושלים האט געקראגען דעם אויסזעהן פון א גריכישער שטאדט — מיט א טהע־אטער, צירקען, טעמפלען און אבגעטער. לויט א קריסטליכער לע־גענדע, איז אויפ'ן ארט פון קריסטוס'עס קבר אויסגעבויט געווארען א טעמפעל צו דער געטין ווענוס. אויפ'ן דרום־טויער, אויפ'ן וועג קיין בית־לחם, איז געשטאנען דאס בילד פון א חזיר. די אידען איז פערווערט געווען אפילו זיך צו ווייזען אין שטאדט, פאר אי־ן בערטרעטען דיזען בעפעהל איז געקומען טויט־שטראף.

---

## אכטער קאפיטעל.

# די נשיאים און ישיבות אין ארץ ישראל ביז דער שליסונג פון דער משנה

(138—200)

§50. רבי מאיר. דער אויפשטאנד פון בר־כוכבא און האדריאנ'ס רדיפות נאכדעם האבען געבראכט יהודה צו פאלשטענ־דיגען חורבן. די בעפעלקערונג וואס איז גאנץ געבליבען פון שווערד

און געפאנגענשאפט איז שטארק פּעראָרימט געוואָרען; א סך זיינען אנטלאָפען אין אנדערע לענדער, איבערהויפט קיין בבל. צווישען די עמיגראנטען זיינען אויך געווען תנאים, וועלכע האָבען ניט געוואָלט האָבען דעם זעלבען סוף, ווי רבי עקיבא און זיינע מארטירער־חברים. דרום־פּאַלעסטינא (דאָס הייסט דאָס אמת'ע יהודה), וואָס איז געווען די הויפּט־סצענע פון דער מלחמה, האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך א טרויעריג בילד פון פערוויסטונג. א בע־דייטענדער טייל פון דער אידישער בעפעלקערונג פון דרום־יהודה האָט אריבערגעוואנדערט קיין צפון, אין דעם וועניגער פערוויסט־טען גליל. דאָ האָט זיך צוריק איינגעשטעלט דאָס אידישע געזעל־שאפטליכע לעבען, נאָכדעם ווי די רדיפות האָבען אויפגעהערט. האדריאַנ'ס נאָכפאָלגער, דער קיסר אנטאָניוס פּיוס (138—161) האָט בטל געמאכט האדריאנ'ס אונמענשליכע גזרות געגען די אי־דען, בלויז דער פערבאָט אריינצוקומען קיין ירושלים איז געבליבען אין קראפט. די חכמים און די פּאטריאָטען וואָס זיינען אנטלאָפּען פון האדריאנ'ס רדיפות אין אנדערע לענדער, האָבען אָנגעהויבען זיך אומקערען צוריק צו זייער פאטערלאנד. צווישען די זיינען געווען עטליכע פון רבי עקיבא'ס תלמידים. איינער פון זיי איז געווען דער בעריהמטער רבי מאיר, וועלכען דאָס פאָלק האָט גע־רעכענט ראוי צו פערנעהמען רבי עקיבא'ס פּלאץ. ווען די מהומות האָבען אויפגעהערט האָבען די תנאים אָבגעהאַלטען אן אסיפה אין דער שטאָדט אושא אין גליל. דאָ איז בעשלאָסען געוואָרען צו אויפלעבען אויף דאָס ניי די ארבייט פון סנהדרין און עפענען צו־ריק די געשלאָסענע ישיבות. אלס נשיא פון סנהדרין און עלטסטער פון די אידען איז אויסגעקליבען געוואָרען שמעון דער דריטער, דער זוהן פון דעם געוועזענעם נשיא גמליאל דעם צווייטען (140). אָבער דער הויפּט־תנא אויף רבי עקיבא'ס פּלאץ איז געוואָרען זיין תלמיד רבי מאיר.

דער נאָמען „מאיר" מיינט — לייכטענדער, און די מענשען פון זיין צייט פלעגען זאָגען, אז רבי מאיר איז געווען דאָס גייסטיגע ליכט פון זיין פאָלק. נאָך ווען זיין לעהרער רבי עקיבא האָט גע־לעבט האָט רבי מאיר אַלעמען ערשטוינט מיט זיין גרויסען וויסען און חכמה. ער פלעגט זעהר ליעב האָבען צו פיהרען טיעפע וכוחים

און שארפזיניגע פלפולים. „ווער עס פלעגט זעהן רבי מאיר'ן אין דער ישיבה אין דער צייט פון געלעהרטע וכוחים פלעגט מיינען אז ער קערט איבער בערג" — דריקט זיך אויס די לעגענדע. זיין בעגייסטערונג איז אויך אריבער אויף זיינע תלמידים און רבי מאיר'ס ישיבה איז געווען איבערפילט מיט צוהערער. כדי ניט צו פערמאטערען די לערנער מיט שווערע חקירות פלעגט רבי מאיר אָפט בענוצען אין זיין לערנען אָנציהענדע מעשות, משלים און פאבלען, אין וועלכע די הויפט־ראָלע האָט געשפּיעלט דער כיטרער פוקס. פאר זיין ארבייט אלס לעהרער האָט רבי מאיר ניט גענומען קיין בעלוינונג און זיין חיונה פלעגט ער ציהען פון איינפאכער אר־בייט: ער האָט געהאט א שעהנע האנדשריפט און פלעגט זיך בע־שעפטיגען מיט איבערשרייבען ספרים.

רבי מאיר'ס ווייב איז געווען ברוריה, א געלערנטע און קלוגע פרוי, די טאָכטער פון דעם מארטירער חנינא בן־תרדיון. די לע־גענדע דערצעהלט זעהר פיעל וועגען דעם שטארקען גייסט און די איידעלקייט פון דיזער פרוי. איינמאָל שבת — דערצעהלט די אגדה — איז רבי מאיר געזעסען אין בית מדרש און געלעהרנט. אין דער היים האָט ער געלאָזט זיין ווייב און צוויי קראנקע זיהן, ביז ער איז געקומען פון שול, זיינען די קינדער געשטאָרבען. (דאָס איז געווען אין דער צייט פון א מגפה.) ניט וועלענדיג פערשטערען איהר מאן די שבת־רוה, האָט ברוריה צוגעדעקט די טויטע מיט א ליילאך, און אליין איז זי ארויסגעגאנגען צו איהר מאן א רוהיגע און פריעדליכע, בעהאלטענדיג איהר טרויער טיעף אין הארצען. דעם גאנצען טאָג האָט זי בעהאלטען פון איהר מאן דעם שרעקליכען אמת, און מיט פערשיידענע תרוצים האָט זי איהם ניט אריינגע־לאָזט אין דעם חדר, וואו די קינדער זיינען געלעגען. ווען עס איז געוואָרען נאכט און רבי מאיר האָט שוין אָבגעמאכט הבדלה, איז ברוריה צוגעגאנגען צו איהם און האָט געזאָגט: „רבי, איך וויל דיר פרעגען א שאלה: ניט לאנג צוריק האָט מיר עמיץ געגעבען עפּים צו בעהאלטען, און איצט איז ער געקומען און מאָהנט עס צוריק; בין איך מחויב עס איהם אָבצוגעבען, אָדער ניט?" „פער־שטעהט זיך, אז יא", האָט רבי מאיר געענטפערט. דאן האָט ברוריה אריינגעפיהרט איהר מאן אין צימער, וואו עס זיינען געלעגען די

טויטע קינדער און האָט אַרונטערגענומען פון זיי דעם צודעק. רבי מאיר האָט זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעוויינט. נאָר זיין ווייב האָט איהם געזאָגט: „רבי, האָסטו דען נישט ערשט געזאָגט, אז ווער עס נעהמט א זאַך צום היטען מוז זי אומקערען ווען דער בעל־הבית פאָדערט זי? גאָט האָט אונז די קינדער געגעבען און גאָט האָט זיי איצט צוגענומען. געבענשט זאָל זיין זיין נאָמען!“

מיט רבי מאיר’ס נאָמען איז אין דער אידישער לעגענדע פערבונדען די עראינערונג וועגען א גרויסען און אומגליקליכען פריידענקער פון יענער צייט, אלישע בן־אבויה. אלישע איז פון אָנהויב געוועזן א חבר פון רבי עקיבא און האָט בעלאַנגט צום קרייז פון די גרעסערע תנאים; נאָר שפּעטער האָט ער אָנגע־הויבען צו שטודירען די גריכישע פילאָזאָפיע און האָט אָנגע־הויבען זיך וואַקלען אין זיין אמונה. דאָס פאָלק האָט איהם געהאַלטען פאַר אן אנטרונענעם און האָט איהם א נאָמען געגעבען „אחר“ (אן אנדערער, אן איבערגעביטענער). מען האָט גערעדט, אז ער פלעגט בלמורשט אָבריידען אידישע קינדער פון דעם אידישען גלויבען און האָט זיך געפריינדעלט מיט די שונאים פון פאָלק, די רוימער. זיינע חברים און תלמידים האָבען איהם פערלאָזען; נאָר רבי מאיר, וועלכער איז אמאָל געוועזן זיין תלמיד, האָט איהם ניט פערלאָזען. ווען מען האָט רבי מאיר’ן איינמאָל געפרעגט, ווארום ער פריינדעלט זיך מיט דעם אפּיקורס, האָט ער געענטפערט: „איך האָב געפונען א מילגרוים, די פרוכט האָב איך אויפגעגעסען און די שאָלעכץ האָב איך אוועקגעוואָר־פען“ (רבי מאיר רמון מצא, תוכו אכל, קלפתו זרק), ד. ה. איך נעהם ביי איהם דאָס וואָס איז אמת, אָבער איך פערוואַרף זיי־נע פאַלשע מיינונגען. ניט איינמאָל האָט רבי מאיר זיך בע־מיהט אומצוקערען אלישע’ן אויפ’ן וועג פון גלויבען, אָבער אומזיסט. איינמאָל איז אלישע געפאָהרען רייטענדיג אום שבת, און רבי מאיר איז איהם נאָכגעגאַנגען צו־פוס כדי צו הערען זיינע דרשות. פּלוצלינג האָט זיך אלישע אָבגעשטעלט און גע־זאָגט: „מאיר, קעהר זיך אום אהיים, ווארום דו ביזט שוין אָבגעגאַנגען מעהר ווי א תחום־שבת“. און רבי מאיר האָט אויסגערופען: „קער זשע זיך דו אויך אום (אויפ’ן גלייכען

וועג), רבי!" „ניין — האָט געענטפערט אלישע — איך קען זיך שוין ניט אומקערען, ווארום איך האָב שוין לאנג געהערט גאָט'ס קול: טהוט תשובה, אלע פערבלאָנדזעטע, אויסער אחר'ן, וועלכער האָט דערקענט מיין קראפט, און האָט מיך דאָך פערוואָרפען!"

אין איין צייט מיט ר' מאיר'ן האָט געלעבט און געווירקט נאָך א תנא פון ר' עקיבא'ס ישיבה, שמעון בן־יוחאי. אין דער צייט פון די האדריאנישע מהומות איז רבי שמעון פער'משפט גע־וואָרען צום טויט פאר עפּיס א שארפען אויסדרוק געגען דער רוימישער רעגירונג, נאָר ער איז אנטלאָפען בעצייטענס. עטליכע יאָהר האָט ער זיך אויסבעהאלטען אין א הייהל און האָט זיך קוים דערהאלטען ביים לעבען מיט גרינסען און וואסער. ווען די רדיפות אין יהודה האָבען זיך געענדיגט, איז שמעון ארויס פון זיין בע־העלטעניש און האָט זיך בעזעצט אין טבריה. ביז'ן טיעפען עלטער איז ער געוועזען איינער פון די גרעסטע גייסטיגע פיהרער פון די אידען אין ארץ־ישראל. ער האָט ניט ליעב געהאט די שארפ־זיניגע פּלפּולים, וועלכע זיינען אָנגעגאנגען אין רבי מאיר'ס ישיבה, נאָר ער האָט געזוכט צו פערטייטשען איינפאך דעם געדאנק און די בעדייטונג פון יעדען געזעץ אין דער תורה. די שפּעטערע לעגענדעס זאָגען, אז שמעון בן־יוחאי האָט אין דער צייט פון זיין לעבען אין הייהל פערפאסט א געהיימען הייליגען ספר („זהר") און איז געוואָרען א בעל־מופת. נאָך ביז היינטיגען טאָג ווייזט מען אָן אויף רבי שמעונ'ס קבר נעבען צפת אין גליל, וואוהין עס קומען יעדען יאָהר מאסען פרומע מענשען מתפלל צו זיין.

**§51. דער נשיא רבי שמעון דער דריטער און רבי יהודה הנשיא.** נאָך דעם ניט־געלונגענעם אויפשטאנד פון בר־כוכבא, האָט דער סנהדרין אין אושא געארבייט אזוי ווי דער סנהדרין אין יבנה נאָך דער צושטערונג פון ירושלים דורך טיטוס'ן. דער צוועק פון דעם נייעם סנהדרין איז אויך געוועזען צו פעראייניגען מיט אל־געמיינע געזעצען אלע אידען, וואָס זיינען צוזייהט איבער פערשיי־דענע לענדער. דער נשיא רבי שמעון דער דריטער האָט, אזוי ווי זיין פאָטער גמליאל, געשטרעבט צו פערשטארקען די מאכט פון סנהדרין ניט נאָר אין ארץ ישראל, נאָר אויך אין חוץ לארץ. אין

דער צייט ווען האדריאַן האָט געבושעוועט אין פּאַלעסטינא האָבען די אידען אין בבל געגרינדעט אַן אייגענעם סנהדרין, ווייל זיי האָבען ניט געוואָלט זיין אָבהענגיג פון זייערע ברידער אין פּאַלעסטינא. נאָר ווען עס איז געוואָרען ווידער רוהיג, האָט דער נשיא רבי שמעון דער דריטער געשיקט שלוחים קיין בבל מיט דער פאָדערונג, אַז די דאָרטיגע אידען זאָלען פערמאַכען זייער סנהדרין, און זאָלען זיך ווידער אונטערוואַרפען צו דער גייסטיגער הערשאַפט פון די תנאים אין ארץ ישראל. די שלוחים האָבען זיי דערמאָנט, אַז אין די הייליגע שריפטען ווערט געזאָגט: „מציון תצא תורה“, און ניט „מבבל תצא תורה“, דאָס הייסט פון ציון וועט קומען די תורה און ניט פון בבל. זיי האָבען אויך אָנגעוויזען אויף דער געפאַהר וואָס שרעקט דער גאַנצקייט פון אידישען פאָלק, ווען די גייסטיגע הערשאַפט וועט זיין צוטיילט. דאַן האָבען זיך די בבלישע אידען אונטערגעגעבען און האָבען ווידער אָנערקענט איבער זיך די הערשאַפט פון דעם סנהדרין אין ארץ-ישראל.

רבי שמעון האָט אויך, ווי זיין פאָטער, געוואָלט אַוועקשטעלען די מאַכט פון דעם נשיא העכער ווי די מאַכט פון די אנדערע תנאים און האָט דעריבער געהאַט מיט זיי אָפטע צוזאַמענשטויסען. רבי שמעונ׳ס העלפער אין סנהדרין זיינען געווען רבי מאיר און נאָך א תנא מיט׳ן נאָמען נתן הבבלי, א זוהן פון דעם „ריש-גלותא“ (פּאַטריאַרך) אין בבל. שמעון האָט געמאַכט א געזעץ, אַז מען זאָל איהם, אַלס נשיא, אָבגעבען אַנדערש כבוד, ווי זיינע חברים, נעמליך: ווען דער נשיא קומט אריין אין אַן אסיפה דאַרפען אַלע פערזאַמעלטע אויפשטעהן, אָבער ווען עס קומען אריין דעם נשיא׳ס חברים, דאַרף בלויז א טייל פון די פערזאַמעלטע אויפשטעהן. דאָס האָט שטאַרק בעליידיגט רבי מאיר׳ן און רבי נתנ׳ען, וועלכע זיינען אין געלעהרנטקייט געשטאַנען א סך העכער פון דעם נשיא. האָבען זיי אָבגערעדט צווישען זיך, אַז אויף דער קומענדער פערזאַמלונג פון די תנאים זאָלען זיי שטעלען רבי שמעונ׳ען אזעלכע שווערע קשיות אז ער זאָל ניט קענען ענטפערען; אויף אזא אופן האָבען זיי געוואָלט ערנידעריגען דעם שטאָלצען נשיא. אָבער רבי מאיר און רבי נתן זיינען דערפאַר אויסגעשלאָסען געוואָרען פאַר א צייט פון בית-מדרש.

נאָכ'ן טויט פון רבי שמעון דעם דריטען (170) איז דער עלטסטער און נשיא פון סנהדרין געוואָרען זיין זוהן רבי יהודה. דער נייער נשיא, דער זיבעטער פון הלל'ס שטאם, איז געווען אַ גוטער פיהרער און אַ גרויסער געלערנטער. ער האָט אויפגעהאַלטען גוטע בעציהונגען מיט די רוימישע הערשער און האָט מיט ערפאָלג פערטיידיגט די אינטערעסען פון זיין פאָלק. אויב מען זאָל גלויבען די טראַדיציע איז ער געווען שטאַרק בעפריינדעט מיט איינעם פון די רוימישע קיסרים, וואַרשיינליך מיט דעם פילאָזאָף מאַרקוס אַרעליוס. האָבענדיג אַ גרויסען גע'ירש'עטען פערמעגען, האָט רבי יהודה געפיהרט אַ פירשטליכען שטאַט: דאָס האָט געפאָדערט זיין אַמט אַלס פאָרשטעהער פון אידישען פאָלק פאַר דער רוימישער רעגירונג. די זעלבע אַכטונג פאַר זיין אַמט האָט רבי יהודה געפאָדערט פון אַלע תנאים און מיטגליעדער פון סנהדרין. אין זיין צייט האָט דער סנהדרין כמעט דערגרייכט זיין אַמאָליגע גרויסקייט און האָט געהאַט די גאַנצע צאָל מיטגליעדער (70), אַזוי ווי אין דער צייט פון דעם בית־המקדש. אין אָנהויב פלעגט זיך דער סנהדרין פערזאַמלען אין אושא, און דערנאָך אין די גליל'שע שטעדט טבריה און צפורי, וואו יהודה הנשיא האָט געלעבט די מעהרסטע צייט. דער נשיא פלעגט אַליין האָבען די מאַכט צו בעשטימען ריכטער און לעהרער אין די אידישע קהילות, און ער פלעגט אויך צולאָזען די געלערנטע פאַר'ן סנהדרין. ביי זיין גאַנצער שטרענקייט האָט זיך יהודה דאָך אויסגעצייכענט מיט גוטהערציגקייט און פרייגיביגקייט. אַ גרויסען טייל פון זיין פערמעגען האָט ער אָבגעגעבען אויף אויסצוהאַלטען אָרימע געלערנטע און שטיצען תלמידים. אַ סך בתי־מדרשים זיינען אויסגעהאַלטען געוואָרען אויף די מיטעל פון דעם פרייגיביגען נשיא. אפילו פון בבל פלעגען קומען יונגע לייט וואָס האָבען געדורשט נאָך תורה און דאָ אין ארץ־ישראל פלעגען זיי דערגרייכען אַ הויכע שטופע צווישען די געלערנטע דורך דער הילף פון רבי יהודה הנשיא.

§52. די שליסונג פון דער משנה. דער וויכטיגסטער אויפטהו פון יהודה הנשיא איז בעשטאַנען דערין, וואָס ער האָט מיט דער הילף פון זיינע געלערנטע חברים צונויפגעזאַמעלט און נעבראַכט אין פולער אָרדנונג די גאַנצע הלכה (געזעצגעבונג) שבעל

פּה, וואָס די אידישע חכמים האָבען אויסגעאַרבייט אַלס הוספה צו די געשריבענע געזעצען פון דער תורה. רבי יהודה האָט מורא געהאַט, אַז די תורה שבעל־פּה, וועלכע פּלעגט איבערגעהן מינדליך פון דור צו דור, זאָל מיט דער צייט ניט פערגעסען אָדער שלעכט אויסגעטייטשט ווערען. כדי אויפצוהיטען גאַנץ דיזע תורה האָט מען זי געמוזט פעראייביגען אין שריפט. די דאָזיגע אַרבייט, וועל־כע האָט זיך נאָך אָנגעהויבען אין די צייטען פון רבי עקיבא און רבי מאיר, האָט רבי יהודה הנשיא גענומען פלייסיג פאָרטצוזעצען ביז ער האָט זי אינגאַנצען פערענדיגט. די ריעזיגע אַרבייט איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס עס זיינען אריינגענומען געוואָרען אין איין זאַמלונג אַלע דינים, מיינונגען און מסורות, וועלכע האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין דעם זכרון פון די געלערנטע אין פערלויף פון עטליכע יאָהרהונדערטען. די דאָזיגע זאַמלונג האָט געקראָגען דעם נאָמען „משנה“, ד. ה. צווייטע תורה, אָדער אַ צוגאָב צו משה׳ס ערשטער תורה. פון אָנהויב איז די משנה צוזאַמענגע־שטעלט געוואָרען אַלס אַ וועגווייזער פאַר די ישיבות און געלערנ־טע, נאָר מיט דער צייט איז זי געוואָרען אַ הייליגטוםביים פאָלק און מען האָט אויף איהר געקוקט ווי אויף אַ גלייכער פאָרטזעצונג פון תורת משה.

די משנה בעשטעהט פון זעקס טייל אָדער „סדרים“ אונ־טער די פאָלגענדע נעמען מיט די פאָלגענדע אינהאַלטען: 1) זרעים (וואַקסונגען) — אַלע דינים וועגען דער ערד און זייה׳ען וועגען פּאה, שמיטה, מעשר א. אז. וו. אין אָנהויב פון דיעזען סדר געפינט זיך די מסכתא (אַבטיילונג) „ברכות“, וואָס בע־האַנדעלט אַלע תפלות און ברכות אין שוהל און אין הויז; 2) מועד (יום־טוב) — די דינים וועגען שבת, וועגען אַלע ימים טובים און תעניתים; 3) נשים (פרויען) — אַלע געזעצען וועגען חתונות, גט׳ן און אַנדערע ענינים פון דער פאַמיליע; 4) נזיקין (בעשעדיגונגען) — אַלע דינים וועגען דאָס צוזאַמענלעבען צווי־שען מענשען; צו דיעזען סדר איז צוגעגעבען „פּרקי אבות“, וועלכע ענטהאַלטען אין זיך מאָראַלישע לעהרען פון דער גאַנצער צייט פון די אנשי כנסת הגדולה ביז יהודה הנשיא; 5) קדשים (הייליגקייטען) — די דינים פון קרבנות און די צערעמאָניעס

א חרב'ע שוהל אין מירום.

פון בית המקדש, וועגען שחיטה, כשר און טרפה א. אז. וו.;
6) טהרות (ריינקייט) — די דינים פון ריינקייט פאַר די כהנים און פאַר'ן אַלגעמיינעם פאָלק. — יעדער „סדר" (טראַקטאַט) ווערט צוטיילט אויף „מסכתות" (אָבטיילונגען), יעדע מסכתא אין פרקים, און יעדער פרק אין „משניות" (משנה אין ענגען זין). די שפּראַך פון דער משנה איז העברעאיש, אָבער איהר סטיל איז אַראַמעאיש, מיט א צומיש פון גריכישע און לאַטיינישע ווערטער. די משנה איז צונויפגעשטעלט אויף אַן אייגענאַרטיגען אופן. צוזאַמען מיט די דינים ווערען אויך אַוועקגעשטעלט די וכוחים (שקלא וטריא), וואָס די חכמים האָבען געפיהרט וועגען די דאָזיגע דינים. דערביי ווערט געוועהנליך ניט אַרויסגעזאָגט וועלכע מיינונג איז די ריכטיגע, ווייל די משנה איז געמיינט געוואָרען פאַר געלערנטע און לערנער, וועלכע האָבען אַליין געדאַרפט אורטיילען, וועלכע דעה איז די ריכטיגערע. דערפון זיינען נאָכהער אויסגעוואַקסען זעהר פיעל ערקלערונגען צו דער משנה, וועלכע זיינען שפּעטער אריין אין תלמוד.

רבי יהודה איז געווען נשיא אַרום פערציג יאָהר (ביז'ן יאָהר 210). פאַר'ן טויט האָט ער איבערגעגעבען דעם אַמט צו זיין עלטסטען זוהן גמליאל. ווען עס האָט זיך פערשפּרייט די ידיעה, אַז רבי יהודה האַלט ביים שטאַרבען האָט זיך א גרויסע מאַסע פון פאָלק אַוועקגעלאָזט קיין צפּורי געוואָהר צו ווערען וואָס דער חולה מאַכט. ווען רבי יהודה איז געשטאָרבען, האָט זיך קיינער ניט געקענט ענטשליסען אויסצוזאָגען דעם פאָלק דעם שרעקליכען אמת. דעמאָלט איז רבי יהודה'ס געטרייער תלמיד, בר־קפרא, אַרויס צום פערזאַמעלטען עולם אין טרויער־קליידער און האָט געזאָגט: „מלאכים און שטערבליכע האָבען זיך געראַנגעלט פאַר'ן ארון־קדש; די מלאכים האָבען געזיעגט און דער הייליגער ארון איז צוגענומען געוואָרען!" דאָס פאָלק האָט פערשטאַנען דעם פערשטעלטען מיין פון די דאָזיגע ווערטער — און א ביטערער געוויין האָט פערהילכט צפּורי און די גאַנצע סביבה. דער גאַנצער וועג פון צפּורי ביז בית־שערים, וואו מען האָט מקבר געווען דעם נשיא, איז געווען בעדעקט מיט מענשען. אין די שוהלען האָט מען געהאַלטען

הספּרים וועגען די פּערזענלעכקייטן פון דעם גרויסען רבי׳ן, וועלכער האָט פּעראייביגט די „תורה שבעל פּה“. מען האָט איהם שפּעטער טאַקי גערופען בלויז „רבי“, אויסלאָזענדיג זיין נאָמען, ווייזענדיג דערמיט, אז ער איבערשטייגט אַלע איבעריגע געזעץ־לעהרער. יהודה הנשיא איז געווען דער לעצטער פון די חכמים, וועלכע האָבען זיך גערעכענט אַלס די פּערפאַסער פון דער משנה, און האָבען זיך גערופען תנאים (לעהרער). אַזעלכע תנאים, פון יוחנן בן־זכאי ביז יהודה הנשיא, זיינען געווען ביז הונדערט און צוואַנציג. אָבער די שפּעטערע חכמים האָבען זיך שוין גערופען נים „תנאים“ נאָר א מ ו ר א י ם (ערקלערער, אויסטייטשער).

די נאָהנטסטע תלמידים פון רבי יהודה הנשיא האָבען פּערענדגיט דאָס וואָס זייער גרויסער רבי האָט קיין צייט נים געהאָט צו ענדיגען. רבי חייא, רבי הושעיא און אנדערע האָבען צונויפגעזאַמעלט די דינים און מיינונגען פון די תנאים, וואָס זיינען נאָך נים געווען אריינגענומען אין דער משנה און האָבען זיי פּערשריבען אין צוגעגעבענע זאַמלונגען, וועלכע האָבען זיך גערופען „בריתות“ און „תוספתות“. אויסערדעם זיינען ענטשטאַנען ספרים, וואָס זיינען געווען פּירושים אויף דער תורה, און דורך די דאָזיגע פּירושים האָט מען געזוכט צו פּערבינדען די משנה מיט דער תורה. דיזע זיינען 1) די מ כ י ל ת א — א פּירוש אויפ׳ן צווייטען ספר פון חמוש (שמות); 2) ס פ ר א אָדער ת ו ר ת כ ה נ י ם — ערקלערונגען אויפ׳ן דריטען ספר פון חומש (ויקרא), וואָס ענטהאַלט די דינים וועגען די קרבנות; 3) ס פ ר י — ערקלערונגען וועגען די דינים פון די לעצטע צוויי ספרים פון חומש (במדבר און דברים).

## ניינטער קאַפּיטעל.

# די אידען אין ארץ ישראל ביז'ן סוף פון דער הערשאַפט פון די נשיאים.

(200—425)

§53. די נשיאים און די ערשטע אמוראים. נאָך רבי יהודה הנשיא זיינען שוין אין ארץ־ישראל מעהר ניט געווען אזעל־כע נשיאים ווי ער, וועלכע זאָלען פעראייניגען אין זיך שטארקע מאַכט מיט גרויסער לומדות. רבי יהודה'ס זוהן און נאָכפאָלגער, גמליאל דער דריטער (210), האָט זיך מיט גאָרניט בעריהמט גע־מאַכט. רבי יהודה'ס אייניקעל יהודה־נשיאה דער צווייטער, איז געווען נשיא מעהר ווי פופציג יאָהר (230—286). ער האָט זיך געפיהרט אזוי ווי א וועלטליכער הערשער און האָט זיך גע'חבר'ט מיט די רוימישע בעאמטע. דער דעמאָלטיגער רוימישער קיסר אלכסנדר סעווערוס האָט זיך פערהאַלטען זעהר פריינדליך צו די אידען און האָט געאַכט די אידישע אמונה. אין די צימערען פון זיין פּאַלאַץ האָט זיך צוזאַמען מיט די בילדער פון די גריכישע אָבגעטער און העלדען געפונען אויך דאָס בילד פון אברהם, דעם פאָטער פון אידישען פאָלק. אויפ'ן אריינגאַנג פון דעם קייזער־ליכען פּאַלאַץ זיינען געווען אויסגעקריצט די ווערטער פון דעם אידישען חכם הלל: „דעלך סני לחברך לא תעביד", — וואָס דיר איז ניט ליעב טהו ניט דיין חבר. אין דער צייט ווען יהודה דער צווייטער איז געווען נשיא האָט זיך דער סנהדרין אריבערגעצויגען פון צפּורי קיין טבריה. דיזע שעהנע שטאָדט, וועלכע איז גע־שטאַנען אויפ'ן פראַכטפולען ברעג פון דעם ים כנרת, איז פון דעמאָלט אָן געוואָרען דאָס שטענדיגע וואוינאָרט פון די נשיאים און דער גייסטיגער צענטער פון די פּאַלעסטינישע אידען. דאָרט האָט זיך געפונען א גרויסער בית־מדרש, אין וועלכען עס האָבען געלערענט די גרעסטע חכמים.

די חכמים וועלכע האָבען געלעבט נאָך דער אָבשליסונג פון דער משנה, האָבען זיך גערופען „אמוראים", ד. ה. ערקלערער. דער ערשטער פון זיי איז געווען יוחנן בן נפחא, וועלכער האָט אין

זיין פריהער יוגענד געלערנט אין דעם בית־מדרש פון רבי יהודה הנשיא. יוחנן האט געגרינדעט אין טבריה א נייע ישיבה, וואוהין עס פלעגען זיך ציהען לערנער ניט נאר פון ארץ ישראל נאר אפילו פון בבל. אין דער דאזיגער ישיבה האט מען זיך פערנומען מיט אויספארשען די דינים וואס זיינען אויפגעקליבען אין דער משנה, מען האט בעטראכט די מיינונגען פון די פריהערדיגע לעהרער, די תנאים, און מען האט בעשטימט וועלכע מיינונג איז די ריכטיגע און דארף אנגענומען ווערען. צווישען די נייע חכמים זיינען געווען אזעלכע וואס האבען געהאלטען די משנה פאר א צווייטען תנ"ך און האבען געזאגט אז מען טאר ניט אבטרעטען פון איהרע ווערטער אויף א האר. נאר יוחנן האט געהאלטען אז געזעצען דארפען זיך בייטען און ענטוויקלען און ניט שטעהן אויף איין ארט. דעריבער האט ער און זיינע חברים געמאכט הוספות צו דער משנה, וועלכע איז אליין א הוספה צום תנ"ך. דאס איז געווען דער גרונדשטיין פון דער גמרא (תלמוד). יוחנן'ס מיטהעלפער אין דער דאזיגער ארבייט איז געווען ריש־לקיש. דאס לעבען פון דיזען אמוראי איז געווען רייך מיט פאסירונגען. אין זיין יוגענד האט זיך ריש־לקיש אומגעוואגעלט און איז געווען זעהר ארים. איינמאל האט איהם די נויט געצוואונגען אוועקצואווארפען דאס לערנען און אריינטרע־טען אין א צירק אלס גלאדיאטאר. דאן האט רבי יוחנן, וועלכער איז געווען ריש־לקיש'עס שול־חבר, איהם ארויסגענומען פון נויט און פון נע־ונד זיין. ער האט איהם חתונה געמאכט מיט זיין שעהנער שוועסטער, און ריש־לקיש האט זיך גענומען צוריק צום לערנען, און איז אין גיכען בעריהמט געווארען פאר'ן גרעסטען חריף צווישען די אמוראים. ניט זעלטען פלעגט ער בייקומען אין וכוחים אפילו זיין געלערענטען שוואגער.

נאכ'ן טויט פון דיזע צוויי ערשטע אמוראים (אין יאהר 280) זיינען די ישיבות אין ארץ־ישראל אלץ מעהר און מעהר געפאלען. די פיהרער פון דער ישיבה אין טבריה זיינען נאך זיי געווארען רב־אמי און רב־אסי. נאר אין זייער צייט האט די ישיבה שוין מעהר ניט צוגעצויגען צו זיך אזא גרויסע צאל לערנער ווי פריהער. א סך געלערנטע פלעגען פערלאזען ארץ־ישראל און אוועק קיין בבל, וואו עס האבען דעמאלט געבליהט א סך בעריהמטע ישיבות.

§54. **די קריסטליכע קיסרים פון רוים.** אין די ערשטע דריי הונדערט יאָהר פון קריסטענטום זיינען די רוימישע קיסרים נאָך אַלץ געבליבען געצענדיענער און פלעגען אָפט שטאַרק פערפאָלגען די קריסטען. ערשט אין אָנהויב פון דעם פיערטען יאָהרהונדערט האָט דער רוימישער קיסר קאָנסטאַנטין דער גרויסער ארויסגעוויזען א נייגונג צום קריסטענטום. ער האָט גענומען אונטער זיין שוץ די פערפאָלגטע קריסטען און האָט פון אָנפאַנג ניט גע'רודפ'ט ניט די געצענדיענער און ניט די אידען. אין יאָהר 313 האָט ער ארויסגעלאָזט אין מילאַן א בעפעהל, אז אַלע רעליגיאָנען אין דער רוימישער אימפּעריע זאָלען געניסען דיזעלבע פרייהייט. נאָר שפּעטער איז קאָנסטאַנטין אונטערגעפאַלען אונטער דער ווירקונג פון די קריסטליכע גייסטליכע, און האָט בעשלאָסען צו מאַכען דאָס קריסטענטום פאַר דער הערשענדער רעליגיאָן, און די אַנדערע זאָלען זיין אונטערוואָרפען אונטער איהר. פון דעמאָלט אָן האָט מען אָנגעהויבען פערפאָלגען די אידען. מען האָט זיי פערבאָטען צו מגייר זיין געצענדיענער אָדער קריסטען, מען האָט בעגרענעצט זייערע בירגער־רעכט און ארויפגעלעגט אויף זיי בעזונדערע, שווערע שטייערען. אין יאָהר 325 האָט קאָנסטאַנטין פעררופען אין ניצעא, אין קליין־אזיען, א גרויסע קירכליכע אסיפה, וואו עס איז בעשלאָסען געוואָרען אז די קריסטען זאָלען פייערען זייער פסח ניט אין איין צייט מיט די אידען, נאָר אין אַן אַנדער צייט, וואָס די קירכע וועט בעשטימען. פון דעמאָלט אָן האָט זיך די קריסטליכע אמונה אָנגעהויבען אַלץ מעהר צו אונטערשיידען פון דער אידישער, און די קריסטען האָבען זיך אַלץ מעהר דערווייטערט פון די אידען.

אין דער צייט פון קאָנסטאַנטינ'ס יורש, דעם קיסר קאָנסטאַנציוס, זיינען פערבאָטען געוואָרען שידוכים צווישען אידען און קריסטען. מען האָט אָנגעהויבען שטערען די אידען צו לערנען זייער תורה אין די ישיבות און דעריבער האָבען א סך געלערנטע געמוזט פערלאָזען ארץ־ישראל און זיך בעזעצען אין בבל. אין אייניגע שטעדט אין ארץ־ישראל (צפורי, טבריה, לוד) זיינען די אידען ארויס פון געדולד, האָבען געמאַכט אַן אויפשטאַנד און זיינען בעפאַלען די רוימישע סאָלדאַטען וואָס זיינען דאָרט געשטאַנען.

אָבער דער רוימישער קאָמאַנדיר אורסיצינוס האָט דעם אויפשטאַנד דערשטיקט מיט דער גרעסטער גרויזאַמקייט (352).

§55. דער קיסר יוליאַן און רבי הלל הנשיא דער צווייטער. א האָפנונג אויף בעסערע צייטען האָט אויפגעשיינט פאַר די אידען אין דער צייט פון קאָנסטאַנטינ׳ס פּלימעניק יוליאַן, וועלכען די קריסטען האָבען אָנגערופען „אַפּאָסטאַט“, אָדער אפּיקורס. אין דער יוגענד האָט יוליאַן פערלאָזען דאָס קריסטענטום, און ווען ער איז געוואָרען קיסר האָט ער בעשלאָסען אויפצושטעלען צוריק אין דער רוימישער מלוכה דעם אַלטען רוימשען געצענדיענסט און די אַלטע גריכשע בילדונג. זייענדיג אַליין א זעהר געבילדעטער מענש האָט יוליאַן ניט אונטערדריקט די קריסטען, אָבער ער האָט זיי אויך ניט ערלויבט צו אונטערדריקען די אנהעננגער פון אַן אַנדער גלויבען. מיט א בעזונדערען מיטלייד האָט זיך דער נייער קיסר פערהאַלטען צו די אידען, וואָס זיינען פערפאָלגט געוואָרען פון די פריהעריגע קיסרים. ער האָט צוריקגעגעבען די אידען אַלע בירגערליכע רעכט און האָט זיי בעפרייט פון די איבעריגע שטייערען. ניט בענוגענדיג זיך דערמיט האָט יוליאַן זיך געווענדעט מיט א בריעף צו די אידישע קהילות און האָט זיי מודיע געווען, אַז ער איז גרייט אויף זיינע הוצאות אָבצובויען פון זייערטוועגען די הייליגע שטאָדט ירושלים (362). אין דעם דאָזיגען בריעף האָט יוליאַן אָנגערופען דעם דעמאָלדיגען נשיא, הלל דעם צווייטען, זיין „ברודער“. יוליאַן האָט ניט געזאַמט צו ערפילען זיין צוזאָג: ער האָט אַוועקגעשיקט קיין ארץ־ישראל א בעאַמטען ער זאָל צוגרייטען אַלץ פאַר דער אויפבאויאונג פון ירושלים. עס איז שוין געווען צוגעגרייט דאָס בוי־מאַטעריאַל, עס זיינען שוין געווען געדונגען ארבייטער און מען האָט שוין אָנגעהויבען אָבצוראַמען די אַלטע חורבות, וואָס האָבען פערוואַלגערט די גאַסען פון דער הייליגער שטאָדט; נאָר דאָ איז געשעהן אַן אומגליק: ווען די ארבייטער האָבען אָנגעהויבען גראָבען דעם פונדאַמענט אויפ׳ן פּלאַץ וואו דער אַלטער בית־המקדש איז געשטאַנען, האָט זיך פון דער טיעף פון דער אויפגעגראָבענער ערד ארויסגעריסען א פלאַם און האָט אָבגעברענט עטליכע ארבייטער. דאָס פאָלק האָט דערזעהן דערין א שלעכטען צייכען פון גאָט און

דאָס בויען האָט זיך אָבגעשטעלט. אין גיכען איז קיין ירושלים אָנגעקומען די טרויעריגע ידיעה אז יוליאַן איז אומגעקומען אין א מלחמה געגען די פערסיער (363), און צוזאמען מיט איהם איז אונטערגעגאַנגען די לעצטע האָפנונג פון די אידען אויף דער וויעדער־אויפבויאונג פון ירושלים און דעם בית־המקדש.

אין דער צייט פון די ערשטע קריסטליכע קיסרים אין רוים איז דער נשיא פון די אידען אין ארץ־ישראל געווען דער דערמאָנטער הלל דער צווייטער. צוליעב די רדיפות געגען די ניט־קריסטען האָבען א סך אידען פערלאָזען ארץ־ישראל און האָבען אריבערגעוואנדערט קיין בבל און אנדערע פערסישע לענדער. די מאכט פון דעם נשיא און פון דעם סנהדרין איז אלץ שוואכער געוואָרען. אין די פריהערדיגע צייטען פלעגט דער פאלעסטינישער סנהדרין יעדען חודש בעאָבאכטען דעם צושטאנד פון דער לבנה (די אידען רעכענען די מאָנאטען און די יאָהרען נאָך דער לבנה, און ניט נאָך דער זון) און פלעגט דורך שלוחים אָנזאָגען די קהילות אין ארץ־ישראל און אין די שכנישע לענדער, אין וואָסער טאָג עס פאלט אוים דער אָדער אַן אנדער יום־טוב.

נאָר ווען אין ארץ־ישראל זיינען געבליבען ווייניג אידען, און א גרויסער טייל פון זיי זיינען געווען צושפרייט איבער ווייטע לענדער, איז אזא אָרדנונג געוואָרען אונפראַקטיש. דעריבער האָט הלל הנשיא דער צווייטער צוזאַמענגעשטעלט דעם ערשטען אידישען לוח, לויט וועלכען די אידען פון אלע לענדער זאָלען אליין קענען בעשטימען די טעג פון יעדען חודש און פון יעדען יום־טוב, ניט וואַרטענדיג אויף דער ידיעה פון דעם סנהדרין אין ארץ־ישראל, (359). אויף אַזא אופן איז איבערגעריסען געוואָרען די לעצטע פאָדים, וואָס האָט פארבונדען די צווייהטע אידען אין פאָדער־אזיען מיט די חכמים אין פאלעסטינא.

§56. די לעצטע נשיאים; דער תלמוד ירושלמי. די רוימישע קיסרים נאָך יוליאַן'ען האָבען איינגאנצען בעפעסטיגט די קריסטליכע אמונה אין זייער מדינה. קריגענדיג די מאכט אין זייערע הענד האָבען די קריסטליכע גלחים אין דער רוימישער אימפעריע אונטערדריקט די מענשען פון אנדערע גלויבענס און בעזונדערס די אידען. דער קריסטליכער המון, אויפגערייצט דורך די

דרשות פון זייערע גייסטליכע, פלעגט אָנפאַלען אויף די אידישע שוהלען און זיי חרוב מאַכען. דער קיסר טהעאָדאָסיוס דער גרויסער פלעגט נאָך אמאָל פערטיידיגען די אידען געגען אזעלכע אָנפאַלען; אָבער נאָך זיין טויט (395), ווען די רוימישע מלוכה איז צופאַלען געוואָרען אויף צוויי טייל, די מזרח'דיגע אָדער ביזאַנטיען, מיט דער הויפטשטאָדט קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און די מערב'דיגע, די אי־טאַליענישע, מיט דער הויפּשטאָדט רוים, איז קיינער ניט געוועזען וואָס זאָל זיך אָננעהמען פאַר די פּרעמדגלויביגע. די ביזאַנטישע אָדער מזרח'דיגע קיסרים זיינען אינגאַנצען אונטערגעפאַלען אונטער דעם איינפלוס פון די עפּיסקאָפּען און אַנדערע קירכען־בעאַמטע, וועלכע האָבען געקוקט אויף די אידען ווי אויף אונגלויביגע. טהעאָדאָסיוס דער צווייטער (408—450) האָט אונטער דער ווירקונג פון די גייסטליכע פאַרבאָטען די אידען צו בויען נייע שוהלען, צו פאַרנעהמען רעגירונגס־שטעלען און האַלטען אין זייערע הייזער קריסטליכע בעדיענער.

אין די טעג פון טהעאָדאָסיוס דעם צווייטען האָט געלעבט דער לעצטער אידישער נשיא אין ארץ־ישראל, גמליאל דער זעקס־טער. פון אנפאַנג האָט דער קיסר בעשטעטיגט גמליאל'ן אין זיין אַמט און האָט איהם געגעבען דעם נאָמען „פּערפעקט פון די אי־דען". נאָר ווען דער נשיא האָט זיך ערלויבט איבערצוטרעטען דעם קייזערליכען בעפעהל, וואָס האָט בעגרענעצט די רעכט פון די אידען, (דער נשיא האָט אַליין ערלויבט די זידען צו בויען נייע שוהלען) האָט טהעאָדאָסיוס ביי איהם צוגענומען דעם עהרען־טי־טעל, און נאָכער אינגאַנצען אָבגעשאַפט דעם אַמט פון נשיא אין ארץ־ישראל (425). אזוי האָט זיך געענדיגט די הערשאַפט פון די פּאַלעסטינישע נשיאים פון רבי הלל'ס שטאַם, וועלכע האָט גע־דויערט דריי הונדערט יאָהר. דער טיטעל נשיא אָדער פּאַטריאַרך איז אַריבערגעגאַנגען צום עפּיסקאָפּ פון ירושלים, דעם העכסטען פאָרשטעהער פון דער קירכע פון דער מזרח־אימפּעריע.

אין דער זעלבער צייט האָבען אָנגעהויבען פאַלען די ישיבות אין ארץ־ישראל. אין ארץ־ישראל זיינען שוין געבליבען זעהר ווייניג תלמידי חכמים, נאָכפאָלגער פון די ערשטע אמוראים. די דאָזיגע איבערגעבליבענע אמוראים האָבען בעשלאָסען צונויפ־

צוזאַמלען און פערשרייבען אַלע הלכות און ערקלערונגען צו דער משנה, וואָס זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען אין די אַמאָליגע ישיבות, כדי זיי זאָלען ניט פערלאָרען ווערען איבערגעהענדיג פון מויל צו מויל. דיזע זאַמלונגען זיינען צוגעגעבען געוואָרען צו דער משנה אונטער'ן נאָמען „גמרא ירושלמית" (גמרא מיינט — פערענדיגונג און אויך לעהרע). די משנה און די גמרא צוזאַמען האָבען צולעצט געקראָגען דעם נאָמען „תלמוד" (לעהרע). דער תלמוד אין יענער פאָרמע ווי ער איז צונויפגעשטעלט געוואָרען אין ארץ־ישראל ווערט גערופען „תלמוד ירושלמי", צו אונטערשיידען פון דעם שפּעטערען „תלמוד בבלי". די צייט פון דער שליסונג פון „תלמוד ירושלמי" פאַלט זיך צוזאַמען אונגעפעהר מיט דער עפּאָכע פון די לעצטע נשיאים.

---

## צעהנטער קאַפּיטעל.

# די אידען אין בבל ביז דער שליסונג פון תלמוד בבלי

(200—500)

§57. די אידען אין בבל אונטער דער הערשאַפט פון ניי־פּערסיען. אין בבל האָבען די אידען געלעבט פון די עלטסטע צייטען אָן. נאָכ'ן „גלות בבל" אין דער צייט פון כורש'ן, האָבען זיך ניט אַלע פערטריבענע צוריקגעקערט קיין יהודה, א סך זיינען געבליבען אין בבל און האָבען דאָרט געלעבט אין בעזונדערע קהילות, זיך ניט אויסמישענדיג מיט דער אַרומיגער היידנישער בעפעלקערונג. כל־זמן דער בית־המקדש אין ירושלים איז געשטאַנען האָבען די באַבילאָנישע אידען אויפגעהאַלטען שטענדיגע פערבינדונגען מיט זייערע ברידער אין ארץ־ישראל. זיי פלעגען שיקען קרבנות אין בית־המקדש און אַנדערע פלעגען אַליין קומען (עולה רגל זיין) קיין ירושלים אויף די גרויסע ימים־טובים. נאָר ווען ירושלים איז חרוב געוואָרען דורך די רוימער, איז דער באַנד צווישען די באַבילאָנישע און פּאַלעסטינישע אידען אויפגעהאַלטען גע־

ווארען דורכדעם וואס סיי די, סיי יענע, האבען אנערקענט איבער זיך די הערשאפט פון דעם סנהדרין און פון די לעהרער פון די ישיבות אין ארץ־ישראל. אין דער צייט פון רבי יהודה הנשיא פלעגען א סך יונגע־לייט קומען פון בבל קיין ארץ־ישראל צו לער־נען אין די דארטיגע גרויסע בתי־מדרשים. אבער נאכ'ן טויט פון רבי יהודה הנשיא, ווען די טהעטיגקייט פון די נשיאים און סנהדרין אין דעם הייליגען לאנד האט אנגעהויבען צו פאלען, האט זיך צווי־שען די אידען אין בבל בעוויזען א שטרעבונג צו א זעלבסטשטענ־דיגען גייסטיגען לעבען. די רדיפות פון די קריסטליכע קיסרים אין רוים אויף די פאלעסטינישע אידען האט געצוואונגען א סך אידען ארויסצוואנדערען קיין בבל — און אויף אזא אופן האבען זיך דא געמעהרט די אידישע קהילות, צו וועלכע עס איז ביסלעכ־ווייז אריבערגעגאנגען די בכורה פון פאלעסטינישען יודענטום.

נאך די פארצייטיגע פערסיער, וועלכע האבען איינגענומען בבל אין די טעג פון כורש, האבען איבערן לאנד א לאנגע צייט גע־הערשט די קריעגערישע פארטיער. נאר אין יאהר 226 איז געקו־מען א סוף צו דער הערשאפט פון די פארטיער. די פערסיער הא־בען געמאכט אן אויפשטאנד געגען דעם פארטישען קעניג ארשטא־באן דעם פיערטען, האבען איהם ארונטערגעזעצט פון טראהן און האבען אויסגעקליבען פאר א קעניג זייער פיהרער ארדאשיר (ארתחשסתר), פון דער דינאסטיע סאסאנידען. ארדאשיר האט גע־גרינדעט אין פאדער־אזיען א שטארקע ניי־פערסישע מלוכה, אין וועלכער עס איז אויך אריינגעגאנגען בבל. די דאזיגע איבערקע־רעניש האט פון אנפאנג פערשאפט די באבילאנישע אידען א סך צרות. דער נייער קעניג האט איינגעפיהרט צוריק די אלטע פער־סישע רעליגיע וואס איז בעשטאנען פון דיענען צום פייער. די פערסישע פריסטער אדער „מאגיער“ האבען אנגעהויבען אונטער־דריקען אלע פרעמד־גלויביגע. די אידען איז פארבאטען געווארען אנצוצינדען פייער אין זייערע הייזער אין די פערסישע ימים־טובים, ווען די היידען האבען געדיענט צו דעם גאט פון ליכט הורמיז. אבער די דאזיגע גזרות האבען ניט לאנג געדויערט. דער נאכפאל־גער פון ארדאשיר, דער קריגערישער קעניג שאבור דער ערשטער (241—272) האט צוריקגעגעבען די אידען די פרייהייט פון גלוי־

בען און פון אינערליכער פערוואַלטונג. פאַר איהם און זיינע נאָכ־פאָלגער האָבען די אידישע קהלות אין בבל אויפגעבליהט.

די גרעסטע און רייכסטע קהלות האָבען זיך געפונען אין די שטעדט נהרדעא, סורא, פומבדיתא און מחוזא. בראש פון אַלע אידישע קהלות איז געשטאַנען א פיהרער פון צווישען די אידען, וואָס האָט געטראָגען דעם נאָמען „ריש־גלותא“, אָדער „עקזילאַרך“, ד. ה. דער „האַר פון די פארטריבענע“. די עקזילאַרכען האָבען גערעכענט זייער יחוס פון דוד המלך אזוי ווי די נשיאים פון פאַ־לעסטינא. זייער ערשאַפט איז איבערגעגאַנגען פון פאָטער צו זוהן. דער עקזילאַרך האָט זיך גערעכענט פאַר'ן העכסטען ריכ־טער און פערוואַלטער פון די אידען אין בבל. דורך זיינע בעאַמ־טע פלעגט ער צונויפקלייבען פון די אידען שטייערען פאַר די פערסישע מלכים; ער פלעגט אָנשטעלען אויפזעהער אכטונג צו געבען אויף דער אָרדנונג אין די שטעדט, וואָס זיינען געווען בע־זעצט פון אידען, און אויך דיינים צו משפט'ן דאָס פאָלק. געלעבט האָבען די עקזילאַרכען זעהר רייך, ארומגערינגעלט מיט א סך האַ־רען און דיענער. די פערסישע מלכים פלעגען בעשטעטיגען יעדען נייעם עקזילאַרך אין זיין אמט, און ער האָט זיך גערעכענט פאַר איינעם פון די העכסטע פערסישע האַרען. אויף אזא אופן האָ־בען די אידען אין בבל געהאַט אזוי ווי אמאָל אין זייער אייגען לאַנד, זייער אייגענע אינערליכע פערוואַלטונג און האָבען געקענט לעבען פריי לויט זייער אמונה. דיזע אינווענינסטע פרייהייט (אויטאָנאָמיע) האָט ארויסגערופען צווישען זיי א גרויסע געזעל־שאַפטליכע טהעטיגקייט און גייסטיגע שאַפונג.

§58. רב און שמואל. די ערשטע גרויסע ישיבות אין בבל זיינען אויפגעקומען באַלד נאָך דער שליסונג פון דער משנה. פאַר זייערע גרינדער ווערען גערעכענט: אבא אריכא, וועלכער ווערט אָנגערופען רב, און שמואל ירחינאי. אין זייער יוגענד זיינען די צוויי חכמים אוועק פון בבל קיין ארץ־ישראל, כדי זיך דאָרט צו פערפאָלקאָמען אין לערנען אין דער ישיבה פון רבי יהודה הנשיא. דורך זייערע גלענצענדע פעהיגקייטען האָבען אבא און שמואל פער־נומען דעם ערשטען פּלאַץ צווישען די תלמידים פון רבי יהודה הנשיא און זיי זיינען אין גיכען דערהויבען געוואָרען צום טיטעל

רבי. נאָכדעם זיינען זיי אוועק צוריק קיין בבל מיט דעם בעשלוס צו ווידמען זייערע כחות צו פערשפרייטען די תורה אין זייער גע־בורטסלאַנד. רבי אבא אָדער רב האָט געעפענט אין סורא אַ ישיבה, אַזוי ווי די ארץ־ישראל'דיגע ישיבות. די נייע ישיבה האָט צו־געצויגען אַ סך לערנער; זייער צאָל פלעגט אמאָל דערגרייכען ביז צוועלף הונדערט. זייענדיג אַ רייכער מאַן, פלעגט רב אויסהאַל־טען אָרימע לערנער אויף זיין אייגענעם חשבון. כדי צו געבען די מעגליכקייט צו לערנען אויך צו פאַמיליען־לייט אָדער בעשעפטיגטע, וואָס פלעגען ניט קענען אריינטרעטען אין דער ישיבה אַלס שטענ־דיגע תלמידים, האָט רב בעשטימט צוויי חדשים אין יאָהר, אדר און אלול, ווען עס פלעגען אָבגעהאַלטען ווערען גרויסע אסיפות צו לערנען תורה. דיזע אסיפות זיינען געווען בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „ירחי דכלה" (פערזאַמלונגס־חדשים). אויף די דאָזיגע אסיפות, וואו עס פלעגען זיין די שטענדיגע תלמידים פון דער ישיבה און אַ סך זייטיגע צוהערער, פלעגט מען אין קורצען איבער־געבען אַלץ וואָס איז דורכגעלערנט געוואָרען אין דער ישיבה דורכ'ן זמן. די לעצטע וואָך פון פערזאַמלונגס־חודש, ד. ה. ערב פסח און ערב סכות, פלעגען געהאַלטען ווערען לייכטע דרשות פאַר'ן פאָלק. אין דער וואָך (שבתא דריגלא) פלעגט דער אָנגעלאָף פון מענשען פון פערשיידענע שטעדט פון בבל זיין אַזוי גרויס, אז אין סורא פלעגט ניט קלעקען קיין דירות פאַר אַלע אָנגעפּהאָרענע, און אַ סך פון זיי פלעגען שלאָפען אונטער'ן אָפענעם הימעל אויפ'ן ברעג פון דעם סורא'ער טייך. דאָס איז געווען דער ערשטער שריט צו פערשפרייטען די תורה צווישען אַלע טיילען פון פאָלק.

רב איז געווען בעריהמט אַלס גרויסער תלמיד חכם און ערש־טער אמוראי אין בבל. ער האָט אויך פערפאַסט תפלות פאַר שבת און יום־טוב. רב האָט ליעב געהאַט ערד־אַרבייט און האָט זי גע־שטעלט העכער פאַר האַנדעל. ער האָט אַליין געהאַט גרויסע פעל־דער אַרום סורא און האָט אַליין אַכטונג געגעבען אויף זייער בע־אַרבייטונג. זיין זוהן פלעגט רב לערנען אַזוי: „בעסער אַ קליין שטיקעל ערד, איידער אַ גרויסער שפּייכלער סחורה" („כבא מארעא ולא כורא מאגרא"). רב האָט געפיהרט די ישיבה אין סורא אַרום דרייסיג יאָהר און איז געשטאָרבען אין יאָהר 242. אָנגעהויבען האָט

ער זיין אַרבייט אין דער צייט פון דער הערשאַפט פון די פּאַרטיער און געענדיגט האָט ער זי אין דער צייט פון די נײַ־פּערסישע מלכים. ווען רב איז געשטאָרבען האָבען אַלע אידען פון בבל געטרויערט אַ יאָהר צייט.

רב׳ס חבר, רבי שמואל, האָט געפיהרט די ישיבה אין זיין געבורטס־שטאָדט נהרדעא. די דאָזיגע ישיבה איז געווען נאָך פון פריהער, אָבער ערשט אין רבי שמואל׳ס צייטען איז זי בעריהמט געוואָרען און איז געוואָרען דער וויכטיגסטער צענטער פון אידישער חכמה. שמואל האָט זיך אונטערשיידט פון די אַנדערע אמוראים דערמיט וואָס ער פלעגט זיך פערנעהמען ניט נאָר מיט רעליגיעזע זאַכען נאָר אויך מיט וועלטליכע חכמות: מאַטעמאַטיק, נאַטור־וויסענשאַפט און מעדיצין. אַלס דאָקטאָר האָט רבי שמואל געהאַלטען אַז די מעהרסטע קראַנקהייטען קומען פון שלעכטער לופט. זיין בעליעבטעסטע בעשעפטיגונג איז געווען די אַסטראָנאָמיע און קאַלענדאַרישע אויסרעכנונגען. „די וועגען פון הימעל — פלעגט ער זאָגען — זיינען מיר פּונקט אַזוי בעקאַנט ווי די וועגען פון נהרדעא“. רבי שמואל האָט אַוועקגעשטעלט אַ געזעץ, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג פאַר די אידען, וואָס זיינען געווען צושפּרייט צווישען אַנדערע פעלקער. ער האָט געלערנט, אַז אַלע אידען זיינען מחויב אָבצוהיטען די געזעצען פון די לענדער, וואו זיי וואוינען (דינא דמלכותא דינא). דאָס האָט געהייסען, אַז די דינים לויט וועלכע די אידען פיהרען זיך אין זייער אינער־ליכען לעבען, טאָרען ניט זיין געגען די געזעצען פון דער מלוכה וואו זיי וואוינען. די לעגענדע דערצעהלט, אַז דער פּערסישער קעניג שאבור דער ערשטער איז געווען אַ פּערזענליכער פריינד פון רבי שמואל און האָט איהם שטאַרק געשעצט.

§60. די אַמוראים פון בבל. רב און שמואל, וועלכע האָבען געבראַכט מיט זיך פון ארץ־ישראל די משנה, זיינען געווען די ערשטע אמוראים פון בבל, פון די ישיבות וואָס זיי האָבען געגרינדעט זיינען אַרויסגעגאַנגען אַ סך בעריהמטע חכמים, וועלכע האָבען שפּעטער אַליין געעפענט ישיבות און אַרויסגעגעבען אַ סך געלערנטע. דאָס איז געווען אַ מערקווירדיגע צייט. אַ דורשט פון וויסען האָט אַרומגעכאַפּט די אידען פון בבל. די ישיבה האָט

זיך נערעכענט טייערער פון אלץ. די געזעלשאפט האט אבגעגעבען כבוד ניט דעם רייכען נאר דעם געלעהרטען. צו קענען די משנה און א סך ערקלערונגען צו איהר בעל פה איז געווען א פליכט פאר יעדען געבילדעטען אידען. די אידישע חכמה, וועלכע האט פער־לארען איהר באדען אין ארץ־ישראל, האט זיך אויפגעהויבען צוריק און זיך צובליהט אין בבל. די הויפט ישיבות פון בבל זיינען צו־ערשט געווען די ישיבות פון סורא און נהרדעא. נאר נאך שמואל׳ס טויט איז אויף נהרדעא געקומען אן אומגליק: אדענאט, דער קעניג פון פאלמירא (תדמור) האט אין א מלחמה מיט די פערסיער איינ־גענומען די דאזיגע שטאדט און האט זי חרוב געמאכט (259). דעמאלט איז די ישיבה פון נהרדעא אויף א צייט אריבערגעפיהרט געווארען קיין פומבדיתא.

בראש פון דער ישיבה אין סורא איז נאך רב׳ס טויט גע־שטאנען רבי הונא. אין דער יוגענד איז רבי הונא געווען אן איינפאכער ערד־ארבייטער; אפילו ווען ער איז שוין געווארען געלערנט האט ער נאך אלץ אליין בעארבייט זיינע פעלדער; אפט פלעגט מען איהם זעהן צוריק־קעהרענדיג פארנאכט פון פעלד, מיט א גראב־אייזען און א לאפאטע אויף די אקסעל. שפעטער איז ער רייך געווארען און האט זיך איבערגעגעבען צום לערנען, און האט געקראגען דעם גרויסען נאמען ראש ישיבה פון סורא. אזוי ווי רם, האט הונא אויך אויפגעהאלטען אויף זיין חשבון ניט־פערמעג־ליכע לערנער. דער פיהרער פון דער ישיבה אין פומדיתא איז געווען רב יהודה בר־יחזקאל. ער איז געווען זעהר שארפזיניג און ער פלעגט אפטמאל אבהאלטען אין זיין ישיבה חריפות׳דיגע וכוחים כדי צו ענטוויקלען די גייסטיגע פעהיגקייטען פון די תלמידים. די חכמים פון פומבדיתא האבען געקראגען א נאמען פאר גרויסע בעלי־פלפול; ווענען זיי פלעגט מען זאגען אז זיי קענען אין זייערע וכוחים „דורכפיהרען א העלפאנד דורך דעם אויער פון א נאדעל“. אין יענער צייט האט די ישיבה פון פומבדיתא געקראגען א גרעסערע בעדייטונג ווי די ישיבה אין סורא. נאך רבי יהודה איז איהר ראש־ישיבה געווען רבה בר־נחמנו, וועלכער האט פאר זיין היציגקייט אין געלערנטע וכוחים געקראגען דעם נאמען „עוקר הרים“ — וואס רייסט אוים בערג.

אין זיין צייט פלעגען זיך צו די פאָלקס־פערזאמלונגען ערב די ימים טובים אין פומבדיתא צונויפקומען ארום צוועלף טויזענד צוהערער. די פערסישע רעגיערונג האָט פערבאָטען די אידען צו מאכען אזעלכע גרויסע פאָלקס־פערזאמלונגען און רבה׳ן האָט זי געהייסען ארייגזעצען אין תפיסה. רבה האָט געמוזט לויפען פון פומבדיתא און ער איז אויפ׳ן וועג געשטאָרבען.

די ישיבה פון פומבדיתא איז בעזונדערס בעריהמט געוואָרען אין דער צייט פון איהר גרויסען פיהרער אביי. דער נאָמען פון דיזען אמוראי בעגעגענט זיך אָפט אין תלמוד, צוזאמען מיט׳ן נאָמען פון זיין חבר רבאָ (300־350). אביי איז געוועזן ראָש ישיבה אין פומבדיתא און רבא — אין מחוזא. צווישען די צוויי געלעהרטע פלעגען פאָרקומען שטענדיגע מחלוקות אין לערנען. אָפט פלעגען די מחלוקות אין זייערע ישיבות געפיהרט ווערען ניט כדי קלאָר צו מאכען עפּיס א דין, נאָר כדי צו שאַרפען די מחות פון די תלמידים. אביי און רבאָ האָבען שטאַרק געזאָרגט צו פערשפּרייטען עלעמענטארע בילדונג אין פאָלק; זיי האָבען אכטונג געגעבען אז אין יעדער שטאָדט זאָל זיין א שולע פאר קינדער. נאָך אביי׳ם טויט זיינען די מעהרסטע תלמידים פון פומבדיתא אריבער קיין מחוזא, צו רבאָ. אָבער ווען רבאָ איז געשטאָרבען איז די ישיבה אין מחוזא אויך געפאלען אין גרויסקייט. אין גיכען איז אויף מחוזא געקומען א שווער אומגליק: אין דער צייט ווען קיסר יוליאנוס איז געגאנגען אויף פערסיען איז דיזע שטאָדט צושטערט געוואָרען פון דעם רוימישען חיל.

§61. רב אשי און דער תלמוד בבלי. עס זיינען אריבער צוויי הונדערט יאָהר פון יענער צייט ווען רב און שמואל האָבען אריבערגעפלאנצט קיין בבל די אידישע חכמה פון פאלעסטינא. אין פערלויף פון דער דאָזיגער צייט האָבען הונדערטע אמוראים אין בבל געאַרבייט אויסצופאָרשען און אויסצובורייטען די אידישע רעליגיעזע דינים, געזעצלעהרען און מאָראל. די מיינונגען און בעשלוסען פון די אמוראים פלעגען אומגעהן פון מויל צו מויל, אָדער פלעגען פערשריבען ווערען שטיקלעכווייז. אויף אזא אופן האָט זיך נאָך דער אָבשליסונג פון דער משנה אָנגעקליבען א מאסע נייע הלכות און מסורות, וועלכע עס איז שוין שווער געוועזן אויפצו־

האלטען אין זכרון. עס איז געוואָרען נויטיג צונויפצוקלייבען און ברענגען אין אָרדנונג אָט דיזע אלע מינדליכע טראַדיציעס און נאכער זיי פערשרייבען, כדי זיי זאָלען ניט פערגעסען ווערען, אזוי ווי עס איז געטהאָן געוואָרען אין ארץ־ישראל (תלמוד ירושלמי). דעם אָנהויב דערצו האָט געמאכט דער גרויסער אמוראי רב אשי (370—427).

רב־אשי איז געשטאַנען בראש פון דער ישיבה אין סורא. אין זיין צייט האָט די ישיבה ווידער אָנגעהויבען צו בליהען און רב־אשי איז געוואָרען בעריהמט אלס דער גרעסטער אמוראי אין בבל. זיין גאַנצע לאַנגיעהריגע טהעטיגקייט האָט רב־אשי געווידמעט צו בלויז איין צוועק — צונויפצוזאמלען די תורה שבעל־פה, וואָס האָט זיך אויסגעאַרבייט אין די ישיבות אין בבל, אלס ערקלערונגען אויף דער משנה. די אלע צונויפגעזאמעלטע טראַדיציעס האָבען געקראָגען דעם נאָמען „גמרא בבלית“. כדי צו דערגרייכען זיין צוועק פלעגט רב־אשי אין דער צייט פון די גרויסע פאָלקס־פער־זאמלונגען אין סורא לייענען פאר'ן עולם פרקים פון משנה צוזאמען מיט די פירושים פון די אמוראים, ד. ה. גמרא. אויף אזא אופן איז ער אין פערלויף פון דרייסיג יאָהר דורכגעגאַנגען די גאַנצע משנה צוזאמען מיט דער גמרא. רב אשי האָט אלזאָ צוזאמענגע־קליבען און מסדר געווען די גאַנצע תורה שבעל־פה, וואָס האָט זיך אויפגעקליבען אין בבל, וועלכע איז שפּעטער פערשריבען גע־וואָרען און געקראָגען דעם נאָמען „תלמוד בבלי“.

פאר זיינע גרויסע פערדיענסטען האָט רב־אשי זוכה געווען צום העכסטען עהרען־נאָמען „רבנו“ (אונזער לעהרער); די שפּעטערע דורות האָבען איהם געשטעלט אין איין שורה מיט רבי יהודה הנשיא, דעם מסדר פון דער משנה. אין דער צייט ווען ער איז געווען דער פיהרער פון דער סורא'ער ישיבה איז סורא געוואָרען דאָס וואוינ־אָרט פון די אידישע נשיאים, וועלכע האָבען פריהער געוואוינט אין נהרדעא און פומבדיתא. יעדען יאָהר, נאָך די הערבסטליכע ימים טובים פלעגט מען מאַכען אין סורא א בעזונדערען פאָלקס־יום טוב לכבוד דעם „ריש־גלותא“.

§62. די שליסונג פון תלמוד (חתימת התלמוד). נאָכ'ן טויט פון רב־אשי איז די לאַגע פון די אידען אין בבל פערערגערט

געוואָרען. אין דער צייט פון קעניג איזדאגערד דעם צווייטען (438-457) האָבען זיך אין דער ניי־פּערסישער מלוכה אָנגעהויבען ווידער שטארקע רדיפות געגען די אָנהענגער פון אנדערע גלויבענס, וואָס האָבען ניט געוואָלט אנערקענען זאָראאסטער׳ס אמונה פון דעם פייער־גאָט. אונטער דעם איינפלוס פון די פּערסישע מאגיער האָט דער קעניג פערפאָלגט די אידען און די קריסטען, וועלכע האָבען גע־לעבט אין זיין לאַנד. די אידען איז פערבאָטען געוואָרען אפילו אָבצוהיטען שבת. דיזע פערפאָלגונגען זיינען נאָך שטארקער געוואָ־רען אין די צייטען פון פירוז, וועלכער האָט געהערשט נאָך איזדא־גערד׳ן. די אידען האָבען איהם א נאָמען געגעבען „רשע“. אין דער שטאָדט איספּאהאַן איז פאָרגעקומען א צוזאמענשטויס צווישען די מכשפים און די אידען, און צוויי מכשפים זיינען גע׳הרג׳עט געוואָרען. דערפאר האָט פירוז בעפעהלען אויסצוקוילען א העלפט פון דער אידישער בעפעלקערונג פון איספּאהאַן און די אידישע קינ־דער אריינגעבען אין די פּערסישע טעמפּלען, וואו מען זאָל זיי לערנען צו דיענען דעם גאָט פון פייער. דער ראָש־הגולה פון די באבילאָנישע קהילות הונא־מארי און צוויי אמוראים זיינען פער־שפּארט געוואָרען אין תפיסה און דערנאָך האָט מען זיי געטויט (470). די אידישע ישיבות אין בבל זיינען פערמאכט געוואָרען און זייערע יונגע תלמידים האָט מען מיט געוואלד אריינגעבראכט אין דער פּערסישער רעליגיאָן. דעמאָלט האָבען די אידען אָנגעהויבען מאסענווייז אויסצעוואנדערען פון בבל. א סך האָבען זיך בעזעצט אין דעם שכני׳שען אראביען, וואו עס האָט פון אוראַלטע צייטען געלעבט א אידישער קריגערישער שבט, וועלכער האָט געפיהרט א וואנדער־לעבען; פון דאָרט האָבען א טייל פון די אידען אריינגע־דרונגען אין דעם וויטען אינדיען.

אין דער דאָזיגער שווערער צייט האָבען די אידישע חכמים, וואָס זיינען געבליבען אין בבל, בעשלאָסען צו פערשרייבען די גאַנ־צע תורה שבעל־פּה וואָס האָט זיך אָנגעקליבען נאָך דער משנה, און וואָס רב־אשי האָט צונויפגעזאמעלט און אויסגעשטעלט אין אָרדנונג. רב־אשי האָט די ארבייט אָנגעהויבען און צו פערענדי־גען זי איז בעשערט געווען די אמוראים, וועלכע האָבען געלעבט צום סוף פון פינפטען יאָהרהונדערט נאָך דער קריסטליכער צייטרעכ־

נונג. צום גליק האָבען אין דיזער צייט, נאָכ'ן טויט פון דעם גרויזאַ־מען פירוז אויפגעהערט די גזרות אויף די אידען אין בבל און די ישיבות אין סורא און פומבדיתא האָבען זיך צוריק געעפענט. דער ראָש ישיבה פון דער ערשטער איז געווען רבינא, וועלכער ווערט אָנגערופען דער לעצטער אמוראי. אונטער זיין השגחה זיינען די חכמים צוגעטראָטען צוזאמענצושטעלען די באַבילאָנישע גמרא. אלע מינדליכע פירושים און הוספות צו דער משנה וואָס זיינען שוין פריהער צוזאמענגעקליבען געוואָרען, האָבען זיי פערשריבען אין איין אַלזייטיגען, רעליגיעזען און בירגערליכען קאָדעקס, און האָבען ערקלערט דאָס דאָזיגע ווערק פאַר „גע'חתמ'עט", ד. ה. זיי האָבען פערבאָטען צוצוגעבען אָדער ענדערען עטוואָס דערין. די באַבילאָ־נישע גמרא איז אויסגעשטעלט געוואָרען לויט דער אָרדנונג פון דער משנה, אזוי אז נאָך יעדער מסכתא פון דער משנה זיינען געקו־מען די פירושים און וכוחים פון דער גמרא, וועלכע געהערען צו איהר. די משנה און די באַבילאָנישע גמרא, וועלכע זיינען אויף אזא אופן פעראייניגט געוואָרען צוזאמען, האָבען פאָרגעשטעלט מיט זיך א גרויסען געשריבענעם מאָנומענט, וואָס האָט געקראָגען דעם נאָמען „תלמוד בבלי", צו אונטערשיידען איהם פון דעם קירצערען „תלמוד ירושלמי". אויף אזא אופן האָט רב־אשי אָנגעהויבען די צוזאמענ־שטעלונג פון דעם תלמוד, און רבינא האָט עס געענדיגט, אין 75 יאָהר ארום. רבינא רעכענט זיך פאַר'ן לעצטען אמוראי; ער איז גע־שטאָרבען אין 499 יאָהר. דעריבער ווערט דאָס יאהר 500 פון דער קריסטליכער צייטרעכנונג אנערקענט פאר'ן יאהר אין וועלכען דער תלמוד איז געשלאָסען געוואָרען, (דאָס 430טע יאָהר נאָך דער צו־שטערונג פון ירושלים דורך טיטוס'ן).

§63. דער אינהאַלט פון תלמוד. דער תלמוד איז א גרוי־סע זאמלונג, וועלכע בעשטעהט פון פופציג גרויסע און קליינע טראַקטאַטען (מסכתות. אין דרוק קומען זיי געוועהנליך אין 12 ביז 20 גרויסע בענדער). דאָ איז צונויפגעקליבען דער גרעסטער טייל דערפון, וואָס דער אידישער געדאַנק האָט בעשאַפען זינט דער שליסונג פון תנ"ך ביז צום סוף פון פינפטען יאָהרהונדערט פון דער קריסטליכער צייטרעכענונג. דאָס איז ניט קיין ווערק פון איינעם אָדער עטליכע געלערנטע לייט, נאָר דער סך־הכל פון

קברים פון אידישע מלכים.

דעם וואָס דער אידישער גייסט האָט געשאַפען אין פערלויף פון זיבען הונדערט יאָהר. דער תלמוד איז ניט עהנליך צו די גע־וועהנליכע „געזעצביכער“, ווייל חוץ די רעליגיעזע און בירגערליכע דינים ענטהאַלט ער אויך א מאַסע ידיעות פון אנדערע צווייגען פון וויסענשאַפט, פילאָזאָפיע און מאָראַל. אפילו די דינים זעלבסט ווערען איבערגעגעבען אין דער גמרא ניט אלס פעסטגעשטעלטע בעשלוסען, נאָר אלס פערהאַנדלונגען און וכוחים צווישען די חכמים. דאָס ערקלערט זיך דערמיט, וואָס דער תלמוד איז צוזאַמענגע־שטעלט געוואָרען לכתחילה ניט נאָר אלס געזעץ־בוך, א הוספה צום תנ״ך נאָר אויך אלס לערן־בוך, אין וועלכען יעדער איד האָט געקענט לערנען און שאַרפען זיין מוח. און דאָס בעטייט טאַקי דער נאָמען „תלמוד“, וואָס מיינט לעהרע. צוזאַמען דערמיט האָט דער תלמוד געדאַרפט דיענען פאַר'ן פאָלק אלס קוואַל, וואו זיי האָבען געקענט שעפּען אלגעמיינעם וויסען און מאָראַל, זייט ביי זייט מיט די רעליגיעזע און געזעלשאַפטליכע דינים בעגעגענען זיך אין תלמוד ידיעות איבער אַסטראָנאָמיע, מעדיצין און נאַטור־וויסענשאַפט, און אָפטער פון אלץ — מאָראַל־לעהרען, פילאָזאָפי־שע געדאַנקען, היסטאָרישע ערצעהלונגען און פאָלקס־לעגענדען.

יעדער ספר פון תלמוד בעשטעהט פון צוויי טייל, וואָס זיינען צונויפגעגאָסען אין איינעם: „הלכה“ און „אגדה“. אין דער הלכה ווערען אויספיהרליך בעשפּראָכען און ערקלערט די דינים פון דער משנה און עס ווערט אָנגעוויזען ווי אזוי זיי זיינען פער־בונדען מיט די געזעצען פון דער תורה. אין דער אגדה פערנעהמען דעם הויפּט־אָרט מוסר, שמועסען וועגען פערשיידענע ערשיינונ־גען פון לעבען, און היסטאָרישע טראַדיציעס. דער וואָס לערנט תלמוד און ער ווערט פערמאַטערט פון די האַרבע וכוחים און פלפולים פון דער הלכה, רוהט זיך אָב ביי דער אגדה, וואו ער געפינט אנגענעהמע און אָנציהענדע לעזעשטאָף. דאָ, צווישען די פּראַכטפולע ערצעהלונגען און טראַדיציעס, זיינען צואוואָרפען קלו־גע משלים און שפּריכווערטער, וואָס ענטהאַלטען אין זיך די העכ־סטע מאָראַלישע אמת'ן, וועלכע זיינען ארויסגעזאָגט געוואָרען נאָך דעם תנ״ך. שפּעטער אז מען האָט אָנגעהויבען דעם תלמוד צו לערנען אין די ישיבות און בתי־מדרשים האָט יעדער איינער גע־

פונעם אין איהם רייכע שפייז פאַר זיין מוח: דער געלערנטער פלעגט זיך פערטיעפען אין די שאַרפזיניגע וכוהים פון דער הלכה, און דער מיטעלער מענש פלעגט מיט ענטציקען לייענען די שעהנע מעשה׳לעך און ד קלוגע משלים פון דער אגדה.

מיט׳ן תלמוד האָט זיך נעענדיגט די ענטוויקלונג פון דער אַלטער ביבלישער געזעצלעהרע. צו די דינים פון תורת־משה זיינען צוגעקומען זעהר אַ סך נייע דינים און מנהגים, וועלכע דער איד דאַרף אָבהיטען אין זיין היימישען, געזעלשאַפטליכען און גייסטיגען לעבען. יעדער געבאָט אין דער תורה האָט זיך פאַנאַנדערגעצווייגט אין תלמוד אויף אַ סך געבאָטען. צום ביישפיעל, די תורה זאָגט אָן, אַז מען זאָל רוהען אום שבת פון די געוועהנליכע ארבייטען. אָבער דער תלמוד פערוועהרט צו טהאָן אום שבת אפילו אזעלכע מלאכות, וועלכע בעלאַנגען ניט צו די שווערע ארבייטען (ווי טראָגען קליינע זאַכען, אָנצינדען פייער, אָברייסען אַ בלום א. אַז. וו.). צו די מינים שפייז, וואָס די תורה פערוועהרט האָט דער תלמוד צוגעגעבען אַ סך נייע. ניט גרינג איז אָנגעקומען דעם אידען אָבצוהיטען די דאָזיגע אַלע דינים און מנהגים; אָבער זיי זיינען געווען נויטיג צוליעב דער בעזונדערער לאַגע פון דעם אידישען פאָלק: די אידען זיינען געווען צושפרייט אין אַלע טיילען פון דער וועלט; כדי זיי זאָלען זיין איין פאָלק און ניט קענען זיך אויסמישען מיט די ארומיגע פעלקער, איז נויטיג געווען, אַז די אידען זאָלען איבעראַל שטרענג אָבהיטען די דינים פון זייער אמונה און אופהאַלטען זייערע נאַציאָנאַלע מנהגים, וועלכע האָבען זיי אונטערשיידט פון אַנדערע פעלקער. צום דאָזיגען צוועק זיינען אָנגעווענדט אַלע געזעצען פון תלמוד. אין די דאָזיגע געזעצען איז ווירקליך בעלונגען אויפצוהאַלטען די אידישע נאַציאָן גאַנץ, צו להכעים אַלע רדיפות, וואָס די אידען האָבען געמוזט אויסשטעהן אין פערשיידענע לענדער פאַר זייער גלויבען און נאַציאָן.

דער תלמוד בבלי שטימט מיט׳ן תלמוד ירושלמי נאָר דערמיט, וואָס זיי ענטהאַלטען דיזעלבע משנה; אָבער די גמרא איז ביי זיי פערשיידען: אין דעם תלמוד בבלי איז די גמרא אַ סך ברייטער און פולער. אָט דעריבער האָט זיך עס שפּעטער בעזונדערס שטאַרק פערשפּרייט דער תלמוד בבלי. די שפּראַך פון

דעם תלמוד בבלי איז א געמיש פון העברעאישע און אראמעאישע ווערטער (כאלדייאיש). אין דער משנה, וועלכע איז צוזאמענגע־שטעלט געוואָרען אין ארץ ישראל, זיינען דאָ מעהר העברעאישע ווערטער און שפּראַך־פאָרמען; אָבער אין דער גמרא הערשט מעהר די אראמעאישע שפּראַך, וועלכע איז געווען זעהר שטארק נאָהענט צו דער דעמאָלטינגער אומגאנגס־שפּראַך פון די באַ־בילאָנישע אידען.

---

עלפטער קאַפּיטעל.

# די אידען אין מזרח ביז'ן סוף פון דער עפּאָכע פון די גאונים

(500 — 1040)

§64. מהומות אין פּערסיען; די סבוראים. נאָך דער אָבשליסונג פון תלמוד האָבען די אידען אין פּערסישען בבל אי־בערגעלעבט שטירמישע צייטען. זיי האָבען שטארק געליטען פון דעם בייזען ווילען פון די סאטראַפּען (שטאטהאלטער פון פּראָווינצען) און פון די פאנאטישע מכשפים, די פּריסטער פון דעם גאָט פון פייער. אין אָנהויב פון זעקסטען יאהר־הונדערט זיינען די ליידען פון די אידען דערגאנגען אזוי ווייט, אז א טייל פון זיי האָט מורד געווען געגען דער פּערסישער רעגירונג. בראָש פון די מורדים איז געשטאנען דער יונגער אידישער „עקזילאַרך" מר־זוטרא. דער קריי־געריגער עקזילארך האָט ארויסגעטריבען די פּערסיער פון דער שטאָדט מחוזא און האָט זיך דאָרט בעפעסטיגט מיט זיין חיל אלס זעלבסטשטענדיגער אידישער פירשט. זיבען יאהר איז אר־זוטרא געבליבען פירשט, נאָר נאכער האָט דער פּערסישער חיל איינגענומען די שטאָדט מחוזא, האָט גענומען געפאנגען מר־זוט־רא'ן און איהם אויפגעהאנגען נעבען בריק פון מחוזא (ארום יאהר 520). די אידען האָט מען נאָך שטארקער אָנגעהויבען צו פערפאָלגען און אונטערדריקען.

אין פערלויף פון זיבעציג יאָהר נאָך דער געשיכטע, האָט זיך די לאַגע פון די אידען אונטער דער פּערסישער הערשאַפט געבי־

מען דאָ צום בעסערען, דאָ צום ערגערען, לויט דעם וואָס פאַר א קעניג עס האָט געהערשט. אָרדנונג און רוה האָבען זיך איינגע־שטעלט אין אידישען לעבען ערשט אין דער צייט פון דעם לעצ־טען פערסישען קעניג חזראי דער צווייטער (628־590), וועלכער האָט זיך בעריהמט געמאַכט אַלס קריעגספיהרער און קלוגער הער־שער. אין זיין צייט האָבען די אידישע קהילות אין בבל ווידער אָנגעהויבען צו פערוואַלטעט ווערען דורך זייערע אייגענע וועלט־ליכע בעאַמטע, עקזילאַרכען, און זייערע איינענע גזוניץ־לעהרער, וועלכע זיינען געשטאַנען בראָש פון ישיבות.

די גזוניץ־לעהרער פון יענער צייט האָבען זיך שוין ניט גערו־פען „אמוראים" ווי פריהער, נאָר „סבוראים", דאָס הייסט, די וואָס דריקען אויס א מיינונג. אזוי ווי דער תלמוד איז שוין געווען גע־שלאָסען האָט מען מעהר ניט געטאָרט צוגעבען צו איהם קיין נייע דינים, נאָר מען האָט בלויז געקענט לערנען און ערקלערען די דינים וואָס ער ענטהאַלט. דאָס האָבען געטהאָן די סבוראים. זיי האָבען געשטודירט דעם געשריבענעם טעקסט פון דעם תלמוד, האָבען פער־ריכט זיינע גרייזען, אָפטמאָל אריינגעשטעלט זייערע קורצע ערקלע־רונגען און האָבען אויסגעשטעלט די אבטיילונגען אין א בעשטימטער אָרדנונג. די וויכטיגסטע ישיבות האָבען זיך געפונען ווי פריהער אין די צוויי בבל׳ישע שטעדט סורא און פומבדיתא.

§65. די אידען אין סיריען און פאַלעסטינאַ אונטער דער הערשאַפט פון ביזאַנטיען. ווען די גרויסע רוימישע אימפעריע איז זיך צופאַלען אויף צוויי האַלבע, די מזרח׳דיגע אָדער ביזאַנ־טיען, און די מערב׳דיגע אָדער איטאַליען (אויבען 56§), זיינען סי־ריען און ארץ ישראל אריבער צו ביזאַנטיען. דאָ איז די לאַגע פון די אידען געווען נאָך ערגער ווי אין פערסיען, ווארום די קריסט־ליכע ביזאַנטען האָבען בכלל אונטערדריקט די פרעמדע גלויבענס. די קריסטליכע גייסטליכע האָבען געהאַסט די אידען דערפאַר, וואָס זיי זיינען געבליבען ביי זייער אַלטען גלויבען, און זיי האָבען אָנ־גערייצט די מלכים ארויסצוגעבען גזרות געגען די אידען. ביי די אידען האָט מען ביסלעבווייז אָבגענומען זייער רעליגיעזע פרייהייט און אנדערע בירגערליכע רעכט, אָבער מען האָט זיי געצוואונגען צו ערפילען אַלע בירגערליכע פליכטען און צאָהלען שווערע שטייע־

רען צו דער רעגירונג. דער ביזאַנטישער קיסר יוסטיניאַן (527—656) האָט געשריבען אין זיין בעפעהל געגען די אידען אזוי:
„זאָלען דיזע מענשען קרעכצען אונטער דער לאַסט פון זייערע פליכטען, אָבער זיי זאָלען ניט פארנעהמען קיינע חשוב'ע שטעלען; זיי דארפען בלייבען אין דער זעלבער פעראכטעטער לאַגע, און וועל־כער זיי אליין לאָזען איבער זייערע נשמות". אין „יוסיטיניאַנ'ס קאָדעקס" זיינען אריין אַ סך שווערע געזעצען געגען אידען. זעהענדיג די הילפלאָזיגקייט פון די אידען, פלעגט דער פראסטער המון זיי אָפט בעפאלען, זיי בערויבען און הרג'ענען.
איבערהויפּט זיינען די אידען אונטערדריקט געוואָרען אין זייער אמאָליגען פאטערלאַנד, אין ארץ־ישראל. די ביזאַנטיער האָ־בען דאָ געבויט פאר זיך קירכען און מאָנאסטירען, און די אידען האָבען זיי פארוועהרט צו בויען נייע שוהלען אויף דעם אָרט פון די אַלטע, וואָס זיינען צופאלען געוואָרען. אין איינינע פלעצער האָט מען זיי איננאנצען פארבאָטען זיך צו בעזעצען. מען האָט זיי אפילו ניט אריינגעלאָזט אין דער הייליגער שטאָדט ירושלים. אַ בעדייטענדע אידישע קהילה איז געבליבען נאָר אין דער שטאָדט טבריה, וואו עס האָבען אמאָל געוואוינט די אידישע נשיאים. אַ סך אידען האָבען געלעבט אויך אין סיריען, איבערהויפּט אין דער גרויסער שטאָדט אנטיוכיה, וועלכע איז געווען בעזעצט פון קריסט־ליכע גריכען.
די נגישות און בעליידינונגען פון די ביזאַנטישע קריסטען פלעגען שטארק אויפרייצען די אידען און פלעגען זיי אָפטמאָל ברענגען צו אַן אָפענעם אויסברוך. אין אנטיוכיה איז צווישען זיי און די גריכען געקומען צו אַ בלוטיגען צוזאמענשטויס. דאָס מאָל האָבען די אידען מנצח געווען: זיי האָבען גע'הרג'עט זייערע שונאים, געוואָרפען זיי אין פייער און האָבען געטויט אפילו דעם פּאטריארך פון אנטיוכיה, אנאסטאסיוס. אָבער אין גיכען איז דיזער אויפשטאנד דערשטיקט געוואָרען; אַ סך אידען האָט מען היננעריכט אָדער ארויסגעטריבען פון לאַנד, אויפ'ן בעפעהל פון קעניג פאָקי (608).
אין עטליכע יאָהר ארום האָבען די אידען ווידער אויסגע־נוצט די געלעגענהייט צו נעהמען נקמה פון זייערע אונטערדריקער.

אין יענער צייט איז געווען א מלחמה צווישען דעם פּערסישען קעניג חזראי דעם צווייטען און דעם ביזאַנטישען קיסר הע־ראַקליוס. די פּערסיער זיינען אריינגעטראָטען אין סיריען און האָבען זיך דערנעהנטערט צו פּאַלעסטינא. זיינען די אידען צוגע־שטאַנען צו זיי צו קעמפּפען צוזאַמען מיט זיי געגען די פערהאַסטע ביזאַנטיער. דער רייכער בנימין פון טבריה האָט געגעבען דאָס געלט אויף בעוואַפענען זיינע ברידער. אין יאָהר 614 האָבען די פּערסען, מיט דער הילף פון דעם אידישען חיל, גענומען מיט שטורם ירושלים, וואו פריהער איז די אידען געווען שטרענג פערבאָ־טען צו וואוינען. פון דאַנען האָבען די זיעגער זיך געלאָזט אין אנדערע שטעדט פון פּאַלעסטינא, און האָבען איבעראַל אויס־גע'הרג'עט די מאָנאַכען און פערניכטעט קירכען און מאָנאַסטירען מיט דער זעלבער גרויזאַמקייט, מיט וועלכער דער ביזאַנטישער המון האָט פריהער צושטערט אידישע שוהלען און בתי־מדרשים. ארום פערצעהן יאָהר האָט געדויערט די הערשאַפט פון די פּערסיער אין פּאַלעסטינא. נאָר ווען חזראי איז ארונטערגעזעצט גע־וואָרען פון טראָהן און אין פּערסיען האָבען זיך אָנגעפאַנגען מהומות (628), זיינען די ביזאַנטיער ווידער שטאַרק געוואָרען. הערַאַקליוס האָט וויעדער בעזיעגט פּאַלעסטינא און האָט גרויזאַם בעשטראָפט די אידען פאַר זייער בונד מיט די פּערסיער. א סך אידען זיינען אויסגע'הרג'עט געוואָרען, און א סך זיינען אנטלאָפען קיין מצרים.

אָבער ניט לאַנג האָבען די ביזאַנטיער אָנגעהאַלטען זייער הערשאַפט אין ארץ־ישראל. אין יענער צייט האָט זיך אין מזרח אָנגעהויבען גיך צו פערשפּרייטען די רעליגיאָן פון מאַחמעד; די קריעגערישע אַראַבער, וועלכע האָבען איבערגענומען די דאָזיגע רעליגיאָן, האָבען צוגענומען אין אזיען די הערשאַפט סיי פון די היידנישע פּערסיער, סיי פון די קריסטליכע ביזאַנטיער.

§66. די אידען אין אַראַביען און מאַחמעד. אויפ'ן אַראַ־בישען האַלב־אינזעל האָבען אידען געלעבט נאָך פון אוראַלטע צייטען. א טייל פון זיי האָט זיך דאָרט בעזעצט נאָך אין דער צייט ווען די אידישע מלוכה האָט עקזיסטירט; א סך זיינען אהין אנט־לאָפען שפּעטער פון די ביזאַנטישע און פּערסישע לענדער. די אַראַבער האָבען געקוקט אויף די אידען ווי אויף א קרוב'ישען פאָלק

ווארום די אראבער האבען גערעכענט זייער אבשטאמונג פון ישמעאל, דעם זוהן פון אברהם, דעם פאטער פון אידישען פאלק. און ווירקליך,ביידע פעלקער האבען בעלאנגט צו דער סעמי־טישער ראסע און האבען גערעדט אויף אן ענהליכער שפראך. די אראבישע אידען האבען זיך אויך מיט זייער ארט לעבען וועניג אונטערשידען פון די אראבער. זיי האבען געלעבט אין קליינע שבטים, וועלכע פלעגען זיך רופען אויפ'ן נאמען פון דעם פאטער (צום ביישפיעל: בנו־קיינוקאא, בנו־נאדיר, ד. ה. די קינדער פון קיינוקאא און פון נאדיר). דער עלטסטער פון שטאם איז אויך געווען דער פיהרער. די אידען האבען זיך בעשעפטיגט מיט פיה־צוכט, נאר פיעלע האבען אויך געפיהרט האנדעל מיט אינדיען, פערסיען און ביזאנטיען. אזוי ווי די אראבער, האבען זיי זיך אויס־געצייכענט מיט א קריעגערישען גייסט. בלויז אין דער רעליגיאן האבען זיי זיך אונטערשיידט פון די אראבער, וועלכע זיינען נאך געווען געצענדיענער. נאר אין דעם 6טען יאהרהונדערט פון דער קריסטליכער צייטרעכנונג האט זיך די אידישע אמונה אנגעהויבען פערשפרייטען צווישען די אראבער. גאנצע שבטים פלעגען נאכ־טהאן זייערע עלטסטע און אננעהמען די אידישע רעליגיאן. רער אריבערגאנג צום יודענטום איז פאר די אראבער געווען גרינגער דערמיט, וואס פון די עלטסטע צייטען אן איז ביי זיי געווען איינ־געפיהרט צו מל זיין די אינגלעך.

אין אנהויב פון 6טען יאהרהונדערט איז אין דרום־אראביען אדער תימן געגרינדעט געווארען א קליינע מלוכה, וואו די אי־דישע רעליגיאן איז געווען די הערשענדע. דער תימנ'ער קעניג אבו־קאריבא, בעקענענדיג זיך מיט די אידישע חכמים האט אנ־גענומען דאס יודענטום און האט אויך מגיר געווען פיעלע ארא־בער (500). זיין טראן־פאלגער, דער יונגער יוסף דו־נאוואס איז געווען אן איבערגעבענער אנהענגער פון יודענטום און איז געווען א הייסער פערטיידיגער פון זיינע נייע גלויבענס־ברידער. ווען יוסף האט זיך דערוואוסט, אז אין דער ביזאנטישער אימפעריע אונטערדריקען די קריסטליכע מלכים און גייסטליכע די אידען, האט ער בעשלאסען צו אבצאהלען דערפאר די קריס־טען, וואס האבען געלעבט אין זיין מדינה. ער האט געהייסען

באַפּען די ביזאַנטישע סוחרים, וואָס זיינען געפאָהרען קיין אינ־דיען דורך תימן און זיי העננען. ער האָט ארויפגעלעגט שווע־רע שטייערען אויף די קריסטען פון זיין מלוכה און האָט זיי אונטערדריקט אַזוי ווי די ביזאַנטישע קיסרים האָבען אונטער־דריקט זייערע אידען. דערמיט האָט דו־נאָוואַס אויפגעוועקט נעגען זיך דעם צאָרן פון די קריסטליכע מלכים. זיי צו הילף איז געקומען דער קעניג פון דער נאָהנטער עטיאָפּיען (אבי־סיניען), עלעסבאַא, וועלכער איז געווען אַ קריסט. די מחנות פון עטיאָפּיען האָבען זיך אריינגעריסען אין תימן און האָבען זיך גענומען צו פערוויסטען דאָס לאַנד. דאָס אַראַבישע און אידישע חיל פון דו־נאָוואַס האָט ניט געקענט ביישטעהן געגען זיי. זעהענדיג זיין אונפערמיידליכען סוף איז דו־נאָוואַס ארויפגעשפּרונגען רייטענדיג אויף זיין פערד צום שפּיץ פון אַ הויכען בארג און האָט זיך ארונטערגעוואָרפען אין ים אריין (530). אַזוי איז געפאַלען די אידישע מלוכה אין אַראַביען.

דער שטענדיגער פאַרקער פון די אידען מיט די אַראַבער האָט צוגעגרייט די לעצטע אָנצונעמען דאָס גלויבען אין אַן איינ־ציגען גאָט. אין אָנהויב פון 7טען יאָהרהונדערט איז ערשינען אין אַראַביען דער גרינדער פון אַ נייער רעליגיאָן, וועלכע איז אַזוי ווי דאָס קריסטענטום געווען געגרינדעט אויפ'ן אידישען תנ"ך. דאָס איז געווען דער אַראַבישער נביא מאַחמעד. אין זיין יוגענד האָט מאַחמעד פאַרקערט צווישען אידען און האָט זיך דורך זיי בע־קאַנט מיט'ן תנ"ך און מיט די יסודות פון אַן איינציגער גאָטהייט. דיזע רעליגיעזע געדאַנקען האָט ער שפּעטער פעראייניגט מיט די אַראַבישע טראַדיציעס און האָט בעשאַפען אַ נייע רעליגיאָן — דעם „איסלאַם" („איבערגעבענהייט צו גאָט"). ער האָט זיך ערקלערט פאַר אַ נביא, וועלכען גאָט האָט געשיקט צו ענדערען די „אמונה פון אברהם". דער ערשטער גרונד פון זיין רעליגיאָן זאָגט: עס איז ניטאָ קיין גאָט אויסער (דעם איינציגען) גאָט, און מאַחמעד איז זיין נביא". אַ סך אַראַבער האָבען אָנגענומען דעם נייעם גלויבען און ערקלערט מאַחמעד'ן פאַר אַ נביא. פון אָנהויב האָט מאַחמעד געפּרובט צוצוציהען צו זיין לעהרע די אידען, אָבער זיי, אויסער איינינע, האָבען איהם ניט געוואָלט אנערקענען פאַר גאָט'ס

שליח, וואָס שטעהט העכער פאר די נביאים פון תנ"ך. דעריבער ווען מאחמעד האָט זיך בעפעסטיגט אין דער שטאָדט מעדינא (622) און האָט געקראָגען די מאכט איבער א מאסע „גלויבינגע" אראבער, האָט ער אָנגעהויבען א קאמפף מיט די אידען. פארשפרייטענדיג זיין רעליגיאָן מיט'ן שווערד איז מאחמעד און זיינע קריעגער בע־פאלען די אידישע שבטים בענו־קיינוקאא און בענו־נאדיר. די אידען האָבען ארויסגעוויזען א העלדישען ווידערשטאנד, אָבער זיי האָבען ניט געקענט ביישטעהן געגען די אראבישע קריעגער; פיע־לע פון זיי זיינען אנטלאָפען אין אנדערע לענדער, און די וואָס זיינען געפאנגען געוואָרען האָט מען געטויט אויפ'ן בעפעהל פון דעם „נביא". איינע פון די געפאנגענע אידישע פרויען, די שעהנע זיינאב האָט דער נביא גענומען פאר א ווייב. דיזע העלדישע פרוי האָט בעשלאָסען צו נעהמען נקמה פון דעם שונא פון איהר פאָלק און האָט איינמאָל דערלאנגט מאחמעד'ן א שטיקעל פלייש מיט סם. איינער פון דעם נביא'ס קרובים, וועלכער האָט פערזוכט פון דעם פלייש, איז געשטאָרבען, אָבער מאחמעד אליין האָט בע־וויזען אויסצושפייען דעם סם און ער איז געבליבען לעבען. ווען מאחמעד האָט איהר געפרעגט פארוואָס האָט זי עס געטהאָן, האָט זי געענטפערט: „דו האָסט פערשאפט מיין פאָלק שווערע ליידען, און איך האָב דעריבער געטראכט, אז אויב דו ביסט נאָר א געוועהנ־ליכער קריעגספיהרער וועל איך, פער'סמ'ענדיג דיך, ברענגען מיין פאָלק רוה; אויב אָבער דו ביסט ווירקליך א נביא, וועט דיר גאָט מודיע זיין פון מיין מהאָט און דו וועסט בלייבען אונבעשעדיגט. מאחמעד האָט געהייסען זי טויטען.

דערפון קומט עס וואָס אין „קאָראַן" — דאָס הייליגע בוך פון די מאחמעדאנער — געפינען זיך א סך פיינדליכע אויסדריקען געגען יודענטום. פון אָנפאנג איז די אידען ווירקליך אויסגעקומען א סך צו ליידען פון דער רעליגיעזער פיינדשאפט פון די מאח־מעדאנער; אָבער אין די שפּעטערע צייטען איז די שנאה צווישען די צוויי קרובי'שע רעליגיאָנען שוואכער געוואָרען און די אידען האָבען געקענט לעבען אין די מאחמעדאנישע לענדער רוהיגער ווי אין די קריסטליכע.

§67. די ערשטע קאַליפען; די נייע נשיאים. פאר'ן

טויט האָט מאַחמעד איבערגעלאָזט אַ צוואה צו די אַראַבער זיי זאָ־
לען פאַרשפּרייטען זיין רעליגיאָן איבער דער גאַנצער וועלט מיט
דער מאַכט פון געוועהר. אַזוי שנעל ווי מאַחמעד איז געשטאָרבען
(632), האָבען די קריעגערישע אַראַבער זיך אַריינגעריסען אין אַלע
לענדער פון פאָדער־אַזיען, מיט'ן אויסרוף: „עס איז ניטאָ קיין
גאָט אויסער גאָט, און מאַחמעד איז זיין נביא“. די ערשטע אַראַ־
בישע קאַליפען (שטעלפאַרטרעטער פון דעם נביא) זיינען געווען
אויסגעצייכענטע קריעגספיהרער. בראש פון זייער חיל האָבען זיי
איינגענומען סיריען, פּאַלעסטינאַ, פּערסיען און מצרים. איבער־
הויפּט איז בעריהמט געוואָרען דער צווייטער קאַליף, דער העלדי־
שער אָמאַר. אין יאָהר 638 האָט ער אָבגענומען ארץ ישראל ביי
די ביזאַנטיער. ווען ער האָט איינגענומען ירושלים האָט ער אויס־
געבויט אַ „מעטשעט“ (מאַחמעדאַנישער טעמפּעל) אויפ'ן פּלאַץ וואו
דער בית־המקדש איז געשטאַנען. ירושלים, וועלכע איז פריהער גע־
ווען אַ הייליגע שטאָדט ביי די אידען און קריסטען, איז איצט געוואָ־
רען הייליג אויך ביי די מאַחמעדאַנער אָדער „מוסולמענער“ (רעכט־
גלויביגע). אָמאַר האָט ניט ערלויבט די אידען צו וואוינען אין
דיזער שטאָדט און האָט זיי אין אַלגעמיין געדריקט, ווי אויך די
קריסטען.

אין פּערסיען און בבל, וואָס די אַראַבער האָבען איינגענומען,
איז די לאַגע פון די אידען פאַרבעסערט געוואָרען אין דער צייט
פון דעם פיערטען קאַליף אַלי (660). אַז די אַראַבער האָבען בע־
זיעגט די לענדער פון פאָדער־אַזיען און צפון אַפריקאַ, האָבען זיי
זיך בערוהיגט און האָבען אָנגעהויבען איינצופיהרען אָרדנונג אין
די בעזיעגטע לענדער. די קאַליפען האָבען געגעבען די אידען פולע
פרייהייט אין זייער אינוועניגסטער פיהרונג. די אידען אין בבל
האָבען ווידער בעקומען דאָס רעכט צו האָבען אַן עלטסטען פון
זייער אייגענעם פאָלק. דער ערשטער פון די דאָזיגע עלטסטע,
אָדער עקזילאַרך (נשיא) אונטער די אַראַבער, איז געווען בוסתנאי,
אַן אָבגעשטאַמטער פון די ערשטע עקזילאַרכען, וועלכע האָבען גע־
פיהרט זייער יחוס פון דוד המלך. די לעגענדע דערצעהלט פאָל־
גענדעס ווי אַזוי בוסתנאי האָט דערגרייכט צו זיין הערשאַפט. איין
קעניג האָט געהייסען אויס'הרג'ענען די גאַנצע משפחה פון די אי־

דישע עקזילארכען אין בבל. דער בעפעהל איז ערפילט געוואָרען; לעבען געבליבען איז נאָר די אלמנה פון דעם גע'הרג'עטען עקזילארך חנניה, וועלכע איז געווען שוואנגער און האָט זיך אויך גערירכט אויפ'ן טויט. פלוצלינג חלומ'ט זיך דעם קעניג איין נאכט, אז ער האָט אויסגעהאקט אלע בוימער פון א פראכטפולען סאָד („באָסטאַן"), אָבער אז ער האָט אויפגעהויבען די האק אויף דעם לעצטען בוים האָט זיך פאר איהם בעוויזען אן אלטער מאן, וועלכער האָט איהם מיט דער האק געגעבען אזא קלאפּ אין פנים, אז דער קעניג איז געפאלען בעגיסענדיג זיך מיט בלוט. דער קעניג האָט זיך גענומען בעטען ביים זקן ער זאָל אויף איהם רחמנות האָבען און ער האָט געגעבען א שבועה ניט צו טשעפּען דעם לעצטען בוים, נאָר איהם אָבהיטען. דער קעניג האָט זיך אויפגעכאפּט און געפונען אויפ'ן שטערן סימנים פון בלוט. דאן האָט ער גערופען צו זיך א אידישען חכם, וועלכער האָט איהם פותר חלום געווען אזוי: דער אויסגעהאקטער סאָד איז דער שטאם פון דוד המלך; דער איבערגעבליבענער בוים איז דאָס קינד, וואָס די אלמנה פון דעם גע'הרג'עטען עקזילארך וועט אין גיכען געבעהרען. דער קעניג האָט איצט בעפעהלען מען זאָל די אלמנה שטארק אָבהיטען און ווען זי האָט געבאָרען א זוהן האָט ער איהם א נאָמען געגעבען בוסתנאי, נאָכ'ן סאָד, אָדער „באָסטאַן", וואָס ער האָט געזעהען אין חלום. צו דער גרויסער פרייד פון אלע באבילאָנישע אידען איז בוסתנאי אויסגעוואקסען און געווען א גרויסער למדן. דער קעניג האָט ליעב געקראָגען דעם שטילען און בעשיידענעם בוסתנאי און האָט איהם געמאכט פאר עקזילארך. די אראבישע קאליפען האָבען בעשטעטיגט בוסתנאי'ן אין זיין אמט און איינער פון זיי האָט איהם געגעבען פאר א ווייב די שעהנע דאָרא, די טאָכטער פון פערסישען קעניג, וועלכער איז גענומען געוואָרען געפאנגען, ווען די אראבער האָבען בעזיעגט פערסיען.

§68. די עקזילארכען און די גאונים. נאָכ'ן טויט פון דעם קאליף אלי האָבען אין די לענדער פון דער אמאָליגער פערסיען געהערשט די קאליפען פון דעם אראבישען שטאם מואבי, אָדער אָמאיאדען (661—750). זייער הויפּטשטאָדט איז געווען אין דער וויכטיגסטער שטאָדט פון סיריען, דמשק. אין דער צייט פון די





אויפשריפטן אויף אַלטע אידישע מצבות אין רוים.

ראַזיגע קאַליפען האָט זיך די זעלבסט־פערוואַלטונג פון די אידען אין בבל איננאַנצען בעפעסטיגט. עס האָט זיך אויסגעבילדעט א צווייענדיגע פערוואַלטונג איבער די אידישע קהילות: א וועלט־ליכע און א גייסטליכע. די וועלטליכע הערשאַפט איז געווען אין די הענט פון די עקזילאַרכען פון בוסתנאַי'ס שטאַם. זיי זיינען געווען די פאָרשטעהער פון די אידען פאַר די קאַליפען און פאַר די אראַבישע בעאַמטע אויפ'ן אָרט. די עקזילאַרכען האָבען גע־פיהרט א רייך לעבען, האָבען געטראָגען טייערע קליידער, זיי האָ־בען געהאַט אַנגעזעהנע וואָך און פלעגען אַרויספאָהרען אין גרויס־אַרטיגע קאַרעטען. די הכנסה אויף אויסצוהאַלטען זיין הויף האָט דער עקזילאַרך בעקומען פון געוויסע בעצירקען, וואָס דער קאַ־ליף פלעגט פאַר איהם בעשטימען, און ער האָט אויך געהאַט דאָס רעכט אַרויפצולעגען געוויסע שטייערען אויף די קהילות, וואָס זיי־נען געשטאַנען אונטער זיין אויפזיכט.

די גייסטיגע פאָרשטעהער פון די באַבילאָנישע אידען זיינען געווען די פיהרער פון די צוויי הויפט ישיבות, פון סורא און פומבדיתא. די דאָזיגע פיהרער האָבען געקראָגען דעם נאָמען „גאונים“, ד. ה. גרויסע, דערהויבענע. דער גאון פון סורא איז געווען דער עלטסטער, און דער גאון פון פומבדיתא איז געווען דער צווייטער נאָך איהם. צוגלייך מיט די עקזילאַרכען זיינען די גאונים געווען די הויפט ריכטער פון די אידען. אַבוואָהל דער אמט פון עקזילאַרך איז געווען א ירושה־זאַך אין דער בוסתנאַי־משפחה, פונדעסטוועגען האָט זיך געפאָדערט די בעשטעטיגונג פון די גאונים אין דעם דאָזיגען אמט. פאַר דיזען צוועק איז געווען איינ־געפיהרט א בעזונדערער יום־טוב. אין דעם דאָזיגען יום טוב פלעגט זיך צוזאַמענקלייבען א גרויסער עולם פון פאָלק און די חשוב'סטע פאָרשטעהער פון די אידישע קהילות און די געלעהרטע לייט, מיט די צוויי גאונים בראש, פלעגען אַריינפיהרען דעם ניי־אויסגעקלי־בענעם עקזילאַרך אין שוהל אריין. שבת אין דער פריה פלעגט מען אין שוהל אָבהאַלטען א פייערליכע תפלה און דערביי פלעגט דער עקזילאַרך זיצען אויף א הויכער, רייך אויסגעפוצטער בימה, וואָס האָט געהאַט דעם אויסזעהן פון א טהורם. דאַן פלעגט צוערשט צוגעהן צו דער בימה דער גאון פון סורא, פלעגט אָנ־

בוינגען די קניה פאר'ן עקזילארך און פלעגט זיך זעצען גלייך מיט איהם, פון דער רעכטער זייט; דאס זעלבע פלעגט נאכער טהאן דער גאון פון פומבדיתא און ער פלעגט זיך זעצען צו דער לינקער זייט פון דעם פירשט. נאכהער פלעגט דער עקזילארך אליין לייענען אין דער תורה און דערנאך האלטען א געלעהרטע דרשה; אויב אבער ער האט אליין ניט געקענט האלטען קיין דרשה, פלעגט פאר איהם ריידען דער גאון פון סורא. צום שלום פלעגט מען זאגען א בעזונדערע תפלה (יקום פורקן) אלס ברכה פאר'ן עקזי־לארך, פאר די גאונים, פאר אלע חכמים און געלעהרטע און פאר אלע קהילות, וואס האבען געשטיצט די ישיבות מיט זייערע נדבות. דער יום־טוב פלעגט פארענדיגט ווערען מיט א גרויסער פראצע־סיע פון שוהל צום פאלאץ פון עקזילארך, וואו עס פלעגט געגעבען ווערען א מאלצייט פאר די געלעהרטע און חשוב'ע לייט, און אויך פאר די אראבישע בעאמטע.

אין דעם אינוועניגסטען לעבען פון די אידען האבען די גאונים געהאט נאך א גרעסערע בעדייטונג ווי די עקזילארכען. די אידישע קהלות האבען זיך אין יענער צייט געפיהרט לויט זייערע אייגענע געזעצען פון דער תורה און תלמוד. אבער די הויפט קע־נער פון די דאזיגע געזעצען זיינען געוועזען די גאונים, וועלכע האבען דעריבער געהאט א גרויסען איינפלוס אויפ'ן לעבען פון פאלק. די ישיבות, וועלכע זיי האבען פערוואלטעט, זיינען געוועזען איבערפילט מיט געלעהרטע און לעהרנער. דא האט מען געלעהרענט תלמוד און ערקלערט זיינע דינים. די חכמים פון פערשיידענע ערטער פלעגען זיך צוזאמענקומען אהער צוויי מאל א יאהר, אין פריהלינג און אין הערבסט, און אונטער דער פיהרערטאפט פון די גאונים פלעגען זיי בעשפרעכען אלע ענינים, וואס האבען געהאט א שייכות צום גייסטיגען און געזעלשאפטליכען לעבען פון די אידען. ניט נאר פון בבל, נאר אויך פון אנדערע לענדער פלעגט מען זיך ווענ־דען צו די גאונים צו ערקלערען שווערע רעליגיעזע פראגען, און די גאונים פלעגען געבען זייערע ערקלערונגען, און אויף אזא אופן זיינען זיי געווארען די געזעצגעבער פאר די אידען פון אלע לענ־דער, וואו עס האבען געהערשט די אראבער. די אידישע קהילות פון פערסיען, סיריען, ארץ־ישראל און מצרים האבען געהאט שטענ־

דיגע פערבינדונגען מיט די באבילאָנישע קהילות. אַלע זיינען זיי געווען פעראייניגט אונטער דער אַלגעמיינער גייסטיגער הערשאַפט פון די גאונים. איינער פון די באבילאָנישע גאונים, אחאי, האָט זיך אריבערגעקליבען קיין ארץ־ישראל און האָט דאָרט אָנגעשרי־בען זיין בעריהמטען ספר „שאלות“, וועלכער ערקלערט די דינים פון תלמוד. דורך דער טהעטיגקייט פון די גאונים איז דער תלמוד פערשפרייט געוואָרען צווישען די אידען, און אויף אזא אופן איז ער געוואָרען דער הייליגער ספר פון אידישען פאָלק.

§69. דער קאַליפאַט פון באַגדאַד; די סעקטע פון קאַ־ראַימען. אין דעם אכטען יאָהרהונדערט האָבען זיך אין דעם מזרח'דיגען קאַליפאַט אָנגעהויבען מהומות, וועלכע האָבען געבראכט די דינאַסטיע פון די אָמאַיאַרען און דמשק צום אונטערגאַנג. דער לעצטער קאַליף פון דמשק איז אומגעקומען אין דעם קאמפף, און די קעניגליכע מאכט איז אריבער צו א נייער דינאַסטיע — אבאַ־סידען. דער אבאַסידישער קאַליף אַל־מאַנסור (754) האָט ארי־בערגעטראָגען די הויפטשטאָדט פון דער אראבישער מלוכה פון דמשק קיין באַגדאַד אין בבל. דערפון האָט די גאַנצע מלוכה גע־קראָגען דעם נאָמען דער „באַגדאַדישער קאַליפאַט“. דיזער קאַלי־פאַט האָט ארומגענומען פערסיען, בבל, ארמעניען, סיריען, ארץ־ישראל און עגיפטען. אויף אזא אופן זיינען די אידען פון דיזע אַלע לענדער געשטאַנען אונטער איין מלוכה. זייער וויכטיגסטער גייסטיגער צענטער איז ווי פריהער געבליבען בבל; דאָרט האָבען זיך געפונען זייערע עקזילאַרכען און גאונים, וועלכע האָבען פער־וואַלטעט אַלע אידישע קהילות.

אין דער דאָזיגער צייט איז צווישען די אידען פאָרגעקומען א רעליגיעזע שפּאַלטונג. א סך זיינען געווען אונצופריעדען דער־מיט, וואָס דער תלמוד איז געוואָרען פונקט אזוי הייליג ווי דער תנ"ך. זיי האָבען געהאַלטען, אז די שטרענגע דינים פון תלמוד זיינען א צו שווערע לאַסט, און האָבען ניט געוואָלט זיי אָבהיטען. אזוי ווי אמאָל זיינען די צדוקים ארויס געגען דער „תורה בעל־פה“, אזוי איז יעצט אויפגעשטאַנען א פּאַרטיי, וועלכע האָט גע־טענה'ט, אז בלויז די דינים פון דער תורה קומען פון גאָט און ניט די דינים פון תלמוד. בראש פון דער דאָזיגער פּאַרטיי האָט זיך

געשטעלט אנן בן־דוד, וועלכער האָט געשטאַמט פון די באַביל־נישע עקזילאַרכען.

ארום דעם יאָהר 760 איז געשטאָרבען איין עקזילאַרך, וועל־כער האָט נאָך זיך ניט איבערגעלאָזט קיין קינדער. צווישען זיינע צוויי קרובים, די ברידער ענן און חנניה, האָט זיך צופלאַקערט א מחלוקה: יעדער פון זיי האָט געוואָלט ווערען עקזילאַרך. די חכמים פון די ישיבות פון סורא און פומבדיתא, און די דאָרטיגע גאונים, האָבען פערשטויסען ענן אלס פריידענקער, און האָבען אויס־געקליבען זיין ברודער פאַר׳ן עקזילאַרך. די מחלוקות זיינען דער־גאַנגען צום קאַליף אל־מאַנסור. דער קאַליף האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דעם עקזילאַרך וואָס די גאונים האָבען אויס־געקליבען און ענן האָט ער געהייסען אריינזעצען אין תפיסה אלס דעם פיהרער פו די מורדים. ווען ענן איז בעפרייט געוואָרען פון געפענגניס האָט ער פערלאָזען בבל און איז אוועק מיט זיינע אָנ־העננגער קיין ארץ־ישראל. זייענדיג פערביטערט געגען די גאונים איז ענן אָפען ארויסגעטראָטען געגען דעם תלמוד׳ישען יודענטום. ער האָט געגרינדעט פון זיינע נאָכפאָלגער א בעזונדער קהילה, אָדער סעקטע. אזוי ווי די אמאָליגע צדוקים אזוי האָט ער אויך געהאַל־טען, אז נאָר די געזעצען פון דער תורה שטאַמען פון גאָט. אָבער אלע רעליגיעזע דינים, וועלכע האָבען זיך אויסגעאַרבייט אונטער דעם נאָמען פון „תורה שבעל־פה“ נאָך פון עזרא׳ס צייטען אָן און וואָס זיינען אריין אין תלמוד, האָט ער בעטראַכט אלס די שאַפונג פון מענשען. די תורה בעל־פה איז נאָך ענן׳ס מיינונג ניט קיין מוז; פאַרקערט, עס איז נאָך אן עבירה געגען דער תורה, וועלכע זאָגט בפירוש, אז צו משה׳ס חוקים טאָר מען גאָרניט צוגעבען און גאָרניט אראָבנעהמען.

די אָנהעננגער פון דער דאָזיגער שיטה האָבען זיך פון אָנפאַנג גערופען „ענאַניטען“, נאָכ׳ן נאָמען פון זייער לעהרער; אָבער שפּעטער האָבען זיי זיך א נאָמען געגעבען “קאַראַימען”, ד. ה. „בני מקרא“ (תורה). זייערע געגנער האָבען זיי אָנגערופען „רבנים“, ד. ה. נאָכפאָלגער פון די תלמודישע לעהרער, וועלכע האָבען געהייסען „רבנים“. מורא האָבענדיג פאַר פערפאָל־גונגען אין בבל, וואו די מאַכט פון גאונים איז געווען שטאַרק, זיי־

נען די קאַראַימער אַריבער קיין ארץ־ישראל. די מסורה דערצעהלט, אַז ענן האָט אויסגעבויט אַ בעזונדערע שוהל אין ירושלים פאַר זיין כתה. זיין לעהרע האָט ענן פאַרשריבען אין אַ ספר פון וועלכען עס זיינען נאָר געבליבען אייניגע שטיקלעך.

די יעניגע דינים און מנהגים, וואָס די קאַראַימען האָבען יאָ אָנגענומען האָבען זיי אויך אָבגעהיט אַנדערש ווי די תלמודיסטען. דעם שבת האָבען זיי אָבגעהיט זעהר שטרענג. זיי האָבען זיך געהאַלטען אַזוי גענוי צום בוכשטאַב פון דער תורה, אַז זיי האָבען ניט אָנגעצונדען קיין פייער אפילו ערב שבת, און זיי פלעגען פאַר־ברענגען דעם פרייטאָג־צו־נאַכטס אין דער פינסטער; זיי האָבען ניט געברויכט קיין הייסע שפייזען אום שבת, זיי פלעגען ניט פער־לאָזען זייערע הייזער, זיי פלעגען ניט טהאָן קיין שום אַרבייט אפילו פאַר געפעהרליכע חולאים, א. ז. וו. (די שפּעטערע קאַראַימישע לעהרער האָבען געמוזט ווייכער מאַכען די דאָזיגע שטרענגקייטען). דעם אידישען לוח, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרען אין דער צייט פון דעם נשיא הלל דעם צווייטען, האָבען די קאַראַימען אָבגעשאַפט און האָבען וויעדער איינגעפיהרט דעם פאַרצייטיגען מיטעל צו בע־שטימען די ימים־טובים לויט דער לבנה. שבועות פלעגען זיי פייערען דעם פופציגסטען טאָג נאָכ'ן ערשטען שבת אין פסח, וואָס דאָס פלעגט שטענדיג אויספאַלען זונטאַג. מצה פלעגען זיי באַקען דוקא נאָר פון גערשטענע מעהל, כדי צו דערמאָנען אָן די „לחם עני", ווי עס ווערט געזאָגט אין חומש. אים סכות פלעגען די קאַראַימען ניט בענוצען קיין אתרוג און לולב ביים דאַווענען, נאָר זיי פלעגען דערמיט אויספוצען זייערע סכות. חנוכה האָבען זיי אינ־גאַנצען ניט געפייערט, ווייל וועגען די חשמונאים איז גאָר ניטאָ אין תנ"ך; אָבער פורים פלעגען זיי פייערען צוויי טעג. דעם תענית פון תשעה באב האָבען זיי אַריבערגעטראָגען פון דעם 9טען טאָג אין אב אויפ'ן צעהנטען. די קאַראַימען האָבען אויך איבערגעביטען דעם אינהאַלט און די אָרדנונג פון די תפלות, די דינים פון שפייז און שחיטה; ביי זיי זיינען פערבאָטען שידוכים אפילו צווישען ווייטע קרובים. אייניגע רעליגיעזע דינים האָבען די קאַראַימען אָב־געהיט נאָך אַ סך שטרענגער ווי די תלמודיסטען.

דער גרינדער פון דער קאַראַימער סעקטע איז לויט דער מסורה

געשטאָרבען אין פּאַלעסטינאַ. די קאַראַימען האָבען איהם געהאַל־טען פאַר א הייליגען; אָבער די תלמודיסטען האָבען איהם פער־שאָלטען ווי א כופר בעיקר. די שנאה צווישען די קאַראַימער און תלמודיסטען איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבען זיך ניט משדך געווען איינע מיט די אַנדערע, און פלעגען ניט עסען צוזאַמען, אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען פון צוויי פערשיידענע רעליגיאָנען. ביסלעכווייז האָבען זיך די קאַראַימען איינגאַנצען אָבגעטיילט פון דעם רוב פון אידישען פאָלק, און זיינען געוואָרען ווי א בעזונדערע פעלקערשאַפט, ווי אמאָל די שומרונים. ענן'ס תלמידים און נאָכ־פאָלגער האָבען שפּעטער פיעלעס געענדערט און צוגעגעבען צו זיין לעהרע.

§70. דאָס גייסטיגע לעבען אין דער צייט פון די גאונים. אין דעם קאַליפאַט פון באַגדאַד, וועלכער האָט עקזיס־טירט אַרום 200 יאָהר, האָבען די אַראַבער דערגרייכט די העכ־סטע שטופע פון זייער קולטורעלער ענטוויקלונג. אין דער דאָ־זיגער גרויסער מלוכה האָבען געבליהט האַנדעל און אַרבייט, האָבען זיך ענטוויקעלט די וויסענשאַפטען און קונסטען. צו פערשפּרייטען די בילדונג האָבען געהאָלפען די געלערנטע קאַלי־פען, צום בייששפּיעל האַרונאַ־אַל־ראַשיד אָדער אַל־מאַמון (786—833), וואָס זייערע נעמען זיינען בעריהמט געווען אי־בער דער גאַנצער וועלט. די אידען זיינען ניט אָבגעשטאַנען אין גייסטיגער ענטוויקלונג. חוץ די יעניגע, וואָס האָבען זיך אָב־געגעבען מיט'ן תלמוד און מיט די הייליגע ספרים, זיינען צוויי־שען די אידען געווען אויך געלערנטע: אַסטראָנאָמען, דאָק־טוירים, מאַטעמאַטיקער און פילאָזאָפען, וועלכע האָבען געשריי־בען זייערע ווערק אויף אַראַביש.

אין יענער צייט פלעגען די תלמודיסטען דאַרפען אָפט פיהרען וכוחים מיט די קאַראַימען וועגען דעם ריכטיגען טייטש פון די אָדער יענע ווערטער אין תנ"ך. די דאָזיגע וכוחים האָ־בען געפיהרט דערצו, אַז די אידישע געלעהרטע האָבען אָנגעהויבען צו פאָרשען די ביבלישע שפּראַך און איהר גראַמאַטיק. (די אידען אין מזרח האָבען דעמאָלט גערעדט און געשריבען אויף אַראַמיש אָדער אַראַביש). פריהער פון אַלץ איז נויטיג געווען

פעסטצושטעלען דאָס ריכטיגע לייענען (די קריאה) פון תנ״ך. די הייליגע ספרים האָבען זיך פון די אַלטע צייטען אָן געשריבען אָהן נקודות. די כללים צו לייענען דיזען ריזיגען טעקסט, וואָס איז בעשטאַנען פון איינע קאָנסאָנאַנטען, זיינען איבערגאַנגען פון מויל צו מויל און האָבען זיך גערופען „מסורות״ (טראַדיציעס). זיי זיינען געווען בעקאַנט צו די געניטע לעזער, צו די איבער־שרייבער פון תנ״ך (סופרים) און בכלל געלעהרנטע מענשען. אָבער פאַר׳ן פאָלק איז געווען זעהר שווער צו לייענען דעם תנ״ך אָהן וואָקאַלען. אויסער דעם פלעגען אין אַזאַ לעזען פאָרקומען זעהר אָפטע גרייזען. איין און דאָס זעלבע וואָרט האָבען פערשיי־ענע טייטשען, עס ווענדט זיך וועלכע וואָקאַלען עס ווע־רען צו איהם צוגעשטעלט, ד. ה. ווי אַזוי דאָס וואָרט ווערט אַרויסגעזאָגט. און דעריבער האָבען אין דעם אַכטען יאָהרהונ־דערט די אידישע געלעהרנטע אין בבל און פאַלעסטינאַ אויס־געאַרבייט די נקודות, וועלכע זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרען אויף און אונטער די אותיות פון תנ״ך, און געוויזען ווי אַזוי מען דאַרף לייענען יעדעס וואָרט. אין ווערטער, וואָס האָבען זיך גע־קענט לייענען אויף פערשיידענע אופנים, האָט מען פעסטגע־שטעלט איין בעשטימטע „קריאה״, לויט דער אַלטער טראַדיציע אָדער מסורה. די געלעהרטע וואָס האָבען זיך אָבגעגעבען דער־מיט האָבען געקראָגען דעם נאָמען „בעלי־המסורה״.

אז מען האָט אָנגעהויבען לערנען העברעאיש, האָט זיך אויך אויפגעוועקט א חשק צו שרייבען העברעאיש. מען האָט פאַר־פאַסט תפלות און רעליגיעזע שירים אין אייגענאַרטיגע פער־זען. די דאָזיגע שירים האָבען זיך גערופען „פיוטים״, און זייערע פערפאַסער — „פייטנים״ (פּאָעטען). א סך פון דיזע שירים פלעגט מען לייענען אין די שוהלען צוזאַמען מיט די יום־טוב׳דיגע תפלות און זיי זיינען אריין אין דעם „מחזור״.

§71. סעדיה גאון. אין דער צייט פון דער אַראַבישער הערשאַפט אין מזרח, האָבען די גייסטיגע פיהרער פון יודענטום — די גאונים — אַרויסגערוקט פון צווישען זיך ניט ווייניג גלענצענדע מענשען. נאָר קיינער פון זיי האָט זיך ניט אַזוי בעריהמט געמאַכט, ווי דער גאון סעדיה בן־יוסף. סעדיה איז געווען ניט נאָר א געזעץ

לעהרער־תלמודיסט, נאָר אויך אַ גרויסער דענקער, וועלכער האָט גע־
קענט אַלע וויסענשאַפטען פון יענער צייט. ער איז געבאָרען גע־
וואָרען אין יאָהר 892, אין מצרים, וואו עס האָט דעמאָלט געבליהט
די אַראַבישע בילדונג. האָבענדיג אויסגעלעהרנט די העברעאישע
און די אַראַבישע ליטעראַטור, האָט ער נאָך אין דער יוגענד אָנגע־
הייבען שרייבען ביכער. ווען ער איז אַלט געווען 23 יאָהר האָט
ער פערפאַסט אַ ספר געגען די קאַראימען. אין דעם דאָזיגען ספר
בעווייזט ער מיט שטאַרקע ראיות, אַז די תורה קען ניט עקזיס־
טירען אָהן די מינדליכע טראַדיציעס, וואָס געפינען זיך אין תלמוד,
ווייל אַ סך דינים אין דער תורה זיינען אויסגעדריקט ניט קלאָר,
און אַנדערע יסודות פון דער אמונה (ווי צום ביישפּיעל שכר ועונש
אויף יענער וועלט) זיינען אפילו ניט אָנגעוויזען אין חומש.
סעדיה'ס ווערק האָט אַרויסגערופען אַ שטורם צווישען די קאַראימען.
די בעריהמטעסטע קאַראימישע געלערנטע האָבען געענטפערט דעם
יונגען מחבר אין אַ גאַנצער רייהע פון ווערק, פערטיידיגענדיג זייער
לעהרע. סעדיה האָט זיי געענטפערט צוריק און אין דער זעלבער
צייט האָט ער געשריבען אַ העברעאישע גראַמאַטיק און האָט איבער־
זעצט דעם תנ"ך און די משנה אויף אַראַביש. סעדיה'ס געלערנטע
טהעטיגקייט און זיין גלענצענדער קאַמפּף מיט די קאַראימען האָבען
געמאַכט זיין נאָמען בעוואוסט איבער די גרעניצען פון מצרים.

אין יענער צייט איז געשטאָרבען דער הויפּט גאון פון סורא.
די חכמים פון בבל האָבען איינגעלאַדען אויף דיזער חשוב'ער שטעלע
סעדיה'ען, וועלכער איז דעמאָלט אַלט געווען בלויז 36 יאָהר (928)
סעדיה איז אָנגעקומען פון מצרים און האָט פערנומען די שטעלע
אַלס פיהרער פון דער עלטסטער ישיבה אין בבל, אָבער ניט אויף
לאַנג. אין גיכען האָט זיך צופלאַקערט אַ קריעג צווישען איהם און
דעם דעמאָלטיגען עקזילאַרך, דוד בן־זכאי. דער עקזילאַרך האָט
גע'פסק'נט עפּים אַ משפט וועגען ירושה ניט נאָכ'ן דין, נאָר פּאַר
זיינע אייגענע אינטערעסען, און האָט געפאָדערט, אַז די גאונים פון
סורא און פומבדיתא זאָלען זיך אונטערשרייבען אויף דעם פסק דער
גאון פון פומבדיתא האָט ערפילט דוד'ס פאָדערונג. סעדיה אָבער
האָט זיך ענטזאָגט אונטערצושרייבען דעם פסק, אַלס אונגעזעצליך.
דער עקזילאַרך האָט געשיקט אַ שטרענגען בעפעהל צום האַרטנעקי־

נען גאון ער זאָל איהם פאָלגען, אויב ניט וועט ער איהם ארונטער־וואַרפען פון זיין אמט. נאָר עס האָט גאָר ניט געהאָלפען. דאַן האָט דער אויפגעבראַכטער עקזילאַרך צוגענומען ביי סעדיה'ען דעם טיטעל גאון, און האָט בעשטימט אַן אנדער געלעהרטען אויף זיין אָרט. אָבער סעדיה פון זיין זייט האָט אריינגעלעגט דוד'ן אין חרם, און צוזאמען מיט זיינע נאָכפאָלגער, האָט ער ערוועהלט אַן אנדער עקזילאַרך. אין בבל זיינען געוואָרען צוויי פיינדליכע פאַר־טייען: דוד'ס און סעדיה'ס, וואָס יעדע פון זיי האָט געזוכט צו געווינען אויף איהר זייט דעם קאַליף פון באגדאַד. מיט דער הילף פון כאבאר האָט דוד'ס פארטיי געזיעגט אין דעם באגדאַ־דישען הויף. סעדיה, האָבענדיג פערלאָרען זיין שטעלע, האָט גע־מוזט פערלאָזען סורא (933). ער האָט זיך בעזעצט אין באגדאד און האָט דאָרט געלעבט פיער יאָהר אין פאָלשטענדיגער איינזאמ־קייט. ער האָט זיך אינגאַנצען אָבגעגעבען צום לעהרנען און האָט אָנגעשריבען עטליכע ווערק וועגען רעליגיאָן, פילאָזאָפיע און שפּראַ־כען. דערוויילּ איז געשטאָרבען דער קאַליף, וואָס האָט ארונטער־געזעצט סעדיה'ן פון זיין שטעלע, און די פּארטיי פון דעם געפאַ־לענעם גאון האָט ווידער אויפגעלעבט. עס האָבען זיך געפונען מענשען, וואָס האָבען געוואָלט מאַכען א שלום צווישען דעם עקזי־לאַרך און סעדיה. אין גיכען איז דער דאָזיגער שלום געשלאָ־סען געוואָרען. סעדיה איז ווידער געוואָרען גאון אין סורא. אָבער די איבערגעליטענע צרות און די אָנגעשטרענגטע גייסטיגע ארבייט האָבען אונטערגעגראָבען זיין געזונט. סעדיה איז געשטאָרבען אין יאָהר 942, אין גאַנצען פופציג יאָהר אַלט.

סעדיה'ס וויכטיגסטע ווערק, וואָס האָט אונשטערבליך גע־מאַכט זיין נאָמען, רופט זיך „אמונות ודעות", און ערקלערט די יסודות פון דער אידישער רעליגיאָן. דער דאָזיגער ספר איז גע־שריבען געוואָרען אין אראַביש און איז שפּעטער איבערזעצט גע־וואָרען אויף העברעאיש. סעדיה האָט דאָ געפּרובט צו פערענטפע־רען די אייביגע מחלוקה צווישען גלויבען און וויסען, רעליגיאָן און וויסענשאַפט. ער קעמפפט פון איין זייט געגען דעם אבער־גלויבען פון דעם המון און פון דער אנדער זייט געגען דעם גימ־גלויבען פון א סך געלעהרטע. „מיין הארץ טהוט וועה, — שרייבט

ער, — ווען איך טראַכט וועגען אייניגע מינים פון דענקענדע ווע־זענס, און מיין נשמה ציטערט פאַר׳ן גורל פון אונזער פאָלק, די קינדער פון ישראל. איך זעה אין אונזער צייט א סך גלויבינע מענ־שען, וואָס זייער גלויבען איז ניט ריין און זייערע מיינונגען זיינען ניט קלאָר; פון דער אנדערער זייט זיינען דאָ א סך אונגלויבינע, וואָס שטאָלצירען דערמיט, וואָס זיי לייקענען אַלץ אָב, זיי האַלטען זיך העכער פון די מענשען מיט איבערציינונגען, און אין דערזעלבער צייט בלאָנדזשען זיי אליין. איך האָב געזעהן ווי אייניגע טרינקען זיך אין דעם ים פון ספקות, אנדערע זיינען פערזונקען אין דעם אָבגרונד פון טעות׳ן, און עס איז ניטאָ קיין שווימער, וועלכער זאָל זיי ארויסציהען פון דאָרט". סעדיה בעווייזט, אז די הויפּט יסודות פון דער אידישער אמונה זיינען געגרינדעט אויף פאַקטען און ווי־דערשפּרעכען ניט דעם פערשטאַנד.

סעדיה דריקט אוים דעם תמצית פון יודענטום אזוי: גאָט האָט בעשאַפען די וועלט ניט פון פאַרטיגער מאַטעריע, נאָר ער האָט בעשאַפען די מאַטעריע אויך. דער בעשעפער פון דער וועלט איז איינער. און ווען ער האָט בעשאַפען די וועלט האָט ער געהאַט א קלאָרען, בעשטימטען ציעל. די קרוין פון דער בעשאַפונג איז דער מענש, אין וועלכען עס איז אריינגעגעבען געוואָרען א פערשטענדיגע זעלע, וועלכע קען אונטערשיידען גוטס און שלעכטס און דערקענען דעם אמת. אָבער דער מענש וואָלט אליין ניט געקענט געפינען דעם אמת׳ן וועג פון לעבען, ווען גאָט וואָלט איהם ניט געקומען צו הילף. גאָט האָט זיך אנטפּלעקט צו די מענשען אויפ׳ן בארג סיני און האָט זיי געגעבען זיינע געבאָטען און געזעצען, וועלכע זאָלען פיהרען דעם מענשען צו גאָבעלע צוועקען. דעם מענשען איז געגעבען גע־וואָרען דער פרייער ווילען: ער איז פריי ענטוועדער אָבצוהיטען, אָדער ברעכען די געבאָטען פון בארג סיני; פון דאַנען נעהמט זיך דער בעגריף פון שכר, פיר גוטע מעשים און פיר עבירות. גוטע און פרומע מעשים רייניגען און דערהויבען די נשמה; שלעכטע מעשים פארשווארצען און בעפלעקען זי. די גערעכטיקייט פאָדערט, אז די צדיקים זאָלען בעלוינט ווערען מיט גוטס, און די רשעים און זינ־דיגע זאָלען ליידען דערפאַר, וואָס זיי זיינען אָבגעטראָטען פון אמת׳ן וועג. נאָר אַזוי ווי אויף דער וועלט איז ניט מעגליך קיין פולער

שכר, ווערט די לעצטע גערעכטיגע בעלוינונג דערגרייכט ערשט אויף יענער וועלט. דער טויט הייסט ניט דער סוף פון זיין, נאָר דער איבערגאַנג צו אַן אַנדער עקזיסטענץ. די עהרליכע נשמות הויבען זיך אויף צום אָרט פון גליק און רוה (גן־עדן), און די זינדיגע זיי־נען נע־ונד אין דער וועלט. אין אַ צייט, וואָס נאָט וועט בעשטימען, וועט פאָרקומען תחית המתים, וואָס איז פערבונדען מיט דעם קומען פון משיח׳ן. תחית המתים פערשטעהט סעדיה אַזוי ווי דער תלמוד לערנט, ד. ה. ווען עס וועלען צוריק לעבעדיג ווערען אויף די קער־פער פון די טויטע. אַז משיח וועט קומען וועט אויף דער וועלט קומען די העכסטע גערעכטיגקייט.

§72. די לעצטע עקזילאַרכען און גאונים. אין דער עפּאָ־כע פון סעדיה גאון האָט די אידישע חכמה אין דעם באַגדאַדישען קאַליפאַט דערגרייכט איהר פולסטע בליהונג. אָבער אין גיכען האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען די צופאַלונג פון דעם באַגדאַדישען קאַליפאַט; צוזאַמען דערמיט האָט אָנגעהויבען צו זינקען אויך דאָס געזעלשאַפט־ליכע און גייסטיגע לעבען פון די באַבילאָנישע אידען. די הערשאַפט פון דעם עקזילאַרך האָט פערלאָרען איהר פריהערדיגע בעדייטונג. נאָכ׳ן טויט פון דוד בן־זכאי איז דער פּאָסטען פון עקזילאַרך אַ לאַנגע צייט געבליבען לעדיג.

אין דער איינענער צייט איז אונטערגעגאַנגען די ישיבה פון סורא. די אידען פון די שכנ׳ישע לענדער, וועלכע האָבען מיט זייערע נדבות געשטיצט דיזען קוואַל פון תלמודישען וויסען, האָבען אויפגעהערט צו שיקען קיין געלט קיין סורא, און די ישיבה האָט זיך געשלאָסען. די אידישע קהילה אין סורא האָט געמאַכט די לעצטע אַנשטרענגונג צו ראַטעווען זייער אַלטע שולע. די מסורה דער־צעהלט, אַז פיער חכמים זיינען אַוועק אין ווייטע לענדער צו קלייבען נדבות פאַר דער ישיבה. נאָר די שיף, אויף וועלכער זיי זיינען געפאָהרען איבער׳ן מיטלענדישען ים, איז פערכאַפּט געוואָרען פון אַראַבישע מאַטראָסען. די געפאַנגענע זיינען אַוועקגעפיהרט געוואָ־רען אין פערשיידענע לענדער: צוויי זיינען פערוואָרפען געוואָרען קיין מצרים, אין צפון־אַפריקאַ, דער דריטער — אין שפּאַניען, און דער פיערטער ווייסט מען ניט וואוהין. די דאָזיגע געלערנטע האָ־בען זיך אָבגעגעבען צו פערפלאַנצען דעם תלמוד אין יענע ערטער,

וואו דער שיקזאל האָט זיי פערוואָרפען. דורך זייער טהעטיגקייט האָבען די אידישע קהילות אין אפריקא און אייראָפּא מעהר ניט געדאַרפט אַזוי אָפט ווי פריהער אָנקומען צו די באַבילאָנישע גאונים מיט רעליגיעזע פראַגען.

נאָכ׳ן אונטערגאַנג פון דער ישיבה אין סורא איז געבליבען נאָר די ישיבה אין פומבדיתא, וואָס אַן איהר שפּיץ זיינען געשטאַנען די גאונים. די לעצטע גאונים אין פומבדיתא זיינען געווען שרירא און זיין זוהן האי. דיעזע גאונים האָבען זיך אונטערשיידט פון סעדיה גאון דערמיט, וואָס זיי זיינען געווען שטרענגע תלמודיסטען און האָבען זיך ניט פערנומען ניט מיט קיין וועלטליכער וויסענשאַפט און ניט מיט קיין פילאָזאָפיע. פון שרירא׳ס ווערק איז דאָס וויכטיגסטע זיין „אגרת רב־שרירא“, אין וועלכען ער גיט איבער בקיצור די צוזאַמענשטעלונג פון תלמוד און די טעטיגקייט פון די גאונים. האי גאון האָט פערפאַסט איינינגע ספרים וועגען דער אידישער געזעצלעהרע, אָבער אין פאַלק האָט זיך איבערהויפּט פאַרשפּרייט זיין ספר „מוסר השכל“. האי איז געשטאָרבען אין יאָהר 1038. אלס גאון אין ראש ישיבה אויף זיין אָרט איז געוואָרען חזקיהו, דער אור־אייניקעל פון דעם געוועזענעם עקזילאַרך דוד בן־זכאי. אָבער חזקיהו האָט געהערשט ניט לאַנג. צוליעב עפּיס אַ מסירה האָט דער קאַליף פון באַגדאַד פּלוצלינג געהייסען פאַנגען דעם אידישען פירשט און איהם פערשפּאַרען אין געפענגנים, וואו ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1040. זיינע זיהן זיינען אַנטלאָפען קיין שפּאַניען.

די הערשאַפט פון די עקזילאַרכען און גאונים האָט פערלאָרען איהר בעדייטונג, די ישיבות זיינען געפאַלען, און די געלערנטע האָבען פערלאָזען דאָס היים־לאַנד פון דעם תלמוד און האָבען זיך בעזעצט אין אַנדערע לענדער. דאָס אַלטע בבל, וואָס האָט פאַרנומען דעם ערשטען פּלאַץ אין דעם גייסטיגען לעבען פון די אידען, האָט געמוזט אָבטרעטען דעם דאָזיגען פּלאַץ צו אנדערע לענדער, וואו עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ ניי לעבען. די דאָזיגע לענדער האָבען זיך געפונען שוין ניט אין מזרח, נאָר אין מערב, אין אייראָפּא.

# אינדעקס


**א**

אבא אריכא, 144—146.
אבטליון, 77.
אביי, 148
אגריפאס דער 1טער, 83—88.
אגריפאס דער 2טער, 88—92, 96, 108.
אחאי, 168.
אחר, זעה אלישע בן־אבוית.
איסלאם, 160.
אליעזר (חשמונאי), 35.
אליעזר בן־הורקנוס, 113, 114.
אליעזר בן־יאיר, 107.
אליעזר בן־עזריה, 114.
אליעזר בן־שמעון, 101.
אלישע בן־אבויה, 128—129.
אלכסנדרה, 67, 68, 69, 70, 71.
אלכסנדר ינאי, 54—57.
אלכסנדר מוקדון, 9—12.
אלעקסאנדריען, 12, 13, 42.
אלקימוס, 37, 39.
אמוראים, 135, 136.
אמי (רב), 137.
אסי (רב), 103.
אנטאניוס, 65, 66, 67, 68, 69.
אנטאניוס פיוס, 126.
אנטיגנוס דער 1טער, 48, 54, 55.
אנטיגנוס דער 2טער, 66—67.
אנטיוכוס אופאטאר, 35—37.
אנטיוכוס דער 3טער, 16—20.
אנטיוכוס סידעטעס, 45—47.
אנטיוכוס עפיפאנעס, 21—35.
אנטיפטר, 60, 63, 64.
אסיים, 49—51.
אפאקריפען, 18, 110.
אקרא, 41.
אריסתובול דער 1טער, 48, 54, 55.
אריסתובול דער 2טער, 58—64.
אריסתובול דער 3טער, 67—68.
ארכילוס, 74—76.
אשי, 148—149.

**ב**

בוסתנאי, 162.
ביזאנטיען, 141, 156—158.
בית־הלל, 80, 113.
ביתר, 121—122.
בית־שמאי, 80, 113.
בן־סירא, זעה יהושע בן־סירא.
בערעניקא, 88, 92, 96, 97, 108
ברוריה, 127.
בר־כוכבא, 120—122.

**ג**

גאונים, 166—168.
גמליאל דער 1טער, 88.
גמליאל דער 2טער, 112—114, 117.
גמליאל דער 3טער, 134—136.
גמליאל דער 6טער, 141.
גמרא, זעה תלמוד.
גערוזיא, 14.

**ד**

דאמיציאן, 113, 114, 115.
דעלטא, 42.
דמיטריוס סאטער, 36—39.

**ה**

האדריאן, 117, 121, 122, 124, 125.
האי, 177.
הונא, 147.
הורדוס, 64, 65, 66, 67—74.
הורדוס־אנטיפאס, 74, 76, 81.
הורמיז, 143.
הורקנוס, זעה יוחנן הורקנוס.
הורקנוס דער 2טער, 57—69.
הלל, 77—79.
הלל דער 2טער (נשיא), 139—140.
העלעניסטען, 22, 28, 25, 36, 37, 50, 76.
העלענער, 22.
העתקת חשבעים, זעה סעפטוא־גינט.

ו

ועספּאַסיאַנוס, 96—99, 101, 105, 108, 111.

ז

זאַראַאַסטער, 150.
זהר, 129.
זעלאָטען, 90, 92—93, 99—100, 108.

ח

חוניו דער 2טער, 15, 18.
חוניו דער 3טער, 20—24.
חוניו דער 4טער, 44.
חכמות יון, 19, 22. זעה העלענים־מען.
חנה, 27.
חנוכה, 32—34.
חנינא בן־מרדיון, 124.
חסידים, 22, 25, 29, 37.
חשמונאים, 41.

ט

טבריה, 81.
טהעאָדאָסיוס, 141.
טיבעריוס, 81—83.
טיטוס, 96—97, 101—105.
טראַיאַנוס, 115, 117.

י

יאַזאָן, 22—24.
יאָזעפוס פלאַוויוס, 95—99, 102—103, 108—110.
יבנה, 111—112.
יהודה בן־טבאי, 58.
יהודה המכבי, 30—38.
יהודה הנשיא, 131—135.
יהודה־נשיאה, 136.
יהושע בן־חנניה, 113, 117—118.
יהושע בן־סירא, 18—19.
יודפת, 98—99.
יוחנן בן־זכאי, 110—112.
יוחנן בן־נפחא, 136—137.
יוחנן הורקנוס, 45—48, 52—54.
יונתן (חשמונאי) 38—40.
יוחנן מגוש חלב, 96, 101, 102, 105, 107.
יוליאַן אַפּאָסטאַט, 139, 140.

יוסטיניאַן, 157.
יום ניקנור, 38.
יוסף בן־גוריון, 94, 100.
יוסף בן־מתתיהו, זעה יאָזעפוס פלאַוויוס.
יופּיטער, 107, 108, 125.
יעזוס קריסטוס, 83.
יתורים, 54.

כ

כורש, 10.

ל

לאַגיער, 13.
ליזיאַס, 32, 35, 36, 37.
ליזימאַכוס, 24.

מ

מאַחמעד, 160—162.
מאַחמעדאַניזם, 10.
מאיר (רבי), 125—127, 130.
מאַקאַבייער, 41.
מודיעין, 28.
מחוזא, 144, 145, 148, 155.
מכילתא, 135.
מסדה, 107.
מענעלוים, 22—25, 36.
מצרים, אידען אין, 41—44, 84, 108.
מר־זוטרא, 155.
מרים, 67—70.
משנה, 78, 132—134.
משניות, 119.
מתתיהו חשמונאי, 28—30.

נ

נהרדעא, 115, 144, 146, 147.
ניקנור, 30, 37, 38.
נירון, 90, 96, 101.
נשיא 41.
נשיאים, 10, 45.
נתן הבבלי, 130.

ס

סבוראים, 156.
סורא, 144, 149, 166.
סיקאַריער, 90.
סנהדרין, 52—53, 65, 77, 95, 112—114, 126, 129, 131, 140, 143.

סנהדרין (יבנה), 112, 114.
סעדיה גאון, 172—176.
סעליוקוס, 13.
סעליוקוס דער 4טער, 20—21.
סעליוקידען, 15, 20.
סעפטואגינט, 15.
ספרא, 135.
ספרי, 135.

ע

עטנארך, זעה נשיא(ים).
ענן, 169—171.
עקזילארך, 10, 144.
עקיבא (רבי), 118—123.
עקילס, 115.
עשרה הרוגי מלכות, 124.

פ

פאמפעאוס, 61—64.
פאנטיום פילאטוס, 82—83.
פוילוס, 88.
פומבדיתא, 144, 147, 148, 166.
פראקוראטאר, 81—82.
פרושים, 49—50, 51, 53, 56—58.

פ

פילון, 84—85.
פיליפוס, 74, 76, 81.
פירשט, זעה נשיא.
פלאוויוס, זעה יוסיפוס פלאוויוס.

צ

צדוקים, 49, 50—51, 53, 58—59.
צעאוס, 25.
צעוזאר, 63, 64.

ק

קאליגולא, 83, 85, 86.
קאנסטאנטין, 138.
קאראימען, 168—171.
קאראן, 161.
קלאדיוס, 86, 87, 88, 90.
קנאים, זעה זעלאטען.
קריסטענטום, 138—141.

ר

רב, זעה אבא־אריכא.
רבא, 148.
רבה, 147—148.
רבינא, 151.
ריש־גלותא, 130, 149.
ריש־לקיש, 137.

ש

שאול פון תרשיש, זעה פוילוס.
שומרונים, 12, 47, 48.
שלומית־אלכסנדרה, 55, 57—59.
שמאי, 77, 79, 80.
שמואל ירחינאי, 144.
שמעון בר־גיורא, 93, 102, 105, 107.
שמעון בן־גמליאל, 94.
שמעון בן־יוחאי, 129.
שמעון בן־שטח, 58.
שמעון בר־כוזיבא, זעה בר־כוכבא.
שמעון דער 3טער, 126, 129—131.
שמעון חשמונאי, 40, 45—46.
שמעיה, 77.
שרירא, 177.

ת

תורה שבכתב, 78.
תורה שבעל־פה, 78, 132.
תלמוד, 10, 81, 134.
תלמוד בבלי, 142, 148—155.
תלמוד ירושלמי, 142, 151, 154—155.
תלמי, 46, 47.
תלמי אייערגעטעס, 15, 16.
תלמי לאגוס, 12—14.
תלמי פילאדעלפוס, 14—15.
תלמי פילאמאטאר, 42, 44.
תלמי פילאפאטאר, 16, 17, 20.
תנאים, 135.
תרגום אונקלוס, 115.
תרגום השבעים, זעה העתקת השבעים.

משה ברבי מימון

ש. דובנאָוו

# די
# אידישע געשיכטע

פאַר שולע און פאָלק

איבערזעצט פון
חיים ליעבערמאַן
און
מייטע ליוושיץ

## דער מיטעלאַלטער און די נייע צייט

אידישער פערלאַג
פיר ליטעראַטור
און וויסענשאַפט.
MAX N. MAISEL
PUBLISHER

מאַקס נ. מייזעל
424 גרענד סטריט,
ניו יאָרק.
424 GRAND ST.
NEW YORK

# אינהאַלטס־פערצייכניס.

## דער מיטעלאַלטער.

§1. פאָרוואָרט.

### ערשטער קאַפּיטעל.

### די אידישע בעזעצונגען אין אייראָפּא פאַר די קרייצצוגען.

§2. איטאַליען און ביזאַנטיען. §3. די אידען אין שפּאַניען אין דער צייט פון די וועסטגאָטען. §4. פראַנקרייך און דייטשלאַנד. §5. רוסלאַנד און פוילען. 28—9

### צווייטער קאַפּיטעל.

### די אויפלעבונג פון יודענטום אין אַראַבישען שפּאַניען.

§6. דער קאַליפאַט פון קאָרדאָווא; רבי חסדאי. §7. רבי שמואל הנגיד און זיין צייט (גראַנאַדא). §8. רבי שלמה אבן־גבירול; די אויפבליהונג פון דער ליטעראַטור. §9 יהודה הלוי. §10. אברהם אבן־עזרא. §11. די אלמו־האדען; שפּאַניען און דער מזרח. §12. דאַס לעבען פון דעם רמב"ם. §13. דעם רמב"ם'ס ווערק. 58—29

### דריטער קאַפּיטעל.

### די אידען אין דער קריסטליכער אייראָפּא אין דער צייט פון די קרייצצוגען.

§14. דער ערשטער קרייצצוג. §15. דער צווייטער קרייצצוג. §16. דער דריטער קרייצצוג. §17. די אידישע רעכטלאָזיגקייט אין פראַנקרייך און דייטש־לאַנד. §18. רש"י און די בעלי־התוספות. ; .76—59

### פערטער קאַפּיטעל.

### די דורות פון מאַרטירערטום ביז גירוש פראַנקרייך.

§19. פּאַבסט אינאָקענטי דער 3טער. §20. די רדיפות אויפ'ן תלמוד און

די דיספוטען. §21. שפאניען און פראנקרייך; דער קאמפף צווישען רעליגיאן און וויסענשאפט, §22. די „קבלה״ און דער „זהר״. §23. דער גירוש פון ענגלאנד. §24. דער גירוש פון פראנקרייך. §25. דייטשלאנד; די גהעטא און די בלבולים. §26. דער שווארצער טויט. §27. איטאליען. 75—106.

## פינפטער קאפיטעל.

## דאָס לעצטע יאָרהונדערט פון שפּאַנישען יודענטום.

§28. אידישע הויפלייט און די שחיטה אין סעווילא. §29. די אנוסים. §30. די אינקוויזיציע; טארקוועמאדא. §31. דער גירוש פון שפאניען און פארטוגאל. 106—124.

## זעקסטער קאפיטעל.

## די אידען אין פוילען און רוסלאנד.

§32. די פארמעהרונג פון די אידען אין פוילען. §33. קאזימיר דער גרויסער און וויטאלד דער ליטווישער. §34. די אידען אין דער צייט פון יאגעלאנען. §35. די אידען אין מאסקווער רוסלאנד. 125—134.

## די נייע צייט.

§36. פארווארט. 135—136.

## זיבעטער קאפיטעל.

## די אידען אין טערקיי און פּאַלעסטינא ביז נאָך שבתי־צבי.

§37. דאָס בירגערליכע לעבען און דון יוסף נשיא. §37. פאלעסטינא; דער שלחן־ערוך. §38. די קבלה; דער אר״י הקדוש. §39. שבתי צבי. §40. די משיח־בעוועגונג און איהר סוף. 137—152.

## אכטער קאפיטעל.

## די אידען אין מערב־אייראָפּא פון 16טען ביז׳ן 18טען יאָהרהונדערט.

§41. איטאליען. §42. ליטעראטור און בילדונג אין איטאליען. §43. האלאנד; אקאכטא און שפינאזא. §44. מנשה בן ישראל און דער צוריקקער

פון די אידען אין ענגלאנד. §45. דייטשלאנד: די אידען און די רעפארמאציע. §46. די רעכטלאזע לאגע פון די אידען אין דייטשלאנד און עסטרייך. §47. דאס גייסטיגע לעבען פון די דייטשע אידען. 179—152.

## נײנטער קאפיטעל.

## די אידען אין פוילען און רוסלאַנד פון 16טען ביז׳ן 18טען יאָהרהונדערט.

§48. די „גאלדענע עפאכע”. §49. דער קהל און דער ועד; ישיבות. §50. די בליהונגס־צייט פון דער רבנות. §51. חמעלניצקי און די קאזאקען־שחיטות. §52. די אידען אין דער צייט פון מאסקווע־שוועדישען קריעג. §53. דאס זינקען פון פוילען. §54. די שבתי צבי׳ניקעס און פראנקיסטען. 203—179.

## צעהנטער קאפיטעל.

## די איבערגאַנגס־צייט.

§55. משה מענדעלסאָן. §56. מענדעלסאָנ׳ס שולע; דער קאמפף פאר השכלה. §57. די היידאמאקען און די צוטיילונג פון פוילען. §58. די אידען אין מערב. §63. די רוסישע אידען אין דער צייט פון אלכסנדר דעם 1טען און ניקאלאי דעם 1טען. §64. די מערב־אייראפעאישע אידען אין דער צווייטער העלפט פון 19טען יאהרהונדערט. §65. די אידזע אין רוסלאנד אין דער צווייטער העלפט פון 19טען יאהרהונדערט. 243—225.

## עלפטער קאפיטעל.

## די וויכטיגסטע געשעהענישען פון 19טען יאָהרהונדערט.

§61. די פראנצויזישע רעוואלוציאָן. §62. דער ערפאלג פון דער השכלה אין מערב. §63. די רוסישע אידען פאר אלכסנדר דעם 1טען און ניקאָלאי דעם 1טען. §64. די מערב־אייראפעאישע אידען אין צווייטער העלפט פון 19טען יאהרהונדערט. §65. די אידען אין רוסלאנד אין דער צווייטער העלפט פון 19טען יאהרהונדערט. 243—225.

אינדעקס — 248—245.

# ליסטע פון בילדער:


I. דער רמב"ם — — — — — — — — — — פאָרערבילד

II. א בלאַט פון „יד־החזקה" אין דער האנדשריפט פון רמב"ם — — — — — — — — — — — — 56

III. רשי"ס בית־מדרש — — — — — — — — — — — — — 71

IV. אידישע קאָסטומען מיט דער געלער לאַטע — — — — 78

V. דאָס „שמש־געסעל" אין דער גהעטאָ פון פראג — — 97

VI. די פייניגונגען פון דער אינקוויזיציע — — — — — 117

VII. אידישע שוהל אין טאָלעדאָ, שפאַניען, פערוואַנדעלט אין א קלויסטער נאָכ'ן גירוש — — — — — 123

VIII. שבתי צבי — — — — — — — — — — — — — 146

IX. דער אריינגאַנג אין דער גהעטאָ פון רוים — — — — 155

X. ברוך שפינאָזא — — — — — — — — — — — — 166

XI. מנשה בן־ישראל — — — — — — — — — — — — 169

XII. די „ניישוהל" פון פראג — — — — — — — — — 188

XIII. יצחק בער לעווינזאָן — — — — — — — — — — 235

# דער מיטעלאַלטער.

§1. פּאָרוואָרט.*) אין דער וועלט־געשיכטע ווערט אַלס „מיטעלאַלטער" אָנגערופען די טויזענד יאָהר, וואָס זיינען פערלאָפען פון דעם אונטערגאַנג פון דער מערב־רוימישער אימפּעריע (יאָהר 476) ביז דער ענטדעקונג פון אַמעריקע. אין דער אידישער געשיכטע ליגען דיזע טויזענד יאָהר צווישען דער שליסונג פון תלמוד בבלי (יאָהר 500) און גרוש שפּאַניען (1492). זיי צוטיילען זיך אויף צוויי פּעריאָדען. אין דעם ערשטען פּעריאָד (פון 6טען ביז'ן 11טען יאָהרהונדערט) לעבט נאָך דער גרעסערער טייל פון אידישען פאָלק אין מ ז ר ח: אין בבל, פּערסיען, אַראַביען, סיריען, פּאַלעסטינא און מצרים**) — און דער קלענערער טייל איז פאַנאַנדערגעוואָרפען אין בעזונדערע ישובים אין מ ע ר ב, אין די איראָפּעאישע לענדער: איטאַליען, ביזאַנטיען, שפּאַניען, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, רוסלאַנד. אין דעם צווייטען פּעריאָד פון מיטעלאַלטער (פון 11טען ביז'ן 15טען יאָהרהונדערט) בעמערקט זיך שוין אַ פּאַרקערטע ערשיינונג: אין מזרח בלייבט אַ קלענערער טייל פון אידישען פאָלק, און דער גרעסערער טייל ציהט זיך צוזאַמען אין מערב. אנשטאַט פּאַלעסטינא און בבל ווערען אַלס צענטרען פון יודענטום שפּאַניען, פראַנקרייך, דייטשלאַנד און אַנדערע איראָפּעאישע לענדער. אין די הענד פון די אידען האָט זיך דעמאָלט געפונען אַ גרויסער טייל פון דעם וועלט־האַנדעל, זיי זיינען נאָך פון לאַנג געווען די האַנדעלס פערמיטלער צווישען אַזיען און איראָפּאַ — און דעריבער איז זיי ניט שווער געווען זיך איבערצוציהען פון מזרח צום מערב ווען זייערע וויכטיגסטע צענטרען אין מזרח

*) דיזען פּאַראַגראַף ווי אויך אַלץ וואָס קומט אין איינגענומענע שריפט אין דיזען בוך קען אויסגעלאָזט ווערען מיט קלענערע קינדער.

**) זעה דובנאָוו, אידישע געשיכטע באַנד 2, קאַפּיטעל עלף.

זיינען געפאַלען און ווען אזיען, פאַרפּלייצט פון מאָנגאָלען, האָט אָננעהויבען צו פערזינקען אין דעם לאַנגען שלאָף פון מיטעל־אַלטער. אין אייראָפּא האָבען זיי שוין געפונען אַלטע אידישע ישובים, וואָס זיינען געוואָרען אין די צייטען פון דער רוימישער אימפּעריע. איינער פון די בריקען, איבער וועלכע די אידען זיינען אריבער פון אזיען און אַפריקע קיין אייראָפּא, איז געווען שפּאַניען: ווען דאָס דאָזיגע לאַנד איז אין 8טען יאָהרהונדערט בעזיענט געוואָרען פון די אַראַבער, זיינען די אידען פון מזרח אריינגעדרונגען אהין צוזאַמען מיט די זיעגער און זיי האָבען פערוואַנדעלט שפּאַניען אויף עטליכע יאָהרהונדערט אין איינער פון די געבילדעטסטע לענדער אין אייראָפּא.

אין דעם שיקזאַל פון די אייראָפּעאישע אידען אַליין איז אויך פאַראַן אַן אונטערשייד צווישען די צוויי אָנגעוויזענע פעריאָדען פון מיטעלאַלטער. אין דעם ערשטען פעריאָד, ווען די צאָל פון אידען אין אייראָפּא איז נאָך ניט געווען גרויס, האָבען זיי געלעבט צימליך רוהיג און בלויז זעלטען פלעגען זיי ליידען רדיפות פון די אַרומיגע פעלקער, וועלכע זיינען דעמאָלט אריבערגעגאַנגען פון געצענדיענסט צום קריסטענטום. אָבער אין דעם צווייטען פעריאָד, ווען די צאָל פון די אידען איז אַלץ מעהר געוואַקסען, האָבען זיך די פערפאָלגונגען מצד די קריסטען אויך געמעהרט און געשטאַרקט, און פון מאַנכע לענדער זיינען זיי איינגאַנצען ארויסגעטריבען געוואָרען. אַלס צוטיילונגס־פּונקט צווישען דיזע צוויי העלפטען פון דעם מיטעל־אַלטער דיענט די צייט פון די קרייצצוגען, וועלכע האָבען זיך אָנגעהויבען אין יאָהר 1096 אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד.

## ערשטער קאפיטעל.

# די אידישע בעזעצונגען אין איראָפּא פאר די קרייצצוגען.

(פון יאָהר 500 ביז 1096 קריסטל. צייטר.).

§2. איטאַליען און ביזאַנטיען. די רוימישע אימפעריע, וועלכע האָט צוגענומען ביי די אידען זייער פאָטערלאַנד יהודה, האָט שטענדיג געגעבען שוץ צו די אידען, וועלכע זיינען געקומען זיך בעזעצען אין איהרע ממשלות, נאָכדעם ווי די אימפעריע איז זיך צופאַלען אין צוויי טייל, די מערב־רוימישע און די מזרח־ביזאַנטישע (יאָהר 395), האָבען אידען געלעבט איןביידע טייל, צווישען די איטאַליענער און די גריכען. אין 400 יאָהר ארום נאָכ'ן חורבן פון ירושלים דורך די רוימער האָבען די אידען געזעהן דעם חורבן פון רוים דורך די „בארבארען" — די גאָטישע און גערמאַנישע שבטים — און דעם פאָלשטענדיגען אונטערגאַנג פון דער מלוכה, וואָס איז אמאָל אזוי מעכטיג געווען (476). זיי האָבען צוגעזעהן ווי אזוי ביסלעכווייז האָט זיך דאָס קעניגליכע רוים פערוואַנדעלט אין א פּאַבסטליכען רוים, די מיליטערישע הויפּט־שטאָדט — אין א קירכליכער, און איז געוואָרען דאָס וואוינאָרט פון די קאטוילישע פּאבסטען, די כהנים גדולים פון דער קריסט־ליכער קירכע אין איראָפּא.

די ערשטע רוימישע פּאבסטען האָבען ניט גערריקט די אידען, אָבוואָהל זיי האָבען זעהר שטארק געארבייט צו בעקערען זיי צום קריסטענטום. דער פּאבסט גריגאָר דער גרויסער (590) האָט ער־לויבט די אידישע קהילות זיך צו פיהרען לויט זייערע דינים און מנהגים; אָבער ער האָט געגעבען פארשיידענע פּריווילעגיעס און הנחות צו יענע אידען, וועלכע האָבען אָנגענומען די קריסטליכע אמונה. ווען מען פלעגט איהם זאָגען אז די וואָס בייטען זייער גלויבען צוליעב נוצען וועלען ניט זיין קיין אויפריכטיגע קריסטען, פלעגט ער ענטפערען: „אָבער דערפאר וועלען זייערע קינדער און קינדס־קינדער שוין זיין אמת'ע קריסטען".

די לאַגע פון די אידען אין איטאַליען איז נאָך בעסער געוואָרען ווען איטאַליען איז אריין אַלס טייל פון דער מערב־אייראָפּעאישער אימפּעריע פון קארל (שארלמאַין) דעם גרויסען (8—9טען יאָהרה.). דער קעניג האָט שטארק געשעצט די ארבייט פון די אידען אין דעם וועלט־האַנדעל און האָט זיי בעשיצט. אָבער אין דער צייט פון קארל דעם גרויסען'ס נאָכפאָלגער איז זיין מלוכה צופאַלען גע־וואָרען און אין מערב־אייראָפּא האָט זיך אַלץ מעהר אָנגעהויבען בעפעסטיגען די „פעאָדאַלע אָרדנונג". די פעאָדאַלע אָרדנונג איז געווען אַזוי: די איינענטימער פון גרויסע לענדערייען זיינען אַליין געווען די גאַנצע בעלי־בתים אין זייערע איינענע לענדערייען און זיי אַליין, און ניט דער קעניג פון לאַנד, פלעגען הערשען און רעגירען איבער זייערע איינוואוינער. דעם קעניג פלעגען זיי צאָ־לען שטייערען און איהם צושטעלען סאָלדאַטען פאַר זיינע מלחמות. דעריבער איז דער גורל פון די אידען אָבגעהאַנגען ניט אָן איין הערשער, נאָר אָן אַ סך. אין איין אָרט האָבען זיי געלעבט פריי און האָבען געגאָסען כמעט אַלע בירגערליכע רעכט, און אין אַ צווייטען אָרט האָט מען זיי געדריקט. גרויסע אידישע קהילות האָבען זיך דעמאָלט געפונען אין רוים, ווענעדיג, נעאַפּאָל און אויפ'ן אינזעל סיציליען. אין רוים האָבען די קאַטוילישע פּאַבסטען די אידען געדולדעט, און מאַנכע האָבען זיי אפילו בעשיצט און ניט געלאָזט די קירכליכע אסיפות בעגרענצען זייערע רעכט; די אידען אין די פּאַבסטליכע ממשלות איז ניט ערלויבט געוואָרען בלויז צו האַלטען קריסטליכע בעדיענער אין זייערע הייזער, אויס מורא טאָמער וועלען זיי אָננעהמען דאָס יודענטום. אָבער אַז אידען זאָלען אַריבערגעהן צום קריסטענטום — דאָס האָט מען געזוכט מיט אַלע מיטלען. פון איין אידישער פאַמיליע וואָס האָט אָנגענומען דאָס קריסטענטום איז שפּעטער ארויסגעקומען איינער, וואָס איז געוואָרען פּאַבסט, אונטער'ן נאָמען אַנאַקליטוּס דער צווייטער (1130—1138).

מיט דיזען פאַקט איז פערבונדען אַ פאָלקס־לעגענדע וועגען אַ „אידישען פּאַבסט" אלחנן. ביים גרויסען רבי שמעון פון מאַינץ — דערצעהלט די לעגענדע — האָט מען צוגע'גנב'עט זיין קליינעם זוהן אלחנן; מען האָט דאָס קינד גע'שמד'ט און אויפגעצויגען

אין א קאטוילישען מאָנאסטיר. שפּעטער איז ער געקומען קיין רוים, און א דאנק זיינע גלענצענדע פעהיגקייטען האָט ער דער־גרייכט צום גרויסען אמט פון קארדינאַל, און נאָכדעם איז ער אויסגעקליבען געוואָרען פאַר פּאַבסט. אָבער אלחנן האָט זעהר געבענקט נאָך זיין משפחה און נאָך זיין אמונה. ער האָט שטארק געוואָלט זעהן זיין אלטען פאָטער. איז ער געפאַלען אויף פּאָל־גענדען איינפאַל. ער האָט בעפעהלען דעם בישאָף פון מאַינץ ער זאָל נעהמען שטארק דריקען די אידען פון יענער שטאָדט. ער האָט גערעכענט אז געוויס וועלען די אידען שיקען שלוחים קיין רוים, און צווישען די שלוחים וועט אודאי זיין דער גרויסער רבי שמעון. און אזוי איז טאקע געווען: רבי שמעון איז געקומען קיין רוים צו בעטען דעם פּאַבסט ער זאָל אָבשאַפען די גזרות אויף די אידען פון מאַינץ. פון אָנפאַנג האָט דער פּאַבסט פאַרפיהרט מיט'ן אידישען געלעהרטען א וכוח וועגען אמונה און האָט ארויס־געוויזען א וואונדערליכע קענטשאַפט פון יודענטום, דערנאָך האָט ער געשפּיעלט מיט'ן זקן אין שאכמאַט, און דאן, בלייבענדיג מיט איהם אליין, האָט ער אויפגעדעקט פאַר איהם זיין סוד. דער איבערראשטער רבי האָט דערקענט אין דעם פּאַבסט זיין פערלאָ־רענעם זוהן אלחנן און האָט זיך איבערצייגט אז ער וויל ווערען צוריק א איד. ער איז שנעל אוועק קיין מאַינץ מיט דעם פּאַבסט'ס בעפעהל אז מען זאָל די אידען אויפהערען צו דריקען, און מיט דער גליקליכער בשורה צו זיין ווייב, אז זייער לאַנג פערפאַלענער זוהן האָט זיך אָבגעזוכט. אין א קורצער צייט ארום איז דער פּאַבסט פּלוצלינג פערשוואונדען פון רוים. ער איז בשתיקה געקומען קיין מאַינץ און האָט אויף דאָס ניי גענומען אָבהיטען אידישקייט און האָט געלעבט אין הויז פון זיינע עלטערען. לויט אן אנדער נוסח פון דער לעגענדע האָט זיך די געשיכטע ניט אזוי גליקליך געענדיגט: דער בעל־תשובה, וועלענדיג אויסקויפען זיינע זינד וואָס ער איז פריהער אוועק פון יודענטום, האָט זיך ארונטערגע־וואָרפען פון דעם שפּיץ פון דעם הייליגען פּעטער'ס קירכע אין רוים און איז דער'הגר'עט געוואָרען.

די לאַגע פון די אידען אין דער ביזאַנטישער אימפּעריע (אויפ'ן באַלקאַנישען האלב־אינזעל) איז געווען א סך ערגער ווי

אין איטאַליען. די ביזאַנטישע מלכים האָבען זיך פערהאַלטען פיינדליך צו די אידען נאָך פון די צייטען פון יוסטיניאַן (6טען יאָהרהונדערט) און האָבען זיי שטאַרק געדריקט אין זייערע ביר־גער־רעכט. אָפטמאָל פלעגט מען זיי מיט גוואַלד מאַכען פאַר קריסטען. דער קעניג לעאָ איסאַווריאַן האָט אַרויסגעגעבען אַ גזרה אַז אַלע אידען אין ביזאַנטיען זאָלען אָננעהמען דאָס קריס־טענטום לויט די גריכישע צערעמאָניעס, און אויב ניט וועלען זיי שרעקליך בעשטראָפט ווערען (723). אַ סך אידען האָבען דעמאָלט אָנגענומען לפנים וועגען די קריסטליכע אמונה, האָפענדיג אַז ווען די פערפאָלגונגען וועלען אויפהערען וועלען זיי זיך אומקערען צוריק צו זייער אייגענעם גלויבען; אָבער אַנדערע האָבען זיך אַריבערגעצויגען פון ביזאַנטיען אויפ'ן צפון־ברעג פון דעם שוואַר־צען ים, אין טאַוריד און קרים. וועגען קעניג באַסיליוס דעם מאַצעדאָנישען (867) ווערט דערצעהלט, אַז ער האָט מיט אַלע מיטעל געצוואונגען די אידען צום קריסטענטום, און ווען עס האָט גאָרניט געהאָלפען האָט ער פערניכטעט אַרום טויזענד אידישע קהילות; גאַנץ געבליבען זיינען נאָר פינף קהילות, אַ דאַנק די בקשות פון דעם אידישען פּאָעט („פּיטן") רבי שפטיהו, וועלכער האָט אויסגעהיילט דעם קעניג'ס טאָכטער פון משוגעת. דיזער דיכטער האָט, לויט דער מסורה, אָנגעשריבען די ריהרענדע תפלה, וועלכע הויבט זיך אָן מיט די ווערטער „ישראל נושע" און וועלכע איז אַריינגענומען געוואָרען אין די סליחות און מחזור. די פאָל־גענדע שורות פון דער תפלה דריקען אויס דעם געמיט פון די אומגליקליכע:

זיי קלאַפּען דיינע טיהרען ווי אָרימע בעטלער,
פאַרנעהם זייער געבעט גאָט פון די הימלען,
דערשראָקענע זיינען זיי פון זייערע צערנער און דריקער,
ניט פערלאָז זשע זיי, גאָט פון זייערע אבות,
זאָל די הילף זיי קומען פאַר אַלעמענס אויגען
און זאָלען רשעים ניט געוועלטיגען איבער זיי
ענדיגען זאָלסטו גאָר זייער פּיין
און געהאָלפענע זאָלען זיי אויפגעהן קיין ציון

אָבער אזעלכע שרעקליכע רדיפות זיינען געווען פערהעלטניס־מעסיג זעלטען. אין די רוהיגערע צייטען האָבען די ביזאַנטישע

אידען געשפּיעלט זעהר א וויכטיגע ראָלע אין דעם עקאָנאָמישען לעבען פון לאנד. זיי האָבען געהאט זייערע קהילות אין די שטעדט פון גריכענלאנד, טהעסאליען, מאצעדאָניען, טהראציען און אויף די אינזלען פון דעם ארכיפעלאג. בעדייטענדע קהילות האָבען זיך געפונען אין דער הויפּטשטאָדט קאָנסטאנטינאָפּאָל און אין דער פּאָרט־שטאָדט סאלאניקי. די אידען האָבען זיך בעשעפטיגט מיט פארשיידענע מלאכות, איבערהויפּט מיט קולטיווירען זייד און פאבריצירען זייד און פּורפּור שטאָפען. בעזונדערס איז שטארק פארשפּרייט געווען צווישען די אידען פארבעריי, און די „אידישע פארב" איז בעריהמט געווען אין דעם האנדעל פון יענער צייט. אין די גרויסע שטעדט האָבען זיך צוזאמען מיט די „תלמוד'ישע" קהילות געפונען אויך קאראימישע געמיינדען. אין קאָנסטאנטי־נאָפּאָל האָבען די אידען געוואוינט אין דעם האנדעלס־קווארטאל פּעראַ, אויפ'ן ברעג פון ים. זייערע בירגער־רעכט זיינען, צוליעב די אַלטע געזעצען פון דער קירכע, געווען שטארק בעגרענצט, אָבער אין זייער אינערליכען לעבען זיינען זיי געווען פריי. די אידישע קהילות פלעגען פערוואלטעט ווערען פון אן עלטסטען, וואָס די אידען אליין פלעגען אויסקלייבען און וואָס פלעגט טראָגען דעם נאָמען „עפּאָרוס".

§3. די אידען אין שפּאניען אין דער צייט פון די וועסטגאָטען. אין שפּאניען, אויפ'ן פּירענעאישען האלב־אינזעל, האָבען די אידען געלעבט נאָך פון אַלטע צייטען, איידער נאָך דאָס קריסטענטום האָט זיך בעפעסטיגט אין לאנד. זיי זיינען אריינגע־דרונגען אהין אַלס די אונטערטאַנען פון דער רוימישער אימפּעריע, פון וועלכער שפּאניען איז אויך געווען א טייל. אין 5טען יאָהר־הונדערט, ווען די רוימישע אימפּעריע האָט געהאלטען אין צופאלען ווערען, איז שפּאניען בעזיעגט געוואָרען פון דעם גערמאנישען שבט די וועסטגאָטען, וועלכע האָבען דאָ געגרינדעט זייער מלוכה. די וועסטגאָטישע מלכים האָבען אָנגענומען דאָס קריסטענטום לויט דער קאטוילישער שטה און האָבען געגעבען די גייסטליכע א גרויסע מאכט אין לאנד. פון דעמאָלט אָן האָט מען אָנגעהויבען שטארק צו פערפאָלגען די אידען פאר זייער גלויבען. דער קעניג ריקאָריד דער ערשטער האָט ארויסגעגעבען זעהר שווערע גזרות געגען די

אידען (589). דער צוועק פון דיזע גזרות איז געווען אָבצושאַפּען יעדער פּאַרקער צווישען אידען און קריסטען, וועלכע האָבען פריהער געלעבט ווי גוטע שכנים. מען האָט מורא געהאַט אַז די אידען וועלען אָבציהען די קריסטען פון דער קירכע. דער וועסטגאָטישער קעניג סיזעבוט האָט געגעבען די אידען די ברירה: ענטוועדער אָננעהמען דאָס קריסטענטום אָדער זיך ארויסקלייבען פון לאַנד (612). פיעלע זיינען דעמאָלט אוועק אין אנדערע לענדער, נאָר אנדערע זיינען געווען געצוואונגען זיך צו שמד'ען, בלייבענדיג אין הארצען אידען. איינינע פון די שפּעטערע הערשער האָבען אָבגעשאַפט אָדער ווייכער געמאַכט די ביטערע גזרות, אָבער אזעלכע הערשער זיינען געווען וועניג. דער גרעסערער טייל פון די וועסטגאָטישע מלכים אין שפּאניען האָבען פאראייניגט אין זיך ווילדקייט מיט רעליגיעזען פאנאַטיזם. אָנגערייצט פון די קאַטוילישע גייסטליכע האָבען זיי געשטרעבט ענטוועדער צו פאר־טיליגען די אידען אָדער זיי מאַכען פאַר קריסטען.

מיט בעזונדערער גרויזאמקייט האָבען זיך אויסגעצייכענט די קעניגע רעצעסווינט (652), ערוויג (680) און עגיקאָ (687). מעהר פון אַלעמען האָבען זיי פערפאָלגט יענע אידען, וועלכע האָבען פריהער, על־פּי נויט, אָנגענומען דאָס קריסטענטום נאָר שפּעטער האָבען זיי זיך אומגעקערט צו זייער פריהעריגען גלויבען. פאַר'ן קעניג עגיקאָ זיינען דיזע אידען געבראַכט גע־וואָרען צו אַזא פערצווייפלונג, אַז זיי האָבען בעשלאָסען צו מאַכען אַ פאַרשווערונג און ארונטערוואַרפען די וועסטגאָטישע דינאַסטיע. זיי האָבען געשלאָסען אַן אָבמאַך מיט זייערע ברידער אין צפון־אפריקא, וועלכע האָבען געלעבט גליקליך אונטער דער הערשאַפט פון די אראבער און מיט זייער הילף האָבען זיי געוואָלט מאַכען אַ מלוכה־איבערקערעניש. אָבער די פאַרשווערונג איז ענטדעקט געוואָרען און אַלע שפּאַנישע אידען האָבען געקראָגען אַ שרעק־ליכע שטראָף. דער אויפגערעגטער קעניג, מיט דער הסכמה פון אַ קירכען־אסיפה וואָס איז פאַר דעם צוועק צוזאמענגערופען גע־וואָרען, האָט ארויסגעגעבען פאָלגענדען בעפעהל (694): היות די אידען האָבען ניט נאָר פאַרשוועכט די אמונה, אין וועלכער די קירכע האָט זיי בעהרט ארייינצונעהמען, און זיי היטען זייערע

פריהעריגע צערעמאָניעס, נאָר זיי האָבען נאָך דערצו געמאכט א פארשווערונג אריינצוהאפען מיט גוואלד די רעגירונג, דעריבער ווערען זיי ערקלערט פאר שקלאפען און זיי ווערען אָבגעגעבען אין לייב־איינגענטום צו קריסטליכע בעלי־בתים, וועלכע האָבען ניט קיין רעכט זיי ארויסצולאָזען פריי. די קינדער, ווען זיי ווערען אלט זיבען יאָהר, ווערען צוגענומען פון זייערע עלטערען און זיי ווערען אָבגעגעבען צו קריסטען צום ערציהען".

מען קען ניט וויסען וואס עס וואָלט געוואָרען פון די אידען נאָך אזעלכע רדיפות ווען אין גיכען זאָל ניט געווען קומען א סוף צו דער וועסטגאָטישער הערשאפט אין שפאניען. פון צפון־אפריקא, וועלכע איז אָבגעטיילט פון שפאניען דורך דעם גיבראַלטארישען וואסער־דורכגאנג האָבען זיך א גאַס געטהאָן אין דיזען לאנד די קריעגערישע אראבער (בערבערען, מורען), און האָבען שנעל בע־זיעגט א גרויסען טייל דערפון (711). די אידען האָבען בעגעגענט די אראבער אלס בעפרייער און האָבען זיי געהאָלפען אין זייער קאמפף מיט די וועסטגאָטען. ווען די אראבער פלעגען איינגעהמען א שטאָדט פלעגען די פיהרער זי איבערגעבען צו די אידען צו היטען, אזוי ווי צו זיכערע פריינד, און זיי פלעגען געהן ווייטער מיט זייער חיל. די הויפטשטאָדט פון שפאניען, טאָלעדאָ, איז איבערגעגעבען געוואָרען צום אראבישען קריעגספיהרער טאָריק דורך די אידען, וועלכע האָבען געעפענט פאר'ן זיעגער די טויערען פון שטאָדט בעת די קאטוילישע בעפעלקערונג איז געלאָפען זוכען רעטונג אין די קלויסטער. די שמירה פון דער הויפטשטאָדט איז אויך פערטרויט געוואָרען צו די אידען. אויף אזא אופן זיינען די אידען געוואָרען די בעלי־בתים פון יענע שטעדט, פון וועלכע מען האָט זיי פריהער אונערבארמליך געיאָגט. ווען די אראבישע קאַ־ליפען זיינען געוואָרען די הערשער פון שפאניען האָבען זיי געגע־בען די אידען פולע רעליגיעזע פרייהייט און אינערליכע זעלבסט־פערואַלטונג. אין גראנאדא, קאָרדאָווא, טאָלעדאָ און אנדערע שפאַ־נישע שטעדט זיינען צוריק אויסגעוואקסען גרויסע אידישע קהילות, וועלכע זיינען געוועזן פונקט אזוי זעלבסטשטענדיג ווי זייערע ברידער אין אראבישען בבל.

דער אראבישער חיל וואָס האָט איינגענומען שפאניען האָט

געהערט צום מזרח'דיגען קאַליפאַט, וואו עס האָט דעמאָלט גע־הערשט די דינאַסטיע אָמאַיאַדען, מיט דער הויפטשטאָדט דמשק*) דעריבער איז שפּאַניען לכתחילה געוואָרען אַ פּראָווינץ פון דעם קאַליפאַט פון דמשק. אָבער ווען די אָמאַיאַדישע קאַליפען האָבען אָבגעטראָטען זייער פּלאַץ צו דער דינאַסטיע אַבאַסידען פון באַגדאַד (דער באַגדאַדישער קאַליפאַט) איז דער לעצטער פון די אָמאַיאַדען, אַבדרו־ראַחמאַן (עבדו־אַל־רחמן) אַנטלאָפען קיין שפּאַניען און האָט זיך דאָ ערקלערט פאַר אַ זעלבסטשטענדיגען הערשער (755). פאַר זיין הויפטשטאָדט האָט ער אויסגעקליבען די שטאָדט קאָרדאָוואַ, און דאדורך האָט שפּאַניען שפּעטער געקראָגען דעם נאָמען דער קאַליפאַט פון קאָרדאָוואַ. דאָ איז פאַר די אידען אָנגעשטאַנען אַ צייט פון פריעדליכער ענטוויקלונג. זיך האַלטענדיג פעסט אָן זייער פאָלק און רעליגיאָן האָבען זיי זיך פונדעסטוועגען מתקרב געווען מיט די געבילדעטע אַראַבער אין בירגערליכען און גייס־טיגען לעבען. און דורך די בשותפות'ע קרעפטען פון דיזע צוויי סעמיטישע פעלקער, וועלכע האָבען געגלויבט, איינס אין יודענטום און דאָס צווייטע אין איסלאַם, איז אין שפּאַניען בעשאַפען גע־וואָרען אַזאַ הויכע קולטור, וועלכע האָט געמאַכט דיזעס לאַנד פאַר'ן ליכטיגסטען ווינקעל אין דער פינסטערער אייראָפּאַ אין מיטעלאַלטער.

§4. **פראַנקרייך און דייטשלאַנד. אידישע ישובים אין** פראַנקרייך (גאַליען) און דייטשלאַנד האָבען אויפגעשפּראָצט נאָך דעמאָלט ווען דיזע לענדער זיינען געווען פּראָווינצען פון דער אַלטער רוימישער אימפּעריע. אין 4טען און 5טען יאָהרהונדערט פון דער קריסטליכער צייטרעכנונג בעגעגנען זיך אידישע קאָלאָ־ניעס אין מאַרסייל, אָרלעאַנס, קלערמאָן, פּאַריז, קעלן און אין אַנדערע שטעדט. איבעראַל האָבען די אידען גענאָסען די רעכט פון „רוימישע בירגער" און האָבען זיך פריעדליך איינגעלעבט מיט די פרעמדע געצענדיענער. די פאַרשפּרייטונג פון קריסטענטום צווישען די דאָזיגע קריעגערישע „באַרבאַרען" האָט געדאַרפט ווייַ־כער מאַכען זייערע זיטען; די קריסטליכע אמונה, וועלכע איז

*) זעה אידישע געשיכטע, צווייטע טייל, 68—69§

ארויסגעקומען פון דער אידישער, האָט געדאַרפט נאָך נעהנטער צוזאמענברענגען די פראַנקען און די גערמאַנען מיט די אידען וואָס האָבען געלעבט צווישען זיי. און ווירקליך, די נייע־בעקערטע פעלקער האָבען ניט געזעהן קיין גרויסען חילוק צווישען די צוויי רעליגיאָנען, און האָבען זיך טאַקע דערנעהנטערט צו די אידען און זיך אפילו מיט זיי מתחתן געווען. אָבער דאָס איז ניט געפעלען געוואָרען די העכערע קריסטליכע גייסטליכע, וועלכע האָבען מורא געהאַט, אז דאָס יודענטום זאָל ניט בעאיינפלוסען די „קינדער פון דער קירכע" און זיי האָבען מיט אלע כחות גענומען ארבייטען צו צושטערען די גוטע בעציהונגען צווישען די אַנהענגער פון די צוויי אמונות. זיי האָבען גענומען איינרייידען זייערע נאכפאָלגער, אז עס איז א זינד זיך צו חבר'ן מיט די אידען, וועמעס עלטערען האָבען כלומרשט גע'הרג'עט קריסטוס'ן. פיעל קאַטוילישע בישאָפען האָבען צוגערעדט די קעניגע זיי זאָלען די אידען שמד'ן מיט גוואלד אָדער זיי ארויסטרייבען פון לאַנד.

די ארבייט פון די גייסטליכע איז נעקרוינט געוואָרען מיט ערפאָלג אין דער נייער פראַנקישער מלוכה, וואו עס האָבען גע־הערשט די קריסטליכע מלכים פון דער דינאַסטיע מעראָווינגען (6טען—7טען יאָהרהונדערט). די מעראָווינגישע מלכים האָבען איבערגעגעבען די אידען אינגאַנצען אין די הענד פון די גייסט־ליכע און זיי געשטעלט אונטער די געזעצען פון דער קירכע. די קירכליכע אסיפות אין אָרלעאַנס (533—541) האָבען שטרענג פאַר־באָטען חתונות צווישען קריסטען און אידען; די אידען איז פאַר־באָטען געוואָרען זיך צו ווייזען אויף די גאַסען אין די טעג פון קריסטליכען פסח און די וואָך פריהער; פאַר מגייר זיין א קריסט האָט געקומט א גרויסע שטראָף; ווען א שקלאַף פון א אידען האָט אָנגענומען דאָס קריסטענטום איז ער דאדורך אליין שוין בעפרייט געוואָרען. די גאַנצע כונה פון די גלחים איז געווען—אָבצושיידען מיט אַן אייזערנער וואַנד די אידען פון דער ארומיגער בעפעלקע־רונג און מאַכען זיי פאַר א בעזונדער קאַסטע. אָבער דערמיט האָבען זיי זיך נאָך ניט בענונענט. מאַנכע פראַנקישע מלכים און בישאָפען האָבען געפּרובט צו נויטען די אידען מיט גוואלד אָנצו־נעהמען די קאַטוילישע אמונה.

דער בישאָף אביטוס פון קלערמאָן האָט לאַנג איינגערעדט די אידען פון זיין אָרט זיך אָבצוזאָגען פון דער אמונה פון זייערע אבות. אָבער זיינע רייד האָבען ניט געהאַט קיין ווירקונג און בלויז איין איד האָט זיך גע׳שמד׳ט אין דעם קריסטליכען פסח. דער משומד האָט ארויסגערופען געגען זיך דעם צאָרן פון זיינע פריי־עריגע ברידער. איינמאָל ווען ער איז געגאַנגען אין גאַס אין א קריסטליכער פּראָצעסיע האָט עפּיס א איד אויסגעגאָסען איהם אויפ׳ן קאָפּ א שטינקעדיגען אויל. דער אויפגערעגטער קריסט־ליכער המון האָט זיך א וואָרף געטהאָן אויף דער שוהל און פאַר דעם בישאָף אין די אויגען זי צושטערט ביז׳ן גרונד און שיער אויסגע׳הרג׳ט אַלע אידען. אויף מאָרגען האָט דער בישאָף געלאָזט רופען צו זיך די אידען פון קלערמאָן און האָט זיי פאָר־געלעגט: אָנצונעהמען קאָס קריסטענטום אָדער אוועק פון שטאָדט. א פּאָעט־מאָנאַך פון יענער צייט האָט איבערגעלעגט אין לאטיינישע גראַמען די קורצע רעדע וואָס דער בישאָף האָט דעמאָלט געהאַלטען צו די אידען:

זעה וואָס דו טהוסט, אַלטעס, נאַרישעס פאָלק!
בעניי דיין לעבען, לעהרן זיך אוים צו גלויבען חאָטש אויף דער עלטער
נאָר ריידען פיעל פון דיין נאַרישקייט איז ניטאָ קיין צייט.
טאָ הער: נעהם אָן אונזער גלויבען„ ווען ניט געה אַוועק.
די ברירה איז דיינע: נעהם מיין עצה שנעל
און בלייב דאָ מיט אונז, נאָר די האַרטנעקיגע זאָלען געהן.

אין דריי טעג ארום האָבען די אידען פון קלערמאָן פערלאָזען די שטאָדט און זיינען אוועק קיין מארסייל (576). בלויז פינף הונדערט פון זיי האָבען ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון און האָבען זיך גע׳שמד׳ט.

מיט בעזונדערער פלייסיגקייט צו שמד׳ן די אידען האָט גע־ארבייט דער פראנקישער קעניג הילפּעריך און זיין בעל־יועץ דער געלערנטער בישאָף גרעגאָרי פון טור. הילפּעריך האָט גע־האַט אין פּאַריז א האנדעלס און געלט־פּארטרעטער א אידען מיט׳ן נאָמען פּריסקוס. דער קעניג האָט שטאַרק געשעצט די חכמה און עהרליכקייט פון פּריסקוס׳ן, אָבער ער האָט ניט געקענט דולדען וואָס ער איז א איד. האָט ער צוזאַמען מיט׳ן בישאָף צוגערעדט פּריסקוס׳ן ער זאָל זיך שמד׳ן, אָבער דער איד איז געבליבען פער־

עקשנ׳ט. איינמאָל האָט דער קעניג, אין שפּאס, אָנגענומען פּריס־קוס׳ן פאר׳ן קאָפּ און האָט איהם איינגעבויגען און געזאָגט צום בישאָף: קום, דיענער פון גאָט, און לעג ארויף אויף איהם דיינע הענד! פּריסקוס האָט מיט שרעק זיך אָבגערוקט פון דעם קריסט־ליכען צייכען. דער קעניג איז אין כעס געוואָרען און דער בישאָף האָט זיך אריינגעלאָזט אין א וכוח מיט דעם אידען ועמעס גלויבען איז דער אמת׳ער: דער קריסטליכער אָדער דער אידישער. דער איד האָט מיט שכל׳דיגע סברות און מיט פסוקים פון תנ״ך געוויזען אז קריסטוס איז ניט געווען גאָט׳ס זוהן. הילפּעריך האָט אָבגעלאָזט פּריסקוס׳ן כדי צו געבען איהם צייט זיך צו בעדענקען. אָבער ווען יענער האָט זיך אַלץ גע׳עקשנ׳ט, האָט דער קעניג אויסגערופען: „אויב דער איד וועט ניט אָנהויבען גלויבען מיט׳ן גוטען ווילען וועל איך איהם צווינגען צו גלויבען!״ פון מורא פאר די קעניגע און די גלחים האָבען א סך אידען אין פּאריז זיך איבערגעגעבען צום שמד. אָבער פּריסקוס האָט מיט פארשיידענע תרוצים אָבגעלעגט זיין שמד און האָט ניט געוואָלט אפילו לפנים בייטען זיין אמונה. איינמאָל שבת ווען ער איז געגאנגען אין שוהל, וועלכע האָט זיך געפונען אויף איינער פון די אָרגעלעגטע גאסען אין פּאריז, איז א משומד איהם בעפאלען און איהם גע׳הרג׳עט (582).

איינער פון די לעצטע מעראווינגישע מלכים, דאגאָבאָרט, האָט געוואָלט איבעריאָגען אין גרויזאמקייט צו די אידען די וועסט־גאָטישע מלכים פון שפּאניען. ער האָט אָהן רחמנות געטריבען פון זיין לאנד די אידען, וואָס זיינען געקומען אהין צולויפען פון די רדיפות אין דער שכנ׳ישער שפּאניען. אין יאָהר 629 האָט ער מיט דער הסכמה פון די בישאָפען ארויסגעגעבען א בעפעהל אז אַלע אידען וואָס ווילען זיך ניט שמד׳ן זאָלען ארויסגעטריבען ווערען פון גאנץ פראנקרייך. היסטאָריקער בעהויפּטען אז צו דיזען שריט האָט דאגאָבאָרט׳ן צוגערעדט אין א בריעף דער ביזאנטישער אימפּעראטאָר העראקליוס, וועלכער האָט אין דער זעלבער צייט אָנגעהויבען רדיפות אויף די אידען אין זיין אייגענער אימפּעריע (זעה טייל 2, §65). העראקליוס האָט כלומרשט פון די נבואות פון שטערנזעהער זיך דערוואוסט, אז ביזאנטיען וועט חרוב ווערען דורך א „בעשניטענעם פאָלק״. דענקענדיג אז דאָס מיינט די אידען

האָט העראַקליוס אַן עצה געגעבען דעם פראַנקישען קעניג ער זאָל זעהן אויס׳שמד׳ן די אידען, אַלס אַ פאָלק וואָס איז געפעהרליך פאַר יעדער קריסטליכער מלוכה. אַ „בעשניטענעם פאָלק״ איז אין גיכען ווירקליך אָנגעקומען אויף ביזאַנטיען, אָבער דאָס זיינען ניט געווען די אידען, נאָר די אַראַבער־מוסולמענער.

ווען די מעראָווינגישע הערשאַפט איז געפאַלען און עס איז נעגרינדעט געוואָרען די אימפּעריע פון קאַרל דעם גרויסען האָבען די רדיפות אויף די אידען אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד אויף אַ צייט אויפגעהערט (768—814). דיזער מעכטיגער הערשער האָט זיך ניט אונטערגעוואָרפען צו דעם איינפלוס פון די גלחים און האָט בעשיצט די אידען, וועלכע זיינען דעמאָלט געווען די וויכטיגסטע טרעגער פון האַנדעל און אַרבייט אין איירָאָפּאַ. קאַרל דער גרויסער האָט געשטיצט אין פראַנקרייך די אונטערנעהמונגען פון די אידען, האָט זיי ערלויבט צו קויפען ערד און זיך פאַרנעהמען מיט אַלע בע־שעפטיגונגען, איבערהויפט מיט בעטרייבען שיפען. אייניגע גע־בילדעטע אידען זיינען אפילו געווען קרובים למלכות, איינער פון זיי, יצחק, איז געווען צווישען די שלוחים, וואָס קאַרל האָט געשיקט צום באַגדאַדישען קאַליף האַרון־אַל־ראַשיד. קאַרל׳ס זוהן, לודוויג דער עהרליכער (814—840), האָט אויך געשיצט די אידען געגען די פיינדליכע גלחים. ווען דער פאַנאַטישער בישאָף אַגאָ־באַרד האָט אָנגעהויבען אין די קלויסטערס אויפצורייצען דעם המון צו בעפאַלען אידען, האָט לודוויג איהם בעפעהלען אָנשווי־גען צו ווערען און די אידען האָט ער צוגעזאָגט זיי צו בעשיצען. ער האָט אָװעקגעשטעלט אַ בעזונדערען „אידישען מאַגיס־טער״ (‘‘Magister judaeorum’’) צו בעשיצען די בירגערליכע און האַנדעלס־רעכט פון די אידען.

די מלוכה פון קאַרל דעם גרויסען איז צוריק צופאַלען גע־וואָרען נאָכ׳ן טויט פון זיין זוהן. קאַרל׳ס קינדער האָבען גע־וועלטיגט אין איטאַליען, דייטשלאַנד און פראַנקרייך, וועלכע זיינען געוואָרען בעזונדערע מלוכות. נאָר די הערשאַפט פון דיזע מלכים איז געווען זעהר אַ שוואַכע. אַ דאַנק דער פעאָדאַלער אָרדנונג (§2), האָבען די איינצעלנע באַראָנען און גראַפען געהערשט אין זייערע לענדערייען אַזוי ווי זעלבסטשטענדיגע קעניגע. און דעריבער איז

אין פארשיידענע געגענדען פון פראנקרייך די לאגע פון די אידען געווען פארשיידען: אין איינינע ערטער האָבען די פעאָדאלען זיי בעשיצט און אין אנדערע—פערפאָלגט. דאָרט וואו די גלחים האָבען געהאַט א מאכט איז מען זיך מיט די אידען בעגאנגען גרויזאם. אין דער שטאָדט טולוז, צום ביישפּיעל, האָבען די גראפען איינגע־פיהרט אזא מין „קירכליכען" מנהג: יעדען יאָהר, ערב דעם קריסט־ליכען פסח, פלעגט דער גראף פון טולוז פאררופען צו זיך דעם פאָרשטעהער פון דער אידישער קהילה און פלעגט איהם געבען א שטארקען פּאטש אין פּנים כדי דאדורך צו דערמאָנען די אידען אָן די פּייניגונגען פון דעם געקרייציגטען קריסטוס'ן. אין שפּעטערע צייטען פלעגען די אידען זיך פון דיזען פּאטש אויסקויפען מיט אַ בעזונדערען אָבצאָל. אין בעזיער פלעגען די קאטוילישע גלחים יעדען יאָהר אין דער „הייליגער וואָך" אויפהעצען דעם קריסטליכען המון צו נעהמען נקמה אָן די אידען פאר קרייציגען יעזוס'ן, און די מאסע וואָס האָט געפאָלגט איהרע פיהרער, פלעגט זיך ווירקליך ארויפווארפען אויף די אידען, זיי שלאָגען אוןווארפען שטיינער אין זייערע הייזער. מאנכעס מאָל פלעגען די אידען מיט געוועהר אין די הענד זיך שטעלען געגען זייערע אָנגרייפער, און דעמאָלט פלעגט עס קומען צו בלוטפערגיסונג.

אין דייטשלאנד, נאָך דער דינאסטיע פון קארל דעם גרויסען, האָט זיך בעפעסטיגט די סאקסאָנישע דינאסטיע. דער דייטשער קעניג אָטאָ דער גרויסער (אין 10טען יאָהרהונדערט) האָט ארונ־טערגענומען אונטער זיין הערשאפט צפון־איטאליען און האָט גע־קראָגען דעם נאָמען „אימפעראטאָר". די דייטשע הערשער האָבען זיך בעטראכט פאר די יורשים פון די רוימישע אימפעראטאָרען און אויף די אידען האָבען זיי געקוקט אזוי ווי אויף אַן אייגענטום וואָס איז זיי איבערגעגאנגען בירושה פון דעם אלטען רוים. זעהר אָפט פלעגען די אימפעראטאָרען אוועקשענקען צו זייערע פעאָדאלען, (גראפען, באראָנען און בישאָפען) שטיקער לאנד צוזאמען מיט די אידען, וואָס האָבען דאָרט געלעבט. פאַר דער ערלויבניש זיך צו פארנעהמען מיט האנדעל אָדער געוויסע מלאכות פלעגט די רעגירונג ארויפלעגען אויף די אידען גרויסע אָבצאָלען.

אין אַ סך שטעדט אין דייטשלאנד האָבען די אידען געלעבט

ארויס אליעזר׳ן אנטקעגנען און האָט איהם געבראכט אין הויז פון זיינע עלטערען. אליעזר איז געווען געריהרט פון דיזער גאסט־פריינדשאפט און האָט דערצעהלט רבקה׳ס עלטערען און איהר ברודער דעם צוועק פון זיין קומען, און האָט ערקלערט, אז גאָט אליין, זעהט אויס, האָט בעשטימט רבקה׳ן צו זיין די ווייב פון איהר קרוב יצחק׳ן. און בתואל און לבן האָבען געענטפערט: „אָט איז רבקה פאר דיר, נעהם זי און זאָל זי זיין די ווייב פון דעם זוהן פון דיין האר". אליעזר האָט ארויסגענומען די זילבערנע און גילדערנע חפצים און קליידער און האָט געגעבען דער כלה, איהר מוטער און איהר ברודער. אויף מאָרגען האָבען די עלטערען געבענשט רבקה׳ן און זי געלאָזט געהן מיט אליעזר׳ן קיין כנען. ווען אליעזר און רבקה זיינען צוגעפאהרען צום ארט וואו עס זיינען געשטאנען אברהמ׳ס געצעלטען, האָבען זיי בעגעגענט יצחק׳ן אין פעלד. ווען רבקה האָט זיך דערוואוסט ווער דאס איז האָט זי גענומען א טוך און פארדעקט איהר געזיכט. נאכער האָט יצחק אריינגעפיהרט רבקה׳ן אין געצעלט פון זיינע עלטערען און זי איז געווארען זיין ווייב, און ער האָט זי ליעב געקראָגען. אברהם האָט נאָכדעם געלעבט נאָך א קורצע צייט און איז געשטארבען אין טיעפען אלטער, צו הונדערט און פינף־און־זיעבציג יאהר. מען האָט איהם מקבר געווען נעבען שרה׳ן אין דער מערת המכפלה, ביי חברון.

§11. **יצחק און זיינע זיהן.** נאָך אברהמ׳ס טויט איז יצחק געווארען דער עלטסטער, אדער פאטריארך, פון דעם אידישען שבט. ער האָט אויך געוואוינט אין דרום־כנען, און האָט זיך בעשעפטיגט ניט נאָר מיט פיהצוכט, נאָר אויך מיט ערדארבייט. פון זיין פרוי רבקה האָט יצחק געהאט צוויי זיהן, א צווילינג. דעם ערשטען האָט מען גערופען עשו, און דעם אנדערען — יעקב. ווען די קינדער זיינען אונטערגעוואקסען, האָט מען אָנגעהויבען בעמערקען אז זיי אונטערשיידען זיך איינער פון אנדערען אין זייערע נייגונגען. עשו האָט ליעב געהאט די יאגד און איז געווען א מענש פון פעלד, און יעקב האָט ליעב געהאט דאס רוהיגע לעבען פון דעם פאסטוך און איז געווען א הויז־זיצער, א יושב אהל.

איינמאָל האָט זיך עשו צוריקגעקעהרט פון יאגד א מיעדער און

א הונגעריגער. דערזעהענדיג ביי יעקב'ן א געקעכטס פון לינזען, האָט ער איהם געבעטען ער זאָל דאָס איהם געבען צו עסען. און יעקב האָט איהם געזאגט: „פארקויף מיר דערפאר די בכורה“. (עשו האָט זיך גערעכענט פאר'ן עלטערען ברודער, און דער עלטערער האָט נאָכ'ן פאָטער'ס טויט געדארפט ווערען דער עלטסטער פון דער פאמיליע). עשו האָט געענטפערט: „איך בין טויט הונגעריג, אויף וואס דארף איך די בכורה?“ און יעקב האָט געגעבען זיין ברודער זאט אָבצועסען און עשו'ן האָט גאָר ניט באנג געטהאָן וואס ער האָט פערקויפט זיין רעכט אויף דער בכורה פאר א טאָפּ לינזען. נאָר יצחק האָט עס אזוי ווי ניט בעמערקט, און האָט זיך אויך ווייטער פערהאלטען צו עשו'ן אזוי ווי צום ערשטען זוהן. עשו פלעגט אפט ברענגען פון יאגד פרישען פאנג, פלעגט צוגרייטען דערפון געשמאקע מאכלים און עס אונטערטראָגען זיין פאטער; ער איז געוועזן יצחק'ס ליעבלינג, און דער בעשיידענער יעקב איז געוועזן דער מוטער'ס ליעבלינג.

ווען יצחק איז געווארען אלט און איז שוין כמעט בלינד געוועזן, האָט ער איינמאָל צוגערופען עשו'ן און איהם געזאָגט: „מיין זוהן, אָט בין איך שוין אלט און איך וויים ניט דעם טאָג פון מיין טויט. נעהם דיין בויגען, געה אין פעלד, פאנג פון מיינעטוועגען א חיה און גרייט מיר צו מיין בעליעבטע שפייז, און איך וועל דיך בענשען איידער איך שטארב.“ רבקה האָט געהערט יצחק'ס ווערטער און איהר האָט באנג געטהאָן וואָס די פאָטערליכע ברכה וועט אָנקומען עשו'ן און ניט איהר ליעבלינג יעקב'ן. האָט זי עס דערצעהלט יעקב'ן און האָט איהם אן עצה געגעבען ער זאָל אויסנארען פון דעם פאטער די ברכה פריהער פון דעם ברודער. אויף דער מוטער'ס ראָט האָט יעקב גלייך געבראכט פון דער סטאדע צוויי ציגעלעך און פון זייער פלייש האָט רבקה געמאכט יצחק'ס בעליעבטען מאכל. דערנאָך האָט זי אָנגעטהאָן יעקב'ן עשו'ס יאגד־קליידער, האָט איהם בעדעקט די הענט און די האלז מיט דער פעל פון די ציגעלעך, (ווארום עשו איז געוועזן א האָריגער) און האָט איהם געהייסען אבטראגען צום פאטער די צוגעגרייטע שפייז. און יעקב איז געקומען צום פאָטער און געזאָגט: „אָט בין איך, דיין עלטערער זוהן עשו. איך האָב געטהאָן וואָס דו האָסט מיר געהייסען. אצינד עס אָב און

מלוכה געפאַלען. אין די אַמאָליגע צייטען פלעגען זיי מאַכען אַנ־פאַלען אויף די סלאַווען וועלכע האָבען געלעבט פאַזע דער וואָלגא און דעם דניעפּער, און פלעגען נעהמען פון זיי אָבצאָל. נאָר ווען די רוסישע מלוכה איז אונטער די קיעווער פירשטען פערשטאַרקט געוואָרען, איז די הערשאַפט פון די כוזרים אָבגעשוואַכט געוואָרען. דער קיעווער פירשט סוויאַטאָסלאַוו האָט איינגענומען זייערע פעס־טונגען ביי דער וואָלגא און האָט זיי ארויסגעשטויסען פון דער קאַספּישער געגענד (969). די כוזרים האָבען זיך טיילווייז בע־זעצט אין קרים און טיילווייז זיך צוזייהט איבער די רוסישע לענדער.

ארום יענער צייט האָבען זיך די אידען בעוויזען אין דעם קיעווער רוסלאַנד. דער רוסישער היסטאָריקער נעסטאָר דערצעהלט אַז אין יאָהר 986 זיינען קיין קיעוו אָנגעקומען „כוזרישע אידען". דער פירשט פון קיעוו, וולאַדימיר דער הייליגער, דעמאָלט נאָך א געצענדיענער, האָט זיך געגרייט אָנצונעהמען פון די גריכען די קריסטליכע רעליגיאָן. די כוזרישע אידען, דערצעהלט די לעגענדע, האָבען איהם צוגערעדט ער זאָל אָננעהמען דאָס יודענטום. נאָר וולאַדימיר האָט זיי געפרעגט: וואו איז אייער לאַנד? און די אידען האָבען געענטפערט: אין ירושלים. „און איהר לעבט דאָרט?" האָט דער פירשט ווייטער געפרעגט. „ניין—האָבען די אידען גע־ענטפערט: גאָט האָט געצאָרנט אויף אונזערע עלטערען און האָט זיי צושפּרייט איבער פאַרשיידענע לענדער". דאַן האָט וולאַדימיר געזאָגט: ווי אַזוי זשע לערנט איהר אַנדערע ווען איהר אַליין זייט פאַרשטויסען פון גאָט און פאַרטריבען?„ און דער פירשט האָט אָנגענומען דאָס קריסטענטום און האָט אויך זיין פאָלק גע־מאַכט פאַר קריסטען. די רוסישע מאָנאַכען און גלחים וואָס האָבען זיך באַלד בעוויזען און וואָס זיינען ערצויגען געוואָרען פון די גריכען, פלעגען אָפט האָבען וכוחים מיט די אידען וועגען אמונה. דער מאָנאַך טהעאָדאָסיוס פלעגט געהן צו די קיעווער אידען און זיך מיט זיי מתוכח זיין וועגען אמונה, אָנרופענדיג זיי גאָטלאָזע, כופרים (1070). אין רוסלאַנד האָט זיך אויסגעבילדעט אַזא בע־ציהונג צום יודענטום ווי אין ביזאַנטיען.

אין הונדערט יאָהר ארום נאָך „וולאַדימיר דעם הייליגען" האָבען אידען נאָך געלעבט און געפיהרט האַנדעל אין דעם קיעווער

פירשטענטום. דער גרויסער פירשט סוויאטאָפּאָלק דער צווייטער האָט געשיצט די אידישע סוחרים און האָט צו איניגע אפילו פער־טרויט די זאמלונג פון די רעגירונגס־שטייערען. אין דער שטאָדט קיעוו איז דעמאָלט געווען אַ בעדייטענדע אידישע קהילה. אָבער דיזע קהילה האָט שווער געליטען נאָכ'ן טויט פון סוויאטאָפּאָלק, ווען דאָס לאַנד איז אַ שטיק צייט געבליבען אָהן אַ בעשטימטען הערשער (1113). די איינוואוינער פון קיעוו האָבען גערופען וולאַ־דימיר מאָנאָמאַך צו ווערען פירשט, נאָר אַזוי ווי ער איז ניט גיך געקומען זיינען דערווייל אין קיעוו אויסגעבראָכען אונרוהען. דער המון האָט געמאַכט אַן אויפשטאַנד, האָט צורויבט דעם הויף פון דעם הויפּטמאַן פּוטיאַטאָ, און דערנאָך זיך אַ לאָז געטהאָן אויף די אידען און צורויבט זייער האָב און גוטס. די איינוואוינער פון קיעוו האָבען געשיקט נייע שלוחים צו וולאַדימיר'ן מיט דער ווארנונג, אַז אויב ער וועט נאָך לענגער צעגערען וועט דער פּאָגראָם נאָך שטאַרקער ווערען. דאַן איז וולאַדימיר געקומען און איינגעשטעלט אָרדנונג אין דער הויפּטשטאָדט. די אידען זיינען ווייטער געבליבען וואוינען אין קיעוו. אין יאָהר 1124 האָבען זיי שווער געליטען פון אַ שרפה, וואָס האָט פערניכטעט אַ גרויסען טייל פון שטאָדט. קיעוו האָט צוגעצויגען אידישע סוחרים, ווייל דאָס איז געווען די גרעכטע שטאָדט דורך וועלכער עס איז געגאַנגען דער האַנדעל פון מערב־איירָאָפּא מיט אזיען.

אין דעם קיעווער רוסלאַנד זיינען געגאַנגען אידישע וואַנדערער פון ביזאַנטיען און די נאָהענטע אזיאַטישע לענדער, און אין דעם שכנ'ישען פּוילען זיינען געגאַנגען עמיגראַנטען פון מערב־איירָאָפּא. מען רעכענט אַז נאָך פון די צייטען פון קאַרל דעם גרויסען זיינען אידישע סוחרים פון דייטשלאַנד געקומען קיין פּוילען צוליעב געשעפט, און אַ סך זיינען דאָרט געבליבען וואוינען אויף אימער. עס איז פאַרהאַן אַן אַלטע לעגענדע וועגען אַ אידען, וואָס איז געווען איין טאָג מלך אין פּוילען. די לעגענדע דערצעהלט, אַז נאָכ'ן טויט פון זייער קעניג פּאָפּעל האָבען זיך די פּאָליאַקען צונויפגעקליבען אויף אַ פערזאַמלונג אין קרושעוויצע אויסצוקלייבען אַ נייעם הער־שער (ארום 842). לאַנג האָט מען פערהאַנדעלט וועמען מען זאָל אויסקלייבען, און צום סוף איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז יענער,

וואָס וועט דער ערשטער אריינקומען אין שטאָדט אריין דעם קו־מענדען פריהמאָרגען זאָל ווערען קעניג. האָט גראָד פּאַסירט, אז דער ערשטער איז אריינגעקומען אין שטאָדט אריין דער איד אברהם פּאָרחאָווניק, און מען האָט איהם אויסגערופען אַלס קעניג. אָבער דער איד האָט זיך אָבגעזאָגט פון דעם כבוד און האָט גע־געבען אַן עצה מען זאָל אויסקלייבען דעם קלוגען פּאָלאַק פּיאַסט. אזוי האָט מען געטהאָן און פּיאַסט איז געוואָרען דער ערשטער פון דער דינאַסטיע פון די פּיאַסטען. נאָך אַ לעגענדע דערצעהלט, אז צום סוף פון 9טען יאָהרהונדערט זיינען געקומען אידישע שלוחים פון דייטשלאַנד צום פּוילישען קעניג לעשעק מיט דער בקשה ער זאָל אריינלאָזען די אידען קיין פּוילען. לעשעק האָט זיי אויסגעפרעגט וואָס איז די אידישע אמונה און האָט מסכים געווען. דעמאָלט האָבען אַ סך אידען אויסגעוואַנדערט פון דייטשלאַנד און זיך בעזעצט אין פּוילען (894). די וואַנדערונג פון די אידען נאָך פּוילען האָט זיך פערשטאַרקט צום סוף פון 10טען יאָהרהונדערט ווען דאָס פּוילישע פאָלק האָט אָנגענומען דאָס קריסטענטום און האָט זיך דאדורך פערבונדען מיט דער קאַטוילישער קירכע פון מערב־אייראָפּא און מיט די פעלקער פון מערב־אייראָפּא, צווישען וועלכע די אידען האָבען געלעבט אין גרויסע צאָלען.

---

צווייטער קאַפּיטעל.

## די אויפלעבונג פון יודענטום אין אַראַבישען שפּאַניען.

.(950—1215)

§6. דער קאַליפאַט פון קאָרדאָוואַ; רבי חסדאי. די מלוכה וואָס די אראבער האָבען געגרינדעט אין שפּאַניען (711) איז זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעוואַקסען אין דעם 10טען יאָהרהונדערט. זי האָט ארומגענומען דעם גאַנצען צענטער און דעם דרום פון פּי־רענעאישען האַלב־אינזעל מיט די גרויסע שטעדט: קאָרדאָווא,

טעווילא, טאָלעדאָ און גראַנאדאַ. קליינע קריסטליכע מלוכות זיינען געבליבען בלויז אין צפון, אין קאסטיליען און אראַגאָניען. די אידען האָבען געלעבט צווישען די פריינדליכע אראַבער, אונטער׳ן שוץ פון די מלכים אָדער „קאליפען”, וועמעס הויפּטשטאָדט עס איז געווען קאָרדאָווא. די העכסטע שטופע פון בליהונג האָט דער קאָרדאָוווער קאליפאט דערגרייכט אין דער צייט פון די קאליפען אבדו־ראחמאַן דער דריטער און אלחאקים דער צווייטער (976—912). אבדו ראחמאן האָט פארנומען אַן אָנגעזעהענעם אָרט צווישען די קריסטליכע און מאחמעדאנישע מלכים פון זיין צייט. ער איז בעריהמט געוואָרען אלס ליעבהאָבער פון וויסענשאפט, פּאָעזיע און קונסט. האנדעל און ארבייט האָבען דעמאָלט געבליהט אין די גרויסע שטעדט אין אראבישען שפאניען. אין קאָרדאָווא האָט זיך געפונען אַ בעפעלקערונג פון אַ האלבען מיליאָן נפשות, מאחמעדאנער, אידען און קריסטען, מעהר ווי הונדערט טויזענד הייזער, אַ מאסע געבעט הייזער (מעטשעטען) און פּאלאצען. אין דיזער פריעדליכער, געבילדעטער געזעלשאפט האָט מען געשעצט ניט די גבורות פון מלחמה נאָר די גרויסקייט פון פערשטאַנד. גרויסע געלערטע און פּאָעטען זיינען אין די הויכע קרייזען מעהר געעהרט געוואָרען ווי גרויסע קריעגספיהרער. דער קאליף אלחאקים אליין איז געווען אַ פּאָעט און אַ ליעבהאָבער פון וויסענשאפט; ער האָט אויסגעגעבען אַ סך געלט זיך איינצושאפען טייערע און זעלטענע קונסטווערק; אין זיין ביבליאָטעק האָבען זיך געפונען ארום פיער הונדערט טויזענד כתב־יד׳ן. די אקאדעמיע פון קאָרדאָווא איז דעמאָלט געווען די בעריהמטעסטע אין אייראָפּא. געלערנטע און שריפטשטעלער פלעגען אָפט בעשטימט ווערען צו הויכע שטעלען אין דער רעגירונג.

איינער פון די אנגעזעהענסטע פערזאָנען אין דער רעגירונג אין יענער צייט איז געווען דער איד רב חסדאי אבן־שפרוט (970—915). חסדאי איז געווען דער זוהן פון אַ חשוב׳ען אידען אין קאָרדאָווא און האָט אין דער יוגענד געקראָגען אַ גוטע ערציהונג. ער האָט געלערנט שפראכען און מעדיצין און האָט פּאָלקאָם בעהערשט העברעאיש, אראביש און לאטיין. דערצו האָט ער נאָך געהאט אַ פראקטישען פערשטאַנד און האָט געקענט רעגירען.

אַבדו־ראַחמאַן האָט איינגעזעהן דיזע זעלטענע פעהיגקייטען פון חסדאי און האָט איהם געמאַכט פאַר זיין אויסלענדישען מיניסטער. אַלע אנגעלעגענהייטען צווישען דעם קאַליף און אַנדערע מלכים און רעגירונגען זיינען געגאַנגען דורך חסדאי. פאַרנעהמענדיג אַ גרויסע שטעלע אין קעניגליכען הויף האָט חסדאי אין דער זעלבער צייט שטאַרק געאַרבייט פאַר דער טובה פון זיינע פאָלקס־ברידער. ער איז געוואָרען דער עלטסטער פון אַלע אידישע קהילות אין שפּאַניען, עטוואָס עהנליך אויפ׳ן נשיא אָדער עקזילאַרך אין בבל. אונטער זיין שוץ האָבען די שפּאַנישע אידען גענאָסען רוה און גליק.

ווען אין קאָרדאָווא פלעגען קומען שלוחים פון ביזאַנטיען אָדער אַנדערע לענדער אין אייראָפּא און אזיען פלעגט זיי חסדאי אויספרעגען וועגען דער לאַגע פון די אידען אין זייערע לענדער. איינמאָל האָבען די אידען פון פערסיען איהם מודיע געווען, אַז ערגעץ אין די ווייטע לענדער איז פאַרהאַן אַ זעלבסטשטענדיגע אידישע מלוכה — די כוזרים, מיט אַ אידישען מלך מיט׳ן נאָמען יוסף. חסדאי האָט פון אָנפאַנג ניט געגלויבט די פרייליכע בשורה און ער האָט געוואָלט דערגעהן דעם אמת. לאַנג האָט ער געזוכט אַ וועג אין דעם אונבעקאַנטען כאַזאַריען און האָט אוועקגעשיקט אהין, איבער ביזאַנטיען און רוסלאַנד, אַ שליח מיט אַ בריעף צום כוזרי־שען קעניג און איהם געבעטען ער זאָל איהם שרייבען דעם גאַנצען אמת וועגען דער געהיימניספולער אידישער מלוכה. „ווען איך וואָלט געוואוסט — האָט חסדאי געשריבען — אַז אונזער פאָלק האָט אָן אייגענע מלוכה אויף דער וועלט, וואָלט איך פערלאָזט מיין הויכע שטעלע, וואָלט איבערגעלאָזט מיין הויזגעזינד און וואָלט געגאַנגען איבער בערג און טאָלען, איבער ים און יבשה, ביז איך וואָלט געקומען אין דעם אָרט וואו עס געפינט זיך מיין האר, דער אידישער מלך. איך וואָלט געזעהן ווי עס לעבט רוהיג דער רעשט פון אידישען פאָלק און וואָלט אויסגעגאָסען מיין נשמה אין לויב־געזאַנגען צו גאָט, וועלכער האָט ניט אָבגעטהאָן זיין גנאָד פון זיין אומגליקליכען פאָלק. וואָרום שוין לאַנג וואַרט אונזער פאָלק אויף זיין גאולה, וואָגלענדיג זיך פון לאַנד צו לאַנד. אונזער כבוד איז גערויבט, מיר זיינען ערנידריגטע אין גלות און מיר קענען גאָרניט ענטפערען די יעניגע וואָס וואַרפען אונז פיר, אַז יעדער פאָלק האָט

א מלוכה". אין יענער צייט ארום האָט חסדאי געקראָגען אַן ענטפער פון דעם כוזרישען קעניג אָדער קאהאַן יוסף (ארום 960). פון דעם קעניג'ס בריעף האָט ער זיך דערוואוסט אז די כוזרים שטאַמען ניט פון אידען און אז בלויז די קעניגע און א גרויסער טייל פון פאָלק היטען אָב דאָס יודענטום. יוסף דער קעניג האָט געענדיגט זיין בריעף מיט פאָלגענדע ווערטער: „אונזער בליק איז געווענדט צו גאָט, צו די חכמים פון ישראל אין די ישיבות פון ירושלים און בבל... גאָט זאָל פארשנעלערען די גאולה פון זיין פאָלק און זאָל צוזאַמענברענגען די צוזייהטע פון ישראל נאָך אין אונזערע טעג". אין צעהן יאָהר נאָכדעם ווי עס איז דערהאַלטען געוואָרען די תשובה פון דעם קעניג יוסף איז געקומען די טרויעריגע נאכריכט אז די כוזרישע מלוכה איז געפאַלען (§5). עס איז ניט באשערט געווען חסדאי'ן צו בעזעצען זיך אין דעם אידישען קעניגרייך, נאָר פארקערט, די קינדער פון די כוזרישע מלכים האָבען געדאַרפט זוכען רעטונג אין שפאַניען.

רב חסדאי איז אַליין געווען א געלערטער און האָט שטארק געשטיצט אידישע געלערטע. אין זיין צייט איז אין קאָרדאָווא גע־גרינדעט געוואָרען א גרויסע ישיבה. וועגען דעם ווערט דערצעהלט פאָלגענדע לעגענדע. איינער פון די פיער גרויסע חכמים וואָס די אידען אין בבל האָבען דעמאָלט געשיקט צו קלייבען געלט פאַר דער ישיבה אין סורא און וואָס זיינען געפאַנגען געוואָרען פון אראבישע מאַטראָזען (זעה טייל 2, §72), איז אויסגעלייזט געוואָרען פון געפאַנגענשאַפט דורך די אידען פון קאָרדאָווא (955). דער נאָמען פון דיזען געלערטען איז געווען משה בן־חנוך. לכתחילה האָט ער ניט ארויסגעוויזען זיין געלערנטקייט, און בלויז צופעליג האָט מען זיך דערפון דערוואוסט. איינמאָל איז ער געקומען אין שוהל אין קאָרדאָווא אָנגעטהאָן אין קליידער פון אַן אָרימען וואנ־דערער. דער רב און דיין פון שטאָדט, רבי נתן, האָט געהאַלטען אין זאָגען א שעור פאַר'ן עולם און האָט ערקלערט א שווערע סוגיא. רבי משה בן־חנוך איז געזעסען אין א ווינקעל ביי דער טיר און האָט געהערט ווי דער רב האָט אין איין אָרט זיך צומישט אין זיין ערקלערונג. ער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען און האָט געמאכט דעם רב איניגע בעמערקונגען. דער עולם האָט מיט

פערוואונדערונג צוגעהערט די טיעפזיניגע ערקלערונגען פון דעם אָרימען וואַנדערער, און זיי האָבען איהם געפרעגט נאָך אַנדערע שווערע קשיות, וועלכע ער האָט גלייך אויפ׳ן אָרט פארענטפערט מיט גרויס פערשטאנד. דאן איז רבי נתן ארויס פון שוהל און האָט געזאָגט: איך קען ניט מעהר זיין אייער רב: דיזער נאָמען פאַסט בעסער יענעם אָרימען וואַנדערער. ער איז מיין רבי און איך בין פון איצט זיין תלמיד. קלייבט איהם אויס פיר רב און דיין אין קאָרדאָוואַ״. און אזוי איז געשעהן. ווען רבי משה איז געוואָרען רב פון קאָרדאָוואַ האָט ער גענומען ארבייטען צו פאַר־שפרייטען דעם תלמוד צווישען די שפּאַנישע אידען. ער האָט עס נעעפענט אין קאָרדאָוואַ די ישיבה, פיר וועלכער מען האָט אראָב־געבראַכט פון בבל טייערע קאָפּיעס פון תלמוד. די דאָזיגע ישיבה איז באַלד אזוי בעריהמט געוואָרען אז עס האָבען זיך גענומען ציהען אהין א סך יונגע לערנער פון שפּאַניען און פון דער שכנ׳ישער אפריקא. אַלע האָבען אנערקענט די גרויסקייט פון רבי משה און די הלכות וואָס ער האָט גע׳פּסק׳עט האָבען די אידען אָבגעהיט אזוי ווי אַמאָל די הלכות פון די בבל׳שע גאונים. משה האָט גע־טראָגען דעם טיטעל ניט גאון נאָר „רבי״ (לעהרער) און דיזער טיטעל איז אָנגענומען געוואָרען ביי די אידען אין אייראָפּאַ.

רב חסדאי האָט אויך געשטיצט די העברעאישע שפּראַכקענער. דעמאָלט האָבען געלעבט אין קאָרדאָוואַ די מדקדקים מנחם בן־סרוק און דונש בן־לברט.ביידע האָבען געפאָרשט די געזעצען פון דער העברעאישער גראַמאַטיק, נאָר זיי האָבען זיך צושיידט אין זייערע מיינונגען. מנחם האָט פערפאַסט דעם ערשטען העב־רעאישען ווערטערבוך מיט׳ן נאָמען „המחברת״, און דונש האָט געשריבען א קריטיק אויף דיזען ספר, וואו ער האָט אָבגעלאַכט פון די מיינונגען פון זיין געגנער און זיינע ערקלערונגען פון די ווערטער פון תנ״ך. עס האָט זיך אָנגעהויבען א גרויסע מחלקה צווישען די אנהענגער פון די צוויי געלערטע; חסדאי איז אריבער אויף דער זייט פון דונש און האָט צוגענומען ביים אָרימען מנחמ׳ן זיין שטיצע. פון מנחמ׳ס תלמידים האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכענט דער מדקדק יהודה איבן־חיוג, וועלכער האָט דער ערשטער אוועקגעשטעלט דעם כלל אז די שרשים

פון די העברעאישע ווערטער בעשטעהען געוויינליך פון דריי אותיות.

§7. רבי שמואל הנגיד און זיין צייט (גראַנאַדאַ). נאָכ'ן טויט פון די קאַליפען אבדו ראַכמאַן און אַלחאַקים האָט דער קאַליפאַט פון קאָרדאָווא אָנגעהויבען צו פאַלען אין גרויסקייט. די שכנ'ישע קריסטען פון איין זייט און די אפריקאַנישע אַראַבער (די מורען) פון דער אַנדערער זייט, פלעגען מאַכען אָנפאַלען אויף די לענדערייען פון קאָרדאָווא און פאַרוויסטען דאָס לאַנד. אין יאָהר 1013 איז קאָרדאָווא פאַרוויסט געוואָרען דורך מחנות פון די אפריקאַנישע אַראַבער און אין גיכען נאָכדעם איז דער קאַליפאַט פון קאָרדאָווא צופאַלען געוואָרען. דאָס אַראַבישע שפאַניען האָט זיך צוטיילט אויף עטליכע קליינע קעניגרייכען, וועלכע האָבען זיך גערופען לויט די נעמען פון זייערע הויפטשטעדט: גראַנאַדאַ, סעווילאַ, סאַראַגאָסאַ. א סך אידען וואָס זיינען אַנטלאָפען פון קאָרדאָווא אין דער אונרוהיגער צייט האָבען זיך בעזעצט אין גראַנאַדאַ. דאָ האָט זיך בעוויזען א אידישער האַר, וועלכער איז געוואָרען פאַר זיינע ברידער דאָס וואָס רבי חסדאי אבן־שפרוט איז געוועזן אין קאָרדאָווא. דאָס איז געוועזן רבי שמואל הלוי, וועלכער האָט געקראָגען דעם טיטעל „הנגיד" (האַר, בעאַמטער).

רבי שמואל איז געבאָרען געוואָרען אין קאָרדאָווא און האָט געקראָגען א הויכע בילדונג, א רעליגיעזע און וועלטליכע. ער האָט גרינטליך געקענט העברעאיש און אַראַביש, האָט געשריבען איןביידע שפראַכען מיט א גלענצענדען סטיל און האָט געהאַט א שעהנע האַנדשריפט, וואָס אין יענע צייטען האָט מען דאָס זעהר הויך געשעצט. נאָך דער צושטערונג פון קאָרדאָווא האָט זיך רבי שמואל בעזעצט אין דער שטאָדט מאַלאַגאַ, וועלכע האָט געהערט צום גראַנאַדישען קעניג; א קליין קרעמיל פון געווירצען האָט איהם געבראַכט זיין חיונה. דאָס קרעמיל איז געשטאַנען אין שכנות מיט דעם הויז, וואו עס האָט געוואוינט די פאַמיליע פון דעם גראַנאַדישען וויזיר (דער ערשטער מיניסטער) אל־עריף. איינע פון דעם וויזיר'ס דיענסטען האָט געבעטען רבי שמואל'ן ער זאָל שרייבען פאַר איהם בריעף צו איהר בעל־הבית קיין גראַנאַדאַ. דיזע בריעף, וועלכע האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט א גרויסאַרטיגען אַראַבישען

סטיל און מיט אַ שעהנער האַנדשריפט, האָט דעם וויזיר פעראינ־
טערעסירט. קומענדיג איינמאָל קיין מאַלאַגאַ האָט ער זיך בעקענט
מיט רבי שמואל'ן אַליין און ער איז געוועזן איבעררראַשט צו גע־
פינען אַז דער איינפאַכער קרעמער איז געוועזן הויך געבילדעט און
האָט פאַרמאָגט אַ טיעפען פערשטאַנד. „דיין פּלאַץ — האָט ער
געזאָגט צו שמואל'ן — איז ניט אין קרעמיל, נאָר נעבען מיין זייט;
פון היינט אָן וועסטו זיין מיין בעל־עצה”. דער וויזיר האָט מיט־
גענומען רבי שמואל'ן קיין גראַנאַדאַ און האָט איהם געמאַכט פאַר
זיין סעקרעטער. אין עטליכע יאָהר אַרום איז אַל־עריף קראַנק גע־
וואָרען. פאַר'ן טויט האָט ער אָנגעוויזען דעם גראַנאַדישען קעניג
האַבוש אויף רבי שמואל'ן און איהם געזאָגט אַז ער קען זיין זעהר
נוצליך אין דער רעגירונג. האַבוש, וועלכער האָט הויך געשעצט
געלערנטע לייט, האָט רבי שמואל'ן מקרב געוועזן און האָט
איהם אַנפערטרויט די וויכטיגסטע עסקים פון דער רעגירונג (1027).
גאַנצע 28 יאָהר האָט רבי שמואל פאַרנומען די הויכע שטעלע פון
וויזיר אין גראַנאַדישען קעניגרייך. מיט זיין קלוגער פיהרערשאַפט
האָט ער אויפגעהויבען דעם וואוילשטאַנד פון לאַנד, האָט איינגע־
פיהרט אָרדנונג אין דער מלוכה און האָט זי ניט זעלטען פאַרהיט
פון געפעהרליכע מלחמות. דער אידישער האַר האָט געהאַט ניט
ווייניג שונאים צווישען די אַנגעזעהענע אַראַבער, וועלכע האָבען
ניט געקענט צוזעהן, וואָס אַ איד פאַרנעהמט אַזאַ וויכטיגען אַמט.
אָבער מיט זיין בעשיידענקייט און גוטהערציגקייט האָט ער בע־
רוהיגט אפילו זיינע פריינד.

ערפּילענדיג עהרליך זיינע פליכטען צו דער רעגירונג האָט
רבי שמואל אין דער זעלבער צייט געטריי געדיענט זיין אייגען
פאָלק. דער קעניג האַבוש האָט איהם געמאַכט פאַר „נגיד” איבער
אַלע אידען פון גראַנאַדישען קעניגרייך. אין דיזען אַמט האָט רבי
שמואל פיעל אויפגעטהאָן צו דערהויבען דעם בירגערליכען שטאַנד
פון זיינע פאָלקסברידער. מיט זיין שוץ האָבען זיך בענוצט ניט
נאָר די אידען פון שפּאַניען נאָר אויך די אידישע קהילות אין
צפון־אפריקא, בבל און ארץ־ישראל. אַלס גרויסער בן־תורה איז
רבי שמואל געוועזן אויך דער גייסטיגער פיהרער פון די גראַנאַדישע
אידען. אין מיטען פון זיינע גרויסע פליכטען אין דער רעגירונג

האָט ער דאָך געפונען צייט אויך צו לייענען שעורים אין תלמוד פאַר תלמידים און האָט ערקלערט פראַגען פון דער אידישער רע־ליגיאָן. ער פלעגט אויסהאַלטען אויף זיין חשבון אָרימע געלערטע און האָט געהאַלטען ביי זיך שרייבער, וועלכע פלעגען מאַכען קאָ־פּיעס פון דעם תלמוד, וואָס פלעגען פערטיילט ווערען אומזיסט צו לערנער. רבי שמואל האָט פערפאַסט אַ ספר מיט'ן נאָמען „מבוא התלמוד" (אַן אריינפיהר צום תלמוד), וואו עס ווערט ער־קלערט ווי אזוי די תורה שבעל־פּה איז געשאַפען געוואָרען און ווי אזוי די חכמים האָבען געטייטשט דעם תנ"ך. דיזער „מבוא" ווערט נאָך ער היום געדרוקט צוזאַמען מיט'ן תלמוד בבלי. אויסער־דעם האָט רבי שמואל אָנגעשריבען אַ ספר רעליגיעזע געזאַנגען נאָכ'ן מוסטער פון תהלים („בן־תהלים"), אַ ספר מיט משלים נאָכ'ן מוסטער פון משלי שלמה („בן־משלי") און אַ זאַמלונג פון פילאָ־זאָפישע געדאַנקען לויט'ן מוסטער פון „קהלת" („בן קהלת").

רבי שמואל הנגיד איז געשטאָרבען אין יאָהר 1055. זיין זוהן יוסף האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ אַלס וויזיר פון גראַנאַדאַ און אַלס אידישער נגיד. יוסף האָט געדיענט ביים קעניג באַדיס, דעם זוהן פון חאַבוש, און האָט פיעל גוטס געבראַכט דעם לאַנד. נאָר געגען איהם זיינען אויפגעשטאַנען די אַראַבישע אַדעליגע, וועלכע האָבען ניט פערגונען דעם אידען זיין גדולה. איינמאָל, אין דער צייט פון אַ מלחמה, האָבען יוסף'ס שונאים אַרויסגעלאָזט פאַלשע קלאַנגען, אַז ער האָט כלומרשט גערופען דעם שונא אין לאַנד און האָט געוואָלט פערראַטען צו איהם דאָס גראַנאַדישע קעניגרייך. דער פּראָסטער המון איז אויפגעהעצט געוואָרען דורך דיזע ליגענס און איינמאָל זיינען זיי בעפאַלען דעם הויף פון דעם וויזיר: יוסף האָט זיך בעהאַלטען אין אַ הינטערשטען צימער אין הויף און האָט זיך אויסגעשמירט דאָס פּנים מיט קויהלען, כדי די רויבער זאָלען איהם ניט דערקענען; מען האָט איהם אָבער געפונען און גע'הרג'עט און זיין קערפּער האָט מען אויפגעהאַנגען ביי די טויערען פון גראַנאַדאַ (1066). דערנאָך איז דער ווילדער המון בעפאַלען דעם וויזיר'ס פאָלקס־ברידער און האָט גע'הרג'עט צושלאָגען און צורויבט עטליכע הונדערט אידישע פאַמיליען; די איבעריגע אידען זיינען אַנטלאָפען. צווישען די גערעטעטע איז

געוועז די פּרוי און דער זוהן פון דעם ערמאָרדעטען וועזיר; יוסף'ס טייערע ביכער־זאַמלונג איז צום טייל פערניכטעט געוואָרען און צום טייל צורויבט געוואָרען. דיזער געפעהרליכער פּאָגראָם האָט זיך שלעכט אָבגערופען אויפ'ן שיקזאַל פון די אידען פון דעם גאַנצען גראַנאַדישען קעניגרייך; זיי זיינען געצוואונגען געוועזען צו פערלאָזען דאָס לאַנד, וואו זיי האָבען אין פערלויף פון א האלבען יאָהרהונדערט גענאָסען רוה און גליק, און זיך אריבערציהען אין אנדערע אראבישע קעניגרייכען אין שפּאַניען.

אין יענער צייט זיינען געוואָרען אָלץ אָפטער די מלחמות צווישען די אראבער פון דרום־שפּאַניען און די קריסטען פון צפון. א שווערע מלחמה האָט זיך צופלאַקערט צווישען די קריסטען פון קאַסטיליען און די אראבער פון סעווילאַ. די סעווילישע אראבער האָבען זיך גערופען צו הילף די פון אפריקא די קריעגערישע מורען פון דעם שבט אַלמאָראַווידען. ביי סאַלאַק איז פאָרגעקומען א בלוטיגע שלאַכט צווישען די קריסטען און די מורען און דאָס קריסטליכע חיל איז געשלאָגען געוואָרען (1086). די אידען האָבען העלדיש געקעמפּפט אי אין די רייהען פון די מאַחמעדאַנער אי אין די רייהען פון די קריסטען (אין קאַסטיליען האָבען געלעבט א סך אידען). צוליעב דיזער אורזאַכע האָט מען דעם טאָג פון דער שלאַכט ביי סאַלאַק ניט געקענט בעשטימען ניט אויף פרייטאָג, ניט אויף שבת און ניט אויף זונטאָג, ווארום דער ערשטער איז דער רוה־טאָג פון די מוסולמענער, דער צווייטער—פון די אידען, און דער דריטער—פון די קריסטען. די זיעגרייכע אַלמאָראַווידען האָבען אויף א האלבען יאָהרהונדערט בעפעסטיגט זייער הערשאפט אין דרום־שפּאַניען.

§8. **שלמה אבן־גבירול; די אויפבליהונג פון דער ליי־טעראַטור.** אין 11טען און 12טען יאָהרהונדערט האָט זיך אין שפּאַניען בעוויזען אזא גרויסע צאָל אידישע געלערטע און פּאָעטען אז דיזע צייט ווערט אָנגערופען די „גאָלדענע עפּאָכע" פון דער העב־רעאישער ליטעראַטור. אין דער צייט פון רבי שמואל נגיד האָט געלעבט א בעריהמטער העברעאישער פּאָעט ר' שלמה אבן־גבירול (1020—1058). שלמה איז געבאָרען געוואָרען אין מאַלאַגא, אָבער ווען ער איז נאָך געוועזן גאָר יונג איז ער געבליבען א יתום און

ער האָט זיך געמוזט אוועקלאָזען וואנדערען און לעבען אין גרויס נויט. נאָך לאנגען וואָגלען זיך איבער פערשיידענע שטעדט האָט ער זיך בעזעצט אין גראנאדא, וואו רבי שמואל הנגיד האָט איהם גענומען אונטער זיין שוץ. ר׳ גבירול האָט געשריבען אין העברעאיש גלענצענדע שירים, פול מיט טיעפען געפיהל, וועלכע האָבען ארויסגערופען גרויס בעגייסטערונג ביי זיינע צייט־מענשען און אויך ביי שפּעטערע דורות. איבערהויפּט דרינגען אין דער נשמה זיינע רעליגיעזע שירים, וועלכע ווערען עד היום געזאָגט אלס תפלות אין די שוהלען. אין זיי ווערט בעזונגען די גרויסע ליידען פון דעם צוזייהטען אידישען פאָלק און די טיעפע בענקשאפט פון דער גלויבענדער נשמה, וועלכע לעכצט צו גאָט. אלס ביישפּיעל פון זיינע נאציאָנאלע שירים קענען דיענען פאָלגענדע פערזען:

„די אָרימע געפאנגענע איז אין פרעמדען לאנד א שקלאפין געוואָרען, אן עגיפּטישע שקלאפין. פון יענעם טאָג וואָס דו, גאָט, האָסט זי פערלאָזען, וואָרט זי אויף דיר. צו אלץ נעהמט א סוף, נאָר ניט צו מיין בראָך, די יאָהרען פארשווינדען— און ניטאָ קיין היילונג צו מיין וואונד. פערצוקטע, דערשטיקטע, פאריאָכטע, בערויבטע, ארומגעפליקטע און צוטראָטענע—ביז וואנען, גאָט, וועלען מיר שרייען אויפ׳ן רויב, אויף דער לאנג־יעהריגער פארקנעכטונג? ישמעאל (די אראבער) איז ווי א לייב און עשו (די קריסטען) ווי א פויגעל: דער לאָזט אונז אָב נעהמט זיך יענער צו אונז!״

זיין רעליגיעזער געפיהל האָט געפונען דעם העכסטען אויסדרוק אין א לאנגען שיר מיט׳ן נאָמען „כתר־מלכות״ (די קעניגליכע קרוין). דיזע גראנדיעזע הימנע, וועלכע איז אריינגענומען גע־וואָרען אין די יום־כפור׳דיגע תפלות, ענטהאלט טיעפע פילאָזאָפישע געדאנקען וועגען די העכערע בעגריפען פון רעליגיאָן, וועגען די אייגענשאפטען פון גאָט און זיינע וואונדערליכע בעשאפונגען, וועגען זיין קלוגער פיהרונג פון דער וועלט און וועגען די פערבאָרגענסטע קרעפטען פון דער מענשליכער נשמה. וועגען די דאָזיגע פראגען פון פילאָזאָפיע און אמונה האָט רבי גבירול אָנגעשריבען א בעזונדער בוך אין פראָזע: „מקור חיים״ (דער קוואל פון לעבען). אין זיינע פילאָזאָפישע שריפטען דערנעהנטערט זיך גבירול צו די אנזיכטען

פון דעם גריכישען פילאָזאָף פלאטאָ און דעם אידישען—פילאָן האלכסנדרוני. דער „מקור חיים”, וועלכער איז פון אראביש אי־בערזעצט געוואָרען אין לאטיין, איז געוועזן שטארק פארשפרייט אין מיטעלאַלטער צווישען די קריסטליכע רעליגיעזע דענקער, צווי־שען וועלכע ער איז געוועזן בעקאנט מיט'ן נאָמען „אבי־צברון”. ר' גבירול איז געשטאָרבען בלויז 38 יאָהר אלט. וועגען זייט טויט האָט זיך אין פאָלק פערשפרייט פאָלגענדע לעגענדארישע געשיכטע: אן אראבישער דיכטער, וועלכער האָט שטארק מקנא געוועזן רבי גבירול'ן זיין קלוגשאַפט און פּאָעטישען טאלאנט האָט איהם בשתיקה גע'הרג'עט און בעגראָבען אין זיין סאָד אונטער א פייגענבוים. פון דעמאָלט אָן האָט דער בוים אָנגעהויבען ארויסצוגעבען וואונ־דערליך שעהנע און געשמאקע פרוכט. די נאכריכט וועגען די וואונדערליכע פייגען איז דערגאנגען צום קעניג. האָט דער קעניג געלאָזט רופען צו זיך דעם אראבער און האָט איהם געפרעגט אויף וואָס פאר אן אופן האָט ער עס בעוויזען ארויסצוקריגען אזעלכע גרויסארטיגע פרוכט. דער אראבער האָט זיך דערשראָקען און האָט זיך צומישט אין זיין ענטפער. דאַן האָט דער קעניג געהייסען איהם פייניגען ביז ער וועט אויסזאָגען דעם אמת. דער אראבער האָט זיך מודה געוועזן אין זיין פארברעכען און דער קעניג האָט בעפעהלען איהם אויפצוהענגען טאקע אויפ'ן זעלבען בוים.

די דיכטונגען פון רבי גבירול האָבען נאָכגעמאכט א סך דיכטער פון די שפעטערע דורות. איינער פון די בעסטע נאָכ־פאָלגער פון רבי גבירול איז געוועזן דער משורר משה אבן־עזרא (1070—1138), פון א בעריהמטער פאמיליע אבן־עזרא פון גראנאדא. דאָס פּאָעטישע געפיהל האָט אין איהם אויפגעוואכט אונטער דער ווירקונג פון אן אומגליקליכער ליעבע. אין דער יוגענד האָט ער שטארק ליעב געקראָגען זיין ברודער'ס טאָכטער און האָט געוואָלט חתונה האָבען מיט איהר, אָבער איהר פאָטער איז געוועזן געגען דעם שדוך. דאַן האָט ער א פערצווייפעלטער פערלאָזען זיין געבורטס־שטאָדט און איז אוועק קיין קאסטיליען. ענטזאגענדיג זיך פון אייגענעם גליק האָט ער געזוכט זיך צו פארגעסען אין פּאָעזיע און פילאָזאָפיע. ער האָט פערפאסט שירים וועגען די ליידען און ענטוישונגען פון לעבען, וועגען

דער פאַלשקייט פון פריינד, וועגען מענשליכער שלעכטקייט און פערדאָרבענקייט; אָפטמאָל אָבער פלעגט דער פּאָעט אזוי ווי צו זיך קומען און דאַן פלעגט ער נעהמען זינגען וועגען דעם שטילען לעבען אויפ׳ן שויס פון דער נאַטור, וועגען שעהנקייט, וועגען די פערגעניגענס פון דער יוגענד. דאָס איז דער אינהאַלט פון זיין זאַמלונג שירים „תרשיש״. שפּעטער האָט ער אָנגעהויבען שרייבען דער עיקר רעליגיעזע שירים, אזוי ווי גבירול. ער האָט אָנגעשריבען ארום צוויי הונדערט „סליחות״, פון וועלכע אַ סך ווערען געזאָגט אין די שוהלען. אויסער די שירים, וועלכע ער האָט געשריבען אין העברעאיש האָט אבן־עזרא אויך פערפאַסט אין אַראַביש ביכער וועגען רעטאָריק, פילאָזאָפיע און מאָראַל; אָבער אין די דאָזיגע ביכער האָט ער בלויז נאָכגעמאַכט אַראַבישע מוסטערען.

פון די דענקער פון יענער צייט איז בעזונדערס בעריהמט געוואָרען רבנו בחיי אבן־פּקודה, וועלכער איז געוועזען דיין אין סאַראַגאָסאַ. ער האָט אָנגעשריבען אַ מערקווירדיגען ספר וועגען מאָראַל מיט׳ן נאָמען „חובות הלבבות״ (די פליכטען פון האַרצען). דער מחבר צוטיילט אַלע געזעצען פון יודענטום אין צוויי קאַטעגאָריעס: די פליכטען פון גוף און די פליכטען פון הארצען; דערביי שטעלט ער די לעצטע העכער פון די ערשטע. דאָס ווערק פון רבנו בחיי האָט בעצוועקט צו ענטוויקלען אין דעם אידען אַ טיעפען מאָראַלישען בעוואוסטזיין. דער ספר איז געשריבען געוואָרען אין אַראַביש און איז נאָכער איבערזעצט געוואָרען אין העברעאיש, און איז אימער שטאַרק בעליעבט געוועזען ביי דענקענדע מענשען; אין די לעצטע יאָהרהונדערטען האָט איהם דאָס פּראָסטע פאָלק אויך געלייענט מיט גרויס בעגייסטערונג, אין אַן איבערזעצונג אין דער אידישער שפּראַך.

צווישען די גדולי התורה פון דער „גאָלדענער עפּאָכע״ האָט דעם ערשטען אָרט פאַרנומען רבנו יצחק אלפסי (ביז׳ן יאָהר 1103). געבאָרען געוואָרען איז ער אין פעץ (אין אַראַביש פאַס, פון וואַנען עס שטאַמט דער נאָמען „אלפסי״), אין צפון־אפריקע און האָט זיך בעזעצט אין שפּאַניען אין דער צייט ווען די אַלמאָראַווידען האָבען זי בעזיגט. נאָך אין זיין געבאָרענלאַנד

איז ער בעריהמט געוואָרען אַלס גרויסער תלמודיסט. דעריבער האָבען זיך אין שפּאַניען פון איבעראַל געגומען קלייבען אַרום איהם תלמידים, וועלכע האָבען זיך געוואָלט פערפאָלקאָמען אין תורה און תלמוד. די שטאָדט לוצענא, וואו רבי אלפסי איז געווען רב, איז געוואָרען אַ צענטער פון תורה, אַזוי ווי פריהער איז געווען קאָרדאָווא. כדי גרינגער צו מאַכען דעם למוד פון תלמוד האָט אלפסי אָנגעשריבען זיין בעריהמטעס ווערק „הלכות", וואָס איז אַ מין קצור פון תלמוד. אין דעם תלמוד בבלי, וועלכער בעשטעהט פון אַ סך ספרים, זיינען אויסגעמישט צוזאַמען הלכה און אגדה, ד. ה. די געזעצען און לעגענדען אָדער מאָראַל־לעהרען. רבנו אלפסי האָט פון דיזען ריעזען־ווערק אויסגעקליבען די געזעצען און דינים, האָט אויסגעלאָזט די איבעריגע וכוחים און חקירות און האָט אויף אַזאַ אופן צוזאַמענגעשטעלט אַ מין קליינעם תלמוד. רבנו אלפסי׳ס ספר האָט שטאַרק פאַרגרינגערט דעם למוד פון תלמוד און האָט געהאָלפען צו פאַרשפּרייטען די אידישע געזעצלעהרע.

§9. יהודה הלוי. די אידישע פּאָעזיע אין שפּאַניען האָט דערגרייכט איהר העכסטע מדרגה אין די ליעדער פון רבי יהודה הלוי (1086—1142). געבאָרען געוואָרען איז ער אין דעם קריסט־ליכען קאַסטיליען, נאָר אין דער יוגענד האָט ער זיך אריבערגעצויגען אין דרום, אין אַראַבישען שפּאַניען, וואו ער האָט געקראָגען אַ העכערע בילדונג אין די ישיבות פון די בעסטע תלמוד׳יסטען און פילאָזאָפען. ער האָט אויך שטודירט מעדיצין, און שפּעטער ווען ער האָט זיך אומגעקערט אין קאַסטיליען, האָט ער געצויגען זיין חיונה פון היילען קראַנקע. נאָר דעם גרעסטען טייל פון זיין לעבען האָט ער געווידמעט דער פּאָעזיע, דער פילאָזאָפיע און רעליגיעזען דענקען. אַלס פּאָעט שטעהט רבי יהודה הלוי אונגעהויער העכער פון אַלע זיינע פאָרגענגער, אפילו פון רבי גבירול׳ן. נאָך אין די יונגע יאָהרען האָט ער אין פליסענדע, קלינגענדע פערזען בעזונגען די נאַטור, די ליעבע, די שעהנקייט פון לעבען; ער פלעגט אָפּט אויך פאַרברויכען זיין פּאָעטישען טאַלאַנט אויף קליינינקייטען: ער פלעגט פערפאַסען לויב־געזאַנגען צו זיינע פריינד און בעשיצער, רעטענישען, שטיפערייען א. אַ. וו. אָבער מיט דער צייט ווערט

זיין מוזע אַלץ ערנסטער און אומעטיגער. דער דיכטער ווערט דורכגעדרונגען מיט דעם טראַגישען לעבען פון אידישען פאָלק. די גרויסקייט פון דיזען פאָלק און זיין געפאַלענקייט, זיינע האָפ־נונגען און ענטוישונגען, זיין אייביגער צער און טרויער—דאָס אַלץ האָט געקראָגען אַן אָבקלאַנג אין די פערזען פון רבי יהודה הלוי. דער וועהגעשריי פון דעם שווער־ליידענדען פאָלק הערט זיך אין יענע שירים, אין וועלכע דער משורר פרעגט ביי גאָט ווען עס וועט שוין נעהמען אַ סוף צום אידישען גלות:

אויף אָדלערשע פליגעל געטראָגען האָסטו אַ טויב (די אי־דישע אומה) און טיעף אין דיין שוים האָסטו זי געגעסטעט; ווארום האָסטו זי פערלאָזען צו וואָגלען זיך איבער די וועלדער, וואו אויף אַלע זייטען זיינען נעצען פארשפרייט? פרעמדע רייצען זי מיט אנדערע געטער, און זי אין דער שטיל ווייִנט נאָך איהר יוגענד־געליעבטען... ווארום שטעהסטו פון ווייטענס, גאָט אין הימעל?

די שטארקסטע פון רבי יהודה הלוי'ס נאציאָנאַלע ליעדער זיינען יענע אין וועלכע ער גיסט אויס זיין טיעפע בענקשאַפט צום אַלטען אידישען פאָטערלאנד, צום הייליגען לאנד און צו דער חרוב'ער ציון:

אה וואונדערליכער כרך, פרייד פון דער וועלט, שטאָדט פון גרויסען קעניג! פון ווייטסטען מערב גלוסט צו דיר מיין הארץ! אַ ברענענדיגער שמערץ פילט אָן מיין זעל ווען איך דערמאָן זיך אָן דיין גרויסקייט פון אמאָל, און אָן דיין וואוינונג, וואָס שטעהט איצט פארוויסט. אָה, ווער וואָלט מיך ברענגען אויף אָדלער־פליגעל, איך וואָלט דיין ערד מיט מיינע טרעהרען אָנגעזעטיגט, און וואָלט געהאַלזט און געקושט די שטיינער דיינע, און דער טעם פון דיין שטויב וואָלט מיר זיסער ווי האָניג געווען. מיין הארץ איז אין מזרח און איך בין אין מערב, ווי קען מיין עסען זיס און געשמאַק זיין? ווי אזוי וועל איך ער־פילען מיין נדר כל זמן ציון געפינט זיך אין קייטען פון ארום (קרייץ־טרעגער) און איך אין די קייטען פון אראביען? ניט גע־צווינגען מיין אויג וואָלט גאָר דאָס רייכטום פון שפּאניען צו קענען נאָר זעהן דעם שטויב פון פארוויסטעטען טעמפעל.

דיזע בענקשאפט נאָך ציון איז ניט געווען בלויז א פּאָעטישער פערלאנג: זי האָט ארומגעכאפּט רבי יהודה'ס גאנצען וועזען, און זיין גרעסטער טרוים איז געוואָרען—צו זעהן דאָס טייערע לאנד פון די אבות. זיין חלום איז פארווירקליכט געוואָרען צום סוף פון זיין לעבען: ווען זיין ווייב איז געשטאָרבען האָט ער פערלאָזט זיין רוהיגע היים אין שפּאניען, האָט זיך געזעגענט מיט זיינע קרובים, תלמידים און פריינד, און האָט זיך אוועקגעלאָזט אויף א לאנגער ים־רייזע צום הייליגען לאנד. נאָך א לאנגער נסיעה מיט'ן שיף איבער'ן מיטלענדישען ים איז רבי יהודה הלוי אָנגעקומען קיין מצרים, וואו ער האָט זיך בעפריינדעט מיט די דאָרטיגע בע־וואוסטע און געלערנטע אידען. פון מצרים האָט ער זיך געלאָזט ווייטער קיין ארץ־ישראל, וואו עס האָבען דעמאָלט גע'בעלי־בית'ע־וועט די קרייץ־טרעגער, וועלכע האָבען אָבגענומען דאָס לאנד ביי די מאחמעדאנער (1140). וואָס עס איז געשעהן מיט'ן משורר אין דעם הייליגען לאנד—וועגען דעם שווייגט די געשיכטע; עס איז אפילו ניט בעוואוסט אויב ער האָט דערגרייכט ירושלים, דער ציעל פון זיין פייערדיגער בענקשאפט. ווארשיינליך איז ער געשטאָרבען באלד נאָך זיין אָנקומען אין פּאלעסטינא. א טונקעלע פאָלקס־לעגענדע דערצעהלט אז רבי יהודה הלוי איז אָנגעקומען צו די טויערען פון ירושלים און דערזעהענדיג די חורבות פון דער היי־ליגער שטאָדט, האָט ער זיך א וואָרף געטהאָן אויף דער ערד און האָט זיך פאנאנדערגעוויינט; און אין די טרעהרען האָט ער אויפ־געזונגען זיין בעריהמטע עלעגיע „ציון הלא תשאלי". פּלוצלינג איז אָנגעפּאָהרען אַן אראבישער רייטער, און דערזעהענדיג ווי א איד ליגט אויסגעשפּרייט אויף דער ערד און איז מתפלל, איז ער ארויפגעפאָהרען אויף איהם און האָט איהם צוטראָטען אונטער די פיס פון זיין פערד. דאָס קלאָג־ליעד, וועגען וועלכען עס רעדט זיך אין דער לעגענדע, איז איינס פון די בעסטע ציון־ליעדער, וואָס יהודה הלוי האָט אָנגעשריבען און וואָס ווערען עד היום געזאָגט אין די שוהלען אום תשעה באב. דאָס ליעד לעזט זיך אין אידישער איבערזעצונג אזוי:

בענקסט אויך נאָך דיינע קינדער, מוטער ציון,\
ווי זיי, צוזייהטע און צושפּרייטע, בענקען?

ווילסט אויך, ווי זיי דיר, אַ ליעבען גרוס בעקומען?
דאָ האָסטו איהם: אַ גרוס פון נאָהנטע און פון ווייטע!
אין הארצען דורות־לאַנג געוואַרעמט, טראָגט איהם
פון אַלע עקען וועלט, דורך ימים און מדבריות,
צו דיר אין שוים אַן עלענד קינד דיינס, איינער
פון די, וואָס זאַפּען אָן, ווי טהוי דיין חרמון,
די פרעמדע בערג מיט ברענענדיגע טרעהרען
און שטאַרבען אין דער פרעמד פערליעבטע און פערבענקטע.
מיך ציהט צו דיר!... ביי נאַכט אויף דיינע חורבות
בין איך דיין נאַכט־אוילע, דיין יאָמער ליעד,
און חלומ'ט זיך מיר נאָר דיין מאָרגענשטערען—ווער איך
דיין נאַכטיגאַל, דיין קלינגענדיגע האַרפּע...
מיך ציהט צו דיר! מיין הארץ געהט אויס נאָך יענע ערטער.
וואו ד'אבות האָבען זיך בעגעגענט מיט מלאכים,
און וואו די שכינה האָט גערוהט, וואו דיין בעשעפער
האָט דיינע טויערען די הייליגע געעפענט
אנטקעגען זיינע הימלישע שערים...
וואו ניט די זון און ניט לבנה, שטערען —
גאָט'ס עהרע זעלבסט האָט דיך בעשיינט מיט גלאַנץ...
איך גאַר, אז אויסגיסען זאָל זיך מיין זעלע דאָרטען,
וואו ס'פלעגט אמאָל גאָט'ס גייסט און גאָט'ס געגאָד זיך גיסען
אויף דיינע אויסדערוועהלטע, מוטער ציון!
וואו נעהמט מען פליגלען?!... שטיקערווייז וואָלט איך מיין הארץ
ווייט, ווייט אין דיינע וויסטע בערג פערטראָגען.
כ'וואָלט צוגעפאַלען צו דיין ערד, כ'וואָלט אויסגעקושט
איהר יעדען פוס־טרעט, יעדעס שטיינדעלע בעזונדער
און אומגעוואַנדערט וואָלט איך טאָג און נאַכט
אַ נאַקעטער, אַ באָרפעסער אויף דיינע חורבות,
כ'וואָלט מיט מיין שטעקען אויסגעמאָסטען אַלע קברים,
מיט דיין נשמה־לופט זיך אָנגעאָטעמט,
זיך איינגעוויקעלט אין דיין זיסען שטויב
און ביז צו'ם בלינד ווערען בעוויינט דיין חורבן, ציון...
צי קאָן דער שיין פאַר מיינע אויגען זיס זיין —

אַז שוואַרצע ראָבען פּיקען דיינע אָדלערס!
צי קאָן מען לעבען אויף דער וועלט און צוזעהן —
ווי גאַס־הינד שלעפּען דיינע טוידטע לייבען...
געגנוג, לאָז אָב איין ווייל, כוס פון טרויער!
מיין האַרץ איז איבערפול מיט דיר פערביטערט,
כ׳האָב איינגעזאַפּט אין זיך דיין שוים פון דיינע הוויוועַן...
געגנוג! איך וויל איין חלום זעהן און שטאַרבען...
כ׳וויל זעהן, אַ גרויסער גאָט, נאָר איין שטראַהל ליכט,
נאָר איין שטראַהל פון יענעם מאָרגענשטערען
וואָס דאַרף, וואָס מוז, אמאָל נאָך העל און ליכטיג
זיך אָנצינדען אויף ציון׳ס בלויען הימעל,
בעניי̈ען און בעפרישען זי מיט יוגענד...
געגנוג, איין זיסען חלום לאָז מיך זעהן נאָך
און אויסגעהן מיט אַ שמייכעל אויף די ליפען...
(אידיש דורך ביאַליק).

רבי יהודה הלוי איז געוועזן ניט נאָר אַ גרויסער משורר נאָר אויך אַ טיעפער דענקער. דאָס קען מען זעהן פון זיין פילאָזאָפישען ספר „הכוזרי“, וועלכען ער האָט אָנגעשריבען אין אראַביש און וועלכער איז שפּעטער איבערזעצט געוואָרען אין העברעאיש. די יסודות פון יודענטום ווערען דאָ איבערגעגעבען אין דער פאָרמע פון שמועסען צווישען כוזרישען קעניג, וועלכער וויל אָננעהמען דאָס יודענטום, און אַ געלערנטען אידען. נאָך דער מיינונג פון רבי יהודה הלוי איז אין אמונה וויכטיגער די אנטפּלעקונג איידער דער פערשטאַנד, ווארום די אנטפּלעקונג קומט פון גאָט און דער מענש־ליכער פערשטאַנד קען האָבען אַ טעות. די אנטפּלעקונג פון גאָט ביים באַרג סיני, אַלס דער פונדאַמענט פון יודענטום, איז אַ פאַקט וואָס קען ניט אָבגעלייקענט ווערען, ווארום צעהנדליגע טויזענדע אידען האָבען עס געזעהן מיט זייערע אויגען. גאָט האָט זיך אנט־פּלעקט צוערשט צו די אידען, דערפאַר ווייל זיי האָבען פריהער ווי אַנדערע פעלקער אַרויסגעוויזען די פעהיגקייט צו דערקענען גאָט. פון זיי האָט זיך די וואַרהייט געדאַרפט פאַרשפּרייטען צווישען אַלע מענשען פון דער וועלט, פונקט אַזוי ווי דאָס בלוט צוגיסט זיך פון׳ם האַרצען איבער׳ן גאַנצען גוף און גיט איהם

לעבען. אויפ׳ן אידען זיינען ארויפגעלעגט געוואָרען אזוי פיעל מצוות און געבאָטען טאָקע נאָר דערפאַר כדי זיין גאַנץ לעבען זאָל זיין געווידמעט צו רעליגיאָן און כדי צו איינגעוואוינען איהם צו טהאָן אלץ פון גאָטס-וועגען. דאָס יודענטום שטרעבט צו פערפאָלקאָמען אלע גוטע אייגענשאַפטען, וואָס ליגען אין דער מענשליכער נשמה. ער אונטערשיידט זיך פון דעם העלעניזם (די לעהרען פון די גריכען) דערמיט, וואָס ער שטעלט אמת און גוטס העכער ווי שעהנקייט. „זאָל דיך די גריכישע חכמה ניט פאַרבלענדען, ווארום זי האָט בלויז בליטהען אָבער ניט קיין פרוכט״.

§10. אברהם אבן־עזרא. אין איין צייט מיט רבי יהודה הלוי האָט געלעבט אַן אנדער גרויסער משורר און דענקער, רבי אברהם אבן־עזרא. די צוויי דיכטער זיינען געווען חברים. רבי אברהם אבן־עזרא איז געבאָרען געוואָרען אין טאָלעדאָ אין 1089. ער האָט געהאט גלענצענדע פעהיגקייטען און ער האָט אויסגעלערענט די קונסטען און וויסענשאַפטען פון זיין צייט; בלויז איין קונסט האָט ער זיך ניט געקענט אויסלערנען, די קונסט צו לעבען און ארבייטען רוהיג. עס איז איהם ניט געגאַנגען אין לעבען: אין אלע זיינע אונטערנעהמונגען האָט ער געהאט א דורכפאַל. „ווען איך וואָלט געהאַנדעלט מיט תכריכים — בעקלאָגט ער זיך אין איין אָרט — וואָלט מסתמא אין מיין גאַנץ לעבען קיין איין מענש ניט געשטאָרבען, און ווען איך וואָלט פארקויפט ליכט וואָלט די זון געווים ניט אונטערגעגאַנגען ביז׳ן טאָג פון מיין טויט״. אברהם אבן־עזרא האָט א סך געררייזט איבער פערשיידענע לענדער פון איירָאָפּא, אזיען און אפריקע, וואו רייכע אידישע גבירים פלעגען איהם שטיצען. אין רוים האָט ער אָנגעהויבען שרייבען זיין בעריהמטען פירוש אויפ׳ן תנ״ך. דאָס איז געווען דער ערשטער פירוש אין וועלכען די הייליגע שריפטען זיינען ערקלערט געוואָרען לויט זייער גראַמאַטישען און היסטאָרישען זין, און ניט ווי איינעם האָט זיך געוואָלט צו טייטשען. פאַר׳ן אבן־עזרא האָבען דעם תנ״ך ערקלערט געזעץ־געלערנטע, פילאָזאָפען און מאָראַליסטען, און יעדער איינער האָט געזוכט אריינצוטייטשען אין די אויסדריקען זייטיגע געדאַנקען, וואָס ער האָט געדאַרפט פאַר זיין צוועק, אבער דער אבן־עזרא האָט געוואָלט פעסטשטעלען דעם אמת׳ן געדאַנק

פון תנ״ך און אויסרייניגען די פאַלשע אריינטייטשונגען. ער האָט אַ סך אויפגעטהאָן אין דיזען פרט; אָבער אָפטמאָל האָט ער ניט געהאַט דעם מוט ארויסצוזאָגען זיינע געדאנקען, מורא האָבענדיג אז מען וועט איהם בעשולדיגען אין אפיקורסות; אין אַזעלכע פעלען פלעגט ער בכיוון איינוויקלען זיינע געדאנקען אין אַ טונקעלער פאָרמע, פלעגט אָנווינקען און ניט דערךרעדען, אַזוי אַז בלויז שארפזיניגע מענשען זאָלען עס קענען פארשטעהן. און דאָך איז רבי אברהם אבן־עזרא אין שפעטערע צייטען דאָך בעטראַכט געוואָרען פאַר אַן אפיקורוס און מיט זיין פירוש פלעגען זיך בענוצען בלויז פריי־דענקענדע מענשען.

אויסער דיזען וויכטיגסטען ווערק זיינעם האָט אברהם אבן־עזרא פערפאַסט אַ סך ספרים פון דקדוק, אסטראָנאָמיע, מאַטעמאַ־טיק און פילאָזאָפיע. ער האָט אויך פלייסיג געשריבען וועלטליכע און רעליגיעזע שירים. ער האָט אויסגעצייכענט בעהערשט די טעכניק פון פאָעזיע, אָבער אין פאָעטישען געפיהל שטעהען זיינע שירים נידריגער ווי די שירים פון רבי יהודה הלוי. עס איז פאַרהאַן אַ לעגענדע ווי אַזוי די צוויי דיכטער האָבען זיך בעקענט. יהודה הלוי האָט געקענט די שירים פון אבן־עזרא, אָבער דעם מחבר אַליין האָט ער נאָך ניט געזעהן. איינמאָל איז צו רבי יהודה הלוי אין הויז אריינגעקומען אַן אָרימער וואנדערער, וועלכער האָט ניט אָנגעגעבען זיין נאָמען. גראד דעמאָלט האָט רבי יהודה הלוי גע־האַלטען אין ארבייטען איבער אַ גרויסען שיר, וואָס די פערזען האָבען זיך אָנגעהויבען מיט די אותיות פון אלף־בית לויט זייער אָרדנונג. קומענדיג צום בוכשטאַב „ר״ איז דער דיכטער געבליבען שטעהן: עס איז איהם שווער געווען צוצוטרעפען דעם פאַסיגען פערז. ער האָט מיט פערדרוס געלאָזט דעם ניט־דערענדיגטען כתב־יד אויפ׳ן טיש און איז אוועק שלאָפען. אויף מאָרגען אין דער פריה ווען ער איז אויפגעשטאַנען האָט ער צו זיין גרויס איבעררראשונג דערזעהן אַז די שורה, וואָס איז איהם אַזוי שווער אָנגעקומען, איז אָנגעשריבען און אַז זי פּאַסט זיך זעהר גוט אריין. „דאָס האָט געקענט מאַכען בלויז ענטוועדער אַ מלאך אָדער אברהם אבן־עזרא״ — האָט יהודה הלוי אויסגערופען. דעמאָלט האָט דער אָרימער רייזענדער אַנטפּלעקט זיין נאָמען: דאָס איז געווען אבן־עזרא.

נאָך לאנגע וואנדערונגען האָט זיך דער אַלטער אבן־עזרא געלאָזט צוריק צו זיין פאָטערלאנד, קיין שפאניען; נאָר ער איז געשטאָרבען אויפ'ן גרעניץ פון זיין אַלטען היימלאנד, אין יאָהר 1167.

דער לעצטער משורר פון דער „גאָלדענער עפּאָכע" איז געוועזן רבי יהודה אלחריזי (ארום 1165—1225). ער איז געבאָרען געוואָרען אין שפאניען, נאָר א סך יאָהרען האָט ער געלעבט אויסער זיין פאָטערלאנד, איבערהויפּט אין די שטעדט פון נאָרד־פראנקרייך. ער האָט א סך גערייזט אין מזרח, האָט בעזוכט מצרים, ארץ־ישראל און סיריען. אלחריזי איז בעוואוסט מיט זיין ספר „תחכמוני". דיזער ספר איז צוטיילט אין פופציג קאפּיטלעך, פּאָעזיע און געגראַמטע פּראָזע געמישט צוזאמען, אין וועלכע דער מחבר דערצעהלט אנציהענד און לעבעדיג וועגען זיינע וואנדערונגען אין פערשיידענע לענדער און פלעכט איין אין זיינע ערצעהלונגען פּאָעטישע פאנטאזיעס, קלוגע שילדערונגען פון פערשיידענע טיפּען מענשען און געשפּרעכען וועגען ליטעראטור. צווישען אנדערע זאכען גיט אלחריזי געלונגענע כאראקטעריסטיקס וועגען די גרויסע משוררים וואָס זיינען געוועזן פאַר איהם — גבירול, יהודה הלוי, אבן־עזרא און אנדערע. זיינע אייגענע ווערק ווייזען דעם אָנפאנג פון דעם פאלען פון דער אידישער פּאָעזיע אין שפאניען: ער איז מעהר א גראמען־שרייבער ווי א דיכטער. ער אליין רעכענט זיך צו צו די נאָכמאכער, וועלכע קלייבען די ברעקלעך פון דעם טיש פון בעריהמטע פאָרגעננער.

די דעמאָלדיגע אידישע ליטעראטור איז געוועזן רייך אין אלעם; עס זאָבען נאָך געפעהלט ווערק איבער געשיכטע און בעשרייבונגען פון אידישען לעבען אין פערשיידענע לענדער. דעם דאָזיגען חסרון האָבען בלויז שוואך אויסגעפילט די ווערק פון די צוויי שרייבער רבי אברהם אבן־דוד (הראב"ד) און בנימין פון טודעלאָ. אבן־דוד פון טאָלעדאָ (דער מחבר פון דעם רעליגיעז־פילאָזאָפישען ספר „אמונה רמה") האָט אָנגעשריבען א קליין ווערק מיט'ן נאָמען „ספר הקבלה", וואו עס ווערען איבערגעגעבען די וויכטיגסטע פאסירונגען פון דער אידישער געשיכטע. אין דיזען ווערק האָבען א בעזונדערען ווערטה די ידיעות וואָס

דער פּערפּאַסער ברענגט פון דער געשיכטע פון די שפּאַנישע אידען (ביז 1180). בנימין פון טודעלאָ האָט אומגערייזט דריי־צעהן יאָהר (1160־1173) איבער די דריי וועלט־טיילען וואָס זיינען דעמאָלט געווען בעוואוסט. זיינע רייזע־איינדריקע האָט ער איבערעלאָזט אין א ספר „מסעות בנימין". דאָ דערצעהלט דער מחבר וועגען די לענדער וואָס ער האָט בזוכט, וועגען די דעמאָלדיגע אידישע קהלות דאָרט, וועגען די זיטען און מלאכות פון די איינוואוינער, וועגען די אָרטיגע לעגענדען, געביידען, מאָנומענטען א. א. וו. ער גיט איבער ניט נאָר וואָס ער האָט אליין געזעהן נאָר אויך וואָס ער האָט געהערט פון אנדערע. אזוי ווי אלע רייזענדע פון מיטעלאלטער, מאכט ער אָפּטמאָל ניט קיין אונטערשייד צווישען אויסגעטראכטע מעשיות און ראַיעלע פאַקטען. נאָר דאָך זיינען א סך ידיעות זיינע זעהר טייער סיי פאַר דער געשיכטע פון די אידען אין יענער צייט, סיי פאַר דער אלגעמיינער געאָגראַפיע.

§11. די אַלמוהאַדען; שפּאַניען און דער מזרח. אין מיטען פון 12־טען יאָהרהונדערט איז אויף די אידען פון אראבישען שפּאַניען געקומען א גרויס אומגליק. אין צפון־אפריקא האָט זיך בעוויזען א מאחמעדאַנישע סעקטע מיט'ן נאָמען „אלמוהאדען", וועלכע איז געווען פיינדליך צו אנדערע גלויבענס. דער גרינדער פון דער דאָזיגער סעקטע, וועלכער האָט זיך א נאָמען געגעבען „מוהאדי", ד. ה., נביא, האָט געפּרעדיגט אז מען דאַרף פאַרשפּריי־טען די מאחמעדאַנישע אמונה אין דער גאַנצער וועלט מיט דער הילף פון שווערד. די אַלמוהאדען האָבען זיך צוערשט בעפעסטיגט אין מאַראָקאָ, וואו עס האָבען געלעבט א סך אידען, און זיי האָבען געסטראַשעט די אידען מיט'ן טויט, אויב זיי וועלען ניט אָננעהמען דעם מאחמעדאַניזם. די אידען זיינען געווען אין גרויס פערצווייפ־לונג. א סך זיינען אַנטלאָפען קיין מצרים און שפּאַניען; די פּער־בליבענע האָבען אָנגענומען דעם איסלאַם לפנים. דיזעלבע צרות האָבען געהאַט אויסצושטעהן די אידען און קריסטען אין אַנדערע אַפריקאַנישע שטעדט, וואָס די אַלמוהאַדען האָבען איינגענומען. איבעראַל פלעגט מען חרוב מאַכען שוהלען און קירכען און די אומ־גליקליכע פערמד־גלויביגע פלעגט מען מיט גוואַלד שלעפען אין

די מעטשעטען (מאַחמעדאַנישע געבעט־הויז). די אידען, וועלכע האָבען זיך געמוזט מאַכען פאַר מאַחמעדאַנער, האָבען בעהאַלטענער־הייט אָבגעהיט דאָס יודענטום.

אין גיכען האָבען זיך די מחנות פון די אַלמוהאַדען אַריינגעריסען אין שפּאַניען. זיי האָבען איינגענומען קאָרדאָווא און האָבען צעוואָרפען איהר פּרעכטיגע שוהל (1148). דערנאָך האָבען זיי בעזיעגט גראַנאַדאַ און סעווילאַ און האָבען בעפעסטיגט זייער הערשאַפט אין דרום־שפּאַניען, אַרויסשטויסענדיג פון דאָרטען די אַל־מאָראַווידען. דאָ האָבען זיך די אַפריקאַנישע פאַנאַטיקער בענומען צו די אידען אַזוי ווי אין זייער אייגען לאַנד. די בליהענדע אידישע קהלות פון אַנדאַלוזיען זיינען חרוב געוואָרען, די ישיבות פון סעווילאַ און אַנדערע שטעדט זיינען פאַרמאַכט געוואָרען. אַ סך אידען האָבען געמוזט לפנים אָננעהמען דעם מאַחמעדאַניזם; די איבעריגע זיינען אַנטלאָפען אין דעם קריסטליכען שפּאַניען און אין מצרים.

אין יענער צייט האָט זיך צווישען די אידען פון מערב־אַזיען אויפגעהויבען אַ בעפרייאונגס־בעוועגונג. דער צענטער פון דער בעוועגונג איז געווען אין באַגדאַד, וואו עס האָט געוואוינט דער עקזילאַרך — דער הויפּט פון די אידישע קהילות אין סיריען, מעסאָפּאָטאַמיען און פּערסיען. אין די בערגיגע געגענדען פון פּערסיען האָבען געלעבט פרייע אידען, וועלכע האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט אַ קעמפּפערישען גייסט. און צווישען די דאָזיגע פרייע בערג־אידען האָט זיך בעוויעזען אַ מאַן, וועלכען דאָס פאָלק האָט אָנגענומען פאַר משיח'ן (1160). דאָס איז געווען דוד אַל־ראָי, פון דער פּערסישער שטאָדט אַמאַדיאַ, וועלכער האָט געקראָגען אין די ישיבות אין באַגדאַד אַ אידישע און אַראַבישע ערציהונג. זעהענדיג ווי דער באַגדאַדישער קאַליפאַט האַלט לאַנגזאַם אין צופאַלען ווערען, האָט דוד בעשלאָסען צו ווערען אַ זעלבסטשטענדיגער פירשט פון זיין פאָלק. ער האָט זיך געווענדעט מיט אַן אויפרוף צו אַלע אידען פון אַזיען און אָנגעזאָגט, אַז ער איז געשיקט געוואָרען פון גאָט צו בעפרייען זיינע ברידער פון דעם מאַחמעדאַנישען יאָך און זיי אוועקפיהרען קיין ירושלים. אויף זיין רוף זיינען זיך צונויפגעלאָפען קיין אַמאַדיאַ בעוואָפענטע אידען, וועלכע האָבען פון פאָרזיכטיגקייט וועגען בעהאַלטען זייערע וואַפען אונטער די אויבערשטע קליידער. די

לענענדע דערצעהלט, אז דער פערסישער סולטאַן, דערוויסענדיג זיך פון דעם אידישען אויפשטאנד, האָט געשיקט רופען צו זיך דוד אל־ראי. דוד אל־ראי איז ערשינען אין קעניליכען הויף אָהן בע־גלייטער און האָט אָהן מורא זיך ערקלערט פאר'ן אידישען קעניג. מען האָט איהם א כאַפּ געטהאָן און פערשפּארט אין געפענגנים. אָבער מיט דער הילף פון כשוף איז דוד אנטלאָפען פון געפענגנים און האָט זיך ווידער בעוויזען אין אמאדיא. דאָס פאָלק האָט גע־גלויבט, אז דוד קען אויפטהאָן מופתים, אזוי ווי עס פּאסט פאר נאָט'ס שליח. אין גיכען אָבער איז ער געפאלען א קרבן פון פער־ראַט: אויף דער פאָדערונג פון די פּערסישע הערשער האָט איהם זיין אייגענער שווער גע'הרג'עט אין שלאָף. נאָר אפילו נאָך זיין טויט איז אין באגדאד געבליבען א גרופּע פון זיינע אנהעננער, וועלכע האָבען גענלויבט, אז באלד־באלד וועלען זיי דורך א וואונדער אויסגעלייזט ווערען. מיט דעם דאָזיגען לייכטזיניגען גלויבען פון פאָלק האָבען זיך בענוצט צוויי שווינדלער פאר זייערע אייגענע צוועקען. זיי האָבען געוויזען די אידען פון באגדאד א בריעף וואָס זיי האָבען כלומר'שט געקראָגען פון משיח'ן, אז די גאולה איז נאָהנט און אז זי וועט פּאָרקומען אויף פאָלגענדען וואונדערליכען אופן: אין א בעשטימטער שטונדע, ארום האלבע נאכט זאָלען די אידען זיך אָנטהאָן אין גרינע קליידער, זאָלען ארויפגעהן אויף די דעכער פון זייערע הייזער און דאָרטען וואַרטען: דאַן וועט זיך אויפהויבען א שטאַרקער ווינד וועלכער וועט אַלעמען פערטראָגען גלייך קיין ירושלים. די אָבגענאַרטע אידען האָבען אָבגעגעבען צו די שווינד־לער זייער גאַנצען פערמעגען צו צוטיילען צווישען אָרימעלייט און אין דער בעשטימטער שטונדע זיינען זיי ארויף אויף די דעכער. ערשט ווען זיי זיינען אָבגעזעסען מיט זייערע ווייבער און קינדער א גאַנצע נאַכט און דער וואונדערליכער ווינד איז ניט געקומען האָבען די אידען פערשטאַנען זייער טעות. אָבער די שווינדלער האָבען צו־גויפגענומען זייער פערמעגען און זיינען אנטלאָפען. די איינוואוינער פון באגדאד האָבען אין חוזק א נאָמען געגעבען יענעם יאָהר „דאָס יאָהר פון איבערפליהען".

צוערשט די אלמאָראווידען און דערנאָך די אלמוהאדען, וועלכע האָבען איינע נאָך די אנדערע געהעשט איבער שפּאניען, האָבען צו־

זאמענגעבראכט שפאניען מיט זייער אייגען לאנד—צפון־אפריקא. געדריקט פון די אלמוהאדען האבען זיך א סך שפאנישע אידען בע־זעצט אין די רוהיגע טיילען פון אפריקע, איבערהויפט מצרים, וואו עס האט דעמאלט געהערשט דער גרויסער סולטאן סאלאדין, דער בעזיעגער פון סיריען און פאלעסטינא (1171). סאלאדין האט זיך בעצויגען פריינדליך צו די אידען. ער האט זיי ערלויבט צו וואוינען אין ירושלים, פון וואנען די קריסטען האבען זיי פריהער פאריאגט. אין מצרים גופא האבען די אידען געלעבט אין גוט איינגעארדענטע קהילות, וועלכע האבען געהאט אויטאנאמיע. בראש פון די אידישע קהילות איז געשטאנען א אידישער עלסטער, וועלכער האט געטראַ־גען דעם טיטעל „נגיד" (דאס זעלבע וואס עקזילארך). ער האט בעשטימט די רבנים און חזנים פאר די קהילות און שוהלען, האט גע'משפט אידישע פראצעסען און האט געהאט א רעכט צו בעשטראַ־פען שולדיגע ניט נאר מיט געלד נאר אויך מיט קערפערליכע שטראַ־פען און געפענגנים. די וויכטיגסטע אידישע קהילות האבען זיך געפינען אין דער הויפטשטאדט קאירא און אין אלעקסאנדריען. אין מצרים האבען אויך געלעבט א סך קאראימען, וועלכע האבען געהאט זייע־ע בעזונדערע קהילות און שוהלען. אין סאלאדינ'ס הויף איז געוועזען אלס דאקטאר דער גרעסטער אידישער פילאזאף און גע־זעצלעהרער, דער רמב"ם.

§12. דאס לעבען פון דעם רמב"ם. רבנו משה בן־מימון, אדער דער רמב"ם, איז געבוירען געווארען אין יאהר 1135 אין שפא־ניען, אין קארדאווא, וואו זיין פאטער איז געוועזען דיין. דער רמב"ם האט בעקומען זיין בילדונג אין יענער בעריהמטער צייט, ווען די אידען און די אראבער האבען ארויסגעגעבען א סך געלעהרטע, פי־לאזאפען און פאעטען. פון זיינע אינגסטע יאהרען האט ער מיט גרויס התמדה געלערענט תלמוד, פילאזאפיע און נאטור וויסענשאפט, און האט זעהר א סך געלעזען אין העברעאיש און אראביש. ווען דער רמב"ם איז אלט געוועזען דרייצעהן יאהר איז שפאניען בעזיעגט גע־ווארען פון די אלמוהאדען און די אידען איז געשטעלט געווארען די ברירה: ענטוועדער אנצונעהמען דעם איסלאם אדער פערלאזען דאס לאנד. דעם רמב"ם'ס פאמיליע האט זיך געמוזט אוועקלאזען אין א שווערען וועג פון וואנדערען. אבער אין דער צייט פון די

וואַנדערונגען האָט דאָך דער יונגער משה ניט אויפגעהערט צו לער־
נען און אַרבייטען אויף זיין גייסטיגער ענטוויקלונג. ער האָט גע־
לערנט אונטער דער השגחה פון אַראַבישע געלערטע, מיט וועלכע
ער האָט זיך בעקענט אין פערשיידענע ערטער, און צווישען אַנדערע
זאַכען האָט ער זיך גוט אויסגעלערנט מעדיצין. אָבער ביי דעם
אַלעמען האָבען די רדיפות, וואָס דער יונגער איינגעל איז אויסגעשטאַ־
נען, געשטויסען זיין געדאַנק צו טראַכטען וועגען דער אידישער
אמונה און געזעצגעבונג און האָט געוואָלט אריינטראַגען אַהער דאָס
ליכט פון וויסענשאַפט און אָרדנונג. ווען ער איז נאָך געווען אַ
יונגערמאַן פון 23 יאָהר האָט ער שוין אָנגעהויבען שרייבען אַ גרוי־
סען פּירוש אויף דער משנה, דער יסוד פון תלמוד.

אין דיעזער צייט איז דער רמב״ם אריבערגעפאָהר'ען מיט זיין
פאָטער און איבריגער פאַמיליע אין צפון־אַפריקע און האָט זיך
בעזעצט אין פעז. דאָ האָבען נאָך אַלץ געבושעוועט די פאַנאַטישע
אַלמוהאַדען, וועלכע האָבען געצוואונגען די אידען אָנצונעהמען
דעם איסלאַם. דעם רמב״מ'ס משפחה האָט אויך געמוזט אַ שטיקעל
צייט זיך מאַכען פאַר כלומר'שטע מאַחמעדאַנער און היטען זייער
איינענעם גלויבען בעהאַלטענערהייד. אָבער מאַחמעדאַנער האָבען
זיך שנעל דערוואוסט דערפון און דעם רמב״מ'ס פאַמיליע האָט גע־
מוזט אַנטלויפען קיין פּאַלעסטינאַ (1165). ווען זיי זיינען געווען
זעקס טאָג אויפ'ן מיטלענדישען ים האָט זיך אויפגעהויבען אַ גרוי־
סער שטורמווינד און דאָס שיף איז שיער ניט אונטערגעגאַנגען.
די אומגליקליכע האָבען היים מתפּלל געווען צו גאָט ער זאָל זיי
רעטען. ענדליך, נאָך אַ מאָנאַט רייזען אויפ'ן ים, איז דאָס שיף
אָנגעקומען קיין עכו. דאָ האָבען די וואַנדערער פערבראַכט עטליכע
מאָנאַטען און דערנאָך זיינען זיי אַוועק קיין ירושלים מתפּלל צו
זיין ביים כתל המערבי. פון דאָרטען זיינען זיי אַוועק קיין חברון;
און דאָ האָט דער רמב״ם אַ גאַנצען טאָג מתפּלל געווען אין דער
מערת המכפּלה, וואו די אבות ליגען. פון דאַנען זיינען זיי אַוועק
קיין מצרים און האָבען זיך בעזעצט אין אַלט־קאַירא (פאָסטאַט).

אין קאַירא האָט זיך דער רמב״ם בעשעפטיגט מיט דאָקטאָריע
פון וועלכער ער האָט זיך מפרנס געווען, נאָר אין דער זעלבער צייט
האָט ער ניט אויפגעהערט צו שרייבען זיינע ווערק וועגען רעליגיאָן

און פילאָזאָפיע. אין גיכען האָט ער געקראָגען א שם צווישען אידען און אראבער אלס גרויסער דאָקטאָר און טיעפער געלעהרטער. דער געבילדעטער סולטאן סאלאדין האָט בעשטימט דעם רמב"ם פאר זיין הויף־דאָקטאָר. אויסער דעם האָט דער רמב"ם בעקומען דעם טיטעל „נגיד". ער איז געוואָרען דער גייסטיגער פיהרער פון זיינע פאָלקס־ברידער ניט נאָר אין מצרים נאָר אין אלע לענדער פון מזרח, פון וואנען מען פלעגט זיך צו איהם אָפט ווענדען מיט רעליגיעזע און געזעלשאפטליכע פראגען. נאָכ'ן טויט פון סאלאדין (1193) איז דער רמב"ם געווען לייב־דאָקטאָר ביי זיין נאָכפאָלגער. וועגען זיין לעבען אין דיזער צייט האָט דער רמב"ם געשריבען צו איינעם פון די פערזאמעלטע געלעהרטע פאָלגענדעס: „דער סולטאן וואוינט אין נייַ־קאירא און איך אין פאָסטאט (אלט־קאירא). יעדען טאָג אין דער פריה דארף איך ערשיינען אין הויף. אויב דער סולטאן ווערט קראנק אָדער איינע פון זיינע ווייבער אָדער קינדער בלייב איך דאָרט כמעט דעם גאנצען טאָג. אָבער אין יענעם טאָג ווען אלץ איז בשלום קען איך זיך אומקערען קיין פאָסטאט ארום האלבען טאָג. דאָרט געפין איך שוין ווארטען אויף מיר א מאסע מענשען — מאחמעדאנער און אידען, חשוב'ע לייט און פראָסטע מענשען, ריכטער און בעאמטע. איך געה ארונטער פון אייזעל, וואש זיך און געה ארוים צו זיי, און בעט זיי ענטשולדיגונג זיי זאָלען ווארטען ביז איך וועל עפּעס אָבעסען. דערנאָך געה איך ארוים צו די קראנקע זיי צו היילען און איך פערשרייב זיי רפואות. אזוי האלטען מענשען אין איין קומען און אוועקגעהן ביז נאכט. אין אבענד פיהל איך זיך זעהר מיעד, נאָר דאָך פערברענג איך אין לערנען, אמאָל ביז נאָך האלבע נאכט. בלויז שבת האָב איך צייט צו פערברענגען די עלטסטע פון דער קהילה און געבען זיי אָנווייזונגען אויף א גאנצע וואָך".

דער רמב"ם איז געשטאָרבען אין יאָהר 1204, 69 יאָהר אלט. אין קאירא האָבען איהם בעוויינט ניט בלויז די אידען נאָר אויך מאחמעדאנער, און אין ירושלים האָט מען געמאכט א תענית נאָך דיעזען גרויסען פערלוסט. דעם קערפּער פון דעם רמב"ם האָט מען איבערגעפיהרט קיין ארץ־ישראל און מקבר געווען אין טבריה.

זיין איינציגער זוהן אברהם האָט פארנומען זיין פלאַץ אלס דאָקטאָר אין סולטאַנ'ס הויף און אלס „נגיד“ פון די אידען אין מצרים.

§13. דעם רמב"ם'ס ווערק. דער נאָמען פון דעם רמב"ם איז ערשט רעכט בעריהמט געוואָרען נאָך זיין טויט, ווען זיינע ספרים האָבען זיך פארשפרייט. מען פלעגט וועגען איהם זאָגען: „ממשה עד משה לא קם כמשה“, ד. ה., פון משה רבנו ביז משה בן מימון איז ניט געווען נאָך אזא משה. און ווירקליך, נאָך דעם חומש און דער משנה האָט קיינער ניט אויפגעטהאָן אזוי פיעל פאר דער ענטוויקלונג פון יודענטום ווי דער רמב"ם. שוין אין זיין ערשטען ווערק „המאור“ (דאָס ליכט), א גרויסער פירוש אויף דער משנה, וועלכער איז געשריבען געוואָרען אין אראביש און איז שפעטער איבערזעצט געוואָרען אין העברעאיש, האָט דער רמב"ם אויסגעגאָסען א סך ליכטיגקייט אויף דער גאנצער „תורה שבעל־פה“. אויב די גמרא האָט אָפט פערפלאָנטערט און פערדונקעלט דעם געדאנק פון דער משנה האָט דעם רמב"מ'ס „המאור“ איהם אויסגעוויקעלט און גלאט געמאכט. אָבער דער רמב"ם האָט זיך ניט בענוגענט דערמיט. דער פיעל־בענדיגער תלמוד ענטהאלט אין זיך אזא גרויסע און צעוואָרפענע מאסע דינים, מאָראל־לעהרען און וויסענשאפטליכע זאכען, אז כדי דאָס אלץ אויסצולערנען וואָלט נעהמען א מענשענס גאנץ לעבען; אויך איז זעהר שווער פון דיזער מאסע ארויסצופיהרען גענויע כללים און דינים, צוליעב די פיעלע חלוקי דעות פון די פערשיידענע חכמים. און דער רמב"ם האָט בעשלאָסען צונויפצושטעלען א פאָלשטענדיגע זאמלונג פון די אידישע דינים און לעהרען לויט דעם תנ"ך און תלמוד. „איך וואָלט געוואָלט — זאָגט ער אין זיין הקדמה צו דיזען ספר — אז דאָס דאָזיגע ווערק זאָל זיין א פאָלשטענדיגע זאמלונג פון דער תורה שבעל־פה מיט אלע תקנות, מנהגים און גזרות, וואָס האָבען זיך אָנגעזאמעלט פון דער צייט פון משה רבנו ביז דער צונויפשטעלונג פון דער גמרא. איך האָב א נאָמען געגעבען דיזען ווערק „משנה תורה“, ווייל יעדער מענש קען צוערשט דורכ־לערנען די „תורה שבכתב“ און דערנאָך דורך דיזען ספר קענען וויסען אויך גאנץ „תורה שבעל־פה“, ניט לערנענדיג קיין אנדער זאך צווישען דיביידע“.

דעם רמב"מ'ס „משנה תורה", אָדער וואָס איז בעאוווסט בע־סער אונטער'ן נאָמען „יד החזקה" (די שטארקע האנד) איז גע־שריבען אין א שעהנעם העברעאישען סטיל און בעשטעהט פון פערצעהן ספרים. דער ערשטער הייסט „ספר המדע". אין איהם זיינען ענטהאַלטען די עיקרים פון דער אידישער רעליגיאָן. אזעלכע עיקרים האָט דער רמב"ם פעסטגעשטעלט דרייצעהן. 1) גאָט איז דער בעשעפער און דער פיהרער פון דער גאַנצער וועלט; 2) ער איז איינציג; 3) גאָט איז ניט קיין גוף און האָט קיין עהנליכקייט צו א גוף, ער קען בענומען ווערען ניט מיט די חושים נאָר מיט'ן פערשטאנד; 4) גאָט איז אייביג; 5) א איד דארף בעטען נאָר צו איהם און ניט צו קיין אנדערען; 6) אַלע רייד פון די נביאים (תנך) זיינען אמת; 7) משה'ס נבואה איז אמת און ער איז דער גרעסטער פון די נביאים; 8) די גאַנצע תורה איז געגעבען געוואָרען פון גאָט צו משה'ן; 9) די דאָזיגע תורה וועט קיינמאָל ניט פאַר־ביטען ווערען אויף אַן אַנדערער; 10) גאָט וויים אַלע מעשים פון דעם מענשען און זיינע געדאַנקען; 11) גאָט בעלוינט מיט גוטס די וואָס היטען זיינע געבאָטען און בעשטראָפט די וואָס זיינען עובר אויף זיי; 12) משיח וועט קומען אפילו ווען ער זאמט זיך; 13) די טויטע וועלען לעבעדיג ווערען.

אין דעם „ספר המדע" ווערען דיזע אַלע עיקרים ערקלערט אויספיהרליך און דאָרט ווערען אויך אָנגעוויזען יענע מאָראַלישע פליכטען פאַר יעדען מענשען, וואָס שטראָמען ארוים פון די דאָזיגע עיקרים. אין די איבעריגע ספרים פון דער „משנה תורה" זיינען אויסגעשטעלט אין שטרענגער אָרדנונג אַלע דינים, צערעמאָניעס און מנהגים פון דער אידישער אמונה, און אויך די געזעצען פון פאַמיליע, שטאַט און געזעלשאַפט, וועלכע האָבען זיך אויסגעארבייט אין דער עפּאָכע פון תנ"ך און תלמוד. א דאַנק דיזען ווערק פון דעם רמב"ם האָט זיך דער תלמוד אינגאַנצען בעפעסטיגט צווישען די אידען. די „משנה תורה" איז געוואָרען דער וועגווייזער פון יעדען רב, דיין און מנהיג פון א קהילה. פונדעסטוועגען האָבען זיך די ערשטע צייט געפונען געגנער, וועלכע האָבען קריטיקירט דאָס גרויסע ווערק פון דעם רמב"ם. מען האָט דעם מחבר בעשולדיגט אז ער איז מיט זיין ספר אויסען געווען אָבצושאַפען דאָס לערנען פון



א בלאט פון „יד-החזקה" אין דער האנדשריפט פון דעם רמב"ם.

תלמוד אין די ישיבות, אז ער איז א פריידענקער און, ענדליך, אז ער האָט צופיעל געשטעלט אויף זיך דערמיט וואָס ער האָט בעשלאָסען אזעלכע פראגען, וואָס אין תלמוד זיינען זיי א מחלקה.

אָבער דערמיט האָט נאָך דער רמב״ם ניט געהאלטען זיין אויפ־גאבע פאר געענדיגט. צוויי גרויסע אמת׳ן האָבען געדיענט דעם רמב״ם אלס די לייכטענדע שטערען פון זיין לעבען: דער אמת, וואָס ווערט דעם מענשען בעוואוסט דורך דער געטליכער ענטפלעקונג, און יענער אמת, וואָס דער מענש דערגעהט מיט זיין אייגענעם גע ד א נ ק. אלס גלויביגער מענש האָט ער זיך געבויגען פאר די לעהרען פון משה׳ן און די נביאים; אלס דענקענדער מענש האָט ער אָנגענומען די לעהרע פון דעם גריכישען פילאָזאָף אריסטאָטעל און אנדערע דענקער, אויסבעסערענדיג די דאָזיגע לעהרען לויט זיינע אייגענע איבערצייגונגען. דער רמב״ם האָט געהאט נאָך איין געדאנק: צו פעראייניגען די אמת׳ן פן דער אנטפלעקונג מיט די אמת׳ן פון פערשטאנד. דיעזע גרויסע אויפגאבע האָט ער דורכגעפיהרט אין זיין ספר „מורה נבוכים״ (דער וועגווייזער פיר בלאָנדזענדע), וועלכען ער האָט געשריבען אין אראביש. אין דיזען ספר ווערט דורכגעפיהרט דעם גרונד־געדאנק, אז דער ריינער גלויבען און דער ריינער דענקען שטימען פאָלשטענדיג איינס מיט׳ן אנדערען. ביידע אנערקענען זיי, אז עס עקזיסטירט אן איינציגער גאָט, פון וועלכען עס נעהמט זיך די גאנצע בעשאפונג, און ביידע שטרעבען צו ברענ־גען דעם מענשען צו דער העכסטער פאָלקאָמענהייט. און אויב דער אמת פון גלויבען און דער אמת פון פערשטאנד שטימען אזוי בנוגע דער ערשטער אורזאכע און דעם לעצטען ציעל, מוזען זיי אויך שטי־מען אין אלע אנדערע זאכען, וואָס ליגען צווישען די דאָזיגע צוויי עקסטרעמע פונקטען. דאַן ווענדט אָן דער רמב״ם דיזע גרונד־געדאנקען צו די עיקרים פון דער אידישער אמונה. דער „מורה נבוכים״ בעשטעהט פון דריי טייל. דער ערשטער טייל בעשעפטיגט זיך מיט דער לעהרע וועגען דער געטליכקייט, דער צווייטער — מיט דער בעשאפונג פון דער וועלט און מיט דער נבואה, און דער דריטער — מיט דער מאָראל.

דער רמב״ם האָט אויף א גלענצענדען אופן פערווירקליכט דאָס, וואָס ר׳ סעדיה גאון האָט אָנגעהויבען מיט צוויי הונדערט און

פופציג יאָהר פריהער מיט זיין ספר „אמונות ודעות”. זיין אויפטהו איז די קרוין אי פון דער אידישער רעליגיאָנס־לעהרע אי פון דער מיטעלאַלטערליכער אידישער פילאָזאָפיע. דער „מורה נבוכים” איז געוואָרען זעהר בעריהמט: עס האָבען איהם געלערנט אי אידען, אי אראבער, אי קריסטען (אין לאטיין). אויסער די דאָזיגע הויפט־ווערק האָט נאָך דער רמב״ם אָנגעשריבען א גאַנצע רייהע ביכער וועגען מאָראַל, לאָגיק און מעדיצין.

---

## דריטער קאַפּיטעל.

# די אידען אין דער קריסטליכער אייראָפּא אין דער צייט פון די קרייצצוגען.

.(1096—1215)

§14. דער ערשטער קרייצצוג. צום ענדע פון עלפטען יאָהרהונדערט, האָבען די אידישע קהילות אין פראַנקרייך, דייטש־לאַנד און אַנדערע לענדער פון דער קריסטליכער אייראָפּא זיך אַזוי פערמעהרט און פערשטאַרקט, אז עס האָט געקענט דוכטען דאָס זייער עקזיסטענץ איז געזיכערט. מען האָט געקענט ערוואַרטען איז דער צוקונפט א מעהר אָדער ווייניגער קולטורעלע ענטוויקלונג פון די דאָזיגע קהילות, אַזוי ווי אין שפּאַניען. אָבער די דאָזיגע ערוואַר־טונגען זיינען ניט מקוים געוואָרען. אין אייראָפּא זיינען פאָרגע־קומען געשעהענישען וועלכע האָבען ביז'ן גרונד צוטרייסעלט דאָס לעבען פון די אידען אין די קריסטליכע לענדער, און האָבען זיי פער־משפּט צו ליידען, ערנידערונגען און רעכטלאָזיגקייט אויף פיעלע הונדערטע יאָהרען. אין ענדע פון עלפטען יאָהרהונדערט האָבען די קריסטליכע פעלקער זיך פעראייניגט פאַר אַן אַלגעמיינער מלחמה פאַר זייער גלויבען געגען די מאַהמעדאַנער, וועלכע האָבען דעמאָלט געהערשט איבער פאַלעסטינא, אָדער „דאָס הייליגע לאַנד”. די מאַהמעדאַנער האָבען שטאַרק אונטערדריקט די קריסטען, וואָס זיינען געוועזען אונטערטעניג צו זיי. א סך זיינען אויסגעשטאַנען פון

זיי די קריסטליכע פּילגרימער, וועלכע פלעגען קומען פון אייראָפּא קיין ירושלים מתפּלל צו זיין אויף קריסטוס׳עס קבר. אין יאָהר 1095 האָט דער רוימישער פּאבסט אורבאן דער צווייטער פּעררופען אן אסיפה אין קלערמאָן, אין פראנקרייך, און דאָ האָט ער אויפגע־העצט די קריסטען צו געהן מלחמה האַלטען מיט די „אונגלויביגע" מאחמעדאנער און אָבנעהמען ביי זיי די הייליגע שטאָדט ירושלים. אויף דיזען אויפרוף האָבען אָבגעענטפערט א סך פּעאָדאַלע פּיר־שטען, ריטער, בישאָפּען און פּראָסטער המון אין פראנקרייך און דייטשלאנד. צעהנדליגע טויזענדע מענשען האָבען פערלאָזען זייערע היימען, פעלדער, גיטער, האָבען זיך אָנגעניייהט רויטע צלמים אויף זייערע אויבערשטע קליידער און האָבען זיך געגרייט צו געהן אויף די „אונגלויביגע". אין אָנהויב פון יאָהר 1096 האָט זיך שוין צונויפגעזאַמעלט א גרויסע מחנה קרייץ־טרעגער. צווישען זיי זיינען געווען מענשען וואָס האָבען טאקע באמת געוואָלט זיך שלאָגען פאר זייער גלויבען; אָבער דער גרעסטער טייל זיינען נאָר אויסען געווען טובות פאר זיך. די ריטער האָבען אויסגעקוקט אויף׳ן רייכען רויב אין די מוסולמאנישע לענדער, די פּויערים זיינען געגאנגען ווייל מען האָט זיי דערפאר צוגעזאָגט צו בעפרייען פון שקלאַפעריי, און די פרומע מענשען פון פערשיידענע קלאסען האָט געצויגען אהין דאָס וואָס די גלחים האָבען צוגעזאָגט אז אלע זינד וועלען געשענקט ווערען דעם יעניגען וואָס וועט געהן אין דער מלחמה פאר׳ן גלויבען. צו דיזער פּאָלקס־מחנה איז נאָך צוגעשטאנען א גאנצע מאסע הפקר־יונגען, באנדיטען, אָרימעלייט און סתם אוואנטוריסטען. איידער די קעניגע האָבען צייט געהאט זיך צוצוגרייטען אין וועג אריין האָט דערווייל דער אָרדנונגסלאָזער המון זיך פּאנאנדערגעלאָזען איבער פראנקרייך און דייטשלאנד און זיך גענומען צו רויבען די בעפעלקערונג פון די ערטער, וואָס זיינען געלעגען אויף זייער וועג; אָבער די אידען האָבען די קרייץ־טרעגער ניט נאָר בערויבט נאָר אויך געטויט אָדער געצוואונגען זיך צו שמד׳ן. „עס איז אויפגעשטאנען — שרייבט א אידישער היסטאָריקער — א פּאָלק, א ווילדער, א פערצווייפעלטער, א גרויזאַמער, אן אויפגעלאָף פון פראנצויזען און דייטשען. דורכגעהענדיג די שטעדט וואו אידען האָבען געלעבט פלעגען זיי זאָגען צו זיך: מיר געהען נעהמען נקמה

פון די ישמעאלים, און נעבען אונז געפינען זיך די אידען, וועלכע האָבען געקרייציגט אונזער משיח; מען דאַרף פריהער מיט זיי זיך אָברעכענען! זאָל דער אידישער נאָמען אויסגעמעקט ווערען, אָדער די אידען זאָלען זיך אונטערגעבען און שמד'ן!"

דער פריהלינג פון יאָהר 1096 האָט געבראַכט אומגליק און חורבן צו פיעלע טויזענדער אידען אין אייראָפּאַ. די קרייץ־טרעגער האָבען אַם ווילדעסטען געבושעוועט אין די דייטשע שטעדט, וואָס ליגען ביים ברעג רהיין. איינע פון די ערשטע האָט געליטען די אַלטע אידישע קהילה אין וואָרמס: הונדערטע אידען זיינען געקוילעט געוואָרען; אָבגעהענדיג מיט בלוט פלעגען זיי שרייען „שמע ישראל!" בלויז ווייניגע פלעגען זיך שמד'ן. אַנדערע פלעגען זיך אַליין נעהמען דאָס לעבען כדי ניט אריינצופאַלען אין די הענד פון די שונאים. פרויען פלעגען הרג'ענען זייערע געליעבטע קינדער פאַר מורא אז מען זאָל זיי ניט אָב'שמד'ן מיט גוואַלד. די קרייץ־טרעגער האָבען חרב געמאַכט די אידישע הייזער אין וואָרמס, האָבען געראויבט זייער פערמעגען, האָבען צוריסען און געטראָטען מיט די פיס זייערע ספרי תורות, וואָס זיי האָבען געפונען אין די שוהלען (18טען מאַי). א טייל פון דער אידישער בעפעלקערונג האָט זיך בעהאַלטען אין הויז פון דעם וואָרמסער בישאָף אַלעבראַנד. דער בישאָף האָט ניט געקענט אָדער ניט געוואָלט זיי בעשיצען און ער האָט זיי אַן עצה געגעבען זיי זאָלען זיך רעטען דורך שמד. די אידען האָבען געבעטען מען זאָל זיי געבען צייט זיך צו בעקלערען. פאַר'ן פּאַלאַץ פון דעם בישאָף האָבען די קרייץ־טרעגער זיך אויסגעלעגט גרייט צו פיהרען די אידען ענטוועדער אין קירכע אָדער צום טויט. ווען די בעשטימטע צייט איז פאַריבער האָט דער בישאָף געעפענט די טיר וואָס האָט געפיהרט צו דער בעהעלטעניש פון די אומגליקליכע, און האָט זיי געפונען אַלע שווימען אין א טייך בלוט: זיי האָבען בעשלאָסען בעסער זיך צו טויטען איידער זיך אָבצוזאָגען פון זייער גלויבען. די צעווילדעטע קרייץ־טרעגער האָבען זיך לוסטיג געמאַכט איבער די טויטע קערפּער פון די אידישע מאַרטירער און די איבערגעבליבענע אידען פון וואָרמס האָבען זיי טיילוויז אויסגע'הרג'ט און טיילוויז אויסגע'שמד'ט (25טען מאַי). איין אינגעל מיט'ן נאָמען שמחה כהן, וועלכער האָט פערלאָרען אין

ער שחיטה זיין פאָטער און זיינע ברידער האָט בעשלאָסען צו שטארבען, אָבער פריהער נעהמען נקמה פון די מערדער. ווען מען האָט איהם אוועקגעשלעפּט אין קלויסטער האָט ער פון אונטער זיינע מלבושים ארויסגעכאפּט א שווערד וואָס ער האָט נאָך פריהער בעהאלטען און האָט דערשטאָכען דעם בישאָפּ׳ס פּלימעניק: די צורייצטע מאסע האָבען דעם איינגעל צוריסען אין שטיקער אויפ׳ן אָרט. ערשט ווען די קרייץ־טרעגער זיינען אוועק פון וואָרמס האָט מען מקבר געווען די אידישע מארטירער. זייער צאָל האָט דערגרייכט אכט הונדערט.

אין דער אייגענער צייט איז אן אנדער מחנה קרייץ־טרעגער צוגעקומען צו מאינץ. די היגע אידען האָבען זיך בעפעסטיגט אין דעם גרויסען שלאָס פון דעם בישאָף ראָטהארד, וועלכער האָט זיי פאר געלד צוגעזאָגט צו בעשיצען און העלפען מיט זיין וואך. ווען די קרייץ־טרעגער זיינען צוגעקומען צום שלאָס האָבען זיך די אידען גענומען פאר די וואפען, האָפענדיג, אז דעם בישאָפּ׳ס וואך וועט זיי העלפען; אָבער זיי זיינען ביטער אָבגענארט געוואָרען. אין דעם געפעהרליכסטען מאָמענט איז זיך די וואך צולאָפען, און ראָטהארד אליין, אוים מורא אָדער אוים פערראט, איז אנטלאָפען, איבערלאָזענדיג די אומגליקליכע אליין. זעהענדיג אז צו שטעלען זיך אנטקעגען וועט זיין אומזיסט האָבען טייל אידען זיך אליין גע־טויט און די איבעריגע האָבען זיך געלאָזט טויטען דורך די הענד פון די קרייץ־טרעגער. מעהר מענשליך איז שוין געווען דער בי־שאָף פון קעלן. דערזעהענדיג אז די קרייץ־טרעגער קומען אָן, האָט ער א סך אידען ארויסגעפיהרט פון שטאָדט און ער האָט זיי בע־האלטען אין די דערבייאיגע קליינע שטעדטלעך, וואָס האָבען בע־לאנגט צו איהם; די אידען וואָס זיינען געבליבען אין קעלן האָבען זיך בעהאלטען אין די הייזער פון זייערע קריסטליכע שכנים. אויף אזא אופן האָבען זיך אייניגע געראטעוועט פון טויט, אָבער די מעהרסטע וואָס האָבען זיך בעהאלטען אין די ארומיגע שטעדטלעך זיינען אומגעקומען דורך די קרייץ־טרעגער. איבעראל פלעגען די אידען שטארבען העלדיש פאר זייער גלויבען און פאָלק, און די וואָס זיינען מיט גוואלד גע׳שמד׳ט געוואָרען פלעגען זיך אומקערען צום יודענטום אָדער פלעגען זיך אליין נעהמען דאָס לעבען כדי

אויסצוקויפען זייער זינד, צו וועלכער זיי זיינען געצוואונגען גע־וואָרען.

פון די ברעגען פון רהיין האָט די מחנה קרייץ־טרעגער זיך א רוק געטהאָן ווייטער, צו די ברעגען פון דאָנוי, אומברענגענדיג אויף זייער וועג די אידען אין די שטעדט פון דייטשלאנד און בעהמען. פערניכטענדיג און פארוויסטענדיג אלץ אויף זייער וועג, פלעגען דיזע באנדעס אליין אומקומען אין די טויזענדע פון הונגער און נויט, אדער זיי פלעגען אומגעבראכט ווערען פון די פעלקער אין וועמעס לענדער זיי האָבען געבושעוועט. און אויף צו געהן צום הייליגען לאנד האָט זיך געבילדעט א נייע ארמיי פון קרייץ־טרעגער אונטער דער פיהרערשאפט פון הערצאָג גאָטפריעד פון בוליאָן. נאָך א שווערען וואנדערען פון דריי יאָהר און נאָך א סך פערלוסטען אויפ׳ן וועג (אין ביזאנטיען) האָט דיזער קרייצצוג דערגרייכט דאָס הייליגע לאנד. ירושלים איז גענומען געוואָרען מיט שטורם (15טען יולי 1099). די צעווילדעטע קרייץ־טרעגער האָבען אויס־גע׳הרג׳ט אלע מאחמעדאנער, און די אידען, די תלמודיסטען אזוי גוט ווי די קאראימער, האָבען זיי צונויפגעטריבען אין איין שוהל און זי אונטערגעצונדען. אלע אידען זיינען אומגעקומען אין די פלאמען און זייער פערמעגען איז צורויבט געוואָרען. די קרייץ־טרעגער האָבען איינגענומען א טייל פון ארץ־ישראל און האָבען דאָרט געגרענדעט דאָס „ירושלים׳ער קעניגרייך".

די צרות פון די אידען אין דייטשלאנד האָבען אין גיכען אויפגעהערט, א דאנק דעם גוטען קעניג הענריך דעם 4טען, וועלכער האָט זיך פאר זיי איינגעשטעלט. ניט אכטענדיג אויף די פראָ־טעסטען פון די גלחים און פון דעם פאבסט, האָט דער קעניג ער־לויבט אלע אידען, וואָס זיינען מיט געוואלד גע׳שמד׳ט געוואָרען, זיך אומצוקערען צוריק צו זייער אמונה. ער האָט אויך בעשטראָפט איינינגע גלחים און איינינגע בעאמטע, וועלכע האָבען דערלאָזען די הריגות אויף די אידען אין זיין ממשלה.

§15. דער צווייטער קרייצצוג. אין עטליכע צעהנדליג יאָהר ארום איז דאָס „קעניגרייך פון ירושלים" געפאלען און די מאחמעדאנער האָבען ווידער גענומען דריקען די קריסטען. דאַן האָט מען אין אייראָפּא זיך גענומען גרייטען צו א נייעם קרייצ־

צוג. בראש פון די קרייץ־טרעגער זיינען געשטאנען: דער פראנ־צויזישער קעניג לודוויג דער 7טער און דער דייטשער אימפעראטאָר קאָנראד דער 3טער (1146). דער פראנצויזישער מאָנאך בערנארד פון קלערוואָ האָט איינגערעדט דעם עולם צו געהן גלייך אין דעם הייליגען לאנד, אָבער אנדערע מאָנאכען האָבען געפּרעדיגט, אז די קרייץ־טרעגער, איידער זיי געהען געגען די מאחמעדאנער, דאַר־פען זיך נעהמען צו די אידען און זיי ענטוועדער אויס׳שמד׳ן אָדער פערניכטען. מיט אזעלכע דרשות האָט דער גרויזאמער דייטשער מאָנאך רודאָלף געהעצט די קריסטען. אין אויגוסט פון יאָהר 1146 האָבען זיך אין די רהיין־שטעדט וויעדער אָנגעהויבען אטאקען אויף די אידען. אין דער אומגעגענד פון טריער און שפּייערן זיינען געפאלען די ערשטע אידישע מארטירער פון דעם נייעם קרייצצוג. זייענדיג אָנגעלערנט מיט דער טרויעריגער ערפאהרונג פון 1096, האָבען די אידען אין א סך ערטער בעצאָלט ריעזיגע סומען געלט צו בישאָפען און פעאָדאלע פירשטען פאר דער ערלויבניש זיך צו בעהאלטען אין זייערע בעפעסטיגטע שלעסער און הויפען. קעניג ריכארד זעלבסט האָט געלאָזט די אידען זיך בעהאלטען אין זיינע גיטער, אין נירנבערג און אין אנדערע פעסטונגען. דער קעלנישער בישאָף ארנאָלד האָט אָבגעגעבען אין רשות פון די אידען די וואָלקענבורגער פעסטונג און ער האָט זיי ערלויבט זיך צו פערטיידיגען מיט וואפען געגען זייערע אָנגרייפער. אָבער אזעלכע בעהעלטענישען האָבען די אידען ניט פיעל בעקומען. די שוצלאָזע אידען פון ווירצבורג זיינען אטאקירט געוואָרען: צוואנציג מענשען זיינען גע׳הרג׳ט געוואָרען, צווישען זיי אויך דער בעשיידענער רב יצחק בן־אליקים, וועלכער איז דערשטאָכען געוואָרען מיט א שווערד זיצענדיג פערטיעפט איבער זיינע ספרים.

אין פריהלינג פון 1147 האָבען זיך די פּאָגראָמען איבערגע׳־חזר׳ט אין עטליכע ערטער אין פראנקרייך. אין קאראנטאָן האָבען זיך די אידען פארשפּארט אין איין הויף און האָבען זיך לאנג פער־טיידיגט געגען די אָנפאלער, האָבען אייניגע קרייץ־טרעגער פער־וואונדעט און דער׳הרג׳ט, נאָר ענדליך זיינען זיי אלע געפאלען אונטער די קלעפּ פון די שונאים, וועלכע זיינען אריינגעדרונגען אין הויף הינטען ארום. אין דער שטאָדט ראמערו איז די פינס־

טערע מאַסע בעפאַלען די אידען אין דעם אַנדערען טאָג שבועות. די רויבער האָבען זיך אריינגעריסען אין הויז פון דעם בעריהמטען רבנו יעקב תם, האָבען צורויבט זיין פערמעגען, צוריסען די ספרים און איהם אַליין אַוועקגעשלעפּט אין פעלד. דאָ האָבען זיי דעם גרויסען רב געמאַכט פינף וואונדען אין קאָפּ, זאָגענדיג: „דו ביזט אַ גרויסער מאַן ביי אידען, דערפאַר דאַרפען מיר זיך אין דיר נוקם זיין פאַר די ליידען פון אונזער ערלייזער". גראַד דעמאָלט איז אין פעלד פערביייגעפאָהרען עפּעס אַ ריטער. רבנו תם האָט זיך גע־ווענדעט צו איהם ער זאָל איהם רעטען, צוזאָגענדיג איהם דערפאַר אַ טייערען פערד. דער ריטער האָט איינגערעדט דעם עולם אָבצו־געבען דעם רב צו איהם, צוזאָגענדיג זיי אַז ער וועט איהם איבער־רעדען צום קריסטענטום. זיי האָבען איהם געגלויבט און אויף אַזאַ אופן איז געראַטעוועט געוואָרען איינער פון די גרעסטע פאָרשטעהער פון רבני'שען יודענטום אין יענער צייט. ערשט ווען די פריינ־צויזישע און דייטשע קרייץ־טרעגער זיינען אַוועק אין מזרח האָבען די אידען פרייער אָבגעאָטעמט. די וואָס זיינען געוועזען פערשפּאַרט אין די שלעסער און פעסטונגען האָבען אָנגעהויבען ארויסצוגעהן פון זייערע בעהעלטענישען, און די וואָס זיינען מיט גוואַלד גע־שמד'ט געוואָרען האָבען זיך אומגעקערט צו זייער פריהעריגען גלויבען.

§16. דער דריטער קרייצצוג. אין יאָהר 1187 האָט דער עגיפּטישער סולטאַן סאַלאַדין (§12) אָבגענומען ירושלים ביי די קריסטען און האָט געמאַכט אַ סוף צום „ירושלים'ער קעניגרייך". דאָס האָט געבראַכט צו אַ דריטען קרייצצוג אין וועלכען עס האָבען אַנטייל גענומען דער דייטשער אימפּעראַטאָר פרידריך באַרבאַראָ־סאַ, דער פראַנצויזישער קעניג פיליפּ־אויגוסט און דער ענגלישער קעניג ריטשאַרד דער לייבען־הערציגער. דאָס מאָל זיינען די הכנות צום קרייצצוג בעגלייט געוואָרען מיט אָנפאַלען אויף די אידען אין ענגלאַנד. די אידישע קהילות אין ענגלאַנד, וועלכע זיינען פער־שטאַרקט געוואָרען פון די אָנגעלאָפענע אידען פון פראַנקרייך, האָבען אין 12טען יאָהרהונדערט פערנומען אַ חשוב'ען אָרט אין דעם האַנדעל פון לאַנד. די אידען האָבען געוואוינט אין לאָנדאָן און אין אַנדערע שטעדט, און האָבען זיך בעשעפטיגט מיט האַנדעל

און באַנק־געשעפטען. די קעניגע האָבען זיי געגעבען די פרייהייט זיך צו בעוועגען, קויפען און פערקויפען איבער'ן גאַנצען לאַנד, אָבער זיי האָבען דערפאַר גענומען גרויסע שטייערען. צווישען די אידען פון לאָנדאָן און אנדערע פראָווינץ־שטעדט פלעגען זיך בע־געגנען רייכע אידען, וועלכע פלעגען וואוינען אין געמויערטע הייזער, „אַזוי ווי פּאַלאַצען". די גרויסע סוחרים און די באַנקירען פלעגען צוציהען אַלעמענס אויגען און אויפוועקען דעם חשק פון די קעניגע און די קנאה פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג, וועלכע האָט גע־האַלטען אַלע אידען פאַר גבירים. אָט דיזע געפיהלען, צוזאַמען מיט רעליגיעזען פאַנאַטיזם, האָבען צוגעגרייט דעם באָדען פיר די אויפגע־רעגטע ליידענשאַפטען פון די מאַסען ערב דעם דריטען קרייצצוג.

די הכנות צו דיזען צוג זיינען פאָרגעקומען אין דער צייט ווען ריטשאַרד דער 1טער (דער לייבען־הערציגער) איז אַרויף אויפ'ן טראָהן. אין דעם טאָג פון דער קרוינונג זיינען אין לאָנדאָנער קעניג־ליכען פּאַלאַץ אָנגעקומען אַ סך דעפּוטאַציעס צו בעגריסען דעם נייעם קעניג. צווישען זיי איז אויך געווען אַ דעפּוטאַציע פון די אי־דען, וועלכע האָט געבראַכט מתנות דעם קעניג. דעם ענגלישען ערץ־בישאָף באַלדווין איז ניט געפעהלען געוואָרען וואָס אַ אידישע דע־פּוטאַציע איז אויך געקומען. האָט ער אַ זאָג געטהאָן צום קעניג, אַז די „אונגלויביגע" אידען פאַרדיענען ניט אַזא הויכען כבוד און אַז אָנצונעהמען פון זיי מתנות איז אַן עבירה. דער קעניג האָט בעפעהלען אַרויסצופיהרען די אידישע דעפּוטאַציע פון דעם קרוי־נונגס־זאַל. די הויף דיענער הערענדיג אַזא בעפעהל, האָבען די אידען מיט גראָבקייט אַרויסגעשטויסען. אין שטאָדט האָט זיך פער־שפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער קעניג האָט ערלויבט צו רויבען די אידען. אַ צורייצטער לאָנדאָנער המון, צוזאַמען מיט די פערזאַמעלטע קרייץ־טרעגער, האָבען זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף די אידען, האָבען זיי גע'הרג'ט, צושטערט זייערע הייזער און צורויבט זייער פערמעגען. די רייכע אידען האָבען זיך פערשפּאַרט אין זייערע הויכע און שטאַרקע הייזער, אָבער די רויבער האָבען די הייזער אונטערגעצונ־דען און די אומגליקליכע זיינען אומגעקומען אין די פלאַמען (1189). איניגע אידען זיינען געשטאָרבען פון זייער אייגענער האַנד, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט מיט גוואַלד גע'שמד'ט צו ווערען.

ווען אין גיכען נאָכדעם איז ריטשארד, בראש פון די קרייץ־טרעגער אוועק אין מזרח, האָבען זיך די פּאָגראָמען איבערגע׳חזר׳ט אין אַנדערע שטעדט אין ענגלאַנד. א שרעקליכע טראַגעדיע איז פּאָרגעקומען אין דער שטאָדט יאָרק. דאָ האָבען זיך א סך אידען פערשפּאַרט אין דעם טהורם פון דער פעסטונג. זעקס טאָג האָבען די קריסטען בעלאַגערט דעם טהורם, די בעלאַגערטע האָבען גע־וואָרפען אויף זיי שטיינער אן גע׳הרג׳ט איין מאַנאַך. נאָר אין גיכען איז די שפּייז אין טהורם אויסגעגאַנגען און עס איז געוואָרען אונמעגליך זיך ווייטער אָבצושלאָגען. די בעלאַגערטע האָבען זיך בעראַטען וואָס צו טהאָן. צווישען זיי איז געווען זייער רב ר׳ יום־טוב און ער האָט געזאָגט: „עס זעהט אויס, אז גאָט וויל אז מיר זאָלען שטאַרבען פאַר אונזער הייליגער תורה. דער טויט שטעהט הינטער׳ן טיר און איהר ווערט ניט וועלען פעלשען אין גאָט כדי צו לעבען אַביסעל לענגער אויף דער ערד. דער בעשעפער האָט אונז געגעבען דאָס לעבען, לאָמיר עס איהם אַליין אָוועקגעבען מיט אונ־זערע אייגענע הענד. אַזאַ ביישפּיעל האָבען אונז געוויזען א סך הייליגע לייט און גאַנצע קהילות אין די אַמאָליגע צייטען און אויך אין דער נייער צייט". די ווערטער האָבען געווירקט און די פער־שפּאַרטע, מיט דער אויסנאַהם פון אייניגע קליינמוטיגע, האָבען בע־שלאָסען זיך אָנצוטהאָן א מיתה. דער ראש־הקהל, דער רייכער ר׳ יעקב (איינער פון דער דעפּוטאַציע צום קעניג) האָט צוערשט געטויט זיין געליעבטע פרוי און דערנאָך איז ער אַליין געשטאָר־בען פון דער האַנד פון דעם רב. אַזוי האָבען א סך געמאַכט א סוף צו זייער לעבען. די איבעריגע זיינען אויסגע׳הרג׳ט געוואָרען אויף מאָרגען, ערב שבת הגדול 1190, דורך די שונאים, וועלכע האָבען זיך אריינגעריסען אין פעסטונג. דער שטעלפערטרעטער פון דעם קעניג האָט בעפעהלען צו בעשטראָפען די שולדיגע פון דעם פּאָגראָם. אָבער מען האָט די שולדיגע ניט געכאַפּט; די קרייץ־טרעגער זיינען זיך צולאָפען אין אַלע זייטען און זייערע פיהרער זיינען אַנטלאָפען קיין סקאָטלאַנד. די לאַגע פון די אידען אין ענגלאַנד איז אימער ערגער געוואָרען.

§17. די אידישע רעכטלאָזיגקייט אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד. די קרייצצוגען האָבען שטאַרק פערערגערט די גע־

זעלשאפטליכע און עקאנאמישע לאגע פון די אידען אין מערב־אייראפא. די מאסען־וואנדערונג פון אייראפא קיין אזיען האט צו־זאמענגעבראכט נעהנטער דיזע צוויי וועלט־טיילען און די קריסט־ליכע סוחרים האבען ארויסגעשטויסען די אידען אלס די האנדעלס־פערמיטלער צווישען די פערשיידענע פעלקער. אין אייראפא אליין, וואס מעהר עס האט זיך ענטוויקעלט דאס לעבען פון די שטעדט, אלץ גרעסער איז געווארען די צאל פון קריסטליכע סוחרים, וועלכע האבען פערנומען דעם פלאץ פון די אידישע. די אידישע סוחרים זיינען אבגעשטויסען געווארען צום קליין־האנדעל. זייענדיג דער־ווייטערט פון ערד־ארבייט און פון א סך מלאכות זיינען די פאר־מעגליכע אידען געצוואונגען געווען צו פערנעהמען זיך מיט דעם געשעפט פון געלד־לייהען. דאס האט ניט זעלטען געפיהרט צו צוזאמענשטויסען צווישען די לייהער און זייערע בעלי־חובות און האט שפעטער געבראכט אויף אידען אונבעשרייבליכע צרות. צו־זאמען מיט זייער עקאנאמישער לאגע איז אויך שלימער געווארען די לאגע פון די אידען אין דער קריסטליכער געזעלשאפט. די בייזע געמיטער, וואס די העצעס פון די קרייצצוגען האבען ארויסגערופען, און דער ליידענשאפטליכער רעליגיעזער פאנאטיזם, וואס האט ארומגעכאפט גאנצע שיכטען פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג, האבען אוועקגעשטעלט די אידען אויף א געפעהרליכען וואולקאני־שען באדען: זיי האבען געדארפט שטענדיג ציטערען; יעדער אויסברוך פון פאלקס־צארן האט געקענט ברענגען אויף זיי אומ־גליקען און חורבן. דער אבערגלויבען פון פאלק איז געשפייזט גע־ווארען פון פערשיידענע בייזע קלאנגען, וועלכע האבען ארויסגע־שטעלט די אידען אין די שווארצליכסטע געשטאלטען.

אין דיזער צייט האט זיך צום ערשטען מאל פערשפרייט די פאלשע און געמיינע בעשולדיגונג, אז די אידען הרג׳ענען קריסטליכע קינדער ערב פסח און זיי מישען אריין זייער בלוט אין די מצות און וויין. די מענשען וואס האבען אליין פערגאסען אידיש בלוט האבען רעכטפערטיגט זייער ווילדקייט מיט דעם עלילת־דם. אין יאהר 1171, אין דער פראנצויזישער שטאדט בלוא, איז א דיענער פון א שטאדט־בעאמטען געגאנגען צום טייך אנטרינקען זיין פערד. דער פערד האט זיך פאר עפעס איבערגעשראקען און איז אבגע־

שפּרונגען, און דער דערשראָקענער דיענער האָט זיך אומגעקעהרט אין שטאָדט און דערצעהלט, אז ער האָט געזעהן ווי א איד האָט אריינגעוואָרפען אין טייך דעם קערפּער פון א קריסטליכען אינגעל. אויפ'ן סמך פון דיזער בעשולדיגונג זיינען אויסגע'הרג'ט געוואָרען ארום 30 פּערזאָן פון דער דאָרטיגער אידישער קהילה. כדי צו דער־געהן דעם אמת, האָבען די ריכטער זיך בענוצט מיט דעם דעמאָלדי־גען אבערגלויבישען מיטעל פון דער „וואסער־פּרוב": מען האָט דעם דיענער אריינגעזעצט אין א שיפעל, וועלכען מען האָט אָנגעפילט מיט וואסער, און אזוי ווי דאָס שיפעל איז ניט געזונקען איז דאָס געוועזען א סמן, אז דער דיענער האָט געזאָגט דעם אמת. דאן האָט מען די ארעסטירטע אידען פערשלאָסען אין א הילצערנעם טהורם נעבען וועלכען מען האָט פאנאנדערגעלעגט א גרויסען פייער. ווען מען האָט די אידען פאָרגעשלאָגען זיי זאָלען זיך שמד'ן און דער־מיט זיך רעטען האָבען זיי זיך שארף ענטזאגט. האָט מען זיי אריינ־געוואָרפען אין פייער און פערברענט (כ' סיון פון יאָהר 1171). די אידען זיינען געשטאָרבען העלדיש, זינגענדיג „עלינו", אזוי ווי אויף חוזק זייערע פייניגער. אין אָנדענק פון די מארטירער האָבען די רבנים פון בלוא פעסטגעשטעלט א בעזונדערען תענית.

פּיליפּ־אויגוסט, וועלכער האָט זיך בעטייליגט אין דעם דריי־טען קרייצצוג און איז געוועזען שרעקליך געלד־גייציג, האָט גרויזאם פערפאָלגט זיינע אידישע אונטערטאנען. ער האָט זיך שטענדיג גע־נויטיגט אין געלד צו פיהרען זיינע מלחמות און ער האָט מיט אלע קרעפטען געצאפּט געלד ביי די אידען. אין יאָהר 1181 האָט ער בע־פעהלען צו ארעסטירען אלע אידען אין פּאַריז אין א שבת, ווען זיי זיינען געשטאנען אין די שוהלען און געדאווענט, און לעגען א חתימה אויף זייער אייגענטום. די אידען האָבען אויפגעקליבען 15,000 מארק אין זילבער און געגעבען דעם קעניג; דעמאָלט האָט מען זיי ארויסגעלאָזט אויף דער פריי. נאָך מיט א יאָהר שפּעטער האָט פּיליפּ־אויגוסט געגאָסען נאָך א געשמאקערען ביסען: ער האָט ארויסגעגעבען א בעפעהל אז אלע אידען וואָס וואוינען אויף די קעניגליכע לענדערייען זאָלען זיך ארויסציהען אין פערלויף פון דריי חדשים, פון אפּריל ביז יולי. די ארויסגעטריבענע האָבען געמוזט מיטנעהמען אָדער פערקויפען בלויז זייער בעוועגליכען

אייגענטום: אָבער זייער גאַנצען אונבעוועגליכען פאַרמעגען: הייזער, גערטנער, שפּייכלער און וויין־קעלער — געהערען צום קעניג (1182). די פערלאָזטע שוהלען זיינען פערוואַנדעלט געוואָרען אין קירכען. די אידען, וועלכע זיינען פאַרטריבען געוואָרען פון די קעניגליכע לענדערייען (דער קרייז פון פּאַריז) האָבען געמוזט זוכען וואוינערטער אין די לענדערייען פון די פאַרנצוויזישע פעאָדאַלען — באַראָנען און גראַפען, וועלכע האָבען זיי געגעבען שוץ. אין זעכצעהן יאָהר אַרום, אַז דער קעניג האָט זיך ווידער גענויטיגט אין געלד, האָט ער צוריק ערלויבט די אידען זיך צו בעזעצען אויף זיינע לענדער, נעהמענדיג פון זיי גרויסע אָבצאָלען פאַר דאָס רעכט צו וואוינען און האַנדלען (1198).

פון אַזעלכע נגישות און ערנידערונגען זיינען פריי געוועזען בלויז די אידען פון דער דרום־פראַנצויזישער פּראָווינץ פּראָוואַנס. דאָ האָבען די פעאָדאַלע גראַפען זיך גוט פערהאַלטען צו די אידען; די קריסטליכע בעפעלקערונג פון דאָרטען, וועלכע פלעגט קומען אין בעריהרונג מיט די איינוואוינער פון דעם שכני׳שען אַראַבישען שפּאַניען, זיינען געוועזען וועניגער אבערגלויביש איידער אין צפון. די אידען פון פּראָוואַנס זיינען געוועזען די פערשפּרייטער פון בילדונג: זיי האָבען אַרויסגעגעבען אַ סך געלערטע, איבערהויפּט דאָקטוירים.

טרויעריגע רעזולטאַטען האָט די עפּאָכע פון די קרייצצוגען געבראַכט פאַר דעם בירגערליכען און אינערליכען לעבען פון די אידען אין דייטשלאַנד. דער וויכטיגסטער רעזולטאַט פון דיזער טרויעריגער צייט איז געוועזען דאָס, וואָס די אידען האָבען זיך צופיעל אָבגעזונדערט פון דער אַרומיגער קריסטליכער בעפעלקערונג. אַזוי ווי אַ דערשראָקענע סטאַדע שעפּסען, ערוואַרטענדיג דעם אָנפאַל פון אַ ווילדער חיה, שלאָגט זיך צוזאַמען אין אַ הויפען, אַזוי האָבען די אידען, זיך געפינענדיג צווישען שונאים און ערוואַרטענדיג יעדען טאָג אַן אויסברוך פון זייערע ליידענשאַפטען, אַלץ מעהר זיך דערווייטערט פון דער פיינדליכער סביבה און האָבען זיך פערשלאָסען אין דעם קרייז פון זייערע אייגענע נאַציאָנאַלע אינטערעסען. דער צווייטער רעזולטאַט פון דער ביטערער צייט איז געוועזען דאָס, וואָס די אידען זיינען געוואָרען דאָס א י י ג ע נ ט ו ם פון די דייטשע קעניגע, וואָרום זיי זיינען געוועזען זייערע וויכטיגסטע בעשיצער

אין דער צייט פון די ווילדע מאַסען־אויסברוכען. פון 12טען יאָהר־הונדערט אָן האָבען די אידען פון דייטשלאַנד זיך גערעכענט פאַר „קאַמער־קנעכט" פון די דייטשע הערשער. זיי זיינען געשטאַנען ניט אונטער'ן שוץ פון אַלגעמיינע בירגערליכע רעכט, נאָר אונטער'ן שוץ פון קעניג, אַזוי ווי זיין פּערזענליכעס אייגענטום. און פון דיזען אייגענטום האָט מען געזוכט אַרויסצוקריגען וואָס מעהר הכנסה. די אידען האָבען געדאַרפט צאָלען אי די בעשטענדיגע שוץ שטייערען אי ספּעציעלע שטייערען, וואָס זיינען געפאַלען זעהר שווער אויף זיי. אויסער די שטייערען צום קעניג האָבען די אידען נאָך געצאָלט בע־דייטענדע שטייערען די פעאָדאַלע פירשטען און די שטאָדטישע מאַגיסטראַטען, אויף וועמעס לאַנד זיי האָבען געוואוינט; פון זייער אונבעוועגליכען אייגענטום האָבען זיי געדאַרפט צאָלען צעהן פּראָצענט צו דער קירכע. דאָך ווען דער המון פלעגט די אידען בעפאַלען פלעגען זיי מוזען צאָלען בעזונדער אויב זיי האָבען גע־וואָלט קריגען שוץ. אַזוי צום ביישפּיעל, האָט פרידריך באַרבאַראָ־סאַ, אוועקגעהענדיג אויפ'ן דריטען קרייצצוג, אָנגענומען שטרענ־גע מיטעל נעגען אָנפאַלען אויף די אידען, אָבער דערפאַר האָבען די אידען געמוזט געבען גרויסע סומען געלט פאַר'ן קרייצצוג.

§18. רש"י און די בעלי־התוספות. די שווערע ליידען און ערנידערונגען האָבען פונדעסטוועגען ניט געקענט דערשטי־קען אין די אידען יענע גייסטיגע טהעטיגקייט, וועלכע איז, לויט דעם אויסדרוק פון רבי עקיבאָ, נויטיג פאַר'ן אידען ווי וואַסער פאַר דער פיש. זייענדיג פערפאָלגט האָבען די אידען געפונען טרייסט בלויז אין זייער גייסטיגען לעבען, אין זייער רעליגיאָן, אין דער ירושה פון זייער גרויסער פערגאַנגענהייט. נאָך פאַר די קרייצצוגען איז צווישען די פראַנצויזישע און דייטשע אידען געוועזען שטאַרק פאַרשפּרייט דאָס לערנען פון תלמוד, וועלכען עס האָבען נעגעבען א שטויס פאָרוועררטס רבנו גרשם און די „חכמי לותרניה" (לאָטרינגען). אין זעלבען יאָהר ווען עס איז געשטאָרבען רבנו גרשם (1040) איז אין דער פראַנצויזישער שטאָדט טרוא געבאָרען געוואָרען א מענש, וועלכער האָט געמאַכט דעם תלמוד צוגענגליך פאַר'ן גאַנצען פאָלק — דאָס איז געווען רבנו שלמה יצחקי, וועלכער איז בעוואוסט מיט דעם פערקירצטען נאָמען — רש"י.

אין דער יונגענד האָט רש״י געלערנט תלמוד אין די ישיבות פון די „חכמי לותרניה״. אזוי ווי דער פארצייטיגער תנא רבי עקיבא, האָט רש״י שוין נאָך דער חתונה פערלאָזען זיין פאמיליע און האָט זיך געוואָנגעלט פון שטאָדט צו שטאָדט צו הערען גאָט׳ס וואָרט פון די ליפּען פון גרויסע לעהרער. „איך האָב געארבייט — דערצעהלט ער — אונטער דער השגחה פון מיינע לעהרער אין א צייט ווען איך האָב ניט געהאט קיין ברויט, קיין קליידער און האָב געהאט אויף מיינע פּלייצעס דעם יאָך פון א הויזגעזינד״. ערשט

רש״י׳ס בית-מדרש.

נאָך לאנגער מיה, ווען ער האָט דערלערנט די גאנצע ביבלישע און תלמוד׳ישע ליטעראטור, האָט זיך רש״י אומגעקערט צו זיין פאַמיליע אין טרואָ. אין גיכען האָט דער שם פון דעם יונגען גע־לערטען זיך פארשפּרייט אין גאנץ פראנקרייך און דייטשלאנד; מען האָט זיך אָנגעהויבען צו ווענדען צו איהם מיט שאלות ותשובות, א סך לערנער זיינען געקומען אין דער ישיבה פון רש״י אין טרואָ. ערקלערענדיג זיינע צוהערער דעם תנ״ך און איבערהויפּט דעם תלמוד, האָט רש״י זיך מעהר פון אלץ געמיהט צו מאכען דעם

ענין אזוי  א י י נ פ א ך , און אזוי פערשטענדליך, אז אפילו א קינד זאָל עס קענען בענעהמען. נאָר רש״י האָט זיך ניט בענוגענט דערמיט ; ער האָט געוואָלט מאַכען גרינג דאָס לערנען פון דער אידישער חכמה אויך פאַר די קומענדע דורות. אין יענער צייט איז דאָס לערנען פון תלמוד געווען בעגלייט מיט א סך שוועריג־קייטען. אָהן דער הילף פון געניטע לעהרער און רבנים איז ניט מעגליך געווען צו פערשטעהן ניט די שווערע שפּראַך פון דעם תלמוד, ניט דעם צוזאַמענהאַנג פון זיין אינהאַלט. מען האָט געדאַרפט זיך לאַנג וואָגלען איבער פערשיידענע ישיבות כדי צו ווערען א געלערענטער תלמודיסט. און נון האָט רש״י זיך גע־נומען צו פערפאַסען א  ג ע ש ר י ב ע נ ע ם  פירוש אויפ׳ן תלמוד. אין זיין פירוש צום תלמוד בבלי ערקלערט ער קורץ, קלאָר און פערשטענדליך סיי די שווערע אויסדריקען פון טעקסט, סיי דעם גאַנצען פערוויקעלטען געדאַנקען־גאַנג פון די פאַרצייטיגע חכמים. מיט איין קורצער בעמערקונג בעזייטיגט רש״י אָפט די גרעסטע שוועריגקייטען אין פאַרשטעהן דעם טעקסט. א דאַנק דעם מוסטער־האַפטען פירוש פון רש״י איז מעגליך געוואָרען צו לערנען דעם תלמוד אָהן דער הילף פון לעהרער, און אפילו מיט יונגע קינדער. ריכטיג פלעגען זאָגען די מענשען פון יענער צייט, אז אָהן דעם פירוש פון רש״י וואָלט דער תלמוד געבליבען אזוי ווי א פּאַלאַץ אָהן א שליסעל. דיזער פירוש ווערט ביז היינטיגען טאָג געדרוקט צוזאַמען מיט׳ן תלמוד בבלי, זייט ביי זייט מיט׳ן טעקסט. רש״י האָט אויך געמאַכט א פירוש אויפ׳ן תנ״ך, וואו דער טעקסט ווערט ערקלערט ניט אזוי אין בוכשטעבליכען זין ווי לויט די ער־קלערונגען און די אגדות פון תלמוד.ביידע פירושים פון רש״י זיינען שפּעטער איינגעפיהרט געוואָרען אין אַלע חדרים.

רש״י׳ן איז באַשערט געווען איבערצולעבען די שרעקליכע יאָהרען פון דעם ערשטען קרייצצוג. ער איז געשטאָרבען אין וואָרמס, אין יאָהר 1105, איבערלאָזענדיג דריי טעכטער, פון וועלכע איינע איז געווען זיין מיטהעלפערין אין זיינע געלערנטע אַרבייטען. דיזע טעכטער זיינען געוואָרען די ווייבער פון בעוואוסטע תלמוד׳יס־טען און האָבען געבאָרען זיהן, וועלכע זיינען בעריהמט געוואָרען פאַר זייער לומדות. אי די איידעמס אי די אייניקלעך פון רש״י

האָבען פאָרטגעזעצט זיין אַרבייט. איינער פון זיינע אייניקלעך איז געווען יענער רב יעקב תם, וועלכער איז שיער ניט אומגעקומען אין דער צייט פון צווייטען קרייצצוג (§15). רבנו יעקב תם האָט געהאַט אַ שם פאַר'ן גרעסטען בעל־תורה פון זיין צייט. ער איז געווען דער גדול הדור. ער האָט געלעבט אין ראַמערו, אין פראַנקרייך, און איז געווען דער פיהרער פון אַ ישיבה, פון וועלכער עס זיינען אַרויסגעקומען אַ סך גרויסע רבנים. ער האָט פערפאַסט עטליכע טיעפזיניגע ספרים איבער'ן תלמוד, פון וועלכע עס איז בעזונדערס בעוואוסט דער „ספר הישר". פון צייט צו צייט פלעגט רבנו תם צונויפרופען אסיפות פון רבנים, וואו עס פלעגען בעשפּראָכען ווערען פראַגען און מיטלען פון אידישען לעבען. צווישען אַנדערע זאַכען האָבען די רבנים מתקן געווען, אַז אידען זאָלען זיך משפּט'ן צווישען זיך און ניט געהן אין קריסטליכען געריכט, נאָר אין דעם רבנישען „בית־דין", וואו עס פלעגט גע'משפּט ווערען לויט'ן אידישען דין און לויט די אידישע מנהגים.

אַלע איידעמס און אייניקלעך פון רש"י און זייערע תלמידים זיינען געווען בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „בעלי־התוספות", ד. ה., די „צוגעבער", ווארום זיי האָבען געשריבען זייערע געלערנטע ערקלערנגען אַלס הוספות (צוגעבונג) צו רש"י'ס פּירוש. אין די ישיבות פון די בעלי־התוספות, אַזוי ווי אַמאָל אין די ישיבות פון בבל, פלעגט מען זוכען צו שאַרפען די מחות דורך טיעפזיניגע וכוחים אין תורה און תלמוד. די בעלי־התוספות פלעגען אַריינדרינגען אין די טיעפענישען פון שווערע תלמוד'ישע פערהאַנדלונגען און דינים, פלעגען אויפדעקען זייערע קוועלען און פלעגען אויסגלייכען זייערע סתירות. די צאָל פון די בעלי־התוספות אין 12טען און 13טען יאָהרהונדערט האָט דערגרייכט ביז 150. „תוספות", ד. ה., די ערקלערונגען פון די בעלי־התוספות, דרוקען זיך נאָך עד היום אין אַלע אויסגאַבען פון תלמוד, זייט ביי זייט מיט רש"י.

די פראַנצויזישע און די דייטשע אידען האָבען זיך ניט אָבגעגעבען מיט וועלטליכער בילדונג און פילאָזאָפיע אַזוי ווי די שפּאַנישע אידען, נאָר האָבען זיך אינגאַנצען געווידמעט דעם תלמוד. בלויז אין פראָווענס, וועלכע איז געשטאַנען אונטער'ן

איינפלוס פון שפּאַניען, איז די ליטעראַרישע שעפּפונג געווען מעהר פערשיידענאַרטיג. די געלערטע פון דער פאַמיליע אבן־תבון האָבען איבערזעצט פון אַראַביש אויף העברעאיש די פילאָזאָפּישע ווערק פון רבי יהודה הלוי, רמב״ם און אַנדערע דענקער. די קמחי׳ס (איבערהויפּט איינער פון דיזער פאַמיליע, — רב דוד קמחי, אָדער דער רד״ק) האָבען בעאַרבייט דעם העבּ־רעאישען דקדוק און האָבען געשריבען פּירושים אויפ׳ן תנ״ך. אָבער אין צפון־פראַנקרייך און דייטשלאַנד איז ניט געווען קיין באָדען פאַר פרייער פאָרשונג. דאָ אין מיטען פון די נאַציאָנאַלע אומגליקען, האָבען זיך די געלערטע פערטיעפט איינגאַנצען אין זייער רעליגיעזער ליטעראַטור, און האָבען אין איהר געזוכט טרייסט און מוט. אויסער דעם תלמוד האָבען זיי זיך אָבגע־געבען מיט רעליגיעז־מאָראַלישע לעהרען. ר׳ יהודה חסיד, איינער פון די בעלי־התוספות (אַרום 1200) האָט אָנגעשריבען דעם „ספר חסידים״, וואו צוזאַמען מיט ערהאַבענע מאָראַלישע לעה־רען געפינען זיך מעשות, וואָס יאָגען אַרויף אַ שרעק אויפ׳ן לעזער. אָט זיינען איניגע שטעלען פון דיזען ספר: „מען טאָר ניט ריידען קיין פאַלשקייט; מען טאָר ניט מיט דער צונג ריידען איינס און אין געדאַנק טראַכטען עפּיס אַנדערש, וואָרום דער געדאַנק און די צונג דאַרפען שטימען. דיזען כלל דאַרף מען אבהיטען אפילו צו די מענשען פון אַנדערע גלויבענס. מען טאָר ניט אָבנאַרען ניט קיין אידען און ניט קיין גוי, וואָרום גאָט היט אַלע פריעדליכע מענשען, סיי אידען, סיי גוים.״ „אויב מען זידעלט דיך אָדער מען רעדט פאַר דיר גראָבקייטען, שווייג. דער כלל פון דעם קלוגען איז שווייגען: ווען איך רעד קען עס נאָך מיר שפּעטער באַנג טהאָן; אָבער ווען איך שווייג וועט מיר קיינמאָל ניט באַנג טהאָן״. „אינגלעך און מיידלעך זאָלען ניט קומען צוזאַמען און ניט שפּיעלען צוזאַמען. איינמאָל איז אַ מאַן געפאָהרען ביינאַכט. ביים שיין פון דער לבנה האָט ער דערזעהן אַ סך גרויסע וועגען אין וועלכע עס זיינען געזעסען מענשען און אין וועלכע עס זיינען געווען איינגעשפּאַנט אויך מענשען, און ווען מען האָט די לעצטע געפרעגט וואָרום זיי שלעפּען די וועגען, האָבען זיי געענטפערט: ווען מיר האָבען

געלעבט פלעגען מיר זיך לוסטיג מאַכען מיט פרויען, און איצט קומען מיר אַזוי אָפּ דערפאַר". דער ספר איז פול מיט מעשות פון מתים, שדים און ניט־גוטע. אין דיזען ספר בעגעגענט זיך צום ערשטען מאָל דער פאָלקס־גלויבען, אַז אין מיטען נאַכט שטעהען אויף די מתים פון די קברים און קלייבען זיך צוזאַמען אין די לעדיגע שוהלען, און דאַוונען; און ווער עס זעהט די מתים דאַוונען אָדער הערט זייער קול דער שטאַרבט אין פערלויף פון עטליכע טעג.

די שווערע ליידען וואָס די אידען האָבען איבערגעלעבט אין דער צייט פון די קרייצצוגען, זיינען אויסגעדריקט געוואָרען אין אַ סך סליחות, וועלכע מען זאָגט אין די טעג פון תעניתים.

---

פיערטער קאַפּיטעל.

# די דורות פון מאַרטירערטום ביז גירוש פראַנקרייך.

.(1215—1394)

§19. פּאַבסט אינאָקענטי דער 3טער. די קרייצצוגען האָבען זעהר פיעל פערשטאַרקט די גייסטליכע און וועלטליכע מאַכט פון די רוימישע פּאַבסטען. גאַנץ מערב אייראָפּא איז געוואָרען אַזוי ווי איין מלוכה, וואו עס האָט געהערשט אונבעגרענצט דער עלטסטער פון דער קאַטוילישער קירכע, וועלכער האָט געוואוינט אין רוים, און וועלכער פלעגט פאַנאַנדערשיקען זיינע בעפעהלען צו קעניגע און פעלקער. די מאַכט פון די פּאַבסטען האָט דערגרייכט איהר העכסטע שטופע אין דער צייט פון פּאַבסט אינאָקענטי דעם 3טען אין אָנהויב פון 13טען יאָהרהונדערט. דאָס איז געווען אַ שטרענגער מענש און האָט ליעב געהאַט צו הערשען. ער האָט גרויזאַם געשטיקט די מינדסטע סמנים פון פרייען געדאַנק און ער האָט געזעהן אַ געפאַהר אין דעם וואָס די אידען לעבען צווישען די קריסטען און פאַרגיפטען זיי מיט זייער אַפּיקורסות. נאָר אַזוי ווי אומצוברענגען אַלע אידען איז געווען אונמעגליך, האָט

דער פּאַבסט געוואָלט לכל הפחות זיי פּערוואַנדלען אין אַ רעכט־לאָזען קלאַס. די אידען — פלעגט ער שרייבען אין זיינע קירכליכע צושריפטען צו די קעניגע און פירשטען — זיינען פאַר׳משפּט צו אייביגער קנעכטשאַפט דערפאַר וואָס זייערע עלטערען האָבען גע־קרייציגט יעזוס׳ען; זיי מוזען, אַזוי ווי דער ברודער־מערדער קין, זיך אייביג וואָגלען איבער דער וועלט און אָבקומען פאַר זייער זינד; קריסטליכע הערשער דאַרפען זיי דעריבער ניט בעשיצען, נאָר פאַר־קערט, דאַרפען זיי פּארקנעכטען און האַלטען אָבגעזונדערט פון די קריסטען, אַזוי ווי אַ געדולדעטען, רעכטלאָזען נידעריגען קלאַס מענשען, כדי עס זאָל זיין אַ קענטיגער סימן צווישען די געטרייע קינדער פון דער קירכע און די פאַרשטויסענע קינדער פון דער שוהל.

די שנאה פון אינאָקענטי דעם 33טען צו די אידען האָט געהאַט אַ שטאַרקע שייכות מיט דער בעוועגונג פון די „אַלביגענזער", וואָס איז אין יענער צייט אויפגעשפּרונגען אין דרום פראַנקרייך. אונטער דעם איינפלוס פון דער אידיש־אַראַבישער בילדונג וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט אין פּראָוואַנס האָבען די אָרטיגע קריסטען אָנגעהויבען לייענען און פריי טייטשען די ביבעל און זיי האָבען איינגעזעהן, אַז די לעהרע פון דער רוימיש־קאַטוילישער קירכע אונטערשיידט זיך שטאַרק פון די אמת׳ע לעהרען פון דעם עוואַנ־געליום. עס האָט זיך געגרינדעט אַ סעקטע „אַלביגענזער", וועלכע האָט געפּרעדיגט אַ ריינעם קריסטענטום און האָט זיך פער־האַלטען מיט פיינדשאַפט צו דער רוימישער קירכע. דער פּאַבסט האָט אָנגעהויבען שרעקליך צו רודפ׳ן די אַלביגענזער און ער האָט געמאַכט אַ קרייצצוג געגען זיי. די קרייץ־טרעגער האָבען זיך אריינ־געריסען אין פּראָוואַנס, האָבען דאָרט אויסגע׳הרג׳ט צעהנדליגע טויזענדע "אַפּיקורסים" און האָבען פערוויסט דאָס לאַנד. עס האָבען געליטען אויך די אידען, וועלכע זיינען בעטראַכט געוואָרען פאַר די ערשטע שולדיגע. ווען די פאַנאַטישע מחנות פון דעם מאָנאַך אַרנאָלד האָבען גענומען די שטאָדט בעזיער האָט מען צווישען די גע׳הרג׳טע געפונען צוויי הונדערט אידען (1209). „שלאָגט אַלעמען — האָט אַרנאָלד אָנגעזאָגט די קרייץ־טרעגער — און דאָרט אויפ׳ן

הימעל וועטשוין גאָט אַליין דערקענען ווער עס זיינען די שולדיגע און ווער ניט!"

אין דרום־פראַנקרייך איז איינגעפיהרט געוואָרען די „אינקוויזיציע", אָדער אַ געהיימער קירכליכער געריכט צו אויסשפּירען און אויסראָטען פריידענקענדע קריסטען און אידען. אין דיזער צייט איז אויך געגרינדעט געוואָרען דער מאָנאַכישער אָרדען פון די ד אָ מ י נ י ק אַ נ ע ר, וועלכער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציעל צו פערהיטען די קירכע פון יעדען סימן פון פרייען געדאַנק. די דאָמיניקאַנער זיינען געוואָרען די ביטערסטע פיינד פון די אידען, האָבען זיי שטענדיג פערפאָלגט און ערנידריגט.

דער רוימישער פּאַבסט און זיין אַרמיי מאָנאַכען האָבען געזוכט אָבצושניידען יעדע בעציהונג צווישען אידען און קריסטען. אין יאָהר 1215 האָט אינאָקענטי דער דריטער צוזאַמענגערופען אַן אסיפה פון דער קירכע, מיט'ן צוועק אָנצונעהמען מיטעל געגען די אפּיקורסים און די אַנהעננער פון אַנדערע אמונות אין אַלע לענדער. צווישען אַנדערעס האָט די אסיפה אָנגענומען אַ רייהע געזעצען געגען די אידען. די קריסטליכע הערשער זיינען פערזאָגט געוואָרען: ניט צוצולאָזען קיין אידען צו שטעלען פון דער רעגירונג; ניט ערלויבען זיי זיך צו ווייזען אין גאַס אין דער קריסטליכער פסח־וואָך; אכטיג צו געבען אַז די גע'שמד'טע אידען זאָלען אין געהיים ניט אָבהיטען זייער פריהערדיגע אמונה; צו צווינגען אידען, וואָס קויפען אָפּ הייזער פון קריסטען, צו צאָלען שטייערען דער קירכע. אָבער דאָס גרויזאַמסטע מיטעל וואָס דיזע קירכען־אסיפה האָט אָנגענומען איז געווען דער „שאַנד־צייכען". אזוי ווי אין אַ סך לענדער האָבען זיך די אידען ניט אונטערשיידט אין זייער קליידונג פון די קריסטען און דעריבער איז געווען גרינג זיי צו פאַרבייטען, דעריבער האָט די אסיפה בעשלאָסען, אַז די אידען, סיי מענער סיי פרויען, זאָלען טראָגען אַן אַנדער קליידונג, אָדער אַ בעזונדערען צייכען אויף זייערע קליידער פון עפּעס אַ העלען קאָליר. שפּעטער איז ווייטער פעסטגעשטעלט געוואָרען אַז דער דאָזיגער צייכען דאַרף זיין אַ קיילעכדיגע געלע לאַטע, וועלכע זאָל געטראָגען ווערען אויפ'ן הוט אָדער אויפ'ן אויבערשטען מלבוש. דיזער צייכען האָט געדאַרפט דיענען אַלס שאַנד־פלעק פאַר

אידישע קאָסטומען מיט דער געלער לאַטע
(פון אַן אַלטער ענגלישער ביבעל).

יעדען אידען. בענעגנענדיג אַזאַ אידען האָט יעדער קריסט איהם געקענט אונבעשטראָפט בעליידיגען, פון איהם חוזק מאַכען; און דער איד זעלבסט, טראָגענדיג אַזאַ צייכען, האָט זיך געמוזט פיהלען ערנידריגט און שוצלאָז. צום גליק האָבען ניט אַלע הערשער אויס־געפיהרט דעם בעשלוס פון דער קירכען־אסיפה, און ניט אַלע אידען האָבען געפאָלגט. די שטאָלצע שפּאַנישע אידען, וואָס האָבען גע־וואוינט אין קריסטליכע לענדער, האָבען זיך ענטזאגט צו טראָגען די געלע לאַטע, און אין אַנדערע לענדער פלעגען רייכע אידען זיך אויסקויפען דערפון מיט געלד.

§20. די רדיפות אויפ'ן תלמוד און די דיספוטען. די הייסעסטע אנהעננגער פון דער רוימישער קירכע אין יענער צייט זיינען געוועזען די פראַנצויזישע קעניגע. דער פרומער קעניג „לואיס דער הייליגער" איז געוועזען אַ בלינדע געצייג אין די הענד פון די גלחים און האָט פערפאָלגט די אידען מיט דער כונה צו צווינגען זיי צום קריסטענטום. ניט בענוגענדיג זיך מיט די רדיפות אויף די אידען האָט דער קעניג און די גלחים גענומען רודפ'ן אויך די אידישע אמונה. איין גע'שמד'טער איד, ניקאָלאַי דאָנין, פון וועל־כען זיינע געוועזענע אידישע פריינד האָבען זיך אָבגעקערט מיט פעראַכטונג, האָט פאַר'מסר'ט פאַר'ן פּאַבסט גרעגאָר דעם 9טען, אַז אין תלמוד געפינען זיך אַ סך שעדליכע מיינונגען און בעליידי־גענדע אויסדריקען אנטקעגען קריסטען. דער פּאַבסט האָט בע־פעהלען די בישאָפּס זיך צו בעקענען מיט'ן אינהאַלט פון דעם תלמוד, און אויב זיי וועלען געפינען אַז די מסירה פון דאָנין איז אמת, זאָל מען דעם תלמוד עפענטליך פאַרברענען. די אויספאָרשונג האָט זיך אָנגעהויבען אין דער פראַנצויזישער הויפּטשטאָדט, אין פּאַריז. ביי איינע פּאַריזער אידען האָט מען אָבגענומען זייערע גמרא'ס און מען האָט גערופען די רבנים זיי זאָלען ערקלערען. אין גיכען איז אין פּאַריז בעשטימט געוואָרען אַן עפענטליכער וכוח אָדער דיספּוט צווישען דעם מוסר ניקאָלאַי דאָנין און פיער רבנים, בראש פון וועלכע עס איז געשטאַנען דער אנגעזעהענער פּאַריזער רב יחיאל. דער דיספּוט איז פּאָרגעקומען אין יוני, 1240, אין דער אנוועזענהייט פון די העכסטע בעאַמטע פון הויף, פון דער קירכע און אָדעלינגע. רבי יחיאל האָט גלענצענד אָבגעשלאָגען די בע־

שולדיגונגען פון דעם משומד, דערווייזענדיג אַז אין תלמוד זיינען ניטאָ קיינע בעליידיגענדע מיינונגען וועגען פרעמדע רעליגיאָנען בכלל און געגען קריסטענטום בפרט. אָבער אומזיסט איז געווען די מיה פון די רבנים. דער שיקזאַל פון תלמוד איז געווען בעשטימט פאָראויס. פון אַלע עקען פראַנקרייך האָט מען צוזאַמענגעפיהרט די גמרא׳ס וואָס מען האָט אָבגענומען ביי די אידען, און פיער און צוואַנציג שווער אָנגעלאָדענע וועגען מיט דיזע ספרים האָט מען עפענטליך פאַרברענט אין איינער פון די פאַריזער גאַסען (1242). די נאַכריכט וועגען דער פאַרברענונג פון די הייליגע ספרים האָט ארויסגערופען גרויס טרויער ביי די אידען אין אַלע לענדער. עס איז פערפאַסט געוואָרען אַ „קינה" וועגען דיזען אומגליק, וועלכע מען האָט געזאָגט אין די שוהלען. די קינה הויבט זיך אָן מיט די ווערטער:

פרעג, אָה, פאַרברענטע (תורה) וואָס מאַכען
די וואָס וויינען אויף דיין שרעקליכען מזל.

די פאַרברענונג פון תלמוד האָט געבראַכט אַ שווערען קלאַפּ צו דער אידישער געלערנטקייט אין פראַנקרייך. די צאַל פון די ישיבות האָט אָנגעהויבען קלענער צו ווערען, און די טעטיגקייט פון די בעלי־התוספות האָט גיך אויפגעהערט.

דיספּוטען צווישען די רבנים און גלחים זיינען פאָרגעקומען דעמאָלט אויך אין דעם קעניגרייך אַראַגאָניען, אין דעם קריסטליכען טייל פון שפּאַניען. דער קעניג פון אַראַגאָניען, יאַקאָב דער 1טער, איז געווען אַ הייסער קאַטאָליק און האָט געטרוימט וועגען איבער׳שמד׳ן די אידען און די אַראַבער. די דאָמיניקאַנער האָבען אין זייערע שולען געלערנט העברעאיש און אַראַביש, כדי די מאָנאַכען זאָלען קענען מיט ערפאָלג פאַרשפּרייטען דאָס קריסטענטום צווישען דיזע צוויי פעלקער. צווישען די דאָזיגע מאָנאַכען־מיסיאָנערען איז געווען דער אידישער משומד פּוילוס קריסטיאַני. פּוילוס האָט אומגערייזט איבער דרום־פראַנקרייך און שפּאַניען און האָט געפּרעדיגט די קאַטוילישע אמונה צו זיינע געוועזענע פאָלקס־ברידער, און פלעגט זיך אָפט שטיצען אויף פערשיידענע שטעלען אין תנ"ך און תלמוד. מיט איהם האָבען זיך די דאָמיניקאַנער בענוצט פאַר זייערע צוועקען. זיי האָבען

בעשלאָסען צו מאַכען אַן עפענטליכען דיספּוט צווישען איהם און איינעם פון די גרעסטע רבנים, האָפענדיג דאָס אויב פּוילוס וועט מנצח זיין, וועלען די אידען געצוואונגען זיין אָנצונעהמען דאָס קריסטענטום. דער קעניג יאַקאָב האָט מסכים געווען דערצו און האָט גערופען צום וכוח פון דער אידישער זייט דעם בעריהמטען רב דעם רמב"ן (רבנו משה בן נחמן).

דער רמב"ן, אָדער ווי ער הייסט אויך נחמני (1195—1270), איז געווען איינער פון די גרעסטע אידישע דענקער פון 13טען יאָהרהונדערט. אויסער תלמוד און די רבנישע ליטעראַטור האָט דער רמב"ן בעזעסען אויך אַ הויכע וועלטליכע בילדונג, האָט גע־לערנט דאָקטאָריע, און האָט געקענט גוט שפּאַניש און אַראַביש. פונדעסטוועגען איז ער ניט געווען אַזאַ פרייער דענקער ווי דער רמב"ם און האָט געהאַלטען די מיינונג, אַז דער שכל דאַרף זיך אונטערוואַרפען צום גלויבען. אין זיין אויסגעצייכענטען פּירוש אויפ'ן תנ"ך האָט זיך דער רמב"ן אַרויסגעוויזען פאַר אַן אנהענגער פון דער „קבלה", ד. ה. די געהיימניספולע לעהרע וועגען גאָט און מלכות השמים, וואָס האָט זיך דעמאָלט נאָר־וואָס אָנגעהויבען צו ווייזען. אָט דיזען רב, וועלכען די אידען האָבען געהאַלטען פאַר אַ הייליגען, האָט דער אַראַגאָנישער קעניג גערופען צו אַ דיספּוט מיט די דאָמיניקאַנער. דער רמב"ן האָט אָנגענומען די איינלאַדונג, ניט־ווילענדיג, און צום בעשטימטען טערמין איז ער אָנגעקומען קיין באַרצעלאָנאַ, וואו דער דיספּוט האָט בעדאַרפט פאָרקומען (1263). דער קלוגער רב האָט קודם־כל אויסגענומען אַ תנאי אַז מען זאָל איהם אין דעם דיספּוט לאָזען ריידען פראַנק און פריי; ווען מען האָט איהם נאָכגעגעבען דיזען פערלאַנג איז ער מוטיג און ווירדיג צוגעטראָטען צום וכוח. דער וכוח איז פאָרגעקומען אין קעניגליכען הויף, אין דער אנוועזענהייט פון דעם קעניג, די הויפּלייט, בעאַמטע פון דער קירכע, ריטער און מענשען פון אַנדערע פעלקער. די וכוחים האָבען געדויערט פיער טעג. זיי האָבען זיך געדרעהט אַרום פאָל־גענדע פראַגען: 1) איז שוין משיח געקומען אָדער ער דאַרף ערשט קומען? 2) איז משיח גאָט אָדער אַ מענש? 3) וועמעס גלויבען איז דער ריכטיגער? פּוילוס קריסטיאַני האָט זיך געשטיצט אויף פּסוקים פון תנ"ך און אויף שטעלען פון תלמוד צו דערווייזען אַז

די קריסטליכע אמונה איז די אמת'ע. דער רמב"ן האָט בעוויזען אז משיח איז נאָך ניט געקומען, ווארום לויט די ווערטער פון די נביאים דאַרף משיח ברענגען פריעדען אויף דער וועלט און זיין קומען דאַרף מאַכען אַ סוף צו אַלע מלחמות, אָבער איצט הערשט נאָך איבעראַל גוואַלט און עס גיסט זיך בלוט אין אונאויפהערליכע מלחמות צווישען די פעלקער. דער רמב"ן האָט אַזוי מוטיג און ענטשלאָסען אָבגעשלאָגען די בעווייזע פון זיין געגנער, אַז די אידען פון באַרצעלאָנאַ האָבען אָנגעהויבען זיך שרעקען אז ער זאָל דערמיט ניט אויפרייצען די דאָמיניקאַנער און ארויסרופען רדיפות אויף דער גאַנצער אידישער קהילה. פונדעסטוועגען איז דער דיספוט בשלום געבראַכט געוואָרען צו אַן ענדע—און דער רמב"ן איז אַרויסגעקומען דער זיעגער. דער קעניג האָט זיך אויס־געדריקט, אַז ער האָט נאָך „קיינמאָל ניט געהערט אַזאַ קלוגע פער־טיידיגונג פון אַן אומגערעכטער זאַך". די צורייצטע דאָמיניקאַנער האָבען זיך בעקלאָגט פאַר'ן פאַבסט אין רוים, אַז דער רמב"ן האָט מיט זיינע רייד בעליידיגט די קאַטוילישע אמונה און האָבען גע־צוואונגען דעם גרויסען רב צו פערלאָזען שפּאַניען. דער זיבעציג־יעהריגער זקן איז אַוועק קיין ארץ־ישראל, וואוהין עס האָט שוין איהם לאַנג געצויגען. ער איז אָנגעקומען אהין אין יאָהר 1267 און האָט מיט צער צוגעזעהן די חורבות פון דער הייליגער שטאָדט ירושלים, וואָס איז פאַרוויסט געוואָרען אין די לאַנגע מלחמות צווישען די קריסטען און מאַחמעדאַנער. פּאַלעסטינאַ האָט זיך דע־מאָלט געפונען אונטער די הערשאַפט פון דעם עגיפּטישען סולטאַן און עס האָבען דאָרט געלעבט צעוואָרפענע קליינע אידישע קהילות. דער רמב"ן האָט געוואָלט פאַראייניגען די דאָזיגע אידען און האָט זיי געוועקט צו בויען שוהלען און ישיבות; עס איז איהם געלונגען צו פערזאַמלען ארום זיך אַ קליינעם קרייז תלמידים. נאָר ניט לאַנג האָט דער רמב"ן געלעבט אין דעם הייליגען לאַנד. ארום יאָהר 1270 איז ער געשטאָרבען און מען האָט איהם מקבר געווען אין דער שטאָדט חיפה.

§21. שפּאַניען און פראַנקרייך; דער קאַמפּף צווישען רעליגיאָן און וויסענשאַפט. אין 13טען יאָהרהונדערט האָבען די קריסטליכע קעניגע פון קאַסטיליען און אַראַגאָניען אָבגעהאַלטען

א רייהע נצחונות איבער די שפּאנישע אראבער און האָבען זיי ארויסגעשטויסען פון דעם גרעסטען טייל פון לאנד. אין די הענד פון די אראבער איז געבליבען בלויז א קליינעם קעניגרייך אויפ'ן דרום־ברעג פון שפּאניען, מיט דער הויפּטשטאָדט גראנאדא. אויף אזא אופן האָבען אין שפּאניען, אזוי ווי אין די אנדערע אייראָפּעאישע לענדער, זיך בעפעסטיגט די קאטוילישע גייסטליכע, וועלכע האָבען געהאסט די אידען. די גלחים האָבען געשטרעבט איינצורפיהרען דאָ דיזעלבע בעליידיגענדע געזעצען, וואָס האָבען געהערשט אין פראנקרייך פאר די אידען. די קירכליכע געזעצען האָבען פארבאָטען די אידען צו פארנעהמען רעגירונגס־שטעלען, בויען נייע שוהלען, האַלטען קריסטליכע דיענער, עסען צוזאמען אָדער זיך באָדען אין איין מרחץ מיט קריסטען. איבערהויפּט איז געווען די שטראָף גרויס פאר ניט טראָגען די „געלע לאטע" אויף די קליידער. אָבער דיזע אַלע געבאָטען פון דער קירכע זיינען זעלטען אָבגעהיט געוואָרען צווישען די שפּאנישע אידען: די שפּאנישע אידען זיינען דעמאָלט געווען צו פיעל געבילדעט און צו מעכטיג, אז זיי זאָלען זיך אונטערווארפען צו אזעלכע שענדליכע געזעצען; און די פיהרער פון דער רעגירונג, וויעדער, האָבען זיך שטענדיג גענויטיגט אין די לייסטונגען פון די געבילדעטע אידען און האָבען ניט געשענקט קיין אויפמערקזאמקייט צו די פאָדערונגען פון דער קירכליכער הערשאפט. די שפּאנישע קעניגע האָבען געהאט אידען פאר מיניסטאָרען און ראטגעבער. אזוי צוםביישפּיעל איז פאר'ן קאסטילישען קעניג אַלפאָנס דעם קלוגען (1252—82) דער איד מאיר דע־מאליאה געווען פינאנץ־מיניסטער, און נאָך מאיר'ס טויט איז דער אמט אריבער צו זיין זוהן. דער לייב־דאָקטאָר פון דעם קעניג איז אויך געווען א איד. זייענדיג א ליעבהאָבער פון אסטראָנאָמיע און אסטראָלאָגיע פלעגט דער קעניג איינלאדען צו זיך אין הויף מאַטעמאַטיקער און אסטראָנאָמען פון פערשיידענע פעלקער, און דעם חשוב'סטען פּלאץ צווישען די האָט פערנומען א איד פון טאָלעדאָ, דער גרויסער אסטראָנאָם יצחק אבן־סעיד, וועלכער האָט צונויפגעשטעלט אויפ'ן פערלאנג פון קעניג „אסטראָנאָמישע טאבעלען", וועלכע רופען זיך די „אַלפאָנסישע טאבעלען". די דאָזיגע טאבעלען האָבען געדיענט אלס מיטעל פאר די געלערטע אזש ביז די אסטראָ־

נאָמישע ענטדעקונגען פון דער נייער צייט. די אידישע קהילה אין טאָלעדאָ, די הויפּטשטאָדט פון קאסטיליען, איז געווען די רייכסטע און געבילדעטסטע אין גאנץ שפּאניען.

דאָס גייסטיגע לעבען פון די אידען אין דעם קריסטליכען שפּאניען איז געווען פּונקט אזוי פערשיידען ווי אונטער דער שפּאַ־נישער הערשאפט. די טהעטיגקייט פון די געלערנטע און שרייבער איז געגאנגען אין צוויי הויפּט־ריכטונגען: אייניגע האָבען בע־ארבייט דעם תנ״ך און תלמוד און האָבען זיך פּארטיעפט אין דער לעהרע פון יודענטום; אנדערע האָבען זיך אָבגעגעבען מיט וועלטליכער בילדונג, מיט רעליגיעזער פילאָזאָפיע, און מיט פּאָ־עזיע. דער רמב״ם איז דעמאָלט געווען דער קעניג אין דער פילאָ־זאָפיע. זיינע ווערק האָט מען געלערנט מיט גרויס פלייס און פיעלע האָבען זיי נאָכגעמאכט. די פרייע געדאנקען פון דעם רמב״ם האָבען צוגעצויגען די אידישע יוגענד. שטרעבענדיג צו פעראייניגען גלויבען מיט וויסענשאפט פלעגען די נאָכפאָלגער פון דיזען פילאָזאָף קומען אָפט צו געוואָגטע בעשלוסען. איינע פלעגען לערנען דעם תנ״ך אין א וויסענשאפטליכען גייסט און האָבען בעהויפּטעט, אז די נסים וואָס ווערען דאָרט דערצעהלט זיינען פאָרגעקומען אויף א נאטיר־ליכען אופן; אנדערע האָבען געלערנט, אז אלע דינים און מנהגים פון יודענטום האָבען בלויז דעם צוועק אויפצואוועקען אין הארצען רעליגיעז־מאָראלישע געפיהלען און ברענגען צו גוטע מעשים; דעריבער, ווען א מענש בעזיצט שוין א הויכע רעליגיעזע מאָראל דאַן זיינען פאר איהם די דאָזיגע דינים און מנהגים ניט קיין חוב אָבצוהיטען. די פארשפרייטונג פון אָט דיזע פרייע געדאנקען צווישען דער יוגענד האָט שטאַרק בעאונרוהיגט די פרומע רבנים, און זיי האָבען בעשלאָסען אריינצוטרעטען אין א קאמפּף מיט דער וויסענשאפט און דער פילאָזאָפיע.

דיזער קאמפּף האָט זיך אָנגעהויבען אין דרום־פראנקרייך, אין גיכען נאָכ׳ן טויט פון רמב״ם. דאָ האָבען עטליכע רבנים, אונטער דער פיהרערשאפט פון ר׳ שלמה פון מאנפּעליע, ערקלערט פאר אפּיקורסים אלע די, וואָס לערנען פילאָזאָפיע, און די ווערק פון רמב״ם האָבען זיי אריינגעלעגט אין חרם (1232). דאָס האָט אויפ־גערעגט די אנהענגער פון פרייען געדאנק, און עס האָט זיך צו־

פלאַקערט אַ ביטערע מחלקה. די געגנער האָבען געשריבען איינע אויף די אַנדערע שאַרפע אַנגריפען, וועלכע פלעגען זיך פאַרשפּריי־טען איבער אַלע קהילות. דאַן האָבען די קנאים פון מאָנפּעליע געמאַכט נאָך אַ געפעהרליכערען שריט. זיי זיינען אַוועק צו די דאָ־מיניקאַנישע מאָנאַכען, וועלכע האָבען גע׳רודפ׳ט די אַלביגענזער אין פּראָוואַנס און האָבען געזאָגט צו זיי: „זייט וויסען אַז אין אונזער פאָלק זיינען אויך פאַרהאַן אַ סך אפּיקורסים און גאָט־לעסטערער, וועלכע קוויקען זיך מיט דער לעהרע פון דעם רמב״ם, דעם מחבר פון אפּיקורס׳ישע פילאָזאָפישע ספרים. אויב איהר וואָרצעלט אויס אייערע אפּיקורסים, דאַן וואָרצעלט אויס אונזערע אויך און פאַרברענט די שעדליכע ספרים״. די דאָמיניקאַנער האָ־בען זיך דערפרעהט דערמיט און האָבען באַלד בעשלאָסען, מיט דער ערלויבניש פון די העכערע גלחים, צו פאַרברענען די ספרים פון דעם רמב״ם. אין מאָנפּעליע האָט מען געמאַכט אַ הויז־אונ־טערזוכונג ביי די אידען און אַלע עקזעמפּלאַרען פון דעם „מורה נבוכים״ און „ספר המדע״ וואָס מען האָט ביי זיי געפונען האָט מען עפענטליך פאַרברענט (1233). דאָס זעלבע האָט מען געטהאָן אין פּאַריז, וואו עס ווערט דערצעהלט, אַז דעם פייער צו פאַר־ברענען די ספרים האָט מען אָנגעצונדען מיט אַ ליכט וואָס איז געבראַכט געוואָרען פון אַ קאַטוילישען קלויסטער. דיזער שרעקליכער בונד צווישען אַ הייפעל רבנים מיט די מאָנאַכען האָט אַרויסגע־רופען דעם צאָרן פון אַלע בעסערע פאַרשטעהער פון יודענטום. אַ סך רבנים האָבען זיך אַליין דערשראָקען זעהענדיג צו וואָס עס קען ברענגען די אינערליכע רעליגיעזע מלחמה. די רדיפות געגען דער פילאָזאָפיע האָבען אויפגעהערט און דער קאַמפּף פון די פּאַר־טייען האָט זיך געענדיגט פאַר׳ן אָנהויב פון 14טען יאָהרהונדערט.

אין אָנהויב פון 14טען יאָהרהונדערט זיינען אין שפּאַניען בעריהמט געוואָרען צוויי רבנים: דער רשב״א (ר׳ שלמה בן אדרת) און דער ראַ״ש (ר׳ אשר בן יחיאל). דער רשב״א איז געוועזן רב פון באַרצעלאָנאַ און האָט פערפאַסט אַסך פאָרשונגען וועגען דעם תלמוד. ער האָט זיך געוועכענט פאַר׳ן גרעסטען רב אין שפּאַניען און פראַנקרייך אין זיין צייט. זיין בן־דורו דער ראַ״ש האָט פון אָנפאַנג געלעבט אין דייטשלאַנד, וואו ער האָט געלערנט ביי די בעלי־

התופסות. זיך אַריבערציהענדיג קיין שפּאַניען איז ער געוואָרען אַ ראש ישיבה אין טאָלעדאָ. צו זיין ישיבה האָבען זיך צוזאַמענ־געצויגען תלמידים פון אַלע עקען אייראָפּאַ. אין דער רבני'שער ליטעראַטור האָט דער רא"ש פעראייביגט זיין נאָמען מיט זיין פּירוש „פּסקי הרא"ש", וואָס דיענט אַלס הילף צו לערנען דעם תלמוד. אַלס געבירטיגער פון דייטשלאַנד און אַ תלמיד פון די בעלי תוספות, האָט דער רא"ש ניט געהאַלטען פון די וועלטליכע וויסענשאַפטען און האָט זיי אפילו געהאַלטען אַלס געפעהרליך פאַר דער אמונה. זעהענדיג אַז אין שפּאַניען איז די וועלטליכע בילדונג און די פילאָזאָפיע שטאַרק פאַרשפּרייט צווישען די אידען האָט ער זיך אָנגעשלאָסען צו דער פּאַרטיי פון די געגנער פון פילאָזאָפיע. צו דיזער פּאַרטיי האָט געהערט אויך דער רשב"א. אין יענער צייט איז דיזע פּאַרטיי וויעדער אריין אין אַ קאַמפּף מיט די פרייערענקער. די רבנים פון דרום־פראַנקרייך און שפּאַניען האָבען געשריבען צו די קהילות פון זייערע בעצירקען, אַז די אידישע יוגענד וואָס בעשעפטיגט זיך מיט בילדונג און פילאָזאָפיע צום שאַדען פון תלמוד, זיינען עובר אויף מאַנכע עיקרים פון דער אמונה. ענדליך האָט דער רשב"א מיט דער הסכמה פון דעם רא"ש אויסגערופען אין דער שוהל פון באַרצעלאָנאַ די פאָלגענדע גזרה: פיר אַלע אידען ביז'ן עלטער פון 25 יאָהר ווערט פאַרבאָטען צו לייענען ביכער פון נאַטור־וויסענשאַפט און פילאָזאָפיע; די וואָס טייטשען דעם תנ"ך אין פילאָזאָפישען גייסט ווערען בעטראַכט פאַר אפיקורסים, אויף וועלכע עס ליגט אַ חרם אויף דער וועלט און וועלכע זיינען פאַר'משפט צו גיהנום אויף יענער וועלט, און זייערע ווערק דאַרפען פאַרברענט ווערען; עס ווערט ערלויבט נאָר צו לערנען מעדיצין, אַלס אַ פּראָפעסיאָן. דיזע גזרה איז אויסגערופען געוואָרען אין די שוהלען אין אַ סך שטעדט (1305). אָבוואָהל די בעריהמטע געלערטע פון דעם אַנדערען צד האָבען שטאַרק פּראָטעסטירט געגען דער גזרה פון די רבנים, דאָך האָבען זיי געזיעגט. די צאָל פון וועלטליכע געלערטע, דענקער און פּאָעטען אין שפּאַניען איז אַלץ קלענער געוואָרען, און אין דער זעלבער צייט איז די צאָל פון תלמוד'יסטען געוואַקסען.

איינער פון די לעצטע בעדייטענדע דענקער פון יענער צייט

איז געווען דער דאָקטאָר ר׳ לוי בן גרשם (דער רלב״ג). ער האָט געלעבט אין אווינאָן, דרום־פראַנקרייך (געשטאָרבען 1345). אין זיין ספר „מלחמות ד׳״ שטעלט ער די פילאָזאָפיע פונקט אזוי הויך ווי די געטליכע אנטפּלעקונג, און בעמיהט זיך פעסט־צושטעלען אין דער רעליגיאָן א נאטירליכען אָנפאנג אנשטאט אַן איבערנאטירליכען. די געגנער פון פרייען גדאנק פלעגען זאָגען אין לצנות אז דער מחבר פון די „געטליכע מלחמות״ פיהרט ניט קיין מלחמה פאר גאָט, נאָר געגען גאָט. זיי איז ניט געפעלען דאָס דאָזיגע ווערק, אָבער זיי האָבען אנערקענט פאר נוצליך דעם אנדערען ספר פון דעם רלב״ג „תועליות״,— א פירוש אויפ׳ן תנ״ך.

דער גרעסטער תלמוד׳ישער געלערטער נאָכ׳ן רא״ש איז געווען זיין זוהן ר׳ יעקב בן־אשר (געשטאָרבען 1340). ער האָט צונויפגעשטעלט א נייע זאמלונג פון דינים און געזעצען מיט׳ן נאָמען „בעל־הטורים״, אין וועלכען עס קומען אריין אלע גע־זעצען, צערעמאָניעס און מנהגים פון יודענטום. דער אונטער־שייד צווישען איהם און דעם רמב״ם בעשטעהט אין דעם, וואָס דער מחבר פון די „טורים״ בעשעפטיגט זיך ניט מיט די יסודות פון דער אידישער אמונה און מאָראַל, נאָר ער לעגט זיין גאַנצע אויפמערקזאמקייט אויף די אויסערליכע צערעמאָ־ניעס און די פראַקטישע דינים. דער בעל־הטורים בעשטעהט פון פיער חלקים: 1) „אורח חיים״, ענטהאַלט די פליכטען פון דעם מענשען צו גאָט; 2) „יורה דעה״, ענטהאַלט אַלע דינים פון אסור און היתר; 3) „אבן העזר״, ענטהאַלט אַלע דינים פון פאמיליען־לעבען, און 4) „חשן משפט״, ענטהאַלט אַלע דינים פון געזעלשאפטליכען לעבען. דער „בעל הטורים״ האָט ביס־לעכווייז ארויסגעשטויסען דעם רמב״מ׳ס „יד החזקה״ און דיענט ביז היינטיגען טאָג אלס דער וועגווייזער פיר רבנים און לומדים אין אַלע לענדער.

§22. די „קבלה״ און דער „זהר״. וואָס שוואכער עס איז געוואָרען דער גייסט פון פרייען פאָרשען אלץ מעהר האָט זיך צווישען די אידען פארשפּרייט אַן אייגענאַרטיגע געהיימע לעהרע (חכמה נסתרה, ח״ן), וועלכע האָט געפיהרט איהר אָנפאנג פון

אַלטע דונקעלע טראַדיציעס און האָט זיך דעריבער גערופען „קבלה" (איבערליפערונג). דעם רמב"מ'ס נאָכפאָלגער האָבען ערקלערט די רעליגיאָן על פּי שכל און וויסענשאַפט; אָבער די אנהענגער פון דער קבלה האָבען אריינגעטראָטען אין דער רעליגיאָן בעגריפען, וואָס קומען פון דעם געפיהל און דער פאַנטאַזיע. ווי בעוואוסט ווערט אין תנ"ך וועניג גערעדט וועגען גאָט'ס וועזען, וועגען דעם לעבען פון מלאכים און גייסטער, וועגען אַן עקזיסטענץ נאָכ'ן טויט; אָבער די קבלה רעדט זעהר פיעל דערפון. די דאָזיגע „געהיימע לעהרע" איז געבאָרען געוואָרען נאָך אין דער עפּאָכע פון תלמוד און האָט זיך בעוויזען אין בבל אין דער צייט פון די גאונים; נאָר ברייט פערשפּרייט האָט זי זיך ערשט אין שפּאַניען און פראַנקרייך נאָכ'ן טויט פון רמב"ם. דער רמב"ן האָט שוין אין זיין פּירוש ארויסגעוויזען אַ נייגונג צו טייטשען די פּסוקים פון תנ"ך אויפ'ן גרונד פון „געטליכע סודות", וועלכע זיינען איבער־געגאַנגען פון מויל צו מויל. אין גיכען נאָך זיין טויט האָבען צווי־שען די אידען אין שפּאַניען זיך גענומען פאַרשפּרייטען שטיקלעך פון אַ הייליגען ספר מיט'ן נאָמען „זהר" (שיינונג, גלאַנץ). עס זיינען דערצעהלט געוואָרען וואונדער וועגען דער ענטשטעהונג פון דיזען ספר. מען האָט דערצעהלט אז דער רמב"ן האָט פאַר'ן טויט געפונען אין ארץ־ישראל אַן אַלטען כתב־יד, וועלכען עס האָט פער־פאַסט מיט טויזענד יאָהר פריהער דער גרויסער תנא ר' שמעון בן־יוחאי, אין דער צייט ווען ער האָט זיך אויסגעבעהאַלטען פון די רוימער אין אַ הייהל (זעה 2טען טייל 50§). דער ענטדעקטער כתב־יד איז אַריבערגעשיקט געוואָרען קיין אייראָפּאַ, און דאָ האָט מען פון איהם אַרויסגעשריבען שטעלען, וועלכע זיינען פאַרשפּרייט געוואָרען אין פאָלק. דער ערשטער אַרויסצוגעבען דיזע אַרונטער־געשריבענע שטיקלעך פון זהר איז געווען דער מקובל ר' משה דע לעאן (געשטאָרבען אין יאָהר 1305). די געגנער פון דער קבלה האָבען בעהויפּטעט אז ר' משה דע לעאן האָט אַליין פערפאַסט דעם „זהר" און האָט איהם בכיוון אַרויסגעגעבען פאַר אַן אַלטען כתב־יד, כדי צו ציהען אויף איהם אויפמערקזאַמקייט.

דער „זהר" איז געשריבען אין אַן אַלטער אַראַמייאישער שפּראַך, עהנליך צו דער שפּראַך פון תלמוד, און ענטהאַלט די רייך

פון שמעון בן־יוחאי און אנדערע פארצייטיגטע חכמים. זייערע רייד זיינען אָנגעקניפּט אָן פּסוקים פון דער תורה און זיינען אויס־געשטעלט לויט דער אָרדנונג פון די חומשים. ר׳ שמעון בן־יוחאי ווערט פאָרגעשטעלט אין זהר אין דער געשטאַלט פון א הייליגען צדיק, צו וועמען עס ענטפּלעקען זיך מלאכים און ער זיצט אין א קרייז פון צדיקים און דערצעהלט זיי די גרויסע סודות פון הימעל, פון דער ערד און דער מענשליכער נשמה. דער גרונד־געדאַנק פון „זהר" בעשטעהט אין דעם, אז אין די ערצעהלונגען און געבאָטען פון דער תורה זיינען פערבאָרגען טיעפע סודות. מיט וואָס וואָלט די תורה הייליג געווען — טענה'ט ר׳ שמעון בן־יוחאי, — ווען גאָט זאָל וועלען אין איהר דערצעהלען אזעלכע פּשוט'ע זאכען ווי למשל די מעשה פון הגר און עשו, יעקב און לבן? אזעלכע מעשיות קען דאָך פערפאַסען יעדער שטערבליכער. ניין, די ביבלישע ערצעהלונגען זיינען נאָר די אויסערליכע קלייד פון די געטליכע סודות, וואָס נאָר אויסגעוועהלטע מענשען קענען בענעהמען. ר׳ שמעון האָט אַרונטערגענומען דיזע קלייד, און ניט לאַנג פאַר זיין טויט האָט ער צוזאַמענגערופען זיינע תלמידים און האָט פאַר זיי ענטפּלעקט די געטליכע סודות. „דער הייליגער זקן („עתיקא קדישא", גאָט)—האָט ער געלערנט—איז פאַרבאָרגען, ווייט פון דער וועלט וואָס מיר זעהען מיט די אויגען, דאָך איז זי מיט איהם צונויפגעבונדען, ווארום אלץ האַלט זיך אויף איהם און ער איז ענטהאַלטען אין אלץ. ער האָט און האָט ניט קיין געשטאַלט; ער האָט אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל ער איז אין אלץ; ער האָט ניט אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל ער איז אונבעגרייפליך. ווען ער האָט זיך געשטאַלטעט האָט ער ארויסגעגעבען ניין ליכטער, וועלכע שיינען מיט זייער גלאַנץ און וועלכע געהען זיך פאנאַנדער אין אלע זייטען. ער איז איינס מיט זיי; דאָס זיינען די שטאַפּלען איבער וועלכע עס בעוויזט זיך דער הייליגער זקן, דאָס זיינען זיינע געשטאַלטען. זיין קאָפּ איז די העכסטע חכמה, זיינע האָר זיינען די פערשיידענע וועגען פון דער חכמה, זיין שטערן איז די באַרמהערציגקייט, א. א. וו. אָט אזעלכע געהיימניספולע רייד פאַרנעהמען א בעדייטענדען טייל פון דעם „זהר". צו־זאַמען דערמיט בעגעגנען זיך שעהנע פּאָעטישע בעשרייבונגען.

עס ווערען בעשריבען די געהיימניסען פון גן־עדן און גיהנום, פון גוטע און שלעכטע גייסטער. די שלעכטע גייסטער דרינגען אָפט אריין אין דער נשמה פון דעם מענשען און וועקען אין איהם זינדיגע געדאנקען. יעדע עבירה גיט איבער דעם מענשען אין דער שליטה פון שדים, און יעדע מצוה גיט איהם איבער אין דער שליטה פון די גוטע מלאכים. אין „זהר" רעדט זיך אויך, אין זעהר טונ־קעלע ווערטער, וועגען דעם „קץ", ד. ה. משיח'ס צייטען, וועלכער וועט קומען דעמאָלט ווען עס וועט ווערען זעקס טויזענד און זעכציג, אָדער זעקס־און־זעכציג יאָהר זינט די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען. דעמאָלט וועט פאָרקומען א שרעקליכע מלחמה צווישען אדום און ישמעאל (די קריסטליכע און מאהמעדאנישע וועלט), און א דריטע קראַפט וועט זיי בעזיעגען. אויפ'ן גרונד פון דיזע און אנדערע פאָראויסזאָגונגען אין דעם „זהר" האָבען פיעלע ערוואר־טעט דאָס קומען פון משיח'ן אין פערשיידענע צייטען, נאָר זייערע ערווארטונגען זיינען ניט מקוים געוואָרען. פונדעסטוועגען איז דער „זהר" געוואָרען דער הייליגער ספר פון די מקובלים, דער תנ"ך פון דער „קבלה" און האָט געהאַט א גרויסע ווירקונג אויף דער ענטוויקלונג פון רעליגיעזע סעקטען אין יודענטום.

§23. דער גירוש פון ענגלאַנד. אין דער צייט פון די קרייצצוגען האָבען די אידען אין ענגלאנד שטארק געליטען פון דעם קריסטליכען המון, ווelכער איז געהעצט געוואָרען צו א קאמפף פאר'ן גלויבען. נאָך די קרייצצוגען האָבען די אידען א סך געליטען פון די קעניגע, פון די פעאָדאַלע פירשטען און די גלחים. די קעניגע און פירשטען האָבען בעטראכט די אידען פאַר זייערע קנעכט, און דאָס פערמעגען וואָס זיי האָבען ערוואָרבען דורך האַנדעל—פאַר זייער אייגענטום. קעניג ריטשארד דער ליבענהערציגער האָט זיך שטענדיג גענויטיגט אין געלט און פלעגט עס אויספּרעסען פון די אידען דורך סטראשונקעס און גוואלדטהאטען. אין יאָהר 1210 איז פון די אידען אויפגעמאָנט געוואָרען א גוואלטיגע סומע געלד. ביי איין גביר אין בריסעל מען האָט געפאָדערט צעהן טויזענד זילבערנע מארק, נאָר אזוי ווי ער האָט ניט געהאט אָדער האָט ניט געוואָלט געבען, האָט דער קעניג בעפעהלען איהם רייסען איין צאָהן נאָכ'ן אנדערען, אזוי לאנג ביז ער וועט ניט געבען דאָס

געלט. נאָך דער קירכליכער אסיפה פון 1215 האָבען זיך צו די אידען גענומען די גלחים, וועלכע האָבען אָנגעהויבען דורכפיהרען די בעפעהלען פון אינאקענטי דעם 3טען. זיי האָבען אכטונג געגעבען, אז אַלע געזעצען וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרען אויף דער דאָזיגער אסיפה געגען די אונגלויביגע זאָלען שטרענג אָבגעהיט ווערען, און זיי האָבען נאָך אפילו צוגעגעבען נייע. דער שאנד־פלעק אויף'ן אויבערשטען בגד האָט געדארפט בעשטעהן פון א וואָלענער קאָלירטער לענטע אויף'ן בוזים, פיער פינגער די לענג און צוויי פינגער די ברייט. צו בויען נייע שוהלען איז פארבאָטען געוואָרען, און די אידען האָבען געמוזט צאָלען א בעזונדער שטייער פאר דער קירכע. ביי אזא רעכטלאָזער לאגע האָט דער אינערליכער געבוי פון די אידישע קהילות אין ענגלאנד זיך ניט געקענט בעפעס־טיגען און דאָס גייסטיגע לעבען האָט זיך אָבגעשטעלט. א סך געלערטע און רבנים, ניט געפינענדיג קיין פעלד פאר זייער ארבייט אין ענגלאנד, האָבען אויסגעוואנדערט אין אנדערע לענדער פון איירָאפא אָדער קיין פאַלעסטינא.

אין דער צייט פון די וייטערע קעניגע האָט מען די אידען אזוי שטארק געדריקט, אז ניט איינמאָל האָבען זיי געבעטען מען זאָל זיי ערלויבען צו פערלאָזען דאָס לאנד. אָבער מען האָט זיי ניט ארויסגעלאָזט, ווארום מען האָט אין זיי געזעהן א קוואל פון הכנסה. איין ענגלישער שרייבער האָט זיך אויסגעדריקט, אז די אידען אין ענגלאנד טהוט מען אָן דיזעלבע צרות וואָס זיי האָבען געהאט אין מצרים, נאָר מיט דעם איין חלוק, וואָס אנשטאט ציגעל פאָדערט מען פון זיי—גאָלדענע ציגעל. פאר קעניג עדוארד דעם 1טען האָבען די גלחים אָנגעווענדט אַלע מיטעל צו ברענגען די אידען אונטער'ן קריסטענטום. דער קעניג האָט ערלויבט די דאָ־מיניקאנישע מאָנאכען צו פרעדיגען דאָס קריסטענטום צו די אידען און האָט געמאכט פאַר א פליכט אויף די אידען אויסצוהערען זייערע דרשות אויפמערקזאם, ניט ריידען דאגעגען און ניט לאכען (1282). א קריסטליכער פרעדיגער פון יענער צייט, דער בעוואוס־טער דונס סקאט, האָט אָן עצה געגעבען דעם קעניג מען זאָל צו־נעהמען ביי די אידישע עלטערן זייערע קליינע קינדער און ער־ציהען זיי אין קאטוילישען גלויבען. אין דערזעלבער צייט האָט

דער לאָנדאָנער ערץ־בישאָף בעפעהלען צו שליסען אַלע שוהלען אין זיין בעצירק.

ביי אַזעלכע אומשטענדען איז אונמעגליך געוואָרען פאַר די אידען ווייטער צו בלייבען אין ענגלאַנד, און דעם קעניג איז נאָר געבליבען אַרויסצולאָזען זיי פון לאַנד, אַ זאַך וואָס זיי האָבען שוין לאַנג געבעטען. און אין יולי פון יאָהר 1290 האָט ערוארד, ניט אָנפרעגענדיג ביים פּאַרלאַמענט, אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז אַלע אידען זאָלען פערלאָזען ענגלאַנד. צייט איז זיי געגעבען געוואָרען ביז׳ן ערשטען נאָוועמבער צו פערקויפען זייער אייגענטום און ענדיגען זייערע געשעפטען. טויט־שטראָף איז געווען בעשטימט פאַר יענע אידען וואָס מען וועט געפינען אין ענגלאַנד נאָך דיזען טערמין. אָבער די אידען, אויסגעמאַטערט פון די רדיפות, האָבען זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטען. נאָך פאַר׳ן בעשטימטען טערמין (אָקטאָבער, 1290) האָבען זיך די 16,500 ענגלישע אידען געזעצט אין שיפען און האָבען אויף אייביג פערלאָזען זייער גרויזאַם פאָטערלאַנד. די מעהרסטע אַרויסגעטריבענע זיינען אוועק קיין פראַנקרייך, אָבער זיי זיינען אַריינגעפאַלען אַהין גראַד אין אַ צייט ווען די פראַנצויזישע אידען זיינען אַליין אויסגעשטאַנען מורא׳דיגע רדיפות. זיי האָבען אויסגעטרונקען דעם בעכער פון לייד ביז׳ן דעק, איבערטראַגענדיג אַלע צרות, וואָס זיינען אויסגעפאַלען אויפ׳ן גורל פון זייערע פראַנצויזישע ברידער אין דעם משך פון דעם קומענדען יאָהרהונדערט.

§24. דער גירוש פון פראַנקרייך. אין 14טען יאָהרהונדערט האָט מען די אידען אין ערגעץ ניט אַזוי געמאַטערט ווי אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד. די פראַנצויזישע קעניגע האָבען געוואָלט קריגען זייער געלט, אַזוי ווי פיליפּ אויגוסט, אַנדערע — פון רעליגיעזער שנאה, אַזוי ווי לואיס דער היילינער. קעניג פיליפּ דער שעהנער—אַ געמיינער און גייציגער מענש, וועלכער האָט חרוב געמאַכט זיין לאַנד—האָט געבראַכט צו פאָלקאָמענהייט די סיסטעמע פון אַרויספּרעסען געלט פון זיינע אונטערטאַנען. ניט נאָר פלעגט ער אַרויפלעגען אויף די אידען גוואַלטיגע שטייערען, נאָר ער פלעגט פשוט אַרעסטירען און איינשרעקען פאַרמעגליכע לייט און צונעהמען אַ טייל פון זייער אייגענטום. אָבער אפילו די דאָזיגע

שטענדיגע ארויספרעסונגען האבען ניט צופריעדענגעשטעלט דעם אונערזעטליכען קעניג. אזוי ווי דער קארגער בעל־הבית אין דער בעוואוסטער פאבעל האט ער בעשלאסען צו קוילען די הוהן, וואס האט געלעגט גאלדענע אייער: ער האט בעשלאסען ארויסצוטרייבען די אידען פון פראנקרייך און מיט אמאל צונעהמען זייער פארמעגען. אין יאהר 1306 האט פיליפ בעפעהלען מודיע צו זיין אלע אידען, אז זיי זאלען אין פערלויף פון א מאנאט זיך ארויסקלייבען פון פראנקרייך, איבערלאזענדיג דארט זייער פארמעגען. מען האט זיי ערלויבט מיטצונעהמען בלויז די סאמע נויטיגסטע קליידער און שפייז אויפ'ן וועג. ביז'ן בעשטימטען טערמין האבען ארום הונדערט טויזענד אידען פארלאזען פראנקרייך. זייער גאנצעס בעוועגליכעס און אונבעוועגליכעס אייגענטום איז אנגעקומען דעם קעניג און איז פארקויפט געווארען צו קריסטען. גרויס איז געוועזען דאס אומגליק פון די בערויבטע און ארויסגעטריבענע אידען. דער גרעסטער טייל פון זיי האט זיך בעזעצט אין די זעלבסטשטענדיגע פראווינצען פון דרום־פראנקרייך און אין די דערבייאיגע שפאנישע לענדער. די פארטריבענע האבען זיך געהאלטען נעהנטער צום פראנצויזישען גרעניץ, האפענדיג אז סוף כל סוף וועט מען זיי ערלויבען זיך אומצוקערען צו זייער פאטערלאנד. און זיי האבען ניט געהאט קיין טעות אין חשבון. אין ניין יאהר ארום איז געשטארבען פיליפ דער 4טער און אויפ'ן טראהן איז ארויף זיין זוהן לואיס דער 10טער. דער נייער קעניג האט ערלויבט די אידען זיך אומצוקערען קיין פראנקרייך; ווארום — אזוי ווערט געזאגט אין זיין בעפעהל — „דאס פאדערט די אלגעמיינע שטימע פון פאלק". די פערטריבענע האבען זיך מאסענווייז א לאז געטהאן צוריק אין זייער פאטערלאנד (1315). נאר ניט אויף פרייד האבען זיי זיך אומגעקערט אהין.

אין 1320 האבען זיך אין פראנקרייך אנגעהויבען צוזאמענקלייבען נייע מחנות קרייץ־טרעגער, פון פויערים און פאסטוכער. איין יונגער פאסטוך האט דערצעהלט, אז פון הימעל איז צו איהם ארונטערגעפלויגען א צויבערליכע טויב און האט איהם געהייסען צוזאמענצונעהמען אן ארמיי און געהן מלחמה האלטען מיט די ניט־קריסטען. דאס פראסטע פאלק האט געגלויבט אין דיזער גע־

שיכטע, און אין דער נייער אַרמיי פון די קרייץ־טרעגער זיינען אַריינגעטראָטען די פויערים פון זיד־פראַנקרייך. דיזע אַרמיי איז גע־גאַנגען פון שטאָדט צו שטאָדט, מיט פאָהנען אין די הענד, און אויפ'ן וועג זיינען צו איהר צוגעשטאַנען נאָך מאַסען הפקר־יונגען, וועלכע האָבען נאָר אין זינען געהאַט רויב. אַזוי ווי אין די ערשטע קרייצצוגען האָט דער פרייגעלאָזטער המון זיך קודם־כל געוואָרפען אויף די אידען. אין ווערדון, טולוז, באָרדאָ און אַנדערע שטעדט זיינען די אידען שווער געשלאָגען געוואָרען דורך דיזע בלוטדורש־טיגע באַנדעס. די פעסטונג פון ווערדון, וואוהין עס האָבען זיך פאַרשפּאַרט אַרום 500 אידען, האָבען די קרייץ־טרעגער גענומען מיט שטורם; די אידען זעהענדיג אַז קיין רעטונג איז פאַר זיי ניטאָ, האָבען פרייוויליג אויסגעקוילעט איינער דעם אַנדערען. די בעאַמטע פון די שטעדט און פון קעניגליכען חיל האָבען אָפּט פאַר־טיידיגט די אידען, אָבער עס איז ניט גרינג געווען איינצושטילען די קרייץ־טרעגער, אויף וועלכע דאָס פאָלק האָט געקוקט ווי אויף הייליגע קעמפּפער. ערשט ווען די פאָלקס־אונרוהען האָבען אָנגע־הויבען שרעקען דער רעגירונג זעלבסט און די העכערע קלאַסען, האָט מען אָנגענומען, אויפ'ן קעניגליכען בעפעהל, שטרענגע מיטעל. די אַרמיי פון די קרייץ־טרעגער איז צוטריבען געוואָרען. קליינע אַבטיילונגען קרייץ־טרעגער האָבען נאָך געבושעוועט אין די שטעדט פון דער שכנ'ישער שפּאַניען. אַרום און אַרום האָבען פון דעם „פּאַסטוכער־צוג" („גזרת הרועים") אין פראַנקרייך געליטען אַרום 120 אידישע קהילות.

די לאַגע פון די אידען אין פראַנקרייך איז געוואָרען אַלץ מעהר וואַקעלדיג. די קעניגע, זיך נויטיגענדיג אין געלט פאַר מלחמות, פלעגען ערלויבען די אידען צו וואוינען אין לאַנד בלויז צייטווייליג, אויף בעשטימטע טערמינען, און די אידען האָבען גע־מוזט צאָלען גרויסע סומען פאַר דיזען וואוינרעכט. צו אַנגעזעהענע פּראָפעסיעס פלעגט מען די אידען ניט צולאָזען. דעריבער האָבען אַ סך אידען געמוזט זיך בעשעפטיגען מיט וואוכער. דיזע פּראָ־צענטניקעס האָבען געמוזט צאָלען צו דער רעגירונג שטייערען איבער זייערע קרעפטען, און זיי האָבען דעריבער פון זייער זייט געדריקט זייערע קריסטליכע קונדען, נעהמענדיג גרויסע פּראָצענטען.

דאָס פאָלק האָט געהאסט די פּראָצענטניקעס און האָט אויסגעלאָזט דעם כעס צו אַלע אידען. אויף אַזא אופן האָבען די פראנצויזישע קעניגע גערויבט די אידען און אין דערזעלבער צייט זיי געמאכט פארהאסט ביים פאָלק. די גלחים פון זייער זייט האָבען געהעצט די קריסטען געגען די אידען, אלס די שונאים פון דער קירכע. די לאַגע איז געוואָרען אונערטרעגליך, און פאר די אידען איז געבליבען נאָר דער איינציגער וועג ביסלעכוויז אויסצואוואנדערען פון דעם אומגליקליכען לאנד. עס האָט זיך שוין געהאט אָנגע־פאנגען דיזער ארויסגאנג פון דעם נייעם מצרים ווען קעניג קארל דער 6טער האָט ארויסגעגעבען א בעפעהל ארויסצוטרייבען די אידען פון פראנקרייך אויף אימער (1394). „דער קעניג — ווערט געזאָגט אין דיזען בעפעהל — האָט צוגעהערט די קלאַגען וועגען די פארברעכענס פון די אידען געגען דעם היילינגען גלויבען און וועגען זייער מיסברויכען די רעכט וואָס זיינען זיי געגעבען געוואָרען, און האָט דעריבער בעשלאָסען אין דער צוקונפט צו פארביטען זיי צו וואוינען אין אַלע געביטען פון פראנקרייך, אין צפון אַזוי גוט ווי אין דרום". ביז'ן דריטען נאָוועמבער איז זיי געגעבען געוואָרען צייט צו בעזאָרגען זייערע געשעפטען און אויס־פארקויפען זייער אייגענטום. אין סוף פון יאָהר 1394 האָבען פיעל טויזענדע אידישע פאמיליען פערלאָזען דאָס לאנד וואו די האב־גיריגקייט פון די הערשער, דער פאנאטיזם פון די גלחים און דער גראָבער אבערגלויבען פון די מאסען האָבען זיי געבראכט צו שענד־ליכער קנעכטשאפט. אייניגע בעזיצער פון שטעדט און גיטער האָבען געוואָלט איבערלאָזען ביי זיך די אידען, אָבער זיי זיינען געצוואונגען געוואָרען צו ערפילען דעם קעניג'ס גזרה. אידען זיינען געבליבען בלויז אין געצעהלטע פּראָווינצען פון זיד־פראנקרייך. די פארטרי־בענע האָבען זיך בעזעצט אין דייטשלאנד, איטאליען און שפּאניען. נאָך דיזען גירוש איז שוין אין פראנקרייך ניט געוועזען קיין אידישע קהילות גאנצע דריי הונדערט יאָהר, ביז'ן סוף פון 17טען יאָהר־הונדערט.

§25. דייטשלאַנד; די גהעטאָ און די בלבולים. אין דער צייט ווען אין ענגלאנד און פראנקרייך האָט מען די אידען געטריבען, האָט מען זיי אין דייטשלאנד געדריקט און ערנידריגט,

אָבער ניט ארויסגעטריבען פון לאנד. טרויעריג איז געווען דאָס לעבען פון די אידען אין דייטשלאנד נאָך די קרייצצוגען. הונדערטע אידישע קהילות האָבען זיך געפונען אין די שטעדט פון דייטשלאנד, עסטרייך, בעהמען און די שווייץ, אָבער געלעבט האָבען זיי בעזונדער פון די קריסטליכע געמיינדען, אזוי ווי פארשטויסענע. אין די מעהרסטע שטעדט זיינען פאר די אידען צום וואוינען אָבגעצייכענט געוואָרען בעזונדערע קווארטאלען אָדער גאסען („געטאָ"); צו דער געטאָ פלעגט פיהרען א טויער, וועלכער פלעגט אויף ביינאכט פערשלאָסען ווערען. דיזע געשלאָסענע קווארטאלען האָבען צייטענווייז געדיענט אלס שוץ פאר די איינוואינער, אין די צייטען ווען דער קריסטליכער המון פלעגט זיי בעפאלען; דערפאר אָבער ווען דער שונא פלעגט זיך שוין אריינרייסען אהין פלעגט ער פערניכטען גאנצע קהילות אויף איין מאָל. ענג און פארשטיקט איז געווען אין דיזע קווארטאלען, וואו אין יעדען הויז האָבען זיך געפונען צעהנדליגע געזינדען. דער „אידישער שאנדפלעק"—א געלע לאטע אויף די קליידער אָדער אן עקעלהאפטע הוט מיט שארפע שפיצען—איז געווען א מוז; דער איד וואָס האָט זיך געוויזען אין גאס אָהן דיזען צייכען האָט געמוזט צאָלען שטראָף. דער רוב פון די דייטשע אידען איז געווען זעהר אָרים. די געוועהנליכע בעשעפטיגונג פון די אומגליקליכע איז געווען דער קליין האנדעל, איבערהויפט דער האנדעל מיט אלטע קליידער, און די פארמעגליכע האָבען זיך בעשעפטיגט מיט לייהען געלד אויף פראָצענט. צו די מעהר חשוב'ע מלאכות האָט מען די אידען ניט צוגעלאָזען, אָדער אלענפאלס זעהר זעלטען. די קריסטליכע ארבייטער־צעכען פלעגען ניט אריינעהמען קיין אידען, און די סוחר'ישע פערבאנדען פלעגען זיי ניט לאָזען זיך פארנעהמען מיט גרויסען האנדעל. די קעניגע און פירשטען פלעגען בעהאנדלען די אידען אזוי ווי קנעכט, פלעגען זיי רואינירען מיט שווערע שטייערען און טאקסעס. די דאָזיגע שטייערען פלעגט מען אויף זיי ארויפלעגען פאר'ן „שוץ" וואָס זיי פלעגען בעקומען, וועלכער פלעגט פונדעסטוועגען זיי ניט איינהיטען פון פאָגראָמען.

בעזונדערס אָפט פלעגען די דייטשע אידען ליידען פון בלבולים, וואָס פלעגען געבאָרען ווערען אין דעם אבערגלויבען פון מיטעל־



דאָס „שמש-געסעל" אין דער גהעטאָ פון פראַג.

אַלטער. פון פראַנקרייך איז אהער אַריינגעדרונגען דער בייזער עלילת־דם (§17). נאָך אַן אַבערגלויבישע איינרעדעניש איז אומ־געגאַנגען, אַז די אידען נעהמען דאָס קירכליכע ברויט, וואָס איז דער סימבאָל פון יעזוס׳עס קערפּער, און שניידען און שטעכען עס ביז עס הויבט אָן רינען בלוט. אויב ערגעץ־וואו פלעגט פּערפאַלען ווערען אַ קריסטליך קינד אָדער מען פלעגט צופעליג געפינען זיין קערפּער, פלעגט די צוואַווילדעטע מאַסע זיך וואַרפען אויפ׳ן אידישען קוואַרטאַל, טויטענדיג און בערויבענדיג דאָרט מענשען וואָס האָבען ניט געוואוסט פון גישט צו זאָגען. עס איז ניט געווען כמעט אַ שטאָדט אין דייטשלאַנד וואו עס זאָלען ניט פּאָרקומען אַזעלכע אָנפאַלען. איינמאָל נעבען דער שטאָדט פולדאַ האָט מען געפונען פינף טויטע קריסטליכע אינגלעך, די קינדער פון אַן אָרטיגען מילנער (1235). די אַבערגלויבישע מאַסע האָט באַלד בעשלאָסען אַז עס האָבען זיי געהרג׳עט צוויי אידען, וועלכע האָבען אויסגעצאַפּט פון זיי דאָס בלוט און בעהאַלטען עס פאַר זייערע פּסח׳דיגע צערעמאָניעס. אַ המון קרייץ־טרעגער און שטאָדט־לייט זיינען בעפאַלען די אידען פון פולדאַ און האָבען געהרג׳עט דרייסיג מענער און פרויען. די אידען האָבען זיך בעקלאָגט צו קעניג פרידריך דעם 2טען, און דיזער האָט בעשטימט אַ קאָמיסיע פון געלערנטע קריסטען, וועלכע האָבען געדאַרפט אויספאָרשען די פראַגע: צי דאַרפען די אידען ווירקליך האָבען בלוט אויף פּסח. אויב עס זאָל זיך אַרויסווייזען אַז יאַ, דאַן האָט דער קעניג גע־סטראַשעט צו פאַרניכטען אַלע אידען אין זיין מלוכה. דער ענטפער פון דער קאָמיסיע איז געווען אַז מען קען ניט פעסטשטעלען געגווי די ריכטיגקייט פון דער בעשולדיגונג געגען די אידען. דער קעניג האָט פונדעסטוועגען אַרויפגעלעגט אַ גרויסע געלט־שטראָף אויף די אידען פון פולדאַ, ניט קוקענדיג דערויף וואָס דער חשד געגען זיי איז ניט בעשטעטיגט געוואָרען. אויפגעבראַכט איבער דער שרעקליכער בעשולדיגונג האָבען זיך די אידען געווענדט מיט אַ קלאַגע צום דעמאָלדיגען פּאַבסט אינאָקענטי דעם 4טען. דיזער פּאַבסט, וועלכער איז געווען עהרליכער ווי זיינע פאָרגענגער, האָט פּאַנאַנדערגעשיקט צו די בישאָפס אין יאָהר 1247 אַ „בולאַ“ (אַ

פּאַבסטליכער בעפעהל), וואו די בלוט־בעשולדיגונג איז ערקלערט געוואָרען אַלס אַ געמיינער און בייזער ליגען.

אַט איז דער אינהאַלט פון דער דאָזיגער בולא: מיר האָבען געהערט די וויינעדיגע קלאַגען פון די אידען אַז מען מאַכט אויף זיי אונעהרליכע בלבולים אַלס אַן אויסרייד צו רויבען זיי און צוצונעהמען זייער אייגענטום. אין דער צייט וואָס די תורה בעפעהלט „לא תרצח!" (זאָלסט ניט הרג'ענען) מאַכט מען געגען די אידען די פאַלשע בעשולדיגונג אַז זיי עסען אום פּסח דאָס הארץ פון אַ גע'הרג'ט קינד. עס ווערט בעהויפּטעט אַז דאָס געזעץ ערלויבט עס זיי, וועלכעס פאַרקערט, פאַרביט זיי שטאַרק אַזאַ טהאַט. ווי נאָר מען געפינט ערגעץ דעם טויטען קערפּער פון אַ מענשען, וואָס מען ווייסט ניט ווער עס האָט איהם גע'הרג'עט, זאָגט מען בכיוון אַז דאָס האָבען די אידען געטהאָן. דאָס אַלץ דיענט פאַר אַן אויסרייד זיי ביטער צו פערפאָלגען. אָהן דין און אָהן משפּט, אָהן עדות און אָהן זייער אייגענעם מודה זיין זיך, נעהמט מען ביי זיי צו זייער אייגענטום, מען מוטשעט זיי מיט הונגער, מען פערשפּאַרט זיי אין תפיסה און מען מאַטערט זיי אויף אַלערליי אופנים און מען פּאַראור־טיילט זיי צו אַ שענדליכען טויט. דער גורל פון די אידען אונטער אַזעלכע פירשטען און הערשער איז דעריבער שרעקליי־כער ווי דער גורל פון זייערע עלטערען אין מצרים אונטער דער הערשאַפט פון די פרעה'ס. צוליעב דיזע רדיפות זיינען זיי געצוואונגען צו פערלאָזען יענע ערטער, וואו זייערע עלטערען האָבען געלעבט פון די עלטסטע צייטען. ניט וועלענדיג אַז מען זאָל די אידען אומזיסט מאַטערען, בעפעהלען מיר אייך, אַז איהר זאָלט זיך בעגעהן מיט זיי מיט פריינדשאַפט און מיט גוטען ווילען. אויב איהר וועט הערען פון אונגערעכטע אָנפאַלען אויף די אידען זאָלט איהר ניט דערלאָזען דערצו, און דערלאָזט ניט אַז מען זאָל אין דער צוקונפט זיי דריקען מיט אַזעלכע מיטעל.

נאָר אפילו דעם פּאַבסט'ס בולא האָט די אידען גאָרניט גע־האָלפען. יאָהר איין יאָהר אויס פלעגען זיך יעדען פּסח ווידערהאָלען די אָנפאַלען אויף די אידען אין די דייטשע שטעדט. אָפטמאָל פלעגען אַזעלכע פּאָגראָמען ארומכאַפּען גאַנצע פּראָווינצען. אין די

מעהרסטע פעלען פלעגען די פאַלשע בלבולים דיענען בלויז אַלס אויסרייד לפנים צו פאַרדעקען די אמת'ע כונה פון די רדיפות. און די אינוועניגסטע סבות זיינען געווען—די קנאה פון די קריסט־ליכע סוחרים און אַרבייטער צו זייערע אידישע קאָנקורענטען, דער פערלאַנג אַרויסצושטויסען די אידען פון דער אָדער יענער שטאָדט, און פערנעהמען זייער פלאַץ.

§26. דער שוואַרצער טויט. די רדיפות אויף די אידען אין דייטשלאַנד האָבען דערגרייכט זייער העכסטען שטאַפּעל אין 14טען יאָהרהונדערט. „זינט די אידען לעבען אויף דער וועלט — שרייבט אַן אַלטער דייטשער שרייבער — האָבען זיי ניט איבער־געלעבט אַ שרעקליכערע צייט ווי דעם 14טען יאָהרהונדערט. עס איז נאָר אַ וואונדער ווי אַזוי, נאָך אַזעלכע שחיטות, עס איז גע־בליבען נאָך איין איד אין דייטשלאַנד". אין יאָהר 1348 האָט אין אייראָפּאַ געבושעוועט אַ שרעקליכע מגפה, בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „דער שוואַרצער טויט". הונדערטע טויזענדע מענשען זיינען געפאַלען פון דיזער געהיימניספולער קראַנקהייט; עס פלעגען אויסשטאַרבען גאַנצע שטעדט און פּראָווינצען. מענשען פלעגען משוגע ווערען פון שרעק; אַ ווילדער אַבערגלויבען האָט אַרומגע־כאַפּט דעם פינסטערען המון און איהם געפיהרט צו פאַרברעכענס; יעדע צאָהם פון געזעץ איז פאַרשוואונדען. אין דיזער צייט איז אַרויסגעלאָזט געוואָרען אַ מאָדנער קלאַנג, אַז די אידען האָבען עס פעראורזאַכט די מגפה, פאַרגיפטענדיג בכיוון דאָס וואַסער אין די ברונימער און טייכען כדי אומצוברענגען די קריסטען. דיזע בעשולדיגונג האָט נאָך צוגעקראָגען קראַפט דערפון וואָס די אידען, צוליעב זייער מעהר ניכטערען און זויבערען לעבען און צוליעב זייער בעסערער אָבאַכט אויף די קראַנקע, זיינען געשטאָרבען פון דער חולאת אין אַ קלענערער צאָל ווי די קריסטען. און נון האָט מען אָנגעפאַנגען זיך אָבצורעכענען מיט די „פאַרגיפטער". די הריגות אויף די אידען האָבען זיך אָנגעפאַנגען אין דרום־פראַנקרייך און אַראַגאָניען, אָבער שרעקליכע פאָרמען האָבען זיי אָנגענומען אין דייטשלאַנד. אין די רהיין־פּראָווינצען, אין עלזאַס, עסטרייך, די שווייץ, בעהמען, וואו דער שוואַרצער טויט האָט געשניטען די איינוואוינער ווי אַ פעלד־מעסער, האָט מען די אידען גע'הרג'עט

טויזענדערוויז. מען פלעגט זיי ברענען אויף שייטער־הויפענס, מאַ־
טערען, הענגען, ערטערווייז פלעגט מען זיי ארויסטרייבען אָדער
צווינגען אָנצונעהמען דאָס קריסטענטום. אומזיסט האָט זיך דער
פּאַבסט קלעמענס דער 6טער געווענדט צו די קאַטאָליקען מיט א
בולא, אין וועלכער ער האָט אויפגעוויזען דעם אונזין פון דעם בלבול
אויף די אידען, אָנווייזענדיג אז די אידען גופא שטאַרבען פון דער
מגפה, און אז דער שווארצער טויט בושעוועט אפילו דאָרט וואו
קיין אידען זיינען גאָר ניטאָ. די ווערטער פון דעם פּאַבסט האָט
מען ניט געהערט: די ליידענשאַפטען האָבען זיך צופלאַקערט און
עס איז אונמעגליך געווען זיי איינצושטילען. אין שטראַסבורג און
קעלן האָבען דער בירגערמייסטער און דער שטאָדט־ראַטה זיך אָנ־
גענומען פאַר די אומשולדיגע אידען; זיי האָבען איינגערעדט דאָס
פאָלק אז די מגפה איז אָנגעשיקט געוואָרען פון גאָט, און ניט פון
מענשען; אָבער דער המון האָט פאַרטריבען דיזע פערטיידיגער.
די שטראַסבורגער אידען האָט מען אוועקגעשלעפּט אויפ'ן בית־
עולם, זיי פערשפּאַרט אין א גרויסען הילצערנעם שטאַל און זיי
פאַרברענט. געראַטעוועט האָבען זיך בלויז איניגע, וועלכע האָבען אין
פערצווייפלונג בעשלאָסען אָנצונעהמען קריסטענטום (1349). אַ
עהנליכער שיקזאַל האָט געטראָפען די אידען פון קעלן, נאָך א ניט־
געלונגענעם פערזוך זיך צו פערטיידיגען מיט געוועהר. די רהיין־
שטעדט, די עדות פון די שרעקען פון די קרייצצוגען, זיינען ווידער
פאַרהילכט געוואָרען פון די וועה־געשרייען פון די אידישע קרבנות.
אין ווארמס האָט דער שטאָדט־ראַטה בעשלאָסען צו פאַרברענען
די אידען, נאָר די לעצטע, ניט וואַרטענדיג אויפ'ן טויט פון די הענד
פון די הענקער, האָבען אליין אונטערגעצונדען זייערע הייזער און
זיינען אומגעקומען אין די פלאַמען. דאָס זעלבע האָבען געטהאָן
די אידען אין פראַנקפורט און אנדערע שטעדט. אין מאַינץ האָבען
זיך אַ טייל אידען געשטעלט מיט געוועהר געגען זייערע פאַרפאָל־
גער און האָבען געטויט ארום צוויי הונדערט פערזאָן. אָבער ווען
א ווייטערער קאַמפף איז געוואָרען אונמעגליך האָבען די אידען
פון מאַינץ זיך אליין פאַרברענט אין זייערע הייזער. פון דייטש־
לאַנד זיינען די אידען מאַסענווייז געלאָפען אין דעם שכנ'ישען

פוילען, וואו זייערע ברידער האָבען געלעבט רוהיגער אונטער׳ן שוץ פון די קעניגע און דער רייכער שליאכטע.

די ליידען, די ערנידערונג און אָרימקייט האָבען פינסטער געמאכט דאָס לעבען פון די דייטשע אידען און האָבען אָבגעשוואכט זייער גייסטיגע טעטיגקייט. דער געביט פון גייסטיגען לעבען איז געווען פונקט אזוי ענג ווי די גאַס פון אידישען קווארטאל. אפילו די רבנישע לומדות איז פעראָרימט געוואָרען. די געלערנטע תלמודיסטען האָבען בעארבייט און ערקלערט די פריהעריגע ליטעראטור, אָבער זיי האָבען גאָרניט געשאפען קיין נייעס. וועגען פרייהייט פון געדאנק האָט גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין. די רעליגיעזע צערעמאָניעס זיינען אָבגעהיט געוואָרען מיט דער גרעסטער שטרענגקייט אין דער היים אזוי גוט ווי אין שוהל. די היים און די שוהל—דאָס זיינען געווען די צוויי ערטער וואו דער געיאָגטער, ערנידריגטער איד האָט אָבגערוהט אין זיין נשמה, וואו ער האָט זיך געפיהלט אלס מענש מיט הויכע גייסטיגע שטרעבונגען. דאָס פאמיליען־לעבען פון דעם דייטשען אידען איז געווען א מוסטער פון מאָראלישער ריינקייט, פון זעלבסט־אויפאָפּפערונג, פון מעסיגקייט און ניכטערקייט. די גאנצע געמיינדע איז געווען אזוי ווי עפּיס איין גרויסע פאמיליע, וואָס איז פעראייניגט מיט דיזעלבע שטרעבונגען, געוואוינהייטען און מנהגים. דאָס לעבען פון דער קהילה האָט זיך קאָנצענטרירט אין שוהל, וואו אין הויף פלעגט זיך דאָס רוב געפינען די וואוינונג פונ׳ם רב. דאָ פלעגען בעטראכט און בעשלאָסען ווערען די עסקים פון דער קהילה; דאָ פלעגען אָפט, אין צייטען פון אָנפאלען, די ראשי הקהל בעשליסען פרייוויליג צו שטארבען, כדי זיך ניט איבערצוגעבען דעם שונא: די שוהל פלעגט מען אונטערצינדען און א גאנצע מחנה מארטירער פלעגט אויסהויכען דעם אָטעם מיט די אויסגעשרייען: „שמע ישראל!״ דער אנדענק פון אזעלכע מארטירער פלעגט געהאלטען ווערען הייליג פון די קומענדע דורות. זייערע נעמען, יעדער מיט׳ן טיטעל „קדוש״, פלעגען פארשריבען ווערען אין די „פנקסים״ פון די שוהלען און פלעגען דערמאָנט ווערען אין ריהרענדע תפלות, וואָס פלעגען געזאָגט ווערען פאר „די וואָס זיינען געשטאָרבען אויף קדוש השם״.

אין 15טען יאָהרהונדערט זיינען די רדיפות אויף די אידען

אין דייטשלאַנד שוואַכער געוואָרען. בלויז פון צייט צו צייט פלעגען די קאַטוילישע גלחים אויפרייצען געגען זיי דעם פינ־סטערען המון. אַרום יאָהר 1450 איז איבער'ן לאַנד אַרומגע־פאָהרען דער מאָנאַך קאַפּיסטראַנאָ, וועלכער האָט געקראָגען דעם צונאָמען „דער בייטש פון די אידען", און האָט געהעצט דעם המון געגען די אידען; אונטער דער ווירקונג פון זיינע דרשות האָט די שוואַרצע מאַסע אין עטליכע שטעדט צורויבט די אידישע קוואַרטאַלען. פון אַ סך שטעדט זיינען די אידען פאַר־טריבען געוואָרען.

די ליטעראַטור פון די דייטשע אידען אין 13טען ביז'ן 15טען יאָהרהונדערט בעשטעהט כמעט איינגאַנצען פון תלמודישע פאָרשונגען. פון די תלמודיסטען פון דיזער עפּאָכע זיינען בע־זונדערס בעריהמט געוואָרען: רבי מאיר פון ראָטענבערג (דער מהר"ם), ר' ישראל איסרלין פון עסטרייך און ר' ישראל ברונאָ פון רעגענסבורג (15טען יאָהרהונדערט). דער פּאַריזער רב ליפּמאַן מילהויזען (ר' יום־טוב) האָט אָנגעשריבען דעם פּאָ־פּולערען ספר „הנצחון", וועלכער האָט געדאַרפט דיענען אַלס האַנדבוך פאַר די אידישע חכמים און רעליגיעזע וכחים מיט גלחים.

§27. איטאַליען. אין מערב־אייראָפּאַ אין מיטעלאַלטער איז איטאַליען געווען דאָס איינציגע לאַנד, וואו די אידען האָבען ניט געליטען קיין מאַסען־פערפאָלגונגען: צווישען דעם געדיכטען וואָלקען פון דעם באַרבאַריזם פון דעם מיטעלאַלטער האָט אין דיזען לאַנד צום ערשטען אַ בליץ געטהאָן דער שטראַהל פון דער „רענע־סאַנס" (אויפלעבונג, 13טען—15טען יאָהרהונדערט), וואָס איז געווען אַ בענייאונג פון דעם גייסטיגען און געזעלשאַפטליכען לעבען. די רומישע פּאַבסטען זיינען ניט געווען קיין פּראָפּעטען אין זייער איינען לאַנד. אינאָקענטי דער 3טער און זיינע נאָכפאָלגער, וועלכע האָבען מיט ערפאָלג פּאַרזייהט רעליגיעזע אונטאָלעראַנץ אין אַלע לענדער פון אייראָפּאַ, האָבען ניט געקענט פּאַרפלאַנצען דיזען בייזען גייסט אין איטאַליען גופא, וועלכע איז געווען פאַנאַנדערגעטיילט אין זעלבסטשטענדיגע פּראָווינצען און פרייע האַנדעלס־שטעדט. אידען האָבען געלעבט אין דעם פּאַבסט'ס פּראָווינץ, אין די פרייע

שטעדט פון לאָמבארדיען און אין דרום—אין נעאפּאָל און סיציליען. די קירכליכע געזעצען זיינען ניט אָנגעווענדט געוואָרען שטרענג געגען זיי אפילו אין רוים. די אידען האָבען דאָ נאָך פון אמאָל געלעבט אין א בעזונדער קווארטאל, נאָר אין זייערע זיטען זיינען זיי ניט געווען שארף אָבגעשיידט פון די קריסטען. לויט'ן געזעץ זיינען זיי געווען אנערקענט פאַר „רוימישע בירגער" פון א בעזונדער קלאַס, אונטערגעוואָרפען צו דער פּאבסטליכער קוריע. בראש פון די קהילות זיינען געשטאנען אויסגעקליבענע פאָרשטעהער („פּרנסים") וועלכע זיינען געווען פעראנטוואָרטליך צום פּאבסט פאַר די שטייערן, האָבען געהאט דאָס רעכט צו רופען אסיפות, משפּט'ן און ארויסגעבען א פּסק, ארויפלעגען שטראפען אָדער חרם פאַר פארברעכענס.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידען אין איטאַליען איז געווען אָהן אן ערך בעסער, ווי אין אנדערע לענדער. דאָ זיינען זיי ניט געווען צוגעשמיעדט צום קליין־האנדעל און צו וואוכער־געשעפט, נאָר זיי האָבען געקענט זיך פארנעהמען מיט מלאכה און האנדעל אויפ'ן ברייטען אופן. אין דרום־איטאַליען און סיציליען האָבען זיך די אידען בעשעפטיגט אפילו מיט ערד־ארבייט און מיט דער זייד־אינדוסטריע. אין אזעלכע אלוועלטליכע האנדעלס־פּאָרטען ווי ווע־נעדיג און גענוא האָבען די אידישע סוחרים ניט געקענט קאָנקו־רירען מיט די גרויסע קריסטליכע סוחרים, נאָר דאָך האָבען זיי אויך אנטייל גענומען אין דעם אלוועלטליכען פּעלקער־האנדעל, וועלכער איז אָנגעגאנגען דורך דיזע פּאָרטען. אינווענינג אין לאנד, וואו עס זיינען ניט געווען קיין בעקוועמע און זיכערע וועגען, האָבען די אידען געלייסטעט א גרויסע דיענסט צו די פּויערים און דעם האנדעל דורך אריבערפיהרען ברויט און אנדערע פּראָדוקטען פון אָרט צו אָרט, און שפּילענדיג די ראָלע פון דעם פּארמיטלער צווישען דעם פּראָדוצירער און דעם פארברויכער. די רייכע פלעגען זיך אויך אָבגעבען מיט'ן פּראָצענט־געשעפט, נאָר אויף דיעזען געביט זיינען זיי נאָר געווען שוואכע תלמידים פון די איטאַליענישע פּראָצענט־ניקעס, וועלכע זיינען געווען בעוואוסט אונטער'ן נאָמען די „לאָמ־באַרדער". שרייבער פון יענער צייט האָבען איבערגעלאָזט עדות, אז די קריסטליכע פּראָצענטניקעס פלעגען א סך ערגער בעהאנדלען

זייערע קריסטליכע קונדען, ווי די אידען זייערע קריסטליכע בעל־חוב׳עס. אין יאָהר 1430 האָבען די שטאָדט־בעאַמטע פון פלאָרענץ איינגעלאַדען אידישע באַנקירען צו קומען זיך בעזעצען אין זייער שטאָדט, כדי זיי זאָלען אַרונטערזעצען די פּראָצענטען פון 33 אויף 20. אַ דאַנק דעם זיינען אין איטאַליען ניט געווען יענע טרויעריגע פאָלגען פון דעם פּראָצענט־געשעפט ווי אין די אַנדערע לענדער.

צווישען די אידען אין איטאַליען זיינען געווען אַ סך בעריהמטע דאָקטוירים, וועלכע האָבען געקראָגען זייער בילדונג אין די העכסטע מעדיצינישע שולען אין פּאַדואַ, סאַלערנאָ און אַנדערע ערטער, אָפטמאָל טאַקע אונטער אויפזיכט פון אידישע פּראָפעסאָרען. ניט פארגינענדיג די אידישע דאָקטוירים זייער ערפאָלג האָבען זייערע קריסטליכע חברים געזוכט זיי צו פאר׳מיאוס׳ן אין די אויגען פון פאָלק, בעשולדיגענדיג זיי אַז זיי שעדיגען בכיוון קריסטליכע פּאַציענטען. האָבען די קאַטוילישע גלחים אָנגעהויבען שטרענג איינפיהרען דאָס קירכליכע געזעץ, וואָס האָט פארבאָטען קריסטען זיך צו קורירען ביי אידישע דאָקטוירים. פונדעסטוועגען זיינען די אידישע דאָקטוירים געווען שטאַרק פּאָפּולער אין לאַנד און צו זיי פלעגען זיך ווענדען ניט נאָר עולם׳שע מענשען, נאָר אויך קאַטוילישע גלחים, און אָפטמאָל אפילו די פּאַבסטען אליין. פּאַבסט באָניפיציוס דער 9טער האָט געהאַט אַלס זיינע לייב־דאָקטוירים די אידען מענועלאָ און אַנדזשעלאָ. דיזע צוויי דאָקטוירים האָבען געקראָגען פון דעם פּאַבסט און דעם רוימישען מאַגיסטראַט אַ שריפט, וועלכע האָט בעפרייט זיי און זייערע קינדער פון שטייערען דערפאַר וויל זיי האָבען געהיילט אָרימע קראַנקע אומזיסט (1399). דער אידישער דאָקטאָר פּאָליניאָ, פּראָפעסאָר אין דעם אוניווערזיטעט פון פּאַדואַ, איז געפאַלען אַ קרבן פון דעם „שוואַרצען טויט״, אַרומגעהענדיג בשעת דער מגפה אַרום געפעהרליכע קראַנקע (1348). אין די הויפען פון די קעניגע און הערצאָגען זיינען אידישע לייב־מעדיקער געווען אַ גאַנץ אָפטע זאַך.

די ציטליך גינסטיגע געזעלשאַפטליכע לאַגע פון די איטאַליענישע אידען צוזאַמען מיט דער „רענעסאַנס״ וואָס האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבען אין איטאַליען, האָבען אַרויסגערופען ביי די

דאָרטיגע אידען אַ פּיעלזייטיגע גייסטיגע שאַפונג. אַזוי ווי זייערע שפּאַנישע ברידער האָבען די איטאַליעניש אידען ארויסגעגעבען פון צווישען זיך פרייע דענקער, וועלכע האָבען אָנגענומען די געדאַנקען פון דעם רמב״ם (דער איבערזעצער פון די אַראַבישע פילאָזאָפען, יעקב אַנאַטאָלי, און דער דאָקטאָר הלל ווערָאָנאַ פון 13טען יאָהרהונדערט), און בעגאַבטע פּאָעטען. פון די פּאָעטען איז בעזונדערס בעריהמט געוואָרען עמנואל הרומי (געשטאָרבען 1330), אַ חבר פון דאַנטע. אַנדערש ווי די איבעריגע אידישע פּאָעטען האָט עמנואל געשריבען ניט קיין רעליגיעזע שירים, נאָר וועלטליכע ליעדער, אין וועלכע עס איז בעזונגען געוואָרען די ליעבע, פרייד און גליק, אָדער עס זיינען אויסגעלאַכט געוואָרען נאַרישקייט און דומהייט. די העברעאישע שירים פון עמנואל צייכנען זיך אויס מיט זעלטענער שענקייט און קלינגעוודיגקייט. ער האָט אויך אָנגעשריבען אַ שיר „התפת וגן־עדן" (גיהנם און גן עדן), וועלכע איז אַ שאַרפע סאַטירע אויף די מענשען פון זיין צייט. צווישען די איינוואוינער פון גיהנום זעצט דער דיכטער אריין יענע תלמודיסטען, וועלכע פעראַכטען די וועלטליכע וויסענשאַפטען, דאָקטוירים־שאַרלאַטאַנעס און אונבעגאַבטע שרייבער; אין גן־עדן מאַכט ער פּלאַץ אפילו פאַר גוטע גויים, וועלכע גלויבען אין אחדות הבורא. די שפּעטערע רבנים האָבען ערקלערט עמנואל׳ן פאַר אַן אפּיקורס און אריינגעלעגט זיינע ווערק אין חרם.

---

פינפטער קאַפּיטעל.

## דאָס לעצטע יאָהרהונדערט פון שפּאַנישען יודענטום.

.(1391—1492)

**§28. אידישע הויפּליים און די שחיטה אין סעווילאַ.** ליכט און שאָטען בייטען זיך אין דעם לעבען פון די שפּאַנישע אידען אין 14טען און 15טען יאָהרהונדערט. צוליעב זייער בילדונג

און האנדעלס־פעהיגקייטען האָבען די אידען פערנומען אן אנגע־זעהענעם אָרט אין ביידע קעניגרייכען פון שפּאַניען—קאַסטיליען און אַראַגאָניען. די שפּאַנישע קעניגע האָבען געשעצט דיזע מעלות פון די אידען און פלעגען די פעהיגסטע פון זיי אָפט רופען צו פאַר־נעהמען שטעלען אין דער רעגירונג. כמעט יעדער קעניג האָט געהאַט אין זיין הויף אַ אידישען שטייער־זאַמלער, פינאַנץ־מיניסטער, ראַט־געבער, הויף־דאָקטאָר אָדער אַ אידישען געלערטען. די אידישע פאַמיליען בענווניסטע, וואַקאַר, אבולאַפיא, פּיכאָן און אברבנאל האָבען זיך בעוויזען אין די רייהען פון די שפּאַנישע אַדעליגע און הויפלייט. אָט דיזע אַלע טיטולירטע אידען האָבען זיך שטאַרק פערדיענט געמאַכט ביי דער מלוכה, אָבער זייער אייגען פאָלק האָבען זיי ווייניג נוצען געבראַכט. די אידישע הויפלייט פון דיזער צייט האָבען ניט געהאַט יענע טוגענדען, וועלכע האָבען אַמאָל בעשעהנט אַזעלכע מענשען ווי ר' חסדאי שפּרוט אָדער ר' שמואל הנגיד. נאָכטהוענדיג די פאַרשווענדערישע שפּאַנישע גראַנדען האָ־בען זיי געשטרעבט בלויז צו רייכטום און לוקסוס, וועלכע זאָלען מאַכען אַן אויפזעהן, פלעגען אָנטהאָן זייערע ווייבער און קינדער אין זייד און בריליאַנטען, און פלעגען אַרויספאָהרען אין גרויסאַר־טיגע עקיפּאַזשען. פון זיי פלעגען זיך אָבלערנען אַ ביישפּיעל די מענער און פרויען פון די פאַרמעגליכע קלאַסען פון דער אידישער בעפעלקערונג. דערמיט פלעגען זיי אַרויסרופען קנאה ביי די קריס־טען, וועלכע פלעגען זאָגען: „אָט ווי די אידען ווערען רייך; באַלד וועלען זיי אַלע ווערען גראַנדען". און דאָס וואָס איינצעלנע אידען פלעגען שנעל רייך ווערען, אָפּטמאָל דורך געלונגענע קניות אָדער פּראָצענט־נעהמען, פלעגט מען צורעכענען אַלס עולה דער גאַנצער אידישער בעפעלקערונג, וועלכע האָט געפיהרט אַ בעשיידענעם און אַרבייטסזאַמעם לעבען. די אידען־פיינד פלעגען זיך דערמיט בע־נוצען צו פאַרגיפטען די מאַסען געגען די אידען.

אַ בעזונדערע שנאה צו די אידען האָבען געפיהלט דער הע־כערער אַדעל און די גייסטליכע. די שטאָלצע שפּאַנישע אַדעל־לייט האָבען ניט געקענט פאַרטראָגען אין זייער מיט מענשען פון פרעמדען גלויבען און געבורט, און זיי פלעגען זיין אונצופריע־דען ווען אַזעלכע מענשען פלעגען דערגרייכען הויכע רעגירונגס־

שטעלען. און די גייסטליכע, וועלכע זיינען בעשטאַנען דאָס רוב פון די מאָנאַכען־דאָמיניקאַנער, האָבען געזעהן אין דער דערהויבונג פון די אידען אַ דירעקטע בעלייַדיגונג געגען דער קירכע. לויט דער מיינונג פון די קאַטוילישע מאָנאַכען האָבען די אידען, אַלס די „שונאים פון דער קירכע" אומעטום געדאַרפט געהאַלטען ווערען אַלס קנעכט. פונדעסטוועגען האָבען די אידישע קהילות אין שפּאַניען געבליהט און האָבען גענאָסען אינערליכע פרייהייט. אין קאַסטיליען אַליין זיינען געווען 80 קהילות, וועלכע האָבען פאַרמאָגט אַרום אַ מיליאָן אידען. די וויכטיגסטע קהילות האָבען זיך געפונען אין טאָלעדאָ, בורגאָסאַ און סעווילאַ. בראש פון יעדער קהילה זיינען געשטאַנען די רבנים און דיינים, וועלכע האָבען געהאַט אַ רעכט צו משפּט'ן ציווילע און קרימינעלע פּראָצעסען צווישען אידען. אַזוי ווי אַמאָל אין בבל און אין דעם אַראַבישען קאַליפאַט, אַזוי האָבען איצט אויך די אידען גענאָסען ברייטע אויטאָנאָמיע, וועהרענד די איינפלוסרייכערע אידען האָבען אנטייל גענומען אויך אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג. אָט דיזער פאַקט וואָס פון איין זייט האָבען די אידען געלעבט אָבגעזונדערט אין זייער אייגענעם לעבען און פון דער אַנדערער זייט זיך בעטייליגט אין דער רעגירונג—האָט גערייצט דעם קאַטוילישען אַדעל און די גייסטליכע.

איין פאַנאַטישער גלח פון סעווילאַ, פערנאַנדו־מאַרטין, האָט זיך אוועקגעשטעלט אַלס ציעל אויפצוהעצען די קריסטען צו אַן אָנפאַל אויף די אידען. אין זיינע דרשות אין די קירכען פלעגט ער גיסען פעך און שוועבעל אויף דער אידישער „פאַלשער" אמונה, פלעגט אָנווייזען אויפ'ן וואַקסענדען רייכטום פון די אידען און זייער שעדליכקייט פאַר'ן פאָטערלאַנד. דאַן איז מאַרטין געוואָרען געהילף פון ערץ־בישאָף און ער האָט אָנגעהויבען פאַנאַנדערשיקען צירקולאַרען צו די גלחים אין זיין עפּאַרכיע, אין וועלכע ער פלעגט זיי אויפפאָדערען זיי זאָלען איינריידען דאָס פאָלק „צו צושטערען ביז'ן גרונד די שוהלען, אין וועלכע די שונאים פון גאָט און דער קירכע, וועלכע רופען זיך אידען, פּראַווען זייער געצענדיענסט". איינמאָל, דעם 15טען מערץ 1391, האָט מאַרטין געהאַלטען אַ

פייערדיגע דרשה פאר א גרויסען עולם. דער אויפגערייצטער המון האָט זיך א וואָרף געטהאָן אויף דער פריעדליכער אידישער בע־פעלקערונג פון סעווילא און עס האָט זיך אָנגעהויבען א פּאָגראָם. נאָר דאָס מאָל האָבען זיך פאר די אידען געשטעלט די שטאָדט־בעאמטע, דער פּאָגראָם איז אָבגעשטעלט געוואָרען, און אייניגע פון די אָנהויבער זיינען בעשטראָפט געוואָרען. צווישען די אָנ־הויבער איז אָבער ניט געווען דער אמת׳ער שולדיגער אין די אונרוהען, פערנאנדו־מארטין. אונטער דעם שוץ פון דער קירכע האָט ער ווייטער אָנגעפיהרט זיין פארברעכערישע אגיטאציע, ביז ער האָט ענדליך זיך דערשלאָגען צו זיין ציעל. אין דריי מאָנאטען ארום איז דער פּאָגראָם אין סעווילא אויסגעבראָכען אויף דאָס ניי מיט אזא קראפט, אז עס איז אונמעגליך געווען איהם אָבצושטעלען. די קאטוילוליקען, אזוי ווי לויט אַן אָבמאך פון פריהער, זיינען זיך איין פריהמאָרגען צוזאמענגעלאָפען פון אלע עקען שטאָדט צום אידישען קווארטאל („יודעריא"), האָבען איהם אונטערגעצונדען און זיך א נעהם געטהאָן צו הרג׳ענען און רויבען די איינוואוינער (6טען יוני). ארום פיער טויזענד אידען זיינען געוואָרען גע׳הרג׳ט אָדער אוועקגעפיהרט אין געפאנגענשאפט און פארקויפט צו אראבער פאר קנעכט; און די איבעריגע, כדי צו רעטען זיך פון טויט, האָבען מסכים געווען זיך צו לאָזען שמד׳ן; די בליהענדע אלטע קהילה איז חרוב געוואָרען; אייניגע שוהלען האָט מען פערניכטעט און די איבעריגע האָט מען פערוואנדעלט אין קירכען.

די געשיכטע אין סעווילא איז געווען א סיגנאל צו בעפאלען די אידען אין אנדערע שטעדט. א סך זיינען געשטאָרבען אויף קידוש השם; נאָר גרויס איז אויך געווען די צאָל פון די שוואכ־מוטיגע, וועלכע האָבען לפנים אָנגענומען קריסטענטום כדי צו רעטען זיך דאָס לעבען. פון קאסטיליען האָט זיך די פּאָגראָם־חוואליע אריבערגעוואָרפען אין דעם קעניגרייך אראגאָניען. אין וואלענציא האָבען זיך די קאטאָליקען אריינגעריסען אין אידישען קווארטאל מיט געשרייען: „אָט קומט מארטין, ער וועט אייך אלעמען אוים׳שמד׳ן!" די אידען האָבען זיך געפּרובט שטעלען אנטקעגען, אָבער דאָס האָט נאָך מעהר צורייצט דעם ווילדען המון. די אידישע קהילה, פון פינף טויזענד נפשות, איז צושטערט

געוואָרען: איינע זיינען געשטאָרבען דורכ'ן שווערד, אנדערע זיינען אוועק צום שמד, און נאָך אנדערע זיינען אנטלאָפען. אין באַר־צעלאָנא האָבען זיך די אידען פערשפּאַרט אין פעסטונג, נאָכדעם ווי דער גובערנאַטאָר און דער אדעל האָבען זיי צוגעזאָגט צו בע־שיצען. נאָר דער צעווילדעטער המון האָט די פעסטונג בעלאַגערט און אונטערגעצונדען. די בעלאַגערטע, פאַרלירענדיג די האָפנונג זיך צו רעטען, האָבען אליין דערשטאָכען איינע די אנדערע מיט שווערדען אָדער האָבען זיך ארונטערגעוואָרפען פון טהורם פון פעסטונג און זיינען צושמעטערט געוואָרען; אנדערע האָבען גע־קראָגען א שרעקליכען טויט פון דעם שונא'ס הענד, און די איבע־ריגע האָבען געפעלשט אין זייער גלויבען; בלויז איניגע איז גע־לונגען צו אנטלויפען.

די אנטלאָפענע פון שפּאַניען זיינען אוועק אין דעם שכני'שען פּאָרטוגאַל. די אידען האָבען שוין לאַנג געלעבט אין פּאָרטוגאַל רוהיג, העלפענדיג אין דער קאָמערציעלער ענטוויקלונג פון דיזען האַנדעלס־לאַנד. דאָ האָבען זיי געהאַט פרייע קהילות, בראש פון וועלכע עס איז געשטאַנען אן אויבער־רב, וועלכער איז בעזעסען א גרויסע מאַכט. אויך דאָ האָבען אין דעם קעניגליכען הויף אָפט זיך אויסגעצייכענט אידישע מיניסטאָרען און ראַטגעבער. נאָך דער סעווילער הריגה אין 1391 האָבען א סך אידישע אנטלאָפענע פון שפּאַניען געפונען שוץ אין פּאָרטוגאַל; די וואָס זיינען מיט גוואַלד גע'שמד'ט געוואָרען האָבען דאָ אָנגעהויבען פראַנק און פריי צו היטען זייער פריהעריגען גלויבען. פאַר דיזען אָבטרעטען פון קאַ־טאָליציזם האָט זיי געשראָקען א שווערע שטראָף. נאָר דער אויבער־רב פון פּאָרטוגאַל, ר' משה נאַווארא, וועלכער איז אויך געוועזען דעם קעניג'ס לייב־דאָקטאָר, האָט פּאַרהיט פון אן אומגליק. ער האָט פּאָרגעבראַכט פאַר'ן קעניג צוויי בולאַס פון דעם פּאַבסט, וועלכע האָבען פאַרבאָטען צו שמד'ן אידען מיט גוואַלד. דאַן האָט דער קעניג ארויסגעלאָזט א בעפעהל (1392), אז קיינער זאָל ניט אָנריהרען א אידען וואָס איז גע'שמד'ט געוואָרען מיט גוואַלד און וואָס האָט זיך אומגעקערט צוריק צו זיין גלויבען; ער האָט אויך בעפעהלען אז מען זאָל איבעראַל בעקאַנט מאַכען דעם אינ־האַלט פון דעם פּאַבסט'ס בולאַס. אויסער פּאָרטוגאַל האָבען א סך

שפאנישע אידען אויסגעוואנדערט אין די מאחמעדאנישע לענדער פון צפון־אפריקא און האָבען דאָרט אויף דאָס ניי געגרינדעט גרויסע קהילות (אזוי ווי אמאָל, אין די צייטען פון רמב"ם).

צווישען די בעריהמטע אידישע מענער, וואָס האָבען גע־ליטען פון די פּאָגראָמען אין יאָהר 1391 איז געוועזן דער בע־וואוסטער פילאָזאָף ר' חסדאי קרשקש, פון בארצעלאָנא. ר' קרשקש'ס זוהן איז געשטאָרבען על קידוש השם און דער אומ־גליקליכער פאָטער האָט וועגען דעם רוהיג געשריבען: „מיין זוהן האָב איך אָבגעגעבען צו גאָט אזוי ווי א קרבן עולה. איך בין מקבל באהבה גאָט'ס משפט און איך טרייסט זיך דערמיט וואָס אזא גליק איז אויסגעפאלען אויף זיין גורל". די שטיר־מישע צייט האָט ניט געשטערט ר' קרשקש צו פערטיעפען זיך אין זיינע רעליגיעזע און פילאָזאָפישע שטודיען, נאָר זי האָט ארויפגעלעגט אויף זיי איהר שטעמפעל. אנדערש ווי דער רמב"ם, האָט ר' קרשקש געלערנט אז דער פערשטאנד דארף אָבטרעטען דעם גלויבען, און ניט פארקערט. פון משה'ס צוויי געבאָטען „דע את ד'" (זאָלסט ווי סען גאָט) און „ואהבת את ד' אלהיך" (זאָלסט ליעבען דיין גאָט) האלט ער דאָס צווייטע פאר וויכטיגער. אין זיין ספר „אור ד'" זאָגט ער ארויס געדאנקען וואָס זיינען געגען דעם רמב"מ'ס. אין דעם זעלבען וועג איז געגאנגען א אינגערער דענקער פון יענער צייט, ר' יוסף אלבו (געשטאָרבען 1444), וועלכער האָט פערפאסט א וויכטיגען ספר „העקרים". דער מחבר פיהרט־צו די דרייצעהן עיקרים פון דעם רמב"ם צו דריי וויכטיגסטע: גאָט'ס וועזען, אז די תורה איז מן השמים און תחית המתים.

§29. די אנוסים. די געשעהענישען פון יאָהר 1391 האָבען איבערגעלאָזט נאָך זיך טיעפע שפּורען אין דעם לעבען פון די שפאנישע אידען. זעהר גרויס איז געוועזן די צאָל פון די יעניגע, וועלכע האָבען אין דיזען שרעקליכען יאָהר, אונטער דער מורא פון טויט, אָנגענומען דאָס קריסטענטום. דיזע מענשען האָבען געגלויבט אז ווען די געפאהר וועט אריבער וועלען זיי מעגען זיך אומקערען צוריק צום גלויבען פון זייערע אבות. אָבער זיי האָבען געמאכט א טעות. אָפּען צו היטען זייער אלטען גלויבען האָבען

געקענט נאָר יענע פון די גע׳שמד׳טע, וועלכע זיינען אנטלאָפען אין אנדערע לענדער. אָבער די אַלע „ניי־קריסטען״, וועלכע זיינען געבליבען אין שפּאַניען האָבען זיך געפונען אונטער דעם שטרענגען בליק פון די קאַטוילישע גלחים. זיי האָבען געקענט בלויז בעהאַל־טענערהייד אָבהיטען די צערעמאָניעס פון דער אידישער אמונה, אָבער עפענטליך זיינען זיי געגאַנגען אין קירכע און האָבען זיך געהאַלטען פאַר קאַטאָליקען. אַט דיזע צוויי־פּנים׳דיגקייט האָט זיי פאַר׳סמ׳ט דאָס לעבען. די אידען האָבען גערופען אַזעלכע מענשען „אנוסים״ (געצוואונגענע), און די שפּאַניער האָבען זיי גערופען ניי־קריסטען אָדער „מאַראַנען״, ד. ה. פערשטויסענע.

די צאָל פון די מאַראַנען אין שפּאַניען איז אַלץ געוואַקסען. ערמוטיגט פון זייער ערשטען ערפאָלג האָבען די קאַטוילישע גלחים ערפונדען אַלץ נייע מינים מיטעל צו צווינגען די אידען צום שמד. דערין האָבען די מאָנאַכען געהאָלפען אַזעלכע אידען, וועלכע פלעגען, צוליעב אייגענע נוצען, פעררעטען זייער פאָלק און זיך שטעלען אויף דער זייט פון זיינע פריינד. א געוועזענער תלמודיסט שלמה הלוי, וועלכער האָט זיך גע׳שמד׳ט און אָנגענומען דעם נאָמען פּאָול האָט זיך ענדליך דערדיענט צום טיטעל בישאָף אין בור־גאָסא און איז געוואָרען דער ערציהער פון דעם קאַסטילישען קרוינ־פּרינץ. זייענדיג דער ליעבלינג פון דעם פּאַבסט האָט פּאָול שטענדיג געזוכט צו געפעהלען זיינע קירכליכע אויבערהארען און ברענגען וואָס מעהר אידען צום קריסטענטום. ער האָט געפּרעדיגט, אין וואָרט און שריפט, געגען די „פאַרפיהרערישע״ רבנים און האָט געוויזען די מעלות פון קריסטענטום איבער׳ן יודענטום. אין דער זעלבער צייט זיינען איבער׳ן לאַנד ארומגעפאָהרען די דאָמיניקאַ־נישע מאָנאַכען, פלעגען זיך אריינרייסען מיט צלמים אין די הענד אין די שוהלען און פלעגען שטרענג פאָדערען אז די אידען זאָלען אָננעהמען דאָס קריסטענטום; און טאקע אויפ׳ן פּלאַץ איז גע־שטאַנען א מאַסע קאַטאָליקען, כדי אָנצופאַלען אויף די אידען ביים ערשטען סיגנאַל. אונטער דיזע שרעקליכע מעטאָדען האָבען טוי־זענדער אידען אָנגענומען דאָס קריסטענטום, פאַרגרעסערענדיג אויף אזא אופן די צאָל פון די אנוסים.

אין יאָהר 1412 האָט פּאַבסט בענעדיקט דער 13טער ארויסגע־

שיקט צו די וויכטיגערע שפּאַנישע רבנים אַן איינלאַדונג צו קומען קיין טאָרטאָזאַ צו האָבען אַ וכוח מיט פאָרשטעהער פון דער קירכע; פאַר ניט קומען צו דער בעשטימטער צייט איז בעשטימט געוואָרען אַ שטרענגע שטראָף. די רבנים האָבען געמוזט פאָלגען. קיין טאָר־טאָזאַ זיינען אָנגעקומען 22 פאָרשטעהער פון אידישע געמיינדען; צווישען זיי זיינען געווען בעריהמטע רבנים, דאָקטוירים און פילאָ־זאָפען, דארונטער ר׳ יוסף אלבו, דער מחבר פון דעם ספר וועגען די עיקרים פון יודענטום, „העקרים״. די פאָרשטעהער פון דער קירכע זיינען געווען: דער פּאַבסט בענעדיקט זעלבסט, אַ סך בי־שאָפען און דער משומד יהודה לאָרקי (קאַטוילישער נאָמען: הע־ראנימאָ דע סאנטאַ־פע). דער דיספּוט, וועלכער האָט זיך אָנגע־הויבען אין פעברואר 1413 איז פאָרגעקומען אין 69 זיצונגען און האָט געדויערט אַ יאָהר מיט זעקס חדשים. יע־ער צד האָט מיט בעגייסטערונג בעוויזען די ריכטיגקייט פון זיין אמונה; נאָר אין דער צייט וואָס די אידען האָבען געדאַרפט ריידען פאָרזיכטיג און איינגעהאַלטען, האָבען די קאַטאָליקען זיך ערלויבט צו מאַכען בע־ליידיגענדע אַטאַקען אויפ׳ן יודענטום און זאָגאר שרעקען. מען קען ניט וויסען מיט וואָס דיזער דיספּוט וואָלט זיך געווען ענדיגען ווען אַ קירכליכע אסיפה, וואָס איז דעמאָלט פאָרגעקומען אין קאָנ־סטאַנצאַ, זאָל ניט געווען אַרונטערזעצען בענעדיקט און אויס־קלייבען אַן אַנדער פּאַבסט אויף זיין אָרט

אַ סך יאָהרען האָבען די שפּאַנישע גלחים געאַרבייט שווער צו בעקערען וואָס מעהר אידען צום קאַטאָליציזם; נאָר ווען זיי האָבען שוין דערגרייכט זייער ציעל האָבען זיי איינגעזעהן, אַז עס איז נאָך שווערער איינצוהאַלטען די בעקערטע צו דער אמונה, וואָס איז זיי אָנגעבונדען געוואָרען. אין שפּאַניען האָבען זיך געפונען צעהנד־ליגע טויזענדע מאַראַנען. אַ סך פון זיי האָבען זיך משדך געווען מיט דעם שפּאַנישען אַדעל און זיינען געשטאַנען נאָהנט צום קע־ניגליכען הויף. עס זיינען געווען אַ רעכטע צאָל מיניסטאָרען, קריעגספיהרער און בישאָפען פון צווישען די אנוסים, וועלכע האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט פעהיגקייט און בילדונג. אַ טייל פון זיי האָבען זיך ווירקליך צוזאַמענגעגאָסען מיט די אמת׳ע שפּאַניער און האָבען זיך ענטזאַגט פון זייער פאָלק. נאָר די מעהרסטע מאַ־

ראנען האָבען אין דער שטיל אָבגעהיט דאָס יודענטום. די עלטערען פלעגען לערנען זייערע קינדער די אידישע אמונה און איינגעפלאַנצט אין זייערע הערצער א ליעבע צו זייער געיאָגטען פאָלק. דאָס אלץ איז ניט געווען קיין סוד פאר די גלחים, וועלכע זיינען געווען שטארק אויפגעבראַכט דערפאר. די גייסטליכע פלעגען אין זייערע דרשות העצען דאָס פאָלק געגען די וואָס טרעטען אָב פון דער קאטוילישער אמונה. איינמאָל איז אין קאָרדאָווא געגאנגען א רעליגיעזע פראָ־צעסיע איבער די גאַסען. די מאראנען האָבען פארמאכט די פענ־סטער פון זייערע הייזער און האָבען זיי ניט אויסגעפוצט. דאָס האָט שטארק אויפגערעגט די קריסטען. פלוצלינג האָט זיך פארשפרייט א קלאנג אז פון א פענסטער פון א מאראנישען הויז, וואו די פראָ־צעסיע איז פארבייגעגאנגען, האָט א מיידעלע אויסגעגאָסען עפּיס אַן אומריינע פליסיגקייט, וואָס איז געפאלען אויף דעם בילד פון דער געטליכער מוטער. די מאסע איז שרעקליך אויפגעבראַכט געוואָרען. אונטער דער פיהרערשאפט פון א שמיעד האָט זיך דער המון א לאָז געטהאָן מיט ברענענדיגע פאקעלען אויף די הייזער פון די מאראנען און האָט געצונדען, געראובט און געמאָרדעט, גע־שענדעט פרויען, און ניט געשוינט אפילו קיין קינדער. די פינסטערע מאסע האָט געבושעוועט דריי טעג. א גרויסע צאָל מאראנען איז דעמאָלט אומגעקומען אין קאָרדאָווא און אין די ארומיגע שטעדט (1473).

§30. די אינקוויזיציע; טאָרקוועמאַדאַ. אַן ענטשיידענ־דער קאמפף געגען די מאראנען און אידען האָט זיך אָנגעהויבען פון יענער צייט, ווען אראגאָניען און קאסטיליען האָבען זיך פעראייניגט אין איין מלוכה, דורך דער חתונה פון אראגאָנישען קעניג פערדי־נאנד מיט דער קאסטילישער קעניגין איזאבעל (1474). דיזער בונד האָט געדארפט בעשאַפען אַן איינציגעס און שטארקעס קעניגרייך. נאָר דאָס קעניגליכע פּאָר, וועלכעס האָט זיך געפונען אינגאנצען אונטער'ן איינפלוס פון די גייסטליכע, האָבען אריינגעטראָגען אין דער רעגירונג א געפעהרליכען אָנפאנג פון אונטאָלעראנץ צו אנ־דערע גלויבענס—א זאַך וועלכע האָט שפּעטער אראָבגעבראַכט שפּאַ־ניען פון איהר גדולה. די פרומע איזאבעל האָט נאָך אין דער יוגענד צוגעזאָגט איהר גלח, אז ווען זי וועט ארויפגעהן אויפ'ן טראָהן

וועט זי ווידמען אַלע איהרע קרעפטען אויסצעוואָרצלען די „אונ־גלויביגע". באַלד נאָך זייער חתונה האָט דאָס קעניגליכע פּאָר זיך געווענדט אין רוים מיט'ן פאָרשלאַג עס זאָל געגרינדעט ווערען אין שפּאַניען אַ בעזונדער געריכט פון דער קירכע, וואָס זיין אויפ־גאַבע זאָל זיין אויסצוזוכען און בעשטראָפען אַלע קריסטען, וועלכע ווערען פערדעכטיגט אין פריידענקעריי, און דערביי האָט מען דער עיקר אין זינען געהאַט די מאַראַנען. פּאַבסט סיקסטוס דער 4טער האָט געגעבען זיין הסכמה אויף אַזאַ געריכט, וועלכעס זאָל הייסען —די הייליגע אינקוויזיציע. דאָס ערשטע געריכט איז געעפענט געוואָרען אין סעווילאַ (1480); די ריכטער זיינען געוועזען דאָמיני־קאַנישע מאָנאַכען און איין פאָרשטעהער פון דעם קעניג. עס האָבען זיך אָנגעהויבען ארעסטען פון מאַראַנען, וועלכע מען האָט חושד געוועזען אַז זיי זיינען געניינט צום יודענטום. די קריסטען זיינען שטרענג פאַרזאָגט געוואָרען זיי זאָלען דערטראָגען דער אינקווי־זיציע אויף יעדען מאַראַנאָ, וועלכען זיי וועלען בעמערקען ניט נאָר אַז ער היט אָב די וויכטיגערע אידישע צערעמאָניעס, נאָר אפילו אַזעלכע קליינינגקייטען ווי טראָגען יום־טוב'דיגע קליידער אָדער עסען בעסערע מאכלים אום שבת, שטעהן מיט'ן פּנים צום מזרח אין צייט פון תפילה א. א. וו. די מסירות זיינען אָנגענומען געוואָרען פון יעדען איינעם אויפ'ן וואָרט. אין גיכען זיינען די געפענגניסען פון סעווילאַ איבערפילט געוואָרען מיט ארעסטירטע מאַראַנען. די אומגליקליכע פלעגט מען שרעקליך פּייניגען כדי צו צווינגען זיי זיך מודה צו זיין אַז זיי בעלאַנגען אין געהיים צום יודענטום, זיי אַליין ווי אויך זייערע קרובים און פריינד. הינטער'ן שטאָדט איז בעשטימט געוואָרען אַ ברייטער פּלאַץ, וואו מען פלעגט הינריכטען די יעניגע, וואָס די אינקוויזיציע האָט פאַר'משפּט. דעם 6טען יאַ־נואַר 1481 איז פאָרגעקומען, ביי פייערליכע קירכליכע צערעמאָניעס, דער ערשטער אויטאָ־דאַ־פע („נצחון פון דער אמונה") אין סע־ווילאַ. זעקס מאַראַנען זיינען פאַרברענט געוואָרען אויפ'ן שייטער־הויפען. אין עטליכע טעג אַרום איז הינגעריכט געוואָרען די צווייטע גרופּע מאַראַנען, און דערנאָך זיינען די הינריכטונגען געוואָרען אָפטער. ביז נאָוועמבער פון זעלבען יאָהר, ד. ה. פּאָר צעהן חדשים, האָט די אינקוויזיציע פאַרברענט אין סעווילאַ אַליין ביז 300

מאַראַנען. פיעלע פון זיי זיינען געשטאָרבען ווי העלדען, ניט אָב־לייקענדיג זייער יודענטום ביז דער לעצטער מינוט. דאָס אייגענ־טום פון די הינגעריכטעטע פלעגט אוועקגעהן אין דער קעניגליכער קאַסע, און דעריבער איז צו ברענען די מאַראַנען געווען ניט נאָר א פרומע טהאַט נאָר אויך א נוצליכע און אן איינטרעגליכע. וואָס מעהר רייכע אפיקורסים עס זיינען אומגעקומען אין די פלאַמען, אַלץ פולער איז געוואָרען די קאַסע פון דעם גייציגען פערדינאַנד.

די אכזריות'ן פון דעם סעווילער געריכט האָבען אָנגעצונדען דעם גייסט פון די מאַראַנען און זיי געמאַכט נאָך שטאַרקער זיך צובינדען צו זייער רעליגיאָן, פאַר וועלכער זיי איז געקומען צו ליידען אַזוי פיעל. א סך זיינען אנטלאָפען אין אפריקא און אנדערע לענדער, וואו זיי האָבען געקענט אָפען האַלטען זייער אמונה; די וואָס זיינען געבליבען אין שפּאַנען האָבען אָנגעהויבען זיך מעהר מתקרב צו זיין מיט די אידען, זייערע ברידער אין גלויבען און ליידען. ניט קוקענדיג אויף דער שרעקענדער געפאַהר, פלעגען זיי אָבהאַלטען געהיימע פערזאַמלונגען, וואו זיי פלעגען צוזאַמען דאַווענען, פּראַווען פסח די סדרים און אָבהיטען אנדערע אידישע צערעמאָניעס; אין דעם זעלבען גייסט פון זעלבסט־אויפאָפּפערונג פאַר דער אמונה פלעגען זיי ערציהען זייערע קינדער. דאָס אַלץ האָט ניט געקענט בלייבען בעהאַלטען פון דער שאַרפער אויג פון דער אינקוויזיציע. זי האָט זיך איצט גענומען צו די אידען, אלס די יעניגע וואָס העלפען די מאַראַנען אוועקצוגעהן פון קריסטענטום. אין יענער צייט איז פאַר גרויס־אינקוויזיטאָר אין שפּאַניען בע־שטימט געוואָרען דער קעניגינ'ס גלח טאָמאַס טאַרקוועמאַדא, א וויל־ע חיה אין מענשען־געשטאַלט (1483). טאַרקוועמאַדא האָט צוגעגע־בען צו דער אינקוויזיציע יענע ווילד־אויסגעקלערטע פאָרמען וועלכע זיינען געוואָרען דער שרעק פון יענער צייט און פון די קומענדיגע דורות. די „געזעצען פון דער אינקוויזיציע", וועלכע ער האָט אויס־געאַרבייט זיינען געווען א חיטרע־אויסגעוועבטע נעץ צו פאַנגען די אפּיקורסים. ווער עס איז אריינגעפאַלען אין דיזער נעץ איז שוין ניט ארויסגעקומען קיין לעבעדיגער. דאָרט וואו עס זיינען ניט געווען קיין עדות אָדער גענוג בעווייז צו פאַר'משפּט'ן דעם בעשולדיגטען איז זיין שיקזאַל בעשטימט געוואָרען דורך פּייניגונגען.

די פּייניגונגען פון דער אינקוויזיציע.

אונטער די פּייניגונגען האָט דער אומגליקליכער געזאָגט אַלץ, וואָס די אינקוויזיטאָרען האָבען געדאַרפט, אָפּט פלעגט ער אויך אַרויס־געבען זיינע פריינד, אַזוי אַז יעדע אויספאָרשונג האָט געבראַכט מיט זיך אַ גאַנצע רייהע נייע אונטערזוכונגען, אַרעסטען און פּראָצעסען.

אויסער סעווילאַ זיינען געעפענט געוואָרען אינקוויזיציאָנס־געריכטען אויך אין אַנדערע ערטער. פאַר הויפּט־אינקוויזיטאָר פון אַראַגאָניען איז בעשטימט געוואָרען דער גלח אַרבועס. נאָכטהוענדיג דעם ביישפּיעל פון זיין אויבערהאַר טאָרקוועמאַדאַ האָט אַרבועס אַזוי געבושעוועט אַנטקעגען די מאַראַנען אין סאַראַגאָסאַ און איהר סביבה, אַז ער האָט געבראַכט אַ ביטערען סוף אויף זיך אַליין אויך. איינציגע רייכע און אַנגעזעהענע מאַראַנען האָבען געמאַכט אַ פאַרשווערונג צו טויטען דעם ווילדען אינקוויזיטאָר. ווען איינמאָל אַ פאַרטאָג איז אַרבועס געקומען אין אַ קירכע צו זיין מאָרגען־געבעט, האָבען דריי פון די פאַרשווערער זיך אַריינגעמאַכט אַהין נאָך איהם און האָבען איהם דערשטאָכען מיט קינזשאַלען אין יענעם מאָמענט, ווען ער האָט זיך אַראָבגעלאָזען אויף די קניה פאַר'ן אַלטאַר מתפלל צו זיין (1485). דיזע פאַרשווערונג האָט נאָר געפיהרט דערצו, אַז די אינקוויזיציע איז פאַרשטאַרקט געוואָרען. די פאַרשווערער האָבען געקראָגען אַן אונמענשליכע שטראָף. די אַרעסטען פון מאַראַנען זיינען געוואָרען אָפטער. „אין גאַנץ שפּאַניען און איהרע אינזלען — שרייבט ר' יצחק אַראַמאַ פון יענער צייט — טראָגט זיך ביז'ן הימעל דער רויך פון די שייטערהויפענס, אויף וועלכע מען ברענט די אנוסים. אַ דריטעל פון זיי איז שוין אומגעקומען אין פייער, אַ דריטעל איז זיך צולאָפען, וואָגעלט זיך און בעהאַלט זיך אויס אין פערשיידענע ערטער, און אַ דריטעל לעבט אין גרויס שרעק און ציטערניש".

אָבער טאָרקוועמאַדאַ האָט נאָך פונדעסטוועגען ניט גערעכענט זיין ציעל פאַר דערגרייכט. ער האָט געברענט די אנוסים, אָבער ער האָט ניט געקענט בעוועגען די איבערגעבליבענע צו ליעבען דאָס קריסטענטום. דאַן האָט ער גענומען איינרעדען איזאַבעל און פערדינאַנד אַז די שולד ליגט אין די אידען, וועלכע העלפען אויס אויף אַלערליי אופנים די מאַראַנען זיך צו דערווייטערען פון דער

קירכע. אויפ'ן בעפעהל פון די הערשער האָט מען איינגעשטעלט די שטרענגסטע אויפזיכט, כדי צו שטערען דעם פארקער צווישען די אידען און די מאראנען. אויסערדעם האָט מען געגען די אידען זיך גענומען גרייטען בעזונדערע מיטעל, וועלכע האָבען שנעל גע־בראכט צו די שרעקליכסטע רעזולטאטען.

§31. **דער גירוש פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל.** אין יענער צייט האָבען די שפּאניער געפיהרט א ביטערע מלחמה מיט די מורען, וועמעס קעניגרייך עס האָט זיך געפונען אין דרום־זייט פון דעם פירענעאישען האלב־אינזעל. פערדינאנד און איזאבעל האָבען זיך אוועקגעשטעלט אַלס ציעל צו פארניכטען די לעצטע שפּורען פון דער אראבישער הערשאפט אין שפּאניען און פער־וואנדלען דעם גאנצען האלב־אינזעל אין איין קריסטליכען קעניג־רייך. דיזער ציעל איז דערגרייכט געוואָרען אין אָנהויב פון יאָהר 1492, ווען דאָס שפּאנישע חיל האָט גענומען מיט שטורם גרא־נאדא, די הויפּטשטאָדט פון די מורען. די שפּאניער האָבען גע־פייערט זייער נצחון: זיי האָבען זיך געפרעהט וואָס נאָך א קאמפּף פון אַכט הונדערט יאָהר האָט די מאחמעדאנישע הערשאפט אין שפּאניען געמוזט איינגאנצען מאכען פּלאַץ פאַר דער קריסטליכער. דיזע בעגייסטערונג פון פאָלק האָט טאָרקוועמאדא אויסגענוצט, כדי צו פארווירקליכען זיינע גרויזאמע פּלענער געגען די אידען. ער האָט איבערצייגט דעם קעניג און די קעניגין אַז די אידען זיינען ניט קיין קלענערער אומגליק פאַר שפּאניען ווי די מורען; אַז די שכנה'שאפט פון די אידען איז העכסט געפעהרליך פאַר די קריס־טען, און דערהויפּט פאַר די מאראנען, וועלכע זיי פיהרען גאָר אראָב פון גלייכען וועג, און, ענדליך, אַז מיט ארויסטרייבען אַלע „אונגלויביגע" פון שפּאניען וועלען זיי, די הערשער, אַם בעסטען אָבדאנקען גאָט פאַר דעם נצחון איבער די מורען. טארקווע־מאדאָ'ס רייד האָבען געווירקט אויפ'ן פרומען קעניגליכען פּאָר, און ווען זיי זיינען נאָך געוועזען אין גראנאדא האָבען זיי ארויס־געגעבען א בעפעהל, אַז אַלע אידען, וואָס ווילען ניט אָננעהמען דאָס קריסטענטום, זאָלען אין פערלויף פון פיער חדשים צייט פער־לאָזען גאנץ שפּאניען (31טען מערץ 1492). די ארויסגעטריבענע האָבען געמעגט נעהמען מיט זיך זייער אייגענטום אויסער גאָלד.

זילבער און אנדערע טייערע זאכען, וועלכע עס איז געווען פאר־באָטען ארויסצופיהרען פון לאנד.

דיזע אומגעריכטע גזרה האָט געטראָפען די אידען ווי א דונער פון קלאָרען הימעל. די מעהר איינפלוסרייכע פון זיי האָבען בע־שלאָסען זיך משתדל צו זיין, אז די גזרה זאָל אָבגעשאפט ווערען. אין יענער צייט האָט אין שפאניען געלעבט דער אידישער געלערטער און שר דאָן יצחק אברבנאל (1437—1509), וועלכער האָט גע־פיהרט זיין יחוס פון דוד המלך אָן. זיינע יונגע יאָהרען האָט דער אברבנאל פארבראכט אין ליסאבאָן, די הויפטשטאָדט פון פאָרטוגאל. וואו עס האָט זיך געלעבט די אידען גרינגער ווי אין שפאניען. א דאנק זיין ברייטער לומדות און הויכער וועלטליכער בילדונג האָט ער פארנומען א חשוב'ן אָרט סיי אין דער אידישער סיי אין דער קריסטליכער געזעלשאפט. זייענדיג א פיעלזייטיגער געלערטער, פילאָזאָף און פרומער מענש, און דערצו אַן אריסטאָקראט אין זיינע מאניערען, פלעגט דער אברבנאל מאכען אויף אלעמען א בעצוי־בערנדען איינדרוק. דער פאָרטוגעזישער קעניג אלפאנזא דער 5טער האָט איהם געמאכט פאר'ן מיניסטער פון זיינע פינאנסען; נאָך אז דיזער קעניג איז געשטאָרבען האָט דאָן יצחק אברבנאל געמוזט פארלאָזען ליסאבאָן, ווייל זיינע שונאים אין הויף האָבען שטארק געגראָבען אויף איהם, און ער האָט זיך בעזעצט אין קאסטיליען. דאָ האָט ער געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון פערדי־נאנד און איזאבעל. צוליעב דער פארצויגענער מלחמה מיט די מורען האָבען דער קעניג און די קעניגין זיך שטארק גענויטיגט אין א פעהיגען מיניסטער, וועלכער זאָל קענען פארגרעסערען די הכנסות פון דער מלוכה און פארהיטען דאָס לאנד פון פאראָרימט ווערען. די ביטערע נויט האָט געצוואונגען דעם קעניג און די קעניגין (געגען דעם געזעץ פוו דער קירכע אז אידען טאָרען ניט פארנעהמען קיין רעגירונגס־שטעלע) צו רופען אברבנאל צו פער־וואלטען די פינאנסען פון לאנד. אכט יאָהר האָט דער אברבנאל פארנומען דיזען אמט און האָט ניט ווייניג נוצען געבראכט דער רעגירונג. פונדעסטוועגען האָט אפילו ער, מיט זיין גאנצען איינ־פלוס אויף דער רעגירונג, גאָרניט געקענט טהאָן צו אָבווענדען

דעם שווערען קלאפּ, וואס איז ארונטערגעלאָזט געוואָרען אויפ'ן קאָפּ
פון די אידען אין יאָהר 1492.

אזוי שנעל ווי עס איז ארויס די גזרה ארויסצוטרייבען די אידען פון שפּאניען איז דער אברבנאל, בעגלייט פון די חשוב'סטע פאָרשטעהער פון דער אידישער קהילה, באלד אוועק צום קעניג און דער קעניגין און מיט טרעהרען געבעטען זיי זאָלען צוריקרופען זייער בעשלום. וויסענדיג, אז אין ארויסגעבען דיזע גזרה איז דער קעניג ניט אזוי בעהערשט געווען פון דער רעליגיעזער קנאות ווי פון דעם פערלאנג צו בערייכערען זיך מיט דעם פערמעגען פון די ארויסגעטריבענע, האָבען די אידישע פאָרשטעהער איהם פאָרגעלעגט אויסקויף־געלט, דרייסיג טויזענד דוקאטען. פערדינאנד איז שוין געווען געניינגט נאָכצוגעבען די בקשות פון די אידען. דאן האָט זיך פּלוצלינג אין פּאלאץ ארייגגעריסען דער גרויס־אינקוויזיטאָר, טאָרקוועמאדאָ, מיט א צלם אין די הענד און ווענדענדיג זיך צו דעם קעניגליכען פּאָר־פּאָלק האָט ער אויסגעשריען: „יהודה האָט פערקויפט קריסטוס'ן פאר דרייסיג זילבערשטיק, און איהר וועט איהם פערקויפען פאר דרייסיג טויזענד! אָט איז ער: נעהמט און פערקויפט איהם". און מיט די ווערטער האָט טאָרקוועמאדאָ אנידערגעשטעלט דעם צלם און איז געשווינד ארויסגעלאָפען פון פּאלאץ. די דאָזיגע סצענע האָט געמאכט א צוטרייסלענדען איינדרוק, איבערהויפּט אויף דער קעניגין איזאבעל. די אידישע שלוחים האָבען געקראָגען אן ענדגילטיגען אָבזאג. אין סוף פון מאָנאט אפּריל האָבען אָנזאָגערס מיט טרומייטען אויסגערופען אין גאנצען לאנד, אז עס ווערט די אידען געגעבען צייט ביז יולי צו ענדיגען זייערע געשעפטען און פערלאָזען שפּאניען. ווער פון זיי עס וועט זיך געפינען אויף שפּאנישער ערד נאָך דיזען טערמין, וועט בעשטראָפט ווערען מיט'ן טויט, אויב ער וועט ניט מסכים זיין זיך צו שמד'ן.

די לאגע פון די שפּאנישע אידען איז געווען א געפעהרליכע. הונדערטע טויזענדע מענשען האָבען געדארפט אוועקוואַרפען דאָס לאנד, וועלכעס זיי האָבען שטארק געליעבט אלס זייער פאָטערלאנד, וואו זייערע עלטערען האָבען געלעבט נאָך פון דער צייט פון דער רוימישער הערשאפט, איידער דאָס קריסטענטום איז געבאָרען געוואָרען. דיזער אומגליקליכער גירוש האָט געמיינט פאָלשטענדיגע

רואינע פאַר די אַרויסגעטריבענע. צו פאַרקויפען זייער אונבעוועג־ליכען אייגענטום איז זיי געגעבען געוואָרען זעהר אַ קורצע צייט. זיי האָבען געמוזט אַלץ פאַרקויפען האַלב אומזיסט. אַ שעהן הויז איז אויסגעביטען געוואָרען אויף אַן עזעל, אַ פּראַכטפולער גאָרטען — אויף עטליכע איילען צייג. דער גרעססטער טייל הייזער איז אינ־גאַנצען געבליבען ניט פאַרקויפט. אונטערדעססען האָבען די דאָמי־ניקאַנישע מאָנאַכען, זעהענדיג די פאַרצווייפלונג פון די אידען, פלייסיג צוגערעדט זיי זאָלען זיך שמד'ן און אויף אַזאַ אופן זיך ראַטע־ווען פון חורבן און נע־ונד זיין. בלויז ווענינע האָבענן זיך געלאָזט איינרעדען דורך די זיסע רייד פון די מאָנאַכען; אַלע איבעריגע האָבען בעשלאָססען צו אָפּפערען אַלץ פאַר זייער הייליגען גלויבען. אין דעם בעריהמטען טאָג תשעה־באב — דער טאָג אין וועלכען דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרען — זיינען די אידען אַרויס פון שפּאַניען (2טען אויגוסט 1492). די צאָל פון די אַרויסגעטריבענע האָט דערגרייכט ביז דריי הונדערט טויזענד מענער און פרויען, אַלטע לייט און קינדער. פאַר'ן אַוועקגעהן האָבען זיי זיך געזעגענט מיט די קברים פון זייערע עלטערען. גאַנצע דריי טעג זיינען טויזענ־דע אידען געלעגען אויף די טייערע קברים, מאַכענדיג זיי נאַס מיט זייערע טרעהרען. אפילו די קריסטען האָבען ניט געקענט קוקען אָהן טרעהרען אויף דיזע האַרצרייסענדע סצענעס. אַ סך פאַרטריבענע האָבען מיטגענומען די מצבות, אָדער האָבען זיי געגעבען בשתיקה צו בעהאַלטען צו די מאַראַנען, וועלכע זיי האָבען מיט שמערץ אין האַרצען איבערגעלאָזט אין לאַנד פון דער אינקוויזיציע. די אומגליק־ליכע אַרויסגעטריבענע זיינען געגאַנגען וואוהין די אויגען האָבען זיי געטראָגען, אַ סך זיינען אַוועק מיט'ן ים קיין איטאַליען, טערקיי און צפון־אַפריקא; דאָן יצחק אברבנאַל, בראש פון אַ גרופּע אויס־וואַנדערער, איז אַוועק קיין נעאַפּאָל; אַ בעדייטענדער טייל האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין פּאָרטוגאַל. די ליידען פון די אומגליקליכע, וועל־כע האָבען זיך אַוועקגעלאָזט אין דעם וויטען וועג, זיינען געוועזען אונבעשרייבליך: הונגער, קראַנקהייט און טויט האָבען בעגלייט די אויסוואַנדערער אויף טריט און שריט. — אַרויסטרייבענדיג אַזוי אונבאַרמהערציג דריי הונדערט טויזענד געבילדעטע און אַרבייטס־זאַמע בירגער האָט שפּאַניען איינגעפיהרט ביי זיך איין איינהייטלי־



אידישע שולע אין מאלאגא, שפאניען, פערוואנדעלט אין א קלויסטער נאָך 1492.

כע אמונה, נאָר אין דער זעלבער צייט האָט זי געלעגט דעם אָנהויב פון איהר געזעלשאפטליכער ירידה. אין די אידען האָט שפּאניען פערלאָרען איהר טהעטיגען האנדעלס־קלאַס, וועלכער האָט געהאָלפען צו ענטוויקלען די נאטור־רייכטימער פון לאנד. שפּאניען איז פער־וואנדעלט געוואָרען אין א לאנד פון קריעגרישע ריטער און פאנאטי־שע מאָנאכען, וועלכע האָבען זי שפּעטער געבראכט צו א פאָל־שטענדיגען חורבן.

די אידען וואָס זיינען אנטלאָפען קיין פּאָרטוגאל (איבער הונ־דערט טויזענד) האָבען פון אָנפאנג געקראָגען פון דאָרטיגען קעניג אן ערלויבניש צו בלייבען אין לאנד א בעשטימטע צייט. אָבער ווען דער טערמין האָט זיך געענדיגט האָט מען זיי אָנגעהויבען פון דאָרט אויך צו טרייבען אָהן רחמנות; יונגע קינדער פלעגט מען צונעהמען פון זייערע עלטערען און זיי שמד'ן מיט גוואלד; די גרויסע האט מען געמאכט פאר קנעכט. נאָך פינף יאָהר רדיפות האָט מען די אידען אין גאנצען פארטריבען פון פּאָרטוגאל אויך (1498). די וואנדערער האָבען זיך געלאָזט אין צפון־אפריקא, איטאליען און טערקיי. צווישען זיי האָט זיך געפונען דער בעריהמטער אסטראָנאָם און היסטאָריקער אברהם זכותאָ (זאקוטאָ) דער מחבר פון היסטאָרי־שען ספר „יוחסין”. ניט אלע אויסוואנדערער האָבען דערגרייכט צו א פריעדליכען האפען. א סך זיינען אומגעקומען אין וועג פון הונגער, נויט און קראנקהייטען; אנדערע זיינען, פאָהרענדיג אויפ'ן ים, ארייגעפאלען אין די הענד פון די ים־רויבער און זיינען פאר־קויפט געוואָרען צו שקלאפעריי. די אמאָליגע בליהענדע אידישע קהילות פון פּירענעאישען האלב־אינזעל זיינען פארשוואונדען אין עטליכע טעג. די רעשטען פון די „ספרדים” און „פּאָרטוגעזען” (אזוי האָבען זיך גערופען די שפּאנישע און פּאָרטוגעזישע אידען) זיינען צוזייהט געוואָרען איבער אלע לענדער פון אייראָפּא, אזיען און אפריקא.

## זעקסטער קאפיטעל.

# די אידען אין פוילען און רוסלאנד.

(12טען ביז'ן 15טען יאהרהונדערט).

§32. די פארמעהרונג פון די אידען אין פוילען. דער הויפט טייל פון די אידען וואס זיינען אוועק פון מערב־אייראפא פון די מיטעלאלטערליכע פערפאלגונגען, האבען געפונען א שוץ־ארט אין פוילען און ליטא, אויף די ברעגען פון דער ווייכסעל און דעם ניעמאן. די איבערוואנדערונג פון די אידען פון דייטשלאנד קיין פוילען איז זיך שטארק פאנאנדערגעוואקסען אין דער צייט פון די קרייצצוגען. איבערהויפט זיינען א סך אידען אנגעקומען אהער פון דעם שכנ'ישען בעהמען, וואוהין עס זיינען אריינגעדרונגען די ערשטע באנדעס קרייץ־טרעגער (1098). די פוילישע פירשטען האבען גערן אריינגעלאזען צו זיך אין לאנד די אידען און דייטשען, וואס א דאנק זיי האט זיך ענטוויקעלט מסחר, האנדעל און מלאכה. דער פירשט פון קראקוי, מעטשיסלאוו דער אלטער (1173) האט שטרענג פערבאטען יעדע גוואלדטהאט געגען די אידען. די געלט־מינצעריי פון גרוים און קליין־פוילען האט זיך דעמאלט געפונען אין אידישע הענד. אויף דיזע מטבעות, וועלכע זיינען נאך פארבלי־בען ביז היינטיגען טאג, זיינען די נעמען פון די קעניגע געווען אויס־געגאסען אין אידישע בוכשטאבען. אין יענער צייט האבען די פוי־לישע אידען נאך ניט געהאט צווישען זיך קיין געלערטע און זיי פלעגען זיי אראבבעטען פון אנדערע לענדער (מסתמא פון דייטש־לאנד). דיזע אויסלענדישע לומדים פלעגען ביי זיי פארנעהמען די שטעלען פון רבנים, חזנים און מלמדים. פון דער אנדערער זייט פלעגען א סך אידען פון פוילען פאהרען קיין אויסלאנד צו לערנען תורה.

דער ערשטער הערשער וואס האט בעפעסטיגט די אידישע לאגע אין פוילען אויפ'ן גרונד פון בעזונדערע געזעצען, איז געווען קעניג באליסלאוו פון קאליש. אין 1264 האט ער, מיט דער הסכמה פון די העכערע בעאמטע ארויסגעגעבען א דעקרעט, אין וועלכען עס זייי־

נען פעסטגעשטעלט געוואָרען די אידישע רעכט אין פוילען און וועלכער האָט בעצוועקט צו בעשיצען זיי געגען דעם בייזען ווילען פון די קריסטען. באָליסלאַוו'ס דעקרעט בעשטעהט פון 37 ארטיקלען. אין דעם ערשטען ארטיקעל ווערט אעווקגעשטעלט, אז אין געריכט־אנגעלעגענהייטען איז א קריסטליכער עדות געגען א אידען בעגלויבט נאָר דעמאָלט ווען עס איז דאָ נאָך א אידישער עדות וואָס בעשטע־טיגט זיינע רייד. צו משפט'ן אידען געהער ניט צו די אלגעמיינע שטאָדטישע געריכטען, נאָר צום קעניג אליין, זיין בעאמטען, אָדער צו א ריכטער, וואָס ער בעשטימט. ווען א קריסט הרג'עט אָדער פער־וואונדעט א אידען ווערט דער שולדיגער גע'משפט אין דעם קע־ניגליכען געריכט. די פערזאָן און אייגענטום פון די אידען ווערען ערקלערט אלס אונבעריהרליך. צו פאנגען אידישע קינדער (כדי זיי צו שמד'ן) ווערט שטרענג פארוועהרט. צו בעשולדיגען די אידען אין דעם עלילת־דם, וואָס זיין פאלשקייט איז שוין גענוג דערוויזען געוואָרען אין דעם פּאַבסט בולא, ווערט שטרענג פער־באָטען. אויב אָבער אזא בעשולדיגונג שווימט ארויף דארף זי זיין בעשטעטיגט פון זעקס עדות — דריי קריסטען און דריי אידען; אויב די בעשולדיגונג ווערט אויף אזא אופן דערוויזען דאן קומט דעם שולדיגען אידען טויט־שטראָף; אויב אָבער די שולד ווערט ניט דערוויזען דאן קומט די זעלבע שטראָף דעם קריסט, וואָס האָט דעם בלבול אויסגעטראכט. אָט דיזע אלע רעכט, ווערט געזאָגט אין דער שריפט, דארפען בלייבען אין קראפט אויף „אייביגע צייטען".

די שוץ וואָס די פוילישע פירשטען האָבען געגעבען די אידען, איז ניט געפעלען געוואָרען די קאטוילישע גלחים, וועלכע האָבען געקראָגען פון רוים דעם בעפעהל—איבעראל צו אונ־טערדריקען און ערנידעריגען דאָס אידישע פאָלק. אן אסיפה פון קירכליכע בעאמטע אין ברעסלוי (1266) האָט ערקלערט, אז די שכנות פון די אידען איז בעזונדערס געפעהרליך פאר די קריסטען אין פוילען, וואו דאָס פאָלק האָט ערשט ניט לאנג אָנ־גענומען דעם קאטוילישען גלויבען. דעריבער האָט די אסיפה פעסטגעשטעלט: אז די אידען זאָלען וואוינען אין די שטעדט אָבגעטיילט פון די קריסטען, אין בעזונדערע קווארטאלען, וועל־כע זאָלען זיין אָבגעצאמט מיט א וואנד אָדער א גראָבען. וויי־

טער איז פאָרגעשריבען געוואָרען, אז אין דער צייט פון קריסט־ליכע פראָצעסיעס זאָלען די אידען זיך פארשליסען אין זייערע הייזער, אז אין יעדער שטאָדט זאָלען זיי ניט האָבען מעהר ווי איין שוהל, זאָלען טראָגען א היטעל מיט א שפּיץ ווי א האָרן און ווער עס וועט זיך ווייזען אין גאַס אָהן דיזען סימן זאָל בע־שטראָפט ווערען. די קריסטען איז פארוועהרט געוואָרען צו עסען אויף איין טיש מיט די אידען, טאַנצען און זיך פרעהען מיט זיי אויף חתונות אָדער אַנדערע שמחות. קריסטען האָבען ניט געטאָרט קויפען ביי אידען פלייש אָדער אַנדערע שפּייזען, כדי די אידען זאָלען ניט קענען פארגיפטען די קריסטען. דאַן קומען די אַלע געזעצען פון דער קירכע, אז אידען זאָלען ניט האַלטען קיין קריסטליכע דיענער אָדער אמען, זאָלען ניט זיין אויפמאָהנער פון שטייערען אָדער אַנדערע רעגירונגס־בעאמטע א. א. וו. ווען אָט דיזע אַלע שטרענגע געזעצען פון דער קירכע זאָלען געוועזען פארווירקליכט ווערען וואָלט דאָס אידישע לעבען אין פּוילען פארוואַנדעלט געוואָרען פּונקט אין אזא גיהנם אַזוי ווי דאָס לעבען פון זייערע ברידער אין דייטשלאַנד. נאָר צום גליק האָבען די דעמאָלדיגע פּוילישע הערשער און א גרויסער טייל פון פאָלק ניט געשענקט קיין אויפמערקזאמקייט צו די העצערייען פון די פאַנאַטישע גלחים און די אידען פון פּוילען האָבען געלעבט רוהיג און פריעדליך מיט דער קריסטליכער בעפעלקערונג.

§33. קאַזימיר דער גרויסער און וויטאָלד דער ליטווי־שער. די צרות פון די דייטשע אידען אין 14טען יאָהרהונדערט, און איבערהויפּט אין דער צייט פון „שווארצען טויט", האָבען וויע־דער פערטריבען א גרויסע מאַסע אידען קיין פּוילען. פּוילען האָט דעמאָלט דערגרייכט די העכסטע שטופע פון איהר גרויסקייט, אין דער צייט פון דעם קלוגען קעניג קאַזימיר דעם גרויסען (1370 — 1333). דיזער קעניג האָט פלייסיג געארבייט צו אויפהויבען אין זיין מלוכה דאָס לעבען פון דעם בירגער צו א העכערער מדרגה און פאר־בעסערען די לאַגע פון אַלע קלאַסען פון דער בעפעלקערונג, ניט אויס־שליסענדיג די פּויערען. ער האָט געקראָגען דעם נאָמען „דער קעניג פון די פּויערען". און מען פלעגט וועגען איהם זאָגען, אז „ער האָט דערוויסט א הילצערנע פּוילען און האָט איבערגעלאָזט א שטיינערנע

נע״, ד. ה. ער האָט זי אָנגעפילט מיט רייכע מויערן אנשטאט היל־צערנע הייזלעך. אזא גערעכטער הערשער האָט זיך ניט געקענט פער־האַלטען שלעכט צו די אידען, וועלכע האָבען ענטוויקעלט אין לאַנד דעם מסחר. אין דעם צווייטען יאָהר פון זיין רעגירונג האָט קאַזי־מיר בעשטעטיגט אין קראקוי באָליסלאַוו'ס געזעצען וועגען די אידען און האָט אויסגעשפרייט זייער קראפט אויף דער גאנצער פּוילישער מלוכה. שפּעטער האָט קאזימיר צוגעגעבען צו באָליסלאַוו'ס גע־זעצען נאָך נייע, וועלכע האָבען בעצוועקט אָוועקצושטעלען די בע־ציהונג פון די אידען צו דער איבעריגער בעפעלקערונג אויף די יסודות פון יושר און געגענזייטיגע נוצען. די אידען איז געגעבען גע־וואָרען דאָס רעכט צו וואוינען אין אַלע שטעדט און דערפער, צו קויפען לאַנד און נעהמען אין ארענדע די גיטער פון די פּריצים. קאזימיר האָט אויך געזאָרגט וועגען דעם אינערליכען וואוילשטאנד פון די אידישע קהילות. דער שטאָדטישער ריכטער האָט אנדערש ניט געקענט משפּט'ן א אידען סיידען מיט דער מיטהילף פון דעם רב און די פאָרשטעהער פון דער קהילה. דער שמש פון שוהל פלעגט אָפּטמאָל שפּיעלען די ראָלע פון דעם בעאמטען אויסצופיהרען דעם פּסק פון געריכט. דאָס איז געוועזן דער אָנהויב פון דער שפּעטערדי־גער זעלבסטפערוואלטונג פון דעם „קהל״. צו יענער צייט געהערט אויך די ענטשטעהונג פון דער אידישער קהילה אין לבוב (לעמבערג), די הויפּטשטאָדט פון רויט־רוסלאַנד אָדער גאליציען, וואָס קאזימיר האָט צוגעשלאָסען צו פּוילען. אין יאָהר 1356 האָט קאזימיר געגע־בען די אידען פון לבוב דאָס רעכט „צו משפּט'ן צווישען זיך לויט זייערע אייגענע געזעצען״, צוגלייך מיט די רוסען, ארמענער און טאטארען.

א לעגענדע וועלכע איז פארבליבען אין דער פּוילישער געשיכ־טע דערצעהלט, אז די אורזאכע וואָס קאזימיר דער גרויסער איז גע־ווען אזוי גינסטיג געניינגט צו די אידען איז געוועזן זיין ליעבע צו א אידישער שעהנהייט מיט'ן נאָמען „אסתר'קע״. דיזע שעהנהייט, די טאָכטער פון א אידישען שניידער אין אָפּאָטשנאָ, האָט איינגענומען געפאנגען דעם קעניג'ס הארץ, און ער האָט זי בעזעצט אין זיין פּאַ־לאַץ אין קראַקוי. פון איהר האָט דער קעניג געהאט צוויי טעכטער, וועלכע די מוטער האָט ערצויגען אין אידישקייט, און צוויי זיהן,

פעלקא און נעמיר, וועלכע זיינען אויפגעצויגען געוואָרען אַלס קריס־טען, און פון וועלכע עס זיינען שפּעטער ארויסגעקומען אייניגע בע־ריהמטע פוילישע פאמיליען. אסתר׳קע איז גע׳הרג׳ט געוואָרען אין דער צייט פון די רדיפות, וואָס קאזימיר׳ס נאָכפאָלגער, לודוויג דער אונגארישער (1370 — 1382) האָט אָנגעפיהרט געגען די אידען. אין דער צייט פון דיזען קעניג, וועלכער איז געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון דעם קאטאָליציזם פון מערב, האָט מען געוואָלט צוגעהמען ביי די פוילישע אידען די רעכט וואָס זיי האָבען געהאט; לודוויג האָט אפילו געסטראשעט, אז אויב די אידען וועלען ניט אָננעהמען דאָס קריסטענטום וועט ער זיי פארטרייבען פון לאנד. אָבער ער האָט לאנג ניט געקעניגט. לודוויג׳ס טאָכטער יאדוויגא, די יורש׳טע פון פוילישען טראָהן, האָט חתונה געהאט מיט׳ן ליטווישען קעניג יאגעלאָ, וועלכער איז געוואָרען קעניג פון א פעראייניגטע פוילען און ליטאָ (1386).

אין 14טען יאָהרהונדערט איז ליטאָ אריבערגעגאנגען פון היידענטום צו קריסטענטום. אידען זיינען שוין דאָרט געווען פון לאנג. אין סוף 14טען יאָהרהונדערט האָבען שוין אין ליטא עקזיס־טירט פינף אידישע קהילות אין בריסק, גראָדנאָ, טראָקי, לוצק און וולאדימיר. זיי האָט בעשיצט דער גרויספירשט וויטאָלד, וועל־כער האָט רעגירט איבער ליטא אמאָל זעלבסטשטענדיג, אמאָל אלס שטעלפערטרעטער פון זיין שטיף־ברודער, דעם פוילישען קעניג יאגעלאָ. אין 1388 האָט וויטאָלד ארויסגעגעבען א שריפט פאר די בריסקער און אנדערע ליטווישע אידען, וועלכע איז געווען עהנליך צו דער שריפט פון באליסלאוו פון קאליש און קאזימיר דעם גרויסען. לויט די געזעצען פון וויטאָלד זיינען די אידען אין ליטא געווען א קלאס פון פרייע איינוואוינער, וועלכע זיינען געשטאַנען דירעקט אונ־טער׳ן שוץ פון דעם קעניג און די העכערע אָרטיגע בעאמטע. גע־לעבט האָבען זיי אין זעלבסטשטענדיגע קהילות, מיט אויטאָנאָמיע אין זייערע אינערליכע ענינים. די אידען אין ליטאָ, אנדערש ווי זייערע ברידער אין מערב, פלעגען זיך בעשעפטיגען ניט נאָר מיט האנדעל און מלאכה נאָר אויך מיט ערד־ארבייט. די רייכע אידען פלעגען נעהמען ביים גרויספירשט אין ארענדע די שטייערען אויף

סחורות און געטראַנקען און האָבען פאַרמאָגט גיטער אַלס איינענ־
טום אָדער אין אַרענדע.

§34. די אידען אין דער צייט פון די יאַגעלאָנען (15טען יאָהרהונדערט). דער גרינדער פון דער יאַגעלאָנישער דינאַסטיע קעניג וולאַדיסלאַוו יאַגעלאָ איז אינגאַנצען אונטערגעפאַלען אונטערן איינפלוס פון די קאַטוילישע גלחים, וועלכע האָבען זיך דעמאָלט פאַרשטאַרקט אין פּוילען און האָבען זיך פאַרהאַלטען פיינדליך צו די אידען. אין דער צייט פון דיזען קעניג האָבען זיך אין פּוילען צום ערשטען מאָל פאַרשפּרייט אַבערגלויבישע בלבולים געגען די אידען. אין פּאָזנאַן האָט מען די אידען בעשולדיגט, אַז זיי האָבען איינגע־רעדט אַן אָרימע קריסטין זי זאָל אַרויס׳גנב׳ענען פון אַ דאָמיניקאַ־נישער קירכע דריי „הייליגע ברויטען״, וועלכע די אידען האָבען דורכ געשטאָכען און אַריינגעוואָרפען אין אַ גרוב. פון די „הייליגע ברוי־טען״ האָט אָנגעהויבען צו רינען בלוט און עס האָבען זיך אָנגעהויבען בעווייזען אַרום זיי פאַרשיידענע וואונדער. ווען דער בישאָף פון פּאָזנאַן האָט זיך דערוואוסט פון דיזער פאַרשוועכונג געגען די קריסטליכע הייליגטימער האָט ער בעשטראָפט די אידען. עס זיינען פאַראורטיילט געוואָרען צום טויט די קריסטין, דער רב פון פּאָזנאַן און דרייצעהן אידישע ראשי הקהל: מען האָט זיי אַלעמען צוגע־בנדען צו סלופּעס און מען האָט זיי לאַנגזאַם פאַרברענט (1399).

די בעציהונג צו די אידען האָט זיך פאַרבעסערט פאַר קאַזימיר יאַגעלאָן דעם 4טען (1447—92), ווען דער נייער קעניג איז נאָך זיין קרוינונג געווען צוגאַסט אין פּאָזנאַן, האָט אַ שרפה אָבגעווישט די גאַנצע שטאָדט. אין דער שרפה איז אויך פאַרברענט געוואָרען דער אַלטער אָריגינאַל פון דער שריפט, וואָס קאַזימיר דער גרויסער האָט נעגעבען די אידען. דאַן האָט זיך אַ אידישע דעפּוטאַציע גע־ווענדט צו קאַזימיר דעם 4טען מיט דער בקשה צו אויפשטעלען צוריק און בעשטעטיגען די רעכט פון די אידען אויפ׳ן גרונד פון די גאַנץ־געבליבענע קאָפּיעס פון דעם פאַרברענטען כתב. דער קעניג האָט גערן דערפילט די בקשה פון די שלוחים. „מיר פערלאַנגען — האָט ער ערקלערט אין זיין שריפט — אַז די אידען, וועלכע מיר היטען אָב בעזונדערס צוליעב די אינטערעסען פון אונז און פון דער קעניגליכער קאַסע, זאָלען זיך פיהלען בערוהיגט אין אונזער מלוכה״.

ער האָט בעשטעטיגט אַלע פריהעריגע רעכט און פּריויהייטען פון די אידען — די פרייהייט צו וואוינען און האנדלען, אויטאָנאָמיע אין קהילה און געריכט אנגעלעגענהייטען, די אונבעריהרליכקייט פון זייער פּערזאָן און אייגענטום, און שוץ געגען פאַלשע בעשולדיגונגען און אָנפאַלען. דיזער כתב פון דעם קעניג האָט שטארק אויפגערעגט די קירכליכע פּאַרטיי. דער קראקוי'ער ערץ־בישאָף אָלעניצקי האָט בפירוש אויפגעפאָדערט דעם קעניג צוריקצוציהען די אידישע פּריווילעגיעס. נאָך אַ לאַנגען קאמפף האָט דער קעניג געמוזט זיך בויגען פאַר די גייסטליכע. אין יאָהר 1454 זיינען אַ סך אידישע רעכט צוריקגעצויגען געוואָרען אַלס „דערווידער צו די געטליכע געזעצען (ד. ה. פון דער קירכע)".

פאַר קאַזימיר דעם 4טענס נאָכפאָלגער, יאָן־אַלברעכט, איז אין דער פּוילישער הויפּטשטאָדט אָבגעטיילט געוואָרען אַ בעזונדער קווארטאַל פאַר די אידען צו וואוינען (גהעטאָ). אין יאָהר 1494 האָט אַ פייער פאַרניכטעט אַ גרויסען טייל פון קראקוי, און דער פּינסטער־ער המון, בענוצענדיג זיך מיט'ן אַלגעמיינעם טומעל, האָט צו־רויבט דאָס אייגענטום פון די אידען. דעריבער האָט דער קעניג בע־פעהלען די אידען, וועלכע האָבען ביז דעמאָלט געוואוינט צושפּרייט אין פאַרשיידענע טיילען פון שטאָדט, צו בעזעצען זיך אין דער פאָר־שטאָדט פון קראקוי, קאַזימערזש, און וואוינען דאָרט אָבגעזונדערט פון די קריסטען. פון דעמאָלט אָן איז די פאָרשטאָדט קאַזימערזש פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַן אָבגעשלאָסענער אידישער שטעדטעל, וועלכע האָט גאַנצע יאָהרהונדערטען געלעבט איהר אייגען לעבען, פאַרבונדען מיט דער אויסערער וועלט בלויז דורך האַנדעלס־בעציהונגען

אין יענער צייט האָט מען אָנגעהויבען רדיפות אויף די אידען אויך אין ליטאָ, וועלכע איז רעגירט געוואָרען פון יאָן־אַלברעכט'ס ברודער, אַלכסנדר, מיט די רעכט פון אַ גרויספירשט. אין יאָהר 1495 האָט דער גרויספירשט אַלכסנדר פּלוצלינג ארויסגעגעבען אַ גזרה ארויסצוטרייבען אַלע אידען פון ליטאָ. עס איז ניט בעוואוסט צי דיזע גזרה איז ארויסגערופען געוואָרען דורך די גלחים צו וועל־כע עס האָט זיך דערטראָגען די נאָכריכט וועגען דעם גירוש פון שפּאַניען אָדער דער פירשט און זיינע הארען האָבען געוואָלט ווערען

די בעלי־בתים פון די גיטער און הייזער פון די פאַרטריבענע. און ווירקליך, דאָס אונבעוועגליכע אייגענטום פון די פאַרטריבענע (אין די קרייזען פון גראָדנאָ, בריסק, לוצק און טראָקי) זיינען ערקלערט געוואָרען פאַר'ן אייגענטום פון דעם פירשט, און א טייל דערפון האָט ער צוטיילט צו קריסטען. מיט דער ערלויבניש פון קעניג יאַן־אַלב־רעכט האָבען די אַרויסגעטריבענע ליטווישע אידען זיך בעזעצט אין די שכנ'ישע פוילישע שטעדט, נאָר אין עטליכע יאָהר אַרום האָט אַלכסנדר אויך איבערגענומען די פוילישע קרוין, נאָכ'ן טויט פון זיין ברודער, און האָט ערלויבט די אידען זיך אומצוקערען קיין ליטאָ און זיך בעזעצען אין זייערע פריהערדיגע ערטער, און זיי האָבען געקראָגען צוריק די הייזער, גיטער, שוהלען און בית־עלמינ'ס, וואָס האָבען בעלאַנגט צו זיי. אין אָנהויב פון 16טען יאָהרהונדערט איז דאָס יודענטום אין פוילען שוין געוואָרען א גרויסע עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטליכע קראַפט, אָהן וועלכע דאָס לאַנד האָט זיך ניט גע־קענט בעגעהן. די פוילישע רעגירונג האָט זיך איבערצייגט, דאָס אויף וויפיעל די מלוכה ברענגט נוצען די אידען אויף אזוי פיעל זיינען די אידען נוצליך און נויטיג פאַר דער מלוכה, וואו זיי האָבען פאַרנומען, אַלס שטאָדטישע האַנדעלס־בעפעלקערונג, דעם מיטעל־פּלאַץ צווישען דעם פויערישען ערד־אַרבייטער און דעם שליאַכטישען גוט־בעזיצער.

§35. די אידען אין מאָסקווער רוסלאַנד. אין דער צייט וואָס אין פוילען, אין מיטעלאַלטער, איז די צאָל פון די אידען אַלץ געוואַקסען דורך דעם שטראָם פון איינוואַנדערער פון מערב, איז דאָס שכנ'ישע רוסלאַנד געווען כמעט פאָלשטענדיג פריי פון זיי. אין 13טען יאָהרהונדערט האָבען די טאַטאַרען בעזיעגט רוסלאַנד און פון דעמאָלט אָן הערט זיך א לאַנגע צייט גאָרניט וועגען אידישע ישובים אין דיזען לאַנד. בלויז אין די זיד־געגענדען, אין דער פּראָ־ווינץ פון שוואַרצען ים און קרים, האָבען ווייטער געלעבט אידען און קאַראימער, די אור־אור־אייניקלעך פון די פאַרצייטיגע איינ־וואַנדערער (§5). אונטער דער הערשאַפט פון די טאָטערישע חאַנען האָבען די אידען אין קרים געלעבט פריי, קאָנקורירענדיג אין האַנדעל מיט די סוחרים פון גענוא און גריכענלאַנד, וועלכע האָבען דאָ גע־גרינדעט האַנדעלס קאָלאָניעס.

שפורען פון אידען אין מאָסקווער רוסלאַנד הויבען זיך אָן צו בעמערקען ערשט אין דער צווייטער העלפט פון 15טען יאָהר־הונדערט, ווען דיזע מלוכה, פעראייניגט דורך דעם גרויספירשט איוואַן וואסיליעוויטש דעם דריטען, הויבט אָן אריינצוטרעטען אין דער פאמיליע פון פעלקער. אין דיזער צייט בעווייזען זיך דאָרט איינצעלנע אידישע אויסוואנדערער פון ליטא און קרים, און אָפט־מאָל פון מערב־אייראָפא. מיט'ן נאָמען פון איינעם אזא איסוואנדערער איז פארבונדען א גרויסע פאסירונג אין דער אידישער געשיכטע. אין יאָהר 1470 — ווי עס זאָגען עדות רוסישע היסטאָריקער — איז אָנגעקומען פון קיעוו אין נאָווגאָראָד א אידישער געלערטער, ר' זכריה, און נאָך איהם זיינען אָנגעקומען פון ליטא נאָך עטליכע אידען. זכריה האָט זיך בעפריינדעט מיט עטליכע פראָטעסטאנטישע גלחים און האָט זיי בעקערט צום יודענטום. צווישען דיזע גרים זיינען געווען צוויי גלחים פון נאָווגאָראָד, דענים און אלעקסי. דיזע גלחים זיינען אין 1480 אָנגעקומען קיין מאָסקווא און דאָרט האָבען זיי מגיר געווען א סך קריסטען פון פראוואָסלאַוונעם (גריכישען) גלויבען. דער ערץ־בישאָף פון נאָווגאָראָד, גענאדי, האָט דערזעהן א געפאהר אין דער פערשפרייטונג פון יודענטום אויף אזא אופן און האָט אָנגענומען ענערגישע מיטלען געגען דעם אין זיין בעצירק. אין מאָסקווא איז דער קאמפף געגען דער „אידישער אפיקורסות" אָנגעקומען זעהר שווער. דאָך האָט גענאדי און זיינע קירכליכע חברים געזיעגט און די בעוועגונג איז אָבגעשטעלט געוואָרען. לויט'ן בעשלוס פון א קירכען־אסיפה אין יאָהר 1504 און אויפ'ן בעפעהל פון גרויספירשט איוואַן דעם 3טען זיינען די הויפט פיהרער פון דער בעוועגונג פארברענט געוואָרען, און די איבעריגע זיינען פארשפארט געוואָרען אין געפענגנים און אין מאָנאסטירען.

אין דער זעלבער צייט ווען עס איז פאָרגעקומען די בעוועגונג פון די „יודייסטווויושטשע", ווי זיי פלעגען זיך רופען, אין מאָסקווא, איז געשעהן נאָך א טרויעריגע פאסירונג. אין הויף פון דעם גרויס־פירשט איוואַן דעם 3טען איז געווען א אידישער דאָקטאָר „מיסטער לעאָן", וועלכען מען האָט געבראכט קיין מאָסקווא פון ווענעדיג. אין אָנהויב פון יאָהר 1490 איז דער עלטסטער זוהן פון דעם גרויס־פירשט געפעהרליך קראנק געוואָרען. דער אידישער דאָקטאָר האָט

געגומען היילען דעם קראַנקען מיט הייסע באַנקעס און מיט פאַר־שיידענע גראָזען. דער גרויספירשט האָט געפרעגט דעם דאָקטאָר אויב דער קראַנקער וועט געזונד ווערען, און דער דאָקטאָר האָט גע־ענטפערט אונפאָרזיכטיג: „איך וועל דיין זוהן געוויס אויסהיילען, אויב ניט—ועסטו מיך טויטען”. דער חולה איז אָבער געשטאָר־בען. נאָך פערציג טאָג פון טרויער האָט דער גרויספירשט געהייסען אָבהאקען דעם אידישען דאָקטאָר דעם קאָפּ פאַר זיין ניט געלונגע־נער קוראַציע. די הינריכטונג איז פאָרגעקומען עפענטליך, אויף דער באָלוואַנאָווקע, אין מאָסקווא. די מאָסקווער איינוואוינער האָבען בעטראַכט ביידען, זכריה'ן און דעם דאָקטאָר, אלס „שווארץ־קינסט־לער” אָדער כשוף־מאַכער. די „אידישע אפיקורסות” האָט אזוי אָנגעשראָקען די מאָסקווער פירשטען אז זיי האָבען דערנאָך לאַנג ניט אריינגעלאָזט אין זייער ממשלה קיין אידען פון אנדערע לענדער.

# די נייע צייט.

§36. פאָרוואָרט. דער גירוש פון שפּאַניען האָט ארויס־גערופען גרויסע ענדערונגען אין לעבען פון אידישען פאָלק. דיזע ענדערונגען זיינען געווען שטייף פאַרבונדען מיט די געשעהעני־שען וואָס זיינען אין יענער צייט פאָרגעקומען אין דעם לעבען פון די אייראָפּעאישע פעלקער און וועלכע האָבען אוועקגעשטעלט אין דער געשיכטע אַ גרעניץ צווישען דעם „מיטעלאַלטער" און דער „נייער צייט". די ביזאַנטישע אימפּעריע איז צושטערט גע־וואָרען פון די טערקען, וועלכע האָבען איינגענומען קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל (1453) און האָבען בעפעסטיגט די הערשאַפט פון די מאָח־מעדאַנער אויפ'ן באַלקאַנישען האַלב־אינזעל און אויפ'ן אזיאַ־טישען ברעג פון מיטלענדישען ים. גוטענבערג אין דייטשלאַנד האָט ערפונדען די קונסט פון בוך־דרוקעריי, וועלכע האָט געגעבען אַ שטאַרקען שטויס פאָרווערטס דער גייסטיגער ענטוויקלונג פון אַלע פעלקער. קאָלומבוס האָט ענטדעקט אַ נייעם וועלט־טייל, אַמעריקאַ, אין יענעם זעלבען יאָהר ווען די אידען זיינען ארויס־געטריבען געוואָרען פון שפּאַניען (1492). לוטהער האָט פּראָ־קלאַמירט אין דייטשלאַנד די רעפאָרמאַציע (1517) — און מי־ליאָנען קריסטען אין מערב־אייראָפּא האָבען אָנגעהויבען אָבצו־פאַלען פון דער רוימיש־קאַטוילישער קירכע און האָבען אָנגענומען שטאַנדפּונקטען, וועלכע זיינען געווען נעהנטער צום קריסטענטום ווי ער איז געווען אין זיינע ערשטע צייטען.

אָט די אַלע ענדערונגען האָבען געהאַט אַ ווירקונג אויף די אידען. די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע פאַרטריבענע, אָדער „ספרדים" האָבען זיך אוועקגעלאָזט דער עיקר אין די אייראָפּעאישע און אַזיאַטישע לענדערייען פון טערקיי. פּונקט אַזוי ווי אין מי־טעלאַלטער זיינען די אידען געקומען אין שפּאַניען פון אַראַבי־שען מזרח, אַזוי האָבען זיי אין 16טען יאָהרהונדערט זיך אומ־געקערט צוריק פון שפּאַניען צום טערקישען מזרח, וואו עס האָט זיך אויך געפונען דאָס אַלטע פאָטערלאַנד פון יודענטום — פּאַ־

לעסטינא. ספרדים זיינען געבליבען אין איראָפּא ווענינ, חויפּט־זעכליך אין איטאַליען און האָלאַנד. דעם ערשטען פּלאַץ אין דער געשיכטע האָבען איצט פאַרנומען די „אשכנזים", ד. ה. די דייטשע און פּוילישע אידען. אין דייטשלאַנד און עסטרייך האָט מען אויפגעהערט אומצוברענגען די אידען אין מאַסען, נאָר מען האָט זיי נאָך אַלץ אונטערדריקט און געהאַלטען אין דער לאַגע פון א רעכטלאָזען קלאַס. אָבער אין פּוילען, וואו אין 16טען יאָהר־הונדערט האָט זיך צונויפגעקליבען א גרויסע צאָל אידען, האָבען זיי געלעבט רוהיגער, געניסענדיג פרייהייט און א ברייטע זעלבסטפערוואַלטונג אין זייערע קהילות. פּוילען איז געוואָרען פאַר די אידען דאָס וואָס אין אַלטערטום איז פאַר זיי געוועזען בבל. און אין מיטעלאַלטער—שפּאַניען, ד. ה. דער גייסטיגער צענטער, צו וועלכען עס האָבען זיך געצויגען די איבעריגע טיילען פון דעם צוזייהטען פאָלק (דער צענטער פון דער נאַציאָנאַלער העגע־מאָניע).

זיבעטער קאַפּיטעל.

# די אידען אין טערקיי און פּאַלעסטינא ביז נאָך שבתי־צבי.

(1492 — 1750).

§37. דאָס בירגערליכע לעבען און דון יוסף נשיא. די טערקישע אימפּעריע, וועלכע האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון ביזאַנ־טיען, איז אויפגעקומען פערציג יאָהר פאַר'ן גירוש שפּאַניען. די אידישע היסטאָריקער דריקען זיך אויס, אַז די אויבערשטע השגחה האָט אַזוי ווי פאָראויס צוגעגרייט אַ רוהיגען פּלאַץ פאַר די שפּאַני־שע ארויסגעטריבענע זיך צו רעטען. און ווירקליך אַ בעדייטענדער טייל פון די פארטריבענע פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל האָט געפונען שוץ אין די לענדער פון טערקיי. די טערקישע סולטאַנען האָבען גע־שעצט די ארבייטסזאַמקייט און האַנדעלס־פעהיגקייטען פון די אידען און האָבען זיי גערן אויפגענומען אין זייער ממשלה. סולטאַן באַ־יאַזעט דער 2טער, דערהערענדיג וועגען דעם גירוש פון די אידען פון שפּאַניען, האָט אויסגערופען: „פערדינאַנד פון שפּאַניען איז אַ נאַרישער קעניג! ער האָט חרוב געמאַכט זיין אייגען לאַנד און רייך געמאַכט אונזער לאַנד". די געבילדעטע ספרדים האָבען זיך ארויסגעוויזען פאַר זעהר נוצליך צו טערקיי, וואו די העכערע קלאַסען האָבען זיך בעשעפטיגט מיט דער מיליטער־קונסט, און די נידעריגע —מיט ערד־ארבייט. די אידען האָבען זיך פליסיג אָבגעגעבען מיט'ן האַנדעל אויף ים און יבשה, מיט מלאכות און טעכניק, זיי האָבען בעקאַנט די טערקען מיט די נייסטע ערפינדונגען, ווי פּולווער און קאַנאָנען און דערמיט געלייסט אַ גרויסע דיענסט דעם מיליטערישען קלאַס. אין האַנדעל האָבען מיט זיי קאָנקורירט בלויז די ארמעניער און גריכען.

אין 16טען יאָהרהונדערט האָבען אין דער אייראָפּעאישער און אזיאַטישער טערקיי זיך געגרינדעט אַ סך אידישע קהילות. אין דער הויפּטשטאָדט קאָנסטאַנטינאָפּאָל זיינען געווען ארום 30,000 אידען וועלכע האָבען געהאַט 44 שוהלען. אָט דיזע גרויסע געמיינדע

האָט זיך געטיילט אויף „לאַנדסמאַנשאַפטען", ד. ה. פערבאַנדען פון די מענשען, וועלכע זיינען געקומען אין טערקיי פון איין געגענד. עס זיינען געווען „קאַסטילישע" לאַנדסלייט, „אַראַגאָנישע", „פּאָר־טוגעזישע" א. א. וו. די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע אידען אָדער „ספרדים" האָבען זיך אונטערשיידט מיט זייער שפּראַך און לע־בענספיהר פון די „אשכנזישע", וועלכע האָבען אריבערגעוואַנדערט פון דייטשלאַנד. יעדער קרייז אָדער לאַנדסמאַנשאַפט האָט געהאַט איהר אייגענע שוהל. אויסער דער הויפּטשטאָדט האָבען די אידען געלעבט אין אנדערע שטעדט פון אייראָפּעאישער טערקיי: אין סאַלאָניקי, אַדריאַנאָפּאָל, ניקאָפּאָל. בראש פון אלע טערקישע אי־דען איז געשטאַנען א הויפּט־רב („חכם"), וועלכער פלעגט בע־שטעטיגט ווערען אין זיין אמט פון סולטאַן. דיעזער רב אָדער חכם, אלס דער פאָרשטעהער פון יודענטום, האָט געהאַט א רעכט צו זיצען אין דעם קעניגליכען ראַט פון טערקיי. געבילדעטע אידען פלעגען אָפט פאַרנעהמען הויכע שטעלען אין טערקישען הויף, אלס ראַטגעבער אָדער דאָקטוירים.

די לאַגע פון די אידען אין טערקיי האָט זיך בעזונדערס פאַר־פעסטיגט אין דער צייט פון דעם סולטאַן סולימאַן (1520—66), פאַר וועמען דיזע מלוכה האָט דערגרייכט די גרעסטע מאַכט צווישען די אייראָפּעאישע מלוכות. זעהר פיעל גוטס האָבען געטהאָן צו זייער פאָלק די אידישע הארען, וועלכע האָבען זיך דערמאָלט געפונען אין דעם סולטאַנישען הויף. דעם ערשטען אָרט צווישען זיי האָט פאַרנומען דון יוסף נשיא. יוסף האָט געשטאַמט פון פּאָרטוגאַל פון א רייכער מאַראַנישער פאַמיליע, וועלכע האָט אין געהיים אָבגעהיט דאָס יודענטום. די אינקוויזיטאָרען האָבען אָנגעהויבען פאַרפאָלגען דיזע פאַמיליע, האָט זי זיך בעזעצט אין האָלאַנד, און פון דאָרט— אין טערקיי, כדי דאָרט אָפען זיך אומצוקערען צו זייער אמונה (1552). אין דער צייט פון זיינע וואַנדערונגען האָט זיך יוסף בעקאַנט מיט א סך בעריהמטע רעגירונגס־מענער פון אייראָפּא און האָט זיך ערוואָרבען דיפּלאָמאַטישע פעהיגקייטען. סולטאַן סו־לימאַן האָט בעמערקט יוסף'ס פעהיגקייטען און האָט איהם מקרב געווען צו זיך. פאַר'ן סולטאַן סולימאַן, און אויך פאַר זיין נאָכ־פאָלגער סעלים דעם 2טען האָט יוסף פערנומען דעם הויכען אמט

פון ראַטגעבער און פארמיטלער אין אויסלענדישע ענינים. אין דיזען אַמט האָט ער פיעל נוצען געבראַכט דער טערקישער רע־גירונג, אָבער ער האָט אויך ניט פארגעסען זיינע אייגענע פאָלקס־ברידער. האָבענדיג אַן איינפלוס אויף אויסלענדישע רעגירונגען פלעגט יוסף ניט זעלטען זיך אָננעהמען פאַר די אידען, וואָס זיינען פערפאָלגט געוואָרען אין די קריסטליכע לענדער. סולימאַן האָט געשענקט יוסף׳ן אַ מתנה די חרב׳ע שטאָדט טבריה, אין פּאַלעס־טינא, ער זאָל זי אָבבויען און זי בעזעצען מיט אידען. סעלים האָט איהם געגעבען דעם טיטעל „הערצאָג פון נאַקסאָס" (נאַקסאָס—אַן אינזעל אין דעם ארכיפעלאַג). די אידען האָבען איהם אַ נאָמען געגעבען „נשיא" (האר, הערשער) יוסף נשיא איז געווען אַ וואַרי־מער בעשיצער פון אידישע געלערטע און שרייבער, וועלכע זיינען דעמאָלט געווען אַ סך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל; ער האָט אויך גע־שטיצט ישיבות. נאָכ׳ן טויט פון סעלים דעם 2טען האָט ער זיך צוריקגעצויגען פון די מלוכה ענינים און האָט פארבראַכט זיינע לעצטע יאָהרען אין גייסטיגער ארבייט, אין אַ קרייז פון געלערטע, פאַר וועלכע ער האָט געעפענט זיין רייכע ביבליאָטעק ספרים און מאַנוסקריפטען. יוסף נשיא איז געשטאָרבען אין יאָהר 1579. זיין אלמנה ריינה האָט געגרינדעט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַ דרוקעריי צו דרוקען אידישע ספרים.

§37. פּאַלעסטינא; דער שלחן־ערוך. אַ טייל פון די אידען וואָס זיינען געקומען קיין טערקיי האָבען זיך בעזעצט אין פּאַלעסטינא. פון די צייטען פון די קרייצצוגען אָן איז אין פּאַלעסטינא אָנגעגאַנגען צווישען די קריסטען און מאַהמעדאַנער אַ קאַמפּף פאַר דער אויבער־הערשאַפט, ווארום סיי די, סיי יענע האָבען דאָרט געהאַט זייערע הייליגע ערטער. חרב און פערוויסט, איז דאָס לאַנד איבער צו דער הערשאַפט פון טערקיי און צו דיזע טייערע חורבות פון זייער אַלטען פאָטערלאַנד זיינען איצט געקומען טויזענדע זיהן פון דעם וואַנדער־פאָלק, וועלכע זיינען געווען אויס־געמוטשעט פון די רדיפות אין אייראָפּאַ. די אָרימע אויסוואַנדערער זיינען ניט געווען אימשטאַנד אויפצושטעלען צוריק דאָס מלוכה־לעבען פון זייער אַמאָליגען פאָטערלאַנד; אָבער זיי איז געלונגען צו בעשאַפען דאָ עטליכע קהילות, מיט אַ זעלבסטשטענדיגער פער־

וואַלטונג און רבנישע אַנשטאַלטען. אין 16טען יאָהרהונדערט זיינען ענטשטאַנען בעדייטענדע קהילות אין ירושלים, צפת און טבריה. די קהילה פון צפת האָט בעזונדערס גע'שמ'ט מיט איהרע לומדים. דער רב פון דיזער קהילה ר' יעקב בירב (1540) האָט אפילו געוואָלט גרינדען אין ארץ־ישראל א מין סנהדרין פון רבנים, וועלכער זאָל בעשליסען רעליגיעזע ענינים, מתקן זיין דינים און בעשטימען די גייסטיגע פיהרער פון די אידען אין אַלע לענדער. אָבער דיזער געוואַגטער געדאַנק איז ניט פאַרווירקליכט געוואָרען, ווייל די איךדישע קהילות אין ארץ־ישראל זיינען געוועזן צו אָרים און וועניג אין צאָל.

אין יענער צייט האָט אין ארץ־ישראל זיך בעוויזען א מאַן, וועלכער האָט אליין אויפגעטהאָן עטוואָס, וואָס וואָלט געווען א כבוד פאַר א גאַנצען סנהדרין. דאָס איז געווען ר' יוסף קארו (1488—1575), דער מחבר פון שלחן־ערוך, וואָס איז די גרעסטע זאַמלונג פון דינים. ר' יוסף קארו איז געבאָרען געוואָרען אין שפאַניען, אָבער ער איז אוועקגעפיהרט געוואָרען פון דאָרט נאָך אַלס קינד, אין דער צייט פון דעם גירוש. זיין יוגענד האָט ער פערבראַכט אין אייראָפּעאישען טערקיי, אין די שטעדט ניקאָפּאָל און אדריאַנאָפּאָל. דאָ האָט ער זיך אָבגעגעבען מיט לערנען תורה, תלמוד און די אַלגעמיינע רבנישע ליטעראַטור און האָט ארויסגעוויזען וואונדערליכע פעהיגקייטען. צוואַנציג יאָהר האָט ר' יוסף קארו פאַרבראַכט אויף דורכקוקען די פארשיידענע זאַמלונגען פון דינים, מיט'ן צוועק זיי צו ערקלערען און מוסיף זיין צו זיי. געענדיגט האָט ער זיין ארבייט ווען ער איז שוין אָנגעקומען קיין צפת, וואו ער האָט באַלד פאַרנומען א חשוב'ען אָרט צווישען די גדולי־התורה אין ארץ־ישראל. דער עלטסטער פון די רבנים, ר' יעקב בירב, האָט איהם מיט פרייד געגעבען סמיכה אויף רבנות. אין צפת האָט ר' יוסף קארו פערפאַסט א נייע זאַמלונג פון אידישע דינים פאַר'ן געברויך פון פאָלק, אונטער'ן נאָמען „שלחן ערוך" („געגרייטער טיש", געדרוקט אין ווענעדיג, אין יאָהר 1565).

דער שלחן־ערוך בעשטעהט פון פיער טייל: „אורח חיים", וועלכער ענטהאַלט אַלע דינים וועגען די תפלות, שבת און די ימים טובים; „יורה דעה", וועלכער נעהמט אריין אַלע דינים וועגען

כשר און טריפה, שחיטה, פיהרונג פון הויז; „אבן העזר״, ענט־האלט די דינים פון פאמיליען־לעבען, חתונות און גט׳ן, און „חשן־משפט״, וועלכער בעשטעהט פון דיני נפשות און דיני ממונות (קרימינעלע און ציווילע געזעצען). דיזע אלע אבטיילונגען פון פריהערע זאמלונגען ווערען דא דערפילט מיט נייע דינים און תקנות, וועלכע זיינען אויסגעארבייט געווארען אויפ׳ן סמך פון פארשיידענע רבנישע ערקלערונגען און פאלקס־מנהגים. דער שלחן־ערוך איז פון דעמאלט אן געווארען די פולסטע און פאלקאמסטע זאמלונג פון אידישע דינים. די מענשען פון יענער צייט האבען בע־וואונדערט דעם גוואלטיגען קאפ און די אונגעהויערע לומדות פון דעם מחבר פון „שלחן ערוך״, און א סך האבען געהאלטען, אז ער האט גערעדט ברוח הקדש. עס איז ארומגעגאנגען א זאגע אז צו ר׳ יוסף קארו פלעגט זיך בעווייזען א „מגיד״ פון הימעל, וועלכער פלעגט איהם איבערגעבען די גרויסע אמת׳ן פון דער תורה. ר׳ יוסף קארו האט זיך אויך פלייסיג אבגעגעבען מיט דער קבלה, וועלכע האט דעמאלט שטארק בעשעפטיגט די מוחות פון די אידען אין פאלעסטינא.

§38. די קבלה; דער אר״י הקדוש. אין 16טען יאהר־הונדערט האט די קבלה זיך אנגעהויבען שטארק צו פארשפרייטען צווישען די אידען. די ליידען וואס דאס פאלק איז אויסגעשטאנען האבען געשטויסען זיין געדאנק אין דער וועלט פון סודות, האבען געוועקט אין איהם געדאנקען וועגען יענער וועלט אדער וועגען ביאת המשיח, וועלכער וועט ברענגען די גאולה פון אידישען פאלק. גראד אין יענער צייט איז צום ערשטען מאל אבגעדרוקט געווארען דער „זהר״, וועלכער איז ביז דעמאלט אומגעגאנגען נאר אין כתב־יד, און דאס האט געהאלפען אז די אידען פון דער קבלה זאלען זיך נאך מעהר פארשפרייטען. עס האבען זיך בעוויזען מענשען וואס האבען געפיהרט א לעבען פון נזירים, האבען געפרעדיגט וועגען תשובה טהאן און וועגען מלכות השמים; זיי האבען געגלויבט, אז דורך דער קבלה קען מען קומען צו אזא מדרגה פון קדושה, אז מען זאל קענען זיך פארבינדען מיט די הימלישע גייסטער. אין צפת האבען אין יענער צייט געלעבט די בעריהמטע מקובלים משה קאר־דאווארא און אליהו ווידאס. קארדאווארא פלעגט זאגען אז עס זיינען

פאַרהאַן דריי מדרגות פון חכמה: די תורה, דער תּלמוד און די קבלה; פון די דריי איז די לעצטע די העכסטע, וואָרום זי אַנט־פּלעקט די סודות פון גאָט. ווידאָס׳עם ספר „ראשית חכמה״ איז פול מיט שטרענגען מוסר און שרעקליכע בילדער פון אָבקומעניש נאָכ׳ן טויט. אין צפת האָט זיך געבילדעט אַ חברה פון „יראים״ (גאָטספאָרכטיגע לייט), וועלכע פלעגן זיך פערזאַמלען יעדען פריי־טאָג אין שוהל און זיך מתודה זיין איינער פאַר׳ן אַנדערען אין זייערע עברות, וואָס זיי האָבען געטהאָן דורך דער וואָך. בראש פון דיזער חברה איז געשטאַנען אַ בעגייסטערטער יונגער מקובל ר׳ יצחק לוריא אשכנזי אָדער דער אר״י הקדוש (אַ פאַרקירצונג פון „אשכנזי רבי יצחק״).

דער אר״י איז געבאָרען געוואָרען אין ירושלים אין יאָהר 1534, אין אַן אשכנזישער פאַמיליע. זיין יוגענד האָט ער פאַרבראַכט אין מצרים, וואו ער האָט געלערנט תּלמוד ביים הויפּט־רב פון קאַיראָ, אָבער דער תּלמוד אַליין האָט ניט בעפרידיגט זיין גייסט. ער האָט זיך פאַרטיעפט אין דעם „זהר״ און דאָרטען געזוכט אַ תירוץ אויף די העכסטע פראַגען פון גלויבען און לעבען. ער האָט אָנגעהויבען צו פיהרען אַ לעבען פון התבודדות און פלעגט פאַסטען אַ סך תעניתים, וועלכע ער פלעגט פאַרברענגען אין תפלות. צייטענווייז פלעגט ער אַריינפאַלען אין אַ העכסט־בעגייסטערטען צושטאַנד אַז דאַן פלעגט זיך איהם אויסדאַכטען אַז ער הערט שטימען פון אויבען און אַז עס אַנטפּלעקען זיך פאַר איהם וואונדערליכע זעהונגען. אין יאָהר 1570 איז דער אר״י אָנגעקומען אין צפת און איז אַריינגעטראָטען אין דער דאָרטיגער חברה פון די מקובלים און איז געוואָרען זייער מנהיג. אָפט פלעגט דער אר״י צוזאַמען מיט זיינע חברים אַרויסגעהן הינטער׳ן שטאָדט אין דאָרט, וואַנדערענדיג איבער די פוסטע פעלדער און בית־עולם׳ס, פלעגט ער זיי ענטדעקען די סודות פון אמונה. אין בעשטימטע טעג פלעגען זיי אַרויסגעהן הינטער צפת, וואו עס האָט זיך, לויט אַ מסורה, געפונען דער קבר פון רבי שמעון בן־יוחאי, וועלכער איז אָנגענומען אַלס דער מחבר פון דעם זהר. דאָ פלעגען זיי פראַווען געהיימניספולע צערעמאָניעס, זינגען בעגייסטערטע תפלות און רייבען וועגען דעם אַז עס דערנעהנטערט זיך דער „קץ״, און ווי

אזוי מען זאָל זיך גרייטען פאַר'ן אָנקומען פון משיח'ן. פלוצלינג איז דער אר"י נפטר געוואָרען; ער איז געשטאָרבען פון דער מגפה אין יאָהר 1572, אין עלטער פון 38 יאָהר. דער דאָזיגער פלוצלינגער טויט פון אר"י האָט געמאַכט א שרעקליכען איינדרוק אויף זיינע תלמידים. מען האָט אָנגעהויבען ריידען פון איהם אלס א הייליגען מאַן, און מען פלעגט זאָגען, אַז דער אר"י איז עס געוועזן דער „משיח בן־יוסף", וועלכער דאַרף קומען פריהער אַלס אָנזאָגער פאַר „משיח בן־דוד". נאָכ'ן טויט פון אר"י איז זיין נאָהנטסטער תלמיד, ר' חיים וויטאַל, געוואָרען דער לעהרער און מנהיג פון זיינע תלמידים. ר' חיים וויטאַל איז געוועזן דער זוהן פון א סופר. ר' חיים וויטאַל האָט פאַרשריבען אין א ספר די לעהרען וואָס דער אר"י פלעגט איבערגעבען אויסווענינ, און דערביי האָט ער אויך אריינגעגעבען א סך אייגענע געדאַנקען.

דער תמצית פון דער לעהרע פון דעם אר"י און ר' חיים וויטאַל, וועלכע האָט זיך גערופען די „פראַקטישע קבלה" (קבלה מעשית) בעשטעהט אין פאָלגענדעס: דעם מענש, צוליעב זיין זינדיגער נאַטור, האָט זיך דערווייטערט פון זיין געטליכען מקור, פון דער וועלט פון ריינע גייסטער, און איז אריינגעפאַלען אונטער דער שליטה פון אומריינע גייסטער (די קליפה). די אויפגאַבע פון דעם מאמין דאַרף זיין—צו בעפרייען זיין נשמה פון דער ממשלה פון בייזען גייסט און דורך תעניתים און תפלות זיך באַהעפטען צוריק צו דער געטליכקייט. נאָכ'ן טויט ווערט די נשמה אויסגעלייטערט דורך נע־ונד זיין אָדער גלגולים: די נשמה פון דעם זינדיגען געהט אריבער אין דעם גוף פון אַן אנדער מענשען, און אויב זי פאַרריכט זיך ניט אין דיזען נייעם קערפּער, געהט זי נאָכער אריין אין קערפּער פון א דריטען מענשען, און אזוי ווייטער, ביז זי ווערט אויסגערייניגט. עס טרעפט אמאָל אַז די נשמה געהט אריין אין דעם קערפּער פון א חיה און ליידט די גרעסטע יסורים. עס איז פאַרהאַן אַן ענגע פערבינדונג צווישען דעם מענשען און די אויבערשטע גייסטער. יעדע טהאַט, יעדעס וואָרט פון דעם מענשען מאַכט עפּיס אַן איינדרוק אין די העכערע וועלטען דורך א תפלה אָדער אַן אנדער מצוה געשעהען גאַנצע איבערקערענישען אין הימעל. מען קען אפילו

„אראָבברענגען משיח'ן", ד. ה. פארשנעלערען דעם קץ דורך פאס־טען און תשובה טהאָן. אין יעדען פאל דארף מען שטענדיג טרויערען אויפ'ן חורבן פון דער אידישער מלוכה, פון ירושלים און דעם בית־המקדש; מען דארף מיט'ן גאנצען הארצען פער־לאַנגען און װארטען אויפ'ן קומען פון משיח'ן, דעם גואל. דיזע לעהרען פון די „פראַקטישע" קאבאליסטען האָבען געפונען אַן אָבקלאַנג אין די מוחות און הערצער פון די אידען, און ענדליך האָבען זיי געבראכט צו דער משיח־בעװעגונג, װאָס האָט אויפ־געשטורמט אין 17טען יאָרהונדערט די גאנצע אידישע װעלט.

§39. שבתי צבי. די אידען פון טערקיי, און איבערהויפּט פון ארץ־ישראל, זיינען אַלץ מעהר אונטערגעפאלען אונטער דער השפּעה פון די בעלי־הקבלה, װעלכע האָבען נעגלויבט אז משיח דארף באַלד קומען. די קלאַנגען אז די גאולה קומט אָן און אז באַלד װעט דאָס אידישע לאַנד צוריק אויפגעשטעלט װערען האָבען זיך פארשפּרייט אויך צװישען די אידען פון אנדערע לענדער. אין ביזיען און אייראָפּא האָבען פיעלע געטראכט און געװאָלט טרעפען די צייט װען משיח װעט קומען. מען האָט געזאָגט, אז דער װאונדער װעט געשעהן אין יאָהר 1648, לויט א טונקעלער אָנצוהערעניש אין זהר. און אין יענעם יאָהר האָט זיך אין טערקיי װירקליך בעװיזען א מענש, װעלכער האָט זיך ערקלערט פאר'ן גואל און בעפרייער פון אידישען פאָלק. דאָס איז געװען ש ב ת י צ ב י.

שבתי צבי איז געבאָרען געװאָרען אין דער טערקישער שטאָדט סמירנא, אום תשעה באב פון יאָהר 1626, ביי א סוחרישער פא־מיליע פון ספרדישער אָבשטאמונג. ער האָט געהאט זעהר א שעהנעם אויסזעהן, האָט בעזעסען א זיסען, קלינגענדיגען קול און פארמאָגט גרויסע גייסטיגע פעהיגקייטען. נאָך גאנץ יונג האָט ער ערלערנט דעם תלמוד און די קבלה. זיין רבי אין תלמוד איז געװען דער בעריהמטער סמירנער רב ר' יוסף אסקופי, און אין לערנען די קבלה האָט ער זיך געהאַלטען אָן דעם אר"י'ס שיטה פון התבודדות. שבתי צבי האָט געהאט א נייגונג צו שטימונגען און דעריבער פלעגט ער אויסמיידען חברים און פלעגט בעסער פאר־ברענגען אין אָבגעזונדערטקייט. מען האָט איהם חתונה געמאכט זעהר יונג, אזוי װי עס איז דער מנהג אין די מזרח־לענדער; אָבער

ער האָט זיך ענטזאגט פון פארהייראטען לעבען און האָט זיך געָ׳גט מיט זיין ווייב. וואָס מעהר שבתי צבי האָט זיך פערטיעפט אין דעם זהר און אין דעם אר״י׳ס קבלה אלץ שטארקער איז געוואָרען אין איהם דער פערלאנג צו נעהמען אויף זיך יענע גרויסע תשובה און אויסלייטערונג, דורך וועלכער, ווי די קבלה האָט געלערנט, עס איז מעגליך געוועזן שנעלער אראָבצוברענגען משיח׳ן. און ער פלעגט פארברענגען טעג אין תפלות און פאסטען, אזוי לאנג ביז ער איז אריינגעפאלען אין א צומישעניש. אין אזא צשטאנד, ביי וועלכען עס פארשווינדט די גרעניץ צווישען פאנטאזיע און ווירקליכקייט, איז פאר שבתי צבי ניט שווער געוועזן איינצורעדען זיך, אז ער אליין איז עס טאקע בעשטימט צו זיין משיח. דאָס בעוואוסטזיין, אז ער איז גערופען צו עפּיס גרויסעס, פלעגט זיך ארויסווייזען אפילו אין זיין בענעהמונג צו זיינע חברים. די לעצטע פלעגען ניט ווילענדיג זיך אונטערגעבען צו דער ווירקונג פון דעם בעגייסטערטען נזיר, וועלכער האָט זיי אריינגעפיהרט אין די סודות פון דער קבלה. ווען ער איז נאָך קוים 20 יאָהר אלט געוועזן איז שוין שבתי צבי געשטאנען בראש פון א חברה יונגע טרוימער (מיסטיקער), וועלכע עס האָט פאראייניגט א פייעריגער גלויבען אז באלד קומט משיח. ווען עס איז געקומען דאָס יאָהר 1648 האָט שבתי צבי בעשלאָסען אז עס איז געקומען די צייט פאר איהם נתגלה צו ווערען, און איינ־מאָל שבת האָט ער אין שוהל אין סמירנא, הויך אויף א קול, ארויס־גערעדט דעם שם המפורש, ד. ה. ער האָט ארויסגערעדט גאָט׳ס נאָמען „יהוה״ אין אלע פיער אותיות, וואָס דאָס איז, לויט דער מסורה, ערלויבט געוועזן בלויז דעם כהן גדול אין בית־המקדש. דאָס האָט געדארפט בעדייטען, אז עס איז שוין נאָהנט די צייט ווען דער בית־המקדש וועט אויף דאָס נייע אויפגעבויט ווערען.

אז די רבנים פון סמירנא, און צווישען זיי אויך זיין געוועזענער רבי ר׳ יוסף אסקופי, האָבען דערהערט פון שבתי צבי׳ס ארויסטריט, האָבען זיי ארויפגעלעגט א חרם אויף׳ן זעלבסט־געקרוינ־טען משיח און זיינע אנהענגער. שבתי צבי איז געוועזן געצוואונגען צו פארלאָזען זיין געבורטסשטאָדט (1651), אָבער דאָס האָט נאָר פארשפרייט זיין שם. זיינע אנהענגער האָבען אָנגעהויבען זאָגען, אז דאָס ריכט ער אָב גלות, און ער אליין פלעגט אומגעהן איבער

שבתי צבי.

פערשיידענע שטעדט פון טערקיי און פרעדיגען זיין לעהרע. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, סאַלאָניקי, ירושלים און קאַירא האָט ער גע־קראָגען אַ מאַסע נייע נאָכפאָלגער. אין קאַירא, די הויפּטשטאָדט פון מצרים, האָט שבתי צבי געצויגען איוף זיך די אויפמערקזאַמקייט דורך פאָלגענדען אויפטהו: אין יענער צייט האָט מען אַ סך גע־רעדט וועגען עפּיס אַ מערקווירדיגער אידישער מיידעל פון פּוילען, שרה, וועלכע מען האָט קליינערהייד אַוועקגערויבט פון איהרע על־טערען און אויפגעצויגען אין אַ קריסטליכען מאָנאַסטיר, נאָר דערנאָך איז זי אַנטלאָפען קיין האָלאַנד און איז צוריק אַריבער צום יודענטום. די מיידעל האָט ניט אויפגעהערט צו טענה'ן, אַז זי איז באַשטימט צו זיין די ווייב פון דעם אידישען משיח. ווען שבתי צבי האָט דאָס דערהערט האָט ער אויך ערקלערט אַז מען האָט איהם פון הימעל בעפעהלען חתונה צו האָבען מיט שרה'ן. אין גיכען זיינען שלוחים פון „משיח'ן" אַוועק קיין איירֹאָפּא און האָבען געבראַכט צו פיהרען שרה'ן, וועלכע איז געוועזען אַ גרויסע שעהנהייט. אין קאַירא איז מיט גרויסע צערעמאָניעס פאָרגעקומען די חתונה צווישען דער דאָ־זיגער געהיימניספולער מיידעל און שבתי צבי.

אָט די אַלע פאַסירונגען האָבען צוטומעלט די קעפּ פון די אידען און אָנגעפילט זייערע הערצער מיט אונקלאָרע האָפנונגען. דער חרם פון די רבנים, וואָס איז געלעגען אויף שבתי צבי, איז פאַר־געסען געוואָרען, און ווען ער איז נאָך לאַנגע וואַנדערונגען געקומען צוריק קיין סמירנא, פון וואַנען ער איז פריהער פאַרטריבען געוואָ־רען, האָט דער המון איהם מקבל פנים געוועזען מיט פייערליכע אויס־געשרייען: „יחי המלך המשיח!" (לעבען זאָל דער קעניג משיח). די צאָל פון שבתי צבי'ס אנהענגער איז געוואַקסען מיט יעדען טאָג. עס האָבען זיך אויך בעוויזען זעלבסט־גערופענע נביאים, וועלכע האָבען אומעטום געפּרעדיגט, אַז גאָט האָט געבראַכט דעם גואל פון סמירנא און אַז עס קומט אָן די צייט פון נסים. דער פלייסיגסטער פון די דאָזיגע נביאים־אָנזאָגער איז געוועזען נתן פון גזה, אין ארץ־ישראל. נתן פלעגט פאַנאַנדערשיקען צו די אידישע קהילות זיינע „נביאות", אַז דער משיח פון סמירנא וועט באַלד אַרונטעררייסען די קרוין פון קאָפּ פון דעם טערקישען סולטאַן און נאָך אַ סך מופתים און וואונדער וועט ער אַוועקפיהרען אַלע אידען קיין ירושלים. אין

גיכען האָט מען פון שבתי צבי אָנגעהויבען צו ריידען אין אַלע לענדער פון אייראָפּא, אין איטאַליען, האָלאַנד און דייטשלאַנד. פיעלע האָבען געגלויבט אַז דאָס אידישע פאָלק שטעהט ערב גרויסע געשעהענישען. עפּיס אַזוי ווי אַ מין גייסטיגע שכרות האָט ארומגעכאַפּט דאָס פאָלק. איינע פלעגען זיך צונויפקלייבען אין געזעמלען און זיך איבערגעבען צו לוסטיגקייט, זינגען און טאַנצען, און אַנדערע פלעגען זיך פּייניגען מיט תעניתים, פלעגען תפלה טהאָן, און פּאַר אַלעמען אין די אויגען זיך מתודה זיין אויף זייערע זינד, אָבער סיי די סיי יענע האָבען זיך געגרייט מקבל פּנים צו זיין דעם גואל. אין שוהל פלעגט מען זאָגען בעזונדערע תפלות פאַר משיח׳ן, שבתי צבי. אפילו די קריסטען האָבען אַ סך גערעדט און געשריבען וועגען דעם אָנקומען פון דעם אידישען משיח און האָבען פאַרבונדען דיזע געשעהעניש מיט אַלטע ערקלערונגען פון פּרומעליים, וועלכע האָבען אויפ׳ן סמך פון דעם אַפּאָקאַליפּסיס (דער „חזון יוחנן", דאָס הייסט יוחנן׳ס פּראָפעצייאונג אין נייעם טעסטאַמענט) פאַראויסגעזאָגט אַ וועלט־איבערקערעניש אין יאָהר 1666. אומזיסט האָבען די בעסערע רבנים אויפגעהויבען זייער קול געגען דער לייכטזיניגקייט פון פאָלק. קיינער האָט זיי ניט געהערט. אַלע בליקען זיינען געוועזען געווענדעט צום מזרח, פון וואַנען מען האָט זיך געריכט אויף גרויסע געשעהענישען, נסים און וואונדער.

§40. די משיח־בעוועגונג און איהר סוף. עס איז אָנגעקומען דאָס יאָהר 1666, ווען עס האָט געזאָלט, לויט די נביאות פון שבתי צבי און זיינע נביאים, פאָרקומען די גרויסע איבערקערעניש. מען האָט זיך געריכט, אַז אין דיזען יאָהר וועט משיח אריינטרעטען אין דער הויפּטשטאָדט פון טערקיי און וועט ווייזען דעם סולטאַן זיין מאכט. שבתי צבי איז ווירקליך אוועק קיין סטאַמבול (קאָנסטאַנטינאָפּאָל), בעגלייט פון זיינע חשוב׳סטע אנהענגער. דערווייל האָט די טערקישע רעגירונג זיך דערוואוסט וועגען דעם שטורם צווישען די אידען און האָט אָנגענומען איהרע מיטעל. ווי נאָר שבתי צבי און זיינע בעגלייטער זיינען אָנגעקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָבען די טערקישע בעאַמטע זיי אַרעסטירט און פערשפּאַרט אין געפענגנים (פעברואַר 1666). אין צוויי חדשים אַרום האָט דער גרויספוויזיר בעפעהלען זיי צו פערשפּאַרען אין דער פעסטונג אַבי־

דאָס, ניט ווייט פון סטאמבול. נאָר די געפאנגענשאפט פון משיח׳ן האָט ניט נאָר ניט אָבגעשוואכט, נאָר האָט נאָך פערשטארקט דעם גלויבען אין איהם. אין פאָלק האָבען זיך פארשפרייט שמועסען אז דער „גואל ישראל״ לעבט עס איצט איבער יענע ענויים, וועלכע האָבען געדארפט, לויט דער טראדיציע, פאָרקומען פאר דער ענד־ליכער בעפרייאונג. זיינע בעגייסטערטע אָנהענגער זיינען זיך צו־זאמענגעלאָפען פון אלע לענדער אין דער טערקישער הויפטשטאָדט, כדי אָנצוקוקען משיח׳ן פנים אל פנים און הערען פון זיינע ליפען די גליקליכע בשורה פון דער גאולה. פיעלע האָבען געבראכט מיט זיך רייכע מתנות, גאָלד און טייערע חפצים פאר די בערערפנישען פון דעם ליידענדען משיח. און דער „ליידענדער משיח״ איז געזעסען אין אבידאָס אזוי ווי א פירשט אין זיין פאלאץ. די אונטערגע־קויפטע טערקישע וואך האָט צוגעלאָזען צו איהם אלע בעזוכער און שלוחים. דער שלאָס אבידאָס האָט געקראָגען דעם נאָמען ביי די שבתי צבי׳ניקעם „מגדל־עז״ (דער טורם פון שטארקייט). פון דאנען פלעגט שבתי צבי פאנאנדערשיקען זיינע בעפעהלען. ער האָט בע־פעהלען בטל צו מאכען דעם תענית פון תשעה באב, וואָס איז איינ־געשטעלט געוואָרען לזכרון פון חורבן ירושלים, און איהם פער־וואנדלען אין א פרעהליכען יום־טוב, ווארום אין דיזען טאָג איז געבאָרען געוואָרען שבתי צבי דער משיח, וועלכער וועט באלד צוריק אויפשטעלען דעם בית־המקדש און די אידישע מלוכה.

צווישען די שלוחים, וואָס פלעגען פון פערשיידענע לענדער קומען צו שבתי צבי, זיינען אויך געווען שלוחים פון די פוילישע אידען. איינער פון די פוילישע שלוחים, דער מקובל נחמיה כהן, האָט ניט געגלויבט אינגאנצען אין שבתי צבי און האָט איהם גע־וואָלט אויספרובען. פון עטליכע שמועסען וואָס ער האָט געהאט מיט איהם האָט זיך נחמיה איבערצייגט, אז שבתי צבי נארט נאָר דאָס פאָלק. דעמאָלט איז נחמיה אוועק אין סולטאנ׳ס הויף און האָט דערצעהלט וועגען אלץ וואָס טהוט זיך אין דעם אבידאָס. די זאך איז דערגאנגען צום סולטאן מאחמעד דעם 4טען. דער דערצאָרנטער סולטאן האָט געוואָלט לאָזען היגריכטען שבתי צבי אלס בונטאָווּ־שטשיק. ווען מען האָט שבתי צבי געבראכט אין סולטאנ׳ס הויף האָט איהם איינער פון די הויפלייט אן עצה געגעבען ער זאָל אָנ־

נעהמען דעם מאחמעדאַנישען גלויבען און דערמיט ווייכער מאַכען דעם צאָרן פון דעם סולטאַן. מורא האָבענדיג פאַר זיין לעבען האָט דער פאַלשער משיח זיך ענטשלאָסען אויף דעם שרעקליכען שריט: ווען מען האָט איהם געבראַכט פאַר'ן סולטאַן האָט ער אָנגעטהאָן א טערקישע מיצקע אַלס א צייכען אז ער נעהמט אָן דעם איסלאַם. דאָס זעלבע האָבען געטהאָן זיין ווייב שרה און אייניגע פון זיינע תלמידים. שבתי צבי איז בעשטימט געוואָרען אַלס הויפּמאַן אין דעם סולטאַנישען הויף אין אדריאַנאָפּאָל און האָט געקראָגען דעם נאָמען מאחמעד־עפענדי (אויגוסט 1666).

נאָר אפילו נאָכדעם ווי ער האָט זיך שוין גע'שמד'ט האָט שבתי צבי ניט אויפגעהערט צו פאַרפיהרען זיינע אָנהענגער. די טערקען האָט ער פערזיכערט אז דאָס ווענדט ער אָן אַלע זיינע כחות צו בעקערען זיינע גלויבענסברידער צום איסלאַם; און די אידען האָט ער איינגעשמועסט, אז ער האָט נאָר לפנים אָנגענומען דעם פרעמדען גלויבען כדי צוצוציהען די מאהמעדאַנער צום יודענטום און דאדורך אויסלייזען די פרעמדע פעלקער אויך. די בעגייסטערטע נאָכפאָלגער פון דעם פאַלשען משיח האָבען געגלויבט אַלע נאַריש־קייטען, וואָס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרען אין זיין נאָמען. מאַנכע האָבען פרייוויליג אָנגענומען דעם איסלאַם, כדי צו ווערען שותפים צו דער טהאַט פון אויסלייזונג, וואָס דער משיח האָט געהאַלטען אין פאַרווירקליכען. אנדערע ווידער האָבען גע'טענה'ט, אז ניט שבתי צבי נאָר זיין שאָטען האָט אָנגענומען דעם איסלאַם און איז געבליבען אויף דער ערד אין דעם געשטאַלט פון מאחמעד עפענדי, אָבער משיח אַליין איז ארויף אויפ'ן הימעל און וועט זיך בעווייזען ווען עס וועט קומען די צייט פון דער גאולה. נתן און אַנדערע „נביאים" האָבען פאַרשפּרייט אזעלכע מעשות אין אַלע לענדער און דער המון האָט נאָך לאַנג געגלויבט אז שבתי צבי איז געווען דער שליח פון גאָט. דערווייל האָט שבתי צבי זיך אויפגעפיהרט אין דעם אדריאַנאָפּאָלער הויף זעהר מאָדנע: אָט פלעגט ער זיך מאַכען פאַר א פייערדיגען מאחמעדאַנער, און אָט פלעגט ער פּראַוועןֿ אידישע תפלות מיט טענץ און געזאַנג. דער טערקישער רעגירונג איז ווידער געוואָרען פערדעכטיג זיין אויפפיהרונג, און מען האָט שבתי צבי פאַרשיקט אין דולצינאָ, א פאַרוואָרפענע שטעדטעל אין

אלבאניען, וואוהין מען האָט קיינעם פון זיינע אנהענגער ניט צו־געלאָזען. דאָרט איז דער פאַלשער משיח געשטאָרבען אין יאָהר 1676 איינזאם און פון אלעמען פערוואָרפען.

דער טויט פון שבתי צבי האָט אויסגעניכטערט דעם גרעסטען טייל פון זיינע נאכפאָלגער אין אזיען און אייראָפּא. פיעלע האָבען זיך בעזינט און האָבען שטארק חרטה געהאט וואָס זיי האָבען זיך געלאָזט אזוי לייכטזיניג פארפיהרען. די רבנים זיינען געוואָרען נאָך מעהר פארביטערט געגען די שבתי צבי'ניקעס און האָבען שטרענג אכטונג געגעבען אז אין זייערע קהילות זאָלען זיך ניט געפינען קיין אָנהענגער פון דעם משיח, וואָס האָט זיך גאָר גע־שמד'ט. פונדעסטוועגען זיינען נאָך געבליבען לייכטגלויביגע מענ־שען, וועלכע האָבען נאָך אַלץ געגלויבט אז שבתי צבי איז געוועזען אַ געטליכער מענש. זיי האָבען געגלויבט, אז משיח איז ארויף אויפ'ן הימעל און אז ער וועט אין גיכען זיך בעווייזען צוריק אויף דער ערד און וועט בעפרייען דאָס אידישע פאָלק. אין טערקיי האָט זיך געבילדעט אַ סעקטע שבתי צבי'ניקעס, בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען שבתי צבי'ס שוואָגער, יעקב צבי. דער הויפּט־נעסט פון דער כתה האָט זיך געפונען אין סאַלאָניקי, וואו עס האָבען געלעבט שבתי צבי'ס קרובים. דיזע סעקטע האָט געהאט מאָדנע בעגריפען וועגען גאָט און וועגען מאָראל. זייערע פיהרער האָבען געלערנט, אז עס זיינען פאראהאַן צוויי געטער: דער בע־שעפער פון דער וועלט און דער גאָט פון אידישען פאָלק; דער לעצטער איז אראָבגעקומען אויף דער ערד אין דער געשטאַלט פון שבתי צבי. ווייטער האָבען זיי געלערנט, אז די דינים פון מאָראל איז ניט נויטיג אָבצוהיטען, און אז „באחרית הימים" (אין דעם סוף פון די טעג) מעג מען זינדיגען וויפיעל מען וויל. און די מיטגליע־דער פון דער דאָזיגער סעקטע האָבען זיך ערלויבט אלערליי אויס־געלאַסענקייטען. די טערקישע בעאַמטע האָבען זיך אומגעקוקט אויף דער אונמאָראלישער אויפפיהרונג פון די שבתי צבי'ניקעס איז סאַ־לאָניקי, און האָבען זיי אָנגעהויבען צו פערפאָלגען. כדי פּטור צו ווערען פון די רדיפות האָבען די סעקטאַנטען נאָכגעטהאָן דעם ביישפּיעל פון דעם פערשטאָרבענעם משיח—זיי האָבען אָנגענומען דעם איסלאַם, אַן ערך פון 400 פערזאָן (1687). יעקב צבי און די

אנדערע פיהרער פון דער סעקטע האָבען פארזיכערט אז זייער עובר זיין אויף זייער אמונה האָט אויך א פארבאָרגענע כונה. נאָכ'ן טויט פון יעקב צבי איז די פיהרערשאפט פון די סאלאָניקער שבתי צבי'ניקעס אריבער צו זיין זוהן ברכיה (1695—1740). אין זיין צייט האָט זיך די סעקטע אלץ מעהר געשטארקט. איהרע מיט־גליעדער האָבען לפנים אָבגעהיט דעם איסלאם און אין געהיים האָבען זיי געגלויבט אז שבתי צבי איז די פארקערפערונג פון גאָט. די שבתי צבי'ישע סעקטע אין סאלאָניקי האָט נאָך עקזיסטירט זעהר לאנג. רעשטען פון איהר זיינען נאָך געבליבען ביז היינטיגען טאָג אונטער'ן טערקישען נאָמען „דאָנמע" (אָבטריניגע).

---

## אכטער קאפיטעל.

# די אידען אין מערב־איירָאפא פון 16טען ביז'ן 18טען יאָהרהונדערט.

§41. איטאליען. נאָכ'ן גירוש שפאניען האָט א גרויסער טייל פון די ארויסגעטריבענע אידען זיך בעזעצט אין איטאליען, וואו זייערע פאָלקסברידער האָבען געלעבט פערהעלטניסמעסיג רו־היג. בראש פון דיזע אויסוואנדערער איז געשטאנען דאָן יצחק אברבנאל, דער לעצטער גרויסער פיהרער פון שפאנישען יודענטום. לכתחלה האָט זיך דער אברבנאל בעזעצט אין נעאפאל און שפעטער אין ווענעדיג. א שטיקעל צייט האָט ער פארנומען א רעגירונגס־אמט אין דעם הויף פון דעם נעאפאָלער קעניג, נאָר דערנאָך האָט ער די שטעלע אויפגעגעבען און האָט זיך געווידמעט איינגאנצען צו זיינע געלערנטע ארבייטען (ער האָט אָנגעשריבען א גרויסען פירוש אויפ'ן תנ"ך און אייניגע ספרים וועגען דער אידישער רעליגיאָן). צוטרייסעלט פון די שווערע ליידען וואָס דאָס פאָלק האָט איבער־געלעבט האָט דער אברבנאל אין זיינע ספרים זיך דער עיקר פאר־טיעפט אין דעם משיח געדאנק. ער האָט געפרובט, אויפ'ן גרונד פון די רייד פון די נביאים און אלטע טראדיציעס, בעשטימען די צייט ווען משיח דארף קומען, און איהם האָט זיך געדוכט אז די

דאָזיגע צייט איז זעהר נאָהנט. דערנעהנטערענדיג זיך צו זיין טויט האָט דער גרויסער זקן זיך געטרייסט מיט'ן געדאנק, אז עס איז נאָהנט די שטונדע פון אויסלייזונג פאַר'ן שווער־ליידענדען פאָלק. ער איז געשטאָרבען אין ווענעדיג, אין יאָהר 1509.

אין קורצען נאָך זיין טויט האָט צווישען די איטאַליענישע אידען ווירקליך אויפגעלעבט די האָפנונג אז משיח קומט. אין יאָהר 1524 איז קיין ווענעדיג אָנגעקומען פון מזרח א געהיימניס־פולער אַלטער מאַן, וועגען וועלכען עס איז שווער צו זאָגען צי ער איז געוועזען א שווינדלער אָדער א טרוימער. ער האָט זיך אָנגע־רופען דוד, פון שבט ראובן, און האָט דערצעהלט אז ער פאָהרט פון וויטען אראביען, וואו עס עקזיסטירט כלומרשט א אידישע מלוכה, וועלכע איז בעוואוינט פון די קינדער פון די צוויי פאסטוכער שבטים ראובן און גד, אז זיין ברודער איז דער קעניג אין יענעם לאַנד, און אז ער, דוד, איז געשיקט געוואָרען פון דאָרט קיין איי־ראָפא מיט א וויכטיגער שליחות צו די קריסטליכע מלכים. דוד הראובני איז אריינגעפאָהרען קיין רוים רייטענדיג אויף א ווייסען פערד, דאַן איז ער אוועק אין הויף צום פאבסט קלעמענס דעם 7טען און האָט געהאַט מיט איהם א לאַנגען געשפּרעך. פון אי־טאַליען איז דוד אוועקגעפאָהרען קיין פאָרטוגאל און איז דאָרט אויך אויפגענומען געוואָרען מיט כבוד פון קעניג יאָהאַן דעם 3טען, אלס שליח פון אידישען קעניג. די אַלע געהיימע פערהאנדלונגען האָבען געבאָרען צווישען אידען דעם גלויבען, אז באַלד—באַלד וועלען פאָרקומען וויכטיגע געשעהענישען. מען האָט גערעדט, אז די אראבישע אידען האָבען עס געשיקט דוד'ן קיין אייראָפּא צו קריגען פייער־וואָפען, אזוי ווי זיי קלייבען זיך צו געהן מלחמה האַלטען מיט טערקיי און אָבנעהמען ביי איהר ארץ־ישראל.

איבערהויפט האָבען זיך גערודערט אין שפאַניען און פאָר־טוגאל די געהיימע אידען—די מאראנען, וועלכע האָבען געליטען פון דער אינקוויזיציע. איין יונגער מאראַנאָ פון ליסאבאָן, שלמה מולכו האָט זיך אָנגעקניפּט אָן דוד ראובני. מולכו האָט אָנגעהויבען זיך צו פארטיעפען אין דער קבלה און, גלייך מיט זיינע צייט־ברידער אָנגעהויבען טרוימען וועגען באַלדיגען ביאת המשיח. מיט די דאָזיגע געדאנקען איז דער יונגער מולכו אוועק קיין טערקיי און

ארץ-ישראל, האָט זיך פארבונדען מיט די דאָרטיגע מקובלים און פלעגט האלטען פייערדיגע דרשות וועגען דער נאָהנטער גאולה. פון דאָרט האָט ער זיך אומגעקערט קיין אייראָפּא און איז אוועק קיין רוים, וואו ער האָט אָנגעהויבען פיהרען געהיימע פערהאנד־לונגען מיט'ן פּאבסט. אין גיכען האָט מולכו אָלעמען איבערראשט מיט א געוואגטען שריט: צוזאמען מיט דוד ראובני איז ער אוועק קיין רעגענסבורג, צום דייטשען אימפּעראטאָר קארל דעם 5טען; זיי האָבען דערצעהלט דעם קעניג וואָס זיי האָבען בדעה צו טהאָן — צו רופען די אידען אויף א מלחמה מיט טערקיי אָבצונעהמען ארץ־ישראל. דער סוף פון דיזע פערהאנדלונגען איז געוועזען א העכסט טרויעריגער: דער קעניג האָט געהייסען ארעסטירען ביידע וואנ־דערער און האָט זיי אוועקגעפיהרט מיט זיך קיין איטאליען. דאָ איז מולכו, אלס אַנטלאָפענער מאראנאָ, פערארורטיילט געוואָרען פון דער אינקוויזיציע צום טויט: מען האָט איהם פארברענט אין מאנטוא אין יאָהר 1532. ראובני איז אָבגעפיהרט געוואָרען קיין שפאניען, וואו ער האָט זיך עטליכע יאָהר אָבגעוואלגערט אין תפיסה און איז געשטאָרבען.

די אידען זיינען ביטער ענטוישט געוואָרען אין זייערע ער־ווארטונגען. דערווייל האָט זייער לאגע אין איטאליען אויך אָנגע־הויבען ערגער צו ווערען. די פּאבסטען האָבען אָנגעהויבען צו פערפאָלגען די אידען אין זייערע ממשלות און האָבען בענייט די ערנידריגענדע געזעצען פון אינאָקענטי דעם 3טען. אין די שטעדט האָט מען די אידען אָבגעפיהרט אין בעזונדערע קווארטאלען (גהע־טאָס), מען האָט זיי געצוואונגען צו טראָגען דעם שאנדצייכען, מען האָט זיי ניט ערלויבט צו האָבען מעהר ווי איין שוהל אין א שטאָדט. די רדיפות אויפ'ן תלמוד זיינען אויך בענייט געוואָרען. אין יענער צייט האָט דער תלמוד אָנגעהויבען זיך שטארק צו פארשפּרייטען, א דאנק דער ערפונדענער דרוקעריי־קונסט (דער תלמוד איז צום ערשטען מאָל אָבגעדרוקט געוואָרען אינגאנצען אין יאָהר 1520, אין ווענעדיג). די אידישע פיינד זיינען ארויס־געטראָטען מיט דער אלטער בעשולדיגונג, אז אין תלמוד געפינען זיך שטעלען וואָס בעליידיגען די קריסטען. די אינקוויזיציע אין רוים האָט בעפעהלען צו פארברענגען דעם תלמוד. מען האָט געמאכט



דער אריינגאנג אין דער גהעטא פון רוים.

אַ הויז־זוכונג ביי אַלע אידען אין רוים און מען האָט צוגענומען אַלע ספרים, וואָס מען האָט געפונען. אין דעם טאָג פון ראש־השנה אין יאָהר 1553 זיינען טויזענדע גמרא׳ס פארברענט געוואָרען אויפ׳ן שייטערהויפען אין רוים. דאָס זעלבע איז געשעהן אין אנדערע שטעדט פון איטאַליען. שפּעטער האָבען די קאַטוילישע גלחים ערלויבט די אידען צו דרוקען דעם תלמוד אויף דאָס ניי, נאָר ניט אַנדערש, אַז אַלע שטעלען, וואָס זיינען געגען דער קריסטליכער רעליגיאָן זאָלען אויסגעלאָזט ווערען. פאַר דיזען צוועק זיינען בע־שטימט געוואָרען צענזאָרען, דער עיקר פון גע׳שמד׳טע אידען, וועלכע האָבען אויסגעמעקט אַלע אַנגעוויזענע ערטער און ניט ער־לויבט זיי צו דרוקען.

בעזונדערס פיינדליך האָט זיך בענומען צו די אידען פּאַבסט פּאוֹל דער 4טער. אין צוויי בוללאַס וואָס ער האָט ארויסגעלאָזט האָט ער ארויסגעגעבען געגען די אידען פון רוים און אנדערע שטערט אונטער דער קירכע׳ס ממשלה, אַ רייהע ערנידריגענדע בעגרענצונ־גען אין דעם גייסט פון מיטעלאַלטער. לויט דיזע געזעצען האָבען די אידען אין יעדער שטאָדט געדארפט וואוינען אין אַ בעזונדער קווארטאַל און טראָגען אַ בעזונדער הלבשה, צו אונטערשיידען זיך פון די קריסטען. פאַר קריסטען איז פארבאָטען געוואָרען צו זיין ביי אידען בעדיענער, זיך היילען ביי אידישע דאָקטוירים, אָדער אפילו אָנרופען אַ אידען „הערר“. די אידען איז ערלויבט געוואָרען זיך צו פארנעהמען בלויז מיט קליינעם האנדעל, איבערהויפּט מיט אַלטע קליידער, אָדער זיך בעשעפטיגען מיט וואוכעריי אויף קליינע פּראָצענטען; זיי איז אויך פארבאָטען געוואָרען צו ערווערבען אונבעוועגליכען אייגענטום (די בוללאַס פון 1555). די דאָזיגע גרויזאַמע און בעליידיגענדע געזעצען האָבען געבראַכט די אידען צו דער העכסטער שטופע פון ערנידריגונג און עקאָנאָמישען חורבן.

פון דער אַנדערער העלפט פון 16טען יאָהרהונדערט אָן האָבען זיך די אידען פון רוים און אַנדערע שטעדט פון איטאַליען אַליין מעהר אויסגעגלייכט אין רעכטלאָזיגקייט מיט זייערע ברידער אין דייטשלאַנד. דאָס אידישע גהעטאָ אין רוים האָט זיך געפונען אויפ׳ן ברעג פון טייך טיבער, און אַ טאָל וועלכער פלעגט אָפט פאַר־פלייצט ווערען ווען דער טייך פלעגט זיך פאַנאַנדערגיסען. דאָס

געטאָ איז געווען אָבגעטיילט פון די איבעריגע טיילען שטאדט מיט א וואנד, וועלכע האָט געהאט טויערען צום אריינגעהן און ארויסגעהן. אויף ביינאכט פלעגט מען די טויערען פארשליסען און היטען מיט א בעזונדער וואך. לויט די בעשרייבונגען פון א געוויסען רייזענדען, וועלכער האָט בעזוכט רוים אין יאָהר 1724 איז דער אידישער קווארטאל בעשטאנען פון צוויי גרויסע און זעקס קליינע גאסען, און דאָ האָבען געלעבט אין דער גרעסטער ענגשאפט ארום 3000 געזינדען, ד. ה. פון 20 ביז 25 טויזענד נפשות. דער גרעסטער טייל פון זיי האָט זיך בעשעפטיגט מיט קליין־האנדעל און מלאכות. די גאסען פון געטאָ זיינען געווען בעזייהט מיט קראָמען און קרעמלעך, וואו מען האָט געהאנדעלט מיט אלץ, אָנ־הויבענדיג מיט שפייז און ענדיגענדיג מיט אלטע קליידער. דער מסחר מיט אלטע זאכען איז בעזונדערס ערמוטיגט געוואָרען פון די רוימישע בעאמטע פאר די אידען, אלס א „פריוויליגירטע בע־שעפטיגונג" פון דעם אלטען פאָלק; די אויפקויפער פון אלטע זאכען האָבען געמעגט ארומגעהן אויך די קריסטליכע קווארטאלען אויפצוקויפען דאָרט זייער סחורה, און האָבען אפילו געמעגט האָבען א לאגער פיר זייער סחורה אויסערהאלב דער געטאָ. פון די מלאכות איז די פארשפרייטסטע געווען—שניידעריי. „אָפטמאָל אין זומער — שרייבט איינער פון יענער צייט — קען מען זעהן הונדערטע שניידער זיצען ביי זייער ארבייט אין די גאסען, נעבען די טירען פון זייערע וואוינונגען. די ווייבער זיצען אויך און מאכען קנעפלעך און קנאָפּלעכלעך. דיזע מייסטערינס האָבען זיך אזוי פערפאָלקאָמט אין זייער ארבייט, אז די קריסטליכע שניידער פון גאנץ שטאָדט בעשטעלען דאָ זייערע קנעפלעך און קנאָפּלעכלעך. אין אלגעמיין זיינען דריי פיערטעל פון די אידען שניידער, און די איבעריגע פארנעהמען זיך מיט אנדערע מלאכות".

צו טראָגען אָבגעצייכענטע קליידער איז געווען א מוז פאר אלע אידען, אָהן אונטערשייד פון געשלעכט אָדער שטאנד. די מענער האָבען געטראָגען א געלע היטעל און די פריען—א קאָפּ־פוץ פון א שטיקעל געלער מאטעריע אנדערהאלבען איילען די ברייט. מיט דער צייט האָבען די אידען איבערגעביטען דעם געלען קאָליר אויף אפּעלסין־קאָליר, און דערנאָך זיינען זיי אריבער צו רויט, אזוי

אז די היטלען פון די מענער זיינען געווען אינגאַנצען עהנליך צו די רויטע היטלען פון די קאַרדינאַלען. כדי צו פאַרמיידען דעם „בזיון” האָט מען בעפעהלען די אידען זיך אומצוקערען צוריק צום געלען קאָליר. — דיזע אַלע ערנידרונגען האָבען געהאַט איין צוועק: צו צווינגען די אידען זיך אָבצוזאָגען פון זייער גלויבען און אָננעהמען דאָס קריסטענטום. פאַר'ן זעלבען צוועק איז איינגעפיהרט געוואָרען די „געצוואונגענע דרשה”: מען האָט די אידען געצוואונגען מיט גוואַלד אויסצוהערען אין די קירכען דרשות פון גלחים. יעדען שבת נאָך ווארמעס פלעגט אין גהעטאָ אָנקומען פּאָליציי און טרייבען אַ גרופּע מענער, פרויען און קינדער איבער 12 יאָהר אַלט אין קלויסטער צו הערען אַ דרשה. ”פונקט צוויי אַזייגער נאָכמיטאָג — דערצעהלט אַ צוזעהער (1724)—מוזען די אידען קומען אין קלויסטער. דאָ איז געהאַנגען אַ גרויסע הילצערנע בילד פון דער קרייצונג צוגעדעקט מיט אַ זאַק, כדי די אידען זאָלען ניט לאַכען דערפון. דאָ זיינען אויך געשטאַנען בענק צום זיצען, מענער און פרויען בעזונדער, אָבגעטיילט איינע פון די אַנדערע מיט אַ פאָרהאַנג, אַזוי ווי אין די שוהלען. אין מיטען איז אַ בימה אויף וועלכער עס שטעהט דער גלח. ער הויבט אָן זיין דרשה אויף אַ הויכען קול און ווארפט אריין אַזוי פיעל אידישע ווערטער אַז מען קען איהם אָננעהמען פאַר אַ אידען. די דרשה בעשטעהט אין דעם, וואָס פון אָנפאַנג לויבט דער רעדנער די אידען, אַלס דאָס אויסדערוועהלטע פאָלק פון גאָט, און דערנאָך רעדט ער דעם היפּך, רעדט פון זיי מיט פעראַכטונג, רופט זיי „עם קשה ערף” (איינגעשפּאַרטעס פאָלק), דערפאַר וואָס זיי ווילען ניט הערען גאָט'ס וואָרט. די דרשה דויערט צוויי שעה. דורך דיזער צייט מוזען אַלע זיצען שטיל, ניט אַרויסריידען קיין וואָרט און ניט שלאָפען, ווארום טאַקע אויפ'ן אָרט געפינען זיך אויפזעהער, וועלכע גיבען שטאַרק אַכטונג דערויף און בעשטראָפען שווער די שטערער”. אָפטמאָל פלעגט די פּאַבסטליכע פּאָליציי מיט גוואַלד נעהמען אַ אידען און איהם אַוועקפיהרען אין „הויז פון די נייע־בעקערטע”, דאָרטען צוצוגרייטען איהם צום שמד. דאָרט פלעגט מען די געפאַנגענע האַלטען פערציג טעג און זיי אַלץ איינריידען צו בייטען זייער

גלויבען. איינינע פלעגט זיי געלונגען צו שמד'ן; אָבער די פער־עקשנ'טע פלעגט מען ארויסטרייבען צוריק אין גהעטאָ אריין.

§42. ליטעראַטור און בילדונג אין איטאַליען. ניט קו־קענדיג אויף זייער שווערער בירגערליכער לאַגע האָבען די איטאַ־ליענישע אידען אין 16טען און 17טען יאָהרהונדערט דערגרייכט א הויכע שטופע פון גייסטיגער ענטוויקלונג. עס האָט אויסגעזעהן אזוי ווי צו זיי וואָלט אויף א צייט איבערגעגאַנגען די אמאָליגע בילדונג פון די שפּאַנישע אידען. עס האָבען זיך דאָ בעוויזען בעריהמטע תלמודיסטען, מקובלים, שפּראַך־קענער, היסטאָריקער און פילאָזאָפען.

אין 17טען יאָהרהונדערט האָבען די איטאַליענישע אידען אַרויסגעגעבען צוויי אָריגינעלע דענקער: יהודה דע־מאָדענו און יוסף דעלמעדיגאָ. יהודה דע־מאָדענו (1571—1648) איז געווען רב אין ווענעדיג, נאָר אין הארצען האָט ער געצווייפעלט אין די קוועלען פון דער רבנות און קבלה. ער האָט פערפאַסט א סך ספרים, פון וועל־כע עס צייכנען זיך אויס צוויי: איינער, „שאגת ארי" איז געגען די רבנים, און דער צווייטער, „ארי נעם",—געגען דער קבלה, וואָס ער האָט געהאַלטען אַז איהרע הייליגע ספרים זיינען געפעלשטע. מאָדענו האָט מורא געהאַט צו פאַרעפענטליכען דיזע ווערק ביי זיין לעבען און ער האָט זיי איבערגעלאָזט אין כתב־יד. זיי זיינען אָבגעדרוקט געוואָרען ערשט אין דער שפּעטערער צייט. — יוסף דעלמעדיגאָ (געשטאָרבען 1655) געבאָרען אויפ'ן אינזעל קאַנדיאַ, איז געווען א שרייבער פון אַן אנדער שניט. ער איז געווען דער גרעסטער געלערטער פון זיין צייט, האָט געקענט אַלטע און נייע שפּראַכען, האָט שטודירט אין דער אוניווערזיטעט פון פּאַדואַ, וואו ער האָט געלערנט מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע פון דעם אונ־שטערבליכען גאַליליי, האָט שטודירט פיזיקע און מעדיצין, נאָר צו־זאַמען דערמיט האָט ער אויך ליעב געהאַט די קבלה. מיט דעם דורשט נאָך בילדונג האָט זיך אין איהם פעראייניגט אויך א ליידענ־שאַפט צו רייזען. ער האָט אַרומגערייזט א טייל פון אייראָפּאַ און אַזיען, און האָט איין צייט געלעבט אין פּוילען און ליטאָ; די אנדערע העלפט פון זיין לעבען האָט ער פאַרבראַכט אין אַמסטער־דאַם, האַמבורג, פראַנקפורט און פּראַג, וואו ער האָט זיך בעשעפטיגט

מיט ראָקטאָריע. זיין פיעלזייטיגע קענטניש אין אלע צווייגען פון מענשליכען וויסען האָט דעלמעדיגא איבערגעגעבען אין זיין ספר „אלים״; דער קבלה האָט ער געווידמעט זיינע קלענערע ווערק („מצרף לחכמה״ א. אַ. וו.).

אפילו פרויען אין איטאַליען האָבען בייגעטראָגען צו דער אידישער ליטעראַטור. צוויי דיכטערינס, דבורה אַסקאַרעלי און שרה סולאַם האָבען געשריבען שירים אויף איטאַליעניש. דבורה אַסקאַרעלי, די פרוי פון אַן אנגעזעהענעם אידען אין רוים, האָט איבערזעצט די תפלות אין שעהנע איטאַליענישע פערזען און האָט אויך פערפאַסט אָריגינעלע ליעדער. שרה איסלאַם, די טאָכטער פון אַ ווענעדיגער סוחר, איז געווען איינע פון די גע־בילדעטסטע פרויען פון איהר צייט. איין קאַטוילישער גלח פון גענוא האָט אַ סך געאַרבייט צו בעקערען די דאָזיגע בעגאַבטע דיכטערין צו זיין גלויבען, נאָר זיין מיה איז געווען אומזיסט. דאַן האָט ער געבעטען שרה׳ן, אַז זי זאָל איהם חאָטש ערלויבען מתפלל צו זיין פאַר איהר בעקערונג. זי האָט נאָכגעגעבען זיין בקשה, אָבער מיט דעם תנאי, אַז ער זאָל איהר ערלויבען מתפלל צו זיין פאַר זיין בעקערונג צום יודענטום. שרה סולאַם איז געשטאָרבען אין יאָהר 1641. פון איהרע ווערק זיינען בעוואוסט בלויז עטליכע סאָנעטען און אַ ספר וועגען דער אונשטערבליכקייט פון דער נשמה.

אין אָנהויב פון 18טען יאָהרהונדערט האָט זיך אין איטאַליען בעוויזען אַ יונגער בעגאַבטער שרייבער, דער אָנזאָגער פון דער אויפלעבונג פון דער העברעאישער פּאָעזיע, משה חיים לוצאַטו, פון פּאַדוא (1707—1747). לוצאַטו האָט פון קליינוויז אויף ארויסגעוויזען אַ טאַלאַנט פון אַ פּאָעט און סטיליסט. אויפ׳ן 20טען יאָהר פון זיין לעבען האָט ער אָנגעשריבען, אין אַ ריינער ביב־לישער שפּראַך, אַן אידילישע דראַמא, „מגדל עז״, אין וועלכער עס ווערט געשילדערט דער נצחון פון ריינער ליעבע איבער אונעהרלי־כער ליעבע. דאָס איז געווען אַ זעלטענע ערשיינונג אין דער דע־מאָלדיגער העברעאישער ליטעראַטור, וועלכע איז בעשטאַנען נאָר פון טרויעריגע תפלות און רעליגיעזע שירים. ווען לוצאַטו זאָל געווען געהן ווייטער אויף דיזען וועג וואָלט ער געווים געווען ווערען

דער בעשעפער פון א נייער העברעאישער פּאָעזיע, אָבער ער האָט זיך ארייננעלאָזט אין דער דעמאָלדיגער הערשענדער קבלה און מיסטיקע, און זיין לעבען האָט זיך אויפגעלעגט גאַנץ אנדערש. ווען ער האָט ערלערנט דעם זהר מיט דעם פירוש פון דעם אר"י האָט ער אָנגעהויבען שרייבען אין דעם אייגענאַרטיגען, פארשטעלטען לשון פון דיזען ספר; ער האָט דאָס געמאַכט אזוי געלונגען, אז ער האָט געוואגט אָנצורופען זיינע קבלה'שע שריפטען „דער צווייטער זהר". אין זיין פארטיעפטקייט אין דער געהיימער חכמה האָט ער אָנגעהויבען גלויבען אז זיינע ווערק ווערען איהם דיקטירט פון אויבען, דורך א מלאך, א „מגיד". אין יאָהר 1729 האָט לוצאַטו איבערגעגעבען די דאָזיגע געדאַנקען זיינע צו די חברים מיט וועלכע ער האָט געלערנט קבלה, און די זיינען געוואָרען זיינע בעגייסטערטע אָנהענגער. די חברים האָבען צוטראָגען אין א בריעף א קלאַנג, אז אין פּאַדוא האָט זיך בעוויזען א יונגער מקובל, וועלכער וועט אין גיכען אַנטפּלעקען פאר דער וועלט גרויסע זאַכען. דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווען די רבנים האָבען זיך איבעראַל גע־ראַנגעלט מיט די שבתי צבי'ניקעס און האָבען זיי געוואָרפען אין חרם. די רבנים האָבען אָנגעהויבען רודפ'ן לוצאַטו אויך, האָבענדיג א חשד אז ער איז אויך געניינט צו די שבתי צבי'ניקעס. פון אָנפאַנג האָבען זיי איהם געצוואונגען צו געבען א הבטחה, אז ער וועט מעהר ניט שרייבען וועגען קבלה, און ווען ער האָט זיך ניט איינגעהאַלטען און האָט געבראָכען זיין הבטחה האָבען די רבנים פון ווענעדיג אריינגעלעגט אין חרם איהם און זיינע שריפטען. לוצאַטו האָט מעהר ניט געקענט בלייבען אין איטאַליען און ער האָט אָנגעהויבען אומוואַנדערען איבער דייטשלאַנד און האָלאַנד. אין אַמסטערדאַם האָט ער אָנגעשריבען זיין בעסטעם ווערק—די פילאָזאָפישע דראַמא „לישרים תהלה" (לויב די גערעכטע), און נאָך איניגע ווערק וועגען קבלה און מאָראַל. זיינע מיסטישע און משיח־נייגונגען האָבען איהם געצויגען צום הייליגען לאַנד; ער איז אוועק אהין, נאָר באַלד נאָך זיין אָנקומען אהין איז ער געשטאָרבען פון א מגפה, בלויז פיערציג יאָהר אלט, און איז בעערדיגט געוואָרען אין טבריה. אין דער העברעאישער ליטעראַטור איז משה חיים לוצאַטו געשטאַנען אויפ'ן שיידוועג. אלס מקובל האָט ער בעלאַנגט צו דער פער־

גאַנגענהייט; אַלס פּאָעט איז ער געווען דער אָנזאָגער פון אַ נייער שעפּפונג, וועלכע האָט זיך פאַנאַנדערגעבליהט אין 19טען יאָהר־הונדערט.

§43. האָלאַנד; אָקאָסטאַ און שפּינאָזאַ. מיט דער ענט־דעקונג פון אמעריקא איז פארגרעסערט געוואָרען דער אַלוועלטליכער האַנדעלס־מארק. די הויפּט־פּארמיטלער אין דעם האנדעל צווישען דער אַלטער און דער נייער וועלט זיינען געווען די צוויי ים־לענדער האָלאַנד און ענגלאַנד. די ענערגישע בעפעלקערונג פון די דאָזיגע לענדער האָבען אין 16טען יאָהרהונדערט אראָבגעוואָרפען פון זיך דעם יאָך פון דער רוימישער קירכע און האָבען אָנגענומען דעם גלויבען פון דער רעפאָרמאציאָן. אין האָלאַנד איז נאָך דער רע־ליגיעזער בעפרייאונג געקומען די פּאָליטישע: דאָס לאַנד, נאָך אַ לאַנגען העלדישען קאַמפּף, האָט זיך בעפרייט פון דער הערשאַפט פון שפּאַניען און איהר גרויזאַמען קעניג פיליפּ דעם 2טען (אַן אור־אייניקעל פון פערדינאַנד דעם קאַטוילישען), דעם קעניג־אינקוויזיטאָר. ווען עס האָט זיך געגרינדעט די פרייע האָלענדישע רעפּובליק (1579) האָבען זיך אַוועקגעלאָזט אהין אַלע רעליגיעז פערפאָלגטע פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל. צווישען די איבערגע־וואַנדערטע זיינען געווען אַ סך אָבגעשטאַמטע פון די אנוסים, וועלכע האָבען אין געהיים ניט אויפגעהערט אָבצוהיטען דאָס יודענטום און זיינען דערפאַר געווען אונטערוואָרפען אין זייער פאָטערלאַנד צו גריזאַמע פערפאָלגונגען. טויזענדע מאראַנען האָבען אריבערגעוואַנדערט אין דער פרייער האָלאַנד און זיינען דאָ אָפען אריבער צו דער אידישער רעליגיאָן. דאָס זיינען געווען מעהר־סטענטייל רייכע סוחרים, דאָקטוירים, געוועזענע בעאַמטע און אָפּי־צירען. זיי האָבען געבילדעט אַ גרויסע קהילה אין אמסטערדאַם, און דערנאָך זיינען אויפגעקומען קלענערע קהילות אין אנדערע שטעדט פון האָלאַנד. פאַר'ן גרינדער פון דער אמסטערדאַמער קהילה רעכענט זיך דער פּאָרטוגעזישער מאראַנאָ יעקב טיראַדאָ. אין יאָהר 1593 איז טיראַדאָ אָנגעקומען מיט עטליכע מאראַנישע פאַמיליען אין אמסטערדאַם; דאָ זיינען זיי אריבער צום יודענטום, האָבען זיך גענומען אַ רב, און האָבען גיכען אויסגעבויט אַ שוהל מיט'ן נאָמען „בית־יעקב". אין פערלויף פון צוואַנציג יאָהר

האָט שוין די שטאָדט געהאַט עטליכע טויזענד אידישע איינוואוי־נער און זייער צאָל איז אַלץ געוואַקסען. די האָלענדישע רעגירונג האָט זיי געגעבען פולע זעלבסטפערוואַלטונג. בראש פון דער אַמ־סטערדאַמער קהילה איז געשטאַנען אַ ראַט פון עלטסטע („מעמד"), וועלכער איז בעשטאַנען פון רבנים און סתם אידען; אָבער די רעליגיעזע פראַגען פלעגען בעשלאָסען ווערען בלויז פון די רבנים אָדער „חכמים". דער ראַט פון די עלטסטע און די חכמים האָט געהאַט אַ רעכט אַרויפצולעגען אַ שטראָף, לויט זייער אייגענעם איינזעהן, אויף די אונגעהאָרכזאַמע מיטגליעדער פון דער קהילה אָדער אויף פריידענקער.

אַזוי ווי אומעדום, וואו די אידען האָבען גענאָסען פרייהייט און רוה, האָבען זיי אויך אין האָלאַנד אַרויסגעגעבען פון צווישען זיך אַ גאַנצע רייהע פון גרויסע טאַלאַנטען אין פערשיידענע גע־ביטען פון ליטעראַטור און וויסענשאַפט. מען האָט געשריבען אַ סך אין פּראָזע און פּאָעזיע, אויף העברעאיש, לאַטיין, שפּאַניש און פּאָרטוגעזיש. אין דער ליטעראַטור פון די האָלענדישע אידען האָט פאַרנומען אַ חשוב'ען פּלאַץ פּאָעזיע און די קבלה, צוויי צווייגען, וואָס שפּייזען זיך הויפּטזעכליך אויף געפיהל און פאַנטאַזיע. נאָר עס האָבען זיך אויך בעוויזען פילאָזאָפען, וועלכע האָבען געוואָלט דורכפיהרען אין דער רעליגיאָן די יסודות פון פרייען געדאַנק. מאַנכע פון די דאָזיגע פילאָזאָפען זיינען אַוועק אַזוי וויט אין זייער פרייען דענקען, אַז זיי האָבען אַרויסגערופען געגען זיך רדיפות מצד די פרומע רבנים.

איינער פון אַזעלכע פריידענקער איז געווען אוריאל אַקאָסטאַ, אַ געוועזענער מאַראַנאָ, וועלכער איז געבאָרען געוואָרען אין פּאָר־טוגאַל אין 1590. אין זיין קינדהייט האָט ער געקראָגען אַ קאַטוי־לישע ערציהונג, דערנאָך האָט ער שטודירט די קריסטליכע רע־ליגיאָן און ווען ער איז אַלט געווען 25 יאָהר האָט ער פאַרנומען אַ שטעלע אַלס קאַסירער אין אַ קירכע. אָבער דער קאַטוילִיציזם האָט ניט בעפריעדיגט זיין פאָרשענדען געדאַנק, און אַקאָסטאַ האָט זיך אַריינגעלאָזט אין לערנען דעם תנ"ך. און עס האָט ערוואַכט אין איהם אַ שטאַרקער פערלאַנג זיך אומצעקערען צו דער רעליגיאָן פון זיינע עלטערען. ער האָט בשתיקה פערלאָזען פּאָרטוגאַל, איז

אוועק קיין אמסטערדאם און דאָרט איז ער אריבער צום אידישען גלויבען צוזאמען מיט זיין מוטער און זיינע ברידער. נאָר אַקאָס־טא׳ס פרייער געדאנק האָט ניט געקענט שלום מאכען מיט פיעלעס אויך אין יודענטום. אַקאָסטא׳ן זיינען ניט געפעהלען געוועזען די פיעלע אויסערליכע צערעמאָניעס, וואָס די תלמודיסטען האָבען איינגעפיהרט און וואָס זיינען שטרענג אָבגעהיט געוואָרען. ער האָט ניט געוואָלט זיך אונטערוואַרפען צו די דאָזיגע שטרענגקייטען און האָט זיך אָפען אויסגעדריקט געגען דער שיטה פון די „פרושים״, ווי ער האָט אָנגערופען די רבנים. די רבנים פון אמסטערדאם האָבען איהם ערקלערט פאַר אן אפיקורוס און האָבען איהם אויס־געשלאָסען פון שוהל ביז ער וועט ניט תשובה טהאָן. אָבער אוריאל אַקאָסטא האָט ניט תשובה געטהאָן, נאָר ער איז נאָך מעהר פאַר־ביטערט געוואָרען. ער האָט ארויסגעגעבען אויף פּאָרטוגעזיש א ווערק מיט׳ן נאָמען „אַן אויספאָרשונג פון די מסורות פון די פרושים״, וואו ער פרעגט אָב ניט נאָר די מסורות פון תלמוד, נאָר זאָגאר איינינגע פון תנ״ך (1624). דאן האָבען זיך אַלע אידען אָבגעטרייסעלט פון איהם אַלס א געפעהרליכען אפיקורס, און ער האָט א סך יאָהרען געלעבט איינזאם, אין חרם. ענדליך האָט אזא איינזאמעס לעבען איהם דערעסען און ער האָט בעשלאָסען צו בעטען עפענטליך מחילה ביי די רבנים. דיזע מחילה איז פאָרגע־קומען אויף א פייערליכען אופן. אין שוהל, אין דער אנוועזענהייט פון די חכמים און א גרויסען עולם, האָט אַקאָסטאַ איבערגעלייענט הויך זיין תשובה און האָט זיך אָבגעזאָגט פון זיינע פריהעריגע איבערצייגונגען, וואָס זיינען געגען יודענטום. נאָכדעם האָט ער געקראָגען 39 מלקות, דאן האָט ער זיך געלעגט מיט׳ן פנים אראָב אויפ׳ן שוועל פון דער שוהל, און אַלע פערזאמעלטע זיינען ארי־בערגעטראָטען איבער איהם. דיזע אַלע ערנידרונגען האָבען אינ־גאנצען צוטרייסעלט די נשמה פון דיזען אומגליקליכען פריידענקער. אין אן אָנפאַל פון צאָרן און פארצווייפלונג האָט ער קורץ נאָכדעם זיך גענומען דאָס לעבען, דערשיסענדיג זיך מיט צוויי קוילען (1640). פאַר׳ן טויט האָט ער אָנגעשריבען אין לאַטיין זיין ביאָ־גראַפיע מיט׳ן נאָמען: ״א ביישפּיעל פון מענשליכען לעבען״.

מעהר מוטיג אין זיינע איבערצייגונגען איז געוועזען אן אנדער

פריידענקער, ברוך שפינאָזא, דער גרעסטער פילאָזאָף וואָס די אידען האָבען ארויסגעגעבען. ברוך שפינאָזא איז געבאָרען גע־וואָרען אין אמסטערדאם, אין יאָהר 1632. אין זיין פריהער יוגענד האָט ער געלערנט אין דער אמסטערדאמער תלמוד־תורה, וואו די רבנים און אנדערע אידישע געלערטע זיינען געווען די לעהרער. פון תורה און תלמוד איז דער בעגאבטער אינגעל אריבער צו לערנען די מיטעלאַלטערליכע אידישע פילאָזאָפיע פון דעם אבן־עזרא, דעם רמב"ם און קרשקש, און דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו אל־געמיינער בילדונג. א שטארקען איינדרוק האָט אויף איהם געמאכט די נייע פילאָזאָפישע שיטה פון דעקארט, וועלכע האָט זיך דעמאָלט בעוויזען. דער פרייער שכל איז געוואָרען פאר שפינאָזא'ן דער איינ־ציגער קוואל פון וויסען, וואָס שטעהט העכער ווי די רעליגיעזע טראדיציע. שפינאָזא האָט אנגעהויבען צו לעבען ניט אזוי ווי די רבנים האָבען איהם געלערנט, נאָר אזוי ווי ער האָט גערענקט עס דיקטירט דער פערשטאנד. ער האָט אויפגעהערט געהן אין שוהל און האָט ניט אָבגעהיט די רעליגיעזע צערעמאָניעס, וועלכע ער האָט געהאלטען פאר איבעריג. ווען אלע בעמיהונגען פון די רבנים אומצוקערען שפינאָזא'ן אויפ'ן וועג פון גלויבען האָבען זיך אויס־געלאָזט מיט גאָרניט, האָט מען איהם ענדליך ארייגנעלעגט אין חרם (1656). דאן האָט שפינאָזא פערלאָזען אמסטערדאם און האָט זיך זעלטען אומגעקערט אהין. די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען האָט ער פארבראכט אין האאג. ער האָט געלעבט איינזאם, פאר־טיעפט אין זיינע פילאָזאָפישע שטודיען; נאָר עטליכע שעה יעדען טאָג פלעגט ער אָבגעבען אויף זיין ארבייט, פון וועלכער ער פלעגט פארדיענען זיין אָרימע חיונה, נעמליך, שלייפעריי פון אויגען־גלעזער. אין יאָהר 1670 האָט שפינאָזא פארעפענטליכט זיין „טע־אָלאָגיש־פּאָליטישען טראקטאט", וועלכער האָט ארויסגערופען א שטורם צווישען די גייסטליכע פון אלע רעליגיאָנען. דאָס איז געווען די ערשטע פרייע קריטיק פון די ביבלישע אמת'ן, אלס די יסודות פון יעדען גלויבען. אין דער „עטיק" און אין אנדערע ווערק האָט שפינאָזא איבערגעגעבען זיין אלגעמיינע פילאָזאָפישע לעהרע, לויט וועלכער די גאָטהייט און די נאטור זיינען איין זאך, וואָס קען ניט צוטיילט ווערען (פאנטעאיזם). דיזע לעהרע האָט שפינאָזא'ס נאָמען

ברוך שפינאָזאַ.

בעריהמט געמאכט אין דער גאנצער וועלט, אן האָט שפּעטער גע־האט הייסע געגנער און פּונקט אזוינע הייסע אָנהענגער צווישען קריסטען און אידען. נאָר די אידישע דענקער פון יענער צייט האָבען ניט געקענט אָננעהמען די לעהרע פון זייער פארשטויסענעם גלויבענסברודער. זיי האָבען צופיעל געליטען פאר זייער אמונה אום זיי זאָלען קענען זי אומבייטען לויט די פאָדערונגען פון דעם פילאָזאָפישען גערדאנק. שפּינאָזא איז געבליבען אין חרם ביי זיינע ברידער ביז זיין טויט (1677).

§44. מנשה בן ישראל און דער צוריקקער פון די אידען אין ענגלאַנד. צווישען די האָלענדישע רבנים און שרייבער פון 17טען יאָהרהונדערט האָט דעם אנגעזעהענסטען פּלאַץ פערנומען מנשה בן ישראל. ער איז געבאָרען געוואָרען אין ליסאבאָן אין יאָהר 1604, אין א מאראַנישער פאמיליע. זיין פאָטער האָט זיך לאנג גע־מאַטערט אין די תפיסות פון דער פּאָרטוגעזישער אינקוויזיציע פאר זיין בעהאַלטענער צוגעבונדענקייט צום יודענטום; ענדליך איז ער אנטלאָפען מיט זיין הויזגעזינד קיין אמסטערדאם, וואו ער האָט אָנגעהויבען אָפען אָבצוהיטען זיין אמונה. מנשה האָט געקראָגען א פיעלזייטיגע בילדונג. מיט א טיעפען וויסען פון דער אידישער ליטעראַטור האָט ער פעראייניגט אַן אונגעוועהנליכע בעלזענקייט אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור. ער האָט בעהערשט צעהן איי־ראָפּעאישע שפּראַכען און האָט זיך געפונען אין חבר'שע בעצי־הונגען מיט די בעריהמטסטע קריסטליכע געלערטע פון זיין צייט. א געוויסע צייט האָט ער זיך אויך דורכגעשריבען מיט דער שווע־דישער קעניגין קריסטינא, וועלכע איז געוועזען א ליעבהאָבערין פון וויסענשאַפט. די דאָזיגע בעריהמטקייט האָט מנשה געקראָגען דורך זיינע ווערק, וועלכע ער האָט געשריבען צום טייל אין שפּאניש און לאַטיין און צום טייל אין העברעאיש. פון זיינע העברעאישע ווערק איז בעזונדערס בעוואוסט זיין „נשמת חיים" (1652), וועלכע איז א געמיש פון פילאָזאָפיע און קבלה. נאָר די גרעסטע אויפמערק־זאמקייט האָט ארויסגערופען זיין ספר, וואָס ער האָט געשריבען אויף ענגליש, „א פערטיידיגונג פון די אידען", אין וועלכען דער פערפאסער צושמעטערט די אַבערגלויבערישע בלבולים פון מיטעל־אַלטער געגען די אידען. מיט דעם דאָזיגען ספר האָט מנשה גע־

לייסטעט א גרויסע דיענסט זיינע פאָלקס־ברידער אין דעם לאַנד, פון וועלכען מען האָט זיי אמאָל ארויסגעטריבען צוליעב די מי־טעלאַלטערליכע פאָראורטיילען, נעמליך, ענגלאַנד.

ארום דריי און א האַלב הונדערט יאָהר איז אוועק פון דער צייט ווען די אידען זיינען ארויסגעטריבען געוואָרען פון ענגלאַנד (1291). פאר דיזער צייט האָט זיך דאָס לעבען פון דעם ענגלישען פאָלק שטארק געענדערט. דער גרעסטער טייל פון דער בעפעלקע־רונג איז אריבער פון דעם קאטוילישען צו דעם רעפאָרמערישען גלויבען. עס האָט זיך געגרינדעט די סעקטע פון די שטרענגע „פוריטאַנער", וועלכע האָבען פלייסיג געלערנט דעם אלטען טעס־טאמענט און דאָרט געזוכט די יסודות פון דעם אמת'ען גלויבען. די דאָזיגע ליעבע צום תנ"ך האָט דערנעהנטערט די ענגלישע רע־פאָרמער צום יודענטום. א סך ענגלענדער האָבען עס געהאַלטען פאר ווינשענסווערטה און עהרליך אז די אידען זאָל ערלויבט ווערען זיך צוריק צו בעזעצען אין ענגלאַנד. הערשער פון ענגלאַנד אין יענער קעניגלאָזער צייט (1649—58) איז געוועזען דער פוריטאַנער קראָמוועל, א הייסער ליעבהאָבער און קענער פון תנ"ך. א גרופּע אידישע קאָמערציאַנטען אין אמסטערדאם האָט בעשלאָסען אויס־צונוצען די גינסטיגע אומשטענדען, און זיך משתדל זיין וועגען אריינלאָזען די אידען צוריק אין ענגלאַנד. זיי האָבען אויסגעקליבען פאר זייער פאָרשטעהער מנשה בן ישראל, און האָבען איהם איבער־געגעבען צו פיהרען די פערהאַנדלונגען מיט דער ענגלישער רעגירונג. נאָך א בריעף־וועקסעל מיט קראָמוועל'ן איז מנשה אליין אוועק־געפאָהרען קיין ענגלאַנד (אין הערבסט פון 1655). דאָ האָט ער דערלאַנגט קראָמוועל'ן אַן „אדרעס" אין נאָמען פון דעם אי־דישען פאָלק, בעטענדיג צו לאָזען די אידען וואוינען אין ענגלאַנד און געבען זיי פרייהייט פון רעליגיאָן, האַנדעל און זעלבסט־פער־וואלטונג אין זייערע קהילות. קראָמוועל האָט בעשטימט א קאָמיסיע פון וועלטליכע און גייסטליכע פערזאָנען צו בעטראַכטען די אידישע בקשה. אין דער ענגלישער געזעלשאַפט האָט די דאָזיגע שתדלנות ארויסגערופען א סך וכוחים. עס האָבען זיך בעוויזען אייניגע ביכער, אין וועלכע די פערפאַסער האָבען געזוכט אויפצולעבען די מיטעלאַלטערליכע פאָראורטיילען געגען די אידען. כדי אָבצושלאָגען

מנשה בן־ישראל.

די דאָזיגע אונזיניגע פּאַראורטיילען האָט מנשה בן ישראל פאַר־עפענטליכט אין לאָנדאָן זיין אויבענדערמאָנטען בוך „א פערטיידי־גונג פון די אידען", וועלכעס האָט געמאכט א טיעפען רושם אויף די ענגלענדער.

די ענגלישע רעגירונג האָט געצעגערט מיט דער לייזונג פון דער פראגע וועגען אריינלאָזען אידען, נאָר האָט אויך ניט ארויס־געשיקט די יעניגע וואָס האָבען דערוויילּ בעוויזען זיך צו בע־זעצען אין לאָנדאָן. ביסלעכווייז האָט זיך אין דער ענגלישער הויפּטשטאָדט געבילדעט א בעדייטענדע אידישע קהילה, הויפּט־זעכליך פון האָלענדישע ספרדים, און דערנאָך האָבען זיך אידען פריי בעזעצט אין אלע שטעדט פון גרויס־בריטאניען. מנשה האָט נישט דערלעבט דיזען ערפאָלג פון זיין ארבייט. ער איז געשטאָרבען אויף זיין וועג צוריק פון לאָנדאָן קיין האָלאנד אין יאָהר 1657.

§45. דייטשלאַנד; די אידען און די רעפאָרמאַציע. די גרויסע רעליגיעזע בעוועגונג, די „רעפאָרמאציע", וועלכע האָט בענייט דאָס לעבען פון א סך פעלקער אין אייראָפּא איז געקומען פון דייטשלאנד. דאָ האָט זיך צוערשט דערהערט א פּראָטעסט געגען דעם דרוק פון דער קאטוילישער קירכע און דער אונבעגרענצטער מאכט פון דעם פּאבסט. בראש פון די „פּראָטעסטאנטען" איז גע־שטאנען דער בעריהמטער מארטין לוטהער (1517). ניט לאנג פאר זיין ארויסטריט האָט זיך אין דייטשלאנד פאנאנדערגעברענט א קאמפּף צווישען די פינסטערע דאָמיניקאנישע מאָנאכען און די אויפגעקלערטע דייטשען פון דער פּארטיי „הומאניסטען". דער וויכטיגסטער פאָרשטעהער פון דער הומאניסטישער פּארטיי, יאָהאַן רייכלין, האָט געקענט גרינטליך די העברעאישע שפּראך, וועלכע ער האָט געלערנט אונטער אידישע געלערטע. זיין בעקאנטשאפט מיט דער העברעאישער ליטעראטור האָט געמאכט רייכלינ'ען פאר אַן אויפריכטיגען אידען־פריינד און דערפאר האָבען איהם די קאטוילישע גלחים גרויזאם פערפאָלגט. וועלענדיג שאדען טהאָן גלייכצייטיג די אידען און די הומאניסטען, וועלכע האָבען שטודירט די אידישע ספרים, האָבען די מאָנאכען צוגעצויגען אויף זייער זייט דעם פער־דאָרבענעם משומד פפעפערקאָרן, א געוועזענער קצב, און האָבען ער־קלערט אין זיין נאָמען, אז אין תלמוד און אנדערע רעליגיעזע ספרים

פון די אידען, געפינען זיך אונמאָראַלישע און גאָטלעסטערנדע מייי־
נונגען. די מאַנאַכען און פּפעפערקאָרנ׳ען איז געלונגען צו פּועל׳ן
ביים דייטשען קעניג מאַקסימיליאַן דעם 1טען ער זאָל ארויסגעבען א
בעפעהל מען זאָל פאַרניכטען די אידישע ספרים (1509). עס איז
איבערגעגעבען געוואָרען די גלחים זיי זאָלען צונעהמען ביי די אידען
זייערע רעליגיעזע ספרים און פאַרברענען די יעניגע, אין וועלכע
עס וועלען זיך געפינען אויסדריקען געגען קריסטענטום. דעמאָלט
איז ארויסגעטראָטען דער עהרליכער רייכלין צו פערטיידיגען די
פאַר׳משפּט׳ע ספרים. אין זיין ערקלערונג, וועלכע ער האָט דער־
לאַנגט צו די העכערע גלחים, האָט ער בעוויזען די פאַלשקייט פון די
מסירות פון פּפעפערקאָרנ׳ען און די מאָנאַכען. רייכלין האָט גע־
שריבען, אז דער תלמוד איז אַן אַלטע זאַמלונג פון פּירושים אויף
די געבאָטען פון דער תורה און ער ענטהאַלט אידישע רעליגיאָן, מאָ־
ראַל און מעדיצין; אז צו פאַרברענען דעם תלמוד איז נוצלאָז, וואָ־
רום געגען מיינונגען דאַרף מען קעמפּפען מיט איבערצייגונגען און
ניט מיט גראָבער מאַכט; אז די ספרים וועגען קבלה דאַרף מען
זאָגאַר ערמוטיגען, ווארום אין זיי ווערען אָפּטמאָל ארויסגעזאָגט
געדאַנקען, וועלכע זיינען זעהר נאָהנט צו די קריסטליכע דאָג־
מען. רייכלינ׳ס בריעף האָט ארויסגערופען א שטורם צווישען
די „דונקעל־מענער", ווי מען פלעגט אָנרופען די פאַנאַטיקער פון
דער קאַטוילישער קירכע. דעם מחבר האָט מען בעשולדיגט אין פאַר־
שפּרייטען די אידישע „אפיקורסות" און מען האָט איהם גערופען
פאַר׳ן געריכט פון דער אינקוויזיציע אין קעלן. מען קען ניט וויסען
מיט וואָס עס וואָלט זיך געענדיגט דער קאַמפּף צווישען די הומאַניס־
טען און די קאַטוילִיקען, ווען אין יענער צייט זאָל זיך ניט געווען
אָנהויבען די טהעטיגקייט פון לוטהער׳ן, וועלכע האָט געפיהרט דער־
צו, אז א גרויסער טייל פון די דייטשען האָבען זיך אָבגעריסען פון
דער רוימישער קירכע.

די בעציהונג פון דעם גרינדער פון דער פּראָטעסטאַנישער
קירכע, לוטהער׳ן, צום יודענטום, איז געווען א העכסט אונבע־
שטענדיגע. אין די ערשטע יאָהרען פון זיין טהעטיגקייט האָט ער
געפּרעדיגט, אז צו די אידען דאַרף מען זיך פאַרהאַלטען מיט מילד־
קייט. אין איינעם פון זיינע ווערק, פאַרעפענטליכט אין יאָהר 1523

איז לוטהער שאַרף אָנגעפאַלען אויף די שונאים פון אידישען פאָלק. „אונזערע נאַראָנים — האָט ער געשריבען — די פּאַבסטען, בי־שאָפען און מאָנאַכען זיינען זיך ביז איצט בעגאַנגען מיט די אידען אַזוי, אַז יעדער אמת־גוטער קריסט וואָלט גערארפט ווערען אַ איד. ווען איך וואָלט געווען אַ איד און וואָלט געזעהן ווי אַזוי אַזעלכע דומקעפּ פערוואַלטען די קירכע, וואָלט איך בעסער מסכים געווען צו זיין אַ שוויין איידער אַ קאַטאָליק. וואָרום זיי זיינען זיך בעגאַנגען מיט די אידען אַזוי ווי דיזע וואָלטען געווען הינד און ניט קיין מענשען. און די אידען זיינען דאָך אונזערע לייבליכע קרובים און די ברידער פון אונזער האַר. צו זיי דאַרף מען אָנווענדען דאָס געזעץ ניט פון דער פּאַבסטליכער, נאָר פון דער קריסטליכער ליעבע, זיי אויפנעהמען פריינדליך, געבען זיי אַ מעגליכקייט צו אַרבייטען און האַנדלען גלייך מיט אונז". נאָר שפּעטער ווען לוטהער האָט געקראָ־גען די מאַכט און האָט אַליין אָנגעהויבען צו שפּיעלען די ראָלע פון אַ פּאַבסט פאַר די פּראָטעסטאַנטען, האָט זיך זיין בעציהונג צו די אידען שטאַרק געביטען. ער האָט אָנגעהויבען זאָגען, אַז די אידען דאַרף מען איבעראַל פאַרפאָלגען אַלס די שונאים פון קריסטוס׳ן, אַז מען זאָל צושטערען זייערע שוהלען ביז׳ן גרונד, „צו דער עהרע פון אונזער גאָט און דאָס קריסטענטום", צונעהמען ביי זיי די ספרים פון תלמוד און די סידורים, פאַרבאָטען די רבנים צו לערנען דעם פאָלק די תורה, דריקען די אידען נאָך מעהר אין זייערע בעשעפטי־גונגען, און די געזונדע פון זיי אַוועקצושיקען אויף צוואַנגס־אַרבייט (1543). ניט לאַנג פאַר זיין טויט פלעגט לוטהער זאָגען צו זיינע אַנהענגער, אַז די אידען דאַרף מען ענטוועדער אויס׳שמד׳ן אָדער אַרויסטרייבען פון לאַנד. אויף אַזאַ אופן האָט דער בעשעפער פון דער דייטשער רעפאָרמאַציע איינגעוואָרצעלט אין זיינע נאָכפאָלגער אַ סך פון די גראָבע מיטעלאַלטערליכע פאָראורטיילען, געגען וועלכע ער איז געווען בערופען צו קעמפּפען.

§46. די רעכטלאָזע לאַגע פון די אידען אין דייטשלאַנד און עסטרייך. די רעפאָרמאַציע האָט אָבגעשוואַכט אין די פּראָ־טעסטאַנטישע לענדער די מאַכט פון דער קירכע, אָבער זי האָט ניט אָבגעשאַפט די שנאה צו מענשען פון אַנדערע גלויבענס. די לאַגע פון די אידען האָט זיך געביטען בלויז דערין, וואָס איצט האָט זיי

געדריקט מעהר די וועלטליכע מאַכט ווי די גייסטליכע. די דייטשע קעניגע פלעגען דאָס רוב אָבגעבען זייערע „הויף־קנעכט", די אידען, אויפ'ן פרייען ווילען פון די בעאמטע פון די שטעדט אָדער פראָווינצען. און אין די שטעדט האָבען אידען געהאט שטענדיגע שונאים אין די סוחרים און די ארבייטער, וועלכע האָבען ניט געוואָלט דולדען קיין קאָנקורענץ פון פרעמדע. די שטאָדטישע מאגיסטראטען און ארבייטס־צעכען פלעגען אונטערדריקען און ערנידעריגען די איינוואוינער פון דער גהעטאָ. אָפטמאָל פלעגט די זאך דערגעהן ביז פּאָגראָמען. אין פראנקפורט־אם־מאין האָבען די קריסטליכע בעלי־מלאכות איינמאָל בעפאלען דעם אידישען קווארטאל אונטער דער פיהרערשאפט פון א בעקער מיט'ן נאָמען פעטמילך. די אידען האָבען זיך מיט פערצווייפלונג פערטיידיגט הינטער די וועגד פון דער גהעטאָ און האָבען גע'הרג'ט די ערשטע עטליכע וואָס האָבען געוואגט זיך אריינצורייסען אינוועניג. נאָר ווייטער בייצושטעהן געגען דעם אונגעהויערען המון איז געוואָרען אונמעגליך, און דער אידישער קווארטאל איז גענומען געוואָרען מיט שטורם. פעטמילכ'ס באנדע האָט זיך אריינגעכאפּט אהין, האָט גערויבט, געבראָכען, בעגאנגען אלערליי גוואלדטהאטען און ענדליך ארויסגעטריבען די אידען פון שטאָדט (1614). אַן עהנליכער פּאָגראָם איז פאָרגעקומען אויך אין וואָרמס, די צווייטע גרויסע אידישע קהילה אין דייטשלאנד. דאָ האָבען אויך די ארבייטער, נאָך א שווערען קאמפּף מיט די אידען, זיי געצוואונגען צו פארלאָזען די שטאָדט (1615). אָבער דאָס מאָל האָט דער קעניג מאטהיוס זיך אָנגענומען פאר די אידען. ער האָט בעפעהלען צו בעשטראָפען די אָנהויבער פון דעם פּאָגראָם: פעטמילך און זיינע חברים זיינען געקעפּט געוואָרען און די אידען זיינען צוריק אריינגעלאָזט געוואָרען אין זייערע קווארטאלען אין פראנקפורט און וואָרמס, אונטער דער וואך פון קעניגליכען חיל.

ניט בעסער איז געווען די לאגע פון די אידען אין דעם מזרח־טייל פון דער דייטשער אימפּעריע, אין עסטרייך, וואו דער קאטויּלישער גלויבען איז געבליבען אין דער אויבערמאכט. אין דער צייט פון דעם דרייסיג־יעהריגען קריעג צווישען די קאטאָליקען און פּראָטעסטאנטען (1618 — 1648) האָבען די אידען ניט ווייניג געליטען פון פּאָגראָמען און גוואלדטהאטען דורך דעם פרעמדען חיל,

וואָס האָט פאַרפלייצט עסטרייך. די דייטשע קעניגע, וועלכע האָבען געוואוינט אין וויען, האָבען ערלויבט די אידען צו וואוינען אין דיזער שטאָדט אין אַ בעזונדער קווארטאַל. אַ גרעסערע אידישע קהילה האָט עקזיסטירט אין פּראַג, די הויפּטשטאָדט פון בעהמען. קעניג פערדינאַנד דער 2טער, וועלכער האָט געלעבט אין דער צייט פון דעם 30־יעהריגען קריעג, האָט געגעבען די אידען פון דיזער שטאָדט זעהר ווענינ בירגער־רעכט; נאָר דערפאַר האָט ער, אַלס הייסער קאַטאָליק, שטאַרק געזאָרגט וועגען דער רעטונג פון זייערע נשמות. אין יאָהר 1630 האָט ער בעפעהלען: צו צווינגען די אידען פון וויען און פּראַג זיך צו פערזאַמלען יעדען שבת אויסצוהערען דרשות פון קאַטוילישע גלחים, און די געגויטע צוהערער איז שטרענג פאַר־באָטען געוואָרען בעת מעשה צו ריידען אָדער דרימלען. — אין פערציג יאָהר ארום, אין דער צייט פון לעאָפּאָלד דעם 1טען, איז אויף די וויענער אידען געקומען אַ גרויס אומגליק. לעאָפּאָלד'ס פרוי, די פרומע שפּאַניערין מארגארעטא, האָט געטראָגען אויף די אידען אַ האַס, וועלכען די גלחים האָבען נאָך מעהר אויפגערייצט אין איהר. איינמאָל האָט זי געבאָרען אַ טויט קינד; זי האָט געבעטען איהר מאַן ער זאָל ווייך מאַכען גאָט'ס צאָרן מיט אַ „היי־ליגער טהאַט"—מיט ארויסטרייבען די אידען פון וויען און נידער עסטרייך. לעאָפּאָלד האָט דערפילט דעם הייסען באַגעהר פון זיין פרוי און די גלחים, אָבוואָהל אין דעם מלוכה־ראַט זיינען געווען שטימען געגען אַזאַ אונמענשליכער טהאַט. אין יאָהר 1670 איז פאַרעפענטליכט געוואָרען די גזרה, אַז די אידען זאָלען זיך ארויס־קלייבען פון וויען און פון עסטרייכישען הערצאָגטום אין פערלויף פון עטליכע חדשים. אומזיסט האָבען די וויענער אידען אָנגעווענדט אַלע כחות, אַז די גרויזאַמע גזרה זאָל אָבגעשאַפט ווערען, אוומזיסט האָבען זיי פאָרגעלעגט גרויסע סומען פאַר דער קעניגליכער קאַסע און האָבען געהאַט שטאַרקע צדדים וואָס האָבען זיך פאַר זיי אָנגע־נומען. די גזרה איז געבליבען אין קראַפט און עטליכע טויזענד אידען האָבען געמוזט פערלאָזען וויען און נידער־עסטרייך. דער וויענער מאַגיסטראַט האָט אָבגעקויפט ביי לעאָפּאָלד'ן פאַר הונדערט טויזענד גולדען דעם אויסגעליידיגטען אידישען קווארטאַל און האָט

איהם א נאָמען געגעבען, לכבוד דעם קעניג—לעאָפּאָלדשטאַט. די אידישע שוהלען זיינען פערוואַנדעלט געוואָרען אין קלויסטערס.

דער הייפעל וויענער נע־ונד'ניקעס האָט זיך בעזעצט אין פּרייסען, וועלכע האָט אין יענער צייט אָנגעהויבען קעמפּפען מיט עסטרייך פאַר דער אויבערהערשאַפט אין דער דייטשער אימפּעריע. דער גרויסער קורפירסט פון בראַנדענבורג און פּרייסען, פרידריך־ווילהעלם, האָט גערן אריינגעלאָזען אידען אין זיינע ממשלות. אין בערלין האָט זיך געבילדעט א אידישע קהילה, וועלכע איז שפּעטער געוואָרען איינע פון די גרעסטע אין דייטשלאַנד. דער זוהן פון דעם גרויסען קורפירשט, דער פּרייסישער קעניג פרידריך דער 1טער, האָט שוין בעשרענקט די רעכט פון די אידען. מען האָט אין איהם פאַרפלאַנצט א פאָראורטייל געגען דעם אידישען גלויבען. איין פּראָטעסטאַנטישער פאַנאַטיקער, אייזענמענגער, האָט צונויפגעקלי־בען פון פאַרשיידענע ביכער אַלע אונזיניגע מיטעלאַלטערליכע בלבולים אויף די אידען און זייער אמונה און האָט עס אַרויסגעגעבען אויף דייטש אין א גרויסען בוך מיט'ן נאָמען „ענטדעקטעס יודענ־טום". ווען דאָס בוך האָט זיך נאָך געהאַלטען אין דרוקען האָבען זיך שוין גענומען טראָגען וועגען איהם אונרוהיגע קלאַנגען. די אידען האָבען זיך משתדל געווען ביים קעניג לעאָפּאָלד ער זאָל פערבאָטען דיזען פאַלשען בוך, וואָס קען אויפוועקען געגען זיי דעם צאָרן פון לייכטגלויביגע קריסטען. דער קעניג האָט נאָכגעגעבען די דאָזיגע בקשה, נאָר דער פּרייסישער קעניג פרידריך דער 1טער האָט שפּע־טער ערלויבט עס אָבצודרוקען אין זיין שטאָדט, אין קעניגסבערג (1711). פון דעמאָלט אָן איז אייזענמענגער'ס בוך געוואָרען פאַר די שונאים פון יודענטום אַ אונערשעפּליכער קוואַל פון פאַלשע בעשולדיגונגען און ווילדע ליגענס. פון דאַנען האָבען זיך גענומען די בכיוון פאַרדרעהטע אויסדריקע פון תלמוד און די רבנים, און אַלע אויסגעטראַכטע זאַכען, וועלכע שטעלען אַרויס דאָס יודענטום אין א לעכערליכער אָדער אבשטויסענדער געשטאַלט.

§47. דאָס גייסטיגע לעבען פון די דייטשע אידען. פאַר־פּרעמדט פון די דייטשען אין זייער בירגערליכען לעבען האָבען זיך די אידען אָבגעזונדערט אויך אין זייער גייסטיגען לעבען. ניט קוקענדיג דערויף וואָס עס איז אָנגעקומען א נייע צייט האָבען זיך

די מיטעלאַלטערליכע אָרדונגגען נאָך שטייף געהאַלטען אין די אי־דישע קוואַרטאַלען. דאָס לעבען איז דאָרט געגאַנגגען אויף אַן איי־געגאַרטיגען וועג. די אינגלעך פלעגען פון זייערע אינגסטע יאָהרען שפּייזען זייער מאַרך אויפ'ן תלמוד, און צום תלמוד האָבען אויך געווידמעט זייער פרייע צייט מענשען פון מיטעלען קלאַס, און דער פּראָסטער המון און די פרויען פלעגען זעטיגען זייער גייסטיגען הונגער מיט מוסר־ספרים, וועלכע האָבען זיך אָנגעהויבען צו בעוויי־זען אויך אויף אידיש־דייטש. אין 14טען יאָהרהונדערט איז דער גייסטיגער צענטער פון די דייטש־עסטרייכישע אידען געוואָרען די הויפּטשטאָדט פון בעהמען—פּראַג. דאָ איז געגרינדעט געוואָרען אַ אידישע דרוקעריי; דאָ זיינען געווען ישיבות, בראש פון וועלכע עס פלעגען שטעהן בעוואוסטע רבנים. איינער פון די דאָזיגע רבנים, ר' יעקב פּאָלאַק (געשט. ארום 1530), האָט בעשאַפען דעם פּלפּול אין לערנען דעם תלמוד. דער פּלפּול איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס דער לערנער האָט בכיוון פאַרפּלאָנטערט עפּיס אַן ענין אין דער גמרא און דערנאָך איהם אַליין אויסגעפּלאָנטערט. צוערשט זיינען געבראַכט געוואָרען אַלע שטעלען אין תלמוד וואָס זיינען סותר דעם געוויסען ענין, און דערנאָך זיינען די דאָזיגע סתירות קונציג אויסגעגליכט געוואָרען. דאָס איז געווען אַ גייסטיגע גימנאַסטיקע, וועלכע האָט ענטוויקעלט דעם שאַרפזין און די פעהיגקייט צו אורטיילען, אָבער זי האָט אויך געשאַדט דעם גראַדען און קלאָרען דענקען. אַ סך רבנים זיינען געווען געגען דעם פּלפּול.

דער נאָמען פון דעם פּראַגער רב, ר' יום־טוב ליפּמאַן העלער, איז פאַרבונדען מיט דער געשיכטע פון די עסטרייכישע אידען אין דער צייט פון דעם 30 יאָהריגען קריעג. ר' יום־טוב ליפּמאַן איז געווען דער ראש פון דער קאָמיסיע וואָס האָט געדאַרפט פאַנאַנדערוואַרפען צווישען די אידישע קהילות פון בעהמען אַ שטייער פון פערציג טויזענד גולדען, וואָס זיי פלעגען געבען יעדען יאָהר פאַר די בעדערפנישען פון דער מלחמה. אָבוואָהל דער רב האָט זיך בעמיהט פאַנאַנדערצוטיילען דיזען שטייער מיט יושר, דאָך האָט ער זיך ניט געקענט פאַרהיטען פון פאָרווירפען. זיינע שונאים האָבען אוועקגעשיקט קיין וויען אַ קלאַגע אויף איהם אַז ער האָט ניט ריכטיג פאַרטיילט די אָב־

צאָלונגען און אז ער האָט אין איינעם פון זיינע ספרים בענוצט בעליידיגענדע ווערטער געגען קריסטענטום. דער קעניג האָט בעפעהלען אז מען זאָל דעם רב ארעסטירען און ברענגען קיין וויען (1529). דאָ האָט מען איהם צוערשט געהאַלטען אין תפיסה צוזאמען מיט קרימינאַל־פארברעכער. פאַר דער קלאַגע אז ער האָט בעליידיגט די קירכע האָט איהם געקומט דער טויט. די סכנה איז פארהיט געוואָרען נאָר א דאנק דער שטארקער שתדלנות פון דער וויענער אידישער קהילה. דער קעניג האָט געהייסען בעפרייען דעם רב, אָבער מיט דעם תנאי ער זאָל מעהר ניט טאָרען פארנעהמען קיין רבנות־שטעלע און זאָל בעצאָלען צעהן טויזענד גולדען שטראָף. פארלירענדיג זיין רבנות־שטוהל אין פראג צוזאמען מיט זיין גאנצען פארמעגען האָט זיך ר' ליפמאַן העלער בעזעצט אין פוילען, וואו ער איז געוואָרען רב אין קראקוי. פון זיינע ווערק איז דאָס וויכטיגסטע זיין פירוש צו דער משנה („תוספות יום־טוב"), וואָס איז אָנגענומען געוואָרען פון אַלע לערנער, און אַן אינטערעסאנטע לעבענס־בעשרייבונג („מגילת איבה"), וואו ער בעשרייבט אַלץ וואָס איז מיט איהם געשעהן.

איינער פון די ווייניגע פאָרשטעהער פון וועלטליכער בילדונג אין דיזען קעניגרייך פון דער רבנות איז געווען דוד גאנז (געשט. 1613), וועלכער האָט א גרויסען טייל פון זיין לעבען פארבראכט אין פראג. צוזאמען מיט תלמוד האָט גאנז געארבייט אויף מאטעמאטיק, געאָגראפיע און היסטאָריע. ער איז געווען א חבר פון די בעריהמטע אסטראָנאָמען קעפּלער און טיכאָ דע־בראהע. דוד גאנז האָט איבערגעלאָזט א געשיכטע, וואָס אין ערשטען טייל איז ענטהאלטען אין קורצען די אידישע געשיכטע, און אין צווייטען—די אלגעמיינע (צמח דוד, פראג 1592). ביים צוזאמענשטעלען דיזען ספר האָט זיך דער מחבר בענוצט אויך מיט א סך ניט אידישע קוועלען. ער האָט אויך געשריבען צוויי ספרים וועגען אסטראָנאָמיע און מאטעמאטישער געאָגראפיע. די קבלה האָט אויך געהאט אין דייטשלאנד א בעדייטענדען פארטרעטער אין דער פערזאָן פון ישעיה האָרוויץ (1630), רב אין פראנקפורט און פראג. צוליעב די אונרוהען

פון דעם 30־יעהריגען קריעג האָט ער זיך בעזעצט אין פאַלעסטינא און דאָרט האָט ער פארבראכט זיינע לעצטע יאָהרען אין תורה און תשובה. דאָ האָט ער געענדיגט זיין גרויסען ספר „שני לוחות הברית”, וואָס ער האָט אָנגעהויבען נאָך אין אייראָפּא. דער דאָזיגער ספר איז בעקאַנט מיט'ן פארקירצטען נאָמען „של"ה”. דאָס איז א גרויסעס זאמעלווערק, וואו עס זיינען צו־זאמענגעבראכט קבלה, דינים, מוסר, די כללים פון תשובה און נזירות, אין דעם גייסט פון דעם אר"י און ר' חיים וויטאל.

די משיח־בעוועגונג וואָס שבתי צבי האָט ארויסגערופען האָט אין איהר צייט אריינגעצויגען אויך די דייטשע אידען. דאָס אונטערדריקטע פאָלק האָט מיט אונגעדולד געוואַרט אויפ'ן וואונ־דערליכען בעפרייער, אָבער עס איז געבליבען ענטוישט. ווען דער ליגען פון שבתי צבי איז בעקאַנט געוואָרען האָבען די רבנים אָנגע־הויבען שטרענג צו פערפאָלגען יעדען איינעם וואָס זיי האָבען חושד געווען אז ער געהערט צו די שבתי צבי'ניקעס. איינער פון די בעוואוסטעסטע פון די דאָזיגע רבנים איז געווען ר' יעקב עמדען (יעבץ), פון אַלטאָן, נעבען האמבורג (געשט. 1776). עמדען האָט איבעראל געזוכט שפורען פון די שבתי צבי'ניקעס און האָט אָהן רחמנות גע'רודפ'ט אלע, וואָס זיינען געווען געניינט צו זיי, עס האָבען געמעגט זיין די אנגעזעהענסטע לייט פון יודענטום. אין זיינע ספרים („תורת הקנאות” און אנד.) האָט ער שאַרף אַטאַ־קירט די געשטאָרבענע ווי אויך די לעבעדיגע „כופרים”. א בע־זונדערס גרויסען רעש האָט ר' עמדען אָנגעמאכט מיט דעם בע־וואוסטען פראגער רב ר' יונתן אייבענשיץ (געשט. 1764). א גרויסער למדן און א גוואלטיגער בעל־דרשן האָט זיך ר' יונתן אייבענשיץ אָבגעגעבען אויך מיט קבלה און ווי עס האָט זיך געהערט האָט ער געהאט אויפטראָגען מיט די שבתי צבי'ניקעס. ער פלעגט שרייבען קמיעות מיט קבלה'שע אויפשריפטען און פלעגט זיי געבען צו קראנקע אלס רפואות. ווען ר' אייבענשיץ איז געוואָרען רב אין האמבורג און איז געוואָרען א נאָהנטער שכן פון ר' עמדען האָט דער לעצטער אָנגעהויבען איהם נאָכקוקען. ר' עמדען האָט גע־קראָגען ר' אייבענשיץ'ס עטליכע קמיעות און האָט ערקלערט אז ער האָט געפונען אין זיי אָנדייטונגען אויף שבתי צבי און האָט

אַנגעהויבען שטאַרק ליאַרמען אַז ר׳ אייבענשיץ איז איינער פון די שבתי צבי׳ניקעס (1751). דאָס האָט אַרויסגערופען אַ רעש צווישען די רבנים און עס זיינען געוואָרען צוויי צדדים: איינער איז גע־שטאַנען פאַר ר׳ עמדען, דער אַנדערער פאַר ר׳ אייבענשיץ. דער קאַמפף האָט זיך געצויגען לאַנג, ביז ר׳ אייבענשיצ׳ס טויט, און האָט געבראַכט צו אַ פאַלשטענדיגער שפּאַלטונג צווישען די תלמוד־יסטען און די מקובלים אין דייטשלאַנד.

---

## ניינטער קאַפּיטעל.

# די אידען אין פּוילען און רוסלאַנד פון 16טען ביז׳ן 18טען יאָהרהונדערט.

§48. די „גאָלדענע עפּאָכע“. דאָס 16טע יאָהרהונדערט ווערט גערעכענט אַלס די „גאָלדענע עפּאָכע“ פון די אידען אין פּוילען און ליטאָ. נאָכדעם ווי שפּאַניען האָט פערלאָרען איהר אויבערשאַפט אין דער אידישער וועלט, האָט פּוילען איבערגענומען די דאָזיגע ראָלע. די שרעקען פון מיטעלאַלטער האָבען פאַרטריבען אהער פון מערב־איירָאָפּא אַ סך אידען, וועלכע האָבען פאַרנומען אַ וויכטיגען פּלאַץ אין דעם ווירטשאַפטליכען לעבען פון לאַנד. אין פּוילען איז העכער פון אַלעמען געשטאַנען דער קלאַס פון גוט־בעזיצער (די „שליאַכטע„) און נידריגער פון אַלעמען—דער קלאַס פון די פּויערים־ערדאַרבייטער; צווישען זיי האָבען די אידען פאַרנומען דעם מיטעלען אָרט אַלס דער האַנדעלס־קלאַס. מיט די אידען האָבען קאָנקורירט אין די שטעדט בלויז די פּוילישע אַר־בייטער־צעכען און דייטשע סוחרים.

די פּוילישע קעניגע פון 16טען יאָהרהונדערט האָבען בעשיצט די אידען. סיגיזמונד דער 1טער (דער ברודער און נאָכפאָלגער פון קעניג אַלעקסאַנדער, §34) האָט בעשטעטיגט די „גראַמאָטאַס“ פון די אידען־רעכטע וואָס די פריהערע קעניגע האָבען אַרויסגע־געבען (1507). די רייכע אידען האָבען איהם אַרויסגעוויזען גרויסע

דיענסטען אין דער מלוכה־ווירטשאפט: זיי פלעגען אָבדינגען די רעגירונגס־שטייערען און גרעניץ־אָבצאָלען, פלעגען איהם לייהען געלט אין צייטען פון מלחמה, פלעגען נעהמען אין ארענדע די קעניגליכע גיטער אָדער פלעגען זיי פערוואלטען, ארויסציהענדיג פון זיי גרויסע הכנסות—מיט איין וואָרט, זיי פלעגען רייך מאכען די קאסע. א שטארק איינפלוסרייכע פערזאָן אין קעניגליכען הויף איז געוואָרען א רייכער בריסקער איד מיכל יאָזעפאָוויטש, דער הויפט ארענדאר און זאמלער פון די שטייערען אין ליטאָ. סיגיז־מונד האָט געמאכט מיכל יאָזעפאָוויטש'ן פאר'ן עלטסטען איבער אלע ליטווישע אידען (1514). ער האָט געקראָגען ברייטע רעכט: ער האָט געהאט דאָס רעכט צו פערהאנדלען מיט'ן קעניג די וויכ־טיגסטע אידישע פראגען, משפט'ן זיינע פאָלקסברידער לויט זייערע אייגענע דינים און אויפמאָנען ביי זיי די רעגירונגס־שטייערען; אלס העלפער צו זיך האָט ער געדארפט האָבען א רב, וועלכער איז בעקאנט מיט די חוקים און דינים פון דער אידישער אמונה. אָט דיזע פארזיכערונג פון די געזעצליכע רעכט פון די אידען האָט שטארק מיטגעהאָלפען צו זייער וואוילזיין. עס זיינען דעמאָלט געוועזען רייכע אידישע קהילות אין בריסק, גראָדנע, טראָקי, פינסק און אנדערע שטעדט פון דער ליטאָ.

די גוטע לאגע פון די אידען האָט ארויסגערופען קנאה ביי זייערע שונאים, בעזונדערס די קאטוילישע גלחים. אין יענער צייט האָבען זיך אין פוילען אָנגעהויבען פארשפרייטען די לעהרען פון די מערב־אייראָפּעאישע רעפאָרמער, וועלכע זיינען געוועזען נאָהנט צו דער ביבעל; עס זיינען געוועזען עטליכע פעלען, וואו קאטאָליקען האָבען זיך מגייר געוועזן. א פויערטע פון קראקוי, וועלכע איז בע־שולדיגט געוואָרען אז זי איז גענייגט צום יודענטום, איז פארברענט געוואָרען אין מיטען מארק פון קראקוי, אויפ'ן בעפעהל פון דאָר־טיגען בישאָף (1539). די גלחים האָבען אָבגעפרישט די בעשולדי־גונגען אויף די אידען, אז זיי זיינען מגייר א סך קאטאָליקען, בע־זונדערס אין ליטאָ. מען האָט שוין אָנגעהויבען פלאנען שטרענגע מיטעל געגען די אידען, נאָר דער גערעכטער קעניג סיגיזמונד דער 1טער האָט בעשיצט זיינע אידישע אונטערטאנען געגען זייערע שונאים.

זיין נאכפאָלגער סיגיזמונד דער 2טער אויגוסט (1548—72) האָט ארויפטרעטענדיג אויפ'ן טראָהן ערקלערט, אז ער וועט אָבהיטען אַלע בירגער־רעכט פון די אידען. דיזער קעניג האָט נאָך ברייטער געמאכט די זעלבסט־פערוואלטונג פון די אידישע קהילות. ער האָט געגעבען דאָס רעכט די רבנים און גבאים צו משפט'ן פאר־שולדיגטע אידען לויט'ן אידישען דין און אפילו ארויפלעגען שווערע שטראָפען. אזוי איז ענטשטאנען די אָרגאניזאציע פון דער אידישער קהילה, וועלכע האָט פאראייניגט די אידען פון יעדער קהילה און דערמיט פארשטארקט די איינהייט פון גאנצען פאָלק. אין דער צייט פון סיגיזמונד דעם 2טענס קעניגען האָבען די קאטוילישע גלחים וויעדער געפּרובט ארויסרופען רדיפות געגען די אידען. עס איז ארויסגעלאָזט געוואָרען א קלאנג אז א קריסטליכע פרוי פון סאָכאטשעוו האָט פארקויפט דאָס „הייליגע ברויט" פון דער קירכע צו די אידען, וועלכע האָבען עס געשטאָכען אזוי לאנג ביז עס האָט אָנגעהויבען טריפען בלוט פון דעם ברויט. די כלומרשטע שולדיגע זיינען פארברענט געוואָרען, אָבער דער קעניג האָט אויסגעדריקט זיין פערדרוס וואָס אונשולדיגע מענשען זיינען פאראורטיילט גע־וואָרען אויף אן אבערגלויבישען חשד. ווען די גלחים האָבען אָנ־געהויבען פארשפרייטען קלאנגען אז די אידען הרג'ענען קריסטליכע קינדער אלס „קרבן־פסח" האָט דער קעניג ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז אזעלכע נארישע בעשולדיגונגען טאָרען ניט געמאכט ווערען סיידען דער פאקט ווערט בעשטעטיגט דורך פיער קריסטליכע און דריי אידישע עדות (1566). דער נאכפאָלגער פון סיגיזמונד דעם 2טי:ן, סטעפאן באטאָרי, האָט אויך ערקלערט דעם עלילת־דם אלס א „ליגען", וועלכער ווערט אויסגעטראכט כדי צו קענען פער־פאָלגען און רויבען די אידען. ער האָט פלייסיג אָבגעהיט די פריהערע בירגער־רעכט פון די אידען און האָט נאָך צוגעגעבען אליין אייניגע נייע הנחות (1580).

אין יענער צייט האָט אין פּוילען זיך שטארק בעפעסטיגט דער מאָנאכען־אָרדען פון די יעזואיטען, וועלכער האָט געקראָגען א גרויסע מאכט און וועלכער האָט זיך געשטעלט פאר א ציעל צו קעמפּפען מיט אַלע כחות געגען ניט־קאטאָליקען, ד. ה. די פּראָ־טעסטאנטען, די אָנהענגער פון דער גריכישער קירכע און די אידען.

די יעזואיטען האָבען אריינגעחאפט אין זייערע הענד די ערציהונג פון די פוילישע קינדער; פון זייערע שולען זיינען ארויסגעקומען מענשען, פארגיפטעטע מיט די ווילדסטע אבערגלויבענס און מיט א האס צו אנדערש־גלויביגע. דיזע תלמידים פון די יעזואיטען פלעגען שפעטער קומען צו דער הערשאפט און האָבען געהאט א שער־ליכע ווירקונג אויפ'ן גאנג פון דער רעגירונג. קעניג סיגיזמונד דער 3טער און וולאדיסלאוו דער 4טער, וועלכע האָבען געקעניגט אין דער ערשטער העלפט פון 17טען יאָהרהונדערט, האָבען זיך שוין ניט אָנגענומען פאר די אידען אזוי שטארק ווי זייערע פאָר־גענגער. די שטאָדטישע מאגיסטראטען און צעכען האָבען אונטער־דריקט די אידען אין האנדעל און מלאכות, און די גלחים האָבען אָפטער אויפגעוועקט געגען זיי רעליגיעזע בלבולים. אָבער דעמאָלט זיינען נאָך די אידען געווען אזוי שטארק אז זיי האָבען נאָך געקענט קעמפפען מיט זייערע שונאים. די דאָזיגע קראפט האָט זיי געגע־בען זייער פרייע זעלבסטפערוואלטונג אין די קהילות, זייער אי־נערליכע איינהייט און זייער רייכעם גייסטיגעם לעבען.

§49. דער קהל און דער ועד; ישיבות. די אידען אין פוילען האָבען פאָרגעשטעלט מיט זיך א בעזונדער בעפעלקערונג, וועלכע האָט פערוואלטעט איהר אינערליכען לעבען דורך איהרע אויסגעקליבענע פאָרשטעהער, סיי וועלטליכע סיי גייסטליכע. דיזע אויסגעקליבענע פאָרשטעהער פלעגען הייסען „קהל", ד. ה. קהילה־ראט. אזעלכע קהל'ן האָבען זיך געפונען אין אַלע שטעדט וואו עס האָבען געוואוינט אידען, מיט דער אויסנאהם פון קליינינקע שטעדט־לעך אָדער דערפער, פון וועלכע די אידישע בעפעלקערונג פלעגט געהערען צום נאָהנטסטען קהל. די מיטגליעדער פון דעם קהל פלעגען אויסגעקליבען ווערען יעדען יאָהר, פסח, דורך שטימען אָדער „גאלקעס". דער קהל פלעגט זיין צוטיילט אויף עטליכע גרופען, יעדע פון וועלכע האָט געהאט איהרע בעזונדערע פליכטען. אָן דער שפיץ פון קהל פלעגען שטעהן דריי אָדער פיער עלטסטע (ראש הקהל); נאָך זיי פלעגען קומען די „חשוב'ע לייט" (טובי־העיר), די דיינים און „גבאים". דער פעלד פון טהעטיגקייט פון דעם קהל איז געווען זעהר ברייט. דער קהל פלעגט אויפמאָנען די שטייערען און זיי אריינלייגען אין דער קעניגליכער קאסע,

פלעגט בעשטימען די שטייערען, פאר דער רעגירונג און פאר די אייגענע בעדערפנישען, פלעגט פערוואלטען די שוהלען, בית־עלמינ׳ס און צדקה־אנשטאלטען, פלעגט ארויסגעבען שיינען אויף אונבעוועגליכען אייגענטום, פלעגט זארגען וועגען חנוך פון די קינדער, פלעגט משפט׳ן צווישען די אידען, מיט דער הילף פון די דיינים און רבנים.

די רבנים פלעגען פסק׳ענען לויט דער תורה און דעם תלמוד. עס פלעגט אבער פאסירען, אז די ארטיגע רבנים פלעגען זיך ניט קענען בעשליסען אויף א פסק לויט אזא אדער אן אנדער דין, אדער די בעלי־דבר פלעגען ניט זיין צופריעדען מיט׳ן פסק און פלעגען זיך וועלען ווענדען צו א העכערען געריכט. עס פלעגען אויך זיין סכסוכים צווישען איין קהל און דעם אנדערען, אדער צווישען א יחיד און קהל. פיר אזעלכע פעלען פלעגען אבגעהאלטען ווערען יעדען יאהר אסיפות פון רבנים און ראשי־הקהל, וועלכע פלעגען זיין א מין העכערעס געריכט. פון אנפאנג פלעגען דיזע אסיפות אבגעהאלטען ווערען אין דער צייט פון גרויסע ירידען, וואוהין עס פלעגען זיך אויפקלייבען גרויסע מאסען מענשען פון פערשיידענע ערטער. דער הויפט זאמעלפונקט איז געווען דער „לובלינער יריד״. דא פלעגען נאך פאר סיגיזמונד דעם 1טען זיך צוזאמענקומען רבנים און פלעגען משפט׳ן לויט׳ן דין תורה. שפע־טער זיינען דיזע יריד־אסיפות געווארען אפטער ביז זיי האבען זיך ענטוויקעלט אין דעם יעהרליכען „סיים״ אדער „ועד״, אין וועלכען עס פלעגען זיך בעטייליגען פארשטעהער פון די וויכטיגסטע קהילות אין גאנץ פוילען. ער פלעגט זיך רופען „ועד ארבע ארצות״ (די פערזאמלונג פון פיער לענדער), ווארום עס פלעגען זיך אין איהם בעטייליגען פארשטעהער פון די פיער טייל פון דער מלוכה: גרויס־פוילען (הויפטשטאדט—פאזען), קליין־פוילען (קראקוי), פא־דאליען (לעמבערג) און וואלין (אסטראג אדער וולאדימיר). דער „ועד״ פלעגט ניט נאר פסק׳ענען אין די וויכטיגסטע משפטים און קלאר מאכען די דינים, נאר ער פלעגט אויך ארויסגעבען נייע תקנות ווי עס זאל זיך פיהרען דאס געזעלשאפטליכע און גייסטיגע לעבען פון די אידען אין פארשיידענע ערטער. די טהעטיגקייט פון

דעם „ועד ארבע ארצות״ האט זיך בעזונדערס פארשטארקט אין

17טען יאָהרהונדערט. ליטאָ וועלכע איז געשטאַנען בעזונדער פון די פוילישע „קרוין"־פּראָווינצען, האָט געהאַט איהר אייגענעם „ועד", אין וועלכען עס פלעגען זיך בעטייליגען די רבנים און קהל־פערטרע־טער פון די פינף וויכטיגסטע ליטווישע קהילות: בריסק, גראָדנע, פינסק, ווילנאָ און סלוצק.

די פיהרער פון פאָלק האָבען זיך געזאָרגט צו פערשטאַרקען זיין איינהייט און אויפהיטען זיינע נאַציאָנאַלע בעזונדערקייטען. דער חנוך פון די קינדער איז געווען די שטענדיגע זאָרג פון די קהל'ן און ועד'ן. דער רב אין יעדער קהילה האָט זיך גערעכענט פאַר'ן נאָהנטסטען משגיח איבער דער ערציהונג פון דער יוגענד. אָפט פלעגט ער זיין דער ראש־ישיבה פון זיין שטאָדט און פלעגט אין דערזעלבער צייט אכטונג געבען אויף די חדרים. אָבער אין די גרויסע קהילות, וואו דער רב איז געווען צו פיעל פערנומען מיט אנדערע זאכען, פלעגט ראש־ישיבה זיין אן אנדער גרויסער למדן.

א היסטאָריקער פון יענער צייט גיט פאָלגענדען העלען בילד פון דעם לעבען אין די חדרים און ישיבות אין די אידישע קהילות אין פוילען און ליטאָ אין דער ערשטער העלפט פון 17טען יאָהר־הונדערט. „ניטאָ נאָך אזא לאנד — זאָגט ער — וואו דאָס לערנען תורה זאָל זיין אזוי פארשפרייט צווישען אונזערע ברי־דער ווי אין פוילישען לאנד. אין יעדער קהילה איז געווען א ישיבה, וואָס איהר פיהרער פלעגט קריגען א רייכען געהאַלט פון קהל'שען געלט, כדי ער זאָל קענען לעבען רוהיג און זיך אָבגעבען מיט לערנען. די קהילות פלעגען אויך אויסהאַלטען „בחורים", וועלכע פלעגען לערנען אין די ישיבות. צו יעדען ישיבה־בחור פלעגען צוגעזעצט ווערען ניט ווייניגער ווי צוויי אינגלעך („נערים"), וועלכע ער האָט געמוזט לערנען כדי ער זאָל זיך איינאיבען אין אונטעריכטען דעם תלמוד און אין פּלפּול. יעדער „בחור" מיט זיינע צוויי „נערים" פלעגט עסען קעסט ביי איינעם פון די פארמעגליכע בעלי־בתים און ער פלעגט זיך רע־כענען אין דער דאָזיגער פאמיליע אזוי ווי אן אייגענער זוהן. און עס איז ניט געווען כמעט קיין איינציג אידיש הויז, וואו דער בעל־הבית אליין, אָדער זיין זוהן, אָדער דער איידים, אדער

ענגליך א ישיבה־בחור, וואָס האָט דאָרט געגעסען קעסט, זאָל ניט זיין קיין למדן; און זעהר אָפט פלעגען אָט די אלע זיך בעגעגנען אין איין הויז.

דער סדר הלימוד אין פוילען איז געווען אזוי: עס זיינען געווען אין די ישיבות צוויי זמנים: דער זומערדיגער און ווינ־טערדיגער. אין אָנהויב פון יעדען זמן פלעגט מען אין די ישיבות לערנען מיט גרוים פלייסיגקייט די גמרא מיט רש״י און תוספות. און אלע טאָג פלעגען זיך פערזאמלען די לומדים פון שטאָדט, יונגעלייט און בכלל אלע, וואָס האָבען געהאַט א וועלכע ס׳איז שייכות מיט לערנען, אין דער געביידע פון דער ישיבה, וואו אויבען־אָן איז געזעסען דער ראש־ישיבה און ארום איהם פלעגען זיך ארומשטעלען א סך לומדים און לערנער. דער ראש־ישיבה פלעגט האלטען א שיעור אין הלכה. נאָכ׳ן שיעור פלעגט ער האלטען „חלוקים" (ד. ה. וכוחים): עס פלעגט אוועקגע־שטעלט ווערען איינע געגען די אנדערע פארשיידענע מאמרים אין תלמוד אָדער אין די מפרשים, וואָס זיינען סותר איינע די אנדערע, און דאן פלעגט מען זיך מתוכח זיין און ברענגען פארשיידענע ראיות אויסצוגלייכען די ווידערשפּרוכען.

צו דעם ראש ישיבה איז געווען א בעזונדער בעהעלפער, וואָס זיין עובדא איז געווען ארומצוגעהן יעדען טאָג איבער די חדרים און אכטונג געבען אז די קינדער זאָלען ניט ארומגעהן לעדיג. איינמאָל אין וואָך, דאָנערשטאג, פלעגען אלע תלמידים פון די חדרים זיך פערזאמלען אין הויז פון דעם „גבאי", וועלכער פלעגט זיי פארהערען אין דאָס וואָס זיי זיינען דורכגעגאנגען פאר דער וואָך, און אויב א קינד האָט ניט געענטפערט ריכטיג אויף די פראגען פלעגט איהם דער בעהעלפער שמייסען מיט ריטער, כדי צוליעב דער חרפה פאר די אנדערע קינדער זאָל ער שוין אין דער קומענדער וואָך לערנען בעסער. און יעדען פרייטאָג פלעגט די קינדער פארהערען דער ראש־ישיבה אליין. און דער־פאר פלעגען עס די קינדער מורא האָבען און פלעגען לערנען מיט גרוים התמדה. לומדים פלעגט מען אָבגעבען גרוים כבוד און דאָס פאָלק פלעגט זיי אין אלץ פאָלגען; דאָס פלעגט פיעלע

ערמוטיגען צו לערנען און אזוי איז דאָס גאנצע לאַנד געווען פול מיט תורה".

§50. **די בליהונגס־צייט פון דער רבנות.** א דאנק דער זעלבסטפערוואלטונג פון די קהילות און דער פארמעהרונג פון די ישיבות האָט די לומדות אין פוילען אויפגעבליהט ווי קיינמאָל פריהער. פוילען, וועלכעס האָט פריהער קיין פּלאַץ ניט פארנומען אין דער אידישער גייסטיגער וועלט, האָט אין דעם 16טען יאָהרהונדערט פארנומען דאָ דעם ערשטען פּלאַץ. די ערשטע גרויסע לומדים זיינען אָנגעקומען קיין פוילען פון דעם שכנ'ישען בעהמען, וואו עס האָט דעמאָלט געבליהט דער תלמודישער פּלפּול, וואָס ר' יעקב פּאָלאַק האָט ערפונדען (§47). א תלמיד פון ר' יעקב פּאָלאַק, ר' שלום שכנא (געשט. 1558), האָט געגרינדעט א ישיבה אין לובלין. פון דער דאָזיגער ישיבה זיינען ארויסגעקומען די בעריהמטעסטע רבנים אין פוילען אין יענער צייט. איינער פון זיי, דער קראקויער גאון ר' משה איסרלש (פארקירצט: רמ"א, געשטאָרבען 1572) האָט געלעבט אין איין צייט מיט'ן פּאַלעסטינישען מחבר פון דעם „שלחן ערוך", און ער האָט שטארק געהאָלפען צו פארשפרייטען דיזען ספר אין פוילען. ר' יוסף קארו, זייענדיג א ספרדי, האָט ניט אריינגעשטעלט אין זיין ספר די בעזונדערע צערעמאָניעס און מנהגים, וואָס זיינען געווען אָנגענומען ביי די אשכנזים, ד. ה. די דייטשע און פוילישע אידען. אָבער ר' איסרלש האָט אריינגעשטעלט אין שלחן־ערוך אויך א סך דינים, וואָס די אשכנזישע רבנים האָבען מתקן געווען. אזוי ווי ר' יוסף קארו האָט אָנגערופען זיין ספר „שלחן ערוך" (געגרייטער טיש) האָט ר' משה איסרלש אָנגערופען זיין הוספה „מפּה" (טישטוך). און אין דיזען געשטאַלט, מיט די הוספות פון ר' משה איסרלש, איז דער שלחן־ערוך איינגעפיהרט געוואָרען צווישען די פוילישע, ליטווישע און רוסישע אידען. דער רמ"א איז געווען רב אין דער אַלטער פוילישער הויפּטשטאָדט קראקוי; ער איז געווען ארומגערינגעלט פון א סך תלמידים, פון וועלכע עס זיינען שפּעטער ארויסגעקומען גרויסע רבנים. אויסער זיינע הוספות צום שלחן־ערוך האָט ער געשריבען נאָך בעזונדערע ספרים.

אין איין צייט מיט דעם רמ"א האָט געלעבט א גרויסער

תלמודיסט ר' שלמה לוריא (פארקירצט: רש"ל, געשט. 1573), וועלכער איז געווען רב צוערשט אין אָסטראָג, נאָכדעם אין לובלין. דער רש"ל האָט געהאלטען אז דער שלחן־ערוך איז גוט נאָר פאר'ן ברייטען פאָלק, אָבער ניט פאר לומדים. דער רש"ל האָט זיך פארטיעפט אין דעם קוואל פון אלע דינים און געזעצען—דעם תלמוד און ער האָט פערפאסט א טיעפזיניגען פירוש אויף א סך טיילען פון תלמוד מיט'ן נאָמען „ים של שלמה". ער האָט געהאט א סך תלמידים און נאכפאָלגער און ער האָט אריינגעבראכט אן אייגענע שיטה אין דער רבנישער ליטעראטור. צום רמ"א און צום רש"ל פלעגט מען זיך ווענדען מיט גרויסע שאלות פון אלע טיילען פון פוילען און אויך פון איטאליען, דייטשלאנד און טערקיי. די תשובות וואָס דיזע צוויי גאונים האָבען געגעבען אויף די דאָזיגע שאלות זיינען שפעטער אָבגעדרוקט געוואָרען אונטער'ן נאָמען „שאלות ותשובות".

אין די טריט פון דיזע צוויי שעפער פון דער פוילישער רבנות זיינען געגאנגען די געלערטע פון די שפעטערע דורות. איינע האָבען געשריבען פירושים צום תלמוד (רבי מאיר לובלינער אָדער מהר"ם, ר' שמואל איידלש פון אָסטראָג אָדער מהרש"א); אנדערע האָבען געשריבען פירושים און הוספות צו פריהערע קבוצים פון דינים (ר' מרדכי יפה פון פאָזען, ר' יואל סירקים פון קראקוי, ר' דוד הלוי פון לעבמערג און אנד.).

אין 17טען יאָהרהונדערט האָט די אידישע לומדות געבליהט אין פוילען אזוי ווי אמאָל אין בבל אין די צייטען פון די אמוראים. א סך גרויסע ספרים זיינען געדרוקט געוואָרען אין די דרוקערייען פון קראקוי און לובלין. — דער תלמוד און די רבנישע ליטעראטור אליין האָבען געהערשט אין פוילען. וועלטליכע בילדונג און פילאָזאָפיע זיינען געווען פארטריבען. בלויז די קבלה איז געלערנט געוואָרען פון די וואָס זיינען געווען גענייגט צו מיסטיציזם. אם מעהרסטען איז בעוואוסט דער ספר „מגלה עמוקות" פון נתן שאפירא, א מקובל פון קראקוי.

די רעפאָרמאציע אין דייטשלאנד האָט ארויסגערופען אין פוילען עטליכע קריסטליכע סעקטעס מיט אנשויאונגען, וואָס האָבען ניט געשטימט מיט דער קירכע. איינע פון זיי איז געווען

די „ניישוהל" פון פראג.
(אלט 13 הונדערט יאהר)

די סעקטע פון די „אוניטאריער", וועלכע איז צוגעקומען נעהנ־טער ווי אנדערע צום יודענטום דערמיט וואָס זיי האָבען געלײ־קענט אין דער „דריי־איינינקייט" און דער געטליכער אָבשטאמונג פון קריסטוס'ן, אָבער זיי האָבען אנערקענט די הייליגקייט פון דעם עוואנגעליום. די קאטוילישע גלחים האָבען זיי א נאָמען געגעבען „האלבע אידען". די פיהרער פון די פארשיידענע קריסטליכע סעקטען פלעגען אָפט פיהרען מינדליכע וכוחים מיט די רבנים. אלס רעזולטאט פון אזעלכע וכוחים אין ערשינען א מערקווירדיגער ספר: „חזוק אמונה" (1593), פון ר' יצחק פון טראָקי. אין דעם ערשטען טייל פון דעם דאָזיגען ספר פאר־טיידיגט דער אידישער געלערטער דאָס יודענטום געגען די אטאקען פון די קריסטליכע רעליגיאָנס־לעהרער, און אין דעם אנדערען טייל געהט ער איבער צו אנגריף און קריטיקירט די לעהרע פון דער קירכע. ער דעקט־אויף א סך ווידערשפרוכען אין דעם עוואנגעליום, ווייזט אָן ווי דער נייער טעסטאמענט טרעט שארף אָב פון דעם תנ"ך, און ווי אזוי די שפּעטערדיגע לעהרען פון דער קירכע טרעטען אָב פון דעם נייעם טעסטאמענט זעלבסט. א לאנגע צייט האָט מען מורא געהאט צו דרוקען דיזען ספר און ער איז צום ערשטען מאָל פארעפענטליכט גע־וואָרען ערשט אין הונדערט יאָהר ארום אין א לאטיינישער איבערזעצונג, געמאכט פון א קריסט, אונטער'ן שרעקעדיגען נאָמען „פייערדיגע פיילען פון שטן", און געדרוקט כדי צו ווייזען ווי ווייט די אידען זיינען „פערבלאָדזשעט". שפּעטער האָבען זיך מיט דיזער איבערזעצונג בענוצט וואָלטעיר און די פראנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטען פון 18טען יאָהרהונדערט אין זייערע גרויסע אטאקען אויף די לעהרען פון דער קירכע.

§51. חמעלניצקי און די קאָזאַקען־שחיטות. אין מיטען פון 17טען יאָהרהונדערט איז פאָרגעקומען א גרויסע ענדערונג צום ערגערען אין דעם לעבען פון די פוילישע אידען. די דאָזיגע ענדערונג איז ארויסגערופען געוואָרען דורך דעם קאמפף צווישען די פעלקערשאפטען, רעליגיאָנען און קלאסען אין דעם דעמאָלדיגען פוילען, וועלכער האָט זיך שטארק פערשארפט. עס האָבען גע־קעמפפט צווישען זיך די פוילישע און די רוסישע פעלקערשאפטען,

די קאַטויילישע און גריכישע („פּראַוואָסלאַוונע") קירכע, די פּריצים און די פּויערים. די פּוילישע „שליאַכטע" האָט אונטערדריקט די רוסישע פּוערים, און די קאַטויילישע גלחים האָבען געהעצט די פּוילישע קעניגע צו אונטערדריקען אַנדערע רעליגיאָנען און בעזונדערס די פּראַוואָסלאַוונע. דיזער דרוק האָט זיך שטאַרקער ווי איבעראַל געפיהלט אין די מזרח־געגענדען פון פּוילען, וועלכע האָבען זיך גערופען „אוקריינא" (דאָס היינטיגע קליין־רוסלאַנד). דאָ זיינען די רוסען געווען דער גרעסטער טייל פון דער בעפעלקערונג; די מעהרסטע פון זיי, די פּויערים, פלעגען אַרבייטען פאַר די פּוילישע פּריצים־גוטבעזיצער, און די איבעריגע זיינען געווען אַ בעזונדער קלאַס, אַ מיליטערישער, וועלכען די פּוילישע מלוכה פלעגט בענוצען פאַר איהרע מלחמות. אָבער אויסער די קאָזאַקען וואָס זיינען געווען אין דיענסט פון דער פּוילישער רעגירונג, זיינען נאָך געווען פרייע קאָזאַקען, וועלכע האָבען געלעבט אויף די סטעפּען הינטער'ן דניעפּער (דאָס היינטיגע ניי־רוסלאַנד), און האָבען זיך גערופען „זאַפּאָראָזשצעס". די פּראַוואָסלאַוונע קאָזאַקען און פּויערים האָבען געהאַסט די פּאָלאַקען אַלס די אונטערדריקער פון רוסישען פאָלק; זיי האָבען אויך געהאַסט די אידען, וועלכע אַלס סוחרים האָבען פאַרנומען דעם מיטעלען פּלאַץ צווישען די פּריצים און די פּויערים. די אידען פלעגען אָפט האַלטען אין ארענדע די פּריצישע גיטער, און אויף אַזאַ אופן פלעגען זיי בעקומען איבער די פּויערים דיזעלבע מאַכט וואָס די פּריצים האָבען געהאַט. און עס איז אויסגעקומען אַז די רוסישע פּויערים פלעגען זיך מעהר צוזאַמענשטויסען מיט דעם אידישען אַרענדאַר ווי מיט דעם פּוילישען פּריץ. דעריבער האָבען די רוסישע פּויערים גערעכענט דעם אידען פאַר דעם הויפּט־שולדיגען אין זייערע ליידען און האָבען געזוכט צו נעהמען נקמה אין איהם. צו דיזען פערדרום איז נאָך צוגעקומען די רעליגיעזע שנאה פון דעם פינסטערען רוסישען המון צו די אידען. די לאַנג אָנגעקליבענע אונצופריעדענקייט האָט ענדליך געבראַכט צו אַ שרעקליכען אויפשטאַנד פון די קאָזאַקען און די רוסישע פּויערים, אין דעם לעצטען יאָהר פון קעניג וולאַדיסלאַוו דעם 4טען.

בראש פון די צובונטעוועטע קאָזאַקען האָט זיך געשטעלט

א קאָזאַצקער הויפּטמאַן פון טשיגירין, באָגדאַן חמעלניצקי. ער האָט אויפגעקליבען א גוואַלטיגע מאַסע קאָזאַקען און פּויערים אויף דער אוקריינא, האָט געשלאָסען אן אָבמאַך מיט די פרייע קאָזאַקען פון זאַפּאָראָזשיע און די טאַטאַרען פון קרים און מיט אַט דיזער גאַנצער מחנה האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט חרוב צו מאַכען פּוילען (אָנהויב יאָהר 1648). א פּוילישער חיל וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרען געגען די בונטאָווטשיקעס איז געשלאָגען געוואָרען. אין יענער צייט איז געשטאָרבען דער קעניג וולאַדיסלאַוו און אין פּוילען האָט זיך אָנגעפאַנגען די מהומה פון א קעניגלאָזער צייט. דעמאָלט האָט דער אויפשטאַנד ארומגעחאַפּט גאַנץ אוקריינא אָן די שכנישע פּראָווינצען. מחנות קאָזאַקען און רוסישע פּויערים, אונטער דער פיהרערשאַפט פון חמעלניצקי'ן און זיינע קריעגערישע בונד־חברים די זאַפּאָראָזשצעס, האָבען זיך צושאָטען איבער אַלע שטעדט און האָבען ווי ווילדע חיות אומגעבראַכט פּאָלאַקען און אידען. א רוסישער היסטאָריקער שרייבט: די הריגות זיינען בעגלייט געוואָרען מיט באַרבאַרישע פּייניגונגען: מען פלעגט אָראָבציהען פון לעבעדיגע די הויט, פאַנאַנדערזעגען אויף דער העלפט, דערשלאָגען צום טויט מיט שטעקענס, בראָטען אויף קוילען, אָבבריהען מיט זודיגע וואַסער; עס איז ניט געוועזען קיין רחמנות אפילו אויף זויג־קינדער. די שרעקליכסטע רציחות זיינען בעגאַנגען געוואָרען מיט די אידען: זיי זיינען פאַר'משפט געוואָרען צו פאַלשטענדיגער אויסראָטונג, און יעדע רחמנות צו זיי האָט זיך גערעכענט פאַר פעררעט. די ספר תורה'ס פלעגט מען ארויסשלעפּען פון די שוהלען: די קאָזאַקען פלעגען טאַנצען און שכור'ן אויף זיי, דערנאָך פלעגט מען אויף זיי אויסלעגען אידען און זיי קוילען אָהן רחמנות; טויזענדע קליינע אידישע קינדער זיינען אריינגעוואָרפען געוואָרען אין ברונימער און פארשאָטען געוואָרען לעבעדיגע אין גריבער".

בעזונדערס טראַגיש איז געוועזען דאָס שיקזאַל פון די אידען, וועלכע פלעגען זיך צוזאַמענלויפען פון די דערפער און קליינע שטעדטלעך אין די בעפעסטיגטע שטעדט, מיט דער האָפנונג אז זיי וועלען זיך דאָ שיצען געגען דעם שונא. דערוויסענדיג זיך אז אין דער שטאָדט נעמיראָוו, אין פּאָדאָליען, האָבען זיך בעפעסטיגט עטליכע טויזענד אידען האָט חמעלניצקי אַוועקגעשיקט אהין א

מחנה קאָזאקען. אזוי ווי עס איז אונמעגליך געווען צו נעהמען די שטאָדט מיט שטורם האָבען די קאָזאקען בעשלאָסען אָבצוטהאָן א שפּיצעל. זיי זיינען אונטערגעקומען צו נעמיראָוו מיט פּוילישע פאָהנען און האָבען געבעטען מען זאָל זיי עפענען די טויערען. די אידען, מיינענדיג אז דאָס איז א פּוילישער חיל וואָס קומט זיי בעפרייען, האָבען געעפענט די שטאָדט פאר זיי און האָבען דער־פאר שרעקליך בעצאָלט (כ׳ סיון—יוני 1648). די קאָזאקען צו־זאמען מיט די אָרטיגע רוסישע איינוואוינער האָבען זיך געוואָרפען אויף די אידען און זיי אלע אויסגעקוילעט. דער רב און ראש־ישיבה פון נעמיראָוו, ר. יחיאל־מיכל, האָט זיך בעהאלטען מיט זיין מוטער אויפ׳ן בית־עולם; דאָ האָט זיי אָנגעיאָגט איינער פון די מערדער, עפּיס א שוסטער, און האָט אָנגעהויבען שלאָגען דעם רב מיט א שטיק האָלץ. די אלטע מוטער פון דעם רב האָט אָנ־געהויבען בעטען דעם מערדער ער זאָל טויטען זי אנשטאט איהר זוהן; אָבער דער שוסטער האָט אונערבארמליך דערשלאָגען פריהער דעם רב און דערנאָך זיין מוטער. יונגע אידישע פרויען און מיידלעך פלעגען די קאָזאקען גאנץ אָפט לאָזען לעבען: די קאָזאקען און פּויערים פלעגען זיי מיט גוואלד שמד׳ן און נעהמען פאר ווייבער. איין שעהן אידיש מיידעל, וואָס א קאָזאק האָט געפאנגען פאר דיזען צוועק, האָט איינגערעדט איהר פאנגער אז זי קען בלומרשט „פארזעדען" אז א קויל זאָל צו איהר ניט קענען צושטעהן, און האָט איהם געבעטען ער זאָל אויסשיסען אין איהר און זיך איבער־צייגען. דער נארישער קאָזאק האָט אויסגעשאָסען—און דאָס מיידעל איז אומגעפאלען א פערוואונדעטע צום טויט, אָבער א צופריעדענע וואָס זי איז ניט אָנגעקומען דעם פיינד. אַן אנדער אידיש מיידעל, וואָס א קאָזאק האָט געפאנגען און געוואָלט מיט איהר חתונה האָבען, האָט זיך אריינגעוואָרפען פון א בריק אין וואסער אין יענעם מאָ־מענט ווען מען האָט זי געפיהרט איבער דעם דאָזיגען בריק אין קירכע אריין. ארום 6000 אידען זיינען אומגעקומען אין נעמי־ראָוו; די וואָס האָבען זיך גערעטעט פון טויט זיינען אנטלאָפען אין דער בעפעסטיגטער שטאָדט טולטשין.

דאָ האָט זיך אויך אָבגעשפּיעלט א בלוטיגע דראמאַ. צו טולטשין איז צוגעטראָטען א גרויסע מחנה קאָזאקען און פּויערים

און האָט בעלאַגערט די פעסטונג, אין וועלכער עס האָבען זיך גע־
פונען עטליכע הונדערט פּאָלאַקען און ארום צוויי טויזענד אידען.
די פּאָלאַקען און די אידען האָבען זיך געגעבען א שבועה אז זיי
וועלען ניט פערראַטען איינע די אַנדערע און אז זיי וועלען צוזאַמען
פארטיידיגען די שטאָדט ביז'ן לעצטען אָטעם. די אידען האָבען
געשאָסען פון דער פעסטונגס־וואַנד אויף דעם פיינד און איהם ניט
צוגעלאָזט נאָהנט צו דער שטאָדט. נאָך א לאַנגער און אונגעלונגענער
בעלאַגערונג האָבען די קאָזאַקען פארקלערט א פּלאַן. זיי האָבען
געשיקט זאָגען די פּאָלאַקען, וואָס זיינען געוועזען אין פעסטונג, אזוי:
גיט אונז ארויס די אידען; מיר וועלען בלויז זיי בעשטראָפען און
אייך וועלען מיר ניט טשעפּען. די פּוילישע פּריצים האָבען פארגעסען
זייער שבועה און האָבען בעשלאָסען אויפצואָפּפערען די אידען כדי
צו רעטען זיך אליין. זיי האָבען אריינגעלאָזט דעם שונא אין שטאָדט
אריין. די אידען האָט מען צוערשט ענטוואָפענט און בערויבט און
דאַן האָבען די קאָזאַקען זיי פּאָרגעלעגט די ברירה: זיך שמד'ן
אָדער שטאַרבען. קיין איינציגער איד האָט זיך ניט געפונען וואָס
האָט געוואָלט פערראַטען זיין אמונה—און אַנדערהאַלבען טויזענד
אידען זיינען אויסגע'הרג'עט געוואָרען מיט די אונמענשליכסטע
רציחות. אָבער עס האָבען זיך אויך ניט גערעטעט די פאַלשע פּאָ־
לאַקען: ווען די קאָזאַקען זיינען פארטיג געוואָרען מיט די אידען
האָבען זיי אויסגע'הרג'עט אַלע קאַטאָליקען, צווישען וועלכע עס
זיינען געוועזען א סך בעריהמטע פּריצים.

פון פּאָראָליען זיינען די באַנדעס אריין אין וואָלין. דאָ האָט
די שחיטה געדויערט דעם גאַנצען זומער און הערבסט פון יאָהר
1648. די פּוילישע ארמייען, איבערהויפּט אונטער דער פיהרער־
שאַפט פון דעם מוטיגען יערעמיאַ ווישנעוועצקי, האָבען וואו־ניט־
וואו איינגעשטילט די קאָזאַקען; אָבער איינגאַנצען צו דערשטיקען
דעם אויפשטאַנד זיינען זיי ניט געוועזען אימשטאַנד. ערשט נאָכדעם
ווען אין וואַרשאָ איז אויסגעקליבען געוואָרען אלס קעניג יאַן־קאַ־
זימיר, א ברודער פון וולאַדיסלאַוו דעם 4טען, האָבען זיך אָנגעהוי־
בען פערהאַנדלונגען פון שלום צווישען דער רעגירונג מיט די קאָ־
זאַקען. אין יאָהר 1649 האָבען זיך די קאָזאַקען בערוהיגט נאָכדעם
ווי זיי האָבען אויסגעווירקט פאַר זיך פארשיידענע רעכט און פריי־

הייטען אין אוקריינא; צווישען אנדערעם איז איסגענומען גע־וואָרען א תנאי, אז אין דער קאָזאַצקער אוקריינא טאָרען קיין אידען ניט וואוינען. יאַן־קאַזימיר האָט ערלויבט אלע אידען, וואָס האָבען אונטער דער מורא פון טויט אָנגענומען דעם פראַוואָסלאַוונעם גלויבען, זיך אומצוקערען צוריק צו זייער אמונה. די מיט גוואלד־גע׳שמד׳טע אידישע פרויען פלעגען אנטלויפען פון זייערע ארויפגע־צוואונגענע מאנען—קאָזאַקען און זיך אומקערען צו זייערע פאַ־מיליען. דער „ועד ארבע ארצות", וואָס האָט זיך פערזאַמעלט אין לובלין אין ווינטער פון יאָהר 1650, האָט אויסגעארבייט א גאַנצע רייהע תקנות אויפצושטעלען צוריק דאָס געזעלשאפטליכע און פאמיליען לעבען פון די אידען. דער טאָג פון דער נעמיראָווער שחיטה (כ׳ סיון) איז בעשטימט געוואָרען אלס יעהרליכער תענית אין אָנדענק פון די קדושים. די קאָזאַצקע שחיטות אויף די אידען זיינען בעוואוסט אלס די גזרות ת"ח ות"ט.

§52. די אידען אין דער צייט פון מאָסקווא—שוועדישען קריעג. די פּאָליאקען האָבען אין גיכען געבראָכען זייער אָב־מאַך מיט די קאָזאַקען און האָבען בעשלאָסען ווידער צו מאכען זיי אונטערטעניג. דאַן האָט דער הויפּטפיהרער פון די קאָזאַקען (העטמאַן) באָגדאַן חמעלניצקי פאָרגעלעגט דעם מאָסקווער צאַר אלעקסיי מיכיילאָוויטש ער זאָל צושליסען די קאָזאַצקע או־קריינא צו זיין מלוכה. אין יאָהר 1654 זיינען די איינוואוינער פון דעם קאָזאַצקען טייל פון דער אוקריינא, אָדער קליין־רוסלאַנד, אריבער אונטער דער ממשלה פון דעם צאַר פון מאָסקווא. באַלד האָט זיך דער מאָסקווער חיל א לאָז געטהאָן אין דעם שכנ׳ישען ווייס־רוסלאַנד און ליטאָ, צו א מלחמה מיט פּוילען. א סך האָבען די אידען פון ווייס־רוסלאַנד און ליטאָ איבערגעליטען אין דיזער מלחמה, וועלכע האָט געדויערט צוויי יאָהר (1654—55). ווען דער פאראייניגטער חיל פון די מאָסקווער רוסען און די קאָזאַקען פלעגט איינגעהמען א שטאָדט פלעגען זיי די אידען ענטוועדער אויסשלאַכ־טען אָדער ארויסטרייבען. ווען די שטאָדט מאָהליוו אויפ׳ן דניעפּער האָט זיך אונטערגעגעבען צו אלעקסיי מיכיילאָוויטש האָט דער צאַר בעפעהלען ארויסצוטרייבען פון דאָרט אלע אידען און זייערע הייזער צוטיילען צווישען דעם מאגיסטראט און די רוסישע בעאמטע.

אָבער די אידען האָבען זיך ניט געאיילט צו פערלאָזען די שטאָדט, האָפענדיג אז די שטאָדט וועט שנעל אריבערגעהן צוריק צו די פּאָלאקען; אָבער זיי האָבען דערפאר טייער בעצאָלט. אין סוף פון זומער פון יאָהר 1655 האָט דער קאָמאנדיר פון דעם רוסישען גארניזאָן אין מאָהליוו, פּאָלקאָווניק פּאָקלאָנסקי, דערהערט אז א פּוילישער חיל קומט אונטער צו דער שטאָדט. מורא האָבענדיג אז די אידען וועלען זיך פעראייניגען מיט דעם אָנקומענדען פיינד האָט פּאָקלאָנסקי בעפעהלען די אידען ארויסצוגעהן הינטער דער שטאָדט, און ווען זיי האָבען זיך ארויסגעצויגען אהין מיט זייערע ווייבער און קינדער און איינגענטום האָבען זיך די רוסישע סאָלדאטען א וואָרף געטהאָן אויף זיי, האָבען זיי אויסגע׳הרג׳עט און צוגענומען זייער האָב. שטארק געליטען האָבען אויך די אידען ווען די רוסען האָבען גענומען די הויפּטשטאָדט פון ליטאָ, ווילנאָ. א גרויסער טייל פון די ווילנער אידען האָט זיך געראַטעט דורך אנטלויפען און די איבעריגע זיינען ענטוועדער געטויט אָדער פארטריבען געוואָרען אויפ׳ן בעפעהל פון דעם רוסישען צאר.

אין גיכען איז די רייה געקומען אויך אויף פּוילען׳ס אייגענע לענדערייען. דער אנגריף פון שוועדען האָט שיער ניט געבראַכט פּוילען צום אונטערגאנג (1655—58). דאָס לאנד איז פערוואנדעלט געוואָרען אין א קריעגסלאגער. די אידישע קהילות האָבען געליטען דאָ פון דעם מאָסקווער חיל און די קאָזאקען, דאָ פון די שוועדען, און ענדליך אפילו פון די ווילד־געוואָרענע פּוילישע סאָלדאטען. צו די שרעקען פון מלחמה איז נאָך צוגעקומען די פארוויסטענדע קראפט פון א מגפה. ערשט אין יאָהר 1658 האָבען די מלחמה־אונרוהען זיך אָנגעהויבען איינשטילען און פּוילען האָט אויף א צייט אויפ־געשטעלט צוריק איהר צוטרייסעלטען מלוכה־געבייי.

שרעקליך זיינען געוועזען די פערלוסטען, וואָס דאָס פּוילישע יודענטום האָט געליטען אין דיזען אומגליקליכען יאָהר־צעהנדליג (1648—58). לויט דער מיינונג פון היסטאָריקער האָט די צאָל אומגעקומענע אידען אין יענער צייט אריבערגעוואויגען א האלבען מיליאָן. ארום זיבען הונדערט אידישע קהילות זיינען פערניכטעט געוואָרען. אין דער רוסישער אוקריינא *) זיינען די אידישע קהילות איינגאנצען פערשוואונדען, און אין דער פּוילישער איז גאנץ גע־

בליבען א צעהנט־חלק פון דער אידישער בעפעלקערונג; די איבע־ריגע זיינען ענטוועדער אומגעקומען דורך די קאָזאקען אָדער זיינען אריינגעפאלען געפאנגען צו די טאַטאַרען אָדער זיינען גאָר אנט־לאָפען קיין טערקיי און אין די לענדער פון מערב־אייראָפּא. אין אלע לענדער פון אייראָפּא און אזיען האָט מען דעמאָלט געקענט בעגעגנען אידישע פליכטלינגע פון פוילען; איבעראל פלעגען זיי דערצעהלען פון די ליידען פון זייערע הינטערגעבליבענע ברידער, פון דעם מארטירערטום פון הונדערטע אידישע קהילות, און פלעגען ארויסרופען א ציטער ביי אלע צוהערער. — דער וויעדער־קול פון יענע שווערע ליידען הערט זיך אין די שריפטען פון יענער צייט און אין טרויעריגע תפלות אין די שוהלען. איינער וואָס האָט צו־געזעהן די שחיטה אין דער אוקריינא, נתן האנאָווער, האָט זי בע־שריבען אין זיין פראכטפולער כראָניק „יון מצולה“ (1653). די רבנים פלעגען פאַנאנדערשיקען איבער אלע שוהלען תפלות צום זאָגען אין אָנדענק פון די נייע קדושים. אין תפילות וואָס צורייסען דאָס הארץ האָט דאָס אויסגעמאַטערטע פאָלק אויסגעגאָסען זיינע ליידען און פיין.

§53. דאָס זינקען פון פוילען. נאָך די מלחמות פון די קאָזאקען האָט די פוילישע מלוכה אָנגעהויבען ביסלעכווייז צו זינקען. בלויז אויף א קורצער צייט האָט זי זיך פערשטארקט אין דער צייט פון דעם קעניג יאן סאָביעסקי (1674—96), וועלכער איז געוועזן גוט גענייגט צו די אידען. אין 18טען יאָהרהונדערט, פאר די סאקסאָנישע קעניגע אויגוסט דעם 2טען און 3טען, איז פוילען צוריק שטארק אָבגעשוואַכט געוואָרען צוליעב שלעכטער אָרדנונג און אונגעלונגענע מלחמות. די בעציהונגען צו די אידען זיינען אלץ ערגער געוואָרען. די רעגירונג האָט נאָר געטראַכט ווי אזוי ארויס־צוקריגען פון זיי וואָס מעהר שטייערען: די שליאכטע אין זייערע „סיימען“ פלעגען בעגרענצען די רעכט פון די אידען; די שטאָד־טישע מאגיסטראטען און צעכען פלעגען זיי שטארק דריקען אין

*) צו רוסלאַנד איז אַריבער בלויז אַ טייל אוקריינא אויפ׳ן לינקען ברעג פון דניעפּער (פּאָלטאַוואַ, טשערניגאָוו, אַ טייל קיעוו); די אוקריינא אויפ׳ן רעכטען ברעג דניעפּער (וואָלין, דער אַנדערער טייל קיעוו און פּאָדאָליען) איז געבליבען ביי פוילען.

האנדעל און מלאכות; די יעזואיטען אין זייערע שולען האָבען גע־פלאַנצט אין די הערצער פון די קינדער שנאה צו די מענשען פון אַנדערע גלויבענס און אַנדערע לענדער. זעהר אָפּט פלעגען גאַנצע מאַסען שול־קינדער בעפאַלען שוצלאָזע אידען אין די גאַסען און זיי שלאָגען, און אָפּטמאָל פלעגען זיי זיך אפילו אריינרייסען אין די אידישע קוואַרטאַלען און דאָרט מאַכען פּאָגראָמען (אין פּאָזען, לעמבערג, ווילנא און אנד.). כדי צו בעשיצען זיך געגען אַזעלכע אַטאַקעס פון די שול־קינדער פלעגען די אידישע קהילות אין די גרויסע שטעדט צאָלען אַ יעהרליכע סומע צו די בעאַמטע פון די קאַטוילישע שולען, וועלכע פלעגען דערפאַר צוריקהאַלטען זייערע שילער פון רציחות געגען די אידען.

איבעראַל האָט דער בעליידיגטער איד געפונען שוץ בלויז אין זיין געמיינדע, אין דעם „קהל". די פוילישע רעגירונג אליין האָט געהאָלפען צו מאַכען שטאַרק דעם אידישען „קהל". זי פלעגט האָבען געשעפטען ניט מיט דעם איינציגען אידען נאָר מיט קהל, וועלכער פלעגט אויפקלייבען און אריינטראָגען אין דער מלוכה־קאַסע די שטייערען פון אַלע אידען פון דער קהילה. פאַר עפּיס אַ פערברעכען וואָס דער איינצעלנער איד איז בעגאַנגען האָט זיין קהל געענטפערט פאַר זיין רעגירונג. טראָגענדיג אַזאַ פאַראַנטוואָרטליכ־קייט האָט דער קהל אויך געקראָגען אַ גרויסע מאַכט איבער די מיט־גליעדער פון זיין געמיינדע. אָט דיזע קהילה אָרדנונג האָט געבראַכט נוצען דערמיט, וואָס זי האָט פאַראייניגט די אידען און געשיצט זייערע אינטערעסען. אָבער צוזאַמען דערמיט פלעגען די קהל'ן ניט זעלטען מיסברויכען זייער מאַכט: זיי פלעגען פאַרטיילען די שטייע־ערן ניט יושר'דיג, פלעגען קריוודען די אָרימע לטובת די רייכע און האָבען אונטערדריקט די פרייהייט פון דעם יחיד.

די צרות וואָס די פוילישע אידען האָבען איבערגעלעבט האָבען אַרויפגעלעגט זייער שטעמפּעל אויף זייער גייסטיגען לעבען. אין אוקריינאַ, פּאָדאָליען און וואָלין, וועלכע האָבען אַם ערגסטען געלי־טען פון די קאָזאַצקע פּאָגראָמען, ווערט די גייסטיגע מדרגה פון דער אידישער מאַסע אַלץ נידעריגער. דאָס לערנען פון תלמוד וואָס איז פריהער געווען פאַרשפּרייט צווישען אַלע קלאַסען פון פאָלק, הויבט אַליין אָן פאַרשמעלט ווערען אין אַן ענגען קרייז פון לומדים,

און די אָרימע מאסע פארזינקט אין אונוויסענהייט און אבערגלוי־
בען. מעהר פארשפרייט איז די לומדות נאָך געבליבען אין ליטאָ
און אין די עכט פוילישע פראָווינצען; נאָר דאָ בעמערקט זיך אויך
די פאראָרמטקייט פון גייסטיגען לעבען. די גאנצע ליטעראטור פון
יענער צייט איז געווען אויסשליסליך א רבני׳שע און בלויז איין
ספר פון אן אנדער געביט (געשיכטע) איז ערשינען, — דער „סדר
הדורות״ פון דעם מינסקער רב ר׳ יחיאל האלפערין (1700). אין
דיזען ווערק, וואָס בעשטעהט פון דריי חלקים, ווערט ארומגענומען
די אידישע געשיכטע פון די ביבלישע צייטען ביז׳ן יאָהר 1696
(1טער טייל), עס ווערען אויסגערעכענט נאָכ׳ן אלף־בית די נעמען
פון אלע תנאים און אמוראים און אויך זייערע מיינונגען אין תלמוד
(2טער טייל) און צולעצט ווערט געגעבען א צעטעל פון מחברים
און ספרים פון זינט נאָכ׳ן תלמוד.

און וואָס מעהר עס איז אָבגעשוואַכט געוואָרען דאָס לער־
נען פון תלמוד אלץ מעהר האָט זיך געשטארקט דאָס לערנען פון
קבלה. די לעהרע פון די ארץ־ישראל׳דיגע מקובלים, דער אר״י און
ר׳ חיים וויטאל, האָט געקראָגען א סך אנהעגגער אין פוילען. עס
האָט זיך פארמעהרט די צאָל פון „מוסר־ספרים״, אין וועלכע עס
פלעגט גערעדט ווערען פון יענער וועלט, פון גן־עדן און גיהנם,
פון מלאכים און שדים. עס האָבען זיך בעוויזען בעלי־שמ׳ס, ד. ה.
בעלי־מופת, וועלכע פלעגען היילען קערפערליכע און גייסטיגע
קראנקהייטען מיט אָבשפּרעכען קמיעות.

§54. די שבתי־צבי׳ניקעס און פראנקיסטען. די משיח־
באוועגונג וואָס איז ארויסגערופען געוואָרען דורך שבתי־צבי איז
געקומען נאָך די שרעקליכע שחיטות פון די קאָזאקען אין פוילען.
די אויסגעמוטשעטע פוילישע אידען האָבען דורשטיג געשלונגען
די קלאנגען וואָס זיינען געגאנגען פון טערקיי וועגען א זאָגענאנטען
משיח. אין א סך ערטער האָט מען זיך אפילו געגרייט אין גיכען
צו געהן קיין ארץ־ישראל. אז דער פאלשער משיח האָט זיך גע־
שמד׳ט, האָבען די רבנים און אלע רעכטדענקענדע לייט מיט שרעק
זיך אָבגעטרייסעלט פון איהם. אָבער אין פאָלק האָט די משיח־בעווע־
גונג זיך ניט איינגעשטילט. אין גאליציען און פאָדאָליען האָבען עק־
זיסטירט געהיימע חברות פון שבתי־צבי׳ניקעס וואָס האָבען אוועקגע־

וואָרפען אַ סך רעליגיעזע צערעמאָניעס אַן תשעה־באב (דער געבורט־טאָג פון פאַלשען משיח) האָבען זיי געמאַכט פאַר אַ יום־טוב; איינע בּלעגען שטענדיג תשובה טהאָן און פאַסטען, און אַנדערע האָבען זיך איבערגעגעבען צו פרעהליכקייט און אויסגעלאַסענקייט. די רבנים זיינען געווען אונרוהיג דערפון און זיי האָבען אָנגענומען שטרענגע מיטעל. אין זומער פון 1722 האָט אַן אסיפה פון רבנים אין לעמבערג אַרויסגעלעגט אַ חרם אויף אַלע פאַרבאָרגענע שבתי־צבי'ניקעס, וואָס וועלען ביז אַ בעשטימטען טערמין זיך ניט אָבזאָגען פון זייערע פערבלאָנדזשעטע מיינונגען. דיזער מיטעל האָט צום טייל געווירקט: אַ טייל פון זיי האָבען עפענטליך חרטה געהאַט אויף זייערע זינד און האָבען גענומען אויף זיך אַ תשובה. נאָר די מעהרסטע פון זיי האָבען זיך פער'עקשנ'ט און אין יאָהר 1725 האָבען די רבנים ווידער געמוזט אַרויס געגען זיי מיט אַ חרם.

צווישען דיזע געהיימע שבתי־צבי'ניקעס איז אויסגעוואַקסען און האָט זיך ערצויגען דער גרינדער פון אַ נייער סעקטע, יעקב פראַנק. ער איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1726 אין פּאָדאָליען. זיין פאָטער, לייב, איז געווען אין חרם פאַר בעלאַנגען צו די שבתי־צבי'ניקעס אַן ער האָט זיך בעזעצט אין דער שכנ'ישער וואַלאַכיען, וועלכע האָט דעמאָלט געהערט צו טערקיי. דאָ איז יעקב צוערשט געווען אַ משרת אין אַ קראָם און דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען פאַנאַנדערפיהרען סחורות אין שטעדט און דערפער. אָפטמאָל פלעגט איהם אויסקומען צו פאָהרען מיט זיינע סחורות איבער טערקישע שטעדט און לעבען אין סאַלאָניקי, וואָס איז געווען דער צענטער פון די שבתי־צבי'ניקעס. ער האָט זיך בעפריינדעט מיט די פיהרער פון דער דאָזיגער סעקטע און האָט איבערגענומען אַלע איהרע שלעכטע זייטען. דאַן איז איהם אַריין אַ געדאַנק אין קאָפּ — געהן צוריק אין פּוילען און אָנהויבען צווישען די דאָרטיגע שבתי־צבי'ניקעס צו שפּיעלען די ראָלע פון אַ נביא. איהם האָט געצויגען אויף דיזען וועג ניט אַזוי די רעליגיעזע בעגייסטערונג, ווי דער פערלאַנג נאָך כבוד און דער דורשט צו עפּיס גרויסע אונטערנעהמונגען. אין יאָהר 1755 איז פראַנק ערשינען אין פּאָדאָליען, האָט זיך פאַראייניגט מיט די פיהרער פון די שבתי־צבי'ניקעס און האָט זיי אָנגעהויבען פּרע־

דיגען יענע „אנטפּלעקונגען”, וועלכע ער האָט איבערגענומען פון זיינע חברים אין סאַלאָניקי. די שבתי־צבי׳ניקעס פלעגען אָבהאַלטען בשתיקה פערזאַמלונגען, וואו זיי פלעגען פראַווען עפּיס זאָנדערבאַרע צערעמאָניעס. איינמאָל, אין דער צייט פון א יריד אין דעם שטעדטעל לאַנדצקאָראָנאַ, האָט פראַנק און א מחנה פון זייערע אָנהענגער, מענער און פרויען, זיך פאַרקליבען אין אַן אכסניא דאָרט צו פראַווען זייערע רעליגיעזע צערעמאָניעס. זיי האָבען דאָרט געזונגען זייערע תפילות, האָבען אַרויסגערופען אין זיך אַ רעליגיעזע בעגייסטערונג דורך טאַנצען און זיך פרעהליך מאַכען, און דערביי האָבען מענער געטאַנצט מיט פרויען. די פרומע אידען, וואָס האָבען זיך געפונען אויפ׳ן יריד, זיינען אויפגעבראַכט געוואָרען פאַר אזא אויפפיהרונג. זיי האָבען דערטראָגען צו די פּוילישע בעאַמטע, אַז עפּיס אַ טערקישער אונטערטהאַן רודערט אויף דאָס פאָלק און פאַרשפּרייט אַ נייע אמונה. די פרעהליכע קאָמפּאַניע אין אַרעסטערט געוואָרען. פראַנק׳ן אליין, אַלס אַ פרעמדען, האָט מען אַרויסגעשיקט קיין טערקיי, און זיינע אָנהענגער האָט מען איבערגעגעבען אין רשות פון די רבנים און קהל. אַן אסיפה פון רבנים אין בראָד האָט אויסגערופען אַ חרם אויף אַלע נאָכפאָלגער פון פראַנק׳ן און אַרויפגעלעגט אַלס פליכט אויף יעדען אידען אויסצוזוכען דיזע געפעהרליכע סעקטאַנטען און זיי פאַרפאָלגען.

דאַן האָבען די פערפאָלגטע סעקטאַנטען אין פּאָדאָליען זיך ענטשלאָסען אויף אַ פאַרצווייפעלטען שריט. זייערע פאָרשטעהער זיינען ערשינען פאַר׳ן קאַטוילישען בישאָף דעמבאָווסקי אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק און האָבען איהם ערקלערט אַז זייער סעקטע האַלט ניט פון דעם תלמוד, אנערקענט בלויז דעם „זהר” און זיי גלויבען אזוי ווי די קריסטען אַז גאָט איז איינער אין דריי געשטאַלטען און אַז דער ערלייזער—משיח איז איינער פון דיזע דריי געשטאַלטען. דיזע ערקלערונג האָט געגעבען דעם בישאָף די האָפנונג צו בעקערען דיזע אַלע סעקטאַנטען צום קריסטענטום. ער האָט גענומען די „אנטי־תלמוד׳יסטען” (ווי די פראַנקיסטען האָבען זיך דעמאָלט גערופען), אונטער זיין שוץ און האָט אַרויסגערופען די רבנים אויף אַן עפענטליכען דיספּוט מיט זיי. עטליכע פּאָדאָליער רבנים זיינען געקומען אין קאַמענעץ און דאָ איז פאָרגעקומען אַ רעליגיעזער

דיספוט צווישען זיי און די פיהרער פון דער סעקטע, אין דער אנ־ וועזענהייט פון דעמבאָווסקי און אנדערע קאטוילישע גלחים (1757). די רבנים האָבען אומגעוואָרפען די טענות פון זייערע געגענער און זיי בעשולדיגט אין ליגען; נאָר דער בישאָף האָט בעשלאָסען אז די די „אנטי־תלמוד׳יסטען” זיינען גערעכט. ער האָט בעפעהלען די גלחים צו בעצאָלען די פראנקיסטען א געלד־שטראָף; אויסערדעם האָט ער בעפעהלען צוצונעהמען ביי די אידען אין פאָדאָליען אלע גמרא׳ס און זיי פארברענען. די גזרה איז אויסגעפיהרט געוואָרען. טויזענדער גמרא׳ס זיינען צוגענומען געוואָרען פון זייערע אייגענטי־ מער, זיינען צוזאמענגעבראכט געוואָרען אין קאמענעץ און דאָרט זיי־ נען זיי פארברענט געוואָרען. די פראנקיסטען האָבען גענומען נקמה פון זייערע פערפאָלגער און האָבען זיך געפרעהט. מען קען ניט וויסען מיט וואָס די זאך וואָלט זיך געווען ענדיגען ווען בישאָף דעמבאָווסקי זאָל ניט געווען פלוצלינג שטארבען. די פראנקיסטען האָבען פארלאָרען זייער שטיצע און קהל האָט זיי ווידער גענומען רודפ׳ן.

אין דיזער צייט איז יעקב פראנק געקומען צוריק פון טערקיי. זעהענדיג די שווערע לאגע פון זיינע אָנהענגער, וועלכע זיינען פון יודענטום אָבגעשטאנען און צום קריסטענטום ניט צוגעשטאנען, האָט ער זיי אן עצה געגעבען, אז זיי זאָלען זיך שמד׳ן לפנים. פונקט אזוי ווי שבתי־צבי און זיינע מקורבים — האָט ער געזאָגט — האָבען פון דרויסען אָנגענומען דעם איסלאם, אזוי איז באשערט אז זיינע נאָכפאָלגער אין פוילען זאָלען אָננעהמען דאָס קריטענטום; נאָר אין הארצען דארפען זיי האלטען פאר „משיח” ניט קריסטוס׳ן נאָר שבתי צבי אָדער זיין שטעלפערטרעטער, פראנק. אין יאָהר 1759 האָבען די פראנקיסטען מודיע געווען די קאטוילישע גלחים זייער פערלאנג זיך צו פעראייניגען מיט דער קירכע. מען האָט זיי אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. די צערעמאָניע פון שמד איז געמאכט געוואָרען זעהר פייערליך אין די קירכען פון לעמבערג, און זייערע „טויף־ פאָטערס” זיינען געווען די גרעסטע פוילישע אדעליגע. די נייע קריסטען האָבען אָנגענומען די נעמען פון זייערע טויף־פאָטערס און אויף אזא אופן זיינען זיי ארייננעטראָטען אין פוילישען אדעל. פראנק אליין האָט זיך געטויפט אין ווארשאָ, וואו זיין טויף־פאָטער

איז געווען קעניג אויגוסט דער 3טער; דערביי זיינען אנוועזענד געווען די מיניסטאָרען, די הויפּלייט און די אריסטאָקראַטיע פון דער הויפּטשטאָדט. ביים טויפען זיך האָט מען פראַנק׳ן א נאָמען גע־געבען יוסף.

נאָר ניט לאַנג האָבען די פראַנקיסטען זיך געקענט פארשטעלען פאַר אמת׳ע קאַטאָליקען. די פּוילישע גלחים האָבען בעמערקט, אז אין געהיים האַלטען זיי זיך נאָך זייערע אמונות און מנהגים און אין גיכען איז אַלץ אויפגעדעקט געוואָרען דורך מסירות. די גלחים האָבען זיך דערוואוסט אז די פראַנקיסטען האָבען זיך געטויפט נאָר לפנים וועגען, כדי צו פערבעסערען זייער לאַגע, און אז אין אמת׳ן האַלטען זיי פאַר זייער „הייליגען משיח״, פראַנק׳ן, דעם נאָכפאָלגער פון שבתי־צבי. דאַן האָט מען פראַנק׳ן ארעסטירט און געבראַכט פאַר א קירכען־געריכט. דאָס געריכט האָט ארויסגעגעבען א פּסק: פראַשפּארען פראַנק׳ן אין דער פעסטונג פון טשענסטאָכאָוו און האַלטען איהם נעבען דאָרטיגען מאָנאַסטיר, כדי ער זאָל ניט קענען האָבען קיין פאַרבינדונגען מיט זיינע אָנהענגער. דרייצעהן יאָהר (1760-72) איז פראַנק אָבגעווען איז פעסטונג, אָבער די גלחים האָבען זייער ציעל ניט דערגרייכט: די פראַנקיסטען איז געלונגען אָנצוהאַלטען פאַרבינדונגען מיט זייער „משיח״; אייניגע האָבען זאָגאַר זיך אליין אריינגעמאַכט אין טשענסטאָכאָוו אָדער האָבען געוואוינט אין דער אומגעגענד פון דער שטאָדט, אָנהאַלטענדיג א גע־שלאָסענע פאַרבאָרגענע סעקטע. זיי האָבען געזעהן אין דעם שיקזאל פון פראַנק׳ן א ווידערהאָלונג פון דעם שיקזאל פון דעם „ליידענדען משיח״ שבתי־צבי, וועלכער איז אמאָל אויך געזעסען פארשפּארט אין דער פעסטונג אבידאָס. פראַנק פלעגט ערמוטיגען זיינע אָנ־הענגער מיט רייד און בריעף; ער פלעגט זאָגען, אז זיך רעטען קען מען נאָר דורך דער „אמונה פון אדום״, וועלכע האָט בעדייטעט עפּיס א מין געמיש פון קריסטענטום און דער שבתי־צבי־אידעע.

ערשט נאָך דער ערשטער צוטיילונג פון פּוילען, ווען טשענסטאָ־כאָוו איז גענומען געוואָרען פן די רוסען איז פראַנק בעפרייט געוואָ־רען פון געפענגניס (1772). בעגלייט פון א סך פון זיינע אָנהענגער איז ער ארויסגעפאָהרען פון פּוילען און זיך בעזעצט אין מאָראַוויען. דאָ, און דערנאָך אין עסטרייך, האָט ער געשפּיעלט די ראָלע ווי ער

וואָלט פאַרשפּרייט דאָס קריטענטום צווישען די אידען און האָט אפילו געוואונען אויף זיין זייט דעם קעניגליכען הויף פון וויען. נאָר אין גיכען האָט מען זיך דערוואוסט פון זיין פערגאַנגענהייט און ער האָט געמוזט פערלאָזען עסטרייך. פראַנק האָט זיך בעזעצט אין דייטשלאַנד, אין אָפענבאַך, וואו ער האָט זיך אַליין גענומען דעם טיטעל „באַראָן פאָן אָפענבאַך". דאָ איז ער צוזאַמען מיט זיין טאָכ־טער חוה, אָדער די „הייליגע מיידעל", געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון זיין געהיימער סעקטע און האָט געלעבט אין לוקסוס, בעקומענדיג געלד פון זיינע אָנהענגער אין פּוילען און מאָראַוויען. נאָך פראַנק'ס טויט (1791) האָט די סעקטע אָנגעהויבען צופאַלען צו ווערען. די פראַנקיסטען וואָס זיינען געבליבען אין פּוילען האָבען זיך צונויפגע־גאָסען מיט דער פּוילישער בעפעלקערונג, און צולעצט זיינען זיי אינ־גאַנצען פערשוואונדען אין דער פּוילישער געזעלשאַפט.

---

### צעהנטער קאַפּיטעל.

## די איבערגאַנגס־צייט.

.(1750 — 1795)

§55. **משה מענדעלסאָן.** די צווייטע העלפט פון 18טען יאָהרהונדערט איז פאַר די אידען געווען אַ צייט פון איבערגאַנג פון דעם אַלטען לעבען צו אַ נייעם. אין דער געבילדעטער געזעל־שאַפט פון מערב־אייראָפּא האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבען אָן אויפ־קלערונגס־בעוועגונג, וועלכע האָט געשטרעבט צו בעפרייען דעם מענשליכען געדאַנק פון די פאָראורטיילען פון מיטעלאַלטער. אין פראַנקרייך איז אויפגעשטאַנען אַ דור פון שרייבער און דענקער, וועלכע האָבען געפאָדערט די פרייהייט פון געדאַנק און געוויסען פאַר אַלעמען, ד. ה. יעדער איינער זאָל האָבען די פרייהייט ארויס־צוזאָגען און צו פערדיגען זיינע איבערצייגונגען, אפילו ווען זיי געהען געגען די אַלגעמיין־אָנגענומענע מיינונגען (וואָלטעיר, די־דעראָ, רוסאָ, די ענציקלאָפּעדיסטען). דיזע פרייע געדאַנקען וואָס זיינען אויפגעקומען אין פראַנקרייך האָבען געפונען אַ סך אָנהענגער

אין דייטשלאַנד. צווישען די אָנהענגער פון אויפקלערונג איז אויך געווען דער פּרייסישער קעניג פרידריך דער 2טער, וועלכער פלעגט זאָגען אַז ער ערלויבט יעדען איינעם פון זיינע אונטערטאַנען צו רעטען זיין נשמה לויט זיינע איינענע רעליגיעזע איבערצייגונגען. אין אמת׳ן אָבער האָט פרידריך ניט געוואָלט פאַרלייכטערען די שווערע לאַגע פון טויזענדע פון זיינע אונטערטאַנען, וועלכע האָבען געגלויבט אין דער אידישער רעליגיאָן. ער האָט די אידען ניט געגעבען קיינע בירגער־רעכט, און ער האָט נאָר ערלויבט פאַר־מעגליכע אידישע סוחרים צו וואוינען אין פּרייסען, בתנאי אַז זיי זאָלען דערפאַר צאָלען גרויסע שטייערען. אין דער פּרייסישער הויפּטשטאָדט בערלין האָט זיך דעמאָלט געפונען אַ קליינע אידישע קהילה. קיין אָרימע אידען פון אַנדערע ערטער האָט מען ניט אריינגעלאָזען אין דיזער שטאָדט, אָבער זיי פלעגען אריינדרינגען אהין בשתיקה. אויף אַזאַ אופן האָט זיך איינמאָל דערשלאָגען קיין בערלין אַן אָרימער אידישער אינגעל פון דער שטאָדט דעסוי, וועל־כען עס איז שפּעטער בעשערט געווען צו שפּיעלען אַ גרויסע ראָלע ביי אידען ווי אויך ביים דייטשען פאָלק. דאָס איז געווען משה מענדעלסאָן.

משה מענדעלסאָן איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1729, אין דעסוי, ביי אַן אָרימען סופר, מיט׳ן נאָמען מענדעל. אונטער דער השגחה פון זיין פאָטער האָט ער ערלערנט די העברעאישע שפּראַך און דעם תנ״ך, און תלמוד האָט ער געלערנט ביים רב פון שטאָדט ר׳ דוד פרענקל. דער יונגער משה האָט געלערנט מיט גרויס התמדה, און ווען זיין רבי פרענקל איז גערופען געוואָרען צו פאַרנעמען דעם שטול פון רבנות אין בערלין האָט זיין 14־יעהריגער תלמיד איהם נאָכגעפאָלגט אהין. אין בערלין האָט דאָס אָרימע אינגעל געלעבט אין אַ דאַך־שטיבעל און געליטען שרעקליכע נויט, אָבער ער האָט ניט אויפגעהערט צו לערנען מיט זיין געוועהנ־ליכער התמדה. די פילאָזאָפישע ספרים פון דעם רמב״ם האָבען אויפגעוועקט אין איהם דעם גייסט פון פרייען פאָרשען. זיין אָרימע נאָהרונג און דאָס אָנגעשטרענגטע לערנען האָבען שטאַרק אָבגע־שוואַכט זיין אָרגאַניזם; פון שטענדיגען זיצען האָט ער זיך אויס־געקרימט די פּלייצע און איז געוואָרען אַ הויקער. אָבער ער

האָט זיך ניט געקימערט פון זיינע קערפּערליכע פעהלערען, און האָט ארויסגעוויזען אונגעוועהנליע גייסטיגע פעהיגקייטען. עס האָט זיך איהם פערוואָלט צו בערייכערען זיין געדאנק אויך מיט יענע וויסענשאפטליכע און פילאָזאָפישע לעהרען, וועלכע האָבען פאר'ן אידישען קינד זיך דעמאָלט גערעכענט פאר איבעריג און אפילו געפעהרליך. ער האָט געלערנט מאטעמאטיק, לאטיין און מאָדערנע שפּראכען און האָט פלייסיג געלייענט די פראנצויזישע און דייטשע ליטעראטור. אין גיכען האָט מענדעלסאָן באַקראגען א שטעלע אלס הויז-לעהרער ביי א רייכען אידישען פאבריקאנט אין בערלין, און שפּעטער—אלס פערוואלטער אין זיין קאנטאָר. זייענדיג איצט בעזאָרגט מיט פּרנסה האָט ער זיין גאנצע פרייע צייט געווידמעט צו גייסטיגער ארבייט.

אן ענטשיידענדע איבערקערעניש אין מענדעלסאָנ'ס לעבען האָט געמאכט זיין בעקאנטשאפט מיט דעם גרויסען דייטשען שריפטשטעלער לעסינג (1754). לעסינג וועלכער האָט נאָך אין איינער פון זיינע יוגענד-דראמען („די אידען") געבראנדמארקט די פאָראורטיילען פון זיינע דייטשע פאָלקסברידער געגען די אידען, האָט געפונען אין מענדעלסאָנ'ען דעם שעהנסטען פאָרשטעהער פון אידישען פאָלק. צווישען די צוויי יונגע מענשען האָט זיך פאר־בונדען א שטארקע פריינדשאפט, וועלכע איז געוועזען בעגרינדעט אויף עהנליכע גייסטיגע און מאָראלישע שטרעבונגען. דיזע פריינד־שאפט האָט געהאט א גוטע ווירקונג אויף דער ענטוויקלונג פון זיי ביידען. לעסינג האָט אריינגעפיהרט מענדעלסאָנ'ען אין דעם קרייז פון זיינע געבילדעטע קריסטליכע חברים און האָט געמאכט א וועג פאר זיין ליטערארישען נאָמען. ווען מענדעלסאָן האָט איהם איינ־מאָל געגעבען איבערקוקען זיינעם א כתב־יד מיט'ן נאָמען „פילאָ־זאָפישע שמועסען" האָט לעסינג אָהן זיין וויסען עס אָבגעדרוקט (1755). דאָס בוך האָט אויסגענומען ביים עולם, וואָרום עס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט א קלאָרען סטיל און א פּראכטפאָלען דייטש. מענדעלסאָנ'ס רוהם איז בעזונדערס אויסגעוואקסען ווען עס האָט זיך בעוויזען זיין בוך „פעדאָן", וואו, אין דער פאָרמע פון געשפּרעכען צווישען דעם פילאָזאָף סאָקראטעס און זיין תלמיד פעדאָן, ווערט בעוויזען אז די נשמה איז אונשטערבליך. דאָס

ראָזיגע בוך איז אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס בעגייסטערונג אין דער גאַנצער געבילדעטער געזעלשאַפט, און מען האָט וועקגעשטעלט מענדעלסאָנ'ען אין איין שורה מיט דייטשלאַנד'ס בעסטע שרייבער. בעריהמטע שרייבער פלעגען זוכען די בעקאַנט־שאַפט פון מענדעלסאָנ'ען. זיין הויז איז געוואָרען דער צענטער פאַר די געבילדעטע מענשען פון בערלין; דאָרט פלעגען גע־פיהרט ווערען הייסע וכוחים וועגען די העכסטע פילאָזאָפישע און מאָראַלישע פראַגען, וואָס האָבען בעשעפטיגט דעם רעמאָלדיגען דור. מענדעלסאָן האָט געקראָגען דעם נאָמען „דער אידישער סאָקראַטעס".

פאַרנעהמענדיג אַ גרויסען אָרט אין דער דייטשער געזעלשאַפט האָט מענדעלסאָן פונדעסטוועגען ניט פאַרגעסען וועגען די אינטע־רעסען פון זיין פאָלק. אויב די ערשטע יאָהרען פון זיין ליטעראַ־רישער טהעטיגקייט זיינען געוועזען געווידמעט צו אַלגעמיין־פילאָ־זאָפישע אַרבייטען, איז זיין גאַנצע שפּעטערדיגע טהעטיגקייט געוועזען געווידמעט צו פערשטאַרקען און בעגייען דאָס יודענטום. פאָלגענדער צופאַל האָט געצוואונגען מענדעלסאָנ'ען אַרויסצוטרעטען אַלס קעמפּפער פאַר'ן יודענטום. צווישען זיינע בעקאַנטע איז גע־ווען אַ בעוואוסטער גלח לאַוואַטער, וועלכען עס האָט זיך זעהר שטאַרק געגלוסט צו מאַכען דעם אידישען פילאָזאָף פאַר אַ קריסט. לאַוואַטער האָט איבערגעדרוקט אַ בוך „בעווייזע פון דער וואַרהייט פון קריסטענטום". דעם דאָזיגען בוך האָט דער פערפאַסער געווידמעט צו מענדעלסאָנ'ען, און אין דער געדרוקטער ווידמונג האָט ער איהם פאָרגעלעגט ער זאָל ענטוועדער צושלאָגען די בעווייזע פון דעם בוך אָדער אָננעהמען דאָס קריסטענטום. דיזע אַרויספאָדערונג האָט מענדעלסאָנ'ען אויפגעבראַכט. ער האָט געדרוקט אַ „זענדשרייבען צו לאַוואַטער" אין וועלכען ער האָט שטאָלץ ערקלערט, אַז ער איז שטענדיג געוועזען און וועט בלייבען געטריי דער אידישער אמונה, וואָס אין איהר חכמה און געטליכקייט איז ער טיעף איבערצייגט, און אַז עס איז ניט עהרליך ווען איינער בייט זיין גלויבען אָדער רעדט־אָן אנדערע אַזוי צו טהאָן.

מענדעלסאָנ'ס הויפּט־אויפגאַבע איז בעשטאַנען ניט אין פאַר־טיידיגען די אידען געגען דער דרויסענדיגער וועלט, נאָר ער האָט געוואָלט בעגייען זייער אינעווייניגסטען לעבען און צופּאַסען זיי צום



Moses Mendelssohn

אייראָפּעאישען פּראָגרעס. ער האָט געשטרעבט צו מאַכען ברייטער דעם גייסטיגען האָריזאָנט פון זיינע ברידער און אויסגלייכען די אידישע רעליגיעזע אנשויאונגען מיט די אנשויאונגען פון דער פּי־לאָזאָפיע. ער האָט געזעהן ווי די אידען האָבען זיך דערווייטערט פון דעם תנ״ך, זיך אָבגעבענדיג כמעט אויסשליסליך מיט לערנען דעם תלמוד, און ווי אזוי דער תנ״ך פלעגט אָפט געטייטשט ווערען אזוי, אז דער קלאָרער געדאנק פון זיינע ווערטער איז פערדרונקעלט געוואָרען. דעריבער האָט ער, אזוי ווי לוטהער, בעשלאָסען אָנצו־פאנגען די איבערבילדונג פון פאָלק מיט אן איבערזעצונג פון תנ״ך. ער האָט איבערזעצט אין דייטש דעם חומש, זיך האַלטענדיג שטרענג צו די ווערטער פון אָריגינאַל, און דערנאָך האָט ער, מיט דער הילף פון אנדערע חברים, געמאַכט אין העברעאיש א פּירוש צום חומש, דעם „ביאור“, וועלכער איז בעגרינדעט אויפ׳ן גראַמאַטישען און לאָגישען געדאנק פון די ווערטער, אָהן א שום צומיש פון קינסט־ליכע טייטשען. מענדעלסאָנ׳ס איבערזעצונג און פּירוש פון דער תורה איז ערשינען אין יאָהר 1783 און האָט ארויסגערופען פרייד צווישען די ליעבהאָבער פון אויפקלערונג, אָבער אונצופריעדענקייט ביי די רבנים, וועלכע האָבען געזעהן אין דער דאָזיגער „תורה“ א געפעהרליכע אפּיקורסות. די דייטשע רבנים זיינען ארויסגע־טראָטען מיט שאַרפע פּראָטעסטען נעגען די „בערלינער“, ד. ה. מענדעלסאָן און זיינע חברים, און האָבען בעפעהלען צו פערניכטען די ספרים מיט זיין איבערזעצונג און פּירוש. אין מאַנכע שטעדט האָט מען ווירקליך געברענט דעם בערלינער תנ״ך. אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפען. א סך יונגעלייט האָבען זיך צוגעחאַפּט צו דער איבערזעצונג און דעם ביאור, וועלכער איז פאַר זיי געוואָרען א קוואַל פון אויפקלערונג: זיי פלעגען לערנען מענדעלסאָנ׳ס „ביאור“ בעהאַלטענערהייד, און פלעגען זיך פון איהם בעקענען מיט׳ן דקדוק פון דער העברעאישער שפּראַך, מיט דער פּאָעזיע פון תנ״ך און מיט דער געשיכטע; אויך מענדעלסאָנ׳ס איבערזעצונג האָבען זיך א סך געלערנט די דייטשע שפּראַך, וועלכע האָט זיי געגעבען דעם שליסעל צו דער דייטשער ליטעראַטור און האָט זיי אריינגע־פיהרט אין דער וועלט פון דער פרייער בילדונג און פילאָזאָפיע. נאָכ׳ן חומש האָט מענדעלסאָן ארויסגעגעבען אין דעם זעלבען גייסט

דעם תהלים און אנדערע ספרים פון תנ"ך. די גאנצע אונטער־נעהמונג איז פארענדיגט געוואָרען שוין דורך מענדעלסאָנ'ס תלמידים.

אין איינעם פון זיינע לעצטע ווערק, געשריבען אין דייטש („ירושלים"), וויל מענדעלסאָן בעווייזען אז דאָס אידענטום פאָ־דערט ניט פון זיינע אָנהענגער בלינדען גלויבען, נאָר צו פארשטעהן די היסטאָרישע און מאָראַלישע געזעצען און זיי אָבהיטען. דער גרויסער דייטשער פילאָזאָף קאַנט האָט בעגריסט די ערשיינונג פון „ירושלים" אלס אן אָנפאנג פון אן אלגעמיינער רעפאָרם פון רעליגיאָן. לעסינג האָט אין דעם העלד פון זיין בע־ריהמטער דראמא „נאטהאן דער ווייזע" געשילדערט זיין חבר מענדעלסאָן. נאָך א קורצען אָבער פרוכטבארען לעבען איז מענ־דעלסאָן געשטאָרבען (1786) און איז ביטער בעוויינט געוואָרען פון פיעלע חברים און פארעהרער.

§56. מענדעלסאָנ'ס שולע; דער קאַמפּף פאַר השכלה. מענדעלסאָן האָט בעלאנגט צו יענעם קלאַס שרייבער, וועלכע וויר־קען אויף זייער דור ניט אזוי מיט זייערע ביכער ווי מיט זייער פערזענליכען איינפלוס. מענדעלסאָנ'ס טהעטיגקייט אין זיין קרייז, אלס פיהרער, איז געוועזען נאָך וויכטיגער פון זיין ליטעראַרישער טהעטיגקייט. ער האָט געקענט בעגייסטערען זיינע פריינד און תלמידים און וועקען זיי צו ארבייטען לטובת הכלל. „מענדעל־סאָנ'ס קרייז" האָט זיך געשטעלט צוויי הויפּט־ציעלען: צו איבער־בויען די אידישע קינדער־ערציהונג און אויפלעבען די העברעאישע ליטעראַטור. דער פונדאַמענט צו דער פאַרווירקליכונג פון די דאָ־זיגע צוויי ציעלען איז געלעגט געוואָרען נאָך ביי מענדעלסאָנ'ס לעבען. לויט דעם פּלאַן פון זיין חבר און מיטארבייטער דוד פרידלענ־דער איז געגרינדעט געוואָרען אין בערלין, אין יאָהר 1778, די ערשטע „אידישע פרייע שולע", אין וועלכער מען האָט געלערענט אויף דייטש אלגעמיינע געגענשטאַנדען, העברעאישען דקדוק און תנ"ך. די נייע „שולע" האָט עס גערארפט אויסבעסערען די חסרונות פון דעם אלטען „חדר", וואו מען פלעגט נאָר לערנען תלמוד.

די שולע איז געגרינדעט געוואָרען פאַר'ן יונגען דור. אָבער צו ערציהען די דערוואקסענע האָבען זיי געארבייט דורך דער

ליטעראַטור. עס איז נויטיג געווען אַרויסצושטויסען די פּאַרגרייזטע העברעאישע שפּראַך וואָס איז דעמאָלט געברויכט געוואָרען אין די ספרים, און אויפלעבען צוריק די ריינע שפּראַך פון תנ"ך. האָבען מענדעלסאָנ'ס תלמידים געגרינדעט אין 1783, אין בערלין, אַ „חברת חובבי שפת עבר" און האָבען אָנגעהויבען אַרויסגעבען אַ זשורנאַל מיט'ן נאָמען „המאסף" (דער זאַמלער). אין דיזען זשורנאַל פלעגען קומען לירישע און דידאַקטישע שירים אין העברעאיש, מאמרים איבער וויסענשאַפטליכע ענינים, פאָרשונגען אין העבראַישען דקדוק און העברעאישער ליטעראַטור, איבערזעצונגען פון מוסטערען פון דער דייטשער און פראַנצויזישער ליטעראַטור. אין אַלגעמיין האָט דער זשורנאַל דערמאָנט צום טייל די היינטיגע זשורנאַלען פאַר דער יוגענד, נאָר טאַקע דערפאַר האָט ער געהאַט ערפאָלג ביי דעם דעמאָלדיגען עולם. די מיטאַרבייטער פון זשורנאַל זיינען געווען מענדעלסאָנ'ס חברים און תלמידים — אייכעל, וויזעל פרידלענדער און אַנדערע.

איינער פון מענדעלסאָנ'ס בעסטע מיטאַרבייטער איז געווען נפתלי־הערץ וויזעל (ווייזעלי) פון האַמבורג (1726—1805). וויזעל האָט זעהר פיעל מיטגעהאָלפען ביים צוזאַמענשטעלען דעם „ביאור". נאָך פריהער האָט ער צוגעצויגען צו זיך אויפמערקזאַמקייט מיט זיין זעלטענער אָבהאַנדלונג וועגען דער העברעאישער שפּראַך („הלבנון" אָדער „גן־נעול"). נאָך דיזען ווערק זיינען געקומען אַנדערע און אַ רייהע אַרטיקלען און ליעדער אין „המאסף". וויזעל האָט געשריבען אַלע זיינע ווערק אין דער ניי־אויפגעלעבטער ביבלישער שפּראַך, בעת מענדעלסאָן האָט געשריבען מעהרסטענס אין דייטש. וויזעל'ס גרויסע פּאָעמע „משה" (אין „שירי תפארת") בעזינגט משה'ס גרויסע טהאַטען און יציאת מצרים אין שטאַרקע ביבלישע פערזען, וועלכע די העברעאישע פּאָעזיע האָט שוין לאַנג ניט אַרויסגעגעבען. נאָר מעהר פון אַלץ האָט זיך וויזעל בעריהמט געמאַכט מיט זיין קאַמפּף געגען די רבנים, וועלכע האָבען אָנגעהויבען רודפ'ן די נייע השכלה אין עסטרייך.

אין עסטרייך האָט געהערשט דער אויפגעקלערטער קעניג יאָזעף דער 2טער (1780—90). דיזער קעניג האָט געוואָלט פאַרבעסערען די לאַגע פון די אידען אין זיין קעניגרייך און האָט פער־

אָרדענט אז עס זאָלען געגרינדעט ווערען אידישע אָנפאנגס־שולען וואו מען זאָל לערנען אַלגעמיינע למודים און די דייטשע שפּראך. דיזער בעפעהל האָט ארויסגערופען א גרויסען שטורם צווישען די אידען פון עסטרייך, בעהמען און פּוילישען גאַליציען, וועלכע איז דעמאָלט צוגעשלאָסען געוואָרען צו עסטרייך. די פרומע אידישע מאסע און איהרע גייסטיגע פיהרער האָבען מורא געהאט, אז די נייע שולען וועלען אָבציהען דאָס פאָלק פון לערנען תורה און גמרא. אנדערש האָבען געקוקט דערויף מענדעלסאָנ׳ס אנהענגער, אָדער די „משכילים”. זיי האָבען בעגריסט קעניג יאָזעפ׳ס בעפעהל, אלס אן אָנפאנג פון א ליכטיגער צייט אין דעם לעבען פון די אידען. ווייזעל האָט אָנגעשריבען א לויב־געזאנג לכבוד דעם „קעניג־בע־פרייער”. דערהערענדיג אז די רבנים זיינען ניט צופריעדען מיט די רעפאָרמען פון קעניג יאָזעף, האָט זיך ווייזעל געווענדט צו די עסטרייכישע אידען מיט א שריפט, וואָס איז אָבגעדרוקט געוואָרען אין בערלין אין יאָהר 1782 אונטער׳ן נאָמען „דברי שלום ואמת”. אין דיזער שריפט האָט ער ווארעם געבעטען אז די אידען זאָלען בעגריסען די גוטע פעראָרדנונגען פון דעם קעניג און האָט געוויזען אז אפילו פון דעם רעליגיעזען שטאנדפונקט איז א חוב אויף יעדען אידען צו האָבען אַלגעמיינע בילדונג און צו קענען די לאנדסשפּראך, ווארום אָהן א בעקאנטשאפט מיט די נאטור־וויסענשאפטען, גע־שיכטע און געאָגראפיע קען מען ניט פארשטעהן גוט דעם תלמוד און בכלל דעם גייסט פון יודענטום. ווייזעל׳ס שריפט האָט געפונען אן אָבקלאנג בלויז ביי די אידען פון טריעסט, וועלכע זיינען געווען מעהרסטענס איטאליענישע אידען; אָבער אין די אנדערע ערטער האָט זי ארויסגערופען א שטורם פון אונצופריעדענקייט צווישען דער פרומער קלאַס. דער הויפּט רב פון פּראג ר׳ יחזקאל לאנדוי פלעגט האלטען אין די שוהלען פייערדיגע דרשות געגען די פריידענקער. מען האָט די משכילים ערקלערט קריעג; מען פלעגט זיי לעגען אין חרם און אין ליס האָט מען ווייזעל׳ס שריפט פארברענט אין דער עפענטליכקייט. דעמאָלט האָט ווייזעל אָבגעדרוקט א צווייטע שריפט, אין וועלכער ער האָט זיך פערטיידיגט געגען דער בע־שולדיגונג אין אפּיקורסות און האָט ווידער בעוויזען אז אַלגע־מיינע בילדונג און די אידישע רעליגיאָן הארמאָנירען. נאָכדעם

זיינען די אטאקען אויף ווייזעל'ן אָבגעשטעלט געוואָרען; אָבער דער קאמפּף צווישען די משכילים און זייערע געגנער האָט נאָך געדויערט אַ סך יאָהר.

§57. די היידאמאקען און די צוטיילונג פון פּוילען. בשעת אין מערב־אייראָפּא איז אויפגעגאנגען דער מאָרגען־שטערן פון אַ נייַ לעבען האָט אין פּוילען געהערשט די אלטע אונאָרדנונג, וועלכע האָט געבראכט דאָס לאנד צום אונטערגאנג. פאר'ן לעצטען קעניג סטאניסלאוו־אויגוסט (1764) איז פּוילען געוואָרען אונטער־טעניג צו איהרע שטארקע שכנים, איבערהויפּט רוסלאנד. אינ־וועניג אין לאנד האָט זיך די אונאָרדנונג געשטארקט, דער קאמפּף צווישען די פארשיידענע קלאסען און אמונות האָט זיך פארשארפט, די רעכט פון די אידען און די „דיסידענטען" (ד. ה. קריסטען וואָס זיינען ניט קיין קאטאָליקען) זיינען בעגרענצט געוואָרען. די לאגע פון די אידען איז בעזונדערס שווער געווען אין פּאָדאָליען, וואָלין און יענעם טייל פון אוקריינא, וועלכע איז געבליבען ביי פּוילען. דאָ האָבען זיך די אידען ווידער געפונען צווישען צוויי פייערען: צווישען די זעלבסטהערשענדע פּוילישע „פּאנעס" און די פאר־שקלאפטע פּראוואָסלאווע פּויערים. אין דער ערשטער העלפט פון 18טען יאָהרהונדערט האָבען זיך צווישען דיזע פּויערים אָנגעהויבען אונרוהען, וועלכע האָבען דערמאָנט אָן חמעלניצקי'ס צייטען. אנט־לאָפענע פּויערים פלעגען זיך פאראייניגען מיט די קאזאקען פון דעם רוסישען טייל פון דער אוקריינא און מיט די „זאפּאָראָזשצעס" און זיי האָבען געבילדעט פרייע באנדעס „היידאמאקען" (ד. ה. פלינקע, געשיקטע אין לויפען). די היידאמאקען פלעגען מאכען רויבערישע אָנפאלען דאָ אויף פּריצישע גיטער, דאָ אויף אידישע שטעדטלעך. פון אָנפאנג זיינען דיזע אָנפאלען געווען צופעליג און זעלטען, נאָך דערנאָך זיינען זיי געוואָרען עפטער און זיי האָבען אָנגענומען דעם כאראקטער פון אַ שרעקליכען פאָלקס־אויפשטאנד. דער שטורם פון דעם פאָלקס־אויפשטאנד האָט זיך צושפּיעלט אין יאָהר 1768.

אין יענער צייט איז אָנגעגאנגען אַ סכסוך צווישען פּוילען און רוסלאנד איבער דער פּראוואָסלאווער בעפעלקערונג פון פּוילען, פאר וועלכער רוסלאנד האָט געפאָדערט גלייכע רעכט. די קאטוי־

לישע גלחים האָבען מיט אַלע קרעפטען געקעמפפט געגען גלייכ־בערעכטיגונג פאר ניט־קאטאָליקען, און די פּראַוואָסלאַווגע גלחים האָבען געררייצט די רוסישע אוקריינער צו א בונט. אין פאָלק איז אומגעגאנגען פון האנד צו האנד א פאַלשער בעפעהל פון דער קעניגין יעקאַטערינא דער 2טער, אין וועלכען עס איז בעפעהלט געוואָרען „אומצוברענגען די ליאכען און אידען" אין דער אוקריינא. בראש פון דער נייער בעוועגונג פון די היידאמאקען איז געשטאַנען דער קאָזאק זשעלעזניאק. זשעלעזניאק'ס רויבער־באַנדעס האָבען געבושעוועט אין די געגענדען פון קיעוו, פּלעגען הרג'ענען פּריצים און אידען און פארניכטען שטעדטלעך און די פּריצישע גיטער. די היידאמאקען פּלעגען אָפט אויפהענגען אויף איין בוים צוזאמען א פּאָלאַק, א אידען און א טויטען הונט, און אויפ'ן בוים פּלעגען זיי אָנשרייבען: „ליאך, איד און הונט—דאָס איז אַלץ איין אמונה". (ליאך, זשיד דא סאָבאקא — ווסיאָ ווערא אָדנאקא). בערויבענדיג די אידען אין עטליכע שטעדטלעך איז זשעלעזניאק אוועק מיט זיינע באַנדעס צו דער בעפעסטיגטער שטאָדט אומאַן, וואוהין עס זיינען זיך פון אַנהויב פון דעם אויפשטאַנד צונויפגע־לאָפען איבער צעהן טויזענד פּאָלאַקען און אידען. דערהערענדיג אז די היידאמאקען קומען אָן האָט דער פּוילישער גובערנאטאָר פון אומאַן ארויסגעשיקט געגען זיי זיין קאָזאַקישען חיל אונטער דער קאָמאנדע פון איינעם גאָנטא. נאָר גאָנטא, וועלכער איז אַליין געווען א פּראַוואָסלאַוונער און א קאָזאק, האָט פעררראטען די פּאָ־לאַקען און האָט זיך פאראייניגט מיט זשעלעזניאק'ן. דעם 18טען יולי 1768 זיינען ביידע פיהרער פון די היידאמאקען אונטערגע־קומען צו אומאַן. פון אָנפאנג האָט זיך די שטאָדט פארטיידיגט. די פּאָלאַקען און די אידען האָבען צוזאמען געארבייט אויף דער פעסטונגס־וואַנט, שיסענדיג אויף די בעלאַגערער פון הארמאַטען און ביקסען; נאָר איינהאַלטען די שטאָדט איז זיי ניט געלונגען. ווען די היידאמאַקען האָבען זיך ארייגעריסען אין שטאָדט האָבען זיי זיך פריהער פון אַלץ געוואָרפען אויף די אידען, וועלכע זיינען אומגעלאָפען אין שרעק איבער די גאַסען: מען פּלעגט זיי טויטען מיט גרויס אכזריות, טרעטען אונטער די פיס פון די פערד און אַרונטערוואַרפען פון די דעכער פון הויכע געביידען; קינדער פּלעגט

מען ארויסשטעכען אויף שפּיזען און פּרויען פּלעגט מען פּייניגען. א מאַסע אידען, ארום דריי טויזענד אין צאָל, האָט זיך פאַרשפּאַרט אין דער גרויסער שוהל. די היידאַמאַקען האָבען אַנגעשטעלט אַנט־קעגען דער טיר א האַרמאַט, האָבען די טיר אויפגעריסען און דאַן זיך אַריינגעריסען אינוועניג און פערוואַנדעלט די שוהל איז א יאַטקע. פאַרטיג געוואָרען מיט די אידען האָבען די היידאַמאַקען זיך גענומען צו די פּאָלאַקען; א סך האָבען זיי אויסגעקוילעט אין קלויסטער; דער גובערנאַטאָר און אַלע פּריצים זיינען גע׳הרג׳עט געוואָרען. די גאַסען פון שטאָדט זיינען געווען פאַרזייהט מיט טויטע אָדער פאַרפּייניגטע קערפּער. ארום צוואַנציג טויזענד אידען און פּאָלאַקען זיינען אומגעקומען אין דער צייט פון דער „אומאַנער שחיטה“. אין דערזעלבער צייט האָבען קלענערע באַנדעס היידאַ־מאַקען אומגעבראַכט די פּאָלאַקען און אידען אין אַנדערע שטעדט פון קיעוו און פּאָדאָל, ווי צום ביישפּיעל, פאַסטאָר, זשיוואָטאָוו, טולטשין. דאָרט וואו אמאָל האָט געבושעוועט די ארמיי פון חמעל־ניצקי׳ן, האָט זיך ווידער געגאָסען אידיש בלוט און עס האָבען זיך געהערט די געשרייען פון מאַרטירער. אָבער דאָס מאָל האָט די שחיטה ניט געדויערט לאַנג. אי דער רוסישער אי דער פּוי־לישער חיל האָבען זיך שטאַרק גענומען צו דערשטיקען דעם אויפ־שטאַנד. שוין אין גיכען נאָך דער אומאַנער שחיטה זיינען זשע־לעזניאַק און גאָנטאַ גענומען געוואָרען געפאַנגען פון דעם רוסישען חיל. גאָנטאַ און זיין מחנה זיינען איבערגעגעבען געוואָרען צו דער פּוילישער רעגירונג און ער האָט בעקומען א שרעקליכע שטראָף: מען האָט פון איהם אראָבגעצויגען די הויט פּאַסענווייז און דער־נאָך צופערטעלט.

אין גיכען איז פּוילען צופאַלען און איז ביסלעכווייז צוטיילט געוואָרען צווישען די שכנישע מלוכות. אָנפאַנגענדיג מיט׳ן יאָהר 1772 האָבען רוסלאַנד, עסטרייך און פּרייסען געטיילט פּוילען צווישען זיך דריי מאָל. די לעצטע צוטיילונג איז פאָרגעקומען אין יאָהר 1795. רוסלאַנד האָט געקראָגען ווייס־רוסלאַנד, ליטאַ, וואָלין און פּאָדאָליען און שפּעטער אויך די אינוועניגסטע פּוילישע פּראָ־ווינצען (די „ווייכסעל פּראָווינצען“); עסטרייך האָט געקראָגען גאַליציען אָדער רויט־רוסלאַנד, און פּרייסען—פּאָמעראַניען און

פּאָזען. אין פערלויף פון צוויי צעהנדליג יאָהר זיינען די צאָלרייכע פּוילישע אידען פערוואנדעלט געוואָרען אין רוסישע, עסטרייכישע און פּרייסישע אונטערטאַנען. דער גרעסטער טייל פון דיזער מאַסע אידען איז אַרונטער אונטער רוסלאַנד.

**§58. די אידען אין רוסלאַנד אין פּעטער׳ס צייטען.** די הערשער פון דער אַלטער מאָסקווער רוסלאַנד האָבען בשום אופן ניט אריינגעלאָזט קיין אידען אין זייערע לענדער. די רוסען פון יענער צייט האָבען ניט ליעב געהאַט קיין פרעמדע בכלל, און די אידען בפרט, אלס ניט־קריסטען, וועלכע האָבען אַמאָל געבראַכט אין זייער לאַנד די „אידישע אפּיקורסות״. אידישע סוחרים פון פּוילען און ליטאָ פּלעגען קומען קיין רוסלאַנד בלויז צייטווייליג וועגען געשעפט, אָבער שטענדיג דאָרט וואוינען האָבען זיי ניט געקענט. ווען דער רוסישער צאַר איוואַן גראָזני האָט איינגענומען ביי די פּאָליאַקען די שטאָדט פּאָלאָצק האָט ער בעפעהלען אויסצו׳שמד׳ן אַלע אידען, און די וואָס ווילען ניט זיך שמד׳ן—דערטרינקען אין דער דווינאַ (1563). צאַר אַלעקסיי מיכיילאָוויטש האָט ארויסגעטריבען די אידען אפילו פון די ליט־ווישע און ווייס־רוסישע שטעדט, וואו זיי האָבען זיך בעזעצט צייט־ווייליג (§52). אין די קליין־רוסישע פּראָווינצען וואָס רוסלאַנד האָט דעמאָלט צוגעשלאָסען צו זיך, האָבען די אידען אויך ניט געהאַט קיין בעשטענדיגען וואוינרעכט. ערשט פּאַר פּעטער דעם גרויסען און זיינע נאָכפאָלגער האָבען די אידען אָנגעהויבען אריינ־צודרינגען אין מאַסען אין די רוסישע געגענדען, וואָס האָבען זיך געגרעניצט מיט פּוילען, איבערהויפּט אין קליין־רוסלאַנד. כל־זמן פּעטער האָט געלעבט האָט מען זיי ניט געטשעפּעט; אָבער נאָך זיין טויט, פּאַר יעקאַטערינאַ דער 1טער, איז אַרויס אַ בעפעהל ארויסצוטרייבען איבער׳ן גרעניץ (ד. ה. קיין פּוילען) אלע אידען פון קליין־רוסלאַנד (1727). ניט קוקענדיג אויף די אלע פאַרבאָטען פּלעגען אידישע סוחרים אלץ קומען קיין רוסלאַנד פיר געשעפט. אין יאָהר 1743 האָט דער סענאַט אין פּעטראָגראַד (דעמאָלט פּע־טערבורג) געבעטען די קעניגין עליסאַוועטאַ פּעטראָוונאַ אַריינצו־לאָזען אידען צו האַנדלען אין קליין־רוסלאַנד, בעווייזענדיג אַז די אידישע סוחרים ברענגען גרויס נוצען דעם לאַנד. נאָר די קעניגין

האָט אָנגעשריבען אויף דער ביטע פון דעם סענאט פאָלגענדען ענטפער: „פון קריסטוס'עס שונאים וויל איך ניט קיין נוצען". ערשט אין דער צייט פון יעקאטערינא דער 2טער (1762—96) איז א גרויסע מאסע פוילישע אידען ארונטער אונטער דער הערשאפט פון רוסלאנד, דורך דער צוטיילונג פון פוילען און דורך דער צושליסונג פון א רייהע לענדערייען איהרע צו דער רוסישער מלוכה.

די בעציהונגען פון יעקאטערינא'ן צו די אידען, וועלכע זיינען ארונטער אונטער דער רוסישער ממשלה, זיינען ניט געווען קיין בעשטענדיגע. האלטענדיג די אידען פאר נוצליך פאר'ן האַנדעל האָט יעקאטערינא זיי ערלויבט זיך צו בעזעצען אין דער פראווינץ פון ניי־רוסלאנד, וועלכע איז ערשט ניט לאנג איינגענומען גע־וואָרען און האָט זיך גענויטיגט אין בעפעלקערונג. אָבער אין די עכט־רוסישע פראָווינצען פון גרויס־רוסלאנד האָבען זיי, ווי פריהער, ניט געהאט קיין וואוינרעכט. בשעת די פארשיידענע טיילען פון פוילען זיינען אריבער צו רוסלאנד האָט די רוסישע רעגירונג מבטיח געווען די אידען וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען אז זייערע רעכט, וואָס זיי האָבען געגאָסען פריהער, וועלען ביי זיי ניט צוגענומען ווערען. אין אמת'ן אָבער איז זייער לאגע ערגער געוואָרען. זייערע האנדעלס־רעכט אין די שטעדט און דערפער זיינען בעגרענצט גע־וואָרען און זייערע שטייערען זיינען געהעכערט געוואָרען. אין 1794 איז אַרויסגעגעבען געוואָרען א בעפעהל צו נעהמען ביי די אידען, וועלכע טרעטען אריין אין בירגער אָדער האנדעלס־שטאם, צוויי מאָל אזוי פיעל ווי ביי קריסטען. פון דיזער גזרה זיינען נאָר פטור געווען די קאראימען (1795), וועלכע די רוסישע רעגירונג האָט דוקא בעשיצט. די אונטערדריקונג פאר בעלאַנגען צו דער אידישער נאציאָן און רעליגיאָן איז דורכגעפיהרט געוואָרען מיט דער זעלבער קראפט אין דעם גאַנצען געביי פון דער געזעצגעבונג. די אידען האָט מען ניט גערעכענט פאר עכטע בירגער פון לאנד און זיי האָבען ניט גענאָסען אַלע בירגערליכע רעכט. די זעלבע לאגע איז פאָרטגעזעצט געוואָרען אין רוסלאנד אויך אין דער נייערער צייט.

§59. ר' ישראל בעל־שם טוב און דער חסידיזם. אין דער צייט ווען די פוילישע אידען זיינען ארונטער אונטער דער ממשלה פון פוילען איז פאָרגעקומען צווישען זיי א גרויסע רע־

ליגיעזע בעוועגונג, וועלכע האָט זיך אונטערשיידט אי פון דעם אַלטען רבניזם אי פון דער נייער בערלינער השכלה. אין פאָלק זיינען געווען אַ סך וואָס האָבען זיך ניט בענוגענט מיט'ן רבניזם, וועלכע איז בעשטאַנען אויף לערנען תלמוד און שטרענג אָבהיטען די אויסערליכע צערעמאָניעס. אויך די השכלה איז ניט געווען צוגענגליך פאַר די גרויסע מאַסען פון פאָלק, וועלכע האָט געהאָרעוועט ביטער אויפ'ן שטיקעל ברויט. דאָס טרוקענע אָבהיטען אַזוי ווי אַ מאַשין די פאַרשיידענע רעליגיעזע צערעמאָניעס האָט אויך ניט געקענט בעפריעדיגען מענשען מיט אַ טיעפען רעליגיעזען געפיהל. דיזע אונצופריעדענקייט האָט אין דער פריהעריגער צייט געשטויסען אַ סך אין דער מחנה פון די שבתי־צבי'ניקעס און פראַנקיסטען; אָבער ווען דיזע סעקטען האָבען זיך דערווייטערט פון יודענטום האָט זיך בעוויזען אַ נייע לעהרע, אַ טיעפערע און בעסער צוגעפאַסטע צו די נייע רעליגיעזע בעדערפנישען. דאָס איז געווען די לעהרע פון דער „חסידות", און דער בעשעפער פון דער חסידות איז געווען אַ בעשיידענער איד פון פּאָדאָליען, ר' ישראל בעל־שם טוב, אָדער ווי זיין נאָמען איז פאַרקירצט בעש"ט.

ר' ישראל בעל־שם טוב איז געבאָרען געוואָרען אין פּאָדאָליען ארום יאָהר 1700, אין אַן אָרימער פאַמיליע. ער איז יונג געוואָרען אַ יתום און די בעלי־צדקה פון שטאָדט האָבען איהם גענומען אונטער זייער השגחה און האָבען איהם אָבגעגעבען אין חדר אריין. נאָר די למודים אין חדר זיינען געווען צו טרוקען פאַר'ן יונגען אינגעל, וועלכער האָט געהאַט אַ טרוימערישע נאַטור. דער קליינער ישראל פלעגט זעהר אָפט אנטלויפען פון חדר, און ניט זעלטען פלעגט מען איהם געפינען אין דעם דערבייאיגען וועלדעל אליין, פאַרטיעפט אין מחשבות. צו דרייצעהן יאָהר איז ישראל געוואָרען אַ „בעהעלפער" און שפּעטער—אַ שמש. דאָ האָט ער זיך אויפגעפיהרט מאָדנע: בייטאָג פלעגט ער שלאָפען, אָדער זיך מאַכען שלאָפענדיג, און ביינאַכט, ווען די שוהל פלעגט זיין לעדיג, פלעגט ער מיט בעגייסטערונג מתפלל זיין אָדער לערנען. ער האָט זיך פאַרטיעפט אין די סודות פון דער קבלה, פלעגט לערנען דעם זהר און ער האָט געלערנט ווי צו „פּראַווען מופתים" דורך שמות און שבועות פון דער קבלה. נאָך דער חתונה האָט ר' ישראל גע־

לעבט אין אַ דאָרף צווישען די קאַרפּאַטישע בערג און דערנאָך אין דעם גאַליצישען שטעדטעל טלוסט. דאָ האָט ער, לויט די חסידישע מסורות, זיך צוגעגרייט פאַר זיין צוקונפטיגער טהעטיגקייט. ערשט אין זיין 36טען יאָהר האָט ער אָנגעהויבען זיך אָפען ארויסצעווייזען אלס אַ „בעל־שם". אין יענער צייט זיינען געווען אַ סך אזעלכע „בעל־שם"ס, וועלכע פלעגען היילען פארשיידענע קראנקהייטען דורך שמות, אָבשפּרעכענישען, קמיעות און גראָזען. ר' ישראל בעל־שם האָט אויך בענוצט די דאָזיגע מיטעל, נאָר צוזאמען דער־מיט פלעגט ער אויך היילען דורך תפלות, און דערביי פלעגט ער מתפלל זיין היים, מיט התלהבות, מיט אויסגעשרייען און זיך שטארק שאָקלענדיג. ווען מען פלעגט איהם בעטען ער זאָל פאָר־אויסזאָגען די צוקונפט פלעגט ער עפענען אבי־וואו דעם „זהר" און פון דאנען זאָגען די צוקונפט. אין גיכען איז ער בעריהמט געוואָרען אין פאָלק אלס אַ הייליגער מענש און מען האָט איהם אַ נאָמען געגעבען דער בעל־שם טוב.

ווערענדיג בעריהמט אלס בעל־מופת, האָט דער בעל־שם אָנגעהויבען צו ווירקען אלס לעהרער. וואנדערענדיג איבער פּאָ־דאָליען און וואָלין האָט ער אין דערזעלבער צייט געהיילט און געפּרעדיגט. דערנאָך האָט ער זיך בעזעצט אין דעם שטעדטעל מעזיביזש, פּאָדאָליען, און אהער פלעגט קומען דאָס פאָלק צו הערען זיינע קלוגע שמועסען. דער בעל־שם האָט געלערנט, אַז די אמת'ע פרומקייט איז ניט דוקא צו זיין אַ למדן, נאָר צו זיין מיט'ן הארצען צוגעבונדען צו גאָט, צו האָבען אַ פּשוט'ן גלויבען, אָהן קשיות און צו מתפלל זיין צו גאָט מיט וואַרעמקייט. די התקרבות צו גאָט איז דער הויפּט־צוועק פון דער רעליגיאָן. תפלה איז דאָס וויכ־טיגסטע מיטעל ווי אזוי דער מענש זאָל זיך צונויפגיסען מיט גאָט. דעריבער דאַרף די תפלה זיין אַ בעגייסטערטע, אַ הייסע, און די נשמה פון דעם מענשען דאַרף זיך בעת דער תפלה אזוי ווי אָב־טיילען פון דעם קערפּער. כדי צו גרייכען צו דיזען בעגייסטערטען צושטאנד קען מען בענוצען קינסטליכע מיטעל: בעוועגען דעם גוף, מתפלל זיין הויך אויפ'ן קול, זיך שאָקלען. דער בעל־שם האָט געלערנט פּונקט דעם היפּך פון דעם אר"י'ס שיטה, אַז פאסטען אַ סך אָבטויטען דעם גוף, און בכלל גזירות זיינען שעד־

ליך און זינדיג, ווארום גאָט האָט ליעב אַ מענשען אַ גוט־מוטיגע און פרעהליכע שטימונג. אין אמונה איז דער עיקר פון אַלץ—דאָס אינערליכע געפיהל, און ניט די אויסערליכע צערע־מאָניע; און צופיעל צערעמאָניע איז שעדליך. דער פרומער אָדער „חסיד" דאַרף דיענען גאָט ניט נאָר מיט אָבהיטען די פעסטגע־שטעלטע מצוות, נאָר אויך אין אַלע זיינע טאָג־טעגליכע מעשים און אפילו אין זיינע געדאַנקען. און ווען מען איז שטענדיג אין גייסט פאַראייניגט מיט גאָט קען מען דערגרייכען צו דער מדרגה פון רוח הקודש, נבואה אָדער טהאָן מופתים. דער „צדיק"—דאָס איז אַ מענש, וואָס דורך דער הייליגקייט פון זיין לעבען איז ער מעהר פון אַלעמען פאַראייניגט מיט גאָט און האָט די גערהנטסטע התקרבות צו איהם. די ראָלע פון דעם צדיק איז—צו פאַרמיטלען צווישען גאָט און די פשוט'ע מענשען. דורכ'ן צדיק ווערט דערגרייכט אַ פולע אויסלייטערונג פון דער נשמה, און גליק אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. דעם צדיק דאַרף מען פאַרהייליגען אַלס דעם שליח און ליעבלינג פון גאָט.

די לעהרע פון חסידיזם האָט זיך פונקט צוגעפּאַסט צו די בע־דערפנישען פון אידישען המון אין פּאָדאָליען, וואָלין און גאַליציען, ווי עס קען גאָר בעסער ניט געבען. פון איין זייט איז אין דער רעליגיאָן אריינגעבראַכט געוואָרען דער גייסט פון האַרציגען גלוי־בען און תפלה טהאָן וואָס איז נאָהנט צום פאָלק, אנשטאָט די לומדות פון ספרים וואָס איז ווייט דעם פאָלק; און פון דער אַנדערער זייט איז בעשאַפען געוואָרען די מעגליכקייט צו „ראַטעווען די נשמה" דורך דעם צדיק און בעל מופת, צו וועמען דער פּראָסטער פאָלקסמענש האָט אימער געפיהלט אַ שטאַרקע נייגונג. ר' ישראל בעל־שם טוב, אַלס דער גרעסטער פון די צדיקים, איז געוואָרען דער ליעבלינג פון פּראָסטען פאָלק. די נאַכריכטען וועגען די נסים און האַרציגער לעהרע פון דעם מעזעביזשער צדיק האָבען צוגעצויגען צו איהם אפילו לומדים, רבנים און מגידים. דאָס פאָלק האָט גע־רעדט, אַז דער בעל־שם טוב האָט געקראָגען די וואונדערליכע אנט־פּלעקונגען פון אליהו הנביא. דער בעל־שם טוב האָט אַליין געגלויבט אין זיין הויכען בערוף. אַרום דעם יאָהר 1750 האָט ער געשיקט אין ארץ ישראל אַ נביאשע שריפט, אין וועלכער ער האָט גע־

מעלדעט וועגען א וואונדערליכער זעהונג, וואָס ער האָט געהאַט. די נשמה פון דעם בעל־שם טוב איז ארויף אויפ׳ן הימעל, האט געזעהן דאָרט משיח׳ן און א סך נשמות פון געשטאָרבענע מענשען. דער בעל־שם טוב האָט געפרעגט משיח׳ן: „זאָג מיר, מיין האר, ווען וועסטו שוין קומען אויף דער ערד?" און געענטפערט האָט משיח: „אָט האָסטו א צייכען: ווען עס וועט ווערען בעוואוסט די לעהרע דיינע, און ווען די איבעריגע מענשען וועלען אימשטאנד זיין צו בעווייזען אזעלכע נסים ווי דו—דאן וועט אָנשטעהן די גרויסע צייט פון רצון און די גאולה". דער בעל־שם טוב איז נפטר געוואָרען אין דעם יאָהר 1760, אין מעזעביזש, ארומגערינגעלט פון א סך געטרייע תלמידים.

§60. דער קאַמפּף פון די רבנים און די חסידים. די ארבייט פון דעם בעל־שם טוב האָבען פאָרגעזעצט זיינע נאכפאָל־גער און תלמידים, פון וועלכע די וויכטיגסטע זיינען געווען ר׳ בער פון מעזעריטש און ר׳ יעקב כהן. ר׳ בער האָט זיך גערעכענט פאר׳ן ממלא מקום פון דעם בעל־שם טוב. פאר זיין צייט איז דאָס וואָלינער שטעדטעל מעזעריטש געוואָרען פונקט אזא הייליגער פּלאַץ פאר די חסידים ווי עס איז פריהער געווען מעזעביזש. צו ר׳ בער׳ן פלעגען קומען תלמידים פון א סך ערטער פון פּוילען און אפילו ליטאָ און פלעגען זיך גרייטען ביי איהם צו דער ראָלע פון צדיקים. נאָכ׳ן טויט פון ר׳ בער׳ן (1772) איז אויפגעשטאנען א צווייטער לעהרער פון חסידיזם, ר׳ יעקב יוסף כהן, וועלכער איז פריהער געווען רב און מגיד פון נעמיראָוו און פּאָלאָנאָיע. ער האָט דער ערשטער אָבגעדרוקט אין זיינע ספרים („תולדות יעקב יוסף" און אנד.). א סך געדאנקען, וואָס ער האָט געהערט פון דעם בעל־שם טוב (1780). זיינע ספרים האָבען געלעגט דעם פונדאמענט פון דער חסידישער ליטעראטור, וועלכע איז בעשטאנען פון די ווערק פון די בעריהמטע צדיקים.

אין סוף פון 18טען יאָהרהונדערט האָט זיך דער חסידיזם פארשפּרייט מיט אונגלויבליכער שנעלקייט אין פּוילען און ליטאָ. אין פּאָדאָליען און וואָלין פלעגען גאנצע קהילות אָננעהמען די נייע לעהרע. די חסידים האָבען געהאַט זייערע אייגענע שוהלען, וואו זיי האָבען אָפען מתפלל געווען אויף זייער שטייגער, מיט

גרעז און שטארקע בעוועגונגען פון קערפער. זיי האבען עטוואס געענדערט דעם סדר און אינהאלט פון זייערע תפלות. אבער אין ליטא און אין ווייס־רוסלאנד, וואו עס זיינען געווען שטארק די תלמוד׳יסטען, פלעגען די חסידים פון אנפאנג אבהאלטען זייערע מנינים בשתיקה, מורא האבענדיג פאר רדיפות. בראש פון די חסידים זיינען געשטאנען די צדיקים, מעהרסטענטייל די תלמידים פון ר׳ בער פון מעזעביזש. (די הויפט צדיקים זיינען געווען: ר׳ אלימלך ליזענסקער אין גאליציען, ר׳ ברוך טולטשינער—דעם בעל־שם׳ס אייניקעל — אין פאדאליען, ר׳ לוי־יצחק בערדיטשיווער אין וואלין און ר׳ זלמן שניאורסאן אין ליטא און אין ווייס־רוסלאנד). די פאדאליער און גאליצישע רביים זיינען געווען ניט נאר לעהרער, נאר אויך בעל־מופתים; צו זיי פלעגען קומען מאסען מענשען מיט בקשות זיי צו היילען פון קראנקהייטען, זיי בענשען, פאראויסזאַגען די צוקונפט א. ז. וו. א סך פון די צדיקים פלעגען נעהמען געלד פאר זייערע עצות, בלויז דער גרעסטער פון די ליטווישע רביים, ר׳ זלמן שניאורסאן האט ניט געוואלט פראווען קיין מופתים. געבארען געווארען איז ר׳ זלמן אין דעם קליינעם שטעדטעל ליאזנע, מאהליווער גובערניע. אין זיין יוגענד האט ער געלערנט תלמוד און ווען ער איז אלט געווארען 20 יאהר איז ער אוועק קיין מעזעביזש און דא האט ער זיך בעקענט מיט׳ן חסידיזם אונטער רבי בער. קומענדיג צוריק אהיים האט ער אנגעהויבען פארשפרייטען דיזע לעהרע אין א נייער טיעפערער פארמע ווי די אנדערע צדיקים אין דרום. ר׳ זלמן האט געקראגען א סך אנהענגער אין ליטא. בראש פון די ליטווישע רבנים איז דעמאלט געשטאנען ר׳ אליהו פון ווילנא, וועלכער האט געקראגען דעם גרויסען נאמען גאון (1720־97). אין דעם דאזיגען מענשען האט זיך פערקערפערט די גרעסטע קראפט פון א געדאנק, וואס האט זיך יאהרהונדערטען געשפייזט אויפ׳ן תלמוד. פון קליינווייז־אן האט דער ווילנער גאון ארויסגעוויזען אונגעוועהנ־ליכע פעהיגקייטען. זייענדיג א קינד פון זעקס יאהר האט ער שוין געלערנט תלמוד און צו עלף האט ער זיך שוין בעטייליגט אין שווערע וכוחים פון תלמוד און מיט זיינע בקיאות האט ער ערשטוינט אלטע רבנים. זיין געדאנק האט שנעל אויפגעכאפט אלץ צו וואס ער האט זיך נאר צוגעריהרט. ר׳ אליהו האט געקענט קבלה און צווישען

זיין ארבייט האָט ער זיך בעקענט מיט טיילען פון מאַטעמאַ־טיקע, אַסטראָנאָמיע און פיזיקע, אויך וויפיל ער האָט עס געדאַרפט האָבען אום צו פערשטעהן געוויסע שטעלען אין תלמוד. געלעבט האָט ער אין ווילנא, אָבגעזונדערט פון אַלעמען, איינגאַנצען פאַר־טיעפט אין זיינע ספרים; געגעסען ווינציג, געשלאָפען איינגאַנצען צוויי שעה אין מעת־לעת, האָט ווינציג גערעדט מיט זייטיגע מענ־שען וועגען וועלטליכע זאַכען נאָר אין בעשטימטע שטונדען פלעגט ער זאָגען דעם שיעור פאַר זיינע תלמידים. אַ שטרענגעס אָבהיטען אַלע מינדסטע פּרטים פון אמונה, און אַן אָבגעזונדערט לעבען — אָט דאָס זיינען געוועזען די כאַראַקטעריסטישע שטריכען פון דעם ווילנער גאון. דאַריבער איז ער געוועזען אַזוי שטאַרק געגען דעם חסידיזם, וועלכער האָט געלערנט, אַז כדי צו זיין פרום איז ניט נויטיג סיי די שטרענגקייט פון די פּרטים פון אמונה סיי די גרויסע אָבגעזונדערט־קייט, סיי די לומדות. אַ פּראָסטער מענש קען אויך זיין פרום. אויף אַזאַ אַרט האָט זיך דער ווילנער גאון געשטעלט בראש פון די רבנים, וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען קעמפּ־פען געגען דעם בעל־שם טוב׳ס לעהרע. אין ווילנא און אַנדערע שטעדט האָט מען אויסגערופען אין די שוהלען אַ חרם געגען אַלע, וועלכע בעלאַנגען צו די חסידים (1772 און 1781). חסידישע „שטיבלעך״ אין ליטאָ האָט מען פאַרמאַכט און חסידישע ספרים האָט מען געברענט. די חסידים זיינען ערקלערט געוואָרען אַלס אפּיקורסים און מען האָט זיי אויסגעשלאָסען פון אַ סך קהילות. די געגנער פון די חסידים האָבען זיך גערופען „מתנגדים״, ד. ה. געגנער. אַזוי ווי די ראשי הקהל אין ליטאָ און רוסלאַנד האָבען מעהרסטענס געהערט צו די מתנגדים האָבען זיי אויסגענוצט זייער מאַכט צו אונטערדריקען די חסידים אין געזעלשאַפטליכען לעבען. אָבער ניט קוקענדיג אויף אַלע פערפאָלגונגען האָט זיך דער חסידיזם אַלץ מעהר פאַרשפּרייט, און אין יאָהר 1796 האָבען די קהל׳ן, מיט דער ערלויבניש פון דעם ווילנער גאון, אָנגעהויבען געגען די חסידים אַ נייעם קאַמפּף.

דער טויט פון דעם ווילנער גאון (1797) האָט אַרויסגערופען אַן אָפענע פּרייד צווישען די פערפאָלגטע חסידים. דאָס האָט נאָך מעהר אויפגערייצט די מתנגדים. זייער צאָרן איז דערגאַנגען אַזוי

ווייט, אז זיי האָבען בעשלאָסען צו דערטראָגען צו דער רוסישער רעגירונג, אז די פיהרער פון די חסידים פּרעדיגען געפעהרליכע שפּאַלטונגען אין פאָלק. דער סוף איז געווען אז מען האָט דעם רבי'ן ר' זלמן שניאורסאָן ארעסטירט און אָבגעפיהרט קיין פּעטערבורג (פּעטראָגראַד). דאָרט האָט מען איהם געשטעלט אויף א פאַרהער אין דער „געהיימער קאַנצעלאַריע" און מען האָט איהם געהאַלטען אין פעסטונג. נאָר אין גיכען האָט מען איהם בעפרייט, א דאַנק דער בעמיהונג פון די חסידים (1798). אָבער זיינע נעגנער האָבען ניט געשוויגען און אין צוויי יאָהר ארום האָט מען רבי זלמנ'ען ווידער ארעסטירט. נור ווען אלכסנדר דער 1טער איז ארויף אויפ'ן טראָהן האָט מען רבי זלמנ'ען ענדגילטיג בעפרייט. ער האָט זיך אומגעקערט אין זיין וואוין־אָרט (צוערשט דאָס שטעדטעל ליאָזנאָ, און נאָכער לאַדי, מאָהליוועווער גובערניע; פון דאַנען קומט דער נאָמען „הרב מלאַדי") און האָט ווייטער געפיהרט זיינע צאָלרייכע אָנהענגער די „חב"ד'ער חסידים".*) דער קאַמפּף פון די רבנים געגען די חסידים אין ליטאָ און ווייס־רוסלאַנד האָט נאָר געבראַכט דערצו, אז די חסידים האָבען זיך אויסגעטיילט אין בעזונדערע קהילות, און האָבען א לאַנגע צייט אפילו זיך ניט מתחתן געווען מיט די מתנגדים. אָבער אין פּאָדאָליען און אין דעם גאַנצען דרום־מערב קאַנט האָבען די חסידים כמעט אינגאַנצען ארויסגעשטויסען די מתנגדים און די רביים האָבען געקראָגען יענע מאַכט איבער'ן פאָלק וואָס פריהער האָבען געהאַט די רבנים.

אָבוואָהל די חסידים און די מתנגדים האָבען געקעמפּפט איינע מיט די אנדערע דאָך זיינען זיי געווען פעראייניגט אין זייער קאַמפּף געגען דער השכלה, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט צווישען די דייטשע אידען. אויב צווישען די פּויליש־רוסישע אידען פלעגען זיך אמאָל בעווייזען מענשען, וואָס זיי האָט גע־צויגען צו אַלגעמיינער בילדונג פלעגען זיי געהן קיין אויסלאַנד, איבערהויפּט אין דייטשלאַנד. איינער אזא איז געווען שלמה

*) די לעהרע פון רבי זלמן שנייאור, וועלכע ער האָט אויסגעדריקט אין זיין ספר „תאניה", איז בעגרינדעט אויף דריי זאַכען: חכמה, בינה (פערשטאַנד), דעה (וויסען). די דאָזיגע דריי ווערטער זיינען פארקירצט געוואָרען אין די ראשי תיבות „חב"ד".

מיימון (1753—1800). געבאָרען געוואָרען איז שלמה מיימון ביי אַן אָרעמען אַרענדאַר אין אַ דאָרף (נעבען נעסוויזש, מינסקער גוב.). ער האָט געלערנט גמרא, אַזוי ווי אַלע קינדער פון יענער צייט. לויט דעם דעמאָלדיגען מנהג האָט מען שלמה'ן חתונה געמאַכט צו צוועלף יאָהר, אָבער ער האָט נאָך דער חתונה ווייטער געלערנט. פון תלמוד איז ער אַריבער צו קבלה, און פון איהר — צו דער רעליגיעזער פילאָזאָפיע פון דעם רמב"ם. אָבער זיין געדאַנק האָט געדורשט נאָך די נייע וויסענשאַפטען, וועלכע ער האָט ניט געקענט קריגען אין זיין סביבה. אין יאָהר 1777 האָט מיימון פערלאָזט זיין היים און פאַמיליע און איז אַוועק קיין דייטשלאַנד, דאָרט צו קריגען אַלגעמיינע בילדונג. ער איז אָנגעקומען צוערשט אין קעניגסבערג, און דערנאָך אין בערלין, האָט געליטען נויט און האָט פאַרזוכט די גאַנצע ביטערקייט פון אַ וואַנדערנדען לעבען אין דער פרעמד. אין בערלין האָט ער זיך בעקענט מיט מענדעלסאָנ'ען און זיינע חברים, האָט זיך שנעל ערוואָרבען די דייטשע ליטעראַטור און בילדונג, האָט דורכגעשטודירט די פילאָזאָפיע, איבערהויפט די שיטה פון קאַנט. דער שאַרפער איבערגאַנג פון דעם אָבגעשלאָסענעם לעבען אין דער ליטאָ צו דעם פרייען לעבען פון אַ געבילדעטען אייראָפּעער האָט געמאַכט אַ שטאַרקען רושם אויף מיימונ'ס נשמה. ער איז אַריינגעפאַלען אין ספקות און אפיקורסות. אין זיינע טיעפזיניגע ווערק, געשריבען אין דייטש, האָט ער בעהאַנדעלט הויכע פילאָזאָפישע פראַגען. אין 1792 האָט ער אָנגעשריבען זיין „אויטאָביאָגראַפיע", וואו ער האָט העל געשילדערט דאָס אינווענינגסטע לעבען און די מנהגים פון די פויליש־ליטווישע אידען און האָט דערצעהלט די טרויעריגע געשיכטע פון זיין לעבען. געשטאָרבען איז ער אין שלעזוויג, אין 1800. פון יודענטום איז מיימון געווען אינגאַנצען דערווייטערט אין די לעצטע טעג פון זיין לעבען. ער האָט זעהר וועניג אויפגעטהאָן פאַר דער אויפקלערונג פו זיין אייגען פאָלק. אין העברעאיש איז בלויז פאַרהאַן זיין ניט־געענדיגטער פירוש אויפ'ן רמב"מ'ס „מורה נבוכים".

## עלפטער קאַפּיטעל.

# די וויכטיגסטע געשעהעגישען פון 19טען יאָהרהונדערט.

§61. די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן. אין סוף פון 18טען יאָהרהונדערט איז פאָרגעקומען אַן איבערקערעניש, וואָס האָט געענדערט די פּאָליטישע אָרדנונג אין דעם לעבען פון אייניגע אייראָפּעאישע פעלקער. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן אין יאָהר 1789 האָט אָנגעזאָגט דעם אָנהויב פון „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט" פון אַלע פעלקער און אַלע גלויבענס. אַלס אַ רעזולטאַט דערפון איז אנערקענט געוואָרען די גלייכבערעכטיגונג פון די אידען, וועלכע האָבען אין דעם 18טען יאָהרהונדערט זיך ווידער בעוויזען אין פראַנקרייך.*)

די גרעסטע מענער פון דער רעוואָלוציע (מיראַבאָ און אַנדערע) האָבען געפאָדערט אין דער פראַנצויזישער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, אַז די אידען זאָלען געגעבען ווערען אַלע בירגערליכע רעכט צוגלייך מיט די קריסטען (1789). וועגען דעם האָבען זיך אויך משתדל געווען די פארטרעטער פון די אידישע געמיינדען אין פּאַריז און אַנדערע שטעדט. געגען דער אידישער גלייכבערעכטיגונג האָבען זיך אין דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג ארויסגעזאָגט בלויז די דעפּוטאַטען פון דער קאַטוילישער קירכע און פון דער בעפעלקערונג פון עלזאַס. נאָך הייסע וכוחים אויף אַ סך זיצונגען איז בעשלאָסען

*) נאָכ׳ן גירוש פון פראַנקרייך אין 1394 האָבען זיך אידען ניט געוויזען אין פראַנקרייך גאַנצע דריי הונדערט יאָהר. בעזעצט האָבען זיך דאָרט בלויז מאַראַנען פון שפּאַניען, אונטער׳ן נאָמען „ניי־קריסטען". ערשט צום סוף פון 17טען יאָהרהונדערט זיינען אונטער פראַנקרייך אַרונטער אַ סך אידען פון די דייטשע פראָווינצען עלזאַס־לאָטרינגען, וועלכע לואי דער 14טער האָט איינגענומען. אין 18טען יאָהרהונדערט איז די צאָל פון אידען אין פראַנקרייך געוואַקסען; אַ סך האָבען אפילו געלעבט אין פּאַריז. נאָר זייער בירגערליכע לאַגע איז געווען פּונקט אַזוי נידריג ווי אין דייטשלאַנד.

געוואָרען צו געבען די אידען אין פראַנקרייך אַלע בירגערליכע רעכט (28טען סעפּטעמבער 1791) און קעניג לואי דער 16טער האָט בע־שטעטיגט דעם בעשלוס פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג. דאָס איז געווען דער ערשטער ביישפּיעל אין אייראָפּא פון דער אידישער „עמאַנסיפּאַציע”, ד. ה. זייער בעפרייאונג פון הונדערט־יעהריגער רעכטלאָזיגקייט.

אָבער ניט מיט אַמאָל האָבען די קריסטען שלום געמאַכט מיט דער אידישער גלייכבערעכטיגונג. אין עלזאַס, וואו די אידישע בע־פעלקערונג איז געווען גרויס, האָט די שנאה צו זיי ניט אויפגעהערט. דער פראַנצויזישער אימפּעראַטאָר נאַפּאָלעאָן דער 1טער, וועלכער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט נאָך דער רעוואָלוציע, האָט זיך געוואַ־קעלט אין זיינע בעציהונגען צו די אידען. אין יאָהר 1806 האָט ער פעררופען אין פּאַריז אַ פערזאַמלונג פון אידישע דעפּוטאַטען פון פראַנקרייך, איטאַליען און האָלאַנד. דער פּאָרזיצענדער פון דער פערזאַמלונג איז געווען דער רייכער ספרדי אברהם פּורטאַדאָ פון באָרדאָ. די דעפּוטאַטען האָט מען געשטעלט 12 פראַגען וועגען דעם, ווי אַזוי עס פּאַסען זיך צוזאַמען די דינים פון דער אידישער רעליגיאָן מיט די לאַנד־געזעצען פון פראַנקרייך. דער ענטפער פון דער אסיפה איז געווען, אַז די אידען וואָס לעבען אין פראַנקרייך רעכנען זי פאַר זייער פאָטערלאַנד, און איהרע געזעצען זיינען פאַר זיי פּונקט אַזוי הייליג ווי די געזעצען פון יודענטום. נאַפּאָלעאָן איז געווען זעהר צופריעדען פון דעם דאָזיגען ענטפער און האָט באַלד נאָכדעם געגרינדעט אין פּאַריז אַ „סנהדרין” פון 71 מיט־גליעדער, מיט די עלטסטע רבנים בראש, מיט'ן צוועק אויסצו־אַרבייטען אַ דעטאַליכען פּלאַן ווי אַזוי איינצואָרדנען די אידישע קהילות אין פראַנקרייך. לויט דעם פּלאַן פון דעם סנהדרין איז געפונען געוואָרען פאַר נויטיג צו גרינדען אין פּאַריז אַ הויפּט־קאָנסיסטאָריע, און אין די פּראָווינצען—קלענערע קאָנסיסטאָריעס; די דאָזיגע קאָנסיסטאָריעס האָבען געדאַרפט פערוואַלטען די ענינים פון די אידישע קהילות און איבערהויפּט אכטונג צו געבען אַז די אידען זאָלען ערפילען זייערע בירגערליכע פליכטען. די דאָזיגע קהילה־אָרדנונג איז איינגעפיהרט געוואָרען און האָט זיך אויפגעהיט אין פראַנקרייך ביז דער לעצטער צייט.

די זיעגרייכע מלחמות פון נאַפּאָלעאָנ'ען האָבען דורכגעלעגט דעם וועג פאַר דער אידישער גלייכבערעכטיגונג אויך אין אנדערע לענדער פון איירָאָפּאַ. אין איטאַליען, ווען די פראַנצויזישע הער־שאַפט האָט זיך דאָרט בעפעסטיגט, איז אויך ערקלערט געוואָרען די גלייכבערעכטיגונג פאַר די אידען. אין האָלאַנד זיינען אָבגעשאַפט געוואָרען די לעצטע בעשרענקונגען, וואָס האָבען אזוי שטאַרק גע־דריקט די אידישע קהילות.

§62. דער ערפאָלג פון דער השכלה אין מערב. אין דייטשלאַנד, וואו עס איז צוערשט געבאָרען געוואָרען די נייע אידישע השכלה, האָט זיך די בירגערליכע לאַגע פון די אידען פער־בעסערט נאָר אויף א קורצער צייט. זייער גלייכבערעכטיגונג איז אנערקענט געוואָרען אין איניגע דייטשע לענדער, וואָס זיינען אריין אין דעם „רהיין־בונד" וואָס נאַפּאָלעאָן האָט בעשאַפען. אין פרייסען, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט בעזיעגט, איז געמאַכט געוואָרען אַן עהנליכער פערזוך. אין א בעפעהל אין יאָהר 1812 האָט קעניג פרידריך ווילהעלם דער 3טער אנערקענט פאַר נויטיג צו געבען די פרייסישע אידען גלייכע רעכט. נאָר די דאָזיגע פון רחמנות געשענקטע עמאַנסיפּאַציע איז אָבגעשאַפט געוואָרען אזוי שנעל ווי דייטשלאַנד האָט אָבגעטרייסעלט פון זיך דעם יאָך פון נאַפּאָלעאָן דעם 1טען. עס איז געגרינדעט געוואָרען „די הייליגע אַליאַנץ" פון די וויכטיגסטע איירָאָפּעאישע מלכים (1815) צו קעמפּפען נעגען די פרייהייטליכע (ליבעראַלע) געדאַנקען און איינשטעלען צוריק די אַלטע פּאָליטישע אָרדנונג. די דאָזיגע רעאַקציע וועלכע האָט געדויערט העכער 30 יאָהר איז געווען זעהר שטאַרק אין דייטשלאַנד און עסטרייך. די פאַרבעסערונג פון דער אידישער ביר־גערליכע לאַגע, וואָס האָט זיך דאָ אָנגעפאַנגען, האָט זיך אָבגע־שטעלט. די דייטשע רעגירונגען האָבען ווידער אָנגעהויבען צו בעשרענקען זייערע רעכט, און אין איניגע ערטער האָט דער פּינ־סטערער המון אפילו געפּרובט בענייען די מיטעלאַלטערליכע אטאַ־קען אויף דער רעכטלאָזער נאַציאָן. אין ווירצבורג, באַמבערג און אנדערע שטעדט זיינען פאָרגעקומען מאַסען־פּאָגראָמען אויף די אידען (1819—20).

די דייטשע אידען האָבען דעמאָלט בעזונדערס שטאַרק דער־

פיהלט די גאַנצע לאַסט פון זייער בירגערליכער רעכטלאָזיגקייט. זיי האָבען שוין צייט געהאַט זיך צונויפצוגיסען מיט דער דייטשער אויפקלערונג און האָבען ערשט ניט לאַנג אַנטהייל גענומען אין די בעפרייאונגס־מלחמות פון דייטשלאַנד געגען נאַפּאָלעאָנ׳ען. זיי האָבען זיך שוין גערעכענט פאַר גוטע בירגער פון זייער דייטשען פאָ־טערלאַנד, און פּלוצלינג האָט מען זיי ווידער אָנגעהויבען בעהאַנד־לען ווי פרעמדע. פונדעסטוועגען האָבען ניט אַלע אַזוי שטאַרק נעפיהלט די ביטערקייט פון דער דאָזיגער בעליידיגונג. אַ סך דייטשע אידען זיינען שוין אַזוי ווייט פאַרגאַנגען אין זייער צו־נויפגיסונג מיט די דייטשען, אַז זיי האָבען איינגאַנצען פאַרגעסען זייער פאָלק. אין בערלין און אַנדערע שטעדט האָבען זיך אַ סך אידישע פאַמיליען גע׳שמד׳ט. אפילו משה מענדעלסאָנ׳ס טעכטער (דאָראָטעא און הענריעטא) האָבען אָנגענומען דעם קריסטענטום. אין די גרויסע סאַלאָנען פון בערלין פלעגען זיך צוזאַמענקומען געבילדעטע אידען און קריסטען און דיזע בעגעגנישען פלעגען אָפט פיהרען צו שדוכים צווישען קריסטען און אידישע מיידלעך, וועלכע פלעגען זיך דאַריבער אָבזאָגען פון זייער גלויבען. די גרעסטע שריי־בער פון דייטשלאַנד אין יענער צייט, בערנע (געשט. 1837) און היינע (געשט. 1856) האָבען זיך אָבגעזאָגט אין דער יוגענד פון זייער גלויבען; אָבער זיי האָבען עס שפּעטער פאַרגיטיגט דער־מיט וואָס זיי זיינען געוואָרען הייסע פערטיידיגער פון זייער פאָלק. זייענדיג אַ געניאַלער פּובליציסט און פרייהייטס־קעמפפער האָט בערנע שאַרף קריטיקירט די חסרונות פון די דייטשען און דאַרונטער זייערע ווילדע פאָראורטיילען געגען אידען. היינע, דער גרעסטער דייטשער פּאָעט נאָך געטע, פלעגט אין זיינע וואונדערליכע ליעדער בעזינגען אויך די אידישע ליידען, האָט אָנגעשריבען אַן ערצעהלונג פון דעם אידישען לעבען פון מיטעלאַלטער („דער רבי פון באַכראַך") און אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען האָט ער געשריבען בע־גייסטערטע פערזען וועגען דער גרויסקייט פון דער ביבעל.

עס זיינען אויך געווען אידישע מענער, וועלכע האָבען זיך איינגאַנצען געווידמעט דעם אידישען פאָלק. גבריאל ריסער, וועלכער האָט אַרויסגעגעבען (אין די 1830 יאָהרען) אַ זשורנאַל „דער יודע" אין דייטש איז אַרויסגעטראָטען אַלס פייערדיגער קעמפפער

פאַר דער אידישער עמאַנסיפּאַציע, האָט געוועקט דאָס געפיהל פון זעלבסט־אכטונג אין זיינע פאָלקס־ברידער און האָט פערדאמט די אָבטריניגע. „ניט עהרליך איז דער זוהן — פלעגט ער זאָגען — וואָס שעהמט זיך מיט זיין פאָטער, און ניט עהרליך איז דער דור, וואָס שעהמט זיך מיט זיין פערגאַנגענהייט". אנדערע שרייבער האָבען געפאָרשט די אידישע וויסענשאַפט און געשיכטע. דער וויכטיגסטער צווישען די איז געווען לעאָפּאָלד צונץ, וועלכער ווערט אָנגערופען דער פאָטער פון דער נייער אידישער געשיכטס־שריי־בונג. די בליהענדע צייט פון זיין טהעטיגקייט איז געווען אין די יאָהרען 1825 ביז 1855. זיינע גלענצענדע פאָרשונגען אין דער ליטעראַטור פון מיטעלאַלטער, אין דער פּאָעזיע פון די תפלות און שוהל האָבען בעלויכטען א צווייג פון יודענטום וואָס איז ביז דער־מאָלט געלעגען אין דער פינסטער. א שול־חבר פון צונץ, מ. יאָסט, האָט אָנגעשריבען די געשיכטע פון די אידען פון די עלטסטע צייטען ביז זיין אייגענער עפּאָכע אין א רייהע פּאָפּולערע ווערק, געשריבען, אזוי ווי צונצ'ס ווערק, אין דייטש. דער שטודיום פון דער אי־דישער געשיכטע האָט פאַנאַנדערגעוויקעלט פאַר די געבילדעטע מענשען דאָס בילד פון דער ענטוויקלונג פון יודענטום. די פריי־דענקערישע שרייבער האָבען אָנגעהויבען ענטוויקלען די אידעע, אז פאַר דעם היינטיגען אידען איז ניט קיין חיוב אָבצוהיטען די פיעלע מצוות, געבאָטען און דינים, וועלכע זיינען פעסטגעשטעלט גע־וואָרען אין תלמוד און פון די פאַרצייטיגע רבנים. זיי האָבען גע'טענה'ט אז דאָס איז א שווערע לאַסט און איז זאָגאַר געפעהר־ליך, ווארום דער היינטיגער געבילדעטער איד, ניט זייענדיג אימ־שטאַנד זיי אָבצוהיטען, פערוואַרפט צוזאַמען מיט זיי אויך די עיקרים פון דער תורה און דערנאָך ווערט ער אינגאַנצען דערוויי־טערט פון דער אמונה. די אָנהענגער פון דיזער אידעע האָבען גע־פאָדערט רעפאָרמען אין יודענטום. בראש פון די „רעפאָרמער" איז געשטאַנען (פון די 1840 יאָהרען) דער טאַלאַנטפולער היסטאָריקער פון יודענטום, אברהם גייגער, ראַבינער פון ברעסלוי. אָבער צווישען די רעפאָרמער איז ניט געווען קיין אחדות. איינע האָבען געלעגט זייער אויפמערקזאַמקייט בלויז אויף די אויסערליכע ענדערונגען, אַז די אויסשטאַטונג פון שוהל און די תפלות זאָל זיין שעהן; אנ־

רערע האָבן אָנגעהויבן דערמיט וואָס זיי האָבן אָבגעלייקענט וויכטיגע עיקרים פון דער רעליגיאָן, אנשטאט וואָס זיי האָבן לכתחילה געוואָלט ענדערען די ווענינגער וויכטיגע צערעמאָניעס. אנטקעגען די רעפאָרמער זיינען ארויסגעטראָטען די פרומע אָדער אָרטאָדאָקסען. בראש פון די אָרטאָדאָקסען איז געשטאַנען גייגער'ס אוניווערזיטעט־חבר ר' שמעון־רפאל הירש, וועלכער האָט אוועקגע־שטעלט דעם כלל אז „ניט די רעליגיאָן דארף צוגעפּאסט ווערען צום לעבען, נאָר דאָס לעבען צו דער רעליגיאָן". צווישען די צוויי צדדים האָט זיך פאנאנדערגעברענט א פארצווייפעלטער קאמפף.

צווישען די אידען פון פראנקרייך, איטאַליען און עסטרייך בע־מערקט זיך אויך אין דיזער צייט א גייסטיגע דערהויבונג, אָבוואָהל אין א קלענערען גראד ווי אין דייטשלאנד. אין פראנקרייך, אין דער ערשטער העלפט פון 19טען יאָהרהונדערט, זיינען די וויכטיגסטע אידישע געלערטע געווען: סאַלוואַדאָר, וועלכער האָט פארפאסט איינינגע גרויסע ווערק וועגען תורת משה, דער געשיכטע פון דער רוימישער הערשאפט אין יהודה און דער ענטשטעהונג פון קריס־טענטום; און דער אָריענטאַליסט מונק, וועלכער האָט אויסגעגאָסען א סך ליכטיגקייט אויף דער אידיש־אראבישער פילאָזאָפיע פון מיטעלאַלטער. אין איטאַליען איז געווען דער גרויסער דענקער שמואל דוד לוצאטאָ (1800—65). לוצאטאָ האָט געשריבען א סך געלערנטע ווערק, אין וועלכע ער האָט ענטוויקעלט דעם געדאנק, אז דאָס יודענטום ענטהאַלט אין זיך די עכסטע פילאָזאָפיע און די פאָלקאָמסטע סיסטעמע פון מאָראל. צולעצט איז ער געקומען צום בעשלוס אז די אייראָפּעאישע קולטור איז פאַלש און האָט געזעהן אין דער ריינער וועלט־אנשויאונג פון יודענטום א שוץ געגען דער וואַקסענדער פערדאָרבענקייט פון די זיטען. דער נייער גייסט האָט ארייננעדרונגען אויך אין עסטרייך, אין דער געוועזענער פּוי־לישער פראָווינץ גאַליציען, אָבוואָהל דער חסידיזם האָט דאָ גע־קעמפפט זעהר שטארק געגען דער השכלה. נחמן קראָכמאַל אין בראָד (געשט. 1850) האָט געגעבען א פילאָזאָפישע בעלייכטונג צו דער הונדערט־יעהריגער אידישער געשיכטע („מורה נבוכי הזמן"); און זיין תלמיד שלמה יהודה ראפּאפּאָרט פון פּראַג, האָט אויסגעפאָרשט, אזוי ווי צונץ, א סך מאָמענטען פון דער געשיכטע

פון דער אידישער ליטעראטור. יוסף פערל און **יצחק ערטער, זיינען** געווען צוויי שרייבער, וואס האבען געשריבען סאטירען געגען די חסידים.

**§63. די רוסישע אידען פאר אלכסנדר דעם 1טען און** ניקאלאי דעם 1טען. די בעפרייאונגס־בעוועגונגען וואס האבען געהערשט אין מערב־אייראפא אין אנפאנג פון דעם 19טען יאהר־הונדערט זיינען אריינגעדרונגען אויף א קורצער צייט אויך אין רוסלאנד, וואו, נאך דער צושליסונג פון פוילען, האט געוואוינט א גרויסע צאל אידען. אלכסנדר דער 1טער, דער אייניקעל פון יעקאטערינא דער גרויסער (1801—1825), האט געזעצט א ספע־ציעלע קאמיסיע צו בעטראכטען די פראגע וועגען דער פערבעסע־רונג פון דער אידישער לאגע אין רוסלאנד, און אין יאהר 1804 האט ער בעשטעטיגט דעם פלאן, וואס די דאזיגע קאמיסיע האט אויסגעארבייט. בילדונג פאר די אידען איז אין דעם דאזיגען פלאן געשטאנען אויפ'ן ערשטען פונקט: אידען זאלען צוגעלאזט ווערען צו רוסישע בילדונגס־אנשטאלטען, און די רוסישע שפראך זאל ווי ווייט מעגליך צווישען זיי פארשפרייט ווערען. לויט דער בע־שעפטיגונג צוטיילען זיך די אידען אויף פיער קלאסען: ערד־ארבייטער, פאבריקאנטען און בעלי־מלאכות, סוחרים, און בירגער. צו ערד־ארבייטער ווערען געגעבען בעדייטענדע פריווילעגיעס: זיך צו בעשעפטיגען מיט שענקעריי און ארענדעס אין די דערפער ווערט פערבאטען. און דאריבער ווערט די אידען פערבאטען אפילו צו וואוינען אין דערפער. כדי צוצוציהען די אידען צו ערד־ארבייט האט די רעגירונג בעשטימט די ליידיגע סטעפעס פון קליין־רוס־לאנד פאר די וואס ווילען זיך דארט בעזעצען, אויף גרינגע בעדינ־גונגען. אויף דער איינלאדונג פון דער רעגירונג האבען זיך אבגע־רופען עטליכע הונדערט אידישע פאמיליעס פון צפון־מערב קאנט, וועלכע האבען געגרינדעט די ערשטע פארם קאלאניעס אין זיד (1808). אבער דער דאזיגער ערשטער פערזוך איז געווען ניט געלונגען. די ניט־געוואוינהייט פון די אידען צו ערד־ארבייט פון איין זייט און די שוועריגקייט צו בעלעבען די ווילדע סטעפעס פון דער אנדערער זייט האבען אין גיכען געבראכט די אידישע קאלא־ניעס צו אונטערגאנג, וועלכע האבען ערשט אין דער שפעטערער

צייט אויפגעלעבט צו אַ נײַ לעבען. די בעמיהונג פון דער רעגירונג צו פערבעסערען די אידישע לאגע איז אויך ניך אָבגעשוואכט געוואָרען. דער קריעג מיט נאפאָלעאָנ'ען (1812) און דער אריינטראָט פון רוסלאנד אין דער „הייליגער אליאנץ" (1815) האָבען אָבגעצווינגען די אויפמערקזאמקייט פון אלכסנדר דעם 1טען אין אן אנדער זייט. אין דער צווייטער העלפט פון זיין ממשלה האָבען די געפלאנטע רעפאָרמען פאר די אידען אָבגעטראָטען דעם פלאץ פאר אנדערע: מען האָט זיך גענומען צו פערשפרייטען קריסטענטום צווישען די אידען, און צו דיזען צוועק האָט מען אין יאָהר 1817 געגרינדעט די „געזעלשאפט פון אידישע קריסטען"; דער גירוש פון די אידען פון די דערפער אין די שטעדט אריין איז אין ערטער געמאכט געוואָרען מיט שרעקליכער שטרענגקייט אין דער צייט ווען די פלענער וואָס זיינען געמאכט געוואָרען אין יאָהר 1804 אויפצוהויבען די מדרגה פון בילדונג און דאָסווירטשאפטליכע לעבען פון די אידען זיינען געבליבען ניט אויסגעפיהרט.

אין דער צייט פון פּאוועל דעם 1טען (1825—55) איז די לאגע פון די אידען שטארק פארערגערט געוואָרען. אין יענער צייט איז אין די רעגירונגס-קרייזען אָנגענומען געוואָרען די מיטעלאלטערליכע מיינונג, אז די אידישע פראגע קען געלייזט ווערען נאָר אויף דעם וועג, אז די אידען זאָלען זיך צוזאמענגיסען אין זייער רעליגיאָן און לעבענס-פיהרונג מיט דעם רוסישען פאָלק. און די שווערע געזעצען פון יענער צייט זיינען געווען געריכטעט כדי צו דערגרייכען דיזען ציעל. אין 1827 יאָהר איז ארויסגעגעבען געוואָרען אַ געזעץ, וואָס האָט געצוואונגען אידען צו אַ גרויזאמען מיליטער-דיענסט. דאָס דיענסט האָט געדויערט גאנצע 25 יאָהר און די רעקרוטען פלעגען אוועקגעשיקט ווערען אין די וויטסטע טיילען פון רוסלאנד, וואו זיי פלעגען אָבגעריסען ווערען פון זייער פאמיליע און סביבה. אן סאָלדאטען פלעגט מען אָפט חאפען קליינע קינדער, וועלכע מען פלעגט פארשיקען אין די טיעפע גוּבערניעס און דאָרטען זיי לערנען אין בעזונדערע קינדערשע באטאַליאָנען. אזעלכע יונגע סאָלדאטען פלעגען זיך רופען „קאנטאָניסטען". אונטער'ן דרוק פון זייערע אויבער-קאָמאנדירען פלעגען די מעהרסטע קאנטאָניסטען אָננעהמען דאָס קריסטענטום און פלע־

גען זיך מעהר ניט אומקערען צו זייערע פאמיליען. אויסער די מיליטער־דיענסט געזעצען זיינען אַרויסגעגעבען געוואָרען שטרענגע געזעצען, וועלכע האָבען בעגרענעצט דאָס וואוינרעכט פון די אידען, ווי אויך זייער רעכט צו האנדלען און צו טהאָן מלאכות. זיי האָבען ניט געטאָרט זיך בעזעצען אויף שטענדיג אויסערהאלב די געוועזענע פוילישע פראָווינצען, וועלכע זיינען געווען אָבגעצייכענט אַלס דער אידישער „תחום" („טשערטא"). בלויז אין די לעצטע צעהן יאָהר פון ניקאָליי דעם 1טען האָט זיך די רעגירונג איבערצייגט, אַז מיט אונטערדריקענדע מיטעל אַליין איז ניט מעגליך צו לייזען די אידישע פראַגע און אַז עס איז נויטיג אָנצונעהמען מיטעל אויפצוהויבען די מדרגה פון בילדונג צווישען די אידען. לויט׳ן פאָרשלאַג פון בילדונגס־מיניסטער אוואוואראָוו זיינען אין די 40־ער יאָהרען געגרינדעט געוואָרען אידישע אָנפאַנגס־שולען מיט קורסען פון אַלגעמיינער בילדונג און אויך צוויי „ראבינער־שולען" (אין ווילנא און זשיטאָמיר) אויף צוצוגרייטען געבילדעטע ראבינער און לעהרער. נאָך די אידישע מאַסע, אָנגעשראָקען פון די ערשטע מעטאָדען פון דער רעגירונג, האָט זיך פערטראָגען מיט אונצוטרוי צו די שולען; זיי האָבען געזעהן אין זיי אַ סכנה פאַר זייער רעליגיאָן און פאָלק.

די אויסנאהמס־געזעצען געגען די רוסישע אידען האָבען געהאָלפען אויפצוהאַלטען זייער אינערליכע איינגעשלאָסענקייט. די רבנים און דער חסידיזם האָבען ארומגעצאַמט די אידען געגען די אידעען פון דרויסען. אָבער די נייע גייסטיגע בעוועגונגען האָבען זיך פונדעסטוועגען אריינגעבראָכען פון די צענטרען פון מערב־אייראָפּאַ. יצחק בער לעווינזאָן פון קרעמענעץ (1786—1860) איז ערשינען אַלס דער אָנזאָגער פון דער השכלה צווישען די רוסישע אידען. אין זיינע ספרים, געשריבען אין העברעאיש, האָט ער אגיטירט אַז אין די חדרים דאַרף מען אָבגעבען דעם ערשטען פּלאַץ צום תנ"ך און צו העברעאיש פאַר דער גמרא, און אַז די אמונה איז ניט געגען לערנען פרעמדע שפּראַכען און אַלגעמיינע בילדונג („תעודה בישראל", 1828). לעווינזאָן האָט געשריבען נאָך ווערק וועגען דער ענטוויקלונג פון ביבלישען און תלמודישען יודענטום („בית יהודה", „זרבבל"), האָט אין אַ בעזונדער ספר („אפס דמים") בעוויזען די גרונדלאָזיגקייט פון דעם בלוט־בלבול און האָט בכלל גע־

ארבייט צו פאַרבעסערען דאָס לעבען פון זיינע ברידער. אָבער נאָר ווענינע פון די רוסישע אידען האָבען דעמאָלט אָבגעשעצט לע־ווינסאָנ׳ס ארבייט; די חסידים פון אַלע זייטען האָבען איהם געהאַלטען פאַר אַן אפיקורוס. פונקט אזווי פיינדליך האָט מען געקוקט אויף א קרייז פון משכילים, וואָס האָט זיך דעמאָלט געבילדעט אין ווילנאָ. דער הויפּט־צוועק פון דיזען קרייז איז געווען אויפצושטעלען צוריק די ריינע ביבלישע שפּראַך אין דער נייער ליטעראטור. איינער פון דיזע ווילנער משכילים, מרדכי אהרן גינז־בורג (געשט. 1846), האָט א סך אויפגעטהאָן אין דער אויסארביי־טונג פון א העברעאישע פּראָזא־סטיל אין זיינע ערצעהלונגען, רייזע־בעשרייבונגען, היסטאָרישע פאָרשונגען, אויטאָביאָגראַפיע א. א. וו. („דביר״, „אביעזר״ און אנד.). דער ווילנער משורר אברהם בער לעבענסאָן (אד״ם) האָט אויפגעלעבט דעם העברעאישען פּאָעטישען סטיל אין זיינע „שירי שפת קדש״ (1842). זיין זוהן מיכל לעבענסאָן, וועלכער איז פריהצייטיג געשטאָרבען, 24 יאָהר אַלט (1852), האָט נאָך איבערשטייגט דעם פאָטער מיט זיין פּאָ־עטישער טיעפקייט. זיינע „שירי בת־ציון״ און „כנור בת־ציון״ געהערען צו די בעסטע ווערק פון דער העברעאישער פּאָעזיע.

§64. די מערב־אייראָפּעאישע אידען אין צווייטער העלפט פון 19טען יאָהרהונדערט. אין יאָהר 1848 איז אין פּאָליטישען לעבען פון די מערב־אייראָפּעאישע פעלקער פאָרגעקו־מען א גרויסע איבערקערעניש. אין דייטשלאַנד, עסטרייך און אי־טאַליען זיינען פאָרגעקומען רעוואָלוציאָנען, וועלכע האָבען בעגרע־נעצט די מאכט פון די הערשער און געגעבען דעם פאָלק א דעה אין דער רעגירונג („קאָנסטיטוציאָנעלע אָרדנונג״). די אַלגעמיינע בע־פרייאונגס־בעוועגונג האָט געבראכט אויך די גלייכבערעכטיגונג פון די אידען, וועלכע האָבען גענומען א טיכטיגען אנטייל אין דער דאָזיגער בעוועגונג. אין דעם פראנקפורטער פּאַרלאַמענט, וועלכער האָט אויסגעארבייט די נייע אָרדנונג פאַר דייטשלאַנד, איז וויצע־פּרעזידענט געווען גבריאל ריסער, דער קעמפּפער פון דער אידישער עמאַנסיפּאַציע. דער פּאַרלאַמענט האָט בעשלאָסען אז די בירגער רעכט דאַרפען זיין דיזעלבע פאַר די דייטשע בירגער פון אַלע גלויי־בענס. אַן עהנליכער בעשלוס איז אָנגענומען געוואָרען אויך אין דעם



יצחק בער לעווינזאָן.

פּרייסישען „נאַציאָנאַל־ראַט", אין בערלין. די אידישע גלייכבע־רעכטיגונג איז אָנגענומען געוואָרען אַלס גרונדזאַץ אין גאַנץ דייטש־לאַנד. די גענגער פון דער נייער אָרדנונג, וועלכע האָבען געקראָגען די אויבערהאַנד אין די 1850־ער יאָהרען, האָבען געוואָלט בעשרענ־קען די דאָזיגע גלייכבערעכטיגונג, נאָר זיי האָבען בעגעגענט אַ ווידערשטאַנד מצד דעם ליבעראַלען טייל פו דער געזעלשאַפט, אין וועלכען די אידען האָבען שוין געשפּיעלט אַן איינפלוסרייכע ראָלע. די פערשטאַרקונג פון פּרייסען נאָך דער מלחמה מיט עסטרייך (1866) און די פעראייניגונג פון דייטשלאַנד נאָך דער פראַנצויזיש־פּרייסישער מלחמה (1870) האָבען געהאָלפען צו בעפעסטיגען די דייטשע קאָנסטיטוציע און די אידישע גלייכבערעכטיגונג, וואָס איז געוועזען מיט איהר פאַרבונדען. עס זיינען ערשינען גרויסע אידישע טאַלאַנטען אויף אַלע פּאָליטישע, געזעלשאַפטליכע און ליטעראַרישע געביטען.—אויפ'ן זעלבען וועג איז געגאַנגען די בעפרייאונג פון די אידען אין עסטרייך. אין דיזען פיעל־פעלקערדיגען לאַנד, וואו עס האָט שטענדיג געברענט אַ קאַמפּף צווישען נאַציאָנאַליטעטען, איז פאַר די אידען שווערער געווען צו בעפעסטיגען זייער בירגער־ליכע לאַגע. די קאָנסטיטוציע וואָס איז געגעבען געוואָרען אין יאָהר 1848 איז שפּעטער פיעל מאָל געענדערט און בעשרענקט געוואָרען. נאָר ענדליך האָט די קאָנסטיטוציע פון יאָהר 1867 אנערקענט די אידישע גלייכבערעכטיגונג אין עסטרייך־אונגאַרן.

אין פראַנקרייך, די היים פון גלייכהייט, האָט זיך די לאַגע פון די אידען נאָך מעהר פאַרבעסערט נאָך דער רעוואָלוציע פון פעברואַר 1848. דער איד אַדאָלף קרעמיע האָט דאָ צוויי מאָל פאַרנומען דעם אַמט פון יוסטיץ־מיניסטער: אין 1848 און 1870. קרעמיע איז געווען אַ הייסער פאַרטיידיגער פון זיין פאָלק. אין 1860 האָט ער געגרינדעט אין פּאַריז אַ געזעלשאַפט מיט'ן נאָמען: „אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסעל" (חברת כל ישראל חברים), וועלכע האָט זיך געשטעלט צוויי ציעלען: צו פאַרטיידיגען די אינ־טערעסען פון די אידען אין אַלע לענדער פון זייער צושפּרייטונג און צו פאַרשפּרייטען צווישען זיי אייראָפּעאישע בילדונג. אין דער פּראַקטיק האָט די „אַליאַנץ" פאַרווירקליכט דיזעביידע ציעלען בלויז אין די מאַחמעדאַנישע לענדער אין מזרח: טערקיי, אַלזשיר,

מאראָקאָ און טוניס. אין ענגלאַנד האָבען די אידען געקראָגען אין 1858 פּאָליטישע רעכט, אויסער די בירגער־רעכט וואָס זיי האָבען גענאָסען פריהער. זיי האָבען אָנגעהויבען שיקען אין ענגלישען פּאַרלאַמענט זייערע דעפּוטאַטען. ניט איינמאָל זיינען אידען אויס־געקליבען געוואָרען צום אנגעזעהענעם אמט פון לאָרד־מעיאָר פון לאָנדאָן. דער העלד פון דער מאָדערנער ענגלישער געשיכטע, וועל־כער איז אַ לאַנגע צייט געווען ערשטער מיניסטער, ביקאָנספיעלד־דיזראעלי (געשט. 1881) איז געווען פון אידישער אָבשטאַמונג און האָט ביז'ן טאָג פון זיין טויט אויפגעהיט אַ לעבעדיגע סימפּאַטיע צו זיינע פּאָלקס־ברידער. ניט וועניג האָט געאַרבייט פאַר'ן וואויל־זיין פון זיין פאָלק דער גרויסער ענגליש־אידישער פילאַנטראָפּ משה מאָנטעפיאָר, וועלכער האָט זיך בעזונדערס שטאַרק געזאָרגט פאַר די אידען אין ארץ־ישראל.

אין דעם דריטען פערטעל פון 19טען יאָהרהונדערט איז די גלייכבערעכטיגונג פון די אידען אנערקענט געוואָרען אין אַלע לענדער פון מערב־אייראָפּא, וואו עס איז איינגעפיהרט געוואָרען די קאָנסטיטוציאָנעלע אָרדנונג: אין איטאַליען (נאָך 1848), אין דער שווייץ און דענמארק, און שפּעטער אין סערביען און בולגאַריען (1878). בלויז רומעניען וויל ניט אנערקענען די אי־דישע גלייכהייט און האָט ערקלערט כמעט אַלע איהרע אידען פאַר אויסלענדער, וועלכע קענען ניט גענִיסען אַלע בירגער־רעכט.

די פאָרשונג פון אידישער געשיכטע אין וויסענשאַפט (חכמת ישראל), וואָס צונץ און יאָסט האָבען אָנגעפאַנגען, איז אָנגעגאַנגען ווייטער אין דער אַנדערער העלפט פון 19טען יאָהר־הונדערט, בעזונדערס אין דייטשלאַנד. דער גרעסטער אידישער היסטאָריקער איז געווען גרעץ, וועלכער האָט אָנגעשריבען „די געשיכטע פון די אידען פון די עלטסטע צייטען ביז היינט", אין 11 בענדער (1854—76). בעזונדערע טיילען פון דער אידישער געשיכטע זיינען בעאַרבייט געוואָרען פון אַ סך געלערטע.

צוזאַמען מיט די גוטע רעזולטאַטען האָט די גלייכבערעכטיגונג בעשאַפען אין דעם לעבען פון די מערב־אייראָפּעאישע אידען אויך אוננאָרמאַלע ערשיינונגען. די נאַטירליכע און נויטיגע ד ע ר־נ ע ה נ ט ע ר ו נ ג צווישען די אידען און די קריסטען אויפ'ן

באַדען פון אַלגעמיינע אינטערעסען, פלעגט אָפט אריבערגעהן צו א פולער צונויפמישונג פון די אידען מיט די קריסטען. דיזע נייע ריכטונג האָט געקראָגען דעם נאָמען „אסימילאציע". די אַנהענגער פון דער אסימילאציע האָבען זיך א נאָמען געגעבען אין דייטשלאנד „דייטשען פון משה'ס גלויבען", אין פראנקרייך—„פראנצויזען פון משה'ס גלויבען" א. א. וו. און האָבען גערעכענט אז די איינציגע פאָדים וואָס פארבינדט זי מיט'ן יודענטום איז—די רעליגיאָן. און אזוי ווי אונטער דעם איינפלוס פון די נייע אידעען איז דאָס רעליגיעזע געפיהל אָבגעשוואכט געוואָרען ביי די אידען, פלעגט זיך דיזע פאָדים אויך איבעררייסען. דער יונגער דור פלעגט זיך אַלץ מעהר דערווייטערען פון יודענטום און זיינע נאציאָנאלע אינטערעסען, און זיך פארלירען צווישען די ארומיגע פעלקער. דיזע לאנגזאמע צופאלונג וואָלט געווען אָננעהמען נאָך שרעקליכערע פאָרמען ווען עס זאָל פּלוצלינג ניט געווען פארקומען אן ענדערונג אין דער בעציהונג פון דער איינראָפּעאישער געזעלשאפט צו די אידען, אן ענדערונג וואָס האָט געצוואונגען זיך צו פערטראכטען די יעניגע, וואָס זיינען געשטאנען אויפ'ן וועג צו אסימילאַציאָן.

אין דעם לעצטען פערטעל פון דעם 19טען יאָהרהונדערט האָט זיך אין איינראָפּא אָנגעהויבען א נייע בעוועגונג געגען די אידען, וועלכע האָט געקראָגען דעם נאָמען „אנטיסעמיטיזם" (געגען סעמיטען) און וועלכע איז בלויז א פערזוך אויפצולעבען די מיטעלאַלטערליכע פיינדשאפט צו די אידען אין א נייער פאָרמע. דער איבערראשענדער ערפאָלג פון די אידען אויף אַלע געביטען פון געזעלשאפטליכען לעבען, וואָס איז געקומען דורך זייער בעפרייאונג, האָט ארויסגערופען א קנאה און אן אונרוהיגקייט ביי יענע קריסטען, וועלכע האָבען זיך נאָך ניט בעפרייט פון די אידעען פון געזעלשאפטליכער אונגלייכהייט. עס האָבען זיך אָנגעהויבען הערען שטימען אז דער איד אָדער סעמיט קען צוליעב זיינע איינגעבאָרענע אייגענשאפטען זיך ניט צוזאמענלעבען מיט'ן קריסטליכען אריער; אז ער איז צו בעגאבט און שטרעבט צו פארחאפּען אַלץ אין זיינע הענד, צו זיין איבעראַל דער ערשטער; אז ער האָט שוין געקראָגען די אויבערהערשאפט אין האנדעל און פינאנץ, אין דער פּאָליטיק, אין געריכט, אין דער פרעסע און וויסענשאפט. און ער שטויסט

כלומרשט ארוים דעם קריסט פון דיזע אַלע געביטען. די אנטי־סעמיטען האָבען גענומען פאָדערען אז מען זאָל צוגעהמען צוריק ביי די אידען די גלייכהייט וואָס מען האָט זיי געגעבען; אנדערע האָבען זאָגאר געפאָדערט אזעלכע בעשרענקונגען און אונטערדריקונגען געגען די אידען, וועלכע זאָלען זיי רואינירען און צווינגען אויסצעוואנדערען אין אנדערע לענדער. דער אנטיסעמיטיזם האָט זיך צוערשט בעוויזען אין דייטשלאנד, אין דער צייט פון קייזער ווילהעלם דעם 1טען און זיין קאנצלער ביסמארק. איינער פון די גרינדער פון דער אנטיסעמיטישער פארטיי איז געווען דער גלח שטעקער, פרעדיגער אין קעניגליכען הויף אין בערלין. אין די 1880־ער יאָהרען האָט דיזע פארטיי דערגרייכט א בעדייטענדען איינפלוס, האָט ארויסגעגעבען איהרע צייטונגען, פלעגט ארויסשיקען אגענטען אויפצוהעצען די בעפעלקערונג געגען די אידען. פון די 1890־ער יאָהרען האָט דער אנטיסעמיטיזם אין דייטשלאנד אויפגעהערט צו וואקסען, אָבער דערפאר האָט דיזע געפעהרליכע בעוועגונג זיך פערשטארקט אין עסטרייך און אפילו אין פראנקרייך, דאָס ערשטע לאנד, וואָס האָט פראָקלאמירט גלייכהייט פאר אידען. אין עסטרייך, וואו עס הערשט א שטענדיגער קאמפף צווישען די פארשיידענע נאציאָנאליטעטען—דייטשען, טשעכען, פאָלאקען און אנד.—האָבען די אידען שונאים צווישען די אַלע קעמפפענדע נאציאָנאליטעטען. אין פראנקרייך האָבען די אנטיסעמיטען אָנגעהויבען מיט פארגיפטען די אידען אין דער פרעסע (דרומאָן), נאָר דערנאָך זיינען זיי אריבער צו א קאמפף מיט זיי אין פארלאמענט און אין געזעלשאפטליכען לעבען. אין יאָהר 1894 זיינען זיי ארויסגעטראָטען געגען איין רייכען אידען, קאפיטאן דרייפוס, וועלכער האָט געדיענט אין קריעגס־מיניסטעריום, מיט דער פאלשער בעשולדיגונג אז ער איז בעגאנגען א פערראט ארויסגעבענדיג געהיימע מיליטערישע פלענער פון דער פראנצויזישער רעגירונג צו א פיינדליכער מלוכה. ניט קוקענדיג אויף דער קלאָרער פאלשקייט פון דער בעשולדיגונג האָט מען דרייפוס'ן פאר'משפט און פערשיקט אויף א ווילדען אינזעל („טייפעלס אינזעל") נעבען זיד־אמעריקא. ערשט אין פינף יאָהר ארום, נאָך א לאנגען קאמפף פון פארטייען פאר און געגען דעם פאראורטיילטען, איז אויפגעדעקט געוואָרען

דער בלבול און מען האָט דעם אומגליקליכען דרייפוס געבראַכט צוריק פון פאַרשיקונג. די בעסערע פּאָרשטעהער פון דער קריסט־ליכער געזעלשאַפט פאַרדאַמען די שענדליכע ארבייט פון די אַנ־טיסעמיטען און קעמפּפען געגען איהר; אָבער זיי זיינען ניט אימשטאַנד איינגאַנצען אָבצושטעלען דיזע בעוועגונג, וועלכע וואָר־צעלט אין די קלאַסען־אינטערעסען פון די פאָלקס־מאַסען.

דער אַנטיסעמיטיזם האָט געצוואונגען די אידען אין מערב־איירָאָפּא זיך צו פאַרטראַכטען. די אידישע געזעלשאַפט, פון וועל־כער אַ גרויסער טייל האָט פריהער זיך געלאָזט פאַרפיהרען פון דער אַסימילאַציע, הויבט אָן פאַרשטעהן ווי נויטיג עס איז פאַר איהר זיך צו האַלטען צוזאַמען כדי צו בעשיצען איהרע נאַציאָנאַלע אינטערעסען געגען די פיינד.

§65. די אידען אין רוסלאַנד אין דער צווייטער העלפט פון 19טען יאָהרהונדערט. ווען אַלכסנדר דער 2טער איז ארויף אויפ׳ן טראָהן (1855) האָט זיך פאַר די אידען אין רוסלאַנד אָנגע־הויבען אַ ליכטיגע צייט פון האָפנונגען און ערוואַרטונגען. דיזער הערשער, וועלכער האָט בעפרייט די פויערים פון קנעכטשאַפט און האָט געשטרעבט איינצופיהרען רעפאָרמען אין אַלע צווייגען פון דער מלוכה, האָט אויך אַביסעל גרינגער געמאַכט די לאַגע פון די אידען. די רעגירונג האָט ניט אונטערנומען צו ענדערען די גאַנצע לאַגע פון גרונד אָן, אָבער זי האָט געפונען פאַר נויטיג ביסלעכוויז אָבצושאַפען די שווערערע בעגרענצונגען, וועלכע זיינען איינגעפיהרט געוואָרען אין דער פריהעריגער ממשלה. מען האָט אָבגעשאַפט די סיסטעמע פון די קאַנטאָניסטען (1856). אידישע סוחרים פון ער־שטער גילדיע, מענשען מיט אַ העכערער בילדונג און בעלי־מלאכות איז נעגעבען געוואָרען דאָס רעכט צו וואוינען איבעראַל אין רוס־לאַנד (1859—65). מען האָט ערמוטיגט די אַלגעמיינע בילדונג פאַר אידען; אָבער צו ספּעציעל אידישער עלעמענטאַרער בילדונג האָט מען געשענקט ווייניג אויפמערקזאַמקייט. אין יאָהר 1873 זיינען פערמאַכט געוואָרען ביידע ראַבינער־שוהלען און אַלע „קאַ־זיאָנע״ (רעגיערונגס) אידישע שולען, וואָס זיינען געגרינדעט גע־וואָרען פון אוּוואַראָוו׳ן. זייער פּלאַץ האָבען פערנומען לעהרער־אינסטיטוטען און אָנפאַנגס־שולען פון אַ נייעם מוסטער; נאָך די

לעצטע זיינען געעפענט געוואָרען בלויז אין איניגע שטעדט פון תחום. די אַלטע ערציהונג פון חדר און ישיבה האָט נאָך אַלץ גע־הערשט צווישען פאָלק, ווערענד אין א סך קרייזען האָט זיך פער־שטארקט די שטרעבונג פון דער יוגענד צו די אַלגעמיינע רוסישע שולען. דער שארפער איבערגאַנג פון חדר צו דער גימנאזיע און פון דער ישיבה צום אוניווערזיטעט איז געוואָרען א געוואוינליכע ערשיינונג. עס האָט זיך פערשטארקט דער קאַמפף צווישען די „פאָטערס" און די „קינדער", ד. ה. צווישען אַלטען און יונגען דור. דער ערשטער האָט זיך אינגאנצען אָבגעצאמט פון דער רוסישער סביבה און דער אַנדערער האָט געשטרעבט זיך צוזאַמענצוגיסען מיט איהר. אַזוי ווי זייערע ברידער אין מערב־איירָאָפּא האָבען א סך געבילדעטע רוסישע אידען זיך אַסימילירט מיט דער ארוי־מיגער בעפעלקערונג און האָבען זיך אָבגעזאָגט פון די אינטערעסען פון זייער פאָלק.

צווישען אָט די צוויי שיכטען—די פרומע מאסע פון איין זייט און דער אָבגעריסענער טייל פון דער אַנדערער זייט—זיינען גע־שטאַנען אמת אויפגעקלערטע מענשען, וועלכע האָבען געהאַלטען פאַר זייער חוב צו ארבייטען פאַר דער דערהויבונג פון דער גע־זעל־שאפטליכער און גייסטיגער מדרגה פון אידישען פאָלק. די דאָזיגע ארבייט האָבען ערפילט די משכלים, וועלכע האָבען אויפגעלעבט די העברעאישע ליטעראַטור. אברהם מאפו, פון קאָוונאָ (געשט. 1866) האָט איבעררא‏שט דעם עולם מיט זיינע היסטאָרישע ראָמאַנען פון דער ביבלישער עפּאָכע („אַהבת ציון" און „אשמת שמרון"), און פון דעם דעמאָלטיגען רוסיש־אידישען לעבען („עיט צבוע") גע־שריבען אין דער גלענצענדער שפּראַך פון די נביאים. דער פּאָעט יהודה ליב גאָרדאָן (געשט. 1893) האָט מיט זיינע שירים געבראַכט די העברעאישע פּאָעזיע צו פאָלקאָמענהייט. אין ליעדער און פּראָזא האָט גאָרדאָן שטארק קריטיקירט די רבנים און די צדיקים. פּרץ סמאָלענסקין (געשט. אין 1885), וועלכער האָט ארויסגעגעבען אין וויען דעם זשורנאַל „השחר" פאַר די רוסישע אידען, האָט אין זיינע ראָמאַנען און מאמרים געקעמפפט פאַר אידישער בילדונג און נאציאָנאַלען גייסט. דער „המגיד", „המליץ" און „הכרמל" האָבען געלעגט דעם אָנפאַנג פון דער העברעאישער פרעסע (1855—60).

—אין אָנהויב פון די 60־ער יאָהרען איז אויפגעקומען א אידישע ליטעראַטור אין רוסיש. די צייטשריפטען („ראזסוויעט", „סיאָן" און „דיען" אין אָדעס, דער נייער „ראזסוויעט", „וואָסחאָד" און אנדערע אין פּעטערבורג) האָבען זיך געשטעלט פאר זייער אויפ־גאבע צו קעמפּפען פאר דער בירגערליכער בעפרייאונג פון די אידען. אָסיפ ראבינאָוויטש, לעוואנדא און באָגראָוו האָבען געשילדערט אין זייערע ערצעהלונגען אין רוסיש דאָס אידישע לעבען, מיט זיינע ליכטיגע און דונקעלע זייטען. דערזעלבער ראבינאָוויטש און דער פריהצייטיג פערשטאָרבענער פּובליציסט אָרשאנסקי האָבען היים פערטיידיגט אין זייערע ארטיקלען דעם געדאנק פון אידישער גלייכ־בערעכטיגונג אין רוסלאנד און האָבען אָבגעשלאָגען די פאלשע בע־שולדיגונגען געגען זיי. עס האָט זיך געדוכט אז די זאך, פאר וועלכער עס האָבען געקעמפּפט דיזע אלע פאָרשטעהער פון יודענטום, איז נאָהנט פון פארווירקליכונג. נאָר די טרויעריגע געשעהענישען, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין דערזעלבער צייט ווען דער אנטי־סעמיטיזם איז געבאָרען געוואָרען אין מערב־אייראָפּא, האָבען בע־וויזען אז די דאָזיגע ערווארטונגען זיינען געוועזען פריהצייטיג.

אין יאָהר 1881 און 1882 זיינען אין א סך שטעדט פון זיד־רוסלאנד פאָרגעקומען פּאָגראָמען פון די קריסטען אויף די אידען. די פּאָגראָמען זיינען בעשטאנען אין חרוב מאכען אידישע הייזער, רויבען אידישען אייגענטום און הרג'ענען מענשען. בעזונדערס שרעקליך זיינען געוועזען די פּאָגראָמען אין יענע געגענדען וואו אין דעם 18טען יאָהרהונדערט האָבען געבושעוועט די היידאמאַקעס (יעליסאוועטגראד, קיעוו, באלטא און אנדערע געגענדען פון דער אמאָליגער אוקריינא). א דאנק די מיטעל פון דער רעגירונג זיינען די פּאָגראָמען ארום מיטען פון 1882 איינגעשטילט געוואָרען, וועלכע האָבען זיך שפּעטער פון צייט צו צייט ווידערהאָלט אין פערשיידענע ערטער פון דעם אידישען תחום. נאָר פון יענער צייט אָן איז די רעכטליכע לאגע פון די רוסישע אידען שטארק פארשלי־מערט געוואָרען. אין דער צייט פון אלכסנדר דעם 3טען (1881—94) איז ארויסגעגעבען געוואָרען א גזרה צו פארוועהרען אידען זיך צו בעזעצען אויף דאָס ניי אין דערפער („צייטווייליגע געזעצען", 3טען מאי, 1882), צו דערלאָזען אידישע קינדער אין גימנאזיעס און

אוניווערזיטעטען אין א העכסט בעשרענקטער צאָל (1887), ארויס־צושיקען די אידישע בעלי־מלאכות און קליינע סוחרים פון מאָסקווא (1891), ניט ערלויבען אידען געוועהלט צו ווערען אין שטאָדט־ראטען (1892) א. א. וו. די פארערגערטע עקאָנאָמישע לאגע פון די אידען האָט ארויסגערופען צווישען זיי א שטארקע עמיגראציע פון רוסלאנד. דער גרעסטער טייל פון די עמיגראנטען איז געגאנגען קיין אמעריקא, און דער קלענערער טייל קיין פאלעסטינא. אין צפון־אמעריקא האָבען איינגעוואנדערט אין די לעצטע צוויי צעהנדליג יאָהר פון 19טען יאָהרהונדערט ארום א מיליאָן אידען, וועלכע האָבען זיך בעזעצט אין די פעראייניגטע שטאטען און קענעדע. אין זיד־אמעריקא זיינען געגרינדעט געוואָרען אידישע פארם־קאלאָניעס אין ארגענטינא, וועלכע זיינען געשטיצט געוואָרען פון דעם בעוואוסטען מיליאָנער און פילאנטראָפּ באראָן הירש. אין פאלעסטינא האָבען זיך געגרינדעט אידישע ערד־ארבייטער־קאָלאָניעס אין יהודה און גליל, א דאנק די גרויסע נדבות פון דעם פאריזער באראָן עדמונד ראָטשילד און די שטיצע פון דער „פאלעסטינא געזעלשאפט” אין אָדעס.

אין פארבינדונג מיט די געשעהענישען פון די לעצטע עטליכע צעהנדליג יאָהר האָט אויפגעלעבט דאָס נאציאָנאלע געפיהל צווישען די רוסישע אידען. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט קודם־כל אין דעם, וואָס א בעדייטענדער טייל פון דער נייער אידישער אינטעליגענץ האָט פארוואָרפען די שעדליכע אידעע פון אסימילאציאָן און האָט זיך דערנעהנטערט צו איהר פאָלק. א סך האָבען אפילו אָנגעהויבען גלויבען אין דער מעגליכקייט אויפצובויען לאנגזאם א אידישען שטאאט אין פאלעסטינא. די דאָזיגע אידעע האָבען אין די 80־ער יאָהרען געפּרעדיגט די פארטיי „חובבי ציון”, און אין די 90־ער יאָהרען האָט דער געדאנק אָנגענומען א מעהר בעשטימטע פאָרמע, אין רוסלאנד און אין מערב־אייראָפּא, אונטער'ן נאָמען „ציוניזם”. פון 1897 יאָהר אָן האַלט אָב די צאָלרייכע פארטיי פון די ציוניסטען, דער פיהרער פון וועלכער איז געוואָרען דר. טהעאָדאָר הערצל פון וויען (געשט. 1904), פעריאָדישע קאָנגרעסען אין באזעל און אנדערע שטעדט. די פארטיי שטרעבט, מיט דער הילף פון איהר „קאָלאָניאל־ באנק” און „נאציאָנאל־פאָנד” צו ענטוויקלען ערד־

ארבייט און האנדעל אין פאלעסטינא, צו פערשטארקען די אידישע איינוואנדערונג אין דעם לאנד, און ענדליך, צו בעשאפען דאָרט א גרויסען צענטער פון יורענטום אויף די יסודות פון א ברייטער זעלבסטפערוואלטונג.

# אינדעקס.


א

אבן־גבירול, שלמה, 36—38.
אבן־חיוג, יהודה, 32.
אבן־עזרא, אברהם, 45—47.
אבן־עזרא, משה, 38—39.
אבן־שפרוט, ר׳ חסדאי, 29—32.
אברבנאל, דון יצחק, 152—153.
אוניטאריער, 189.
אוקריינא, 190.
אָטאָ דער גרויסער, 23.
אידישער פּאַבסט, זעה אנאקליטוס.
איזאבעל, 114—121.
איטאליען, 11—13; 103—106; 152—162; 230; 237.
אייבענשיץ, ר׳ יוחנן, 178—179.
אייזענמענגער, 175.
אייכעל, 210.
אינאָקענטי, 3טער, פּאַבסט, 75.
אינקוויזיציע, 77; 114—119.
אלביגענזער, 76.
אלחריזי, ר׳ יהודה, 47.
אליאַנס איזראעליט אוניווערסעל 236.
ר׳ אליהו פון ווילנא,
זעה ווילנער גאון.
אלכסנדר, 1טער, 231—232.
אלכסנדר, 2טער, 240—241.
אלכסנדר, 3טער, 242.
אלפסי, רבנו יצחק, 39—40.
אל־ראי, דוד, 49—50.
אנאקליטוס, 12.
אנוסים, 111—119,
אַנטיסעמיטיזם, 238.
אַסימילאַציע, 238.
אַסקארעלי, דבורה, 160.
אסתר׳קע, 128—129.
אפריקא, 10, 16.
אקאָסטא, אוריאל, 163—164.
אראַבער, 10, 17, 28—51,
זעה אויך שפּאַניען.
אראַגאָניען, 29.
אר״י, 141—143.
אָרשאנסקי, 242.
אשכנזים, 136, 137.

ב

באגדאד, 18.
באָגראָוו, 242.
בולאָן, 25.
בולגאריען, 237.
בחיי רבנו, 39.
ביאור, זעה מענדעלסאָן.
ביזאנטיען, 11, 13—15, 135.
ביסמארק, 239.
ביקאָנספיעלד, 237.
בירב ר׳ יעקב, 140.
בלוט־בלבול, זעה עלילת־דם.
בנימין פון טודעלאַ, 47—48.
בן־ישראל, מנשה, 167—170.
בעלי־התוספות, 73.
בעל־שם, 198.
בעל־שם טוב, 217—220.
בער, רבי, 220.
בערדיטשעווער ר׳ לוי־יצחק, 221.
בערנע, 228.

ג

גאנז, דוד, 177.
גאָנטא, 213—214.
גאַרדאָן, יהודה ליב, 241.
גהעטאָ, 96.
גוטענבערג, 135.
גזרות ת״ח ות״ט, זעה חמעלניצקי
גזרת הרועים, זעה פּאַסטוכער־צוג.

גייגער, אברהם, 229.
גינזבורג, מרדכי אהרן, 234.
גירוש מאָסקווא, 243.
געלע לאַטע, 77—78.
גראַנאַדאַ, 17, 33—36.
גריכענלאַנד, 15.
גרעגאָר, פּאַבסט, 11.
גרעץ, 237.
גרשם רבנו, 24.

ד

דאָמיניקאַנער, 77.
דאָנין, ניקאָליי, 79.
דונש בן־לברט, 32.
דייטשלאַנד, 18, 23—24 ; 69—70 ; 73 ; 95—103 ; 170—179 ; 227—230 ; 234—236.
דעל מעדיגאָ, יוסף, 159—160.
דע־מאָדענו, יהודה, 159.
דענמאַרק, 237.
דרומאָן, 239.
דרייפוס, 239—240.

ה

האָלאַנד, 162—167.
האַלפּערין, ר׳ יחיאל, 198.
האַנאָווער, נתן, 196.
הומאַניסטען, 170.
היידאַמאַקען, 212—214.
„הייליגע אַליאַנץ", 227.
היינע, 228.
הירש, באַראָן, 243.
הירש, ר׳ שמעון רפאל, 230.
הלוי, ר׳ יהודה, 40—45, 46.
העלער, ר׳ יום־טוב ליפּמאַן, 176—177.
הערצל, 243.
הרב מלאַדי, זעה שניאורסאָן, ר׳ זלמן.
השכלה, 209, 223, 227.

ו

ווידאַס, אליהו, 141.
וויטאַל, ר׳ חיים, 143—144.
ווייזעל, נפתלי הערץ, 210—212.
ווילנער גאון, 221.
וועסטגאָטען, 15, 16, 17.
וועראָנאַ, הלל, 106.
ועד ארבע ארצות, 183—184.

ז

זהר, זעה קבלה.
זשעלעזניאַק, 213—214.

ח

חב״ד׳ער חסידים, 223.
חברת כל ישראל חברים, 236.
חובבי ציון, 243.
חובות הלבבות, זעה ר׳ בחיי.
חכמת ישראל, 237.
חמעלניצקי, באָגדאַן, 191—194
בן־חנוך, משה, 31—32.
חסידיזם, 217.

ט

טאָלעדאָ, 17.
טאָרקוועמאַדאַ, 116—121.
טולטשין, 192—193.
טולטשינער, ר׳ ברוך, 221.
טיראַדאָ, יעקב, 162.
טערקיי, 137—152.
„טשערטאַ", זעה תחום.

י

יאָזעפאָוויטש, מיכל, 180.
יאָסט, מ., 229.
יהודה חסיד, 74—75.
יוסף נשיא, דון, 138—139.
יעבץ, זעה עמדען.
יעקאַטערינאַ, 1טע, 215—216.
יעקאַטערינאַ, 2טע, 216.
יעזואיטען, 181—182.
יעקב צבי, 151—152.

כ

כאזארען, זעה כוזרים.
כהן, רבי יעקב, 220.
כהן, נחמיה, 149.
כוזרים, 24—26 ; 30—31.

ל

לאוואטער, 206.
לאנדוי, ר' יחזקאל, 211.
לואי, 16טער, 226.
לוטהער, 135, 170—172.
לוצאטו, משה חיים 160—162.
לוצאטו, שמואל דוד, 230.
ליזענסקער, רבי אלימלך, 221.
ליטא, 125—132, 170, 179—203.
לעבענסאָן, אברהם בער, 234.
לעבענסאָן, מיכל, 234.
לעוואנדא, 242.
לעווינזאָן, יצחק בער, 233—234
לעסינג, 204.

מ

מאָנטעפיאָר, משה, 237.
מאפו, אברהם, 241.
מהר"ם, 187.
מהרש"א, 187.
מולכו, שלמה, 153—154.
מונק, 230.
מורען, זעה אַראַבער.
מיטעלאלטער, 9—10.
מיימון, שלמה, 223—224.
מענדעלסאָן, משה, 204—209.
משכילים, 211.
מתנגדים, 222.

נ

נאפּאָלעאָן, 1טער, 226.
ניקאָליי, 1טער, 233.
נעמיראָוו, 191—192.
סאלאָניקי, 15.
סאלוואראָר, 230.
סולאם, שרה, 160.
סמאָלענסקין, פּרץ, 241.
סנהדרין (פאריז) 226.
סערביען, 237.
ספרדים, 135, 137.

ע

עלילת־דם, 67—68.
עמאנציפאציע (אידישע), 226.
עמדען, ר' יעקב, 178—179.
ענגלאנד, 90—92, 168—170.
עסטרייך, 173—175, 230, 236
ערטער, יצחק, 231.

פּ

פּאָגראָמען, 242.
פּאוועל, 1טער, 232.
פּאָלאַק, ר' יעקב, 176.
פּאלעסטינא, 139—152.
פּאסטוכער־צוג, 93—94.
פּאָרטוגאל, 122—124.
פּאריז, 10 ; 68—69.
פּוילען, 27—28 ; 125—132 ; 179—203 ; 212—215.
פּעטער דער גרויסער, 215.
פּערל, יוסף, 231.
פּפעפערקאָרן, 171.
פּראג, 176.
פּראָטעסטאנטען, 170.
פּרייסען, 175, 227.
פּריסקוס, 20—21.

פ

פוטראַדאָ, אברהם, 226.
פעאָדאליזם, 12, 22—23.
פעטמילך, 173.
פערדינאנד, 114—121.
פראנצויזישע רעוואָלוציאָן, 225.
פראנק, יעקב, 199—203.
פראנקיסטען, זעה יעקב פראַנק.
פראנקרייך, 18—23; 66—69; 73—74; 76—80; 92—95;

225—227; 230; 236—237.
פרידלענדער, 210.

צ

צונץ, לעאָפּאָלד, 229.
ציוניזם, 243.

ק

קאַזאַקען, 190.
קאָלומבוס, 135.
קאָנטאָניסטען, 232—233.
קאָנסטאַנטינאָפּאָל, 15; 135; 137—138.
קאַסטיליען, 129
קאַראַימען, 216.
קאָרדאָווא, 17, 18, 28—30.
קאָרדאָווערא, משה, 141.
קארו, ר' יוסף, זעה שלחן ערוך.
קאַרל דער גרויסער, 12, 22.
קבלה, 87—90; 141—144; זעה אויך חסידיזם.
קהילה, האָלאַנד, 163; פּוילען, 181.
קהל, 182—183; 197.
קראָכמאַל, נחמן, 230.
קראָמוועל, 168.
קרייצצוגען, 58—66.
קריסטיאַני, פּוילוס, 80.
קרעמיע, 236.
קרקש, ר' חסדאי, 11.

ר

ראב"ד, 47—48.
ראַבינאָוויטש, אָסיפּ, 242.
ראובני, דוד, 153—154.
ראָטשילד, 243.
ראַפּאָפּאָרט, שלמה יהודה, 230.
רא"ש, 85—86.
רד"ק, 74.
רוים, 9, 11, 12, 156; גהעטאָ, 156—159.
רומעניען, 237.
רוסלאַנד, 26—27; 132—134; 194—195; 215—216; 231—234; 240—243.
רייכלין, יאָהאַן, 170—171.
ריסער, גבריאל, 225—229; 234.
רלב"ג, 87.
רמ"א, 186.
רמב"ם, 51—58; 84.
רמב"ן, 81—82; 88.
רענעסאַנס, 103.
רעפאָרמאַציע, 135, 170.
רעפאָרמער, 229—230.
רשב"א, 85—86.
רש"י, 70—73.
רש"ל, 187.

ש

שבתי צבי, 144—152.
שבתי צבי'ניקעס, 151, 199—203. זעה אויך פראַנקיסטען.
שווייץ, 237.
שטעקער, 239.
של"ה, 177—178.
שלחן־ערוך, 140—141, 186.
שמואל הנגיד, 33—35; 36—37.
שניאורסאָן, ר' זלמן, 221—223.
שפּאַניען, 10, 15; 17—18; 28—51; 80—87; 106—124.
שפּינאָזא, ברוך, 164—167.
שפּירא, נתן, 187.

ת

תוספות, זעה בעלי־ התוספות;
„תוספות יום־טוב", זעה העלער. יום־טוב ליפּמאַן.
תחום, 233.
תלמוד, פאַרברענונג פון, 154—155.
תם, רבנו יעקב, 64, 73.